STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07405

# DI IDISHE YUNYONS IN AMERIKE

Bernard Weinstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. ווייַנשטיין

# די אידישע יוניאָנס אין אמעריקא

בלעטער געשיכטע און ערינערונגען.

פרייז $2.50

אַרויסגעגעבען פון די
פאראייניגטע אידישע
געווערקשאַפטען
ניו יאָרק, 1929

Copyright by
Bernard Weinstein
1929

אפ־טו־דייט פרינטינג קא., 476 בראדוויי, נ. י.



ב. ווײַנשטײַן

# אינהאַלטס־פאַרצייכניס


פון די אַרויסגעבער — — — — — — — — — — — — — — 15
פאָרוואָרט פון פאַרפאַסער — — — — — — — — — — — — — 17
ב. ווײַנשטיין — אַ פּאָר כאַראַקטער־שטריכען — פון ה. לאַנג — 19

## די ערשטע אידישע אימיגראַציע אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

די ערשטע זיבען־און־צוואַנציג אידען, וואָס זיינען געקומען אין ניו יאָרק אין דעם 17־טען יאָהרהונדערט. — ווען ניו יאָרק איז נאָך געווען ניו־אַמסטערדאַם. — די אידישע אימיגראַציע פון דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן און פּוילען. — דער אָנפאַנג פון דער אידישער מאַסען־אימיגראַציע פון רוסלאַנד און ליטע אין די 80־ער יאָהרען פון 19־טען יאָהרהונדערט. די ערשטע אידישע פעדלער און די ערשטע אידישע באַלמעלאָכעס און פאַבריקאַנטען אין אַמעריקא. — וואָס די ערשטע אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד האָבען איבערגעלעבט די ערשטע צייט אין אַמעריקא. — ווי אַזוי אידען זיינען אַריין אין די נאָדעל־אינדוסטריען. 37

## ווי אַזוי די אידישע אימיגראַנטען פון די אַכציגער יאָהרען האָבען געמאַכט אַ לעבען אין אַמעריקא.

די שעפּער, די וואוינונגען, די הייזער און די גאַסען אויף דער אַמאָליגער איסט־סאַיד.—בילדער און סצענעס פון דעם לעבען פון די ערשטע אידישע אימיגראַנטען־אַרבייטער אין די 80־ער יאָרען פון פאָריגען יאָרהונדערט. 49

## די ערשטע אידישע אַרבייטער אין די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָנס.

די ערשטע סטרייקס און די ערשטע יוניאָנס אין אַמעריקא מיט איבער הונדערט יאָהר צוריק. — די „נייטס אָוו לייבאָר" און די גרינדונג פון דער „אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר". — די באַוועגונג פאַר'ן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג. — די סיגאַרען־מאַכער יוניאָן. — אידען אין דער סיגאַרען־מאַכער יוניאָן. — די ערשטע אידען אין די ניו יאָרקער יוניאָנס. — די ערשטע סטרייקס פון די אידישע אַרבייטער. — די סיגאַרעטען־מאַכער יוניאָן — די ערשטע אידישע יוניאָן אין אַמעריקא. — 68

## די ערשטע „ראַדיקאַלען“ צווישען די אידישע אימיגראַנטען פון די אכציגער יאָהרען און דער אָנפאנג פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג אין אמעריקא.

סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען. — די ערשטע פאַרזאַמלונג פון אידישע סאָציאַליסטען אין ניו יאָרק.— סערגעי שעוויטש און אַלעקסאַנדער יאָנאַס. — דער „פּראָפּאַגאַנדא־פאַראיין“ און די ערשטע סאָציאַליסטישע לעקציעס אויף אידיש. — די ערשטע פאַראיינען פון רוסישע, אונגאַרישע און גאַליציאַנער אידישע סאָציאַליסטען. — דער „אידישער אַרבייטער פאַר־איין“, וואָס האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. — די פּיאָנערען פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג.— די ערשטע אידישע ראַדיקאַלע צייטונגען.— בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט. 92

## די אידישע טעאַטער־כאָריסטען יוניאָן.

דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער אין אַמעריקא. — דער „טעאַטער“ פון דילעטאַנטען. — דער „אַקטיאָר און דראַמאַטורג“ ישראל באַרסקי, וואָס איז שפּעטער געוואָרען אַן אָרגאַניזער פון דער שניידער־יוניאָן. — משה זילבערמאַנ׳ס טעאַטער־קאָמפּאַני. — די אַמאָליגע כאָריסטען. וואָס פלעגען בייטאָג אַרבייטען ביי סיגאַרען און אין אָווענט זינגען אין אידישען טעאַטער. — ווי אַזוי עס איז דורך אַ צופאַל געגרינדעט געוואָרען די כאָריסטען יוניאָן. — — — — — — — — — — — — — — — — 125

## די אידישע שוישפּילער יוניאָן.

דער אָנקומען אין אַמעריקא פון זיגמונד מאָגולעסקאָ און זיין טעאַטער־קאָמפּאַני. פון לויטער „שטערען“. — זילבערמאַנ׳ס „אָריענטאַל טעאַטער“ און מאָגולעסקאָ׳ס „רומעניען אָפּערא־הויז“.—די סיסטעם פון „מאַרקען“. — דער ערשטער גרויסער סטרייק אין אידישען טעאַטער. — די גרינדונג פון דער אַקטיאָרען־יוניאָן.— היציגע דעבאַטען אין אַלע אידישע יוניאָנס וועגען דעם, צי די אַקטיאָרען זיינען אַרבייטער אָדער ניט. — די גרינדונג פון דעם טעאַטער־קאונסיל. — די מענעדזשערס פון דער אידישער אַקטיאָרען־יוניאָן. — — — — — — — — — — — — — — — — — 128

## די אידישע שריפטזעצער יוניאן.

ווי אַזוי די אידישע שריפטזעצער האָבען אַמאָל געשקלאַפט אין אַמעריקא. — די ערשטע פאַרזוכען פון איניגע שריפטזעצער אין אָנפאַנג פון די 80־ער יאָהרען צו אָרגאַניזירען זיך אין אַ יוניאָן. — די פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד און זייער ווירקונג אויפ׳ן אידישען שריפטזעצער פאַך אין אַמעריקא.— די ערשטע גרינדער פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן. — די אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן אין שריפטזעצער פאַך. — די פאַר־איניגונג פון ביידע יוניאָנס. — דער באַריהמטער סטרייק פאַר׳ן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג. — וואָס די שריפטזעצער יוניאָן האָט אויס־געקעמפט פאַר איהרע מיטגלידער. — — — — — — — — — — — — 137

## די גרינדונג פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פון ניו יארק.

דער טרויעריגער צושטאנד פון די אידישע יוניאנס ביז'ן יאהר 1888. — די היסטארישע קאנפערענץ אויפ'ן „בוידים” פון דויטשען ליבאר ליסעאום, וואו עס איז געגרינדעט געווארען די „פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען”. — די אנטיילנעמער פון יענעם קאנפערענץ און די ערשטע צוויי סעקרעטארען פון די געווערקשאפטען. — די וואונדערבארע ארבייט פון די געווערקשאפטען אין די ערשטע צוויי יאהר פון איהר עקזיסטענץ. — די ארגאניזירונג פון פילע נייע יוניאנס. — די געווערקשאפטען אויף די קאנגרעסען פון סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל. — דער אנפאנג פון א נייעם קאפיטעל געשיכטע פון אידישען פאלק. — — — — — — — 143

## ווי אזוי מיר האבען ארגאניזירט יוניאנס.

די „מאסענפארזאמלונגען” און די יוניאן־רעדעס, וואס מען פלעגט אמאליגע יאהרען האלטען פאר די ארבייטער. — ווי אזוי מען פלעגט דורך וואלונטירען צוזאמענרופען די ארבייטער אויף א פארזאמלונג. — די גאסען, וואו די אידישע ארבייטער פון יעדען פאך פלעגען זיך פארזאמלען. — דער „חזיר־מארק” און די דענסינג־סקולס. — דער כאראקטער פון די אמאליגע סטרייקס. — ווי אזוי די באלעבאטים, די פאליציי און די ריכטער פלעגען זיך באציהען צו די אידישע סטרייקער. — דער קאמף אין די אידישע יוניאנס צווישען די אנארכיסטען און סאציאליסטען. — די גרינדונג פון דער „ארבייטער צייטונג” און די ראלע, וואס זי האט געשפילט אין דער געשיכטע פון די אידישע יוניאנס. — די הויפט־מיטארבייטער פון דער „ארבייטער צייטונג”. — די איינדרוקספולע ערשטע מאי דעמאנסטראציע פון די אידישע ארבייטער אין יאהר 1890. — — — 150

## דער קריזיס פון יאהר 1893 און די ערשטע שפאלטונג אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

די דריי קריטישסטע יאהרען אין דער אידישער טרייד־יוניאן באוועגונג. — דער עקאנאמישער קריזיס, וואס האט חרוב געמאכט די מעהרסטע אידישע יוניאנס. — דעניעל דעליאן און די גרינדונג פון דער „סאשעליסט טרייד ענד ליבאר אליוענס”. — די אפאזיציאנס־יוניאנס, וואס די פיהרער פון „אליוענס” האבען געגרינדעט. — די שפאלטונג אין דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי און אין די געווערקשאפטען צוליב די אפאזיציאנס־יוניאנס. — דער גרעסטער טייל אידישע סאציאליסטען פארלאזען דעליאנ'ען. — — — — — — — — — — — — — — — 165

## די שפּאַלטונג אין דער ס. ל. פּ. און די גרינדונג פון „פּאָרווערטס“.

דער גרויסער קאַמף אין דער ס. ל. פּ. צוליב די אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס. — דער „אבענד בלאַט“ און דער באָסטאָנער „אמת“. — ווי אַזוי דער „פּאָר־ווערטס“ איז געגרינדעט געוואָרען. — די צווייטע שפּאַלטונג אין דער ס. ל. פּ. — יודזשין וו. דעבס און די גרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.— די ווידער־פּאַראייניגונג פון די געווערקשאַפטען.— פון 1899 ביז 1909. — די נייע עפּאָכע אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. — די היסטאָרישע גענעראַל סטרייקס און די גרינדונג פון די גרויסע אידישע יוניאָנס. — — — — — — — — — — — — — — — — — — 176

## די ערשטע יאָהרען פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג אין פילאדעלפיא.

ווי אַזוי מיר האָבען אין יאָהר 1890 געגירנדעט אין פילאַדעלפיא אַ פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. — דער אַרעסט פון יב. קאַהאַן, זאַמעטקין און גילים, וועלכער איז פאַרשיקט געוואָרען אויף אַ יאָהר אין מיאמענסינג פריזאָן פאַר סאָציאַליסטישע טעטיגקייט. — „פייערדיגע“ מיטינגען, וועלכע זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען. — די ערשטע סטרייקס און די ערשטע יוניאָנס פון אידישע אַרבייטער אין פילאַדעלפיא. — — 193

## דער אָנפאנג פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג אין שי־קאַגאָ — — — — — — — — — — — — — — — — 200

## די יוניאָנס אין דעם קעפּ און מילינערי טרייד.

דער ערשטער גענעראַל־סטרייק און די ערשטע יוניאָן פון קאַפּענמאַכער אין יאָהר 1874, וואָס איז געפיהרט געוואָרען פון דייטשע „יאַהודים“.— די אַנטשטעהונג פון דער שוויץ־סיסטעם און די רעוואָלוציע, וואָס די נייע מאַשין האָט געבראַכט מיט זיך אין קאַפּען־טרייד. — די גרינדונג פון דער ערשטער יוניאָן פון קאַפּען־אָפּערייטאָרס אין יאָהר 1887. — דער היסטאָרישער „נעלי־בליי“ גענעראַל־סטרייק און דער אונטערגאַנג פון דער יוניאָן. — דער „שוואַרצער זאַק“. — אַ „פּאַריזער קאָמונאַר“ צווישען די ערשטע גרינדער פון דער איצטיגער קאַפּענמאַכער יוניאָן. — דער סטרייק־לאקאַוט אין יאָהר 1895. — די גרינדונגס־קאָנווענשאָן פון דעם קעפּמאַכער אינטערנעשאָנאַל פאַרבאַנד. — דער גענעראַל־סטרייק געגען „אָפּען שאָפּ“. — דער קאַמף מיט דער „אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָרלד“. — די געשיכטע פון דעם מילינערי טרייד און פון דער מילי־נערי יוניאָן. — דער סכסוך מיט דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. — די אויפטואונגען פון די קאַפּענמאַכער און מילינערי יוניאָנס. — — 203

## די געשיכטע פון די שניידער־יוניאָנס אין דער מענער־קליידער אינדוסטריע.

די ערשטע שניידער יוניאָנס און דער ערשטער גענעראַל־סטרייק פון די ניו יאָרקער שניידער אין יאָהר 1850. — די „זיהן פון אָדם הראשון“.— די ערשטע אידישע אימיגראַנטען אין דער שניידער־אינדוסטריע. — די ערשטע יוניאָנס פון אידישע שניידער אין אָנפאַנג פון די 80־ער יאָהרען. — דער ערשטער גענעראַל־סטרייק פון אידישע שניידער אין יאָהר 1884. — די „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס“ און די גרינדונג פון דער „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אָוו אַמעריקא“. — די סטרייקס פון 1896 און פון 1901. — דער קאַמף געגען דער שוויץ־סיסטעם. — די געשיכטע פון די פאַרשידענע יוניאָנס אין דעם שניידער־פאַך. — דער „סטרייק הגדול“ פון יאָהר 1913. — די געשיכטע פון דער „אַמאַלגאַמייטעד“ און איהרע אויפטואונגען. — — — — — — — — — — — — — — — 235

## די יוניאנס פון די פרויען־קליידער אַרבייטער אין אַמעריקא.

די ערשטע קלאָוקמאַכער יוניאָנס אין אַמעריקא. — די ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן פון די דייטשע „יאַהודים“. — דער גענעראַל־סטרייק אין יאָהר 1883. — דער קאַמף געגען דער שוויץ־סיסטעם. — די באַראָנדעס־עפּאָכע. — די „דזשאַמייקא־געשיכטע“ און די שפּאַלטונג אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. — די געשיכטע פון די קלאָוקמאַכער יוניאָנס אין די אַנדערע שטעדט. — די ערשטע אידישע יוניאָנס פון די ווייסט־מאַכער און פון די אַרבייטער פון אַנדערע פרויען־קליידער. — דער געבורט פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן. — דער באַנוויט סטרייק אין יאָהר 1905 און דער גענעראַל־סטרייק פון די ריפער־מאַכער אין יאָהר 1907. — דער קאַמף מיט די „אינדאָסטריאַל־ניקעס“. — דער היסטאָרישער סטרייק פון די ווייסט־מאַכער אין יאָהר 1909. — די קלאָוקמאַכער רעוואָלוציע אין יאָהר 1910. — די ערשטע יאָהרען אונטער'ן „פּראָטאָקאָל“. — דער גענעראַל־סטרייק אין קליוולאַנד אין יאָהר 1911. — די „הורוויטש־אַפער“ און דער ערשטער ברודער־קריג אין דער אינטערנעשאָנאַל. — די אָרגאַניזאַציע פון די ווהייט־גודס און ראַפּער און קימאָנאַ־אַרבייטער. — אין די מלחמה־יאָהרען. — די גענעראַל־סטרייקס אין די יאָהרען 1916, 1919 און 1921. — די לוידיס טיילאָרס יוניאָן. — די יוניאָן פון די רעגענמאַנטעל אַרבייטער. — דער קאַמף מיט די קאָמוניסטען. — דער גענעראַל־סטרייק פון די ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער אין יאָהר 1926 און דער סטרייק פון 1929. — — — — 310

## די אידישע בעקער־יוניאָנס.

די ערשטע אידישע בעקער יוניאָן אין אַמעריקא. — די שרעקליכע באַדינגונגען אונטער וועלכע די אידישע בעקער־אַרבייטער האָבען געאַרבייט

אין די 80־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. — די אַמאָליגע אידישע בעקער־יוניאָנס אין ניו יאָרק. — די אידישע בעקער יוניאָן פון די „אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד”. — דער היסטאָ־רישער סטרייק פון יאָהר 1909. — די געשיכטע פון דער יעצטיגער בעקער יוניאָן לאָקאַל 500. — די אידישע בעקער־יוניאָנס אין די אַנדערע שטעדט. — — — — — — — — — — — — — — — — 424

## די יוניאן פון די פאָריער־ארבייטער.

די ערשטע פאָריער־אַרבייטער אין ניו יאָרק און דער ערשטער פאָריער־סטרייק אין יאָהר 1892. — די פאַרשידענע יוניאָנס פון אידישע פאָריער־אַרבייטער, וואָס האָבען עקזיסטירט ביז׳ן יאָהר 1912. — דער גענעראַל־סטרייק פון 1912. — די איבערקעהרעניש אין דער פאָר־אינדוסטריע. — די גרינדונג פון דער „אינטערנעשאָנאַל פאָר־וואָירקערס יוניאָן”. — דער פאַרלאָרענער גענעראַל־סטרייק פון יאָהר 1920. — די ערשטע קאָמוניס־טישע הערשאַפט אין דער יוניאָן אין די יאָהרען 1921—1923. — דער נידערגאַנג פון דער יוניאָן און דער דורכפאַל פון די קאָמוניסטען. — די יוניאָן אין די יאָהרען 1924—1925. — די קאָמוניסטען ווידער אין מאַכט. — דער קאָמוניסטישער סטרייק און די רעאָרגאַניזאַציע פון דער יוניאָן. — — — — — — — — — — — — — — — — 441

## די יוניאָנס פון די אידישע פיינטער־אַרבייטער.

די אַמאָליגע יוניאָנס פון די דייטשע און אַירישע פיינטערס אין ניו יאָרק. — די ערשטע אידישע פיינטערס. — די „בראָדערהוד אָוו פיינ־טערס”. — די גרינדונג פון דער „אַלטעריישאָן פיינטערס יוניאָן” אין יאָהר 1910. — די „אינטערנעשאָנאַל פיינטערס און פייפער־הענגערס יוניאָן”. — די פאַראייניגונג פון דער „אינטערנעשאָנאַל” מיט דער „בראָדערהוד אָוו פיינטערס”. — — — — — — — — — — — — — 463

## די פאקעט־בוק מאכערס יוניאן.

די ערשטע יוניאָן פון בייטעל־מאַכער מיט 40 יאָהר צוריק. — די יוניאָן פון סקול־קינדער. — כמעט אַלע גענעראַל־סטרייקס, וואָס די אַרבייטער האָבען אַמאָל געפיהרט אין לויף פון 30 יאָהר, האָבען זיי פאַרלוירען. — די נייע יוניאָן. — — — — — — — — — — — — — — 468

## די יוניאן פון די סוט־קייס ארבייטער.

די ערשטע יוניאָן מיט 25 יאָהר צוריק — די אַמאָליגע סטרייקס. — דער גענעראַל־סטרייק פון 1920. — דער איצטיגער צושטאַנד פון דער יוניאָן. — — — — — — — — — — — — — — — 476

## די יוניאן פון די טראַנק מאַכער.

די לאַגע פון די אַרבייטער פאַר'ן יאָהר 1909. — דער גענעראַל־סטרייק פון 1910. — די ווירקונג פון דער מאָדע אויף דער לאַגע פון די טראַנק־מאַכער. — — — — — — — — — — — — — — — — — 480

## די יוניאַן פון די נעקווער מאַכער.

אַ יוניאַן פון 30 אַמעריקאַנער מיידלאַך מיט 40 יאָהר צוריק. — ווי אַזוי עס האָט זיך געגרינדעט די ערשטע אידישע יוניאַן פון נעקווער־מאַכער אין יאָהר 1900. — דער היסטאָרישער סטרייק פון די 900 יונגע אינגלאַך און מיידלאַך, וואָס האָבען געאַרבייט ביי נעקטייס, אין יאָהר 1906. — די גענעראַל־סטרייקס אין 1909 און אין 1911. — די אָפּ־שאַפונג פון דער קאָנטראַקטינג־סיסטעם אין יאָהר 1913. — פון 1918 ביז 1929. — דער צושטאַנד פון דער נעקווער־מאַכער יוניאַן אין ניו יאָרק און אין אַנדערע שטעדט. — — — — — — — — — — — 482

## די יוניאַן פון די קלינערס און פארבערס.

די ערשטע אידישע קלינערס און דייערס. — די אַמאָליגע „שמחת־תורה" יוניאַן. — די געשיכטע פון דער איצטיגער יוניאַן. — — — — — — 491

די יוניאַן פון מאַטראַצען און בעד ספרינג מאכער — — — — — — 496
די יוניאַן פון סעלצער־ארבייטער אין ניו יאָרק — — — — — — 498
די יוניאַן פון די קלוירקס פון ריטייל דרעס גודס געשעפטען — 500
די יוניאַן פון גראָסערי קלוירקס — — — — — — — — — — — 503
די יוניאַן פון די אידישע וועיטערס — — — — — — — — — 505
די יוניאן פון די פייפער־באקס מאכער — — — — — — — — 509
די יוניאַן פון די אידישע באַרבערס — — — — — — — — — 513
די יוניאָנס פון די אידישע שוסטער־ארבייטער — — — — — — 516
די יוניאָנס פון די אידישע בלעכער־ארבייטער — — — — — — 522
די יוניאן פון די דזשולערי־אַרבייטער — — — — — — — — 525
די יוניאַן פון די בוטשער־אַרבייטער — — — — — — — — — 527
די יוניאַן פון די אידישע צייטונגס־שרייבער אין ניו יאָרק — — 531
די יוניאַן פון די אידישע בוכבינדער — — — — — — — — — — 534
די יוניאָנס פון די אידישע לאונדרי אַרבייטער — — — — — — 537
די יוניאַן פון די אידישע אינסייד־אייזען אַרבייטער — — — — 542
די יוניאַן פון די אידישע דרייווערס — — — — — — — — — — 544

די יוניאָן פון די אַרבייטער ביי לעבעדיגע און כשר־געקוילעטע
עופות — — — — — — — — — — — — — — — — — — 547
קליינע יוניאָנס — — — — — — — — — — — — — — — 548
אונטערגעגאַנגענע יוניאָנס — — — — — — — — — — — — — 549

## דער נייער דור אידישע אַרבייטער אין אמעריקא.

די מערקווירדיגע ענדערונגען, וואָס זיינען זינט דער מלחמה פאָרגעקומען
אין דעם אַמעריקאַנער אידישען לעבען. — אידישע אַרבייטער האָבען
פאַרלאָזען זייערע אַלטע טריידס און זיינען אַריינגעקומען אין נייע. —
אידישע אַרבייטער אין ניט־אידישע טריידס. — — — — — — — — — — — 551

# פון די אַרויסגעבער

פופציג יאָהר לעבען און איבערלעבונגען פון די אידישע ארבייטער אין אמעריקא ענטפּלעקען זיך פאר דעם לעזער אין דיזען בוך. אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען פון אינטערעס אין דעם גייסטיגען, קולטורעלען און עקאָנאָמישען לעבען פון די גרויסע אידישע ארבייטער מאסען אין אמעריקא ווערט דאָ פארצייכענט.

עס איז ניט די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג, — עס איז אין א געוויסען זינען מעהר. עס ווערט דאָ אוועקגעשטעלט א האלבער יאָהרהונדערט קאָכעדיגער ארבייטער־לעבען, פארביגע בילדער פון דעם שטרעבען, אנגסט און קאמף פון די אידישע אימיגראנטען־ארבייטער.

ווי אזוי זיינען אונזערע יוניאָנס אָרגאניזירט געוואָרען, ווי אזוי זיי־נען סטרייקס געפיהרט געוואָרען, וואָס זיינען געווען די עקאָנאָמישע פאר־בעסערונגען, וואָס זיינען געווען די קולטורעלע און גייסטיגע דערגרייכונ־גען, — דער פּראָפעסער פון דעם בוך, ב. ווײנשטיין, ווייסט דאָס. ער איז געווען דער ערשטער סעקרעטאר פון די פאראייניגטע אידישע גע־ווערקשאפטען און האָט אָנגעהאלטען דעם דאָזיגען אמט פאר פילע יאָה־רען. ער שטעלט מיט זיך אַליין פאָר א שטיק געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג. ער איז צוזאמען מיט דער ארבייטער באוועגונג געוואקסען, האָט צוזאמען מיט די ארבייטער געהונגערט. יעדען קרעכץ, יעדען שמערץ, יעדען זיג פון דער ארבייטער באוועגונג האָט ער אַליין איבערגעלעבט און ער גיט עס דאָ איבער אין איינפאכע, ניט באפוצטע, קלאָהרע ווערטער.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האָט ניט די מעגליכקייט ארויסצוגעבען ביכער און שאפען אן אייגענעם ביכער־פארלאג. בלויז איין מאָל האָבען מיר געמאכט אן אויסנאהם און ארויסגעגעבען די „גע־שיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג", געשריבען פון הערץ בורגין, וועלכע איז ערשינען אין יאהר 1915. איצט מאכען מיר ווידער אן אויסנאהם מיט'ן ארויסגעבען ב. ווײנשטיין'ס בוך „די אידישע יוניאנס אין אמעריקא". מיר טוען עס ניט בלויז דערפאר, וואס מיר

ווילען דורך דעם עהרען אונזער וועטעראַן, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס אין זיין ווערק איז פאַראַן אונשאַצבאַרער מאַטעריאַל, וועלכער פאַרפאָל־קאָמט די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג אין אמעריקע.

אין דיזען בוך זיינען פאַרצייכענט אַלע וויכטיגסטע געשעהענישען פון דעם אידישען ארבייטער־לעבען אין אמעריקע כמעט פאַר אַ האַלבען יאָהרהונדערט. דער בוך ענטהאַלט אויך אַ קורצע געשיכטע פון יעדער איינצעלנער אידישער יוניאָן, ווי אויך אַ שילדערונג פון דער פילפאַכיגער טעטיגקייט פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פאַר די אַלע יאָהרען.

מיר זיינען שטאַרק דאַנקבאַר דעם פאַרפאַסער דערפאַר, וואס ער האָט געזאַמעלט די אַלע פאַקטען און פאַסירונגען און געהאַלטען זיי פריש אין זיין זכרון.

מיר שעצען די גרויסע ארבייט פון ד. ש ו ב, וועלכער האָט מיט טיפען ערנסט און איבערגעבענהייט רעדאַקטירט דעם בוך.

פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יאָרק.

מ. פיינסטאָון, סעקרעטער.

ניו יארק, אויגוסט 1, 1929.

## פאָרוואָרט פון פאַרפאַסער

מיט'ן געדאַנק אָנצושרייבען אַ בוך וועגען מיינע איבערלעבונגען און ערפאַהרונגען אין דער אידישער טרייד-יוניאַן באַוועגונג, אין וועלכער איך בין טעטיג זינט דעם יאָהר 1882, ווען איך בין אַלס יונגער אינגעל אָנגעקומען פון רוסלאַנד אין אַמעריקע, האָב איך זיך שוין פון לאַנג אַרומגעטראָגען. עס האָט מיר אָבער גענומען אַ לאַנגע צייט, ביז מיין לעבענס-וואונש האָט ענדליך געקאָנט פאַרווירקליכט ווערען.

אין מיין בוך „פערציג יאָהר אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג", וועלכער איז ערשינען אין יאָהר 1924, האָב איך הויפּטזעכליך געשילדערט די טעטיגקייט פון די אידישע סאָציאַליסטען אין אַמעריקע און האָב נאָר אין אַ פּאָר קאַפּיטלאַך אין קורצען דערציילט וועגען דער גרינדונג פון די אידישע יוניאָנס.

אין דיזען בוך אָבער האָב איך זיך באַמיהט צו געבען אַן אויספיהרליכע שילדערונג פון דעם לעבען און טעטיגקייט פון די אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע פון דעם ערשטען טאָג אָן פון זייער גרינדונג ביז היינט צו טאָג.

דער בוך „די אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע" ענטהאַלט אָבער ניט בלויז אַ געשיכטע פון דעם לעבען און קאַמף פון די אידישע יוניאנס, נאָר אויך אַן אויספיהרליכע באַשרייבונג ווי אַזוי עס האָבען געלעבט, געאַרבייט און געקעמפט פאר אַ בעסערען און שעהנערען לעבען די ערשטע אידישע אימיגראַנטען פון די 80-גער יאהרען פון פאַריגען יאָהרהונדערט, ווי אויך די אימיגראַנטען, וואס זיינען געקומען אין אמעריקע אין די שפּעטערע יאָהרען.

דער גרעסטער טייל פון בוך באַשטעהט פון מיינע פּערזענליכע ערא־נערונגען און איבערלעבונגען. עס איז אָבער פאַראַנען אין איהם אַ רייהע קאַפּיטלען געשיכטע פון אידישען אַרבייטער-לעבען און פון אַלגעמיינעם אַרבייטער-קאַמף אין אַמעריקע.

אַזוי ווי די גרעסטע צאָהל אידען, וואָס האָבען אימיגרירט אין אַמע־ריקע פון די אַנדערע לענדער האָבען אין די ערשטע יאָהרען דאָ געמוזט

דורכמאכען דעם שאפּ, איז די געשיכטע פון דעם אידישען ארבייטער־לעבען און ארבייטער־קאמף אין אמעריקע אין א גרויסער מאָס אויך אַ גע־שיכטע פון דעם אידישען פאָלק אין אמעריקע.

איך וויל דאָ אויסדריקען מיין אינערליכען דאנק און אנערקענונג צו מיין פריינד און קאָלעגע ד. שוב, וועלכער האָט מיר געהאָלפען צוזאמענשטעלען דעם בוך און האָט איהם אויך רעדאקטירט.

איך דאנק אויך די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען דערפאַר, וואָס זיי האָבען מיר אָנגעטאָן דעם כבוד און ארויסגעגעבען דעם בוך.

**ב. ווײנשטײן.**

ניו יאָרק, יולי, 1929.

# ב. ווײַנשטײן — אַ פּאָר כאַראַקטער־שטריכען

## 1

פּאַר׳ן לעזער ליגט דאָ אַ ווערק, וואָס דערצעהלט פון אַ ווינקעל אידיש לעבען אין אמעריקא, וואָס איז, דאַכט זיך, באַקאַנט צו יעדען אײנציגען, און דאָך איז עס אומבאַקאַנט. דאָס אידיש יוניאָן־לעבען האָט אַלע מאָל געקראָגען אַ סך „פּובליסיטי״; זעלטען אָן אָפּשאַצונג. דאָס דראַמאַטישע בילד וואָס די אידישע יוניאָנס אַליין האָבען מיט זיך געשאַפען אין דער „אַמעריקאַניזאַציע״ פון די אידישע אימיגראַנטען, וואָס דאָס מײנט זײער ראָלע אין דער דערהויבונג פון די אידישע מאַסען עקאָנאָמיש אַזוי ווי פּאָליטיש, קולטורעל און סאָציאַל, איז נאָך פון קײנעם ניט אויפגעמאָהלען געוואָרען. שוין אַ האַלבער יאָהר־הונדערט, זײט אין אמעריקא אָרגאַניזירען זיך אידישע אַרבײטער. אַלץ וואָס איז וועגען דעם געטאָן געוואָרען איז געוועען אויפ׳ן גאַס. אַלע האָבען עס געזעהן. אַלע האָבען עס נאָכגעפאָלגט. ווער עס האָט געוואָלט, האָט עס געקאָנט בעאָבאַכטען גאַנץ גענוי. מ׳האָט עס געלויבט; מ׳האָט עס קריטיקירט. מ׳איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ קדושה־ענטוזיאַזם, און מ׳איז געוועען שוימיג־צוקאָכט. התלהבות וואָס האָט געריסען הימלען, און אַ פּרוואו צו פאַרשילטען מיט גיהנום־קללות. קײן אַנדער ווינקעל אין אמעריקאַניש־אידישען לעבען האָט ניט געהאַט אויף זיך אַזוי פיל רײד און רײד, ווי דער יוניאָן־ווינקעל. פרײנד האָבען גערעדט, און שונאים האָבען גערעדט, און דער „תם״ און „שאינו יודע לשאול״ האָבען אויך געהאַט דאָס וואָרט. איז אפשר דערפאַר באמת שווער אויפצומײסטרעווען פאַר די אידישע יוניאָנס אַ גלײכען שפּיגעל. אין׳ם ווערק דאָ, געפינען מיר ביי דעם פאַרפאַסער אי מאַטעריאַלען פאַר געשיכטס־פאָרשער, אי פאַרב פאַר קינסטלער.

ס׳איז דאָ נ י י ע ס אין׳ם ווערק, עפּעס אַזוינס פון וואָס אפילו אַזעלכע

וואָס זיינען געווען נאָהענט צו די יוניאָנס, מיטגעלעבט מיט זיי, האָבען דערפון ניט געוואוסט. דער לעזער איז אין אַ וואונדער —

וועלכע מערקווירדיגע סיטואַציעס מ'געפינט אינ'ם אידישען יוניאָן־צירקעל! וועלכע בילדליכע שטריכלאַך עס דעקען זיך אויף, אַזוי שנעל ווי אימיצער פּרובירט אָרונטערציהען דעם אויבערדעק!

און אַ פראַגע הענגט פאַר די אויגען —

איז עס ווירקליך אַ פאַקט, אַז אַ מיליאָן אידען, און נאָך מעהר, אויף זייער וועג צו באַפעסטיגען זיך מיט אַ היים אין אַמעריקאַ, מיט אַ פּאַרוואָרצעלט און פאַרצווייגט לעבען, זיינען קודם כל דורכגעגאַנגען אונזערע יוניאָנס?

דער פּראָפעסער — ב. (בערנאַרד) וויינשטיין — זוכט ניט צו זיפּען זיינע פאַקטען מיט אַ זיפּ וואָס ווערט גענוצט פון היסטאָריקער; זוכט אויך ניט צו קליגלען זיך אַרויסצואוויקלען אַ וועלכע־עס־איז טעאָריע; אודאי פּרעטענדירט ער ניט אויף קינסטלערישע שילדערונגען; ער פּרובירט אונטערציהען אַ סך־הכל פון זיינע זכרונות, פּרובירט דערצעהלען וואָס ער האָט געזעהן, געהערט; אָבער ער טוט עס אויף אַזאַ שטייגער, אַז מיר געפינען לעבען זיינע הענט זעלטענע שטיקער געשיכטע פון אידישען עקאָנאָמישען לעבען, שטיקער אַמעריקאַניש־אידישע געשיכטע אין אַלגעמיין.

אודאי איז ב. וויינשטיין ניט קיין נייער נאָמען פאַר'ן לעזער. איין בוך, אויך זכרונות, האָט ער פאַרעפענטליכט אונטער'ן איבערשריפט „פערציג יאָהר אידישע אַרבייטער באַוועגונג אין אַמעריקאַ". אָבער ניט די פעדער האָט איהם פאַרגעשטעלט פאַר אַן עולם, און נאָר אַ גרויסען עולם. זיין נאָמען איז איינגעקריצט אין דער געשיכטע פונ'ם אַמעריקאַניש־אידישען יוניאָן־לעבען גופא; איינגעקריצט ניט אויסצורייבען, ניט צו פאַרווישען. ער איז געווען פון די ערשטע בויער פון די אידישע יוניאָנס; ער איז מיטגעגאַנגען אויף אַלע קרייץ־וועגען פון דער אַמעריקאַניש־אידישער אַרבייטער באַוועגונג אין אַלגעמיין; ער איז נאָך איצט איהר געטרייער דינער.

שוין באַלד פופציג יאָהר אַזוי.

דער מזל האָט איהם צוגעשפּילט, ער זאָל האָבען אַ האַנט אין דער ערשטער אידיש־סאָציאַליסטישער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז געהאַלטען גע־

וואָרען אין אמעריקא. ער איז געווען דער חבר צו אב. קאהאן, די פּאַר־זאמלונג צו רופען.

דער פּראָפעסער איז אונז, אַלזאָ, אַ לעבעדיגער עדות פון יענעם היסטאָרישען טאָג. ער האָט געהאָלפען צוגרייטען דעם טאָג פון וועלכען עס האָט זיך אָנגעהויבען וועבען אַ היסטאָרישע צייט אינ'ם לעבען פונ'ם אידישען פאָלק — צוצוגרייטען אַמעריקא אַלס אַ היים פאַר מיליאָנען אידען. ער איז שוין נאָכדעם אַזוי פאַרבליבען צו זיין אַן עדות פון גאָר אַ סך „ערשטע טעג": דער ערשטער אידישער סטרייק, די ערשטע אידישע יוניאָן, דער ערשטער קאָנטראַקט צווישען אידישע באַלעבאָטים און אידי־שע אַרבייטער, דער ערשטער אידישער ברענטש פון אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי...

אַ יונגער אימיגראַנט פון די יאָהרען 1881-1882, אַן אדעסער אינגעל אין זעכצענטען־זיבעצענטען יאָהר, דאָס, און ניט מעהר, איז געווען דער פּאַספּאָרט מיט וועלכען ב. וויינשטיין איז געקומען צווישען דער אידישער אינטעליגענץ, עמיגראַנטען פון רוסלאַנד, וועלכע האָבען דאָ געגומען חלומ'ען פון סאָציאַליזם אויף אידיש, און דאן פון אַן אַמעריקאַניש־אידישע אַרבייטער באַוועגונג. אַ לעדיגער פּאַספּאָרט. גאָרנישט איז געווען פאַרשריבען אין איהם. ער האָט איהם, אָבער, אין פאַרלויף פון די יאָהרען אָנגעפילט מיט אַזוי פיל האַרץ פאַר דאָס, וואָס האָט זיך אין יענער צייט געגומען שאַפען, אַז די געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידישען אַרבייטער לעבען וועט אָהן ספק אוועקשטעלען ביי זיין נאָמען אַ זעלטענע אָנערקענונג.

ער איז ניט געווען קיין פיהרער; ער איז ניט געווען קיין טאָן־געבער; ער האָט ניט געשאַפען קיין פּראָגראַמען; ער האָט ניט פאַר־טיפט ענינים פון דער אַרבייטער באַוועגונג מיט אַרויפוואַרפען אויף זיי אַ פילאָזאָפיע; ער איז אויך ניט געווען קיין „מתורגמן", קיין באַלייכ־טער, קיין ערקלעהרער. ניט קיין „גענעראַל" צו מאַנעווורירען מיט פלינקע סטראַטעגיק פאַרשידענע סיטואַציעס, און ניט קיין „טשינאָווניק" צו טראַ־גען אַ „קאָקאַרדע" דערמיט אונטערצוטרייבען אַז מען זאָל זיך ריהרען שנעלער, באַוועגען גיכער; וויינשטיין איז ניט געווען אין קיין שום ראָלע וועלכע די גאַלערעע פון פאַרשידענע טיפּען אידישע אַרבייטער פיהרער האָט אָנצואווייזען. זיין אָרט אין דער אַרבייטער באַוועגונג איז געווען אייגענאַרטיג —

דאָס אָרט פונ'ם „צדיק"...

אַ צדיק ווערט ניט ערוועהלט, ווערט ניט אויסגעקליבען; מען ווערט צו דעם ניט דערהויבען דורך אַן אָפּשטימונג; מען דערגרייכט עס אויך ניט דורך לערנען, דורך שטודירען, דורך ענטוויקלען פעהיגקייטען; מען דאַרף עס זיין.

2

מיט'ן נאָמען ב. וויינשטיין מישען זיך אויף די ערשטע בלעטלאַך פון דער געשיכטע פון אידישען טרייד־יוניאַניזם, פון דער גרינדונג פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען; האָט זיך דערפון געמומען אַן איינדרוק, אַז וואָס ווייטער, פעהלט דער נאָמען אויס, קען, יעדענפאַלס, ווערען איבערגעהיפּט. דאָס איז אָבער פאַלש. וויינשטיין מוז אוועקגע־שטעלט ווערען אינ'ם צענטער פונ'ם אידישען אָרגאַניזירטען אַרבייטער־לעבען אויך פון דער צייט בעת דער אידישער טרייד־יוניאַניזם איז גע־קומען צו זיין פולען אויפבלויכט. ער איז געווען דער סעקרעטער פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אין די יאָהרען פון 1909 און 1910, 1911 און 1912, 1913 און 1914, אַזוי ביז אין די מלחמה־יאָהרען אריין. דאָס זיינען יאָהרען וואָס באַצייכענען גרויסע עראייגניסען אינ'ם אידישען יוניאָן־לעבען.

דער אידישער טרייד־יוניאַניזם ווערט געוועהנליך געאורטיילט לויט פּאַסירונגען אין די נאָדעל־פאַכען. געהט די כראָנאָלאָגיע: אין יאָהר 1909 איז געווען דער גרויסער סטרייק פון די „וועיסט־מעיקער" (בלוזען־נעהטאָ־רינס), דאָן אַ פאַך פון פילע טויזענדער אידישע טעכטער. די אידישע אַרבייטער־מיידעל איז דאַן געקומען צום פראַנט. אין דערהיים אַ באַלעבאַ־טיש קינד, דאָ אַ שניידערין; די בענקשאַפט נאָך דער „אַלטער היים" פריש, די אַרבייט אין שאַפּ שווער; עקאָנאָמיש און פּסיכאָלאָגיש האָט זיך, אַלזאָ, געשאַפען אַ לאַגע אַז די אידישע אַרבייטער־מיידעל איז אַרויס אויף דער ערשטער ליניע בעת עס איז געקומען צו אַ שוואונג אין דער טעטיגקייט פונ'ם אידישען טרייד־יוניאַניזם. און דאַן איז געקומען דער יאָהר 1910, מיט'ן סטרייק פון די „קלאָוק־מעיקער" (פרויען־מאַנטעל־מאַכער); אַ סטרייק, אַ רעוואָלוציע אין דעם גרעסטען פאַך און האַנדעל וואָס אימיגראַנטען האָבען אַט־ערשט געהאַט אויפגעבויט; אַ רעוואָלוציע מיט גרויסע רעזולטאַטען. דער יאָהר נאָכדעם, 1911, האָט צורודערט די אידישע פאָלקס־מאַסען אַ טראַגעדיע אינ'ם שאַפּ־לעבען: דער „טראַי־

ענגעל״־פייער. צעהנדליגע יונגע קינדער זיינען געפאַלען אין אַ שרעקלי־
כען טויט, פאַרברענט געוואָרען; די טראַגעדיע האָט צוקאָכט הערצער;
און ס'איז געקומען אַן אונפאַרגלייכליכער אימפּעט צו אָרגאַניזירען יעדען
פאַך אויף צו באַשיצען ארבייטער־לעבענס. ס'האָט צוגעפיהרט צום יאָהר
1912 מיט אַ סטרייק אין „פאָר־טרעיד״ (פוטערנע מאַנטלען), און מיט
דער גרויסער אַגיטאַציע צו אָרגאַניזירען די מענער־שניידער. דער פאָל־
גענדער יאָהר, 1913, האָט שוין געוויזען דעם רעזולטאַט פון דער אַגיטאַ־
ציע. קרוב צו הונדערט טויזענד מענער־שניידער זיינען געווען אין סטרייק
פאָרמירענדיג גלייכצייטיג יוניאָנס. און ניט זיי אליין. אַנדערע נאָדעל־
פאַכען, פאַרשידענע אָפּטיילונגען פון פרויען־באַקליידונג, ארבייטער (מיים־
טענס גאָר יונגע און מייסטענס מיידלאַך) ביי וועש, ביי אונטער־קליידער,
ביי שירצען, ביי מאָרגען־בלוזעס, ביי קינדערשע זאַכען, זיינען אויך גע־
ווען אין סטרייק, דערביי פאָרמירענדיג אָרגאַניזאַציעס. און ס'איז אין
יענער צייט אויך אויפגעקומען דער גרויסער פאַך פון אַלערליי פרויענשע
אויבער־קליידער אין צעהנדליגע מאָדעס (דרעסעס), און אויך די ארביי־
טער פון אָט דעם פאַך (אַ געמיש פון פרויען און מענער, פרויען אין
אַ גרעסערען פראָצענט), זיינען געווען אין סטרייק; האָבענדיג שוין פאַר
זיך אַן אָרגאַניזאַציע מיט מאַנכע ערפאַהרונגען, אַ שוועסטער־אָרגאַניזאַ־
ציע צו דער יוניאָן פון די קלאוק־מאַכער, צוזאַמען אַלס טיילען פונ'ם
פאַרבאַנד „אינטערנעשאָנאַל לעדידס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן״, וועלכע
האָט זיך שוין געשפּרייט מיט אָפּטיילונגען איבער נאָך און נאָך פאַך־
צענטערס אין לאַנד. און דאַן האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע סאָרטי־
רונג פון גרופּעס און כוחות אינ'ם אידישען טרייד־יוניאָניזם. איינגע־
שטעלטע באַציהונגען מיט ארבייטס־געבער האָבען זיך פאַנאַנדערגענומען;
ס'איז געקומען צום איבערברוך אינ'ם „פּראָטאָקאָל״ (פאַרשטענדי־
גונג) צווישען דער יוניאָן און די פאַבריקאַנטען־אָרגאַניזאַציע אינ'ם קלאוק־
פאַך; אין אַנדערע פאַכען האָט זיך אַזאַ אָפּמאַך צווישען אַרבייטער־
און פאַבריקאַנטען־אָרגאַניזאַציעס (אַן אָפּמאַך ניט צו סטרייקען, נאָר אי־
בערצולאָזען סכסוכים צו אונפּאַרטייאישע טריבונאַלען) גראָד געשטאַרקט;
האָט עס געפיהרט צו אַן איבערטאַשונג פון אידעען און פּלענער איבער
דער גאַנצער לענג און ברייט פונ'ם אָרגאַניזאַציאָנס־לעבען ביי אידישע
אַרבייטער, און עס איז געקומען דער יאָהר 1914, מיט דעם אָנהויב פון
דער געשיכטע פון אַלע סאָרטען פּראָבלעמען־פּלאָנטערנישען אין דער
אידישער אַרבייטער־באַוועגונג. אָט אַזוי געהט די כראָנאָלאָגיע פון די
אידישע טרייד־יוניאָן־עראייגניסען פון יענער גרויסער צייט. ווי־זשע

האט דאן אויסגעזעהן די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, און ווי האט אויסגעזעהן דער מענש אויף איהר פלאטפארם, ב. ווינשטיין?

ווינשטיין׳ס פרומקייט, זיין תמימות׳דיגע באציהונג צו אלץ, האט דא גענומען ווירקען.

זייט ביי זייט מיט׳ן גרויסען אידעאליזם וואס האט דאן אויסגעפילט יעדען ווינקעל פונ׳ם פריש־אויסגעשפרייטען יוניאן־לעבען, האט זיך אויך געשפארט א פראקטיציזם, א ניכטערער רעאליזם. די ערפאלגרייכע סטרייקס, דער אויפבוי פון יוניאנס וואס איז אנגעגאנגען מיט אן אימפעט, די גאנצע פאנאנדערגעוויקעלטע טעטיגקייט האט געהאלטען געשפאנט און דערפרישט אויך די הארץ פון דער איינגעוואנדערטער אידישער יוגענד וועלכע האט פריהער אנגעהויבען וועלקען. ס׳איז געווען יום־טוב; א פייערליכקייט האט זיך גענומען שפרייטען איבער׳ן שאפ־לעבען וואס האט א צייט אויסגעקוקט גרוי, כמורנע, און טאקע צופרעסען גאר א סך האפנונגען, שטרעבונגען, חלומות, אמביציעס. די יום־טוב־דיגקייט, דאס איז געווען די התלהבות וואס די ארבייט האט געבראכט, ארבייט אנגעטריבען פון א גרויסען אידעאליזם; אבער אין דער ארבייט האט מען זיך דאך געמוזט רעכענען מיט אומשטענדען, מיט מעגליכקייטען, מיט דער ווירקליכקייט אין לאנד בכלל און אין די אידישע פאכען בפרט; האט עס געפיהרט צו אפגעהיטקייטען, צו א קאנסערוואטיזם, וואס איז אודאי גוט און וואויל; דערביי האט אבער גענומען פליסען א שטראמעל פון ציניזם — אויסלאכען דיזעלבע יום־טובדיגקייטען נאך וועלכע מען האט פריהער געבענקט, די יום־טוב׳דיגקייטען וועלכע האבען צו דעם ערפאלג פון די יוניאנס געפיהרט. און ניט דוקא אויסלאכען. „אלץ מעג מען“, האט זיך באוויזען א הערשענדער געדאנק. גארניט פאסיג פאר א באוועגונג מיט א באשטימטער מאראל, א סאציאליסטישע עטיק. די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האט זיך אבער פון ציניזם פארהיט, און איז געווארען א קוואל פון עפענטליכע מיינונג פאר יונגע יוניאן־טוער. ב. ווינשטיין האט דעם קוואל געהאלטען פריש, אי מיט זיין אייגענער תמימות, אי מיט דער תמימות פון דער אידיש־סאציאליסטישער אינטעליגענץ, וועלכע ער האט אלע מאל פארהערליכט און שטענדיג געזוכט איהר נאהענט צו האלטען צו די יוניאנס.

ווינשטיין האט דערפאר געהאט זיינע געגנער. ער איז אפט פארלאכט געווארען. הייסע מלחמות אויף צוריק האט ער ניט געקענט

פיהרען. האָבען זיך אין די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען ציי־טענווייז געזאַמעלט עלעמענטען גאָרניט קיין ווינשענסווערטע, און זיי האָ־בען געהאַט די אויבערהאַנט. וויינשטיין אַליין איז, אָבער, געבליבען תמימות'דיג, און דאָס האָט אויף אַ סך יונגע טוער געהאַט די געווינשטע ווירקונג.

עס איז געווען וויינשטיין'ס גורל צו זיין ביים רודער פון די פּאַר־אייניגטע אידישע געווערקשאַפטען ווען די אידישע אימיגראַציע האָט גע־שטראָמט און געשטראָמט. אין דער זעלבער צייט זיינען אויפגעקומען אַלץ מעהר נייע פאַכען. ניו יארק איז געוואַקסען. איהר אינדוסטריע האָט זיך געשפּרייט. אידען זיינען אריין אַלס ארבייטער אין די פּאַר־שידענסטע אָפּצווייגונגען פון ניו יארקער אינדוסטריע. דער דראַנג צו אָרגאַניזאַציע איז געווען גרויס. די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפ־טען האָט עס אויסגענוצט און כסדר אָרגאַניזירט נייע יוניאַנס. ב. וויינשטיין איז געווען דער פאָטער פון אַלע נייע יוניאַנס.

ביי זיין דעסק האָט מען טאָג־איין טאָג־אויס געזעהן גרופּעס ארביי־טער, קאָמיטעס פון שעפּער, און ער האָט מיט זיי געקנעלט ווי אַזוי צו רופען די ערשטע פאַרזאַמלונג אין זייער פאַך, וועלכען האָל, זיי זאָ־לען פאַר דער פאַרזאַמלונג נעמען, וואָס פאַר אַ סאָרט „הענד־ביל" (ציר־קולאַר), זיי זאָלען צו אַלע ארבייטער פון זייער פאַך צוטיילען.

ער האָט דעם צירקולאַר מיט דעם באַקאַנטען נוסח — „שוועסטער און ברידער, לאָמיר זיך אָרגאַניזירען!" — אַליין אויפגעשריבען; נאָכ־דעם מיט דיזעלבע קאָמיטעס געגאַנגען צו די טירען פון די שעפּער אויף צו באַגעגענען ארבייטער און זיי די צירקולאַרען געבען.

פּאַרטיג געוואָרען מיט דער פאַרזאַמלונג, אָפט זיינען צו אַזאַ פאַר־זאַמלונג געקומען ניט מעהר ווי דיזעלבע עטליכע קאָמיטע־לייט און מיט זיי — וויינשטיין, האָט שוין דאָס געמיינט אַז אַ יוניאָן איז דאָ, און וויינשטיין האָט דיזעלבע קאָמיטע־לייט גענומען לערנען ווי אַזוי צו פאַר־שרייבען אַ פּראָטאָקאָל פון אַ מיטינג, ווי אַזוי צו פיהרען אַ פינאַנץ־בוך, וועלכע קאָנסטיטוציע מען זאָל אָננעמען.

און דאַן ערשט האָט ער אָנגעהויבען געהן צו די וועכענטליכע מי־טינגען פון דער נייער יוניאָן; געצערטעלט איהר, געטוליעט איהר. און ער איז געווען גליקליך — ער האָדעוועט אַ נייעם כח פאַר דער ארבייטער באַוועגונג...

אַזוי האָט וויינשטיין אָרגאַניזירט יוניאָנס פון וועלכע עס זיינען נאָכ־דעם אַרויסגעוואַקסען גאָר גרויסע יוניאָנס. זיי זיינען געוואַקסען אונטער דער השגחה פון זיין שטילער תמימות.

אויף אַ שטילען שטייגער האָט וויינשטיין אויך דורכגעפיהרט אַ וואונדערליכע הילפס־אַרבייט פאַר די מענער־שניידער, ווען זיי זיינען אין אָנהויב פון יאהר 1913 געווען אין זייער גרויסען סטרייק. ער האָט אָר־גאַניזירט שטיצע פאַר זיי ניט אין געלט, נאָר אין שפּייז. די פאַראייניג־טע אידישע געווערקשאַפטען האָט פאַר די סטרייקער־פאַמיליעס געעפענט געוועלבען צו קריגען שפּייז אָהן געלט. וויינשטיין איז ארומגעגאַנגען אי־בער שפּייז־געשעפטען קריגען שפּייז־נדבות פאַר די סטרייקער. ברויט האָט צוגעשטעלט די בעקער־יוניאָן. איך געדענק אַ סצענע, ווי צוויי בע־קער יוניאָן־לייט האָבען געשטופּט אַ וועגעלע ברויט פון קלינטאָן סטריט צו גרענד סטריט צו אַ שפּייז־געוועלב פאַר סטרייקער; ביי דער זייט פון וועגעלע איז געגאַנגען וויינשטיין, און יעדע ווייל האָט ער צוגעלעגט אַ האַנט צו העלפען די צוויי בעקער שטופּען די וועגעלע. עס איז דאָך געווען אַ מצוה. פון אַזאַ מצוה־שטאַנדפּונקט האָט וויינשטיין געקוקט אויף אַלעם אין דער ארבייטער באַוועגונג.

פאָרשטעהער פון אַנדערע קלאַסען האָבען איהם דערפאַר מיט רעכט אָנגענומען אַלס דעם עכטען פאָרשטעהער פון דער אידישער אָרימקייט אין יענער צייט, די אידישע אָרימקייט אין די טענעמענט־הייזער און גע־שטיקטע שעפּער. וויינשטיין איז אויפגעטראָטען פאַר אַ קאָמיסיע פון דער סטעיט־רעגירונג אין ניו יאָרק צו אונטערזוכען פאַבריקען וואָס זיינען ניט געשיצט פון אַ געפאַהר פון פייערען. דאָס איז געווען דער רעזול־טאַט פון דער „טראַיענגעל"־טראַגעדיע. אַל. סמיט, שפּעטער דער גאָווער־נאָר פון ניו יאָרק, און נאָך שפּעטער אַ פּרעזידענט קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז געווען דער פּאָרזיצענדער פון דער קאָמיסיע. סעמועל גאָמפּערס, דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, איז געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמסיע. וויינשטיין איז אַהין גערופען געוואָרען צו דערצעהלען פון שעפּער פון וועלכע ער ווייסט. ער האָט געמאַכט אַ מערקווירדיגען איינדרוק. פון איהם האָט גערעדט די גאַנצע געבראָכענקייט פון'ם הילפלאָזען ארבייטער־אימיגראַנט. אַ סאָרט ארבייטער־קדושה האָט פון איהם אַרויסגערעדט. דאָס שפּילט אָפט אַ ראָלע אפילו ביי גאָר ניכטערע פּאָליטיקער.

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון יענער צייט איז געווען א שולע פאר יונגע מענשען פון נייע יוניאנס צו קריגען ערפאהרונג און אָנזאַפּען זיך מיט געפיהלען פאר דער גאַנצקייט פון דער ארבייטער באוועגונג. די שטאַבּס בעאַמטע וועלכע זיינען אַריינגעקומען אין די יוניאַנס, ניט האָבענדיג דורכגעמאַכט די „געווערקשאַפטען־שולע" זיינען געווען טריידס־מענשען, ניט באַוועגונגס־מענשען. וויינשטיין האָט זיך צו אזעלכע מענשען אימער פאַרהאַלטען קאַלט. ער האָט זיי פאַרשטאַנען; די גאַנצע ערענסטע לאַגע ארום זיי האָט ער גוט באַגריפען; ער האָט געוואוסט אז די אַלע יוניאַן־טוער, וועלכע האָבען זיך פלוצלונג ארויסגעהויבען פון דער גרויסער מאַסע, דורך די סטרייקס זיך צום פראָנט אַרויסגעטראָגען, האָבען פארפּלאָנטערטע סיטואַציעס ארום זיך. זיי האָבען אַ גרויסע אַרבייטער־מאַסע צו דיסציפּלינירען. זיי האָבען טעגליכע קאַמפען מיט באַלעבאַטים. די קאַמפען זיינען שווער אונטער די נייע אומשטענדען. ווען גרויסע טיילען פון אַן אינדוסטריע זיינען אָרגאַניזירט, און מאַנכע טיילען בלייבען ניט אָרגאַניזירט, איז אָפּט שווערער אָנצוגעהן מיט אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט ווי דאַן ווען די אינדוסטריע איז אין גאַנצען ניט אָרגאַניזירט. עס קומען אַריין אין דער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט אַלערליי פּראָבלעמען: פּראָדוקציאָנס־פּראָבלעמען, געשעפטליכע פראגען, קאָנקורענץ־ליידענשאַפטען, א סך פּסיכאָלאָגישע פּלאָנטערנישען. וויינשטיין האָט דאָס גוט געוואוסט; ער האָט געלעזען אַלערליי באַריכטען וואָס האָבען זיך געדרוקט. און ניט נאָר באַריכטען האָט ער געלעזען; אין אַ „הענד־ביל" ארויסגעלאָזען פון א יוניאן, אין א פּראָטאָקאָל פון אַ מיטינג פון אַ „דזשאָינט באָארד", אין א באַריכט פון אַן אָפיציעלען טריידזשורנאַל, האָט ער אימער געפונען אינפאָרמאַטיוועס. און דאָס וואָס ער האָט דאָרטען געפונען, האָט ער אויפגענומען מיט אַ גלוסטונג; ער האָט דאָס געלעזען געהענדיג אויפ'ן גאַס פון איין יוניאַן־אָפּיס צו א צווייטען; און נאָך אמאָל דאָס איבערגעלעזען אין זיין היים. ער האָט אַזעלכע באַריכטען צוזאַמענגעלייגט, מיט גרויס צערטליכקייט זיי אהיים־צו־נעמען און זיי צו לייענען אין רוה, ווי אַ פרומער איד וויקעלט איין א ספר. האָט וויינשטיין געוואוסט פון די טעטיגקייטען פון די טריידס־מענשען, די גרופּעס נייע יוניאן טוער, און געהאַט אָפּשעצונג פאר זיי, אפילו א פארעהרונגס־געפיהל, אָבער קיין „ליבעס־בונד" איז צווישען איהם און זיי ניט געווען.

צו **באוועגונגס**־מענשען, אַזעלכע, וואס האָבען געהאַט אין זי־

נען אַלגעמײנע באַוועגונגס־ענינים, האָט ער געהאַט אַן אַנדער סאָרט באַציהונג — אַ מעהר װאַרימע.

זיין אין טאָן מיט דער גאַנצער אַרבייטער באַוועגונג — דאָס האָט ער געוואָלט זעהן אין יעדען מענשען אַרום דער אַרבייטער באַוועגונג.

מ׳האָט עס געפֿיהלט ביי אַלע געווערקשאַפֿטען־פֿאַרזאַמלונגען פֿון יענער צייט...

3

עס איז אַ טעות צו מיינען אַז די נאָדעל־פֿאַכען האָבען מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם גאַנצען אידישען טרייד־יוניאָניזם, בעת טרייד־יוניאָניזם איז ביי אונז געווען אַזוי גרויס אויפֿגעגאַנגען. די נאָדעל־פֿאַכען האָבען געליפֿערט אַ אידעען־סיסטעם פֿאַר קאָנטראַקטען צווישען אַרבייטס־געבער און יוניאַנס. אין דעם זיינען געווען פֿונדאַמענטאַלע רעכטען פֿאַר אַרבייטער וואָס האָבען געבילדעט גאַנצע קאָנסטיטוציעס פֿאַר דאָס וואָס מען רופֿט „אינדוסטריעלע דעמאָקראַטיע”. אין די נאָדעל־פֿאַכען איז אָבער ניט געווען יענער דראַמאַטישער צוזאַמענשטויס אין װעלכען דער אידישער טרייד־יוניאַניזם האָט געמוזט אַריין ביים באַגעגענען דעם אַמעריקאַנישען טרייד־יוניאַניזם. די נאָדעל־פֿאַכען זיינען כמעט ווי געשאַפֿען געוואָרען פֿון אידישע אימיגראַנטען. אויף וויפֿיל זיי האָבען ביי דער האַנט געהאַט ניט־אידישע חברים, זיינען זיי אויך געווען אימיגראַנטען. די אידישע אימיגראַנטען־גרופּע איז, ווידער, געווען אַ מעהר קולטורעלע. ניט נאָר אין צאָהל, נאָר אויך אין קולטורעלער וואָג זיינען די אידישע אימיגראַנטען געווען דער וויכטיגסטער עלעמענט אין די נאָדעל־פֿאַכען. זייער לעבענס־סטענדאַרד איז געווען פֿיל העכער ווי עס איז געווען דער לעבענס־סטענדאַרד פֿון זייערע שותפים אין די נאָדעל־פֿאַכען, די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען־גרופּעס. די אידישע אימיגראַנטען האָבען געגעבען דעם טאָן; די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען־גרופּעס זיינען נאָכגעגאַנגען. אַזוי אינ׳ם גאַנצען שאַפּ־לעבען. מיט אַמעריקאַנער באַגריפֿען, יעדענפֿאַלס, האָט דער אידישער טרייד־יוניאָניזם פֿון די נאָדעל־פֿאַכען זיך ווייניג־וואָס באַגעגענט. אַנדערש איז דאָס, אָבער, געווען מיט די בוי־פֿאַכען אין וועלכע צאָהלען גרויסע אידישע אימיגראַנטען זיינען אַריין: „פּעינטער” (פֿאַרבערס), „פּייפּער־העננגער” (טאַפּעצירער), „קאַרפּענטער” (סטאָליער), „בריק־לעיער” (מוליאַרעס); אויך מיט די מעטאַל־

פּאַכען. דאָרטען האָבען שוין די אידישע אימיגראַנטען געפונען פאַר־
טיגעם: אַ גרויסע אינדוסטריע און גרויסע יוניאָנס. און די יוניאָנס
זיינען שוין געווען אָרגאַניזאַציעס מיט אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר ערפאַה־
רונגען, אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר ערפאַהרונגען. און אַמעריקאַניש אויסגעפור־
רעמט זיינען זיי געווען: אין געבוי, אין גייסט, אינ'ם גאַנצען באַנעם
פון זאַכען און ערשיינונגען. די אידישע אימיגראַנטען האָבען דאָרטען
געמוזט זיך צ ו פּ אַ ס ע ן צו זאַכען, אי אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבען
שוין געפונען עפּעס אויפגעבויטעס, אי אַ דאַנק דעם וואָס אין צאָהל זיי־
נען זיי געווען קלענער, און קולטורעל ניט טאָן־געבענד. אַ חוץ אַמערי־
קאַנער ארבייטער, האָבען די אידישע אימיגראַנטען דאָרטען געפונען באַ־
דייטענדע צאָהלען דייטשע אַרבייטער. אויך אַ אימיגראַנטישע גרופּע,
אָבער קולטורעל העכער פון דער אידישער אימיגראַנטען־גרופּע. אינ'ם
פּראָצעס פון צ ו פּ אַ ס ע ן ־ ז י ך זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסונ־
גען. אָפט גאַנץ־און־גאָר בייזע. אונזער צד, דער אידישער, האָט אפילו
געקענט אויסטייטשען אז מיר באַגעגענען אַן ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ן אַ נ ־
ט י ס ע מ י ט י ז ם. טעטיגקייטען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערק־
שאַפטען זיינען דאָ געווען פון אַ היסטאָרישער וויכטיגקייט פאַר דעם
גאַנצען אידישען אימיגראַנטען־כלל. ו ו י י נ ש ט י י ן'ס טעטיגקייטען האָ־
בען זיך ספּעציעל אָנגעזעהן.

אידישע פּעינטער־גרופּעס זיינען געווען דער אוואַנגאַרד. אויף זייער
רוקען איז דער קאַמף געוואָרען אויסגעפאָכטען. מ'האָט ניט געוואָלט
אַריינלאָזען קיין אידישע אימיגראַנטען אין די טרעידס, און זיי זיינען
אַריין. מיט געשלעגען אַריין; מיט פאַרכאַפּען פּאָזיציעס. ס'איז גע־
ווען זעלבסטשוץ. אַ ווידערשטאַנד מיט'ן זעלבען געווער וואָס די אָנגריי־
פער האָבען אָנגעווענדעט. מ'האָט געבויט יוניאָנס פון אידישע אַרביי־
טער. ס'איז ניט געווען קיין סעפּעראַטיזם. היבשע טויזענדער ניט־אָר־
גאַניזירטע האָבען זיך אָנגעקליבען. זיי האָבען געקלאַפּט אין די טירען פון
דער אַמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג. אויסמישען זיך מיט די אַנדערע
נאַציאָנאַליטעטען־גרופּעס אויב מעגליך, אויב דערלאָזבאַר, אויב ערלויב־
ניש ווערט געגעבען; זיין באַזונדער אויב נויטיג, אויב קיין אַנדער
ברירה איז ניטאָ; אַזוי צי אַנדערש, מיט דער אַמעריקאַנער ארבייטער
באַוועגונג זאָל מען זיין פאַרבונדען; דאָס איז געווען דער הערשענדער
געדאַנק. די אָפיציעלע מענשען פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג
פון יענער צייט האָבען די אימיגראַנטען־גרופּעס וועלכע האָבען זיך גע־

שפּאָרט אין די בוי־פאַכען ניט געקענט פאַרשטעהן, פּונקט אזוי ווי די אָפיציעלע מענשען פון דער ארבייטער באוועגונג האָבען זיי ניט געקענט פאַרשטעהן. אנדערע ערקלעהרונגען קענען זיין פאַר די אָפיציעלע מענשען פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג און אנדערע ערקלעהרונגען קענען זיין פאַר די אָפיציעלע מענשען פון דער אמעריקאנער ארבייטער באַוועגונג; דער רעזולטאַט איז געווען דערזעלבער: די אימיגראַנטען־גרופּעס אין די בוי־פאַכען האָבען געפיהרט זייער קאַמף איינזאַם. עס זיינען אָבער געווען אויסנאַמעס: סעמועל גאָמפּערס, און די נאָהענטע צו איהם, אין דער אַמעריקען פעדערייששאָן אָוו לייבאָר; ב. וויינשטיין, פון אָנהויב נאָר אַליין, אין די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. זיי האָבען פאַרשטאַנען די אימיגראַנטען־גרופּעס פון די בוי־פאַכען; פאַרשטאַנען זיי, און זיך אינטערעסירט מיט זיי.

זיין „מצוה־שטאַנדפּונקט” — אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דער ארבייטער באוועגונג דאַרף מיטגעהאָלפען ווערען לשם מצוה—האָט וויינשטיינ׳ען געבראַכט צו די פאַרזאַמלונגען פון די אימיגראַנטען־גרופּעס אין די בוי־פאַכען, צי מ׳האָט איהם געלאַדען, צי ניט. די אימיגראַנטען־גרופּעס האָבען זיך גענויטיגט אין כאָטש אביסעל אָפיציעלע אנערקענונג; האָט ב. וויינשטיין אַמאָל מיט געשריי, אַמאָל מיט תחנונים, „געריסען די הימלען” פון דער אָפיציאַליטעט פון אידישען טרייד־יוניאָניזם, מ׳זאָל די אימיגראַנטען־גרופּעס פון די בוי־פאַכען אַן אָפיציעלען שטעמפּעל געבען. ער האָט אויסגעפיהרט. מ׳האָט די אידישע יוניאָנס פון די בוי־פאַכען צוגעלאָזען צו די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

וויינשטיין האָט אויך אויסגעפיהרט ביי טאָן־געבערס אין דער א מ ע ר י ק א נ ע ר ארבייטער באוועגונג. ווידער, זיין צדקות האָט געווירקט.

א סצענע אינ׳ם אָפיס פון יו. פרעיני, פאָרשטעהער פון דער אמעריקען פעדערייששאָן אָוו לייבאָר אין ניו יארק, אַן אָפיס אויף דער בויערי, א טונקעלער צימער אין אַן אַלטער געביידע:

פרעיני איז באַשטימט געוואָרען פון סעמועל גאָמפּערס׳ען אויסצוהערען די אנקלאַגעס פון די אימיגראַנטען־גרופּעס אויף די עקזיסטירענדע יוניאָנס. מיט פרעיני׳ן איז אויך געווען א פאָרשטעהער פונ׳ם ניו יאָרקער „בילדינג טריידס קאונסיל” (א פאַרבאַנד פון אַלע יוניאָנס אין די בוי־פאַכען). דאָס איז געווען אין יאָהר 1911. ב. וויינשטיין האָט אַהין געבראַכט מ. גאַפּט און דעם שרייבער פון די שורות, אַלס פאָרשטעהער פון

די אידיש־אימיגראַנטישע יוניאָנס פון די פּעינטער. מיר זײַנען ניט נאָר געווען אָנקלעגער, נאָר אויך אָנגעקלאָגטע. דער „ווערדזש־סקעיל" (די באַשטימטע סומע שכירות) פון די אַמעריקאַנער און דײַטשע פּעינטער איז געווען פינף דאָלאַר א טאָג; פון די אידישע אימיגראַנטען — דרײַ דאָלאַר מיט אכט־און־צוואַנציג סענט אַ טאָג. אגב אורחא — איצט איז צוועלף דאָלאַר אַ טאָג. די אַמעריקאַנער און די דײַטשען האָבען צו די אידישע אימיגראַנטען געהאַט אַ טענה — מיר האַלטען דעם לעבענס־סטאַנדאַרד נידעריג און מיר טוען זײ שאָדען. מ. גאָמפּ, מיט פעהיגקײַטען צו ווערען אַ פיהרער, דערבײַ מיט קענטשאַפט אין טרעיד־ענינים, אויך מיט אָנגעקליבענע ביטערקייט אויף דער ניו יארקער „בראָדערהוד אָוו פּעינטערס" (די אָרגאַניזאציע פון די אַמעריקאַנער און דײַטשע פּעינ־טערס), האָט זיך פאַרמאָסטען צו באַווייזען אַז די פינף דאָלאַר אַ טאָג פון די אַמעריקאַנער און די דײַטשען איז נאָר אין דער „טעאָריע"; מ'קריגט עס ניט. מען ארבייט פאַר ווייניגער. די יוניאַן זייערע פּאַסט ניט אויף, קאָנטראָלירט ניט. די דרײַ דאָלאַר מיט אכט־און־צוואַנציג סענט אַ טאָג פון די אידישע אימיגראַנטען איז פעסטגעשטעלט. דער שטאַנדפּונקט פונ'ם שרייבער פון די שורות איז געווען אַן אַנדער טענה: — איהר אַמע־ריקאַנער פאַרשפּאַרט אונז פריהער אין אַ געטאָ, און נאָכדעם שרייט איהר אַז אונזערע טרייד־יוניאָן־השגות זײַנען קלײנע! דער קלײנער חלק טרעיד וואָס איז אריין אין אונזערע הענט (אָלטערײשאָן פּעינטערס — איבער־פאַרבען אַלטע הײַזער) קען פּשוט ניט אויסטראָגען אַ שווערערע וואָג שכירות! די דרײַ דאָלאַר מיט אַכט־און־צוואַנציג סענט אַ טאָג איז צו־געפּאַסט צו דער ווירקליכקייט אינ'ם חלק טרעיד וואָס איז אונז צוגע־טײלט געוואָרען! אונזערע אַרגומענטען האָבען ניט געהאַט קיין ווירקונג. ב. ווײַנשטײַן, אונזער מורה דרך, האָט געקוואָלען וואָס ער האָט געפונען אין די אימיגראַנטען־גרופּעס פון די בוי־פאַכען יונגע־לייט וואָס קענען פאַרטיידיגען אַ שטאַנדפּונקט. ער איז אונז געפאַלען אויף די העלזער. א פאָטערליכע באַציהונג צו אונז ארויסגעוויזען. און טאַקע מיט דעם גופא אַרגומענטירט פאַר די צוויי פאַרשטעהער פון דער אַמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג. ער האָט גערעדט וועגען יונגע אימיגראַנטען, וועגען אַ נייעם טיפּ אימיגראַנט, וועגען דעם וואָס עס טוט זיך אין די אימי־גראַנטען־קוואַרטאַלען: די פאַרשידענע באַוועגונגען, דאָס זוכען גײַסטיג־קייט אין אַלץ, די נשמה'דיגקייט וואָס די אידישע אימיגראַנטען ברענגען אַריין אין טרייד־יוניאָניזם, דער הײליגער ציטער וואָס שוועבט איבער הונדערטע און הונדערטע פאַרזאַמלונגען וואָך־אײַן, וואָך־אויס. מיט אַ זעל־

טענע מתיקות האט וויינשטיין גערעדט; גלאט דערצעהלט די „גוי'אים" וואס די „אידען" זיינען. ער האט דאן גערויכערט סיגארעטלאך, אליין זיי אויפמאכענדיג: געלעגט טאבאק אין פאפיראס־פאפיר, געוויקעלט מיט די פינגער און געקלעפט מיט די ליפען, פאררויכערט, און גערעדט. די צווי פארשטעהער פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג זיינען גע־זעסען מיט א זעלטענער אויפמערקזאמקייט צו איהם, זיינען פון די רייד זיינע פארשלונגען געווארען. זיי האבען נאכדעם געזאגט — „בארני וויינ־שטיין, איהר זייט א רעליגיעזער טרייד־יוניאניסט; איהר פיהרט א רעלי־גיעזע טרייד יוניאן באוועגונג; מיר וועלען אייך העלפען"...

וויינשטיין'ס רעליגיעזיטעט, זיין ארבייטער־פרומקייט, סאציאליס־טישע פרומקייט, רופט עס נאאיוויטעט, אויב איהר ווילט, אבער הייליגע נאאיוויטעט, האט זיך אויך דעמאנסטרירט ביי אן אנדער געלעגענהייט, אין א צוזאמענקונפט מיט אמעריקאנער ארבייטער פיהרער.

קארל לעגיען איז געקומען קיין אמעריקא. דאן איינער פון די הויפט־פיהרער פון דער סאציאל דעמאקראטישער פארטיי אין דייטשלאנד און די קאפ פון דער געווערקשאפטליכער באוועגונג אין דייטשלאנד, דער העכסטער בעאמטער אין דייטשען געווערקשאפטס־בונד, איז ער געקומען אלס גאסט צו באקוקען די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. ער איז דא געוועזן דער גאסט פון דער דאן וואקסענדער סאציאליסטישער פארטיי און דער גאסט פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר. סעמועל גאמפערס האט באשטימט א קאמיטע פון אמעריקאנער ארבייטער פיהרער צו באגעגענען קארל לעגיען ביי דער שיף. צווישען אנדערע אין דער קא־מיטע זיינען געווען יו. פרעיני, דזשים האלאנד, האננא, לינטש, אלע פא־ליטיש פארבונדען מיט דער דעמאקראטישער פארטיי. די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האט אויך געוועהלט א קאמיטע צו געהן צו דער שיף: ס. עפשטיין, ר. גוסקין, דזש. גאלדשטיין, דער שרייבער פון די שורות, און ב. וויינשטיין. נו, ווי קען מען געהן באגעגענען קארל לעגיען ביים שיף מיט ליידיגע הענט? האט ב. וויינשטיין מיטגענומען די געווערקשאפטען־פאהן, א רויטע סאציאליסטישע פאהן. די שיף איז אנ־געקומען אין האבאקען. ביי דער „גרענד סטריט קאר" צו דער „פערי" אויף צו פאהרען קיין האבאקען, האבען מיר געהאט טראבעל מיט'ן קאנ־דוקטאר. ער האט ניט געוואלט ארויפלאזען וויינשטיינ'ען מיט דער פאהן. וויינשטיין, א הויכער, די פאהן העכער פון איהם, האט דער קאנדוקטאר גע'טענה'ט אז די קאר וועט צושפארט ווערען. מיר האבען גע'פסק'ענט,

אַז ער איז אַן „אַנטיסעמיט”. מיר האָבען אויף גרענד סטריט געמאַכט אַ טרעוואָגע; פּשוט, זיך געקריגט מיט אַלע קאָנדוקטאָרען. פאַרבייגעהער האָבען זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז געוואָרען אַ רעדעל מענשען. ס'איז געווען אין דער פריה. פון אַרומיגע גאַסען האָבען אָנגעהויבען קומען בעקערס. דערהערט אַזאַ זאַך: מ'וויל ניט אַרויפלאָזען אויף אַ קאַר וויינשטיינ'ען מיט דער רויטער פאָהן, האָבען זיי זיך געשטעלט אויף די „טרעקס” (רעלסען) — אָהן וויינשטיינ'ען מיט דער רויטער פאָהן, וועט די קאַר אינגאַנצען ניט פאָהרען; סאַידען, די קאַר וועט זיי, די בעקערס, פריהער אַריבערפאָהרען. מיר האָבען געזיגט; און שפּעטער איז וויינשטיין געשטאַנען מיט אַ פאַנאַנדערגעוויקעלטע רויטע פאָהן ביים האַפען אין האָבאָקען, ערוואַרטענדיג לעגיען'ען. די אַמעריקאַנער אַרבייטער פיהרער זיינען צוגעקומען צו וויינשטיינ'ען: באַגריסט איהם. ער האָט זיי דערצעהלט ווי די בעקער האָבען געראַטעוועט דעם „רויטען שלום עליכם” פאַר לעגיענ'ען אויף דער אַמעריקאַנער ערד. די אַמעריקאַנער אַרבייטער האָבען זיך פאַרשעמט וואָס זיי זיינען געקומען מיט לעדיגע הענט. פרעיני איז אַוועקגעלאָפען קריגען בלומען. ווען לעגיען איז אַראָפּ פון דער שיף, איז איהם פרעיני אַנטקעגען־געקומען מיט די בלומען און וויינשטיין האָט פאַר איהם געהאַלטען אין איין פאַנאַנדערוויקלען די רויטע פאָהן. לעגיען האָט די פאָהן אַ גלעט־געטאָן. וויינשטיין'ס פּנים האָט געשטראַהלט פון נחת. פון גרויס יום־טוב'דיגקייט, האָט ער געשריען צו לעגיען'ען אויף הויכע קולות, אָנווייזענדיג אויף די אַמעריקאַנער אַרבייטער פיהרער — „זיי זיינען ניט קיין גנאָסען, אָבער זיי זיינען אָל־רייט”...

אַלע מחלוקות'ען וואָס דער אידישער טרייד־יוניאָניזם האָט געהאַט מיט'ן אַמעריקאַנישען טרייד־יוניאָניזם האָט וויינשטיין פאַרנומען מיט אַ שאַרפען וועהטאָג. אונזער סאָציאַליזם איז געווען אַ הויפּט־פּונקט אין די מחלוקת'ן, און וויינשטיין וואָלט אודאי געוואָלט זעהן אַלע אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָניסטען אין סאָציאַליסטישען לאַגער; אָבער אַן אַרבייטער באַוועגונג בילדען זיי דאָך, פאַרוואָס קוקען אויף זיי ווי אויף פרעמדע?... דאָס איז געווען זיין קוק — אַ קוק פון אַן אמת פרומען אידען אויף אידען, וועלכע היטען ניט קיין אידישקייט — „אידען זיינען זיי דאָך”!... וויינשטיין'ס אַן אויסגעשריי ווען מען רעדט וועגען קאָנסערוואַטיווע אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָניסטען איז אָפט: „זיי האַלטען דאָך מיט די אַרבייטער!”...

דאָס איז זיין כאַראַקטער־שטריך — פּרומקייט, עס איז דער הויפּט־שטריך אין זיין לעבען, אייגענטליך, די קראַפט וואָס באַוועגט זיין לעבען.

טאָג־איין, טאָג־אויס, קומט ער איצט אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס"; לעגט אַוועק זיין שטעקען און הענגט אויף זיין הוט אויף דער זייט אויף זיין דעסק; איצט, שוין אין די זעכציגער יאָהרען; און מיט אַ נחת אויפ'ן פּנים, זעצט ער זיך שרייבען נאָטיצען, מעלדונגען: יוניאָנס האָבען מיטינגען. די דראַיווערס האָבען אַ פאַרזאַמלונג היינט; די בעקער — מאָרגען; די בעקער, די שניידער, די קלאוק מאַכער, די אָפּהאָלסטערער, די קלינערס און דאַיערס, לעדער־אַרבייטער, מואַווי־אַרבייטער — וועד ניט? מיטינגען, מיטינגען, מיטינגען — זיין פּעדער שרייבט זיך ניט אויס; זיין האַרץ ווערט ניט טרוקען; ווי ער האָט גערעדט צו אַרבייטער מיט זיבעציג־און־פערציג יאָהר צוריק, אַזוי רעדט ער היינט — זיין גלויבען רעדט, זיין פרומקייט רעדט...

יולי, 1929. ה. לאַנג.

ב. ווײַנשטײן

# די אידישע יוניאָנס אין אַמעריקא

# די ערשטע אידישע אימיגראַציע אין די פאַראייניגטע שטאַאטען.

די ערשטע זיבען־און־צוואַנציג אידען, וואָס זיינען געקומען אין ניו יאָרק אין דעם 17־טען יאָהרהונדערט. — ווען ניו יאָרק איז נאָך געווען ניו־אַמסטערדאַם. — די אידישע אימיגראַציע פון דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן און פוילען. — דער אָנפאַנג פון דער אידישער מאַסען־אימיגראַציע פון רוסלאַנד און ליטע אין די אַכציגער יאָהרען פון 19־טען יאָהרהונדערט. — די ערשטע אידישע פעדלער און די ערשטע אידישע באַלמעלאָכעס און פאַבריקאַנטען אין אַמעריקאַ. — וואָס די ערשטע אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד האָבען איבערגעלעבט די ערשטע צייט אין אַמעריקאַ. — ווי אַזוי אידען זיינען אריין אין די נאָדעל־אינדוסטריען.

די אידישע אימיגראַציע אין די פאַראייניגטע שטאַאטען איז שוין אַלט איבער צוויי־הונדערט־און־פופציג יאָהר. די ערשטע אידישע אימיגראַנטען זיינען אָנגעקומען אין אַמעריקא נאָך אין 17־טען יאָהרהונדערט. דאָס איז געווען דעם 16־טען סעפּטעמבער פון יאָהר 1654. מיט צעהן יאָהר פריהער, איידער די ענגלישע רעגירונג האָט פאַרכאַפּט הענדריק האָדסאָנ׳ס ניי־געפונענע טעריטאָריע, איז צום ברעג ים פון דער האָלענדישער קאָלאָניע, נ י ו ־ א מ ס ט ע ר ד א ם, דאָס שפּעטערדיגע ניו יארק, צוגעפאָהרען א גרויסע זעגעל־שיף מיט׳ן נאָמען „סענט־קאַטערינא״, וועלכע איז אָנגעקומען פון בראַזיליען. צווישען די פּאַסאַזשירען פון יענער שיף זיינען געווען זיבען־און־צוואַנציג פּאָרטוגעזישע אידען, וועלכע זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער געבורטס־לאַנד פון דער דאַמאַלסדיגער אינקוויזיציע. יענע אומגליקליכע אידישע עמיגראַנטען זיינען צוערשט אנטלאָפען פון פּאָרטוגאַל קיין בראַזיליען, וועלכע האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די האָלענדער. מיט איינינע יאָהר שפּעטער אָבער איז בראַזיליען אַרונטערגעפאַלען אונטער דער הערשאַפט פון פּאָרטוגאַל און די דאָרטיגע אידען האָבען דעריבער אויך פון בראַזיליען געמוזט אַנטלויפען וואוהין די אויגען האָבען זיי נאָר געטראָגען. א טייל פון זיי זיינען אַוועק נאָך האָלאַנד אויף פאַרשידענע שיפען. זיבען־און־צוואַנציג אידען אָבער, וועלכע זיינען אויפ׳ן וועג אַרויף אויף דער שיף סענט־קאַטערינא, זיינען

צוזאמען מיט די איבעריגע פּאסאזשירען געבראכט געוואָרען קיין ניו אמ־סטערדאם, די איצטיגע ניו יאָרק.

ניו יאָרק איז דאמאלסט נאָך געוועזן א קליין שטעדטעל, וואס איז באשטאַנען פון עטליכע צעהנדליג הייזער, מעהרסטענס הילצערנע. אין גאַנץ ניו יאָרק זיינען דאמאלסט געוועזן בלויז צוויי גרעסערע מויערען. אין איינעם פון זיי האָבען זיך געפונען די געשעפטען, וועלכע האָבען געהערט צו דער „וועסט־אינדיען קאָמפּאני". אין דעם צווייטען איז געוועזן א האָ־טעל. ניט ווייט פון דאָרט איז געשטאַנען א הויכער ווינט־מיהל און ביים ברעג ים האָט זיך געפונען א פעסטונג, אויף וועלכער עס האָט געפלאַטערט די האָלענדישע פאָהן.

די זיבען־און־צוואַנציג ערשטע אידישע אימיגראַנטען זיינען געוועזן אַזוי אָרעם, אז זיי האָבען ניט געהאט מיט וואָס צו באצאָהלען פאר זייער רייזע. און ווען דער קאפּיטאַן פון דער שיף האָט באריכטעט צו די בעאמטע, אז די אידישע עמיגראַנטען האָבען ניט באצאָהלט דאָס געלט פאר זייערע שיפס־קארטעס, האָבען די בעאמטע גע׳פּסק׳ענט, אז מען זאָל זיי ארונ־טערלאָזען פון שיף, נאָר צוויי פון זיי זאָלען געהאַלטען ווערען אלס לע־בעדיגע משכנות, ביז די איבעריגע וועלען איינצאָהלען גאָר דאָס געלט פאר אלע זיבען־און־צוואַנציג. ערשט אין עטליכע מאָנאַטען ארום, ווען די אימיגראַנטען האָבען באקומען פון האָלאַנד צוגעשיקט דאָס געלט און זיי האָבען עס איינגעצאָהלט צו די בעאַמטע זיינען די צוויי ארעסטירטע אידען באפרייט געוואָרען.

די שטאָט ניו־אמסטערדאם איז דאמאלסט רעגירט געוואָרען פון דער האָלענדישער געזעלשאַפט, די „וועסט־אינדיען קאָמפּאַני". די דירעקטאָרען פון דער דאָזיגער קאָמפּאַני האָבען אַליין געוואוינט אין האָלאַנד און זיי פלעגען באשטימען א גובערנאַטאָר פאר ניו־אמסטערדאם. ווען די ערש־טע אידישע אימיגראַנטען זיינען אָנגעקומען אין ניו אַמסטערדאם איז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון דער שטאָדט געוועזן פּ י ט ע ר ס ט ו י־ו ו ע ס ע נ ט. אין דער געשיכטע פון ניו יאָרק ווערט דערצעהלט, אז אין א יאָהר אַרום ווי די אידען זיינען אָנגעקומען אין ניו־אמסטערדאם, האָבען זיי זיך געווענדעט צום גובערנאַטאָר מיט א בקשה, אז ער זאָל זיי באַווי־ליגען א שטיקעל פעלד פאר א אידישען בית־עולם. דער גובערנאַטאָר האָט אויף דעם געענטפערט, אז דערוויי ל נויטיגען זיך דאָך די אידען ניט אין א בית־עולם. אין צוויי יאָהר אַרום אָבער, אין יאָהר 1656, ווען דער ערשטער איד איז געשטאָרבען, האָט די רעגירונג זיי באַוויליגט א שטיקעל ערד פאר א בית־עולם, וועלכער עקזיסטירט נאָך עד־היום (אויף ניו־בויערי

לעבען אָליווער סטריט). איצט איז יענער געגענד אַ געדיכט־באַוואוינ־טער טייל פון דער ניו יאָרקער איסט סאַיד.

יענע ערשטע אידען האָבען זיך פאַרנומען מיט פעדלעריי און האָ־בען געמאַכט אַן אָרעמען לעבען. ווען די ענגלישע רעגירונג האָט אין יאָהר 1664 פאַרנומען ניו־אַמסטערדאַם און עס אַ נאָמען געגעבען נ י ו - י אָ ר ק, האָט זיך די ערשטע צייט די לאַגע פון די אידען ניט געענדערט אויף אַ האָר. שפּעטער אָבער האָבען די אידישע אימיגראַנטען, אונטער דער ענגלישער הערשאַפט, געקראָגען אביסעל מעהר פרייהייט. מען האָט זיי, צום ביישפּיל, ערלויבט צו בויען אַ שול צום דאַווגען, אַ זאַך וואָס די האָלענדער האָבען זיי פריהער בשום אופן ניט געוואָלט ערלויבען. אַ טייל אידען האָבען זיך שוין דאַמאָלסט באַשעפטיגט ניט נאָר מיט האַנדעל און פעדלעריי נאָר אויך מיט פאַרשידענע מלאכות. איינציגע אידען פלעגען אָפּ־קויפען ביי די אינדיאַנער רויהע פעל און פוטערוואַרג, אַנדערע אידען פלעגען דערביי אַרבייטען און די פאַרטיגע סחורה פלעגען זיי פאַרקויפען צו די איבעריגע איינוואוינער פון שטאָדט. פון דאַן אָן האָבען נאָך ניו־יאָרק און אַנדערע אַמעריקאַנער שטעדט גענומען אימיגרירען אַלץ מעהר און מעהר אידען פון פּאָרטוגאַל, שפּאַניען און שפּעטער אויך פון דייטש־לאַנד.

ביז'ן יאָהר 1848 האָבען אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען אימיגרירט נאָר איינצעלנע אידישע משפחות פון פאַרשידענע לענדער. אין יאָהר 1848 אָבער, זיינען אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך און אין אונגאַרן פאָרגע־קומען רעוואָלוציעס און נאָכדעם ווי די רעוואָלוציעס זיינען אונטערדריקט געוואָרען, האָבען אַ סך איינוואוינער פון די דאָזיגע לענדער אויסגעוואַנ־דערט קיין אַמעריקאַ. צווישען אָט די נייע איינוואַנדערער זיינען אויך געווען פילע אידען. אַרום און אַרום האָבען אין ניו יאָרק אין יאָהר 1848 שוין געוואוינט ביי אַ פופצען טויזענד אידען פון שפּאַניען, פּאָרטוגאַל און אויך פון דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן. פון רוסיש־פּוילען פלעגען אין יענע צייטען אָנקומען בלויז איינצעלנע אידען. דאָס זעלבע אויך פון ליטע. אידען פון זיד־רוסלאַנד האָט מען אין יענע יאָהרען זעלטען געקענט טרעפען אין אַמעריקאַ.

אין דער געשיכטע פון ניו יאָרק ווערט דערצעהלט, אַז אין יאָהר 1845 האָבען די דייטשע יהודים געעפענט אין ניו יאָרק די ערשטע אידישע רע־פאָרם־שול אויף דער איסט סאַיד, אין פריטץ האָטעל, אויפ'ן קאָרנער פון עלדרידזש און ברום סטריטס. אין קריסטיע סטריט האָבען די יהודים דאַן אָפּגעקויפט אַ קלויסטער און האָבען איהם איבערגעבויט פאַר אַ אידישען

רעפאָרם־טעמפעל. דער גאַנצער געגענד פון דער איצטיגער איסט־סאַיד פון ניו יאָרק איז דאַמאָלסט געווען באַוואוינט פון דייטשע (קריסטען און אידען) און אויך פון איירישע אימיגראַנטען. ערשט מיט יאָהרען שפּעטער האָבען די פּוילישע און ליטווישע אידען פון ניו יאָרק געשאַפען אַן אייגענע געטאָ. די ערשטע געטאָ איז געווען אויף באַיארד סטריט, לעבען מאַרקעט סטריט, אין דעם געגענד פון קריסטי סטריט און איסט בראָדוויי. אין גאַנצען האָבען אין דער געטאָ פון די רוסיש־פּוילישע און ליטווישע אידען געוואוינט דאַמאָלסט ניט מעהר ווי א פּאָר הונדערט אידישע משפּחות.

די ערשטע אידישע מאַסען־אימיגראַציע אין אמעריקאַ האָט זיך אנגעפאַנגען ערשט אין די אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, גלייך נאָך די פּאָגראָמען אין זיד־רוסלאַנד. (אין אדעס, יעליסאַוועטגראַד, באַלטע, קיעוו און אַנדערע שטעדט.) די ערשטע פּאַרטיע פון יענע רוסיש־אידישע אימיגראַנטען איז אָנגעקומען אין ניו יארק גלייך נאָך ראש השנה אין יאָהר 1881.

לויט די אויסרעכענונגען פון דעם „אמעריקען דזשואיש יאיר־בוק" זיינען אין משך פון דעם יאהר 1881 אנגעקומען קיין ניו יארק 5692 אידישע אימיגראַנטען. דער שרייבער פון דיזע שורות איז אָנגעקומען קיין ניו יארק אביסעל שפּעטער, אין מאָנאַט יוני פון יאָהר 1882 און ער האָט שוין דאַמאָלסט געטראָפען אויף דער ניו יארקער איסט סאַיד א נייע אידישע געטאָ, וואס די אימיגראַנטען פון זיד־רוסלאַנד האָבען נאָר וואס געשאַפען. דאָס איז געווען אין דעם געגענד פון עלען סטריט ביז סאָפאָלק סטריט און פון קאַנעל ביז גרענד סטריטס. די מעהרסטע נייע אריבערגעקומענע אידישע אימיגראַנטען פון זיד־רוסלאַנד האָבען געוואוינט דאָרטען צווישען די פּוילישע און דייטשע יהודים. איסט בראָדוויי איז שוין דעמאָלט ביז א געוויסען גראַד געווען אַ אידישע גאַס. דאָרטען האָבען געוואוינט אַ סך דייטשע יהודים און אביסעל פון די גאָר ערשטע פּוילישע אידען, וואס האָבען באַוויזען זיך אַרויפצואַרבייטען און, אַזוי צו זאָגען, אויסמישען זיך מיט די דייטשע יהודים. די מעהרסטע פון אָט די פּוילישע אידען זיינען אָנגעקומען אהער אין די זיבציגער יאהרען פון פאָריגען יאהר־הונדערט.

ווען דער שרייבער פון דיזע שורות איז אָנגעקומען אין אמעריקאַ, איז די גרעסטע צאָהל פון די דאַמאָלסדיגע אידישע ניו יאָרקער איינוואוינער באַשטאַנען פון פּעדלער. פּונקט ווי איצט, אזוי זיינען אויך דאַן געווען פאַרשידענע פּעדלער: הויז־פּעדלער, קאַסטימער־פּעדלער, פּושקאַרט־פּעדלער און קאַנטרי־פּעדלער. פילע גרינע אידען, וועלכע זיינען געקומען

מיט דער ערשטער גרויסער אימיגראַציע פון רוסלאַנד, האָבען זיך גלייך אַ נעם געטאָן צו פּעדלעריי. די גרינגסטע זאַך איז געווען צו ווערען אַ הויז־צו־הויז פּעדלער. פאַר דעם האָט זיך ניט געפאָדערט קיין גרויסער קאַפּיטאַל. מיט איין דאָלאַר קאַפּיטאַל האָט אַ איד דעמאָלט געקאָנט אַריינגעהן אין „ביזנעס”. ער האָט בלויז בעדאַרפט צוזאַמענקלאַפּען פון עטליכע דינע ברעטלאַך אַ פלאַכען הילצערנעם סטענדעל, צובינדען צו דעם אַ שטאַרקע שטריק, כדי צו קענען אָנטאָן דעם סטענדעל אויפ'ן האַלז. אַנדערע פלעגען אפילו דאָס אויך ניט האָבען. זיי פלעגען פּשוט קויפען אַ ביליגען פלאַכען בעסקעט, איינשאַפען זיך די סחורה און אַרומגעהן מיט דעם פון הויז צו הויז פאַרקויפען עס. די סחורה איז מעהרסטענס באַשטאַנען דאַן פון שפּילקעס, שוך־בענדלאַך, האָר־קאַמען, זאָקען־בענדלאַך און אַ פּאָר שטיקלאַך שמעקעדיגע זייף. אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער „סטאַק” פון אַן אַמאָליגען אידישען פּעדלער. קיין ספּעציעלע לייסענס (פּאַטענט) פון דער שטאָדט האָט אַ פּעדלער דעמאָלט ניט נויטיג געהאַט. דאָס הייסט לויט דעם געזעץ האָט מען גראָד יאָ בעדאַרפט האָבען אַן ערלויבניש פון דער שטאָדט־רעגירונג צו פּעדלען, אָבער די פּאָליציי האָט ווייניג אויפגעפּאַסט אויף דעם. ערשט שפּעטער, ווען דער פּעדלער פלעגט שוין פאַרמאָגען עטליכע דאָלער קאַפּיטאַל, פלעגט ער אַוועקגעהן אין סיטי־האָל און פלעגט פאַר אַ גאַנץ קליינער סומע אַרויסנעמען דעם נויטיגען „פּאַטענט”. די אַלע אויסקינפטען ווי אַזוי אַריינצוגעהן אין ביזנעס פלעגט דער גרינער איד באַקומען אין די גרויסע געשעפטען, וואָס פלעגען פאַרקויפען די סחורה צו די פּעדלער, אין די אַזוי־גערופענע „סופּלאַי־סטאָרס”. כמעט אַלע „סופּלאַי־סטאָרס” האָבען זיך צו יענער צייט געפונען אויף אָרטשאַרד סטריט. די אייגענטימער פון יענע געשעפטען זיינען מערסטענס אַליין אויך געווען געוועזענע פּעדלער און זיי פלעגען זיך באַריהמען פאַר די גרינע אידען, ווי אַזוי זיי האָבען אָנגעפאַנגען דאָ אַלס אָרעמע פּעדלערס און אַרויפגעאַרבייט זיך אויף אַ גרויסען געשעפט.

דער הויז־פּעדלער פלעגט אַרומגעהן פון טיר צו טיר, פלעגט אנקלאַפּען און וואַרטען, אז מען זאָל איהם עפענען. זעהר אָפט פלעגט טרעפען, אז אַן איירישמאַן, אדער אַ דייטשע גויע פלעגט דעם אידישען „ביזנעסמאַן” גוט אָנברעכען די ביינער, אדער אַרונטערשליידערען פון די טרעפּ דערפאַר, וואָס ער וואַגט זיי צו בעאונרוהיגען. און מען דאַרף זאָגען דעם אמת, די פּעדלער פלעגען טאַקע אין יענע יאָהרען אַלעמען דערגעהן די יאָהרען. אַלע ווייַלע פלעגט אנאַנדער פּעדלער אָנקלאַפּען אין טיר. דערפון נעמען זיך דאָס די אויפשריפטען, וועלכע מען זעהט נאָך

היינט אויך אין פילע הייזער: „נאָ פּעדלערס אַלאוד” (קיין פּעדלער איז ניט ערלויבט אַריינצוגעהן). א פּעדלער וואס פלעגט דעמאָלט פּאַרדינען פערציג סענט א טאָג האָט זיך גערעכענט פאר אַן ערפאָלגרייכען „ביזנעססמאַן”. די מעהר געדולדיגע און פעהיגערע פון דיזע הויז־פּעדלערס פלעגען זיך אין פארלויף פון א קורצער צייט ארויפארבייטען און פלעגען ווערען קאַסטימער־פּעדלער. זיי פלעגען שוין פארקויפען סחורות און פארשידענע אַרטיקלען אויף אויסצוצאָהלען צו באַשטימטע קונדען.

די מעהרסטע אידישע קאַסטימער־פּעדלער, וועלכע איך האָב געטראָפען קומענדיג קיין אמעריקא זיינען געווען דייטשע אידען, וואס האָבען געמאכט גאנץ גוטע געשעפטען. ערשט שפּעטער זיינען אין די זעלבע ביזנעס אריין די פּוילישע און די ליטווישע אידען. די מעהרסטע אייגענטימער פון די איצטיגע גרויסע געשעפטען אויף בראָדוויי און פינפטע עוועניו זיינען דאָס די קינדער אָדער די אייניקלעך פון די אמאָליגע אידישע קאַסטימער פּעדלער, וועלכע זיינען אָנגעקומען אהער פריהער פון דייטשלאַנד, דערנאָך פון פּוילען, פון ליטע און פון רוסלאַנד.

די אמאָליגע ניו־יארק פון די יאהרען, ווען איך בין אָנגעקומען אהער, האָט אויסגעקוקט גאָר אנדערש ווי די היינטיגע. היינט הערט מען אויף די גאַסען און אפילו אין די הייזער דעם גערויש און גערודער פון די סאָבוועיס, עלעווייטעדס און אָטאָמאָבילען. דעמאָלט פלעגט די לופט פארקלונגען ווערען פון די געשרייען פון צעהנדליגע טויזענדער פּעדלערס. עס זיינען געווען פיש־פּעדלערס און פּרוכט־פּעדלערס, גאַלאַנטעריי־פּעדלערס און ברויט פּעדלערס. עס איז ניט געווען קיין איין פּראָדוקט אָדער סחורה מיט וועלכער מענשען זיינען אין יענע יאהרען ניט ארומגעגאַנגען איבער די גאַסען און געפּעדלעט. יעדער פּעדלער האָט זיך געהאַט זיין אייגענארטיגען נגון און אויסגעשריי. דאָס הייסט, ניט יעדער פּעדלער אינדיווידועל, נאָר יעדער „פּאַך”, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, יעדע גרופּע פּעדלערס. די פיש פּעדלער, צום ביישפּיל, האָבען געבלאָזען א האָרן, דריי לאַנגע בלאָזען און איין קורצען און אָפּגעהאַקטען, נאָכדעם פלעגט דער פיש־פּעדלער אויסשרייען מיט א קוויטשיגען קול אָדער ער פלעגט בילען ווי א הונט. די גלאָז־פּעדלערס האָבען געהאַט גאָר אַן אנדער אויסגעשריי. אזוי ווי די מעהרסטע גלעזער זיינען געווען אַלטע אָרטאָדאָקסישע אידען פלעגען זיי אויסרופען זייער סחורה מיט א יעלהנגון, דאָס הייסט מיט אַן אומעטיגען, וויינענדיגען טאָן. די פּעדלער מיט בלעכענע אדער קופּערנע געשיר פלעגען ניט נאָר הויך אויפ׳ן קול אויס־

שרייען זייער סחורה, נאָר זיי פלעגען דערצו נאָך אויך קלאַפען אין די טאַצען אדער אין די טעפ מיט אַזא קראַפט, אַז אפילו טויטע האָבען זיך געקענט אויפכאַפען. די מעסער־שאַרפער פלעגען קלינגען מיט א גלאָק און אָפט מאָל מיט צוויי גלעקער. דער מילך־פעדלער פלעגט האָבען א מאָדנעם אויסגעשריי — „יאאיק, יאאיק”, וואס פלעגט זיך הערען יעדען פריהמאָרגען און פלעגט דינען אלס א וועק־זייגער פאַר די יעניגע, וואָס האָבען געדאַרפט אויפשטעהן פאַרטאָג צו דער אַרבייט.

פילע בירגער פלעגען פראָטעסטירען געגען דעם וואָס די פעדלער שטערען זייער רוה. זיי פלעגען ברענגען קלאַגעס צו דער פאָליציי, אָבער דאָס האָט זיי ווייניג געהאָלפען. א סך איינוואוינער פון דער איסט־סאיד האָבען זיך דעריבער גענומען ארויסקלייבען ווייטער פון צענטער פון שטאָדט, אין די פאָרשטעדטלאך. שפעטער אביסעל האָבען אָבער די פעדלער אָנגעפאַנגען ארונטערצוקומען אויך אין די פאָרשטעדטלאך. זיי זיינען געוועזן אומעטום און האָבען געמאכט ניט קיין שלעכטע געשעפטען, ווייל זיי פלעגען טאַקע פאַרקויפען אַלעס פאַר קלענערע פרייזען, ווי מען האָט בעדאַרפט באַצאָהלען פאר דעם אין די געוועהנליכע געשעפטען.

פאַרשטעהט זיך, ניט אַלע פעדלער זיינען געוועזן אידען. עס זיינען צווישען די פעדלער דאן געוועזן אויך אַ סך קריסטען פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטען. אָבער בעת די ניט־אידען, וואס פלעגען קומען אין אמעריקא, פלעגען זיך נעמען אויך צו אַנדערע באַשעפטיגונגען, פלעגען די מעהרסטע אַריבערגעקומענע אידען די ערשטע צייט נעמען זיך צו פעדלעריי. די זעלבע ערשיינונג באַמערקט מען איצט אויך אין מעקסיקא, אין קיובאַ, אין בראזיליען און אין די אַנדערע לענדער פון זיד־אמעריקא, וואו עס האָבען די לעצטע יאָהרען איינגעוואַנדערט א היבשע צאָהל אידען.

ניט אַלע אידען אָבער זיינען געוועזן פעדלער. נאָך פאַר דער גרויסער אימיגראציע פון די יאהרען 1881־1882, איז שוין אין אמעריקא געוועזן אַ היבשע צאָהל אידען בעל מלאכות און פאַבריק־ארבייטער. צווישען די נייע אימיגראַנטען, וואָס זיינען אָנגעקומען אַהער אין די אכציגער יאָהרען, איז אויך געוועזן א היבשע צאָהל בעל מלאכות פון דער היים. עס זיינען צווישען זיי אויך געוועזן פילע אינטעליגענטע יונגע לייט, היימישע אידעאַליסטען, וואס זיינען ארויסגעפאָהרען פון דער היים מיט'ן געדאַנק צו גרינדען דאָ אין אמעריקא קאָמוניסטישע קאָלאָניעס און פארנעמען זיך מיט ערד־אַרבייט. אזוי אָבער ווי פון די קאָלאָניעס האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזען, זיינען די מעהרסטע פון זיי אָנגעקומען ארבייטען אין די שע־

פער און פאבריקען. ווערען פעדלער אין אמעריקא האט קיינער פון זיי קיין חשק ניט געהאט. די גרעסטע צאהל פון די נייע־אנגעקומענע אידישע אימיגראנטען האבען דא ניט געהאט קיין קרובים און לאנדסלייט צו ווע־מען אריינצופאהרען. די מעהרסטע אימיגראנטען האבען, ארונטערקומענדיג פון שיף, אפט ניט געהאט גענוג געלט אפילו אויף צו דינגען א דירה, וואו איבערצונעכטיגען. דערפאר האט די „היברו אייד סאסייעטי אוו ניו יארק" (די ארגאניזאציע וואס האט זיך אפגעגעבען מיט העלפען די „גרינע" אידישע אימיגראנטען) גע'פועל'ט, אז מען זאל די „גרינע" לאזען זיך אויפהאלטען אין „קעסטל גארדען". (איצט געפינט זיך דארט דער אקוואריום.) די אימיגראנטען פלעגען דאן אנקומען דורכ'ן „קעסטל גאר־דען" און ניט דורך עלים איילענד, ווי איצט.

דער קאמיטעט פון די היגע רייכע יהודים פלעגט אויסטיילען צווישען די אימיגראנטען א פאר מאל אין טאג פרייע בילעטען, פאר וועלכע מען פלעגט קענען באקומען עטליכע „סענדוויטשעס" פון ברויט מיט ווארשט. דער אפיס פון קאמיטעט האט זיך דאן געפונען פונקט אנטקעגען קעסטל־גארדען אין א גרויסען קעלער. דארט פלעגט מען אויך אויסטיילען די אימיגראנטען אלטע קליידער. זעהר אפט פלעגט דער קאמיטעט אויך גע־פינען דזשאבס פאר די, וואס האבען געוואלט געהן ארבייטען.

גליקליך זיינען געווען די, וואס האבען געקענט א מלאכה פון דער היים. די שניידער, די סטאליארעס און אנדערע בעל מלאכות פלעגען גאנץ שנעל קריגען ערגעץ וואו ארבייט. כמעט יעדען טאג פלעגען קומען אין קעסטל־גארדען שניידער באלעבאטים זוכען דארט ארבייטער. אבער דער גרעסטער טייל פון די דאמאלסדיגע אידישע אימיגראנטען איז באשטא־נען פון ניט־ארבייטער. א חוץ דעם זיינען אלע פאבריקען דעמאלט געווען קריסטליכע, וואו מען האט גערעדט בלויז ענגליש. פלעגען די אימי־גראנטען זיין אנגעוויזען כמעט אויסשליסליך אויף דעם חסד פון די קא־מיטע־לייט, וואס האבען געהאט אייגענע פאבריקען. אט די קאמיטע־לייט און זייערע פריינט פלעגען ארויפנעמען די „גרינע" אימיגראנטען ארבייטען צו זיך אין די שעפער און דארט פלעגט מען זיי אויסלערנען א מלאכה. איינער פון די דאזיגע קאמיטע־לייט, צום ביישפיל, איז גע־ווען א געוויסער מר. שטאכעלבערג, א סיגאר־פאבריקאנט, וואס האט בא־שעפטיגט ביי זיך אין פאבריק א דריי, פיר הונדערט ארבייטער. א צוויי־טער מיטגליד פון קאמיטעט, א געוויסער ב ל א ך, האט געהאט א גרויסע בלעך־פאבריק. אויך ער פלעגט קומען נעמען „גרינע הענט" צו דער אר־

בייט. אזוינע אידישע פאַבריקאַנטען איז שוין דעמאָלט געווען א גאַנץ היבשע צאָהל און וואָס ווייטער איז זייער צאָהל אַלץ מעהר און מעהר גע־וואַקסען.

אין איין זאַך זיינען אַלע אימיגראַנטען פון יענע יאָהרען דאַן געווען גלייך. זיי זיינען אַלע געווען שרעקליכע קבצנים. ווען אייניגע פון זיי זיינען אַפילו ארויסגעפאָהרען מיט אַ ביסעל געלט פון דער היים, האָבען זיי עס אויך אויף זייער רייזע צו׳פּטר׳ט. די מעהרסטע אימיגראַנטען פלעגען זיך דעמאָלט מוזען מאַנאַטען־לאַנג וואַלגערען אין פאַרשידענע שטעדט פון גאַליציען און דייטשלאַנד, איידער זיי פלעגען אָנקומען אין אמעריקא. קיין פריינט און קיין קרובים האָבען זיי, ווי שוין געזאָגט, אויך ניט געהאַט. פלעגען די מעהרסטע פון זיי, אָנקומענדיג אין ניו יאָרק, זיין געצוואונגען צו זיצען אין „קעסטל־גאַרדען", ביים ברעג ים. דאָרטען איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער הויף און די דייטשע יהודים פון קאָמיטעט האָבע גע׳פּועל׳ט ביים קאָמישאָנער פון אימיגראַציע, אז מען זאָל לאָזען די „גרינע" אידען שלאָפען אויפ׳ן הויף פון קעסטל־גאַרדען, אָדער אויף די „באַרדזשעס", וואָס זיינען געשטאַנען דאָרט ביים ברעג ים.

פאַר די פרויען און קינדער פון די אימיגראַנטען האָבען די דייטשע יהודים פון קאָמיטעט געקראָגען אַ דירה אויפ׳ן אינזעל לעבען ניו יאָרק, וועלכער רופט זיך „וואָרדס־איילענד". (איצט געפינט זיך דאָרטען דער גרעסטער משוגעים־הויז פון די פאַראייניגטע שטאַאטען.) דאָרט פלעגט מען זיי געבען עסען און טרינקען.

איך געדענק, ווען איך בין נאָך אַלס גרינער געשלאָפען אין קעסטל־גאַרדען צוזאַמען מיט אַ גרויסער מאַסע אנדערע אידישע אימיגראַנטען, האָט איין נאַכט געגאָסען אַ שטאַרקער רעגען. עס איז אַפילו געווען זו־מער צייט, דאָך האָבען מיר די עלענדע אימיגראַנטען ניט געהאַט וואו אהינצוטאָן זיך פון רעגען. מען איז געלעגען, מען האָט זיך אויפגעזעצט און דער רעגען האָט געהאַלטען אין איין פליוכען אויף אונז און מיר האָ־בען זיך ניט געקענט העלפען. די עלטערע אידען, וואָס זיינען געווען מיט אונז, האָבען געשאָלטען די „גוט־הערציגע" מענשען, וואָס האָבען אונז אַראָפּגעבראַכט אין דער „גאָלדענער מדינה" אמעריקא, און האָבען באַ־וויינט זייער ביטערען שיקזאַל.

איך מיט מיינעם אַ חבר זיינען געלעגען אויף שמוציגע זעק. דאָס איז געווען דער באַגאַזש, וואָס מיר האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער

אַלטער היים. איצט זיינען אונזערע זעק שוין געווען שווארץ און נאַס. מיין חבר איז געקומען מיט זיינע עלטערן צוזאַמען. זיין מאַמע און זיינע צוויי שוועסטערלאַך האָט דער קאָמיטעט אוועקגעשיקט אויף וואַרדס־איי־לענד, וואו זיי האָבען געהאַט אַ דירה צו וואוינען. מיין חבר אָבער, צו־זאַמען מיט זיין טאַטען, האָבען „געוואוינט" אין קעסטל־גאַרדען.

איך געדענק ווי היינט, ווי אַזוי מיין חבר'ס טאַטע, אַ פרומער איד, האָט גע'טענה'ט אויפ'ן קול: „ווי קומט דאָס, אַז אין אַזאַ גרויסער שטאָדט ווי ניו יאָרק, וואו מען זאָגט, אַז עס זיינען פאַרהאַנען צעהנדליגער טויזענדער אידען, און צווישען זיי פילע רייכע וואָס קומען פון שפּאַניען, פּאָרטוגאַל, האָלאַנד און דייטשלאַנד, זאָלען גאָר קיין אידישע בתי מדרשים ניט זיין? און אויב עס זיינען יע פאַרהאַנען אידישע בתי מדרשים, טו וואָרום קומען ניט די בעלי־בתים פון די שולען אַרונטערנעמען אונז „גרינע" צו זיך אַלס אורחים, כאָטש אויף איבערצושלאָפען אַ נאַכט..."

די יונגע חברה'לייט האָבען געלאַכט פון דעם אידען.

— גוט איז אייך, — האָט אויסגעשריגען דער אידעל, — אייך, יונגע ווייסע חברה'ניקעס, אַז איהר קענט אין אַ רעגענדיגער נאַכט אריינשפּרינ־גען אין די שיפען, וועלכען מען ביינדט דאָ צו צום ברעג און איהר באַ־שיצט זיך פון רעגען, אָבער וואָס זאָלען טאָן אַזעלכע אידען ווי איך, וואָס קענען שוין ניט שפּרינגען?...

אונז אַלעמען איז געווען ביטער אויפ'ן הארצען, דאָך האָבען מיר, יונגע חברה־לייט, געלאַכט פון דעם אידען מיט זיינע טענות. די גרעסטע צאָהל פון יענע פרייע קוואַרטיראַנטען פון קעסטל גאַרדען איז באַשטאַנען פון יונגע לייט, וועלכע זיינען געקומען אָהער פון גרויסע שטעדט, ווי אדעס, קיעוו, יעליסוועטגראַד, וואַרשע, ווילנע, קאָוונע א. אַז. וו.

לעבען אונז, געדענק איך, איז געלעגען אַן אימיגראַנט, וואָס האָט שוין געהאַט אָפּגעוואוינט אין ניו יאָרק אַ לענגערע צייט. געוואוינט האָט ער, ווי ער האָט דערצעהלט, אויף העסטער סטריט. איצט אָבער האָט ער קיין ארבייט ניט געהאַט, איז ער געקומען זוכען אַ דזשאָב אין קאָמיטעט און דערווייל האָט ער גענעכטיגט מיט אונז צוזאַמען אויפ'ן הויף אין קעסטל־גאַרדען. ער האָט עס אונז דערצעהלט, אַז אויף דער איסט סאַיד אין ניו יאָרק זיינען פאַרהאַן אַ סך אידישע שולען און רעפאָרם־טעמפּלען פון שפּאַ־נישע און דייטשע אידען. אויך אונזערע אָרטאָדאָקסישע פּוילישע אידען האָבען אייגענע שולען. די קאַלוואַריער לאַנדסלייט, האָט ער אונז דער־צעהלט, האָבען אַ גרויסע שול אויף פּייק סטריט. דער בית־המדרש הגדול איז אויף לודלאָוו סטריט. דאָרט איז אויך פאַראַנען נאָך אַ שול. עס איז

אויך דאָ אויף דער איסט סאַיד א מגיד, וועלכען אלע אידען, מענער און פרויען לויפען הערען אלע שבת.

זיבען־און־פערציג יאָהר איז זייט דאַן פאַריבער און יענע רעגענדיגע נאַכט אין קעסטל־גאַרדען קען איך נאָך אַלץ ניט פאַרגעסען. אזוי ווי היינט געדענק איך די פרייד, וועלכע מיר אַלע האָבען איבערגעלעבט ווען די בעאַמטע פון קעסטל־גאַרדען האָבען אין מיטען נאַכט רחמנות געקראָגען אויף אונז „גרינע", האָבען געעפענט א גרויסען האָל און מען האָט אונז אַלעמען אַריינגעלאָזען אינווייניג, וואו מיר האָבען זיך אויסגעלייגט אויף דער טרוקענער פּאָדלאָגע שלאָפען...

ווי געזאָגט, פלעגט מען אין דעם אָפיס פון קאָמיטעט דעמאָלט זעהר אָפט זעהן אידישע בעלי בתים, וועלכע פלעגען אַראָפּקומען זוכען „גרינע הענט" צו דער ארבייט. נו, האָבען זיך פון דעם דערוואוסט אויך די אימיגראַנטען, וואָס האָבען זיך שוין פריהער געפונען אין ניו יאָרק און זיי האָבען אויך אָנגעפאַנגען קומען אין קעסטל־גאַרדען פרעגען פאַר ארבייט. אזוי איז דער אָפיס פון דעם קאָמיטעט פאַקטיש פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַן עמפּלאָימענט ־ביוראָ (ארבייטס־בירזשע). זומער צייט פלעגען אהין קומען ניט נאָר אידישע פאַבריקאַנטען, נאָר אויך אייגענטימער פון פאַרמס צו זוכען דאָרט ביליגע „הענט". א שעהן ביסעל אידישע אימיגראַנטען פלעגען טאַקע אַוועקפאָהרען אויף פאַרמס און אָנדינגען זיך דאָרט אלס ערד־ארבייטער, אָבער בלויז איינצעלנע פלעגען בלייבען לאַנג אויף די פאַרמס. די מעהרסטע אידישע אימיגראַנטען זיינען ניט געווען געוואוינט צו שווערער פיזישער ארבייט. און זיי האָבען ניט געקענט טאָן די שווערע ארבייט, וואָס די אמעריקאנער פאַרמערס האָבען דאַן געפאָדערט פון זיי. פלעגען די מעהרסטע גרינע „פאַרמערס" אָפּארבייטען אויף א פאַרם א קורצע צייט, ביז וואַנען זיי פלעגען פאַרדינען גענוג געלט אויף א באַהן־בילעט און פלעגען זיך אומקערען צוריק „אהיים" — אין דעם פרייען קעסטל־גאַרדען.

פילע אימיגראַנטען פלעגען זיך אָנדינגען אלס שוואַרצע ארבייטער ביים אָנלאָדען און אויסלאָדען שיפען, אויף די אייזען־באַהנען און אויך אויף די גרויסע פאַבריקען. זעהר אָפט פלעגט מען אידישע אימיגראַנטען פאַרשיקען אין אזוינע פלעצער, וואו די ארבייטער זיינען געווען אין סטרייק. אין אַלגעמיין זיינען די אידישע אימיגראַנטען די ערשטע צייט, וואָס זיי זיינען געקומען אין אמעריקא, געווען הפקר. יעדער איינער האָט מיט זיי געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט. די שפּראַך פון לאַנד האָבען זיי ניט געקענט, שווער אַרבייטען זיינען זיי ניט געוואוינט געווען און הונגעריג זיי־

נען זיי אויך געווען, האָט מען זיך איבער זיי איזדיעקעוועט אויף אַלערליי אופנים.

ווען איך בין אָנגעקומען אין ניו יארק איז שוין, ווי געזאָגט, געווען א געוויסע צאָהל אידישע בעלי בתים, וואָס האָבען פּארמאָגט אייגענע גרויסע פאבריקען. עס איז אויך געווען א פיל גרעסערע צאָהל אידישע קאָנטראקטאָרס, וואָס פלעגען ארויסנעמען ארבייט פון די גרויסע פאב־ריקען און אויסארבייטען דאָס אין די טענעמענט הייזער, וואו זיי האָבען געוואוינט. די מעהרסטע בעלי בתים, סיי די גרויסע, סיי די קליינע, זייי־נען געווען דייטשע יהודים. נאָר א קליינע צאָהל פון זיי זיינען געווען פּוי־לישע אידען. אין די אַלע שעפּער פלעגען די גרינע אימיגראַנטען פּראַ־צעווען פון 15 ביז 18 שעה א מעת־לעת, אָפטמאָל פאר דריי אָדער פיר דאָלער א וואך.

איך געדענק — עס איז געווען זומער צייט פון יאהר 1882, — ווען איך בין איינגעשטאַנען אין „פּרייען האָטעל״־קעסטל־גארדען, פלעגען די רייכע אידישע פאבריקאנטען, וועלכע זיינען געווען מיטגלידער פון דעם ניו יארקער „היברו אימיגראַנט עיד סאָסייעטי״, כמעט יעדען טאָג קומען צו אונז און נעמען גרינע ארבייטער צו זיך אין די שעפּער אָדער אוועקשיקען זיי צו זייערע קאָנטראקטאָרס אין די דאַמאָלסטדיגע איסט סאַידער שוויץ־שעפּער צו לערנען זיי פאר אָפּערייטאָרס ביי העמדער, ביי ביליגע רעק, ביי הויזען, וועסטען און אנדערע קליידער און וועש. אויף אזא אופן זיינען דאָס די גרויסע מאַסען פון יענע ערשטע אידישע אימיגראַנטען געוואָרען דאָ „קאָלאָמבוס'עס בעל־מלאכות״.

אין ענדע פון יאָהר 1882 האָבען שוין די מעהרסטע אידישע אימי־גראַנטען, וואָס זיינען געווען פרייע באָרדערס אין קעסטעל־גאַרדען און אויף וואָרדס־איילענד, באַקומען דזשאָבס און האָבען זיך אריבערגעקליבען אויף דער איסט סאַיד אין די טענעמענט הייזער.

# ווי אַזוי די אידישע אימיגראַנטען פון די אַכציגער יאָהרען האָבען געמאַכט אַ לעבען אין אַמעריקא.

די שעפּער, די וואוינונגען, די הייזער און די גאַסען אויף דער אַמאָליגער איסט־סאיד. — בילדער און סצענעס פון דעם לעבען פון די ערשטע אידישע אימיגראַנטען־ארבייטער אין די 80־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט.

די צרות און ליידען, וואָס די אידישע אימיגראַנטען האָבען געהאַט אויסצושטעהן די ערשטע יאָהרען פון זייער אָנקומען אין אמעריקא, איז גאָר אונמעגליך צו באשרייבען. געפאָהרען זיינען אַלע אָהער מיט דער ערוואַר־טונג צו שאַרען דאָ גאָלד מיט לאָפּעטעס. אויסגעלאָזען אָבער האָט זיך, אַז אַלע אָהן אויסנאַהם האָבען געמוזט ארבייטען שווער און ביטער פאַר דעם שטיקעל ברויט. די שכירות, וואָס אַ אידישער אימיגראַנט פלעגט אין יענע צייטען פארדינען, האָבען באַטראָפען בלויז אַ פּאָר דאָלער אַ וואָך. די ארבייטער האָבען אַלע געארבייט פון שטיק און דאָס העכסטע וואָס אַ גרינער אַרבייטער האָט געקענט אויסאַרבייטען איז געווען פון צוויי־און־אַ־האַלב ביז דריי דאָלער אַ וואָך. די אַרבייטס־שטונדען זיינען דעמאָלט געווען פון 15 ביז 18 שטונדען אין מעת־לעת. געאַרבייט האָבען די ערשטע אידישע אימיגראַנטען הויפּטזעכליך ביי העמדלעך, ביי זעק, ביי שמאַטעס, ביי קינדער־הייזלאַך און ביי ביליגע רעק. אַ טייל האָבען אויך געאַרבייט אין בלעך פאַבריקען און אין סיגאַרען־פאַבריקען.

ווי שוין פריהער געזאָגט, זיינען צווישען די ערשטע אידישע אימי־גראַנטען געווען זעהר ווייניג אַזעלכע, וועלכע האָבען געקענט אַ מלאכה פון דער היים. זיי פלעגען דעריבער אַרבייטען ביי אַזוינע טריידס, וואו מען האָט זיך געדאַרפט זעהר ווייניג לערנען. יעדער איינער האָט געמוזט גלייך פארדינען אויף איבערצולעבען דעם טאָג, האָט מען זיך געכאַפּט צו דער ערשטער אַרבייט, וואָס מען האָט נאָר געקענט קריגען. קיין גרויסע שעפּער זיינען אויף דער איסט־סאיד אין יענע יאָהרען כמעט ניט געווען. כמעט אַלע אידישע אַרבייטער האָבען דעריבער געאַרבייט ביי די קליינע בעלי בתים׳לאַך, וועלכע זיינען אַליין אויך געווען אימיגראַנטען, וואָס האָ־

בען נאָך ניט באַוויזען אין גאַנצען זיך „אויסצוגרינען". אַט די קלײנע בעלי־בתים'לעך פלעגען ארויסנעמען ארבייט ביי די גרויסע קליידער־פאַבריקאנטען. זיי פלעגען באקומען פון דער גרויסער פאַבריק שוין צוגעשניטענע וואַרע. און אין די קליינע שעפּער, וועלכע האָבען זיך געפונען אין די טענעמענט־הייזער, פלעגט די ארבייט אויפגענייהט ווערען. דאָס זיינען געווען די באַריהמטע „סוועט־ (שוויץ) שעפּער". דער סוועט־שאָפּ איז געווען אי אַ שאָפּ, אי אַ וואוינונג. דער בעל־הבית פון שאָפּ האָט דאָרט געוואוינט צוזאמען מיט זיין פאַמיליע. דער פאָדערשטער צימער און די קיך פלעגען באַנוצט ווערען אלס ארבייטס־צימערען. שלאָפען פלעגט די גאַנצע פאַמיליע אין איין פינסטערע בעד־רום. אין פאָדערשטען צימער ביי די פענסטער פלעגען שטעפּען די נעה־מאַשינען פאַר די אָפּערייטאָרס. ביי די זייטען פלעגען אויף שטולען זיצען די בייסטערס און אין מיטען שטוב, אויפ'ן פּאָדלאָגע, פלעגען זיין אָנגעוואָרפען גרויסע פּעק מיט סחורה אויסגעמישט מיט מיסט און שטויב. דאָ, אויף די ווייכע פּעק, פלעגען זיצען אויסגעזעצט די עטליכע פינישערינס, וואס פלעגען פארענדיגען די נייע פענסטער פלעגען שטעהען די נעה־מאַשינען פאַר די אָפּערייטאָרס. ביי די אַלטע אידען. זיי פלעגען שטעהן און וואַרעמען די פּרעס־אייזענס און ביים שיין פון געז־ליכט פלעגען זיי פּרעסען אויף אַ ספּעציעלער ברעט די פאַרטיגע מאַנטלען, די רעק, די הויזען און אנדערע קליידער.

זעהר אָפט פלעגט דער קאָנטראַקטאָר, אין דער פריה, אויסשמירען די טישלעך, ביי וועלכע די פינישערינס אָדער די באַטען־נעהערינס זיינען געזעסען מיט קעראָסין, כדי די מיידלאַך זאָלען ניט האָבען וואו אוועקצולייגען זייער שפּייז. יעדען טאָג פלעגען די בעלי בתים ארויסגעבען נייע גזירות. איין טאָג פלעגט קומען אַ בעל־הבית און ארויסגעבען אַ באַפעהל, אז פון איצט אָן און ווייטער זאָלען די אָפּערייטאָרס אליין ארויפטראָגען די פּעק ארבייט, וואָס דער עקספּרעס ברענגט פון וועגן־הויז. אַן אַנדערש מאָל פלעגט אַן אַנדער בעל־הבית אין איין שעהנעם פריהמאָרגען ערקלעהרען, אז פון איצט אָן און ווייטער וועלען די ארבייטער קריגען באַצאָהלט איין מאָל אין צוויי וואָכען, אנשטאָט ווי פריהער, יעדע וואָך. די פרייזען פאַר דער ארבייט פלעגט אויך יעדער בעל־הבית אליין באַשטימען, ווי ער האָט געפונען פאַר נויטיג.

די דאַמאָלסדיגע בעלי־בתים פון די „סוועט־שעפּער" זיינען מעהרסטענס געווען אונוויסענדע גראָבע יונגען, וואס האָבען ווי פּיאַוקעס געזויגען דאָס בלוט פון זייערע גרינע ברידער און שוועסטער, וועלכע זיינען געקומען זוכען גליקען אין דער גאָלדענער אמעריקא.

אין מיינע צייטען איז שוין צווישען די אריבערגעקומענע אידישע אימיגראַנטען געווען אַ קליינע צאָהל אינטעליגענטע יונגע לייט, וואס האָבען נאָך אין רוסלאַנד אַנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די גרעסטע צאָהל אידישע אימיגראַנטען אָבער פון יענע יאָהרען איז באַשטאַנען פון אַ רויהער מאַסע, וועלכע איז געווען אונוויסענד און הילפלאָז. דאָס לעבען פון יענע גרינע אימיגראַנטען איז געווען אַ שרעקליכער גיהנם. היינט צו טאָג איז עס גאָר אונמעגליך פאָרצושטעלען זיך ווי אזוי מענשען האָבען דעמאָלט געלעבט.

איך אַליין האָב אין יענע ערשטע יאָהרען אויך פאַרזוכט דעם טעם פון אָט דער אָרעמקייט, עלענדקייט און הארצלאָזער עקספּלואַטאַציע, וואָס האָט געהערשט צווישען די ערשטע אידישע אימיגראַנטען. אין דעם טענעמענט־הויז, וואו איך האָב געוואוינט די ערשטע צייט אַלס גרינער, האָב איך זיך באקאנט מיט אַ אידישען יונגען מאַן, וועלכער איז שוין געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַן „אַמעריקאַניעץ”. ער איז שוין דעמאָלט געווען ביי אַ זעקס מאָנאַטען אין לאַנד, און ער האָט מיר דערצעהלט ווי אזוי ער מאַכט אַ לעבען אין ניו יאָרק. ער ארבייט אויף אַ בלעך־פאַבריק אויף העסטער סטריט. ער קריגט שוין צוויי מיט אַ האַלב דאָלער אַ וואָך שכירות. ער אַרבייט ביי אַ גרויסע פּרעס, וועלכע מאַכט בלעכענע שיסלען. די אַרבייט גופא איז ניט קיין שווערע, אָבער מען מוז זיך היטען, אז די מאַשין זאָל ניט אַריינכאַפּען אַ פינגער. ווען איך האָב איהם געפרעגט, ווי אזוי קומט ער דורך מיט צוויי דאָלער און פופציג סענט אַ וואָך, האָט ער מיר ערקלעהרט, אז פאַר „לאָזשי” (קוואַרטיר) צאָהלט ער פינף־און־זיבעציג סענט אַ וואָך. ער שלאָפט אין אַ פאָדערשטען צימער אויף אַ דיוואַן, וועלכען מען מאַכט אויף ביינאַכט. פאַר די פינף־און־זיבעציג סענט אַ וואָך, וואָס ער צאָהלט דער באַלעבאָסטע, קריגט ער נאָך יעדען אין דער פריה אויך אַ גלאָז קאַפע. פאַר דריי סענט קויפט ער צוויי פונט שוואַרצע ברויט און דאָס איז שוין זיין ברעקפעסט. ביי טאָג עסט ער ברויט מיט באַנאַנעס, וועלכע ער קויפט פיר פאַר צוויי סענט. אין אָווענט קריגט ער ביי דער מיסעס, וואו ער שטעהט איין, אַ פאָר גלאָז טהע מיט צוקער פריי. פאַר צוויי סענט קויפט ער אַלטע געבעקס, וועלכע פאַרבלייבען אין גראָסערי פון אין דער פריה, און דאָס איז זיין וועטשערע. בלויז פרייטאָג־צו־נאַכט און שבת עסט ער געקעכץ ביי דער מיסעס. פאַר דעם צאָהלט ער דרייסיג סענט אַ וואָך. די וועש וואַשט פאַר איהם די מיסעס. דאָס צוזאַמען מיט די קאַפע און טהע קריגט ער אַלס צוגאָב צו דער קוואַרטיר. די הוט, וועלכע ער האָט געטראַגען, האָט אויסגעזעהן נאָך גאָר ווי אַ נייע. באַצאָהלט

האָט ער פאַר איהר אין גאַנצען 50 סענט דערפאַר, וואָס זי איז געווען אָהן אונטערשלאַג. קראַגענס פלעגט ער קויפען אַ גאַנצען טוץ פאַר אַכט סענט. זיי זיינען געווען פּאַפּירענע און ווען אַ קאָלער פלעגט שמוציג ווערען, פלעגט ער איהם איבערקערען אויפ'ן צווייטען זייט. זיינע נייע שיך האָבען איהם געקאָסט אַ דאָלער־מיט־פינף־און־צוואַנציג סענט. קליידער האָט ער געקויפט געניצטע אויף בעקסטער סטריט, וואו עס איז דעמאָלט געווען דער מאַרק פון אַלטע קליידער. פאַר אַ גענוצטען קאָסטיום האָט ער באַצאָהלט צוויי־מיט־אַ־האַלבען דאָלער.

אָט אַזוי האָבען געלעבט די מעהרסטע אידישע אימיגראַנטען פון יענע יאָהרען.

אויף דער איסט סאַיד פון ניו יאָרק קען מען נאָך היינט צו טאָג טרעפען איינינע פון די אַמאָליגע טענעמענט־הייזער, וואו די ערשטע אידישע אימיגראַנטען האָבען געוואוינט. אַן אונטערזוכונגס־קאָמיסיע פון דער סטייט־רעגירונג פון ניו יאָרק האָט דיזע טענעמענט הייזער נאָך אין יאָהר 1886, דאָס הייסט, מיט 43 יאָהר צוריק פאַרדאַמט אַלס פאַסטקעס, וואו מענשען טאָרען ניט וואוינען, ווייל זיי זיינען אַן אומגליק פאַר דעם געזונט פון דער באַפעלקערונג און זיי זיינען אַזוי געבויט, אַז אין די מעהרסטע צימערען קומט קיין מאָל ניט אַריין קיין זונען־שיין. די ווענט זיינען צופוילט און אָנגעזאַפּט מיט פאַרשידענע קראַנקהייטען. היינט צו טאָג, נאַטירליך, זיינען אַזוינע הייזער אפילו אין די אָרעמסטע קוואַרטאַלען פון דער ניו יאָרקער איסט סאַיד אַ זעלטענהייט. דעמאָלט אָבער האָבען פיליכט ניינציג פּראָצענט פון אַלע אידישע אימיגראַנטען געוואוינט אין אַזוינע הייזער.

אין די מעהרסטע פון די דאָזיגע הייזער זיינען נאָך דעמאָלט אפילו קיין פייער־עסקייפּס (רעטונגס־לייטערס) ניט געווען. ווען עס פלעגט זיך מאַכען אַ פייער אין אַ הויז, פלעגען אָפט די איינוואוינער פון די הייזער פאַרלירען זייער גאַנצען האָב און גוטס, און מאַנכע זאָגאַר זייערע לעבענס. איך געדענק ווי איין מאָל האָט אַ פייער אויסגעבראָכען אין מיטען דער נאַכט אין אַ הויז אויף עלען סטריט, וואו זיבען מענשען זיינען פאַרברענט געוואָרען אויף טויט דערפאַר, וואָס אין דעם הויז זיינען ניט געווען קיין פייער־עסקייפּס. ערשט נאָך דיזער טראַגעדיע האָט מען אין ניו יאָרק דורכגעפיהרט אַ געזעץ, אַז יעדע טענעמענט־הויז מוז האָבען אַן אייזערנעם פייער־עסקייפּ מיט לייטערס. און ערשט מיט פילע יאָהרען שפּעטער, אין יאָהר 1901, איז אָנגענומען געוואָרען דער טענעמענט־הויז־

געזעץ, וואס פאַרבאָט צו בויען אַזעלכע הייזער, ווי די אַלטע טענעמענטס זיינען געוועז.

די וואוינונגען אין יענע טענעמענט־הייזער אויף דער ניו יאָרקער איסט סאַיד האָבען אַלע אויסגעקוקט ווי טורמעס פאַר אַרעסטאַנטען, אָהן זונען־שיין, אָהן לופט און אָהן ליכט. די מעהרסטע וואוינונגען פלעגען האָבען צוויי אָדער דריי צימערען. די צוויי־רום וואוינונגען זיינען באַשטאַנען פון אַ פאָדערשטען צימער מיט צוויי פענסטער, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין אַ שמאָלען הויף אָדער אין א ענגער, שמוציגער גאַס. דער פאָדערשטער צימער פלעגט דינען אי פאר אַן עס־צימער, אי פאַר א זאַל, אי פאר אַ קיך צו קאָכען און צו וואַשען וועש. דאָרטען פלעגט זיך אויפהאַלטען די גאַנצע פאַמיליע. דאָרט פלעגט מען אויך אויפנעמען געסט. אין דעם צימער פלעגט זיך געוועהנליך געפינען אַ דיוואַן, וועלכער פלעגט זיך אויפמאַכען און אויף איהם פלעגען ביינאַכט שלאָפען א פּאָר באָרדערס אָדער באָרדערקעס (קוואַרטיראַנטען). דער צווייטער, די בעד־רום, וועלכע איז געוועהנליך געוועזן א קליינע, פינסטערע רומקע, האָט געדינט אַלס אַ שלאָף־צימער. דאָרט פלעגט מען קענען אַוועקשטעלען בלויז אַ בעט. אין דיזען צימערעל פלעגט געוועהנליך זיין נאָר א קליין פענסטערעל מיט אייזערנע גראַטעס, וועלכער האָט אַרויסגעקוקט אין פינסטערען קאָרידאָר, לעבען די טרעפּ וואו עס פלעגען זיך געפינען א פּאָמפּע צו פּאָמפּען וואַסער און אַ וואַש־סטענד פאַר אַלע שכנים פון גאַנצען עטאַזש.

איינינע וואוינונגען האָבען געהאַט אויך אַ דריטען צימער, וועלכער פלעגט שטענדיג אויסקומען צווישען פראָנט רום און דער „בעד רום“. דער צימער איז כמעט שטענדיג געוועזן גאָר אָהן פענסטער. און דערפאַר איז דאָרט קיין מאָל ניט געוועזן ניט קיין ליכט און ניט קיין לופט. דער צימער האָט געהייסען די קיך. אָבער אין דער קיך פלעגט אויך שטענדיג שטעהן א סאָפע אויף צו שלאָפען. אין קיך פלעגט טאָג און נאַכט ברענען א ליכט (קיין עלעקטרישע באַלייכטונג איז נאָך דעמאָלט אין ערגעץ ניט געוועזן. געז־ליכט איז שוין דעמאָלט יא געוועזן, אָבער ווער האָט זיך דאָס געקענט פארגינען דעמאָלט צו ברענען א געז ליכט !). אין די מעהרסטע הייזער פלעגט מען ברענען אַ קעראָסין לעמפּעל, וואס פלעגט אַרויסגעבען א שוואַרצע ליכט און ווען די באַלעבאָסטע פון הויז פלעגט אויסוואַשען דאָס גלעזעל פון לאָמפּ, פלגעט זי ערשט דערזעהן, וואָס עס טוט זיך אין הויז. איבער די ווענט פלעגען אַרומוואַנדערען גאַנצע מחנות מיט טאַראַקאַנעס, וואָס פלעגען אָנפילען די טעפּ, די געשיר און אַלץ וואס האָט זיך

געפונען אין הויז. דיזע אָנשיקעניש האָט זיך גענומען פון דער ענגשאפט און דושנעקייט פון יענע צימערען. די איינוואוינער פון די דאָזיגע טענעמענט הייזער פלעגען שרעקליך ליידען פון אָט דער אָנשיקעניש סיי זומער און סיי ווינטער. ראטעווען זיך פון דעם פלעגט מען נאָר דורך דעם, וואָס מען פלעגט ארויסלויפען פון הויז אויף דער ענגער שמוציגער גאס. דערפאר זיינען אין יענע צייטען די „סטופס" (די גאניקעס) פון די טענעמענט הייזער שטענדיג געווען באלאגערט מיט מענשען. דער עולם פלעגט ארויסקומען אהין פון די דושנע פינסטערע וואוינונגען איינזאפען אביסעל פרישע לופט.

שווער איז געווען דאָס לעבען פון די ארבייטער אין די סוועט־שעפער, נאָך שווערער אָבער און געפערליכער איז געווען דאָס לעבען פון די הויז־באלעבאָסטעס, וועלכע פלעגען דארפען פיהרען די הויז־ווירטשאפט. ווינטער צייט פלעגט מען דארפען קאָכען אלעס אין די אויוועגס, וואס פלעגען באהייצט ווערען פון קוילען. זומער צייט פלעגט אונמעגליך זיין אויסצוהאלטען די שרעקליכע היץ אין די ענגע צימערען, פלעגט מען דערפאר קאָכען אויף בלעכענע קעראסין־אויוועלעך, וואס פלעגען אָפט זיך איבערקעהרען און דער קעראסין פלעגט זיך אויסגיסען און אָנמאכען א פייער אין הויז. ניט איין פרוי איז פארברענט געווארען דורך יענע קעראסין אויוועלעך. ביי נאכט, ווען מען פלעגט זיך שוין לייגען אָפרוהען פון דעם שווערען טאָג ארבייט, פלעגט מען ערשט ניט קענען צומאכען מיט אן אויג. די מעהרסטע הייזער זיינען געווען פארפעסטעט פון וואנצען, וועלכע פלעגען אָנפילען די בעטען, די מאטראצען, די ווענט און אפילו די סטעליע. וויפיל מען האָט ניט גערייניגט די בעטען און די קלאָזעטס מיט קעראָסין אָדער מיט בענזין פלעגט מען אלץ ניט קענען פטור ווערען פון דער דאָזיגער אָנשיקעניש. צוליב דעם פלעגען גאנצע נעכט, הויפטזעכליך זומער־צייט, אלע טראָטוארען פון דער איסט סאיד זיין געפאקט מיט מענשען. די אָרעמע מאמעס פלעגען אויסבעטען אויפ'ן שטיינערנעם טראָטואר א געלעגער פאר זייערע קינדערלאך און אליין פלעגען זיי זיך אוועקזעצען אויף א שטול אין גאס צו היטען די קינדער און אזוי פלעגען זיי פון מידקייט אליין אויך איינשלאָפען. די טאטעס מיט די זיהן און די יונגע אינגלאך פלעגען אין די הייסע נעכט אָדער שלאָפען אויפ'ן דאך פון טענעמענט־הויז, אדער זיי פלעגען זיך אויסבעטען א געלעגער אויף די עקספרעס־וואָגענס, וועלכע פלעגען אין יענע יאָהרען שטעהן ביי נאכט אין גאס, אנשטאָט אין די שטאלען.

איך פלעג אזוינע סצענעס זעהן כמעט יעדען אָוונט, ווען איך פלעג

נאָר דורכגעהן פאַרביי אַ אידישער טענעמענט הויז. אומעטום פלעגט מען זעהן מענשען שלאָפען אויפ'ן גאַס. אין די טענעמענט־הייזער פלעגען די „טוילעטס" זיין אין אַ שמאָלען הויף. אין די קאָרנער־הייזער, וואו עס זיי־נען קיין הויפען ניט געווען, פלעגען די „טוילעטס" גאָר זיין אין אַ פינס־טערען קעלער און די איינוואוינער, גרויס און קליין, פלעגען אָפט מאָל דארפען לויפען פון פערטען און פינפטען עטאַזש אין קעלער אין טוילעט.

געאַרבייט האָט מען דאַן צו צוועלף, פופצען און זאָגאַר מעהר שטונ־דען אין מעת לעת. שפעט אין אָווענט פלעגט מען זעהן אין די טענע־מענט קוואַרטאַלען אויף דער איסט סאַיד יונג און אַלט לויפענדיג מיט בלעכענע קענדלאַך אין די הענט. דאָס פלעגט מען לויפען אין די ביער־סאַלונען קויפען אַ „פּאַינט"־ביער, וואָס האָט אין יענע יאָהרען געקאָסט זיבען סענט. אַ „פּאַינט" פלעגט ענטהאַלטען אַ פינף־זעקס גלעזער און אָרימע אַרבייטער פאַמיליעס פלעגען זיך יעדען אָווענד קוויקען מיט אַ גלאָז ביליגען ביער.

די קלענערע קינדער פלעגען די מאַמעס אין יענע יאָהרען קאָרמע־נען מיט אַזאַ מין פּאָוואַדלע, וואָס מען האָט גערופען „עפּעל־פּוטער", אַ פּאַטראַווע געמאַכט פון פאַרפוילטע עפּעל, וועלכע מען האָט גע־דאַרפט אַוועקוואַרפען. די „עפּעל־פּוטער" פלעגט מען אָנשמירען אויף ברויט און די קינדער האָבען עס ליב געהאַט. עס האָט געהאַט אַ זיסען און ווייניגען טעם. קיין בעסערע מאכלים האָבען די מאַמעס דעמאָלט ניט געקענט קויפען פאַר זייערע קינדער. דערפאַר אָבער פלעגט אין יענע יאָה־רען די איסט־סאַיד דיספּענסערי פון ברום און עסעקס סטריטס שטענדיג זיין באַלאַגערט פון אידישע מאַמעס מיט זייערע יונגע קינדערלאַך, וועלכע פלעגען אָפט קרענקען פון דעם שלעכטען עסען. די שטערבליכקייט פון קינדער אויף דער איסט סאַיד פון ניו יאָרק איז געווען דעמאָלט זעהר גרויס, אָבער אויך די עלטערען, וואָס פלעגען שמאַכטען אין די סוועט־שעפּער און אין די טענעמענט־הייזער פלעגען אָפט יונגערהייט שטאַרבען פון שווינדזוכט און אַנדערע קראַנקהייטען. לויט די ציפערען וואָס דער געזונדהייטס־דעפּאַרטמענט פון ניו יאָרק האָט אַרויסגעגעבען איז אין ענדע פון די אַכציגער יאָהרען פון יעדע זיבעצעהן איינוואוינער פון דער ניו יאָרקער איסט־סאַיד איינער געווען קראַנק אויף שווינדזוכט.

אַ אידישער אַרבייטער, וועלכער פלעגט קראַנק ווערען אויף שווינד־זוכט פלעגט לויפען אין מאָונט סינאַי האָספּיטאַל, וועלכער איז דעמאָלט נאָך געווען אויף דער 67־טער סטריט און לעקסינגטאָן עווענו. פאַר אַ גרינעם אַרבייטער איז געווען זעהר שווער צוצוקומען אין די האָספּי־

טעלער, צו קיין חברות אָדער פאראייניגען האָבען די ארבייטער דעמאָלט נאָך ניט באַלאַנגט, און ווען איינער פלעגט קראַנק ווערען, האָט ער ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי ווענדען זיך צו די „יונייטעד היברו טשאַ־ריטיס", וועלכע מען פלעגט דעמאָלט רופען „די צדקה־אַנשטאַלט פון דער אַכטער סטריט". ניט אַזוי לייכט פלעגט אָבער אָנקומען אַ גרינעם אַר־בייטער צו באַקומען אַ וואָסערע ניט איז שטיצע פון אַט די צדקה־אַנ־שטאַלטען.

שרעקליך איז אין יענע יאָהרען געוועזען די לאַגע פון די יונגע אינגלאַך און מיידלאַך, די קינדער פון די ערשטע אידישע אימיגראַנטען־ארבייטער. אַנשטאָט צו געהן אין סקול פלעגען די מעהרסטע קינדער פון די אידישע ארבייטער אַנפילען די אַלע סוועט־שעפער פון דער איסט סאַיד. די פיני־שערס און באַטאָן־נעהערינס ביי שניידעריי, מעהרסטענס יונגע מיידלאַך, פלעגען אָפּזיצען אויף דער ערד אין שמוץ פון צוועלף ביז פופצען שעה יעדען מעת לעת. דער איינציגער פארגעניגען, וואס די דאָזיגע ארימע מיידלאַך פלעגען דאַן האָבען, איז געוועזען דער שבת'דיגער שפּאַציר. שבת, האָט מען אין די מעהרסטע סוועט־שעפּער דעמאָלט ניט געארבייט. פלע־גען אָט די מיידלאַך ארויסגעהן אויסגעפּוצטע אויף דער שעהנסטער גאַס פון דער איסט סאַיד, אויף גרענד סטריט, וועלכע מען פלעגט דאַן רופען „די אידישע פינפטע עוועניו". עס איז געוועזען אַ רחמנות אָנצוקוקען די דאָזיגע אויסגעפּוצטע מיידלעך. זייערע פּנים'ער זיינען געוועזען בלאַסע, אויסגעמאַרעטע פון די לאַנגע שטונדען ארבייט אין די שמוציגע, ענגע סוועט־שעפּער. קיין געזעץ, אַז קינדער אונטער זעכצעהן יאָהר אַלט טאָרען ניט געהן ארבייטען, אַז זיי מוזען געהן פריהער אין אַ סקול און ענדיגען אַ געוויסען קורס, איז נאָך דעמאָלט ניט געווען. ניט נאָר אויף דער איסט סאַיד, נאָר אפילו אין די גאָר גרויסע פאַבריקען פלעגט מען דע־מאָלט אויך ניט זעלטען טרעפען ביי דער ארבייט יונגע קינדער פון צען־צוועלף יאָהר אַלט. די מעהרסטע קינדערלעך פלעגען קומען ארבייטען, כדי ארויסצוהעלפען זייערע אָרעמע עלטערען אַ לעבען צו מאַכען. זעל־טען ווער פון די ארבייטער פלעגט אין יענע יאָהרען קענען זיך פארגינען אַזאַ לוקסוס ווי ארייננעהן עסען אַ מאָהלצייט אין אַ רעסטאָראַן. די ארבייטער האָבען ניט געהאַט ניט דאָס געלט פאַר דעם און ניט די נויטיגע צייט. זיי פלעגען מוזען עסען אָדער אין שאַפּ ביי דער ארבייט, אדער שפּעטער אין אָווענט ביי זיך אין דער היים, אדער ביי דער מיסעס אויף דער „לאָזשי".

דער לייבאָר־דעפּאַרטמענט פון ניו יאָרק האָט זיך ערשט מיט יאָה־

רען שפּעטער פּאַראינטערעסירט מיט דער לאַגע פון די עלענדע אַרבייטער־מיידלאַך. ער האָט אויסגעפאָרשט זייער לאַגע און האָט פּארעפּענטליכט א באַריכט וועגען די לעבענס־באַדינגונג פון די שאַפּ־מיידלאַך. אָט זיינען אַ פּאָר פּאַקטען, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען אין יענעם באַריכט פון דעם לייבאָר־דעפּאַרטמענט:

„גוירטי ס..., 15 יאהר אַלט, קומט פון רוסלאַנד. איהרע שכירות ביי פינישען רעק זיינען דריי דאָלער מיט פופציג סענט א וואָך. איהר מוטער, אַן אַלמנה, געהט אויס אַרבייטען — וואַשען וועש און סקראָבען פּלאָרס; פאַרדינט אויך א דריי דאָלער א וואָך; גוירטי'ס ברודער איז 8 יאָהר אַלט, געהט נאָך אין סקול.

„פרידא פ..., 23 יאהר אַלט, קומט פון רוסלאַנד. פאַרדינט 7 דאָ־לער א וואָך ביי וועסטען אלס בייסטערין. איהר פאָטער און שוועסטער זיינען קראַנק און קענען ניט אַרבייטען. די מוטער געהט וואַשען פרעמדע וועש. פרידא איז די הויפּט־פּאַרזאָרגערין פון דער פאַמיליע.

„בעקי ט..., 19 יאָהר אַלט, קומט פון רוסלאַנד, בלויז איינינע מאָ־נאַטען אין לאַנד. זי אַרבייט ביי פּייפּער באָקסעס און פאַרדינט 3 דאָ־לער מיט 25 סענט אַ וואָך; איהרע עלטערען זיינען נאָך אין רוסלאַנד. זי האָט דאָ אַ אינגערען ברודער, וועלכער פאַרדינט שוין 6 דאָלער אַ וואָך. ער האָט עס איהר געשיקט די שיפס־קאַרטע און איהר אויסגע־האָלפען די ערשטע פּאָר וואָכען ביז זי האָט געקראָגען אַ פּלאַץ וואו צו אַרבייטען. די פאַמיליע, ביי וועמען בעקי וואוינט, פאַרנעמט דריי רומס און באַשטעהט פון אַ פאָטער און מוטער און פיר קינדער. בעקי שלאָפט אויף א דיוואַן אין קיך.

„ראָזי ע..., 23 יאָהר אַלט, 5 יאָהר אין לאַנד; אַרבייט ביי קינסט־ליכע בלומען. אָנגעפאַנגען האָט זי מיט דריי דאָלער א וואָך, און אין די פינף יאָהר צייט האָט זי זיך אַרויפגעאַרבייט אויף 5 דאָלער מיט 50 סענט אַ וואָך. קען לעזען און שרייבען אידיש. א פּאָר מאָל אין יאָהר שיקט זי איהר מוטער אין רוסלאַנד אַ 5 דאָלער־ביל. רענט פאַר איהר לאַזשי צאָהלט זי 3 דאָלער א מאָנאַט, און זי שלאָפט אויף אַ לעדערנע סאָפע אין פראָנט־רום. אויף ברעקפעסט, וועלכער באַשטעהט פון ראָלס, פּוטער און איין קאָפּ קאַפע, ספּענדט זי פון 8 ביז 10 סענט אַ טאָג.

„מיטאָג צייט קויפט זי ביי א שאָפּ־פּעדלער פאַר 15 סענט עסען; קריגט אַמאָל א שטיקעל פיש, אָפט מאָל אַ קאָטלעט מיט ברויט.

„דער סאַפּער קאָסט איהר 20 סענט: סופּ, פליישׁ און ברויט, וואָס איהר מיסעס קאָכט. אינגאַנצען פאַרספּענדט זי צום לעבען 3 דאָלער מיט

70 סענט א וואָך. די מיידעל איז אָבער לעצטער סלעק סיזאָן געווען פערצען לאַנגע וואָכען ארבייטסלאָז, און איהרע וועכענטליכע פאַרדינס־טען האָבען באַטראָפען בלויז 4 דאָלער מיט 25 סענט א וואָך, דורכשניט־ליך א גאַנצען יאָהר.

„סערעה דזש..., 23 יאָהר אַלט, קומט פון רוסלאַנד, 9 יאָהר אין לאַנד. די עלטערען איהרע זיינען נאָך אין דער אַלטער היים. האָט דאָ א טאַנטע און דריי אונפאַרהייראטע שוועסטער; צוזאמען מיט איהר עלטערער שוועסטער האָט זי אריבערגעבראַכט איהרע אינגסטע צוויי שוועסטער.

„זי האָט אָנגעפאַנגען צו ארבייטען צו 14 יאהר אין א ניו יאָרקער שוירט פעקטאָרי, פאַר 1 דאָלער מיט 50 סענט א וואָך. פון שוירטס איז זי אוועק צו פייפער באַקסעס פאַר 2 דאָלער מיט 50 סענט א וואָך; און דאָרטען האָט זי זיך ארויפגעארבייט ביז 4 דאָלער א וואָך. פון פייפער באַקסעס איז זי אוועק ארבייטען ביי קענדי, אויך פאַר פיר דאָלער א וואָך. פלוצלונג געפעלט איהר צו ארבייטען ביי זיידענע סטענגעס און זי פאַרדינט שוין 4 דאָלער מיט 50 סענט א וואָך. פון סטענגעס געהט זי צוריק ארבייטען ביי פייפער־באַקסעס פאַר 5 דאָלער מיט 50 סענט א וואך, ביז זי האָט זיך אין א פאָר יאָהר ארויפגעארבייט צו ניין דאָלער א וואָך.

„די מיסעס ביי וועמען סערע איז אויף לאָזשי, וואוינט אין דריי רומס, און דאָרטען וואוינען אויסער איהר און די מיסעס אויך צוויי באָר־דערס און צוויי באָרדערקעס. זי צאָהלט דריי דאָלער א מאָנאַט פאַר לאָזשי".

די שכירות פון די גרינע ארבייטער דעמאָלט, סיי פון דעם הויפט־ברויט־געבער פון דער פאמיליע און סיי פון זיינע קינדער, זיינען געווען אזוי קליין און אומבאַדייטענד, אז זיי האָבען ניט געקלעקט פאַר דער פאַ־מיליע אפילו אויף אָנצועסען זיך זאַט און באַצאָהלען די רענט פאַר דער דירה. קליידער פלעגען די מעהרסטע ארבייטער טראָגען אַלטע, וואָס זיי פלעגען קויפען אויפ'ן מארק פאַר א ביליגען פרייז. אפט פלעגט די פרוי, וועלכע האָט א גאַנצען טאָג שווער געארבייט ביים קאָכען, וואשען וועש און טאָן די איבעריגע הויז־ארבייט, נאָך זיין געצוואונגען צו נעמען אהיים ארבייט פון געוויסע שעפער, וואָס פלעגען ארויסגעבען פאַרשידע־נערליי ארבייטען ווי עמבראָידערי, נעקטייס, קינדערשע קליידלאך, קינסט־ליכע בלומען, פעדערען און אַנדערע ארבייטען. עס זיינען געווען אזעלכע פאַבריקען, וועלכע פלעגען ברענגען צופיהרען די ארבייט צו די פרויען

אהיים אויף א וואָגען אָדער זאָגאר צושיקען עם דורך פּאָסט. אָפטער אָבער פלעגען די פרויען אליין געהן אין פאבריק נעמען די ארבייט און ברענגען עס צו זיך אהיים. די פרוי פלעגט אויף אזא אופן ארבייטען פון פריהמאָרגען ביז שפּעט אין דער נאכט. די פאַרדינסטען פאַר אזא שווערער ארבייט פון דער גאַנצער פאַמיליע פלעגען אין די מעהרסטע פאַלען באַטרעפען ניט מעהר ווי פינף, זעקס דאָלער א וואָך.

די ניו יאָרקער ענגלישע צייטונגען פלעגען אין יענע יאהרען אָפט באַשרייבען, ווי אַזוי עס לעבען די ארבייטער אויף דער איסט־סאַיד פון דער רייכער ניו יאָרק. אין יענע יאָהרען( אין אָנפאַנג פון די אכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט) פלעגט מען אין די מעהרסטע שעפּער, וואו די אידישע ארבייטער זיינען געווען באַשעפטיגט, ניט ארבייטען אַ גאַנצען יאָהר. ווינטער צייט פלעגט מיט אמאָל אין אלע שעפּער ווערען א ביטערע סלעק און די באַלעבאַטים פלעגען „אַפּלייגען" סיי די „גרינע" און סיי די „געלע" ארבייטער פון דער ארבייט. פון די קליינע שבירות, וואָס די ארבייטער פלעגען פאַרדינען ארבייטענדיג האָבען זיי ניט געקענט אָפּשפּאָרען קיין געלט אויף שפּעטער, פלעגען די מעהרסטע פון זיי אין סלעק צייט הונגערען. זעהר אָפט פלעגט מען אויף די גאַסען פון דער איסט־סאַיד פון ניו יאָרק זעהן אזא בילד: לעבען דעם אריינגאַנג פון א הויז ליגט אָנגעוואָרפען א קופּע פאַרשידענע זאַכען פון הויז־באַלעבאַטיש־קייט, די בעבעכעס מיט'ן מעבעל, מ'שטיינס געזאָגט. דאָס האָט דער לענדלאָרד ארויסגעוואָרפען א טענענט פאַר ניט צאָהלען קיין רענט. לעבען די זאַכען פלעגט געוועהנליך שטעהן א בלעכענע פּושקעלע, אין וועלכער פאַרבייגעהער פלעגען וואַרפען נדבות, פאַר דער ארויסגעוואָרפענער ארבייטער־פאַמיליע, כדי זי זאָל האָבען מיט וואָס צו דינגען א נייע דירה.

די ניט־פאַרהייראַטע ארבייטער, וועלכע האָבען אין סלעק־צייט ניט געהאַט קיין אָפּגעשפּאָרטע געלט, פלעגען אין די קאַלטע נעכט זיך ניט האָבען וואו אהינצוטאָן. איך אליין האָב דעם ערשטען ווינטער פון מיין זיין אין אַמעריקא דורכגעמאכט אזא מין ערפאַהרונג. קריסטמאַס־צייט האָט מען מיך אָוועקגעשיקט פון דער ארבייט, ביי וועלכער איך האָב ביז דאַן פאַרדינט דריי דאָלער א וואָך. ווען די פּאָר דאָלער, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט, האָבען זיך אויסגעלאָזען און איך האָב מעהר קיין געלט ניט געהאַט צו באַצאָהלען מיין באַלעבאַסטע פאַר „לאָזשי", האָט די באַלעבאַסטע מיך געבעטען ארויסקלייבען זיך פון דער דירה. קיין געלט מיט וואָס צו דינגען אַן אַנדער קוואַרטיר האָב איך ניט געהאַט, פלעג איך שלאָפען

אויף עקספּרעס־וואַגענס, וועלכע זיינען אין יענע יאָהרען געשטאַנען אויף די גאַסען. זעהר אָפט, ווען איך פלעג געשמאַק איינשלאָפען אויף א וואַגען, פלעג איך פּלוצלונג דערפיהלען ווי אזוי א פּאָליסמאַן שלאָגט מיך מיט זיין קלאָב. איין מאָל האָט מיינער א חבר, אַן ארבייטסלאָזער סיגאַר־מאַכער, מיר אַן עצה געגעבען, אז איך זאָל געהן אין עלדרידזש סטריט פּאָליס־סטיישאַן. דאָרט קען מען איבערשלאָפען א נאַכט און אין דער פריה קריגט מען נאָך דאָרט א פּרייען מאָל־צייט צוגלייך מיט די ארעס־טאַנטען, וואָס געפינען זיך דאָרט, און מען לאָזט ארויסגעהן זוכען א דזשאב.

איך האָב אָנגענומען די עצה פון מיין פריינט און אין איין קאַלטען אָווענט בין איך אוועק אויף עלדרידזש סטריט אין פּאָליס־סטיישאַן. מיט א ציטער אין הארצען בין איך צוגעגאַנגען צום פּאָליס־ליוטענאַנט און דערצעהלט איהם, אז איך געה שוין א צייט ארום אָהן ארבייט, אז די באַ־לעבאָסטע פון מיין „לאַזשי" האָט מיר געהייסען ארויסקלייבען זיך, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין געלט צו באַצאָהלען פאַר מיין קווארטיר. איך האָב איהם אלץ דערצעהלט און געבעטען, אז ער זאָל מיר לאָזען איבער־שלאָפען די נאַכט. דער ליוטענענט האָט מיך אויסגעהערט און האָט א וואונק געטאָן צו אן איינפאַכען פּאָליסמאַן. יענער האָט מיך גלייך ארונ־טערגעפיהרט אין קעלער פון סטיישאַן־הויז. ער האָט אויפגעשלאָסען א קאַמער, וואו עס האָט געצאַנקט א קראַנקין־לעמפּעל. דאָרט זיינען גע־לעגען אויף דער פּאָדלאָגע עטליכע טרעמפּס (באָסיאַקעס). דער פּאָליס־מאַן האָט מיט זיין „קלאָב" מיך מכבד געוועזן מיט א פּאָר קלעפּ אין פּליי־צע און האָט א קאָמאַנדעווע געטאָן:

— לעג זיך דאָ! — און ער האָט אויף שנעל פאַרשלאָסען די טיר מיט די אייזערנע גראַטעס.

איך האָב זיך שטילערהייט אוועקגעזעצט אויף דער שטיינערנער פּאָד־לאָגע. איך בין אזוי לאַנג געזעסען ביז דער שלאָף האָט מיך בייגעקומען און איך בין אנידערגעפאַלען. קאַלט איז דאָרט ניט געווען. מעהר ניט עס האָט זיך געהערט א שלעכטער גערוך און מיינע שכנים האָבען שרעק־ליך געכראָפּעט. אזוי בין איך אָהן זאָרגען איבערגעשלאָפען די נאַכט. פאַרטאָג האָב איך דערהערט ווי מען שליסט אויף די טיר פון מיין קאַ־מער און איך האָב דערזעהן פאַר זיך א פּאָליסמאַן, וועלכער האָט מיך גענומען קלאַפּען מיט זיין שטעקען איבער מיינע פיס. איך בין אויפגע־שפּרונגען ניט טויט, ניט לעבעדיג. עס איז געוואָרען לעבעדיג אין קאַ־מער. די אַנדערע פּאָר „קווארטיראַנטען" פון מיין קאַמער, וועלכע זיי־

נען געלעגען אויף צוריסענע אַלטע שטרויזעק, האָט דער פּאָליסמאַן אויך מכבד געווען מיט זיין „קלאָב”. מען האָט אונז אַלע פיר אויסגעשטעלט אין דער רייהע ווי סאָלדאַטען. איך האָב באַטראַכט מיינע נייע קאַמע־ראַדען. זיי זיינען אַלע געווען שוין עלטערע טרעמפּס. איך האָב ביי איינעם פון זיי שטילערהייד אַ פרעג געטאָן:

— וואָס דאַרף מען איצט טאָן?

— וואַרט, — האָט מיר מיין שכן געענטפערט. — מען וועט דיר געבען ברעקפעסט.

עס האָט ניט לאַנגע גענומען ווי עס איז אַריין אַן אַנדער פּאָליס־מאַן שוין אָהן אַ „קלאָב”. ער האָט אַריינגעטראָגען אַ גרויסען פאַרזשאַ־ווערטען בלעכענעם קעסעל מיט קליינע בלעכענע „קאָפּס”. ער האָט יע־דערען געגעבען אַ „קאָפּ” מיט אַ שוואַרצע געמישעכץ וואָס האָט אויס־געזעהן ווי קאַפּע. ער האָט אונז אויך געגעבען יעדערען אַ פּאָר אַלטע זעמעל און אַזוי האָבען מיר אָפּגעגעסען ברעקפּעסט. ווען מיר האָבען גע־ענדיגט עסען, האָט דער פּאָליסמאַן געעפענט די טיר און האָט אונז אַרויס־געטריבען אויפ'ן גאַס. קיין אַרבייט האָב איך יענעם טאָג ניט געפונען. אָבער אין פּאָליס־סטיישאָן בין איך שוין ניט געגאַנגען. דאָרט אין דעם זעלבען פּאָליס־סטיישאַן האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַלעקסאַנדער בערקמאַן, דעם באַוואוסטען אַנאַרכיסט, וועלכער איז שפּעטער באַ־ריהמט געוואָרען איבער גאַנץ אַמעריקאַ. דעמאָלט, ווען איך האָב איהם געטראָפען צום ערשטען מאָל, איז ער נאָך געווען זעהר יונג און אויך אַ פרייער קוואַרטיראַנט אין דעם פּאָליס־סטיישאָן.

אַ צווייטע נאַכט בין איך אָוועקגעגאַנגען „נעכטיגען” לעבען דער „ר. האָו פּרינטינג מאַשין־שאָפּ”, וועלכער איז געווען אויף גרענד און שעריף סטריטס. דאָרטען זיינען געווען גרויסע רעהרען, וועלכע זיינען פון די סטים געווען הייס. אין די קאַלטע ווינטער נעכט פלעגען אַהין קומען וואַרעמען זיך אַ סך מענשען, וואָס האָבען קיין היים ניט געהאַט. ניט נאָר מענער, נאָר אויך פרויען, עלטערע און יונגע, פלעגען אָפּט קומען אַהין. אייניגע פלעגען קומען אַהין אויפקלייבען פון די אַש־קאַנען די שטיקלאַך נאָך ניט פאַרברענטע קוילען.

אַזוי האָב איך זיך געמאַטערט אַ פּאָר מאָנאַטען, ביז איך האָב גע־קראָגען אַרבייט אין אַ סיגאַר־פעקטאָרי פאַר דריי דאָלער אַ וואָך. דאַן האָב איך שוין געדונגען אַ קאַוורטיר פאַר דריי דאָלער אַ מאָנאַט. אָבער די פּאָליסלייט מיט זייערע קלאָבס פלעגען זיך מיר חלומ'ען אויך שפּע־טער, ווען איך האָב שוין געהאַט אַ וואַרעמע וואוינונג.

מיט אײניגע יאָהר שפּעטער װען איך בין שױן געװען דער סעקרעטער פון די פאַראײניגטע אידישע געװערקשאַפטען אין ניו יאָרק (די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון די עטליכע אידישע יוניאָנס, װאָס האָבען דעמאָלט עקזיסטירט), האָט מיר אַ געװיסער ליבעראַלער גלח, ד ר. פ אַ ר ק ה ו י ר ס ט, פון אײנעם פון די רײכסטע קלױסטערס אין ניו יאָרק, געשיקט אַ בריף, אַז אַזױ װי ער האָט געהערט, אַז מיר פיהרען אָן אַ באַװעגונג אָפּצושאַפען די שװיץ־סיסטעם אויף דער איסט־סאַיד, װיל ער, דער גלח, קומען און העלפען אונז אין דיזער נאָבעלער ארבײט.

דר. פאַרקהוירסט׳ס נאָמען האָט דעמאָלט געקלונגען איבער גאַנץ אמעריקא, צוליב דער ראָלע װאָס ער האָט דאַן געשפּילט אַלס רעפאָרמער אין ניו יאָרק. איך האָב דעם ליבעראַלען גלח גלײך געענטפערט, אַז מיר נעמען מיט פאַרגעניגען אָן זײן הילף.

עס איז געװען אַ פרײטאָג אין דער פריה אין אַ כמאַרנעם הערבסט־טאָג, װען דר. פאַרקהוירסט מיט זײנעם אַ פרײנט אַ דאָקטאָר מעדיצין זײנען געקומען צו אונז אין אָפיס פון די געװערקשאַפטען און איך צוזאַמען מיט א. ראָזענטאַל, דעם דאַמאַלסדיגען דעלעגאַט פון דער ניע־פּענטס מאַכער יוניאָן פון ניו יאָרק זײנען מיט זײ אַװעק אונטערזוכען דעם צושטאַנד פון די שנײדער־שעפער פון ניו יאָרק. מיר זײנען צוגעקומען צו דער ערשטער הױז, אין װעלכער עס האָבען זיך געפונען עטליכע שװיץ־שעפער. דאָס איז געװען די הױז נומער 7 לודלאָו סטריט, צװײ הײזער פון קאַנעל סטריט. דער דעלעגאַט פון דער ניע־פּענטס מאַכער יוניאָן האָט אונז אַרײנגעפיהרט אין אַ יאַרד (הױף). בערג מיט שמוץ זײנען דאָרט געװען אָנגעװאָרפען ביז די פענסטער. די שמאָלע, שמוציגע טרעפּ פון הױז זײנען געװען פאַרװאָרפען מיט שטיקלעך טוך און אַלערלײ שמאַטעס. דער ערשטער שאַפּ, אין װעלכען מיר זײנען אַרײנגעקומען, איז באַשטאַנען פון אַ קלײן צימערעל מיט צװײ קלײנע פאַרשמוצטע פענסטער און נאָך אַ קעמערעל װאָס איז אַמאָל געװען אַ בעד־רום, אָהן פענסטער, בלױז מיט גראַטעס, װעלכע זײנען אַרױסגעגאַנגען אין אַ פינסטערען קאָרידאָר. אין דעם קלײנעם צימערעל זײנען געשטאַנען עטליכע נעה־מאַשינען. עס איז דאָרט געװען אַזױ ענג, אַז מען האָט קױם געקענט צוקומען צו די אָפּערײטאָרס, װעלכע זײנען געזעסען האַרט אײנער לעבען דעם אַנדערען. אונטער דעם מענטעל־פּיעס איז געװען אַ פײער־פּלײס (קאַמין), װאו עס האָט געברענט אַן אױװען, װעלכער איז געװען אַרומגעשטעלט מיט פּרעס־אײזענס. אויפ׳ן פּאָדלאָגע איז געװען אָנגעװאָרפען שמוץ און

שטיקלעך טוך. עטליכע מיידלעך זיינען געזעסען אויפ'ן פּאָדלאָגע און האָבען געארבייט. דאָס זיינען געווען די פינישערינס פון די ניע־פּענטס.

ווען די ארבייטער האָבען אונז דערזעהן, האָבען זיי זיך שטאַרק דערשראָקען. זיי האָבען געדענקט, אז דאָס זיינען פאבריק אינספּעקטאָרען געקומען צומאַכען דעם שאַפּ, און זיי קענען נאָך דערוויילע בלייבען אָהן ארבייט. דר. פּארקהוירסט און זיין פריינט דער דאָקטאָר מעדיציין האָבען אַלץ באַטראַכט און האָבען געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. מיר זיינען צוגעגאַנגען צו דער פּינסטערער קאַמער — דאָרטען האָבען געארבייט די פּרעסערס. אריינגעהן אינוויינינג איז פאר אונז געווען אונמעגליך, ווייל פאר נאָך פיר מענשען איז דאָרט קיין פּלאַץ ניט געווען. דאָרט זיינען געשטאַנען עטליכע אידען און האָבען געפּרעסט די ניע־פּענטס, באַגיסענדיג זיך מיט שוויים. קיין נאַטירליכע ליכט איז דאָרטען ניט געווען, ווייל דער צימער איז, ווי געזאָגט, געווען אָהן א פענסטער. האָבען די פּרעסער געארבייט ביי קעראָסין־לעמפּלאַך. פּלוצלונג האָט דער גלח א פרעג געטאָן ביי איינעם פון די פרעסער אויף דייטש:

— ווי פיעל שטונדען שאַפען זי איין טאַג?

— אכט שטונדען, — האָט דער אַלטער פּרעסער מיט שרעק שנעל געענטפערט.

אָבער דער צווייטער פּרעסער האָט צוגעברומט:

— מיר שאַפען אכט שעה אויף איין זייט...

דאָס האָט ביי איהם געמיינט, אז אויף ביידע זייטען ארבייטען זיי זעכצעהן שטונדען אין מעת־לעת. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאר דעם בעל־הבית אויסצוזאָגען דעם אמת.

אויף יעדען עטאַזש פון יענער הויז זיינען געווען צוויי אזעלכע שעפּער, וואו מען האָט גענייהט קינדער־רעקלעך, קינדער־הויזלעך און העמדער. אין איינעם פון יענע שעפּער האָבען מיר אין א פינסטערען צימער געטראָפען א שוסטער, ארבייטענדיג ביי זיין ווארשטאַט. ער איז דאָס געווען א שכן ביי דעם שניידער־קאָנטראַקטאָר. די אַלע שעפּער האָבען אויפ'ן גלח און אויפ'ן דאָקטאָר געמאַכט א שוידערליכען איינדרוק.

מיר זיינען אזוי ארומגעגאַנגען פון איין שאַפּ צום צווייטען און האָבען געזעהן איין בילד שרעקליכער פון צווייטען. מיר זיינען צוגעקומען צו אן אַלטער גרויסער חורבה אויף מעדיסאָן סטריט, וועלכע איז, ווי מען האָט אונז דערצעהלט, שוין אַלט געווען איבער הונדערט יאָהר.

אויף דעם אונטערשטען עטאַזש, זיינען די פּאָר פענסטער געווען פארשמירט. עס איז געווען פינסטערלאַך. דאָך האָבען מיר דערזעהן

גרויסע „בעילס״, אזעלכע בערג מיט צוזאמענגעפרעסטע שמאטעס, שוין אויסגעסארטירטע. מיר האָבען גענומען טאפען, געוואָלט געפינען די טיר צו די טרעפ ארויף אין שאפ אריין, וואו די ארבייטער האָבען זיך גע־פונען. קוים מיט צרות האָבען מיר ענדליך געפונען די טיר און האָ־בען גענומען שפרייזען אויף הילצערנע טרעפ, וועלכע האָבען זיך געוויגט און געסקריפעט. אונטער די פיס האָט זיך געפיהלט ווייכלאך, פון די שמאטעס, וואס האָבען זיך דאָרטען געוואלגערט. די גאנצע צייט האָט זיך אויסגעדאכט, אז אָט־אָט וועלען די טרעפ צוזאמענברעכען. מיר זיינען קוים ארויף, און ווען מיר האָבען אויפגעמאכט די טיר אין שאפ, האָט א שטראָם שווערע לופט אונז א שפאר געטאָן אין פנים אריין.

פון די בערג מיט שמאטעס האָט זיך אויפגעהויבען א געדיכטער שטויב, געמישט מיט ברעקלאך קאטען. דער שטויב האָט זיך צוגע־קלעפט צו די ווענט, איז געפאלען אויף דער פאָדלאָגע, און איז אריינגע־דרונגען אין די לונגען. ביי די מיידלאך, וועלכע האָבען דאָרט געארבייט, זיינען געווען די קעפ ארומגעבונדען מיט שמאטעס. די מענער־ארבייטער האָבען געטראָגען זייערע העטס, כדי צו באשיצען זיך געגען די שטויב, וואס עסט זיך איין אין די האָר און פרעסט זיי אויף.

אייניגע שויבען זיינען געווען צובראָכען, די גאנצע שויבען זיינען געווען דונקעל־גרוי פון אָנגעקליבענעם שמוץ, די ווענט זיינען געווען חושך־שווארץ. די פאָדלאָגע באדעקט מיט שמאטעס. אין מיטען שאפ איז גע־שטאנען א גרויסער אויוועז. דער גאנצער שאפ איז געווען פארשטעלט מיט קאסטענס פון געענדיגטער און ניט־געענדיגטער ארבייט.

ביי די פענסטער זיינען געזעסען די ארבייטער און האָבען זיך גע־פאדיעט ארום גרויסע קאסטענס, געפלאָכטענע מיט דראָט, וואס האָבען אויסגעזעהן אזוי ווי גרויסע זיפען. ביי יעדער קאסטען זיינען געזעסען צו צוויי ארבייטער. געזעסען זיינען זיי אויף קעסטלעך און האָבען סאָר־טירט די שמאטעס. די זיפען זיינען אומישנע געמאכט געוואָרען אזוי אז דער שטויב זאָל אריינפאלען אין א זאק אריין, וואס איז אָנגעקלאפט אונטער׳ן זיפ.

א שמאטע־קלייבער האָט מיר דערצעהלט, אז די שטויב, וואס פאלט ארונטער דורכ׳ן זיפ אין זאק אריין, ווערט פארקויפט צו מאטראצען־פאב־ריקאנטען, וועלכע פלעגען באנוצען אָט די וואָלענע שטויב אָנצושטאָפען מאטראצען.

אין יענעם שאפ זיינען געזעסען צעהן ארבייטער — פאר׳־חושב׳טע, פארמאָרעטע. זיי האָבען געארבייט גיך, פון אונטער זייערע הענט זיי־

נען די שמאַטעס געפלויגען אין די פאַרשידענע קאַסטענס נאָכ'ן סאָרט נאָך.

צווישען די ארבייטער איז געווען אַ מיידעלע, וואָס האָט אויסגע־קוקט ווי אַ קינד. זי איז געזעסען ביי אַ זיפּ, צוזאַמען מיט אַן אַלטען אידען מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד. דער אַלטיטשקער האָט געהאַלטען אין איין הוסטען. די יונגע מיידעלע האָט נאָך געהאַט רויטע בעקלאָך; זי איז ערשט ניט לאַנג אָנגעקומען אין דעם שאַפּ. דער אַלטער אר־בייטער האָט מיר געזאָגט, אַז ער ארבייט שוין ביי די שמאַטעס איבער פינף יאָהר. דער אַלטער האָט געהוסט. די יונגע מיידעלע האָט געזונגען. און צווישען זיי איז אָנגעגאַנגען אַ „רייס", ווער עס וועט שנעלער אויס־סאָרטירען די שטיקלאָך שמאַטעס.

ביי נאָך אַ קאַסטען זיינען געזעסען צוויי אידען — איינער אַן על־טערער און דער צווייטער אַ אינגערער, וועלכער האָט אויסגעקוקט אַלט אַ יאָהר 35. דער אינגערער האָט געטראָגען אויפ'ן קאָפּ אַ יאַרמולקע, און ער האָט געהאַלטען אין איין לאַכען.

איך האָב איהם אַ פרעג געטאָן, וויפיל ער פאַרדינט אַ וואָך.

— פיר דאָלער מאַך איך אויס, און אַרבייטען ארבייט מען 12—14 שעה אַ טאָג, — האָט ער מיר געענטפערט.

ווי די אַרבייטער האָבען אונז דערצעהלט, פלעגט מען אין די שע־פּער ברענגען גאַנצע „בעילס" מיט שמאַטעס, און מענער, פרויען און קינ־דער, אַלטע און יונגע, אידען און איטאַליענער, פלעגען זיצען און סאָר־טירען די דאָזיגע שמאַטעס. פון אָט דער ארבייט פלעגען ביי די ארביי־טער שנעל קאַליע ווערען די אויגען און פילע פלעגען אנגעשטעקט ווערען מיט די שווינדזוכט־באַצילען. די אַרבייט גופא איז ניט געווען קיין זעהר שווערע, נאָר אַ שמוציגע, אַ נודנע.

איך האָב זיך געגומען פאַנאַנדערפרעגען ביי די ארבייטער, ווי קומט עס, וואָס אזוי פיל אידישע ארבייטער ארבייטען ביי שמאַטעס? האָט מען מיר געענטפערט: פאַראַנען גענוג עלטערע אידען, וואָס דאַרפען אַ לעבען מאַכען, אין אנדערע טריידס נעמט מען זיי ניט צו, ארבייט מען ביי שמאַ־טעס. און ביי שמאַטעס זיינען אי די באָסעס, אי די אַרבייטער פרומע אידען. מען ארבייט זונטאָג אַנשטאָט שבת, דערפאַר ווילען אַ סך פרומע עלטערען, אַז זייערע טעכטער זאָלען בעסער אַרבייטען ביי אזעלכע באַלע־באַטים אבי ניט דאַרפען מחלל שבת זיין.

אין אַן אַנדער חורבה האָבען מיר געטראָפען צווישען די שוויץ־שע־פּער אַ שול. בייטאָג האָט מען דאָרט געאַרבייט און פרייטאָג צו נאַכט

און שבת פלעגען אידען דאָרטען דאַווענען. אריינקומענדיג אין יענעם שאַפּ און דערזעהענדיג לעבען די מאַשינען אַן ארון קודש, האָט דער גלח מיט גרויס עהרפורכט גלייך אַרונטערגענומען פון קאָפּ זיין הויכען זייד־דענעם צילינדער. אזוי זיינען מיר געגאַנגען פון איין גיהנם אין אַ צווייטען, וואָס מען האָט אין יענע יאָהרען גערופען די שעפּער אויף דער איסט סאַיד פון ניו יארק. דאָס קלאַפּען פון די נעה־מאַשינען און דער טומעל און די געשרייען האָבען אונז איינפאַך פארטויבט.

אַט קומען מיר אריין אין אַ שאַפּ, וואו מען נעהט העמדער. אין אַ צווייטען שאַפּ, וואו מען נעהט קינדער־הויזקעס. אין אַ דריטען — מע־נער־רעק פון אַ ביליגען סאָרט. יעדער אָפּערייטאָר פלעגט דארפען אויפ־נעהען אויפ'ן מאַשין אַ הונדערט רעק אַ טאָג. עס רעדט זיך נאָר אזוי אַ טאָג. אין דער אמת'ן פלעגען די ארבייטער זעהר אָפט ארבייטען פון זיבען אין דער פריה ביז צוועלף ביי נאַכט כדי אויסצומאַכען פינף אדער זעקס דאָלער אַ וואָך שכירות.

ווען מיר זיינען אריין אין איינעם פון אַט די רעק־שעפּער, איז דאָרט דעמאָלט גראָד פאָרגעקומען אַ געשלעג צווישען צוויי אָפּערייטאָרס. אין שאַפּ האָבען זיך געפונען ביי אַ צעהנדליג ארבייטער. אַ דריי־פיר יונגע לייט אָפּערייטאָרס, צוויי אַלטע אידען מיט גרויע בערד זיינען געווען די פּרעסערס, אַ פּאָר מיידלאך, די פינישערינס און אַ פּאָר קליינע אינגלעך, וואָס פלעגען ארויסשלעפּען די פאַסטריגעס פון די אויפגעמאַכטע רעק. דער גאַנצער שאַפּ איז דאַן, ווען מיר זיינען אריינגעקומען, געשטאַנען אויף די פיס. אַ איד מיט אַ שוואַרצער באָרד, דער בעל־הבית פון שאַפּ, האָט זיך געבעטען ביי די צוויי אָפּערייטאָרס, אַז זיי זאָלען זיך באַרוהי־גען און ווידער זעצען זיך צו דער אַרבייט. ווען זיי האָבען אונז דער־זעהן האָבען זיי זיך צוזעצט אויף זייערע פּלעצער און עס איז אביסעל שטילער געוואָרען. עס האָט גענומען בלויז עטליכע מינוט אויסצוגעפינען וואָס דאָרט איז פּאָרגעקומען. דער געשלעג צווישען די צוויי אָפּערייטאָרס איז געוועזען צוליב דעם, וואָס איין אָפּערייטאָר, וועלכער איז געזעסען אַנטקעגען דעם צווייטען, האָט געאַרבייט פיל שנעלער ווי זיין שכן, האָבען זיי זיך אזוי צואווערטעלט, ביז וואַנען איינער האָט זיך געוואָרפען שלאָגען אויפ'ן צווייטען.

ליידער אָבער האָבען ניט דער גלח און ניט דער דאָקטאָר עפּעס גע־טאָן אום אָפּצושאַפען יענעם גיהנם, וועלכען מען האָט גערופען די „סוועט־טינג־סיסטעם". ערשט אין יאָהרען אַרום, ווען די אידישע ארבייטער האָ־בען זיך אָרגאַניזירט אין יוניאָנס, האָבען זיי מיט דער הילף פון דער

אַלגעמיינער טרייד־יוניאַן באַוועגונג פון לאַנד אויסגעפיהרט, אז די סוועט־טינג־סיסטעם זאָל אָפּגעשאַפט ווערען. נאָר וועגען דעם אויספיהרליך אין די קומענדע קאַפּיטלען.

ניט נאָר די שעפּער און די הייזער, נאָר אויך די גאַסען פון דער ניו יאָרקער איסט־סאַיד, וואו די אידישע ארבייטער האָבען געוואוינט, זיינען אין יענע יאָהרען געוועזען זעהר שמוציג. בלויז איין מאָל אין א מאָנאַט פלעגט זיך אראָפּלאָזען אין די אידישע קווארטאַלען פון ניו יארק א מחנה אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע מענער מיט גרויסע בעזימער, וועלכע פלעגען אביסעל אָפּרייניגען די גאסען און די בערג שמוץ, וועלכע זיינען דאָרט געלעגען. און אויף וועלכע די יונגע אידישע קינדערלאך פלעגען זיך שפּילען גאנצע טעג.

די פּאַכען ארבייט, ביי וועלכע די ערשטע אידישע אימיגראַנטען פון די אכציגער יאהרען פון פאָריגען יאהרהונדערט האָבען די ערשטע צייט געארבייט אין ניו יארק, זיינען ניט געווען אָרגאניזירט. עס זיינען, אמת, געווען אייניגע טריידס, ווי דער סיגאַרען מאַכער טרייד, צום ביישפּיל, אין וועלכען עס איז געווען א יוניאָן. האָבען זיך טאקע פילע גרינע אר־בייטער, וואס זיינען געוואַרען סיגאַרען־מאַכער, אַנגעשלאָסען אָן דער יו־ניאָן. אָבער, ווי שוין געזאָגט, האָט די ריזיגע מעהרהייט פון יענע גרינע אַרבייטער געאַרבייט אין די שניידער־שעפּער, ביי טאַנדעטנע קליידער. און אָט אין יענע טריידס איז אין אָנפאַנג פון די 80־ער יאהרען ניט גע־ווען קיין סמן פון א יוניאָן. א היבשע צאָהל אידישע אימיגראַנטען האָ־בען געהאַט א גוטען טרייד פון דער היים, פלעגט מען זיי אָבער אין די אַמעריקאַנער יוניאָנס ניט וועלען ארייננעמען.

איידער די גרויסע אידישע אימיגראַציע האָט זיך אָנגעפאַנגען איז די מאַיאָריטעט ארבייטער פון ניו יאָרק באַשטאַנען פון אימיגראַנטען, וואָס זיינען געקומען פון ענגלאַנד, דייטשלאַנד, איירלאַנד אדער פון די סקאַנ־דינאַווישע לענדער, כאָטש עס זיינען אויך געווען אין די שעפּער א היבשע צאָהל אַמעריקאַנער געבאָרענע ארבייטער.

# די ערשטע אידישע אַרבייטער אין די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָנס

די ערשטע סטרייקס און די ערשטע יוניאָנס אין אמעריקא מיט איבער 100 יאהר צוריק. — די „נייטס אָוו לייבאָר" און די גרינדונג פון דער „אַמעריקאַן פעדערויי־שאָן אָוו לייבאָר. — די באוועגונג פאר'ן 8־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. — די סיגאַ־רען־מאַכער יוניאָן. — אידען אין דער סיגאַרען־מאַכער יוניאָן. — די ערשטע אידען אין די ניו יארקער יוניאָנס. — די ערשטע סטרייקס פון די אידישע אר־בייטער. — די סיגאַרעטען־מאַכער יוניאָן—די ערשטע אידישע יוניאָן אין אמעריקא.

ווען די ערשטע אידישע אימיגראַנטען פון די אכציגער יאהרען זיי־נען אָנגעקומען אין אמעריקא, האָבען זיי שוין דאָ געטראָפען א גוט אָר־גאַניזירטע ארבייטער־באוועגונג. די טרייד־יוניאָן באוועגונג פון אמערי־קא איז שוין באַלד הונדערט־און־פופציג יאהר אַלט. גענוי ווען עס האָט זיך געגרינדעט די ערשטע ארבייטער־יוניאָן אין אַמעריקא איז שווער פעסטצושטעלען. אָבער פּראָפעסאָר קאָמינס שרייבט אין זיין בוך „די געשיכטע פון דער אַרבייטער באַוועגונג אין אמעריקא", אז שוין אין יאהר 1786 האָבען אין דער שטאָדט פילאַדעלפיע געסטרייקט די שריפטזעצער פאַר א מינימום לוין פון זעקס דאָלער א וואָך און אז די דאָזיגע שריפט־זעצער זיינען געווען אָרגאַניזירט אין א יוניאָן. ווי לאַנג דיזע יוניאָן האָט עקזיסטירט ווייס מען ניט גענוי, אָבער מיט עטליכע יאהר שפּעטער, אין יאָהר 1792, האָבען די שוסטער פון פילאַדעלפיע זיך אָרגאַניזירט אין א יוניאָן, וועלכע האָט עקזיסטירט אַן ערך א יאהר צייט. מיט צוויי יאהר שפּעטער, אין יאָהר 1794, האָבען די פילאַדעלפיער שוסטערס זיך ווידער אָרגאַניזירט און זייער יוניאָן האָט עקזיסטירט ביי אַ צוועלף יאהר. אין יאָהר 1799 האָט די יוניאָן אָנגעפיהרט דעם ערשטען אָרגאַניזירטען סטרייק, וועלכער האָט געדויערט צעהן וואָכען. אין יאהר 1799 האָ־בען די שריפטזעצער פון ניו יארק געגרינדעט א יוניאָן, וועלכע האָט עק־זיסטירט פינף יאָהר. די שוסטער און די שריפטזעצער זיינען געווען די איינציגע, וועלכע האָבען אין יענע יאָהרען אויפגעהאַלטען יוניאָנס צווישען איין סטרייק און אַ צווייטען. אין אַנדערע פאַכען פלעגען די ארבייטער

זיך אָרגאַניזירען בלויז פאַר א סטרייק און אַזוי שנעל ווי דער סטרייק פלעגט זיך ענדיגען, פלעגען די יוניאָנס זיך צופאַלען.

ערשט אין יאָהר 1818 האָבען די ארבייטער פון פאַרשידענע שטעדט אָנגעהויבען גרינדען פעסטע יוניאָנס, וועלכע האָבען זיך אין די ערשטע יאָהרען באַשעפטיגט בלויז מיט פיהרען סטרייקס.

נאָך דעם קריזיס פון די יאָהרען 1819־1820, ווען די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד האָט זיך פאַרבעסערט, האָט זיך צווישען די ארבייטער אָנ־געפאַנגען אַ שטאַרקע באַוועגונג צו אָרגאַניזירען זיך אין יוניאָנס. דע־מאָלט האָבען זיך אויך גענומען גרינדען צום ערשטען מאָל צענטראַלע פאַרבאַנדען, אין וועלכע די יוניאָנס פון עטליכע פאַכען פון איין און דער־זעלבער שטאָדט האָבען זיך פאַרבונדען אין איין אָרגאַניזאַציע.

אין אַ ניו יארקער צייטונג, „דער מאָרנינג קוריער", פון 13־טען אַפּ־ריל, 1829, איז געווען געדרוקט אַ באַריכט וועגען איינער פון די גרעסטע ארבייטער־פאַרזאַמלונגען פון יענער צייט, וועלכע איז פאָרגעקומען אין ניו יארק מיט אַן אָווענט פריהער. צו דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען פון פינף ביז זעקס טויזענד ארבייטער, וואָס דאָס האָט אין יענער צייט געמיינט, אַז כמעט די גאַנצע אַרבייטערשאַפט פון ניו יאָרק איז אַנווע־זענד געווען ביי יענער פאַרזאַמלונג. ביי יענעם מיטינג מיט הונדערט יאָהר צוריק, האָבען די ארבייטער פון ניו יארק באַשלאָסען אויף ווייטער צו ארבייטען בלויז צעהן שעה אַ טאָג און ניט מעהר. ביז דעמאָלט פלע־גען די מעהרסטע פון זיי ארבייטען צוועלף שטונדען און מעהר. דער קאַמף פון די ניו יארקער ארבייטער פאַר דעם צעהן־שטונדיגען ארבייטס טאָג האָט ניט לאַנג געדויערט און די ארבייטער האָבען איהם געוואונען. באַלד נאָכדעם ווי די ניו יארקער ארבייטער האָבען אָנגעפאַנגען ארבייטען צעהן שטונדען אַ טאָג, האָט זיך דער קאַמף פאַר'ן צעהן־שטונדיגען ארבייטס־טאָג גלייך גענומען פאַרשפּרייטען איבער אַלע אנדערע שטעדט פון לאַנד. די הויפּט־אָנפיהרער פון דיזען קאַמף זיינען מעהרסטענס געווען די אר־בייטער פון דער בוי־אינדוסטריע.

אין יאָהר 1842 האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג דורך איהר דאַמאָלס־דיגען פּרעזידענט וואַן־ביורען, אָפיציעל עטאַבלירט דעם צעהן־שטונדיגען ארבייטס־טאָג אויף אַלע רעגירונגס־ארבייטען. שפּעטער האָט יעדער באַ־זונדערער שטאַאַט פון לאַנד אָנגענומען דעם געזעץ וועגען דעם צעהן־שטונדיגען ארבייטס טאָג פאַר די אָנגעשטעלטע פון שטאַאַט.

צווישען די יאָהרען 1827 און 1833 האָט זיך די ארבייטער באַווע־גונג פאַרשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד. אומעטום, וואו עס האָבען זיך

נאָר געפונען ארבײטער אין גרױסע צאָהלען, האָבען די יוניאָנס אָנגע־פיהרט א שטארקע טעטיגקײט צו אָרגאַניזירען די ארבײטער ניט נאָר אויף'ן עקאָנאָמישען געביט, נאָר זאָגאר אויך אויף'ן פּאָליטישען. אין אײניגע שטאאטען זײנען אפילו אָרגאַניזירט געווארען פּאָליטישע ארבײ־טער־פּארטײען, וועלכע האָבען ארײנגעשטעלט אין זײער פּראָגראַם א גאנ־צע רײהע וויכטיגע פאָדערונגען און האָבען זעהר פיל מיטגעהאָלפען, אז די דאָזיגע רעפארמען זאָלען ענדליך דורכגעפיהרט ווערען. אײנע פון די הויפּט־פאָדערונגען פון יענע פּאָליטישע ארבײטער־פּארטײען איז געוועזען די פאָדערונג פון פרײע פּאָלקס־שולען (פּאָבליק סקולס). און די ארבײטער באַוועגונג האָט סוף כל סוף אויסגעפיהרט, אז אזױנע פרײע שולען זאָלען אײנגעפיהרט ווערען אין אָלע סטײטס.

אין יאָהר 1836 זײנען אין פילאדעלפיא שוין געוועזען 58 טרײד־יוניאָנס, אין ניו יארק — 52, אין נוארק — 16, אין פּיטסבורג — 13, אין סינסינעטי — 14, און אזוי אויך אין פילע אנדערע שטעדט פון די פאראײניגטע שטאאטען.

די ערשטע נאציאָנאַלע ארבײטער־אָרגאַניזאציע איז געגרינדעט גע־ווארען ערשט אין יאהר 1866. געהײסען האָט די נײע אָרגאַניזאציע „די נעשאָנאַל לײבאָר יוניאָן". דאָס איז געוועזען א פעדערא־ציע פון טרײד־יוניאָנס, פון לאָקאלע יוניאָנס און פון „רעפאָרם־אָרגאַניזא־ציעס". „די נעשאָנאַל לײבאָר יוניאָן" האָט עקזיסטירט אין גאַנצען זעקס יאָהר. פון דעסטוועגען האָט זי פאר דער קורצער צײט באוויזען דורכ־צופיהרען אין קאָנגרעס א געזעץ וועגען אן אכט שטונדיגען ארבײטס־טאָג פאר רעגירונגס־אנגעשטעלטע. פון דער יוניאָן האָט זיך שפּעטער ענט־וויקעלט א נאציאָנאַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאציע, וואס האָט ארויסגע־שטעלט איהר אײגענעם קאנדידאַט אין די פּרעזידענט־וואהלען. נאָך דער „נעשאָנאַל לײבאָר יוניאָן" איז געקומען אן אָרגאַניזאציע מיט'ן נאָמען „די נאָבעל אָרדער אָוו די נײטס אָוו לײבאָר". יעדער אײנער האָט געקענט ווערען א מיטגליד פון די „נײטס אָוו לײ־באָר", א חוץ אדוואָקאטען, באַנקירען און סאלון־קיפּערס.

די „נײטס אָוו לײבאָר" איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1869, ווען א גרופּע קלײדער־צושנײדער אין פילאדעלפיא, אונטער דער פיהרער־שאַפט פון יוראַיא סטיווענס, האָבען געלײגט דעם פונדאמענט פאר א געהײמען ארבײטער ארדען. סטיוועגס איז געוועזען שטארק באאײנפלוסט פון קארל מארקס'ס „אינטערנאציאָנאַלער ארבײטער אסאָציאציע". ער און זײנע חברים האָבען געשטרעבט צו פאראײניגען די אמעריקאנער אר־

ביטער עקאָנאָמיש און פּאָליטיש צו באַשיצען זייערע קלאַסען־אינטערע־סען. די צרה איז נאָר געווען, וואָס די געהיימע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמע און די געמישטע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון ארבייטער פון פיל פאַכען, האָבען אין שפּעטערע יאָהרען ניט געטויגט. כל־זמן די „נייטס" זיינען נאָך געווען קליינע גרופּען, וואָס האָבען זיך געמוזט שטאַרק אויסהיטען פון פאַרפאָלגונגען מצד די באַלעבאַטים, האָט ניט אויסגעמאַכט ווי זיי האָבען זייערע געשעפטען געפיהרט. ווען זיי האָבען אָבער אָנגעהויבען צוקריגען מאַסען אָנהענגער, איז שווער געווען אויפצוהאַלטען די געהיימע פאַרזאַמלונגען און נאָך שווערער איז אָנגעקומען צו פיהרען סטרייקס, ווען אין די בראַנטשעס וועגען א שניידער־סטרייק, למשל, פלעגען זיך באַ־טייליגען בוי־ארבייטער, אייזען־ארבייטער און אַנדערע, וואָס האָבען קיין באַגריף ניט געהאַט וועגען די ספּעציעלע אומשטענדען פון שניידער־פאַך. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער איינפיהר ניט צו שליסען קיין קאָנטראַק־טען מיט באַלעבאַטים.

די „נייטס אָוו לייבאָר" האָבען געהאַט א סך פעהלערען. זיי האָ־בען ניט געהאַט קיין גענויע, קלאָרע פאַרשטעלונג וועגען די וועגען און מיטלען, וועלכע דאַרפען פיהרען צו דער באַפרייאונג פון ארבייטער קלאַס. אויסער דעם האָבען די לעבערליכע מיטעלאַלטערישע צערעמאָניעס, וועל־כע האָבען עקזיסטירט אין דיזען געהיימען אָרדען, אָפּגעשטויסען פון איהם די מעהרסטע פאָרטגעשריטענע ארבייטער. פון דער אַנדער זייט האָבען זיך, ווי אין אַלע אַזעלכע געהיימע אָרגאַניזאַציעס, אריינגעכאַפּט פאַרדעכטיגע פּערזאָנען און סתם פּאָליטישענס, וועלכע האָבען סוף כל סוף פאַרכאַפּט די פאַרוואַלטונג פון אָרדען אין זייערע הענד און האָבען גענו־מען אויסנוצען זייער מאַכט פאַר זאַכען, וואָס האָבען קיין שייכות ניט געהאַט מיט די ווירקליכע ארבייטער אינטערעסען.

טערענס פּאַודערלי, דער ערשטער פיהרער פון די „נייטס אָוו לייבאָר, האָט זיך ניט געקענט צופּאַסען צו דער וואַקסענדער ארבייטער־באַוועגונג און איז אין זיינע בעסטע יאָהרען באַזייטיגט געוואָרען פון פיה־רערשאַפט.

פאַר די ארבייטער פון היינטיגען דור איז פּאַודערלי א פרעמדער נאָמען. ער איז אָבער אין זיין צייט געווען א מעכטיגע פיגור אין דער היגער אר־בייטער באַוועגונג. פּאַודערלי האָט זיך מיט אַלע כחות געהאַלטען אָן די פאַרגליווערטע פאָרמען פון זיין אָרגאַניזאַציע און זיין איינגעשפּאַרטקייט האָט א סך ביינגעטראָגען צו דעם דורכפאַל פון די „נייטס". פון יאָהר 1879 ביז 1894 איז ער געווען דער מאַסטער־וואָירקמען פון די „נייטס אָוו ליי־

באָר" און אונטער זיין אַדמיניסטראַציע איז פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט אַרום דריי־פערטעל מיליאָן מיטגלידער, געבליבען בלויז עטליכע טויזענד.

פּאַודערלי האָט אין די יאָהרען פון זיין פיהרערשאַפט שטענדיג געהאַט אין זינען מעהר זיין פּערזענליכע קאַריערע ווי די ארבייטער־באַוועגונג. די ערשטע פינף יאָהר, וואָס ער איז געווען „מאַסטער וואָירקמען", איז ער געווען דער מעיאָר פון סקרענטאָן, וואו ער איז דריי מאָל ערוועהלט געוואָרען אַלס ארבייטער קאַנדידאַט. אין די יאָהרען האָט ער געטיילט זיין צייט צווישען דער שטאָדט־פיהרונג פון סקרענטאָן און זיינע פליכטען אַלס פיהרער פון דעם גרעסטען אַמעריקאַנער ארבייטער־אָרדען פון יענער צייט. שפּעטער איז ער געווען פאַרנומען מיט שטודירען לאָא און מאַכען פאַרבינדונגען צווישען פּאָליטיקער.*)

אין 1878־טען יאָהר האָבען א געוויסע צאָהל מיטגלידער פאַרלאָזען די „נייטס אָוו לייבאָר" און האָבען געגרינדעט די „אַמאַלגאַמייטעד לייבאָר יוניאָן". צוזאַמען מיט דעם געהיימען ארבייטער אָרדען די „נייטס אָוו אינדוסטריע", האָט די „אַמאַלגאַמייטעד לייבאָר יוניאָן" איינגערופען א קאָנווענשאָן אויף דעם 2־טען אויגוסט, 1881, מיט דעם צוועק צו גרינ־

---

*) די שענדליכסטע ראָלע אין זיין קאַריערע אַלס ארבייטער־פיהרער האָט פּאַודערלי געשפּילט אין צייט פון דעם פּולמאַן סטרייק, וואָס דעבס האָט אָנגעפיהרט אין 1893 און 1894. באַאיינפלוסט פון הויכע פּריסטער פון דער קאַטוילישער קירך און פון קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישענס, איז פּאַודערלי אַרויסגעטראָטען געגען די סטרייקער און האָט געהאָלפען דעם פּרעזידענט קליוולאַנד און די באַהן־מאַגנאַטען צו ברעכען דעם אויפשטאַנד פון די ארבייטער.

די סאָציאַליסטישע מיטגלידער פון די נייטס אָוו לייבאָר, אונטער דער פיהרערשאַפט פון לוסיען סעניעל און דעניעל דעליאָן, האָבען געהאָלפען ארונטערזעצען פּאַודערלי'ן פון זיין אמט. אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעגעסען דאָס האַרץ. דעמזעלבען יאָהר איז ער געוואָרען אַן אַדוואָקאַט און גאָר אין גיכען האָט ער אָנגעהויבען פּראַקטיצירען זיין נייע פּראָפעסיע אין וואַשינגטאָן פאַר'ן העכסטען געריכט.

אין יאָהר 1907 איז פּאַודערלי באַשטימט געוואָרען פון האַנדעלס און ארבייטס־מיניסטעריומס צו שטודירען די אורזאַכען וואָס באַוועגען די אייראָפּעאישע מאַסען צו וואַנדערען קיין אַמעריקע. באַלד נאָך דעם איז ער געוואָרען קאָמישאָנער גענעראַל פון אימיגראַציע און האָט געהאַלטען דעם אמט א לענגערע צייט.

ער האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אַלס קינד פון אַן ארבייטער פאַמיליע, וואָס האָט צו דרייצעהן יאָהר געמוזט ווערען א באַהן־ארבייטער און שפּעטער אַ מאַשיניסט אין א שאַפּ, און געשטאָרבען איז ער אין יאָהר 1925 אין וואַשינגטאָן אין עלטער פון 75 יאָהר, אַלס הויכער רעגירונגס־אָנגעשטעלטער.

דען א צענטראלע ארבייטער־קערפּערשאפט אלס אָפּאָזיציע צו די „נייטס אָוו לייבאָר". אָבער צוליב אונבאשטימטע סבות איז דיזע קאָנווענשאָן ניט פאָרגעקומען. א צווייטער פּארזוך אזעלכער האָט זיך אָבער יאָ איינגעגעבן. דעם 19־טען נאָוועמבער, 1881, איז אין פּיטסבורג אָפּגעהאלטען געווארען א קאָנווענשאָן, אויף וועלכער עס זיינען געוועזן אנוועזענד 107 דעלעגאטען, וועלכע האָבען פּארטראָטען 262,000 אָרגאַניזירטע ארבייטער. אויף דיזער קאָנווענשאָן איז געגרינדעט געווארען די „פעדערײשאָן פון די אָרגאַניזירטע טרייד און לייבאָר יוניאָנס פון די פאראייניגטע שטאַאטען און קענעדע", פון וועלכע עס האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט די „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר". אין דער פּראָגראַם פון דער „פעדערײשאָן אָוו טרייד און לייבאָר יוניאנס" געפינען מיר א גאַנצע רייהע פּאָליטישע פאָדערונגען, ווי צום ביישפּיל, די אָפּשאַפונג פון קינדער־ארבייט, די באַשרענקונג פון פּריזאָן־ארבייט, די אָפּשאַפונג פון דעם זאָגענאַנטען געזעץ געגען פּארשווערונג, מיט וועלכען די קאַפּיטאליסטען פלעגען זיך באַנוצען אין קאמף מיט די ארבייטער ארגאַניזאציעס. אָבער ענערגישער פון אַלע האָט די פּראָגראַם אונטערשטראָכען די פאָדערונג פון אַן 8־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. זי האָט אויך אָנגעצייגט אויף דער נויטווענדיגקייט צו האָבען אייגענע פאָרשטעהער אין די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען פון לאַנד, אום דורכצופיהרען דאָרט געזעצען צום גונסטען פון די ארבייטער. אויף דער צווייטער קאָנווענשאָן פון דער פעדערײשאָן, וועלכע האָט שטאַטגעפונדען אין קליוולאנד, איז סעמיועל גאָמפּערס צום ערשטען מאָל ערוועהלט געוואָרען אלס פּרעזידענט פון דער פעדערײשאָן.

אין'ם משך צייט פון יאָהר 1877 ביז 1885 זיינען די אמעריקאנער יוניאָנס געוואקסען אָהן אן אויפהער. איבעראַל האָבען זיך געגרינדעט נייע אָרגאַניזאציעס און די אַלטע האָבען זיך שנעל ענטוויקעלט. דער יאָהר 1886 איז באַזונדערס געוועזן אן עפּאָכע־מאַכענדער אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג. עס איז כמעט ניט געוועזן קיין איין שטאָדט אין די פאראייניגטע שטאַאטען, וואו די ארבייטער פון פארשידענע טריידס זאָלען ניט נעמען קיין טיכטיגען אנטייל אין דער באַוועגונג. די צאָל מיטגלידער אין די לאָקאַלס פון די „נייטס אָוו לייבאָר" איז אין 1886־טען יאָהר געוועזן איבער דריי הונדערט טויזענד. די אָפּענע יוניאָנס זיינען שנעל געוואקסען. עס האָבען זיך אָרגאַניזירט אזעלכע טריידס און פּראָפעסיעס אין וועלכע עס איז ביז דאַן ניט געוועזן אפילו

קײן סימן פון אַן אָרגאַניזאַציע. די באַוועגונג האָט דאַן אַרומגענומען די סאַמע נידעריגסטע שיכטען פון פּראָלעטאַריאַט און האָט זיך פאַראײניגט אין קאַמפּס־יוניאָנס. סטרײקס און באָיקאָטס זײנען איבער׳ן גאַנצען לאַנד געוואָרען אַ טאָג־טעגליכע ערשײנונג. אין אַלע שיכטען פון אַר־בײטער־קלאַס האָט געהערשט דער גײסט פון סאָלידאַריטעט און אײניג־קײט. די פאַרקירצונג פון ארבײטס־טאָג איז געווען די פאָדערונג פון אַלע אַרבײטער פון לאַנד.

ווי עס איז שוין פריהער דערמאָנט געוואָרען, איז די אַרבײטס־צײט אין די פריהערדיגע יאָהרען געווען פון זונען־אויפגאַנג ביז זונען־אונטערגאַנג. אין די טעקסטיל־פאַבריקען פון ניו ענגלאַנד פלעגען די פרויען און קינדער אַרבײטען 73 און א האַלב שטונדען אַ וואָך. אין די מיטעל און דרום־שטאַאַטען פלעגט מען אַרבײטען 82 און אַ האַלב שטונדען א וואָך. דורכ־שניטליך דורכ׳ן יאָהר זײנען די אַרבײטס־שטונדען דאָרט געווען 78 און אַ האַלב א וואָך.

די אָרגאַניזירטע אַרבײטער פון די פאַראײניגטע שטאַאַטען, אײנפּיה־רענדיג איבער׳ן גאַנצען לאַנד די 10 שטונדען א טאָג אַרבײט, האָבען זיך גלײך גענומען צום קאַמף פאַר דעם 8־שטונדיגען אַרבײטס־טאָג.

די ערשטע אַרבײטער, וועלכע האָבען געוואונען דעם נײעם קאַמף פאַר אַכט שעה, זײנען געווען די שיף־קאַרפּענטערס פון דער נײווי אין טשאַרלסטאָן, מאַסאַטשוזעטס. אָבער דער קאַמף פאַר 8־שטונדען אַ טאָג אַרבײט איז שוין ניט אָנגעגאַנגען אזוי לײכט ווי פאַר דעם 10־שטונדיגען אַרבײטס־טאָג. טראָץ דעם, וואָס דער קאָנגרעס פון די פאַראײניגטע שטאַאַטען האָט שוין אין 1868־טען יאָהר דורכגעפיהרט א געזעץ, אַז בײ אַלע רעגירונגס־אַרבײט זאָל מען אַרבײטען בלויז 8 שעה א טאָג, דאָך האָט עס דער אָרגאַניזירטער אַרבײטערשאַפט פון אַמעריקא גענומען גאַנצע פופציג יאָהר ביז זײ האָבען געוואונען דעם 8־שטונדיגען אַרבײטס־טאָג. דער קאַמף איז געווען א שווערער, א ביטערער.

ניו יאָרק איז אין דעם קאַמף פאַר קירצערע אַרבײטס־שטונדען שטענ־דיג געווען די ערשטע. אזוי האָבען די ניו יאָרקער בריקלײערס די ערש־טע געוואונען דעם 8־שטונדיגען אַרבײטס־טאָג. עס האָט געהײסען 48 שעה אַ וואָך. דאָס איז געווען אין יאָהר 1872, און די איבעריגע אַרבײ־טער פון די ניו יאָרקער בילדינג־טרײדס האָבען אויך גלײך דורך סטרײקס דאָ אין ניו יאָרק געוואונען 8 שעה א טאָג אַרבײט.

אין יאָהר 1873 איז אין לאַנד אָנגעקומען א שרעקליכער קריזיס, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען ביז׳ן יאָהר 1877. צוליב יענעם קריזיס זײ־

נען כמעט אלע ארבייטער אין אמעריקא דאַן ארויסגעוואָרפען געווארען פון דער ארבייט און די מעהרסטע פון זיי האָבען א לאנגע צייט געליטען הונגער און נויט. די קאַפּיטאַליסטען האָבען זיך דאַן באַנוצט מיט די שלעכטע צייטען און האָבען ביי אַלע ארבייטער, וואס האָבען שוין געוואונען דעם 8 און 9 שטונדיגען ארבייטס־טאָג, דעם געווינס צוריק אָפּגענומען. און די אַרבייטער זיינען נאָכהער, ווען זיי האָבען ווידער געקראָגען ארבייט, געמוזט צוריק אַרבייטען 10 שטונדען אַ טאָג.

ערשט מיט יאָהרען שפּעטער, ווען עס האָט זיך געגרינדעט אין 1881־טען יאָהר די „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" האָט מען דעם קאמף פאר 8־שעה ארבייט אויפס־ניי אויפגענומען.

ביי אַ קאָנווענשאָן פון דער „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" אין 1884־טען יאָהר איז באַשלאָסען געוואָרען, אז דעם 1־טען מאַי, 1886־טען יאָהר זאָל ארויסגערופען ווערען פון אַלע יוניאָנס איבער'ן גאַנצען לאַנד אַ גענעראַל סטרייק פאר אַן 8־שטונדיגען ארבייטס־טאָג.

אין גאַנצען לאַנד האָט מען זיך גענומען גרייטען צו אַ סטרייק. אין דעם קאַמפּיין וואָס די יוניאָנס האָבען אָנגעפיהרט צוויי יאָהר צייט, זיינען צעהנדליגער טויזענטער ארבייטער ארגאַניזירט געווארען און דעם 1טען מאַי, 1886, איז דער סטרייק ערקלערט געווארען.

די אונטערנעהמער האָבען זיך פאראייניגט צו באַקעמפען די פאָדערונג פון די ארבייטער און די ארבייטער האָבען פארלאָרען דעם קאַמף. בלויז אַ טייל ארבייטער פון די בילדינג־טריידס האָבען גע־וואונען דעם 8־שטונדיגען ארבייטס טאָג. פילע יוניאַנס האָבען אָבער דאַן געמאַכט קאָמפּראָמיסען מיט די באָסעס פאר 9 שטונדען אַ טאָג ארבייט.

יענעם יאָהר האָט אין אין שיקאגאָ פּאַסירט די היי־מאַרקעט טראַ־געדיע, ביי וועלכער אייניגע סטרייקערס זיינען געטויטעט געווארען. אלס ענטפער אויף דיזער הריגה איז אויף דעם היי־מאַרקעט (אַ פּלאַץ אין שי־קאַגאָ) געוואָרפען געווארען אַ באָמבע. די באָמבע האָט דער'הרג'עט עט־ליכע פּאָליסלייט און צוזאַמען מיט דעם אויך די ארבייטער־באַוועגונג פון 1886־טען יאָהר. מען האָט אָנגעפאַנגען שרעקליך צו פארפאָלגען די אר־בייטער. פילע ארבייטער זיינען ארעסטירט געווארען און די פיהרער פון די יוניאָנס האָט מען פארקלאָגט אין מאָרד. זיבען פון זיי זיינען פאר־אורטיילט געווארען צו טויט־שטראָף און איינער צו לעבענסלענגליכער געפענגנים טראָץ דעם, וואס עס איז נאָך ביז היינט צו טאָג ניט באַ־וויזען געווארען ווער עס האָט געוואָרפען די באָמבע. פיר פון די פאר־

אורטיילטע האָט מען אויפגעהאנגען, איינער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין טורמע, נאָך איידער מען האָט צייט געהאַט איהם הינצוריכטען און צוויי האָט מען פאַרביטען די טויט־שטראָף אויף אייביגע קאַטאָרגע. אין יוני, 1893, האָט גאָווערנאָר אַלטגעלד פון אילינאָי, באַפרייט די דריי, וועלכע האָבען נאָך געלעבט און ער האָט דערביי ערקלעהרט, אַז די, וועלכע האָבען גע׳משפט די שיקאַגאָ׳ער מאַרטירער, האָבען ניט געהאַט אין זינען די אינטערעסען פון אמת און גערעכטיגקייט, אַז די שולד פון די פאַראורטיילטע איז ניט באַוויזען געוואָרען און אַז די ריכטער זיינען באַגאַנגען אַ געריכטליכען מאָרד.*)

די באַוועגונג פון יאָהר 1886 האָט געבראַכט אַ גאַנצע רייהע פאַרפאָלגונגען אויך אויף די קעפּ פון די ניו יאָרקער ארבייטער. די ניו יאָרקער ארבייטער האָבען זיך באַזונדערס ענערגיש באַנוצט מיט דער וואָפּע פון באָיקאָט און די קאַפּיטאַליסטישע ריכטער פלעגען פאַראורטיילען די ארבייטער, וועלכע זיינען באַשולדיגט געוואָרען אין באָיקאָט, צו זעהר שווערע שטראָפען. דאָס האָט ווידער געגעבען אַ שטאַרקען שטויס דער אַגיטאַציע פאַר אַ זעלבסטשטענדיגער פּאָליטישער ארויסטרעטונג פון ארבייטער קלאַס, און אין די שטאָדטישע וואַהלען אין הערבסט פון זעלבען יאָהר האָט דער מעיאָר־קאַנדידאַט פון די ארבייטער, דער באַריהמטער רעפאָרמער הענרי דזשאָרדזש, געקראָגען 68,000 שטימען.

זייט דאַן האָבען זיך די טרייד יוניאָנס פון לאַנד נאָך מעהר פאַרשטאַרקט און האָבען ארויסגעצייגט זייער שטאַנדהאַפטיגקייט אין דעם פיל־יעהריגען אונאויפהערליכען קאַמף מיט די קאַפּיטאַליסטען. די „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר" איז געוואָרען די אַלגעמיין אַנערקענטע נאַציאָנאַלע ארבייטער קערפּערשאַפט פון די פאַראייניגטע שטאַאטען.

נאָך אין יאָהר 1882 האָט די סענטראַל לייבאָר יוניאָן פון ניו יאָרק, די אַמאָליגע צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אַלע ניו יאָרקער טרייד־יוניאָנס, באַשלאָסען, אַז דער ערשטער מאָנטאָג אין סעפּטעמבער מאָנאַט זאָל באַשטימט ווערען אַלס אַ יום־טוב פון די ארבייטער.

דער דעלעגאַט, וואָס האָט אריינגעבראַכט דעם דאָזיגען פאָרשלאַג אויף דעם מיטינג פון דער סענטראַל לייבאָר יוניאָן, האָט אַרגומענטירט, אַז אין אַמעריקאַ זיינען פאַראַן פאַרשידענע יום־טובים, וואָס טראָגען אַ רעליגיעזען, פּאָליטישען אָדער מיליטערישען כאַראַקטער, און עס איז ניט

*) די „הוי־מאַרקעט טראַגעדיע" האָב איך אויספיהרליך באַשריבען אין מיין בוך „40 יאָהר אין דער אידישער ארבייטער באַוועגונג".

מעהר ווי רעכט, אז עס זאָל אויך זיין באַטש איין יום־טוב, וואָס זאָל רעפּרעזענטירען דעם גייסט פון ארבייט, א יום־טוב, וואָס זאָל זיין געווידמעט צום שאַפער פון די אַלע אַמעריקאַנער רייכטימער.

עס איז דעמאָלט פארשטאַנען געוואָרען, אז אַט דער ארבייטער יום־טוב זאָל זיין געווידמעט צו „די אידעאַלען פון פרידען, ציוויליזאציע און דעם טריאומף פון ארבייט".

דעם זעלבען יאָהר, אין 1882, האָבען טאַקע די ניו יארקער יוניאָן־לייט געפייערט „לייבאָר־דעי" מיט א גאַסען־דעמאָנסטראַציע און א פּיקניק, אין וועלכע עס האָבען זיך באַטייליגט צעהנדליגע טויזענטער ארבייטער.

די אורזאַך וואָרום די ניו יאָרקער ארבייטער האָבען אויסגעקליבען פאר זייער יום־טוב גראָד א טאָג פון סעפּטעמבער מאָנאַט און ניט פון אַן אנדער מאָנאַט, איז, וואָס סעפּטעמבער איז אין ניו יאָרק דער שענס־טער מאָנאַט פון יאָהר.

דעם 9טען אָקטאָבער, 1884, איז אויף דער פערטער יעהרליכער קאָנ־ווענשאָן פון דער „פעדערייישאָן אָוו אָרגאַנייזד טרייד ענד לייבאָר יוניאָנס אָוו דהי יונייטעד סטייטס ענד קענעדע", — די איצטיגע אמעריקען פע־דעריישאָן אָוו לייבאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין שיקאַגאָ, באַשלאָסען גע־וואָרען, אז דער ערשטער מאָנטאָג אין סעפּטעמבער זאָל ערקלערט ווע־רען פאר א יום־טוב פון אַלע אָרגאַניזירטע ארבייטער פון לאַנד. די רע־זאָלוציע, וואָס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען פון א דעלעגאַט פון שיקאַ־גאָ'ער יוניאָנס און וואָס איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען פון דער קאָנווענשאָן פון אַלע יוניאָנס פון לאַנד, האָט געלויטעט:

„זיי עס באַשלאָסען, אז פון היינט אָן און ווייטער זאָל דער ערשטער מאָנטאָג אין סעפּטעמבער מאָנאַט פון יעדען יאָהר אנערקענט ווערען אלס א נאַציאָנאַלער ארבייטער יום־טוב פון אַלע ארבייטער אָהן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט און געשלעכט".

ערשט אין יאָהרען ארום, ווען די אַמעריקאַנער יוניאָנס זיינען אויס־געוואַקסען און זיינען געוואָרען א מאַכט, האָבען א רייהע סטייט לעדזשיס־לייטשורס אונטער דעם דרוק פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער, אנערקענט לייבאָר־דעי פאר א געזעצליכען יום טוב.

* * *

ווי שוין געזאָגט, איז די שווערסטע פּראָבלעמע פאר די אידישע אימיגראַנטען וואָס זיינען געקומען אין אמעריקא אין די אכציגער יאָה־רען פון פאָריגען יאהרהונדערט געווען, ווי אזוי זיך אויסצולערנען א

מלאכה אָדער עטוואס אַן אַרבייט פון וועלכער מען זאָל קענען אַ לעבען מאַכען. די ריזיגע מעהרהייט פון יענע יונגע און מיטעל־יאָהריגע אידישע אימיגראַנטען זיינען אין דער היים קיין אַרבייטער ניט געווען און דערי־בער האָבען זיי זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן צו אַזוינע אַרבייטען, וועלכע מען דאַרף זיך ניט לערנען אָדער וועלכע מען קען זיך אויסלערנען אין גאַר אַ קורצער צייט.

די לייכטסטע אַרבייט, וועלכע מען האָט זיך אין יענע יאָהרען אין ניו יאָרק געקענט אויסלערנען אין פאַרלויף פון דריי־פיער וואָכען צייט איז געווען סיגאַרען־מאַכעריי. נאָך פיר וואָכען לערנען זיך האָט מען שוין גע־קענט פאַרדינען ביי דיזער אַרבייט גענוג אויף דער נשמה צו דערהאַלטען. שפּעטער, ווען מען פלעגט זיך שוין איינאַרבייטען, פלעגט מען פאַרדינען זיבען־אַכט דאָלער אַ וואָך, וואָס דאָס האָט אין יענע צייטען פאַר אַ גרי־נעם געהייסען אַ סך. די אַרבייט איז ניט געווען קיין שווערע. זי האָט ניט געפאָדערט קיין באַזונדערע פיזישע אָנשטרענגונג, אָבער אום צו זיין אַ גוטער סיגאַר־מאַכער האָט מען שוין באַדאַרפט האָבען אַביסעל טאַ־לאַנט.

פאַר'ן אויסלערנען דעם פאַך פלעגט דער גרינער אַרבייטער דאַרפען איינצאָהלען דעם באָס צעהן דאָלאַר און פיר וואָכען פלעגט ער מוזען אַרבייטען אומזיסט. גליקליך זיינען געווען יענע אימיגראַנטען, וואָס האָבען געהאַט אַ צענערעל און נאָך אַ פּאָר דאָלאַר אויף דורכצוקומען די פיר וואָכען פון דער לעהר־צייט. די גרעסטע צאָהל אידישע אימי־גראַנטען, מענער און פרויען, וועלכע האָבען געהאַט אַ פּאָר דאָלער, פלעגען זיך לערנען צו זיין „באָנטש־מייקערס", דאָס הייסט איינוויקלען דאָס אינוויינינגסטע פון סיגאַר, וועלכע רופט זיך דער „באָנטש". אַנ־דערע האָבען זיך געלערענט ווי צו זיין ראָלערס פון סיגאַרען, דאָס מיינט איינוויקלען דעם „באָנטש" אין דעם אויבערשטען בלעטעל פון דעם טאַ־באַק און דערפון פלעגט שוין אַרויסקומען אַ פיינער סיגאַר.

צו יענער צייט זיינען אין ניו יאָרק געוועזען פילע סיגאַר סטאָרס, וועלכע האָבען באַלאַנגט צו סיגאַר אַרבייטער. די אַרבייטער פלעגען אַליין אויסאַרבייטען זייערע סיגאַרען און פאַרקויפען עס צו די קאָסטימער. (די „יונייטעד סיגאַר סטאָרס", די הייגטיגע קאָמפּאַני פון טאַבאַק־טראָסט, וועלכע קאָנטראָלירט כמעט אַלע סיגאַר־סטאָרס, אין אַלע שטעדט פון לאַנד איז נאָך צו יענער צייט אויף דער וועלט ניט געווען). יעדער סי־גאַר־מאַכער, וועלכער פלעגט אָפּשפּאָרען אַ פּאָר דאָלער, פלעגט עפענען פאַר זיך אַ קליינע סטאָרקע און פלעגט פאַרקויפען סיגאַרס, סיגאַרע־

טען און אויך טאבאק. די מעהרסטע סיגאר סטאָרס האָבען דעמאָלט באַ־לאַנגט צו די דייטשע אימיגראַנטען (אידישע און קריסטליכע) און אָט אין יענע סיגאַר־סטאָרס פלעגען עס די גרינע אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד אָנקומען לערנען זיך מאכען סיגארען. פילע אזוינע לערנערס פלעגען זיך אָפט אָפּמוטשענען ניט בלויז פיר וואָכען, נאָר עטליכע מאָנאַ־טען אין אָט די קליינע סטאָרקעס, ביז זיי פלעגען זיך אויסלערנען די מלאכה. אנדערע פלעגען ניט אויסזיין די פיר וואכען אויך און פלעגען אין מיטען אוועקוואַרפען די ארבייט און זוכען זיך אַן אַנדער באַשעפטי־גונג.

שוין גלייך ווי עס האָט זיך אָנגעפאנגען די גרויסע אידישע מאסען־אימיגראציע אין אַמעריקא האָבען זיך פילע גרינע אידען א ווארף געטאָן צו סיגאַרען מאַכעריי. נאָך אין אָנפאַנג פון די אכציגער יאָהרען האָבען שוין אין דיזען טרייד געארבייט אין ניו יאָרק אַליין אַ שעהנע עטליכע טוי־זענד גרינע אימיגראַנטען, מענער און פרויען, אָבער בלויז אַ צוויי־דריי טויזענד זיינען פארבליבען אין דיזען פאך. די איבעריגע האָבען שנעל פאַרלאָזען דעם טרייד. צו יענער צייט זיינען נאָך קיין מאַשינען אין דעם פאך ניט געווען און אַ גוטער סיגאַר־מאכער האָט דעריבער דעמאָלט פאַרדינט גאַנץ נישקשה׳דיגע שכירות.

אין ניו יאָרק און אין אַנדערע אַמעריקאַנער שטעדט זיינען שוין פון לאַנג געוועזען סיגארען־מאכער יוניאָנס. נאָך אין יאָהר 1864 האָט זיך געגרינדעט די איצטיגע „אינטערנעשאָנאַל סיגאר מאַכער יוניאַן אָוו אמע־ריקא", וועלכע האָט אין די אכציגער יאָהרען געהאט איהרע לאָקאַלס אין פילע שטעדט פון לאַנד. די סיגארען־מאכער יוניאן איז געווען איינע פון די ערשטע אינטערנעשאָנעל יוניאָנס, וועלכע האָט ניט געוואָלט געהע־רען צו די „נייטס אָוו לייבאָר", די דעמאָלסדיגע צענטראַלע קערפּערשאַפט פון די אמעריקאנער טרייד־יוניאָנס. די אינטערנעשאָנאַל סיגאר מאכער יוניאן איז געווען צווישען די גרינדער פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר.

דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל סיגאר מאַכער יוניאן איז געווען א סיגאר מאַכער מיט׳ן נאָמען **אַדאָלף שטראַסער**, אַ האָלענדישער איד. אין די זיבעציגער יאהרען פון פאָריגען יאָהר־הונ־דערט, איז שטראַסער געוועזען דער נאַציאָנאַלער סעקרעטער פון דער סאָ־ציאַליסטישער אַרבייטער פּארטיי (ס. ל. פּ.) פון אמעריקא. שפּעטער האָט ער פאַרלאָזען די ס. ל. פּ. דערפאַר וואָס ער איז ניט איינשטימיג געווען מיט איהר טאַקטיק. דער וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל סי־

גאָר מאַכער יוניאָן איז אין די אַכציגער יאָהרען, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקאַ, געווען סעמיועל גאָמפּערס, דער שפּעטערדיגער באַריהמטער פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר.

סעמיועל גאָמפּערס איז געבאָרען געוואָרען אין לאָנדאָן. זיינע על־טערען זיינען געווען האָלענדישע אידען. זיין פאָטער האָט געהייסען סאָלאָמאָן און זיין מוטער — שרה. אין יאָהר 1863 איז גאָמפּערס אריבערגעקומען אין אַמעריקאַ און ער האָט אָנגעפאַנגען ארבייטען ביי סיגאַרען. ער איז גלייך געוואָרען אַ מיטגליד פון דער סיגאַרען־מאַכער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן און שפּעטער איז ער געוואָרען וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל (דעם דאָזיגען אַמט האָט ער אָנגעהאַלטען ביז זיין טויט, אין יאָהר 1924).

גאָמפּערס איז שוין אין יענע יאָהרען געווען זעהר אַקטיוו אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. ער איז ניט געווען איינשטימיג מיט דער טאַקטיק פון די „נייטס אָוו לייבאָר" און ער האָט געהאָלפען אָרגאַניזירען די נייע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון טרייד־יוניאָנס.

ווי איך האָב שוין פריהער דערצעהלט, איז די ערשטע קאָנפערענץ צו גרינדען די דאָזיגע נייע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון טרייד יוניאָנס פאָרגעקומען דעם 15טען נאָוועמבער פון יאָהר 1881.

אויף דער קאָנפערענץ איז געגרינדעט געוואָרען די נייע אָרגאַניזאַציע, וועלכען מען האָט אַ נאָמען געגעבען „פעדעריישאָן אָוו אָרגאַנייזד טריידס ענד לייבאָר יוניאָנס אָוו די יונייטעד סטייטס ענד קענעדע". ווען עס איז געקומען צו ערוועהלען די בעאַמטע פון דער צוקונפטיגער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע האָט אַ קאָמיטע אריינגעבראַכט אַ מאַיאָריטעט און אַ מינאָריטעט רעפּאָרט. איין טייל פון דער קאָמיטע איז געוועזען פאַר דעם, אַז גאָמפּערס זאָל ערוועהלט ווערען אלס שטענדיגער פּרעזידענט. אַ צווייטער טייל פון דער קאָמיטע איז געווען נעגען גאָמפּערס'ן און די מיטגלידער פון אָט דיזער קאָמיטע האָבען פאַרעפענטליכט אַן אַרטיקעל אין דער פּיטסבורגער „קאָמוירשעל גאַזעט", אין וועלכען גאָמפּערס איז באַשולדיגט געוואָרען אין דעם, אַז ער איז דער פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער גרופּע אויף דער קאָנווענשאָן און אַז דאָס זוכען די סאָציאַליסטען צו פאַרכאַפּען די אָרגאַניזאַציע און מאַכען גאָמפּערס'ן פאַר דעם פּרעזידענט. די קאָנווענשאָן האָט דעריבער באַשטימט, אַז מען זאָל דערווייל ניט האָבען קיין שטענדיגען פּרעזידענט, נאָר עס איז ערוועהלט געוואָרען אַן עקזעקוטיוו קאָמיטע, פון וועלכער סעמיועל גאָמפּערס איז געווען אַ מיטגליד. אין יאָהר 1883, איז דיזע קאָמיטע פאַרגרעסערט גע־

ווארען אויף ניין פּערזאָנען און גאָמפּערס איז ערוועהלט געוואָרען אלס שטענדיגער פּרעזידענט.

אין מיין בוך „פערציג יאָהר אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג", האָב איך אויספיהרליך באַשריבען ווי אַזוי איך האָב זיך אין אָנפאַנג פון די אַכציגער יאהרען באַקענט מיט סעמיועל גאָמפּערס'ן, אַרבייטענדיג צוזאַמען מיט איהם אויף איין סיגאַר־פאַבריק. דעמאָלט איז ער נאָך ניט געווען דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר. ער איז געווען בלויז א וויס־פּרעזידענט פון דער סיגאַר־מאַכער יוניאָן. ווען ער איז אין יאָהר 1883 ערוועהלט געווארען אלס פּרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, האָט ער פאַרלאָזען דעם רזשאַב. אוועקגעהענדיג פון שאַפּ, האָט ער מיר געגעבען דעם אַדרעס פון זיין נייעם אָפיס און איינגעלאַדען מיך צו קומען איהם דאָרט באַזוכען. אין א קורצער צייט אַרום האָב איך טאַקע באַזוכט דעם אָפיס פון דער אמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין ניו יארק אין א קליינער פּריוואַטער הויז אויף דער אַכטער סטריט וועסט־סאַיד, וואָס מען רופט איצט „גרינוויטש ווילעדזש". דער אָפיס איז ניט געווען קיין גרויסער, בלויז איין קלוירק האָט דאָרט געאַרבייט. „בראָדער סעם", ווי אַלע אַרבייטער האָבען גאָמפּערס'ן גערופען, האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ פּאָר איירישע אַרבייטער פיהרער און ער האָט זיי דערצעהלט, אַז איך אַרבייט צו אָרגאַניזירען די גרינע אידישע אַרבייטער פון דער איסט־סאַיד.

— אָה, — האָט אויסגערופען אַן איירישמאַן, — וואו נאָר מיר האָבען אַ סטרייק, ברענגט מען גלייך די גרינע רוסישע אידען.

— מיר וועלען שוין אויף דעם אויפּפּאַסען... — האָב איך דעם איירישמאַן צוגעזאָגט.

גאָמפּערס האָט מיר געגעבען אַ בריף צו זיינעם אַ באַקאַנטען סיגאַר־מאַכער, אַז ער זאָל מיך אויסלערנען די מלאכה. אין אַ קורצער צייט אַרום בין איך טאַקע געווארען אַ סיגאַר־מאַכער און גלייך א יוניאָן מאַן אויך, אָבער ניט פון גאָמפּערס'עס אינטערנעשאָנאַל סיגאַר מאַכער יוניאָן, נאָר פון דער „פּראָגרעסיווער סיגאַר־מאַכער יוניאָן", וואָס די דייטשע סאָציאַליסטען האָבען דאָ געהאַט אָרגאַניזירט. מיינע דייטשע מיטאַרבייטער אין דער פּראָגרעסיווער יוניאָן פלעגען מיר אַלץ דערצעהלען וועגען גאָמפּערס'ען, אַז ער איז זעהר א פעהיגער יוניאָן־פיהרער, נאָר אַז ער איז געווארען זעהר קאָנסערוואַטיוו, כאָטש ער האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אין דער אַרבייטער באַוועגונג אלס אַ ראַדיקאַל. ער איז זאָגאַר געווען

אַ געװיסע צײַט אַ מיטגליד פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבײַטער פּאַרטײַ (ס. ל. פּ.) צוזאַמען מיט זײַן בוזים פֿרײַנט, דעם אױבען־דערמאָנטען אַדאָלף שטראַסער.

אַדאָלף שטראַסער און סעמיועל גאָמפּערס זײַנען דעמאָלט געװען די הױפּט־פֿיהרער פֿון דער אינטערנעשאָנאַל סיגאַרען־מאַכער יוניאַן. זײ האָבען געפּרעדיגט, אַז אַ יוניאַן טאָר זיך ניט מישען אין פּאָליטיקס, אַז זי דאַרף זיך פֿאַרנעמען נאָר מיט דער אַרבײַט צו פֿאַרבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די אַרבײַטער אין שאַפּ.

צו יענער צײַט, ד. ה., צו ענדע פֿון די זיבעציגער און אָנפֿאַנג פֿון די אַכציגער יאָהרען האָט ביסמאַרק, דער דאַמאַלסדיגער „אײַזערנער קאַנצלער” פֿון דײַטשלאַנד, אײַנגעפֿיהרט דעם באַריהמטען אַנטי־סאָציאַליסטען געזעץ. פֿילע סאָציאַליסטען זײַנען געװען געצװאונגען צו פֿאַרלאָזען דײַטשלאַנד און אַ סך פֿון זײ זײַנען געפֿאָהרען קײן אַמעריקאַ. אַ היבשע צאָהל פֿון אָט די נײַע סאָציאַליסטישע אימיגראַנטען פֿון דײַטשלאַנד זײַנען געװען סיגאַרען־מאַכער פֿון דער הײם. קומענדיג אַהער אין אַמעריקאַ, האָבען זײ זיך גלײַך אַנגעשלאָסען אין דער אינטערנעשאָנאַל סיגאַרען מאַכער יוניאַן. אַלס סאָציאַליסטען האָבען זײ ניט געקענט דולדען די פֿיהרונגען און די טאַקטיק פֿון שטראַסער'ס און גאָמפּערס'עס יוניאַן און אין פֿילע לאָקאַלס פֿון דער סיגאַרען מאַכער יוניאַן האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ קאַמף צװישען די סאָציאַליסטען און גאָמפּערס'עס אָנהענגער. אַמשטאַרקסטען האָט זיך דער קאַמף צופֿלאַקערט אין ניו יאָרק, װאו עס זײַנען געװען די גרעסטע לאָקאַלס פֿון דער סיגאַרען מאַכער יוניאַן און סוף כּל סוף איז עס געקומען צו אַ שפּאַלטונג אין דער אינטערנעשאָנאַל. די סאָציאַליסטישע סיגאַר־אַרבײַטער האָבען זיך אָפּגעריסען פֿון דער אינטערנעשאָנאַל און האָבען אין יאָהר 1882 געגרינדעט אַ נײַע סיגאַרען־מאַכער יוניאַן, צו װעלכער עס זײַנען צוגעשטאַנען אױך אַלע באַהעמישע סיגאַרען מאַכער, װעלכע האָבען דאַן פֿאַרנומען אַן אָנגעזעהענעם אָרט אין דער סיגאַרען־אינדוסטריע. די נײַע אָפּאָזיציאָנס־יוניאַן האָט זיך גערופֿען די „פּראָגרעסיװ סיגאַר מײקערס יוניאַן אװ אַמעריקאַ”. די גרעסטע צאָל מיטגלידער איז נאָך דער שפּאַלטונג פֿאַרבליבען מיט דער אינטערנעשאָנאַל. די נײַע פּראָגרעסיװע יוניאַן האָט געהאַט בלױז אַרום זיבען־אַכט טױזענד מיטגלידער איבער'ן גאַנצען לאַנד. די פֿיהרער פֿון דער נײַער יוניאַן זײַנען געװען די דײַטשע סאָציאַליסטען. אײנער פֿון זײ איז געװען לודװיג יאַבלאָנאָװסקי, אַ דײַטשער איד אַ סיגאַרען־מאַכער, װעלכער האָט שױן דאַן געקענט גוט ענגליש און ער איז געװען אַ דעלע־

גאַט פון זיין יוניאן צו דער סענטראַל לייבאָר יוניאן פון ניו יאָרק. ער איז דאָס געווען דער וואָרט־פיהרער פון די סאָציאַליסטישע יוניאָנס פון ניו יאָרק.

יעדען מאָנטאָג פריה פלעגען אין אַלע ניו יאָרקער ענגלישע צייטונ־גען זיין געדרוקט די רעדעס פון די סאָציאַליסטישע דעלעגאַטען אויף דעם מיטינג פון דער סענטראַל לייבאָר יוניאַן.

דער קאַמף צווישען די צוויי יוניאָנס איז אָנגעגאַנגען פאַר יאָהרען לאַנג. אין יאָהר 1886 האָט זיך די פּראָגרעסיווע סיגאַר מאַכער יוניאַן אָנגעשלאָסען אַן דער „נייטס אָוו לייבאָר", אָבער אין א יאָהר אַרום האָט זיך די יוניאַן ענטוישט אין דער „נייטס אָוו לייבאָר" און זי איז אַרויס־געטראָטען פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע. אין א פּאָר יאָהר שפּעטער האָט זיך די פּראָגרעסיווע סיגאַר מאַכער יוניאַן פאַראייניגט מיט דער אינ־טערנעשאָנאַל סיגאַר־מאַכערס יוניאָן און זייט דאַן עקזיסטירט בלויז איין סיגאַר מאַכער יוניאַן.

פילע פון יענע פּאָר טויזענד אידישע סיגאַרען־מאַכער, וועלכע האָ־בען זיך אויסגעלערענט דעם טרייד אין אָנפאַנג פון די אַכציגער יאָהרען זיינען אין גיכען געוואָרען מיטגלידער פון דער פּראָגרעסיווער סיגאַרען מאַכער יוניאַן. אַנדערע אידישע אַרבייטער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אַן די לאָקאַל יוניאָנס פון דער אינטערנעשאָנאַל סיגאַר מייקערס יוניאַן. עס האָט זיך געווענדעט אַן דעם אין וועלכען שאָפּ מען האָט געאַרבייט, ווייל א געוויסע צאָהל שעפּער זיינען שוין דעמאָלט קאָנטראָלירט געוואָרען פון דער פּראָגרעסיווער סיגאַר מאַכער יוניאַן, בעת אַנדערע שעפּער זיי־נען געשטאַנען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער אינטערנעשאָנאַל יוניאַן.

א סך פון די נייע אידישע סיגאַר מאַכער זיינען גאַנץ שנעל גע־וואָרען טעטיג אין זייערע יוניאָנס, אָבער קיין איינציגע פון יענע סיגאַר־מאַכער לאָקאַל יוניאָנס האָט מען ניט געקענט אָנרופען מיט'ן נאָמען א „אידישע יוניאַן". אין דער סיגאַרען־מאַכער יוניאַן האָבען באַלאַנגט אַר־בייטער פון פילע נאַציאָנאַליטעטען און די אידישע אַרבייטער זיינען גע־ווען א מינאָריטעט אין דעם פאַך. א י ד י ש ע יוניאָנס, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זיינען באַשטאַנען אויסשליסליך פון אידישע אַרבייטער, האָ־בען זיך גענומען גרינדען ערשט שפּעטער.

די ערשטע אידישע יוניאָנס האָבען קיין האַפט ניט געהאַט. איבער נאַכט פלעגען זיי געבוירען ווערען און איבער נאַכט פלעגען זיי אונטער־געהן. אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג פלעגען געגרינדעט ווערען נייע יוניאָנס און אין א גאַנץ קורצער צייט אַרום פלעגען זיי זיך צופאַלען.

די מעהרסטע אידישע יוניאנס זיינען געבוירען געווארען דורך סטרייקס און די געשיכטע פון אידישע יוניאנס איז דעריבער הויפטזעכליך א געשיכטע פון סטרייקס. וואס דער רעזולטאט פון סטרייק פלעגט ניט זיין, צי די ארבייטער פלעגען געווינען אדער פארלירען, פלעגט דער שיקזאל פון די יוניאנס כמעט אימער זיין דער זעלביגער. פלעגען די ארבייטער פארלירען, האבען זיי שוין מעהר ניט געהאט קיין אינטערעס צו באלאנגען צו דער יוניאן. פלעגט זיך ווידער דער סטרייק ענדיגען מיט א „זיג" פאר די ארבייטער, פלעגען זיי מיינען, אז זיי דארפען שוין מעהר ניט קיין יוניאן, וויבאלד, אז זיי האבען אויסגעפיהרט אלעס, וואס זיי האבען פארלאנגט. די סטרייקס אין יענע יאהרען פלעגען זיין ספאנטאנע, פלוצלונגע. זיי פלעגען אויסברעכען דאן, ווען די ארבייטער פלעגען שוין מעהר ניט קענען אריבערטראגען די באליידיגונג, די צרות, די ערנידערונגען, וואס זיי האבען געהאט אויסצושטעהן פון זייערע בעלי בתים.

די גרינדער פון די ערשטע ריין־אידישע יוניאנס זיינען געווען די ערשטע ראדיקאלען, וואס זיינען געקומען אהער פון רוסלאנד, גאליציען און אונגארן. אויך א טייל אידישע ארבייטער, וועלכע זיינען אהער געקומען פון לאנדאן, ענגלאנד.

די ארבייט צו ארגאניזירען אין יוניאנס די אידישע ארבייטער איז געווען זעהר א שווערע. קיין ספעציעלע ארגאנייזערס צו טאן די שווערע ארבייט זיינען ניט געווען. קיין יוניאן פון די אידישע אימיגראנטען האט ניט געקענט אויסהאלטען א באצאהלטען ארגאנייזער. די גרעסטע וועכענטליכע דיוס, וואס א יוניאן מאן האט דאן געצאהלט איז געווען פינף סענט א וואך. אייניגע יוניאנס האבען שפעטער נאך איינגעפיהרט פופצעהן סענט דיוס א מאנאט, כדי דורך דעם ארייצוקריגען מעהר מיטגלידער אין דער יוניאן. די אנגענומענע מאראל פון יענע יאהרען איז געווען אזא, אז יעדער וואס האט געארבייט אין א יוניאן האט גארניט געטארט נעמען באצאהלט פאר דעם. איך געדענק א פאל אז אפילו אין יאהרען ארום, ווען די סעלצער ארבייטער יוניאן האט געגעבען א מתנה א געניאסע א גאלדענעם מעדאל פאר זיין טעטיגקייט אין דער סעלצער ארבייטער יוניאן, האבען אלע סאציאליסטען דעם מעדאל־נעמער דאס קיינמאל ניט געוואלט מוחל זיין. אויף ווי ווייט איך געדענק, זיינען ביז דעם יאהר 1890 אין די אידישע יוניאנס ניט געווען קיין באצאהלטע בעאמטע.

ווי שוין געזאגט, איז די ערשטע יאהרען געווען זעהר שווער צו

אָרגאַניזירען די אידישע ארבייטער אין א יוניאָן און נאָך שווערער איז געווען אָנצוהאלטען א לענגערע צייט די ארבייטער אין דער יוניאָן. די שווערסטע זאַך איז געווען אויסצולערנען יענע אידישע ארבייטער צו קומען צו פארזאמלונגען און פיהרען א מיטינג.

די אמאָליגע סטרייקס, אין וועלכע אידישע ארבייטער פלעגען זיך באטייליגען, האָבען אויסגעקוקט גאַנץ אנדערש ווי די היינטיגע סטרייקס, וואָס די גרויסע און קלענערע אידישע יוניאָנס פיהרען. די ריזיגע מאיאָריטעט אידישע ארבייטער פון אמעריקא האָט מיט זיך דעמאָלט פארגעשטעלט א רויע מאסע, כאָטש אין יענע יאהרען האָבען מיר שוין אויך געהאט א קליינעם אוואנגארד פון אינגערע אינטעליגענטערע ארבייטער. במעט אַלע סטרייקס אין יענע יאָהרען, וואָס אידישע ארבייטער האָבען דורכגעמאכט, פלעגען זיין געריכטעט געגען אידישע בעלי־בתים, וואָס זיינען אליין נאָך אויך געווען זעהר אָרעם. די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען קאָנטראַקטאָרס, וואָס פלעגען ארויסנעמען ארבייט ביי די גרויסע פאבריקאנטען. ווען די ארבייטער פלעגען ארונטער אין סטרייק און זיי פלעגען צוקומען פּיקעטען א שאַפּ פלעגט מען די פּיקעטס גלייך ארעסטירען און די סטרייקער האָבען קיין געלט ניט געהאט אויף צו דינגען אַן אדוואָקאָט וואָס זאָל זיי פארטיידיגען. סטרייקס אָבער פלעגען פארקומען גאַנץ אָפט.

אין יאָהר 1882 האָבען צוויי טויזענד גרינע אידישע „פּאַפּיראָסען“־מאכער געקראָגען ארבייט אין א סיגאַרעטען־פאבריק אויף 22טע סטריט, ניו יאָרק. צו יענער צייט זיינען נאָך ניט געווען קיינע מאַשינען, אויף וועלכע מען זאָל קענען אויסארבייטען וואָסערע צוואַנציג טויזענד סיגאַרעטען א טאָג. אַלע סיגארעטען פלעגען דאַן געמאכט ווערען ביים האַנט. דער שנעלסטער בעל מלאכה פלעגט ביים האַנט אויסאַרבייטען דריי טויזענד סיגאַרעטלאַך א טאָג. די דאָזיגע גרויסע טאַבאַק פאבריק האָט דאַן באַלאַנגט צו א פירמע מיט'ן נאָמען „קיני בראָדערס“, וועלכע האָט פאַבריצירט דעם פּאָפּולערסטען סאָרט סיגאַרעטען פון יענע יאָהרען, „סוויט־קאפּראַל“. די צעהנדליגע טויזענדער אידישע אימיגראַנטען, וואָס זיינען געווען רויכערער פון דער היים, האָבען קומענדיג קיין אמעריקא, כמעט אַלע אָנגעהויבען רויכערען די „סוויטס“, ווייל די אַנדערע ביליגע סיגאַרעטען זיינען מעהרסטענס געווען געמאכט פון א שווארצען טאַבאַק, וועלכען די „גרינע“ האָבען ניט געגליבען.

אין אָנפאַנג פון די אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט זיינען די מעהרסטע סיגאַרעטען־מאכער געווען אידישע אימיגראַנטען, וועמען די איבעריגע „גרינע“ האָבען שטאַרק מקנא געווען, ווייל די פּאַפּי־

ראָסען־מאַכער האָבען צו יענער צייט פאַרדינט פון 10 ביז 12 דאָלער א וואָך, אין דער צייט ווען ביי אַנדערע פאַבען ארבייט האָט מען מעהר ניט געקענט אויסאַרבייטען ווי 3־4 דאָלער אַ וואָך. אפילו שניידער־ארבייטער, וועלכע מען האָט אין יענע יאהרען דאָ געזוכט ווי מיט ליכט, פלעגען מעהר ווי 8 דאָלער א וואָך ניט פאַרדינען, און דערביי פלעגען זיי דאַרפען ארבייטען פון 6 פאַרטאָג ביז 10 ביינאַכט. אין „קיני׳ס" פּאַפּיראָסען־פאַבריק אָבער האָט מען געארבייט פון 7 אין דער פריה ביז 6 אין אָוונד, און שבת בלויז ביז 3 בייטאָג.

די סיגאַרעטען־מאַכער פלעגען ארבייטען פון שטיק, בעסער געזאָגט, פון „טויזענד." דער געוועהנליכער פּרייז איז געווען 90 סענט פאַר אויפ־מאַכען א טויזענד סיגאַרעטען. ביי „קיני בראָדערס" איז צו יענער צייט געווען א מין הויפּט־פאָרמאַן מיט׳ן נאָמען „דזשערי", אַן אמעריקאַנער, פון איירישע עלטערען. די „סוויט קאַפּראָל" סיגאַרעטס האָבען גענומען שטאַרק אריינגעהן אין מאַרק. מען האָט געדאַרפט האָבען אַ סך „הענט" און דאָ זיינען גראָדע אנגעקומען א סך גרינע סיגאַרעטען מאַ־כער, האָט די פירמע זיי אריינגענומען צו דער ארבייט. דערזעהענדיג אזוי פיל גרינע, איז דער פאָרמאַן געפאַלען אויף אַ פּלאַן, וועלכער פלעגט פּראַקטיצירט ווערען אין די פאַבריקען פון אנדערע טריידס, וואו עס זיינען נאָך קיינע יוניאָנס ניט געווען. ער האָט גענומען מאַכען פאַר יעדען ארבייטער אַן אַנדער פּרייז פאַר דער זעלבער ארבייט, אָנפאַנגענדיג פון 90 סענט פער טויזענד און אַרונטערקומענדיג ביז 60 סענט פאַר א טוי־זענד. איינינע סיגאַרעטען־מאַכער האָבען געקראָגען 60 סענט, אַנדערע 70 און אַנדערע 80 סענט פער טויזענד.

די גרינע ארבייטער האָבען, נאַטירליך, קיין ברירה ניט געהאַט און האָבען געמוזט ארבייטען פאַר דעם פּרייז, וואָס דער פאָר־מאַן האָט געשטעלט. קיין יוניאָן איז דאַן ניט געווען אין טרייד און קיין אַנדערע גרויסע סיגאַרעטען־פאַבריקען זיינען אין ניו יאָרק דעמאָלט ניט געווען קיין סך, פלעגען זיך די גרינע ארבייטער פרעהען, וואָס זיי האָ־בען געקראָגען אַ וועלכען עס איז דזשאָב. דערביי האָבען די סיגאַרע־טען־מאַכער נאָך דאַן געהאַט א פּריווילעגיע: מען פלעגט זיי פאַרקויפען אין שאָפּ די פאַבריצירטע סיגאַרעטען 20 שטיק פאַר 3 סענט, און יע־דער ארבייטער האָט געקענט נעמען 3 אדער 4 פּעקלעך א טאָג. דער־פאַר פלעגען אַלע זייערע גרינע פריינד און לאַנדסלייט זיי מקנא זיין. אין יענע צייטען פלעגט זיין זעהר שווער פאַר א גרינעם צו קריגען אר־

בייט, און אָפט פלעגט אַן ארבייטסלאָזער אימיגראַנט זיך קענען דורכלעבען א טאָג ניט געגעסענערהייט, ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ צוויי־דריי פּאַפּיראָסען, מיט וועלכע ער פלעגט זיך קוויקען אנשטאָט „אכילה". דיזע פּאַפּיראָסען פלעגען די ארבייטסלאָזע באַקומען פון זייערע לאַנדסלייט, די סיגאַרעטען־מאַכער.

עס איז אַזוי אַוועק אַ יאָהר־צוויי און די לאַגע פון די ארבייטער אויף דער „קיני־בראָדערס" פאַבריק האָט גענומען וואָס ווייטער אַלץ ערגער ווערען. די ארבייטער האָבען שוין ניט געקענט מעהר פארטראָגען די פּאַרפּאָלגונגען פון פאָרמאַן, וועלכער פלעגט יעדען טאָג אַוועקשיקען ארבייטער, וואָס האָבען געקראָגען אַ בעסערען פּרייז און פלעגט אויף זייער אָרט ארויפנעהמען נייע. די נייע פלעגט ער באַשטימען קלענערע פּרייזען, פון 55 ביז 60 סענט פאַר אַ טויזענד סיגאַרעטען. איינינע ארבייטער פון פאַבריק האָבען ארגאַניזירט אַ מאַסענפארזאמלונג אויף צו באַטראַכטען די פראַגע, וואָס מען זאָל ווייטער טאָן. צו דער פארזאמלונג זיינען געקומען די גרעסטע צאָהל סיגאַרעטען־מאַכער, אויסער די אַמעריקאַנער מיידלאַך, וואָס האָבען געאַרבייט אין יענעם שאַפּ. ביי דער ערשטער פּאַרזאַמלונג איז געגרינדעט געוואָרען אַ סיגאַרעטען־מאַכער יוניאָן. כמעט אַלע אַנוועזענדע ארבייטער פון שאַפּ, איבער טויזענד מענער און אַ פּאָר הונדערט אידישע ארבייטער־מיידלאַך, האָבען זיך פארשריבען אין דער יוניאָן. ביים זעלבען מיטינג איז באַשלאָסען געוואָרען צו פּאָדערען פון דער פירמע, אַז מען זאָל אַלע סיגאַרעטען מאַכער צאָהלען איין פּרייז. אַ קאָמיטע איז ערוועהלט געוואָרען צו ווענדען זיך צו די באַלעבאַטים אָדער צו „דזשערי'ן" פּאָרצולייגען פאַר זיי דיזע פּאָדערונגען.

אויפ'ן צווייטען טאָג, נאָך איידער די קאָמיטע האָט זיך געווענדעט מיט די פּאָדערונגען, האָט „דזשערי" גענומען גלייך אַוועקשיקען פון דער ארבייט די אָנפיהרער פון דער ניי־געגרינדעטער יוניאָן. ווי מען האָט שפּעטער ערפאַהרען, האָבען איינינע ארבייטער דערצעהלט דעם פאָרמאַן אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים מיטינג, און ווער עס זיינען די אָנפיהרער פון דער יוניאָן. די פאָרשטעהער פון דער יוניאָן זיינען ארונטער אין אָפיס ערשט ארום 11 אזייגער, וואו זיי האָבען געהאַט אַ געשפּרעך מיט'ן סופּעראינטענדענט פון דער פעקטאָרי און איהם איבערגעגעבען די פּאָדערונגען פון די ארבייטער, אַז מען זאָל זיי צאָהלען אַלעמען איין פּרייז. דער ענטפער פון דעם סופּעראינטענדענט איז געווען, אַז זיי זאָלען פארהאַנדלען וועגען דעם מיט דזשערי'ן. ארויפקומענדיג צוריק אין שאַפּ, האָט די קאָמיטע ערפאַהרען, אַז דזשערי האָט אין דער קורצער צייט

אוועקגעשיקט א היבשע צאָהל ארבייטער, אויף וועמען ער האָט געהאַט א פאַרדאַכט, אז זיי זיינען עס די גרינדער פון דער יוניאָן.

די קאָמיטע פון דער יוניאָן האָט גענומען ריידען מיט דזשערי'ן וועגען די פאָדערונגען, אז מען זאָל אַלעמען צאָהלען איין פרייז און אז ער זאָל ניט אוועקשיקען קיין ארבייטער אָהן אן אורזאַכע. דזשערי האָט אויף דעם געענטפערט, אז אלע קאָמיטע־לייט זיינען „דיסטשאַרדזשד" און זיי מוזען גלייך פאַרלאָזען דעם שאַפּ. איינער פון דער קאָמיטע האָט אויסגעשריען, אז מען האָט די קאָמיטע „געסעקט", און אַלע ארבייטער דאַרפען ארונטערגעהן אין סטרייק. עס איז געוואָרען אין שאַפּ א גרויסער טומעל. אלע ארבייטער פון יענעם פלאָר האָבען גענומען ווארפען די ארבייט, אייניגע ארבייטער זיינען געלאָפען אויף די אַנדערע פלאָרס און האָבען אויסגעשריען אז עס איז אַ סטרייק. דער עולם האָט זיך גענומען אָנטאָן. דזשערי איז ארויף אויף אַ שטוהל און האָט געהאַלטען א רעדע, אז קיינער זאָל ניט געהן. מען האָט איהם אָבער ניט געפּאָלגט. אַלע אידישע ארבייטער און ארבייטערינס זיינען אַרונטער אין סטרייק, און זיי האָבען אוועקמארשירט אין א גרויסען האָל, וואו עס איז פאָרגעקומען א פאַרזאַמלונג. ביי דעם מיטינג זיינען באַשטימט געוואָרען פּיקעטס, וועלכע זאָלען גלייך אוועקגעהן צום שאַפּ.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז קיינער פון די ארונטערגעגאַנגענע סיגאַרעטען־מאַכער ניט אַרויף צוריק אין שאַפּ, אויסער די אַמעריקאַנער מיידלאַך, וועלכע זיינען לכתחילה גאָר ניט אַרונטער אין סטרייק. דער שאַפּ איז געווען באַוואַכט פון פּאָליסלייט און „גאַרדס", וואָס האָבען געטריבען און געשלאָגען די פּיקעטס, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען מוטיג. יעדען טאָג זיינען פאָרגעקומען צוויי פאַרזאַמלונגען פון די סטרייקערס. אויף די פאַרזאַמלונגען האָבען גערעדט דעלעגאַטען פון דער דאַמאַלסדיגער סענטראַל לייבאָר יוניאָן, די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אַלע ניו יאָרקער יוניאָנס. עס האָבען ביי יענע מיטינגען אויך גערעדט אייניגע פון די אידישע סאָציאַליסטען. א קאָמיטע פון דער סענטראַל לייבאָר יוניאָן איז אוועק צו „קיני בראַדערס", אונטערהאַנדלען מיט זיי וועגען א סעטעלמענט פון סטרייק. די פאַרטרעטער פון דער פירמע אָבער האָבען געענטפערט, אז „זיי האָבען ניט וואָס צו סעטלען", די וואָס ווילען קומען ארבייטען, קענען קומען אין שאַפּ אריין, וועט מען זיי צונעמען צו דער אַרבייט. די ערשטע וואָך פון סטרייק האָט זיך קיינער פון די סטרייקערס ניט אָפּגעריסען. אָבער אויף דער צווייטער וואָך זיינען אייניגע ארויף סקעבען. דאָס האָט שטאַרק ענטמוטיגט די סטרייקערס, דאָך האָ־

בען זיי ווייטער נעקעמפט. קיין געלד מיטלען צו פיהרען דעם סטרייק איז ניט געווען, און אזוי האָט דער סטרייק אָנגעהאַלטען א וואָך פינף, ביז ער איז פארלאָרען געגאנגען. די פירמע „קיני בראָדערס" האָט בלויז צוריקגענומען א העלפט פון די ארבייטער. ווער עס איז געקומען פריהער האָט געקראָגען א העכערען פרייז פער טויזענד. די וואָס זיינען געקומען שפעטער, האָט מען געצאָהלט א קלענערען פרייז.

צו יענער צייט האָט שוין דיזע פירמע געהאַט אויף אייניגע פלאָרס פון שאָפ מאַשינען, ביי וועלכע אַמעריקאנער מיידלאך און יונגע באָיעס פלעגען מאַכען די סיגאַרעטלאך. יענע מאַשינען אָבער זיינען נאָך ניט געווען פאָלקאָמען. אזוי איז אוועק ווידער א יאָהר צייט ביז „קיני בראָדערס„ האָבען איינגעפיהרט נייע מאַשינען, ביי וועלכע מען האָט געקענט אויסארבייטען צו צעהן, פופצעהן טויזענד סיגאַרעטען א טאָג אויף איין מאַשין.

אין איין שעהנעם טאָג, ווען די פירמע האָט שוין געהאַט גענוג מאַשינען און איינגעטרייניעטע ארבייטער צו מאַכען אויף זיי סיגאַרעטלאך, האָט זי אַלע סיגאַרעטען־ארבייטער, וואס האָבען געארבייט ביים האַנד אוועקגעשיקט פון שאָפ, און מיט איין מאָל געמאַכט ארבייטסלאָז א מאַסע פון צוויי טויזענד ארבייטער. עס זיינען געבליבען בלויז א 5-6 סיגאַרעטען־מאַכער, וועלכע האָבען ביים האַנט געמאַכט „סעמפּעלס" פון נייע סיגאַרעטען.

שפּעטער האָט זיך אָרגאַניזירט דער טאַבאַק־טראָסט, וועלכער האָט איינגעשלונגען די גרעסטע סיגאַרעט און טאַבאַק פעקטאָרים פון לאַנד. צווישען זיי איז אויך געווען דער קיני־בראָדערס שאָפּ מיט די „סוויט קאָפּראַלס". אַלע סיגאַרעטען האָט מען שוין דאַן געמאַכט אויף מאַשינען. עס זיינען אָבער אין די ערשטע צייט נאָך די גרינדונג פון טראָסט פאַר־בליבען א היבשע צאָהל אינדעפּענדענט טאַבאַק און סיגאַרעטען־שעפער, אין וועלכע עס האָבען געארבייט עטליכע הונדערט אידישע ארבייטער. דיזע ארבייטער האָבען א געוויסע צייט אָנגעהאַלטען א יוניאָן. שפּעטער זיינען אבער די מעהרסטע אינדעפּענדענט שעפער איינגעשלונגען גע־ווארען פון דעם טאַבאַק טראַסט און ביסלעכווייז איז די סיגאַרעטען־מאַ־כער יוניאָן אונטערגעגאַנגען.

אויסער יענער ערשטער אידישער פּייפּער־סיגאַרעטען מאַכער יוניאָן פון יאָהר 1883, האָבען אויף דער איסט סאַיד פון ניו יאָרק אין משך פון די יאָהרען 1882-1884 עקזיסטירט צוויי שניידער יוניאָנס פון מענער רעק, און א קלאָוק און סוט מאַכערס יוניאָן. די מיטגלידער פון יענע דריי יו־

ניאנס זיינען געוועזן אידישע אימיגראנטען פון דייטשלאנד, גאליציע, אונגארן און פוילען. עס האבען צו יענע יוניאנס אויך געהערט קריסטען, דייטשען און אײרישע, און א געוויסע צאהל פרויען, אמעריקאנער געבוירענע און אימיגראנטקעס.

איך געדענק ווי איך האב אין יאהר 1883 באזוכט א מאס־מיטינג פון יענע „גאליציאנער שניידער", ווי מען פלעגט זיי דאן רופען, אויף ריווינגטאן, קארנער קענאן סטריט.

די ראדיקאלען צווישען די דאמאלסדיגע אידישע אימיגראנטען פון רוסלאנד, וועלכע פלעגען רופען סאציאליסטישע פארזאמלונגען און סטארען זיך צו ארגאניזירען די גרינע העמדעל־נייערס און פאפיראסען־מאכער אין יוניאנס, האבען קיין שום פארבינדונג ניט געהאט מיט יענע פאר „גאליציאנער" אידישע שניידער־יוניאנס.

אין דער ניו יארקער דייטשער סאציאליסטישער „פאלקסצייטונג", וועלכע איך פלעג דאן לייענען, פלעגען זיך דרוקען באריכטען וועגען מאסען־פארזאמלונגען פון יענער שניידער־יוניאן און איך פלעג דעריבער אפט באזוכען זייערע פארזאמלונגען. אויף יענע פארזאמלונגען האב איך זיך באקענט מיט אייניגע פיהרער פון יענע שניידער יוניאנס, ווי יעקב שעהן, א. קאנער, לואיס סמיט און נ. הירש, וועלכע זיינען געוועזן מיטגלידער פון דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי (ס. ל. פ.). דיזע פיר שניידער זיינען געוועזן אינטעליגענטע ארבייטער, זיי זיינען געוועזן די רעדנער און די פיהרער פון יענער שניידער־יוניאן, וועלכע איז געוועזן א לאקאל פון די „נייטס אוו לייבאר".

אין זעלבען יאהר האבען דיזע פיר אידישע שניידער־ארבייטער־סאציאליסטען ארגאניזירט אין 56 ארטשארד סטריט א קלאוק און סוט מאכער יוניאן, וועלכע האט זיך אויך דעמאלט אנגעשלאסען אן דעם ארדען „נייטס אוו לייבאר". די ארבייטער פון דעם פאך זיינען דאן באשטאנען פון דייטשע, אונגארישע, פוילישע און גאליציאנער אימיגראנטען מענער און פרויען. עס האבען אויך געארבייט אין דעם פאך א גרויסע צאהל אמעריקאנער געבוירענע פרויען.

אין ענדע פון יאהר 1883 איז אויף דער איסט־סאיד פון ניו יארק געגרינדעט געווארען א יוניאן פון שניידער־ארבייטער, וועלכע האבען געארבייט ביי ביליגע שניידעריי, וואס מען פלעגט דעמאלט רופען „שאפ־ארבייט", ביי ביליגע מענער רעק.

צווישען אָט די שניידער־ארבייטער זיינען שוין געווען אייניגע רו־סיש־אידישע אימיגראנטען.

דיזע ערשטע אידישע שניידער יוניאָנס האָבען עקזיסטירט בלויז א קורצע צייט. אין יאָהר 1885 האָט מען זיי ווידער געדארפט אָרגאניזירען. דאָס האָט שוין געטאָן דער „אידישער ארבייטער־פאראיין", וועלכער איז באשטאַנען פון אידישע סאָציאליסטען סיי פון רוסלאנד, סיי פון גאליציע, אונגארן און פוילען.

# די ערשטע „ראַדיקאַלען" צווישען די אידישע אימיגראַנטען פון די אַכציגער יאָהרען און דער אָנפאַנג פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג אין אַמעריקא.

סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען. — די ערשטע פאַרזאַמלונג פון אידישע סאָציאַליסטען אין ניו יאָרק. — סערגעי שעוויטש און אלעקסאַנדער יאָנאס. — דער „פּראָפּאַגאנדע־פאראיין" און די ערשטע סאָציאליסטישע לעקציע אויף אידיש. — די ערשטע פאַראיינען פון רוסישע, אונגאַרישע און גאַליציאַנער אידישע סאָציאַליסטען.—דער „אידישער ארבייטער פאראיין", וואָס האָט געלייגט דעם פונדאמענט פאר דער אידישער ארבייטער באַוועגונג. — די פּיאָנערן פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג.—די ערשטע אידישע ראדיקאלע צייטונגען.—בילדער פון דער פאַרגאנגענהייט.

די ערשטע אידישע „ראַדיקאַלען", דאָס רוב פון זיי סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, וועלכע זיינען אראָפּגעקומען אהער פון רוסלאַנד אין די אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָבען געשפּילט א געוואַלדיגע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג אין אמעריקא. זיי זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבען אָנגעפאנגען דאָ אין לאַנד א ברייטע אגיטאציע און פּראָפּאגאנדע צווישען די אידישע ארבייטער־מאַסען, וועלכע האָט מיט דער צייט געבראכט אן אמת'ע איבערקערעניש אין דעם גאַנצען אידישען לעבען. דאָס זיינען געווען די „ראַדיקאַלען" פון יענע יאהרען, וואס האָבען אריינגעבראכט ליכט אין די פינסטערע מוחות פון די דאַמאָלסדיגע אידישע ארבייטער און האָבען אָנגעצונדען אין זיי א פלאַמענדיגען באַגעהר פאר א בעסערען און שעהנערען לעבען. דאָס האָבען זיי שפּעטער אָרגאַניזירט די אידישע ארבייטער אין יוניאָנס און אויסגעלערענט זיי צו קעמפּען פאר זייערע מענשליכע רעכט.

די ראַדיקאַלען צווישען די ערשטע אידישע אימיגראַנטען, וואס זיינען דעמאָלט געקומען פון רוסלאַנד, זיינען באַשטאַנען מעהרסטענס פון געוועזענע סטודענטען און גימנאַזיסטען. א געוויסער טייל פון אָט דער שטודירענדער יוגענד איז געקומען פון ליטע. די מעהרסטע אָבער זיינען געקומען אַהער פון זיד־רוסלאַנד גלייך נאָך די פּאָגראָמען, וואָס זיינען אין

אָנפאַנג פון די אכציגער יאָהרען פאָרגעקומען אין א רייהע שטעדט פון דרום־רוסלאַנד. די מעהרסטע פון די אריבערגעקומענע אינטעליגענטען זיי־נען געווען נאָך גאָר יונגע מענשען. עלטערע אָדער אפילו מיטעל־יאָהריגע מענשען זיינען צווישען זיי געווען זעהר ווייניג. א גאַנץ היבשע צאָל פון זיי האָבען נאָך זייענדיג אין רוסלאַנד באלאנגט צו פארשידענע גע־היימע רעוואלוציאנערע קרייזלעך. אייניגע זיינען זאָגאר געווען מיטגלידער פון דער באריהמטער רוסישער רעוואלוציאנערער פארטיי פון יענע יאָה־רען — „נאַראָדנאיא וואָליא“. אנדערע האָבען בלויז סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואלוציאנערער און סאָציאליסטישער באוועגונג, אָבער מיט דער סאָציאליסטישער ליטעראַטור זיינען זיי שוין מעהר אָדער ווייניגער געווען באקאַנט נאָך פון דער היים.

א גרויסער טייל פון אָט די יונגע לייט זיינען געווען קינדער פון רייכע אידישע פאַמיליעס. און כמעט אַלע האָבען זיי צווישען זיך גע־רעדט רוסיש. קומענדיג אהער אין אַמעריקא, האָבען זיי זיך אויך אַלע געהאַלטען צוזאַמען און אויף די פארזאמלונגען, וואס זיי פלעגען אפּהאַל־טען, ווי אויך אין די ארבייטער־פאראיינען, וואס זיי האָבען דאָ אָר־גאַניזירט, פלעגט מען די ערשטע יאָהרען ריידען נאָר רוסיש.

ווי איך האָב שוין באַשריבען אין מיין בוך „פערציג יאָהר אין דער אידישער ארבייטער באַוועגונג“, האָב איך באַלד נאָך מיין קומען אין אמע־ריקא זומער־צייט אין יאָהר 1882 געהאַט דאָס גליק צו באַקענען זיך מיט איינעם פון די דאָזיגע יונגע ראַדיקאַלען, מיט גענאָסע א ב. ק א ה א ן, דעם איצטיגען רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“. איך האָב זיך באַקאַנט מיט איהם אין מאָנאַט יולי, 1882, אויף דער סיגאר־פאַבריק פון משה שטאַכעלבערג, אויף וועסט בראָדוויי, ניו יאָרק, וואו מיר האָבעןביידע גע־ארבייט. איך האָב אויסגעפונען, אז מיין נייער באַקאַנטער אברהם קאהאן קומט פון ווילנא, אַז ער איז א געוועזענער לעהרער, אז ער האָט אין דער היים אנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אז ווען די רוסישע זשאַנדארען האָבען איהם געזוכט צו ארעסטירען, האָט ער פאַרלאָזען רוסלאַנד און איז אַוועקגעפאָהרען אין דער שטאָדט בראָד, גאַ־ליציע. דורך בראָד פלעגט דאַן דורכגעהן די גאַנצע אידישע עמיגראַציע פון רוסלאַנד קיין אמעריקא. טויזענטער עמיגראַנטען, וואָס האָבען אין יענעם יאָהר (1882) פארלאָזען רוסלאַנד צוליב די פּאָגראָמען און די פאַר־פאָלגונגען פון דער צארישער רעגירונג, זיינען געלאָפען קיין בראָד און פון דאָרט האָט זיי דער אידישער קאָמיטעט אויסגעריכט קיין אמעריקא. אין בראָד האָט אב. קאהאן זיך אָנגעשלאָסען אָן דער קיעווער גרופּע פון דעם

„עם־עולם", א אידישע געזעלשאפט פון אינטעליגענטע אידעאליסטישע יונגע בחורים און מײדלאך, וואס האט זיך געגרינדעט אין אדעס אין יאהר 1881, גלײך נאך די פאגראמען אויף אידען. די מיטגלידער פון דער דאזיגער געזעלשאפט האבען באשלאסען צו פארלאזען רוסלאנד און פאהרען קײן אמעריקא מיט'ן צוועק צו גרינדען דא קאמוניסטישע קאלא־ניעס. זײער געדאנק דערבײ איז געווען צו צײגען פאר דער וועלט, אז אי־דען זײנען ניט א פאלק פון שאכער־מאכער, ווי די אנטיסעמיטען הא־בען גע'טענה'ט, נאר אז זײ ווילען לעבען פון זײער אײגענער פראצע אלס עהרליכע ארבײטער.

אב. קאהאן האט, זײענדיג אין בראד, ווי שוין געזאגט, זיך אנגע־שלאסען אן דעם „עם־עולם". אבער קומענדיג קײן אמעריקא, האט ער, ווי פילע אנדערע, באלד אײנגעזעהן, אז דער פלאן פון גרינדען קאמו־ניסטישע קאלאניעס איז ניט קײן פראקטישער. איז ער דעריבער פאר־בליבען אין ניו יארק און איז אנגעקומען ארבײטען אויף א סיגאר־פאבריק. דארט האב איך זיך עס מיט איהם צום ערשטען מאל געטראפען.

נאך אין מײן געבורטס־שטאדט, אין אדעס, ווען איך בין נאך געווען א אינגעל פון 16 יאהר, האב איך שוין געהערט אז עס זײנען פאראן סאציאליסטען אויף דער וועלט, אבער וואס עס איז אזוינס סאציאליזם און וואס די סאציאליסטען ווילען אײגענטליך האב איך ניט געוואוסט. דער־ווסענדיג זיך, אז מײן שכן קאהאן איז א סאציאליסט, האב איך זיך צו איהם געווענדעט, אז ער זאל מיר ערקלעהרען וואס סאציאליזם מײנט און וואס די סאציאליסטען פארלאנגען. קאהאן האט עס גערן געטאן. ער האט מיט מיר לאנג ארײנגע'טענה'ט. ער האט מיר א סך דערצעהלט וועגען דעם רעוואלוציאנערען קאמף אין רוסלאנד, וועגען די העלדישע מארטירער פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער באוועגונג און האט מיר אויך ערקלעהרט די גרונד־פרינציפען פון סאציאליזם. אונטער זײן אײנ־פלוס בין איך מיט דער צײט געווארען א באגײסטערטער אנהענגער פון סאציאליסטישען אידעאל.

אין גיכען, האט מיר קאהאן דערצעהלט, געהט ער פארלאזען די פאבריק. ער האט געקראגען א שטעלע אלס א לעהרער אין אן אווענט־שולע, וואו מען לערענט אידישע אימיגראנטען ענגליש. אזוי אבער ווי ער קלײבט זיך צו רופען א פארזאמלונג, וואו מען וועט רײדען וועגען סאציאליזם און ער זעהט אז איך בין א גאנצער „קאך־לעפעל" און קען זיך מיט א סך אימיגראנטען און סימפאטיזיר שוין מיט'ן סאציאליזם, פאר־לאנגט ער פון מיר, אז איך זאל איהם העלפען אפדרוקען א בלעטעל וועגען

דער קומענדער פאַרזאַמלונג און אַז איך, צוזאַמען מיט מיינע באַקאַנטע זאָלען די דאָזיגע בלעטלעך אויסטראָגען צו אַלע עמיגראַנטען אין די הייזער און אין די אַלע פּלעצער, וואו עס פאַרזאַמלען זיך די אידישע אי־מיגראַנטען. איך האָב עס איהם פאַרשפּראָכען צו טאָן. אין אַ פּאָר וואָ־כען אַרום איז קאַהאַן אין אַ געוויסען פאַרנאַכט צוגעקומען צום שאַפּ, וואו איך האָב געאַרבייט, און מיר זיינען צוזאַמען אוועק אין אַ דרוקעריי און באַשטעלט פינף הונדערט בלעטלאַך געדרוקט אויף אידיש וועגען דער קומענדער פאַרזאַמלונג.

פילע פון די ערשטע אידישע אימיגראַנטען פון יאָהר 1882, וועלכע האָבען שוין געוואוינט אין ניו יאָרקער דאון טאון, ווי אויך אייניגע, וועל־כע האָבען נאָך געוואוינט אין „קעסטעל־גאַרדען", האָבען זיך אינטערע־סירט מיט דער ראַדיקאַלער באַוועגונג. דעם ערשטען וויזיט האָט אַ גרופּע אידישע אימיגראַנטען־סאָציאַליסטען אָפּגעשטאַט דער ניו יאָרקער דייט־שער „פאָלקסצייטונג", די דאַמאַלסדיגע איינציגע סאָציאַליסטישע צייטונג אין ניו יאָרק, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1878. דער רעדאַקטאָר פון דער ניו יאָרקער „פאָלקסצייטונג" איז דאַן געווען דער זעהר טאַלאַנטפולער סאָציאַליסטישער רעדנער און שרייבער ס ע ר ג ע י ש ע װ י ט ש , וועלכער איז אַליין געווען אַ רוס, וואָס האָט געשטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע פון באַלטישען געגענד. זיין פרוי איז געווען די באַריהמטע גרעפין העלענא פאָן־ראַקאָוויץ, צוליב וועלכער פערדינאַנד לאַסאַל איז געפאַלען אין אַ דועל.

דעם ערשטען סאָציאַליסטישען מיטינג האָבען די אידיש־רוסישע אימי־גראַנטען אָפּגעהאַלטען אין ניו יאָרק דעם 27טען יולי, 1882, אין „גאָלדען רול האָל", 125 ריווינגטאָן סטריט. דאָס איז געווען אַ פרייטאָג אָוונד. עס איז געווען אַ שרעקליך הייסער אָוונד. די היץ האָט אָבער ניט צו־ריקגעהאַלטען די „גרינע" אָנצופילען דעם האָל, וואָס האָט געקענט אריינ־נעמען ביי אַ פינף הונדערט פּערזאָן. פילע האָבען מיט דער גרעסטער אומגעדולד געוואַרט אויף יענער פאַרזאַמלונג. יעדען איינעם האָט זיך געוואָלט האָבען די זכיה צום ערשטען מאָל צו פאַרזוכען דעם טעם פון „פרייע רעדע". ביי דער פאַרזאַמלונג זיינען אויסער די יונגע „ראַדיקאַ־לען", מענער און פרויען, אויך געווען אייניגע עלטערע מענשען, וואָס זיי־נען שוין אין ניו יאָרק געווען אַ לענגערע צייט און האָבען גאָר ניט פאַר־שטאַנען די רוסישע שפּראַך. דער מיטינג איז געווען אַנאָנסירט אין דער דייטשער „פאָלקסצייטונג", אָבער דער ברייטער עולם האָט זיך וועגען דער פאַרזאַמלונג דערוואוסט ניט פון דער דייטשער „פאָלקסצייטונג, נאָר

פון די אידישע בלעטלאך וואס מיר האָבען פאַרשפּרייט צווישען די אידי־שע אימיגראַנטען.

דער פאָרזיצענדער פון יענער היסטאָרישער פאַרזאַמלונג איז געווען א. מיראָוויטש, א געוועזענער סטודענט פון פּעטערבורגער אוני־ווערזיטעט, וועלכער איז געווען אַנאַרכיסטיש געזאָנען. ער האָט געעפענט די פאַרזאַמלונג אין רוסיש און האָט ערקלעהרט, אז די טעמע, איבער וועל־כער די רעדנער וועלעןריידען, וועט זיין: „די לעצטע פּאָג־ראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד און דער סאָציאַליזם". אלס דעם ערשטען רעדנער האָט ער פאָרגעשטעלט שעוויטש'ן, דעם רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקסצייטונג". שעוויטש האָט גערעדט אויף רוסיש און די אַלע, וועלכע האָבען פאַרשטאַנען די רוסישע שפּראַך, האָבען זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זיין רעדע. ער האָט אַלעמען באַגייסטערט. שעוויטש איז געווען איינער פון די גלענ־צענדסטע רעדנער און לעקטאָרס אין אמעריקא. ווי שוין געזאָגט, האָט ער געשטאַמט פון א רוסישער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע. נאָך אלס יונגער מאַן איז ער אוועק פון רוסלאַנד שטודירען קיין דייטשלאַנד. דאָרט האָט ער אַנטייל גענומען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג און נאָכהער איז ער מיט זיין פרוי געקומען אין אמעריקא. די ערשטע צייט האָט ער דאָ געאַרבייט אלס א קאָנדוקטאָר אויף א טראַמוויי. ער איז אָבער אויך גלייך געוואָרען טעטיג אין דער היגער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער באַוועגונג, וועלכע די דייטשע אימיגראַנטען האָבען דאָ געגרינ־דעט. צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדער יאָנאַס, א צווייטען געבילדעטען סאָציאַליסט, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער באַוועגונג פון אַמעריקא און איז אויך שטאַרק באַליבט געוואָרען ביי די אידישע אַרבייטער־מאַסען, האָט שעוויטש שפּעטער רעדאַקטירט די דייטשע „פאָלקסצייטונג". דיביידע סאָציאַליסטען, סערגעי שעוויטש און אַלעקסאַנדער יאָנאַס, זיינען דע־מאָלט געווען די הויפּט־רעדנער פון דער סאַציאַליסטישער אַרבייטער באַ־וועגונג. שעוויטש פלעגט האַלטען זיינע רעדעס אויף ענגליש, דייטש, רוסיש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש. ער איז דעריבער געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישען די ניו יאָרקער אַרבייטער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלי־טעטען.

אויסער שעוויטש'ן האָבען ביי יענער ערשטער אידישער סאָציאַליס־טישער פאַרזאַמלונג גערעדט צוויי רעדנער אין דייטש, נעלקע און קייזער. ווען זיי האָבען געענדיגט, האָט דער פאָרזיצענדער פאָרגע־

ליינט די אנוועזענדע, אז זיי זאָלען שטעלען פראגען. עס זיינען ארי־בער א פּאָר מינוט און קיינער האָט דאָס וואָרט ניט פארלאַנגט. ענדליך אָבער האָט איינער, וואָס איז געשטאַנען לעבען טיר אויפגעהויבען די האנט. אלע האָבען אַנגעשטעלט זייערע בליקען אויף דעם, וועלכער האָט אויפגעהויבען די האַנט, און זיי האָבען דערזעהן פאר זיך א יונגענמאַנ־טשיק מיט א בלאַסען פּנים. קיינער פון די אנוועזענדע, א חוץ זיינע לאַנדסלייט און שיף־ברידער האָבען איהם ניט געקענט. ווען דער יונגער־מאַן האָט זיך גענומען מאַכען א וועג צו דער פּלאַטפאָרמע, האָבען איניגע פון פּובליקום איראָניש באַמערקט: „ווער וויים וואָס דער אינגעל וועט אונז דאָ דערצעהלען". ווי איבערראַשט זיינען אָבער די אנוועזענדע גע־ווארען, ווען זיי האָבען דערהערט דעם יונגעמאַנ'ס רעדע. די רעדע האָט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס ביי אלעמען און ווען ער האָט גע־ענדיגט האָט דער עולם איהם שטאַרק אַפּלאָדירט. אלע האָבען זיך פאַר־אינטערעסירט מיט'ן יונגען רעדנער און ארום איהם האָט זיך צוזאמענ־געקליבען א גאַנצע רעדעל. דער יונגער רעדנער איז געווען ניט קיין אנ־דערער ווי מיין באַקאַנטער אב. קאַהאַן. ווענדענדיג זיך צו מיראָוויטש'ן, דעם פּאָרזיצענדען פון דער פאַרזאַמלונג, וועלכער איז אויך געשטאַנען אין רעדעל, האָט קאַהאַן באַמערקט, אז די רוסישע לעקציעס קאָנען קיין גרויסען נוצען ניט ברענגען, ווייל די ברייטע אידישע אימיגראַנטען־מאַסע פארשטעהט ניט קיין רוסיש. ער גלויבט דעריבער, אז עס וואָלט וויג־שענסווערט געווען, אַז די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע זאָל געפיהרט ווערען אויף מאַמע־לשון, אין איינפאַכען אידיש. איינינע אינטעליגענ־טען, וועלכע זיינען דערביי געשטאַנען, האָבען זיך פּשוט צולאַכט. דער פאָרשלאַג האָט געקלונגען ווילד.

— אויף אידיש גאָר פּראָפּאַגאַנדירען, וואו וועט איהר נעמען פּראָ־פּאַגאַנדיסטען אויף אידיש? — האָט מיראָוויטש געפרעגט. — וואָלט איהר זיך אנגענומען צו האַלטען א לעקציע אין אידיש? — האָט ער גע־פרעגט ביי קאַהאַנ'ען.

— געוויס, — האָט קאַהאַן געענטפערט.

און גלייך האָט מען טאַקע באַשלאָסען צו אַראַנזשירען א צווייטע פאַרזאַמלונג, וואו מען וועט ריידען אויף פּשוט'ן מאַמע־לשון.

אין גיכען האָבען די דאַמאַלסדיגע אידישע סאָציאַליסטען און אנאַר־כיסטען אָרגאַניזירט א „פּראָפּאַגאַנדע־פאַראיין" און אָט דער „פּראָפּאַגאַנדע־פאַראיין" האָט עס צוזאַמענגערופען די ערשטע אידישע פאַרזאַמלונג אין יאָהר 1882. אויף דער צווייטער פאַרזאַמלונג פון יענעם „פּראָפּאַגאַנדע־

פאראײן" האָט קאַהאַן געהאַלטען די ערשטע סאָציאַליסטישע רעדע אין מאַמע־לשון. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אויף דער זעקסטער סטריט אין אַ האָל, וואו די דײטשע אַנאַרכיסטען פלעגען זיך פאַרזאַמלען. די פאַרזאַמלונג איז געווען אַזוי געפּאַקט מיט רוסיש־אידישע אימיגראַנטען, אַז עס איז אײנפאַך ניט מעגליך געווען פאַר די רעדנער זיך דורכצושטו־פּען צו דער פּלאַטפאָרמע. מיט גרויס אינטערעס האָבען זיך די אַרבײטער צוגעהערט צו קאַהאַנ'ס רעדע. ער האָט גערעדט אַ קלאָהרען, אײנפאַכען און זאַפטיגען אידיש, וועלכען יעדער אײנער האָט גוט פאַרשטאַנען. קאַ־האַן האָט ערקלעהרט די לעהרע פון סאָציאַליזם מיט אײנפאַכע בײשפּי־לען פון טאָג־טעגליכען לעבען. עס איז גאָר אונמעגליך איצט פאָרצו־שטעלען זיך, וואָס פאַר אַ געוואַלדיגען אײנדרוק די רעדע קאַהאַנס האָט געמאַכט אויף די ערשטע אידישע אימיגראַנטען פון ניו יאָרק. פילע פון זײ האָבען זיך דערפיהלט עפּעס אַזוי ווי זײ וואָלטען זײער גאַנצען לע־בען געווען בלינד און מיט אַמאָל האָבען זײ דערזעהן פאַר זיך די ליכטיגע שײן. פילע האָבען געשטעלט פראַגען דעם רעדנער, אויף וועלכע ער האָט געגעבען קלאָהרע ענטפערס. זײן שילדערונג פון דעם העלדישען קאַמף פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערען און פון דעם מאַרטירער־טויט פון זשע־ליאַבאָוו, פּעראָווסקאַיאַ, קיבאַלטשיטש, העסיע העלפמאַן און די אַנדערע, וועלכע זײנען מיט אַ קורצער צײט פאַר דעם הינגעריכטעט געוואָרען פאַר טויטען דעם רוסישען צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווײטען, האָט געריהרט דעם גרעסטען טײל פון די אַנוועזענדע ביז טרעהרען.

יענער ערשטער „פּראָפּאַגאַנדע־פאַראײן" האָט עקזיסטירט אַ קורצע צײט. אב. קאַהאַן איז אָבער פון דאַן אָן געוואָרען זעהר פּאָפּולער צווי־שען די דאַמאָלסדיגע אידישע אימיגראַנטען. אויף יעדער פאַרזאַמלונג, וואָס אידישע אַרבײטער פלעגען אײנבאַרופען, צי עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען גרינדען אַ שנײדער־יוניאָן, אַ שריפטזעצער יוניאָן, אַ קלאָוק־מאַכער יוניאָן, אַ סיגאַרעטען־מאַכער יוניאָן, — איבעראַל איז קאַהאַן געווען דער הויפּט־רעדנער. און זײנע רעדעס פלעגען אַרויסרופען גרויס באַגײסטערונג בײ די אַרבײטער. עס וועט ניט זײן איבערטריבען צו זאָגען אַז קאַ־האַן איז פון יענע גרינע אימיגראַנטען באַטראַכט געוואָרען אַלס דער אמת'ער משיח זײערער, אַלס דער יעניגער, וואָס האָט זײ געהאָלפען באַפרײען זיך פון דער שרעקליכער עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג, פון וועלכער זײ האָבען אַזוי שטאַרק געליטען אין די פינסטערע צײטען פון דער שוויץ־סיסטעם. איך געדענק ווי איך פלעג זעהר אָפט לויפען צו קאַהאַנ'ען אין הויז אַרײן אָדער אָפּוואַרטען איהם בײ אַ אידישען בוך־געשעפט אויף

לודלאָו סטריט, וואו ער פלעגט אָפט אריינקומען, אום איינצולאַדען איהם צו די מאסען־פארזאַמלונגען פון די שניידער און קלאוק־מאכער, וועגען וועלכע איך פלעג זיך דערוויסען אין גאַס. די אידישע שניידער און קלאוק מאכער פלעגען זיך אין יענע יאָהרען פארזאמלען אין העסטער, אין עסעקס און אין לודלאו סטריטס, אין דעם געגענד, וועלכען מען האָט דאן גע־רופען דער „חזיר־מארק”. דאָרטען פלעג איך טרעפען אפערייטאָרס און פרעסערס, וועלכע פלעגען מיר דערצעהלען, אז אין גיכען געהט ווערען א „יוניע”, און ווען אב. קאהאן פלעגט זיך באווייזען ביי אזעלכע פארזאמ־לונגען, פלעגט ווערען א באגייסטערטע קלאפעריי און קאהאן פלעגט שוין דעליווערען פאר זיי דעם ריכטיגען „ספיטש” אין אזא איינפאכען אידיש, אז אפילו די אומוויסענדע פון אומוויסענדסטע ארבייטער פון יענער צייט האָבען איהם פארשטאַנען.

אין יאָהר 1884 האָט זיך אין ניו יארק געגרינדעט דער „רוסישער ארבייטער פאראיין”. איינער פון זיינע הויפט גרינדער איז געווען דער פארשטאָרבענער ניקאָלאי אליינ יקאָוו, דער פיהרער פון דער קיעווער גרופע „עם־עולם”, מיט וועלכער אב. קאהאן איז געקומען צופאה־רען קיין ניו יארק. צווישען די מיטגלידער פון דעם דאָזיגען פאראיין, וועלכען איך געדענק — איך אליין בין אויך געווען א מיטגליד פון דעם „פאראיין” — זיינען געווען אב. קאספע, ס. מענאקער, גריגאָרי וויינשטיין, א ווילנער לאנדסמאן, א שריפטזעצ־צער, וועלכער איז, קומענדיג קיין אמעריקא, כמעט גלייך געוואָרען א מיט־גליד פון דער ניו יארקער ענגלישער טיפאָגראפיקעל יוניאן; לעאָן מאלקיעל, וועלכער איז שפעטער געווען אן אָנגעזעהענער טוער אין דער סאָציאליסטישער פארטיי און פילע אנדערע, וועלכע איך געדענק שוין ניט. צו די פארזאמלונגען פון יענעם „רוסישען ארבייטער־פאראיין” פלעגט אָפט אויך קומען פון באָסטאָן א רוסישער אימיגראנט מיט׳ן נאָמען וויקטאָר יאראָס, וועלכער איז שפעטער געוואָרען א באוואוס־טער אמעריקאנער זשורנאליסט.

דער צוועק פון יענעם פאראיין איז געווען זעלבסט־בילדונג, אויך האָ־בען די מיטגלידער פון „פאראיין” געפלאנעוועט צו גרינדען קאָאָפעראַ־טיווע שעפער. דער דאָזיגער פאראיין איז באטראכט געוואָרען פאר א „קאָנסערוואטיווע” אָרגאניזאציע, לויט די באגריפען פון די „ראדיקאלען” פון יענער צייט. דאָך פלעגען יעדען זונטאָג בייטאָג צו די לעקציעס פון דעם „פאראיין” קומען מאסען ראדיקאלע אידישע ארבייטער, אפילו אויך אזוינע, וואָס האָבען ניט גוט פארשטאַנען רוסיש. אין די דעבאטען, נאָך

די לעקציעס פלעגען זיך באטייליגען א סך מענשען פון פארשידענע ריכ־טונגען.

מיט א יאהר שפעטער, אין יאהר 1885, געדענק איך, איז איין מאל בײ א לעקציע פון דעם „רוסישען ארבייטער־פאראיין" פארגעקומען א היציגע דעבאטע צווישען די „קאנסערוואטיווע" מיטגלידער און די „ראַ־דיקאלען", וועלכע פלעגען קומען מיט זיי דעבאטירען. אין מיטען דער דע־באטע האט איינער פון יענער גרופע, וואס איהר פיהרער איז געווען אב. קאהאן, אויסגערופען אז עס האט זיך געגרינדעט א נייער פאראיין, וועל־כער רופט זיך דער „לייבאר לייסעאום" און אז פון דעם קומענדען זונ־טאג בייטאג און וועט דער נייער פאראיין האבען לעקציעס יעדען זונטאג בייטאג אין 165 איסט בראדוויי (א באריהמטער האל צו יענער צייט, וואו אידישע אימיגראנטען פלעגען אפט האלטען מאס־מיטינגען). קאהאן האט אויך אנאנסירט, אז דארט וועט מען האלטען סאציאליסטישע לעק־ציעס אויף רוסיש און אויף דייטש. די גרינדער פון דעם ראדיקאלען „לייַ־באר־לייסעאום" זיינען געווען אב. קאהאן און לואיס מילער.

לואיס מילער איז נאך דאן געווען א גאנץ קורצע צייט אין אמעריקא. אזוי שנעל ווי עס האט זיך געגרינדעט דער „רוסישער לייַ־באר לייסעאום", איז מילער געווארען איינער פון זיינע טעטיגסטע מיט־גלידער. מילער'ן האב איך שוין גוט געקענט, ווייל ער איז געווען איי־נער פון די גרינדער פון דער ערשטער שוירט (העמדעל) מאכער יוניאן, וואו איך פלעג איהם טרעפען. שוין ביי דער ערשטער באגעגעניש מיט איהם האב איך באמערקט, אז ער איז א יונגערמאן מיט זעלטענע פע־היגקייטען אלס רעדנער און פיהרער. ער איז געווען א געבוירענער פון ווילנער גובערניע. אין עלטער פון פופצעהן יאהר האט ער פאר־לאזען זיינע פארמעגליכע עלטערען און איז אוועקגעפאהרען אין דער שווייץ. דארט איז ער געווארען א סאציאליסט. נאך אלס אינגעל, זייענדיג אין דער היים, איז מילער שוין געווען אנגעשטעקט מיט סאציאליזם, ווייל זיין עלטערער ברודער ל. באנדעס, איז געווען א מיטגליד פון זונדעלע־וויטש'עס רעוואלוציאנערען קרוזשאק אין ווילנע, צו וועלכען עס האט שפעטער געהערט אויך אב. קאהאן.

פון דער שווייץ איז מילער געקומען קיין ניו יארק אין יאהר 1884. דא איז ער גלייך געווארען א העמדעל־נעהער און באלד האט ער אין די שוירט שעפער געקראגען א נאמען אלס איינער פון די בעסטע „פראנט־מאכער" פון העמדער. מילער איז געווען א קלוגער אינטעליגענטער יונ־גער מאן און א געבוירענער רעדנער. די ערשטע יאהרען פלעגט ער זיינע

רעדעס האַלטען אין רוסיש. שפּעטער אָבער האָט ער אָנגעפאַנגען ריידען אויף מאַמע־לשון. ער איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער ערשטער שווירט־מאַכער יוניאַן. ער איז אויך געווען אַ לעקטאָר און הויפּטזעכליך אַ בריליאַנטענער דעבאַטאַנט. פאַר יאָהרען לאַנג איז מילער געווען פאַררעכענט אַלס איינער פון די פעהיגסטע פיהרער פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג אין אמעריקאַ. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער אידישער סאָציאַליסטישער „ארבייטער־צייטונג" אין אמעריקאַ און שפּעטער אויך איינער פון די גרינדער פון „פאָרווערטס". אין יאָהר 1905 אָבער איז אַוועק פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג און האָט געגרינדעט פאַר זיך אַ פּריוואַטע אידישע צייטונג „די װאָרהייט". זיין צייטונג האָט שפּעטער באַקעמפּט די סאָציאַליסטישע און טרייד־יוניאַן באַוועגונג, וועלכע ער אַליין האָט געהאָלפען גרינדען און בויען. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1927.

די ערשטע לעקציע אין יענעם „רוסישען לייבאָר לייסעאום" האָט געהאַלטען אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר י אָ נ אַ ס. אַ מערקווירדיגען איינדרוק האָט אויף אַלע אנוועזענדע געמאַכט די דאָזיגע לעקציע. יאָנאַס האָט גערעדט אין אַזאַ קלאָהרער איינפאַכער דייטשער שפּראַך, אַז כמעט אַלע אידישע אימיגראַנטען האָבען פאַרשטאַנען יעדען וואָרט פון דער לעקציע. ער האָט קלאָהר געמאַכט פאַר די אידישע ארבייטער די גרונטגעדאַנקען פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. אין יענעם „רוסישען לייבאָר לייסעאום" פלעגט אויך אָפט האַלטען לעקציעס אַ געוויסער דאָקטאָר מ ע ר ק י ן. ער איז געווען אַ דאָקטאָר פון כעמיע, אַ געוועזענער דענענבורגער ישיבה־בחור. צו פופצעהן יאָהר האָט ער געוואָרפען די ישיבה און איז אַוועק שטודירען אין דייטשלאַנד. דאָרט איז ער אויך געוואָרען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. דר. מערקין איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאַן פון אַ 35־40 יאָהר. גערעדט האָט ער אַ מין דייטש, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט ליטווישען אידיש. רוסיש פלעגט ער רייִדען מיט אַ גמרא נגון. זיינע לעקציעס אָבער זיינען געווען זעהר אינהאַלטסרייך און באַלערענד. ער פלעגט ריידען מיט אַ פּאָעטישער שפּראַך און די צוהערער פלעגען איינפאַך באַצויבערט ווערען פון זיינער אַ רעדע, ווייל עס איז ווירקליך געווען וואָס צו הערען. מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט נעהענטער זיך צו באַקאָנען מיט איהם. איך פלעג איהם אָפט באַזוכען אין זיין קליינעם צימער, וואו ער האָט געוואוינט אין אַ פּריוואַט־הויז. די הויז האָט זיך געפונען אין אַ שעהנער געגענד אויף דער 15טער סטריט לעבען אַ פּאַרק. איך האָב זיך מיט איהם

באפרײַנדעט. ער פלעגט ליב האָבען אויסצופרעגען בײַ מיר אַלעס וואס עס קומט פאָר צווישען די אימיגראַנטען, ווײַל ער אַליין האָט זיך גע־האַלטען פון זײ פון דער ווײַטענס. ער איז געווען, וואָס מען רופט אַ שטיקעל „קרענק״, אָבער אין דער ווירקליכקייט אַ זעהר גוטהערציגער מענש. ער פלעגט שטאַרק באַדויערען די שרעקליכע אָרעמקייט, וואס האָט געהערשט צווישען יענע אידישע אימיגראַנטען און די פינסטערניש, אין וועלכער זײ האָבען געלעבט. אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט קריגען קיין שטעלע אַלס כעמיקער, איז ער אוועק אַרבייטען אין אַ גרויסען אַמע־ריקאַנער רעסטאָראַן אויף בראָדוויי אַלס אַ געשיר־וואַשער. ער איז גע־ווען בלויז אַ פּאָר יאָהר אין אַמעריקא און איז דערנאָך אוועקגעפאָהרען צוריק קיין דייטשלאַנד. פאַר די פאָר יאהר אָבער, וואס ער איז געווען אין אַמעריקאַ, האָט ער זעהר פיל אויפגעטאָן אין דעם זין פון אויפקלעה־רען די אידישע אימיגראַנטען פון ניו יאָרק.

אין יאָהר 1907 האָבען מיר, זײַנע אַלטע באַקאַנטע, ערהאַלטען וועגען איהם אַ בריף פון דייטשלאַנד, אַז ער איז אַרעם און קראַנק און געפינט זיך אין גרויס נויט. מיר האָבען, נאַטירליך, געטאָן וואס עס איז נאָר מעגליך געווען צו פאַרבעסערען עטוואס זײַן לאַגע. מיט אַ יאָהר שפּעטער האָבען מיר זיך דערוואוסט פון דייטשע סאָציאַליסטישע צײַ־טונגען, אַז דר. מערקין איז געשטאָרבען.

אין יאָהר 1884 אָדער 1885 האָט אַ גרופּע ראַדיקאַלען פון יענע אי־דישע אימיגראַנטען פון די 80־ער יאהרען געגרינדעט אין ניו יאָרק אַ קאָאָפּעראַטיווע לאָנדרי (וועשערײַ) אויף עסעקס סטריט. צווישען די גרינדער זײַנען געווען דר. פּ א ו ל ק א פּ ל א ן און נ י ו מ א נ ג ר ע ט ש (בײדע מיטגלידער פון „עם־עולם״). דיזע לאָנדרי האָט עקזיסטירט עטליכע יאָהר און האָט זיך געפיהרט אויף אַ קאָאָפּעראַטיווען באַזיס. צוליב דער גרויסער קאָנקורענץ אָבער פון די פּריוואַטע לאָנ־דריס זײַנען די קאָאָפּעראַטאָרס סוף כל סוף געווען געצוואונגען אויפצו־געבען די לאָנדרי.

אַן אַנדער גרופּע פון יענע ערשטע אידישע „ראַדיקאַלען״ האָט אין יאָהר 1884 געגרינדעט אַ „רוסיש־אידישען אַרבייטער פאַראיין״. דער פאַראיין האָט זיך געשטעלט אַלס זײַן הויפּט־אויפגאַבע צו פאַראַנשטאַל־טען סאָציאַליסטישע לעקציעס אויף אידיש. ווען מען פלעגט ניט קענען קריגען קיין אידישע רעדנער, פלעגט דער פאַראיין אײַנלאַדען אַ דייטשען סאָציאַליסט צו האַלטען פאַר די אידישע אַרבייטער אַ רעדע אויף דייטש. דער פאַראיין פלעגט פאַראַנשטאַלטען לעקציעס יעדען פרײַטאָג אָוונט אין

68½ אָרטשארד סטריט. די גרינדער פון יענעם פאראיין זיינען געווען די צוויי ברידער מ י ט י א און נ י ו מ א  ג ר ע ט ש, ביידע גע־וועזענע סטודענטען פון אדעסער אוניווערזיטעט.

דער עלטערער, מיטיא גרעטש, האָט שפּעטער געביטען זיין נאָמען אויף ר אָ ו ז, ער פלעגט אָפּגעבען זיין גאַנצע צייט פאר יענעם פאר־איין. ער איז געווען איינער פון די ערשטע וואס האָט אָרגאַניזירט די אידישע כאָריסטען יוניאָן. אין דער ארבייט האָט איהם געהאָלפען מ י י ק ע ל  מ י נ ט ץ, דער שפּעטערדיגער ארויסגעבער פון דער טעג־ליכער אידישער צייטונג „דער אידישער העראָלד", וועלכער איז אויך געווען א מיטגליד פון „אידישען ארבייטער פאראיין".

ניומא גרעטש, דער אינגערער ברודער, איז אויך געווען זעהר טעג־טיג אין יענעם „אידיש־רוסישען ארבייטער פאראיין". ער איז אָבער אויך געווען טעטיג אין דער סאָציאליסטישער ארבייטער פּארטיי (ס. ל. פּ.) און מיט איניגע יאהר שפּעטער, אין יאהר 1889, איז ער גע־ווארען דער נאַציאָנאַלער סעקרעטער פון דער ס. ל. פּ.

צו יענעם פאראיין האָט צו יענער צייט אויך באַלאַנגט דר. ט ש א ר ל ז  ר א י ע ו ו ס ק י. דעמאָלט האָט ער זיך נאָך גערו־פען שאַמראַיעווסקי. ער איז געקומען אין אמעריקא אין איין צייט מיט אב. קאהאן. אין זיין געבורטס־שטאָדט, אין קרעמענטשוג, איז ער געווען א מיטגליד פון א רעוואָלוציאָנערער גרופּע. אין אמעריקא איז ער אוועקגעפאָהרען צוזאמען מיט זיין לאַנדסמאַן און חבר, ס פּ י ו ו א ־ ק אָ ו ו ס ק י, דעם שפּעטערדיגען באקאנטען אידישען דאָקטאָר חיים ספּיוואַק.

איך אליין האָב זיך אויך אָנגעשלאָסען אָן דעם דאָזיגען „אידיש־רוסישען ארבייטער־פאראיין", באלד ווי ער איז געגרינדעט געוואָרען.

ביי א פארזאמלונג פון יענעם פאראיין איז פאָרגעלעזען געוואָרען א נאָטיץ, וואס איז ערשינען אין דער דייטשער „פאָלקסצייטונג", אז אלע אידישע סאציאליסטען זאָלען קומען צו א פארזאמלונג אין א האָל אויף ריווינגטאָן קאָרנער קענאָן סטריט (דאָס איז דאן געווען דער גאַליציאנער־אונגארישער אידישער קוואַרטאַל אין ניו יאָרק), וואו עס וועט באשפּראָכען ווערען די פראגע וועגען ארויסגעבען א אידישע ארבייטער־בלאַט. מיר, די מיטגלידער פון רוסיש־אידישען ארבייטער פאראיין, האָבען געגוי ניט געוואוסט ווער עס רופט די דאָזיגע פארזאמלונג. פון דעם אָבער וואס די פארזאמלונג ווערט גערופען אין אונגארישען געגענד, האָבען מיר זיך אָנגעשטויסען, אז דאָס מוזען זיין די פיהרער פון דער אידישער שניידער

יוניאָן און מיר האָבען באַשלאָסען, אז אַלע אונזערע מיטגלידער, ביי א צוואַנציג אין צאָהל, זאָלען אַלע געהן צום מיטינג.

קומענדיג אהין, האָבען מיר אין האַל געטראָפען א „פאַראיין פון אונגאַריש־אידישע סאָציאַליסטען".

נאָך אַ קורצען שמועס צווישען די מיטגלידער פוןביידע פאַראיינען, איז מען געקומען צו אַ פאַרשטענדניש צוזאַמענצושמעלצען ביידע אָרגאַניזאַציעס אין איינע. אויף יענעם היסטאָרישען מיטינג, איז עס געבוירען געוואָרען דער „אידישער ארבייטער פאַראיין", וועלכער האָט ביז דעם יאָהר 1887 געשפּילט אַזא גוואַלדיגע ראָלע אין דער אנטוויקלונג פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג פון ניו יאָרק.

צווישען די פיהרער פון יענעם אונגאַריש־גאַליציאַנער אידישען אַרבייטער פאַראיין זיינען געווען י ע ק ב ש ע ה ן , א פרעסער ביי קלאָוקס און אמאָל ביי מענער שניידעריי, א איד אין די מיטעלע יאָהרען, וועלכער איז געווען אינטעליגענט און גוט באַלעזען. ער איז שוין דעמאָלט געווען א מיטגליד פון דער ס. ל. פּ. ער איז געווען דער גרינדער פון די ערשטע שניידער און קלאוק מאַכער יוניאַנס, אין די יאהרען 1882־1884, ווען די גרעסטע צאָהל מענער שניידער און קלאוק מאַכער זיינען געווען גאַליציאַנער, פּוילישע און אונגאַרישע אידען.

אין יאָהר 1885 האָט ער אָנגעשריבען א אידישע בראָשורע פאַר'ן 8־שטונדיגען ארבייטס־טאָג, וועלכע מען האָט פאַרטיילט צווישען די אידישע ארבייטער פון יענער צייט.

יעקב שעהן איז געווען א פריידענקער. ער האָט אויך געשפּילט א גרויסע ראָלע ביי דער גרינדונג פון „אינדעפּענדענט אָרדען ברית אייבראַהאם", וועלכער האָט זיך אין די 80־ער יאהרען אָפּגעשפּאָלטען פון דעם אַלטען אָרדען „ברית אייבראַהאם", ווייל יענער איז געווען צו קאָנסערוואַטיוו. יעקב שעהן איז שפּעטער געוואָרען דער סעקרעטער פון דעם „אינדעפּענדענט אָרדען ברית אייבראַהאם". דעם דאָזיגען אמט האָט ער אָנגעהאַלטען ביז וואַנען ער איז מיט אייניגע יאָהר צוריק געשטאָרבען. (זיין זוהן איז נאָך עד היום אַ טעטיגער סאָציאַליסט).

די אַנדערע פיהרער פון יענעם אידיש־אונגאַרישען ארבייטער פאַראיין זיינען געווען: א געוויסער א. ק א נ ע ר , אַ גאַליציאַנער לאַנדסמאַן, אַן אָפּערייטאָר ביי שניידעריי, אַן אינטעליגענטער און באַלעזענער ארבייטער, א וואונדערבאַרער רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר פון יענע ערשטע שניידער ארבייטער.

נאָך צוויי שניידער ארבייטער געדענק איך: איינעם נ. ה ו י ר ש ,

אַן אונגאַרישער אידישער אינטעליגענט, אויך אַ רעדנער און אַן אָרגאַ־נייזער; דער צווייטער איז געווען לואיס סמיטה, אַן אפּעריי־טאָר ביי רעק, וועלכער האָט אין זיינע יונגע יאָהרען, אין 1871, זיך באַטייליגט אין דער פּאַריזער קאָמונע. אין אַמעריקא איז ער געקומען אין די 80טער יאָהרען און אין פּארלויף פון פילע יאָהרען איז ער דאָ געווען אַ פיהרער פון דער שניידער יוניאָן און אויך אַ מיטגליד פון דער ס. ל. פּ.

נאָך איינער פון יענער גרופּע אונגאַריש־גאַליציאַנער אידישע סאָ־ציאַליסטען איז געווען ס. גלאַס. ער איז געווען אַ טאָקער. גע־שטאַמט האָט ער גאָר פון קורלאַנד, אָבער ער איז צופעליג אריינגעפאַלען צווישען יענע גאַליציאַנער־אונגאַרישע אידען. ער איז געווען אַ בריליאַנ־טענער אגיטאַטאָר, אַ שעהנער רעדנער. ער האָט אָבער גערעדט אַ דייטש־מערישען אידיש.

נאָך אַ מיטגליד פון יענעם גאַליציאַנער־אונגאַרישען ארבייטער פּאַר־איין געדענק איך, מ. מאַיאָווער. ער איז געווען אַ דייטשער יאַהודי, אַ קלאוקס שניידער, אַ טעטיגער סאָציאַליסט און אויך אַ גוטער רעדנער.

דער נייער „אידישער ארבייטער־פּאַראיין" האָט געגרינדעט די איצ־טיגע אידישע שריפטזעצער יוניאן; אַ קלאוקמאַכער יוניאַן, וועלכע האָט, ליידער, ניט לאַנג עקזיסטירט; אַ אידישע בעקער יוניאָן, אַ יוניאָן פון אידישע כאָריסטען פון אידישען טעאַטער און נאָך אַנדערע אידישע יוניאַנס.

דער „אידישער ארבייטער פּאַראיין" האָט אויך גענומען אַ שטאַר־קען אנטייל אין דער גרויסער „הענרי דזשאָרדזש באַוועגונג" אין ניו יאָרק, אין יאָהר 1886.

דער „אידישער ארבייטער פּאַראיין" האָט באַלד נאָך זיין גרינדונג אָנגעפאַנגען צו פּאַרהאַנדלען די פראַגע וועגען שאַפען אַן אייגענע ארביי־טער ציטונג. מיר, די מיטגלידער פון דעם אַלטען „רוסיש־אידישען אר־בייטער פּאַראיין", האָבען גוט געדענקט די ערפאַהרונג, וואָס מיר האָבען געהאַט מיט עטליכע יאָהר פריהער, ווען מיר האָבען געוואָלט איינבארופען אַ פאַרזאַמלונג אין 56 אָרטשאַרד סטריט, כדי דורכצושמועסען זיך וועגען גרינדען עפּעס אַן ארבייטער־פּאַראיין, און האָבען געוואָלט די פּאַרזאַמלונג אַנאָנסירען אין דער וועכענטליכער אידישער ציטונג די „אידישע גאַזעטען", וועלכע האָט אָנגעפאַנגען צו ערשיינען אין ניו יאָרק נאָך אין 1874. יענע ציטונג איז געווען געשריבען מיט אידישע בוכשטאַבען, אָבער אין אַ גע־בראָכענער דייטשמערישער שפּראַך. איהר מאָטאָ איז געווען: „פון כל־ישראל, פאַר כלל ישראל."

א קאָמיטע פון די איינבארופער פון דער פארזאמלונג איז אוועק אין דער רעדאקציע פון די „אידישע גאזעטען", בעטען מען זאָל באקאנט מאכען וועגען דעם מאססמיטינג פון די אידישע אימיגראנטען. ווען דער בעל־הבית פון יענער צייטונג האָט געקראָגען די געלעגענהייט צו טרעפען זיך מיט די אריבערגעקומענע רוסיש־אידישע „ציצילסטען" פנים אל פנים, איז ער אויף זיי ארויפגעפאלען מיט אזעלכע זידלערייען, אז די קאָמיטע איז קוים אנטלאָפען פון דאָרט. דער בעל הבית פון יענע „גאזעטען" איז נאָך ניט געווען איינגאנצען צופרידען מיט דעם ברוך הבא וואָס ער האָט געגעבען די גרינע „ציצילסטען" ביי זיך אין אָפיס, האָט ער נאָך אָפּגע־דרוקט אין זיין צייטונג א באריכט פון יענעם אגיטאציאָנס מיטינג, וועל־כער האָט זיך געלעזען אומגעפעהר אזוי:

„די גאזעטען" מאכען אויפמערקזאם זייערע לעזער, אז זיי זאָלען ווי־סען, אז צווישען די גרויסע צאָהל נייע אידישע אימיגראנטען, וועלכע זיינען אהער ניט לאנג געקומען, געפינען זיך א צאָהל „ניהיליסטען", „צי־ציליסטען" אדער פליינער געזאָגט, „מיסיאָנערען", וועלכע זיינען דאָ אין אמעריקא. זיי זיינען עס די ערשטע אידען, וואָס האָבען מחלל שבת גע־ווען, א פאסירונג וואָס האָט געטראָפען אין אמעריקא צום ערשטען מאָל מיט אידען, אז זיי זאָלען זיך האָבען פארזאמעלט אום פרייטאָג־צו־נאכטס, דאן ווען אידען דארפען באגענענען זייער הייליגען שבת, האָבען זיי גאָר געהאלטען א מיטינג אין 56 אָרטשארד סטריט, און דאָרטען זיינען די „משומדים" געזעסען מיט די הוילע קעפּ, אָהן היטלען. מענער, ווייבער און יונגע בתולות זיינען געזעסען צוזאמען, האָבען גערעדט אויף „גוי'ש" און אלע האָבען זיי גערויכערט אום שבת סיגארעטלאך, ימח שמם, די ליפּען און די מיילער זאָל זיי אָפּנעמען, ונאמר אָמן!

מיט אזא מענה לשון האָבען די ארויסגעבען פון די „אידישע גאזאטען" באגעגענט די ערשטע אידישע קולטור־טרעגער אין אמעריקא.

דער „אידישער ארבייטער פאראיין" פלעגט זיך פארזאמלען אין 123 דעלענסי סטריט יעדען דאָנערשטאָג אוועגט. אין א קורצער צייט האָט די אָרגאניזאציע אָנגעזאמעלט פון אונטערנעהמונגען (בעלער און קאָנ־צערטען) א סומע פון 250 דאָלער. צו יענער צייט איז אזא סומע געלד געווען א גאנץ באדייטענדע. די מיטגלידער פון פאראיין זיינען געווען אָרימע ארבייטער, מייסטענס גרינע. זיי פלעגען פארדינען אין די שוויץ־שעפּער 4־5 דאָלער א וואָך. די ארבייטסלאָזיגקייט איז געווען זעהר גרויס. 250 דאָלער, געזאמעלט טאָקע ביי אָט די אָרימע ארבייטער איז, אלזאָ, געווען א גאנץ גרויסע סומע.

איך געדענק א פאַרזאַמלונג פון אונזער פאראיין, וועלכע איז פאָרגעקומען אין יאַנואַר, 1886, וואו מיר האָבען באַטראַכט די פראַגע צו זאָ־לען מיר שוין אַרויסגעבען אונזער סאָציאַליסטישע וואָכענבלאַט. עס האָט זיך אונז אָפּגעדאכט, אז בלויז איין זאַך פעהלט אונז אום צו קענען אַרויס־געבען די צייטונג, און דאָס איז א רעדאַקטאָר. דער פּלאַן איז דאַן ביי אונז געווען צו דרוקען א 4־זייטיגע וועכענטליכע צייטונג ביי א פּרינטער, און ניט איינצופיהרען קיין אייגענע דרוקעריי, ווייל עס האָבען אונז גע־פעהלט מזומנים.

— בלויז א רעדאַקטאָר פעהלט אונז, — האָבען די גענאָסען געדו־נערט ביי יענער פאַרזאַמלונג. גלייך האָבען איינינע פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל אַראָפּברענגען קיין אַמעריקא פון לאָנדאָן פּ י ל י פּ ק ר א נ ץ ׳ ע ן. אַנדערע גענאָסען האָבען ביי יענעם מיטינג געשריען, אז עס איז אונזער פליכט צום סאָציאַליסטישען אידעאַל גלייך אַרויסצוגעבען די סאָציאַליס־טישע צייטונג פאַר די אַמעריקאַנער אידישע אַרבייטער.

בשעת יענער הייסער דעבאַטע, האָט געקראָגען דאָס וואָרט א גענאָ־סע, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק געקומען אַהער פון לאָנדאָן, וואו ער איז געווען א מיטגליד פון דעם לאָנדאָנער „אינטערנאַציאָנאַלען אַרביי־טער קלוב״, פון 40 בערנער סטריט, יענער קלוב, וואָס פלעגט אַרויס־געבען דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד״, וועלכען מיר אידישע ראַדי־קאַלען פלעגען יעדע וואָך לעזען אין ניו יאָרק.

דער לאָנדאָנער גענאָסע, וועמעס נאָמען איך געדענק שוין ניט, האָט דערצעהלט ביים מיטינג וועגען קראַנץ׳ען, וואָס פאַר א טרייער סאָציאַ־ליסט ער איז, ווי אזוי ער שרייבט אין „אַרבייטער פריינד״ אין יעדען נומער די גרעסטע צאָהל אַרטיקלען, און דערצו דאַרף ער נאָך צוהונ־גערען, ווייל די לעצטע פּאַר ענגלישע פּענים דאַרף מען דאָרטען גאָר גע־בען דעם דרוקער פאַר דרוקען די צייטונג, און עס קלעקט ניט קיין געלט צו צאָהלען שכירות דעם רעדאַקטאָר. דער פאַר האָט גענאָסע קראַנץ אָפּט־מאָל קיין לאָזשי ניט און ער וואוינט אין רעדאַקציע און שלאָפט אויף אַן אַלטער סאָפע. יעדען אָוועגט קלייבען זיך אויף אין דעם סאָציאַליסטי־שען קלוב, וואו די רעדאַקציע פון „אַרבייטער פריינד״ געפינט זיך, אי־דישע גענאָסען, וועלכע ברענגען מיט א פּאָר הערינג מיט שוואַרצע ברויט און די הונגעריגע פראַווען א „באַנקעט״, אויף וועלכען גענאָסע קראַנץ איז אָפטמאָל דער „טאָאַסט־מייסטער״. אזוי האָט דערצעהלט יענער לאָנ־דאָנער גענאָסע. ער האָט אויך דערצעהלט ווי קראַנץ האָט זיך אויסגע־לערענט זיין א זעצער. ווען ער ווערט פאַרטיג מיט׳ן שרייבען, געהט

ער אװעק אין דער דרוקערײ און זעצט די אַרטיקלען פאַר׳ן „אַרבײטער פרײַנד״.

— „איר װײסט װער גענאַסע קראַנץ איז? ער איז אַ געלערענטער מענש, אַ שטודירטער, ער האָט אַנטײל גענומען אין כאַרקאָװ אין דער רעװאָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער באַװעגונג, װאו ער האָט צוזאַמען גע־אַרבײט אין דער אָרגאַניזאַציע מיט דעם באַריהמטען רוסישען רעװאָלו־ציאָנער, גרינעװיצקי, װעלכער האָט דעם 12טען מערץ, 1881, געװאָרפען די באָמבע אויף אַלעקסאַנדער דעם צװײטען. איך רעקאָמענדיר אײך צו ערװעהלען גענאַסע קראַנץ אַלס אײער רעדאַקטאָר.״ — מיט דיזע װער־טער האָט דער לאָנדאָנער רעדנער פאַרענדיגט זײן רעדע.

— יאָ, — האָט אַ ניו יאָרקער גענאָסע אויסגעשריען, — מיר דאָ אין אַמעריקא זײנען אויך אָרימע אַרבײטער, מיר װעלען איהם אָבער זי־כער געבען אַ סאַלאַרי, אַז אויסער הערינג מיט ברויט, װעט ער נאָך קענען קויפען אַ גלאָז ביער אויך. מיר װעלען זיך טײלען אַלע גלײך מיט אונזערע פאַרדינסטען...

אַזוי איז טאַקע געבליבען בײ יענעם מיטינג. מען האָט אָפּגעשטימט צו שרײבען גלײך צו קראַנץ׳ען, אַז ער איז ערװעהלט געװאָרען אַלס רע־דאַקטאָר, און ער זאָל אונז גלײך לאָזען װיסען, װען ער קען קומען.

ערשט מיט אַ צײט שפּעטער איז געקומען פון קראַנץ׳ען אַן ענטפער אויף אונזער בריף, אַז ער װיל קומען צו אונז אין אַמעריקא. ער מוז אָבער װאַרטען ביז די לאָנדאָנער גענאָסען װעלען קריגען אַן אַנדער פּאַסיגען רע־דאַקטאָר פאַר׳ן „אַרבײטער פרײנד״.

דערװײל האָט פּאַסירט אין ניו יאָרק די פאָלגענדע געשיכטע: פון אַ קלײן פאַבריק־שטעדטעל פון מאַסאַטשוזעטס סטײט זײנען געקו־מען קײן ניו יאָרק צװײ יונגע אידישע אימיגראַנטען: ד ז ש. ב ר ו ק ס און ד. ק אַ נ ט אָ ר. זײ האָבען דאָרטען, אין אַ טעקסטיל פאַבריק, בײ דער אַרבײט אָפּגעשפּאָרט אין 3־4 יאָהר אַ טויזענד דאָלער, און זײ האָ־בען באַשלאָסען מיט דעם אָפּגעשפּאָרטען געלד אַרויסצוגעבען אין ניו יאָרק אַ פּריװאַטע „װעכענטליכע צײטונג״. דיזע צװײ יונגע אונטערנעמער זײ־נען געװען זעהר ענערגיש און אין אַ פּאָר מאָנאַטען אַרום האָבען זײ טאַקע אָנגעפאַנגען אַרויסגעבען אַ װעכענטליכע אידישע צײטונג מיט דעם נאָ־מען „די ניו יאָרקער אידישע פאָלקסצײטונג״. אַלס רעדאַקטאָר האָבען זײ גענומען ד ר. מ אָ ז ע ס מ י נ ץ, װעלכער איז צו יענער צײט געװען אַ חובבי ציוניק״. דער צװײטער רעדאַקטאָר איז געװען ד ר. אַ ב ע ל ב ר אַ ס לאַ װ ס ק י, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אײנער פון די

אידישע אימיגראַנטען פון 1882־טען יאהר, וועלכער איז געווען אין יענע יאהרען אַ טעטיגער סאָציאַליסט, אַ שרייבער און אַ רעדנער, פריהער אין דער רוסישער שפּראַך און נאָכהער אין אידיש. בראַסלאַווסקי איז די ערש־טע יאהרען געווען אַ מיטגליד פון די אַלע אויסגערעכענטע רוסיש־אידישע סאָציאַליסטישע פאַראיינען.

די „ניו יארקער אידישע פאָלקסצייטונג" איז ערשינען אין זומער פון 1886־טען יאהר.

די אידישע סאָציאַליסטען האָט עס זעהר פאַרדראָסען, און נאָך מעהר האָט זיי דיזע פּריוואַטע צייטונג ניט צופרידענגעשטעלט. דאָך האָבען זיי געמוזט אויפגעבען דעם פּלאַן גלייך אַרויסצוגעבען אַ קהל'שע אידישע סאָציאַליסטישע צייטונג.

אין יאהר 1886 האָט אויך אין דער שטאָדט באַלטימאָר אָנגעפאַנגען צו ערשיינען אַ פּריוואַטע אידישע צייטונג וועלכע האָט געדרוקט סאָציא־ליסטישע, אַנאַרכיסטישע און טרייד־יוניאָן אַרטיקלען. דער רעדאַקטאָר פון יענער צייטונג איז געווען אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, איי־נער פון די יונגע ראַדיקאַלען פון די אידישע אימיגראַנטען פון די 80־ער יאהרען, וועלכער האָט זיך שפּעטער באַריהמט געמאַכט אַלס פּראָפעסאָר פון אַ רייהע ווערטער־ביכער.

די גרעסטע צאָהל מיטגלידער פון „אידישען ארבייטער פאַראיין" פון ניו יארק האָבען זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט דער „אידישער פאָלקסצייטונג", ווייל אַלס אַ פּריוואַטע צייטונג האָט זי ניט געקענט ריכ־טיג דינען די אינטערעסען פון די יוניאָנס און פון דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע.

אין דער זעלבער צייט, ווען די „אידישע פאָלקסצייטונג" איז ערשי־נען האָבען אב. קאַהאַן און טש. שאַמראַיעווסקי (דר. טש. ראַיעווסקי) אָנ־געפאַנגען אַרויסגעבען אַ וועכענטליכע ארבייטער־בלאַט אונטער'ן נאָמען „די נייע צייט", פון וועלכער עס זיינען ערשינען בלויז עטליכע נומערען.

אין ענדע פון יאהר 1886 האָט דער „אידישער ארבייטער פאַראיין" אָנגעפאַנגען ווערען שוואַכער, צוליב די מיינונגס־פאַרשידענהייטען, וואָס זיינען ענטשטאַנען צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און אַנאַרכיסטען־מיטגלידער פון פאַראיין.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין יולי, 1887, האָט זיך דער „אידי־שער ארבייטער פאַראיין" אָפיציעל אויפגעלייזט.

מיט אַ פּאָר מאָנאַטען שפּעטער, אין מאָנאַט סעפּטעמבער, 1887, האָבען די סאָציאַליסטיש־געזאָנענע מיטגלידער פון דעם אויפגעלייזטען „אי־

דישען ארבייטער פאראיין" זיך אנגעשלאסען אן דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי (ס. ל. פ.) און האבען געגרינדעט אויף דער איסט סאיד פון ניו יארק דעם ברענטש 8, ס. ל. פ.

די אנארכיסטישע מיטגלידער פון דעם אויפגעלייזטען „אידישען ארבייטער פאראיין" האבען געגרינדעט א גרופע מיט'ן נאמען „פיאנירע דער פרייהייט". דיזע גרופע האט געהאט מעהר מיטגלידער און איז געווען טעטיגער, ווי דער ברענטש 8, ס. ל. פ. דאס איז גראד געווען אין דער צייט, ווען עס איז פארגעקומען דער פראצעס פון די 7 שיקאגא'ער אנארכיסטען, וועלכע זיינען באשולדיגט געווארען אין ווארפען א באמבע אויף דעם היימארקעט פון שיקאגא, צוליב דעם האבען זיך אין אידישען קווארטאל אין ניו יארק געפונען א גרויסע צאהל סימפאטייזערס פון די אנארכיסטען. די אגיטאציאנס־פארזאמלונגען פון די „פיאנירע דער פרייהייט", וועלכע פלעגען פארקומען אין א זאל אין 56 ארטשארד סטריט יעדען פרייטאג־צו־נאכטס, פלעגען באזוכט ווערען פון א צוויי־דריי הונדערט פערזאן, מענער און פרויען. צו יענער צייט האט עס געהייסען א גרויסער עולם.

דער ברענטש 8 פון דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי פלעגט אויך יעדען פרייטאג־צו־נאכט האלטען אגיטאציאנס־מיטינגען אין 101 העסטער סטריט, וועלכע פלעגען זיין שוואכער באזוכט. אידישע רעדנער האבען די סאציאל־דעמאקראטען געהאט ווייניג. אב. קאהאן, ל. מילער, דר. ברעסלאווסקי פלעגען דארט ריידען אין אידיש; אבער דאס רוב פלעגען דארט ריידען דייטשע גענאסען. שפעטער איז געקומען מ י כ א א י ל ז א מ ע ט ק י ן. ער האט גענומען טיכטיג אגיטירען — זיינען די מיטינגען פון דעם ברענטש געווארען זעהר לעבעדיג און מען האט זיי איבערגעפיהרט אין א גרויסען האל, 165 איסט בראדוויי, וועלכער פלעגט ארייננעמען ביז 500 מענשען.

מיכאאיל זאמעטקין איז געבוירען געווארען אין דער שטאדט אדעס. זיין טאטע האט געהאט אין אדעס א קלייטעל פון היטלען, וועלכע ער פלעגט אליין אויפנייהען און אליין פארקויפען. ער האט זיין זוהן מיכאאיל געשיקט שטודירען אין דער ארטיגער קאמערץ־שול. נאך אלס שילער פון דער קאמערץ־שול איז דער יונגער מיכאאיל זאמעטקין געווארען א סאציאליסט. ער האט נאך אין יאהר 1880 באלאנגט צו א רעוואלוציאנערען קרוזשאק אין אדעס.

איך האב גענאסע זאמעטקין'ען געקענט פערזענליך נאך אין דער היים, אין אדעס. איך געדענק, — דאס איז געווען ווען איך בין נאך

געווען א אינגעל פון א יאהר 14, — האָט מיינער א שול־חבר מיר אָנ־געצייגט אויף זאמעטקינ'ען, וועלכער פלעגט יעדען צווייטען טאָג פאַרביי־לויפען די פּרעאָבראזשענסקאיא גאס, וואו איך האָב דעמאָלט געוואוינט. זאמעטקין פלעגט עס אזוי אָפט געהן דעמאָלט אין 1טען פּאָליציי־אוטשאַס־טאָק זיך מעלדען, ווייל אלס רעוואלוציאנער איז ער געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי און ער פלעגט מוזען קומען מעלדען זיך אהין 3-4 מאָל א וואָך. אין דער היים האָב איך זיך מיט זאמעטקינ'ען ניט געקענט.

אין ניו יארק האָב איך זיך געטראָפען מיט זאמעטקינ'ען און האָב איהם גלייך דערקענט, אין דעם יאָהר 1882, — אין דעם יאָהר, ווען מיר זיינען געקומען אין אמעריקא. ער איז אָבער באלד אוועקגעפאָהרען קיין באָסטאָן, וואו ער האָט געוואוינט ביז דעם יאהר 1887, ווען ער איז ווידער צוריקגעקומען קיין ניו יארק.

דער יונגער זאמעטקין איז אין ניו יאָרק געווארען גלייך א העמ־דעל־נייהער, — דאכט זיך, א „סליוו ואָרפּער" ביי העמדלאָך. ווען די ערשטע אידישע אימיגראַנטען האָבען אָנגעפאַנגען אָרגאַניזירען פאַראיי־נען צו דיסקוטירען סאָציאַליזם, איז זאמעטקין געווען איינער פון די בעס־טע רעדנער און דעבאַטאַנטען, אָבער נאָר אין דער רוסישער שפּראַך. אידיש האָט ער ווייניג געקענט ריידען. מיט א פּאָר יאָהר שפּעטער אָבער האָט ער זיך אויסגעלערענט צו האַלטען רעדעס אין אידיש. מיט זאמעטקין'ס רעדעס אין די ערשטע אידישע יוניאָנס האָט, קען מען זא־גען, געקלונגען ניו יארק. ער פלעגט ריידען מיט פייער און פלעגט אַרויס־רופען א גרויסען ענטוזיאַזם און באגייסטערונג ביי די דערשלאָגענע אידישע אַרבייטער פון די שוויץ־שעפּער.

עס איז ניט געווען קיין איין אידישע יוניאָן, וואס זאמעטקין זאָל ניט האָבען גערעדט ביי איהרע מאַססענפאַרזאַמלונגען. אויך פלעגען זיינע לעקציעס האָבען א גרויסען ערפאָלג. ער האָט גערעדט אזוי לאַנג, ביז זיינע כוחות האָבען איהם אויפגעהערט צו דינען. ער איז געוואָרען שוואַ־כער. די לעצטע יאָהרען רעדט ער זעהר זעלטען. ער איז שוין יעצט אַן אַלטער שוואַכער מענש.

אויך די אידישע אַנאַרכיסטען האָבען דאַן געהאַט א היבשע צאָהל אידישע רעדנער, ווי ר אָ מ אָ ן ל ו א י ס, וועלכער איז א געוויסע צייט געווען דער הויפּטפיהרער פון דער גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט". לואיס איז פון דער היים געווען א גימנאַזיסט, און ווי פילע פון זיין גלייכען, איז ער דאָ אין ניו יארק געוואָרען אַ העמדעל־נייהער. זיין גאַנצע פרייע

צייט פלעגט ער אוועקגעבען פאר דער אנארכיסטישער באוועגונג. ער האט אויך גערעדט אפט ביי מאס־מיטינגען פון אידישע יוניאנס, כאטש אין יענער צייט האבען די אנארכיסטען געקוקט אויף יוניאנס ווי אויף „פאליאטיוועז", ווי אויף דערווייליגע הילף פאר ארבייטער. די אנאר־כיסטען האבען דעמאלט געהאלטען, אז מען דארף גלייך גרייטען זיך צו דער סאציאלער רעוואלוציע. דאס איז געווען אין דער טעאריע. אין דער פראקטיק אבער האבען די אידישע אנארכיסטען פיל מאל געהאלפען צו ארגאניזירען אידישע יוניאנס, אין יענע פעלע, וואו צווישען ארבייטער פון א געוויסען פאך פלעגען זיך געפינען אנארכיסטען און זייערע סימפא־טייזערס.

ר. לואיס האט מיט יאהרען שפעטער זיך ערקלעהרט פאר א סא־ציאל־דעמאקראט. מיט א יאהר 25 צוריק איז ער אוועק נאך שיקאגא, וואו ער האט אויסשטודירט אלס אדוואקאט. ער איז שוין זייט איניגע יאהר טויט.

א צווייטער פיהרער פון די אידישע אנארכיסטען איז געווען דר. ה. זאלאטאראוו. ער איז געקומען אין אמעריקא אין יאהר 1882, צוזאמען מיט זיינע עלטערען, פון דער שטאדט יעליסאוועטגראד. ער איז דאן געווען זעהר א יונגער בחור, און ער האט די גאנצע צייט זיך צוגע־גרייט אנצוקומען אין מעדיצינישען קאלעדזש. אלס סטודענט האט ער זיך אנגעשלאסען אין דער גרופע „פיאנירע דער פרייהייט", וואו ער איז געווען זעהר טעטיג. ער איז געווען א גוטער רעדנער און לעקטאר. ער פלעגט אויך שרייבען ארטיקלען אין די אנארכיסטישע צייטונגען און איז געווען זעהר באליבט ביי דער מאסע.

אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען איז ער געווארען נאציא־נאליסטיש געזאנען. ער האט סימפאטיזירט מיט די ציוניסטישע סאציא־ליסטען.

איינער פון די בעסטע אידישע רעדנער און לעקטארס, וואס די גרופע „פיאנירע דער פרייהייט" האבען דעמאלט פארמאגט, איז געווען דר. מאקס גירזשדאנסקי. ער איז געקומען אין אמעריקא אין די 80־ער יאהרען, ווען ער איז נאך געווען זעהר יונג. די ערשטע יאהרען האט ער געארבייט אין פאבריקען אלס פראסטער ארבייטער און איז גע־ווען א טעטיגער מעמבער פון דער אנארכיסטישער גרופע. ער פלעגט פארשפרייטען אין אמעריקא דעם לאנדאנער „ארבייטער פריינד". אין

דער זעלבער צייט האָט ער די גאַנצע צייט געלערנט און שטודירט, ביז ער האָט געענדיגט דאָקטאָר מעדיצין. שפּעטער איז דר. גירזשדאַנסקי אריבער צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וואו ער איז געווען טעטיג אלס רעדנער און שרייבער אין דער סאָציאַליסטישער פּארטיי. מיט אַ יאָהר פערצען צוריק האָט ער פארלאָזען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון דער גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט" איז געווען ש. י א נ א ו ו ס ק י. ער פלעגט אָפט באטייליגען זיך אין די דעבאטען, וועלכע פלעגען פארקומען צום שלוס פון די אנאַרכיסטישע לעקציעס.

ש. יאַנאָווסקי איז אַ געבוירענער פון פינסק. ביז 16 יאָהר האָט ער געלערנט אין דער היים. דערנאָך איז ער אוועק נאָך ביאַליסטאָק, וואו ער איז געווען אַ לעהרער.

אין אַמעריקא איז ער געקומען אין יאָהר 1885. דאָ איז ער געוואָרען אַ קאַפּען־מאַכער (קירזשנער). אַן אנאַרכיסט איז ש. יאנאַווסקי געוואָרען צוליב דער טראַגעדיע פון די 7 שיקאַגאָ'ר אנאַרכיסטען, וועלכע איך האָב באַשריבען אין אַ פּאָריגען קאַפּיטעל. יאַנאָווסקי איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט".

אין יאָהר 1889, ווען דיזע אנאַרכיסטישע גרופּע האָט ארויסגעגעבען די אידישע וועכענטליכע צייטונג „די װאָרהייט", איז ש. יאַנאָווסקי געווען איינער פון איהרע רעדאַקטאָרען. ער איז דאַן באַקאַנט געוואָרען אלס אַ גוטער רעדנער. ער פלעגט אָפט ריידען ביי אַנאַרכיסטישע פאַרזאַמלונגען און אויף מאַססענפאַרזאַמלונגען פון אידישע יוניאַנס.

אין יאָהר 1890 איז יאַנאָווסקי אַוועק נאָך ענגלאַנד, וואו ער איז געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד". מיט עטליכע יאָהר שפּעטער אָבער איז ער צוריקגעקומען אין ניו יאָרק און אין יאָהר 1899 ווען די „פרייע אַרבייטער שטימע" האָט נאָך אַמאָל אָנגעפאַנגען צו ערשיינען, איז ער געוואָרען איהר רעדאַקטאָר. ער האָט אויך רעדאַקטירט די טעגליכע אַנאַרכיסטישע „אַבענד־צייטונג", וועלכע האָט עקזיסטירט אַ 3—4 מאָנאַטען.

אין יאָהר 1919, איז יאַנאָווסקי געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון דער „גערעכטיגקייט", דער וועכענטליכער אידישער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גארמענט וואָירקערס און אמעריקא. די שטעלע האָט ער אָנגעהאַלטען ביז'ן יאָהר 1925.

יאַנאָווסקי פלעגט זעלטען זיין איינשטימיג מיט די אויספיהרונגען

פון זייַנע אַנאַרכיסטישע גענאָסען. דאָס פלעגט אָפט פיהרען צו פער־זענליכע רייַסעריייען צווישען איהם און די אַנדערע אַנאַרכיסטען.

מ. קאַטץ, וועלכער איז יעצט דער רעדאַקטאָר פון דער פילאַ־דעלפיער „אידישער וועלט", איז אויך געווען איינער פון די ערשטע מיט־גלידער פון דער גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט". אַ גוטער רעדנער איז ער געווען און אויך אַ שרייבער. זייַנע לעקציעס האָבען געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג.

א. פרענער, וועלכער איז אויך געווען אַ מעמבער פון דער „פּיאָנירע דער פרייהייט", איז געווען אַ יונגערמאַן פון קאָוונע, אַ שאַפּ־אַרבייטער און אַ זעלטענער אַגיטאַטאָר. ווען ער פלעגט האַלטען אַן אַנאַר־כיסטישע אַגיטאַציאָנס רעדע, פלעגט ער מיט זייַן פייער שטאַרק באַגייס־טערען דעם עולם.

אויך ה. ווייַנבערג איז געווען אין יענער צייַט איינער פון די אַנאַרכיסטישע רעדנער פון די „פּיאָנירע דער פרייהייט". ער פלעגט זיך אָבער אויפהאַלטען אין די ערשטע יאהרען אין פילאַדעלפיא.

די אידישע אַנאַרכיסטען האָבען געהאַט אַ גאַנצע רייהע גוטע אידישע רעדנער אויך אין פילאַדעלפיא און אין באַלטימאָר.

די אידישע אַנאַרכיסטען איז דעמאָלט געלונגען די ערשטע ארויס־צוגעבען אַן אייגענע וועכענטליכע צייַטונג, וועלכע האָט זיך גערופען די „וואַרהייט". צו רעדאַקטירען דיזע צייַטונג האָבען זיי אַראָפּגעבראַכט אַ מיטאַרבייטער פון דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", אַ געוויסען י. יאַפּאַ. צווישען די מיטאַרבייטער וועלכע פלעגען שרייבען אַר־טיקלען אין דיזער צייַטונג, זייַנען געווען דר. אַ. מעריסאָן (אונ־טער דעם נאָמען פּ. אַ. פראַנק), ר. לואיס, דר. זאַלאַטאַראָף, דר. גירזש־דאַנסקי, מ. קאַטץ און אַנדערע. דיזע צייַטונג האָט עקזיסטירט אַ זעקס־זיבען מאָנאַטען און איז אונטערגעגאַנגען.

צווישען די סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען פלעגען אָנגעפיהרט ווע־רען דעבאַטען ביי די מיטינגען פון ביידע פּאַרטייען, און שפּעטער אויך אויף די מיטינגען פון דער שוירט מייקערס יוניאָן, וואו אַלע אינטעלי־גענטען און פאַרשיידענע „איסטען" זייַנען געווען די מיטגלידער.

דער הויפּט־דעבאַטאַנט מיט די אידישע אַנאַרכיסטען איז צו יענער צייַט געווען מ. זאַמעטקין. ער פלעגט אָפט באַזוכען די אַנאַרכיסטישע פאַרזאַמלונגען אין 56 אָרטשאַרד סטריט, וואו ער פלעגט פאַרפיהרען אַ דיסקוסיע מיט די אַנאַרכיסטישע רעדנער. דיזע דעבאַטען פלעגען יענע פאַרזאַמלונגען מאַכען זעהר אינטערעסאַנט. זאַמעטקין פלעגט האָבען

א גרויסען ערפאָלג אויף יענע פארזאמלונגען, און ווען אין א וואָך שפּע־טער פלעגט ער לעקטשורען ביים מיטינג פון ברענטש 8 פון זיין פּאַר־טיי, פלעגען קומען גרויסע מאסען ארבייטער צו זיינע לעקטשורס.

אין יאָהר 1888 האָבען די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען צוגעקראָ־גען א גרויסע קראַפט אַלס רעדנער און טעטיגען מיטגליד. דאָס איז געווען געגאָסע מ אָ ר י ס ה י ל ק ו ו י ט.

מאָריס הילקוויט איז געקומען אין אמעריקא אין אָנפאנג פון יאהר 1888, פון ריגע, וואו ער האָט געענדיגט די דאָרטיגע גימנאזיע. ער איז געווען זעהר יונג, א קינד פון אמאָליגע פּארמעגליכע עלטערען, און דאָ אין אמעריקא פּאַראָרימטע אימיגראנטען. דער יונגער מאָרים היל־קוויט (הילקאָוויטש) איז אין ניו יארק גלייך געוואָרען אַן אָפּערייטאָר ביי העמדלאָך. ער האָט געארבייט אין איין שאָפּ מיט לואי מילער׳ן.

איך געדענק ווי מילער האָט אין יענער צייט ביי אַ מיטגלידער מיטינג פון דער אידישער סעקציע סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.) דערצעהלט, אז אין דעם שוירט־שאָפּ, וואו ער ארבייט, איז אָנגעקומען ארבייטען אַ גרינער יונגערמאַן, מיט׳ן נאָמען הילקאָוויטש, וועלכען ער, מילער, באוואונדערט איינפאַך פאַר זיין אינטעליגענץ און קלוגשאַפט.

הילקוויט איז באַלד, ווי ער איז אָנגעקומען אין אמעריקא, געוואָרען א מיטגליד פון דער שוירטמאַכער יוניאָן און פון רוסישען ברענטש (ס. ל. פּ.) עס האָט ניט גענומען לאַנג און ער איז געוואָרען איינער פון אונזערע הויפּט־רעדנער און לעקטאָרס אין רוסיש, דייטש און אידיש. ער האָט אויך געשריבען ארטיקלען און זאָגאַר געדיכטען אין אונזער „אר־בייטער צייטונג“. ער איז געווען דער ערשטער געשעפטס־פאַרוואַלטער פון דער צייטונג. ער האָט געארבייט פאַר א געהאַלט פון 7 דאָלאַר א וואָך. דאָס איז געווען מיט צוויי יאהר שפּעטער, ווי ער איז געקומען אין אמע־ריקא. ער איז אָבער לאַנג ניט פארבליבען מענעדזשער פון דער „אר־בייטער צייטונג“. ער האָט שטודירט אין קאָלעדזש און אַ לעבען פלעגט ער מאכען פון דעם, וואס ער פלעגט געבען לעסאָנס אין ענגליש צו פּרי־וואַטע פּערזאָנען.

מאָרים הילקוויט איז געווען איינער פון די הויפּט־גרינדער פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. ביים ערשטען מיטינג פון די געווערקשאַפטען איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס דער קאָרעספּאָנדינג־סעקרעטער. און שפּעטער, ווען ער איז שוין געוואָרען אַן אדוואָקאַט, איז ער נאָך מעהר טעטיג געוואָרען אין דער אַלגעמיינער ארבייטער און

סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער איז געוואָרען דער ראַטגעבער פון דער טרייד־יוניאַן און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַלע צייטען, און הויפּטזעכליך אין אַלע קריטישע מאָמענטען.

מאָריס הילקוויט איז היינט צו טאָג דער אנערקענטער פּיה־רעדער פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און דער ראַט־געבער פון כמעט אַלע גרויסע אידישע און פון אַ סך קריסטליכע יוניאָנס. ער איז אויך איינער פון די אָנגעזעהענסטע פיגורען אויף אַלע אינטער־נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסען.

י ו ס ף  ב אַ ר אַ נ ד ע ס איז געקומען אין אַמעריקאַ אויף דער זעלבער שיף מיט גענאָסע מאָרים הילקוויט, און נאָך מיט אַ דריטען גע־נאָסע, י. ק ר י ס ט אַ ל, וועלכער איז ניט געווען קיין רעדנער, אָבער זעהר אַ טעטיגער מעמבער אין דער ס. ל. פּ.

יוסף באַראָנדעס, אַ יונגער מאַן פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר, געבוירען אין דער שטעדטעל מעזשביש, פּאָדאָליער גובערניע, איז פון דער היים געווען אַ משכיל. באַלד ווי ער איז געקומען אין ניו יארק איז ער געווארען אַ מיטגליד אין דעם ברענטש 8, ס. ל. פּ. ער האָט דעמאָלט געארבייט ביי ני־פּענטס, איז ער נאַטירליך גלייך געווארען אַ יוניאָן־מאַן.

יוסף באַראָנדעס איז, אריינקומענדיג אין דער ארבייטער באַוועגונג, כמעט גלייך געווארען אַ רעדנער. ער פלעגט ריידען מיט תורה. זיין שעהנע און יונגע פיגור, און זיין אנגענעמע שטימע פלעגען אימער צוציהען פילע צוהערער. נאָר וועגען באַראָנדעס'ען וועל איך דערצעהלען אויספיהרליך אין דעם קאַפּיטעל וועגען די קלאוקמאַכער.

אין יענע ערשטע יאהרען פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג פלעגען די טעטיגע מענשען פון די סאציאליסטען און אנארכיסטען זיין זעהר באַפריינדעט צווישען זיך, איבערהויפּט די גענאָסען פון דערזעל־בער פּארטיי. מען פלעגט אָפט געהן מיט וויזיטען איינער צום צוויי־טען אום אויסצואַרבייטען פּלענער פאר וויטערע טעטיגקייט.

אין יענע יאהרען, געדענק איך, פלעגען מיר, אידישע סאָציאַליס־טען זיך אָפט צוזאַמענקומען ביי דעם גענאָסע י. נ ע ט ע ר אין הויז. ער האָט געוואוינט אין 16 סאָפאָלק סטריט, אין אַ קעלער, וואו ער האָט געהאַלטען אַ שפּייז־קלייטעל. ער איז שוין געווען אַן עלטערער מענש, מיט אַ לאַנגער באָרד, און ער פלעגט טראָגען אַ יארמולקע. די אידישע ווייבער, וועלכע פלעגען ביי איהם קומען קויפען, האָבען וואַר־שיינליך גערעכענט אַז ער איז אַ רב. ער איז אָבער געווען אַ משכיל,

א פריידענקער. מיט יאהרען שפּעטער איז ער געווען דער מענעדזשער פון דעם סאָציאַליסטישען זשורנאַל „צוקונפט". זיין איידעם איז געווען א פּראָמינענטער אנארכיסט, דר. מ י כ א ל ק אָ ה ע ן, א באַקאַנטער רעד־נער און לעקטאָר, וועלכער האָט פריהער געוואוינט אין באַלטימאָר און האָט זיך נאָכהער אריבערגעקליבען קיין ניו יארק.

ביי דעם אַלטען גענאָסע נעטער פלעגען זיך צוזאַמענקומען מעהר־סטענס יונגע גענאָסען. דער איינציגער עלטערער מענש, אויסער נעטער'ן, וואָס פלעגט דאָן זיין דאָרט, איז געווען גענאָסע מ א י ר ל אָ נ ד אָ ן ' ס פאָטער, אפרים לאָנדאָן, וועלכער איז אויך געווען א סאָציאַליסט. מיר פלע־גען דאָרטען , ביי גענאָסע נעטער'ן דיסקוטירען און די אַלטיטשקע פלעגט אונז אַלעמען טראַקטירען מיט טיי. יעדע וואך פלעגען מיר זיך צוזאמענ־קומען אין אָווענט און פיהרען דיסקוסיעס.

צו יענער צייט האָב איך זיך אויך באקאנט מיט א מאָדנעם פּאַר־שוין, וועלכער האָט זיך גערופען צווישען די אנאַרכיסטען.

אזוי ווי איך בין געווען זעהר טעטיג אין דער אַרבייטער באַוועגונג, פלעגט מיר אויסקומען צו טרעפען זיך מיט פאַרשידענע מענשען ביי פארזאמלונגען פון יוניאנס, פון סאָציאַליסטען און אנאַרכיסטען.

אין 1887־טען יאהר האָב איך זיך בעקאַנט ביי די פארזאמלונגען פון די „פּיאָנירע דער פרייהייט", אין 56 אָרטשארד סטריט, מיט א געהיימניספולען „גענאָסע", וועלכער האָט זיך גערופען ו ו א ו ל ף.

דערצעהלט האָט יענער „גענאָסע" וואולף, אז ער איז פון די ערשטע משכילים, וועלכע האָבען פּראָפּאַגאַנדירט סאָציאַליזם אין לשון־־קודש, און אַז ער האָט מיטגעארבייט אין לאָנדאָן מיט אהרן ליבערמאַן, ביים גרינדען דעם ערשטען אידישען סאָציאַליסטישען ארבייטער פאראיין, אין 1876־טען יאָהר. ער האָט דערצעהלט, אז ער פלעגט שרייבען העברע־אישע אַרטיקלען אין דער ס אָ צ י א ל י ס ט י ש ע ר צייטונג „האמת", וועלכע אהרן ליבערמאַן האָט ארויסגעגעבען, און אַז אַלע זיינע אַרטיקלען פלעגט ער אונטערשרייבען מיט דעם פּסעוודאָנים „למד־וואָוניק".

די טוער פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין ניו יארק אין די 80־ער יאָהרען האָבען גוט געוואוסט וועגען דער טעטיגקייט פון אהרן ליבערמאַן אין לאָנדאָן. מען האָט אויך געוואוסט די נעמען פון די דאַמאָלסדיגע ערשטע סאָציאַליסטישע שרייבער אין העברעאיש. מען האָט אויך געהערט, אז דער נייער אַנאַרכיסטישער אַגיטאַטאָר, וואולף, קומט פון גאַליציען, וואו ער פלעגט אמאָל האַלטען רבנ'ישע דרשות אונטער דעם נאָמען „ראבי פּאָלאַק".

דאָ אין ניו יאָרק, פלעגט „גענאָסע״ וואָלף דער למד־וואָווניק, קו־מען צו די מיטינגען פון די „פּיאָנירע דער פרייהייט״, וואו ער האָט זיך אַרויסגעגעבען פאַר אַן אַנאַרכיסט. ער פלעגט ריידען ביי יענע מיטינ־גען אין 56 אָרטשאַרד סטריט, וועגען אַנאַרכיזם־קאָמוניזם און געגען רע־ליגיע.

קיין מיטגליד פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע איז ער, דאַכט זיך, ניט געווען, אָבער ער פלעגט שטענדיג פאַרטיידיגען זייער שטאַנדפּונקט.

אויסגעקוקט האָט דיזער וואָלף זעהר געהיימניספול: אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט שוואַרצע בלישטשענדיגע האָר און מיט אַ דין־לענגליכע שוואַרצע בערדעל. געגאַנגען אָנגעטאָן איז ער זומער און ווינטער אין אַ לאַנגען שוואַרצען אויבערמאַנטעל ביז די פּיס די לענג. זיין שפּראַך איז געווען אַן אייגענאַרטיגע. אָפט פלעגט ער ריידען ווי אַ מגיד. ער האָט זיך שטענדיג באַנוצט מיט אַ מאַסע העברעאישע ווערטער און פסוקים. ער פלעגט געבען גוטע אַרגומענטען, און באַגרינדען זיי מיט פאַקטען, גע־נומען פון דער תורה. אַ גרויסע צאָהל מענשען, וועלכע פלעגען זיך צו־הערען צו וואָלף׳ס מאָדנע רעדעס, האָבען געוואָלט וויסען מיט וואָס באַשעפטיגט ער זיך דאָ אין אַמעריקאַ. גראַד אויף דער פראַגע האָט קיי־נער, אפילו פון זיינע נאָהענטסטע גענאָסען, ביי איהם ניט געקענט קרי־גען קיין ענטפער. וואו ער אַליין האָט געוואוינט האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט אויסזאָגען. מעהרסטענס פלעגט מען זיך מיט איהם טרעפען אין דער דאַמאָלסדיגער „קיבעצאַרניע״, ביי אַ געוויסען פיליפּ זאַקס אין קאַפע־סאַלון, אויף עלדרידזש, צווישען גרענד און ברום סטריטס. דאָר־טען פלעגט מען איהם אָפט טרעפען, אַמאָל בייטאָג און שטענדיג ביי־נאַכט, וואו ער פלעגט פאַרבלייבען אימער דער לעצטער. ענדליך אָבער האָ־בען זיך געפונען בעלנים, וואָס האָבען געוואַרט אין קאַפע־סאַלון ביז ער וועט געהן אַהיים. איין מאָל, געדענק איך, זיינען מיר אַ 4-5 גענאָסען, זעהר שפּעט ביינאַכט, צוזאַמען מיט וואָלף׳ן אַרויס פון קאַפע. געגאַנגען זיינען מיר, וואוהין וואָלף איז געגאַנגען. ער האָט אונז אַ צייט אַרומגעפיהרט און דערווייל האָט מען פאַרפיהרט אַ דיסקוסיע. מען האָט געשריען אין גאַס, זיך געקאָכט און געהיצט, און דערווייל האָבען מיר ניט באַמערקט ווי אַזוי „גענאָסע״ וואָלף איז פון אונז אַנטרונען געוואָרען.

ער פלעגט אַזוי אָפט פאַרשווינדען און ניט קומען אַ פּאָר טעג. נאָכהער פלעגט מען איהם ווידער טרעפען אין „קיבעצאַרניע״. קיינער פלעגט ביי איהם ניט פרעגען וועגען דעם, מען האָט ניט געוואָלט איהם באַלעסטיגען. איך פלעג מיט איהם אָפט ליב האָבען צו שמועסען. ער

פלעגט שטענדיג דערצעהלען אינטערעסאַנטע און אויך באַלערענדע זאַכען.

אין דער וועכענטליכער אידישער אַנאַרכיסטישער צייטונג „וואָר־הייט" איז „גענאָסע" וואולף געווען איינער פון די מיטאַרבייטער. ער פלעגט דאָרטען שרייבען פייערדיגע אַרטיקלען וועגען אַנאַרכיזם. זיין שרייבען איז געווען ווי זיינע רעדעס, זעהר אייגענאַרטיג. זיין שפּראַך איז געווען אַ מין נביאים־שפּראַך. ער פלעגט שרייבען פּסוקים־ווייז, און יעדער פּסוק איז געווען שאַרף, קיילעכדיג, ברענענדיג. און אונטערשרייבען פלעגט ער זיך שטענדיג מיט'ן פּסעוודאָנים „למד־וואָווניק".

צום סוף פון די 80־ער יאָהרען זיינען אין לאָנדאָן געווען טעטיג די מי־סיאָנערען. זיי פלעגען אין אידישען קוואַרטאַל, אין וואַייטשעפּעל, אָפּהאַלטען פאַרזאַמלונגען און „תפילות", צו וועלכע זיי פלעגען איינלאַדען אידען, מערסטענס יונגעלייט. אויך האָבען די מיסיאָנערען אַרויסגעגעבען אין לאָנדאָן אַ העברעאישע צייטונג. אַ נומער פון דיזער מיסיאָנערסקער צייטונג איז אַמאָל אַריינגעפאַלען צו גענאָסע נעטער, וועלכער האָט זעהר גוט געדענקט די צייטונג „האמת", וואָס אהרן ליבערמאַן האָט אַרויסגעגעבען אין לאָנדאָן.

לייענענדיג, אַלס אַ קוריאָזיטעט, די מיסיאָנערסקע צייטונג, האָט ער דאָרטען געפונען אַן אַרטיקעל, וועלכער איז געווען אונטערגעשריבען מיט'ן נאָמען „פּאַסטאָר לוקאַס". ווען נעטער האָט איבערגעלעזען דיזען אַרטי־קעל, האָט ער זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס דער אינהאַלט איז איהם געווען שטאַרק באַקאַנט. דער אַרטיקעל האָט שטאַרק קריטיקירט די עק־זיסטירענדע אָרדענונג אין דער געזעלשאַפט, און דער שרייבער האָט זיך געמיהט צו באַווייזען, אַז די איינציגע ערלייזונג פאַר דער מענשהייט איז דאָס קריסטענטום. בלויז דאַן ווען די מענשהייט וועט אָננעמען די לערע פון יעזוס קריסטוס, וועלען פאַרשווינדען אַלע צרות, פון וועלכע די מענשהייט ליידעט אַזוי שטאַרק.

נעטער האָט זיך געגומען דערמאָנען, אַז ער האָט אַמאָל געלעזען אַן עהנליכען אַרטיקעל געדרוקט אין סאָציאַליסטישען „האמת" פון לאָנדאָן אונטער דער אונטערשריפט פון „למד־וואָווניק". דער אונטער־שיד איז געווען נאָר דער, וואָס אין דער סאָציאַליסטישער צייטונג האָט דער שרייבער אויסגעפיהרט, אַז מען מוז אָפּשאַפען דעם קאַפּיטאַליזם, און אין דער מיסיאָנערסקער צייטונג האָט ער געפּרעדיגט, אַז די מענש־הייט מוז אָננעמען די לערע פון יעזוס־קריסטוס.

ווען גענאָסע נעטער האָט עס דערצעהלט די גענאָסען האָט איין גענאָסע, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, אַ זאָג געטאָן: אַ קשיה

אויף א מעשה, אפשר איז גאר „פּאסטאר לוקאס״ ניט קיין אנדערער װי „גענאסע״ װאולף.

דערװײַל האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז אין דעם מיסיאנערסקען הויז אויף סאפאלק סטריט האט מען געזעהן א מיסיאנער, װאס איז עהנ־ליך צו װאולף׳ן.

א פּאר גענאסען זײַנען אװעק אין דיזער מיסיאנערסקער קירכע אויף סאפאלק סטריט, װען עס איז געװען אנאנסירט, אז מען װעט האלטען דארטען א דרשה. און װי איבערראשט זײַנען די גענאסען געװארען, װען זיי האבען אויף דער בימה דערזעהן טאקע װאולף׳ן, דעם „למד־װאװניק״. ער איז דאס געװען „פּאסטאר לוקאס״.

„פּאסטאר לוקאס״ האט דאן גערעדט װעגען קריסטענטום מיט דיזעל־בע התפעלות, װי ער פלעגט ריידען װעגען „אנארכיזם״, ביי די מיטינ־גען פון דער גרופּע „פּיאנירע דער פרייהייט״. דער אינהאלט איז געװען דערזעלבער, אבער דער אידעאל, װאס ער האט געפּרעדיגט ביי די מיסיא־נערען איז געװען קריסטענטום.

די גענאסען האבען אפּגעװארט ביז „פּאסטאר לוקאס״ האט געענ־דיגט זײַן דרשה, דערנאך זײַנען זיי צו איהם צוגעגאנגען און זיך גע־װענדעט צו איהם:

— מיר האבען די עהרע צו באגריסען „פּאסטאר לוקאס״.

װאולף איז געשטאנען א װײַלע א צומישטער. ער איז אבער באלד געקומען צו זיך, און האט אויסגערופען:

— יע, איך בין װאולף, און אויך פּאסטאר לוקאס. אבער, האט זיך דען װאולף צו שעמען מיט פּאסטאר לוקאס׳ן? האט ער זיך דען פּאררעטען? פּרעדיגט דען פּאסטאר לוקאס עטװאס אנדערש? װאס װילט איהר? האב איך אייך דען פארפיהרט? האב איך ביי אייך װען ניט איז גענומען א סענט פאר מײַן מיה, פאר מײַן ארבייט אין אייער באװעגונג? איך האב עס געטאן אוים ליבע צו דער מענשהייט, צו אידעאלען...

און פּאסטאר לוקאס איז אװעק.

מעהר האט מען שוין „גענאסע״ װאולף׳ן ניט געזעהן אין די אנאר־כיסטישע קרייזען.

* * *

אין יאהר 1887, האב איך געארבייט אין א סיגאר פאבריק, װאו כמעט אלע ארבייטער זײַנען דעמאלט געװען „גרינע״ אימיגראנטען. צװײ־

שען יענע „גרינע" איז געווען איין אידישער „יענקי". די גרינע פּלעגען איהם רופען דער „אַמעריקאנעץ". זיין נאָמען איז געווען „היימי".

געזעסען בין איך מיט איהם אַ טיש ביי אַ טיש, אין ראוז סיגאַר פאַבריק, אויף פולטאָן סטריט. מיר ביידע זיינען דאַן געווען נאָך זעהר יונג, אָבער מיר זיינען געווען פון צוויי פאַרשידענע וועלטען. היימי האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ „יענקי". ער איז אפילו געבוירען געוואָרען אין „קאַלוואַריע", פּוילען, נאָר ער איז געקומען אהער מיט זיינע עלטערען אַלס קליינער אינגעל, און דאָ האָט ער געענדיגט די ערשטע קלאַסען פון פּאַבליק סקול.

„היימי דער אַמעריקאַנעץ" האָט ניט ליב געהאַט די גרינהאָרנס, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געאַרבייט. דער „יענקי" פלעגט טענה'ן (נאַטירליך אין ענגליש): „פאַרוואָס עפּעס לערנען זיך די „גרינהאָרנס" ניט אויס ריידען ענגליש און פאַרוואָס האָבען זיי שלעכטע מאַניערען?" דער שרייבער פון דיזע ציילען איז נאָך דאַן אליין געווען אַ האַלב-גרינער און האָט זיך גאַנץ ווייניג אינטערעסירט מיט אַמעריקאַנער ספּאָרטס. איך האָב זיך אינטערעסירט מיט דער ארבייטער באַוועגונג און פלעג לויפען כמעט יעדען אבענד צו פאַרזאַמלונגען פון סאָציאַליסטען, אַנאַרכיסטען און פון יוניאָנס.

אין דעם סיגאַר שאַפּ וואו איך האָב דאַן געאַרבייט צוזאַמען מיט היימי דעם „יענקי", זיינען געווען באשעפטיגט אַ 200 ארבייטער, לויטער ערשט אריבערגעקומענע אימיגראַנטען און כמעט אַלע אידען, מענער און פרויען, יונגע און אַלטע. געאַרבייט האָט מען דאָרטען ביי ביליגע סיגאַרען, שרוטס (סיגאַרען אָהן קעפּ), ביי טאַבאַק און פייפער סיגאַרעטען.

די פאַרדינסטען פון דיזע גרינע ארבייטער זיינען געווען קלאָגעדיגע. זעקס דאָלער אַ וואָך זיינען אין יענעם שאַפּ געווען די גרעסטע שכירות. אַ היבשע צאָהל פון יענע אַרבייטער פלעגען בלויז אויסאַרבייטען דריי דאָלער אַ וואָך. היינט די באַהאַנדלונגען וועלכע די אַרבייטער האָבען געקראַגען פון די פאָרלייט, זיינען געווען אונמענשליכע, שווידערליכע.

אַ פּאָר פון אונז האָבען דאַן שוין גענומען קלערען וועגען רופען אַ סטרייק אין יענעם שאַפּ. האָט אָבער די סיגאַר מאַבער יוניאָן ניט געוואָלט אריינגעמען די ניט-ערפאַהרענע בעל-מלאכות אַלס מיטגלידער. עס איז אפילו געמאַכט געוואָרען אַ פאַרזוך פון די אידישע סאָציאַליסטען צו אָרגאַניזירען אַן „אינדעפּענדענט יוניאָן" פון ראוז „שרוטס" ארבייטער. יענע יוניאָן האָט אָבער בלויז עקזיסטירט אַ קורצע צייט.

ווי שוין געזאָגט פריהער, זיינען כמעט אַלע ארבייטער פון יענעם

שאפ געוועז אידעז, „גרינע“. זיי האָבעז געארבייט אויף דריי גרויסע פלאָרס. אויפ'ן ערשטען פלאָר איז געוועז דער אָפיס, דארטען פלעגט מען אויך איינפּאַקען אין באָקסעס די סיגארען, שרוטס און סיגארעטס. אין דעם פּעקינג רום האָבעז געארבייט אמעריקאַנער מיידלאך און אייניגע יונגע באָיס. דער פאָרמאַן פון די פּעקערס איז געוועז דעם באָס' אַן אָנקעל, אַן אַלטער געזונטער איירישמאַן, מר. פרינגעל האָט מען איהם גע־רופען. ער איז געוועז אַ גרויסער אַנטיסעמיט. די פאבריק איז געוועז אין אַן עלעווייטאַר־בילדינג, אָבער די ארבייטער האָבען ניט געטאָרט פאָהרען מיט'ן עלעווייטאָר. זיי פלעגען דערפאַר אין דער פריה און אין אָוונט פאַרבייגעהן דעם פאָרמאַן מר. פרינגעל. דער אַלטער געזונטער אַנטיסעמיט פלעגט יעדעס מאָל באַליידיגען אַ פּאָר ארבייטער, אָפּטאָן זיי אַ שפּיצעל אָדער געבען זיי אַ פּאָר בוכצעס. ניט נאָר די מענער, נאָר אויך די ארבייטער־מיידלאך פלעגט ער באַליידיגען. די פּאָר אמע־ריקאנער באָיעס, וואס האָבען געארבייט אויף יענעם פלאָר, פלעגען זיך אויך שטענדיג טשעפּען צו די „גרינע“.

די שאַפ ארבייטער זיינען געוועז שרעקליך אויפגערעגט אויף דעם אַנ־טיסעמיטישען איירישמאַן. אפילו „היימי דער אמעריקאנער“ האָט גע־שאָלטען דעם גוי. ער האָט מיט מיר אַ פּאָר מאָל איבערגערעדט וועגען דעם. זיין אויסטייטש איז געוועז, אַז די „גרינע אידליקעס“ מיט זייערע „גרינע“ מאַניערען רופען עס אַרויס ביי דעם איירישמאַן דעם חשק זיי צו באַליידיגען. אַלעמאי זאָגט ער דיר גאָר נישט? — האָט היימי מיר עט־ליכע מאָל געפרעגט. וועגען זיך האָט היימי גאָרניט געקלערט. ער איז געוועז זיכער, אַז איהם, דעם „יענקי“, וועט ער קיינמאָל ניט טשעפּען.

דארף טרעפען אַז היימי איז איין אָוונט אַוועק אהיים אביסעל פריהער; ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם ערשטען פלאָר, האָט דער אַלטער איירישמאַן עפּעס געזאָגט וואס איז היימי'ן ניט געפעלען געווא־רען. האָט איהם „היימי דער יענקי“ געענטפערט. האָט זיך דער אַנטי־סעמיט ניט געפוילט און גענומען היימי'ן געבען קלעפּ און האָט איהם אויך אריינגעשליידערט אין אַ גרויסען קאַסטען, וועלכער איז דאָרטען געשטאַנען. היימי האָט אפשר אויך געוואוסט די „תורה“ פון וויסענ־שאַפטליכע באָקסינג פון די פרייז־פייטערס, אָבער אַליין איז ער געוועז אַ שוואַכער, קרענקליכער יונגערמאַן, און קריגענדיג גוטע קלעפּ, האָט ער גענומען שרייען. עס זיינען אָנגעלאָפען אַ סך ארבייטער פון אַלע פלאָרס און אייניגע ארבייטער זיינען אויך ארויף אויף אונזער פלאָר און האָבען דאָרטען דערצעהלט די פּאַסירונג. מיר האָבען אויף שנעל

געכאַפּט אונזערע רעקלאַך און זיינען אַרונטער אויפ'ן ערשטען פלאָר. דאָר־טען האָבען מיר דערזעהן דעם צושלאָגענעם היימי'ן.

צווישען די „גרינע" זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך אפשר געקענט גוט ספּראַווען מיט'ן אַלטען איירישמאַן, אָבער זיי האָבען קיין מוט ניט געהאַט עפּעס צו טאָן. אַלע אידישע יונגעלייט, באַיעס און מייד־לאַך, אויך עלטערע אידען און אידענעס, האָבען בלויז געשריען, סוף כל סוף זיינען מיר אַלע אַרונטער אין גאַס. אַ פּאָר אַרבייטער האָבען שטילערהייט צווישען זיך געהאַט אַ קאָנפערענץ, און גלייך האָבען מיר גע־געבען אַ קאָמאַנדעווע צום „גרינעם" עולם:

— מיר געהען צו אַ מיטינג אין לודלאָוו סטריט.

אַלע ווי איינער האָבען מיר מאַרשירט פון פולטאָן סטריט פעררי נאָך לודלאָוו סטריט, און היימי'ן האָבען מיר אויך מיטגעפיהרט. קו־מענדיג אין האָל, האָב איך געעפענט דעם מיטינג און עס איז נאָך פילע רעדעס פון די אַרבייטער איינשטימיג באַשלאָסען געוואָרען צו ערקלעה־רען אַ סטרייק דערפאַר וואָס דער פאָרמאַן האָט געשלאָגען ברודער „היימי דעם יענקי".

אונזערע פאָדערונגען זיינען געווען, אַז דער באָס זאָל אָוועקשיקען פון שאָפּ דעם ברוטאַלען פאָרמאַן, זיין אָנקעל.

צו היימי'ן האָבען אייניגע פּריוואַט געזאָגט: „דו ביזט דאָך עפּעס אַ פּאָליטישען פון „טעממעני", זעה וואָס דו קענסט טאָן."

— איך געה גלייך צו מיינע פּאָליטישע פריינד, — האָט אונז היימי געזאָגט, — און איך נעם אַרויס אַ וואָראַנט צו אַרעסטירען דעם שלעגער. איהר וועט שוין זעהן ווי מען דעם אַלטען אַנטיסעמיט אָנלערנען.

אויפ'ן צווייטען טאָג זיינען מיר אַלע אַרבייטער, אָנשטאָט צו געהן אין שאָפּ, געקומען אין 73 לודלאָוו סטריט. עס זיינען אָנגע־קומען סאָציאַליסטישע רעדנער, וועלכע האָבען געהאַלטען באַגייסטערטע רעדעס צו די סטרייקערס.

היימי איז ניט געקומען יענעם טאָג. אויפ'ן דריטען טאָג האָבען מיר געשטעלט פּיקעטס לעבען שאָפּ. קיינע סקעבס זיינען דאָרטען ניט געווען. די ענגלישע צייטונגען האָבען ניט געזאָגט אפילו קיין איין וואָרט וועגען אונזער סטרייק. אָבער אין דער דאַמאַלסדיגער „אידישער פאָלקס־צייטונג" איז די פּאַסירונג געווען אויספיהרליך באַשריבען. אין דער דאַמאַלסדיגער אידישער קאָלאָניע צווישען די אימיגראַנטען, האָט זיך אַ היבש ביסעל גע'רעש'ט מיט יענעם „סימפּאַטי־סטרייק" אין ראָוז'ס שאָפּ, וועלכער איז געווען באַקאַנט צו אַלע „גרינע".

ענדליך איז היימי אויך געקומען אין האָל. ער האָט צוזאַמענגענו־מען עטליכע עדות און מיר זיינען אַלע אַוועק אין עסעקס מאַרקעט פּאָליס קאורט, אויפ'ן קאָרנער עסעקס און גרענד סטריט. איך האָב אַליין גע־זעהן ווי די אַמאָליגע אידישע טעמעני־פּאָליטישענס פון דער איסט סאַיד, ווי טשאַרלי סמיטה, מאַרטין ענגעל און נאָך און נאָך האָבען גערעדט מיט היימי'ן נאָך איידער דער טריעל האָט זיך אָנגעפאַנגען. די סטריי־קערס זיינען, נאַטירליך, געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער קעיס, און וויפיל פּלאַץ עס איז געווען אין קאורט, איז געווען געפּאַקט מיט אונזערע ארבייטער. די איבעריגע זיינען געשטאַנען אויפ'ן גאַס.

אָט זעהען מיר ווי דער שלעגער, דער איירישער פאָרמאַן, קומט אָן מיט זיין פּלימעניק, דעם באָס, מיט נאָך צוויי וואַזשנע אַמעריקאַנער. היימי זאָגט אונז, אַז די צוויי וואַזשנע לייט זיינען גאָר די גרעסטע פון טעמעני האָל. מיר האָבען געוואַרט. אַביסעל שפּעטער האָט מען אויסגערופען אונזער „קעיס". היימי מיט זיין לאָיער מיט די עדות. דער אָנגעקלאָגטער מיט זיין פּלימעניק, דעם באָס, די צוויי פּאָליטישענס. אַלע האָבען זיך אויסגעשטעלט פאַר'ן ריכטער.

דער משפּט פאַנגט זיך אָן. היימי'ס לאָיער לייגט פאָר די קלאַגע. מען רופט די „גרינע" עדות. די צוויי לאָיערס פון דעם אָנגעקלאָגטען נעמען פרעגען פראַגען ביי די גרינע דורך אַן איבערזעצער, און זיי צו־מישען זיי. פּלוצלונג שרייט אויס דער דזשאַדזש: „קעיס דיסמיסד". ער האָט פשוט אַרויסגעוואָרפען די קעיס פון קאורט.

— איך האָב פאַרשפּילט, — זאָגט היימי טרויעריג, אַרויסגעהענדיג פון קאורט. — דעם באָס' פריינד זיינען גרעסערע פּאָליטישענס ווי מיינע...

מיר, די סטרייקערס, האָבען אָבער ניט אויפגעגעבען דעם סטרייק, וועלכער האָט געדויערט אַ דריי וואָכען צייט. די סטרייקערס, אָרימע מענשען, אָהן וועלכע עס איז שטיצע, אָהן אַ יוניאָן, זיינען כמעט אַלע געלאָפען זוכען אַנדערע דזשאָבס. בלויז אַ קליינע צאָהל פון יענע סטריי־קענדע ארבייטער האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין ראָוז'ס שאָפּ. אַזוי ווי יענע יאָהרען פלעגען אָנקומען מאַסען אידישע אימיגראַנטען און אַלע האָבען געוואוסט וועגען ראָוז'ס שאָפּ, וועלכען מען האָט אַ נאָמען געגע־בען „דער האָספּיטאַל", איז ער גאַנץ שנעל ווידער אָנגעפילט געוואָרען מיט נייע „גרינע".

דאָס איז געווען איינער פון די ערשטע סטרייקס אין וועלכע איך האָב זיך באַטייליגט.

# די אידישע טעאַטער־כאָריסטען יוניאַן.

דער אָנפאַנג פון אידישען טעאַטער אין אמעריקא.—דער „טעאַטער“ פון דילעטאַנטען. — דער „אַקטיאר און דראמאטורג“ ישראל בארסקי, וואס איז שפּעטער געווארען אַן אָרגאַניזער פון דער שניידער יוניאַן. — משה זילבערמאַן׳ס טעאַטער־קאָמפּאני. — די אַמאָליגע כאָריסטען, וואָס פלעגען ביי טאָג ארבייטען ביי סיגאַרען און אין אבענד זינגען אין אידישען טעאַטער. — ווי אַזוי עס איז דורך א צופאַל געגרינדעט געווארען די כאָריסטען יוניאַן.

די אידישע כאָריסטען יוניאַן אין ניו יארק איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1886. איהר גרינדער איז געווען מ י ט י אַ ג ר ע ט ש, א טעטיגער אידישער סאציאליסט. די יוניאַן איז דעמאָלט געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דעם „אידישען ארבייטער־פאראיין“

אין יענער צייט איז אין ניו יארק געווען בלויז איין אידישער טעאַטער, דער „אָריענטאַל־טעאַטער“, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דער באוערי, נומער 113½.

אין דעם אָריענטאַל טעאַטער, וועלכער האָט פריהער געטראַגען דעם נאָמען „בויערי־גארדען“, האָבען אין 1882־טען יאָהר געשפּילט יונגע אידישע דילעטאַנטען, פון די נאָר וואס אריבערגעקומענע אידישע אימיגראנטען. צווישען דיזע דילעטאַנטען האָבען זיך געפונען די ברידער גאָלובאָק, באָריס טאָמאשעווסקי, הער און מאדאם ספּעקטאָר און אַנדערע. קיין אידישע פּיעסען האָבען זיי ניט געהאַט. איז אָבער צווישען זיי געווען איין אַקטיאָר מיט׳ן נאָמען י ש ר א ל ב אַ ר ס ק י. דער בארסקי, וועלכער פלעגט זיך אויך רופען „בן־עולם“, איז שפּעטער געווארען אַ שניידער און אַן ארגאַנייזער פון דער שניידער יוניאַן. ער פלעגט פון קאָפּ איבערשרייבען גאָלדפאַדענ׳ס ‟כישוף־מאַכערין“, „שמענדריק“ און אַנדערע פּיעסען און די דילעטאַנטען פלעגען זיי שפּילען.

ווען די ערשטע אמת׳ע אידישע אקטיארען קאָמפּאַניע איז אין יאהר 1883 אנגעקומען אין ניו יארק, איז דאָ געווארען א פרייד ביי אלע אידישע אימיגראַנטען, און הויפּטזעכליך ביי די אידען פון זיד־רוסלאַנד, וועלכע האָבען זעהר געבענקט נאָכ׳ן אידישען טעאַטער. משה זילבער־

מאנ'ען האָבען אַלע אדעסער געקענט אַלס „סטאר". אײניגע האָבען זאָגאר דערצעהלט, אז ער האָט אַמאָל געזונגען אין דער אדעסער גרויסער שוהל בײ דעם באַריהמטען חזן פּיצע. דער אקטיאר קארפּ איז שוין ניט געװען אזוי באקאנט. מר. חײמאָװיץ'ען (מ. הײנע) האָבען פּילע, וואס האָבען איהם געקענט פון דער הײם, געלויבט אלס גרויסען קאָמיקער און װעגען מרס. חײמאָװיץ (סארא אדלער) האָט מען דערצעהלט, אז זי שפּילט גוט און איהר זינגען איז גאָר אן אויסנאַם. מען האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז די טרופּע האָט געקראָגען א טעאַטער צו שפּילען, און דאָס איז דאַן געװען זעהר שװער צו געפינען. א גליק, וואס די טרופּע איז געקומען זומער־צייט, האָבען זײ גענומען דעם „מאַנהעטען לײסעאום" אין דער 4טער סטריט, דאַן האָט עס געהײסען „טוירן האָל", דער גרעסטער און שעהנסטער פּלאַץ פון יענער צײט און נאָך מיט א ביהנע אויך. איז אָבער געווען א צרה, וואס אויף יענער ביהנע האָט מען ניט געקענט אויפפיהרען קײן „אָפּעראס" (װײל זי איז געװען צו קלײן), האָט די קאָמפּאַניע דערפאַר אויפגעפיהרט צום ערשטען מאָל א דראמא פון שמר'ן, די „צװײ יתומים".

דער ניו יארקער אידישער עולם האָט גלײך דעם ערשטען אָװענט אָנגעפּאַקט דעם „טוירן האָל" און די פאָרשטעלונג האָט געמאַכט א „היט". אזוי האָט דיזע נײע אידישע טעאַטער קאָמפּאַניע אָפּגעשפּילט אין זעלבען האָל א צװײ־דרײ װאָכען, בלויז פרײטאָג און שבת צו נאַכט, דערװײל האָט די אידישע טרופּע פון „בויערי־גאַרדען" גענומען מאַכען שלעכטע ביזנעס און איז גאָר אוועק אין אן אנדער שטאָדט.

עס האָבען זיך גלײך געפונען אידען מיט אביסעל געלד, אמת'ע טעאַטער „פּאַטריאָטען", װעלכע האָבען געהאָלפען זילבערמאַנ'ען אָפּצודינגען דעם „בויערי גאַרדען" און מען האָט פון איהם געמאַכט אן אמת'ן גן־עדן. אַלע ביר־טישלאַך האָט מען פון דאָרטען ארויסגעװאָרפען, און ארײנגעשטעלט א רעגעלען סעט שטוהלען (זײ זײנען אָבער ניט געװען קײן װײכע). מען האָט אויסגעפּיקסט די גאַליארקע און מען האָט דעם טעאַטער א נאָמען געגעבען „אָריענטאַל טעאַטער".

די אידישע טעאַטער קאָמפּאַניע האָט געהאַט א גרויסען מאָראַלישען און פינאַנציעלען ערפאָלג. די מענעדזשערס פון דער קאָמפּאַניע, דאָס מײנט, די באַלעבאַטים, זײנען געװען די הערען זילבערמאַן און חײמאָװיץ, די איבעריגע שױשפּילער פון דער קאָמפּאַניע האָבען געאַרבײט אויף „מארקען", דאָס הײסט, אויף געוויסע פּראָצענטען לויט די

פּראָפיטען נאָך. די פאָדערונגען פון דיזע אַקטיאָרען, ניט־באַלעבאַ־טים, זיינען געווען קלאָגעדיגע.

ביי יענע פּיעסען האָט זיך אויך געפאָדערט א כאָר פון מענער און פרויען.

יענע ערשטע כאָריסטען פלעגען ביי טאָג ארבייטען אין א שאָפּ (די מייסטע זיינען געווען סיגאַר מאַכערס) און אין אָווענט פלעגען זיי זינ־גען אין אידישען טעאַטער. זייערע שכירות פלעגען זיין 4-5 דאָלער א וואָך. די מיידלאַך פלעגען זינגען אין כאָר, און זיי פלעגען באַקומען נאָך קלענערע שכירות ווי די מענער־כאָריסטען.

די כאָריסטען יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען דורך א צופאַל. דער טעאַטער מענעדזשער האָט איין מאָל ביי פּראָבע פון א פּיעסע מכבד גע־ווען א כאָריסט מיט א פּאַטש אין באַק. דאָס איז אין יענע צייטען ניט געווען קיין נאָווינע. אָבער דעם פּאַטש האָט גראָד געקראָגען א סיגאַר מאַכער, וואָס איז געווען א יוניאָן מיטגליד. איז ער מיט נאָך א פּאָר כאָריסטען אַוועק צו גרעטש׳ן, א טעטיגען מיטגליד פון אידישער אַר־בייטער פאַראיין, וועלכער האָט צוזאַמען מיט מייקעל מינץ (וועלכער האָט מיט יאָהרען שפּעטער געהייראַט די שוישפּילערין קעני ליפּצין) אָר־גאַניזירט די כאָריסטען פון אידישען טעאַטער אין א יוניאָן. יענע יוניאָן האָט אויף אַזוי פיל פאַרבעסערט די לאַגע פון די כאָריסטען, אַז זיי האָ־בען מיט דער צייט אויפגעגעבען זייערע אַנדערע באַשעפטיגונגען און זיך אָפּגעגעבען נאָר מיט זינגען אין טעאַטער און אין שוהל.

די כאָריסטען יוניאָן איז געווען איינע פון די דריי ערשטע אידישע יוניאָנס, וועלכע האָבען אין יאָהר 1888 געגרינדעט די פאַראייניגטע אידי־שע געווערקשאַפטען אין ניו יאָרק.

די כאָריסטען יוניאָן עקזיסטירט נאָך עד היום און איהרע מיטגלידער זיינען באַשעפטיגט אין אַלע אידישע טעאַטערע און באַקומען גאַנץ פיינע שכירות.

# די אידישע שוישפּילער יוניאָן.

דער אָנקומען אין אמעריקא פון זיגמונד מאָגולעסקא'ן און זיין טעאַטער קאָמפּאַני פון לויטער „שטערען”. — זילבערמאַן'ס „אָריענטאַל טעאַטער” און מאָגולעסקאָ'ס „רומעניען אָפּערא־הויז”. — די סיסטעם פון „מאַרקען”. — דער ערשטער גרויסער סטרייק אין אידישען טעאַטער. — די גרינדונג פון דער אַקטיאָרען־יוניאָן. — היציגע דעבאַטען אין אַלע אידישע יוניאָנס וועגען דעם צי אקטיארען זיינען אר־בייטער אדער ניט. — די גרינדונג פון דעם טעאַטער־קאונסיל. — די מענעדזשערס פון דער אידישער אַקטיארען־יוניאן.

די אידישע אַקטיאַרען־יוניאן האָט זיך אין ניו יארק געגרינדעט ענדע זומער פון יאהר 1888. די שוישפּילער יוניאן איז געווען איינע פון די דריי אידישע יוניאָנס, וועלכע האָבען אין זעלבען יאָהר געגרינ־דעט די געוועקשאַפטען (די צענטראַלע אָרגאַניזאציע פון אַלע אידישע יוניאנס אין ניו יאָרק). איינער פון די גרינדער פון דער אַקטיאָרען יו־ניאָן איז געווען דער שוישפּילער משה סימאָנאָף.

ווען די שוישפּילער יוניאן האָט זיך געגרינדעט, זיינען שוין אין ניו יארק געווען צוויי אידישע טעאַטערס. ווי איך האָב שוין דערצעהלט אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל, איז אין יאהר 1883 אָנגעקומען אין אַמע־ריקע פון יענער זייט ים די ערשטע אידישע אַקטיאָרען־טרופּע. מיט דריי יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1886, איז געקומען א צווייטע טרופּע, אונטער דער דירעקציע פון דעם באַריהמטען אידישען אַקטיאָר זיג־מונד מאָגולעסקאָ.

דאָס אָנקומען פון מאָגולעסקאָ'ס טרופּע האָט דאַן אָנגעמאַכט אַ גרויסען רושם צווישען די אידען פון ניו יאָרק. די נייע קאָמפּאַניע איז באַשטאַנען פון לויטער „שטערען”: הערר און מאַדאַם מאָגולעסקאָ, הערר און פרוי דוד קעסלער, זיגמונד פיינמאַן, מ. פינקעל און די פרוי שוואַרץ־פינקעל (אַ באַ־ריהמטע פּרימאַדאָנאַ), מ. ווײַנבלאַט, פרוי פּאַולינא עדעלשטיין און נאָך שוישפּילער, וועמעס נעמען איך געדענק שוין ניט.

די נייע אַקטיארען־טרופּע האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ מוזיק־דיריגענט, אַ געוויסען מ. פינקעלשטיין, וועמעס זוהן איז מיט יאָהרען שפּעטער געווען דער פּרעזידענט פון דער היגער מוזיקער יוניאָן, לאָקאַל 310. זיי האָבען אויך מיטגעבראַכט אַ כאָר־דיריגענט, ל ע אָ ן ב ל אַ נ ק, וועלכער איז נאָך דאַן ניט געווען קיין שוישפּילער. ער איז נאָך געווען זעהר יונג, אַ גוטער זינגער און לעהרער פאַר'ן טעאַטער־כאָר.

די נייע קאָמפּאַניע האָט ניט געקאָנט קריגען קיין טעאַטער צו שפּילען, האָבען זיי אָפּגעדונגען די „לעקסינגטאָן אָפּערא הויז" (אָדער ווי זי האָט זיך דאַן גערופען, „טעררעס גאַרדען") אויף דער 58טער סטריט. דאָס איז געווען אַ גרויסער האָל מיט אַ קליינער ביהנע. די ערשטע פּיעסען וואָס זיי האָבען אויפגעפיהרט זיינען געווען: די „קאָקעטען־דאַמען" פון שמ"ר, „פּעריקאָלא", אַן איבערזעצטע וועלט־אָפּערעטא, די „צוויי גרענאַדירען", אַן איבערזעצונג פון פראַנצויזיש, אַלץ אַזעלכע פּיעסען, וואָס מען קען שפּילען אויף אַ קליינער ביהנע, אָהן סצענעריס. די ערשטע פאָרשטעלונגען זיינען געווען גוט באַזוכט. און דאָס איז געווען אַ וואונדער, ווייל די אידישע אימיגראַנטען, וועלכע האָבען אַלע געוואוינט דאַון טאַון, פלעגען ניט זיין קיין גרויסע בעלנים אין יענע צייטען צו פאָהרען אָפּ־טאַון אין טעאַטער. עס איז דאָך אָבער געווען מאָגולעסקא, האָט מען אָנגעפילט דעם טעאַטער.

די „קאָקעטען־דאַמען" האָט זעהר אויסגענומען. איבערהויפּט מאָגולעסקאָ מיט זיינע דריי ראָלען וואָס ער האָט געשפּילט אין יענער פּיעסע. אין דער צווייטער פּיעסע, „פּעריקאָלא", האָבען זיך אויסגעצייכענט דוד קעסלער, וועלכער האָט געשפּילט פאַר'ן געליבטען, און די פּרימאַדאָנא מאַדאַם פינקעל. דעם עולם איז זעהר געפעלען געוואָרען זייער זינגען.

די טרופּע האָט אָפּגעשפּילט אייניגע וואָכען און האָט געזוכט אַ טעאַטער און מען האָט ניט געקאָנט קריגען. דיזער האָל איז געווען פאַרנומען פאַר בעלער און קאָנצערטען און דערצו האָט דער גרויסער עולם ניט געוואָלט פאָהרען אַפּ־טאַון. איז מאָגולעסקאָ'ס קאָמפּאַניע ארומגעגאַנגען ליידיג אַ מאָנאַטען זיבען־אַכט. מען האָט געזוכט אַ טעאַטער און ניט געקענט געפינען.

די „אָריענטאַל טעאַטער קאָמפּאַני" האָט דערווייל געמאַכט גוטע געשעפטען, מען האָט דאָרטען אויפגעפיהרט אָפּערעטאָס, פאַרפּאַסט פון לאַטיינער. „יוסף מיט די ברידער" האָט מען געשפּילט מאָנאַטען לאַנג, נאָכהער האָט מען אַ לאַנגע צייט אויפגעפיהרט אַן אָפּערא „דוד בן ישי". דער מענעדזשער פון „אָריענטאַל טעאַטער" האָט אין משך פון דער צייט

אראָפּגעבראַכט נייע סטאַרס: מרס. סאָפיע גאָלדשטיין, דעם אַלטען שעהנגאָלד און נאָך איינינע שוישפּילער.

מאָגולעסקאָ'ס טעאַטער קאָמפּאַניע איז אַלץ ארומגעגאַנגען ליידיג. ארויספּאָהרען שפּילען אויף דער פּראָווינץ איז דאַן געווען אונמעגליך, ווייל עס איז דאָרט פּשוט ניט געווען פאר ועמען צו שפּילען. ענדליך האָבען זיך געפונען פריינד אונטערנעמער, וועלכע האָבען פאר מאָגולעסקאָ'ן אָפּגעדונגען א קליין טעאַטערל אין 110 בויערי, וואו עס פלעגט שפּילען אן ענגלישע „סטאַק קאָמפּאַני". דער טעאַטער האָט זיך גערופען „נעשאָנאַל טעאַטער" און איז געווען גראַד אַנטקעגען זילבערמאַנ'ס „אָריענטאַל טעאַטער", פון 113½ בויערי. ווען מאָגולעסקאָ האָט געעפענט זיין טעאַטער, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ געפעהרליכע קאָנקורענץ צווישען די צוויי אידישע טעאַטערס. איןביידע טעאַטערס האָט מען געשפּילט היסטאָרישע אָפּערעטעס. אין „רומעניען אָפּערא הויז", ווי מאָגולעסקאָ האָט אַ נאָמען געגעבען זיין נייעם טעמפּעל, האָט געקעניגט פּראָפעסאָר הורוויץ מיט זיינע „אָפּעראַס" און אין „אָריענטאַל טעאַטער" — יאָזעף לאַטיינער מיט זיינע „אָפּעראַס". אויסערדעם האָט מען אין ביידע טעאַטערע געשפּילט אַלע פּיעסען פון גאָלדפאַדען. דעם עולם האָט אָבער מעהר געצויגען אין מאָגולעסקאָ'ס טעאַטער, ווייל דאָרטען זיינען געווען בעסערע שוישפּילער. דער „אָריענטאַל טעאַטער" האָט געמאַכט שלעכטע געשעפטען, האָט דער מענעדזשער, מר. זילבערמאַן, גענומען קאָנקורירען דערמיט, וואס ער האָט אָפּגעדונגען א גרויסען טעאַטער אויף דער 8טער סטריט און 4טע עוועניו. אויף יענעם פּלאַץ געפינט זיך איצט וואַנאמייקער'ס סטאָר. גערופען האָט מען יענעם טעמפּעל „פּאָאָל'ס טעטעאַטער".

נאָכדעם ווי אין ניו יארק זיינען שוין געווען צוויי אידישע טעאַטערס האָט זיך צווישען די שוישפּילער אָנגעפאַנגען א באַוועגונג צו גרינדען א יוניאָן. די קלענערע אַקטיארען האָבען דעמאָלט פאַרדינט אזוי וויינינ, אז זיי האָבען איינפאַך ניט געקענט מאכען קיין לעבען.

די אַקטיארען יוניאָן איז די ערשטע צייט געווען שוואך, דערצו איז געקומען דער מענעדזשער פון דעם נייעם פּאָאָל'ס טעאַטער, זילבערמאן, און האָט אין איין שעהנעם פריהמאָרגען אויסגעשלאָסען אַלע יוניאָןאַקטיארען און כאָריסטען און האָט אויף זייערע פּלעצער אָנגעשטעלט ניט קיין יוניאָן לייט. דאָס האָט געפיהרט צו א סטרייק.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען דעמאָלט (דאָס איז שוין געווען אין יאהר 1889) געהאָלפען אָנצופיהרען יענעם סטרייק.

די ביל־פּאָסטערס און אַשערס זיינען מיטגעגאַנגען מיט דער כאָריסטען און אקטיאָרען יוניאַנס אין א סימפּאַטי סטרייק.

די סטרייקענדע כאָריסטען און אַקטיארען און אַלע אַנדערע טעאַטער אָנגעשטעלטע האָבען געדונגען דעם אָריענטאַל טעאַטער, אויף דער בויערי, און האָבען דארטען געעפענט א קאָאָפּעראַטיווען אידישען טעאַטער, וועלכער איז געווען געפיהרט אונטער דער אויפזיכט פון די פאַראייניגטע אידישע און פאראייניגטע דייטשע געווערקשאַפטען פון ניו יאָרק. דער הויפּט־פיהרער פון יענעם קאָאָפּעראַטיווען אידישען טעאַטער איז גע־ווען א דעלעגאַט פון די דייטשע געווערקשאַפטען, מיט נאָמען א. הובער, פון דער בריקלייערס יוניאַן (א דייטש, א קריסט). דער קאָאָפּעראַטיווער טעאַטער האָט עקזיסטירט בלויז א קורצע צייט, ווייל עס זיינען פאָר־געקומען שטרייטיגקייטען צווישען די קאָאָפּערייטאָרס. דער סטרייק אין פּאָאָל'ס טעאַטער איז פארלוירען געגאַנגען, אָבער די אַקטיארען יוניאַן האָט עקזיסטירט א לאַנגע צייט.

ביי די מיטינגען פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען א באַוועגונג אויסצושליסען די אקטיארען יוניאַן. די אורזאַכע פון דעם איז געווען, וואָס פילע פאַרטרעטער פון די אַנדערע אידישע יוניאָנס האָבען זיך געקלאָגט, אז די געווערקשאַפטען פארשווענדט איהר גאַנצע צייט און טעטיגקייט אויף צו שליכטען די שטרייטיגקייטען פון דער אַקטיארען יוניאַן. די געגנער פון דער אידישער אקיטיארען יוניאַן האָבען אויך גע'טענה'ט אז שוישפּילער זיינען איבערהויפּט ניט קיין ארבייטער. די שוישפּילער האָבען אין יענע יאָהרען געארבייט אויף פּראַצענטען, זיי זיינען אַלזאָ געווען שטיקלעך שותפים צו די מענע־דזשערס. די דעבאַטען וועגען דער אַקטיארען יוניאַן אויף די פארזאַמ־לונגען פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען זיך גע־צויגען מאָנאַטען לאַנג און נאָכהער זיינען די דעבאַטען אריבערגעטראַגען געוואָרען אויף די פארזאַמלונגען פון אַלע אידישע יוניאַנס אין ניו יאָרק. די ענדע איז געווען, אז די מערהייט פון אַלע אידישע יונאַנס האָבען באַ־שלאָסען, אז די אַקטיארען יוניאַן זאָל יע בלייבען פארבונדען מיט די גע־ווערקשאַפטען.

אין יאָהר 1900 האָט די אַקטיארען יוניאַן ערקלעהרט א סטרייק אין פּיפּעלס טעאַטער. אויס סימפּאַטיע צו די אקטיארען זיינען ארונ־טער אין סטרייק אויך די איבעריגע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבען באַלאַנגט צו די אַנדערע טעאַטער יוניאַנס. די הויפּט פאָדערונג פון דער שוי־שפּילער יוניאַן איז געווען וועכענטליכע שכירות, אנשטאָט „מאַרקען".

ווײל די באַלעבאַטים פון די אידישע טעאַטערס זײנען געווען אַלײן די הויפּט „סטאַרס” (שטערען) און זײ פלעגען אַזוי אויסרעכענען, אַז די אַי־בעריגע אַקטיאָרען האָבען באַקומען ניט מעהר ווי וואַסער אויף קאַשע.

די שוישפּילער יוניאָן האָט געוואונען יענעם סטרײק און פון דאַן אָן באַקומען די שוישפּילער אין די אידישע טעאַטערס וועכענטליכען גע־האַלט.

אין יאָהר 1902, ווען אין ניו יאָרק האָבען עקזיסטירט בלויז פיר אידישע טעאַטערע — דער טהאַליא, ווינדזאָר, גרענד און פּיפּעלס, — וואו עס פלעגען שפּילען מאַגולעסקאָ, אַדלער, קעסלער, מאַדאַם קאַליש, מאַדאַם ליפּצין, ב. טאָמאַשעווסקי און מ. מאָשקאָוויץ, זײנען אויף דער איסט סײד פּלוצלונג געבוירען געוואָרען א רײהע אידישע מוזיק האָלס, אָדער ווי מען פלעגט זײ דאַן רופען „אידישע ווערײעטיס”.

אין אײן יאָהר צײט זײנען גאַנצע צוועלף גרעסערע און קלענערע מוזיק האָלס געעפענט געוואָרען, וואו מ'האָט די ערשטע צײט פאַר א גלאָז ביר און נאָכהער פאַר 10 אָדער 15 סענט אײנטריט־געלד, געהערט זינגען אידישע לידלאַך און קופּלעטען און געזעהן דראַמאַטישע „אײן־אַקטערס”. געשפּילט האָבען דאָרט אידישע יונגע לײט, באָיעס און מײדלאַך, בײ וועמען עס האָט אין הארצען געברענט א גרויסער חשק צו ווערען א אידישער אַקטיאָר אָדער אַקטריסע. אײניגע פון זײ האָבען טאַקע געקענט שעהן זינגען; אַנדערע האָבען געהאַט טאַלאַנט צו שפּילען דראַמאַטישע סקע־טשעס, אײן־אַקטערס און צוויי־אַקטערס.

דאָס אידישע פּובליקום, מײסטענס די יוגענט פון דער איסט סײד פון ניו יאָרק, פלעגט גערן באַזוכען די דאָזיגע מוזיק־האָלס. די „ווערײ־עטיס” פלעגען יעדען אָווענד, און איבערהויפּט פרײטאָג און שבת, זײן געפּאַקט מיט באַזוכער.

די נײע ביליגע פאַרגעניגען איז פאַר די אַרבײטער, די אָרימע איסט סײדער אײנוואוינער, געווען אַן אמת'ער גליק, ווײל דער ביליגסטער בילעט אין אידישען טעאַטער האָט דעמאָלט געקאָסט 35 סענט, ווען אין דער „ווערײעטי” האָט אַן אָרימער אַרבײטער געקענט זײן גאַנצע פאַ־מיליע, פרוי און קינדער, און פאַר 40 סענט האָבען זײ אַלע געזעהן און געהערט טעאַטער מיט שעהנע לידלאַך און דערבײ נאָך פאַרטרונקען מיט ביר און אַלײן אויך צוגעזונגען.

דעם ערשטען „ווערײעטי” האָט געעפענט א סאַלון־קיפּער אויף על־דרידזש סטריט.

אונגעפעהר אין דער זעלבער צייט האָט אַ געוויסער מר. באַיאַרסקי, אַן אדעסער לאַנדסמאַן, וועמעס טאַטע איז געווען אַ שניידער אין דאָר־טיגען רוסישען טעאַטער — געעפענט אין 245 גרענד סטריט, נעבען קריסטי סטריט, אין אַ ביר־סאַלון, נאָך אַ אידישע „ווערייעטי", וואו מען האָט אויך געזונגען ענגלישע לידער און געשפּילט וואָדעוויל. אין דעם מוזיק האָל האָט אָבער אין אַ קורצע צייט נאָך דער ערעפענונג אויסגע־בראָכען אַ סטרייק פון די דאמאָלסדיגע „ווערייעטי" אַקטיארען.

איך געדענק, ווען איך בין געקומען צום מיטינג פון די פאַראייניגטע אידי־שע געווערקשאַפטען, האָב איך געטראָפען אַ קאָמיטע פון יענע סטריי־קענדע אידישע ווערייעטי אַקטיארען, מיט זייער וואָקינג דעלעגאַט, וועל־כען איך האָב געקענט אַלס העמדער־פּרעסער. די סטרייקער האָבען דערצעהלט די פאַרשטעהער פון די אידישע יוניאַנס, אַז דער „ווערייעטי" איינגענטימער באַהאַנדעלט זיי שלעכט און צאָהלט זיי קלענליכע שכירות.

מיט דער הילף פון די געווערקשאַפטען איז יענער סטרייק געוואונען געוואָרען און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ „ווערייעטי עקטאָרס יוניאָן לאָקאַל 5", וועלכע האָט באַלאַנגט צו די פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען.

צו יענער צייט איז ערעפענט געוואָרען אין 106 באַוערי, וואו פריהער איז געווען אַ אידישער טעאַטער, נאָך אַ „ווערייעטי", אונטער'ן נאָמען „פּיפּעלס מוזיק האָל", מיט אַ גרויסער ביהנע און מיט 800 סיטס פאַר'ן פּובליקום.

די הויפּט „סטאַרס" אין יענער ווערייעטי זיינען געווען: ס ע ם ק ע ס ט י ן, וועמען קיינער האָט דאַן נאָך ניט געקענט, און אַלס דראַ־מאַטישער שוישפּילער פון איין־און צוויי־אַקטערס — דער שוישפּילער מ אַ ק ס ג ע ב י ל. דאָרטען פלעגט קאָסטען פון 15 ביז 35 סענט אַ בילעט. מען האָט סערווירט ביר און אַנדערע געטראַנקען און די מע־נעדזשמענט האָט פאַר פיל יאָהרען געמאַכט גוטע געשעפטען.

אַ חוץ די שוין דערמאָנטע, זיינען דאַן געווען נאָך דריי גרויסע מוזיק האָלס אויף דער איסט סייד.

אין די 12 אידישע ווערייעטיס זיינען דאַן געווען אָנגעשטעלט אי־בער 100 אַקטיארען און אַקטריסעס, צווישען זיי זינגער און דראַמאַטישע שפּילער. עס זיינען אויפגעקומען נייע פּאַרפאַסער פאַר די „איין און צוויי אַקטערס". אייניגע שוישפּילער פלעגען אַליין פאַרפאַסען אייגענע סקעטשעס. עס זיינען דאַן אויפגעקומען פאַרפאַסער פון לידער, באַשאַפער פון די נגונים פאַר די לידלאַך, כאָריסטען און כאָריסטקעס, מייסטענס

אלץ יונגוואַרג, וועלכע זיינען געקומען פון די דאַמאַלסדיגע עקזיסטי־רענדע דראַמאַטישע פאַראיינען. אַ סך יונגע אידישע אַרבייטער און אַר־בייטער־מיידלאַך וואָס האָבען געקענט זינגען לידלאַך זיינען געוואָרען וועַ־רייעטי אַקטיאָרען.

צום לאָקאַל 5 פון די וועַרייעטי אַקטיאָרען האָבען דאַן באַלאַנגט אי־בער 200 מעמבערס, אַנדערע פון זיי פלעגען שפּילען אויף דער פּראָ־ווינץ.

די הויפּט סטאַרס וועלכע פלעגען שפּילען אין די איין, צוויי און דריי־אַקטערס, זיינען געווען: מאַקס געביל, ל. שנייער, מ. וויינטרויב, ל. בירענבוים, איזידאָר ליליען און לואיס קרעמער. פון די קאָמיקער גע־ענק איך סעם קעסטין און טשאַרלי קאָהען.

דזשעני גאָלדשטיין, די סטאַר פון געביל'ס טעאַטער, האָט דאַן געשפּילט אין די „וועַרייעטיס". מעהר ווי אַ העלפט פון די איצ־טיגע מיטגלידער און סטאַרס פון דער אידישער אַקטיאָרען יוניאָן האָבען זייער קאַריערע אָלס שוישפּילער אָנגעפאַנגען אין יענע איסט סיידער אידישע מוזיק האָלס.

דער באַוואוסטער אַקטיאָר מוני וויזענפריינד, האָט זיך אויך אויפגעהאַדעוועט אויף דער ביהנע פון אַ אידישען מוזיק האָל, וואו זיין טאַטע און זיין מאַמע האָבען דעמאָלט געשפּילט וועַרייעטי טעאַטער.

יענע „מוזיק האָלס" האָבען עקזיסטירט אַ יאָהר צעהן, ביז זיי זיי־נען איינציגווייז אונטערגעגאַנגען. אין פאַרלויף פון דער צייט זיינען צווישען די וועַרייעטי אַקטיאָרען אויסגעוואַקסען סטאַרס, וועמען די מע־נעדזשערס פון די לעדזשיטימייט טעאַטערס האָבען ביי זיך אַנגאַזשירט. אויף אַזאַ אַרט זיינען די אידישע וועַרייעטי אַקטיאָרען איינציגווייז אַריבערגעגאַנגען שפּילען אין די לעדזשיטימייט אידישע טעאַטערע פון ניו יאָרק און אויף דער פּראָווינץ. ביי היינטיגען טאָג באַשטעהט די מעמ־בערשיפּ פון דער אידישער אַקטיאָרען יוניאָן פון העכער 50 פּראָצענט פון די אַמאָליגע אידישע וועַרייעטי אַקטיאָרען.

די אַקטיאָרען יוניאָן האָט אין פאַרלויף פון די פילע יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ דורכגעמאַכט פילע סטרייקס און די מעהרסטע פון זיי זיינען געוואונען געוואָרען.

די אידישע שוישפּילער יוניאָן איז יעצט איינע פון די שטאַרקסטע אידישע יוניאָנס איבער'ן לאַנד. זי איז פאַרבונדען מיט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען אַקטיאָרען פאַר־

באַנד די „עקוויטי אינטערנעשאָנעל יוניאָן". אויך באַלאַנגט די יוניאָן צום טעאַטער־קאָנסיל.

די שכירות פון די אידישע שוישפּילער זיינען זעהר גוטע. איין צרה אָבער איז, וואָס עס זיינען אימער געווען מעהר אַקטיארען, ווי פּלע־צער אין די אידישע טעאַטערס.

אַלע סטרייקס און שטרייטיגקייטען, וואָס די אידישע אַקטיארען־יוניאָן האָט געהאַט די ערשטע יאהרען פון איהר עקזיסטענץ מיט די מענעדזשערס פון די אידישע טעאַטערס פּלעגען געוועהנליך געשליכטעט ווערען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

אין יאָהר 1911 האָט די אַקטיארען יוניאָן, צוזאַמען מיט די אַנ־דערע טעאַטער־יוניאָנס, ווי כאָריסטען, מוזיקער, קאָסטיומערס, אַשערס און ביל־פּאָסטערס, געגרינדעט אַ טעאַטער־קאונסיל, וועלכער שליכטעט אַלע סכסוכים, וואָס ענטשטעהען צווישען די טעאַטער־אַנגעשטעלטע און די מע־נעדזשערס. אין זעלבען יאָהר האָט די אידישע אַקטיארען יוניאָן אַנגע־שטעלט אַ ספּעציעלען מענעדזשער, ניט קיין אַקטיאָר, אז ער זאָל פיהרען זייער יוניאָן.

דער ערשטער מענעדזשער פון דער אידישער אַקטיארען יוניאָן איז געווען ה ע ר ש צ ו ק ע ר ב ע ר ג, אַ ני־פּענטס־אָפּערייטאָר, וועל־כער איז פריהער געווען אַ דעלעגאַט פון דער ני־פּענטס מאַכער יוניאָן. ער איז געווען מענעדזשער פון דער אַקטיארען־יוניאָן עטליכע יאהר צייט.

דער צווייטער מענעדזשער פון דער אידישער אַקטיארען יוניאָן איז געווען ס ע ם ל י י ב אָ ו ו י ט ש, וועלכער איז פריהער געווען אַ דעלעגאַט פון דער סעלצער ארבייטער יוניאָן. ער איז געווען דער פאַר־טרעטער פון דער אַקטיארען יוניאָן אַ קורצע צייט. צו יענער צייט זיי־נען געגען לייבאָוויטש'ען געבראַכט געוואָרען קלאַגען אין די געווערק־שאַפטען אין פאַרבינדונג מיט זיין פריהעריגער טעטיגקייט אין דער סעלצער ארבייטער יוניאָן און אין אַנדערע אידישע יוניאָנס. דאָס איז געווען אין יאהר 1918. עס איז דאַן ערוועהלט געוואָרען אַן עהרען־געריכט, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרטרעטער פון אַלע אָפּטיילונגען פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג, צו באַ־טראַכטען די קלאַגען געגען לייבאָוויטש'ן. דער עהרען־געריכט האָט אָפּגע־האַלטען פילע זיצונגען און האָט ארויסגעבראַכט דעם אורטייל, אַז סעם לייבאָוויטש איז ניט פּאַסענד צו פאַרנעמען אירגענד וועלכען באַצאָהלטען אָדער אונבאַצאָהלטען אַמט אין דער ארבייטער באַוועגונג. ער איז

דאַן געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזען זיין שטעלע אַלס מענעדזשער פון דער אידישער אַקטיארען יוניאַן.

אַלס דער דריטער מענעדזשער פון דער אידישער אַקטיארען יוניאַן איז ערוועהלט געוואָרען ר ו ב י ן ג ו ס ק י ן, אַ באַרבער (פאַבריק־מאַכער) ביים טרייד און אַ געוועזענער מענעדזשער פון דער באַרבערס יוניאַן.

פאַר די פילע יאָהרען, וואָס ר. גוסקין איז דער מענעדזשער פון דער אַקטיארען יוניאַן און אויך פון טעאַטער־טרייד קאונסיל, איז די רעפּוּטאַציע פון די אידישע טעאַטער יוניאַנס שטאַרק געשטיגען. דער אַמט פון אַ פאָרשטעהער פון אַקטיארען, ווערט לעצטענס באַטראַכט פאַר אַ דיפּלאָמאַטישע שטעלע. די אויפגאַבע פון דעם מענעדזשער איצט איז צו זעהן אויסמיידען אומנויטיגע סטרייקס און סכסוכים.

ר. גוסקין איז אַ היימישער בונדיסט. ער קומט פון באָברויסק, וואו ער איז אַמאָל געווען טעטיג אין „בונד". אויך אין ניו יאָרק איז גוסקין אַן אָנגעזעהענער טוער אין די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפּ־טען, אין „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאַן, אין אַרבייטער רינג און אין נאָך פילע אַרבייטער און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס.

# די אידישע שריפטזעצער יוניאָן.

ווי אַזוי די אידישע שריפטזעצער האָבען אַמאָל געשקלאַפּט אין אמעריקע. — די ערשטע פאַרזוכען פון אייניגע שריפטזעצער אין אָנפאַנג פון די 80־ער יאָהרען צו אָרגאַניזירען זיך אין א יוניאָן. — די פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד און זייער ווירקונג אויפ׳ן אידישען שריפטזעצער פאַך אין אמעריקע. — די ערשטע גרינדער פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן. — די אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן אין שריפטזעצער פאַך. — די פאַראייניגונג פון ביידע יוניאָנס. — דער באַריהמטער סטרייק פאַר׳ן 8־שטונדיגען ארביטס־טאָג. — וואס די שריפטזעצער יוניאָן האָט אויסגעקעמפּט פאַר איהרע מיטגלידער.

די אידישע שריפטזעצער יוניאָן איז איינע פון די גאָר ערשטע אידי־שע יוניאָנס, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין ניו יאָרק.

די געשיכטע פון דעם אידישען שריפטזעצער פאַך אין אמעריקא איז זעהר אַן אינטערעסאַנטע. זי איז פאַרבונדען מיט דער געשיכטע פון דער גרינדונג פון אידישע צייטונגען אין אמעריקא.

איך געדענק, ווען איך בין נאָך געווען א מיטגליד פון דעם „אידישען ארבייטער פאַראיין" (דאָס איז געווען אין יאָהר 1884), פּלעגט צו די פאַרזאַמלונגען פון יענעם פאַראיין קומען א שריפטזעצער מיט׳ן נאָמען ב אַ ר נ ע ט  ג ר י נ ב ע ר ג, א אידישער אימיגראַנט, וועלכער איז שוין דאַן געווען אין ניו יאָרק נאָך פון די 70־ער יאָהרען, און ער פּלעגט זיך עצה׳ן מיט די טוערס, פון דעם „אידישען ארבייטער פאַר־איין", ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען די אידישע שריפטזעצער. אַליין האָט גרינבערג דעמאָלט געארבייט אין אַן ענגלישער דרוקעריי און האָט באַ־לאַנגט צו דער ענגלישער זעצער יוניאָן. ער האָט אָבער געוואָלט, אַז די אידישע שריפטזעצער זאָלען אויך זיין אָרגאַניזירט, ווייל די פּופצעהן־צוואַנציג אידישע זעצער, וואס האָבען צו יענער צייט געארבייט אין די פּאָר אידישע דרוקערייען פון ניו יאָרק, פּלעגען פאַרדינען ניט מעהר ווי פיר, זעכסטענס פינף דאָלער א וואָך. די ארבייטס־שטונדען פּלעגען זיין 15־16 שעה אַ טאָג. אַלע אידישע דרוקערייען זיינען געווען אין נאַסע קעלערס.

יענער זעצער, בארנעט גרינבערג, האָט אונז, די מיטגלידער פונ'ם פאראיין, דערצעהלט, אז ווען ער איז געקומען אין די 70־ער יאהרען אין ניו יארק, האָבען דעמאָלט שוין פון עטליכע יאהר צייט עקזיסטירט איינינגע אידישע צייטונגען: „די פאָסט", די „פאָלקס־צייטונג", די „אידישע גאַזעטען" און אנדערע, און אז ער, גרינבערג, האָט אָלס „גרי־נער" געארבייט אין איינער פון יענע אידישע צייטונגען. א אידישער שריפטזעצער איז צו יענער צייט געווען אן אבן טוב, ווייל עס זיינען אין ניו יארק ניט געווען קיינע אידישע שריפטזעצער (קיין זעץ־מאַ־שינען זיינען נאָך ניט געווען, און אויסצולערנען זיך ווערען א זעצער האָט געדויערט יאהרען לאנג).

דער ארויסגעבער פון די „אידישע גאַזעטען", מר. שרהזאָן, האָט געהאַט בלויז איין אידישען זעצער, דאָס איז געווען זיינער א שוואָגער, מ. י א ל ו מ ש ט י י ן, און אָהן איהם האָבען די „גאַזעטען" ניט געקענט ארויסגעהן, צוליב דעם מאנגעל אין זעצער. דערפאַר האָט דער ארויסגעבער פון די „גאַזעטען" געמאכט יאלומשטיינ'ען פאר א שותף אין געשעפט.

צו יענער צייט האָבען אידישע צייטונגען געהאַט א צרה'דיגע עק־זיסטענץ, ווייל די דאמאלסדיגע אידען, וואס זיינען געקומען פון דייטש־לאנד און פוילען, האָבען וויינינג געלעזען צייטונגען, דערפאַר פלעגען טאקע די מייסטע אידישע צייטונגען אונטערגעהן.

פּלוצלונג אָבער איז געקומען א ישועה אויף די „אידישע גאַזעטען". דאָס איז געווען אין די 80־ער יאהרען, ווען אין דרום־רוסלאנד האָבען אויסגעבראכען פּאָגראָמען און די דייטשע און פּוילישע אידען האָבען זיך געכאַפּט לעזען די „אידישע גאַזעטען", וועלכע האָבען באשריבען די פּאָגראָמען אויף אידען אין אדעס, באלטע, קיעוו און יעליסוועטגראד.

באלד האָבען אָנגעפאנגען אנקומען פון דרום־רוסלאנד מאסען אידי־שע אימיגראנטען און אויף אזא אופן האָט די צייטונג צוגעקראָגען א סך נייע לעזער.

און דער גרעסטער גליק פאר די אידישע דרוקערייען און צייטונגען אין ניו יאָרק איז געווען, וואס צווישען די אידישע אימיגראַנטען פון דרום־רוסלאנד האָט זיך געפונען א היבשע צאָהל שריפטזעצער.

די פּאָר אידישע דרוקער־באלעבאטים האָבען ארייננענומען צו דער ארבייט די גרינע אידישע שריפטזעצער, און האָבען זיי שרעקליך עקס־פּלואטירט, ווייל אנשטאָט א מאנגעל אין אידישע שריפטזעצער, איז מיט דער צייט געווארען צופיל זעצער.

דער שריפטזעצער באַרנעט גרינבערג*) איז אין יאָהר 1885 נאָך פילע מאָל געקומען צו די פאַרזאַמלונגען פון דעם „אידישען ארבייטער פאַראיין", וועגען גרינדען אַ אידישע שריפטזעצער יוניאָן. אָבער איידער דער פאַראיין האָט באַוויזען צו רופען די שריפטזעצער צו אַ מיטינג, זיינען עטליכע אידישע זעצער אַוועק צו אב. קאַהאַן, דעם יעצ־טיגען רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", און איהם געבעטען ער זאָל פאַר זיי אָרגאַניזירען אַ יוניאָן.

אַ מיטינג איז דאַן גערופען געוואָרען. איך געדענק ניט גענוי ווען, נאָר עס האָט געמוזט זיין אין 1885־טען יאָהר. איך בין געוועזען ביי יענעם מיטינג. גענאָסע קאַהאַן האָט געהאַלטען אַ רעדע פאַר אַ 15 אָדער 20 שריפטזעצער (דאַן איז שוין געוועזען נאָך אַ וועכענטליכע אידישע צייטונג מיט דעם נאָמען „די אידישע צייטונג", וועלכע האָט פאַרטראָ־טען אַלע שול און לאָדזשען פּרעזידענטען און איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון אַ געוויסען מר. וועקסלער).

יענעם אָוונט איז געגרינדעט געוואָרען אַ שטיקעל יוניאָן פון די אידישע שריפטזעצער, און דערפאַר האָט מען דאַן פאַר'מסר'ט גענאָסע קאַהאַנ'ען צו די בעאַמטע פון אַ ישיבה, וואו ער איז געוועזען אַ לעהרער פון ענגליש, אַז ער איז עפּעס אַ יוניאָן־טוער, אַ „ציציליסט".

יענע ערשטע שריפטזעצער יוניאָן האָט לײדער ניט לאַנג עקזיס־טירט און זי האָט ניט באַוויזען צו פאַרבעסערען די שרעקליכע לאַגע פון די אידישע שריפטזעצער.

ערשט אין מערץ, 1888, ווען עס איז שוין ערשינען „די ניו יאָרקער אידישע פאָלקסצייטונג", אַן ארבייטער צייטונג, ארויסגעגעבען פון צוויי פּריוואַטע פּערזאָנען, איז געגרינדעט געוואָרען די שריפטזעצער יוניאָן, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געגעבען „ד י ה י ב ר ו אַ מ ע ר י ק ע ן ט י פּ אָ ג ר אַ פ י ק ע ל י ו נ י אָ ן אָ ו ו נ י ו י אָ ר ק".

אויף ווי וויט איך געדענק, איז דער הויפּט־גרינדער פון דער יוניאָן געוועזען אַ געוויסער זעצער מיט דעם נאָמען י. ו ו ע ר ב ע ר, וועל־כער האָט דאַן געאַרבייט אין דער ניו יאָרקער „אידישער פאָלקסצייטונג". י. ווערבער איז געוועזען אַן אימיגראַנט פון גאַליציע. ער האָט פריהער געאַרבייט אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, אין אַ דרוקעריי, וואו מען האָט גע־

*) באַרנעט גרינבערג, איז יעצט 78 יאָהר אַלט און ער געפינט זיך איצט אין דער „האום" פון דער אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן, אין קאָלאָראַדאָ סטייט.

זעצט „דאָס פּוילישע אידעל”, א אידישע פּריוואַטע אַרבייטער־צייטונג, פון וועלכער מאָריס ווינטשעװסקי, איינער פון די ערשטע אידישע סאָ־ציאַליסטען, איז געווען דער רעדאַקטאָר.

צווישען די ערשטע גרינדער פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאַן אין 1888־טען יאָהר זיינען געווען אויסער ווערבער'ן, מ. ראָזענבלום, מ. דוביצקי, ז. מילכיקער, ה. ראָזענסאָן, און א פּאָר אַנדערע, וועמעס נעמען איך געדענק שוין ניט.

די „היברו אמעריקען טיפּאָגראַפיקעל יוניאַן” האָט אין יאָהר 1894 געקראַגען געגען זיך אַן אָפּאָזיציע־יוניאַן, וועלכע איינינע אידישע שריפט־זעצער האָבען געגרינדעט. אַזוי ווי די אַלטע אידישע שריפטזעצער יוניאַן איז ניט געווען פאַרבונדען מיט דער אינטערנעשאָנעל טיפּאָגראַפיקעל יוניאַן, האָט די נייע אָרגאַניזאַציע זיך אָנגעשלאָסען אַן דער אינטערנע־שאָנעל אַלס לאָקאַל 317.

אַרויסגעקומען איז עס צוליב א סטרייק, וועלכער איז דאַן פאָרגעקו־מען אין א אידישער דרוקעריי אויף דער ניו יאָרקער איסט־סאַיד.

די היברו אמעריקען טיפּאָגראַפיקעל יוניאַן, צו יענער צייט די איינ־ציגע אַנערקענטע יוניאַן פון אידישע שריפטזעצער, וועלכע איז געווען פאַרבונדען מיט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און מיט אַלע אידישע יוניאָנס, האָט באַקעמפט די אָפּאָזיציע. ענדליך אָבער איז ביי א געמיינשאַפטליכען מיטינג געשלאָסען געוואָרען שלום צווישען דיביידע יוניאָנס, און דעם 2טען יוני, 1894, האָט די אינטערנעשאָנעל טיפּאָגרא־פיקעל יוניאַן אַרויסגעגעבען א טשאַרטער צו דער פאַראייניגטער יוניאַן, וועלכע איז פאַרבליבען ביי איהר אַלטען נאָמען, „היברו אמעריקען טי־פּאָגראַפיקעל יוניאַן”, לאָקאַל 83, א. ט. י.

די ווירקונג פון דער פאַראייניגטער יוניאַן און דער איינפלוס פון דער אינטערנעשאָנעל טיפּאָגראַפיקעל יוניאַן האָט זיך גלייך גענומען פיה־לען שוין ביי די ערשטע מיטינגען. מיט פאַראייניגטע קרעפטען האָבען זיך די מיטגלידער גענומען בויען א שטאַרקע יוניאַן, און אין איינינע וואָכען אַרום האָט די יוניאַן זיך גענומען עטאַבלירען דעם 8־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג אין טרייד.

אין יאָהר 1895 פאַנגט זיך אָן א נייע עפּאָכע אין דעם לעבען פון דער שריפטזעצער יוניאַן. די גרויסע אידישע איינוואַנדערונג פון יענער צייט, וועלכע איז פאַראורזאַכט געוואָרען דורך די פאַרפאָלגונגען אין רוסלאַנד, די גירושים פון מאָסקווע און פון אַנדערע שטעדט, האָט שטאַרק אויפגעלעבט די אידישע טעגליכע פּרעסע. די צייטונגס־אַרויסגעבער

האָבען זיך גענומען צוגרייטען אריינצושטעלען זעץ־מאַשינען, וועלכע טוען די ארבייט פון האַנט־זעצער פיל מאָל אזוי שנעל און גוט. די יוניאן האָט גענומען טראכטען ווי צו באַגעגענען די מאַשין. זי האָט באַשלאָסען אז די ארבייט זאָל אזוי אַראַנזשירט ווערען, אז וואָס ווייניגער ארביי־טער זאָלען פון איהר ארויסגעוואָרפען ווערען. אום דאָס צו ערדייכען האָט די יוניאן באַשלאָסען, אז דער 8־שטונדיגער ארבייטס־טאָג זאָל ביי דער מאַשין געטיילט ווערען אין צוויייען, דאָס הייסט, אז יעדער ארבייטער ביי דער מאַשין זאָל ארבייטען בלויז א האַלבען טאָג, וועלכער זאָל באַשטעהן פון 4 שטונדען, און ער זאָל דערפאַר קריגען א העלפט פון די שכירות, וואָס איז דעמאָלט געצאָהלט געוואָרען אויף דער זעץ־מאַשין ($22) — נעמליך, 11 דאָלער א וואָך.

ווען די מאַשינען זיינען אריינגעשטעלט געוואָרען אין ערשטען פּלאַץ און די יוניאן האָט געוואָלט איינפיהרען די נייע רעגעלען, איז זי באַ־געגענט געוואָרען מיט א שטאַרקען ווידערשטאַנד מצד די ארויסגעבער, אָבער נאָך א קאַמף פון דרייצעהן וואָכען, אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט כמעט אלע אידישע יוניאַנס, די פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען און די סענטראַל לייבאָר פעדעריישאָן, איז דער קאַמף פון דער־יוניאן פולשטענדיג געוואונען געוואָרען און די נייע סיסטעם איז איינגע־פיהרט געוואָרען.

די יוניאן איז אָבער ניט לאַנג געבליבען שטעהן אויף איין אָרט. דעם קומענדען יאָהר האָט זי געהעכערט דאָס געהאַלט פון מאַשין־זעצער פון 11 אויף 12 דאָלער און פון האַנט־זעצערס אויף 15 דאָלער א וואָך. אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע זיינען אויך געהעכערט געוואָרען די שכירות פון די זעצערס אין דזשאָב־דרוקערייען. און אזוי זיינען די שכירות סיסטעמאַטיש געשטיגען יעדעס יאָהר, ביז דער פאַרדינסט פאַר 4 שטונדען א טאָג ביי דער מאַשין האָט דערגרייכט ביז 17 דאָלער א וואָך און פון די האַנט־זעצערס, ביז 22 דאָלאַר א וואָך פאַר 8 שטונדען א טאָג.

אין יאָהר 1913, ווען די יוניאן האָט געפייערט איהר 25־יאָהריגען יובילעאום, זיינען שוין די שכירות פון די צייטונגס־זעצער געשטיגען ביז 29 דאָלער א וואָך, און די דזשאָב־זעצער האָבען באַקומען 25 דאָלער א וואָך פאַר א 46־שטונדיגער ארבייטס־וואָך.

אין דעצעמבער, 1914, איז א נייער קאָנטראַקט מיט די צייטונגס־ארויסגעבער אונטערגעשריבען געוואָרען, לויט וועלכען די פאַרדינסטען פון

די צייטונגס־זעצער זיינען באדייטענד געהעכערט געווארען. די ארבייטס־שטונדען פון א צייטונגס־זעצער זיינען באשטימט געווארען אלס 6 שטונדען א טאג, דאס הייסט 36 שעה א וואך ארבייט.

שפעטער האט די יוניאן געשלאסען א נייעם קאנטראקט מיט די צייטונגס־ארויסגעבער, וואו א באדייטענדע העכערונג אויף די שכירות איז נעקראגען געווארען. אויך האט די יוניאן דאן געוואונען די פאדערונג פון וואקיישאן און 13 יום־טובים, פאר וועלכע יעדער באשעפטיגטער זעצער אין פלאץ דארף קריגען באצאהלט.

אין יאהר 1924, ווען דער קאנטראקט מיט די צייטונגס־ארויסגעבער האט זיך געענדיגט, איז א נייער קאנטראקט מיט די באלעבאטים געשלאסען געווארען אויף פינף יאהר צייט, אין וועלכען די צייטונגס־זעצער האבען געקראגען א באדייטענדע העכערונג אויף די שכירות, און איצט, ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, זיינען די שכירות פון די צייטונגס־זעצער $70.50, און ווען דער קאנטראקט וועט זיך ענדיגען, וועלען זיי זיין 72 דאלער א וואך.

אויך פאר די דזשאב־זעצער האט די יוניאן אין פארלויף פון די לעצטע יאהרען צו פארצייכענען באדייטענדע געווינסען אין זייערע שכירות. אבער דעם גרעסטען זיג פאר די דזשאב־זעצער האט די יוניאן געהאט אין אקטאבער, 1928, ווען א קאנטראקט מיט די באלעבאטים אויף פיר יאהר צייט איז אונטערגעשריבען געווארען, לויט וועלכען די 40־שטונדיגע ארבייטס־וואך איז עטאבלירט געווארען און די שכירות פון די דזשאב־זעצער זיינען געהעכערט געווארען אויף 60 דאלער א וואך דאס ערשטע יאהר און א העכערונג פון 1 דאלער א וואך פאר יעדען יאהר.

די שריפטזעצער יוניאן איז איינע פון די שטארקסטע אידישע יוניאנס, וואס זיינען פאראן אין אמעריקע.

די איצטיגע פיהרער פון דער שריפטזעצער יוניאן זיינען: נ. דראשער, נ. ראזענאוער, א. וו. דזשאזעפסאן, א. גאטעסמאן, ש. שיינפעלד, מ. ליוויי, א. וואלפערט און אנדערע.

# די גרינדונג פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יאָרק.

דער טרויעריגער צושטאַנד פון די אידישע יוניאַנס ביז'ן יאָהר 1888. — די היסטאָרישע קאָנפערענץ אויפ'ן „בוידים" פון דויטשען לייבאָר ליסעאום, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרען די „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען". — די אויגטוילנעהמער פון יענעם קאָנפערענץ און די ערשטע צוויי סעקרעטאַרען פון די געווערקשאַפטען. — די וואונדערבאַרע ארבייט פון די געווערקשאַפטען אין די ערשטע צוויי יאָהר פון איהר עקזיסטענץ. — די אָרגאַניזירונג פון פילע נייע יוניאַנס. — די געווערקשאַפטען אויף די קאָנגרעסען פון סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. — דער אָנפאַנג פון א נייעם קאַפּיטעל געשיכטע פון אידישען פאָלק.

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען איז געגרינדעט געוואָרען דעם 9־טען אָקטאָבער, 1888, מיט איבער פערציג יאָהר צוריק.

דער פּלאַן צו גרינדען א צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אידישע ארבייטער, איז געקומען פון דעם דאַמאָלסדיגען אידישען ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.). א מיטגליד פון דיזער אָרגאַניזאַציע י ע ק ב מ א ג י ד אָ ו ו, וועלכער איז דעמאָלט געווען א העמדעל־נייער ביים פאַך, האָט זומער־צייט פון יאָהר 1888 אריינגעבראַכט א פאָרשלאַג צו גרינדען א צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אידישע יוניאַנס מיט'ן צוועק אויפצובויען א שטאַרקע טרייד־יוניאָן בעוועגונג צווישען די אידישע ארבייטער אין אמעריקא, און גלייכצייטיג אויך האָבען א מעגליכקייט צו פאַרשפּרייטען סאָציאַליזם צווישען די אידישע ארבייטער.

אין סעפּטעמבער פון 1888־טען יאהר איז דער ברענטש 8 פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי (דער אידישער) צוגעטראָטען צו דער ארבייט אויסצופיהרען דעם פּלאַן. דורכ'ן זומער פון זעלבען יאָהר זיינען כמעט אַלע אידישע יוניאַנס, וואס האָבען ביז דאַן עקזיסטירט, אונטערגעגאַנגען. די אורזאַכע פון דעם איז געווען, וואָס די יוניאַנס זיינען אַרוים סטרייקען. די צייט איז געווען זעהר ניט קיין גינסטיגע. אויסער דעם זיינען די דאַמאָלסדיגע יוניאַנס ניט געווען פאַרבונדען איינע מיט דער צווייטער. קיין פאָנדען האָבען זיי אויך ניט פאַרמאָגט. ניט קרי־

גענדיג קיין הילף פון קיינעם, זיינען זיי אלע אזוי אונטערגעגאנגען, אז קיין האָן האָט אפילו וועגען זיי ניט א קרעה געטאָן.

דער 8־טער ברענטש ס. ל. פּ. האָט ערוועהלט א קאָמיטע, וועלכע איז באשטאַנען פון מאָרים הילקוויט און פון דעם שרייבער פון דיזע ציילען, וואס זאָל ארומגעהן איבער די האָלס, וואו עס פלעגען זיך פאר־זאמלען אידישע ארבייטער, און אויפזוכען דאָרט די אָלע אידישע יוניאָנס, וואס זיינען נאָך פארבליבען לעבען.

איך דערמאָן זיך ווי אזוי איך בין צוזאמען מיט גענאָסע מאָרים הילקוויט וואָכען לאנג יעדען אווענד ארומגעלאָפען איבער די פארזאמלונגס פלעצער פון די אידישע ארבייטער זוכען, אויב עס זיינען פאראן יוניאָנס, וועלכע מען זאָל קאָנען איינלאַדען צו א קאָנפערענץ, מיט'ן צוועק צו גרינ־דען א צענטראַלע קערפערשאַפט פון אלע אידישע יוניאָנס.

אין 68½ אָרטשאַרד סטריט פלעגען זיך פארזאמלען די אידישע בעקער־ארבייטער. קומענדיג דאָרטען פרייטאג־צו־נאכט, האָבען מיר זיך נאָכגע־פרעגט פאר'ן מיטינג פון די אידישע בעקער יוניאָן, האָט מען אונז ארײנ־געפיהרט אין האָל און מען האָט אונז געצייגט דעם „טשאַרטער" פון דער יוניאָן: „אָט האָט איר די בעקער יוניאָן".

— וואו זיינען די מעמבערס? — האָבען מיר געפרעגט.

— זיי זיינען אין די גריבער, אין די בעקער־קעלערס, — איז געווען דער ענטפער.

זוכענדיג א שניידער יוניאָן האָבען מיר געטראָפען א. באַרסקי'ן, א שניידער, וואס האָט זיך ארומגעטראָגען מיט א פּלאַן צו אָרגאַניזירען די צוואַנציג טויזענד שניידער פון אמעריקא. דער טשאַרטער פון א „אינדעפּענדענט קלאָוק מאכערס יוניאָן" איז דאַן געהאנגען אין האָל פון 56 אָרטשאַרד סטריט. די קאַפּען־מאכער מיט א פּאָר מעמבערס אין זייער יוניאָן, פלעגען זיך פארזאמלען אין מיליטערי האָל, 193 בויערי. דאָרטען איז געהאנגען זייער „טשאַרטער", און עס איז אויך געווען ניט מעהר ווי א „טשאַרטער" יוניאָן. עס הייסט, קיין יוניאָן איז ניט געווען; עס איז נאָר געווען א פּאַפּיר, אז עס איז דאָ א „יוניאָן".

עס איז אויך געווען א העמדעל (שוירט) מאכערס יוניאָן, און איז צעפאַלען. איהר „טשאַרטער" איז געווען פאר'משכנ'ט ביי א שוירט־קאָנ־טראַקטאָר, ווען עס האָט געקומט א פּאָר דאָלער פון דער געפאַלענער שוירט מאכער יוניאָן.

ווען איך זאָג דאָ „טשאַרטער" מיין איך „טשאַרטערס" פון סטייט. אין יענער צייט האָבען אלע יוניאָנס געהאַט סטייט־טשאַרטערס. זיי האָ־

בען מורא געהאַט זיך צו פאַרזאַמלען אָהן דעם. אָבער די יוניאָנס האָבען שוין סיי ווי ניט עקזיסטירט. און דאָס איז געווען דער צושטאַנד אין וועל־כען עס האָט זיך געפונען די „אידישע טרייד יוניאַן באַוועגונג" אין אָק־טאָבער, 1888, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

דעם 9טען אָקטאָבער, 1888, דאָס איז געווען א מאָנטאָג אָוועגט, איז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ אין סאָציאַליסטישען דייטשען לייבאָר ליסעאום, 25 איסט 4־טע סטריט. די פאַרזאַמלונג איז געווען אין א קליינער רומקע אויפ'ן געדעט (בוידעם). עס איז געווען א היסטאָרישער בוידעם. מיר פלעגען דאָרטען האָבען היציגע דעבאַטען ביי די מיטינגען פון ברענטש 8, ס. ל. פּ. ס'פלעגט טרעפען אז די דייטשע גענאָסען פלעגען דערהערען די קולות אונזערע, זיצענדיג אין קעלער, וואו מען האָט געטרונקען ביער, און זיי פלעגען צו אונז ארויפלויפען זעהן וואס עס האָט מיט אונז פּאַסירט. מיר פלעגען דארטען האָבען אונזערע מיטינגען אי־מער. די דייטשע גענאָסען האָבען ביי אונז פאר'ן האָל קיין געלד ניט גענומען, וואָרים די אידישע סאָציאַליסטען האָבען דאַן קיין פעני ניט גע־האַט. די קאָנפערענץ וואס איז דאַן אָפּגעהאַלטען געוואָרען איז געווען גערופען פון ברענטש 8, ס. ל. פּ. אין שותפות מיט ברענטש 17 (רוסי־שער) ס. ל. פּ. ס'האָט זיך געהאַנדעלט צו גרינדען א צענטראַלע קער־פּערשאַפט פון „אידישע יוניאָנס".

צוויי יוניאָנס זיינען ניט געווען אונטערגעגאַנגען — די יוניאָן פון אידישע שריפטזעצער און די יוניאָן פון טעאַטער־כאָריסטען.

צו דער קאָנפערענץ איז אויך געקומען א קאָמיטע פון די פאַראייניג־טע דייטשע געווערקשאַפטען, א צענטראַלע קערפּערשאַפט פון דייטשע פּראָגרעסיווע יוניאָנס, וועלכע האָט עקזיסטירט שוין פון א לאַנגע צייט, מיט'ן צוועק צו שטיצען די ארבייטער פּרעסע, די דייטשע סאָציאַליסטי־שע „פאָלקסצייטונג". די דייטשע געווערקשאַפטען האָט דאַן געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער ארבייטער באַוועגונג. די דאָזיגע קערפּערשאַפט האָט שטענדיג דיסקוטירט די פאַרשידענסטע טרייד יוניאָן פראַגען. די דאַ־מאָלסדיגע סענטראַל לייבאָר יוניאָן פון ניו יאָרק איז געווען זעהר קאָנסערוואַטיוו און האָט געהאַט א סך דעמאָקראַטישע און רע־פּובליקאַנער פּאָליטישענס אלס דעלעגאַטען. די דייטשע יוניאָנס זיינען געווען שטאַרק און גרויס אין צאָל פון מעמבערס, אלע אָהן אויסנאַם זיי־נען זיי געווען סאָציאַליסטישע.

אלס דעלעגאַטען צו אונזער קאָנפערענץ זיינען געשיקט געוואָרען די

טעטיגסטע מיטגלידער פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס. פון די שריפט־זעצער איז געקומען דער גרינדער פון דער יוניאָן, י. ו ו ע ר ב ע ר; פון די אידישע קאָריסטען זיינען געקומען ל. ל ע נ צ ע ר און י. ק ר י נ ס ק י; פון אידישען (8טען) בראַנטש ס. ל. פּ. זיינען געקומען י. מ אַ ג י ד אָ ו ו און דער שרייבער פון דיזע שורות. דער רוסישער (17טער) בראַנטש ס. ל. פּ. האָט געשיקט אלס זיינע דעלעגאַטען מ אָ ר י ס ה י ל ק ו ו י ט ש'ן און ל. ב אַ נ ד ע ס'ן. די פאַרטרעטער פון די דייטשע געווערקשאַפטען זיינען געווען צוויי, דאַן גוט באַקאַנטע דייטשע סאָציאַליסטען: א. ה ו ב ע ר און מ. ג ע ר י ק ע. עס איז אויך געווען אנוועזענד ביי יענער קאָנפערענץ ו ו. ר אָ ז ע נ ב ע ר ג, דער דאַמאָלסדיגער רעדאַקטאָר פון „סאָציאַליסט", דער אָפיציעלער דייטשער אָרגאַן פון דער ס. ל. פּ. צום שלום פון דער קאָנפערענץ איז ערשינען א דעלעגאַט פון נאָך א אידישער יוניאָן, וועלכע האָט זיך אין דער זעלבער וואָך געהאַט אָרגאַניזירט. דאָס איז געווען די אידישע אַקטיאָרען יוניאָן. זייער דעלעגאַט איז געווען דער שוישפּילער מ. ס י מ אָ נ אָ ו.

רעדעס זיינען אויף יענעם מיטינג געהאַלטען געוואָרען ווייניג. אַלע אַנוועזענדע זיינען געווען איינשטימיג, אז דער פּלאַן צו גרינדען א צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אידישע יוניאָנס איז אן אויסגעצייכענטער. נאָך א קורצער דיסקוסיע איז באַשלאָסען געוואָרען, אז די פּלאַטפאָרמע זאָל זיין א סאָציאַליסטישע. די פּאָרלויפיגע פּראָגראַם פון טעטיגקייט זאָל זיין: 1) געגענזייטיגע שטיצע פון איין יוניאָן צו דער צווייטער; 2) גרינדען נייע יוניאָנס אין די טריידס וועלכע זיינען נישט אָרגאַניזירט; 3) שטיצען די סאָציאַליסטישע אגיטאַציע צווישען די אידישע אַרבייטער.

מיך האָט מען פאָרגעשלאָגען צו זיין דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטער. איך האָב זיך געפיהלט גליקלאַך מיט דעם, וואָס מ'האָט מיר אָנפאַרטרויט אזא הייליגע אַרבייט. איך האָב עס אָנגענומען מיט גרויס דאַנקבאַרקייט. אַלס קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטער איז ערוועהלט געוואָרען מאָרים הילקוויט, וועלכער איז דעמאָלט געווען א העמדעל אַפּערייטאָר (א שוירט־מאַכער). די דעלעגאַטען פון די דייטשע געווערקשאַפטען האָבען אונז געגעבען 10 דאָלער צושטייער פאַר אונזער טעטיגקייט. די ביישטייערונג האָט אַרויסגערופען דעם הארציגסטען ענטוזיאַזם פון די אַנוועזענדע.

אויפ'ן ראַט פון וו. ראָזענבערג, רעדאַקטאָר פון דייטשען „סאָציאַליסט", איז באַשטימט געוואָרען די נייע קערפּערשאַפט א נאָמען צו געבען „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען". עס הייסט, א שוועסטער אָר־

גאַניזאַציע צו די „פּאַראייניגטע דייטשע געווערקשאַפטען". מען האָט אויך באַשלאָסען צו האָבען מיטינגען יעדען מאָנטאָג אָוענט. די ביי־טרעגע פון יעדער יוניאָן איז באַשלאָסען געוואָרען זאָל זיין 50 סענט אַ מאָנאַט. אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע איז ערוועהלט געוואָרען צו גרינדען נייע יוניאָנס, ווי אויך העלפען די שוין עקזיסטירענדע יוניאָנס.

דיזע ערשטע אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע האָט געהאַט אַ זעהר שווערע אויפגאַבע. זי האָט געמוזט פריהער צואַקערען דעם פעלד, אַפּראַמען פון וועג די שטיינער און דערנער.

די ערשטע צוויי יוניאָנס, וועלכע די אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע האָט געגרינדעט, זיינען געווען — די שוירט מאַכערס יוניאָן און די „פּאַראיי־ניגטע שניידער יוניאָן."

די מיטגלידער פון דער שוירט מאַכער יוניאָן זיינען געווען די סמעטענע פון די אידישע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען פון יענער צייט: מאָריס הילקוויט, מ. זאַמעטקין, ל. מילער, ר. לואיס, י. מאַגידאָוו, ליור־ביטש א. אַ. די שניידער יוניאָן האָט געהאַט בלויז איינעם, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער און אַנאַר־כיסטישער באַוועגונג פון יענער צייט. דאָס איז געווען דער פריהער דער־מאָנטער באַרסקי.

אביסעל שפּעטער זיינען אויך אָרגאַניזירט געוואָרען יוניאָנס פון פּענטס מייקערס און פון ני־פּענטס מייקערס.

די פּאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען איז גלייך געוואָרען פאַר די אידישע יוניאָנס אַלעס: זי האָט אָרגאַניזירט די יוניאָן, געלערענט די אַרבייטער ווי צו פיהרען אַ מיטינג. געפירט זייערע סטרייקס, געמאַכט סעטעלמענטס מיט בעל־הבתים, געלערנט די יוניאָנס פיהרען ביכער, געטאָן יעדע קלייניגקייט פאַר יעדער יוניאָן.

די נאָדעל טריידס ביי וועלכע אידישע אַרבייטער זיינען געווען באַ־שעפטיגט, זיינען געלעגען אונטער דער „סוועטינג סיסטעם". די פאַר־אייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט זיך גלייך נאָך איר גרינדונג גע־נומען צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער פון די „סוועט־שעפּער".

דעם 1־טען יאַנואַר, 1889, האָט די געווערקשאַפטען אָרגאַניזירט אַ קלאָוק מאַכער יוניאָן, זי האָט אָבער עקזיסטירט בלויז איינינע מאָנאַטען. פון איר איז פאַרבליבען בלויז איין אָרגאַניזירטער שאַפּ — די אַרבייטער פון „פרידלענדער קלאָוק פירמע".

אַ ני־פּענטס מאַכער יוניאָן, ווי שוין געזאָגט פריהער, איז אָרגאַניזירט געוואָרען נאָך אין יאָר 1888. די אָרגאַנייזערס זיינען געווען סאָציאַל דע־

מאַקראַטען און אַנאַרכיסטען. דיזע יוניאַן האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן די געווערקשאַפטען דעם 9־טען פעברואַר, 1889.

דעם 19טען פעברואַר, 1889, האָט די געווערקשאַפטען אָרגאַניזירט א יוניאַן פון זייד־וועבער ארבייטער. אין אויגוסט פון זעלבען יאָר איז אָרגאַניזירט געוואָרען לאָקאַל 24 טעקסטיל ארבייטער יוניאַן. אין מערץ, 1889, האָבען מיר אָרגאַניזירט א אידישע מוזיקער יוניאַן. אין זעלבען יאהר זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען די אידישע בעקער יוניאַן, לאָקאַל 31; א אידישע בוכבינדער יוניאַן, וועלכע האָט זיך באַלד אָנגעשלאָסען אָן דעם דאַמאַלסדיגען ארבייטער פאַרבאַנד „נייטס אָוו לייבאָר“, און א יוניאַן פון סטאָליאַרעס (קאַרפענטער).

אין זעלבען יאָהר, אין מאָנאַט מערץ, האָט די געווערקשאַפטען אריינ־גענומען צו זיך די קאַפּען מאַכער יוניאַן, וועלכע האָט זיך צו יענער צייט געהאַלטען אין אויפלייזען, און די געווערקשאַפטען האָט זי אויפגעלעבט. מיט צוויי מאָנאַט שפּעטער איז אויפגעבויט געוואָרען א יוניאַן פון פוירם (בייטעלעך) ארבייטער.

די געווערקשאַפטען האָט דאַן אויך געפיהרט א רייהע סטרייקס אין פאַרשידענע אידישע טריידס.

נאָך א יאָהר עקזיסטענץ האָט די געווערקשאַפטען אויך געשיקט צוויי דעלעגאַטען צום ערשטען אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען און ארבייטער קאָנגרעס. דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין מאָנאַט יולי, 1889, אין פאַריז. די דעלעגאַטען פון די געווערקשאַפטען זיינען געווען ל. מילער און נ. באַרסקי, א שריפטזעצער.ביידע דעלעגאַטען זיינען גע־פאָהרען אויף זייערע אייגענע הוצאות.

דער נעקסטער יאהר איז פאַר די פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען געווען דער פּרוכטבאַרסטער פון יענער פּעריאָדע. אין מאָנאַט מערץ, 1890, האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען שוין גע־צעהלט 32 יוניאַנס.

אין יענעם מאָנאַט איז ערקלעהרט געוואָרען א גרויסער סטרייק פון קלאָוקמאַכער און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען א יוניאַן פון זיבען טויזענד קלאָוק אַרבייטער. יאָזעף באַראָנדעס, וועמען די געווערקשאַפטען האָט געשיקט צו די קלאָוק מאַכער צו פיהרען דעם סטרייק, איז ערוועהלט געוואָרען אַלס מענעדזשער פון יענער קלאָוק מאַכער יוניאַן.

עס האָבען דאַמאַלסט אויך געסטרייקט (אַלע אין מאָנאַט מערץ, 1890) די רעק שניידער, די פענטס מאַכער, די ני־פענטס מאַכער, די העמ־דעל נייערס, די סאָדאַ וואַסער ארבייטער און סוספענדערס ארבייטער.

אַלע סטרייקס זיינען געפיהרט געווארען פון די פאראייניגטע אידישע גע־ווערקשאַפטען.

אין איין יאהר צייט, אַלזאָ, איז די פאראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען געווארען באַריהמט.

אין זעלבען יאהר (1890), איז געגרינדעט געווארען די וועכענטליכע סאָציאַליסטישע „ארבייטער צייטונג“, וועלכע די געווערקשאַפטען האָט אנ־ערקענט אלס איהר אָפיציעלען אָרגאַן.

אין יאהר 1891, האָבען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און די אידישע ברענטשעס פון דער סאציאַליסטישער ארבייטער פארטיי ערוועהלט אב. קאהאַן׳ען אלס דעלעגאט צום אינטערנאַציאָנאַלען סאציא־ליסטישען קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך דעם יאָהר געדארפט צוזאמענ־קומען אין בריוסעל, בעלגיע. פאַר זיין אָפּפאָהרען פון ניו יאָרק, האָט קאהאן צוגעשיקט אַ בריף צו דער ביורא, וועלכע האָט אָרגאַניזירט דעם קאָנגרעס, אַז אַ פונקט אויפ׳ן טאגעס־אָרדנונג זאָל זיין — „ווי די אָר־גאַניזירטע ארבייטער פון אַלע לענדער זאָלען זיך פארהאַלטען צו דער אידען־פראַגע“. ווען ער איז געקומען צום קאָנגרעס, האָט ער געלאָזט דרו־קען אַ פלוג־שריפט, וועלכער האָט ענטהאַלטען אַלע וויכטיגע פאקטען און ציפערען וועגען דער אידישער ארבייטער באַוועגונג אין אמעריקע, וועגען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, איהרע יוניאַנס, און זייערע סטרייקס. דאָס איז געווען צום ערשטען מאָל וואס פאַר דער ארבייטערשאַפט פון דער גאַנצער וועלט איז פאָרגעשטעלט געווארען אַ אידישער ברודער. ווען קאהאן האָט געטיילט דעם פלוג־שריפט צווישען די דעלעגאטען פון די פארשידענע לענדער, זיינען זיי געווארען פאראינטערעסירט. דער אינטערעס איז געווען צוליב דער נייעס — אידישע ארבייטער זיינען דאָ!... עס איז כמעט אין אַלע לענדער פון דער וועלט געווען אַ באַגריף, אז אַלע אידען זיינען באַנקירען, פאבריקאנטען, סוחרים. עס זיינען פאר־געקומען דעבאטען מיט קאהאַן׳ען, ער האָט אויך פאָרגעשלאָגען אַ רעזאָ־לוציע ביים קאָנגרעס צו באַגריסען ווארים די אָרגאַניזירטע אידישע ארביי־טער פון אמעריקא און פארדאַמען דעם אנטיסעמיטיזם אומעטום. די רעזאָלוציע האָט פארנומען די אויפמערקזאַמקייט פון קאָנגרעס אַ היבשע צייט, און איז נאָכדעם דיסקוטירט געווארען אין דער פּרעסע פון פילע לענדער.

אַ נייעם קאַפּיטעל געשיכטע פון אידישען פאָלק האָט די פאראייניג־טע אידישע געווערקשאַפטען ביי איהר גרינדונג אנגעהויבען שרייבען.

# ווי אַזוי מיר האָבען אָרגאַניזירט יוניאָנס.

די „מאַסענפאַרזאמלונגען" און די יוניאָן־רעדעס, וואס מען פלעגט אין יענע יאָהרען האַלטען פאר די ארבייטער. — ווי אַזוי מען פלעגט דורך וואָלונטירען צוזאמענרופען די ארבייטער אויף א פאַרזאַמלונג. — די גאסען, וואו די אידישע ארבייטער פון יעדען פאך פלעגען זיך פארזאמלען. — דער „חזיר־מארק" און די דענסינג־סקולס. — דער כאַראַקטער פון די אַמאָליגע סטרייקס. — ווי אזוי די באַלעבאַטים, די פּאָליציי און די ריכטער פלעגען זיך באציהען צו די אידישע סטרייקער. — דער קאמף אין די אידישע יוניאָנס צווישען די אַנאַרכיסטען און סאָציאליסטען. — די גרינדער פון דער „אַרבייטער צייטונג" און די ראָלע, וואס זי האָט געשפּילט אין דער געשיכטע פון די אידישע יוניאָנס. — די הויפּט־מיטארבייטער פון דער „אַרבייטער־צייטונג". — די איינדרוקספולע ערשטע מאַי־דעמאָנסטראציע פון די אידישע ארבייטער אין יאָהר 1890.

גראָד אין די 80־ער יאָהרען, ווען עס איז אָנגעגאַנגען די גרויסע עמיגראַציע פון אידען פון רוסלאַנד, פּוילען, גאַליציע און רומעניען קיין אמעריקא, גראָד דאן האָבען זיך דאָ אין אמעריקא גענומען שטאַרק ענטוויקלען די אינדוסטריען פון פרויען און מענער־קליידער. די אזוי גערופענע נאָדעל־טריידס זיינען צום גרעסטען טייל געשאפען געווארען פון אידישע אימיגראַנטען־הענט, וועלכע האָבען אין דיזע אינדוסטריען אריינגעלייגט זייער פראצע, זייער שוויים און בלוט.

צו יענער צייט איז דער לעבענס־„סטענדארט" פון די אָקאָרשט אריבערגעקומענע נאָך געווען זעהר א נידעריגער. פון די אלטע היימען זיינען יענע אידישע אימיגראַנטען געלאָפען פון פּאָגראָמען, פון הונגער. די אלטע געבורט־שטעדט פון רוסלאַנד, פּוילען, ליטע, גאַליציע און רומעניען זיינען געווען פאר זיי א זינקענדע שיף, פון וועלכער מען איז צושראָקענע, פאַרצווייפעלטע געלאָפען זיך ראַטעווען, געלאָפען אין דער פרייער לאַנד אמעריקא. אָבער ווען מען איז געקומען אין אמעריקא, האָט מען ארום זיך דערפיהלט א שרעקליכע פוסטקייט, א שרעקליכע עלענדקייט, איינזאמקייט. די שטרעבונג צו בויען יוניאָנס איז געווען פאר יענע מענשען א נויטווענדיגקייט. מען האָט זיך צוגעטוליעט איינע צו די צווייטע, ווי

א סטאַדע פאַרצווייפעלטע שעפּסען, וועלכע דערשפּירען די גיפטיגע ציינער פון וואָלף, וואָס וויל זיי דערשטיקען, דערווערגען. ווען אין אידישען קוואַרטאַל פלעגען זיך ציינגען די סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרס — אב. קאַהאַן, מ. זאַמעטקין, ל. מילער, מ. הילקוויט, יאָזעף באַראָנדעס און אַנ־דערע סאָציאַליסטישע רעדנער, פלעגען זיי באַגעגענט ווערען ניט בלויז ווי פיהרער, — נייע געטער זיינען זיי געווען.

די אידישע ראַדיקאַלען האָבען געהאַלטען פאַר איינע פון זייערע וויכטיגסטע אויפגאַבען צו אָרגאַניזירען די ארבייטער אין יוניאָנס.

ערשטענס, האָט מען געקוקט אויף די יוניאָנס ווי אויף א מיטעל פון פּראָפּאַגאַנדע פאַר'ן סאָציאַליזם, צווייטענס, זיינען די יוניאָנס באַטראַכט געוואָרען אלס נויטווענדיגקייט פאַר דער מאָמענטאַנער באַשיצונג פון די אידישע ארבייטער געגען דער שרעקליכער עקספּלואַטאַציע פון די אַר־בייטס־געבער פון יענער צייט, די אינסייד מאַנופעקטשורערס, וועלכע פלעגען זיך באַהאַלטען הינטער די פּלייצעס פון די אָרימע סוועט־שאָפּ קאָנטראַקטאָרס.

די גרעסטע עהרע פאַר א סאָציאַליסט פלעגט אין יענע יאָהרען זיין, ווען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אָדער די סאָציאַליסטישע סעקציע פלעגט איהם ערלויבען צו זיין טעטיג אין א יוניאָן און העלפען איהר אין צייט פון א סטרייק. אָן ערלויבעניש מיטצואַרבייטען אין א יוניאָן האָט מען געגעבען בלויז צו אַזעלכע גענאָסען, וועלכע מען האָט גע־וואוסט, אז מען קען זיי אַנפאַרטרויען אזא ארבייט.

אַלע סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען טעטיג אין אידישע יוניאָנס, פלעגען שטענדיג זיך נעהענטער באַקענען מיט אַזעלכע ארביי־טער וואָס זיינען געווען ערנסטע און איבערגעגעבענע מיטגלידער אין זיי־ערע יוניאָנס. מיר פלעגען זיך שטאַרק באַפריינדען מיט זיי, און אַזוי לאַנג אַגיטירען צווישען זיי, ביז דיזע ארבייטער פלעגען זיך אָנשליסען אָן דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי.

די רעדעס, וואָס מען פלעגט דאַן האַלטען פאַר די ארבייטער, אַגי־טירענדיג זיי, אז זיי זאָלען זיך אָנשליסען אָן דער יוניאָן, זיינען אַלע געווען אומגעפעהר פון אזא נוסח:

„ארבייטער! ברידער און שוועסטער!

„יעדער איינער, וואָס מאַכט א לעבען פון ארבייט, מוז באַלאַנגען צו דער יוניאָן פון זיין פאַך.

„די יוניאָן איז די אָרגאַניזאַציע, וואָס ברענגט דעם ארבייטער דעם גרעסטען נוצען און באַשיצט זיין געזונד. דער איינציגער ארבייטער פאַר

זיך אַליין איז אַ גאַנץ קליינער בריה אין יעדער מחלוקה, וואָס קומט פאַר צווישען איהם און זיין באַלעבאַס, ווייל קוים וואָגט ער נאָר צו עפענען אַ מויל, געפינט ער זיך באַלד אויפ׳ן גאַס. ווען אָבער ער באַלאַנגט צו אַ יוניאָן, ווען ער איז פאַרבונדען מיט אַ גרויסע צאָל אַנדערע אַרבייטער פון זיין טרייד פאַר געגענזייטיגע שטיצע, דאַן איז ער אַרומגערינגעלט מיט מענשען, וועלכע זיינען גרייט צו באַשיצען איהם אויף שריט און טריט, דעמאָלט שטעהט דער אַרבייטער ניט אַליין אין קאַמף, נאָר אַלע איבעריגע אַרבייטער העלפען איהם קעמפען.

„פאַראייניגונג איז דעם אַרבייטער׳ס איינציגער מיטעל אין דעם קאַמף פאַר העכערע ווײַדזשעס. איינער אַליין איז ער מאַכטלאָז. די באָסעס, אַלס אַ קלאַס, האָבען גלייך פון אָנפאַנג אָן געוואָלט פאַרניכטען די יוניאָנס. זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטען, דורך דער עפענטליכער מיינונג, דורך דער פּרעסע, לעדזשיסלייטשור, געריכטען און טורמעס דיזע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס טויט צו מאַכען.

„יעדער פאַבריקאַנט גלויבט אַז דער געשעפט פון וועלכען ער איז דער בעל־הבית איז זיינער, און אַז קיינער האָט קיין רעכט ניט זיך אַריינצומישען אין איהם און צו זאָגען איהם דעות ווי אַזוי איהם צו פיהרען. די יוניאָן האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו באַקומען פאַר דעם אַר־בייטער קירצערע אַרבייטס־שטונדען, בעסערע אַרבייטס־באַדינגונגען, זי־כערערע געצייג און אַ גרעסערען טייל פון די רייכטימער וואָס עס ווערט באַשאַפען, ווי ער וואָלט געקאָנט באַקומען אַלס איינצעלנער מענש, ניט זייענדיג אָרגאַניזירט. די קאַפּיטאַליסטען ווילען נאַטירליך ניט דולדען וואָס די יוניאָנס ווילען זיך אַריינמישען אין זייערע געשעפטען; זיי קע־נען ניט פאַרשטעהן, ווי אַזוי אַן אַרבייטער זאָל מעגען זאָגען אַ דעה ווי אַזוי די פּריוואַט־געשעפטען פון לאַנד זאָלען פאַרוואַלטעט ווערען. דער אמת איז אָבער, אַז דער מענש וואָס לייגט אַריין זיין אַרבייט, זיין גע־זונד אין אַ פאַבריק אָדער אויף אַן אייזענבאַהן, איז פונקט אַזוי פאַראינ־טערעסירט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער פאַבריק אָדער פון דעם איי־זענבאַהן, ווי דער וואָס האָט אַריינגעלייגט זיין געלט, און ער דאַרף דאַרום האָבען פונקט אַזאַ דעה אין דער פראַגע וויפיל שטונדען מען זאָל אַרבייטען און וועגען די באַדינגונגען פון דער אַרבייט ווי דער באַלעבאַס. ס׳איז אמת אַז דער קאַפּיטאַליסט איז דער געזעצליכער בעלאַבאָס אויף זיין פעקטאָרי; ער קען איהר האַלטען צוגעמאַכט, ער קען איהר האַלטען אָפען, ווי אַזוי ער וויל. אָבער פונקט אַזאַ רעכט האָט דער אַרבייטער זיך צו ענטזאָגען צו אַרבייטען אויף אַזוינע באַדינגונגען, וואָס געפעלען איהם ניט.

די אַרבייטער האָבען דיזען רעכט זיך צו ענטזאגען צו אַרבייטען, ענטוועדער יעדער באַזונדער, אדער אַלע צוזאַמען. דער באָס מיט דעם אַרבייטער זיינען איינפאַרשטאַנען, אַז דורך די טרייד־יוניאָנס איז דער אַרבייטער בעסער באַשיצט און קריגט מעהר באַצאָהלט פאַר זיין אַרבייט, ווי ער וואָלט גע־קראָגען ווען די יוניאָנס וואָלטען פאַרניכטעט געוואָרען. ביידע, אי דער אַרבייטער, אי דער באָס, זיינען אויסען זייערע אייגענע אינטערעסען: דער באָס וויל פאַרניכטען די יוניאָנס פאַר זיינע אייגענע אינטערעסען און דער אַרבייטער וויל זיי שטאַרקער מאַכען פאַר זיינע אייגענע אינ־טערעסען; און אַזוי לאַנג ווי פּערזענליכע אינטערעסען וועט זיין דער גרונד און דער פונדאַמענט אין דעם לעבען פון ביזנעס, מוז דער קאַמף אָנגעהן מיט אַלץ מעהר פאַרביסענקייט.

„דער קאַמף פון די טרייד יוניאָנס וועט אָנגעהן אַזוי לאַנג ווי דער קאַפּיטאַליזם וועט הערשען“.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז ניט אַלע רעדנער האָבען אַזוי גערעדט, אָבער דאָס אונגעפעהר איז געווען דער אינהאַלט פון די מעהרסטע אַגיטאַציאָנס רעדעס, וואָס מען פלעגט דאַן צו די אַרבייטער האַלטען.

פאַר די פילע יאָהרען, וואָס דער שרייבער פון דיזע שורות איז גע־ווען טעטיג אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג, פלעג איך די מייס־טע פרייע צייט מיינע אָפּגעבען צו העלפען אָרגאַניזירען די אידישע יוניאָנס. און פרייע צייט האָב איך געהאַט גענוג, ווייל די באַלעבאַטים און די פאָרלייטע פון מיין טרייד האָבען מיך שוין גוט געקענט, און מען פלעגט מיר זעהר אָפט אָפּזאָגען פון דער אַרבייט.

קיין מנהג, אַז אַ באָס זאָל ניט טאָרען אָוועקשיקען אַן אַרבייטער אָהן אַ גענינענדען גרונד, איז נאָך דאַן ניט געווען, דאָס האָבען מיר ערשט מיט דער הילף פון די יוניאָנס, דורך די פאַרשידענע קעמפּפע, וואָס יענע ערשטע יוניאָנס האָבען אָנגעפיהרט, אויסגעקעמפּפט, אַז די באָסעס זאָלען ניט קענען אָפּזאָגען אַן אַרבייטער אָהן אַ וויכטיגער אורזאַכע.

די הויפּט־אַרבייט צו גרינדען יוניאָנס פלעגט באַשטעהן אין רופען מיטינגען, אָדער ווי מען פלעגט זיי אָנרופען, „מאַסענפאַרזאַמלונגען“. מען האָט אָבער געדאַרפט פריהער קריגען די אַרבייטער אַז זיי זאָלען קומען צו די פאַרזאַמלונגען. נו, פלעגען מיר האָבען וואָלונטירען, וועלכע פלעגען געהן לעבען די שעפּער און אין די סוועט־שעפּער און דאָרטען טיילען הענדבילס. מיר פלעגען אויך אויסטיילען הענדבילס אין די רעסטאָראַנען, אין די דענסינג־סקולס אין סיגאַר סטאָרס און אויף די בירזשעס, וואו עס פלעגען זיך דאַן צוזאַמענקלייבען די אַרבייטער פון געוויסע טריידס.

אזוי, צום בײשפּיל, פלעגען רעק־מאכער, יעדען שבת זיך פאַרזאַמ־לען אויפ׳ן קאָרנער עסעקס און העסטער סטריט, וועלכען מען האָט גע־רופען „דער אידישער חזיר מאַרק". אַהין פלעגען אויך קומען קאָנ־טראַקטאָרס זוכען האַלבע־בײסטערס און אפּערײטאָרשע ארויסהעלפערס. אויפ׳ן קאָרנער לודלאָוו און ברום סטריט פלעגען זיך צוזאַמענקומען ני־פּענטס מאַכער. — דאָרט איז שוין געווען א קלענערער „חזיר־מאַרק". די קלאָוק מאַכער פלעגען זיך אויסשטעלען אויפ׳ן קאָרנער אָרטשאַרד און העסטער סטריט. רומענישע ארבײטער, פלעגט מען נאָר קענען דערגרײ־כען אין די דענסינג סקולס.

קײן אידישע ארבײטער־צײטונג איז נאָך דאַן ניט געווען. און שפּע־טער, ווען עס איז געווען אַן ארבײטער־צײטונג האָבען אויך ניט אַלע אַר־בײטער זי געלעזען. באַלעבאַטישע צײטונגען זײנען יע געווען, אָבער אין יענע צײטונגען פלעגט מען ניט קריגען אַ נאָטיץ פאַר אַן ארבײטער־פאַרזאַמלונג. ווען עס פלעגט אויסברעכען אַ סטרײק פון שנײדערס אָדער בעקערס, פלעגען די באַלעבאַטישע אידישע צײטונגען שרײבען נאָר פאַר די באָסעס און געגען די אַרבײטער, הויפּטזעכליך געגען די יוניאַנס און געגען די אַגיטאַטאָרס פאַר יוניאַנס. דאָך פלעגט אונז געלינגען צו־זאַמענצוברענגען גרויסע מאַסען ארבײטער צו אונזערע פאַרזאַמלונגען און מיר פלעגען אָרגאַניזירען אידישע יוניאַנס און פיהרען סטרײקס.

אזוי שנעל ווי אונז פלעגט זיך אײנגעבען צו אָרגאַניזירען די אַר־בײטער פון עטלאכע שעפּער פון א געוויסען טרײד, איז נאָך אײדער די יוניאַן פלעגט באַשליסען צו רופען אַן אַלגעמײנעם סטרײק, פלעגען אויס־ברעכען סטרײקס אין אײנצעלנע שעפּער, ווײל די ארבײטער האָבען שוין ניט געהאַט קײן געדולד צו וואַרטען ביז וואַנען מען וועט רופען אַן אַל־געמײנעם סטרײק.

די סטרײקערס פלעגען געווערנליך אוועקגעהן אין א ביער סאַלון דינ־גען א פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ און נעמען אַרומלויפען זוכען די פירערס פון אידישע יוניאַנס, וועלכע האָבען נאָך דעמאָלט ניט געהאַט קײן אײגענע אָפיסעס אָדער ביוראָס.

די טעטיגע סאָציאַליסטען יוניאַן־טוער פלעגען קומען אין האָל צו די סטרײקערס, פלעגען פונאַנדערפרעגען אַלע אײנצעלהײטען וועגען דער פּאַסירונג און גלײך נעמען זיך אָרגאַניזירען דעם סטרײק אויף א לײטישען אופן. מען פלעגט געהן צו די באַלעבאַטים און אויסהערען זײער צד, אַמאָל פלעגט אונז געלונגען תיכף אויסצוגלײכען דעם סכסוך, ווען ניט פלעגט מען קומען צוריק אין האָל, און באַשטימען „פּיקעטס", וועלכע זאַ־

לען ארויף אין די סטרייק שעפּער זעהן צי עמיצער פון די ארבייטער איז ניט פארבליבען „סקעבען". און דאן פלעגען זיך די „פּיקעטס" אויס־שטעלען ארום די שעפּער.

ווי גרינג עס פלעגט אונז דעמאָלט אָנקומען ארונטערצונעמען אין סטרייק אידישע ארבייטער, פלעגט אונז אבער זעהר שווער זיין צו גע־ווינען א סטרייק. אפטמאָל פלעגען מיר זאָגאר ניט קענען באווייזען די סטרייקערס צוריקצובערענגען אין די שעפּער פון וועלכע מיר האָבען זיי גערופען, און פון וועלכע זיי פלעגען אליין ארונטער אין סטרייק. אם שווערסטען איז געווען צו געווינען א סטרייק ביי די רייכע באַלעבאַטים, ביי אזעלכע, וואס זיינען געווען אליין די פאבריקאנטען און ניט קיין קאָנ־טראַקטאָרס.

מיר פלעגען זיך טרעפען מיט אזוינע רייכע באַלעבאַטים, וואס פלע־גען זיין שטארק איינגע'עקשנ'ט. זיי פלעגען אפט זיין גרייט צו פארלי־רען א סך געלד, אבי נאָר ניט נאָכגעבען די פאָדערונגען פון די ארבייטער און ברעכען זייער יוניאָן.

צווישען די אידישע ארבייטער פון יענע יאהרען האָבען זיך געפונען א סך אומוויסענדע מענשען מיט נידעריגע כאַראַקטערס, וואס זיינען גרייט געווען פאר א דאָלער צו פארקויפען זייערע אייגענעם טאַטען. אין יעדען סטרייק פלעגט דעריבער פאר די באַלעבאַטים ניט שווער זיין צו קריגען סקעבס. דערצו נאָך פלעגען אָנלויפען טרעמפּס פון איבעראַל, וועלכע פלעגען קומען צו די סטרייק־שעפּער, און דערצעהלען די „פּיקעטס" אז זיי זיינען ארבייטער פון טרייד, אז זיי וואָלטען ניט וועלען געהן פאר־נעמען די פלעצער פון די סטרייקענדע ארבייטער, נאָר וואס זאָלען זיי נעבאך טאָן, אז זיי זיינען שוין פון לאַנג ארבייטסלאָז און געהען פּשוט אויס פון הונגער. ווען מען וועט זיי אביסעל שטיצען מיט געלד וועלען זיי ניט געהן סקעבען. אָט דער סאָרט טרעמפּס פלעגט דעמאָלט צונעמען די לעצטע פּענים פון דער יוניאָן קאַסע.

די באַלעבאַטים ביי וועמען מען פלעגט סטרייקען, פלעגען געוועהנ־ליך ארומשטעלען זייערע שעפּער מיט „שטאַרקע", „שלעגערס", אדער מיט „גאַרדס", ווי זיי האָבען זיי גערופען. אויך די פּאָליסלייט און די דעטעק־טיווס פלעגען שלאָגען די סטרייקענדע ארבייטער און נאָכהער נאָך שלע־פּען זיי אין די פּריזאָנס, אין די פּאָליס קאורטס און מאכען אויף זיי „פרעים־אַפּס". די ריכטער פון יענער צייט פלעגען זיין בעארבייט פון

די בודעל פּאַליטישענס פון דער איסט סאַיד, וועלכע פלעגען שוין פועל'ען ביי די ריכטער, אז מען זאָל די סטרייקערס פארשיקען אויף מאַנאַטען לאנג אין „וואָירק־הויז".

דערצו זיינען די ארבייטער דאַן געווען שרעקליכע אָרימעלייט. אויף מאָרגען נאָכדעם, ווי זיי פלעגען ארונטער פון שאפּ האָבען זיי שוין ניט געהאַט פון וואנען א טאָג איבערצולעבען. ווען עס פלעגט קומען דער ערשטער פון מאָנאַט און עס איז ניט געווען מיט וואס צו באַצאָהלען רענט, פלעגט דער לענדלאָרד סטראַשען ארויסצוואַרפען די „פּאָרניטשע" אין גאַס, און אָפט פלעגען עס יענע לענדלאָרדס טאַקע טאָן אויך.

מען קען זיך דאַרום לייכט פאָרשטעלען וואָס פאַר א גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט די פיהרער פון יענע סטרייקס, די אָרגאַנייזערס פון די ערשטע אידישע יוניאָנס האָבען געהאַט.

עס איז שווער, כמעט אוממעגליך איבערצוגעבען די געפיהלען, וועל־כע יעדער איינער פון די ערשטע טוער פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג האָט איבערגעלעבט אין יענע צייטען.

די קאַסעס פון די יוניאָנס זיינען געוועהנליך געווען פּוסט. איין סטרייקער פלעגט אַרוימלויפען מיט א מוף־צעטעל אין האַנד, א צווייטער פלעגט זיך קלאָגען, אז ביי איהם אין הויז איז קיין ברויט ניטאָ. ביי א דריטען איז די פרוי קראַנק געווען, ביי א פערטען סטרייקער איז א קינד געשטאָרבען. אונזער סטרייק־קאָמיטע מוז זיי אַלעמען זעהן העלפען.

אָט קומט פּלוצלונג צולויפען א „פּיקעט" מיט טרויעריגער נייעס, אז אונזערער א וויכטיגער סטרייקער האָט זיך פארקויפט צום באַלעבאָס. און אָט פיהרט מען אריין א בלאַסען ארבייטער מיט א צושלאָגענעם פּנים, באַגאָסען מיט בלוט. זיינע קליידער זיינען צוריסען. ער חלש'ט. מען באַגיסט איהם מיט קאַלטע וואַסער און מען לויפט ברענגען א דאָקטאָר. דער טעלעפאָן קלינגט. מען זאָגט אונז אָן א נייע נייעס, אז לעבען א געווויסען שאַפּ האָט מען אַרעסטירט נאָך פינף סטרייקערס. מען דאַרף לויפען זוכען א „בעילער" ארויסצונעמען זיי פון דער פּאָליציי, ביז וואַ־נען דער משפט וועט פאָרקומען. מען לויפט צום לאָיער, צום דאָקטאָר און דאָ האָט די סטרייק־קאָמיטע קיין פעני געלד ניט. עס איז געווען שווער און ביטער, אָבער מען האָט דעם מוט ניט פארלוירען. מען האָט געמוזט אַליין זיין מוטיג, כדי צו קענען דערמוטיגען אנדערע.

באַלד עפענען מיר א מאַסמיטינג. די סטרייקערס קלייבען זיך צו־זאמען. מיר, די „פיהרער", האַלטען פאַר דער מאַסע רעדעס. מיר ער־

קלערען זיי, אז מיר „שטעהען גוט", אז „מיר וועלען זיגען", אז אין גיכען וועלען מיר געווינען אונזער סטרייק און אז אונזערע שונאים, די באלעבאַטים, זיינען אויף גרויסע צרות, און וועלען מוזען קומען און נאָכגעבען די גערעכטע פאָדערונגען פון די ארבייטער.

די מאסע אפּלאָדירט. מען דערוואַרעמט זיך און מען קעמפט ווייטער.

מען האַלט זיך אָן עצה מיט פיהרער פון אַנדערע יוניאָנס, פון די פאָרטגעשריטענע דייטשע ארבייטער, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען נאָהענט צו אונז. זיי האָבען דעמאָלט געהאַט אין ניו יארק און אין אַנדערע שטעדט גרויסע שטאַרקע יוניאָנס און מיר, די גרינדער און טוער פון די אידישע יוניאָנס, פלעגען זיך לערנען פון זיי. די דייטשע יוניאָנס האָבען אונז דעמאָלט פיל געהאָלפען.

די ערשטע זאַך, וואָס מיר, אידישע ארבייטער האָבען געלערענט פון די דאמאלסדיגע דייטשע אימיגראַנטען, יוניאָן-לייט, וואָס די גרעסטע צאָל פון זיי זיינען געווען סאָציאַליסטען, איז, אז כדי צו שאַפען אַן ארבייטער באוועגונג און גרינדען יוניאָנס, מוזען מיר פריהער פון אַלץ האָבען אַן אייגענע צייטונג. ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל, האָבען די אידישע סאָציאַליסטען נאָך ביי דער גרינדונג פון דעם „אידישען ארבייטער פאַראיין" געזוכט צו שאַפען אַ אידישע ארבייטער צייטונג, אָבער דאָס איז אונז דאַמאָלס ניט געלונגען.

נאָכדעם ווי די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט שוין עקזיסטירט, פלעגט מען ביי די מיטינגען פון דער אידישער סעקציע (ברענטש 8) ס. ל. פּ. אַלץ פאַרהאַנדלען די פראַגע ווי אַזוי ארויסצוגעבען אַן אייגענע סאָציאַליסטישע און טרייד-יוניאָניסטישע צייטונג אין אידיש.

די „ווארהייט", וואָס די אַנארכיסטישע גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט" האָט ארויסגעגעבען אין 1889-טען יאָהר, איז ארוים נאָר זיבען מאָנאַטען און איז אונטערגעגאַנגען.

מיט איינינע מאָנאַטען שפּעטער האָט זיך אין ניו יארק געגרינדעט אַ נייע פאָרטגעשריטענע אידישע צייטונג מיט'ן נאָמען „ד ע ר מ אָ ר ג ע נ ש ט ע ר ן". איהר ארויסגעבער איז געווען אַ פ ר י ם ל אָ נ ד אָ ן, דער פאָטער פון מאיר לאָנדאָן. דער ערשטער רעדאקטאָר פון דער צייטונג איז געווען ד ר. ב ר אַ ס ל אַ ו ו ס ק י (ברעסלאו), דער פריהערדיגער רעדאקטאָר פון דער „ניו יארקער אידישער פאָלקסצייטונג", וועלכע איז אויך אונטערגעגאַנגען.

צו ענדע פון יאהר 1889, האָט די אידישע אנאַרכיסטישע גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט" איינבארופען אן אלגעמיינע קאָנווענשאָן, צו וועלכער זיי האָבען איינגעלאַדען אלע אידישע אָרגאַניזאציעס פון אמע־ריקא, אנאַרכיסטישע, סאָציאל־דעמאָקראַטישע, בילדונגס־פאראיינען און אידישע יוניאנס, צו באטראַכטען די פראגע וועגען ארויסגעבען אן אומ־פּארטייאישע ארבייטער צייטונג פון אנאַרכיסטען און סאָציאל־דעמאָ־קראַטען צוזאמען.

צו יענער צייט האָבען שוין עקזיסטירט אין פארשידענע שטעדט פון לאַנד, ווי ניו יארק, פילאדעלפיא, באַלטימאָר, ניו הייווען, האַרטפאָרד, ניו בריטיין, שיקאַגאָ, א. ז. וו., אידישע סעקציעס פון דער סאציאליסטי־שער ארבייטער פּארטיי, ווי אויך א היבשע צאָהל אנאַרכיסטישע אידישע גרופּען, בילדונגס־פאראיינען און אויך אידישע יוניאנס, מייסטענס פון נאָדעל טריידס. אלע דיזע אָרגאַניזאציעס, אָהן אויסנאַהם, האָבען גע־שיקט דעלעגאַטען צו יענער קאָנווענשאָן — 32 אָרגאַניזאציעס זיינען גע־ווען דאָרטען פּארטראָטען. די קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין קלוב פון די „פּיאָנירע דער פרייהייט", וועלכער האָט זיך געפונען אין דער גרויסער געביידע פון עסעקס מארקעט, וואו עס איז דאַן געווען א קאזארמע פאַר סאָלדאַטען.

די קאָנווענשאָן האָט געדויערט גאַנצע זעקס טעג און זעקס נעכט. דער האָל, וואו די קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען, איז געווען א צימליך גרויסער, עס האָבען אין איהם געקענט אריינקומען איבער 200 מענשען און ער איז געווען געפּאַקט מיט באַזוכער. אום צו קענען ווי־סען ווער עס זיינען די דעלעגאַטען און ווער עס זיינען די געסט, האָט מען דעם פּלאַץ, וואו די דעלעגאַטען זיינען געזעסען, ארומגענומען ארום און ארום מיט גראָבע שטריק, כדי די געסט זאָלען זיך ניט אויסמישען מיט די דעלעגאַטען. דער רויך פון די סיגאַרעטען און דער טומעל פון עולם האָט ניט געשטערט די „הייסע" רעדעס, וועלכע זיינען ביי יענער קאָנווענשאָן געהאַלטען געוואָרען.

די אנאַרכיסטען האָבען דאַן גוט פארשטאַנען, אז זיי אליין וועלען ניט זיין אימשטאַנד ארויסצוגעבען און אויפהאַלטען אן אייגענע צייט־טונג. זיי האָבען גערעכענט, אז ארויסגעבענדיג א צייטונג צוזאמען מיט די סאָציאל־דעמאָקראַטען, וועט זיי געלינגען צו קריגען אין דער צייטונג די אויבערהאַנד און דערמיט געווינען דעם עולם פאַר'ן אנאַרכיזם.

די אידישע אנאַרכיסטען האָבען, ווי שוין געזאָגט, דאַן ניט שטאַרק גע־האַלטען פון טרייד־יוניאנס. זייער טאַקטיק איז געווען געבויט אויף דעם

כלל, אז „וואָס ערגער איז בעסער". זיי האָבען באהויפּטעט, אז ווען די אַרבייטער וועלען קנאַפּ פּאַרדינען, וועלען זיי שנעל מאַכען די סאָציאַלע רעוואָלוציע. דאַגעגען האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען גע׳טענה׳ט, אז „וואָס בעסער איז בעסער", דאָס מיינט, אז ווען אַרבייטער וועלען בעסער פּאַרדינען און אַרבייטען קירצערע שטונדען, וועלען זיי שנעלער אויפגעקלערט ווערען און זיי וועלען האָבען קרעפטען און לוסט אימער מעהר צו קעמפען, סיי פאַר די טאָג־טעגליכע פאַרבעסערונגען, סיי פאַר זייער ענדליכער באַפרייאונג פון קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפעריי.

אין אַלע אידישע יוניאָנס פלעגען ביי די מיטינגען פאָרקומען היציגע דעבאַטען וועגען „אַנאַרכיזם" און „סאָציאַליזם". אין דיזע דעבאַטען פלעגען זיך באַטייליגען די הויפּט־רעדנער פון ביידע ריכטונגען.

דאָס קאָמישסטע פון אַלץ איז געווען, וואָס וועלענדיג זיך פאַראייניגען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אום אַרויסצוגעבען צוזאַמען אַ צייטונג, האָבען די אַנאַרכיסטען אָנגעפיהרט „גוואַלדיגע" אַטאַקעס אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אז זיי האַלטען צוריק די „סאָציאַלע רעוואָלוציע", און נאָך אַלע אַטאַקעס האָבען זיי געשריען, אז מען מוז אַרויסגעבען אַן „אומפּאַרטייאישע" צייטונג. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען, פאַרקערט, אויפגעוויזען די אַנאַרכיסטען ווי לעכערליך עס וואָלט געווען אונטער די עקזיסטירענדע אומשטענדען אַרויסצוגעבען אַ געמיינשאַפטליכע צייטונג פון ביידע פּאַרטייען. אַזאַ צייטונג וועט קיין שום נוצען ניט קענען ברענגען דער אַרבייטער באַוועגונג.

אַב. קאַהאַן איז צו יענער קאָנווענשאָן געקומען בלויז אַלס גאַסט. ער האָט זיך אָבער אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די פאַרהאַנדלונגען וועגען דער פראַגע פון אַרויסגעבען אַן אַרבייטער־צייטונג, אז ער איז די גאַנצע צייט ניט אָפּגעטראַטען פון די זיצונגען. דער רעזולטאַט איז געווען, אז קאַהאַן האָט מיט לייב און לעבען אַריינגעוואָרפען זיך אין דער אַרבייט אַרויסצוגעבען אַן אַרבייטער־צייטונג. ער איז געוואָרען דער טעטיגסטער מענש און האָט געטאָן אַלע נויטיגע אַרבייט אום שנעל צו פאַרווירקליכען דעם וואונש צו האָבען אַ קהל׳שע צייטונג פאַר די אַרבייטער.

אויפ׳ן פערטען טאָג פון יענער היסטאָרישער קאָנווענשאָן איז עס געקומען צו אַ שפּאַלטונג פון ביידע פּאַרטייען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען זיך צוריקגעצויגען פון דער קאָנווענשאָן. מיט זיי זיינען מיטגעגאַנגען אַלע אידישע יוניאָנס.

פון איין קאָנווענשאָן איז געוואָרען צוויי, און ביידע קאָנווענשאָנס האָבען באַשלאָסען אַרויסצוגעבען אייגענע אַרבייטער־צייטונגען.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די יוניאָנס מיט די פאַראײניגטע אי־דישע געווערקשאַפטען, וועמען מען האָט גערופען די „פאַרטײאישע", האָבען באַשלאָסען אַרויסצוגעבען אַ סאָציאַליסטישע און טרייד־יוניאָניס־טישע וועכענטליכע צייטונג אונטער דעם נאָמען די „אַרבײטער־צייטונג".

די אַנאַרכיסטישע גרופּע מיט די בילדונגס־פאַראײנען, וועלכע מען האָט גערופען „פּראָגרעסיוו לאָקשען", האָבען באַשלאָסען אַרויסצוגעבען אַ ווע־כענטליכע „אומפּאַרטײאישע" צייטונג אונטער דעם נאָמען „פרייע אַרבײטער שטימע", וועלכע איז ערשינען מיט 4 מאָנאַט שפּעטער (אין יולי, 1890), ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „אַרבײטער־צייטונג".

די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען גלייך געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע, די „אַרבײטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן", און מען האָט אין פאַרלויף פון צוויי מאָנאַט צייט געזאַמעלט אַ פּאָר טויזענד דאָלער.

נאָך איידער מען האָט באַשטימט דעם טאָג ווען די „אַרבײטער־צייטונג" זאָל ערשײנען, און מען האָט נאָך ניט געהאַט די געלד, האָט מען גלייך געשריבען אין לאָנדאָן צו פיליפּ קראַנץ׳ען, אַז ער זאָל קומען צו אונז ווערען דער רעדאַקטאָר. ער האָט שוין געהאַט פאַרשפּראָכען לואי מילער׳ען, וועמען ער האָט געטראָפען אין יאָהר 1889 ביי דעם קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל אין פּאַריז, וואו ביידע זיינען געווען דעלעגאַטען, צו קומען אין ניו יאָרק.

די געלד פאַר אַ שיפסקאַרטע צו ברענגען קראַנץ׳ען האָבען מיר געקליבען צווישען די גענאָסען, צו דאָלערס און צו האַלבע דאָלערס. דער שרייבער פון דיזע צייליען איז געווען דער קאָלעקטאָר פון דיזע וועכענט־ליכע בייטראַגען.

מיר איז אויך אויסגעקומען צו געהן דאָן אין „קעסטעל גאַרדען" אָפּ־צונעמען גענאָסע קראַנץ׳ען פון שיף, וועלכער איז אהער געקומען אין מאָ־נאַט פעברואַר פון יאָהר 1890.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז פאָרגעקומען דער מיטינג פון דער „אַר־בײטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן", און מען האָט ערוועהלט צוויי בעאַמטע, אַ רעדאַקטאָר און אַ מענעדזשער פאַר דער „אַרבײטער־צייטונג". אַלס רעדאַקטאָר איז ערוועהלט געוואָרען פיליפּ קראַנץ און אַלס מענעדזשער, מאָריס הילקאָוויטש (הילקוויט). אַלס געהאַלט האָט מען זיי באַשטימט צו זיבען (7) דאָלער אַ וואָך יעדערען.

די „אַרבײטער צייטונג" איז ערשינען דעם 7טען מערץ, 1890, פריי־

טאָג, 3 אזייגער פארטאָג. קראַנץ, קאַהאַן און הילקוויט און נאָך אייניגע האָבען געשריבען גאַנצע נעכט ביז אַלע אַרטיקלען זיינען פארטיג געוואָרען

אונזער רעדאַקציע און זעצערס שאַפּ איז געווען אין 29 הענרי סטריט, ניט ווייט פון קעטרין סטריט, אויף אַ סטאָפּ אין אַן אַלטער פּריוואַטער הייזקע, וואו עס זיינען געווען צוויי גרויסע צימערען, וועלכע זיינען געוועין צוטיילט מיט אַרויסגערוקטע טירען. אין דעם גרויסען צימער, צום גאַס צו, איז געווען דער געשעפטס־אָפיס און די רעדאַקציע, — אַ רעדאַקציע וואָס איז באַשטאַנען פון איין טישעל, מיט אַ שופלאָד פון אונטען, פאַר'ן רעדאַקטאָר צו האַלטען זיינע מאַנוסקריפּטען. קראַנץ האָט אָבער ניט געטרויט דעם טישעל די אַרטיקלען, פלעגט ער זיי אַרומטראַגען אין זיין בוזים־קעשענע. נאָך מישטיינס געזאָגט — וויפיל אַרטיקלען האָט ער אינגאַנצען פארמאָגט אין יענע צייטען! פאַר'ן מענעדזשער פון אָפיס איז געווען אַ הויכער אַלטער דעסק, מיט אַ הויכען שטול; געלד האָט מען געבראַכט אין יענע צייטען קנאַפּ; ביזנעס איז געווען ווייניג; פלעגט דער מענעדזשער, דער יונגער גענאָסע הילקוויט, זיצען דאָן אויף דעם הויכען שטול און שרייבען „שירים" אויף דייטשמעריש, מיט אידישע בוכשטאַבען, און אונטערשרייבען פלעגט ער יענע זיינע „געדיכטע" מיט דעם פּסעוודאָנים „המנגון" (האַמנאַגען). ווייטער זיינען אין יענעם אָפּיס געשטאַנען אַ פּאָר הילצערנע בענקלאַך, וואו די אַרבייטסלאָזע גענאָסען פלעגען זיך צוזעצען. די איבעריגע, וועלכע האָבען ניט געקראָגען קיין שטולען, פלעגען שטעהן. עס איז ביי זיי געווען אַ באַזונדערער פאַרגעניגען צו זיין דאָרט, וואו מען שרייבט און מען זעצט זייער „אַרבייטער צייטונג".

אין צווייטען גרויסען צימער איז געווען דער שאַפּ פאַר די שריפטזעצער, וואו עס האָבען געאַרבייט דריי־פיר זעצער ביים האַנד. (קיין זעץ־מאַשינען זיינען דעמאָלט נאָך ניט געווען). רענט פאַר דער גאַנצער דירה האָבען מיר געצאָהלט 29 דאָלער אַ מאָנאַט. אונזער לענדלאָרד איז געווען אַ אידישער פּאַון־שאַפּ (לאָמבאַרד) אייגענטימער, וועלכער האָט אונז ניט געוואָלט פאַרדינגען די צימערען, וויל מיר זיינען סאָציאַליסטען. מיר האָבען איהם אָבער געצאָהלט וואָס עס האָט געהייסען צו יענער צייט, גרויסע רענט.

עס איז אָנגעקומען דער ערשטער מאַי פון יאַהר 1890. אויף דעם קאָנגרעס פון דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז פאַרגעקומען אין פּאַריז זומער צייט פון דעם יאַהר 1889, איז באַשלאָסען

געווארען, אז דעם 1טען מאי, 1890, זאלען אין אלע לענדער פארקומען ארבייטער־דעמאָנסטראציעס געגען מיליטאריזם און פאר דעם 8־שטונדי־גען ארבייטס־טאָג.

די אידישע סאָציאליסטען פון ניו יארק האָבען פאר יענעם ערשטען מאי ארגאנזשירט געמיינשאפטליך מיט די פאראייניגטע אידישע געווערק־שאפטען א דעמאָנסטראציע, אין וועלכער אלע אידישע יוניאנס און סאָ־ציאליסטישע אָרגאניזאציעס זאלען זיך באטייליגען. יענע דעמאָנסטראציע און דער מאסמיטינג האָבען געדארפט פאָרקומען אין אווענט אויף יוניאן סקווער, וואו די אידישע ארבייטער האָבען זיך געדארפט באגעגענען מיט די ארבייטער פון די אנדערע נאציאנאליטעטען.

יענע ערשטער מאי דעמאָנסטראציע אין ניו יארק, איז געווען זייער איינדרוקספול. עס האָט אפילו גערעגענט, דאָך האָט א גרויסע מאסע פון א 6-7 טויזענד אידישע ארבייטער מארשירט פון ראטגערס סקווער ביז צום יוניאן סקווער. אויפ'ן וועג האָט מען אונז, די מארשירענדע אין די ארבייטער קווארטאלען, באגעגענט מיט פרייד און ענטוזיאזם. מוזיק האָבען מיר געהאט וויינינג, האָט מען געזונגען ארבייטער־לידער. אין די רייכערע געגענדען האָט דער עולם אונז אָנגעקוקט מיט פארוואונדע־רונג.

ווען מיר זיינען געקומען אויף יוניאן סקווער, האָבען מיר דארטען געטראָפען א גרויסען עולם, וועלכער האָט אונז באגריסט מיט א סך ענטו־זיאזם. די הויפט־רעדנער ביי יענעם מיטינג זיינען געווען ד ע נ י ע ל ד ע ל י אָ ן און א ל ע ק ס אַ נ ד ע ר י אָ נ אָ ס. די אידישע רעד־נער האָבען געהאט אַן אייגענעם וואָגען אויף דער וועסט־סאיד פון יוניאן סקווער.

די הויפט־מיטארבייטער פון דער „ארבייטער צייטונג" זיינען די ערשטע צייט געווען קראַנץ, קאהאן און הילקווויט. שפעטער איז צוגעקו־מען נאָך א וויכטיגע קראפט, גענאָסע ב. פ י י ג ע נ ב ו י ם.

ב. פייגענבוים איז געקומען פון לאָנדאָן קיין ניו יארק אין יאָהר 1891. נאָך איידער ער איז געקומען אהער איז זיין נאָמען שוין גע־ווען גוט באקאַנט צווישען די אידישע סאָציאליסטען אלס דער פארפאסער פון א רייהע סאציאליסטישע בראשורען אין אידיש. פייגענבוים איז א געבוירענער פון ווארשע, פוילען. ער שטאמט פון א זעהר רעליגיעזער חסידישער פאמיליע. אין זיין יוגענד האָט ער אליין אויך געלערענט א סך תורה, אָבער נאָך אלס יונגער ישיבה בחור איז ער געווארען א פריי־דענקער. שפעטער, האָט ער עמיגרירט קיין בעלגיע און דאָרט איז ער

געוואָרען אַ סאָציאַליסט. אַט וואָס ער אַליין האָט דערצעהלט, ווי אזוי ער איז געוואָרען אַ סאָציאַליסט:

„דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען, שרייבט גענאָסע ב. פייגענבוים, וואָס איך האָב געזעהן אַ סאָציאַליסטישע מאַסען־דעמאָנסטראַציע מיט פלאַטערענדע רויטע פאָהנען, אונטער די קלאַנגען פון די מארסעליעזע, איז געווען אין אַנטווערפּען, בעלגיען, אין יאהר 1884. די באגייסטערונג איז געווען אַן אונגעהייערע. דאָס איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע פאַר אַלגעמיינע שטימרעכט.

„דאָס ליד, וואָס די דעמאָנסטראַנטען האָבען מיר גרויס באגייסטע־רונג געזונגען, האָט געהאַט פאָלגענדען „רעפרעין":

„אויף, ארבייטער, אויף אין באַטאַליאָנען,
זאָל אונזער פרייהייטס־גייסט ערוואַכען,
מיר ווילען ש ט י מ ר ע כ ט אויך פאַר אונז,
מיר ווילען ש ט י מ ר ע כ ט אויך פאַר אונז,
אום געזעצע פאַר אונזער טובה צו מאַכען".

„די גלענצענדע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין בעלגיע איז געווען מיין ערשטע ליבע מיט'ן סאָציאַליזם. דאָרט בין איך געוואָרען צום ערשטען מאָל אַ מיטגליד אין אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. פון איהר האָב איך געשעפּט מיין ערשטע פלאַמענדע באגייסטערונג.

„איך האָב ניט געהאַט דעם מינדעסטען באַגריף, אַז עס געפינט זיך ערגעץ אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויף אידיש, און ווי אַ בליץ האָט מיר אויפגעפלאַמט אין מוח דער געדאַנק וועגען אַ סאָציאַליסטישע צייטונג אויף „זשאַרגאָן". איך האָב געוואוסט, אַז אין לאָנדאָן געפינט זיך שוין אַ היבשע מאַסע אידישע מאָדערנע פּראָלעטאַריער.

„מיט אונגעפעהר אַ יאהר שפּעטער האָב איך געפונען אין יאָהאָן מאָסט'ס „פרייהייט" אַ נאָטיץ, אַז אין לאָנדאָן איז „ווידער ערשינען" די אידישע סאָציאַליסטישע צייטונג „ארבייטער־פריינד". איך האָב פשוט גענומען טאַנצען פאַר שמחה. איך האָב גלייך געשריבען נאָך אַ קאָפּיע פון דער צייטונג און איך האָב באַלד גענומען מיטאַרבייטען אין איהר.

„ענדע 1888 האָבען מיך די אידישע גענאָסען פון דעם לאָנדאָנער בערנער סטריט קלוב, די ארויסגעבער פון דעם „ארבייטער־פריינד", אַראָפּ־געבראַכט דורך דער פאַרמיטלונג פון פיליפּ קראַנץ, קיין לאָנדאָן, אַלס שטענדיגען מיטאַרבייטער אין דער רעדאַקציע."

ב. פײגענבױם איז פאר פילע יאהרען געװען אײנער פון די ברילִיאנ־טעסטע לעקטארס, װאס די אידישע ארבײטער באװעגונג האט פאר־מאגט.

נאך א װיכטיגען מיטארבײטער האט די „ארבײטער־צײטונג״ צוגע־קראגען אין יאהר 1893, נעמליך, מ. בארא נאװ׳ען.

מ. בארא נאװ איז געװעזען אײנער פון אונזערע װיכטיגסטע, טא־לאנטפולסטע און אינטערעסאנטסטע שרײבער. ער האט זיך אױפגעהאדע־װעט אױף דער רוסישער ליטעראטור און איז נאך אלס יונגער גימנא־זיסט צוגעשטאנען צו דער פרײהײטס־באװעגונג אין רוסלאנד. אלס סטודענט איז ער ארײנגעטראטען אין אײנעם פון די קרײז־לאך פון דער בארימטער פארטײ „נאראדנאיא װאליא״. אידיש האט ער זיך אױסגעלערענט א סך שפעטער, שױן זײענדיג אין לאנדאן. די ערשטע יאהרען פלעגט ער זײנע ארטיקלען אין לאנדאנער „ארבײטער פרײנד״ שרײבען אױף רוסיש און מען פלעגט זײ דארפען איבערזעצען אױף אידיש אין דער רעדאקציע.

בארא נאװ איז געװען אײנער פון די װאס האבען א סך געװאוסט און געקענט און איז נאך אױסער דעם אױך פעהיג געװען ארױסצוזאגען זײנע געדאנקען העכסט אריגינעל.

ער איז געװען אריגינעל אלס א פערזאן און אלס שרײבער. יעדע שורה װאס ער האט אנגעשריבען האט אין זיך ענטהאלטען אן אײגענ־ארטיגען שטײגער, א בארא נאװ־שטײגער.

קײן רעדנער איז בארא נאװ ניט געװען, װײל ער איז געװען פון דער נאטור א באשײדענער און צוריקגעצױגענער מענש. אבער אלס א שרײבער איז ער געװען אײנער פון די באליבטסטע, פריהער אין דער „ארבײטער־צײטונג״ און „אבענד־בלאט״ און דערנאך אין „פארװערטס״, און ער האט פיל בײגעטראגען צו דער אױפקלעהרונג פון די אידישע אר־בײטער מאסען אין אמעריקע. ער איז געשטארבען אין יאהר 1924 אין עלטער פון 62 יאהר.

# דער קריזיס פון יאהר 1893 און די ערשטע שפּאַלטונגען אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג.

די דריי קריטישסטע יאהרען אין דער אידישער טרייד־יוניאַן באוועגונג. — דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואס האָט חרב געמאכט די מעהרסטע אידישע יוניאָנס. — דעניעל דעליאָן און די גרינדונג פון דער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אליינס". — די אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס, וואס די פיהרער פון „אַליינס" האָבען געגרינדעט. — די שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי און אין די געווערקשאַפטען צוליב די אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס. דער גרעסטער טייל אידישע סאָציאַליסטען פּארלאָזען דעליאַנ'ען.

אין יאהר 1893 האָט מיט אמאָל אויסגעבראָכען א גרויסער קריזיס אין אמעריקא. טויזענדער און טויזענדער ארבייטער האָבען געמוזט אָנקומען צו די אומזיסטע זופּ־קיכען נאָך א מאָלצייט. הונדערטער טויזענדער מענשען זיינען געוועזן אָהן ארבייט און זיינען בוכשטעבליך געשטארבען פון הונגער.

דער קריזיס פון 1893 איז געווען איינער פון די שרעקליכסטע קאַטאַסטראָפען אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. ער האָט זיך אָנגעפאַנגען אין וואָל סטריט, וואו די פארשידענע אקציעס זיינען געפאַלען און באַנקירען, קלענערע און גרעסערע, האָבען באנקראָטירט. גרויסע ספּעקולאַנטען פון וואָל סטריט, וועלכע זיינען געווען שטאַרק רייך, זיינען איבער נאַכט געווארען בעטלער. בלויז די גאַנץ גרויסע מיליאָנערען האָבען אויסגעהאַלטען די שרעקליכע צוטרייסלעניש פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. א גרויסע צאָהל פעקטאָרים, פאבריקען און מיינס זיינען צוגעמאַכט געווארען און דאָס גאנצע לאַנד איז געווארען איבערפילט מיט ארבייטסלאָזע, אָרימעלייט, באָרוועסע, נאַקעטע, הונגעריגע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע.

קיין טרייד איז אָבער אזוי שרעקליך ניט געטראָפען געווארען פון דעם קריזיס, ווי די נאָדעל־טריידס. מען האָט כמעט אין גאַנצען אויפגעהערט צו נייהען מענער און פרויען־קליידער, ווייל די קליידער־פאַברי־

קאנטען זיינען געווען איבערפילט מיט די גרעסטע סטאקס פון מענער־קליידער, קלאוקס א. אז. וו.

אידישע ארבייטער־פאמיליען האט מען גענומען ארויסווארפען פון די הייזער פאר ניט צאהלען רענט. די טראטוארען פון אלע איסט סאיד גאסען זיינען געווען באלאגערט מיט מעבעל פון די ארויסגעווארפענע טע־נענטס. די איינציגע טרייסט איז געווען וואס דער גרויסער אומגליק איז געשעהן אין די הייסע זומער־מאנאטען. פרויען מיט קינדער אויף די הענד, אפגעריסענע ארבייטער, פלעגען ארומלויפען זוכען עפעס ארבייט אדער א שטיקעל טרוקען ברויט פאר זייערע קינדערלאך. ארום אלע שניידער און קלאוקס־שעפער פלעגען זיך ארומדרעהען גאנצענע נעכט מאסען הונ־געריגע ארבייטער, וועלכע האבען געהאפט פיליכט וועלען זיי באקומען עטוואס ארבייט. די מייסטע פון די אומגליקליכע ארבייטסלאזע זיינען געווען גערן צו טאן די שווערסטע ארבייט פאר יעדען פרייז. איך געדענק ווי איי ניגע אפערייטארס ביי קינדער דזשעקעטלאך פלעגען ארבייטען פאר צוואנציג סענט א טאג, אבי עפעס צו פארדינען. די שרעקליכע נויט און עלענד פון די מאסען אומגליקליכע אידישע ארבייטער האט ארויפגע־טריבען א שרעק אויף יעדען איינעם.

עס האבען זיך געפונען פילאנטראפען, גוטהארציגע מענשען, וואס האבען געטיילט פריי ברויט, וואורשט און איי ניגע האבען געגעבען פריי זופ. עס זיינען דאן געווען פילע פלעצער, וואו מען פלעגט די ארבייטס־לאזע טיילען פריי עסענוואארג. א געוויסער ביר־סאלון אייגענטימער (קלינ־קאוושטיין), וועמעס סאלון איז געווען אויף קארנער איסט בראדוויי און ראטגערס סטריט, האט אדווערטייזט, אז ער וועט געבען יעדען איינעם א טעלער ווארעמע זופ מיט ברויט פריי. עס האט זיך געפאדערט א רע־זערוו פון פאליציי צו האלטען אין ארדנונג די גרויסע מאסע הונגעריגע מענשען, וועלכע האבען באלאגערט דעם גאנצען ראטגערס סקווער ארום יענעם סאלון, אום צו באקומען א ווארעמען טעלער זופ, ווייל אין אנ־דערע פלעצער האט מען נאר געגעבען טרוקענע ברויט, וואורשט און נאך אזעלכע טרוקענע זאכען.

די אידישע סאציאליסטען האבען פאררופען א קאנפערענץ פון פראָ־מינענטע מענער, ווי אויך ביזנעס לייט, סימפאטייזער פון דער ארבייטער באוועגונג. אויף יענער קאנפערענץ האט מען באשלאסען, אז אין לייבאר לייסעאום פון 91 דילענסי סטריט זאל מען עפענען א פרייע קיך, צו טיילען עסען פאר יעדען וואס וועט דארטען קומען און אויך פון דארטען פאנאנדערצושיקען עסענוואארג צו פילע פאמיליען אין

די הייזער, ווייל מען האָט זיך דערוואוסט, דאָס ניט אלע מענשען ווילען קומען שטעהן אין ליין פאַר עטוואס א בּיס צו טאָן. פילע אומגליקליכע ארבייטער זיינען אויסגעגאנגען פון הונגער און זיי פלעגען זיך שעמען צו שטעהן אין ליין צו באַקומען א שטיקעל טרוקענע ברויט מיט וואורשט.

אין די יאָהרען פון קריזיס זיינען, נאַטירליך, כמעט אלע יוניאָנס שרעקליך אפּגעשוואכט געוואָרען אדער גאר איינגאנצען אונטערגעגאנגען. שפּעטער, ווען די שעפּער און פעקטאָרים האָבען זיך ענדליך ערעפענט, האָבען די יוניאָנס, די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאציעס פון די ארבייטער, ניט געקענט פארמעסטען זיך מיט די באַפעסטיגטע קאַפּיטאַליסטען. די ארבייטס־שטונדען זיינען געווען אונענדליך לאַנגע; די לעבענס און ארבייטס־באַדינגונגען אין די שעפּער און אין די היימען פון די ארבייטער, זיינען געווען אונערטרעגליך. אין די נאָדעל אינדוסטריען, וואו די מערסטע אידישע ארבייטער זיינען געווען באַשעפטיגט, זיינען די באַדינגונגען געווען נאָך ערגערע. דער אידישער ארבייטער איז געווען געצוואונגען צו ארבייטען אין א סוועט־שאפּ. ער האָט געארבייט לאַנגע שטונדען פאַר קליינע וויידזשעס. דער גייסטיגער צושטאַנד פון די אידישע ארבייטער איז ניט געווען זעהר א הויכער, זאָגאר פאַר דעם קריזיס. אין פאַרלויף פון דעם קריזיס האָבען די טיפע עקאָנאָמישע ליידען נאָך טיפער ארונטערגעדריקט דאָס ביסעלע קולטור וואס די אידען האָבען פאַרמאָגט.

אין דער פּעריאָדע פון יולי, 1889, ביז דעם 1טען יאַנואַר, 1890, זיינען אין די געווערקשאַפטען געווען, אויף ווי ווייט איך געדענק, 3 פּראָטאָקאָל סעקרעטאַרען ה. ש א ח א ט, א פּיינטער ארבייטער; ה. ל י פ ש י ץ, א שריפטזעצער (שפּעטער דער אייגענטימער פון „ליפּשיץ פּרעס") און י ו ס ף ב א ר א נ ד עס.

אויך דיזע דריי סעקרעטאַרען, וועלכע האָבען פּאַרטראַטען דעם אַמט בלויז א קורצע צייט, האָבען ניט געקראָגען באַצאָהלט פאַר זייער ארבייט.

ערשט אין יאָהר 1890 האָבען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, ביי א גענעראַל מיטינג, באַשלאָסען אָנצושטעלען א סעקרעטער, וועלכער זאָל זיך שטענדיג אָפּגעבען מיט די געשעפטען פון די געווערקשאַפטען.

אלס ערשטער באַצאָהלטער סעקרעטער מיט א געהאַלט פון 6 דאָלער א וואָך (געצאָהלט האָט מען נאָר דאן, ווען עס פלעגט זיין געלד

אין דער קאַסע), איז ערוועהלט געוואָרען דער שרייבער פון דיזע צייל̇ען, וועלכער האָט געהאַלטען דעם אַמט ביז׳ן 1טען יולי, 1893, ווען די גע־ווערקשאַפטען האָט שוין געצעהלט 32 אידישע יוניאָנס.

דעם 1טען יולי, 1893, איז ערוועהלט געוואָרען אַלס סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען י ע ק ב מ י ל ך, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אַ האַלץ־שניצער. (דאָס איז דער באַקאַנטער שרייבער יעקב מילך, וועלכער איז איצט אַ רייכער געשעפטסמאַן.) מילך איז דעמאָלט געשיקט געוואָרען פון דער אידישער סעקציע (ברענטש 8, ס. ל. פּ.) אַלס דעלעגאַט צו די געווערקשאַפטען. זיין געהאַלט אַלס סעקרעטער פון די געווערק־שאַפטען איז שוין געווען 12 דאָלער אַ וואָך.

ווי שוין געזאָגט, האָט אין יענער צייט די געווערקשאַפטען פאַרמאָגט 32 אידישע יוניאָנס פון די פאָלגענדע טריידס: קלאָוק און סוטס, פאַר־אייניגטע שניידער יוניאָן פון מענער־קליידער, ליידיס ווייסט און ראַפּער מאַכערס יוניאָן, שוירט מאַכער יוניאָן, ני־פּענטס מאַכער יוניאָן, לאָנדריי־אַרבייטער, קעפּ מאַכער יוניאָן, קלינערס יוניאָן און אַ רייהע קלענערע יוניאָנס.

מילך האָט געהאַלטען זיין אַמט ניין מאָנאַטען. אַלס סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען איז ער באַזונדערס געווען טעטיג אויף דעם געביט צו זאַמלען ברויט, וואורשט, פלייש און אַנדערע שפּייז פאַר דער פּרייער קיך, וואָס די געווערקשאַפטען האָט געגרינדעט פאַר די אַרבייטסלאָזע.

אין יאָהר 1894, איז אויפ׳ן פּלאַץ פון יעקב מילך ערוועהלט געוואָרען אַלס סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען א. ש אַ פּ י ר אָ, אַ העמדעל־נייהער, אַ דעלעגאַט פון דער שוירט מאַכער יוניאָן. (ער איז איצט אַן אָנגעשטעלטער ביי דער זינגער נייה־מאַשין קאָמפּאַני.) שאַפּיראָ האָט אַלס סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען, פון 1894 ביז 1897, געהאַט דורכצומאַכען די ערגסטע צייט אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. באַלד ווי ער איז געוואָרען סעקרעטער זיינען אין קלאָוק מאַכער טרייד געוואָרען צוויי יוניאָנס: איינע אַן אַלטע יוניאָן און אַ צווייטע איז געגרינדעט געוואָרען אַלס אַן אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן. די ביידע יוניאָנס האָ־בען געפיהרט צווישען זיך אַ קאַמף אויף לעבען און טויט. וועגען דיזען קאַמף וועט דער לעזער געפינען אויספיהרליך אין דעם קאַפּיטעל וועגען דער קלאָוק מאַכער יוניאָן.

די מענער־שניידער יוניאָן, וועלכע איז געווען פאַרבונדען מיט די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אָוו אַמעריקאַ", איז צו יענער צייט גע־ווען זעהר קאָנסערוואַטיוו, דעריבער האָט זיך אין שניידער טרייד געגרינ־

דעם א צווייטע יוניאָן, אַן אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן, וואָס האָט זיך גערופען די „אינטערנעשאָנאַל שניידער יוניאָן". נאַטירליך, זיינען אַלע דאַמאַלס־דיגע פּראָגרעסיווע יוניאָנס געשטיצט געוואָרען פון די געווערקשאַפטען, און זיי זיינען פון זיי אנערקענט געוואָרען, ווייל די קאָנסערוואַטיווערע קלאָוקס און שניידער יוניאָנס האָבען זיך פון די געווערקשאַפטען דעמאָלט צוריקגעצויגען.

אין יענער פּעריאָדע איז אנגעקומען דעניעל דעליאָן מיט דעם אָר־בייטער־אָרדען „נייטס אָוו לייבאָר". 12 אידישע יוניאָנס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם ניו יאָרקער „דיסטריקט 49" פון די „נייטס אָוו לייבאָר" און זיי האָבען זייערע פאַרזאַמלונגען געפיהרט אין געהיים. (אַזוי האָט זיך עס געפיהרט אין אַלע יוניאָנס פון די „נייטס אָוו לייבאָר".) יענע מגפה „נייטס אָוו לייבאָר" האָט עקזיסטירט בלויז איין יאָהר צייט און ווען די דזשענעראַל אַסעמבלי פון די „נייטס אָוו לייבאָר" האָט סוס־פּענדירט דעם ניו יאָרקער דיסטריקט 49 נייטס אָוו לייבאָר פון דעם אָרדען, צוזאַמען מיט דעם פיהרער דעניעל דעליאָן, האָט זיך דעליאָן נישט אָפּגעשראָקען און האָט געגרינדעט א נייעם יוניאָן־פאַרבאַנד, וועל־כען ער האָט א נאָמען געגעבען „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַליי־ענס", אָן וועלכען אַלע אידישע יוניאָנס, וואָס האָבען פאַרלאָזען די „נייטס אָוו לייבאָר", האָבען זיך גלייך אָנגעשלאָסען. די פאַראייניג־טע אידישע געווערקשאַפטען איז געוואָרען דער דיסטריקט 2 פון יענער נייער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס".

די „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס" איז געגרינדעט גע־וואָרען אין דעצעמבער, 1895, אין דייטשען לייבאָר לייסעאום, 64 איסט 4טע סטריט, אויף א קאָנווענשאָן וועלכע דעניעל דעליאַן האָט פאַררו־פען. די אידישע ארבייטער האָבען געשפּילט א גרויסע ראָלע אויף יענער קאָנווענשאָן, ווייל די גרעסטע צאָהל דעלעגאַטען זיינען געווען פון אונ־זערע אידישע יוניאָנס. עס זיינען אויך געווען פאַרטרעטער פון א פּאָר דייטשע און פון דריי ענגלישע יוניאָנס פון דעם דיסטריקט 49 „נייטס אָוו לייבאָר". פון די דאַמאַלסדיגע פּראָמינענטע פּערזאָנען פון דער באַ־וועגונג זיינען געווען אנוועזענד ביים קאָנווענשאָן: ד ע נ י ע ל ד ע־ ל י אָ ן, דער הויפּט מיוחס; י ו ג אָ פּ אָ ג ט, דער רעדאַקטאָר פון „סאָציאַליסט" (דייטשער פּאַרטיי־אָרגאַן) פון דער ס. ל. פּ.; פּ ע ט־ ר י ק מ ו י ר פ י, וועלכער איז געווען דער סעקרעטער פון דיסטריקט 49 „נייטס אָוו לייבאָר" (דיזער פּעטריק מוירפי, אַן איירישמען, האָט געשפּילט דאָן א גרויסע ראָלע אין דער באַוועגונג. ער איז געוואָרען

א מעמבער פון דער ס. ל. פּ. און דער גרעסטער אָנהענגער פון דעליאָנ'ען);
עס איז אויך געווען א דעלעגאט מיט'ן נאָמען מ. ב ר אָ ו ע ר, אן
אמעריקאנער, פון דער שוהמאכערס יוניאן פון די „נייטס אָוו לייבאָר".
ער איז געווען דער „מאסטער־וואָרקמען" (פּרעזידענט) פון דיסטריקט 49
„נייטס אָוו לייבאָר". ער מיט פּעטריק מוירפי'ן האָבען געשפּילט נאָכ־
הער א גרויסע ראָלע אין דער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אליי־
ענס". פון די אידישע סאָציאליסטען זיינען דאָרט געווען א. ש אַ־
פּ י ר אָ, דער דאמאָלסדיגער סעקרעטער פון די פאראייניגטע אידי־
שע געווערקשאפטען; י ו ס ף ש ל אָ ס ב ע ר ג, ס. ד. ק ו־
פּ ע ר, מ. ה א ר ק אָ ו ו און אנדערע. א צוועלף אידישע יוניאנס
זיינען געווען פארטראָטען ביי יענער קאָנווענשאָן.

אויף יענער קאָנווענשאָן האָט דעניעל דעליאָן פאָרגעלייגט זיין פּלאן
פון גרינדען א סאָציאליסטישען אָרדען פון טרייד יוניאנס, מיט'ן נאָמען
„סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אליענס". ער האָט ערקלערט, אז די
„אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" איז א „פּיור ענד סימפּל" אָרגאַ־
ניזאציע פון פאכען־יוניאנס, וועלכע קעמפען נאָר אויפ'ן עקאָנאָ־
מישען געביט. דיזע יוניאנס איז זאָגאר פארבאָטען צו שטיצען וועלכע
עס איז פּאָליטישע פּארטיי. צו דערזעלבער צייט אָבער זיינען די פיהרער
פון די מעהרסטע יוניאנס פון דער א. פ. אָוו ל. פּאָליטישענס פון די
צוויי גרויסע פּאָליטישע פּארטייען, די רעפּובליקאנישע און די דעמאָ־
קראטישע; דאָס מיינט, האָט דעליאן געזאָגט, אז זיי זיינען פּשוט'ע
„פייקערס", וואס פארשאכערען זייערע יוניאנס צו די בודעל־פּאָליטי־
שענס פון די קאפּיטאליסטישע פּארטייען.

דעליאן האָט אויך געזוכט צו באווייזען, אז די גאנצע ארבייט וואס
די סאָציאליסטען האָבען פאר די לעצטע צוואנציג יאהר אוועקגעגעבען
אויף צו בויען און שטארק מאכען די יוניאנס, איז געווען ארויסגעווארפען.
זי האָט ניט געבראכט קיינע רעזולטאטען פאר דעם סאָציאליזם.

— איהר, סאָציאליסטען, — האָט דעליאָן גע'טענה'ט, — האָט ביז
איצט געגלויבט, אז עס איז נויטיג צו בויערען די יוניאנס פון אינעווייניג.
דאָס איז געווען פאלש, ניט פּראקטיש. וואס האָט איהר אויסגעפיהרט?
אלעס וואס מיר זעהען איין, וואָס עס איז יעצט פּראקטיש, איז צו גרינ־
דען א סאָציאליסטישען פארבאנד פון טרייד־יוניאנס פון גאנצען לאנד;
א פארבאנד, וועלכער זאָל אין זיך ארייננעמען אלע יוניאנס, סיי די, וואס
באלאנגען צו דער א: פ. אָוו ל., און סיי די וואס געהערען צו די „נייטס
אָוו לייבאָר" אָהן אונטערשיד. דיזע יוניאנס זאָלען ניט זיין געצוואונ־

גען צו פארלאָזען זייערע פארבאנדען. זיי קענען דארטען אויך פארבלייבען און אויך באלאנגען צו אונזער פארבאנד. די סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס — האָט ער ערקלעהרט, — וועט אויך זעהן אָרגאַניזירען אַלע ניט אָרגאַניזירטע ארבייטער אונטער אַ סאָציאַליסטישער פאָן, און די אַלע ארבייטער וועלען קעמפען ניט נאָר אויפ׳ן עקאָנאָמישען באָדען, נאָר וועלען זיך אויך באטייליגען אין פאָליטישען קאמף. אויף דיזען וועג וועלען די ארבייטער קומען צום „קלאסענבאוואוסטען״ סאָציאַליזם און דער סאציאליסטישער אידעאל וועט שנעל פארווירקליכט ווערען...

די קאָנווענשאָן האָט מיט גרויס באגייסטערונג אויפגענומען די רעדע און די פּרינציפּען ערקלעהרונג פון דעניעל דעליאָן.

דעליאָן האָט ערקלערט זיין פּלאן ווי פאָלגט:

„פון די אָפענע יוניאָנס פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָבען מיר די סענטראל פעדעריישאָן מיט איהרע זיבען־און־צוואנציג פּראָגרעסיווע יוניאָנס, מיר האָבען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען מיט פינף־און־צוואנציג יוניאָנס, פון די ברוקלינער סענטראל לייבאָר יוניאָן — צוועלף יוניאָנס, פון נוארק זיבען יוניאָנס און יעצט ווען דער גאַנצער דיסטריקט 49 איז ארויס פון די „נייטס אָוו לייבאָר״ און ער וועט אונטער דעם זעלבען נאָמען „49״ זיין פארבונדען אַלס אַן אָרגאַניזאציע מיט אונזער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס״, וועלען מיר, סאָציאַליסטען, דערגרייכען אונזער ריכטיגען ציל״, — האָט דעליאָן געשלאָסען זיין רעדע.

די „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס״ האָט דעליאן געגרינדעט גראָד אין דער צייט, ווען ער האָט זיך צוקריגט מיט ד ז ש י י מ ס ס אָ ו ו ע ר ן, דעם דזשענעראל מאסטער־וואָרקמען פון די „נייטס אָוו לייבאָר״, וועלכער איז ביי דער נאציאָנאלער קאָנווענשאָן פון יענעם יאהר ערוועהלט געוואָרען אַלס דער דזשענעראל „מאסטער־וואָרקמען״ (פּרעזידענט) פון גאנצען אָרדען „נייטס אָוו לייבאָר״, אויפ׳ן פּלאַץ פון דעם אַלטען מאַסטער־וואָרקמען, טערענס פּאַודערלי, וועגען וועלכען איך האָב שוין פריהער געשריבען.

עס האָט ניט גענומען לאנג און עס האָט אויסגעבראכען אַ קריג צווישען דעליאנ׳ען און דעם מאסטער־וואָרקמען פון די „נייטס״, סאָווערן, און דעליאן האָט ערקלעהרט דעם גאנצען אָרדען „נייטס אָוו לייבאָר״ פאר קאָרופּט. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער, 1895.

דיזען קאמף מיט די „נייטס״ און מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, האָט דעליאָן געפיהרט דורך דער „פּיפּעל״, דעם ענגלישען אָרגאַן פון דער ס.

ל. פּ., וועלכע ער האָט רעדאַקטירט. גאַנצע זייטען פון דער „פּיפּעל" זיינען געווען פאַרנומען מיט אַטאַקעס אויף די „פּייקערס". אויף דער קאָנווענשאָן פון דער ס. ל. פּ., וועלכע איז פאָרגעקומען אין יולי, 1896, אין ניו יאָרק, האָט דעליאָן אַריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע, אַז אַלע פּאַרטיי־סעקציעס פון לאַנד זאָלען זיך אַריינוואַרפען אין דער באַוועגונג צו אָרגאַ־ניזירען לאָקאַלס פון דער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַליענס".

צווישען די דעלעגאַטען פון יענער ס. ל. פּ. קאָנווענשאָן זיינען געווען אַ סך אַזוינע, וואָס האָבען ערקלעהרט, אַז די נייע קערפּערשאַפט, די „אַליענס", וועלכע איז אַן אָפּאָזיציע צו די עקזיסטירענדע יוניאָנס, וועט ברענגען שאָדען סיי די יוניאָנס און סיי דער פּאַרטיי. די דייטשע סאָ־ציאַליסטישע „פאָלקסצייטונג" פון ניו יאָרק איז אויך געווען געגען דער „אַליענס". אַ סך פון די דאַמאַלדיגע עלטערע סאָציאַליסטען, זיינען געווען איינפאַרשטאַנען מיט דער „פאָלקסצייטונג".

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ פּאָלעמיק צווישען ביידע צייטונגען, צווישען דער „פאָלקסצייטונג" און דער „פּיפּעל". יעדען איינציגען סאָ־ציאַליסט, וואָס האָט נאָר געוואַגט צו זאָגען אַ שלעכט וואָרט אויף דער „אַליענס", האָט מען אין דער „פּיפּעל" ערקלעהרט פאַר אַ פאַררע־טער צו דער פּאַרטיי. יענע פּאָלעמיק איז אייגענטליך געווען דער אָנ־פאַנג פון דעם קריג, וועלכע האָט שפּעטער געפיהרט צו דער שפּאַל־טונג אין דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי.

די „אַליענס" האָט גלייך אין אָנפאַנג געהאַט אַ דורכפאַל. ביי דער ערשטער קאָנווענשאָן האָט דעליאָן פאַרזיכערט אַז אַ גרויסער טייל פון די „נייטס", און וועך רעדט שוין פון דיסטריקט 49, וועלען אַרי־בער צו דער „אַליענס". אויסגעלאָזען האָט זיך אָבער, אַז פון די „נייטס" איז קיינער ניט געקומען, אויסער 3 יוניאָנס פון'ם אויסגעשלאָסענעם דיסטריקט 49. דאָס וואָלט נאָך ניט געווען די גרעסטע צרה. די ריכ־טיגע צרות האָבען זיך אָנגעפאַנגען ווען דער „אַליענס" האָט זיך אַ נעם געטאָן גרינדען אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס פון קלאָוק מאַכער, שניידער, סיגאַר מאַכער, א. ז. וו., וועלכע מען האָט גערופען „קלעס־קאָנשיאָס" (קלאַסען־באַוואוסטע) יוניאָנס.

די קאָנסטיטוציע פון דער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַליי־ענס" איז געווען אויסגעאַרבייט לויט דעם זעלבען פּלאַן, ווי די „נייטס אָוו לייבאָר", ווייל דעליאָן'ס האָפענונג איז געווען אַריבערצוקריגען אין „עליענס" אַלע יוניאָנס פון די „נייטס". די „נייטס" איז געווען אַ שטרענג צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע. די באַזונדערע יוניאָנס וועלכע

האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער „עלייענס" האָבען ניט געהאַט קיין ברע־קעל זעלבסטשטענדיגקייט אפילו צו ערקלעהרען א סטרייק.

פאר דער גאנצער צייט פון איהר עקזיסטענץ האָט די „אליייענס" ארויסגעגעבען איבער'ן גאנצען לאַנד צוויי הונדערט און אכט און צוואַנ־ציג טשארטערס. דיזע טשארטערס זיינען ניט ארויסגעגעבען געוואָרען בלויז צו פֿאַך־יוניאָנס, ווייל די „אליייענס" האָט געהאַט א היבשע צאָל „געמישטע" לאָקאלס, וואס זיינען אייגענטליך ניט געווען קיינע אמת'ע טרייד־יוניאָנס.

די הויפט טעטיגקייט האָט זיך אָנגעפאנגען דאן, ווען די „אליייענס" האָט געגרינדעט דעם אפּאזיישאָן לאָקאל פון סיגאר מאכערס, אונטער דעם נאָמען „פּיאָניר סיגאר מייקערס עליענס". דיזער לאָקאל האָט, לויט א באַפעהל פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו פון „אליייענס", אויפ־געפאָדערט זיינע מעמבערס צו פארנעמען די פּלעצער פון די סטרייקענדע ארבייטער פון דער אינטערנעשאָנאל סיגאר מאכער יוניאן, ביי דער פיר־מע ס. דייוויס, פון דער 81טער סטריט, ניו יארק.

אייניגע הונדערט סיגאר מאכער פון יענעם שאָפּ זיינען דאן ארונ־טער אין סטרייק, ווייל מען האָט ביי זיי ארונטערגענומען פון די יוניאן־פּרייזען. ניט האָבענדיג געגוג אייגענע מיטגלידער אָנצופילען דעם שאָפּ, האָבען די „פּיאָנערען" סיגאר מאכער פון דער „אליייענס" אנאָנ־סירט אין ענגלישע צייטונגען בזה הלשון: „סיגארענמאכער פארלאנגט, האנט־ארבייט פון 9 דאָלער מיט 25 סענט ביז 17 דאָלער א טויזענד". אונטערגעשריבען „פּיאָניר סיגארענמאכער פון סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אליינעס", נאָכצופרעגען ביי ס. דייווים און קאָ., 250 איסט 81טע סטריט".

א צווייטע העלדישקייט האָט די „אליייענס" ארויסגעוויזען, ווען אין ניו יארק האָבען געסטרייקט מאשיניסטען, מיטגלידער פון דער אמע־ריקאן פעדערײשאָן אוו לייבאָר.

דער מאשיניסטען לאָקאל פון דער „אליייענס" האָט באזאָרגט די באָלעבאַטים מיט מאשיניסטען.

א שטארקע אומצופרידענהייט האָט ארויסגערופען ביי די גרעסטע צאָהל סאָציאליסטען פון דער ס. ל. פּ. דער פאקט, וואס די דזשענעראל עקזעקוטיוו פון דער „אליייענס" האָט געגעבען אַן אָרדער צו זייערען א לאָקאל פון פיינטערס צו געהן אויף די פּלעצער פון סטרייקענדע פיינטער ארבייטער פון א יוניאן פון דער אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין יאנקערס. די אידישע פיינטער ארבייטער פון דער „אליייענס" האָ־

בען דיזען אָרדער פון דזשענעראַל באָארד פון דער „אַלייענס” ניט גע־פאָלגט, און זייער פיינטער לאָקאַל איז דערפאר סוספענדירט געוואָרען.

עס מוז דאָ באַמערקט ווערען, אז די „אַלייענס” האָט אויך גע־האַט ריכטיגע, וואס מען רופט „באָנאַפייד” יוניאָנס, אָבער דאָס זיינען געוועזען אַלע יוניאָנס, וועמעס מעמבערס זיינען געווען סאָציאַליסטיש גע־זאָנען. דיזע יוניאָנס האָבען שוין עקזיסטירט פון יאהרען־לאַנג, און זיי האָבען געגלויבט, אז דורך דער „אַלייענס” וועלען די אַרבייטער ווערען מעהר קלאַסען־באַוואוסט. דעניעל דעליאָן האָט ביי דער גרינדונג פון „אַלייענס” ערקלעהרט, אז די „אַלייענס” וועט זיך מעהרסטענס באַ־שעפטיגען מיט דער אָרגאַניזירונג פון די נאָך־ניט אָרגאַניזירטע טריידס. פון גרינדען אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס איז אין אָנפאַנג גאָר קיין רייד ניט געווען.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואס די „אַלייענס” האָט מיט אזא טאַקטיק, מיט אזא פיהרונג, מיט אזא גייסט, ניט געקאָנט האָבען קיין ערפאָלג. אַלע עלטערע און ערפאהרענע סאָציאַליסטען זיינען געווען שטארק אומצופרידען מיט דער פיהרונג פון „אַלייענס”.

די „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס” האָט מיט איהר טאַק־טיק זיך אליין פארניכטעט. דעניעל דעליאָנ'ס פלענער, זיין טאַקטיק און זיין קאָמאַנדעווען האָבען ארויסגערופען ענטריסטונג אפילו ביי זיינע אייגענע פריינד און אָנהענגער און דער רעזולטאַט איז געווען, אז אויף דער באַפאַלאָ'ער קאָנווענשאָן פון „אַלייענס” איז דעליאָן זאָגאר ניט מעהר ערוועהלט געוואָרען אַלס אַן עקזעקוטיוו מעמבער פון דער „אַלייענס”.

די „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס” איז געשטאָרבען און דעליאָן האָט מיט יאָהרען שפּעטער אָפיציעל באַגראָבען דעם מת אויף דער קאָנווענשאָן, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען די „אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד”, אין יאָהר 1905

אין יאָהר 1896 איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג פון די „פאָרווערטסיס־טען” געגען דער ס. ל. פּ. דאָס איז געווען אין יאַנואר, 1896. די אי־דישע מיטגלידער פון דער ס. ל. פּ. האָבען זיך צוטיילט אויף צוויי באַ־זונדערע פראַקציעס, איין פראַקציע איז באַשטאַנען פון די אַזוי־גערופענע „לאָיאַלע” מיטגלידער, וועלכע האָבען געהאַלטען מיט דעליאָנ'ען און זיינען פארבליבען מיט דער ס. ל. פּ., און די צווייטע פראַקציע — פון „פאָרווער־טסיסטען”, וועלכע האָבען אין אפּריל, 1897, געגריינדעט דעם „פאָרווערטס”, האָבען פארלאָזען די ס. ל. פּ. און זיך אָנגעשלאָסען אָן דער סאָציאַלי־דעמאָקראַטישער פאַרטיי פון אמעריקא, וועלכע איז דעמאָלט נאָר וואס

געגרינדעט געווארען פון יודזשין וו. דעבס. דער קאַמף צווישען אָט די צוויי סאָציאַליסטישע פראַקציעס איז אויך אָנגעפיהרט געווארען אין יע־דער אידישער יוניאָן פון ניו יארק און אויך ביי די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין די געווערקשאַפטען זיינען פון 25 יוניאָנס געבליבען בלויז דריי. א סך אידישע יוניאָנס, וואס האָבען דע־מאָלט פארלאזען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, האָבען גע־גרינדעט א נייע אָפּאָזיציאָנס צענטראַל־קערפּערשאַפט, די „היברו פעדע־רייטעד טריידס", וועמעס סעקרעטער איז געווען א געוויסע צייט ב. ו ו ע ק ש ט י י ן, פון די נוארקער בעקער יוניאָן, און נאָכהער ג. ר אָ ז ע נ א ו ע ר פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן.

מען קען זיך פאָרשטעלען, וואָס דער אַלטער סעקרעטער פון די גע־ווערקשאַפטען, שאַפּיראָ, האָט געהאַט דורכצומאַכען אין דער פעריאָדע.

שאַפּיראָ האָט דעם אַמט פון סעקרעטער פארלאָזען א צובראָכענער מענש. דאָס איז געווען אין ענדע פון יאהר 1896.

פון 1897 ביז 1899 האָבען דעם אַמט פון סעקרעטער ביי די גע־ווערקשאַפטען פארנומען ס. פּ אָ מ ע ר א נ ץ, פון די פּרינטינג פּרעססמענס יוניאָן, און א צווייטער איז געווען מ. פּ י ן, פון דער אידישער סעקציע ס. ל. פּ. א דריטער איז געווען א סעלצער־דרייווער מ א ק ס פ ר י ד ל ע נ ד ע ר פון דער אידישער סעלצער־מאַכער יוניאָן. אָט דיזע סעקרעטארען האָבען שוין געהאַט אביסעל א שטילערע צייט.

אָבער אין יולי, 1899, איז אין דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי (ס. ל. פּ.) פאָרגעקומען א צווייטע שפּאַלטונג געגען דעניעל דע־ליאָן, וועלכער האָט יענע רעוואלוציאָנערען א נאָמען געגעבען די „קענ־גערוס". די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען איז אריבער צו די „קענגערוס", צוזאמען מיט א 8־7 יוניאָנס, וועלכע זיי האָבען געהאַט. דער סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען איז דאמאלסט געווען מ. פריד־לענדער.

# די שפּאַלטונג אין דער ס. ל. פּ. און די גרינדונג פון „פאָרווערטס".

דער גרויסער קאַמף אין דער ס. ל. פּ. צוליב די אָפּאָזיציאָנס־יוניאַנס. — די „אַבענד בלאַט" און דער באָסטאָנער „אמת". — ווי אַזוי דער „פאָרווערטס" איז געגרינדעט געוואָרען. — די צווייטע שפּאַלטונג אין דער ס. ל. פּ. — יודזשין וו. דעבס און די גרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. — די ווידער־פאַראייני־גונג פון די געווערקשאַפטען. — פון 1899 ביז 1909. — די נייע עפּאָכע אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג. — די היסטאָרישע גענעראַל סטרייקס און די די גרינדונג פון די גרויסע אידישע יוניאָנס.

פון יאהר 1890 ביז 1893, די ערשטע דריי יאהר צייט נאָך דער גרינדונג פון דער „ארבייטער צייטונג", האָבען די אידישע סאָציאַליס־טען געארבייט זעהר האַרמאָניש. אין יענע ערשטע דריי יאהר איז אָנ־געגאַנגען א פיבערהאַפטע טעטיגקייט צו גרינדען אידישע יוניאָנס פון פאַרשידענע טריידס. זעהר פיל ענערגיע האָט ביי די סאָציאַליסטען צו־גענומען אין יענע יאָהרען די דיסקוסיעס מיט די אַנאַרכיסטען.

דיזע דעבאַטען פלעגען פאַרקומען, ווי איך האָב שוין פריהער דער־צעהלט, ביי די אַגיטאַציאָנס מיטינגען פוןביידע פּאַרטייען. זעהר אָפט אויך ביי די מיטינגען פון פאַרשידענע אידישע יוניאַנס. ווען ביידע פראַקציעס האָבען שוין געהאַט זייערע צייטונגען, פלעגען די דיסקוסיעס געפיהרט ווערען אין דער סאָציאַליסטישער „ארבייטער צייטונג" און אין דער אַנאַרכיסטישער „פרייע ארבייטער שטימע".

יעדע איינע פון דיזע פראַקציעס פלעגט איין מאָל א יאָהר האַלטען, וואָס מען פלעגט רופען א פּאַרטיי־טאָג, א קאָנווענשאָן. צו די סאָציאַ־ליסטישע צוזאַמענפאָהרען פלעגען קומען דעלעגאַטען פון די אידישע סעקציעס ס. ל. פּ. פון די פאַרשידענע שטעדט, און צו די אַנאַרכיסטישע פלעגען זיך צוזאַמענקומען דעלעגאַטען פון אַנאַרכיסטישע גרופּען. אָבער זייט דעם באַריהמטען „אומפּאַרטייאישען פּאַרטיי־טאָג" פון 1889־טען יאָהר, זיינען ביידע פראַקציעס זיך שוין קיינמאָל מעהר ניט צוזאַ־מענגעקומען אויף איין קאָנווענשאָן.

אויף די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־טאָגען פלעגט מען פאַרהאַנדלען די פראַגען ווי אַזוי אַם בעסטען אָנצופיהרען די מינדליכע און שריפט־ליכע אַגיטאַציע פאַר׳ן סאָציאַליזם, ווי אויך פראַגען פון טאַקטיק, הויפּט־זעכליך וועגען די באַציהונגען פון די סאָציאַליסטען צו די טרייד־יוניאָנס.

אַזוי איז ביי דעם פּאַרטיי־טאָג פון די אידישע סאָציאַליסטען, אין יולי, 1891, אין ניו יאָרק, אין אידישען סאָציאַליסטישען לייבאָר ליי־סעאום, 91 דעלענסי סטריט, באַשלאָסען געוואָרען ארויסצוגעבען אַ מאָנאַט־ליכען זשורנאַל „די צוקונפט".

אין יאַנואַר, 1892, איז ערשינען דער ערשטער נומער „צוקונפט", אונטער דער רעדאַקציע פון פיליפּ קראַנץ.

ענדע יאָהר 1893, האָט שוין די „אַרבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן" געהאַט באַשלאָסען ארויסצוגעבען אַ טעגליכע סאָציאַליס־טישע צייטונג, „דאָס אַבענד בלאַט".

אָבער שוין ביים פּאַרטיי־טאָג פון די אידישע סעקציעס פון דער ס. ל. פּ. וועלכער איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער, 1893, אין נוארק, ניו דזשוירזי, איז ל. מילער, וועלכער איז דאַן געווען איינער פון די טע־טיגסטע גענאָסען, צום ערשטען מאָל ארויסגעטראַטען מיט אַ באַשולדיגונג, אַז אין די „אַרבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן" איז פאַראַן אַ „קליקע", פון אַ קליינע צאָהל מענשען, וועלכע באַהערשט אַלע אָפּ־טיילונגען פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג, און אַז די דאָזיגע „קליקע" פאַרדאַרבט און פאַרגיפטעט די באַוועגונג. אויך אַנדערע דעלעגאַטען, מעהרסטענס פון די קאָנטרי שטעדט, האָבען זיך באַקלאָגט אַז ניו יאָרק באַהערשט און רואינירט די גאַנצע באַוועגונג. עס זיי־נען ארייגעקומען פילע פּראָטעסטען און רעזאָלוציעס געגען דער ניו־יאָרקער פאַרוואַלטונג. צום שלום אָבער האָבען אַלע דעלעגאַטען געשלאָ־סען פרידען און האָבען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז אַלע אידישע סאָ־ציאַליסטען זאָלען ארייננטרעטען אַלס מעמבערס אין דער „אַרבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן", כדי צו ווירקען אַז אַלעס זאָל דאָרט אָנגעפיהרט ווערען ווי עס בעדאַרף צו זיין.

באַלד איז אין יאָהר 1894 ערשינען דאָס „אַבענד־בלאַט". פילע גענאָסען פון ניו יאָרק און פון די קאָנטרי־שטעדט זיינען ניט גע־ווען צופרידען מיט די אַרטיקלען פון „אַבענד־בלאַט". דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען אַזוי געפעהרליך. דער אמת׳ער טראָבעל האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען ווען דעניעל דעליאָן, וועמען זיינע געגנער פלעגען רופען דער „דיקטאַטאָר", האָט געגרינדעט די „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר

אליייענס", וועלכע האָט גענומען גרינדען אָפּאָזיציאָנס יוניאָנס; עס האָבען זיך דאָן אָנגעפאַנגען צאַנקערייען צווישען די שניידער און קלאוק מאַכער, וועלכע האָבען שוין געהאַט צווייערליי יוניאָנס.

אין דער „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן", און אין דער אידישער סעקציע ס. ל. פּ., ווי אויך צווישען די דעלעגאַטען צו די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען זיינען צו יענער צייט פאָרגעקומען צאַנקערייען צוליב דעם, וואס א קליינע גרופּע מענשען האָבען „באַהערשט" די אַלע אויבען־אויסגערעכענטע אָרגאַניזאציעס. דיזע גרופּע, אָדער „קליקע", ווי מען האָט זיי דאַן גערופען, פלעגט דאָרטען דורכפיהרען אַזעלכע פאָרשלאַגען מיט וועלכע די גרויסע צאָהל סאָציאַליסטען זיינען געווען שטארק אומצופרידען. זיי פלעגען אַטאַקירען די „קליקע" פאר נעמען אָרדערס פון דעניעל דעליאָן.

דעם ריכטיגען סיגנאַל צו דער ערשטער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.) האָט געגעבען מ אָ ר י ס ווינטשעווסקי אין זיין בארימטען ארטיקעל „פויל אָדער צוגעפוילט", וועלכען ער האָט אָפּגעדרוקט אין „אמת", דעם 9טען אוגוסט, 1895.

דער „אמת" איז געווען א וועכענטליכער זשורנאַל, וועלכען די באָסטאָנער סעקציע פון דער ס. ל. פּ. האָט געגרינדעט אין יאָהר 1895, ווען ווינטשעווסקי איז אריבערגעקומען פון לאָנדאָן נאָך אמעריקא.

מאָריס ווינטשעווסקי, ועמען אלע אין דער ארבייטער באוועגונג האָבען שוין דאַן גערופען דער „זיידע" פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג, איז געווען איינער פון די ערשטע אידישע סאָציאַליסטען, וועלכער האָט נאָך אין יאהר 1876 געשריבען אין דעם העברעאישען זשורנאַל „האמת" סאָציאַליסטישע אַרטיקלען. אין יאהר 1883, איז ווינטשעווסקי געווען דער רעדאקטאָר פון א פּריוואַטער ראַדיקאַלער אידישער צייטונג, „דאָס פּוילישע אידעל", וועלכע איז ערשינען אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. אין יאָהר 1886 איז ווינטשעווסקי געוואָרען א מיטאַרבייטער אין לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד", א אידישע ארבייטער־צייטונג, ארויסגעגעבען פון אַנאַרכיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען. מאָרים ווינטשעווסקי האָט זיך באַריהמט געמאכט אלס דער ערשטער פּאָעט, וואס האָט געשריבען סאָציאַליסטישע און ארבייטער־געדיכטען אין אידיש, ווי אויך מיט זיינע „געדאַנקען פון א משוגענעם פילאָזאָף". אין אמעריקע איז ער געקומען אין ענדע פון יאָהר 1894 און איז גלייך געוואָרען א מיטארבייטער אין אונזערע צייטונגען. אין זיין אַרטיקעל „פּויל אדער צוגעפוילט אין באָסטאָ־

נער „אמת“ פון יאָהר 1895, האָט ווינטשעווסקי געמאַכט א שטאַרקע אטאַקע אויפ׳ן „אבענד־בלאַט“, קריטיקירענדיג די ארטיקלען וועלכע זיינען געווען דאָרטען געדרוקט אלס ניט סאָציאַליסטישע. אויך האָט ווינטשעווסקי באהויפּטעט, אז אין „אבענד־בלאַט“ איז ניטאָ קיין פרייע פּרעסע, און די סאָציאַליסטען וועלכע זיינען אין דער מינאָריטעט, האָבען דאָרט קיין מעגליכקייט ניט אויסצודריקען זייערע מיינונגען איבער טאַקטישע פראַגען פון דער סאָציאַליסטישער און טרייד־יוניאָן באוועגונג.

ווינטשעווסקי האָט געפאָדערט „מעהר לופט“ און „מעהר ליכט“ אין „אבענד בלאַט“.

אין „אבענד־בלאַט“ האָט דאַן פיליפּ קראַנץ, דער רעדאַקטאָר געענטפערט אויף די באשולדיגונגען, וועלכע זיינען געמאַכט געווארען אין דעם ארטיקעל אין „אמת“ — מיט פארשידענע ערקלעהרונגען פון דעם שטאַנדפּונקט און פון דער טאַקטיק, וועלכע איז גוט־געהייסען געווארען פון דער מאַיאָריטעט מעמבערס פון דער ס. ל. פּ.

מילער, קאַהאַן און ווינטשעווסקי זיינען דאַן געווארען די פיהרער פון דער אַנטי־דעליאָן ריכטונג אין דער אידישער ארבייטער־באוועגונג. זיי האָבען ניט געגלויבט אין צוברעכען די יוניאָנס. זיי האָבען געפּרעדיגט פריינדליכע באציהונגען צו זיי און א פריינדליכע סאָציאַליסטישע אגיטאַציע צווישען זיי. זיי האָבען געגלויבט אין דער טאַקטיק פון „בויערן פון אינעווייניג“.

אין דער „ארבייטער ציימונג פּאָבלישונג אסאָסיאיישאָן“ זיינען ענטשטאַנען צוויי פראַקציעס: א דעליאָניסטישע און אן אַנטי־דעליאָניסטישע.

דער „אמת“ האָט זיינע אטאַקעס אָנגעפיהרט ביז צו ענדע פון יאָהר 1895. די אידישע סעקציע פון דער פּאַרטיי אין באָסטאָן האָט דאַן ארויסגעלאָזען אן אויפרוף פאַר א פּאַרטיי־טאָג, וואו די גאַנצע פראַגע זאָל גרינדליך באשפּראָכען ווערען. דער פּלאַן איז אָנגענומען געווארען. דער פּאַרטיי־טאָג האָט שטאַטגעפונדען אין וועבסטער האָל, ניו יאָרק, די לעצטע דריי טעג פון יאָהר 1895.

ביי דיזען פּאַרטיי טאָג זיינען אלע טענות געגען דער פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן גרינדליך דורכגעלופטערט געווארען. עס זיינען געמאַכט געווארען באשולדיגונגען, אז די „ארבייטער ציימונג פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן“ פיהרט זיך ווי א מין אריסטאָקראַטיע. זי נעמט ניט אריין קיין נייע מעמבערס. פּארטרייבט פון זיך די אינטעליגענטערע מענשען. אויך אז די פיהרער פון דער אסאָסיאיישאָן זיינען א ווערקצייג אין די

הענט פון דעליאָנ'ען. אז זי זוכט איהר דעליאָניסטישע מאַכט און איינ־פלוס צו פארשפרייטען איבער אַלץ — איבער די יוניאָנס און אנדערע אר־בייטער אָרגאַניזאַציעס. די רעדאַקציע פון „אבענד־בלאַט" איז אויך קריי־טיקירט געווארען, אז זי איז סתם אומפעאיג. די קאָנטרי דעלעגאַטען האָבען זיך באַקלאָגט, אז זייערע שטעדט ווערען אין „אבענד־בלאַט" באַ־האנדעלט ווי שטיף־קינדער.

געענדיגט האָבען זיך די שטורמישע דעבאַטען מיט אַ פאָרשלאַג, אז די גאַנצע פראַגע זאָל איבערגעגעבען ווערען צו דער נאַציאָנאַלער עק־זעקוטיוו קאָמיטע פון דער ס. ל. פּ., אז זי זאָל ענטשיידען ווער עס איז גערעכט. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געווארען.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער ס. ל. פּ. האָט באַשטימט א שידעס־געריכט־קאָמיטע פון די פאָלגענדע פערזאָנען: אַלעקסאַנדער יאָנאַס, דעניעל דעליאָן, לוסיען סעניעל, יוגאָ פאָגט און הענרי קוהן.

די ערשטע זיצונג פון דיזער קאָמיטע איז פאָרגעקומען דעם 9טען יאַנואר, 1896. ביידע קעמפענדע צדדים זיינען דאָרט געווען פארטראַ־טען. פון דעם פּאַרטיי־טאָג זיינען געווען: אב. קאַהאַן, ב. פייגענבוים, מ. זאַמעטקין, מ. ווינטשעווסקי און איזראַעל פּעסקין.*)

פון דער „אַרבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן" זיינען געווען אין יענער קאָמיטע: פיליפּ קראַנץ, ס. ד. קופּער, דזש. אייבעלסאָן, ב. וויינשטיין און ה. האַרקאָוו.

דיזער שידעס־געריכט האָט אָפּגעהאַלטען 18 זיצונגען און האָט אויס־געהערט די פאַרטרעטער פון ביידע צדדים. נאָך פילע באַראַטונגען האָט די קאָמיטע אַרויסגעגעבען איהר אנטשיידונג, אז אב. קאַהאַן זאָל פאַרבלייבען דער רעדאַקטאָר פון דער וועכענטליכער „אַרבייטער

---

*) איזראַעל און שמואל פּעסקין, צוויי ברידער, סאָציאַליסטען פון ווילנע, וועל־כע האָבען געשטודירט פריהער אין רוסלאַנד און דערנאָך אין דער שווייץ, זיינען אָנגעקומען אין ניו יאָרק אין אָנפאַנג פון די 90 יאָהרען, און זיינען גלייך געווארען טעטיג אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איזראַעל פּעסקין, דער עלטערער, איז מיט עטליכע יאָהר שפּעטער צוריק אוועקגעפאָהרען אין אייראָפּע. דער אינגערער ברודער, ש. פּעסקין, האָט אין ניו יאָרק אויסגעשטודירט דאָקטאָר מעדיצין און איז פאַר פילע יאָהרען געווען איינער פון די אנגעזעהענסטע סאָציאַ־ליסטישע שרייבער און לעקטאָרס. ער האָט זיך באַזונדערס שטאַרק אינטערעסירט מיט דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג און האָט געוועקט די אידישע ארבייטער, אז זיי זאָלען זיך אָרגאַניזירען אין יוניאָנס. א געוויסע צייט איז ער געווען דער רע־דאַקטאָר פון „צייט־גייסט", א וואָכען־בלאַט, אַרויסגעגעבען פון „פאָרווערטס". ער איז עד היום א מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס".

ציייטונג" און פיליפ קראַנץ — רעדאַקטאָר פון „אַבענד-בלאַט", ווי געוועזן, און אז אַלע סאָציאַליסטישע שרייבער זאָלען מיטאַרבייטען איןביידע צייטונגען. אָבער די ביידע צייטונגען זאָלען פון יעצט אָן זיין אונטער דער קאָנטראָל אי פון דער „אַרבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן", אי פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער ס. ל. פּ.

דיזע ענטשיידונג האָט ניט צופרידענגעשטעלט דער אָפּאָזיציע, וועלכע האָט גע'טענה'ט, אז די ענטשיידונג קען ניט קורירען די איבלען, איבערהויפּט ווען די „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַליעינס" האָט געהאַלטען אין איין אָרגאַניזירען אָפּאָזיציאָנס-יוניאָנס.

די אַטאַקעס פון איין צד אויפ'ן צווייטען זיינען ווייטער אָנגעגאַנגען א גאַנצען זומער פון יאָהר 1896. ענדע זומער ווען מען האָט געדאַרפט אָנפאַנגען צו אַרבייטען פאַר'ן סאָציאַליסטישען פּרעזידענשעל קאַמפּיין, האָבען די געגנאָסען פון ביידע לאַגערען געזוכט א וועג ווי אַזוי זיך צו אייניגען, כדי צו קענען אָנפיהרען געמיינשאַפטליך דעם סאָציאַליסטישען פּרעזידענשעל קאַמפּיין. גראַדע צו יענער צייט איז ל. מילער, וועלכער איז געוועזן אוועקגעפאָהרען אויף א פּאָר מאָנאַט אין אייראָפּא, צוריקגעקומען, און אַזוי ווי ער איז ניט געוועזן אין אַמעריקא אין דער צייט ווען די צאַנקערייען זיינען אָנגעגאַנגען צווישען ביידע צדדים, האָט ער געזוכט ווידער צוזאַמענצוברענגען ביידע צדדים. דאָס וואָרט „שלום" האָט געווירקט ווי א צויבער-וואָרט. כאָטש אייניגע פון די אַנטי-דעליאָניסטען זיינען געוועזן דאַגעגען, איז דאָך א פרידענס-קאָנפערענץ פאָרגעקומען (אין 9 ראַטגערס סטריט, וואו דער „אַבענד-בלאַט" איז אַרויסגעגעבען געוואָרען). מ'איז אָפּגעזעסען א גאַנצע נאַכט דעבאַטירענדיג. זיצענדיג צוזאַמען ביי איין טיש האָט מען גענומען פיהלען, אז די געפעהרליכע פּערזענליכע פיינדשאַפט ווערט קלענער. די באַציהונגען זיינען געוואָרען לייכטער. די פאָרשטעהער פון דער אַסאָסיאיישאָן האָבען צוגעזאָגט צו עפענען זייערע טירען און גרינגער מאַכען פאַר נייע מיטגלידער אַריינצוקומען, דאָס הייסט איינפיהרען אין דער אָרגאַניזאַציע א מעהר דעמאָקראַטישען גייסט.

מ א י ר ג י ל י ס און א. ל י ל ע נ ב ל ו ם, פון דער אָפּאָזיציע, זיינען זאָגאַר איינגעלאַדען געוואָרען צו ווערען מיטגלידער פון פאַרוואַלטונגס-ראַט און אַלס באַווייז פון דעם נייעם שלום האָבען זיי אָנגענומען די איינלאַדונג. נאָכדעם זיינען אַנדערע מיטגלידער פון דער אָפּאָזיציע אַריינגענומען געוואָרען אין דער אַסאָסיאיישאָן.

לאַנג אָבער האָט דער פרידען ניט געקענט אָנהאַלטען. די צוויי

פֿאַרשידענע ריכטונגען זײַנען געבליבען אין דער „אַרבײַטער־צײַטונג אַסאָ־סיאײַשאָן".

דעם 7־טען יאַנואַר, 1897, איז פֿאָרגעקומען דער יעהרליכער גע־גענעראַל־מיטינג פֿון דער „אַרבײַטער צײַטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאײַשאָן". בײדע צדדים, די דעליאָניסטען און די אַנטי־דעליאָניסטען, האָבען זיך געמאָסטען מיט די קרעפֿטען אום צו קריגען די מאַיאָריטעט שטימען בײַ יענעם מיטינג, װאָו עס האָבען בעדאַרפֿט ערװעהלט װערען דער רע־דאַקטאָר און אַלע איבעריגע בעאַמטע פֿון דער אָרגאַניזאַציע. די כחות פֿון די בײדע צדדים זײַנען אין דער אַסאָסיאײַשאָן געװען כמעט גלײַך. די דעליאָניסטען אָבער זײַנען דאָן געװען אין אמת, האָבען זײ ערקלעהרט בײַם מיטינג, אַז זײ האָבען די מעהרהײט שטימען, און דאָ איז געקו־מען צו אַ שפּאַלטונג. אײנער פֿון די אָפּאָזיציאָנערען האָט אויסגעשריען: „גענאָסען, קומט!" און 52 מיטגלידער פֿון דער „אַרבײַטער צײַטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאײַשאָן", װעלכע זײַנען געװען אין דער אָפּאָזיציע געגען די דעליאָניסטען האָבען פֿאַרלאָזען יענעם מיטינג. צװישען זײ זײַנען געװען אַב. קאַהאַן, מ. זאַמעטקין, ל. מילער, מ. פּײַן, מ. װינטשעװסקי און אַנדערע.

די 52 אָפּאָזיציאָנערען האָבען גלײַך אָפּגעהאַלטען אַ מיטינג, װאָו זײ האָבען געגרינדעט אַ „פּרעס־פֿאַראײן" מיט'ן צװעק אַרויסצוגעבען אַן אײ־גענע סאָציאַליסטישע צײַטונג. די פּאָפּולערסטע רעדנער פֿון דער אָפּאָזיציע, װי. אַב. קאַהאַן, ל. מילער, מ. זאַמעטקין, מ. װינטשעװסקי און אַנדערע זײַנען אַרומגעפֿאָהרען איבער'ן לאַנד, האָבען באַזוכט סאָציאַליסטישע אָר־גאַניזאַציעס און יוניאַנס, װאָו זײ האָבען ערקלעהרט די אורזאַכען פֿון דער שפּאַלטונג. די גרעסטע צאָהל אָרגאַניזאַציעס און די יוניאַנס זײַנען אװעק מיט דער אָפּאָזיציע.

אין גיבען האָבען די אָפּאָזיציאָנערען אָדער „אָפּאָזיציאַניסטען", װי מען האָט דאָן גערופֿען די, װאָס האָבען זיך אָפּגעשפּאָלטען פֿון דער „אַרבײַטער צײַטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאײַשאָן", אײַנגערופֿען אַ קאָנװענ־שאָן פֿון אַלע פּרעס־קלובס פֿון פֿאַרשידענע שטעדט און אויך די דעלע־גאַטען פֿון די יוניאַנס, װעלכע האָבען סימפּאַטיזירט מיט די „אָפּאָ־ציאָניסטען".

די קאָנװענשאָן האָט שטאַטגעפֿונען דעם 30־טען און 31־טען יאַנואַר, 1897, אין גרויסען בײסמענט־זאַל פֿון װאַלהאַלאַ האָל, 48 אָרטשאַרד

סטריט, ניו יאָרק. אויף דיזער קאָנווענשאָן זיינען געווען פארטראָטען 11 פרעס קלאָבס פון ניו יארק, ברוקלין, פילאדעלפיא, באָסטאָן, באַל־טימאָר און ניו הייווען, ווי אויך פילע יוניאָנס.

ביי דער קאָנווענשאָן איז באשלאָסען געוואָרן, ארויסצוגעבען אין גיכען א טעגליכע צייטונג מיט דעם נאָמען „פאָרווערטס" און עס איז גלייך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אַן אָרגאַניזאַציע וועלכע זאָל ארויסגעבען דיזע צייטונג. דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען „דער פרעס־פאַרבאַנד".

די „פאָרווערטסיסטען" האָבען גלייך גענומען קלייבען געלד. מען האָט געזאַמעלט געלד אין די יוניאָנס, אין די סאָציאַליסטישע פאראיינען און אויף אַלערליי פארזאַמלונגען.

אויף דיזע פארזאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען מערקווירדיגע סצענעס פון באַגייסטערונג און אָפּפערווילליגקייט. ארבייטער און ארבייטערינען האָבען געגעבען מעהר ווי זיי האָבען געקאָנט; פילע פון זיי האָבען אַנשטאָט געלד אויסגעטאָן די רינגלאַך און אראָפּגענומען די זייגערלאַך פון זיך און דאָס אריינגעוואָרפען אין דער הוט, מיט וועלכען די קאָמיטעס זיינען ארומגעגאַנגען זאַמלען געלד.

דער ערשטער נומער „פאָרווערטס" איז ארויס דעם 22טען אפּריל, 1897. אַלס רעדאַקטאָר איז ערוועהלט געוואָרען אב. קאַהאַן.

א פאָר וואכען נאָכדעם ווי דער „פאָרווערטס" איז ערשינען, איז אין אַמעריקא אָנגעקומען געגאָסע א. ל י ע ס י ן, דער יעצטיגער רעדאַקטאָר פון „צוקונפט". נאָך זייענדיג אין רוסלאַנד האָט ליעסין געשריבען פאַר די היגע אידישע סאָציאַליסטישע צייטונגען און זשורנאַלען — פאַר דער „ארבייטער צייטונג" און פאר'ן „אבענד־בלאַט". זיינע לידער און פּאָעמען, וועלכע ער פלעגט צושיקען פון רוסלאַנד, האָבען געמאַכט א רושם. ער איז באַטראַכט געוואָרען אַלס דער בעסטער אידישער פּאָעט. זיין אמת'ער פאַמיליען־נאָמען איז וו א ל ט. קאַהאַן אָבער, וועלכער האָט זיינע לידער געדרוקט אין דער „ארבייטער צייטונג", האָט צוליב קאָנספּיראַציע איהם א נאָמען געגעבען ליעסין („ליעס" מיינט וואַלד אויף רוסיש). ליעסין איז גלייך ביי זיין אָנקומען צוגעשטאַנען צום „פאָרווערטס".

אין ליעסינ'ען האָט דער „פאָרווערטס" צוגעקראָגען ניט נאָר א גרויסען פּאָעט, נאָר אויך אַן ערשט־קלאַסיגען פּובליציסט. זיינע ארטיקלען אין „פאָרווערטס" און אין „צוקונפט", וועלכע זיינען אימער געווען אינהאַלטסרייך און געשריבען אין א בריליאַנטענער שפּראַך און מיט פיל טעמפּעראַמענט, האָבען איהם געשאַפען א גרויסען נאָמען ביי אַלע לעזער

פון „פאָרווערטס". ליעסין איז א געוויסע צייט אויך געווען דער רעדאַק־טאָר פון „פאָרווערטס".

אין דער פראקציע פון די „לאַיאַלע", וועלכע האָבען ארויסגעגעבען דעם „אבענד־בלאַט", האָבען זיך אפּגעשטעלט די גענאָסען ס. ד. קופּער, די ברידער וויימאַן, פּ. קראַנץ, ס. פּאָלאַק, ל. לעוויצקי, ב. פייגענבוים, מ. סמילאנסקי, יעקב מילך, מ. פין, י. שלאָסבערג, ל. בודין, ס. שפּיעז, ב. ווײנשטיין, י. מאַגידאָף, ה. סלאָבאָדין, ס. ל. מאלקיעל, דר. י. האַלפּערן און אנדערע. פילע פון די פארבליבענע האָבען אין א סך זאכען איינגע־שטימט מיט די אָפּאָזיציאָניסטען, דאָך זיינען זיי דאָס ערשטע מאָל ניט מיטגעגאנגען מיט דער אָפּאָזיציע, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט צושטערען די ס. ל. פּ. זיי האָבען געהאָפט, אז אלעס וועט זיך ענדערען, דעליאָנ׳ס טאַקטיק וועט דורכפאלען און די ס. ל. פּ. וועט בלייבען.

די „דייטשע פאָלקס־צייטונג", וועלכע האָט געדרוקט פאר איהרע געלד די „פּיפּעל", די אָפיציעלע ענגלישע פּארטיי־צייטונג, איז געווען געגען דע־ליאָנ׳ס „עלייענס" און דאָרטען פלעגט מען כסדר אויפווייזען ווי שעדליך דעליאָנ׳ס טאַקטיק איז. מיט דער צייט האָט זיך אין דער ניו יאָרקער אָר־גאַניזאַציע פון דער ס. ל. פּ. געבילדעט א שטארקע אָפּאָזיציע געגען דער טאַקטיק פון די ליטענדע גייסטער פון דער ס. ל. פּ., ווי דעליאָן, יוגאָ פאָגט און לוסיען סעניעל. אין יאָהר 1899, ווען עס האָבען געדאַרפט פאָרקומען וואהלען פאר באאמטע אין דער דזשענעראַל קאָמיטע פון די ניו יאָרקער סעקציעס פון דער ס. ל. פּ., האָט זיך געפיהלט אין דער לופ־טען, אז די ניי־ערוועהלטע דעלעגאַטען צו דער דזשענעראַל קאָמיטע פון ניו יאָרק וועלען דורכוואַרפען דעליאָנ׳ען מיט זיין גאַנצער טאַקטיק.

עס איז געווען דעם 8טען יולי פון יאָהר 1899, א שבת נאכט, ווען עס איז פאָרגעקומען דער מיטינג פון דער דזשענעראַל קאָמיטע ס. ל. פּ. פון ניו יאָרק, און עס איז געקומען אין דער סאָציאַליסטישער ארבייטער־פּאַרטיי צו א צווייטער גרויסער שפּאַלטונג.

גלייך ביי דער ערוועהלונג פון א פּאָרזיצענדען פון מיטינג, זיינען געווען צוויי פראַקציעס: איינע דעליאָנ׳ס, און די צווייטע — מאָריס היל־קוויט׳ס, פון דער נייער אָפּאָזיציע. צוליב די דריידלאַך וואָס דעליאָן און פאָגט האָבען דאַן געמאַכט, איז דער מיטינג אָפּגעבראָכען געוואָרען.

די נייע „אָפּאָזיציע" איז גלייך אוועק פון מיטינג אין וויליאם סטריט, אין רעדאַקציע פון דער „דייטשער פאָלקסצייטונג", און דאָרטען האָט מען דערזעהן אז כמעט אלע ניו יאָרקער סאָציאַליסטען זיינען איצט אין דער אָפּאָזיציע געגען דעליאָנ׳ען. יענער צוזאַמענקונפט האָט אויפ׳ן שטעל באַ־

שטימט צו רופען דורך דער דייטשער „פאָלקס־צייטונג” אַ ספּעציעלען מיטינג פון דער דזשענעראַל קאָמיטע אין צוויי טעג ארום גלייך אויף מאָנטאג אָווענט, דעם 10טען יולי, אין 385 באַוערי.

די גרעסטע צאָהל דעלעגאַטען פון די ניו יאָרקער דיסטריקטען פון דער ס. ל. פּ. זיינען געקומען צו יענעם מיטינג. בלויז אַ קליינע צאָהל דעליאָניסטען האָט געפעהלט. ביי יענער פאַרזאַמלונג זיינען ערוועהלט געוואָרען אַלע באַאַמטע, און דאַן איז ערשט געקומען די ריכטיגע שפּאַלטונג. ניט בלויז די ניו יאָרקער סעקציעס פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע שטעדט פון אַטלאַנטיק ביז'ן פּאַסיפיק האָבען זיך אַלע, מיט'ן אויסנאַהם פון אַ קליינער צאָהל סעקציעס, אָפּגעריסען פון דעליאָנ'ען און האָבען זיך ערקלערט אַלס די אמת'ע „סאָשעליסט לייבאָר פּארטי”.

נאָך דיזער צווייטער שפּאלטונג אין דער ס. ל. פּ. איז אין דער „ארבייטער־צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן” פּאַרבליבען אַ קליינע צאָהל מיטגלידער. אָבער אַזוי ווי די נייע אָפּאָזיציע, וועלכע איז געווען די מאַיאָריטעט מיטגלידער פון דער ס. ל. פּ., האָט ניט באַוויזען צו פּאַרכאַפּען דעם „אַבענד־בלאַט”, איז דאַן אַ קליינע גרופּע אידישע ס. ל. פּ. מיטגלידער פּארבליבען די אייגענטימער פון „אַבענד־בלאַט” מיט דער אייגענער דרוקערייי, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אין 9 ראָטגערס סטריט.

די הויפּט פון די פּאַרבליבענע זיינען געווען ס. ד. קופּער און י. שלאָסבערג.*)

---

*) יוסף שלאָסבערג, דער איצטיגער גענעראַל־סעקרעטער פון דער „אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואירקערס יוניאן פון אמעריקא”, איז נאָך אלס אינגעל פון 13 יאָהר, געוואָרען אַ סאָציאַליסט.

איך געדענק, ווי אין יאָהר 1890, אפשר מיט אַ האלב יאָהר שפּעטער ווי אונזער „ארבייטער צייטונג” איז ערשינען, האָבען מיר אין רעדאַקציע געקראַגען א בריף פון א יונגען קלאָוקמאכער מיט'ן נאָמען יוסף שלאָסבערג, וועלכער האָט אונז געשריבען, אַז לעזענדיג די „אַרבייטער־צייטונג” איז ער געוואָרען אַ סימפּאַטייזער אָדער אפשר אַ גאַנצער סאָציאַליסט, נאָר ער איז ערשט 13 יאָהר אַלט און זיין טאַטע, אַ קלאָוקמאכער, האָט איהם מיטגענומען אין שאַפּ, וואו ער איז אַן ארויסהעלפער ביי קלאָוקס. יעצט האָט דער יונגער יאָזעף שלאָסבערג געבעטען ביי דער „אַרבייטער צייטונג” אַן „עצה”, ווי אזוי ער קען ווערען א פאָלקאָמענער סאָציאליסט און א טעטיגער יוניאָן־מאַן. דער רעדאקטאָר פון דער „ארבייטער צייטונג”, פיליפּ קראַנץ, האָט איהם געענטפערט אין בריפקאַסטען, אַז ער זאָל באַזוכען סאָציאַליסטישע לעקטשורס און אויב ער באַלאַנגט נאָך ניט צו דער יוניאָן זאָל ער זיך אָנשליסען אָן דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. אין אַ פּאָר יאָהר

די פארבליבענע אייגענטימער פון „אבענד־בלאַט" האָבען אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך יענער שפּאַלטונג אוועקגעשיקט דעם רעדאַקטאָר, פ. קראַנץ. ב. פייגענבוים איז גלייך אַליין אוועק, און די דעליאָניסטען האָבען באַשטימט אַלס רעדאַקטאָר א גענאָסע, וועלכער איז מיט אַ קורצער צייט פריהער געקומען אין אמעריקא. זיין נאָמען איז געווען מ. ב ע ר. א ביסעל שפּעטער זיינען די רעדאַקטאָרען פון „אבענד־בלאַט" געוואָרען ה ע ר מ א ן ס י מ פּ ס אָ ן און ד ו ד פּ י נ ס ק י.

די וועכענטליכע „פּיפּעל", די ענגלישע פּאַרטיי־צייטונג, האָט די דייטשע „פאָלקס־צייטונג" יאָ צוגענומען, ווייל עס איז געווען זייער דרוקעריי, און די דייטשען האָבען באשטימט אַלס רעדאַקטאָר פון „פּיפּעל" גענאָסע נ. י. ס ט אָ ו ן. דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען גלייך א נייע שפּאַלטונג אין די ס. ל. פּ. אָרגאַניזאַציעס פון יעדער שטאָדט.

ערשט אויף דער פערטער וואָך האָט דעניעל דעליאָן ארויסגעלאָזען אַן אייגענעם נומער „פּיפּעל" און דאָרטען האָט ער די נייע אָפּאָזיציע א נאָמען געגעבען „קענגערוס" (קענגערו איז אזא חיה וואָס שפּרינגט).

פון די צוויי פראַקציעס איז געוואָרען דריי — די אַלטע ס. ל. פּ., די נייע ס. ל. פּ.־„קענגערוס" און די „פּאָרווערטסיסטען".

די „קענגערוס" האָט ניט גענומען לאַנג און דעם ערשטען שבת אין סעפּטעמבער פון זעלבען יאָהר האָבען זיי שוין געהאַט אַן אייגענע טעגליכע צייטונג, וועלכע האָט זיך גערופען די „אידישע פאָלקס־צייטונג", פון וועלכער פּ. קראַנץ און ב. פייגענבוים זיינען געווען די רעדאַקטאָרען. די „קענגערוס" האָבען אַזוי געשאָטען מיט געלד אויפצוהאַלטען זייער צייטונג ווי די פּאָרווערטסיסטען פאַר'ן „פּאָרווערטס". די קענגערוס האָבען געקליימט, אַז זיי זיינען די ס. ל. פּ. און מען האָט געוואַרט אויף דער אנטשיידונג פון די קאַפּיטאַליסטישע קאָורטס, אין וועלכע דעליאָן האָט פאַרפיהרט א פּראָצעס געגען די „קענגערוס", אַז זיי האָבען צוגע'גנב'עט ביי איהם דעם נאָמען ס. ל. פּ.

---

ארום איז שלאָסבערג טאקע געוואָרען אַ מעמבער אין דער ס. ל. פּ. און אַ טעטיגער מעמבער אין דער קלאָוקמאכער יוניאָן. זייענדיג אַן ארבייטער אין שאַפּ, האָט שלאָסבערג טאָג און נאַכט, ווען ער האָט נאָר צייט געהאַט, זיך געלערענט, דאָס הייסט שטודירט. אין דער זעלבער צייט איז ער די אַלע יאָהרען געווען טעטיג אין דער ס. ל. פּ. און אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

אַ מיטגליד פון דער אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס איז ער געוואָרען אין יאָהר 1913, נאָכ'ן גרויסען שניידער־סטרייק, ווען ער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פינאַנץ־סעקרעטער פון דזשאָינט באָארד פון דער מענער שניידער יוניאן.

די „פּראָגרעסיסטען" האָבען דאַן צו קיין פּארטיי ניט באַלאַנגט. דאָ האָט אָבער געטראָפען אַ נס. יודזשין וו. דעבס האָט גראָד דאַן גע־גרינדעט אַן אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּארטיי, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען די „סאָשעל דעמאָקראַטיק פּארטי אָוו אַמעריקא". יענע פּארטיי האָט געהאַט אין אָנפאַנג עפּעס אַ צוטשעפּעניש פון קאָאָפּעראַטיווע פאַר־מערישע קאָלאָניעס.

די פּרינציפּען־ערקלערונג פון דעבס'עס „ס. ד. פּ." האָט אין אָנפאַנג ניט אינגאַנצען געשטימט מיט די פּרינציפּען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. י צ ח ק א י י ז י ק ה ו ר ו ו י ט ש און מ א י ר ל אָ נ ד אָ ן, וועלכער איז מיטגעגאַנגען מיט די „פּראָגרעסיס־טען", האָבען ענדליך צוזאַמענגעפיהרט די „פּראָגרעס"־סאָציאַליסטען מיט דער „סאָשעל דעמאָקראַטיק פּארטיי", וואו יודזשין וו. דעבס איז געווען דער פיהרער.

יודזשין וו. דעבס איז שוין דעמאָלט געווען גוט־באַוואוסט אַלס אַ ראַ־דיקאַלער יוניאָן־פיהרער, ספּעציעל פון די אייזענבאַהן־ארבייטער. אין זיינע יונגע יאָהרען איז דעבס אַליין געווען אַן ארבייטער און אינזשעניר אויף אַ טרעין. אַלס אַ זעהר פעהיגער און איבערגעבענער יוניאָן־טוער, איז ער גע־וואָרען רעדאַקטאָר פון דעם יוניאָן־זשורנאַל און אויך דער פיהרער פון דער „אַמעריקען רייל־וויי יוניאָן", וועלכע איז ניט געווען פאַרבונדען מיט דער אַמעריקען פעדערייש־אָן אָוו לייבאָר. דעבס' רייל־וויי יוניאָן איז שוין אין יאָהר 1895 געווען אָרגאַניזירט אויף דעם אינדוסטריעלען באַזיס, און דער־פאַר האָבען אין יענער יוניאָן דאַן אויך באַלאַנגט די ארבייטער פון די פּול־מאַן סליפּינג קאַרס. אין יענער צייט האָט אויסגעבראָכען אַ סטרייק אין מר. פּולמאַנ'ס שאַפּ, אין זיין אייגענער שטאָדט מיט נאָמען פּולמאַן, איל־לינאָי סטייט, ניט ווייט פון שיקאַגאָ, און ווען דעבס איז געקומען פאָרלעגען פּול־מאַנ'ען „ארביטריישאָן", האָט דער מיליאָנער, וועלכער איז געווען אַ באַ־ריהמטער עקספּלואַטאַטאָר, געענטפערט, אַז „ער האָט ניט וואָס צו ארבי־טרירען".

טאָקע צוליב דעם פּולמאַן־סטרייק האָט די „אַמעריקען רייל־וויי יוניאָן" אין יאָהר 1894 ארויסגערופען אַ גענעראַל־סטרייק אויף אַלע אייזענבאַהנען אין די וועסט און אין אייניגע אַנדערע טיילען פון לאַנד. דער סטרייק איז גלייך באַריהמט געוואָרען איבער'ן גאַנצען לאַנד, הויפּטזעכליך צוליב דעם, וואָס דער דאַמאָלסדיגער גאָווערנאָר אַלטגעלד פון איל־לינאָי סטייט האָט ער־קלערט אַז ער האַלט אָרדנונג אין סטרייק, אָבער דער דאַמאָלסדיגער פּרעזי־דענט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען, גראָווער קליוולאַנד, האָט געשיקט

יונייטעד סטייטס מיליטער אין אַלע געגענדען וואו דער אייזענבאהן־סטרייק איז אָנגעגאַנגען. דעמאָלט האָבען די ריכטער פון די העכסטע געריכטען ארויסגעגעבען אַן אנטשיידונג געגען דער „אַמעריקען ריילוויי יוניאָן" און געגען אַלע פיהרער פון סטרייק, הויפּטזעכליך געגען יודזשין וו. דעבס.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און יודזשין וו. דעבס מיט די איבעריגע טוער פון דער ריילוויי יוניאַן זיינען פארשיקט געוואָרען אין פּריזאָן פאַר־„ניט פאָלגען די קאָורטס" און דער ריילוויי סטרייק איז פארלוירען געגאַנגען.

זיצענדיג אין טורמע, האָט דעבס צוזאַמען מיט זיינע קאַמעראַדען באַ־שלאָסען צו גרינדען אין אַמעריקא אַן אַמעריקאנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. דאָס איז געווען די פּאַרטיי, אָן וועלכער די „פּראָגרעסיסטען" האָבען זיך שפּעטער אָנגעשלאָסען. ערשט אין יאָהר 1901 איז, נאָך פילע דיסקוסיעס צווישען די „קענגערום" און „פּראָגרעסיסטען" פון דער ס. ד. פּ., געקומען צו אַ פאַראייניגונג פוןביידע פראַקציעס. דאָס איז געווען נאָכדעם ווי די „אידישע פאָלקס־צייטונג" איז אונטערגעגאַנגען און דאָס געריכט האָט גע׳פּסק׳ענט אַז דער נאָמען ס. ל. פּ. געהערט צו דעליאָנ׳ס פראַקציע. אויף אַזאַ אופן זיינען זיך די אידישע סאָציאַליסטען ווידער צוזאַמענגעקומען, אויסער אַ קליינע גרופּע ס. ל. פּ. געגנאָסען, וועמעס „אַבענד־בלאַט" איז מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער אויך אונטערגעגאַנגען.

די אַנאַרכיסטישע „פרייע ארבייטער שטימע", וועלכע האָט צום צוויי־טען מאָל אָנגעפאַנגען ערשיינען אין יאָהר 1899, האָט מיט 7—6 יאָהר שפּעטער, אין 1906, אויך ארויסגעגעבען אַ טעגליכע אידישע צייטונג מיט׳ן נאָמען „אָווענד־צייטונג", וועלכע האָט עקזיסטירט בלויז אַ פּאָר מאָנאַטען. דער רעדאַקטאָר פון די ביידע צייטונגען איז געווען. ש. יאַנאָווסקי.

די אידישע סעקציע ס. ל. פּ. האָט שפּעטער, נאָכ׳ן אונטערגאַנג פון „אַבענד־בלאַט", אַרויסגעגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג, „דער ארבייטער". די רעדאַקטאָרען פון דער צייטונג זיינען געווען י. שלאָסבערג, דוד פּינסקי און חיים אַלעקסאַנדראָוו. אין יאָהר 1904 האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען ארויסגעגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג, „די ארבייטער־וועלט", וועלכע האָט עקזיסטירט בלויז אַ 4 מאָנאַטען צייט.

די איינציגע סאָציאַליסטישע ארבייטער־צייטונג אין אידיש, וועלכע איז געוואַקסען און האָט שטענדיג געהאָלפען גרינדען אידישע יוניאָנס, איז געווען דער „פּאָרווערטס".

ביי די נייע וואַהלען פון די געווערקשאַפטען אין יאָהר 1900 איז ווידער ערוועהלט געוואָרען אַלס סעקרעטאַר דער שרייבער פון דיזע צייַלען. און גלייך זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פאַרטרעטער פון די געווערקשאַפטען מיט

פאַרטרעטער פון די „היברו פעדערייטעד טריידס", און ביידע קערפּערשאַפ־טען האָבען זיך צוריק פאַראייניגט אונטער דעם אַלטען נאָמען „די פאַר־אייניגטע אידישע געווערקשאַפטען". די צאָהל יוניאָנס אין דיזער פאַר־אייניגטער קערפּערשאַפט איז געווען דאַמאָלס 21. מיט 9 מאָנאַטען שפּע־טער, אין אָקטאָבער 1901, האָב איך רעזיגנירט אַלס סעקרעטער, ווייל עס איז פאַר מיר געווען שווער צו טאָן די אַרבייט (איך האָב בייטאָג געמוזט אַרבייטען ערגעץ אַנדערשוואו, כדי צו קענען מאַכען אַ לעבען).

דעמאָלס איז ערוועהלט געוואָרען אַלס סעקרעטער פון די געווערקשאַפ־טען א. ב. ליפּמאַן, אַ דעלעגאַט פון דער ני־פּענטס מאַכע יוניאָן, מיט אַ געהאַלט פון $5 אַ וואָך. (מעהר וועגען איהם אין אַן אַנדער קאַפּיטעל.) אָבער אין פאַרלויף פון דער צייט זיינען ביי די געווערקשאַפטען געווען צו צוויי סעקרעטאַרען מיט אַמאָל מיט אַ געהאַלט פון 6 דאָלאַר אַ וואָך יעדערער. די אַנדערע סעקרעטאַרען אין יענער פעריאָדע זיינען געווען ס. מייקעלסאָן פון דער ליידיס וויסט מייקערס יוניאָן, מ. לוריע, אַ דעלעגאַט פון דער בעקער יוניאָן, און נאָך אַמאָל מאַקס פרידלענ־דער. אין דער פעריאָדע פון 1901 ביז 1906 זיינען אין די געווערקשאַפטען געווען פאַרטראָטען אַ 25 אידישע יוניאָנס. דאַמאָלס האָט זיך אָנגעפאַנגען די באַוועגונג פון די אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד (א. וו. וו.). די אידישע יוניאָנס זיינען צו יענער צייט געווען זעהר שוואַך.

אין יאָהר 1906, אין מאָנאַט יולי, איז ערוועהלט געוואָרען אַלס סעק־רעטער פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען מאַקס פּיין. (אויספיהרליך וועגען איהם שפּעטער). דאַמאָלס האָט די געווערקשאַפטען געהאַט 26 יוניאָנס. מאַקס פּיין האָט זיך גענומען טיכטיג צו דער אַרבייט. ער האָט גערופען קאָנפערענצען, אָרגאַניזירט נייע יוניאָנס, אָבער אין 1907 איז אָנגעקומען אַ גרויסער קריזיס און אַלעס איז פאַראַליזירט געוואָרען. אויך די אידישע יוניאָנס האָבען דורכגעמאַכט די שווערסטע צייטען. פּיין איז פאַרבליבען סעקרעטער ביז יולי 1909, פונקט דריי יאָהר צייט, און ווען ער האָט פאַרלאָזען דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון די געווערקשאַפטען זיינען אין די געווערקשאַפטען געווען 41 אידישע יוניאָנס מיט אַ 5,000 מיטגלידער.

ווי שוין געזאָגט, איז אין יאָהר 1907 אָנגעקומען אַ שרעקליכער קריזיס, אַ שרעקליכע אַרבייטסלאָזיגקייט. אַלע אידישע יוניאָנס זיינען געוואָרען אָפּגעשוואַכט; נייע יוניאָנס צו אָרגאַניזירען איז ניט געווען קיין מעגליכ־קייט. ערשט אין יאָהר 1909, ווען דער קריזיס איז שוין געווען פאַראיבער,

האָט זיך אָנגעהויבען אַ ריכטיגע אויפלעבונג. עס האָט זיך אָנגעהויבען די אמת'ע פּעריאָדע פון דער אידישער ארבײטער־באַוועגונג אין אַמעריקא.

איך קען זײן אַן עדות פּאַר יענער גרויסער צײט, װײל איך בין דאַן נאָך אַמאָל ערוועהלט געוואָרען אַלס סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען און האָב געהאַט אַ מעגליכקײט אַרײנצוקוקען אין יעדען ווינקעל פון די אידישע טרײדס.

די פאַראײניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט אין יאָהר 1909 אָרגאַניזירט די לײדיס װײסט מאַכערס יוניאָן. עס איז גע־קומען צו אַ גענעראַל סטרײק. אַכטצעהן טויזענד װײסט מאַכער זײנען געװען אין סטרײק. דער סטרײק האָט זיך פאַרצויגען. אַ סך איז גע־וואונען געוואָרען, וואס איז שײך צו ארבײטס־באַדינגונגען אין די שעפּער. דער הויפּט־געווינס אָבער איז געווען אַ גרויסע יוניאָן אין טרײד. אַ פּאָר מאָנאַט שפּעטער האָט די געווערקשאַפטען געצעהלט 60 יוניאָנס מיט אַ מיטגלידעראַשפט פון אַ פּאָר צעהנדליג טויזענד.

אין מאָנאַט יולי, 1910, איז געקומען דער גרויסער גענעראַל סטרײק פון די קלאָוקמאַכער. די געווערקשאַפטען האָט באַלד געהאַט 89 יוניאָנס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון ארום הונדערט טויזענד.

אײדער די לײדיס װײסט אַרבײטער און די קלאָוק און סקוירט מאַכער האָבען געהאַט זײערע גרויסע סטרײקס, האָבען די אידישע בעקערס גע־וואונען אַן אַלגעמײנעם סטרײק, און זײערע 6 לאָקאַלס האָבען געצעהלט 2500 מיטגלידער.

אַלע גרויסע סטרײקס זײנען אָנגעפיהרט געוואָרען מיט דער הילף פון די געווערקשאַפטען.

די געווערקשאַפטען האָט געשיקט רעדנער צו די סטרײקער און אָרגאַ־ניזירט הילפס־קאָמיטעטען צו באַזאָרגען שפּײז און רענט פאַר די סטרײקער.

דורך די געוואונענע סטרײקס זײנען די שכירות פון די אַרבײטער כמעט פאַרדאָפּעלט געוואָרען; די ארבײטס־שטונדען זײנען פאַרקירצט געוואָרען פון 60 אויף 52 אַ וואָך. אַזוי איז דאָס געגאַנגען װײטער און װײטער.

דער נעקסטער גרויסער טרײד, נאָך די װײסט טרײדס און קלאָוק טרײדס, וועלכען די פאַראײניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט געהאָלפען אָרגאַ־ניזירען, איז געװען אין יאָהר 1912 — דער פּאָר (פוטער) טרײד. די פּאָריער האָבען אין יענעם יאָהר געוואונען אַ גענעראַל סטרײק. דער סטרײק האָט געבראַכט אַ יוניאָן פון 12,000 מיטגלידער.

דאַן איז געוואָרען די גרויסע באַוועגונג צו אָרגאַניזירען אויף אַ גרויסען שטײגער די מענער־שנײדער און טשילדרען קלאָדהינג וואָירקערס. אין

יאַנואַר 1913 זיינען אַרויס אין אַ גענעראַל סטרייק אַרום הונדערט טויזענד אַרבייטער פון דיזע פאַכען. אין דעם סטרייק האָט די געווערקשאַפטען גע־נומען אַ לעבהאַפטען אַנטייל. דער סטרייק איז טיילוויז געוואונען גע־וואָרען. עס איז יעדענפאַלס פאַרבליבען אַ ריזיגע יוניאָן מיט אַ סך פאַר־לייכטערטע אַרבייטס־באַדינגונגען אין די שעפּער.

אין זעלבען יאָהר, 1913, האָט די געווערקשאַפטען געהאָלפען פיהרען אַ סטרייק פון 8,000 „אַלטערײשאָן פיינטערס" און האָט געשטיצט אַ באַוועגונג צו אָרגאַניזירען די וואַיט גודס אַרבייטער. זיי האָבען געהאַט אַ סטרייק און דעם סטרייק געוואונען. עס איז אַזוי אין אונזער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג צוגעקומען אַ יוניאָן פון אַרום אַכט טויזענד מיטגלידער, די גרעסטע צאָהל אַמעריקאַניזירטע. אין דער זעלבער צייט איז אויך באַ־פעסטיגט געוואָרען די וועיסט מאַכער יוניאָן. דער גאַנצער וועיסט־טרייד איז אָרגאַניזירט געוואָרען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ גאַנץ נייע פּעריאָדע אין׳ם אידישען טרייד יוניאָן־לעבען: אַלערליי „פּראָטאָקאָלען", אַלערליי אַגרימענטס, מיט טייטשונגען פון פאַרשיידענע אַרביטריישאָן באָאַרדס.

די אידישע סאָציאַליסטען פון אַמעריקע האָבען ניט נאָר געגרינדעט די אידישע יוניאָנס און דעם אַרבייטער רינג, נאָר זיי האָבען אויך געשאַ־פען די אידישע קולטור אין אַמעריקע. דאָס זיינען געווען די אידישע סאָ־ציאַליסטישע שרייבער, לעקטשורער און טעטיגע מיטאַרבייטער פון דער סאָציאַליסטישער און טרייד יוניאָן באַוועגונג, וואָס האָבען דורך זייער לאַנג־יאָהריגער אונערמידליכער אויפקלעהרונגס־אַרבייט ענטוויקעלט ביי די ברייטע מאַסען אַ געשמאַק פאַר אַ בעסערער פּרעסע, פאַר אַ קינסטלע־רישער ליטעראַטור און פאַר אַ מאָדערנעם אידישען טעאַטער, און הויפּט־זעכליך האָבען זיי געשאַפען אַלע עקזיסטירענדע אידישע יוניאָנס.

פאַר דער גרינדונג פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג און פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע איז אין אַמעריקע ניט געווען קיין סמן פון קיין אידישער ליטעראַטור. דער אידישער טעאַטער האָט געטראָ־גען דעם כאַראַקטער פון אַן איינפאַכען באַלאַגאַן. די אידישע צייטונגען האָבען געהאַט אַ פּנים פון חוזק. אפילו די שפּראַך, אויף וועלכער מען האָט ביז דאַן געשריבען אין די אידישע צייטונגען און גערעדט אין אי־דישען טעאַטער, איז געווען ניט אידיש, נאָר עפּעס אַ מיש־מאַש פון קאַלוואַריער דייטש, בטלנישער מליצה און פון צוקאַליעטשעטען ענג־ליש.

די גאַנצע אידישע קולטור פון אַמעריקע איז אַ פּראָדוקט פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. אונטער דעם מעכטיגען איינפלוס פון

דער אידישער ארבייטער־באוועגונג האט דער גאנצער עקאנאמישער, גייס־טיגער און קולטורעלער לעבען פון די אידישע פאלקס־מאסען אין אמע־ריקע באקומען א גאנץ אנדער אויסזעהן.

אין מאנאט יאנואר, 1914, האט די פאראייניגטע אידישע געווערק־שאפטען געהאט ביי זיך 107 יוניאנס מיט א מיטגלידערשאפט פון ארום צוויי הונדערט טויזענד ארבייטער. (מעהר איינצעלהייטען וועגען דער גרינדונג פון יוניאנס פון לײדיס־ווייסטס, קלאוק מאכער, פאריער, מענער־שניידער, פיינטערס, אין די ווייטערדיגע קאפיטלאך וועגען די באזונדערע טריידס.

# די ערשטע יאָהרען פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג אין פילאַדעלפיא.

ווי אַזוי מיר האָבען אין 1890־טען יאָהר געגרינדעט אין פילאדעלפיא אַ פאראייניג־טע אידישע געווערקשאַפטען. — דער ארעסט פון אב. קאַהאַן, זאמעטקין און גוליס, וועלכער איז פאַרשיקט געווארען אויף אַ יאָהר אין מיאמענסינג פריזאָן פאר זיין טעטיגקייט. — „פייערדיגע" מיטינגען, וועלכע זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען. — די ערשטע סטרייקס און די ערשטע יוניאָנס פון אידישע ארבייטער אין פילאַדעלפיא.

דאָס איז געווען אין יאָהר 1890, נאָכדעם ווי די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יאָרק האָבען שוין געהאַט זעקס און דרייסיג יוניאָנס. מיר האָבען שוין דאַן אויך געהאַט די „ארבייטער צייטונג" אין ניו יאָרק.

אין יענעם יאָהר האָבען די אידישע סאָציאַליסטען פון ניו יאָרק באַ־שלאָסען צו העלפען די אידישע גענאָסען אין פילאַדעלפיא.

אין פילאַדעלפיא איז דאַן צווישען די אידישע מאַסען געווען שטאַרק פּאָפּולער דער אַנאַרכיזם. די אידישע אַנאַרכיסטען אין פילאַדעלפיע האָ־בען געהאַט אַ סך אידישע רעדנער. אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין פילאַדעלפיא זיינען געווען בלויז אַ קליין הייפעלע. קיין רעדנער האָבען זיי אין פילאַדעלפיא ניט געהאַט, נאָר זיי פלעגען ברענגען אידישע סאָציאַ־ליסטישע רעדנער פון ניו יארק. דערפאַר האָבען די ניו יארקער סאציאַ־ליסטען באַשלאָסען צו שיקען גענאָסע מ. זאַמעטקין'ען, וועלכער איז צו יענער צייט געווען איינער פון אונזערע בעסטע אידישע סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרס, אַז ער זאָל זיך פאַר אַ צייט באַזעצען אין פילאַדעלפיע, צו העלפען שאַפען דאָרט אַ אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

אלס סעקרעטאר פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יאָרק, בין איך צוזאַמען מיט גענאָסע זאַמעטקין'ען געפאָהרען קיין פילאַדעלפיא צו גרינדען דאָרטען אַ פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

עס איז צוליב דעם אין פילאַדעלפיא דאַן אַראַנזשירט געווארען אַ רייהע אַגיטאַציאָנס־מאַסענפאַרזאַמלונגען און אויך יוניאָן מיטינגען. און מיר

ביידע האָבען געדארפט זיין ביי די אַלע מיטינגען וועלכע האָבע געזאָלט פאָרקומען אין דריי טעג צייט, פרייטאָג, שבת און זונטאָג.

אויף וויפיל איך געדענק, האָבען דאן אין פילאדעלפיע עקזיסטירט בלויז אַ דריי־פיר אידישע קליינע יוניאָנס פון שניידער, דזשעקעט מאַכער און ני־פענטס ארבייטער.

אַ פרייטאָג בייטאָג, דעצעמבער 1890, זיינען מיר, איך און זאַמעטקין, געפאָהרען אויפ'ן טריין נאָך פילאדעלפיע, און מיר האָבען צווישען זיך דיס־קוטירט ווי אזוי מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטען, זאָלען אָנפאַנגען אין פילאַ־דעלפיע פארשפרייטען אונזער אידעאַל. מיר זיינען געקומען צום שלום, אַז מיר דארפען העלפען די אידישע ארבייטער צו ערשט אָרגאַניזירען יוניאָנס, ווי מיר האָבען עס געטאָן אין ניו יארק, און דעמאָלט וועט אונזער סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע זיכער זיין ערפאָלגרייך.

אַזייגער 5 פארנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין פילאדעלפיע. ביים דיפאָ האָבען מיר געטראָפען אַ פאָר גענאָסען וועלכע זיינען אונז געקומען באַגעגענען, און מיר זיינען אַוועק מיט'ן קאַר אין דעם דאמאַלסדיגען פילאַ־דעלפיער אידישען קווארטאַל, אויף דער סאוטה־סאיד, ערגעץ אויף דער 4־טער אָדער 5־טער סטריט, און זיינען אריין אין אַ גענאָסענשאַפטליכער קיבעצארניע. מיר האָבען דארטען געגעסען סאַפּער, פארבראַכט אַ שטונדע מיט די גענאָסען און נאָכהער אַוועק אין האָל. דאָס איז געווען אין געריק סטריט. איצט איז דאָרט אַ אידישע שוהל. זאַמעטקין'ען האָבען מיר גע־לאָזען אין קיבעצארניע, און איך מיט אַ קאָמיטע האָבען דעקאָרירט דעם האָל מיט רויטע בענדער און מיט די אויפשריפטען, וועלכע די ניו יארקער גענאָסען האָבען מיר מיטגעגעבען. עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער גרויסער האָל האָט זיך גענומען אָנפילען מיט מענשען: יונגע, אַלטע, פרויען און זאָגאָר קינדער, וואָס אייניגע ארבייטער האָבען מיטגעבראַכט צום מיטינג. דאָס איז מיר זעהר געפעלען געוואָרען, ווייל אין ניו יארק פלעגען מיר בלויז האָבען קינדער ביי די אונטערהאַלטונגען, און דאָ, אין פילאדעלפיע, קומט מען גאַנצע פאַמיליען־ווייז צו די סאָציאַליסטישע מי־טינגען. 8 אוהר איז יענער מיטינג ערעפענט געוואָרען.

זאַמעטקין האָט געהאַלטען פאַר זיי אַ רעדע. אין זיינע יונגע יאָהרען האָט געגאָסע זאַמעטקין גערעדט מיט פייער; ער פלעגט שטענדיג זיינע צוהערער באַגייסטערען, איינפאַך פאַר'כשוף'ען. זיין דאמאַלסדיגע רעדע אין פילאדעלפיע איז געווען אַ געלונגענע. דער עולם איז געווען צופרידען. מען האָט אויך געשטעלט פראַגען. און זאַמעטקין'ס ענטפערס האָבען ארויסגערופען גרויס באַגייסטערונג. פילע אַנארכיסטישע סימפּאַטייזערס

זיינען אויך געווען ביי יענעם מיטינג, זיי האָבען געשטעלט פראגען. אזוי האָט זיך דער מיטינג פארצויגען ביז נאָך 12 אזייגער. און דער עולם איז זיך פאַמעלאך אוועק. איך בין אָבער איבערגעבליבען צו היטען מיינע סאָציאַליסטישע אויפשריפטען, וואָס איך האָב געבראכט פון ניו יארק. איך דערוואַרט זיך קוים, ביז דער האָל איז געווארען פוסט און נעם זיך צוזאמענקלייבען מיינע סיינס. ווען איך בין פארטיג געווארען מיט מיין אַרבייט, האָב איך שוין קיינעם ניט געזעהן אין האָל. איך באמערק, אז די פילאדעלפיער פאָר גענאָסען האָבען פון גרוים פרייד פארגעסען מיר מיטצוטיילען וואוהין איך דארף געהן שלאָפען. קיין איבעריגע געלד פאָר א רום אין א האָטעל האָב איך ניט געהאט. איך זאָרג אָבער ניט, ווייל אין פילאַדעלפי בין איך געווען באקאנט שוין פון לאנג. איך בין אמאָל מיט יאָהרען פריהער געגאַנגען פון ניו יארק צופוס נאָך פילאדעלפיע. איך האָב אויך אין פילאדעלפיע שוין געאַרבייט ביי מיין טרייד אלס סיגאַרען מאכער.

איך נעם מיר מיין פאַק און געה זוכען א פלאַץ צו שלאָפען. עס איז שוין שפעט, ארום איינס אזייגער, און דאָ געהט גאָר א רעגען. איך קום אריין אין איין קאפע הויז, — ניטאָ קיינער פון מיינע באקאַנטע. „אלע זיינען שוין אוועק אהיים", זאָגט מען מיר. איך לויף אין א צווייטען קאפע־הויז און טרעף דאָרטען אויך קיינעם ניט. שלעכט, איך וויים, אז צוויי אזייגער פארמאַכען זיך אלע קאפעס, און דער רעגען ווערט אלץ שטאַרקער.

איך דערמאָן זיך, אז ערגעץ אין לאָמבארד סטריט איז דאָ נאָך א „קיבעצאַרניע". איך לויף אהין, און דער רעגען גיסט אויף מיר. דאָרט האָב איך טאַקע געטראָפען א ניו יארקער גענאָסע, מאָרים סמיליאנסקי (ער איז שוין יעצט טויט) וועלכער האָט דאַן געאַרבייט אין פילאַדעלפיע. ער האָט מיך גענומען נעכטיגען צו זיין ברודער, וועלכער איז אויך געווען א סאָציאַליסט, א מעמבער פון דער בוכבינדער יוניאָן. איך האָב זיך אמת דערפרעהט.

אויף מאָרגען בין איך א גאַנצען טאָג ארומגעלאָפען פון איין פאַרזאמלונג צו דער צווייטער, וואו עס האָבען אָפּגעהאלטען זייערע מיטינגען די יוניאָנס. דאָרטען האָב איך געהאלטען רעדעס צו די ארבייטער, אז זיי זאָלען אָרגאַניזירען שטאַרקע יוניאָנס, ווי מיר האָבען עס געטאָן אין ניו יאָרק. ביז פינף אזייגער שבת פארנאַכט זיינען מיר פארטיג געוואָרען מיט די יוניאָן־מיטינגען.

פון דאָרטען זיינען מיר אוועק אין דעם דאמאלסדיגען דייטשען לייבאָר לייסעאום, וועלכער האָט זיך געפונען אויף נאָרד 5-טע סטריט, וואו

עס איז פאָרגעקומען א מיטינג פון דעלעגאַטען פון אַלע דריי אידישע יוניאַנס פון פילאַדעלפיע, אויף וועלכען עס איז געגרינדעט געוואָרען די ערשטע פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פון פילאַדעלפיע. י. גרינבערג, א דעלעגאַט פון דער אידישער סעקציע ס. ל. פּ., איז דעמאָלט ערוועהלט געוואָרען אַלס דער ערשטער סעקרעטער פון די פילאַדעלפיער פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

יענעם שבת־צו־נאַכטס האָבען מיר געהאַט נאָך א גרויסען מאסמיטינג אין זעלבען געריק האַל. יענער מיטינג איז שוין געווען אראַנזשירט אין נאָמען פון די נייע פילאַדעלפיער פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען. זאַמעטקין האָט יענעם אָבענד „געשאָטען מיט פייער".

זונטאָג א גאַנצען טאָג האָבען מיר פארבראַכט געהעריג צו פארשי־דענע פארזאַמלונגען. אין אָוועגד האָבען מיר פארבראַכט צווישען די דייטשע גענאָסען ביי זיי אין לייבאָר לייסעאום ביי א קאָנצערט.

זאַמעטקין האָט אין א קורצער צייט אַרום זיך אריבערגעקליבען אין פילאַדעלפיע, און מיט זיין הילף האָבען דאָרטען די סאָציאַליסטען געוואונען פילע סימפאַטייזערס. עס זיינען באַלד אָרגאַניזירט געוואָרען נייע טרייד־יוניאַנס פון אידישע אַרבייטער, ווי אויך א פּאָר ברענטשעס פון דער ס. ל. פּ. אונזערע דאַמאַלסדיגע ניו יאָרקער אידישע סאָציאַליסטישע רעדנער, אַב. קאַהאַן, מ. הילקוויט, ל. מילער און ב. פייגענבוים — פלעגען יעדע וואָך פאָהרען ריידען אין פילאַדעלפיע.

יענע ערשטע פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען אין פילאַדעלפיע האָט עקזיסטירט בלויז א קורצע צייט. די קערפּערשאַפט האָט זיך אויפגע־לייזט צוליב מאַנגעל אין טעטיגע טוערס. די יעצטיגע פאראייניגטע אידי־שע געווערקשאפטען אין פילאַדעלפיע איז מיט איייניגע יאָהר שפּעטער גע־גרינדעט געוואָרען.

פילאַדעלפיע איז ביי די אידישע סאָציאַליסטען פון ניו יאָרק דאַן גע־וואָרען א ליבלינג שטאָדט און מיר האָבען אונזער צווייטע קאָנווענשאָן, אָדער ווי מיר האָבען עס גערופען, „פּארטיי־טאָג", פון די אידישע סעקציעס ס. ל. פּ. (דאַן האָבען מיר שוין געהאַט א צעהן אָרגאַניזאַציעס פון דער פארטיי אין פארשידענע שטעדט פון לאַנד) געהאַלטען אין פילאַדעלפיע.

די אידישע סעקציע ס. ל. פּ. פון פילאַדעלפיע האָט שוין געהאַט דאַ־מאָלסט אַן אייגענעם האַל פאַר לעקציעס. אין איין שעהנעם פריהמאָרגען האָט די פילאַדעלפיער פּאָליצייי פארטריבען די אידישע אַנאַרכיסטען פון א יום־כפור באַל, וועלכען זיי האָבען אראַנזשירט אין א גרויסען האַל, זיי־נען די אַנאַרכיסטען געקומען אין האַל פון אונזערע סאָציאַל־דעמאָקראַטי־

שע געגאַסען אין פילאַדעלפיע אום דאָרטען פאַרטצוזעצען זייער פאַר־זאַמלונג.

די פילאַדעלפיער פּאָליציי, זייענדיג אויפגעהעצט פון די פילאַדעלפיער אידישע רייכע פרומאַקעס, האָט געוואָלט מאַכען אַן איבערפאַל אויך אויף'ן צווייטען מיטינג ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. אָבער קומענדיג אין האָל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, האָט די פּאָליציי דאָרטען שוין קיינעם ניט געטראָפען, ווייל דער מיטינג איז שוין געווען געענדיגט. זיי האָבען דאָרט בלויז געטראָפען אונזער גענאָסע מ א י ר ג י ל י ס צושליסענדיג דעם האָל (ער איז געווען אין דער הויז־קאָמיטע פון דער אידישער סעקציע ס. ל. פּ.). די פּאָליציי האָט דאַן ארעסטירט גילים'ן און פאַרפיהרט געגען איהם אַ פּראָצעס. שפּעטער איז ער פאַראורטיילט געוואָרען צו אַ יאָהר געפענגעניס. עס האָט ניט געהאָלפען קיינע אַפּילס. גילים האָט אָפּגע־שמאַכטעט 10 מאָנאַטען אין מאָיאַמענסינג פריזאָן.

אין אידישען קוואַרטאַל פון פילאַדעלפיע האָט זיך אין יענע יאָהרען געפונען אַ אידישער פּאָליסמאַן מיט'ן נאָמען קאַספּער, וועלכער פלעגט קומען צו אַלע מיטינגען פון דער אידישער סעקציע ס. ל. פּ., צו הערען די רעדנער. ער האָט עס דאַן ארעסטירט גילים'ען.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט דער זעלביגער פּאָליסמאַן, קאַספּער, ארעס־טירט אַב. קאַהאַן'ען, וועלכער האָט געהאַלטען אַ רעדע אין פילאַדעלפיע. קאַספּער האָט געגען איהם אויך געבראַכט אַ קלאַגע, נאָר דער מעדזשיסטרייט, אויסהערענדיג די קלאַגע, האָט גענאָסע קאַהאַן'ען גלייך באַפרייט. מיט אַ צייט שפּעטער האָט דער זעלבער פּאָליסמאַן קאַספּער ארעסטירט ב. פיי־גענבוים'ען, געגען וועמען עס איז פאַרפיהרט געוואָרען אַ פּראָצעס אין אַ העכערען קאורט. די קלאַגע געגען איהם איז געווען, אַז ער האָט אויפ־געהעצט די פאַרזאַמעלטע צו אַ „רייאָט". דער געריכט האָט אים אָבער פרייגעשפּראָכען.

אָט אַזוי האָבען די סאָציאַליסטען נאָך מיט 40 יאָהר צוריק געאַר־בייט ענערגיש אין פילאַדעלפיע און אין אַנדערע שטעדט פון לאַנד צו אָרגאַניזירען די אידישע ארבייטער אין יוניאָנס און צו פאַרשפּרייטען צווי־שען זיי די אידעע פון סאָציאַליזם.

אין יאָהר 1890 האָט אין פילאַדעלפיע אויסגעבראָכען אַ סטרייק ביי די קלאוק מאַכער, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען 18 וואָכען צייט און איז צום סוף פאַרלוירען געגאַנגען. דאָס איז געווען צוליב די דאַמאַלדיגע צאַנקערייען וואָס זיינען אָנגעגאַנגען צווישען די אידישע אַנאַרכיסטען מיט

די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין פילאַדעלפיע און אין פילע אַנדערע שטעדט פון לאַנד.

אין פאַרלויף פון יאָהר 1890 האָבען אין פילאַדעלפיע די שוירט־מאַכער אָנגעפיהרט אַ רייהע סטרייקס. אין יענעם יאָהר האָבען אויך גע־סטרייקט אידישע בעקער־ארבייטער און זיי האָבען געוואונען עטוואָס בעסערע ארבייטס־באַדינגונגען.

אין יאָהר 1891 האָבען די פילאַדעלפיער קלאוק מאַכער דורכגעמאַכט אַ לאַקאוט. די באַלעבאַטים האָבען זיך פאַראייניגט און האָבען אויס־געשלאָסען אַלע ארבייטער, פאָדערענדיג פון זיי, אַז זיי זאָלען זיך אָפּ־זאָגען פון דער יוניאָן. יענעם יאָהר האָבען אויך געסטרייקט 700 מענער־שניידער. דער דאָזיגער סטרייק אין דעם מענער־קליידער טרייד איז ארויסגערופען געוואָרען פון די נייטס אָוו לייבאָר און ער האָט זיך גע־ענדיגט מיט אַ זיג פאַר די ארבייטער, וועלכע האָבען אויסגעפירט, אַז די באַלעבאַטים זאָלען באַשעפטיגען אין זייערע שעפּער נאָר יוניאָן מיט־גלידער און די שכירות זאָלען געצאָלט ווערען יעדען שבת.

אין פילאַדעלפיע, וועלכע איז געווען די געבורטס־שטאָדט פון דער „נייטס אָוו לייבאָר", איז דיזער ארבייטער אָרדען געווען שטאַרקער ווי אַנדערשוואו. אין יאָהר 1889 האָט דער אָרדען געקראָגען אַן איינפלוס אויף די אידישע יוניאָנס אין פילאַדעלפיע, אָבער אין יאָהר 1891, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס", האָט דער נייער פאַרבאַנד פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר אָפּגע־צויגען צו זיך די אידישע שניידער יוניאָנס. דעמאָלט האָבען אויפ'ן באַשלוס פון די יונייטעד טיילאָרס יוניאָן נומער 1, פון פילאַדעלפיע, אַלע ברענטשעס פון דער יוניאָן זיך אָנגעשלאָסען אָן די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס".

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון פילאַדעלפיע האָט אָר־גאַניזירט יוניאָנס פון הויזען־אָפּערייטאָרס און פון קאַפּען־מאַכער. די לעצטע האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער אינטערנעשאָנאַל קאַפּען־מאַכער יוניאָן פון אַמעריקע. שפּעטער האָט די קלאוק מאַכער יוניאָן, וועלכע איז די ערשטע צייט געווען אונטער דעם איינפלוס פון די אַנאַרכיסטען, זיך אָנגעשלאָסען אָן די פילאַדעלפיער פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, וועלכע איז געפיהרט געוואָרען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען.

אין יאָהר 1893 האָט אויסגעבראָכען דער גרויסער קריזיס. אין צייט פון קריזיס האָט געבושעוועט אַ גרויסע ארבייטסלאָזיגקייט. זיינען כמעט אַלע אידישע יוניאָנס און אויך די פאַראייניגטע אידישע געווערק־

שאַפּטען אונטערגעגאַנגען. שפּעטער אָבער, אין 1894, ווען דער קריזיס איז פּאַריבער, האָבען די פילאַדעלפיער סאָציאַל־דעמאָקראַטען ווידער אויפגע־לעבט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, הויפּטזעכליך אַ דאַנק דער טעטיגקייט פון מאיר גילים פון דער סעקציע ס. ל. פּ., ב. ביכאָווסקי און י. לאַנדאָ פון דער טשילדרען דזשעקעטס מאַכער יוניאַן און די ברי־דער שעמבעליאַנס פון דער שוירט־מאַכער יוניאַן.

אין די ניי־רעאָרגאַניזירטע אידישע געווערקשאַפטען פון פילאַדעל־פיע זיינען דאַן אויך אַריינגעטראָטען די קלאָוק מאַכער, די שניידער יוניאַן, די פּענטס מאַכער יוניאַן און די ני־פּענטס מאַכער יוניאַן.

אין יאָהר 1894 האָט די פילאַדעלפיער קלאָוק מאַכער יוניאַן אָנגע־פירט אַ סטרייק געגען דער גרויסער פירמע „סטראָברידזש און קאָמפּאַני.״ דאָס איז געווען אַ סימפּאַטי סטרייק פאַר דער ניו יאָרקער קלאָוק מאַכער יוניאַן.

אין יאָהר 1894, ווען די ניו יאָרקער שוירט מאַכער יוניאַן האָט גע־האַט אַ סטרייק, האָבען די באַלעבאַטים געשיקט די אַרבייט נאָך פילאַ־דעלפיע. די פילאַדעלפיער שוירט מאַכער יוניאַן האָט דאַן אויפגעפּאַסט, אַז ביי זיי זאָל ניט געאַרבייט ווערען די ניו יאָרקער אַרבייט.

אין יאָהר 1895 זיינען אין פילאַדעלפיע געווען צוויי טשילדרען דזשע־קעט מאַכער יוניאַנס, איינע פון די „נייטס אָוו לייבאָר״ און די צוויי־טע פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס״. צווישען די ביידע יוניאַנס איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמף. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עס פלעגען אָפט פאָרקומען געשלעגען צווישען די מיטגלידער פון ביידע יוניאָנס. דער סוף איז געווען, אַז די טשילדרען דזשעקעט מאַכער יוניאַן פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס״ איז געבליבען די איינציגע יוניאָן אין פילאַדעלפיע.

אין יאָהר 1895 האָט די פילאַדעלפיער פּענטס מאַכער יוניאַן גע־וואונען אַ סטרייק פאַר אַ העכערונג פון שכירות.

די פילאַדעלפיער שניידער יוניאָן האָט אָנגעפירט אַ קאַמפּיין געגען סוועטינג (שוויץ) סיסטעם. צו יענער צייט איז אין פילאַדעלפיע געווען אַ פּאָקען־עפּידעמיע, האָבען די שניידער אַרבייטער זיך ענטזאָגט צו לאָ־זען זיך שטעלען פּאָקען, וואו מען וועט ניט אָפּשאַפען די סוועטינג־סיסטעם.

(מעהר וועגען דער טעטיגקייט פון די אידישע יוניאָנס אין פילאַ־דעלפיע און אין אַנדערע שטעדט וועט דער לעזער געפינען אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען.)

# דער אָנפאַנג פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג אין שיקאַגאָ.

די שטאָדט שיקאַגאָ איז אין די 80־ער יאָהרען, לויט דער צאָל איינוואוינער וואָס זי האָט פארמאָגט, באטראכט געווארען פאר דער צווייטער גרויסער שטאָדט אין אמעריקע.

די אידישע ראדיקאַלען פון שיקאַגאָ האָבען נאָך אין די 80־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט געהאט א „פּאָרט־בילדונגס פאראיין", וועלכער איז געווען אן אומפּארטייאישער, דאָרטען האָבען באַלאַנגט סאָציאַל־דעמאָקראַטען און אנארכיסטען. שפּעטער, אין יאָהר 1891, האָבען די אידישע סאָציאַליסטען געגרינדעט אין שיקאַגאָ א סעקציע פון דער ס. ל. פּ.

אין שיקאַגאָ איז אין יאָהר 1889 שוין צום דריטען מאָל געגרינדעט געוואָרען א קלאָוקמאַכער יוניאָן. צווישען די גרינדער פון דער דאָזיגער קלאָוקמאַכער יוניאָן זיינען געווען די סאָציאַליסטען נאַגינסקי, א. ביזנאָ, י. לעווין און פּיטער זוסמאַן. יענע יוניאָן האָט צום ערשטען מאָל אָנגעפיהרט א וויכטיגען סטרייק, וועלכער האָט אָפּגעקלונגען אַזש ביז ניו יאָרק.

דער ערשטער שיקאַגאָ'ער סאָציאַליסט, מיט וועלכען איך האָב זיך באַקענט אין ניו יארק, איז געווען פּיטער זוסמאַן, וועלכער איז געקומען אויף א באַזוך אין ניו יאָרק אין יאָהר 1893. ער איז דעמאָלט נאָך געווען א קלאוק מאַכער. ער האָט שטארק אויסגענומען ביי די ניו יאָרקער אידישע סאָציאַליסטען. מיר האָבען גלייך דערזעהן, אז מיר האָבען פאר זיך א זעהר פעהיגען אינטעליגענטען מענשען. אין זעלבען יאָהר האָבען מיר זיך אויך באַקענט מיט א צווייטען שיקאַגאָ'ער אידישען סאָציאַליסט י. לעווין, וועלכער איז אויך געווען א קלאוק מאַכער. דעם גענאָסע האָבען מיר גלייך איינגעלאַדען, אז ער זאָל ווערען דער מענעדזשער פון אונזער „אבענד־בלאַט". דער דריטער גאַסט פון שיקאַגאָ איז געווען אב. ביזנאָ, וועלכער איז אויך געקומען צו אונז אין ניו יאָרק אין די ניינציגער יאָהרען, אויף דער איינלאַדונג פון דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

דער פערטער שיקאַגאָ'ער געגאַסע, וואָס איז געקומען אין ניו יארק און האָט דערנאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער ארבייטער באַוועגונג, איז געווען ב. ש ל ע ז י נ ג ע ר.*)

אין אַפּריל, 1890, האָבען די פלוש־שניידער און דער קלאוק מאַכער ברענטש 2 („אינסייד העגט"), דאָס הייסט, אזעלכע ארבייטער, וועלכע ארבייטען ביי די פאַבריקאַנטען אין די שעפּער), פון שיקאַגאָ, דורכגע־מאַכט אַ געלונגענעם סטרייק. יענער סטרייק האָט אָנגעהאַלטען 8 וואָכען און ער האָט זיך געענדיגט מיט אַ זיג פאַר די סטרייקענדע ארבייטער.

אין דעצעמבער פון יאָהר 1890, האָט אב. קאַהאַן, אויף דעם אויפ־טראַג פון דער נאַציאָנאַלער אידישער פעדעראַציע פון אַלע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס באַזוכט שיקאַגאָ, און ער האָט דאָרט אָרגאַניזירט די מע־נער־שניידער יוניאָן.

אין מאָנאַט יוני, 1891, האָט די קלאָטה העט און קאַפּען מאַכער יוניאָן פון שיקאַגאָ דורכגעפיהרט אַ געלונגענעם אלגעמיינעם סטרייק.

אין יאָהר 1905 זיינען איינינגע אידישע יוניאָנס אריינגעטראָטען אין די אינדוסטריעל וואָירקערס אָוו די וואָירלד (איי דאָבעליו דאָבעליו"). זיי זיינען אָבער לאַנג דאָרטען ניט פארבליבען. אַלע שניידער יוניאָנס זיינען אין גיכען אריין אין זייער אינטערנאַציאָנאַלער יוניאָן און די ארבייטער פון פרויען קליידער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער אינטערנעשאָנאַל לייי־דיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן אָוו אַמעריקאַ.

נאָך אין די 90־ער יאָהרען האָט זיך אין שיקאַגאָ, פּונקט ווי אין ניו יאָרק און אין פילאַדעלפיע געגרינדעט אַ פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען. די גרינדער פון די געווערקשאַפטען אין שיקאַגאָ זיינען געווען: אב. ביזנאָ, ב. שלעזינגער, ל. הענאָך, מאָרים זיסקינד און אַנדערע. אָבער אין די קריזיס יאָהרען איז די געווערקשאַפטען אונטער־געגאַנגען. ערשט אין יאהר 1910 האָבען די אידישע יוניאנס פון שיקאַ־גאָ נאָכאַמאָל אָרגאַניזירט די געווערקשאַפטען, וועלכע עקזיסטירט עד היום. די נייע געווערקשאַפטען האָט אָנגענומען די פאָלגענדע דעקלאַראַציע:

„די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַטען פון שיקאַגאָ איז אָרגאַני־זירט מיט דעם צוועק צו העלפען דורך פאַראייניגטע קרעפטען צו פאַר־בעסערען די לאַגע און מאַכען גרינגער דעם עקאָנאָמישען קאַמף פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער. עס איז דאַרום אין די אינטערעסען פון יעדען

*) וועגען איהם וועט דער לעזער געפינען אויספיהרליך אין דעם קאַפּיטעל וועגען דער קלאוקמאַכער יוניאָן.

יוניאָן מאַן און פון יעדער טרייד־יוניאָן צו שטודירען די אורזאַכען וועלכע פיהרען צו סטרייקס, צו באָיקאָטס, צו אינדזשאַנקשאָנס און בלעקליסטס, מיט דעם צוועק זיי זאָלען באַגרייפען אַז יעדער עקאָנאָמישער קאַמף איז אויך אַ פּאָליטישער קאַמף. די טרייד יוניאָן באַוועגונג איז אַ רעזולטאַט פון דעם עקאָנאָמישען קלאַסען־קאַמף און דיזער קאַמף קען ניט זיין ערפאָלגרייך אין די אמת'ע אינטערעסען פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער, סיידען זיי באַטייליגען זיך אין פּאָליטישען קאַמף, מיט דעם הויפּט־צוועק צו ווירקען אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף זאָל אָנגעפיהרט ווערען זיגרייך פון די ארבייטער פון לאַנד פון יעדער שטאָדט.״

די געווערקשאַפטען האָט אָרגאַניזירט אַ רייהע קלענערע יוניאָנס און געהאָלפען זיי אין זייערע סטרייקס און קעמפע פאַר בעסערע באַדינגונגען.

אויסער דיזע טעטיגקייטען, וועלכע האָבען אַ דירעקטען שייכות מיט די אָנגעשלאָסענע יוניאָנס, האָט די געווערקשאַפטען זיך באַטייליגט אין יעדער טעטיגקייט פון דער טרייד־יוניאָניסטישער, סאָציאַליסטישער און געזעלשאַפטליכער באַוועגונגען, וועלכע זיינען אונטערנומען געוואָרען צו יעדער צייט.

# די יוניאָנס אין דעם קעפּ און מילינערי טרייד.

דער ערשטער גענעראל־סטרייק און די ערשטע יוניאן פון קאפּענמאכער אין יאהר 1874, וואס איז געפיהרט געווארען פון דייטשע „יאַהודים“. — די ענטשטעהונג פון דער שוויק־סיסטעם און די רעוואָלוציע, וואָס די ניי־מאַשין האָט געבראַכט מיט זיך אין קאפּען־טרייד. — די גרינדונג פון דער ערשטער יוניאן פון קאפּען־אפּע־רייטאָרס אין יאָהר 1887. — דער היסטאָרישער „בעלי־בלוי“־גענעראל סטרייק און דער אונטערגאנג פון דער יוניאן. — דער „שווארצער זאק“. — א „פּאַריזער קאָ־מונאר“ צווישען די ערשטע גרינדער פון דער איצטיגער קאפּענמאַכער יוניאן. — דער סטרייק־לאקאוט אין יאָהר 1895 — די גרינדונגס־קאָנווענשאָן פון דעם קעפּ־מאַכער אינטערנעשאָנאל פארבאנד. — דער גענעראל־סטרייק געגען „אָפּען שאפּ“. — דער קאמף מיט דער „אינדאָסטריעל וואירקערס אָוו דהי וואָירלד“. — די געשיכטע פון דעם מילינערי טרייד און פון דער מילינערי יוניאן. — דער סכסוך מיט דער א. פ. אָוו לייבאָר. — די אויפטואונגען פון די קאפּענמאַכער און מילינערי יוניאנס.

די ערשטע יוניאָן אין דעם קאפּען־טרייד פון ניו יאָרק איז געגרינדעט געווארען אין יאָהר 1874. צו יענער צייט האָבען אין דעם פאך שוין גע־ארבייט א היבשע צאָל אידען, אימיגראנטען פון דייטשלאַנד און פון פוילען. זיי זיינען עס געווען די גרינדער פון יענער ערשטער קאפּען־מאַכער יוניאָן אין ניו יאָרק.

דער קאפּען־טרייד האָט זיך אין אמעריקא אָנגעהויבען צו אנטוויקלען אין דער צייט פון דעם „גאָלד־פיוועך“, ווען גרויסע מאסען מענשען האָ־בען זיך אוועקגעלאָזען פאָהרען קיין קאַליפאָרניע, וואו מען האָט ענטדעקט גאָלד. דאָס איז געווען אין יאָהר 1849. אזוי ווי די אייזענבאַהנען זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען גוט אנטוויקעלט, האָבען זיך יענע אוואַנ־טיוריסטען, ארויספאָהרענדיג פון דער היים, באַוואָרענט מיט ווארעמע מלבושים און הויפּטזעכליך מיט ווארעמע פוטערנע אָדער טור־בענע היטלען. מיט צעהן־צוועלף יאָהר שפּעטער, האָט אין אמע־ריקא אויסגעבראָכען דער בירגער־קריג צווישען דער נאָרד און דער סאוטה, איז די נאָכפראַגע אויף יוניפאָרם היטלען פאר די סאָלדאַטען געווען זעהר גרויס.

אָנגעפאנגען האָט זיך דער קאפּען־טרייד אין ניו יארק צו יענער צייט

אלס א הויז־אינדוסטריע, דאָס הייסט ארבייטער פרויען (אַמעריקאַנער און איירישע) פלעגען ארויסנעהמען א היים ארבייט פון וועד־הייזער ביי קאַפּען פּאַבריקאַנטען, וועלכע פלעגען אין זייערע שפּער בלויז באַשעפטיגען קאָ־טערס (צושניידער).

די ארבייטער פרויען פלעגען נייען די קאַפּען ביי זיך אין די הייזער. די ערשטע צייט זיינען נאָך קיין נייה־מאַשינען ניט געווען, ווייל די ערשטע ריכטיגע נייה־מאַשין איז ארויין אין מארקעט ערשט אין יאָהר 1851.

אין דער צייט פון בירגער־קריג איז דער קאַפּען־טרייד פאַרוואַנדעלט געווארען אין א שאַפּ־אינדוסטריע. דעמאָלט האָבען די קאַפּען־ארבייטער געארבייט אונטער ניש־קשה'דיגע באַדינגונגען, הויפּטזעכליך האָבען דאַן גוט פאַרדינט די גוטע בעל־מלאכות.

די גרעסטע צאָהל פון זיי זיינען געווען אימיגראַנטען, ניט לאַנג אַרי־בערגעקומענע פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד און איירלאַנד.

אין די 70־ער יאהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָבען די גוטע בעל מלאכות שוין פאַרדינט $20 א וואָך. דאָס האָט דעמאָלט געהייסען גרויסע שבירות, ווייל ארבייטער פון אנדערע טריידס פלעגען פאַרדינען ניט מעהר ווי 8-9 דאָלער א וואָך. די פרויען אָבער, וואָס האָבען געארבייט ביי די ביליגערע היטלען, פלעגען פאַרדינען א סך וויינינגער.

אין דעם בוך „די געשיכטע פון דער קאַפּען און מילינערי וואָירקערס יוניאָן", פון וואַנען איך נעם ארויס די אַלע פאַקטען, איז אָפּגעדרוקט א קאָפּיע פון א פּעטיציע, וואָס פרויען קאַפּען ארבייטערינען האָבען אין יאָהר 1865 דערלאַנגט דעם פּרעזידענט לינקאָלן, בעטענדיג איהם, אז די רעגירונג זאָל ניט געבען מאַכען די סאָלדאַטסקע היטלען צו קאָנטראַקטאָרס, נאָר זאָל עס געבען דירעקט צו די ארבייטער.

אין יאָהר 1873 איז אין אַמעריקע אָנגעקומען א גרויסער קריזיס, וועגען וועלכען איך האָב שוין געשריבען אין די ערשטע קאַפּיטלאָך פון דיזען בוך. כמעט אין קיין טרייד האָט מען ניט געארבייט. יענער קריזיס ווערט פאַררעכענט פאַר דעם שרעקליכסטען, וואָס איז אַמאָל פאָרגעקומען אין אַמעריקע. כמעט אַלע ארבייטער פון לאַנד, צוזאַמען מיט זייערע פאַ־מיליען האָבען דאַן געהונגערט. דער קריזיס האָט אָנגעהאַלטען אייניגע יאהר און ווען עס האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען צו צייגען ארבייט, האָבען די ארבייטער געארבייט פאַר א הונגער־לוין. פאַר די יאהרען פון קריזיס האָבען די ארבייטער פאַרלוירען אַלע פאַרבעסערונגען, וועלכע זיי האָבען דורך זייערע יוניאָנס געהאַט אויסגעקעמפט זייט דעם יאָהר 1828.

די קאַפּען־מאַכער האָבען אין צייט פון קריזיס פּאָרט געהאַט אַביסעל ארבייט צו מאַכען יוניפאָרם קעפּס פאַר דער רעגירונג. די קאַפּען־מאַנו־פעקטשורערס האָבען אָבער אויף אַזוי פיל פאַרקלענערט די שכירות פון די ארבייטער, אַז אויך די קאַפּען־מאַכער האָבען געארבייט פאַר אַ הונגער־לוין. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט ביז ביי די קאַפּען־מאַכער האָט גע־פּלאַצט די געדולד און אין יאהר 1874 האָט אין ניו יאָרק אויסגעבראָכען אַ גענעראַל סטרייק, וועלכער איז געווען דער ערשטער אין דעם טרייד. (איינציגע שאַפּ־סטרייקס זיינען פאָרגעקומען אין טרייד אויך פריהער.) אין יענעם ערשטען סטרייק האָבען זיך באַטייליגט ארום 1,500 קאַפּען־ארבייטער, פרויען און מענער. די מענער זיינען געווען מעהרסטענס אי־דישע אימיגראַנטען פון דייטשלאַנד („דייטשע יאַהודים“, ווי מיר פלעגען זיי רופען). צווישען די פרויען אָבער זיינען געווען פילע איירישע און דייטשע, ווי אויך אַמעריקאַנער געבוירענע.

די גרעסטע צאָהל פאַבריקאַנטען פון קאַפּען־טרייד זיינען געווען דייטשען — קריסטען און אידען. אויך איז געווען אַ געוויסע צאָהל איירישע און אמעריקאַנער.

די פיהרער פון יענעם סטרייק זיינען געווען די פינישערס, דייטשע אידען, וועלכע פלעגען נייען די קאַפּען ביים האַנט. עס זיינען שוין צו יענער צייט געווען אָפּערייטאָרס, וועלכע פלעגען שטעפּען אויף נייה־מאַשי־נען די ביליגערע סאָרטען קאַפּען. אָבער די אָפּערייטאָרס זיינען נאָך דאַן געווען קליין אין צאָהל. אין סטרייק זיינען אויך געווען די בלאָקערס פון די קאַפּען.

די קאַטערס פון די קאַפּען האָבען שוין געהאַט אַ יוניאַן זייט 1870־טען יאָהר. אָבער אין אָנפאַנג פון סטרייק זיינען זיי פאַרבליבען ארבייטען אין די שעפּער. די קאַטערס זיינען דאַן באַטראַכט געוואָרען פאַר די אַריסטאָקראַטען פון טרייד.

די סטרייקער האָבען געפאָדערט אַ העכערונג פון 20 ביז 40 פּראָ־צענט אויף די פּרייזען פון ארבייט (זיי פלעגען ארבייטען פון שטיק).

אַרונטערגעהענדיג אין סטרייק, האָבען די ארבייטער אָרגאַניזירט אַ יוניאַן, וועלכע זיי האָבען אַ נאָמען געגעבען „די סענטראַל יוניאָן אָוו קעפּ־מייקערס“. דער פּרעזידענט פון יענער יוניאַן איז געווען וו. אָבער און דער סעקרעטער — מ. ווינער.

די פאַבריקאַנטען פון אַלע גרויסע שעפּער האָבען אָפּגעהאַלטען אַ פאַר־זאַמלונג און האָבען באַשלאָסען ניט נאָכצוגעבען די פאָדערונגען פון זייערע ארבייטער. האָבען די סטרייקער גלייך דורך זייער יוניאַן ארויסגעשיקט

אַן אויפרוף צו זייערע ברידער קאַפּען מאַכער פון אַנדערע שטעדט, ווי באָסטאָן, פילאַדעלפיע, א. ז. וו., פּאַרלאַנגענדיג פון זיי מאָראַלע שטיצע. דער ענטפער איז געווען זעהר אַ פריינדליכער, אַ ברידערליכער. די קאַפּען־מאַכער פון די אַנדערע שטעדט האָבען זיי אָנגעבאָטען פינאַנציעלע שטיצע. דאָס זעלבע האָבען אויך געטאָן פילע אָרגאַניזירטע ארבייטער פון אַנדערע פאַכען, וועלכע האָבען אויך ארויסגעוויזען גרויס סימפּאַטי צו די סטרייקענדע קאַפּען־ארבייטער. אָבער די וויכטיגסטע פּאַסירונג אין יענעם סטרייק איז געווען, וואס אינגיכען האָט די קאַטערס יוניאָן פון קאַפּען־טרייד זיך אָנגעשלאָסען אָן סטרייק. די קאַטערס האָבען באַשלאָסען, אַז קיינער פון זיי זאָל ניט געהן ארבייטען אין אַ שאַפּ, וועלכער האָט ניט געסעטעלט מיט דער „סענטראַל יוניאָן אָוו קעפּ־מייקערס“. אָהן די קאַטערס האָבען די פאַבריקאַנטען גאַרנישט געקענט טאָן. זיי האָבען אָנגעפאַנגען קאָנפערירען מיט פאָרשטעהער פון דער יוניאָן, ביז דער סטרייק איז געסעטעלט געוואָרען. די ארבייטער האָבען געקראָגען אַ העכערונג פון 15 פּראָצענט אויף זייערע שכירות.

מיט אַ האַלב יאָהר שפּעטער אָבער האָבען די פינישערס, וועלכע זיינען געווען די הויפּט בעל־מלאכות פון פאַך, זיך מישב געווען, צו וואָס דאַרפען זיי אַ יוניאָן, אַז דעם סטרייק האָט מען דאָך שוין געוואונען? איז יענע ערשטע יוניאָן, די „סענטראַל יוניאָן אָוו קעפּ־מייקערס“, ביסלעכווייז אונטערגעגאַנגען. די קאַטערס יוניאָן איז אָבער פאַרבליבען. די קאַטערס האָבען מעהר אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון זייער יוניאָן, כאָטש זייער יוניאָן איז צו יענער צייט געווען ניט מעהר ווי אַ וואָהלטעטיגער פאַראיין פאַר די מעמבערס אין צייט פון נויט.

צו יענער צייט האָט נאָך אין לאַנד אַלץ געהערשט אַ גרויסע אַרבייטסלאָזיגקייט. דער קריזיס איז נאָך ניט געווען פאָריבער און אין קאַפּען טרייד איז געוואָרען אַ שרעקליכער סלעק. אין דער זעלבער צייט איז דאָס מאַכען פון קאַפּען פאַראיינפאַכט געוואָרען. מען האָט גענומען פּראָדוצירען ניט אַזעלכע גוטע קאַפּען ווי פריהער. די פאַבריקאַנטען האָבען גענומען ווידער אַרונטעררייסען פון די פרייזען, אַזוי אַז די פינישערס האָבען ניט געקענט פאַרדינען אויף אַ לעבען צו מאַכען. האָבען זיך די אַרבייטער אַן עצה געגעבען, און האָבען גענומען מיידלאַך, וועלכע האָבען געאַרבייט פאַר זיי אַלס ארויסהעלפערינס.

די מיידלאַך פלעגען קריגען באַצאָהלט פון זייערע ארבייטער־באַלעבאַטים פון 3 ביז 4 דאָלאַר אַ וואָך. זיי אַליין, די מעכאַניקער, די פינישערס, פלעגען צו יענער צייט פאַרדינען פון 5 ביז 7 דאָלאַר אַ וואָך.

אין מאי פון יאָהר 1878 האָט אויסגעבראָכען אַ נייער גענעראַל־סטרייק פון קאַפּען־מאַכער. צו יענער צייט איז גראָד געוועזן אַ סך ארבייט ביי קאַפּען. דאָך האָט דער סטרייק געדויערט ביז מאָנאַט יולי, און די ארבייטער האָבען אויך יענעם סטרייק געוואונען; זיי האָבען געקראָגען אַ גרויסע העכערונג אויף די פּרייזען פון ארבייט.

מיט אַ יאָהר שפּעטער האָבען די פאַבריקאַנטען ווידער צוגענומען פון די ארבייטער די העכערונג, וואָס זיי האָבען זיי געגעבען אין צייט פון סטרייק. קיין יוניאָן איז דאָן ניט געווען. ווען די ארבייטער האָבען דערזעהן, אַז די באַלעבאַטים שניידען ווידער זייערע שכירות, האָבען זיי דעם 15טען אויגוסט, 1879, געגרינדעט די צווייטע קאַפּען־מאַכער יוניאָן, וועלכע איז געווען באַוואוסט אונטער דעם נאָמען „די קעפּ־פינישערס יוניאָן".

די פאָלגענדע פּונקטען פון דער קאָנסטיטוציע פון יענער צווייטער יוניאָן זיינען זעהר כאַראַקטעריסטיש: 1) קיין קאַפּען־ארבייטער זאָל ניט טאָרען באַשעפטיגען אונטער זיין האַנט מעהר ווי 2 ארויסהעלפער און מען זאָל ניט ארבייטען מעהר ווי 60 שטונדען אַ וואָך אין שאַפּ;

2) די ארבייטער וואָס האָבען געאַרבייט ביז דער גרינדונג פון דער יוניאָן אין זייערע וואוינונגען, זאָלען מעגען ווייטער אַזוי ארבייטען, זיי זאָלען אָבער פון שאַפּ ניט ארויסקריגען מעהר ארבייט וויפיל עס קריגט אַן ארבייטער אין שאַפּ גופא;

3) קיין ארבייטער זאָל אַהיים ניט טאָרען ארויסנעמען קיין ארבייט מעהר ווי פון איין שאַפּ.

דאָס איז שוין געווען אַ טייל פון סוועטינג־סיסטעם (שוויץ־סיסטעם), וועלכער האָט זיך אין ניו יאָרק גענומען אַנטוויקלען נאָך אין די 70ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט.

אין דער קאָנסטיטוציע איז אויך געווען אַ פּונקט, אַז ביי די פאַרזאַמלונגען פון דער יוניאָן איז די אָפיציעלע שפּראַך דייטש, נאָר ווער עס וויל זאָל קענען ריידען ענגליש.

די דאָזיגע צווייטע יוניאָן פון די קאַפּענמאַכער, די „קאַפּען פינישערס יוניאָן", האָט געפיהרט סטרייקס אויך אין 1880 און 1881, ווען זיי האָבען געוואונען בעסערע ארבייטס־באַדינגונגען אויף אַזוי פיל, אַז אַ פינישער ביי קאַפּען האָט שוין געקענט פאַרדינען פון 9 ביז 10 דאָלאַר אַ וואָך.

אין יאָהר 1882, גראָד אין דעם יאָהר ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די גרויסע אידישע מאַסען־עמיגראַציע פון דרום־רוסלאַנד, פּוילען און ליטא איז אין דעם קאַפּען־פאַך אריינגעקומען אַ גרויסע ענדערונג צוליב די פאַרבעסערונגען פון די נייה־מאַשינען. מען האָט גענומען ארבייטען אַ ביליגע־

רע ליין קאפען, אָבער אַנשטאָט די פינישערס זאָלען זיי נייהען ביים האַנט האָבען די אָפּערייטאָרס גענומען נייהען די קאפען אויף נייה־מאשינען, און ביסלאכווייז האָבען די אָפּערייטאָרס פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די פינישערס, וועלכע פלעגען נייהען מיט׳ן האַנט די קאפען פון אייביג אָן. אין יאָהר 1884 זיינען שוין אין גאַנץ ניו יאָרק געווען בלויז 175 קאפען־פינישערס אַנשטאָט 800, וועלכע זיינען געווען אין טרייד מיט 10 יאָהר פריהער. מען האָט גענומען אין די שעפּער ארבייטען אַ נייע מאָדע קאפען, אָבער אַלץ אויף נייה־מאשינען.

די ערשטע פאַראיינען פון קאפּען־אָפּערייטאָרס האָבען זיך גענומען פאָרמירען נאָך אין אָנפאַנג פון די 80ער יאָהרען אונטער דעם איינפלוס פון די פינישערס, וועלכע האָבען שוין פאַרשטאַנען דעם ווערט פון אַ יוניאָן. מיט דער פאָרמינדערונג פון דער צאָהל פינישערס אין די קאפען־שעפּער האָבען די קאפען־קאַטערס אין די 80ער יאָהרען זיך גענומען מעהר אינטערעסירען מיט די איבעריגע ברענטשעס פון טרייד, כדי צו קענען אויפהאַלטען זייערע ארבייטס־באַדינגונגען. די קאַטערס זיינען אָבער נאָך פאַר אַ לענגערער צייט פאַרבליבען די אַריסטאָקראַטען פון טרייד. די געמיינשאַפטליכע סטרייקס, אָבער, וואָס אַלע ברענטשעס פון פאַך האָבען געפיהרט, האָבען די קאַטערס נעהנטער געבראַכט צו די אַנדערע ברענטשעס פון טרייד. אַזוי ווי אין יאָהר 1886 איז אין ניו יאָרק אָנגעגאַנגען אַ גרויסע באַוועגונג פאַר אַן אַכט־שטונדען ארבייטס־טאָג, איז דורך דער איניציאַטיוו פון די קאַפען־קאַטערס, וועלכע האָבען באַלאַנגט צו די „נייטס אָוו לייבאָר״ און דער ניו יאָרקער סענטראַל לייבאָר יוניאָן, ווידער געשאַפען געוואָרען אַ דזשאָינט עקזעקוטיווע פון אַלע צווייגען פון קאַפען־טרייד, די אָפּערייטאָרס אריינגערעכענט. אָבער אויך יענע פאַראייניגונג פון די ארבייטער פון אַלע צווייגען פון קאַפען־טרייד האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען, ווייל דער 8־שטונדיגער ארבייטס־טאָג איז דעמאָלט ניט געוואונען געוואָרען.

אין יענער צייט, אין 1886 יאָהר, האָבען גענומען אָנקומען די גרויסע מאַסען אידישע אימיגראַנטען. צווישען זיי זיינען געווען אַ היבשע צאָהל היימישע קירזשנער. אויסער דעם האָבען אַ געוויסע צאָהל פון די דאַמאָלסדיגע אידישע אימיגראַנטען זיך אויסגעלערענט דאָ פאַר אָפּערייטאָרס ביי קאפען. דיזע ניי־אריבערגעקומענע אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד, פוילען און ליטא האָבען מיט זיך שוין פאָרגעשטעלט אַ גאַנץ אַנדער עלעמענט ווי די אַלטע קאפען־פינישערס פון דייטשלאַנד. אַ גאַנץ היבשע צאָהל פון די נייע אימיגראַנטען, וואָס האָבען געאַרבייט אין קאפען־טרייד

אַלס אַפּערייטאָרס, זיינען שוין געווען אונטער דעם איינפלוס פון די ערשטע רוסיש־אידישע ראַדיקאַלען פון די 80ער יאָהרען.

אין יאָהר 1887 האָבען די קאַפּען־אַפּערייטאָרס געגרינדעט זייער אייגענע יוניאָן אונטער דעם נאָמען „די קלאָטה העט אַפּערייטאָרס יוניאָן נומער 1". דאָס איז געווען אַן „אינדעפּענדענט" יוניאָן פאַר זיך, אָהן וועלכער ניט איז פאַרבינדונג מיט אַנדערע ארבייטער־קערפּערשאַפטען. די גרינדער פון דער יוניאָן זיינען נאָך אַלץ געווען די דייטשע „יאַהודים" און ניט דער נייער עלעמענט פון די רוסישע, פּוילישע און ליטווישע אידישע אימיגראַנטען, וועלכע זיינען צו יענער צייט אריינגעקומען אין טרייד.

איך געדענק ווי אַזוי, אַלס סעקרעטער פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, האָב איך גלייך נאָך דער גרינדונג פון דיזער צענטראַלער קערפּערשאַפט, אין ענדע פון 1888טען יאָהר, זיך גענומען אינטערעסירען מיט דער פראַגע ווי אַזוי מען קען אריינציהען די דאָזיגע יוניאָן אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג. די פיהרער אָבער פון יענער יוניאָן האָבען פון קיין פאַראייניגונג מיט אַנדערע יוניאָנס ניט געוואָלט וויסען. און ווען אַ קאָמיטע פון די פ. א. ג. איז געקומען צו זייערען אַ מיטינג, האָבען זיי דער קאָמיטע ניט אריינגעלאָזען.

מיר האָבען באַשלאָסען צו וואַרטען אויף בעסערע צייטען, ווען דער גייסט פון אָפּגעזונדערטקייט וועט ביי זיי אָפּגעשוואַכט ווערען. ניט זעהר לאַנג איז אונז אויסגעקומען צו וואַרטען. אין יאהר 1889 האָט אין קאַפּען־טרייד אויסגעבראָכען אַ סטרייק, וועלכער האָט געדויערט אַ פּאָר וואָכען און איז פאַרלאָרען געגאַנגען. די יוניאָן איז צוליב דעם אין גאַנצען אָפּגעשוואַכט געוואָרען. אַ געוויסער קאַפּען־מאַכער גאָלדרייך, וולכער איז דאַן געווען דער איינציגער סאָציאַליסט אין דער קאַפּען מאַכער יוניאָן, האָט פּריוואַט געבעטען ביים מיטינג פון 8טען ברענטש ס. ל. פּ., וואו ער איז אויך געווען אַ מעמבער, מיר זאָלען זיך נאָך אַמאָל ווענדען צו דער קעפּ־מאַכער יוניאָן. ער האָט אונז פאַרזיכערט, אַז דעם מאָל וועט די יוניאָן זיך שוין פאַראייניגען מיט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און וועט דורכדעם אַליין אויך פאַרשטאַרקט ווערען. איך געדענק אַז די פ. א. ג. האָט נאָך אַמאָל ערוועהלט אַ קאָמיטע, וועלכע איז באַשטאַנען פון יוסף באַראָנדעס, מ. שאך, פאַרטרעטער פון דער ניעפּענטס מאַכער יוניאָן, ס. ד. קופּער, און דעם שרייבער פון דיזע ציילען, פאַר־טרעטער פון 8טען ברענטש ס. ל. פּ.

דעם מאָל האָט מען אונזער קאָמיטע גלייך אריינגערופען צום מיטינג פון דער קעפּמייקערס יוניאָן, וואו מיר האָבען געטראָפען אַ 30 מאַן, וועלכע

האָבען פאַרהאַנדעלט די פראַגע וועגען זייער יוניאָן. א פאָרשלאַג איז גע־מאַכט געוואָרען, אַז די פּאָר דאָלאַר, וואָס איז נאָך געווען אין קאַסע פון דער יוניאָן, זאָל מען אוועקגעבען פאַר א האָספּיטאַל.

אונזער קאָמיטע האָט ערקלערט וואָס מיר קענען פאַר זיי טאָן, אום זיי צו העלפען אויפבויען א שטאַרקע יוניאָן. די קעפּ מייקערס זיינען דאַן ביי זיך געווען שטאַרק אָראָפּגעפאַלען. זיי האָבען קיין האָפנונג ניט געהאַט די יוניאָן ווידער אויפצובויען.

זייער פיהרער איז דאַן געווען א געוויסער א. מענקע, א קאַפּען־אָפּערייטאָר, א דייטשער יאָהודי, זעהר א קאָנסערוואַטיווער מענש. ער איז געווען א פרעזידענט אין איינינע לאָדזשען און איז געווען א גוטער רעדנער. איהם האָט זיך וואהרשיינליך שטאַרק געוואָלט, אַז די יוניאָן זאָל ווידער אויפגעבויט ווערען, האָט ער געהאַלטען א רעדע בזה הלשון:

„מיינע ליבע ברידער! איהר ווייסט אַלע, אַז יעצט איז דאָס שפּאַנישע קעניגעל געפעהרליך קראַנק (דער יעצטיגער שפּאַנישער קעניג איז דאַן גע־ווען א אינגעל פון עטליכע יאָהר און האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען. די צייטונגען אין אמעריקא האָבען דעמאָלט פיל געשריבען וועגען איהם). ער איז דער איינציגער יורש פון שפּאַנישען טראָן. נו, מיינע ליבע ברידער, שטעלט אייך פאָר, אַז עס קומט א גרויסער דאָקטאָר און וויל זיך אונטערנעמען צו רעטען דאָס לעבען פון שפּאַנישען קעניגעל. וואָלטען דען זיינע עלטערען ניט דערפרעהט זיך? אַצינד, מיינע ברידער, קומען די הערען פון א קערפּערשאַפט פון ארבייטער און דערלאַנגען אונז זייער ברודער־האַנט, אין דער צייט ווען מיר זיינען באַרייט אונזער יוניאן אויפצולייזען — ווילען זיי אונז, קאַפּען־מאַכער, די פאַרבליבענע פון יענער שלאַכט, פון לעצטען סטרייק־ העלפען צו ווערען ווידער א מעכטיגע יוניאָן. לאָמיר עס אָננעמען, ברידער, מיט דאַנק און פרייד".

די רעדעס האָבען געווירקט. די יוניאָן האָט באַשלאָסען אָנצושליסען זיך אָן די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און פּרובירען מיט אונזער הילף אָרגאַניזירען א פעסטע קאַפּען־מאַכער יוניאָן.

דער אָנפאַנג איז געמאַכט געוואָרען מיט א „באַנקעט" פאַר אַלע קאַ־פּען־מאַכער, וואָס מען האָט געקענט קריגען צו יענעם יום־טוב. אויך זיינען צו יענעם באַנקעט געקומען א גרויסע צאָהל דעלעגאַטען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, פאַר וועמען אַזאַ מאַלצייט איז געווען א גרויסער סורפּריז און א וואונדער, וויל, דעם אמת זאָגענדיג, האָבען די גרעסטע צאָהל פאַרטרעטער צו די געווערקשאַפטען געטראַכט, אַז עס איז א פאַרברעכען

געגען דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם צו געהן עסען גוטע געריכטען אין דער צייט ווען די ארבייטער הונגערען און עסען זעלטען א גוטען מאָלצייט...

די פ. א. ג. האָט געשיקט צו דעם באַנקעט איהרע בעסטע רעדנער: אב. קאַהאַן, מ. זאַמעטקין, מ. הילקוויט, דעם דייטשען גענאָסע א. הובער און נאָך און נאָך. די רעדעס פון אב. קאַהאַן און מ. זאַמעטקין האָבען גע־מאַכט א באַזונדערס שטאַרקען איינדרוק. הויפּטזעכליך האָט ביים עולם גוואַלדיג אויסגענומען די רעדע פון מ. זאַמעטקין. זאַמעטקין'ס טאַטע איז אין אַדעס געווען א באַוואוסטער קירזשנער, איז זאַמעטקין געווען ביי די קאַפּען־מאַכער ווי ביי זיך אין דער היים.

ביים באַנקעט האָב איך זיך באַקאַנט מיט א פּאָר גאַנץ אַלטע אידען. איך האָב גלייך באַמערקט, אַז דאָס זיינען ניט קיין ליטווישע אָדער פּוילישע אידען. מען האָט מיר שפּעטער ערקלערט, אַז דאָס זיינען דייטשע „יאַהו־דים", די אַמאָליגע קאַפּען־פינישערס, וועלכע זיינען אין די לעצטע יאָהרען פאַרביטען געוואָרען אויף אָפּערייטאָרס.

די רעדעס אויף יענעם באַנקעט האָבען שטאַרק אויפגעמונטערט די קעפּ מייקערס און די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט אָרגאַנזשירט פאַר זייער יוניאָן מאַסען־פאַרזאַמלונגען אויף יעדען שבת אָוועט אַכט וואָכען נאָכאַנאַנד.

דער צושטאַנד אין קאַפּען־טרייד איז דאַן געווען א ביסעל בעסער ווי ביי העמדלאַך, ני פּענטס אָדער שניידעריי, ווייל די קאַפּען־מאַכער האָבען געאַרבייט אין „אינסייד שעפּער", ניט ביי קאָנטראַקטאָרען. זייערע פאַר־דינסטען זיינען געווען פיל בעסער ווי ביי אַנדערע אידישע טריידס. מען האָט אָבער געאַרבייט לאַנגע שטונדען און פון שטיק. און דאָס האָט גע־טריבען צו יאָגעניש. דערצו נאָך פלעגט יעדער קאַפּען־מאַכער מיטנעמען אהיים א פולען זאַק מיט אַרבייט. דאָס האָט מען דאַן גערופען „טראָגען דעם שוואַרצען זאַק". יעדער קאַפּען־מאַכער האָט געמוזט האָבען אַן אייגענע נייה־מאַשין, נאָדלען און קאַטען, סיי אין שאָפּ און סיי אין דער היים.

אין יאָהר 1890 האָבען די אָפּערייטאָרס מיט דער הילף פון די געווערק־שאַפטען, שוין געהאַט אויפגעבויט א שטאַרקע יוניאָן. יענעם סיזאָן האָבען שוין די ארבייטער פאַרדינט גרויסע שכירות, פון 50 ביז 60 דאָלאַר א וואָך. אייניגע האָבען שוין פאַרדינט זאָגאַר 70 דאָלאַר א וואָך, וואָס דאָס האָט דעמאָלט געמיינט זעהר א סך. דאָס איז געווען צוליב א צופאַל. יענעם סיזאָן איז גראָד אריין אין דער מאָדע א העט, וואָס מען האָט גערופען „נעלי בליי". די גאַנצע וועלט האָט דאַן געקאָכט מיט אַן אַמעריקאַנער רעפּאָר־טערקע מיט'ן נאָמען נעלי בליי, וועלכע האָט געמאַכט א רייזע איבער דער

וועלט אין 72 טעג, און די אמעריקאנער פרויען האבען דאן געטראגען „נעלי בליי"־העטס.

האבענדיג א שטארקע יוניאן, האבען די קאפען־מאכער אויסגענוצט די גינסטיגע לאגע און האבען זעהר גוט פארדינט. אזוי שנעל אבער ווי דער סטייל איז ארויס פון דער מאדע האבען די באלעבאטים פראוואצירט די קאפען־מאכער צו א גענעראל־סטרייק, וועלכער האט געדויערט 22 וואכען. עס איז אייגענטליך געווען ניט קיין סטרייק, נאר א לאקאוט. די באלע־באטים האבען אויסגעשלאסען צוועלף הונדערט קאפען־מאכער.

דער „נעלי בליי" גענעראל־סטרייק האט זיך אנגעפאנגען פון א סטרייק ביי דער פירמע „ליכטענשטיין און קא." פון ניו יארק, וועלכע האט געהאט א גרויסען שאפ. נאכדעם ווי דער סטרייק אין יענעם שאפ איז אנגעגאנגען פאר 6 וואכען צייט, האט די יוניאן געפאדערט פון די אנדערע קאפען־מאנו־פעקטשורערס, אז זיי זאלען ארויפנעמען די סטרייקערס אין זייערע שעפער. די פאבריקאנטען אבער, וועלכע זיינען געווען פארבונדען אין אן אסאסי־איישאן, האבען זיך אנטזאגט דאס צו טאן. די יוניאן האט דאן ערקלערט א גענעראל סטרייק. דאס איז געווען דעם 18טען מערץ, 1891. אלע קאפ־פען־מאכער: קאטערס, אפערייטארס, בלאקערס, פינישערס און טרימערס זיינען ארונטער אין סטרייק.

די קאפען־מאכער האבען יענעם מאל אנגעפיהרט דעם גענעראל סטרייק אויף א גוט־ארגאניזירטען אופן. דער סטרייק איז נאך געפיהרט געווארען פון דעם אויבען־דערמאנטען פרעזידענט א. מענקע, מיט זיינע קאמעראדען. אזוי ווי די „נעלי בליי" העטס זיינען שוין געווען ארויס פון דער מאדע און די באלעבאטים האבען נאך צוגעקראגען סקעבס, וועלכע האבען זיך פאר־קויפט צו זיי אויף קאנטראקטען, איז דער סטרייק פארלוירען געגאנגען.

פארלירענדיג דעם סטרייק, האבען די קאפען־מאכער דעמאלט פאר־לארען אויך זייער יוניאן, וועלכע איז דעמאלט געווען דער שפיגעל פון אלע אידישע יוניאנס. נאכ'ן סטרייק האבען זיך ערשט אנגעפאנגען די ריכטיגע צרות אין די שעפער. פילע טעטיגע יוניאן־לייט האבען די באסעס ניט געוואלט נעמען צוריק צו דער ארבייט. די ארבייטס־באדינגונגען אין די קאפען־שעפער זיינען געווארען שרעקליך. קיין קאפען־מאכער האט שוין דאן מעהר ניט געקענט חלומ'ען פון פארדינען 60—70 דאלאר א וואך, ווי דאס איז געווען אין די „נעלי בליי" צייטען. צעהן־פופצעהן דאלאר א וואך איז געווען דער דורכשניטליכער פארדינסט פון א קאפען־מאכער, און דאס

פּלעגען די קאַפּען־מאַכער פאַרדינען נאָר דאַן, ווען זיי האָבען אָפּגעארבייט 10 שטונדען א טאָג אין שאָפּ און נאָך דער ארבייט אהיים גענומען א „שוואַרצען זאַק" פול מיט געשניטענע וואַארע, וועלכע זיי און זייערע פרויען פלעגען נייהען גאַנצענע נעכט.

מיט צוויי יאָהר שפּעטער, אין אָנפאַנג פון יאָהר 1893, איז די קלאָטה העט און קעפּ־אָפּערייטאָרס יוניאָן ווידער אָרגאַניזירט געוואָרען, ניט אַלס יוניאָן נומער 1, נאָר אַלס יוניאָן נומער 2. די הויפּט־טוער אין יענער נייער קאַפּען־אָפּערייטאָרס יוניאָן נומער 2 זיינען געווען: ה. גאָלדרייך, א. קירזשנער, ס. טיפּאָגראַף, מ. צימערמאַן, י. שוואַרץ און אַנדערע.

ווי געזאָגט, איז די קאַפּען־מאַכער יוניאָן געווען די ערשטע אידישע יוניאָן אין אַמעריקא, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען נאָך אין יאָהר 1874 אין ניו יאָרק. איהר מיטגלידערשאַפט איז דאַן באַשטאַנען כמעט דורכאויס פון דייטשע „יאַהודים". אין דער נייער יוניאָן אָבער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1893, זיינען שוין די פיהרער געווען רוסישע, פּוילישע און ליטווישע אידען, וועלכע זיינען געווען פאַררעכענט פאַר ראַדיקאַלען. איינער פון די טעטיגסטע מיטגלידער פון דער קאַפּען־מאַכער יוניאָן, וואָס איך געדענק, איז געווען אַן ארבייטער מיט'ן נאָמען ה. גאָלדרייך. איך האָב איהם געקענט נאָך פון יאָהר 1888. איך האָב שפּעטער מיט איהם צוזאַמען באַלאַנגט אין ברענטש 8 פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.). טרעפענדיג זיך מיט איהם ביי די מיטינגען פון דער קאַפּען־אָפּערייטאָרס יוניאָן נומער 1, האָב איך גלייך באַמערקט, אַז ווען ער געהט ארויף אויף דער פּלאַטפאָרמע און זאָגט א פּאָר ווערטער הערען זיך כמעט אַלע יוניאָן־לייט זעהר שטאַרק צו איהם צו און נעמען אָן זיין ראַט. גאָלדרייך האָט געהאַט א גרויסען איינפלוס אויף אַלע מיטגלידער פון דער יוניאָן. פילע פון זיי האָבען געוואוסט, אַז גאָלדרייך, א געבוירענער פון רוסיש־פּוילען, איז אין יאָהר 1871 געווען אין פּאַריז און ער האָט דאָרט געקעמפט אויף די באַריקאַדען פאַר דער קאָמונע.

א וואונדערבאַרער טוער איז געווען אָט דער ברודער ה. גאָלדרייך. ראַכט זיך, אַן איינפאַכער שאַפּ־ארבייטער, און דאָך האָט ער איבעראַל געשפּילט א גרויסע ראָלע. ער איז, אגב, געווען איינער פון די ערשטע דריי ארבייטער, וואָס האָבען געגרינדעט דעם „ארבייטער רינג" פאַראיין אין יאָהר 1892. ה. גאָלדרייך איז געשטאָרבען אין ניו יאָרק, אין יוני, 1929.

א צווייטער קאפען־מאכער, אויך א פּראָסטער שאָפּ־ארבייטער, וועל־כער האָט אין דיזער יוניאָן א געוויסע צייט געשפּילט א גרויסע ראָלע, איז געווען מ. צימערמאַן, אַן אימיגראַנט פון פּוילען. ער האָט באַקומען ווייניג בילדונג און דאָך האָט ער געהאַט די פעהיגקייט צו זיין א פיהרער פון זיינע מיטארבייטער — ניט אלס באצאָהלטער באאַמטער, נאָר אלס אַן איינפאַכער מיטגליד. ער פלעגט מיט זיינע אויפריכטיגע רעדעס באַ־גייסטערען זיינע ברידער צום קאַמף פאַר א בעסערען לעבען. ער האָט זיין צייט און געזונט אוועקגעגעבען פאַר דער יוניאָן, פאַר וועלכער ער האָט גע־ארבייט געטריי און איבערגעגעבען יעדען פרייען אָווענד, ביז ער איז קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען, פאַרהעלטניסמעסיג נאָך ניט קיין אַלטער מאַן.

אין יאָהר 1890 האָב איך זיך אין דער קאפען־מאכער יוניאָן באַקאַנט מיט א אידישען יונגען אימיגראַנט פון דרום־רוסלאַנד מיט'ן נאָמען ס. טיפּאָגראַף, אַן ארבייטער פון דער היים. ער האָט אין דער קאפען־מאַכער יוניאָן גענומען שפּילען א גרויסע ראָלע און מיט דער צייט איז ער געוואָרען דער מענעדזשער פון דיזער יוניאָן. ער איז געווען באַליבט ביי א געוויסער צאָהל יוניאָן־מיטגלידער, אָבער אַנדערע האָבען איהם באַטראַכט פאַר א שטיקעל דיקטאַטאָר און זיי האָבען איהם באַקעמפט. ער איז א לאַנגע צייט טאַקע געווען א הייסער דעליאַניסט. א היבשע צאָהל פון די דאַמאָלסדיגע טעטיגע מעמבערס פון דער קאפען מאכער יוניאָן זיינען געווען מעמבערס פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי.

נומער 2 קאפען אָפּערייטאָרס יוניאָן איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען מיט דער הילף פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

אין אַפּריל 1894 האָט שוין די קאפען אָפּערייטאָרס יוניאָן נומער 2 געצעהלט 600 מיטגלידער. פילע שאָפּ־סטרייקס זיינען דורך דער צייט גע־וואונען געוואָרען. אַנדערע זיינען פאַרלוירען געגאַנגען. אָבער די יוניאָן האָבען די קאפען־אָפּערייטאָרס מעהר ניט אויפגעגעבען; זיי האָבען זיך גע־האַלטען פעסט אָן איהר.

דער לאָקאַל 2 קאפען מאכער יוניאָן פון ניו יאָרק האָט אין יאָהר 1894 אָנגעפיהרט א קאַמפּיין צו אָרגאַניזירען דעם גאַנצען טרייד און אויך אַן אַגיטאַציע פאַר דעם, אז עס זאָל געגרינדעט ווערען אַן אינטערנע־שאָנאַל יוניאָן פון אַלע קאפען־לאָקאַלס פון אַמעריקאַ. פאַר דעם צוועק האָט דער לאָקאַל גערופען א שאָפּ־קאָנווענשאָן, וואו עס איז באַשלאָסען געוואָ־רען צו ווענדען זיך צו די עקזיסטירענדע לאָקאַלס פון די קאפען־ארבייטער אין שיקאַגאָ, פילאַדעלפיאַ, באָסטאָן און פון אַנדערע שטעדט.

אין ניו יאָרק גופא האָבען דאַן עקזיסטירט לאָקאַלס פון קאַטערס, אָפּערייטאָרס, בלאָקערס, פינישערס און טרימערס.

די פאַבריקאַנטען אין ניו יאָרק האָבען אָבער ניט געקענט רוהיג שלאָפען, ווען זיי האָבען געזעהן, אַז די קאַפּען־מאַכער יוניאָן ווערט ווידער מעכטיג און זיי האָבען אָנגעטאָן צרות דער יוניאָן. אַזוי האָבען אַ רייע פאַבריקאַנטען אין יאָהר 1895 געמאַכט אַ לאַקאַוט, ערקלעהרענדיג, אַז זיי ווילען האָבען אַן „אינדעפּענדענט" שאַפּ, דאָס הייסט, אַן „אָפּען"־שאַפּ, אַ סקעב־שאַפּ. אין יענעם סטרייק־לאַקאַוט פאַר „אינדעפּענדענט" שעפּער זיינען געווען פּאַרוויקעלט ביי אַ 600 קאַפּען־אָפּערייטאָרס און אַ 200 ארבייטער פון די אַנדערע ברענטשעס פון דעם טרעיד. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די קאַפּען־מאַכער האָבען זעהר בראַוו און מוטיג געפיהרט דעם קאַמף, האָבען זיי איהם דאָך פאַרלוירען, און לאָקאַל 2 איז ווידער אַפּגע־שוואַכט געוואָרען. די ארבייטער אָבער האָבען די יוניאָן ניט אויפגעגעבען, ווי דער פאַל איז געווען אין יאָהר 1892, נאָך דעם „נעלי־בליי" סטרייק. צוליב דער שוואַכקייט פון לאָקאַל 2 אָפּערייטאָרס, האָט זיך די באַוועגונג פאַר גרינדען אַן אינטערנאַציאָנאַלען פאַרבאַנד פון קאַפּען־מאַכער אַפּגע־שטעלט.

אין יאָהר 1897 האָבען די ניו יאָרקער קאַפּען־מאַכער לאָקאַלס ווידער אויפגעלעבט און זיי האָבען ווידער אָנגעפיהרט אַ רייהע פון סטרייקס. איין גרויסען סטרייק האָט די יוניאָן דאַן אָנגעפיהרט געגען דער פירמע „סיימאָנסאָן קעפּ קאָמפּאַניע" פאַר יוניאָן אַנערקענונג. דער סטרייק איז טיילוויז געוואונען געוואָרען.

אין זעלבען יאָהר איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג ביי די אידישע סאָציאַליסטען, אויף „לאָיאַלע" דעליאָניסטען, און אויף „פּראָגרעסיסטען". אַלע אידישע יוניאָנס זיינען אריינגעצויגען געוואָרען אין דעם קאַמף צווישען די צוויי פראַקציעס פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די גרעסטע צאָהל אידישע יוניאָנס פון די פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען, האָבען, ווי שוין געזאָגט, סימפּאַטיזירט מיט די „פּראָגרעסיס־טען", כאָטש אַליין האָבען זיי באַלאַנגט צו דער „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר עלייענס", צוליב וועלכער די שפּאַלטונג איז אייגענטליך פאָרגעקומען. אפילו אַזעלכע יוניאָנס, וואָס זיינען ניט געווען איינגאַנצען איינשטימיג מיט די „פּראָגרעסיסטען" האָבען דאַן אויך פאַרלאָזען די געווערקשאַפטען. די פירער פון דער דאַמאָלסטיגער קאַפּען־מאַכער יוניאָן, טיפּאָגראַף, הינדער, גאָלדרייך און אַנדערע זיינען פאַר אַ צייט פאַרבליבען אָנהענגער פון דער „ס. ל. פּ." און פון איהר אידישען אָרגאַן, דעם „אַבענד־בלאַט",

אָבער צווישען דער מעמבערשיפ פון דער קאפּען־מאַכער יוניאָן זיינען געווען פילע „פּאָרוועדטסיסטען". די פיהרער פון דער גרופּע זיינען געווען יאַרכאָווסקי, שוואַרץ, אייבעלסאָן, אַראָנסאָן און אַנדערע. אַ לאַנגע צייט איז אין דער יוניאָן אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישען די צוויי פראַקציעס, ביז עס איז ענדליך ביי אַ מיטינג פון דער יוניאָן באַשלאָסען געוואָרען ארויס־צוגיין פון די געווערקשאַפטען און זיך אָנשליסען אָן פּאַרבאַנד פון די „פּאָרוועדטסיסטען".

די „ס. ל. פּ." פיהרער פון לאָקאַל 2 קאַפּען־אָפּערייטאָרס יוניאָן האָבען זיך דאַן צוריקגעצויגען פון דער טעטיגקייט אין דער יוניאָן. צוליב אָט די אינערליכע רייסערייען איז די יוניאָן דעמאָלט ווידער אָפּגעשוואַכט געוואָרען.

אין יאָהר 1900 האָט לאָקאַל 2 באַשלאָסען ביי אַ מיטינג צו ענדערען זיין נאָמען אויף „יונייטעד קלאָט האַט און קעפּ מייקערס יוניאָן אָוו נאָרד אַמעריקא", מיט'ן צוועק צוצוטרעטען צו דער גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַלע קאַפּען־מאַכער יוניאָן איבער'ן לאַנד. דעם 21טען אַפּריל, 1901 האָט דיזע יוניאָן ארויסגעשיקט אָן אויפרוף צו אַלע קעפּ מייקערס פון ניו יאָרק, באָסטאָן, פילאַדעלפיא, שיקאַגאָ, סינסינעטי, באַפאַלאָ, סט. לואיס, קליוו־לאַנד, אַז זיי זאָלען שיקען דעלעגאַטען צו אַ קאָנווענשאָן אין ניו יאָרק, וואו עס וועט געגרינדעט ווערען אָן אינטערנאַציאָנאַלער פּאַרבאַנד פון אַלע ארבייטער פון קאַפּען־טרייד.

די קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען דעם 27טען דעצעמבער, 1901, אין ניו יאָרק. אויף דער קאָנווענשאָן זיינען געווען פאַרטראַטען: ניו יאָרק מיט 20 דעלעגאַטען, און פון דעטראָיט, באַלטימאָר, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיא און באָסטאָן זיינען געווען בלויז 7 דעלעגאַטען. די מעמבערשיפּ אין די קאַנטרי־שטעדט איז געווען דאַן זעהר אַ קליינע. בלויז אין ניו יאָרק האָבען די לאָקאַלס פון דער קאַפּען־מאַכער יוניאָן שוין דאַן געהאַט אַ צימליך גרויסע מיטגלידערשאַפט.

ביי יענער קאָנווענשאָן זיינען פאָרגעקומען היציגע דעבאַטען וועגען דעם, אָן וועלכער קערפּערשאַפט מען זאָל זיך אָנשליסען: אָן דער „אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר", אָדער אָן דער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס". נאָך צוויי טעג דעבאַטירען איז מען געקומען צו אַ באַשלוס צו בלייבען נייטראַל, דאָס הייסט, ניט געהערען צו קיינע פון דיזע קערפּערשאַפטען. אַלס גענעראַל־אָרגאַניזער פון דער אינטערנעשאָנאַל

קאַפּען־מאַכער יוניאָן איז ערוועהלט געוואָרען י. גאָרדאָן, פון שיקאַ־גאָ, ער איז אָבער קיינמאָל ניט אריין אין אמט. און אויף זיין פּלאַץ איז באשטימט געוואָרען מ. מייקאָל, א מיטגליד פון דער ניו יאָרקער קאַפּען קאַטערס יוניאָן. ער האָט אָנגעהאַלטען דעם אמט ביז יולי, 1904, ווען אויף זיין פּלאַץ איז ערוועהלט געוואָרען מאַקס צוקערמאַן, וועלכער איז נאָך עד היום דער סעקרעטער (איצט איז ער דער עהרען־סעקרעטער) פון דער אינטערנעשאָנאַל קעפּ מייקערס יוניאָן.

מ. צוקערמאַן, אויך א מיטגליד פון דער קעפּ קאַטערס יוניאָן, האָט זעהר פיל בייגעטראָגען צו מאַכען די אינטערנעשאָנאַל קאַפּען־מאַכער יוניאָן פאַר א שטאַרקע ארבייטער אָרגאַניזאַציע.

מ. מייקאָל איז געווען אַן אַמעריקאַניזירטער אימיגראַנט פון פּוילען. ער איז געווען א שטאַרקער נאָכפאָלגער פון סעמועל גאָמפּערס, פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר און אַן אָנהענגער פון די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. מאַקס צוקערמאַן אבער, אויך א מעמבער פון דערזעלבער קאַטערס יוניאָן, איז געווען א רוסישער יונגערמאַן, א פּאַרט־געשריטענער ארבייטער, וועלכער פּלעגט אויסער זיין וואונדערבאַרער טעטיגקייט אין זיין אייגענער יוניאָן אויך מישען זיך אין אַלע אנדערע אידישע יוניאָנס, און העלפען זיי אין אַלע זייערע קעמפּע. צוקערמאַן האָט שטענדיג געזוכט, ווי מיט ליכט, צווישען די מיטגלידער פון דער יוניאָן פעהיגע מענשען, וואָס זאָלען איהם העלפען אָרגאַניזירען אַלע קאַפּען־מאַכער פון לאַנד.

קומענדיג איין מאָל צו א מיטינג פון דער באָסטאָנער קאַפּען־מאַכער יוניאָן האָט מאַקס צוקערמאַן דאָרטען באַמערקט צווישען די מיטגלידער א יונגען מאַן, א בלאָקער פון קאַפּען, וועלכען ער האָט דערקענט אַלס א פעהיגען און געטרייען יוניאָן מאַן, האָט ער איהם גלייך איינגעלאַדען צו קומען אין ניו יאָרק אָנצונעמען א שטעלע אין אָפּיס פון דער אינטערנע־שאָנאַל קאַפּען־מאַכער יוניאָן. דער יונגער מאַן איז געווען מאַקס זאַ־ריצקי, וועלכען צוקערמאַן האָט דערנאָך געהאָלפען ערוועהלט ווערען אַלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן.

זאַריצקי, דער יונגער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, האָט זיך מיט זיין גאַנצער יוגענטליכער ענערגיע און איבערגעבענהייט אריינגעוואָר־פען אין דער ארבייט אויסצוקעמפּפען א בעסערען לעבען פאַר די קאַפּען ארבייטער.

מיט זעקס מאָנאַטען שפּעטער, נאָך דער ערשטער קאַפּען־מאַכער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן איז ביי א פּערטעל־יעהרליכען מיטינג פון דזשע־

נעראל עקזעקוטיוו באארד, דעם 18טען מאי, 1902, באשלאסען געווארען זיך אנצושליסען אן דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר, און דער טשארטער פון דיזער קערפערשאפט איז דער יוניאן ארויסגעגעבען געווארען דעם 17טען יוני, 1902.

די יאהרען 1902—1905 זיינען געווען יאהרען פון שנעלען וואוקס פון דער אינטערנאציאנאלער קאפען־מאכער יוניאן, וועלכער איז פארגרעסערט געווארען מיט מיטגלידער און מיט פינאנציעלע מיטלען. אויסער ניו יארק זיינען שוין געווען צוואנציג לאקאלע יוניאנס. די אינטערנעשאנאל יוניאן איז געווארען א באדייטענדער פאקטאר אין קאפען־טרייד. די ערשטע זאך האט זיך די יוניאן גענומען אפצושאפען די סיסטעם פון טראגען אהיים דעם „שווארצען זאק“ מיט ארבייט. די יוניאן האט דאן אויך דורכגעפיהרט, אז אנשטאט צו טרייבען די נעה־מאשינען מיט'ן פוס זאל דער באלעבאס עם לאזען טרייבען מיט עלעקטרישער קראפט. מאסען סטרייקס זיינען אין יענע יאהרען אנגעפיהרט געווארען אין ניו יארק און זיינען אויך געוואונען געווארען.

אין 1904 האט די יוניאן ערקלערט א סטרייק געגען דער פירמע מאקס דייוויס, וועמען מען האט אין קאפען טרייד גערופען דער „ליטווישער גענעראל“. גערופען האט מען איהם מיט דעם נאמען דערפאר, וויל ער איז געווען דער ערשטער קאפען־מאנופעקטשורער, ניט קיין דייטשער יאהודי, ווי די אמאליגע קאפען באסעס פלעגען זיין. ער איז געווען א רוסישער איד, אדער, ריכטיגער, א איד פון ליטע. ביי איהם האבען געארבייט דאן 170 ארבייטער. דער סטרייק איז ארויסגעקומען צוליב דעם, וואס די פירמע, וועלענדיג זיך אויסדרעהען פון יוניאן קאנטראל, האט געוואלט איבערפיהרען דעם שאפ פון ניו יארק קיין דזשוירזי סיטי. דער סטרייק ביי דעם „ליטווישען גענעראל“ האט געדויערט עלף וואכען צייט און איז געסעטעלט געווארען דורך דער אריינמישונג פון סעמיועל גאמפערס, דעם פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר. נאך א קאנפערענץ מיט דיזען פאברריקאנט מארק דייוויס, האט די פירמע אונטערגעשריבען א קאנטראקט מיט דער פולע אנערקענונג פון דער קאפען־מאכער יוניאן.

ענדע פון יאהר 1904 האבען די מיטגלידער פון דער „קאפען מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן פון ניו יארק“ ארויסגעהאנגען אין זייערע שעפער א צעטעל, וועלכער האט געלויטעט: „אז פון דעם 26טען דעצעמבער, 1904, און ווייטער, וועט זייער שאפ זיין אן „אפען שאפ“, וואו עס וועלען קענען ארבייטען ארבייטער וועלכע זיינען יע אדער ניט קיין יוניאן מעמבערס. און מיר, די באסעס, האלטען פאר זיך דאס רעכט צו אנט־

זאָגען אַן ארבייטער ווען מיר וועלען עס געפינען פאר נויטיג. קיין ענדע־רונגען אין די ארבייטס שטונדען אָדער אין פרייזען ווערען ניט געפּלאַנט. ארבייטער, נעמט עס אין אכט!"

די קאַפּען־ארבייטער האָבען דיזע ערקלעהרונג פון „אָפּען שאַפּ" טאַקע גוט גענומען אין אכט, און ניט ווארטענדיג אויף דעם 26טען דעצעמבער, זיינען זיי גלייך, דעם 22טען דעצעמבער, 1904, ארויס אין אַ גענעראַל־סטרייק געגען אָפּען־שאַפּ אין קאַפּען טרייד. די 20 קאַפּען פאבריקאנטען פון יענער „באָסעס אסאָסיאיישאָן" האָבען באשעפטיגט 1,421 ארבייטער, פון זיי זיינען געווען 275 פרויען, צוזאַמען מיט די אנדערע קאַפּען־ארבייטער וועלכע זיינען אריינגעצויגען געווארען אין יענעם קאַמף זיינען געווען אין סטרייק ביי אַ 2,000 ארבייטער.

דער סטרייק האָט געדויערט 13 וואָכען לאַנג. סקעבס זיינען געווען ווייניג. די יוניאָן לאָקאַלס פון אנדערע שטעדט פון דעם פאַך האָבען געשיקט שטיצע. עס זיינען אין ניו יאָרק ארגאַנזשירט געווארען איינינגע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבען אריינגעבראכט געלט־שטיצע. ווען דער סטרייק האָט אויסגעבראָכען איז די קאַסע פון דער יוניאָן געווען זעהר מאָגער; די קאַפּען־ארבייטער זיינען געווען זעהר אָרים און אויסגעמאטערט פון די שטענדיגע שאַפּ סטרייקס, וועלכע די באָסעס האָבען אויף זיי ארויפ־געצוואונגען. דאָך האָבען די ארבייטער זעהר בראַוו געקעמפּט. אַלע אנדערע אידישע יוניאָנס האָבען זיי ווארים געשטיצט. די אמעריקאַן פעדערייששאָן אָוו לייבאָר האָט דעם סטרייק געשטיצט מיט 4,000 דאָלאַר. די ניו יאָרקער סענטראַל־פעדערייטעד יוניאָן מיט 100 דאָלאַר, אָבער די גרעסטע שטיצע פינאַנציעל און מאָראַליש האָט די סטרייקענדע קאַפּען־מאַכער יוניאָן אין יענעם גענעראַל סטרייק געגען „אָפּען שאַפּ" געקראָגען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

די געווערקשאַפטען און די אידישע יוניאָנס, וועלכע זיינען דעמאָלט אַליין געווען זעהר שוואַך, האָבען זיי געשטיצט מיט 2,878 דאָלאַר ,וואָס דאָס האָט געהייסען ווי היינט צו טאָג צעהן טויזענט דאָלאַר.

די גרעסטע שטיצע האָבען די סטרייקערס געקראָגען דורכ'ן „פאָר־ווערטס". קאָמיטעס פון די געווערקשאַפטען זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז קאָלעקטירען געלדער פאַר'ן סטרייק. די ארטיקלען וואָס דער „פאָר־ווערטס" האָט געדרוקט וועגען זייער סטרייק האָט די ארבייטער צוגעגעבען פיל מוט.

ב. שלעזינגער, פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גארמענט וואָרקערס איז ספּעציעל געפאָהרען מיט אַ קאָמיטע פון די פיהרערס פון סטרייק,

ה. הינדער און מ. מײקאָל, קײן װאַשינגטאָן צו דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָװ לײבאָר. די קאָמיטע האָט צוגעשיקט צום „פאָרװערטס" אַ טעלעגראַמע אַז די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָװ לײבאָר האָט איבערגענומען צו פינאַנסירען דעם קאַפּען־מאַכער סטרײק, דורך אַ טעקס (שטײער) אויף אַלע איהרע צװײ מיליאָן מיטגלידער, און די ערשטע 2,000 דאָלאַר זײנען שוין געגעבען געװאָרען דער קאָמיטע צושטײער אויפ'ן טעקס. דאָס האָט פון אײן זײט צוגעגעבען אַ סך מוט די סטרײקערס און פון דער צװײטער זײט האָט עס די קאַפּען־פאַבריקאַנטען, װעלכע זײנען שוין געװען מיד פון קאַמף, געטראָפען װי אַ דונער. עס זײנען גלײך פאָרגעקומען קאָנפערענצען צװישען בײדע צדדים און ענדליך איז דעם 20טען מערץ, יענער סטרײק געסעטעלט געװאָרען דורך אַ קאָמפּראָמיס.

דער סעטעלמענט איז פאַר די קאַפּען־מאַכער געװען ניט קײן גוטער. די באַלעבאַטים האָבען פאַרשפּראָכען אַז די ארבײטס־פּרײזען און שטונדען װעלען פאַרבלײבען װי געװען. דאָס האָט געהײסען, אַז די יוניאָן איז אַנערקענט, אָבער די באַדינגונגען זײנען ניט געװען קײן גוטע. די לאַגע איז אָבער דאַן געװען אַזאַ, אַז די פירער האָבען געמוזט סעטלען דעם סטרײק.

גלײך נאָכ'ן סעטעלמענט האָט צװישען די יוניאָן־מיטגלידער געהערשט אַ גרױסע אונצופרידענהײט. אַזױ שנעל אָבער װי די אַרבײטער זײנען צוריק אַרױף אין די שעפּער זײנען זײ דאָך געװען גוטע יוניאָן לײט, קעמפּער װאָס האָבען געליטען אין צײט פון סטרײק, זײנען די סקעבס צולאָפּען אײנציגװײז פון די שעפּער, און אַלע קאַפּען־שעפּער אין ניו יאָרק זײנען װידער אין קורצען געװאָרען יוניאָן פּלעצער.

דער סטרײק האָט דער יוניאָן אָפּגעקאָסט 59 טױזענט דאָלאַר. אין יענע יאָהרען, אין די יאָהרען פאַר דער מלחמה, האָט עס געהײסען אַ ריזיגע סומע. דערפון איז אין סטרײק־בענעפיטס אַלײן אױסגעצאָהלט געװאָרען 53,530 דאָלאַר. די גרעסטע סומע דערפון איז געקומען פון די קאַפּען־מאַכער גופא.

איך קען זאָגען, אַז דער װיכטיגסטער פירער פון יענעם סטרײק איז געװען ה. הינדער. אַלײן אַ קאַפּען־מאַכער, אַ שאָפּ־מענש, װעלכער האָט פאַרמאָגט אַ סך ענערגיע, שכל, אױסדױער און מוט. אַן אמת'ער איבערגעגעבענער יוניאָן־מאַן און סאָציאַליסט. ער איז ניט געװען דער אײנציגער פירער אין יענעם סטרײק. אָבער דער װיכטיגסטער איז ער געװען. נאָכ'ן סעטעלמענט, זײנען אַלע אויף איהם, אויף ברודער הינדער'ן,

אַרויפגעפאַלען. שפּעטער אָבער האָבען אַלע קאַפּען־אַרבייטער אַנערקענט זיינע פעהיגקייטען און ספּעציעל זיין טרייהייט און איבערגעבענהייט צו זיינע ברידער אַרבייטער.

יענער סטרייק, ווי פילע אַנדערע סטרייקס, האָבען הינדער'ן געקאָסט א סך געזונט, און ער האָט זיך געמוזט צוריקציהען פון זיין אַמט צוליב שוואַכען געזונט.

דעם נעקסטען שווערסטען קאַמף האָבען די קאַפּען־מאַכער יוניאָנס געהאַט דורכצופיהרען מיט די „אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו די וואָירלד”, ווען דיזער נייער פאַרבאַנד האָט געגרינדעט אַן אָפּאָזישאָן יוניאַן געגען דער קאַפּען־מאַכער יוניאָן אין ניו יאָרק.

אין יאָהר 1905 האָט זיך געגרינדעט אין אמעריקא א נייער ראַדיקאַלער פאַרבאַנד פון יוניאָנס אונטער דעם נאָמען „אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָירלד”, אָדער, „איי־דאָבעליו דאָבעליו” (א. וו. וו.). עס האָט געהייסען, אַז דאָס איז א צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אַלע יוניאָנס ניט נאָר פון אונזער מדינה, נאָר פון דער גאַנצער וועלט.

די באַוועגונג צו גרינדען אַזאַ מין נייעם טרייד־יוניאָן פאַרבאַנד, די „א. וו. וו.”, האָט זיך אָנגעפאַנגען אין ענדע פון יאָהר 1904, אין די וועסטערן סטייטס פון לאַנד, וואו עס זיינען דאַן אָנגעגאַנגען גרויסע סטרייקס ביי די מיינערס.

די „א. וו. וו.” איז געגרינדעט געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון די בלוטיגע פּאַסירונגען אין די זילבער־מיינס פון קאָלאָראַדאָ סטייט, וואו פילע סטרייקענדע מיינערס זיינען דערשאָסען געוואָרען פון דער סטייט־מיליץ.

„מ אָ ט ה ע ר ד ז ש א ו נ ס”, די באַריהמטע אַלטע יוניאָן־אַגיטאַ־טאָרקע צווישען די מיינערס, ו ו י ל י א ם ד. ה י י ו ו א ו ד, דער דאַ־מאָלסדיגער סעקרעטער פון דער ראַדיקאַלער „וועסטערן פעדערײשאָן אָוו מיינערס”, י ו ד ז ש י ן ו ו. ד ע ב ס און נאָך א רייהע אַנדערע ראַדי־קאַלע אַרבייטער־פיהרער און סאָציאַליסטען, האָבען אין יאָהר 1904 אָנ־געפיהרט אַן אַגיטאַציע פאַר א קאָנפערענץ, וואו עס זאָל באַשפּראָכען ווערען די פראַגע, ווי אַזוי אַריינצוברענגען א ראַדיקאַלען גייסט אין די אַמעריקאַנער יוניאָנס. צו יענער נייער באַוועגונג זיינען דאַן אויך צוגע־שטאַנען די פיהרער פון דער האַלב־טויטער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס” אויף דער שפּיץ פון וועלכע עס איז געשטאַנען דעניעל דעליאָן פון דער „ס. ל. פּ.”

די יוניאָן־פיהרער פון די וועסטערן סטייטס זיינען דאַן געווען זעהר

ראַדיקאַל. זיי זיינען ניט איינשטימיג געווען מיט די מעטאָדען און טאַקטיק פון דער אמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, הויפּטזעכליך זיינען זיי געווען געגען די „קרעפט יוניאָנס".*)

די דאַמאָלסטיגע ראַדיקאַלע יוניאָן־פיהרער האָבען גע'טענה'ט, אז די קרעפט־יוניאָן איז אפשר געווען גוט מיט א 25 יאָהר צוריק, ווען קאַפּיטאַל איז נאָך ניט געווען אזוי קאָנצענטרירט ווי אין דער יעצטיגער צייט, ווען אַלע אינדוסטריען זיינען פאַראייניגט אין טראַסטס. אָבער כדי ערפאָלגרייך צו קעמפען מיט די טראַסטס, האָבען די ראַדיקאַלע פיהרער גע'טענה'ט, מוזען די ארבייטער פון יעדען צווייג פון דער אינדוסטריע זיין פאַראייניגט אין איין גרויסער אינדוסטריעלער ארגאַניזאַציע איבער'ן לאַנד און אַלע אינדוסטריעלע יוניאָנס זאָלען זיין פאַראייניגט אין איין אינטערנאַציאָנאַלער יוניאָן — אין די „אינדאַסטריעל וואָירקעס אָוו דהי וואָירלד".

די גרינדער פון די „א. וו. וו." האָבען אויך שטאַרק אַטאַקירט די טאַקטיק פון דער אמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר־יוניאָנס פאַר זייער מעטאָדע צו שליסען יעהרליכע אָדער צוויי־יעהרליכע אַגרימענטס מיט פאַבריקאַנטען. דאָס, האָבען די ראַדיקאַלע יוניאָן־פיהרער באהויפּטעט, גיט די קאַפּיטאַליסטען א מעגליכקייט זיך צו באוואָרענען געגען גרויסע גענעראַל־סטרייקס פון א ל ע ארבייטער פון א גאַנצער אינדוסטריע, ווייל די יוניאָן־אַגרימענטס פון די „קרעפט" יוניאָנס ענדיגען זיך ניט אַלע אין איינער און דערזעלבער צייט. דאָס ברענגט דערצו דאָס אַלע צווייגען פון אַן אינדוסטריע, האַלטענדיג הייליג די יוניאָן אַגרימענטס און ניט וועלענדיג זיי ברעכען, קענען דערפאַר קיינמאָל ניט ארויסגעהן אין א סימפּאַטיע סטרייק.

די ערשטע אָפיציעלע קאָנפערענץ וועגען גרינדען אזא מין אָרגאַניזאַציע, ווי די „אינדאַסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָירלד" איז פאָרגעקומען אין שיקאַגאָ, אין יאַנואַר מאָנאַט פון יאָהר 1904. די הויפּט־איינבארופער פון יענער ערשטער קאָנפערענץ זיינען געווען די באַאמטע און די פיהרער פון דער „אמעריקאַן לייבאָר יוניאָן", א ראַדיקאַלע צענטראַלע ארבייטער־קערפּערשאַפט אין „ראָקי מאָונטיינס" סטייט פון דער „וועסטערן פעדערייישאָן אָוו מיינערס" און די פיהרער פון איינגע ראַדיקאַלע אמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר יוניאָנס, ווי די „ברוּערי ארבייטער אינטערנע־

*) א „קרעפט" יוניאָן ווערט אָנגערופען אזא יוניאָן, וואו די ארבייטער פון יעדען צווייג פון טרייד זיינען אָרגאַניזירט אין א באַזונדערער יוניאָן, וועלכע האָט נאָר א שוואכע פאַרבינדונג מיט די איבעריגע יוניאָנס פון דער גאַנצער באַטרעפענדער אינדוסטריע.

שענעל יוניאָן". דיזע ערשטע קאָנפערענץ האָט ארויסגעשיקט צו אַלע ארבייטער יוניאָנס פון לאַנד אַן אויפרוף מיט אַן ערקלעהרונג וועגען דעם נייעם אינדוסטריעלען טרייד־יוניאָניזם, מיט א רוף פאר א קאָנווענשאָן. די קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען אין יולי, 1905, אין שיקאגא. דאָרטען איז געגרינדעט געווארען „די אינדאַסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָירלד". די יוניאָנס וואס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער „א. וו. וו." זיינען געווען: די לאָקאַלס פון דער „וועסטערן פעדערריישאָן אָוו מיינערס", אַלע לאָקאַלע יוניאָנס פון דער „אמעריקאַן לייבאָר יוניאָן", דעניעל דעליאָנ'ס פארבליי־בענע יוניאָנס פון דער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס", און א געוויסע צאָהל לאָקאַלע יוניאָנס פון דער אמעריקאַן פעדערריישאָן אָוו לייבאָר. איינציגע פיהרער פון דער „א. וו. וו." האָבען ביי דער גרינדונגס־קאָנווענשאָן פארשפּראָכען, אז די נייע פיהרערשאַפט וועט ניט אָרגאַניזירען קיינע אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס, נאָר זי וועט פאראייניגען אַלע נאָך ניט־אָרגאַ־ניזירטע ארבייטער, סיי די „סקילד מעקעניקס" (קוואליפיצירטע ארבייטער), סיי די „אנסקילד" (די וואָס טוען פּראָסטע, „שווארצע" ארבייט), וועלכע זיינען, ווי די ראדיקאלע פיהרער האָבען באהויפּטעט, ביז דאַן פארנאכלע־סיגט געווארען פון דער אמעריקאַן פעדערריישאָן אָוו לייבאָר.

אויך האָבען זיי פארשפּראָכען, אז די „א. וו. וו." וועט אָנפיהרען א פּראָפּאגאַנדע צווישען די יוניאָנס פון דער אַמעריקאַן פעדערריישאָן אָוו לייבאָר, אז זיי זאָלען זיך רעאָרגאַניזירען אויף די נייע אינדוסטריעלע יסודות.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען אין ניו יאָרק זיינען אויך געווען איינגעלאַדען צו דיזער קאָנווענשאָן פון דער „א. וו. וו." די פראגע צי מען זאָל געהן צו דער קאָנוועגשאָן איז דאַן ביי די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פון ניו יאָרק גרינדליך דיסקוטירט געווארען און עס איז באשלאָסען געווארען נ י ט אָנטייל צו נעהמען אין דער נייער באוועגונג, כאָטש דער אידעאַל פון אינדוסטריעלע יוניאָנס האָט שטארק אפּעלירט צו איינציגע פיהרער פון די ניו יאָרקער אידישע יוניאָנס. מען האָט זיך פּשוט געשראָקען, אז עס זאָל זיך נאָך אמאָל ניט ווידערהאָלען די געשיכטע מיט די אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס, וועלכע די „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַליי־ענס" האָט געהאַט געגרינדעט, און וואָס האָט געפיהרט צו שעדליכע רעזול־טאטען פאר די ארגאַניזירטע אידישע ארבייטער.

די סאָציאַליסטישע פארטיי (ס. פּ.), וועלכע איז דאַן געווען צימליך שטארק, האָט די ערשטע צייט ניט גענומען קיין אָפיציעלע שטעלונג אין

דער פראגע פון די „א. וו. וו.". צו דער ס. פּ. האָבען געהערט סיי מיט־גלידער פון דער אמעריקאן פעדריישאן אָוו לייבאָר, סיי פון די א. וו. וו. יוניאָנס.

די א. וו. וו. האָבען באהויפּטעט, אז ביי זייער ערשטער קאָנווענשאָן זיינען געווען פארטראָטען 203 יוניאָנס מיט א מיטגלידערשאפט פון הונ־דערט און פערציג טויזענט ארבייטער.

עס האָט אָבער ניט גענומען זעהר לאַנג און די „א. וו. וו." האָבען ביי זייערע דריי קאָנווענשאָנס געשפּאָלטען זיך אויף צוויי פראקציעס. די לעצטע שפּאַלטונג איז פארגעקומען אין יאָהר 1907, ביי זייער דריטער יעהרליכער קאָנווענשאָן, אויך אין שיקאגא. דער קאמף איז פאָרגעקומען צוליב דעם פונקט וועגען פּאָליטישער אקציאָן, וואָס דעניעל דעליאָן און אנדערע סאָציאליסטישע דעלעגאטען האָבען פארגעשלאָגען, אז דאָס זאָל אריינקומען אין דער פּרינציפּען־ערקלעהרונג פון די א. וו. וו. געגען דעם פּונקט זיינען געווען די פיהרער פון די א. וו. וו., וועלכע זיינען געווען גענויגט צו דער טאקטיק פון די פראנצויזישע און איטאליענישע סינדי־קאליסטען. די סינדיקאליסטען איז געלונגען צו פארכאפּען די א. וו. וו. אויף דער שפּיץ פון דער סינדיקאליסטישער פראקציע פון די א. וו. וו. זיי־נען געווען טראוטמאן און סעינט־דזשאהן, די הויפּט־בעאמטע פון דער א. וו. וו. אויך זיינען מיט זיי מיטגעגאנגען פון די הויפּט־טאָן־געבער וום. הייוואוד, עליזאבעטה פלין, דזש. עטטאָר, א. דזשיאָוואניטי, טרעסקאָ און אנדערע.

אין דעניעל דעליאָן'ס פראקציע פון די א. וו. וו. זיינען געווען: רודאָלף קאַטץ, הערמאן ריכטער, באָריס ריינ־שטיין, יוסף שלאָסבערג און אנדערע. דיזע פראקציע האָט געהאַט איהר הויפּט־קוואַרטיר אין דעטראָיט, מישיגען סטייט.

די אינטערעסאנטסטע פּאסירונגען פון די „א. וו. וו." זיינען פאָרגע־קומען ביי אונזערע אידישע יוניאָנס. אין ניו יאָרק האָט מען זיך גאַנץ וויינינג אינטערעסירט מיט דעם וואס איז פארגעקומען אין דער וועסט, ווען פון איין פראקציע א. וו. וו. איז געוואָרען דריי פראקציעס. אין ניו יאָרק האָבען די עקזיסטירענדע יוניאָנס געזעהן, ווי יעדע פון די דריי פראקציעס פון די א. וו. וו. שיקען ארגאנייזערס אין ניו יאָרק צו אָרגאניזירען אָפּאָ־זיציאָנס־יוניאָנס געגען די היגע יוניאָנס.

אין יאָהר 1906, גלייך נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאנד, ווען דאָרטען זיינען ווידער פאָרגעקומען שוידערליכע פּאָגראָמען אויף אידען,

האָבען פון רוסלאַנד אהער געגומען אַנקומען מאסען יונגע אידישע אימי־גראנטען. צווישען זיי זיינען געווען פילע, וואָס האָבען זיך אין רוסלאַנד באטייליגט אין דער ארבייטער־באוועגונג. א גרויסע צאָל פון זיי האָבען די ערשטע צייט געקוקט זעהר קרום אויף דער אמעריקאַנער ארבייטער־באוועגונג און זיינען דאן צוגעשטאַנען צו די פראקציעס פון די א. וו.

די באַקאנטע פיהרער פון דער א. וו. צווישען די אידישע ארבייטער אין ניו יאָרק זיינען דאַן געווען: יוסף שלאָסבערג, מאַקס קאַזימירסקי, מאָריס זיגמאַן, מ. דאָ־רענבלום, נ. שעפּטעל, ג. ווישניאַק און אַנד.

עס זיינען דאַן אין ניו יאָרק אָרגאַניזירט געוואָרען אינדוסטריעלע יוניאָנס פון בעקער־ארבייטער, קלאָוקמאַכער, מוזיקער, אייזען־ארבייטער, ווהייט־גודס, ליידיס ווייסט־מייקערס, ליידיס טיילאָרס, ווארייעטי אקטיאָ־רען, פּייפּער־באקס מאַכער און אַנדערע.

פון די אַלע „א. וו.״ אָפּאָזיציאָנס יוניאָנס איז די יוניאָן וועלכע די „אינדאָסטריאַלניקעס״ האָבען אָרגאַניזירט געגען דער קאַפּעו־מאַכער יוניאַן, געווען די סקאַנדאַליעזסטע.

ווי שוין פריהער געזאָגט, האָט די אַלטע קעפּ־מייקערס יוניאָן אין דער צייט פון דער שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער „ס. ל. פּ.״ זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דעניעל דעליאָן. און כאָטש די אינטערנעשאָנאַל קאַפּען־מאַכער יוניאַן איז געווען אָנגעשלאָסען אָן דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָט זי געשיקט דעם רעדאַקטער פון זייער צייטונג, דער „קאַפּען־מאַכער זשורנאַל״, וויליאַם עדלין, וועלכער איז דאַן געווען א טעטיגער סאָציאַליסט, אַלס דעלעגאַט צו דער ערשטער קאָנווענשאָן פון דער „א. וו.״.

וויליאַם עדלין איז געקומען אין אמעריקא צוזאַמען מיט זיינע עלטערען פון דרום־רוסלאַנד אין אָנפאַנג פון די 90ער יאָהרען. ער האָט זיך באַזעצט אין קאַליפאָרניע. דאָרט איז ער אויך געוואָרען א מיטגליד פון דער סאָציאַ־ליסטישער ארבייטער פאַרטיי. מיר, די טעטיגע אידישע סאָציאַליסטען פון ניו יאָרק האָבען זיך דערוואוסט פון אים דורך זיינע קאָרעספּאָנדענצען אין אידישען „אבענד־בלאַט״, וועלכע ער פלעגט צושיקען פון סאַן־פראַנציסקאָ. מיר האָבען זיך וועגען איהם אָנגעפרעגט און האָבען אויסגעפונען, אז ער איז א יונגער בחור, א „באַי אָראַטאָר״, וועלכער פרעדיגט סאָציאַליזם אויף ענגליש און אידיש. אויף א לעבען צו מאַכען האָט ער געארבייט מיט זיין פאָטער ביי שניידעריי אין זייער סטאָר. גלייכצייטיג האָט ער אבער אויך באַזוכט דעם סטענפאָרד אוניווערזיטעט אין סאַן פראַנציסקאָ. ווען די

„פֿאָרווערטסיסטען" האָבען פֿארלאָזען די ס. ל. פּ., אין יאָהר 1897, האָט די פארבליבענע אידישע ניו יאָרקער סעקציע פֿון דער ס. ל. פּ. אראפּגעבראכט וויליאם עדלין קיין ניו יאָרק אלס איינעם פֿון די סאָציאַליסטישע רעדנער און שרייבער.

נאָך דער צווייטער שפּאַלטונג פֿון די אידישע סאָציאַליסטען אין דער ס. ל. פּ., אין יאָהר 1899, איז עדלין געוואָרען א מיטארבייטער אין „פֿאָר־ווערטס". אין יאָהר 1914 איז ער געווען דער גענעראל סעקרעטער פֿון אר־בייטער רינג.

צוריקקומענדיג פֿון דער קאָנווענשאָן פֿון דער „א. וו. וו." האָט עדלין אָפּגעגעבען א באריכט, און עס איז ביי דער דזשענעראל עקזעקוטיווע פֿון דער קאפּען־מאכער אינטערנעשאָנאל באשלאָסען געוואָרען דערוייל זיך ניט אָנצושליסען אָן דער „א. וו. וו.".

דאָך האָבען זיך געפֿונען קאפּען־מאכער, וואָס האָבען געגרינדעט אן אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן געגען דער אלטער יוניאָן. די אָפּאָזיציאָנס יוניאָן האָט געקראָגען א טשארטער פֿון דער „א. וו. וו. אלס לאָקאל 177.

די דזשענעראל עקזעקוטיווע פֿון דער אינטערנעשאָנאל קאפּען־מאכער יוניאָן האָט פּראָטעסטירט צום סעקרעטער שערמאן פֿון דער „א. וו. וו." געגען דעם, וואָס מען האָט די אָפּאָזיציאָנערען געגעבען א טשארטער, ווייל, ווי די יוניאָן האָט געקליימט, זיינען צווישען די גרינדער פֿון דער אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן געווען איניגע סקעבס. די באאַמטע פֿון דער „א. וו. וו." האָבען אָבער די אָפּאָזיציאָנס יוניאָן ניט אויסגעשלאָסען פֿון זייער פֿארבאנד. אלס א תירוץ פֿאר זייער האנדלונג האָבען זיי אָנגעגעבען, אז וויליאם עדלין, דער רעדאקטאָר פֿון „קאפּען־מאכער זשורנאל" האָט געשריבען אן ארטיקעל, וועלכען זיי באטראַכטען אלס א באליידיגונג פֿאר דער „א. וו. וו.".

דער הויפּט־פֿיהרער פֿון דער אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן פֿון קאפּען־מאכער געגען דער אלטער יוניאָן איז געווען א געוויסער שעפּטעל. גראד איז אין יענער צייט געווען א קריזיס אין לאנד, און עס זיינען געווען א סך ארבייטסלאָזע אין אלע טריידס און אויך ביי די קאפּען־מאכער. דער אָפּאָזיציאָנס קאפּען־מאכער לאָקאל פֿון דער „א. וו. וו." האָט גענומען שיקען זיינע מיטגלידער זיי זאָלען לויפֿען בעטען דזשאבס אין די קאפּען־שעפּער. די באלעבאטים, דערזעהענדיג אז עס קומען אזוי פֿיל קאפּען־ארבייטער בעטען ארבייט, האָבען גענומען רעדוצירען די ארבייטס־פּרייזען פֿון זייערע בעלי־מלאכות. די באלעבאטים האָט זיך אויך געוואָלט צו צוברעכען די אלטע קעמפּייקערס יוניאָן. דערפֿאר, ווען עס פֿלעגט ארויפּ־

קומען אן „א. וו. וו.״ מעמבער אין שאפּ בעטען א דזשאב, פּלעגען די מאנופעקטשורערס גלייך איהם נעמען צו דער ארבייט און אָפּלייגען אלטע יוניאָן־לייט. דאָס האָט געפיהרט צו סטרייקס, וועלכע זיינען ארויפגע־צוואונגען געווארען אויף דער אלטער קאפּען־מאכער יוניאָן. און דאָ האָט פּאסירט דאָס העסליכסטע, ווען די „א. וו. וו.״ קעפּ־מייקערס האָבען גענו־מען באזעצען די שעפּער מיט סטרייק־ברעכער.

דער שרייבער פון דיזע צייל׳ען האָט דאן באזוכט פילע פּארזאמלונגען פון די סטרייקענדע קאפּען־מאכער, אויך די פּיקעט־ליין. דאָרטען האָט ער געזעהן די ביטערקייט פון יענעם ברודער־קאמף. דאָרטען האָט מען געזעהן די גאנצע העסליכקייט פון אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס. יענער ברודער־קאמף האָט געדויערט א גאנצען ווינטער. ענדליך האָבען די בראווע אלטע קעמפּענדע קאפּען־מאכער באזיגט די „א. וו. וו.״ אָפּאָזיציאָניסטען, און די מאנופעק־טשורערס האָבען ווידער אנערקענט די אלטע יוניאָן. די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האָט דאן די גאנצע צייט ענערגיש געשטיצט די אלטע קאפּען־מאכער אין זייער גערעכטען קאמף געגען די אידישע אָפּאָ־זיציאָניסטען פון דער „אי דאָבליו דאָבליו״.

די „א. וו. וו.״ פיהרער האָבען זיך מיט זייערע אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס שטארק פארהאסט ביי די אידישע ארבייטער מאסען. הויפּטזעכליך איז די אידישע ארבייטערשאפט געוועזען שטארק אויפגערעגט געגען די „א. וו. וו.״ צוליב זייער סקאנדאליעזער האנדלונג געגען דער קאפּען־מאכער יוניאָן.

די „א. וו. וו.״ האָבען דארום קיין גרויסען ערפאָלג ניט געקענט האָבען צווישען די אידישע ארבייטער. קיין איינציגער פון די סטרייקס, וואס זיי האָבען געפיהרט איז ניט געוואונען געווארען. פילע פון זייערע פיהרער זיינען אנטוישט געווארען אין זייער אייגענער ארבייט. די נאציאָ־נאלע פיהרער פון דער „א. וו. וו.״ האָבען זיך צושפּאלטען אויף צוויי־דריי פראקציעס און די אידישע פיהרער פון דער „א. וו. וו.״ זיינען מיט זייערע פארבליבענע מעמבערס איינציגווייז אריבער צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען און האָבען זיך פאראייניגט מיט די עקזיסטירענדע אידישע יוניאָנס פון ניו יאָרק.

די „אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד״ האָט צוליב איהרע פאלשע פיהרונגען שטופענווייז גענומען אונטערגעהן. אין די איסטערן סטייטס פון די פאראייניגטע שטאאטען האָבען די „א. וו. וו.״ קיינמאָל ניט באוויזען צו אָרגאניזירען מעהר אָדער ווייניגער באדייטענדע יוניאנס. עס

זיינען נאָך פאַרבליבן לאָקאַלס פון זייערע יוניאָנס אין די וועסטרן סטייטס פון לאַנד. פון צייט צו צייט פלעגן אָרגאַניזערס פון שיקאַגאָ׳ר „א. וו. וו.״ קומען אין די וועסטערן שטאַטן און אָרגאַניזירן אַרבייטער פון פּראָסטע (אַנסקליד) פאַכן און פלעגן פירן זייערע סטרייקס.

אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה האָט די רעגירונג אין אַמעריקע שטאַרק פאַרפאָלגט די „א. וו. וו.״, וועלכע זיינען געווען געגן „קאָנסקריפּ־שאָן״. פילע טוער פון דער „א. וו. וו.״ זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין די טורמעס. צווישן די אַרעסטירטע איז אויך געווען הייוואָרד, וועלכער איז דערנאָך פאַראורטיילט געוואָרן אויף 20 יאָהר טורמע. אַזוי ווי זיין קייס איז אַפּעלירט געוואָרן, איז ער אַרויסגעלאָזן געוואָרן אויף אַ גרויסער סומע בעיל. ער האָט געלאָזט פאַלן די בעיל און איז אַוועקגעפאָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו ער איז אין יאָהר 1928 געשטאָרבן.

די „א. וו. וו.״ איז כמעט אינגאַנצן אַרונטער פון דער סצענע.

פאַר די פילע יאָרן פון קאַמף איז דער קאַפּען־מאַכער יוניאָן געלונגען אויסצוקעמפן פאַר איהרע מיטגלידער: וואָך־אַרבייט, אַ פערציג (40) שעה׳דיגע אַרבייטס־וואָך, און די איינפיהרונג פון אַזאַ סיסטעם פון אַרבייטסלאָזע־פאַרזיכערונג, אַזאַ, וועלכע קיין אַנדער אידישע אָדער קריסטליכע יוניאָן האָט נאָך ביז היינט ניט באַוויזן צו קריגען. די באַלעבאַטים אַליין צאָהלען צום אַרבייטסלאָזן־פאַרזיכערונגס־פאָנד, און די יוניאָן אַליין פאַרוואַלטעט אים. דאָך איז די לאַגע פון די אַרבייטער איצט, בעת דיזע שורות ווערען געשריבען, ווייט ניט קיין צופרידענשטעלענדע. די אורזאַך פון דעם איז, וואָס הגם קאַפּען ווערען איצט פּראָדוצירט פּראָפּאָרציאָנעל מעהר ווי אַמאָל, ווערען דאָך איצט אין ניו יאָרק באַשעפטיגט ווייניגער אַרבייטער ווי אַמאָל. וואָס אַ יאָהר פאַלען אַרויס מעהר אַרבייטער פונ׳ם טרייד און קיין נייע קומען ניט צו.

דער גרעסטער אומגליק פון די נאָדעל־טריידס, און דעם קאַפּען־פאַך אַריינגערעכענט, איז די טענדענץ פון לאָקאַליזאַציע; די קאַפּען־אינדוסטריע לאָקאַליזירט זיך. מ׳קען שוין היינט ניט טרעפען אַ שטאָדט אָדער אַפילו אַ שטעדטעל אין אַמעריקאַ, וואו עס זאָל זיך ניט געפינען אַ קאַפּען־פעקטאָרי און ווען אַן אינדוסטריע איז אַזוי דעצענטראַליזירט, אַזוי צעברעקעלט און צעוואָרפען, איז שווער פאַר דער יוניאָן זי ווי געהעריג צו קאָנטראָלירען.

מיט דער איינפיהרונג פון וואָך־אַרבייט איז אָפּגעשטאָרבען דער בעל־מלאכה, דער „מעקעניק״. הענט... הענט... אָדער ווי די אַלטע אַרבייטער

רופען זיי, „לאַפּעס", פאַרלאַנגט מען היינט. עס איז שוין ניט נויטיג צו זיין א פּולקאָמענער בעל־מלאכה. די ארבייט איז צעטיילט אין „סעק־ציעס": איינער מאכט א „קאָווער", אַן אנדערער מאכט א „דאַשעק", א דריטער מאכט אַ „סייז" און אַ פערטער „פינישט" דאָס היטעל און אַז. וו. דאָס איז די אורזאך וואס פילע פרויען פאַרנעמען די פּלעצער פון מענער ביי דער ארבייט. דאָס איז אַ נייע ערשיינונג אין קאַפּען־טרייד. פרויען זיינען אַלעמאָל געווען באשעפטיגט אין קאַפּען־טרייד, אָבער ניט ביי דער אַרבייט, וועלכע זיי טוען איצט. אז די מענער־ארבייטער ליידען דערפון, איז איבעריג צו אונטערשטרייכען.

די לאָקאַליזירונג פון דער אינדוסטריע האָט געמאַכט ניו יאָרק צאַר א קלענערען קאַפּען־צענטער.

פון יאָהר 1919 ביז איצט האלט דער קעפּ־טרייד אין איין איינדאַרען, און קיין ישועה זעהט מען דערוויל ניט. נאָך איינע פון די הויפּט־אורזאַכען איז דאָס, וואָס עס איז געוואָרען אַ מאָדע צו געהן אָהן היטלען. ווער קויפט קעפּס? די יונגוואַרג, די קאָלעדזש־סטודענטען, און זיי טראָגען היינט ניט קיין קעפּס.

די לאַגע איז אַזוי שלעכט, אז די מאַנופעקטשורערס זעהען שוין איין דעם אומגליק, און זיי ספּענדען אַ שלל מיט געלט צו אַדווערטייזען די ניצליכקייט פון טראָגען קעפּס, און אויך אַנצואווייזען דעם עולם, אַז ארומ־געהן מיט הוילע קעפּ איז אַ געפאהר פאַר'ן געזונט.

צי דער עולם וועט באאיינפלוסט ווערען פון די מאַנופעקטשורערס, אָדער ניט, קען מען ניט זאָגען. אָבער דערוויל איז דעם קעפּ־מאַכער שלעכט.

דאָך איז די קעפּמאַכער יוניאָן עד היום איינע פון די שעהנסטע אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע.

---

## דער מילינערי טרייד און די יוניאָן.

דער מילינערי־פאַך, ביי וועלכען מען פאַבריצירט פרויען־העטס פון שטרוי, דראָט, באַקראַם, טוך, סאַמעט און פלאָש און לעצטענס אויך פון פעלץ (פוטער), איז אַן אינדוסטריע, וועלכע מען האָט מיט 75 יאָהר צוריק אָנגעפאַנגען צו ארבייטען אויף פאַרמס.

אין דער „די געשיכטע פון דער קאַפּען און מילינערי יוניאָן" ווערט דערצעהלט פאָלגענדעס, ווי אַזוי מען פלעגט אין די 50ער יאָהרען פון לעצטען יאָהרהונדערט ארבייטען אין אַמעריקא העטס פאַר פרויען:

„דער באוואוסטער אירישער אייביגער רייזענדער טהאמאס מוני, האט אין יאהר 1850 פארעפענטליכט אין דובלין א בוך „9 יאהר אין אמע־ריקא". דארט דערצעהלט ער וועגען דעם מילינערי טרייד אין אמעריקא פון יענע יאהרען:

„א גרויסער טייל פון די לייכטע אינדוסטריען פון אמעריקא ווערט פראדוצירט פון פרויען ארבייטערינס אין די הייזער פון פארמערס, ספע־ציעל אין די ניו־ענגלאנד סטייטס (מאסאטשוזעטס, קאנעקטיקוט, ווער־מאנט, ניו־העמפשיר און מעין), אין ניו יארק און באסטאן זיינען פאראן גרויסע געשעפטען (ווער־הייזער פון שטרוי־באנעטס) וועלכע האבען אגענ־טען, וואס פאהרען ארום כסדר פון איין פארם צום צווייטען. דער אגענט פאהרט אין א גרויסען פארמאכטען אמניבוס מיט וועלכען ער ברענגט צופיהרען פעקלאך פון שטרויענע „ברעיד" אויך מאדעלען פון באנעטס פון דער נייעסטער מאדע. די פעקלאך שטרוי מיט די מאדעלען לאזט ער איבער ביי די פרויען און טעכטער פון די פארמערס איבעראל אין יעדען דארף. און זיי, די פרויען ארבייטען פון די שטרוי און מאכען דערפון פרויען העטס, לויט'ן מאדעל וואס דער אגענט גיט זיי. מיט א צייט שפעטער קומט דער אגענט ווידער צופאהרען און נעמט אפ די פארטיגע פרויען העטס, באצאהלט זיי דאס ארבייט געלט, און דערביי לאזט ער נאך אמאל איבער רויע שטרוי מיט מאדעלען, זיי זאלען ווידער מאכען נייע העטס. אלע פרויען פון יעדען דארף און פארם, אריינרעכענענדיג די פרוי פון דאקטאר און פון גלח פון שטעדטעל זיינען פארנומען ביי דער ארבייט צו מאכען פרויען העטס."

די פרויען־העטס זיינען געארבייט געווארען אויף די פארמס פון די ניו־ענגלאנד סטייטס ביז ענדע פון די 70ער יאהרען.

אין אנפאנג פון די 80ער יאהרען האבען מאנכע מילינערי פאברי־קאנטען פון די גאר־גרויסע, גענומען איינפיהרען פאבריקען אין ניו יארק און באסטאן, וואו מען פלעגט צונעמען פרויען צו דער ארבייט צו נייען פרויען העטס ביים האנט, לויט דער זעלבער סיסטעם, ווי די פארמער־קערס האבען געארבייט. צו יענער צייט איז נאך קיין מאשינעריע נים באנוצט געווארען פאר מאכען פרויען העטס.

ערשט אין יאהר 1900 זיינען אין דער מילינערי אינדוסטריע פאר־פאלקאמט געווארען מאשינען, מיט וועלכע עס ווערען געארבייט די פרויען העטס, וואס קומען ארויס אזוי שעהן און גוט געמאכט, ווי מען פלעגט זיי מאכען פריהער ביים האנט. די מאשינען צו מאכען העטס האבען געבראכט דערצו, אז מען זאל די פרויען העטס קענען ביליגער פארקויפען. ביי

היינטיגען טאָג זיינען נאָך פאראן פּלעצער אין די גרויסע שטעדט, וואס מען רופט „מילינערי פּארלארס", וואו עס ווערען געמאכט פרויען העטס ביים האַנט. זיי קאָסטען אָבער זעהר טייער. די גרעסטע צאָהל פרויען העטס ווערען אָבער געניייט אויף ניי־מאַשינען אין אַלע גרויסע שטעדט. ניו יאָרק איז שטענדיג געווען פּאררעכענט פאר'ן גרעסטען צענטער פון פרויען־העטס. אַ סך קלאָט־העט און קאפּען פאבריקאנטען זיינען אריין אין די מילינערי און פרויען־העטס געשעפט, און דיזעלבע אפּערייטאָרס, וועלכע פלעגען פריהער נייען טוכענע מענער העטס, האָבען גענומען נייען אויף די זינגער נעה־מאַשינען פרויען־העטס פון שטרוי, טוך און אַנדערע מאַטע־ריאַלען. מיט דער צייט האָבען קאפּען־מאכער פון מענער־היטלען גענומען ארבייטען ביי ספּעציעלע מילינערי און פרויען־העטס פאבריקאנטען, ביז דיזע געוועזענע קאפּען־אָפּערייטאָרס, וועלכע זיינען געווארען מילינערי־אָפּערייטאָרס פון פרויען־העטס, זיינען געקומען צום שלוס, אז זיי דארפען זיך אָרגאניזירען אין א יוניאָן ספּעציעל פון מילינערי אפּערייטאָרס, אלס אַ באַזונדער לאָקאל פון דער אינטערנעשאָנאל קאפּען־מאכער יוניאן.

לויט דעם צענזוס פון יאָהר 1919 זיינען אין די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא געווען 829 שעפּער פון טרימד העטס און העט פריימס, אין וועלכע עס זיינען געווען באשעפטיגט אומגעפעהר 22,662 ארבייטער, פון זיי זיינען געווען 7,277 מענער.

די געשיכטע פון דער מילינערי ארבייטער יוניאָן איז זעהר אַן אינטע־רעסאנטע. זי איז אלט אינגאנצען א יאָהר 18. דאָס איז לאָקאל 24 פון די מילינערי־ און שטרוי־אפּערייטאָרס. דיזע יוניאָן איז אבער א בראווע קעמפּפערין. 18 יאָהר איז זי אלט און 18 יאָהר קעמפט זי פאר די אינטע־רעסען פון די מילינערי־ און שטרוי־אָפּערייטאָרס און ווערט קיינמאָל ניט מיד. דאָס גלייכען זיינען די איבעריגע מילינערי לאָקאלס פון בלאקערס, העט־פריים־מייקערס, טרימערס, פינישערס און קאטערס פון דיזען טרייד.

אין אָנפאנג פון יאָהר 1911 האָט די אינטערנעשאָנאל קאפּענמאכער יוניאָן ארויסגעגעבען צו א קליינער צאָהל מילינערי אפּערייטאָרס א טשאַר־טער פאר לאָקאל 24, דענקענדיג, אז מיט א ספּעציעלען מילינערי לאָקאל וועט זיין לייכטער צו אָרגאניזירען די ארבייטער פון דעם מילינערי טרייד. מ'האָט דעמאָלט גערעכענט, אז ס'זיינען פאראן ארום צעהן־צוועלף טויזענט אזעלכע ארבייטער. עס איז אבער ניט געווען אזוי לייכט צו ארגאניזירען יענע טויזענטער מילינערי ארבייטער. די גרעסטע צאָהל פון זיי זיינען געווען פרויען, וועלכע האָבען ניט געוואוסט און ניט געוואלט וויסען וועגען א יוניאן. דאָך האָבען יענע קליין אין צאָהל בראווע קאפּען־אָפּערייטאָרס,

וועלכע האָבען דעמאָלט געאַרבייט ביי לײדיס העטס אין מילינערי שעפּער, ניט אויפגעגעבען זייער האָפענונג אין זייער קאַמף. און ביז איצט איז געלונגען צו אָרגאַניזירען ביז 80 פּראָצענט פון דעם מילינערי־טרייד.

18 יאָהר זיינען זייט דאַן פאַראיבער, און די איצטיגע לאָקאַלס 24, 42, און 43 פון דער מילינערי יוניאָן צעהלען אריבער אכט טויזענט מיטגלידער אין ניו יאָרק.

די מילינערי־אָפּערייטאָרס, וועלכע זיינען די גרעסטע צאָהל אין דעם טרייד, האָבען זייט דאַן אויסגעקעמפט וואָך־ארבייט, אָנשטאָט שטיק־ארבייט מיט א מינימום־סקייל פון 65 דאָלאַר א וואָך. די בלאָקערס פאַרדינען 75 דאָלאַר א וואָך און מעהר. פילע פון זיי ארבייטען פון שטיק. און אזוי פאַרדינען אויך גוטע וויידזשעס די טרימערינס און די פיגישערינס פון די לײדיס העטס. די ארבייטס־שטונדען זיינען פאַר אלע ארבייטער פון דעם טרייד 44 שטונדען א וואָך.

דער מילינערי פאַך איז שטאַרק אונטערוואָרפען דער מאָדע, דעם סטאַיל. עס זיינען פאַראַן 4 סעזאָנען א יאָהר, איז אַלע עטליכע וואָכען א נייע מאָדע. יעדע נייע מאָדע פרויען־העטס ווערען געמאַכט פון אנדערע מאטעריאַלען, און ווערען אנדערש געאַרבייט. איין סטייל העטס האָט פיל ארבייט פאַר'ן אָפּערייטאָר, אַן אנדער מאָדע האָט פיל באַשעפטיגונג פאַר'ן בלאָקער, פּרעסער, טרימער און אַז. וו.

אזוי ענדערען זיך די מאָדעס פון פרויען־העטס פון סעזאָן צו סעזאָן.

די גרעסטע איבערקעהרעניש אין די סטאַילס פון פרויען־העטס איז אבער געקומען ווען די פרויען האָבען גענומען „באָבען" זייערע האָר, ווען זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו טראָגען קורצע דרעסעס מיט לאַנגע לייב־קאָליר זאָקען. דעמאָלט האָט שוין צו דער מאָדע ניט געפּאַסט צו טראָגען גרויסע העטס. די מילינערי פאַבריקאַנטען האָבען גענומען צוגרייטען קליינע העטקעס. וועלכע מען זאָל קענען אָנטאָן אויפ'ן קאָפּ, ווייל האָר־פינס האַלטען זיך ניט אויף „געבאָבטע" האָר.

אָט דיזע נייע פרויען העטס האָבען געמאַכט א גרויסע איבערקעהרעניש אין גאַנצען מילינערי טרייד. א סך מאַנופעקטשורערס האָבען צוליב דעם באַנקראָטירט. פילע גרויסע מילינערי פירמעס, וועלכע האָבען יאָהרענלאַנג פאַבריצירט טוכענע, באָקראַם, זיידענע, לייסענע און שטרויענע העטס פאַר פרויען, האָבען לעצטענס אויפגעגעבען זייערע שעפּער. און די פאַבריקאַנטען, וואָס שטעהען נאָך אין ביזנעס, פיהרען צווישען זיך א שרעקליכע קאָנקורענץ.

מעהר פון אַלעמען לײדען צוליב דיזער גרויסער איבערקערעניש די מילינערי אָפּערײטאָרס, װעלכע שטעפּען אויף נעה־מאַשינען די טוכענע, זײדענע, און באַקראַם פרויען־העטס. העטס פון פעלט דאַרף מען ניט נעהען. זײ קומען שוין פאַרטיג אויסגעאַרבײט. בלויז די בלאָקערס פון מילינערי טרײד קלאַפּען אויס די פעלט אויף די הילצערנע קלעצלאַך און פּרעסען זײ צו, און די העט־טרימערס באַפּוצען זײ יעדען סעזאָן מיט נײע טרימינגס.

דיזע נײע פעלטענע העטס פאַר פרויען האָבען געבראַכט אַ גרויסע אַרבײטסלאָזיגקײט פאַר די אָפּערײטאָרס, װעלכע מאַכען אויס זעכציג פּראָצענט פון די אַרבײטער אין מילינערי טרײד. מאַסען פון דיזע אָפּע־רײטאָרס זײנען אַרבײטסלאָז.

דער אײנציגער גליק פאַר די מילינערי אָפּרײטאָרס איז, װאָס זײ האָבען אַ יוניאָן, װעלכע פּאַסט אויף, אַז די אַרבײט זאָל גלײך פאַרטײלט װערען צװישען אַלע אַרבײטער גלײך. די יוניאָן טוט פילעס פאַר די אַרבײטסלאָזע מיטגלידער.

די מילינערי און פרויען העטס יוניאָן, װעלכע איז אַ טײל פון דער אינטערנעשאָנאַל קאַפּען מאַכער יוניאָן, האָט אַרויסגעבראַכט אַ רײע פון יונגע פעהיגע יוניאָן־פירער. אײנער פון די װיכטיגסטע פון זײ איז נ. ספּעקטאָר, װעלכער איז די גאַנצע צײט דער מענעדזשער פון לאָקאַל 24 מילינערי אָפּרײטאָרס יוניאָן.

זײט דעם יאָהר 1913, גאַנצע 10 יאָהר, איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צװי־שען צװײ אינטערנאַציאָנאַלע יוניאַנס: צװישען דער קאַפּען מאַכער אינטער־נעשאָנאַל און דער פעלט העט מאַכערס אינטערנעשאָנאַל יוניאָן. דער סכסוך איז געװען צוליב דעם, װאָס די יונײטעד העטערס יוניאָן אָװ אַמעריקא האָט געפאָדערט, אַז די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָװ לײבאָר זאָל איבערגעבען צו זײ די השגחה איבער די מילינערי אַרבײטער פון פרויען העטס. נאָך פילע לאָדענישען האָט די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָװ לײבאָר באַשלאָסען, אַז די מילינערי װאָירקערס זאָלען באַלאַנגען צו די יונײטעד העטערס. די מילינערי אַרבײטער אָבער האָבען ערקלערט, אַז זײ װעלען ניט אַװעקגעהן פון זײער „מאַמע", די יוניאָן פון די קאַפּען אַרבײטער, װעלכע האָט זײ אָרגאַניזירט, ספּעציעל װען פילע פון זײ אַרבײטען אין קאַפּען־מאַכער שעפּער.

די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָװ לײבאָר האָט דאַן אויסגעשלאָסען די קאַפּען־מאַכער אינטערנעשאָנאַל פון איהרע רײען פאַר ניט פאָלגען דעם באַ־שלוס. עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד איז די קאַפּען־מאַכער אינטערנעשאָנאַל געשטאַנען אָפּגעזונדערט.

אין יאָהר 1923 אָבער האָט סעמיועל גאָמפּערס, דער פּרעזידענט פון דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לײבאָר, געמאַכט שלום צווישען בײדע אינטער־נעשאָנאַל יוניאָנס. דער קאָמפּראָמיס איז געווען, אַז די מילינערי ארבײטער זאָלען באַלאַנגען צו דער קאַפּען־מאַכער אינטערנעשאָנאַל און בלויז אַ טײל פון די שעפּער, וואו מען מאַכט פילצענע, פוטערנע און וואָלענע פרויען־העטס, ווי אויך שטרויענע פּאַנאַמאַ העטס, זאָלען באַלאַנגען צו די יונײטעד העטערס אָוו אַמעריקא.

אין אָקטאָבער 1924 האָט די אינטערנעשאָנאַל קאַפּען־מאַכער יוניאָן צוריקגעקראָגען דעם טשאַרטער פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לײבאָר.

עס איז כדאי צו באַמערקען, אַז די יונײטעד העטערס יוניאָן אָוו אַמע־ריקא, וועלכע עקזיסטירט זײט דעם יאָהר 1854, האָט אַ געוויסע צײט אויך באַלאַנגט צו די פּאַראײניגטע אידישע געווערקשאַפטען, כאָטש איהר מעמ־בערשיפּ פון אידישע אַרבײטער איז אַ צימליך קלײנע. די אורזאַכע פון דעם איז, וואָס די יונײטעד העטערס יוניאָן האָט בײ פילע סטרײקס געקראָגען פינאַנציעלע און אַ סך מאָראַלע שטיצע פון די פּאַראײניגטע אידישע געווערק־שאַפטען און פון אַלע אידישע יוניאָנס. ספּעציעל איז די יונײטעד העטערס יוניאָן געווען דאַנקבאַר די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבײטער דערפאַר, וואָס דער יוניאָן־לײבעל אויף מענער העטס איז פיל געשטיצט געוואָרען פון אַלע אידישע אָרגאַניזירטע אַרבײטער פון אַמעריקא.

# די געשיכטע פון די שניידער־יוניאָנס אין דער מענער־קליידער אינדוסטריע.

די ערשטע שניידער יוניאָנס און דער ערשטער גענעראַל־סטרייק פון די ניו יאָרקער שניידער אין יאָהר 1850. — די „זיהן פון אָדם הראשון". — די ערשטע אידישע אימיגראַנטען אין דער שניידער־אינדוסטריע. — די ערשטע יוניאָנס פון אידישע שניידער אין אָנפאַנג פון די 80־ער יאהרען. — דער ערשטער גענעראַל־סטרייק פון אידישע שניידער אין יאָהר 1884. — די „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס" און די גרינדונג פון דער „יונייטעד גאַרמענט וואירקערס" אוו אמעריקא. — די סטרייקס פון 1896 און פון 1901. — דער קאַמף געגען דער שוויץ־סיסטעם. — די געשיכטע פון די פארשידענע יוניאָנס אין דעם שניידער־פאַך. — דער „סטרייק הגדול" פון יאָהר 1913. — די געשיכטע פון דער „אַמאַלגאַמייטעד".

יוניאָנס פון שניידער־ארבייטער האָבען אין אמעריקא עקזיסטירט נאָך אין יאָהר 1818.

אין דער „געשיכטע פון דער טיפּאגראַפיקאַל יוניאָן נומער 6", ארויסגעגעבען פון „ניו יאָרק סטייט דעפּארטמענט אָוו לייבאָר", אין יאָהר 1912, ווערט דערצעהלט, אז שוין אין יאָהר 1850 איז אין דער שטאָדט ניו יאָרק די טרייד־יוניאָן באַוועגונג געווען זעהר גרויס און שטאַרק. און אז די דאַמאָלסטיגע שניידער יוניאָן, „די דזשורנימען טיילאָרס סאָסייעטי", די יוניאָן פון די קאַסטאָמער שניידער, וועלכע האָט זיך אין יענעם יאָהר געגרינדעט (זי עקזיסטירט נאָך עד היום), האָט אין יאָהר 1850, ווען עס איז אָנגעגאַנגען א גרויסע סטרייק־באַוועגונג, געשפּילט די גרעסטע ראָלע. דער ערשטער גענעראַל סטרייק פון די שניידער איז פארגעקומען אין יולי, 1850. די פאָדערונג פון די שניידער איז געווען: גרעסערע פּרייזען פאַר שטיק ארבייט. עס האָבען געסטרייקט ראָק־מאַכער, וועסטען און הויזען ארבייטער. ניו יאָרק איז דאַן געווען דער גרעסטער צענטער פון דער שניידער אינדוסטריע און כמעט דער איינציגער, וואָס האָט פאבריצירט מענער־קליידער פאר גאַנץ אמעריקא. דער שניידער סטרייק פון יאָהר 1850 האָט פאַראַליזירט די גאַנצע שניידער אינדוסטריע. די דאַמאָלסטיגע צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אַלע ניו יאָרקער יוניאָנס, „דער אינדאָסטריעל קאָנגרעס", האָט אין יענעם יאָהר ארויסגערופען א גענעראַל־סטרייק פון

אַלע טריידס, און די גרעסטע צאָהל סטרייקערס זיינען געווען די שניידער, וועלכע האָבען געהאַט אַ דייטשען און ענגלישען ברענטש. ליטש, אַ פיהרער פון יענעם שניידער־סטרייק האָט אין אַ רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטען ביי אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע וואָס האָט שטאַטגעפונדען שבת בייטאָג, דעם 3טען אויגוסט, 1850, אין סיטי האָל פּאַרק — געשילדערט די דאַמאָלסטיגע צושטענדען אין שניידער־טרייד, ווי פאָלגט:

„מיר ארבייטען פון 5 אזייגער פאַרטאָג ביז 9 אזייגער ביינאַכט, און אַלץ וואָס מיר פאַרדינען אַ וואָך איז פון 4 ביז 5 דאָלאַר שכירות. אונזער סטרייק געהט אָן געגען די ניו יאָרקער באָסעס, אָבער הויפּטזעכליך סטרייקען מיר געגען די שניידער־באָסעס, וואָס ארבייטען פאַר דער סאוט, וועלכע קריגען גוטע פּרייזען פאַר די קליידער וואָס מיר מאַכען".

גראַד האָט זיך צו יענער צייט באַוויזען אין שניידער פאַך די „סוועטינג סיסטעם" פון קאָנטראַקטאָרס. די טעטיגסטע סטרייקערס זיינען דאַן געווען די דייטשע שניידער ארבייטער. ווען די סטרייקערס האָבען ערפאַהרען, אַז אין דער 38טער סטריט (וואו עס האָט דאַן געהייסען „חוץ לארץ" פון דער איסט סייד פון ניו יאָרק), האָט אַ דייטש, אַ קאָנטראַקטאָר ארויסגענומען סקעב ארבייט און ער מאַכט אויף קליידער אין זיין וואוינונג מיט סקעב־ארבייטער, איז אַ שטאַרקע קאָמיטע פון די סטרייקענדע דייטשע ארבייטער אוועק צום סקעב־שאָפּ און האָט דאָרטען אָפּגעשטעלט די סקעב־ארבייט. די פּאָליציי האָט נאָכגעיאָגט די סטרייקערס, האָט זיי מכבד געווען מיט די פּאָליס־קלאָבס און 39 סטרייקערס זיינען ארעסטירט געוואָרען און נאָכהער באַשטראָפט געוואָרען פון געריכט. די הויפּט־אַגיטאַציע צווישען די שניידער איז דאַן געווען: צו עטאַבלירען קאָאָפּעראַטיווע שעפּער און קאָאָפּעראַטיווע סטאָרס פון קליידער. נאָך 8 וואָכען סטרייק האָט די שניידער יוניאָן געסעטעלט יענעם סטרייק צו גונסטען פון די ארבייטער.

אין יאָהר 1860 האָט זיך אין ניו יאָרק אָרגאַניזירט אַ יוניאָן פון קלאָדינג קאַטערס (קליידער צושניידערס).

דיזע יוניאָן האָט זיך אַ נאָמען געגעבען „די זיהן פון אָדם הראשון". ארבייטענדיג אין די גרויסע קליידער פאַבריקען, האָבען די צושניידער געהאַט אַ בעסערע געלעגענהייט צו טרעפען זיך מיט קאַטערס פון אַלע קליידער־פאַבריקען, און אויף אַזאַ שטייגער איז פאַר זיי גרינגער געווען זיך צוזאַמענצוקומען און צו גרינדען אַ יוניאָן. די שניידער, אָבער, האָבען אין יענע יאָהרען געאַרבייט אין זייערע וואוינונגען, אַנדערע האָבען געאַרבייט ביי קאָנטראַקטאָרס. די היימען און די שעפּער

פון יענע ארבייטער זיינען געווען ווייט איינע פון די צווייטע און דערפאר פלעגט זיין שווער צו ארגאניזירען א יוניאָן פון שניידער ארבייטער.

די קלאָדינג קאַטערס האָבען מיט דער הילף פון זייער יוניאָן נאָך אין 1872טען יאָהר באוויזען אויסצוקעמפען פאר זיך אן 8-שטונדיגען ארבייטס-טאָג. עס האָט אבער ניט לאנג געדויערט און די קליידער פאבריקאנטען האָבען חרטה געהאט, וואָס זיי האָבען נאָכגעגעבען די קאַטערס דעם 8-שעה'דיגען ארבייטס-טאָג און זיי האָבען עס ביי זיי צוריק אוועקגענומען. נאָך א קורצען סטרייק האָבען זיך דאַן די קאַטערס אויסגעגליכען מיט די קליידער פאבריקאנטען צו ארבייטען ווידער 9 שטונדען א טאָג.

אין יאָהר 1873, ווען אין לאַנד איז פאָרגעקומען די גרויסע פאַניקע און אַרבייטסלאָזיגקייט, וועלכע האָט אָנגעהאַלטען איינִיגע יאָהר צייט, איז די קאַטערס יוניאָן, די „זיהן פון אָדם הראשון“, אויך געבראָכען גע־וואָרען צוזאַמען מיט די גרעסטע צאָהל יוניאנס פון פאַרשידענע טריידס, וועלכע האָבען דעמאָלט עקזיסטירט.

ווען די גרויסע אַרבייטסלאָזיגקייט פון די 70-ער יאָהרען איז שוין געווען פאָראיבער, און אין די קליידער פאַבריקען האָט מען ווידער אָנגעפאַנגען ארבייטען, האָבען די באַלעבאַטים געצוואונגען די קאַטערס צו אַרבייטען 10 שעה אַ טאָג, אָנשטאָט 9, און דערצו נאָך פאַר קלענערע שכירות.

די באָסטאָנער קאַטערס יוניאָן איז אויך איינע פון די עלטסטע שניידער יוניאָנס. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1879. (דיזע יוניאָן האָט זיך געגרינדעט אונטער די „נייטס אָוו לייבאָר“ און ביי היינטיגען טאָג איז זי אַ לאָקאַל פון די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס אָוו אָמעריקא).

ערשט אין יאָהר 1880, ווען די „נייטס אָוו לייבאָר“ איז געוואָרען אַ שטאַרקער אַרבייטער פאַרבאַנד, האָט ער געהאָלפען די קאַטערס, „די זיהן פון אָדם הראשון“, צוריק צו געווינען דעם 9-שטונדיגען ארבייטס טאָג און בע־סערע שכירות.

אָבער די שניידער אַרבייטער האָבען צו יענער צייט קיין יוניאָן ניט געהאַט, און זיי פלעגען אַרבייטען לאַנגע שטונדען פאַר אַ הונגער-לוין.

אין יאָהר 1882, ווען אין ניו יאָרק האָבען גענומען אָנקומען מאַסען אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד, פוילען און ליטע, איז ערשטענס צווישען זיי גופא געווען אַ היבשע צאָהל שניידערס פון דער היים; צווייטענס, זיינען פילע פון יענע אימיגראַנטען, וואָס האָבען געזוכט אַ טרייד, געוואָרען אַפּריי־טאָרס ביי רעק, הויזען און וועסטען.

ווי איך האָב שוין דערצעהלט אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל, זיינען נאָך

אין די 70־ער יאָהרען געוועז אַ צאָהל אידישע שניידער פון עסטרייך־אונגאַרן, רוסיש־פוילען און פון דייטשלאַנד. אַ גרויסע טייל אָבער פון די שניידער־אַרבייטער זיינען צו יענער צייט געוועז קריסטען, איירישע און דייטשען, פרויען און מענער. ביי וועסטען און הויזען האָבען דאַן געאַרבייט מעהר־סטענס קריסטליכע מענער און פרויען. יענע שניידער־אַרבייטער האָבען די ערשטע צייט ניט געוואָלט האָבען קיין שום מגע ומשא מיט די „גרינע" חצי־בעל־מלאכות, וועלכע האָבען זיך דאָ אויסגעלערענט פאַר אפּרייטאָרס ביי די ביליגע שניידעריי. דער רעזולטאַט איז געוועז, אַז די שניידער, וועלכע האָבען געאַרבייט ביי דעם ביליגען סאָרט רעק, הויזען און וועסטען, זיינען די ערשטע יאָהרען פון זייער אַריינקומען אין טרייד עקספּלואַטירט געוואָרען אויף דעם שרעקליכסטען אופן. געאַרבייט האָבען דיזע אַרבייטער בלויז אין סוועט־שעפּער, ביי אָרימע קאָנטראַקטאָרס, וועלכע פלעגען אַרויסנעמען די אַרבייט פון גרויסע קליידער ווער־הייזער און אַרבייטען פלעגט דער קאָנ־טראַקטאָר מיט אַ פּאָר אַרבייטער אין זיין וואוינונג, וועלכע איז באַשטאַנען פון 2—3 צימערען אין אַ טענעמענט הויז אויף דער איסט סייד פון ניו יאָרק.

דיזע „סוועטערס" האָבען דאַן איינגעפיהרט די פאַרפלוכטע „צייל סיסטעם". די דאָזיגע סיסטעם איז באַשטאַנען אין פאָלגענדעס: דער „סעט" אָדער „טים" אַרבייטער, וואָס מען האָט איינגע־שפּאַנט אין דער אַרבייט, איז באַשטאַנען פון אַ בייסטער, אַ „האַלבען" בייסטער, אַן אָפּערייטאָר, אַן אַרויסהעלפער, אַ פיני־שער, אַ „האַלבען" פינישער און אַ טרימערין, אויסער בושלערס און פּרעסערס. זיי האָבען אַלע געקראָגען באַצאָהלט וועכענטליך, אויב דער קאָנטראַקטאָר איז ניט אַנטלאָפען מיט דער „פּעי" (שכירות). דערפאַר אָבער האָט דער סעט געמוזט אויסאַרבייטען אַ באַשטימטע צאָהל רעק יעדען טאָג; געוויינ־ליך האָט דער באָס געגעבען אַ גרויסע פּאַרציע רעק. דער „לימיט" איז געוועז 14 רעק אַ טאָג, פון דעם בעסערען ליין, נאָר עס איז געשטיגען ביז 18 און מעהר רעק אַ טאָג. ווען דער סעט איז ניט פאַרטיג געוואָרען מיט אַזאַ טאָג אַרבייט ביז 10 אזייגער אין אָוונט, האָט מען געשקלאָפט ביז 12 אזייגער ביינאַכט און ביז די כחות האָבען געלאָזען. אַריינקומענדיג דעם צווייטען טאָג אין שאָפּ 4 אזייגער פּאַרטאָג, האָט דער „סעט" געדאַרפט „פאַרענדיגען" דעם נעכטיגען טאָג אַרבייט, וואָס האָט ניט זעלטען געדויערט ביז 12 אזייגער בייטאָג. אַזוי פלעגען די שניידער אַרבייטען אין „ביזי" צייט זעקס טעג און זעקס נעכט אַ וואָך און אויסאַרבייטען בלויז דריי און אַ האַלב, העכ־סטענס פיר טעג אַרבייט אַ וואָך. אַזוי ווי דעם בעסטען אָפּערייטאָר'ס שכירות זיינען דאַן געוועז ניט מעהר ווי $18 אַ וואָך, האָט ער באַקומען פאַר פיר

„ציל״־טעג און אמת׳ע זעקס מעת־לעת שווערע עבודה נאָר 12 דאָלאַר אַ וואָך. די אַרבייטער וואָס האָבען געקראָגען 8 און 10 דאָלאַר אַ וואָך, פלעגען אהיים געהן מיט אַ „פּעי״ פון 5 דאָלאַר אַ וואָך. די שניידער באַסעס פלעגען זיך באַנוצען מיט דעם, וואָס עס איז ניט געווען קיין יוניאָן און פלעגען אימער צולעגען מעהר רעק צום טאָג אַרבייט.

אין יאָהר 1883 האָט זיך צווישען די אידישע שניידער אָנגעפאַנגען אַ באַוועגונג צו אָרגאַניזירען דעם פאַך. אָנגעפאַנגען האָבען דיזע באַוועגונג די אונגאַריש־אידישע שניידער, וועלכע זיינען געווען מעהרסטענס גוטע בעלי־מלאכות. די הויפּט גרינדערס פון יענער שניידער יוניאָן זיינען געווען די זעלבע אונגאַרישע און גאַליציאַנער אַרבייטער, וואָס האָבען אין יאָהר 1884 צוזאַמען מיט אַ גרופּע רוסיש־אידישע סאָציאַליסטישע אימיגראַנטען געגרינדעט דעם „אידישען אַרבייטער פאַראיין״, וועלכען איך האָב באַשריבען אין אַ פריהעריגען קאַפּיטעל. זיי האָבען עס געגרינדעט די ערשטע אידישע שניידער־יוניאָן אין ניו יאָרק, וועלכע האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם אַרבייטער אָרדען „נייטס אָוו לייבאָר״. די שניידערס און אַפּרייטאָרס האָבען באַלאַנגט צו איין לאָקאַל און די פּרעסערס האָבען געהאַט אַ באַזונדערען לאָקאַל. אַ געוויסער מ י י ב ו י ם, וועלכער איז אין די שפּעטערע יאָהרען געווען דער גרענד מאַסטער פון דעם אָרדען „אינדעפּענדענט ברית אברהם״, איז געווען דער „מאַסטער וואָירקמען״ (דער טשערמאַן) פון דיזער „נייטס אָוו לייבאָר״ אָפּרייטאָרס און שניידער יוניאָן. דער טשערמאַן פון דעם פּרעסערס לאָקאַל איז געווען י ע ק ב ש ע ה ן. צווישען די גרינדער פון דער שניידער יוניאָן אונטער די „נייטס אָוו לייבאָר״ זיינען אויך געווען ל ו א י ס ס מ י ט און א. ק אַ נ ע ר. די אַלע אויסגערעכענטע פיהרער פון יענער ערשטער אידישער שניידער יוניאָן זיינען געווען גוטע אידישע רעדנער. (איך האָב וועגען זיי געשריבען מעהר אויספיהרליך אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל).

יענע יוניאָן האָט שוין אין יאָהר 1883 אָנגעפיהרט אַ רייע סטרייקס און האָט געהאַט עטליכע טויזענט מיטגלידער, מעהרסטענס אַזעלכע, וואָס האָבען געאַרבייט פון שטיק. די יוניאָן האָט דאַן גענומען אָרגאַניזירען שניידער אַרבייטער, וועלכע האָבען געאַרבייט ביי דער „ציל־סיסטעם״ אין די טענע־מענט הייזער און פילע פון זיי האָבען זיך גענומען אָנשליסען אָן דער יוניאָן. זיי זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען אַלס אַ באַזונדערער לאָקאַל פון די „נייטס אָוו לייבאָר״. זייער סעקרעטאַר איז געווען איינער א. ש אַ פּ י ר אָ, אַ לאָמער — אויף איין פוס. ער האָט, דאַכט זיך, באַלאַנגט צו טעמעני האָל. אין זיין בוך „בלעטער פון מיין לעבען״ באַשרייבט גענאָסע אב. קאַהאַן, ווי אַזוי ער האָט געהאָלפען אָרגאַניזירען די „ציל־אַרבייטער״ ביי שניידעריי:

„מוצאי יום כפור, 1884, דערצעהלט קאהאן, איז אויפ'ן טאפ פלאר פון 165 איסט בראדוויי, ניו יארק, געגרינדעט געווארען א שניידער יוניאן פון רוסישע און פוילישע אידען, און איך האב זיך אין דער גרינדונג באטייליגט אלס רעדנער און אויפקלערער. דער מיטינג, אויף וועלכען דאס איז געשעהן, איז געווען זעהר א קליינער. ער איז אבער געווען דער גרונד שטיין, אויף וועלכען עס איז אין גיכען אויסגעוואקסען אן ארגאניזאציע פון עטליכע טויזענט מיטגלידער.

„איך געדענק ווי איך בין געשטאנען און גערעדט און ווי דערנאך האט מען פארשריבען די ערשטע מעמבערס.

„איך געדענק אויך א פאר פון די שניידער מיטינגען, וועלכע איך האב אדרעסירט א ביסעל שפעטער, ווען די יוניאן איז שוין געווען ארגאניזירט. די גרעסטע פארזאמלונג, אויף וועלכער איך האב דאן אנטייל גענומען אלס הויפט רעדנער, האט שטאטגעפונען אין קאנקארדיא אסעמבלי רומס, אויף עווניו „איי", לעבען דער צווייטער סטריט (שפעטער האט מען דעם פלאץ גערופען פראגרעסיוו אסעמבלי רומס). די פארזאמלונג געדענק איך מיט פולשטענדיגער דייטליכקייט.

„דער האל איז געווען א גרויסער און ער איז געווען געפאקט. עס האבען זיך דארטען ווארשיינליך געפונען איבער צוויי טויזענט מענשען. דאס איז דאן געווען די גרעסטע פארזאמלונג פון אידישע ארבייטער, וועלכע האט ביז דאן שטאטגעפונען אין אמעריקא (און ווארשיינליך אויך אויף דער גאנצער וועלט). צו אזא גרויסען עולם האב איך נאך פריהער קיינמאל ניט גערעדט.

„איך געדענק דעם שטארקען איינדרוק וואס די צוויי טויזענט קעפיגע מאסע האט אויף מיר געמאכט. מען האט מיך פארגעשטעלט, און דער עולם האט גענומען אפלאדירען. ווען איך האב זיך געשטעלט פאר דיזען ים מיט מענשליכע פנים'ער, בין איך א מינוט געווען ווי א צוטומעלטער.

„מיין רעדע איז אויסגעהערט געווארען מיט דער טיפסטער אויפמערקזאמקייט, נייגעריגקייט און באגייסטערונג. מיט דער אויסנאמע פון ראיעווסקי'ן און א פאר אנדערע רוסישע סאציאליסטען, וועלכע זיינען געקומען צו דיזען מיטינג, איז צווישען די צוויי טויזענט צוהערער מסתמא ניט געווען קיין איינער, וואס האט פריהער געהערט אזעלכע רייד. עס איז פאר זיי געווען א גרויסע נייעס. זיי האבען צוגעשאקעלט מיט די קעפ, געוואונקען איינער צום אנדערען, אז וואס איך זאג איז „ריכטיג ווי גאלד", געפאטשט בראווא, און דונערענדיג געלאכט פון יעדער שפאסיגער באמערקונג, וואס איך האב געמאכט".

אין יאהר 1884, גלייך נאך די אידישע יום טובים, האט אין ניו

יאָרק אויסגעבראָכען דער ערשטער גענעראַל־סטרייק פון שניידער ארבייטער ביי מענער קליידער.

זעקס וואָכען צייט האָט יענער סטרייק געדויערט און ער האָט זיך געענדיגט מיט א „זיג" פאר די ארבייטער.

אין יענעם סטרייק איז דער שניידער יוניאָן געלונגען צו ארגאניזירען די גרעסטע צאָל פון די „שטיק"־שעפּער און אויך א צאָהל פון שניידער שעפּער, וואו מען האָט געארבייט ביי דער „ציל־סיסטעם".

נאָכ'ן סטרייק איז די שניידער יוניאָן פיל שטארקער געווארען און זי האָט שוין געציילט מעהר ווי 5,000 מיטגלידער. די גרעסטע צאָל פון זיי זיינען געווען שטיק־ארבייטער.

אין זומער פון יאָהר 1886 האָט דיזע שניידער־יוניאָן געהאַט 5 ברענטשעס: פון אָפּערייטאָרס, בייסטערס, פינישערס, פּרעסערס און בושלערס. זייער ארבייטס־ביורא האָט זיך געפונען אויף האוסטאן סטריט, אין ליבערטי האָל

דיזע יוניאָן האָט זיך דעמאָלט גערופען די „פּראָגרעסיוו טיילאָרס יוניאן נומער 1". אין יאָהר 1886 האָט זיך די יוניאן באטייליגט אין דעם הענרי דזשאָרדזש קאמפּיין, און זי האָט ארויסגעגעבען פאר א קורצער צייט אַן אייגענע צייטונג, „דער פּראָגרעס".

צו יענער צייט האָט זיך אין יענער יוניאָן גענומען פיהלען אן אומצופרידענהייט מיט די „נאַיטס אָוו לייבאָר". די „ציל־ארבייטער" האָבען גענומען פארנאכלעסיגען די יוניאָן. שטיק־ארבייט איז אַלץ מעהר פארביטען געווארען מיט'ן „ציל סיסטעם". דעמאָלט האָבען זיך שוין געפונען שניידער־שעפּער, וואו מען האָט געמאכט נייע איינפיהרונגען, כדי מען זאָל ניט דארפען האָבען ביי דער שניידעריי קיין גוטע בעלי־מלאכות. די „צילערס", די חצי בעלי־מלאכות פלעגען שוין ארבייטען אויף דער נייער סיסטעם און ביי די גוטע ארבייט. יוניאָן־לייט זיינען זיי געווען זעהר שוואכע, האָבען זיך די מאנופעקטשורערס און קאָנטראקטאָרס באנוצט דערמיט און האָבען פארלענגערט דעם ארבייטס־טאָג. דאָס האָט פילע מיטגלידער ענטוישט און די יוניאָן איז פון טאָג צו טאָג געווארען שוואכער, ביז עס איז פון איהר פארבליבען בלויז דער נאָמען.

אין צוויי יאָהר שפּעטער, אין אָנפאנג פון 1888טען יאָהר האָט זיך צווישען די שניידער ווידער אָנגעפאנגען א באוועגונג צו רעארגאניזירען די יוניאן. דער אָנפירער פון דיזער באוועגונג איז געווען י ש ר א ל ב א ר ס ק י, וועלכער איז אין דער שטאָט באלטע געווען א לעהרער, און

אין אמעריקא איז ער געװאָרען א שנײַדער. ער איז געװען א סאָציאַליסט. (איהם האָב איך שוין דערמאָנט אין די פאָריגע קאַפּיטלען).

בארסקי האָט זיך זעהר שטאַרק אינטערעסירט מיט דער ארבײטער־באַװעגונג, און ספּעציעל מיט׳ן שנײַדער טרייד, בײַ װעלכען ער האָט אַלײן געאַרבײט. ער פלעגט אונטער׳ן נאָמען „ישראל בן־עולם״ שרײַבען אין דער „ניו יאָרקער אידישער פאָלקסצײַטונג״ ארטיקלען װעגען דער לאַגע פון די אידישע שנײַדער ארבײטער אין אמעריקא. בארסקי׳ס אידעאַל איז געװען צו גרינדען א שנײַדער פאַרבאַנד פון די צװאַנציג טױזענד שנײַדער ארבײטער, װעלכע האָבען זיך געפונען אין אמעריקא. ער פלעגט טענה׳ן, אגיטירען ניט נאָר אין האַלס, נאָר אויך אויפ׳ן סטריט, באַזונדערס אויפ׳ן פּלאַץ, װאָס מען האָט גערופען „חזיר־מאַרק״ (דאָס איז געװען אין העסטער קאָרנער עסעקס סטריט, װאו איצט געפינט זיך דער „סיװאַרד פּאַרק״. דאַן איז נאָך דער פּאַרק ניט געװען). יעדען שבת בײַטאָג פלעגען זיך דאָרט פאַרזאַמלען טױזענטער „הענט״, שנײַדערס, בײַסטערס, אָפּערײַטאָרס, פינישערס, פּרעסערס. די קאָנטראַקטאָרס פלעגען דאָרט קומען זוכען „הענט״ און „סעטס״ פאַר די „טימס״. אָפטמאָל פלעגט עס טרעפען, אַז די פּאָליצײַ פלעגט מאַכען אַן אָבלאַװע אויף דיזען „מאַרק״ און די אָרימע שנײַדער ארבײטער פלעגען אַהיים פליהען מיט צובראָכענע בײנער. אָט דאָרט פלעגט בארסקי אגיטירען צו זײַנע צוהערער, אַז מען דאַרף אָרגאַניזירען א גרױסען פאַרבאַנד פון שנײַדער־ארבײטער.

דעם 2טען אַפּריל, 1888 איז אויף א מאַס־מיטינג אין גרױסען פּיטאַגאָראַס האָל, אויף קאַנעל סטריט קאָרנער בױערי, ניו יאָרק (דיזער זאַל מיט דער גרױסער בילדינג, האָט דאַמאָלס באַלאַנגט צום דיסטריקט 49 „נײַטס אָװ לײבאָר״, געגרינדעט געװאָרען אַ שנײַדער יוניאָן מיט דעם נאָמען די „יונײַטעד בראָדערהוד אָװ טײלאָרס״. אָבער אין חודש אויגוסט פון זעלבען יאָהר איז די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע צוקראָכען געװאָרען.

אין אָקטאָבער פון יאָהר 1888, װען די פאַראײניגטע אידישע געװערקשאַפטען איז געגרינדעט געװאָרען, האָט זי אײַנבארופען א מאַסען־פאַרזאַמלונג פון שנײַדער, װעלכע איז פאָרגעקומען אין 98 פאָרסײַט סטריט, װאו ישראל בארסקי האָט פאָרגעלײגט זײַן פּלאַן פון א שנײַדער פאַרבאַנד. עס זײַנען אויך אויפגעטראָטען אַלס רעדנער בײַ יענעם מיטינג א ב. ק א ה א ן, לעװ באַנדעס, מאָריס הילקוױט און דער שרײַבער פון דיזע צײַלען.

די רעדעס האָבען געמאַכט א שטאַרקען אײַנדרוק אויף דער גרױסער מאַסע אַנװעזענדע שנײַדער ארבײטער און פילע פון זײ האָבען זיך פאַר־

שריבען צו גרינדען אַ יוניאָן. אָבער אין דער פאַרווירקליכונג פון באַר־סקי'ס פּלאַן האָבען ניט פילע געגלויבט, מען האָט געצווייפעלט, צי עס וועט געלינגען צו אָרגאַניזירען די דאָן אונוויסענדע שניידער ארבייטער־מאַסע. ערשט אין מערץ, 1889, איז געגרינדעט געוואָרען די „בראָדער־הוד אָוו טיילאָרס". די אָרגאַנייזערס פון דער „בראָדערהוד" זיינען געווען פון דעם בייסטעערס ברענטש, י ש ר א ל ב א ר ס ק י און מ. פּ ע ר ע ל־מ אַ ן, פון אפּעריטאָר לאָקאַל זיינען געווען ס א ו ל ד י י וו י ס און אַ געוויסער ה ע ר י ס אָ ן, וועלכער איז נאָכהער געוואָרען אַ פּאָליס־מאַן. פון די פּרעסערס זיינען געווען ס ע ם ל י וו י י און ה ע ר י ס ג אָ ל ד ב ע ר ג, וועלכער איז דעמאָלט גלייך געוואָרען אַ פאַרטרעטער פון דער „בראָדערהוד" ביי די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. ער איז אויך געוואָרען אַ מיטגליד פון דער ס. ל. פּ. און שפּעטער, פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. גאָלדבערג איז אויך געווען איינער פון די ערשטע גרינדער פון „פאָרווערטס".

נאָך אַ טעטיגער מעמבער פון דער „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס" איז געווען ב. ש וו י י צ ע ר, וועלכער איז געווען אַ פּרעסער ביים טרייד. שווייצער איז געווען אַן אימיגראַנט פון פּוילען, זעהר אַ טעטיגער יוניאָן מאַן און אַ גוטער רעדנער. מיט יאָהרען שפּעטער איז ער געוואָרען אַן אָרגאַנייזער פון די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אוו אַמעריקאַ.

אין פעברואר פון יאָהר 1890, האָט די „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס" געהאַט אַ גענעראַל סטרייק געגען די שניידער קאָנטראַקטאָרס, וועלכע האָ־בען געוואָלט צווינגען די באַטעמהאָל קאָנטראַקטאָרס, אַז זיי זאָלען באַלאַנ־גען צו דער אַסאָסיאיישאָן מיט די שניידער קאָנטראַקטאָרס צוזאַמען. דאָס איז געווען, וואָס מען רופט, אַ פּרינציפּיעלער סטרייק. די שניידער יוניאָן האָט ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז די באַטעמהאָל ארבייטער, וועלכע האָבען באַלאַנגט אין איין אָרגאַניזאַציע מיט זייערע באָסעס, זאָלען באַ־לאַנגען גאָר צו דעם פאַרבאַנד פון אַלע שניידער באָסעס. „די בראָ־דערהוד אָוו טיילאָרס" האָט דעמאָלט געוואונען יענעם „פּרינציפּיעלען" סטרייק.

די קלאָדהינג קאַטערס פון ניו יאָרק האָבען צו יענער צייט געהאַט צווייערליי יוניאַנס, איינע האָט נאָך באַלאַנגט צו די נייטס אָוו לייבאָר און אַ צווייטע איז געווען אַ „פעדעראַל" לאָקאַל פון דער אמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. צו יענער צייט איז אַרויסגעגאַנגען אַ אידישע שניידער־צייטונג „דער שניידער־פאַרבאַנד". איהר רעדאַקטאָר איז געווען י ש ר א ל ב א ר ס ק י. די קאַטערס פון דער „אמעריקען פעדעריישאָן

און ליבאָר האָבען דאן שטאַרק אגיטירט פאַר דער גרינדונג פון אן אינ־טערנאציאָנאַלער שניידער יוניאָן אונטער דער אויפזיכט פון דער „אמע־ריקאן פעדערײשאָן אָוו ליבאָר".

דעם 12טען אפּריל, 1891טען יאָהר, איז אין ניו יאָרק פאַרגעקומען א קאָנווענשאָן פון שניידער־יוניאָנס פון פארשיידענע שטעדט פון לאַנד מיט'ן צוועק צו גרינדען א שניידער־פארבאַנד פון ארבייטער ביי מענער־ און קינדער־קליידער אונטער דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו ליבאָר. 36 דע־לעגאַטען זיינען געוועזן פאַרטראָטען ביי יענער קאָנווענשאָן, וועלכע זיינען געקומען פון ניו יאָרק, שיקאַגאָ, באָסטאָן, פילאַדעלפיא און אנדערע שטעדט.

די גרעסטע צאָהל פון די שניידער־יוניאָנס, וואס זיינען געווען פאַר־טראָטען ביי יענער קאָנווענשאָן, האָבען באַלאַנגט צו די פאַראייניגטע אי־דישע געווערקשאַפטען, וועלכע האָט יענע שניידער־יוניאָנס אָרגאַניזירט.

נאָך צוויי טעג פון פאַרהאַנדלונגען איז ביי יענער קאָנווענשאָן גע־גרינדעט געוואָרען דער פאַרבאַנד „די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אָוו אמעריקא". די מיטגלידער פון די קאַטערס (צושניידער) לאָקאַלס, וועלכע זיינען געווען פאַרטראָטען ביי דער גרינדונג פון דיזען פאַרבאַנד, זיינען געווען אמעריקאַנער ארבייטער, אינטעליגענטע מענשען און דערפאַר האָבען זיי אַלס דעלעגאַטען געשפּילט די הויפּט־ראָלע אויף דער קאָנווענשאָן. אַלס סעקרעטער־טרעזשורער פון דעם נייעם שניידער־פאַרבאַנד איז ער־וועהלט געוואָרען ה. ר י י ק ע ר ס, א מעמבער פון לאָקאַל 4, ניו יאָרקער קאַטערס יוניאָן. רייקערס איז געווען א דייטשער אימיגראַנט, אָבער זעהר לאַנג אין אמעריקא. ער איז געווען א קאָנסערוואַטיווער מענש און א געגנער פון סאָציאַליסטען. דאָס האָט נאַטירליך ניט געשמעקט דער גרויסער צאָהל שניידער־ארבייטער, וועלכע זיינען געווען סאָציאַליסטיש געשטימט.

ישראל בארסקי, וועלכער האָט זיך יאָהרען־לאַנג ארומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק צו גרינדען א שניידער־פאַרבאַנד אין אמעריקא, האָט זיך ביי יענער קאָנווענשאָן גאָרניט אָנגעזעהן. גלייך נאָך דער קאָנווענשאָן פון דער „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס" האָבען זיך די לאָקאַלס פון די ניו יאָרקער „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס" אָנגעשלאָסען אָן דעם פאַרבאַנד. דאָס זעלבע האָבען געטאָן אויך אייניגע אַנדערע שניידער־לאָקאַלס. די קאַטערס־לאָ־קאַלס זיינען אַלע אריין אין דעם נייעם פאַרבאַנד. אָבער די פּענטס מאַ־כערס, וועסט־מאַכערס, טשילדרען דזשעקעט מאַכערס און ני־פּענטס מאַ־כערס, וועלכע זיינען דאן געווען יעדע א באַזונדער יוניאָן פאַר זיך, האָבען

זיך ניט אַנגעשלאָסען אָן דעם שניידער־פּאַרבאַנד. דיזע לאָקאַלע יוניאָנס האָבען נאכהער געדאַרפט פיהרען א קאמף, ווייל די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס" האט געזוכט צו גרינדען אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס אין דיזע פאכען. דער „יונייטעד גארמענט וואָירקערס" איז עס אָבער ניט געלונגען צו באווייזען, ווייל די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען זיינען געווען מעכטיג און איינפלוסרייך ניט צו דערלאָזען צו גרינדען אין איין פאך צוויי יוניאָנס. פון דער „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס", וואס האט יא באלאנגט צום פארבאנד, האָבען זיך אָפּגעשפּאָלטען א גרויסע צאָהל מיטגלידער, וועל־כע האָבען געגרינדעט פאר זיך א יוניאָן מיט'ן נאָמען „די אינטערנעשאָנאל טיילאָרס יוניאָן". דיזער ברודער־קאמף איז אָנגעגאנגען ביז דעם צווייטען קריזיס פון יאָהר 1893, וועלכער האט פאראורזאכט א גרויסע ארבייטסלאָזיגקייט. דאן איז פון פילע אידישע יוניאָנס גע־וואָרען א תל.

ערשט אין ענדע פון יאָהר 1894 האט זיך די רעק־שניידער יוניאָן ווידער רעאָרגאניזירט און די „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס" האט ארויסגע־רופען א גענעראל־סטרייק, מיט דער פאָדערונג אָפּצושאפען „ציל־ארבייט" און פאר דער איינפיהרונג פון וואָך־ארבייט. גראדע איז דעמאלט געווען א סך ארבייט, האט עס ניט גענומען לאנג און די שניידער־קאָנטראקטאָרס האָבען נאָכגעגעבען די פאָדערונג פון דער יוניאָן אבי צוריק צו קריגען זייערע ארבייטער אין די שעפּער. ווען דער ביזי־סיזאָן ביי שניידעריי איז אָבער געווען צו ענדע, האָבען די קאָנטראקטאָרס גענומען צוריק איינפיהרען די „ציל־סיסטעם" און די יוניאן איז געווען צו שוואך ווידער אויפצונעמען א קאמף.

ערשט אין יאָהר 1896, ווען די „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס" און „די טשילדרען דזשעקעט מאכער יוניאָן" האָבען זיך פעסט אָרגאניזירט, האָבען זיי ווידער ארויסגערופען א גענעראל סטרייק, וועלכער איז געווען דער גרעס־טער און וויכטיגסטער שניידער־סטרייק פון יענע צייטען. אין יענעם סטרייק האָבען זיך באטייליגט ביי א צעהן טויזענט ארבייטער. די פאָדערונגען זיינען ווידער געווען: אָפּצושאפען די „ציל־סיסטעם" און אָנשטאָט דעם זאָל מען איינפיהרען וואָך־ארבייט, 59 שטונדען א וואָך ארבייט א. אז. וו.

יענער סטרייק האט אָנגעהאלטען איניגע וואָכען, ביז די ארבייטער האָבען געוואונען דיזע פאָדערונגען.

נאָך דעם זיג האט די שניידער־יוניאָן פאר קנאפּע 2 יאָהר צייט קאָנ־

טראָלירט װאָך־אַרבײט. די װאָקינג־דעלעגאַטען פון דיזער יוניאָן זײנען דעמאָלט געװען ב. שװײצער און מאָריס ראָזענפעלד, דער באַריהמטער פּאָעט, װעלכער האָט דעמאָלט געאַרבײט בײ שנײדערײ.

אין אָנפאַנג פון יאָהר 1898 האָבען אַלע ניו יאָרקער שנײדער־קאָנטראַקטאָרס זיך אָרגאַניזירט אין אַן „אַסאָסיאײשאָן פון באַלעבאַטים", און װען דער סלעק סיזאָן איז אָנגעקומען האָבען זײ געמאַכט אַ לאָקאַוט און האָבען אױסגעשלאָסען אַלע זײערע אַרבײטער פון די שעפּער.

דיזער קאַמף איז װידער געװען זעהר אַ לאַנגער און ביטערער. די סטרײקענדע אַרבײטער האָבען געהונגערט און די ענגלישע צײטונגען האָבען דאַן פיל געשריבען װעגען די סװעט־שאַפּ אַרבײטער, פאַרדאַמענדיג די קלײדער־פאַבריקאַנטען פאַר אָנהאַלטען די פאַרפלוכטע סװעטינג־סיסטעם.

אין יאָהר 1898 האָט זיך אין דער ראָק־שנײדערס יוניאָן באַװיזען אַ נײער „משיח" מיט'ן נאָמען מאיר שײנפעלד. ער איז געװען אַן אָפּערײטאָר בײ רעק. ער האָט געקענט האַלטען אַ רעדע פאַר די שנײדער־אַרבײטער און ער איז געװאָרען אַ פירער פון די בראָדערהוד אװ טײלאָרס. אַ פּאָר יאָהר צײט האָט זיך שײנפעלד געטומעלט אַלס אַ יוניאָן־פיהרער פון די שנײדער, ביז ער האָט פאַרלוירען זײן אײנפלוס אין דער יוניאָן.

שפּעטער איז ער באַשטימט געװאָרען פון די באַלעבאַטים אַלס אַ מין „אַרביטרײטאָר" צװישען די אַרבײטער און די פאַבריקאַנטען.

אין יענער צײט האָבען אַ גרױסע צאָהל פון די רײכע קלײדער־פאַבריקאַנטען גענומען אױפמאַכען גרױסע אינסײד־שעפּער, אין װעלכע זײ האָבען אַרײנגענומען שנײדער־אַרבײטער צו אַרבײטען פון װאָך און פון שטיק. אין דיזע אינסײד־שעפּער האָט מען שױן געאַרבײט ניט לענגער װי 10 שטונדען אַ טאָג. די צרה איז אָבער געװען, װאָס די שנײדער־אַרבײטער זײנען אין יענע גרױסע אינסײד־שעפּער געװען פאַרשקלאַפּט. מען האָט די אַרבײטער געיאָגט, זײ זאָלען מאַכען אַ סך אַרבײט. די באַלעבאַטים האָבען געפאָדערט אַ סך פּראָדוקציע. אין דער זעלבער צײט האָבען די פאַבריקאַנטען גענומען אײנפיהרען אין זײערע גרױסע פאַבריקען אַלץ נײערע מאַשינערי.

דער פּראָצעס װי אַזױ די מאַשינעריע אין די שנײדער־פאַבריקען האָט זיך אַנטװיקעלט איז זעהר אַן אינטערעסאַנטער. דער הױפּט־צװעק פון די מאַשינען איז געװען װאָס שנעלער צו מאַכען די אַרבײט.

די ערשטע ריכטיגע נײה־מאַשינען זײנען ערפונדען געװאָרען אין יאָהר

1846, און מיט 4 יאָהר שפּעטער איז ערפונדען געוואָרען די „לאָק סטיטשינג מאַשין", וועלכע פאַרהיט אַז די שטעפּ זאָלען ניט פּלאַצען.

די ערשטע שניידער ארבייטער, וועלכע האָבען געארבייט אַלס אפּריי־טאָרס ביי נייה־מאַשינען, האָבען געדאַרפט האָבען יעדער אַן אייגענע מאַשין. דרעהען די מאַשין אַ גאַנצען טאָג מיט'ן פוס איז געווען פאַר'ן ארבייטער זעהר שווער, און די ארבייט איז דערפאַר געגאַנגען לאַנגזאַם.

דיזע לאַגע האָט זיך אָבער געענדערט ווען די שניידער־יוניאָנס האָבען אויסגעקעמפּט, אַז די פאַבריקאַנטען און זאָגאַר קאָנטראַקטאָרס זאָלען געבען יעדען ארבייטער אַ מאַשין צו דער ארבייט, און נאָכמעהר, ווען די יוניאָנס האָבען געצוואונגען די באַלעבאַטים איינצופיהרען אַז די נייה־מאַשינען זאָלען געטריבען ווערען מיט עלעקטרישער קראַפט אָנשטאָט מיט'ן אַפּרייטאָרס פוס. מיט דער קראַפט פון עלעקטרי איז מעגליך געוואָרען, אַז דער אַפּריי־טאָר זאָל קענען מאַכען פיר טויזענט שטעפּ (סטיטשעס) אַ שטונדע.

צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער נייה־מאַשין זיינען אריינגע־בראַכט געוואָרען אַנדערע ערפינדונגען. אין די 70ער יאָהרען איז ערפונדען געוואָרען די עלעקטרישע קאַטינג מאַשין צוצושניידען די וואַאַרע פאַר קליי־דער — צוערשט מיט גלייכע מעסערס און דערנאָך מיט קיילעכדיגע מעסערס. עלעקטרישע קראַפט־מאַשינען צו פּרעסען די קליידער האָבען פאַרנומען דעם אָרט פון די אַמאָליגע פרעס־אייזענס. עס זיינען שוין פאַראַן מאַשינען צו מאַכען באַטאָנהאָלס, וואָס גיבען ארויס בעסערע ארבייט ווי די באַטאָנהאָלס וואָס ווערען געמאַכט מיט די הענט.

די אַלע טעכנישע אויסבעסערונגען האָבען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אינדוסטריע.

אין די 90ער יאָהרען האָבען אייניגע ענגלישע שניידער־פאַבריקען אין באָסטאָן איינגעפיהרט די סעקשאָן־סיסטעם, וועלכע איז געווען באַזירט אויף דעם „אָפּענעם" מעטאָד. דאָס מיינט, אַז דער אויבערשטער טייל פון ראָק און דער אונטערשלאַג (ליינינג) זיינען גענייהט געוואָרען צוזאַמען, וואָס פלעגט געטאָן ווערען גאַנץ פּשוט: פאַר יעדען באַזונדערען טייל פון ראָק האָט מען צוגעשניטען אַן עהנליכען טייל אונטערשלאַג. דער קאָלער איז געמאַכט געוואָרען באַזונדער פון דעם איבעריגען בגד, און איז צוגענייהט געוואָרען מיט'ן האַנט נאָכדעם ווי דער ראָק איז שוין געווען פאַרטיג. דאָס האָט געעפענט אַ מעגליכקייט פאַר דער גרויסער צוטיילונג פון ארבייט, און אַזוי ווי יעדער ארבייטער איז געווען פאַראַנטוואָרטליך בלויז פאַר אַ קליינעם טייל (אָפּעריישאָן), האָט זיך גענויטיגט גאַנץ ווינציג קוואַליפיצירטקייט פאַר יעדער ארבייט. אַ גרופּע אָדער סעקשאָן ארבייטער האָבען זיך ספּע־

ציאַליזירט אין אַ געװיסער אָפּעריישאָן, און דעם ראָק װאָס זײ האָבען גע־האַלטען אין מאַכען האָבען זײ איבערגעגעבען צו אַ צװײטער סעקשאָן, װעלכע האָט אָנגעפאַנגען די אַרבײט דאָרט װאו די ערשטע סעקשאָן האָט געענדיגט. דער „אָפּענער" מעטאָד האָט פאַקטיש פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער „ציל־סיסטעם". דורך דעם אָפּענעם מעטאָד איז די אַרבײט אײנגעטײלט געװאָרען אין פּיצלאַך און ברעקלאַך, אַנשטאָט װאָס אונטער דער אַלטער „ציל סיס־טעם" פּלעגט זײן אין אַ סעט 4 אַרבײטער: אַן אָפּערײטאָר, אַ בײסטער, אַ פינישער און אַ פּרעסער מיט אַרויסהעלפערס, איז דאָס אונטער דער נײער „װיסענשאַפטליכער סיסטעם" פאַרטײלט געװאָרען אין 20 ביז איבער 40 טײלען. מיט אַנדערע װערטער, יעדער ראָק געהט דורך דורך פערציג הענט ביז ער װערט פאַרטיג, און קײנער פון זײ איז ניט קײן בעל־מלאָכה, װײל ער אָדער זי קען נאָר מאַכען אַ פערציגסטעל טײל פון דעם ראָק.

אַזאַ „סעקשאָן"־אַרבײטער איז גראָדע װי אַ שרײפעל פון אַ מאַשין.

דעם 22טען יולי 1901 זײנען אַ 25,000 טױזענד שנײדער־אַרבײטער פון ניו יאָרק, ברוקלין, בראָנזװיל און נוארק אַרויס אין אַ גענעראַל סטרײק. די פאָדערונגען זײנען געװען: װאָך־אַרבײט, 59 שטונדען אַ װאָך, און אַז דער פאַבריקאַנט זאָל זײן פאַראַנטװאָרטליך פאַר דעם אָפּמאַך װאָס זײנע קאָנטראַקטאָרס שליסען מיט דער יוניאָן. דאָס האָט געהײסען, אַז די שנײדער־יוניאָן צילט אָפּצושאַפען די קאָנטראַקטינג־סיסטעם.

צו דיזען גענעראַל סטרײק האָבען זיך די שנײדער־אַרבײטער געגרײט אַ פּאָר מאָנאַטען צײט, און פילע מאַסען־פאַרזאַמלונגען זײנען דאַן אָפּגע־האַלטען געװאָרען. אַ זעהר אינטערעסאַנטע רעזאָלוציע האָבען די דעלע־גאַטען פון אַלע שנײדער־יוניאָנס דאַן געפּאַסט בײ אַ קאָנפערענץ, דעם 15טען מאַי, 1901, אַלס אַ װאָרנונג צו די קלײדער־פאַבריקאַנטען. דעם 16טען מאַי איז דיזע רעזאָלוציע געװען געדרוקט אין „פאָרװערטס". זי האָט זיך געלעזען װי פאָלגט:

„אין אַנבאַטראַכט, אַז אין דעם שנײדער־טרײד איז אונמעגליך דעם קערפּער און דעם גײסט צוזאַמענצוהאַלטען; אין אַנבאַטראַכט דאָס די פאַרגאַנגענע סטרײקס פון שנײדער־פאַך האָבען זעהר װעניג נוצען געבראַכט דעם אַרבײטער, דערפאַר װײל די קאָנקורענץ פון אײן קאָנטראַקטאָר געגען אַנדערען האָט אַזוי װײט געבראַכט, אַז עס איז איהם אונמעגליך דעם קאָנטראַקט צו ערפילען; אין אַנבאַטראַכט, אַז די שנײדער אַרבײטען אין שמוציגע און פאַרפעסטעטע שעפּער, אין װעלכע די פענ־סטער, די פּאָדלאָגעס און די טאָילעטס זײנען קײנמאָל ניט געװאַשען געװאָרען, אין שעפּער װאָס װערען בײ דער נאַכט פאַרװאַנדעלט אין לאָדזשינג־הײזער, פון די קלײדער װערען געמאַכט קאָלדרעס פּערינעס און דאָס איז אַ געפאַהר פאַר די אַר־בײטער װאָס מאַכען די קלײדער און פאַר די יעניגע װאָס טראָגען זײ; אין אַנבאַ־

טראכט, אַז דער שנײדער ארבײט 14—16 שטונדען אַ מעת־לעת, וואָס דאָס רואינירט דעם אַרבײטער קערפּערליך און גײסטיג, אַזוי אַז 25 פּראָצענט שטארבען פון שווינדזוכט און אַלע „האָומס" און האָספּיטעלער זײנען איבערפילט מיט שנײדער־ארבײטער; אין אנבאטראכט, דאָס דער אַרבײטער פאַרלירט מײסטענטײל זײנע פאַרהאָרעוועטע פּאָר דאָלאַר, ווײל די קאָנטראקטאָרס אנטלויפען מיט די אַרבײטער־שכירות, און דאָס בײ די באַלעבאַטימלאַך, וועלכע באַצאָהלען שוין יאַ די פּאָר סענט ברויך דער אַרבײטער ווארטען 3—2 וואָכען צײט ביז ער קריגט זײ, און דערווײל מוז דער ארבײטער הונגערען; און ענדליך, אין אנבאטראכט, דאָס יעצט זײנען די אומשטענדען אַזעלכע, אַז מיר קענען ניט מעהר עקזיסטירען, ווײל דער קאָנטראקטאָר איז אין ריכטיגען זינען נאָר אַ ווערקצײג בײ דעם פאַבריקאַנט, אום דעם אַרבײטער נאָך פיל מעהר צו עקספּלואַטירען, — זײנען מיר דעריבער געקומען צום שלום, אַז בײ דער יעצטיגער צײט אָנצופאַנגען אַ קאמף געגען סוועטער איז נאָר זיך לעכערליך געמאַכט.

דארום באשליסען מיר, די דעלעגאַטען פון די „פערא‏ײניגטע שנײדער ארבײטער" פון אַלע לאָקאלע יוניאָנס אונטער „די גאַרמענט וואָירקערס" פון ניו יאָרק, ברוקלין, בראָנזוויל און נואַרק, אַז, ווען די גינסטיגע צײט וועט קומען, אַנטזאגען מיר זיך צו ארבײטען פאַר די קאָנטראַקטאָרס, און מיר לאָזען וויסען די פאַבריקאַנטען פון שנײדער־פאַך, אַז זײ זאָלען אײנאָרדנען שעפּער אונטער זײער קאָנטראָל און זײער פאראַנטוואָרטליכקײט".

דיזער גענעראַל סטרײק פון די שנײדער־ארבײטער אין יאָהר 1901 האָט געדויערט עטליכע וואָכען און האָט זיך געענדיגט בלויז מיט אַ טײל־ווײזען זיג פאַר די ארבײטער. ווי געוועהנליך, זײנען די שנײדער־אַרבײטער מיט אַ יאָהר שפּעטער, אין יולי 1902, ווידער געווען געצוואונגען ארויסצוגעהן אין אַ גענעראַל סטרײק, ווײל די באַלעבאַטים האָבען צוריק־גענומען די געווינסען, וואָס זײ האָבען געהאַט נאָכגעגעבען אין סטרײק.

די פאָדערונגען פון די ארבײטער זײנען דעם מאָל געווען כמעט די זעלבע ווי אין 1901. אין דיזען סטרײק האָבען די שנײדער־ארבײטער צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון שנײדער יוניאָנס געהאַט אַ געלעגענהײט צו האַנדלען דירעקט מיט די קלײדער־פאבריקאנטען, בײ וועלכע די יוניאָן האָט געפאָדערט, אַז זײ זאָלען געבען אַ גאַראַנטיע, אַז אַלע פאָדערונגען, אויף וועלכע די יוניאָן וועט סעטלען מיט די קאָנטראַקטאָרס, זאָלען דורכ־געפיהרט ווערען.

די פאַבריקאַנטען האָבען בלויז פאַרשפּראָכען, אַז די אַרבײטער וועלען קריגען זײערע שכירות. קײן גאַראַנטיע אָבער האָבען די פאַבריקאַנטען דער יוניאָן ניט געגעבען. עס האָט געהײסען בלויז אַ פאַרשפּרעכען פון דער זײט פון די פאַבריקאַנטען.

יענער סטרייק איז באטראכט געוואָרען פאר א דורכפאל און האָט נאָך מעהר פארשטארקט די געדריקטע שטימונג פון די שניידער־ארבייטער.

די פיהרער פון די שניידער־יוניאָנס זיינען דעמאָלט פארצווייפעלט געוואָרען פון זייערע יעהרליכע „פעריאָדישע" גענעראל־סטרייקס, וועלכע האָבען זיי ווייניג נוצען געבראכט. די „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס" האָט דאן אויפגעגעבען פאר א צייט די זאָגענאַנטע „גענעראל סטרייקס", און זי האָט זיך גענומען אגיטירען פאר איהר יוניאן־לייבעל.

די לאגע איז דאן געווען א טרויעריגע, ניט נאָר ביי די שניידער־ארביי־טער נאָר אויך אין אַלע פאכען, ביי וועלכע אידישע ארבייטער זיינען געווען באשעפטיגט.

פאר דעם הויפט־שולדיגען אין דער שלעכטער לאגע פון דעם שניידער־ארבייטער און פון אַלע אנדערע אידישע ארבייטער איז באטראכט געוואָרען דער קאָנטראקטאָר. ווען ער האָט שוין זאָגאר געהאַלטען א באזונדערען שאפ, ניט צוזאמען מיט דער וואוינונג פאר זיין פאמיליע, איז ער אַלץ געווען אַן אומגליק פאר די ארבייטער. די קאָנטראקטאָרס, זוכענדיג צו קריגען ארבייט, פלעגען קאָנקורירען איינער מיט׳ן צווייטען אַלץ אויפ׳ן רעכענונג פון די ארבייטער, און אין דעם איז געווען די צרה. אין אָנפאנג פון יאָהר 1900 האָט די שניידער־יוניאָן אָנגעפאנגען א באוועגונג ארויסצושטופען די קאָנטראקטאָרס פון טרייד.

לויט דעם באריכט פון די פעקטאָרי־אינספעקטאָרס פון ניו יאָרק סטייט אין יאָהר 1900, איז די לאגע פון די ארבייטער אין די סוועט־שעפער גע־וואָרען פיל בעסער. אין יענעם יאָהר אַליין האָבען די פאבריק־אינספעק־טאָרען פארבראַקירט 6,082 פלעצער, וואו קאָנטראקטאָרס און פאבריקאנטען האָבען געוואָלט עפענען פאבריקען.

אין די 80־ער יאָהרען זיינען אין ניו יארק סטייט נאָך ניט געווען קיין געזעצען, אז מען דארף האָבען אַן ערלויבניש אויפצומאַכען א פאבריק. דער לייבאָר דעפארטמענט און אַלע אנדערע ארבייטער־געזעצען זיינען אין ניו יאָרק סטייט געשאַפען געוואָרען נאָר צוליב די פאָדערונגען פון אַלע גרויסע ארבייטער־יוניאָנס פון סטייט, אָבער פיל געהאָלפען אין דעם האָט די אגי־טאציע וואָס די אידישע יוניאָנס האָבען אָנגעפיהרט יאָהרען־לאנג מיט דער הילף פון די סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען אויפגעוויזן פאר׳ן גרויסען עולם די שווידערליכקייט פון דער סוועטינג־סיסטעם.

איך געדענק, ווי ביי איין פאָליטישען קאמפיין האָב איך, זייענדיג דער סעקרעטער פון די געווערקשאפטען, באשטעלט א לאנגען שילד אויף לייוועגט אין א הילצערנעם ראַם, וועלכען 8 ארבייטער האָבען געטראָגען אין פראָנט

פון אַ דעמאָנסטראציע וואָס מיר האָבען דעמאָלסט אָפּגעהאַלטען. מיר האָ־בען געלאָזט אויפ׳ן שילד אויפשרייבען: „די שרעק פון סוועטינג־סיסטעם" און דערביי אויסגעמאָלען בילדער ווי די אַרבייטער, מענער, פרויען און קינדער, וואָס שקלאַפען אין די סוועטינג־שעפּער און וואוינען אין די שמוציגע טענעמענט־הייזער, קוקען אויס — דאַרע, אויסגעצערטע, אָנגעטאָן אין צוריסענע קליידער. בלויז אין עטליכע קווארטאַלען האָט מען אונז געלאָזען טראָגען דיזע שילד. דער פּאָליס־אינספּעקטאָר האָט אונז געהייסען ארונ־טערנעמען דעם אויפשריפט, ווייל דאָס קען נאָך אויפהעצען די בירגער, — האָט ער אונז ערקלערט, — און עס איז „אָנדיסענט" (ניט אַנשטענדיג). מיר האָבען דעם שילד געמוזט צונעמען, אָבער עס זיינען נאָך געבליבען אין יענעם פּאַראַד גענוג קליינע שילדען מיט עהנליכע אויפשריפטען, וועלכע די ארבייטער האָבען געטראָגען אין יענער און אין אַנדערע ארבייטער־דעמאָנ־סטראַציעס.

די אידישע ארבייטער־אָרגאַניזאציעס האָבען אין פּארלויף פון יאָהרען און יאָהרען אָנגעפיהרט אַ קאַמף געגען די סוועטינג־שעפּער.

אַלע שניידער־יוניאָנס פון ניו יאָרק און אומגעגענד האָבען אין מאַי 1901 אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ וועגען אָפּשאַפען די סוועטינג־סיסטעם. אין נאָוועמבער 1901 האָבען די שניידער אין סט. לואיס, באַלטימאָר און אַנדערע שטעדט געסטרייקט געגען דער סוועטינג־סיסטעם.

אין יאַנואר 1902 האָבען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען צוזאַמענגערופען אין ניו יארק אַ קאָנפערענץ ארומצורייידען די פראַגע וועגען דעם ווי אַזוי צו פיהרען דעם קאַמף געגען דער סוועטינג־סיסטעם.

---

## דער קאַמף פון די שניידער־יוניאָנס געגען דער „אָפּען שאָפּ"־מגפה.

די מגפה פון „אָפּען שאָפּ" איז געווען צו פאַרדאַנקען דעם דאַמאָלס־דיגען פּרעזידענט רוזוועלט, וועלכער האָט אין יאָהר 1903 פּאַרעפענטליכט אין די צייטונגען זיין „טעאָריע" וועגען „אָפּען שאָפּ". עס האָט געהייסען, אַז די יוניאָנס טאָרען ניט צווינגען די באַלעבאַטים צו באַשעפטיגען בלויז מיטגלידער פון יוניאָנס. די „טעאָריע" זיינע איז געווען, אַז אַ פאַבריק דאַרף זיין אָפּען פאַר אַלעמען — אי פאַר יוניאָן־לייט אי פאַר ניט יוניאָן־לייט.

די פאַבריקאַנטען איבער׳ן לאַנד האָבען גלייך אויפגעכאַפּט די נייע „טעאָריע" פון פּרעזידענט רוזוועלט. ספּעציעל האָבען זיך אָן דעם אָנגע־

כאפט די אידישע קאפיטאליסטען, וועלכע האבען אין זייערע פאבריקען אויפגעהאנגען שילדען, אז ביי זיי איז „אפען שאפ", ווי די ניו יארקער קאפען מאנופעקטשורערס האבען עס געטאן.

אין יאהר 1903 האבען די רייכסטע קליידער־פאבריקאנטען פון לאנד, ווערענדיג באגייסטערט פון פרעזידענט רוזוועלט'ס „אפען שאפ" אידעאל, איינגעפיהרט אין זייערע אלע אינסייד־שעפער דעם „אפען שאפ".

דאס איז נאטירליך געווען א גרויסער קלאפ פאר אלע שניידער־יוניאנס איבער'ן לאנד, וועלכע זיינען דאן ניט געווען שטארק גענוינט אין צייט פון קריזיס אנצופיהרען א קאמף געגען די רייכע קליידער־מאגנאטען. די שניידער־יוניאנס זיינען דורך דעם נאך מעהר אפגעשוואכט געווארען.

אין יאהר 1904, ווען דער קריזיס איז געווען פאראיבער, האבען די שניידער־יוניאנס און אויך יוניאנס פון אנדערע פאכען אנגעפאנגען דעם קאמף פאר א „קלאוזד שאפ". עס הייסט, פאר א שאפ, וואס זאל זיין פאר־מאכט פאר ניט־יוניאן לייט. אין יוני 1904 האט די שניידער־יוניאן „די בראדערהוד אוו טיילארס" אין ניו יארק ערקלערט א גענעראל סטרייק אין וועלכען פילע טויזענדער ארבייטער האבען זיך באטייליגט. יענער סטרייק האט זיך געענדיגט בלויז מיט א טיילווייזען זיג.

---

## די קאסטאם־שניידער יוניאן.

קאסטאם־שניידעריי איז א קונסט־ארבייט. עס נעמט אכט־צעהן יאהר אויסצולערנען זיך די מלאכה. עס זיינען דא א סך קאסטאם־שניי־דער, וואס ארבייטען אפ יאהרען־לאנג און בלייבען דאך קאליקעס. א גוטער שניידער מוז האבען טאלאנט.

ווי איך האב שוין געשריבען אין אנפאנג פון דיזען קאפיטעל, האט שוין אין יאהר 1850 עקזיסטירט די „דזשורנימען טיילארס יוניאן אוו אמעריקא". דיזע יוניאן עקזיסטירט נאך עד היום.

אין יאהר 1892 האט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פון ניו יארק ארגאניזירט א לאקאל פון אידישע קאסטאמער שניידערס אונ־טער דערזעלבער „דזשורנימען טיילארס". זייער אינטערנעשאנאל אפיס איז דעמאלט געווען אין ניו יארק. דיזע אידישע קאסטאם־שניידער הא־בען דעמאלט געארבייט אויף דער איסט־סייד אין גרויסע שניידער־סטארס, וועלכע פלעגען אננעמען באשטעלונגען אויף מענער־קליידער. יענע יוניאן האט עקזיסטירט א רייהע יאהרען. אין יענער צייט אבער

האָט אין קאָסטאָם שניידער־פאַך גענומען פּאַרקומען אַ גרויסע ענדערונג. די ביליגערע קאָסטאָם־שניידעריי האָט זיך אויסגעמישט מיט די שאָפּ שניידעריי.

שוין אין יענע גוטע צייטען פלעגט אַ געלערענטער שניידער פאַרדינען ניט מעהר ווי 18 דאָלאַר אַ וואָך. ארבייט אין די צוויי סיזאָנס פון יאָהר פלעגט בלויז זיין אַ זעקס־זיבען מאָנאַטען.

אין יאָהר 1910 האָבען אויך די גרויסע מאַסען קאָסטאָם־שניידער ערוואַכט און ביי זיבען־אַכט טויזענד פון זיי זיינען אין ניו יאָרק, ברוקלין און בראָנזוויל ארונטער אין אַ דזשענעראַל סטרייק. זיי האָבען געפאָדערט 53 שטונדען אַ וואָך אַרבייט און אַ העכערונג פון ווייזשעס פון 25 ביז 30 פּראָצענט.

דיזע קאָסטאָם שניידער ארבייטער, וועלכע די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען אָרגאַניזירט צום צווייטען מאָל אין יאָהר 1910, האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס“. זייער לאָקאַל נומער איז געוועזען 162.

ווי שוין געזאָגט, האָבען די ערשט־קלאַסיגע קאָסטאָם שניידערס פון די פינפטע עוועניו סטאָרס באַלאַנגט צו דער „דזשורנימען טיילאָרס אינטערנעשאָנאַל יוניאָן.“ די צווייט־און דריט־קלאַסיגע קאָסטאָמער שניידערס, וועלכע האָבען געאַרבייט ביי ביליגערע לייגס פון מענערסוטס, וואָס ווערען באַשטעלט אין גרויסע מוירטשענט טיילאָר סטאָרס. אויף דער בויערי, בראָדוויי, דריטע, פערטע און זעקסטע עוועניוס, האָבען שפּעטער זיך אָנגעשלאָסען אָן די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס“.

מיט איינִיגע יאָהר פאַר דער וועלט־מלחמה, זיינען עטאַבלירט געוואָרען אין שיקאַגאָ, אין ניו יאָרק, און אין אַנדערע גרויסע שטעדט, שניידער פאַבריקען פון „מייל“ אָרדערס.

דיזע „מייל“ אָרדער שניידער־פאַבריקען האָבען אַגענטען אין יעדער גרויסער און קלענסטער שטעדטעל, וואָס נעמען אָן באַשטעלונגען אויף מענער קאָסטיומען. דיזע אַגענטען האָבען ביי זיך סעמפּעלס פון וואָרע. זיי אַליין נעמען בלויז די מאָס פון קאָסטאָמער. זיי שיקען עס צו אין פאַבריק און אין דער באַשטימטער צייט קומט אָן פון פאַבריק אַ פאַרטיגער אָרדער־סוט. דיזע אָרדער סוטס רופט מען דאָס „מייל“ אָרדערס. אין שיקאַגאָ זיינען פאַראַן מאַסען שניידער־פאַבריקען, וועלכע ארבייטען נאָר „מייל אָרדערס“. אין ניו יארק זיינען אויך דאָ פילע אַזעלכע מייל־אָרדער־שניידער געשעפטען, וועלכע האָבען איבעראַל אַגענטען. דיזע אַגענטען זיינען ניט ספּעציעל אָנגעשטעלט פון דיזע שניי־

דער פירמעס, נאָר יעדער איינער ווער עס קען קריגן קאָסטאָמער פּאר סוטס, מעג זיין אפילו א קאָסטאָמער אליין, באַקומט ער קאָמישאָן. אין די קליינע שטעדטלאך זיינען אלע גראָסערי לייט, שוה סטאָר־קיפּערס אָדער גאָר לאַטוטניקעס אַגענטען פון דיזע מייל־אָרדער שניידער געשעפ־טען. דיזע אַגענטען לערנען זיך אויס נעמען די מאָס פון קאָסטאָמער און שיקען צו אין פאַבריק דעם אָרדער.

די אלע מייל־אָרדערס וועלכע קומען אָן אין די פאַבריקען ווערען אי־בערגעגעבען צום העד־קאַטער. ער שניידט אויס נאָך דער מאָס נאָך א פּעטרען און דאַן שניידט דער קאַטער צו דעם סוט, וועלכער ווערט געניייהט פון סעטס. די ארבייט פון מאַכען דיזע סוטס ווערט פאַרטיילט אין סעקשאָנס, אין צעהן חלקים, אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי עס ווערען געמאַכט די „רעדי מייד" קליידער. ביי דיזער ליין קאָסטאָמער אָדער „מייד טו אָרדער" סוטס זיינען די ווייזדזשעס אונגעפעהר דיזעלבע ווי ביי די ערשט־און צווייט־קלאַסיגע קאָסטאָמער סוטס. דער אונ־טערשיד איז בלויז דער, וואָס מען מוז מאַכען א סך רעק און דער פער־זענליכער קינסטלער איז שוין ביי דיזע רעק ניטאָ. עס קענען דער־ביי ארבייטען גוטע און ניט קיין גוטע שניידער, אבי שנעל און גלאַט און דאָס קומט שוין ממילא ארויס, ווייל ווען ארבייט ווערט פאַרטיילט אין קליינע טיילען, ווערט יעדער ארבייטער איינגעטרייעט צו מאַכען זיין טייל שנעל און גלאַט. ביי סעקשאָן ארבייט צאָהלט מען דעם אר־בייטער פון וואָך.

די סעקשאָן ארבייט און די מייל אָרדער סוטס זיינען ערשט אריין אין דער מאָדע מיט אכט־צעהן יאָהר פאַר דער וועלט־מלחמה.

דיזע צוויי נייע איינפיהרונגען האָבען געבראַכט דערצו, אז די קאָס־טאָם־שניידעריי איז אויסגעמישט געוואָרען מיט די טאַנדעטנע שאַפּ־אר־בייט. עס איז שוין כמעט ניטאָ קיין גרויסער אונטערשיד פון א ראָק וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין א געוועהנליכען שאַפּ אָדער ביי א קאָסטאָם־שניידער.

קאָסטאָם מענער־שניידער געפינען זיך אין ניו יארק ביי צעהן טוי־זענד. די גרעסטע טייל פון זיי זיינען אידען און איטאַליענער. עס זיי־נען אויך דאָ ארבייטער פון אנדערע נאַציאָנען. די שוועדען רעכענען זיך דאָ פאַר די בעסטע שניידערס. געוועהנליך זיינען צווישען אונזערע אחינו בני ישראל אויך פאַראַן א סך קינסטלער שניידערס. די פינישע־רינס זיינען אלע אידישע און איטאַליענישע פרויען.

די קאָסטאָם שניידער יוניאָן פון די ביליגערע ליינס ארבייט ווי אויך

די „מייל” אָרדער שניידער האָבען געסטרייקט אין 1913 צוזאמען מיט די שאפ־שניידער און זיי האָבען געוואונען דאָס זעלבע, וואָס עס האָבען דאן געוואונען די שאפ שניידער ביי רעק, הויזען, וועסטען, קינדער רעקעלאך און הייזקעס.

---

## די געשיכטע פון דער ני־פּענטס מאַכער יוניאָן.

דער ני־פּענטס מאַכער פאַך איז איינער פון די עלטסטע טריידס, ביי וועלכע די אידישע אימיגראנטען פון די 80־ער יאָהרען האָבען געאַרבייט אין ניו יארק.

די ערשטע יוניאן פון ני־פּענטס ארבייטער איז געגרינדעט געוואָרען אין יאהר 1888.

מ א ק ס פ י י ן, וועלכער איז שפּעטער אין פאַרשידענע פּעריאדען געווען דער סעקרעטער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פון ניו יארק, איז געווען ביים טרייד א ני־פּענטס אפּערייטאָר. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען אָרגאניזירט די ני־פּענטס מאכער יוניאן. אָט וואָס ער דערצעהלט וועגען דעם צושטאַנד, וואָס האָט געהערשט אין דעם טרייד, בעת ער אַליין האָט געאַרבייט אין שאפ אַלס ני־פּענטס אפּערייטאָר:

„מען האָט מיך צום ערשטען מאָל אריינגעפיהרט אין סוועט־שאפ. דאָרטען האָט מען מיך געזאָלט „מאכען פאר א מענשען”, אויסלערנען נייהען קינדער־הייזקעס, פון וואָס איך זאָל שפּעטער מאכען א לעבען אין אמעריקא.

„דער טאָג איז געווען א כמארנער. אין שאפ האָט מען געאַרבייט פאר הענג־לאָמפּען. אריינגעהענדיג אין שאפ האָב איך זיך אָנגעשטרענגט גוט צו באַטראַכטען איהם.

„די דריי קלענערע צימערלאך, פון וועלכע די „פאַבריקע” איז באַשטאַנען, האָבען געדינט אי פאר א שאפ, אי פאר א וואוינונג. ביים אריינגאַנג איז געווען א מין קיך. אויף א גרויסען טשוגון־אויווען זיינען געווען אויסגעשטעלט און האָבען געגליהט א דוצען שווערע פרעס־אייזענס. א הויכער, דארער איד מיט א שווארצער בערדעל האָט געפּרעסט הייזקעס, צאַפּלענדיג זיך און אונטערשפּרינגענדיג ווי א צאפּ.

„אין דעם צווייטען צימער, דעם גרעסטען, זיינען געשטאַנען ארום נייען־צעהן מאַשינען. זיי זיינען געווען אזוי צוגערוקט איינע צו דער אַנ־

דערער, אַז עס האָט אויסגעזעהן ווי די אָפּערייטאָרס וואָלטען געווען אַרײַנגעקוועטשט אין זײַערע ערטער.

„דער קאָנטראַקטאָר איז צוגעקומען צו מיר, האָט מיך שווייגענ־דיקערהייט באַטראַכט. אַ צופרידענער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זײַנע גראָבע ליפּען פון אונטער די געדיכטע, געלע וואָנצעס.

„— אַ געזונטער חברה־מאַן! — האָט ער געזאָגט. — רויטע בעקעלאַך, אַ גוטער קייער. וועסט זײַן אַלרייט אין אַמעריקאַ!

„שטעהענדיג האָבען מיר אָפּגעמאַכט דעם „באַרגיין". איך דאַרף איהם געבען פינף און צוואַנציג דאָלאַר און דריי וואָכען דאַרף איך אַר־בייטען אומזיסט. ווען איך וועל אַרויס פון דער לעהרע, געה איך אַרײַן אין מײַן אייגענעם רשות.

„ווען איך האָב געדאַרפט אַרויסנעמען די געלט צו געבען דעם קאָנ־טראַקטאָר, איז מײַן האַנט אין קעשענע ווי פּאַראַליזירט געוואָרען. מײַן בליק איז פּונקט דאַן געפאַלען אויף אַ קליינינקען, דאַרינקען אָפּעריי־טאָר, וועלכער האָט זיך געצאַפּעלט איבער זײַן מאַשין, עפּעס ווי אַ לע־בעדיגע באַשעפעניש אין טויטליכע יסורים. איין מינוט, און איך האָב שיער ניט חרטה געהאַט אויפ'ן גאַנצען עסק, און געוואָלט אַנטלויפען פון דעם גיהנום...

„אָבער איך האָב ניט לאַנג געטראַכט. אין איין סעקונדע האָב איך זעהר אַ סך איבערגעקלערט: וואָס קען איך טאָן? איך בין עלענד, פרעמד, האָב קיינעם ניט; אין אַ קורצער צייט אַרום וועל איך אויפ־עסען מײַנע פּאָר דאָלאַר, די שיך און קליידער וועלען צוריסען ווערען — וואָס וועט דאַן זײַן?

„האָב איך אײַנגעשטימט און בין געבליבען אַרבייטען אין שאָפּ.

„יעדען פרימאָרגען, ווען עס איז נאָך געווען פינסטער, פלעג איך קומען אין שאָפּ אַרײַן, און פלעג זיך צוריקקעהרען פון דאָרט שפּעט אין אָוועגט, אַ צובראָכענער, מיט אַ שווער האַרץ און אָנגעווייטאָגטע גלידער. מײַנע דריי לאַנגע וואָכען וואָס איך האָב געדאַרפט דינען דעם באָס אומזיסט זײַנען אַריבער.

„זעכציג הייזקעס אַ טאָג פאַר איין דאָלאַר — דאָס איז געווען דער פּרייז. דער טאָג איז אָבער געווען אַ לאַנגער, מאַנכעס מאָל האָט דער טאָג געדויערט צוויי טעג...

„איך בין אָבער דערפון ניט געווען אונרוהיג. איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל זיך „אײַנטרייען". איך האָב גערעכענט, אַז איך בין ניט

אזוי ריהרעוודיג דערפאר, וואס מיינע גלידער זיינען נאָך אזוי שטארק. שפּעטער וועט אַנדערש ווערען.

„איין טאָג האָב איך ביי זיך באַשלאָסען, אז איך מוז מאכען אַקור־ראַט אזוי פיל ארבייט, וויפיל אַלע. איך האָב זיך יענעם טאָג אַזוי פיל געצאַפּעלט און געווארפען, אז איך האָב ניט געפיהלט דעם וועהטאָג אין מיינע גלידער. איך האָב ווירקליך געמאכט מעהר ארבייט ווי געוועהנ־ליך. דעם קומענדען טאָג בין איך דערפאַר אָבער שטארק אָפּגעשטאַ־נען. אונטער'ן הארצען האָב איך געפיהלט אַ שניידענדען וועהטאָג. איך האָב שטארק געהוסט און מיין שכן, דער אָפּרייטאָר, וואס איז געזעסען צו מיין רעכטער האַנט, האָט באַמערקט בלוט אויף מיינע ליפּען.

„ער האָט מיר אויף דעם אויפמערקזאם געמאכט און איך האָב זיך שטארק דערשראָקען.

„ער האָט מיך געטרייסט, אז איך בין ניט דער איינציגער וואָס ליידעט, אז דאָס וואָס איך האָב אַ הוסט געטאָן מיט בלוט איז וואהר־שיינליך ניט געפעהרליך. דער שטויב פון דעם פּאַרראָסטען מאַטעריאַל, דאָס ווייניג עסען און די לאַנגע שטונדען האָבען דאָס אויף מיר געווירקט, ווייל איך בין ניט געוואוינט צו אזאַ ארבייט. „אָבער אין אַמעריקא טרייעט מען זיך איין", האָט ער צוגעלייגט פילאָזאָפיש.

„דעם אָוונט זיינען מיר אוועק אהיים פריהער ווי אַלע מאָל. אויפ'ן וועג האָט ער מיט מיר גענומען ריידען וועגען דער יוניאָן, דאָס הייסט, אז ביי אַ פּאַסענדער געלעגענהייט זאָלען מיר ווערען מיטגלידער. איך האָב איהם גענומען פּאַנאַנדערפרעגען און ער האָט מיר דערצעהלט די קורצע געשיכטע פון דער ני־פּענטס מאַכערס יוניאָן.

„איך האָב איהם געזאָגט, אז אזאַ וויכטיגע זאַך טאָר מען ניט אָפּ־לייגען. איך האָב איהם צוגערעדט, אז מיר זאָלען נאָך יענעם אָוונט אריין אין דער יוניאָן.

„מיר זיינען אריין אין אַ יארד (הויף) דורך אַ שמאָלען דורכגאַנג אין ברום סטריט. דאָרטען, אין אַן איינגעהויקערטער הילצערנער היי־זעל איז געוועזן דער „אָפּיס" פון דער יוניאָן. יענעם אָוונט האָט גע־מיטעט די עקזעקוטיוו באָארד. מען האָט אונז אויפגענומען מיט אַ באַ־מערקבארער צופרידענהייט און מען האָט אונז געבעטען זיצען.

„ווען מיר זיינען ארויס פון אָפּיס, האָבען מיר זיך אָנגעשטויסען אָן דעם באָס אונזערען. ער האָט דאָס אונז נאָכגעשפּיאָנירט און האָט וואהרשיינליך דורכ'ן פענסטער געזעהן, ווי מיר האָבען ארויסגעקראָגען אונזערע יוניאָן־ביכלאָך. מיר האָבען מיט איהם ניט גערעדט און צווי־

שען זיך האָבען מיר אויך ניט גערעדט. ביידע זייַנען מיר געווען שטאַרק צוטראָגען. מיר האָבען זיך שווייַגענדיג געדריקט די הענט און פאַנאַנדערגעגאַנגען.

„איך האָב פאַרבראַכט זעהר אַן אונרוהיגע נאַכט. דאָן איז געווען אַ גרויסע ריזיקע צו ווערען אַ יוניאָן־מאַן. איך בין נאָך קיין פאַלשטענדיגער בעל־מלאכה ניט געווען. ווער וועט דאָס מיך וועלען אַריינלאָזען אין אַ שאַפּ? דאַן בין איך דאָך ניט געווען אַליין; איך האָב דאָך נאָך געהאַט די „שפּיל־קעסטעל״ אויף מיינע פּלייצעס, דאָס הייסט, די נייה־מאַשין, ווייל דאַן האָט מען געמוזט אַרבייטען מיט אייגענע מאַשינען. באַשלאָסען האָב איך אָבער צו האַנדלען בראַוו, וואָס עס זאָל ניט געשעהן.

„אויף מאָרגען בין איך געקומען אין שאַפּ אַביסעל שפּעטער ווי געוועהנליך. איך האָב מורא געהאַט צו קומען פריה, כדי איך זאָל ניט באַגעגענען דעם באָס אַליין. די „פּעקטאָרי״ איז שוין געווען אין פולען גאַנג.

„ביי מיין מאַשין זייַנען קיין באַנדלאַך ניט געלעגען. אַ שלעכטער סימן. איך בין געבליבען וואַרטען אַ נידערגעשלאָגענער. באַלד איז צו מיר דער באָס צוגעגאַנגען. ער האָט מיך באַטראַכט מיט זיין פינסטערען בליק און מיט רציחה האָט ער גענומען אַפּרייסען מיין סטענד פון פלאָר. אין שאַפּ איז דאַן מיט אַמאָל געוואָרען טויט־שטיל.

„דער באָס האָט געוואָלט פון מיר מאַכען אַ ביישפּיל, כדי איבערצושרעקען די אַנדערע. ער האָט זאָגאַר אויפגעהויבען די האַנט מיך צו שלאָגען.

„איינינגע אַרבייטער האָבען איהם צוגעהאַלטען. און ער האָט געשריען מיט ווילדען צאָרן:

„— לאָזט מיך! איך וועל איהם דער׳הרג׳ענען, דעם גרינעם אַרבוז! בונטען וועט ער מיר דאָ מאַכען?! איך וועל איהם ווייזען וואָס אַמעריקא איז!

„פּלוצלונג האָט זיך פון דעם ווינקעל, וואו דער קלייִנינקער אָפּערייטאָר איז געזעסען, דערהערט אַ טומעל. אַלע האָבען זיך אומגעקוקט אַהין. דער קלייִנינקער אָפּערייטאָר איז נאָך געווען בלייכער ווי געוועהנליך. מיט אַ מוט, וואָס איז געווען שווער צו ערוואַרטען פון איהם, האָט ער גענומען פאַנאַנדערשליידערען זיין אַרבייט אין אַלע זייטען, און דערביי האָט ער ווילד געשריען:

„— וואָס, מען טרייבט אונז גאָר?! מען וואַרפט זיך מיט אונז?!

מען דאַרף אונז גאָרניט ? ! אויב אזוי, לאָמיר אַלע געהן ! — ער האָט גענומען אָפּרייסען זיין סטענד מיט אַלע כחות.

„אַלע איבעריגע אפּערייטאָרס זיינען ווי אָנגעצונדען געוואָרען און האָבען אויך גענומען טאָן דאָס זעלבע. די גאַנצע קליינע שאַפּקע האָט אויסגעזעהן ווי אַ שיף, פון וועלכער די פּאַסאַזשירען ווילען זיך רעטען. מיט אַזאַ איילעניש און צאַפּלעניש האָבען די ארבייטער גענומען זיך פּאַקען.

„עס האָט ניט געדויערט זעהר לאַנג און אַלע אונזערע מאַשינען זיי־נען שוין געשטאַנען אויפ'ן טראָטואַר.

„ווי מיר זיינען אַזוי געשטאַנען, האָט זיך באַוויזען די הויכע דאַרע פיגור פון דעם פּרעסער. ער איז דאָס געשיקט געוואָרען צו אונז אַלס „אַמבאַסאַדאָר" פון באָס.

„— דער באָס, — האָט ער ערקלערט — האָט שוין חרטה. ער וויל דעם גרינעם אפּערייטאָר (דאָס הייסט מיך) נעמען צוריק, און כדי צו מאַכען שלום וועט ער שטעלען אַ באַרעל ביר.

„— זאָג דעם באָס, — האָט זיך דער קליינער אפּערייטאָר אָפּגע־רופען, — אַז מיר דאַרפען ניט זיין ביר. מיר ווילען מעהר ווי ביר, און אויב ער וויל מיט אונזריידען, זאָל ער אַרונטערקומען צו אונז.

„דער קליינער אפּערייטאָר האָט אַרויסגענומען אַ שטיקעל פּאַפּיר און אַ בלייפעדער און האָט גענומען שרייבען. אַ טישעל פון אַ נייה־מאַשין האָט איהם געדינט פאַר אַ דעסק. ער איז שנעל פאַרטיג געוואָ־רען און האָט הויך אויסגערופען:

„— מיינע ברידער: מיר זיינען אין סטרייק און איך וועל אייך פאָרלעזען אונזערע פאָדערונגען. ערשטענס ווילען מיר האָבען אַ ניקעל מעהר אויפ'ן טוץ הייזקעס; דאַן ווילען מיר אַז דער באָס זאָל אַנער־קענען די יוניאַן; קיין באַנדלאַך פון די עקספּרעסען אויפ'ן פערטען פלאָר זאָלען מיר מעהר ניט טראָגען; „פּיידע" (שכירות) זאָלען מיר קרי־גען אַלע צוויי וואָכען, אַנשטאָט דעם וואָס מיר קריגען עס איצט ווען דער באָס וויל...

„צווישען די לעצטע פאָדערונגען איז געווען, אַז דער באָס מוז אַליין צוריק אַרויפטראָגען די מאַשינען אויפ'ן פערטען פלאָר און צושלאָגען די סטענדס, און אַז די מיסעס, דעם באַלעבאָס' פרוי, זאָל זיך מעהר ניט שילטען.

„מיר האָבען געוואונען דעם סטרייק און אַלע אונזערע פאָדערונגען זיינען נאָכגעגעבען געוואָרען. דעם קומענדען פרייטאָג זיינען אַלע אוועק

צום מיטינג פון דער יוניאָן און זיינען געוואָרען מיטגלידער. דער דע־לעגאַט פון דער יוניאַן, אַ קורצער געלער אידעל מיט לאַנגע וואָנצעס, — ביינינסאָן, האָט ער געהייסען, — האָט געלויבט אונזער בראַווקייט. מיך, אַלס דעם פאַראורזאַכער פון דער גרויסער געשעהעניש אין טרייד, האָט מען מכבד געווען מיט אַ וואָרט. דאָס איז געווען מיין ערשטע רעדע אין אַמעריקאַ. מיין האַרץ, געדענק איך, האָט שטאַרק געקלאַפּט. וואָס איך האָב גערעדט, געדענק איך ניט, ווייל איך בין געווען אַזוי דערשראָקען, אַז מיין צונג האָט מיר ניט געדינט.

„די אַרבייטער פון שאָפּ האָבען מיט מיר שטאַרק שטאָלצירט און מען האָט מיך געמאַכט פאַר'ן שאָפּ־דעלעגאַט".

---

אין יאָהר 1890 זיינען ניין הונדערט ני־פּענטס מאַכער ארויס אין אַן אַלגעמיינעם סטרייק מיט די פאָדערונגען, אַז די באָסעס און די קאָנ־טראַקטאָרס זאָלען געבען מאַשינען צו דער אַרבייט. ביז דאַן האָט יעדער ני־פּענטס מאַכער געדאַרפט מיטברענגען צו דער אַרבייט אַ חוץ זיינע איי־גענע . . . פיס און הענט, אויך זיין אייגענע „קאַטערינקע" (נייה־מאַשין), מיט נאָדלען, פאָדים, א. ז. וו. געאַרבייט האָט מען אין שוויץ־שעפּער ביי קליינע קאָנטראַקטאָרלאַך, וועלכע פלעגען ארויסנעמען די אַרבייט ביי גרויסע קליידער פאַבריקאַנטען. כמעט יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג איז דער דאָזיגער אַפּרייטאָר געווען געצוואונגען צו בייטען זיין באָס, און דאַן האָט דער אָפּערייטאָר געדאַרפט נעמען זיין „קאַטערינקע" און איהר טראָגען אויף די פּלייצעס פון איין באָס צום צווייטען. האָט זיך עס די אַרבייטער שרעקליך צוגעגעסען. און אום צו מאַכען אַ סוף צו דעם, זיי־נען זיי ארויס אין אַ גענעראַל סטרייק.

די הויפּט־קוואַרטיר פון סטרייק איז געווען אין קעלער פון 165 איסט בראָדוויי. מען האָט גלייך אַראַנזשירט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע אין מיטען טאָג, אין וועלכער עס האָבען זיך באַטייליגט אַלע 900 ני־פּענטס מאַכער, אויסער אַרבייטער פון אַנדערע פאַכען, וועלכע האָבען דאַן גע־סטרייקט, און מען האָט דורכגעמאַרשירט אַלע סטריטען פון דער אידישער געגענד.

די ני־פּענטס קאָנטראַקטאָרס, וועלכע זיינען אַליין אויך ניט געווען קיין גרויסע גבירים, האָבען נאָך דער ערשטער וואָך פון סטרייק געענ־מען סעטלען. ביי די סעטעלמענטס זיינען פאָרגעקומען טראַגי־קאָמישע

סצענעס. אין גאַנצען זיינען געווען אריבער הונדערט באָסעס, ביי וועל־כע די ארבייטער האָבען דאַן געסטרייקט. די באָסעס זיינען געקומען אויף אַמאָל. מען פלעגט זיי ארײנלאָזען צו דער סטרייק־קאָמיטע איינ־ציגוויין, און ווען עס פלעגט קומען אונטערצושרייבען דעם יוניאָן־אגרימענט, פלעגען זיי, זייענדיג עם־הארצים, נעבאך שטאַרק שוויצען, ביז זיי האָבען אונטערגעשריבען דעם פּאַפּיר.

די איבעריגע פאָדערונגען, וואָס די יוניאָן האָט דאַן געשטעלט די באָסעס אויסער דעם, וואָס דער באַלעבאָס זאָל געבען די ארבייטער נייה־מאַשינען, האָבען געצייגט, אין וואָס פאַר א טרויעריגער לאַגע די ארביי־טער פון יענעם טרייד און פון אַלע אַנדערע טריידס האָבען זיך דאַן גע־פונען. די באַלעבאָטים זיינען אָבער געווען געצוואונגען איינציגוויין נאָכ־צוגעבען די פאָדערונגען פון זייערע ארבייטער. בלויז א קליינע צאָהל פון די ני־פּענטס שעפּער זיינען פארבליבען אַלס סקעב־שעפּער. עס איז דערביי וויכטיג צו באַמערקען, אַז די רייכע מאַנופעקטשורערס פון קליי־דער האָבען די גאַנצע ארבייט פון די קינדער הייזקעס ארויסגעגעבען צו קאָנטראַקטאָרס אין סוועט־שעפּער. און אינסייד, אין די ווערהייזער, פלעגט די וואָרע בלויז געשניטען ווערען. די סוועט־שעפּער פלעגען אויך זיין די פּלעצער, וואו די באַלעבאַטימלאך מיט זייערע פאַמיליעס האָבען געוואוינט. איינעגע אָפּערייטאָרס פלעגען דאָרטען אויך זיין באָרדערס. און זיי האָבען געגעסען און געשלאָפען אין דיזעלבע שעפּער, וואו מען פלעגט גאַנצע טעג און נעכט מאַכען די הייזקעס. ווען דיזער סטרייק איז געווען צו ענדע איז די ני־פּענטס מאַכער יוניאָן געוואָרען שטאַרק. די אַרבייטער האָבען אויפגעלעבט. זיי האָבען ניט געדאַרפט אַלע מאָל שלעפּען אויף זייערע פּלייצעס די ניי־מאַשין.

דער ערשטער מענעדזשער פון דער ני־פּענטס מאַכער יוניאָן איז גע־ווען א. ר אָ ז ע נ ט אַ ל, אַליין אַן אָפּערייטאָר ביי הייזקעס, אַן אינ־טעליגענטער, איבערגעבענער און פעהיגער מענש. שפּעטער איז דער מע־נעדזשער פון דער יוניאָן, אדער ווי מען פלעגט עס דאַן אָנרופען, דער „וואָקינג דעלעגאַט", געווען מ. ב י י נ י ס אָ ן, א מעמבער פון דעם ברענטש 8, ס. ל. פּ.

א יאָהר 15 נאָכאַנאַנד איז ביי די ני־פּענטסמאַכער יוניאָן געווען אַלס מענעדזשער ד י י וו י ד וו י ז ע נ פ ע ל ד, אַן אָפּערייטאָר פון דעם פאַך. ער האָט די יוניאָן געפיהרט צו דער צופרידענהייט פון די מיטגלידער. אַלס איינער פון די גרינדער פון דער אידישער אַק־טאָרען יוניאָן איז וויזענפעלד געוואָרען אַן עהרען־מיטגליד פון דער אי־

דישער אַקטיאָרען יוניאָן פון ניו יאָרק. ווײזענפעלד איז געווען אַ מיט־גליד אין אַלע אָפּטײלונגען פון דער אידישער אַרבײטער באַוועגונג. זײַן אַרויסהעלפער, דער „וואָקינג דעלעגאַט״ אין דער ני־פּענטס מאַכער יוניאָן, איז אַ צײַט געווען הערשעל צוקערבערג, אַן אָפּערייטאָר פון די קינדער־הײזעס, וועלכער איז מיט יאָהרען שפּעטער געוואָרען דער מענעדזשער פון דער אידישער שוישפּילער יוניאָן (דאָס איז באַשריבען אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל פון דיזען בוך). ווײזענפעלד און צוקערבערג זײַנען איצט דירעקט מעהר ניט פאַרבונדען מיט דער אידישער אַרבײטער באַוועגונג.

אין פאַרלויף פון פילע יאָהרען איז דער פּראַקטאָקאָל סעקרעטער פון דער ני־פּענטס מאַכער יוניאָן געווען אַב. ליפּמאַן, אַן אָפּעריי־טאָר פון פאַך. ער איז שפּעטער געווען דער סעקרעטער פון די פאַראײ־ניגטע אידישע געווערקשאַפטען אין דער פעריאָדע פון 1901 ביז 1906.

ליפּמאַן איז אין זײַן ליטווישער שטעדטעל געווען אַ שוחט, אַ פרו־מער איד. ווען ער איז געקומען אהער צו זײַן ברודער נ. ליפּמאַן, דעם דאַמאָלסדיגען פירער פון דער אידישער בוכבינדער יוניאָן, האָט איהם דער ברודער אַן עצה געגעבען צו ווערען אַן אָפּערייטאָר ביי ני־פּענטס, און אַב. ליפּמאַן, דער שוחט פון דער היים, איז דאָ געוואָרען אַ ני־פּענטס אָפּערייטאָר און אַ טעטיגער יוניאָן מאַן. אין יאָהר 1901 איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס סעקרעטאַר פון די פאַראײניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

ליפּמאַן איז איצט אַ מיטגליד פון די טעאַטער קאָסטיומערס יוניאָן. ער אַרבײט אין אײנעם פון די ניו יאָרקער אידישע טעאַטערס.

איך האָב פריהער געזאָגט, אַז מאַקס פּײַן איז געווען אײנער פון די ערשטע טוער פון דער ני־פּענטס מאַכער יוניאָן.

מאַקס (מענדעל) פּײַן איז געבוירען געוואָרען אין ליבאַוויטש, מאָה־ליוער גובערניע, דעם 30טען אַפּריל, 1866. צו דריי יאָהר איז ער גע־בליבען אַ יתום. צו ניין יאָהר האָט זײַן מוטער, אַן אָרימע אַלמנה, איהם אוועקגעשיקט צו איהרער אַ שוועסטער אין וועליזש, און דאָרטען האָט ער זיך געלערענט שרײַבזעצערײַ. נאָך פילע יאָהרען וואַלגערען זיך אין פאַרשידענע רוסישע שטעדט, אויך אין מאָסקווע, איז פּײַן אין יאָהר 1888 אָנגעקומען קיין אַמעריקאַ.

איך געדענק ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָל געטראָפען אין דער ני־פּענטס מאַכער יוניאָן, אין יאָהר 1890. ער איז דאַן געווען אַ יונ־גער, מוטיגער, בראַווער יוניאָן־מאַן. איך געדענק ווי ער האָט געשריען צו זײַנע ברידער פאַך־אַרבײטער: „גענוג צו טראָגען די קאַטערינקע

(ד. ה. די ניי־מאַשין) אויף די פּלייצעס פון שאַפּ צו שאַפּ. די באַלעבאַ־טים דאַרפען אונז געבען די ניי־מאַשינען אויף וועלכע מיר ארבייטען".

מאַקס פּיין איז געווען דער פיהרער פון דעם סטרייק פון די 900 ני־פּענטס מאַכער, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט א זיג פאר די אר־בייטער.

„דו מוזט ווערען אונזער וואָקינג דעלעגאַט", האָבען נאָכהער די ני־פּענטס מאַכער זיך געבעטען ביי פּיין'ען.

און פּיין איז פּשוט געווען געצוואונגען צו ווערען זייער „משה רבינו". די ני־פּענטס מאַכער יוניאָן איז דאַן געווען אין דעם באַרימטען מיטינג לאָקאַל פון וואַלהאַלאַ האָל, אין 60 אָרטשאַרד סטריט, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער גרעסטער האָל פון דער איסט־סייד. דאָרטען פלעגט פּיין פאַר זיי ריידען און פיהרען זייער יוניאָן ביז די ניט־פּענטס מאַכער יוניאָן איז געוואָרען א מוסטער־יוניאָן צווישען אַלע אַנדערע אידישע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס.

פון אַנדערע אידישע יוניאָנס איז מען געקומען שלעפּען פּיין'ען ער זאָל זיי אויך קומען העלפען. פּיין איז געווען געזונט און יונג, האָט ער עס געטאָן און געהאָלפען אַנדערע אידישע יוניאָנס אין זייערע סטרייקס.

פּיין איז אויך געווען א טעטיגער מעמבער אין דער אידישער סעק־ציע פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.).

אין יאָהר 1896, ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער קאַמף אין דער ס. ל. פּ., צוליב דעניעל דעליאָן'ס דיקטאַטור, איז פּיין געווען איינער פון די הויפּט קעמפּפער געגען דעניעל דעליאָן'ס טאַקטיק. ער איז געווען איי־נער פון די 52, וועלכע האָבען פאַרלאָזען דעם באַריהמטען מיטינג פון דער „ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן" און האָבען געגרינ־דעט דעם „פאָרווערטס". ער איז געוואָרען א מיטארבייטער פון „פאָר־ווערטס" און האָט זעהר פיל געטאָן אום אויפצוהאַלטען די עקזיס־טענץ פון „פאָרווערטס", איבערהויפּט אין די ערשטע יאָהרען, ווען דער „פאָרווערטס" איז עטליכע מאָל שיער־שיער ניט אונטערגעגאַנגען.

אין יולי, 1906, איז מאַקס פּיין, צום ערשטען מאָל ערוועהלט גע־וואָרען אלס סעקרעטאַר פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. ער האָט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט מיט פיל ענערגיע און מוט און האָט אָרגאַניזירט א רייע אידישע טרייד־יוניאָנס.

אין 1907 האָט פּיין פּרובירט אָרגאַניזירען די קלאָוק מאַכער יוניאָן. קומענדיג איינמאָל ריידען ביי א מאַסמיטינג פון דיזער יוניאָן, אין דער פּערטער סטריט, האָט ער דערזעהן, אז דער עולם שטעהט אין גאַס. די

בעאמטע פון דער קלאוק מאכער יוניאן האָבען ניט געהאט קיין געלט צו באצאָהלען פאר'ן האָל. פיין האָט קיין געלט ניט געהאט. ער האָט אָבער געהאט א זייגערל. האָט ער פון זיך ארונטערגענומען דעם זייגערל, פאר'משכנ'ט אין א פאונשאָפּ (לאָמבארד) און דער מיטינג פון די קלאוק מאכער איז דאן אָפּגעהאלטען געווארען.

אין יאָהר 1911 האָט די ארבייטער באוועגונג געפאָדערט פון פיין'ען אז ער זאָל זיך אונטערנעמען צו אָרגאניזירען די מענער שניידער. ער האָט זיין אויפגאבע גלענצענד ערפילט. נאָר וועגען דעם מעהר אויספיהרליך שפּעטער.

* * *

איצט איז די ני־פענטס מאכער יוניאן פון ניו יארק א לאָקאל פון דער „אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואירקערס”. 60 פּראָצענט פון די מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען איטאליענישע ארבייטער, אידישע ארבייטער זיינען פאראן בלויז 40 פּראָצענט.

---

## די יוניאָן פון די טשילדרען דזשעקעט מאכער.

די יוניאן פון טשילדרען דזשעקעט (קינדערשע רעקעלאך) ארבייטער איז איינע פון די עלטסטע אידישע יוניאנס פון שניידער פאך אין ניו יארק.

אין יאָהר 1885 האָבען די פיהרער פון דער דאמאלסדיגער אונגאַריש־גאליציאנער שניידער־יוניאן אָרגאניזירט די שניידער, וועלכע האָבען געארבייט ביי דיזע קינדערשע רעקעלאך, אלס א באזונדערען ברענטש פון דער רעק־שניידער יוניאן.

צו יענער צייט האָבען זיך געפאָדערט גוטע, געלערענטע שניידער אום צו קענען ארבייטען דערביי. בלויז די אפּערייטאָרס, וועלכע פלעגען שטעפּען די רעקלאך ביים מאשין האָבען די מלאכה זיך אויסגעלערענט אין קאָלאָמבוס'עס מדינה. מיט יאָהרען שפּעטער אָבער האָט מען אויסגעפונען א מעטאָדע צו ארבייטען די קינדערשע רעקעלאך אָהן בייסטערס, דאָס מיינט, מען האָט ניט געדארפט האָבען קיין געלערענטען שניידער, בלויז אן אפּערייטאָר פלעגט זיי שטעפּען אויף דער נייה־מאשין. דיזע ליין ארבייט, וועלכע מען פלעגט רופען „אומגעבייסטע” (ניט פארסטריגעוועט פון א שניידער) איז באשטאנען בלויז פון ביליגערע דזשעקעטלאך. די גוטע רעקלאך אָבער פלעגען אימער געבייסט ווערען פון א

שניידער. היינט צו טאָג מאַכט מען 90 פּראָצענט פון די קינדערשע רעק־לאַך „אומגעבייסט". דאָס זעלבע איז מיט מענער־קליידער. אמאָל פלע־גען אַלע מענער־רעק געבייסט ווערען פון שניידער. היינט ארבייט מען אונגעפעהר האַלב אויף האַלב געבייסטע און אומגעבייסטע. פאַר די אומ־געבייסטע רעק זיינען שוין ערפונדען געווארען מאַשינען, אַז זיי זאָלען זיך ניט אזוי קנייטשען.

אין די 80־ער און 90־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, פלעגען ביי די קינדערשע רעקלאַך, ווי שוין געזאָגט, ארבייטען גוטע שניידער. די שעפּער אָבער אין וועלכע זיי פלעגען זיין באַשעפטיגט, זיינען געווען סוועט־שעפּער.

אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען האָב איך שוין באַשריבען דעם צושטאַנד וואס עס האָט געהערשט אין יענע סוועט־שעפּער, וואו מען האָט גענייהט די קינדערשע רעקלאַך און הייזלאַך.

דער ערשטער ברענטש פון די דזשעקעט מאַכערס יוניאָן האָט עק־זיסטירט בלויז א קורצע צייט, ווייל יענע ארבייטער האָבען ווייניג גע־וואוסט פון אַ יוניאָן. זיי האָבען ניט געוואָלט קומען צו פאַרזאמלונגען און עס איז געווארען אויס יוניאָן.

אין יאָהר 1889 האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון דאָס ניי געגרינדעט אין ניו יארק א יוניאָן פון דזשעקעט ארבייטער. יענע צווייטע יוניאָן האָט שוין ארויסגערופען אַן אַלגעמיינעם סטרייק פון דעם פּאַך מיט אַ פאָדערונג, אַז יעדער ארבייטער זאָל מאַכען יעדען טאָג מיט צוויי רעקלאַך ווייניגער. מען האָט דאַן געארבייט לויט דער „ציל סיס־טעם. (יעדער סעט ארבייטער פלעגט מוזען מאַכען אַלס אַ טאָג ארבייט אזויפיל און אזויפיל רעקלאַך). די ארבייטער האָבען געוואונען דעם סטרייק. דער „זיג" אָבער האָט אָנגעהאַלטען נאָר אזוי לאַנג ווי עס איז געווען אַ סך ארבייט אין די שעפּער. אזוי שנעל ווי דער ביזי סיזאָן איז אַריבער האָבען די קאָנטראַקטאָרס צוריק צוגעלייגט צו דריי רעק פּער טאָג מעהר פאַר יעדען ארבייטער צו מאַכען. אזוי ווי זייער יוניאָן האָ־בען די אַרבייטער אין סלעק־צייט געהאַט אויפגעגעבען, האָבען זיי קיין ברירה ניט געהאַט און געמאַכט דריי רעק עקסטרא יעדען טאָג.

דריי יאָהר צייט זיינען די אַרבייטער נאָכדעם ניט געווען אָרגאַ־ניזירט. ערשט אין יאָהר 1892 האָבען די פאַראייניגטע אידישע גע־ווערקשאַפטען ווידער אויפגעלעבט די טשילדרען דזשעקעט מאַכער יוניאָן. אזוי שנעל ווי עס איז ווידער געוואָרען אַ יוניאָן, האָבען די אַרבייטער געפאָדערט מען זאָל רופען אַ סטרייק, ווייל די צושטענדע אין די שע־

פער זיינען געווען פשוט אונערטרעגליכע. אין יענעם סטרייק האָבען די ארבייטער געפאָדערט פון די באַלעבאַטים: 10 שעה א טאָג ארבייט, וואָך־ארבייט, אנשטאָט „ציל־סיסטעם", און א מינימום שכירות פאר וואָך־ארבייט.

דער סטרייק האָט געדויערט א פאָר וואָכען. ארבייט אין די שעפער איז געווען א סך, זיינען די קאָנטראַקטאָרס געקומען און האָבען נאָכגעגעבען דער יוניאָן. אָבער דעם מאָל האָבען די ארבייטער זיך שוין געוואָלט באוואָרענען, אז ווען עס וועט ווערען ווייניג ארבייט זאָלען די באַלעבאַטים צוריק ניט אָפּנעמען ביי זיי, און נאָך מיט פראָצענט, דאָס וואָס זיי האָבען געוואונען, ווען עס איז געווען ארבייט. זיי האָבען דעריבער געפאָדערט פון יעדען באַלעבאָס, אז ער זאָל אונטערשרייבען א יוניאָן קאָנטראַקט און געבען סעקיוריטי (איינלייגען א סומע געלט אלס א משכון) אז ער וועט האַלטען דעם קאָנטראַקט. דאָס איז אין יענער צייט געווען א נייעס פאר אַלע אידישע יוניאַנס. די יוניאָן איז דערמאָלט שטאַרק געוואָרען. די מיטגלידער האָבען געצאָהלט זייערע ביי־טרעגע. אין קאַסע פון דער יוניאָן איז געווען געלד און מען האָט באַלד געעפענט א גרויסע לייבאָר ביוראָ, אין 151 עסעקס סטריט. מען האָט אָנגעשטעלט צוויי באַצאָהלטע בעאַמטע, א סעקרעטאַר, וועלכער זאָל זיצען שטענדיג אין „לייבאָר ביוראָ", וואו די באַלעבאַטים זאָלען קענען קומען נאָך ארבייטער.

דער סעקרעטאַר פון דער יוניאָן איז געווען א מיטגליד פון דער יוניאָן מיט'ן נאָמען י. ג ל י ק, א פרעסער פון דזשעקעטלאָך. ער איז אויך געווען א פּרעזידענט פון אַן אַלטמאָדישער לאָדזש און א גבאי אין א שוהל פון פיט סטריט. שבת פלעגט ער ניט קומען אין דער לייבאָר ביוראָ.

די יוניאָן האָט אויך אָנגעשטעלט א „וואָקינג־דעלעגאַט" ארומצו־געהן אין די שעפער צו זעהן אז די באַלעבאַטים זאָלען געבען אַלעס, וואָס עס קומט דעם ארבייטער. אלס מענעדזשער פון דער יוניאָן האָבען די דזשעקעטס מאַכער אָנגעשטעלט א דעלעגאַט צו די געווערקשאַפטען, מ. ב י י נ ע נ ס א ן. אַלעס איז געגאַנגען זעהר גוט אין דער יוניאָן. מיט אַמאָל איז אָבער אָנגעקומען דער קריזיס פון יאָהר 1893. אַלע שעפער זיינען אויף מאָנאַטען לאַנג צוגעשלאָסען געוואָרען. די ארבייטסלאָזע ארבייטער האָבען אויפגעהערט צאָהלען זייערע בייטרעגע אין דער יוניאָן און קומען צו די פאַרזאַמלונגען. די יוניאָן איז אַזוי ארום כמעט אינ־גאַנצען אונטערגעגאַנגען.

אין מאי, 1894, האָבען די טשילדרען דזשעקעט מאכער ווידער א מאָל זיך אָרגאַניזירט און באַלד זיינען זיי אַרויס אין אַ גענעראַל סטרייק (אַזאַ טבע האָבען שוין געהאַט דעמאָלט די אידישע ארבייטער. אזוי שנעל ווי זיי פלעגען זיך אָרגאַניזירען, פלעגען זיי גלייך געהן סטרייקען, ווייל די קריוודעס צו זייערע באַלעבאַטים זיינען געווען גרויסע).

אויך יענעם סטרייק אין 1894 האָבען די ארבייטער געוואונען. צו יענער צייט איז אין דעם פאַך פאָרגעקומען א גרויסע ענדערונג. עס האָבען זיך אויפגעמאכט אַ סך גרויסע שעפּער, וואו מען האָט געארבייט אומגעבייסטע דזשעקעטלאַך. דערפון האָבען פּראָפיטירט די אומגעבייסטע אפּערייטאָרס. עס איז געווען אַ סך ארבייט, האָבען די פאבריקאַנטען אָנגעהאַלטען דעם אַפּמאַך מיט דער יוניאָן. עס איז אָבער געווארען ווייניגער ארבייט ביי די געבייסטע דזשעקעטס, איז פאַר דיזע ארבייטער געווען שלעכט.

ענדליך איז אָנגעקומען דער יאהר 1895 און דיזע יוניאָן האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטען דעם אָפּמאַך וואס די פאבריקאַנטען האָבען אונטערגעשריבען אין יאָהר 1894. די באַלעבאַטים אָבער האָבען ניט געוואָלט באַנייען דעם אָפּמאַך אויף ווייטער, האָט די יוניאָן ווידער אַרויסגערופען א גענעראַל סטרייק. און, ווי געוועהנליך, האָט די יוניאָן ערוועהלט אַ סטרייק קאָמיטע, וועלכע האָט צוזאַמען מיט דער יוניאָן עקזעקוטיווע געפיהרט דעם סטרייק. דער וואָקינג דעלעגאַט פון דער יוניאָן איז דעמאָלט געווען אַ שאַפ ארבייטער.

אין יענעם סטרייק האָט פּאַסירט אַזאַ זאַך, וואָס האָט ביז דאַן נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט אין דער אידישער ארבייטער־באַוועגונג. די פאַרשטעהער פון דער יוניאָן און די פיהרער פון סטרייק זיינען באַשולדיגט געווארען, אַז זיי האָבען געמאַכט „קונקעל מונקעל" ביזנעס ביי די פאַרהאַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים וועגען אַ נייעם יוניאָן קאָנטראַקט, פּשוט גערעדט, אַז זיי האָבען פאַרראַטען די ארבייטער. איין מיטגליד פון דער סטרייק־קאָמיטע האָט זיך מודה געווען, אַז די פיהרער פון דער יוניאָן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען מיט די באַלעבאַטים אויף אַ סעודה'לע, וואו מען האָט געגעסען געבראָטענע קאַטשקעס, און טאַקע דאָרט אויפ'ן פּלאַץ פאַרשאַכערט די אינטערעסען פון די ארבייטער צו די באַלעבאַטים.

עס איז געוואָרען אַ קאָך צווישען די סטרייקענדע טשילדרען דזשעקעט מאכער. די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט גלייך ער־

וועהלט אַ קאָמיטע די קלאַגעס צו אונטערזוכען. די סטרייקערס אָבער, וועלכע האָבען באַטראַכט די יוניאָן פאַר אַ הייליגטום, זיינען געוואָרען שרעקליך ענטוישט. דער סטרייק איז גלייך אָפּגעשוואַכט געוואָרען און איז אין גיכען פאַרלוירען געגאַנגען. די ארבייטער האָבען פאַרלאָזען זייער יוניאָן. זעקס יאָהר צייט האָט קיין טשילדרען דזשעקעט מאַכער יוניאָן גאָרניט עקזיסטירט צוליב יענעם פאַראַט.

ערשט אין יאָהר 1901 איז געגרינדעט געוואָרען אַ נייע טשילדרען דזשעקעט מאַכער יוניאָן אונטער די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אוו אַמעריקאַ" אלס לאָקאַל 10. אין דער יוניאָן האָבען באַלאַנגט סאַי די „געבייסטע" און סאַי די „אומגעבייסטע" ארבייטער. טאַקע דעמזעלבען יאָהר האָט די יוניאָן געפיהרט אַ דזשענעראַל סטרייק פאַר אַ 10 שעה־דיגען ארבייטס־טאָג און פאַר אַ העכערונג פון 10 פּראָצענט אויף די שכירות. יענעם סטרייק האָט די יוניאָן טיילווייז געוואונען.

אין 1904 האָבען די אומגעבייסטע טשילדרען דזשעקעט מאַכערס פאַרלאַנגט פון דער יוניאָן, אז מען זאָל זיי אָפּטיילען אין אַ באַזונדערער יוניאָן. דאָס איז זיי באַוויליגט געוואָרען. (וועגען דער אומגעבייסטער דזשעקעט מאַכערס יוניאָן, שפּעטער.)

---

## די יוניאָן פון די פּרעסערס פון די געבייסטע טשילדרען דזשעקעט מאַכער.

די פּרעסערס פון די קינדערשע דזשעקעטלאַך האָבען די ערשטע צייט פון דער גרינדונג פון דער יוניאָן באַלאַנגט אין איין יוניאָן מיט די אָפּערייטאָרס און שניידער פון זעלבען פאַך.

די פּרעסערס פון אַלע שניידער טריידס זיינען מיט יאָהרען צוריק כמעט אַלע געווען עלטערע מענשען און, נאַטירליך, זעהר פרומע. איינער פלעגט ברענגען אַ צווייטען צו דער ארבייט. די אָפּערייטאָרס זיינען געווען מייסטענס יונגע לייט, שוין אביסעל מעהר פרייערע מענשען, פלעגען זיי נישט קענען שטימען מיט די פּרעסערס, די עלטערע פרומע מענשען.

די יונגע לייט פלעגען ביי די מיטינגען פלוצלונג אויסשרייען: „אָט געהען שוין די בערד!" דאָס האָט געמיינט די פּרעסערס. דערפאַר האָבען די פּרעסערס פון שטענדיג אָן אָנגעפיהרט אַ קאַמף, אז זיי זאָלען האָבען אַ באַזונדערען לאָקאַל יוניאָן פאַר זיך, כדי זיי זאָלען ניט

„אונטערדריקט" ווערען, ווי זיי פלעגען זאָגען, פון די „יונגאטשעס", די אפּרייטאָרס.

אין די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען זיינען שטענדיג געווען פארטראָטען א 5–6 פּרעסער לאָקאלס פון פארשידענע שניידער יוניאָנס.

דער שרייבער פון דיזע ציילען, זייענדיג דער סעקרעטאר פון די פאר־אייניגטע אידישע געווערקשאפטען פאר פילע יאהרען, פלעגט אָפט באַזוכען די מיטינגען פון די פּרעסערס.

עד היום קען איך ניט פארגעסען איינעם אזא מיטינג פון פּרעסערס, וועלכען איך האָב בייגעוואוינט. איינגעלאַדען צום מיטינג האָבען מיך די פּרעסערס פון דעם געבייסטע טשילדרען דזשעקעט מאכער טרייד. זיי האָבען זיך דעמאָלט געהאט פארזאמעלט אין א שוהל, ערגעץ אויף נאָר־פאָלק סטריט אין א יאַרד הויז, איינער פון יענע יוניאן לייט איז טאקע געווען דער שמש פון דיזער שוהל. שבת און אין אווענד איז ער געווען א שמש און בייטאָג פלעגט ער פּרעסען די דזשעקעטלאך אין א סוועט־שאפּ. דאָס איז דאַן קיין נאָווינע ניט געווען, ווייל אין יענע צייטען פלע־גען כמעט אלע פּרעסער לאָקאלס אָפּהאלטען זייערע מיטינגען אין א שוהל פון דער חברה, וואו איינער פון זייערע טעטיגע מעמבערס איז גע־ווען דער גבאי אָדער דער שמש.

בין איך געקומען צו א פארזאמלונג פון פּרעסער לאָקאל פון קינ־דערשע דזשעקעטלאך, אין א שוהל פון א גאליציאַנער חברה, אויב איך מאך ניט קיין טעות, פון די ביטשוטשער לאנדסלייט. געהענדיג צום מיטינג האָב איך מיטגענומען אן ארבייטער, א דעלעגאט פון דער בלע־כער יוניאן צו די געווערקשאפטען.

עס איז געווען ווינטער צייט. ווען איך האָב אויפגעמאכט די טיר פון שוהל האָט אויף אונז א בלאָז געטאָן א הייסע פּארע. די שוהל איז געווען פול באזעצט מיט אידען, אלע עלטערע מענשען. אויבען אָן, לעבען ארון קודש זיינען געזעסען אויסגעזעצט אויף א באנק אלע בע־אמטע פון דיזער פּרעסערס יוניאן, מיט יארמולקעס אויף די קעפּ, אָנגע־טאָן אין קאפּאָטעס, זקנים זיינען זיי אלע געווען. דער טשערמאַן אָדער דער פּרעזידענט פון דער יוניאן, אן אלטער איד, א קורצער, א דיקער, מיט א לאנגער באָרד, מיט לאנגע פאות'ן, אָנגעטאָן אין א יארמולקע, איז געשטאַנען אין מיטען צווישען די אנדערע בעאמטע, ביי א טישעל, אויף וועלכען עס איז געלעגען א שטיין. אין האנד האָט ער געהאלטען א גרויסען האמער.

אין מיטען שוהל איז געשטאנען אויף עטליכע טרעפּלאך א גרויסער

באַלעמער און אָרום און אַרום זיינען געשטאַנען שוהל בענק אויסגעזעצט מיט אידען, די מייסטע פון זיי מיט יאַרמולקעס אויף די קעפּ. בלויז איייניגע געצעהלטע פון די אינגערע האָבען געטראָגען העטס.

פּלוצלונג גיט דער טשערמאַן דריי קלעפּ מיט'ן האַמער אויפ'ן שטיין און אַלע אידען שטעלען זיך אויף. דאָס איז געטאָן געוואָרען לכבוד אונז. דער פּרעזידענט שטעלט אונז, די צוויי געסט, פאָר פאַר די יוניאָן לייט. זיי אַפּלאָדירען. מען שטעלט אוועק נאָך צוויי בענקלאך לעבען די „סנהדרין" און מיר, „די געווערקשאַפטען", זעצען זיך אויך.

דער טשערמאַן שטעלט זיך ווידער אַוועק, נעמט ווידער קלאַפּען מיט'ן האַמער. די אידען אַפּלאָדירען און זעצען זיך ווידער אוים אויף די בענק. עס איז שטיל. עס הערט זיך אַפּילו קיין פּיפּס ניט. גראָד דער היפּוך פון דעם, וואָס עס פלעגט דאַן פאָרקומען ביי אַנדערע יוניאָן מיטינגען פון יונגע אַרבייטער, וואו מען פלעגט קיינמאָל ניט קענען איינשטילען דעם טומעל.

דער ברודער פּרעזידענט גאַרטעלט אויף זיין קאַפּאָטע, פאַרקאַטשעט די אַרבעל, און נעמט זיך צו זיין רעדע:

— ברידער! — שרייט ער אוים אויף אַ הויכען קול, — ווער פון אייך וויים, ווער עס איז געווען דער ערשטער „וואָקינג דעלעגאַט"? אַלע שווייגען.

— דער ערשטער „וואָקינג דעלעגאַט" ביי אידען, — רופט אוים הויך דער טשערמאַן, — איז געווען משה רבינו. און די סנהדרין זיינען גע־ ווען די ערשטע עקזעקוטיוו מעמבערס...

דער למדן, דער פּרעסער, האָט געהאַלטען אַ יוניאָן רעדע פול מיט תורה און חכמה. ער האָט געגעבען אַזוינע בייישפּילען אַז עס איז פּשוט אַ מחיה געווען צו הערען. אַלץ האָט ער פאַרגליכען צו דער יוניאָן. אַלע אידען מיט די יאַרמולקעס האָבען זיך צוואָוואָרימט און זיי האָבען זיך גענומען אויף דאָס ניי צוקלאַפּען מיט די פּיס.

ווידער דריי קלעפּ מיט'ן האַמער. און עס איז ווידער שטיל. דער טשערמאַן פאַנגט ווידער אָן און זאָגט צום עולם:

— הערט נאָר צו, מיינע ברידער פּרעסערס. מילא, מיינע דרשות הערט איהר ביי יעדען מיטינג. היינט אָבער וועט איהר הערען אַ באַ־ ריהמטען רעדנער (דאָס האָט ער מיך געמיינט). — און ער קלאַפּט שוין ווידער מיט'ן האַמער.

— אצינד ברידער, — זאָגט ער ווייטער, — געה איך פאַר אייך פאָרשטעלען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, דעם אידישען פאַר־

לאַמענט, דעם בית־דין פון אַלע און פאַר אַלע אידישע ארבייטער פון אַלע פאַכען. דאָס איז ברודער גענאָסע...

אַלע פּרעסערס האָבען זיך ווידער אויפגעשטעלט, געפּאַטשט בראַוואָ און גענומען שרייען, אז איך זאָל געהן אויפ'ן בעלעמער אַרויף, וואס איז געשטאַנען אויף טרעפּ אין מיטען שוהל, כדי אַלע זאָלען מיך קענען זעהען און הערען.

איך געה אַרויף אויפ'ן בעלעמער און ווער אַ מגיד.

די ברידער פּרעסערס קריגען פון זייער טשערמאַן דעם סיגנאַל מיט'ן האַמער איבער'ן שטיין, און זיי בלייבען ווידער שטיל.

איך האַלט אַ רעדע פאַר די אַלטע אידען, די פּרעסערס, באַווייזענ־דיג זיי ווי נויטיג און ווי גוט עס וועט זיין פאַר זיי, אַז זיי וועלען זיין גוט אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן.

נאָך מיר רעדט מיין קאָלעגע, דער בלעכער. מיר ביידע רופען אַרויס באַגייסטערונג ביי די פּרעסערס און זיי באַגלייטען אונז מיט גרויס ענטו־זיאַזם.

אַט דאָס איז געווען אַ טייל פון דעם מענשען מאַטעריאַל, פון וועל־כען מיר האָבען עס מיט דער צייט אויפגעבויט די גרויסע אידישע אַר־בייטער באַוועגונג פון אַמעריקא.

---

## די יוניאָן פון די אומגעביימטע טשילדרען דזשעקעט מאַכער.

ווען די אומגעביימטע טשילדרען דזשעקעט מאַכערס פון ניו יאָרק האָבען זיך אין 1904, אַפּגעטיילט פון לאָקאַל 10 געביימטע טשילדרען דזשעקעט מאַכער יוניאָן, האָבען זיי זיך אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן, וועל־כע האָט ניט באַלאַנגט צו די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אָוו אַמע־ריקא” נאָר בלויז צו די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

אין יאָהר 1905 האָט דיזע יוניאָן געצעהלט 500 מיטגלידער. אין יאָהר 1908 האָט די יוניאָן אָנגעפיהרט אַ גענעראַל סטרייק.

פון די טויזענד אומגעביימטע טשילדרען דזשעקעט מאַכער, וועלכע האָבען געסטרייקט אין דעם זומער פון יאָהר 1908, האָבען בלויז פינף הונדערט געקענט מאַכען אַ ניש־קשה'דיגען לעבען, פאַרדינענדיג פון 17 ביז 20 דאָלער אַ וואָך. די איבעריגע די „אַרויסהעלפּערס” פון דיזען טרייד, האָבען דאַן פאַרדינט ניט מעהר ווי פון 7 ביז 11 דאָלער אַ וואָך. און דאָס איז געווען אין די גוטע צייטען.

אין דיזען טרייד הערשט אויך די „סעקשאָן סיסטעם" פאַלשטענ־דיג. דיזע ארבייט ווערט נאָר געמאַכט פון „סעטס", וועלכע באַשטעהען פון 6 ביז 18 מאַשינען אין א „סעט", דאָס מיינט, יעדער באַזונדער דזשעקעט ווערט געמאַכט פון 6 ביז 18 ארבייטער.

יעדער ווער עס איז ארויף אמאָל אין א שאָפּ האָט געקענט אין איין אָדער צוויי טעג צייט מאַכען א קליינעם טייל פון דעם בגד.

ביי די אונגעבייסטע דזשעקעט מאַכערס באַשטעהט יעדער „סעט" פון צוויי, דריי אָדער העכסטענס פיר „העד" אפּערייטאָרס. דיזע „העדס" זיינען עס די אמאָליגע אפּערייטאָרס, וועלכע פלעגען אליין אויפנייהען אויפ'ן מאַשין א גאַנצען דזשעקעט. זיי זיינען עס די „גרויסע" פאַר־דינער. די איבעריגע ארבייטער פון „סעט" טראָגען דעם נאָמען „ארויס־העלפּערס". זיי פאַרדינען צרה'דיגע שכירות.

די יוניאָן האָט אין יאהר 1908 פאַרלאַנגט א דאָלאַר א וואָך א העכערונג אויף די אמאָליגע פּרייזען, וועלכע מען האָט געצאָהלט פאַר'ן קריזיס פון 1907. די ארבייטס־שטונדען זאָלען זיין 53 א וואָך.

די יוניאָן האָט די פאָדערונגען געוואונען. זי איז געוואָרען גרעסער און שטאַרקער, און אין יאהר 1911 האָט זי געצעהלט 1,100 מיטגלידער.

נאָכ'ן גענעראַל סטרייק פון 1913, ווען די יוניאָן האָט געסטרייקט צוזאַמען מיט אַלע שניידער יוניאָנס פון ניו יאָרק, האָט זי געצעהלט ארום 3,000 מיטגלידער. דיזע יוניאָן, לאָקאַל 12, איז א טייל פון די „אמאַלגאַ־מייטעד קלאָדינג וואירקערס", און די מיטגלידער ארבייטען איצט 44 שעה א וואָך און באַקומען גוטע שכירות.

---

## די יוניאָן פון די פּענטס מאַכערס אין ניו יאָרק.

אין יאהר 1889, ווינטער צייט, איז צו א פאַרזאַמלונג פון די פאַר־אייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, אין 92 העסטער סטריט, ניו יארק, געקומען א קאָמיטע פון פּענטס (הויזען) אפּערייטאָרס, בעטען אז מען זאָל זיי העלפען גרינדען א יוניאָן פון זייער פאַך. די קאָמיטע איז באַ־שטאַנען פון דריי ארבייטער: ב. וואַגמאַן, מ. סיגעל און א דריטען, וועמעס נאָמען איך געדענק ניט. איך האָב אָבער איהם אָבער שוין אמאָל געזעהן אין א טאַנץ־שולע אויף גרענד סטריט, וואוהין איך בין איין מאָל אריין אויסטיילען צירקולאַרען צו רופען ארבייטער צו א סאָציאַליסטישער פאַרזאַמלונג.

דיזע קאָמיטע פון דריי פּענטס אפּערייטאָרס האָבען געבעטען די דע־לעגאַטען פון די געווערקשאַפטען, אז מען זאָל קומען ריידען צו זיי און זיי העלפען מאַכען א יוניאָן. די געווערקשאַפטען האָט מיך געשיקט אַהין.

איך געדענק ווי איך בין טאַקע א שבת־צו־נאַכט געקומען אין 92 העסטער סטריט, אין אַ קעלער, וואו עס האָבען געקענט אַריין א 300 מענשען. דער זאָל איז געווען געפּאַקט מיט אַרבייטער. איך האָב מיט־געבראַכט נאָך אַ רעדנער מיט זיך, א. ז אַ ל צ מ אַ ן, א אידישען סאָ־ציאַליסט, וועלכער האָט געאַרבייט אין א מאַשין־שאַפּ.

דאָס ערשטע האָב איך זיך גענומען פאַנאַנדערפרעגען ביי די איינ־באַרופער פון דער פאַרזאַמלונג, פון וואָס פאַר א מדינה זיי קומען. האָט מען מיר געזאָגט, אז ניינציג פּראָצענט פון זיי קומען פון רומעניע. דער ערשטער קאָנטראַקטאָר וואָס האָט אַרויסגענומען אַרבייט, דאָס הייסט צו מאַכען הויזען, איז געווען אַ רומענישער איד. ער האָט גענומען אַלע זיינע קרובים צו דער אַרבייט. פון די אידען זיינען געוואָרען נאָך איני־גע קאָנטראַקטאָרס, אַלץ רומענישע, און זיי ווידער האָבען אויך גענומען צו דער אַרבייט זייערע לאַנדסלייט. אָט אזוי איז דער גאַנצער טרייד גע־וואָרען אַ רומענישער.

די סוועט שעפּער, וואו מען האָט געאַרבייט די הויזען, האָבען זיך געפונען אין די טענעמענט הייזער אויף עלדרידזש און פאָרסייט סטריט פון ניו יאָרק, וואו עס האָבען דעמאָלט געוואוינט די אריבערגעקומענע רומענישע אידען.

אין מיטען פון מיין געשפּרעך מיט אַ פּאָר אידען, איז צו מיר צוגע־קומען אַן אַלטער איד מיט אַ האַלב־שוואַרץ און האַלב־גרויע באָרד און פּאות, און האָט זיך געווענדעט צו מיר:

— מען האָט מיר געזאָגט, אז איהר וועט דאָ דרש'נען. וויל איך אייך בעטען, אז איהר זאָלט אין אייער רעדע בעטען רחמים ביי אונזערע באַלעבאַטים, די פּענטס קאָנטראַקטאָרס, אז זיי זאָלען אונז, אַרבייטער, באַצאָהלען די שכירות. אָט זעהט איהר, — זאָגט ער צו מיר (ער איז געווען א פּרעסער) — מיר און די אפּערייטאָרס אַרבייטען אויס 6-7 דאָ־לאַר די וואָך און אונז קומט אַ יעדען פון אונזערע לאַנדסלייט פּענטס־באַלעבאַטים צו 50-60 דאָלאַר שכירות. אייניגע אַרבייטער קומט זאָגאַר אַ גאַנצער הונדערטער. אוי! עס איז דאָך אַ פאַרמעגען ביי אַ „גרינעם" 100 דאָלאַר! בעט ביי זיי, ביי אונזערע באַלעבאַטים, — בעט ער מיך, — אז זיי זאָלען אונז אָפּצאָהלען פאַר אונזערע שווערער אַרבייט, און

שפעטער וועט מען ריידען וועגען אן אסיפה צו העכערען אונזערע פאר־דינסטען פאר אפערייטען און פרעסען די תחתונים...

מילא, מיר ביידע רעדנער האבען שוין יענעם אוועקגעגעבען א שטיק פון אונזער הארץ. מיר האבען ארגאניזירט די יוניאן. און דער קאמף האט זיך אנגעפאנגען.

א יאהר צייט האט גענומען און מען האט שוין געהאט פארגעסען, אז א פענטס קאנטראקטאר דארף שולדיג זיין שכירות זיינע בעל־מלאכות.

אין דעם פאך אבער זיינען געווען נאך א סך איבלען, גראדע ווי ביי דער שניידער ארבייט פון רעק און וועסטען. יעדער אפערייטאר האט געמוזט האבען אן אייגענע מאשין, קויפען אליין נאדלען צו דער נייה־מאשין און ברענגען אייגענע פאדים צו נייען די הויזען.

אין פרילינג פון יאהר 1890 האט די פענטס מאכער יוניאן ארויס־גערופען א גענעראל סטרייק, פאדערענדיג אז די קאנטראקטארס זאלען גע־בען נייה־מאשינען און די ארבייטער האבען יענעם סטרייק געוואונען.

אין יאהר 1896 האט די פענטס מאכער יוניאן מיטגעסטרייקט מיט אלע שניידער יוניאנס געגען „ציל־סיסטעם". די פענטס מאכער הא־בען געארבייט דאן פון שטיק, האבען זיי געפאדערט 2 סענט מעהר פאר מאכען א פאר הויזען. יענער סטרייק איז ניט געוואונען געווארען.

אין יאהר 1898 האבען די פענטס מאכער ווידער געפיהרט א סטרייק פאר גרעסערע שכירות און יענעם מאל האבען זיי געוואונען.

ביז דעם יאהר 1900 האבען די פענטס מאכער ניט באלאנגט צו די „יונייטעד גארמענט ווארקערס". דיזע ארבייטער זיינען געווען דורכ־געדרונגען מיט'ן אידעאל פון סאציאליזם, האבען זיי ניט געוואלט בא־לאנגען צו א קאנסערוואטיווען פארבאנד.

אין יאהר 1900, ווען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען הא־בען זיך פאראייניגט מיט דער „היברו טרייד פעדעריישאן" פון די פאר־ווערטסיסטען, איז דער לאזונג געווען: אלע אידישע יוניאנס מוזען אריין אין זייערע אינטערנעשאנאל יוניאנס, און דאן וועט מען זעהן אריינ־בלאזען אין זיי א סאציאליסטישע נשמה. האט די פענטס־מאכער יוניאן דאן אנגעשלאסען זיך אן דער „י. ג. וו".

אין ברוקלין האט דאן עקזיסטירט א באזונדערע פענטס מאכער יו־ניאן, וועלכע האט ניט געקענט באוויזען צו ארגאניזירען די פענטס מא־כער פון די דארטיגע שעפער. יענע יוניאן האט זיך ענטזאגט אנצו־שליסען אן די „יונייטעד גארמענט ווארקערס".

אין ענדע פון יאהר 1900 האבען אין ניו יארק געסטרייקט א צוויי

טויזענד פּענטס מאכער פאר גרעסערע שכירות און זיי האָבען געוואונען דעם סטרייק דורך א קאָמפּראָמיס.

גלייך נאָך דעם סטרייק האָבען זיך די קליידער פאבריקאַנטען גע־נומען איינפיהרען ביי זיך אין די אינסייד שעפּער און אויך ביי איי־גינע קאָנטראקטאָרס די סיסטעם פון „סעקשאָן ארבייט“, צו 12־10 אין א סעט. די פּענטס מאכער יוניאָן האָט זיך געשטעלט געגען דעם. ביי פילע קאָנטראקטאָרס האָט מען נאָך געארבייט אויפ׳ן אלטען סיסטעם פון שטיק־ארבייט.

דער קאַמף פון די פּענטס מאכער געגען דער איינפיהרונג פון סעק־שאָן־ארבייט האָט די ארבייטער געקאָסט א סך ליידען. די פאב־ריקאנטען האָבען אריינגענומען איטאַליענער אין די שעפּער און האָבען זיי געלערענט די ארבייט. די רייכע קליידער־פאבריקאנטען האָבען גענומען עפענען שעפּער אין די קלענערע שטעדטלאך. צוליב דעם האָבען זיך די ניו יארקער פּענטס מאכער געפונען אין א שרעקליכער לאַגע.

איינער פון די טעטיגסטע מיטגלידער פון דער יוניאָן אין די יאָהרען 1912־1911 איז געווען א ב ר ה ם מ י ל ע ר, א יונגער מאַן, א מעמ־בער פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי. א. מילער איז שפּעטער גע־ווארען דער מענעדזשער פון דער יוניאָן. (איצט איז דער זעלבער מילער דער סעקרעטער פון ניו יארקער דזשאינט באָארד, אמאלגאמייטעד קלאָ־דינג ווארקערס).

ערשט אין יאָהר 1912, ביים צוגרייטען דעם שניידער סטרייק הגדול, האָבען זיך די פּענטס מאכער — אידען און איטאַליענער — פון די אינ־סייד פאבריקען פון קאָנטראקטאָרס, זיך פאראייניגט אין איין שטארקער יוניאָן.

געסטרייקט האָבען די פּענטס מאכער דעמאָלט בראוו און זיי האָ־בען געוואונען — פּונקט ווי די רעק און וועסטען שניידער — 50 און 53 שעה א וואָך ארבייט און בעסערע שכירות.

דאָס ארויסשיקען פון ארבייט אין די קליינע שטעדטלאך שאַפט נאָך יעצט שטענדיג פאר די פּענטס ארבייטער א גרויסע ארבייטסלאָ־זיגקייט, געגען וועלכער די פּענטס מאכער קעמפען.

די פּענטס פּרעסערס האָבען א באַזונדערען לאָקאַל, נומער 40, פון דער „אמאלגאמייטעד“.

## די יוניאָן פון די וועסט־מאַכער אין ניו יאָרק.

אין יאהר 1886 האָבען אידישע ארבייטער, אימיגראַנטען פון אונ־גארן, צום ערשטען מאָל אָרגאַניזירט די יוניאָן פון מענער־וועסטען אר־בייטער. די מעהרסטע פון יענע ארבייטער זיינען געווען שניידער פון דער היים. זייער יוניאָן האָבען זיי גערופען „די אונגארישע ברענטש פון דער וועסט מאכער יוניאָן". צו יענער צייט האָט עקזיסטירט אן אלגעמיינע וועסט מאכער יוניאן פון דייטשע און איירישע שניידער. די אונגארישע וועסט מאכער האָבען אַלע געארבייט ביי קאָנטראַקטאָרס, וועלכע האָבען אין יענע יאהרען געהאט זייערע שעפּער אין יארד־הייזער אויף רידזש, פּיט, קאָלומביא און די אנדערע גאסען פון ניו יארק, וועלכע מען פלעגט רופען „דער גאַליציאַנער און אונגארישער קווארטעל פון דער איסט סייד פון ניו יארק". די וועסט מאכער האָבען דאן געארבייט 16־18 שעה אין מעת לעת און פארדינט האָבען זיי א הונגער־לוין.

אין יאָהר 1887 האָט דער „אידישער ארבייטער פאראיין" פון ניו יארק אָרגאַניזירט א וועסט מאכער יוניאָן פון אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד. יענע יוניאָן פלעגט זיך פארזאַמלען אין 101 העסטער סטריט. איהר פיהרער איז געווען א געוויסער מ. בלומענטאַל, א ישיבה בחור פון דער היים. יענע וועסט מאכער פלעגען אויך ארבייטען ביי קאָנ־טראַקטאָרס אין סוועט שעפּער אויף עהנליכע באדינגונגען, ווי עס האָבען געארבייט די אונגארישע וועסט־מאכערס. זייערע שעפּער זיינען געווען אין טשערי, ראָטגערס, פּייק, הענרי און מעדיסאָן סטריט, וואו עס פלע־גען דעמאָלט וואוינען די אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד, פּוילען און ליטע. דיזע יוניאָן האָט עקזיסטירט א יאָהר צייט און האָט זיך אויפ־געלייזט.

סוף אָקטאָבער פון יאָהר 1892 האָט זיך אין א וואוינונג ביי א וועסטען פּרעסער אויף דילענסי סטריט אָרגאַניזירט א נייע וועסט־מאכער יוניאָן, וועלכע האָט זיך גלייך אָנגעשלאָסען אָן די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. דיזע יוניאָן האָט געהאט א סך מעמבערס, וועלכע האָ־בען געארבייט ביי די אומגעבייסטע וועסטען. זי האָט געפיהרט א סטרייק געגען די קאָנטראַקטאָרען, פאָדערענדיג אז שבירות זאָלען גע־צאָהלט ווערען יעדע וואָך און ניט איין מאָל אין צוויי וואכען, ווי יענע קאָנטראַקטאָרס פלעגען צאָהלען.

אין יאָהר 1894 האָט דיזע וועסט מאכער יוניאָן געסטרייקט צוזא־מען מיט די ראָק־שניידערס געגען „ציל סיסטעם" און פאר שטיק־אר־

בייט. יענעם יאָהר האָט די וועסט מאַכערס יוניאָן זיך אַנגעשלאָסען אין דעם אָרדען „נייטס אָוו לייבאָר", אויף דעם פאָרשלאַג פון דעניעל דע־ליאָן, דעם דאַמאָלסדיגען פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי. די יוניאָן האָט דאָן געהאַט אַ סך מיטגלידער, וועלכע האָבען סימפּאַטיזירט מיט דער ס. ל. פּ. און דערפאַר האָט די יוניאָן זיך ענט־זאָגט צו באַלאַנגען צו די „יונייטעד גאַרמענט וואירקערס", וועלכע איז געוועזן אַ קאָנסערוואַטיווע יוניאָן.

אויך דיזע וועסט־מאַכער יוניאָן האָט זיך אין 1896 אויפגעלייזט און איז ווידער אין 1898 אָרגאַניזירט געוואָרען. אין יאָהר 1900 האָט זיך די וועסט־מאַכער יוניאָן אַנגעשלאָסען אָן די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס". צו יענער צייט איז דער הויפּט איבעל אין וועסט־מאַכער טרייד געווען די סוב־קאָנטראַקטינג סיסטעם. יעדער וועסט־אָפּרייטאָר פלעגט פון זיין האַנט נעמען דריי־פיר לערנערס, האַלטען זיי אַלס אַרויסהעלפערס און זיי צאָלען צו דריי, פיר דאָלאַר אַ וואָך שכירות.

אין יאָהר 1903 האָט די וועסט־מאַכער יוניאָן ווידער געסטרייקט צו־זאַמען מיט די ראָק שניידערס געגען דער „אָפּען שאָפּ מגפה", אָבער קיין ערפאָלג האָבען יענע אַרבייטער דאָן מיט'ן סטרייק ניט געהאַט.

אין יאָהר 1906 איז די וועסט־מאַכער יוניאָן געוואָרען ווידער שטאַרק. זי האָט געהאַט אַ רייכע קאַסע, מיט וועלכער זי האָט געשטיצט די סטרייקענדע שניידער אַרבייטער, וועלכע האָבען דריי מאָנאַטען לאַנג געקעמפּט געגען דער גרויסער קליידער פירמע אייזנער און קאָמפּאַני פון איסט ניו יאָרק. יענעם סטרייק האָבען די שניידער דאָן געוואונען מיט דער הילף פון די פּאַראַיי־ניגטע אידישע געווערקשאַפטען. די וועסט־מאַכער יוניאָן האָט דעמאָלט געגרינדעט אַ באַזונדער וועסט־מאַכער לאָקאַל אין ברוקלין.

אין יאָהר 1908 איז דער וועסט־מאַכער פאַך רואינירט געוואָרען צוליב דער מאָדע, אַז זומער צייט זאָלען מענער ניט טראָגען קיין וועסטען מעהר, בלויז „טו פּיעס סוטס". דאָס האָט געשאַפען ביי די וועסט־מאַכער אַ גרויסע אַרבייטסלאָזיגקייט און אַ סך זיינען אַרויס פון טרייד. די אונגאַרישע וועסט־מאַכער, וועלכע האָבען דאָן געאַרבייט ביי די גוטע קאָסטימער וועסטען, האָ־בען פאַרלאָרען זייער אַרבייט, ווייל מען האָט גענומען מאַכען וועסטען אומ־געבייסט. אין די גרויסע שעפּער האָבען די פאַבריקאַנטען גענומען איינ־פיהרען סעקשאָן אַרבייט.

זומער צייט פון יאָהר 1909 האָבען געסטרייקט אַ פּאָר טויזענט וועסטען־מאַכער. די גרעסטע צאָהל פון זיי אין ברוקלין, ווייל אין ברוקלין האָט גע־

קאסט די באלעבאטים ביליגער אויפצומאכען וועסטען ווי אין ניו יארק. דארטען איז שוין געווען איינגעפירט די סעקשאן סיסטעם, דאס הייסט, די ארבייט פון א וועסט איז געווען פארטיילט אין 12 טיילען. די ארבייט איז געווען זעהר לייכט אויסצולערנען זיך. די לאגע פון די ברוקלינער וועסט־מאכער איז געווען פיל ערגער ווי פון די ניו יארקער און בראנזווילער. אין ברוקלין זיינען מייסטענס געארבייט געווארען די ביליגסטע ליין וועסטען.

אין ניו יארק און אין בראנזוויל פלעגט יעדער אפערייטאר מאכען א גאנצע וועסט אליין, און דערצו דארף מען זיין א „סקיעלד מעקעניק". געוויינליך האט עס גענומען א יאהר צייט ביז מען האט געקענט ווערען א ריכטיגער אפערייטאר ביי וועסטען אין ניו יארק אדער בראנזוויל. דעריבער האבען טאקע די ניו יארקער און בראנזווילער פארדינט ביז פאר דעם קריזיס פון 1907 גוטע שכירות — פון 18 ביז 22 דאלאר א וואך.

פילע באלעבאטים זיינען דערפאר אוועקגעלאפען קיין ברוקלין און דארט איינגעפירט די „סעקשאן" ארבייט. זיי האבען גענומען נייע „הענט" און אין א קורצע צייט זיי אויסגעלערענט די ארבייט. עס האט אבער ניט גענומען זעהר לאנג און די ברוקלינער ארבייטער האבען זיך אויך ארגאניזירט אין א יוניאן, וועלכע האט אויך געזוכט צו פארבעסערען די פרייזען פון דער ארבייט און צו פארקירצען די ארבייטס־שטונדען, ווייל אין ברוקלין האט מען געארבייט וואך־ארבייט. און נאכהער זיינען אלע וועסטען־מאכער פון ניו יארק, ברוקלין און בראנזוויל פארבונדען געווארען אינאיינעם דורך איין עקזעקוטיווע, און אלע צוזאמען האבען זיי באלאנגט צו די „יונייטעד גארמענט ווארקערס".

צוליב דעם קריזיס זיינען די פרייזען פון דער ארבייט געווארען אויף 25 פראצענט ביליגער און דעם גאנצען פראפיט דערפון האבען געהאט די פאבריקאנטען, טראץ דעם וואס די גאנצע ארבייט איז געווען געמאכט ביי 120 קאנטראקטארס.

אין יאהר 1912, ווען אלע שניידער ארבייטער פון גרייטער ניו יארק האבען זיך געגרייט צום סטרייק הגדול, זיינען אלע וועסט־מאכער פון אלע עקען פון שטאדט זיך צוזאמענגעקומען, אפילו די אונגארישע וועסט־מאכער פון די ביליגע ליין ארבייט, וועלכע זיינען צוואנציג יאהר געווען אפגעזונדערט פון דער אלגעמיינער וועסט מייקערס יוניאן, האבען זיך ערב יענעם גרויסען סטרייק אנגעשלאסען אין לאקאל 16 וועסט מייקערס יוניאן.

די וועסט מייקערס יוניאן האט אין יאהר 1913 גענומען א גרויסען אנטייל אין דעם וואונדערבארען סטרייק פון די 100 טויזענד שניידער ארבייטער. זייער פיהרער איז געווען לואיס צוקערמאן,

אַליין א שאַפּ ארבייטער. צוקערמאַן האָט 15 יאָהר פּארטראָטען זיין יוניאָן און אין יענעם סטרייק פון 1913 איז ער געווען איינער פון די הויפּט פירערס פון דער פּיקעט־קאָמיטע.

די וועסט־מאַכער יוניאָן האָט אין 1913 געוואונען די גרעסטע טייל פון איהרע פאָדערונגען, וואָס זי האָט ארויסגעשטעלט, ווייל גראָדע פאַר'ן סטרייק איז אין דער מאָדע אריין, אַז מענער זאָלען טראָגען סוטס, וועלכע האָבען וועסטען. דיזע יוניאָן איז נאָכ'ן סטרייק געווען שטארק אָרגאַניזירט און זי באַשטעהט פון 3 לאָקאַלס — לאָקאַל 16 אפּעריירטאָרס אין ניו יאָרק, לאָקאַל 186 פּרעסערס און לאָקאַל 262 ברוקלינער אפּערייטאָרס. דער פּיהרער פון דער ברוקלינער וועסט מאַכער יוניאָן איז געווען ס. מאַנאַט.

---

## די שוירט מאַכער יוניאָן.

די ערשטע שוירט (העמדלאַך) ארבייטער יוניאָן אין ניו יארק, איז געגריינדעט געווארען אין יאהר 1884.

דער שוירט מאַכער טרייד איז איינער פון די עלטסטע טריידס, ביי וועלכע אידישע ארבייטער זיינען געווען באַשעפטיגט אין ניו יארק.

ביז די 80ער יאָהרען פלעגען די שוירט פאַבריקאַנטען אין ניו יארק באַשעפטיגען דורכאויס אמעריקאנער מיידלאַך, וועמען זיי פלעגען צאָלען צו 5־6 דאָלער א וואָך.

די אידישע אימיגראַנטען האָבען אָבער באַשאַפען נאָך אַ ביליגערען ארבייטס־מארקעט. זיי האָבען געארבייט פאַר 3־4 דאָלער א וואָך.

די מעהרסטע שוירט פאַבריקאַנטען זיינען דאַן געווען דייטשע יאָ־הודים, וועלכע האָבען זיך „געזאָרגט" פאַר די אָרימע אידישע אימיגראַנ־טען, וועמען זיי האָבען אריינגענומען צו זיך אין די שעפּער.

די אַמעריקאַנער מיידלאַך, דערזעהענדיג, ווי די „גרינע" קומען ארבייטען אין שאַפּ, האָבען זיך ענטזאָגט צו ארבייטען מיט זיי צוזאַ־מען אין איין שאַפּ.

די פאַבריקאַנטען האָבען זיך אָבער אַן עצה געגעבען: זיי האָבען גענומען ארויסגעבען ארבייט צו קאָנטראַקטאָרס אַהיים. פון דעם האָט זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט ביי העמדער די סיסטעם פון הויז־ארבייט. די קאָנטראַקטאָרס זיינען אויך געווען פון יענע „גרינע" אימיגראַנטען, וועלכע האָבען געוואוינט אין 2־3 צימערען אויף דער איסט־סאַיד פון ניו יארק. די „גרינע" אינטעליגענטען וועלכע פלעגען אָנקומען צו דיזע שוירט קאָנטראַקטאָרס צו דער ארבייט, פלעגען איינצאָהלען דעם ניי־מאַשין־

אגענט 5 דאָלער, און ער פלעגט זיי געבען א מאַשין אויף אָפּצאָהלען. אזוי איז מען געוואָרען אן אפּערייטאָר ביי העמדלאך פאר קלאָגעדיגע שכירות. די ארבייט צו נייען די העמדלאך פלעגט זיין צוטיילט: איינער פלעגט נייען דעם קאָלנער, א צווייטער די מאַנישקע, א דריטער די ארבעל א. אז. וו.

צווישען די ערשטע אידישע אימיגראַנטען, וואס האָבען דעמאָלט געאַרבייט ביי די העמדלאך, זיינען געווען די דעמאָלסדיגע יונגע אינטע־ליגענטען־סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, מ. זאמעטקין, מאָרים היל־קוויט, לואי מילער, י. מאגידאָוו, ר. לואיס, ה. לינטוואראָף (יעצט לינט), טש. שטיינברוק און פילע אנדערע.

דיזע אינטעליגענטען האָבען דאָס אין 1884 יאהר געגרינדעט די ערשטע יוניאָן פון שוירט־מאַכער, אין וועלכער די קאָנטראַקטאָרס זיינען אויך געווען מיטגלידער.

אזוי ווי די אינטערעסען פון די ארבייטער זיינען געווען געגען די אינטערעסען פון די קאָנטראַקטאָרס, האָבען זיי ניט געקענט הויזען צוזאַ־מען אין איין יוניאָן, און די יוניאָן איז דעריבער באַלד אונטערגעגאַנגען. ווען דיזע יוניאָן האָט זיך שפּעטער ווידער אָרגאַניזירט, האָט זי שוין די קאָנטראַקטאָרס מעהר ניט אריינגענומען.

די נייע יוניאָן איז געוואַקסען, און אין יאָהר 1886 איז זי שוין גע־ווען פאַרטראָטען אין דער סענטראַל לייבאָר יוניאָן, די צענטראַלע קער־פּערשאַפט פון אַלע אַמעריקאַנער און אידישע יוניאַנס פון ניו יאָרק.

אויך די צווייטע יוניאָן איז צופאַלען געוואָרען, און א געוויסע צייט האָט קיין שוירט מאכער יוניאָן ניט עקזיסטירט. אין 1887־טען יאָהר, ווען די פאַבריקאַנטען האָבען געוואָלט פאַרקלענערען די שכירות און עס האָט אויסגעבראָכען א גרויסער סטרייק, וועלכער איז געוואונען געוואָרען פון די שוירט ארבייטער, וואָס האָבען געאַרבייט אין ראָהוויי, ניו דזשוירזי, ניט ווייט פון ניו יאָרק, האָבען די ניו יאָרקער שוירט מאכער ווידער זיך אָרגאַניזירט אין א יוניאָן צוזאַמען מיט די קאָנטראַקטאָרס.

אויך אין דיזער יוניאָן פלעגען פאָרקומען שטרייטיגקייטען צווישען די ארבייטער און די קאָנטראַקטאָרס און צוליב דעם איז אויך דיזע יוניאָן, וועלכע האָט עקזיסטירט בלויז א קורצע צייט, אונטערגעגאַנגען.

אין אָקטאָבער פון זעלבען יאָהר, צו דער צייט ווען עס האָבען זיך געגרינדעט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט דיזע קער־פּערשאַפט געגרינדעט א שוירט מאכער יוניאָן, וועלכע האָט עקזיסטירט 5 יאָהר צייט.

פון 1893 ביז 1904 איז די שוירט מאַכער יוניאָן דריי־פיר מאָל אויף ס'ניי אָרגאַניזירט געוואָרען און יעדעס מאָל איז זי אונטערגעגאַנגען.

ערשט אין יאָהר 1904 איז די שוירט מאַכער יוניאָן ווידער אָרגאַניזירט געוואָרען אונטער דער „אינטערנעשאָנאַל יוניאָן פון שוירטס, וויסטס און לאַנדרי ארבייטער". גראָדע דעמאָלט איז אין מענער העמדער פאַך פאָר־געקומען אַ גרויסע ענדערונג, עס זיינען איינגעפירט געוואָרען נייע מאַשינען.

די אינדוסטריע פון שוירט מאַנופעקטשורינג איז אין דיזען לאַנד שטאַרק אַנטוויקעלט. די העמדער געהען ניט נאָר פאַר אַמעריקא, נאָר אויך פאַר אייראָפּעאישע לענדער: ענגלאַנד, פראַנקרייך, שפּאַניען און איבעראַל.

די ביזנעס פון פאַבריצירען העמדער איז דאָ זעהר אַ גוטע, זי גיט גרויסע פּראָפיטען. די ארבייטער אָבער האָבען וועניג פון דעם, זיי באַקומען גאַנץ קליינע שכירות.

די שוירט מאַנופעקטשורערס האָבען ביי זיך אין די אינסייד שעפּער איינגעפירט די סעקשאָן סיסטעם. יעדע העמד געהט דורך אַנשטאָט פינף גאַנצע צוואַנציג הענט. אזא פאַרטיילונג פון דער ארבייט אויף אַזעלכע אומבאַדייטענדע טיילען, האָט געפירט צו דעם, אַז עס נעמט יעצט בלויז איינציגע טעג אויסצולערנען זיך די ארבייט.

די אַמעריקאַנער און איטאַליענער מיידלאך, וועלכע ארבייטען אין דיזע סעטס, קריגען באַצאָהלט אַלע פון וואָך. גלייך ווי זיי קומען אָן אין שאָפּ צו דער ארבייט באַקומען זיי דריי דאָלאַר אַ וואָך.

גוטע ליין שוירטס ווערען שוין ניט געמאַכט פון סעטס, נאָר פון איינצעל־נע ארבייטער. ארויסצובריינגען אַ גוטע און שעהן געמאַכט העמד פאָדערט זיך שוין די האַנט פון אַ גוטען אַרבייטער, וואָס קען מעהר ווי איין אָפּטיילונג. אַזעלכע הענט זיינען פאַראַן ביי די קאָנטראַקטאָרס. עס נעמט פון אַ האַלב יאָהר ביז אַ יאָהר צייט איידער מען לערענט זיך אויס צו אַרבייטען ביי דיזער גוטער ליין.

אין וואָס פאַר אַ לאַגע די שוירט־מאַכער יוניאָן האָט זיך געפונען פאַר'ן סטרייק, קען דינען דער פאָלגענדער פאַקט:

דאָס איז געווען אין יאָהר 1911. איך בין דאַן געווען דער סעקרעטאַר פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען; מיר זיינען דאַן געווען טאָג און נאַכט ביזי מיט אָרגאַניזירען נייע יוניאָנס און פיהרען גענעראַל סטרייקס. אין איין פריהמאָרגען איז צו מיר געקומען הערי גילמאַן, אַ דעלע־גאַט פון דער שוירט מאַכערס יוניאָן, און האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז זייער יוניאָן געפינט זיך אין אַ שלעכטען צושטאַנד, ווייל די ארבייטער שליסען זיך אָן איהר ניט אָן, און די ארבייטס באַדינגונגען אין די העמדער

שעפּער זיינען דאריבער זעהר טרויעריגע. ער האָט מיר דערצעהלט, אז די צרה ביי זיי אין טרייד איז, וואָס די שוירט מאַכער פון די פאַרשידענע סאָרטען ביליגע העמדער האָבען באַזונדערע קלייזלאַך. אזוי, צום ביישפּיל, האָט דער דעלעגאַט מיר דערצעהלט, אז ער האָט ערפאַהרען, אז אין 56 אָרטשארד סטריט מיטען אין געהיים די „פּוינטעל" מאַכערס (דאָס זיינען די אַרבייטער, וועלכע נייען די ביליגסטע העמדער, וואָס מען פלעגט דאַן קויפען אין האָלסייל צו 25 סענט א העמד*) און זיי, א 50 אַרבייטער, מיטען מיט דער מאַכט פון אַן אַלטען טשאַרטער, וועלכען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט זיי אַרויסגעגעבען מיט 20 יאָהר צוריק.

— סטייטש, האָט זיך געהיצט דער דעלעגאַט פון דער אנערקענטער שוירט מאַכער יוניאָן, מיר צאָהלען בייטרעגע צו די געווערקשאַפטען, אונז האָט איהר געגעבען א נייעם טשאַרטער, און זיי צאָהלען קיינעם ניט, און מיטען מיט אייערען אַן אַלטען טשאַרטער, און זיי האָבען א באַזונדער קלייזעל.

איך האָב איהם געראַטען, אז ער זאָל עס פאָרברענגען ביים מיטינג פון די געווערקשאַפטען, וואו מען וועט קענען נעמען א שטעלונג, ווי אזוי צו העלפען זיי אָרגאַניזירען איין שטאַרקע יוניאָן פון שוירט אַרבייטער.

איידער איך געה ווייטער, וויל איך באַמערקען, אז פאַר פילע יאָהרען האָבען אונזערע אַרבייטער געלעבט אונטער דעם איינדרוק, אז קיין אָרגאַניזאַציע, סיי א יוניאָן און סיי אַן אונטערשטיצונגס פאַראיין, טאָר ניט פאַרזאַמלען זיך אָהן א טשאַרטער. און דערפאַר איז אין יענע יאָהרען א טשאַרטער געווען ביי יעדער אָרגאַניזאַציע די וויכטיגסטע זאַך.

ביים נעקסטען מיטינג פון די געווערקשאַפטען האָט הערי גילמאַן, דער דעלעגאַט פון דער שוירט מאַכער יוניאָן, געפאָדערט, אז מען זאָל ביי די „פּוינטעל" מאַכער, די שוירט מאַכער פון די ביליגע ליין אַרבייט, אַוועקנעמען דעם אַלטען טשאַרטער פון די געווערקשאַפטען און אין דער זעלבער צייט ווירקען, אז זיי זאָלען זיך אָנשליסען אָן דער אנערקענטער יוניאָן.

די געווערקשאַפטען האָט גלייך באַשטימט א קאָמיטע פון צוויי צו אונטערזוכען די אנגעלעגענהייט.

אין א מיטוואָך אָוועגט זיינען מיר אַוועק אין האָל פון 56 אָרטשארד סטריט, וועלכער איז דאַן אונז אַלעמען געווען גוט באַקאַנט, ווייל מיר פלעגען

---

*) דעם נאָמען „פּוינטעל" האָט מען געגעבען דיזע ביליגע ליין העמדער דערפאַר, וואָס דער פּרייז, וועלכען מען פלעגט אין יענע יאָהרען צאָהלען, איז געווען אַזוי קליין, אז דער אַפּערייטאָר פלעגט דעם אַרבעל ניט אַרומשניידען ער זאָל זיין קיילעכדיג, אַזוי אַז ער פלעגט אַרויסקומען מיט א שפּיץ, מיט א „פּוינט". דערפון שטאַמט עס דער נאָמען „פּוינטעל" מאַכער.

דאָרטען פאַרברענגען טאָג און נאכט ביים אָרגאַניזירען יוניאָנס און קנעלען מיט סטרייקענדע ארבייטער. יענע מיטינג האָלס זיינען געווען אַלטע, מיט אָפּגעריסענע ווענט, די פּאָדלאָגע שמוציג, קיינמאָל ניט געוואשענע, אין דעם גאנצען בילדינג האָט זיך שטענדיג געטראָגען אַ שלעכטער גערוך פון די קלאָזעטס. ארויפגעהן אין האָל האָט מען באדארפט אויף שמאָלע הילצערנע טרעפּ, און שטענדיג איז דאָרט געווען פינסטער.

ארייגקומענדיג אין האָל אויפ'ן טאָפּ פלאָר צום מיטינג פון די „פּוינטעל" מאכער, האָבען מיר דאָרטען געטראָפען אַ 40—50 מענשען, מייסטענס שוין עלטערע ארבייטער, באַבערדעלטע, מיט אויסגעצעהרטע פּנים'ער און אָרעם געקליידעטע. מיר האָבען געוואַרט אַ צייט ביז דער מיטינג האָט זיך געעפענט.

אַן עלטערער מענש, אַ שוואַכער, מיט אַ שוואַרצער באָרד שוין פול מיט גרויע האָר, איז ארויף אויף דער פּלאַטפאָרמע און האָט געעפענט די פאַרזאַמלונג. די ערשטע זאַך האָט ער אויפגעפאָדערט אַלע אנוועזענדע זיך אויפצושטעלען פאַר די געסט פון די געווערקשאַפטען. די ארבייטער האָבען געפאָלגט דעם טשערמאַן און גלייך האָט מען דער קאָמיטע געגעבען דאָס וואָרט. מיר האָבען זיי ערקלערט, אַז די געווערקשאַפטען רעכענען, אַז עס איז ניט רעכט און ניט פּראַקטיש צו האָבען אַ באַזונדערע יוניאָן, און דעם אַלטען „טשאַרטער", וואָס מיר האָבען אַמאָל ארויסגעגעבען ניט צו זיי, טאָרען זיי ניט האַלטען, ווייל די אמת'ע שוירט מאכער האָבען דעם ריכטיגען טשאַרטער און אַז די געווערקשאַפטען גיט בלויז איין טשאַרטער צו איין יוניאָן פון יעדען טרייד. מיר האָבען זיי געראַטען, אַז זיי זאָלען זיך אָנ־שליסען אָן דער שוירט מאַכערס יוניאָן.

אונזערע רייד האָט זיי ווי אַ דונער געטראָפען. עס האָט זיך גלייך אָנ־געפאַנגען אַ „דיסקוסיע". די „פּוינטעל" מאכער האָבען אַלע מיט אַמאָל געוואָלט ריידען. זיי האָבען אויפ'ן קול געשריען, אַז די „פּוינטעל" מאכער קענען ניט באַלאַנגען אין איין יוניאָן מיט שוירט ארבייטער, וואָס מאַכען העמדער, וועלכע פאַרקויפען זיך פאַר אַ דאָלאַר און מעהר אַ העמד.

און דער טשערמאַן פון מיטינג האָט זיך פּשוט צוואויינט:

— „ברידער געווערקשאַפטען", האָט דער אַלטער ארבייטער געבליפּעט, האָט רחמנות און נעמט ניט צו דעם טשאַרטער, דאָס אַלטע שטיקעל צוריסענע פּאַפּירעל, פון אונז, ווייל מיט דער קראַפט פון דעם פּאַפּירעל האַלטען מיר דאָ די מיטינגען, וואו מיר טרייען זיך באַשציען געגען דער שרעקליכער אונ־טערדריקונג פון אונזערע באָסעס, די שוירט קאָנטראַקטאָרס. אונזערע פאַר־דינסטען זיינען ניט מעהר ווי 4—5 דאָלאַר אַ וואָך. די ארבייטס שטונדען אונזערע זיינען שרעקליך לאַנג, אָבער פאַר אונז, „פּוינטעל" מאכער, זיינען

זײ ניט געגוג אויפצומאַכען אַזוי פיל אַרבײט, צו האָבען פאַר אונזערע פאַ־מיליען צו מאַכען אַן אָרימען לעבען. אונזער אײנציגע טרײסט איז, וואָס מיר קומען זיך צוזאַמען יעדע וואָך דאָ און מאַכען אָפּ צווישען זיך ניט דער־לאָזען צו שנײדען אונזערע שכירות. מיר קענען ניט צאָהלען קײן גרויסע וועכענטליכע דיוס. אַ ניקעל (פינף סענט) אַ וואָך צאָהלען מיר. און צום סוף קומט איהר בײ אונז צונעמען דעם „טשאַרטער". אַזוי שנעל ווי די באָסעס וועלען זיך דערוויסען, וועלען זײ אונז אָפּסטאַפּען, אַז מיר זאָלען ניט קענען זיך פאַרזאַמלען.

נאָך איהם זײנען אײנער נאָכ'ן צווײטען די „פוינטעל" מאַכער אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע און האָבען גענומען מאָהלען בילדער פון לײדען און אָרעמקײט. אײניגע האָבען זיך געבײזערט אויף אונז, אַנדערע האָבען גע־בעטען רחמים. מיר, די קאָמיטע לײטע, האָבען זיך געפיהלט זעהר שלעכט, און אום צו באַרוהיגען די איבערגעשראָקענע אָרימע אַרבײטער, האָב איך זײ ערקלערט, אַז מיר וועלען נאָך הײנט ניט אַוועקנעמען דעם טשאַרטער, מיר וועלען זײ אַפריהער געבען צײט צו ווערען אמת'ע יוניאָן לײט.

די אידען אָבער, די אומגליקליכע אַרבײטער, האָבען געוואָלט פאַר אונז אויסדערצעהלען זײערע צרות און זײ האָבען גערעדט און גערעדט. אונז איז געוואָרען ביטער אויפ'ן האַרצען. מײן קאָלעגע האָט זיך ענדליך אויפגע־הויבען און ערקלערט, אַז ער מוז געהן אַהײם, ווײל ער מוז מאָרגען פריה געהן צו דער אַרבײט אין שאַפּ אַרײן.

מיט אַמאָל האָט גענומען שטיקען אַ רויך. איך מאַך אויף די טיר פון אַרויסגאַנג און איך זעה, אַז עס איז אַ גרויסער פײער. „עס ברענט!" — שרײט מײן קאָלעגע צו מיר, און איך צו איהם: „לאָמיר לויפען זיך ראַ־טעווען!" מיר געהען אַרויס פון האָל און לאָזען זיך צו די טרעפּ, אַ סך מענשען שטופּען זיך, אָבער דאָ אין מיטען אויף די טרעפּ שטעהען יונגע באַנדיטען מיט די געזיכטער צו אונז און לאָזען קײנעם ניט געהן.

— לײדיגט אויס אײערע פּאַקעטס און גיט גלײך אַהער אַלעס וואָס איהר האָט דאָרט, אַ ניט לאָזען מיר אײך ניט אַרונטערגעהן! — קאָמאַנ־דעוועט אײנער פון זײ. און מיר האָבען זיך ניט געקענט העלפען. מען האָט בײ מיר מײנע קעשענעס אויסגעלײדיגט, און וואהרשײנליך בײ אַלעמען פון אונז. איך האָב זיך געהאַלטען צוזאַמען מיט מײן צווײטען קאָמיטע מאַן, בר. קופּערמאַן, און אַזוי זײנען מיר אין גרויס שרעק קוים אַרויס אין גאַס.

איך מוז זיך איצט מודה זײן, אַז איך האָב קײנמאָל קײן באַריכט ניט אָפּגעגעבען בײם מיטינג פון די געווערקשאַפטען וועגען די „פוינטעל" מאַכער. איך האָב פשוט קײן האַרץ ניט געהאַט צו צונעמען בײ די אָרימע „פוינטעל"

מאַכער זייער איינציגע טרייסט אין לעבען... דעם אַלטען טשאַרטער, וואָס די געווערקשאַפטען האָט מיט צוואַנציג יאָהר פריהער ארויסגעגעבען גאָר צו אַנדערע אַרבייטער. ערשט מיט יאָהרען שפּעטער זיינען זיי טאַקע אַריין אין דער אנערקענטער יוניאָן.

זעהר אָפט דערמאָן איך זיך וועגען פאַרשידענע קאָמישע און טראַגישע פּאַסירונגען, וועלכע איך האָב דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע עטליכע און פערציג יאָהר אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג, אָבער יעדען מאָל, ווען אין מיין זכרון שווימט אַרויף יענער מיטינג פון די „פוינטעל" מאַכער, געהט אַ שוידער מיר אַריבער איבער'ן לייב.

* * *

אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה איז ביים שוירט פאַך געווען אַ סך אַרבייט. מען האָט געמאַכט אַ סך העמדער פאַר די סאָלדאַטען. צו יענער צייט איז אין ניו יאָרק די שוירט מאַכער יוניאָן געווען שטאַרק אָרגאַ-ניזירט און די אַרבייטער האָבען דאַן אויסגעקעמפט העכערע שכירות. יעצט ווערען די גרעסטע צאָהל העמדער פאַר אַמעריקא פאַבריצירט אין די קליינע שטעדטלאַך.

די העמדער מאַכער יוניאָן איז אימער געווען פאַרבונדען מיט'ן פאַר-באַנד פון די שניידער אַרבייטער. פריהער מיט די „יונייטעד גאַרמענט וואָר-קערס" און לעצטענס מיט דער „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס יוניאָן".

---

## דער סטרייק הגדול פון די ניו יאָרקער שניידער אַרבייטער אין 1913.

ווי איך האָב שוין דערצעהלט אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען, האָט מען נאָך מיט איבער 50 יאָהר צוריק זיך אנגעשטרענגט צו אָרגאַניזירען די שניידער אַרבייטער. דאָס האָט זיך אין די פילע יאָהרען קיינמאָל ניט איינ-געגעבען. דאָ און דאָרט פלעגט מען אָרגאַניזירען אַ שניידער יוניאָן. יעדען אָנפאַנג פון ברען-סיזאָן פלעגט די שניידער יוניאָן רופען אַ „דזשענעראַל סטרייק", פלעגט סעטלען געוויסע שעפּער, און נאָכ'ן סיזאָן פלעגט ווערען אויס יוניאָן. ביים נייעם סיזאָן פלעגט מען ווידער רופען אַ „דזשענעראַל סטרייק" מיט די זעלבע רעזולטאַטען. איין גוטע זאַך אָבער האָבען די אַמאָליגע שניידער יוניאָנס יע אויפגעטאָן: נאָך מיט יאָהרען צוריק האָט די שניידער יוניאָן איינגעפיהרט וואָך אַרבייט אין געוויסע צווייגען פון פאַך, אַנשטאָט ציל אָדער שטיק אַרבייט. דאָס איז אָבער ניט געווען אין אַלע ליינס אַרבייט. ביי הויזען, וועסטען, קינדער הייזקעס און אַנדערע ליינס

האָט מען די גאַנצע צײַט ווײַטער געאַרבייט פון שטיק. דערפאַר אָבער זײַנען די אַרבייטער שכירות אין אַלע אָפּטיילונגען פון שנײַדער פאַך געווען קלאָגעדיגע. די באַהאַנדלונג פון די שנײַדער אין די שעפּער איז געווען כמעט אַן אוממענשליכע. די שנײַדער אַרבייטער האָבען שטענדיג געשריען, אַז זיי קענען קיין לעבען ניט מאַכען.

שלעכט איז געווען די לאַגע פון די שנײַדער אַרבייטער, וואָס האָבען געאַרבייט אין די קליינע שעפּער, אָבער נאָך ערגער איז געווען די לאַגע פון די אַרבייטער, וואָס האָבען געשקלאַפּט אין די גרויסע קליידער פאַבריקען, וואו עס זײַנען געווען באַשעפטיגט פון פינף הונדערט ביז אַ טויזענט אַרבייטער אין איין שאַפּ. די שכירות זײַנען געווען שרעקליך קליינע. הײַנט די געזעצען, וואָס די מיליאָנערסקע פאַבריקאַנטען פלעגען אויף די ווענט פון זייערע שעפּער אויסקלעפּען, זײַנען פּשוט געווען ניט אויסצוהאַלטען.

די דעלעגאַטען פון די שנײַדער לאָקאַלס פלעגען בײַ די פאַרזאַמלונגען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען זיך באַראַטען וועגען דער טרויעריגער לאַגע פון די שנײַדער אַרבייטער. ווען זיי האָבען געזעהן, אַז מען האָט אין 1909 און אין 1910 דורכגעפירט אַזעלכע וואונדערבאַרע גענעראַל סטרייקס אין דער ליידיס ווייסט, קלאָוק, פאַר און אַנדערע אינדוסטריען, האָבען זיי גענומען פאָדערען, אַז מען זאָל זעהן עטוואָס טאָן אויך פאַר זיי. דאָס איז געווען נאָך אין יאַנואַר, 1911.

ווי שוין פריהער געזאָגט, זײַנען די שנײַדער אויך ניט געווען צופרידען מיט זייער אינטערנעשאָנאַל, די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס" (י. ג. וו.), וועלכע האָט, לויט זייער מיינונג, ניט געוואָלט מאַכען קיינע ערנסטע אָנשטרענגונגען צו אָרגאַניזירען די שנײַדער אינדוסטריע. די ניו יאָרקער שנײַדער אַרבייטער האָבען אָבער ניט גערוהט. זיי האָבען נאָך אין יאָהר 1907, מיט דער הילף פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, אַרויסגערופען גרויסע שאַפּ סטרייקס. די ניו יאָרקער לאָקאַל יוניאָן, די „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס", האָט דאַן אַרונטערגענומען אין סטרייק אַ גרויסע צאָהל שעפּער. צווישען זיי האָבען זיך געפונען אייניגע לייבעל שעפּער, וואָס האָבען געהאַט געסעטעלט פריהער מיט די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס" און האָבען געהאַט אַגרימענטס. און דערפאַר ווײַל די שנײַדער אַרבייטער האָבען אַרונטערגענומען אין סטרייק די פאַר געסעטעלטע יוניאָן לייבעל שעפּער, האָט מען די אַלע טויזענטע סטרייקענדע שנײַדער אין מיטען קאַמף אַרויסגעוואָרפען פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס". דאָך איז יענער סטרייק אין אָנפאַנג געוואונען געוואָרען אין פילע שעפּער, אָבער צוליב דער שטערונג פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס" האָבען שפּעטער די שנײַ־

דער אַרבייטער אַלץ צוריק פאַרלאָרען. די פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען איז אין יענעם קאַמף, סיי געגען די קליידער פאַבריקאַנטען און סיי געגען די קאָנסערוואַטיווע „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס", געשטאַנען מיט די שניידער אַרבייטער ביז'ן סוף.

די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס" האָבען דאַן געגרינדעט אַן אָפּאָזי־ציאָנס יוניאָן געגען דער אויסגעשלאָסענער „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס", וועמעס פירער עם זיינען געווען ג. וו י ש נ י א ק און ק אָ ה ן, וועלכע האָבען אָרגאַניזירט אַ צימליך גוטע שניידער יוניאָן. זיי האָבען געקראָגען די פולע שטיצע פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. די אינדע־פענדענט בראָדערהוד אָוו טיילאָרס האָט זיך אויך אין אַ צייט אַרום געהאַט פאַרבונדען מיט איינעם אַ געוויסען ה ע ר י  וו ה י י ט, אַ קאַטער, וועל־כער איז אַ געוויסע צייט געווען דער סעקרעטאַר פון די „יונייטעד גאַר־מענט וואָרקערס אָוו אַמעריקא." די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט אָבער קיין צוטרוי ניט געהאַט צו הערי ווהייט און זי האָט די „בראָ־דערהוד אָוו טיילאָרס" דאַן אויסגעשלאָסען. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז דיזע יוניאָן זאָל אָפּגעשוואַכט ווערען.

אין אַ קורצער צייט אַרום, אין יאָהר 1908, האָט די אויסגעשלאָסענע „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס" שלום געמאַכט מיט די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס", וועלכע האָבען געהאַט אָרגאַניזירט אַ לאָקאַל פון רעק שניידער, וואָס האָבען געאַרבייט רעק מיט'ן יוניאָן לייבעל.

אין אָקטאָבער 1910 האָט אין ניו יאָרק ווידער אויסגעבראָכען אַ גענע־ראַל סטרייק פון די רעק שניידער, מיטגלידער פון די „בראָדערהוד אָוו טיי־לאָרס" פון ניו יאָרק. די הויפּט פאָדערונג איז געווען 53 שטונדען אַ וואָך אַרבייט. עס האָט ניט גענומען לאַנג און מען האָט ווידער געסעטעלט מיט 300 שעפּער. באַלד אָבער איז פון דעם זיג קיין זכר ניט געבליבען. די אורזאַכע פון דעם איז געווען, וואָס די שניידער זיינען ניט געווען גוט אָרגאַניזירט.

ענדע 1910 און אין אָנפאַנג 1911 האָבען אין שיקאַגאָ געסטרייקט צוואַנציג טויזענט שניידער אַרבייטער. אין יענעם סטרייק האָבען זיך די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס" גאַנץ וויינינג געמישט. די שיקאַגאָ'ר סענ־טראַל פעדערייש<binary data, 1 bytes>אָן אָוו לייבאָר, די „וויִמענס טרייד יוניאָן ליג" און די גאַנצע שיקאַגאָ'ר אַרבייטער באַוועגונג האָבען געהאָלפען יענעם שניידער סטרייק. בלויז די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס" האָבען ניט געוואָלט העלפען דעם סטרייק.

דער סטרייק האָט זיך געענדיגט אין יאַנואַר פון יאָהר 1911, און דאָס

איינציגע געווינס איז געווען דער אגרימענט מיט דער פירמע „הארט שאפנער און מארקס". די ארבייטער האבען געהאט צעהן טעג צייט צו מעלדען זיך פאר ארבייט. די מעהרסטע האבען צוריקגעקראגען זייערע שטעלעס און די יוניאן האט זיך גלייך גענומען ארגאניזירען די ארבייטער אין די שעפער.

צום ערשטען מיטינג פון שיקאגא'ר שניידער לאקאל, גלייך ווי דער סטרייק האט זיך געענדיגט, זיינען געקומען 14 נייע מיטגלידער. מיט דער צייט אבער האבען די ארבייטער פון „הארט,שאפנער און מארקס" זיך גענומען מאסענווייז אנשליסען אן דער יוניאן.

די ארבייטער פון „הארט, שאפנער און מארקס" זיינען געווען צוטיילט אויף דריי קלאסען: א יוניאן גרופע; א געמישטע גרופע פון יוניאן און ניט־יוניאן לייט; און א גרופע פון דורכאוים ניט־יוניאן לייט. ביסלאכווייז האט די יוניאן דורך די יאהרען 1911, 1912 און 1913 דורכגעטראטען זיך א וועג. ביסלאכווייז האבען זיך די דריי קלאסען צוזאמענגעגאסען ביז זיי זיינען ענדליך געווארען א יוניאן גרופע. לויט א שטודיום וועגען „הארט, שאפנער און מארקס", וואס ב. אימעט האט געמאכט פאר דער יונייטעד סטייטס ביורא פון לייבאר סטאטיסטיק אין יאהר 1914, זיינען אין יעדער אפטיילונג געווען ניט וויי־ניגער פון 77 פראצענט יוניאן ארביי־טער; פון די קאטערס זיינען געווען יוניאניזירט 94 פראצענט, פון די וועסט־מייקערס—96 פראצענט און פון די קאוט־מייקערס—91 פראצענט. די צאהל מיטגלידער פון די צוויי גרעסטע לאקאלען, 39 און 144, איז געווען 2,500 אין יאהר 1914.

* * *

אין מאנאט מאי, פון יאהר 1911, האבען די ניו יארקער שניידער איינבארופען א קאנפערענץ אין פילאדעלפיא, וואו עס זיינען געווען פארטראטען א גרויסע צאהל לאקאלס פון לאנד. דארט איז באשלאסען געווארען צו גרינדען א שניידער קאונסיל איבער'ן גאנצען לאנד און אין קענעדע. נאך פילע היציגע דעבאטען איז אויף יענער קאנ־ווענשאן באשלאסען געווארען, אז די שניידער יוניאנס זאלען ניט רוהען ביז זיי וועלען ניט ארגאניזירען די ארבייטער פון דער גאנצער אינדוסטריע אין אלע צענטערס פון לאנד. עס איז אויך אנגענומען געווארען א רעזאלוציע אויפצופאדערען זייער אינטערנעשאנאל יוניאן, די „יונייטעד גארמענט וואר־קערס אוו אמעריקא", אז זי זאל גלייך אנשטעלען גענוג פעהיגע ארגאני־זאטארס צו פאראייניגען אלע שניידער ארבייטער און זיי פארברייטען פאר דעם קומענדען גרויסען קאמף.

די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ, וועלכע האָט געגרינדעט דעם שניידער „קאָונסיל", האָט געגעבען דעם ערשטען ריכטיגען שטויס צו פאַרווירקליכען דעם ציל, צו וועלכען די שניידער ארבייטער האָבען אין פאַרלויף פון פופציג יאָהר צייט געשטרעבט, נעמליך — צו אָרגאַניזירען די צעהנדליגע טויזענטער שניידער ארבייטער אין א שטאַרקער, דויערהאַפטער יוניאָן.

די קאָמיטע, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען אויף יענער קאָנפערענץ, האָט גלייך אָפּגעהאַלטען א זיצונג און באַשלאָסען צו פאָדערען ביי די גענע־ראַל באָאַמטע פון די „יונייטעד גארמענט וואָרקערס", אז זיי זאָלען באַ־שטימען מאַקס פיינ'ען אַלס הויפּט אָרגאַנייזער פון די ניו יאָרקער שניידער. דער דזשענעראַל סעקרעטאַר פון דער „יונייטעד גארמענט וואָרקערס", ב. לאַרדזשער, האָט גלייך איינגעווילינט צו באַשטימען א הויפּט אָר־גאַנייזער פאַר די שניידער, אָבער ווען א קאָמיטע פון די „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס", אין וועלכער דער שרייבער פון דיזע ציילען איז אויך אריין אַלס פאַרטרעטער פון די געווערקשאַפטען, האָט איהם געזאָגט, אז די שניידער ווילען האָבען מאַקס פיינ'ען פאַר דער ארבייט, האָט ער אין אָנפאַנג גאָר ניט גע־וואָלט הערען פון דעם, ווייל פיין איז געווען צו „רעוואָלוציאָנער" פאַר זיי. נאָכדעם אָבער האָבען מיר זיך געאייניגט אויף דעם, אז עס זאָלען זיין צוויי הויפּט אָרגאַנייזערס פון דעם קאַמפּיין, מאַקס פיין און ב. שוויי־צער. זייביידע האָבען געדאַרפט צוציהען אַלע נויטיגע קרעפטען אויף אָנצופיהרען דעם גאַנצען קאַמפּיין.

עס האָט גענומען איבער א יאָהר צייט ביז עס איז געלונגען די הויפּט אָרגאַנייזערס מיט דער הילף פון זייערע איבעריגע אָרגאַנייזערס (פרייוויליגע און באַצאָהלטע) אריינצוקריגען אין דער יוניאָן די שניידער ארבייטער פון די גאָר גרויסע און פון אַלע קלענערע שעפּער.

אין יענעם אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכענט אייק גאָלדשטיין, א שניידער ארבייטער, וועלכער איז געווען א טעטיגער מעמבער פון די „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס". גאָלדשטיין איז געווען א פאָלקס־רעדנער, אן איינפאַכער שאַפּ־ארבייטער. מיט זיינע רעדעס, וועלכע פלעגען קלאָר ארויסצייגען זיין ערנסטקייט און איבערגעבענהייט צו דער ארבייטער זאַך, פלעגט ער צוציהען מאַסען שניידער צו דער יוניאָן. נאָכ'ן סטרייק איז ער באַשטימט געוואָרען אַלס א יוניאָן אָרגאַנייזער. ער איז געווען אן אַנאַרכיסט. אין 1922 איז ער געשטאָרבען פון א קענסער.

אין נאָוועמבער 1912 איז שוין א גרויסע מאַסע פון די ניו יאָרקער שניידער פון אַלע פאַכען און אָפּטיילונגען פון דער אינדוסטריע געווען אין דער יוניאָן. טאָג און נאַכט האָט מען געהאַלטען שאַפּ מיטינגען. די באַ־

גייסטערונג צווישען די ארבייטער פאר א גענעראל סטרייק איז דאן געווען זעהר גרויס. ווען אלעס איז שוין געווען גוט צוגעגרייט האט די יוניאן געאָרדערט אן אָפּשטימונג וועגען א גענעראל סטרייק, און א גרויסע צאָהל שניידער ארבייטער האבען געשטימט פאר א סטרייק.

יענעם אָוועגט האט א גרויסע מאסע שניידער זיך פארזאמעלט אויף ראָטגערס סקוועיר אנטקעגען דער „פאָרווערטס" געביידע אין ניו יאָרק אויס־צוהערען דעם באריכט פון די שטימען־צעהלער. ווען די באאמטע פון דער יוניאָן האבען באקאנט געמאכט פאר דעם טויזענט־קעפּיגען עולם, אז די גרויסע מעהרהייט שניידער ארבייטער זיינען פאר א סטרייק, האט די גרויסע מאסע ארבייטער, וואס האט פארפלייצט דעם סקוועיר און העסטער פארק, אויפגעכאפּט מיט באגייסטערונג דעם געשריי: „סטרייק! סטרייק!" און דער געשריי האט אָפּגעקלונגען איבער דער גאנצער איסט סייד פון ניו יאָרק. דאס איז געווען א מערקווירדיגע סצענע.

אין א וואָך ארום איז ערקלערט געוואָרען דער גענעראל סטרייק, אָדער דער „סטרייק הגדול", ווי מען האט איהם גערופען. דאס איז פאָרגעקומען דעם 30טען דעצעמבער, 1912.

עס איז געווען א כמארנער טאָג. די ערוועהלטע הונדערטע קאָמיטעס האבען זיך צולאָזען איבער דער גרויסער שטאָדט ניו יאָרק און געטיילט די רויטע פּראָקלאמאציעס. דער רוף צום סטרייק האט געפונען א ווארימען אָפּקלאנג אין די הערצער פון די איבער הונדערט טויזענט שניידער ארבייטער פון גרייטער ניו יאָרק. אלע אידישע, איטאליענישע, פּוילישע און אנדערע שניידער־ארבייטער, פרויען און מענער, האבען ווי איין מענש פארלאָזען די שעפּער און האבען אוועקגעמארשירט אין די פארזאמלונגס פּלעצער, וועלכע די שניידער יוניאָן האט געדונגען פאר זיי. נאטירליך האט מען אזא גרויסע מאסע שעפּער ניט געקענט גרייכען אין איין טאָג. אָבער די גרעסטע צאָהל שניידער ארבייטער זיינען דאן ארונטער אין די ערשטע צוויי טעג. אין פאר־לויף פון דער וואָך זיינען אלע שניידער שעפּער פון ניו יאָרק אויסגעליידיגט געוואָרען.

אין רעדאקציע פון „פאָרווערטס" האט מען אוועקגעשטעלט צוויי לאנגע טישען, וואו אלע טשערלייט פון די פארזאמלונגס פּלעצער, אלע טשערלייט פון די קאָמיטעס, אלע באאמטע פון א 25 לאָקאלע יוניאָנס פון די סטריי־קענדע שניידער ארבייטער זיינען געזעסען אויסגעזעצט צוזאמען מיט דער אָפיציעלער פּרעס קאָמיטע פון סטרייק, מיט׳ן סעקרעטאר פון די פּאראיי־

ניגטע אידישע געווערקשאַפטען בראש און מען האָט געשריבען די נייס פון סטרייק. אַלע פּאַסירונגען פון לעצטען מעת־לעת וועגען די פּיקעט ליינס, וועגען די אַרעסטען, סעטעלמענטס, — אַלץ וועגען סטרייק. די מיטאַרביי־טער פון „פאָרווערטס" האָבען אַלעס רעדאַקטירט און דער „פאָרווערטס" איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ סטרייק אָרגאַן פון הונדערט און דרייסיג טויזענט קעמפענדע שניידער ארבייטער, מענער און פרויען פון אַלע נאַציאָ־נאַליטעטען. אויסער דעם איז געווען אַ ספּעציעלע פּרעס קאָמיטע, וועלכע פלעגט אַרויסגעבען די נייס פון סטרייק צו אַלע צייטונגען פון לאַנד.

די אַדמיניסטראַציע פון דעם ריזיגען סטרייק איז פאַרטיילט געוואָרען ווי פאָלגט: פּיקעט קאָמיטע, אינפאָרמאַציע קאָמיטע, שטיצע זאַמלונג קאָמיטע און רעדנער קאָמיטע.

אויפ'ן צווייטען טאָג פון סטרייק איז אין אָפיס פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען געקומען דער סעקרעטאַר פון דיסטריקט קאַונסיל פון אַלע שניידער יוניאַנס, ה. לאַוונער, אַ שניידער ארבייטער ביי קינדער־דזשעקעטס. ער איז געווען זעהר אַ פעהיגער באַאמטער, דאָך זיינען די שניידער אַרבייטער פון איהם ניט געווען באַגייסטערט, נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבען איהם גערעכענט פאַר איינעם פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס", פון זייער אינטערנעשאָנאַל יוניאַן, וועלכע זיי האָבען ניט ליב געהאַט, טיילוויז דערפאַר וואָס זיי זיינען קאָנסערוואַטיוו און טיילוויז דער־פאַר וואָס די שניידער האָבען געדענקט, אַז אַזוי ווי די מייסטע באַאמטע פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס" זיינען קאַטערס (צושניידערס), קימערען זיי זיך דעריבער ניט פאַר די אינטערעסען פון די שניידער. דער פּרעזידענט פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס", טאָם ריקערט, איז אַליין אַ קאַטער פון אַ שיקאַגאָ'ר לאָקאַל. דער דזשענעראַל סעקרעטאַר פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס", באַרני לאַרדזשער, אַן עלטערער שוין אָפּגעלעבטער מענש, איז אויך ביים טרייד אַ העמדער צושניידער.

לאַוונער, דער סעקרעטאַר פון ניו יאָרקער דיסטריקט קאַונסיל פון אַלע גאַרמענט וואָרקערס לאָקאַלס, האָט איבערגעגעבען צו די געווערקשאַפטען, אַז זיי זאָלען אָנפיהרען דיזע 4 קאָמיטעס, און איך אַלס סעקרעטאַר האָב עס ביי איהם איבערגענומען. איך האָב וועגען דעם אָנגעפרעגט ביים הויפּט פיהרער פון יענעם סטרייק, ביי מאַקס פיינ'ען, און ער האָט מיר געזאָגט בזה הלשון:

דו, ברודערקע, סעקרעטאַר פון די פאַראייניגטע געווערקשאַפטען, דו

האָסט געזעהן ווי אַלע דעלעגאַטען פון די געווערקשאַפטען האָבען געפיהרט דעם גאַנצען ליידים ווייסט מאַכער סטרייק פון 1909, וועלכער איז געווען דער ערשטער פון די גרויסע אידישע סטרייקס; דו האָסט געזעהן ווי די קלאָוק־מאַכער האָבען געהאַט זייער ריזיגען סטרייק אין 1910 און די דעלעגאַטען פון די געווערקשאַפטען האָבען דאָרטען דעם גרעסטען אַנטייל גענומען. אייערע דעלעגאַטען פון די געווערקשאַפטען האָבען געפיהרט דעם גרויסען פּאַריער סטרייק אין 1912 און אַצינד מוזען די געווערקשאַפטען שאַפען אַ ריזען־יוניאָן און אַ ריזען־פאַרבאַנד פון די 250 טויזענט מענער שניידער.

די עקזעקוטיווו קאָמיטע פון די געווערקשאַפטען האָט געהאַט אַ זיצונג און די אָנפיהרונג פון די 4 קאָמיטעס איז איבערגענומען געוואָרען פון די געווערקשאַפטען.

די סעטעלעמענט קאָמיטע און די סטרייק בענעפיט קאָמיטע, צוזאַמען מיט דער גענעראַל סטרייק קאָמיטע, זיינען פאַרוואַלטעט געוואָרען פון פאַרטרעטער פון אַלע סטרייקענדע יוניאָנס, צוזאַמען מיט די הויפּט באַאַמטע פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס".

איך וויל דאָ גלייך באַמערקען, אַז אין יענעם ריזיגען שניידער סטרייק פון 1913 זיינען געווען טעטיג אַ שיינע עטליכע הונדערט מענשען, און עס איז פאַרשטענדליך, אַז איך האָב ניט קיין מעגליכקייט יעדען איינעם צו דערמאָנען.

די סימפּאַטיע פון גרויסען עולם פון גרייטער ניו יאָרק איז דורכ־אויס געווען אויף דער זייט פון די אַרבייטער.

ניו יאָרק האָט שוין געזעהן אַלערליי שניידער סטרייקס, קלענערע און גרעסערע; אָבער אַזאַ מין סטרייק ווי יענער, אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט אַלע אָפּטיילונגען פון דער גאַנצער שניידער אינדוסטריע, האָט ניו יאָרק קיינמאָל ניט געזעהן.

די סטרייקערס זיינען געווען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען, וועלכע געפינען זיך נאָר אין ניו יאָרק. די גרעסטע צאָהל סטרייקער זיינען געווען אידען, דאַן זיינען געקומען איטאַליענער, ליטווינער, רוסען, פּאָליאַקען, דייטשען, בעה־מישע, אונגאַרען, גריכען, טערקען, פראַנצויזען, ענגלענדער און אַמערי־קאַנער.

יעדען מאָל ווען מען פלעגט אַרונטערנעמען אַ גרויסע שניידער פאַבריק פלעגען זיך אָפּשפּילען מערקווירדיגע סצענעס.

אָט איז אין ברוקלין געלונגען אַרונטערצונעמען איינעם פון די גרעסטע אינסייד שעפּער פון אַ באַוואוסטער גרויסער פירמע. אין דעם שאַפּ האָבען געאַרבייט פיר הונדערט איטאַליענער, אויסער אַרבייטער פון אַנדערע נאַ־

ציאָנען. מען האָט די אַרבייטער געבראַכט מיט גרויס פּאַראַד. ווען זיי האָבען אַריינגעמאַרשירט אין גרויסען האָל אַריין, איז איינער פון די סטרייק־קערס אַרויפגעשפּרונגען אויפ'ן פּלאַטפאָרם און האָט אין איטאַליעניש אויס־געשריען, אַז אין נאָמען פון די אַרבייטער פון זיין שאַפּ באַדאַנקט ער, וואָס מען האָט זיי אַרונטערגענומען אין סטרייק, ווייל עס איז שוין לאַנג צייט געווען דאָס צו טאָן, און דער רעדנער פרעגט דעם עולם, מיט וואָס זיי קענען אָפּדאַנקען. אַלס ענטפער שרייט אויס אַ צווייטער איטאַליענער, אַז אין ברוקלין איז פאַראַן נאָך אַ גרעסערער שאַפּ פון אַ באַוואוסטער קלאָדינג פירמע, וואו מען אַרבייט נאָך; זיי דאַרפען מען אויך ברענגען אַהער. „אָלרייט", הערט מען גלייך שטימען אויסשרייען אין אַלע שפּראַכען, און דער עולם פאַרמירט זיך אין רייהען און מען מאַרשירט צום פּלאַץ.

צוקומענדיג צום שאַפּ, וועלכער איז שוין באַלאַגערט מיט פּאָליציי און דעטעקטיווס, שטעלט מען זיך אָפּ. עס האָט ניט גענומען פיל צייט ווי אַ פּאָר שליחים פון די אַרבייטער פון דער פעקטאָרי קומען אַרונטער און גיבען אָפּ אַ באַריכט, אַז נאָך מיטאָג, אַזוי שנעל ווי מען וועט קריגען די פּעי, קומען אַלע אַרונטער און שליסען זיך אָן אין סטרייק.

די באַלעבאַטים און סופּעראינטענדענטס פון דער גרויסער קלאָדינג פירמע האָבען דערשמעקט, אַז זייערע אַרבייטער, מיט וועלכע זיי זיינען, דאַכט זיך, געווען זיכער, פאַרלאָזען זיי. די פאַרלייט פאַררופען די אַרבייטער אויף שנעל אין שאַפּ צו אַ מיטינג און איינער פון דער פירמע שטעלט זיך אַרויף אויף אַ טיש און האַלט אַ זיסע רעדע צו די אַרבייטער, דערצהעלענדיג זיי ווי גוט זיי זיינען אימער געווען צו זייערע אַרבייטער. „וואָס ווילט איהר אַצינד?" — רופט זיך אָפּ דער באָס. — „קורצע שטונדען? מיר גיבען אייך. בעסערע וועידזשעס? איהר קריגט עס גלייך". אין שאַפּ איז געוואָרען שטיל, אַלע האָבען איינגעהאַלטען די אָטעמס. מיט אַמאָל רופט זיך אָפּ אַ שטימע אין איטאַליעניש: „מי וואָנטא יוניאָנא". דער באָס ענטפערט: „וואָס דאַרפט איהר די יוניאָן, אַז איך גיב אייך אַלעס וואָס איהר פאַרלאַנגט, אַבי בלייבט אַרבייטען?" ענטפערט דער זעלבער איטאַליענישער אַרבייטער בזה הלשון: „איף יו גיוו אַס עווריטינג, סי די וואָקינד דעלעגאַטאַ, איט ווילי בי אָלראַיטאַ". דער באָס איז נאָך ניט געגאַנגען אין דער יוניאָן און די אַרבייטער זיינען אַלע ווי איין מאַן אַרונטער אין סטרייק.

אַזוי זיינען אַלע שעפּער אַרונטער.

היינט די באַגייסטערטע דעמאָנסטראַציעס, וועלכע די סטרייקערס פלע־גען מאַכען טאָג־טעגליך!

אין יענעם גלענצענדען קאמף איז באמת מקוים געווארען דער רוף פון דעם גרויסען ארבייטער־פאעט:

„מאן דער ארבייט, אויפגעוואכט
און ערקענע דיינע מאכט,
אלע רעדער שטעהען שטיל
ווען דיין שטארקער ארם נאר עס וויל”.

די נויט צווישען די סטרייקערס איז געווען זעהר גרויס. אויף דער צווייטער וואך פון סטרייק האט מען אין די פארזאמלונגס־פלעצער ערשט באקאנט זיך מיט דער אמת'ער לאגע פון די גרויסע מאסען שניידער אר־בייטער. און דאן האט מען דערזעהן, וואס פאר אן ארימקייט עס האט געהערשט צווישען די ארבייטער, וועלכע האבען באקליידעט כמעט א האלב אמעריקא. פילע פון די סטרייקערס האבען אויף דער צווייטער וואך פון סטרייק שוין ניט געהאט וואס צו עסען. דערצו האבען פילע סטרייקער נאך געקראגען „מוף־צעטלאך” פון די לענדלארדס, ווייל זיי האבען ניט געהאט מיט וואס צו באצאלען דירה־געלט.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען און די איסט־סאיד דיסט־ריקטען פון דער סאציאליסטישער פארטיי האבען ארגאניזירט קאמיטעס, צו וועלכע מען האט אויך צוגעצויגען אלע אנדערע ארבייטער ארגאניזאציעס און פארשידענע סעטלמענט־וואירקערס. מען האט גלייך געעפענט א רייע פרייע קיכען, וואו די סטרייקערס האבען יעדען טאג באקומען פרייע מאל־צייטען.

אלע אפטיילונגען פון דער ארבייטער באוועגונג — די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, די סאציאליסטישע פארטיי, דער „ארבייטער רינג” און דער „פארווערטס” האבען פארעפענטליכט אן אויפרוף צו אלע ארגא־ניזאציעס, אז זיי זאלען שטיצען דעם שניידער סטרייק.

די פרייע קיכען פאר די סטרייקענדע שניידער ארבייטער האבען דאן אנגעפיהרט די איסט־סאיד דיסטריקטען פון דער סאציאליסטישער פארטיי, וועמעס מיטגלידער האבען פיל געהאלפען אין די זאמלונגען פון געלט־שטיצע צווישען אלע ארבייטער און געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס. איי־נער פון די הויפט־טוער פון דיזער ס. פ. ארגאנאזיציע איז דאן געווען לואיס שייפער.

זעהר פיל געהאלפען דעם סטרייק האט דער „פארווערטס”. אויסער דעם, וואס ער איז געווען דער אפיציעלער קאמף־ארגאן פון די סטרייקערס, האט דער „פארווערטס” נאך אויך פון זיין אייגענער

קאַסע געשטיצט דעם סטרייק מיט פילע טויזענדער דאָלאַר. דער איצטיגער פּרעזידענט און מענעדזשער פון דער אמאַלגאַמייטעד באַנק אין ניו יאָרק, אַ ד אָ ל ף  ה ע ל ד  איז דעמאָלט געווען דער מענעדזשער פון „פאָרווערטס" און ער האָט אַ סך ארויסגעהאָלפען מיט ראַט און טהאַט דער סטרייק־קאָמיטע.

אַדאָלף העלד איז נאָך געווען אַ סקול באַי אין ני פענטס, ווען די אַגיטאַציע פון די אידישע סאָציאַליסטען אויף דער איסט סייד פון ניו יאָרק האָט איהם צוגעצויגען. ווען ער איז אַלט געווען 14־15 יאָהר איז ער געוואָרען אַ מיטגליד פון דער „סאָשעליסט ליטעראַרי סאָסייעטי" פון די יונגע סאָציאַליסטען אויף דער איסט־סאַיד. צו 20 יאָהר האָט מען איהם געמאַכט פאַר'ן מענעדזשער פון „פאָרווערטס". דאָס איז געווען אין 1906, ווען דער דעמאָלסטדיגער מענעדזשער, מאַרקוס יאַפע, האָט צוליב קראַנק־הייט געמוזט אויפגעבען זיין אַמט אלס מענעדזשער פון „פאָרווערטס". אַדאָלף העלד האָט די גאַנצע צייט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און די פירערס פון דער טרייד־יוניאַן באַוועגונג פלעגען אין צייט פון אַ שווערען קאַמף מיט איהם אָפט זיך בעראַטען.

ווי שוין פריהער געזאָגט, זיינען אין יענעם גרויסען שניידער סטרייק געווען טעטיג אַ שעהנע עטליכע הונדערט ארבייטער. איך וויל נאָך דער־מאָנען דאָ איינינע. דאָס זיינען: אַ ל ע ק ס  ק אָ ה ע ן, אַ פּרעסער בייט טרייד, אַ גוטער רעדנער, און ד ו ד  ו ו א ו ל ף; א י י ב  ה ע ר ש־ק א ו ו י ט ש, ד ז ש אָ ו  ג ו ד מ אַ ן,ביידע מעמבערס פון דער ס. פּ., און ל. ב אַ ר אָ ן, אַן אַנאַרכיסט. ל. באַראָן איז שוין איצט טויט.

פיל האָבען געהאָלפען אין דעם שניידער סטרייק דזשייקאָב פּענקין און וויליאַם קאַרלין, אויך פיאָרעלאָ לאַ־גאַרדיא, דער אדוואָקאַט פון דעם איטאַליענישען ברענטש פון די שניידער. לאַ גוואַרדיא איז איצט אַ מיט־גליד פון דעם אמעריקאַנער קאָנגרעס.

יענעם גרויסען שניידער סטרייק האָט די קלאָוקמאַכער יוניאָן, וועלכער האָט שוין געצעהלט 50 טויזענד מיטגלידער, געשטיצט מיט צעהנדליגע טייזענטער דאָלאַר.

אויסער די קלאָוקמאַכער, האָבען אין יענעם סטרייק געגעבען שטיצע די ליידיס ווייסט מאַכער יוניאָן, די פאָריערס יוניאָן און אלע אנדערע קלענערע יוניאָנס. זיי אלע האָבען געהאָלפען די שניידער מיט צעהנדליגע טויזענדער דאָלאַרס. אויף אלע שמחות, בעלער און אונטערהאַלטונגען — איבעראל האָט מען געזאַמעלט געלט פאַר דעם שניידער סטרייק.

די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס" האָבען פאַנאַנדערגעשיקט

אן אויפרוף צו אלע אמעריקען פעדערייש‎אַן אָוו לייבאָר יוניאָנס און אויך זיי האָבען זיך זעהר פריינדליך אָפּגערופען מיט שטיצע.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט אויך געעפענט צוויי גרויסע גראָסערי־סטאָרס, וואו מען האָט געטיילט צו די סטרייקער לעבענס־מיטלען: מעהל, ברויט, צוקער, בעבלאך און אנדערע עסענוואַרג־פּראָדוקטען. די אידישע בעקער־יוניאָנס האָבען צוגעשטעלט יעדען טאָג צעהנדליגע וועגען מיט טויזענדער לאַבענס ברויט פאַר די הילפס־גראָסערים און פאַר די פרייע קיכען.

די געווערקשאַפטען האָט אין קלינטאָן האָל אויך געעפענט א ביוראָ, וואו מען האָט געטיילט קליידער פאַר די סטרייקער, פאַר פרויען, מענער און קינדער.

די געזאַמעלטע געלדער האָט די געווערקשאַפטען ניט אויסגעטיילט. זי האָט בלויז געזאַמעלט דאָס געלט און עס קוויטירט דורכ'ן „פאָר־ווערטס", און דאַן עס איבערגעגעבען צו די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס" וועלכע האָבען געטיילט דעם סטרייק־בענעפיט.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען דעם גרויסען באַזאַר וועלכען די געווערקשאַפטען האָט אַנגעפירט אין „פאָרווערטס" בילדינג, צו וועלכען מען האָט אונז אַריינגעשיקט פון אַל־דאָס־גוטס. די געווערקשאַפטען האָט אויפ'ן באַזאַר געעפענט א דעפּאַרטמענט סטאָר פון וואָס איהר ווילט נאָר אליין. מען האָט אלעס אויספאַרקויפט צום גרויסען עולם און דאָס געלד איז איבערגעגעבען געוואָרען צום סטרייק־פאָנד.

ביי יענעם באַריהמטען באַזאַר האָב איך זיך ווידער געטראָפען מיט דעניעל דעליאָנ'ען. ער איז אַהין געקומען מיט זיינע „ס. ל. פּ."־חברים ב. ריינשטיין, דר. דזשוליוס האמער מיט זיין פרוי, י. שלאָסבערג, און אַנדערע. די טוער פון יענעם שניידער־סטרייק זיינען אפנים, לויט דעליאָנ'ס מיינונג, ניט געווען קיין „פייקערס", נאָר אמת'ע „קלאַסען־באַוואוסטע" טוער פון דער קעמפענדער אַרבייטער־באַוועגונג.

דער קאַמף פון די שניידער איז געווען א ביטערער. די קלענערע שניי־דער־באָסעס האָבען געסעטעלט מיט דער יוניאָן, אָבער דאָס האָט קיין באַדייטונג ניט געהאַט, ווייל די רייכע מאַנופעקטשורערס זיינען געווען פאַר'עקשנ'ט און האָבען ניט געוואָלט סעטלען. די קליידער־פאַבריקאַנטען זיינען דאַן געווען אָרגאַניזירט אין דרייערליי אַסאָסיאיישאָנס. די פאַר־פאָלגונגען מצד דער פּאָליציי, די ברוטאַלע האַנדלונג פון די געדונגענע „שטאַרקע" גאַרדס, וועלכע האָבען געשלאָגען די סטרייקענדע שניידער. האָבען נאָך שווערער געמאַכט די לאַגע.

נאָך צעהן וואָכען סטרייקען האָט דער פּרעזידענט פון „די יונייטעד גארמענט וואָירקערס" טאָם ריקערט, באַראַטענדיג זיך בלויז מיט די באַאַמטע און עקזעקוטיוו מיטגלידער פון די יונייטעד גארמענט וואָירקערס, וועלכע האָבען גערעכענט, אז א פּאַלשטענדיגער זיג פון די שניידער־ארבייטער איז ניט אזוי זיכער, געסעטעלט דעם סטרייק.

די פיהרער פון דער יונייטעד גארמענט וואָירקערס האָבען זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט דער טראַדיציע פון דער אידישער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, אז א סעטעלמענט פון א סטרייק דאַרף מען מאכען נור דאן ווען די מאסען פון די סטרייקערס שטימען צו דערצו, ווען מען פרעגט ביי זיי, מען באַריכטעט זיי און א מערהייט פון זיי שטימט צו צו דעם. ריקערט אָבער האָט זיך ביי די סטרייקענדע שניידער ניט אָנגעפרעגט, און ער האָט, אלס פּרעזידענט פון די יונייטעד גארמענט וואָירקערס, געמאכט א סעטלמענט מיט דער אסאָסיאיישאָן פון די גרויסע קליידער פאבריקאנטען פאר 54 שטונדען א וואָך ארבייט, און א העכערונג פון 1 דאָלאר א וואָך אויף די שכירות פון יעדען שניידער ארבייטער (די פאָדערונגען פון די שניידער זיינען געווען: 48 שטונדען א וואָך ארבייט, א העכערונג אויף די שכירות פון 5 ביז 10 דאָלאר א וואָך, און נאָך אנדערע יוניאָן קאָנדיציעס).

דיזע האנדלונג פון די יונייטעד גארמענט וואָירקערס האָט דאן ארויסגערופען א געוואלדיגע ענטריסטונג צווישען די סטרייקערס. זיי האָבען דעם באַפעהל פון דעם פּרעזידענט פון זייער אינטערנעשאָנאל יוניאָן ניט געפאָלגט און האָבען פאָרטגעזעצט דעם סטרייק נאָך מיט מעהר ענערגיע.

צו יענער צייט האָט די יוניאָן פון די סטרייקענדע שניידער שוין געהאט געסעטלט מיט הונדערטער מאנופעקטשורערס און קאָנטראקטאָרס פאר 50 שטונדען א וואָך ארבייט.

דער סטרייק האָט נאָך אָנגעהאלטען דריי וואָכען צייט און איז ענדליך געסעטעלט געווארען מיט דער אסאָסיאיישאָן פון די גרויסע קליידער פאבריקאנטען פאר 53 שטונדען א וואָך ארבייט דעם ערשטען יאָהר, און 52 שעה א וואָך דעם צווייטען יאָהר. דער הויפּט סעטלער פון יענעם סטרייק איז געווען מאיר לאָנדאָן, דער ליגעל אדוויזער (געזעצליכער ראַטגעבער) פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן, וועלכער איז באַאויפטראגט געווארען פון דער גאנצער אידישער ארבייטער באַוועגונג צו סעטלען דעם שניידער סטרייק.

מיט די קלענערע אסאָסיאיישאָנס פון שניידער באָלעבאַטים, וועלכע האָבען באַשעפטיגט שניידער ארבייטער אין זייערע „אינסייד" פאבריקען און אויך ביי קאָנטראקטאָרס (ביי זיי זיינען געווען באַשעפטיגט א 50

פּראָצענט פון אַלע סטרייקערס) איז דער סעטעלמענט געמאַכט געוואָרען פאַר 50 שטונדען אַ וואָך אַרבייט מיט אַ גרויסע העכערונג אין שכירות.

דעם 8טען מאַרטש, 1913 איז דער גענעראַל־סטרייק פון די שניידער־אַרבייטער ערקלעהרט געוואָרען פאַר געענדיגט.

דריי מאָנאַטען האָט דער גענעראַל סטרייק אָנגעהאַלטען ביז ער איז ענד־ליך געוואונען געוואָרען.

די גאַנצע דריי מאָנאַטען פון יאַנואַר, פעברואַר און מאַרטש, איז דער רויש און טומעל פון דעם ריזענהאַפטען אינדוסטריעלען שניידער סטרייק געווען זעהר שטאַרק און גרויס.

און ווען דער סטרייק איז געענדיגט געוואָרען, זיינען אין דער אידישער טרייד יוניאָן באַוועגונג אָנגעקומען נייע קאַמפען, נייע יוניאָנס פון אידישע אַרבייטער, נייע סטרייקס, אַ גאַנצער ים פון נייע טריידס זיינען דאַן צוגע־שוואומען און האָבען געפאָדערט אַז מען זאָל זיי אויך אָרגאַניזירען.

די טרייד יוניאָן באַוועגונג פון די אידישע אַרבייטער האָט דאַן דער־גרייכט דעם העכסטען שטאַפּעל פון ערפאָלג. די צאָהל מיטגלידער פון די יוניאָנס איז שטאַרק געוואַקסען און עס איז אויך געוואַקסען די צאָהל לאָקאַ־לע יוניאָנס. די באַוועגונג האָט געבראַכט גרויס נוצען די אַרבייטער מאַסען און האָט אַרויסגערופען צו זיך דעם רעספעקט פון אַלעמען. נייע קרעפטען זיינען צו אונז צוגעשטאַנען. פילע, וועלכע זיינען דאַן צוגעקומען אין די אידישע יוניאָנס, האָבען ערשט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק ווייניג זיך גע־קימערט וועגען די יוניאָנס. זיי זיינען צוגעשטאַנען צו אונזערע רייהען אַלס רעזולטאַט פון יענעם גרויסען קאַמף.

דער שניידער סטרייק האָט געגעבען אַ גלענצענדען ביישפּיל פון דעם וואָס די אַרבייטער קענען געווינען דורך אייניגקייט און מוטיגען קאַמף.

דריי און דרייסיג מיליאָן דאָלאַר האָט געקאָסט די רייכע קלאָדינג מאַנופעקטשורערס דער שניידער סטרייק. די באַלעבאַטים האָבען פאַרלאָרען דעם פּראָפיט פון סעזאָן און פיל מער. די אַרבייטער האָבען געוואונען אַזוי פיל, אַז עס איז געווען שווער אויסצורעכענען זייערע געווינסען.

איבערפלעכליך איז דער חשבון געווען דער פאָלגענדער:

דורכשניטליך האָט נאָך יענעם סטרייק יעדער שניידער געאַרבייט מיט זיבען שטונדען אַ וואָך ווייניגער ווי פאַר'ן סטרייק. די גרויסע מאַסען שניי־דער, וואָס האָבען געאַרבייט פאַר קאָנטראַקטאָרס ביי קאָוטס, פענטס און וועסטען, האָבען פאַר דעם סטרייק געאַרבייט 58, 62 און מעהר שטונדען אַ וואָך. אין די אינסייד שעפּער האָט מען אויך געאַרבייט 57, 56 און 54 שטונדען אַ וואָך. די טשילדרען דזשעקעט מאַכער, געבייסטע און אומגע־

בייסטע, ווי אויך אַ קליינע צאָהל „לייבעל אַרבייטער״ פלעגען דאַן אַרבייטען 53 שטונדען אַ וואָך. און צום שלום פון יענעם גענעראַל סטרייק האָבען די גרעסטע צאָהל שניידער געאַרבייט בלויז 50 שטונדען אַ וואָך. אויף 53 שטונדען אַ וואָך האָט מען געסעטעלט פאַר אַ קלענערע צאָהל אַרבייטער. ווען מיר האָבען גענומען אויסרעכענען די צאָהל שטונדען, וואָס די שניידער אַרבייטער האָבען דאַן געוואונען, איז אויסגעקומען, אַז אַלע שניידער אַרביי־טער אין ניו יאָרק האָבען נאָכ׳ן סטרייק פון 1913 געאַרבייט אין דורכשניט מיט 7 שטונדען אויף יעדען אַרבייטער אין יעדער וואָך ווייניגער ווי פאַר׳ן סטרייק. און ווען מען האָט אַרונטערגערעכענט צו 7 שטונדען פון הונדערט און דרייסיג טויזענט אַרבייטער, האָט עס באַטראָפען 910 טויזענט געוואו־נענע שטונדען.

די שניידער באַלעבאַטים, וועלכע האָבען געספּענדט אַזוי פיל מיליאָנען דאָלאַרס אום צו צוברעכען דעם גרויסען שניידער סטרייק, פלעגען דאַן אָפּ־רייסען די טעלעפאָנען פון די פאַרשידענע שניידער לאָקאַלס, בעטענדיג מען זאָל זיי שיקען אַרבייטער, און דווקא יוניאָן־לייט האָבען זיי געפאָדערט. אַ ברירה האָבען זיי געהאַט?

די שניידער באַלעבאַטים, סיי די קלענערע און סיי די גרויסע מאַנופעק־טשורערס האָבען דורך דער צייט פון סטרייק אויסגעגעבען אוצרות מיט געלט, כדי זיי זאָלען קענען אויספיהרען, אַז זיי זאָלען ניט דאַרפען אַנערקענען די יוניאָן, אָבער נאָך יענעם סטרייק, ווען עס האָט געטראָפען ביי זיי אין שאַפּ דער קלענסטער טראָבעל, האָבען זיי זיך געשראָקען, אַז די אַרבייטער וועלען ווידער אַרונטער פון דער אַרבייט און זיי פלעגען גלייך טעלעפאָנירען אין דער יוניאָן: „פּליז, שיקט אונז אַ פאַרטרעטער פון דער יוניאָן. שיקט אונז די גאַנצע יוניאָן, אַבי גלייכט אויס ביי מיר דעם טראָבעל״ (סכסוך).

איך בין געווען אַנוועזענד ביי אַ גוט באַזוכטען געשעפטס מיטינג פון אַ שניידער לאָקאַל יוניאָן. דער טשערמאַן האָט אויסגערופען יעדען מעמבער באַזונדער און האָט ביי יעדען, אין מיין אַנוועזענהייט, געפרעגט: „וויפיל באַטרעפט אייער רייז פון ווידזשעס?״ אייניגע האָבען געענטפערט, אַז זיי באַקומען מיט 4 דאָלאַר אַ וואָך מעהר; אייניגע מיט 6 דאָלאַר אַ וואָך; אייניגע מיט 8 דאָלאַר, און עס האָבען זיך געפונען זאָגאַר אַזעלכע אַר־בייטער, וואָס האָבען פאַר׳ן סטרייק באַקומען 18 דאָלאַר אַ וואָך און נאָכ׳ן סטרייק — 28 דאָלאַר אַ וואָך.

„עס איז ניט געווען קיין פראַגע פון שכירות, עס איז געווען אַ פראַגע פון שטונדען״ — האָט דער טשערמאַן פון דער פאַרזאַמלונג ערקלערט.

נאָך אַ וויכטיגער געווינס פאַר די שניידער־אַרבייטער איז דאַן געווען

וואָס דער סטרייק האָט אָפּגעשאַפט די סאָב־ און אינסייד־קאָנטראַקטאָרס. דאָס איז געווען אן אַלטע מכה, וואָס האָט עקזיסטירט אין אַלע ניט־אָרגאַ־ניזירטע טריידס. דער באָס אָדער דער קאָנטראַקטאָר פלעגט ארויסגעבען צו אן ארבייטער א גאַנצען פּאַדריאַד ארבייט, און דיזער ארבייטער פלעגט נעמען פון זיין האנט ארויסהעלפערס, מייסטענס לערנערס, וועמען ער פלעגט צאָהלען די קלענסטע ווייזשעס און ארויסטרייבען די קישקעס פון די אומגליקליכע וואָס פלעגען געצוואונגען ווערען אָנצוקומען אויף אזעלכע דזשאָבס.

דאָס זיינען געווען די געווינסען פון א סטרייק, וועלכער איז ניט פאָלשטענדיג געוואונען געווארען. דאָס איז געווען נאָר דער אנפאַנג פון א פארלייכטערונג פאַר די ארבייטער, ווייל דאָס ריכטיגע איז ערשט געקו־מען שפּעטער.

---

## ווי אַזוי עס איז געגרינדעט געוואָרען די אַמאַלגאַמייטעד.

די לאָקאַלע שניידער־יוניאָנס זיינען נאָך דעם סטרייק געווארען גרוים און מעכטיג. עס איז גראַד דאַן געווען א סך ארבייט אין די שעפּער און די וועכענטליכע שכירות פון יעדען ארבייטער האָבען גענומען שטייגען פון טאָג צו טאָג.

די ניו יאָרקער שניידער־יוניאָנס זיינען געווען פארבונדען מיט זייער אינטערנעשאָנאַל, די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס", ביז זייער קאָנווענ־שאָן פון אָקטאָבער, 1914, וועלכע איז פאָרגעקומען אין נעשוויל, טענעסי. צו דיזער קאָנווענשאָן פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אָוו אמע־ריקא" האָבען די גענעראַל באאמטע ניט געוואָלט צולאָזען ארום 150 שניידער־דעלעגאַטען פון ניו יאָרק און פון נאָך אייניגע גרויסע שטעדט, דערפאַר וואָס זיי זייגען ניט געווען גוטשטעהענד אין זייערע דיוס.

דעם 12טען אָקטאָבער, 1914, האָבען די בעאַמטע פון די „יונייט־עד גאַרמענט וואָירקערס" געלאָזט וויסען די ניו יאָרקער דעלעגאַטען פון די שניידער־לאָקאַלס, וועלכע זיינען געקומען צו דער קאָנווענשאָן אין נעש־וויל, אַז זיי וועלען ניט צוגעלאָזען ווערען צו דער קאָנווענשאָן דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט אָפּגעצאָהלט די „פּער קעפּיטא" טעקס צו די יונייטעד גאַר־מענט וואָירקערס אין דער באַשטימטער צייט. מיט דיזען תירוץ האָט מען ארום 150 דעלעגאַטען ניט צוגעלאָזען און זיי האָבען געמוזט זיצען אויף דער באַלקאָני פון האָל און ווארטען וואָס די קרעדענשעל (מאַנדאַטען) קאָמיטע וועט טאָן.

זיי האָבען אָבער לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטען. זייער שיקזאַל איז שוין געווען באַשלאָסען לאַנג צוריק פון די בעאַמטע, וואס האָבען קאָנטראָלירט די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס". ווען טאָם ריקערט, דער פּרעזידענט, האָט געוואָלט עפענען די קאָנווענשאָן, האָט פּ ר ע נ ק ר אָ ז ע נ ב ל ו ם, איינער פון די שיקאַגאָ'ר דעלעגאַטען, וועלכע זיינען צוגעלאָזען געוואָרען, געפרעגט ביי פּרעזידענט ריקערט אויב דער רעפּאָרט פון דער קרעדענשעל־קאָמיטע איז פאַרטיג. דער ענטפער איז געווען אַז ניט.

די קאָנווענשאָן האָט זיך געשלאָסען ניט זייענדיג לעגאַל אָרגאַניזירט. אויף מאָרגען, דעם 31טען אָקטאָבער, האָט ריקערט ווידער פּרובירט עפענען די קאָנווענשאָן און אָנפאַנגען פאַרהאַנדלען די געשעפטען, האָט פרענק ראָזענבלום זיך ווידער אויפגעשטעלט און געמאַכט אַ „פּאָינט טו אָרדער" געגען די אָרגאַניזירונג פון דער קאָנווענשאָן און האָט געפאָדערט מען זאָל איבערגעבען זיין „פּאָינט טו אָרדער" צו אַפּשטימונג. אָבער ריקערט האָט ניט געצעהלט די שטימען פון די 150 דעלעגאַטען, וועלכע ער האָט ניט צוגעלאָזען און האָט ערקלערט אַז ראָזענבלום'ס פאָרשלאַג איז „פאַרלאָרען".

ראָזענבלום האָט אַפּעלירט געגען ריקערט'ס אורטייל און האָט געהאַלטען אַ פייערדיגע רעדע געגען די אונעהרליכע און אונקאָנסטיטוציאָנעלע מעטאָדען וועלכע ריקערט האָט אָנגעווענדעט ניט צו דערלאָזען אַז די דעלעגאַטען פון די ניו יאָרקער לאָקאַלס זאָלען צוגעלאָזען ווערען.

ס י ד נ י ר י ס מ אַ ן, אַ צווייטער דעלעגאַט פון שיקאַגאָ, האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג מען זאָל אַראָפּזעצען פּרעזידענט ריקערט, דערפאַר וואָס ער האָט איבערטראָטען די קאָנסטיטוציע און מען זאָל ערוועהלען אַן אַנדערען אויף זיין פּלאַץ. ריקערט האָט נאַטירליך זיך אַנטזאָגט פאָרצולעגען ריסמאַן'ס פאָרשלאַג, און דעלעגאַט בעס, פון שיקאַגאָ, האָט פאָרגעשלאָגען, אַז די אונצופרידענע דעלעגאַטען פון דער קאָנווענשאָן זאָלען זיך פאַרזאַמלען אין אַן אַנדער פּלאַץ און רעאָרגאַניזירען די שניידער־אָרגאַניזאַציע.

באַלד נאָכ'ן מיטינג, דעם זעלבען טאָג, האָבען זיך פאַרזאַמעלט אַלע דעלעגאַטען פון די שניידער־יוניאָנס, מיט דער אויסנאַהמע פון די אָוועראָלמאַכערס און פון אייניגע קליינע שניידער לאָקאַלס, וועלכע זיינען געבליבען שטעהן מיט דער אַלטער אַדמיניסטראַציע פון דער יונייטעד גאַרמענט וואָירקעס, און מ'האָט אַפּאָינטעט קאָמיטעס צו אָרגאַניזירען די קאָנווענשאָן. אויף מאָרגען, דעם 14טען אָקטאָבער, האָט די קאָנווענשאָן ערוועהלט שטענדיגע בעאַמטע. ס י ד נ י ה י ל מ אַ ן, פון לאָק. 39, שיקאַגאָ, איז ערוועהלט

געוואָרען פּרעזידענט פון די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אָוו אַמעריקא, און יוסף שלאַסבערג, סעקרעטאַר. עס איז אויך ערוועהלט געוואָרען א דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד. עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו האָבען א צווייטען קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער, ניו יאָרק, אין 1916.

אַזוי איז געבאָרען געוואָרען די אַמאַלגאַמייטעד און עס איז געלעגט געוואָרען דער גרונד־שטיין פאַר דער גרויסער מעכטיגער אָרגאַניזאַציע פון די קליידער־אַרבייטער.

די ניי ערוועהלטע בעאַמטע פון „די נייע יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס" האָבען געוואָלט אָנפיהרען א קאַמף צו בלייבען ביים נאָמען, דערפאַר ווייל זיי האָבען פאַרטראָטען 75 פּראָצענט פון די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, אָבער די אַמעריקען פעדערייששאָן אָוו לייבאָר האָט באַטראַכט די נייע אָרגאַניזאַציע אַלס א געגנערישע יוניאָן צו די אַלטע יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס און האָט צוגעלאָזען ריקערט'ס דעלעגאַטען צו דער אַמעריקען פעדערייששאָן קאָנווענשאָן. פאַר דער נייער אָרגאַניזאַציע איז געבליבען איין ברירה: ווערען א באַזונדער אָרגאַניזאַציע מיט א נייעם נאָמען. די אַלטע באַאַמטע פון די „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס" האָבען ערקלערט די מיטגלידער פון דער נייער אָרגאַניזאַציע אַלס „סיסידערס", דעזערטירער, און די נייע אָרגאַניזאַציע האָט אָפּגעהאַלטען א ספּעציעלע קאָנווענשאָן דעם 25טען דעצעמבער 1914 אין ניו יאָרק און אָנגענומען דעם נאָמען „די אַמאַל־גאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס אָוו אַמעריקא", און אונטער דער נייער פיהרערשאַפט האָט זיך אָנגעפאַנגען א נייער קאַפּיטעל אין דעם לעבען פון די קליידער אַרבייטער פון אַמעריקא.

סידני הילמאַן איז געבוירען אין א שטעדטעל לעבען קאָוונא. ער האָט שפּעטער געוואוינט אין קאָוונא, וואו ער איז געוואָרען א מיטגליד פון „בונד". אָנקומענדיג אין יאָהר 1905 אין שיקאַגאָ, איז ער געוואָרען א קאַטער ביי מענער־קליידער און אויך א יוניאָן־מאַן. אין שיקאַגאָ איז ער געווען טעטיג אין דער אַרבייטער־באַוועגונג און איז נאָכהער געווען איינער פון די הויפּט־פיהרער אין גרויסען שניידער־סטרייק אין שיקאַגאָ אין יאָהר 1910־1911. און ווען עס איז געלונגען נאָך יענעם סטרייק צו יוניאָניזירען די 5,000 שניידער־אַרבייטער פון דער גרויסער שניידער־פירמע „האַרט, שאַפנער און מאַרקס", איז סידני הילמאַן געווען דער מענעדזשער פון דער שיקאַגאָ'ר יוניאָן. אין יאָהר 1914, ווען עס איז אין דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן פאָרגעקומען דער קריזיס צוליב דעם סכסוך מיט פּראָפעסאָר יצחק אייזיק הורוויטש, איז סידני הילמאַן ערוועהלט געוואָרען אַלס דער טשיף קלוירק פון דער ניו יאָרקער קלאָוק מאַכער יוניאָן. הילמאַן האָט פאַרנומען

דעם אַמט בלויז אַ קורצע צייט, ווייל ער איז גלייך ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט פון דער אמאלגאמייטעד און זייט דאן פאַרנעמט ער דיזען אַמט.

אַלס סעקרעטער־טרעזשורער איז ביי דער ערשטער קאָנווענשאָן פון דער אמאלגאמייטעד שניידער־יוניאָן אין 1914 ערוועהלט געוואָרען יוסף שלאָסבערג. ביז דעמאָלט איז ער געווען דער סעקרעטער־טרעזשורער פון ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד פון דער שניידער־יוניאָן. יוסף שלאָסבערג איז געווען אַ טעטיגער מיטגליד פון דער סאָציאליסטישער ארבייטער פּארטיי (ס. ל. פּ.) פון 1892־טען יאָהר אָן.

די „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר", וועלכע אנערקענט ניט קיין אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס, האָט אין דער צייט ווען די „אמאלגאמייטעד" האָט זיך געגרינדעט געשטעלט זיך אויף דער זייט פון דער אַלטער „יונייטעד גאַר־מענט וואָירקערס" און געגען דער נייער „אמאלגאמייטעד", וועלכע זי אנער־קענט ניט עד היום.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יארק האָט זיך דעמאָלט, אין יאהר 1915, געשטעלט אויף דער זייט פון דער „אמאלגא־מייטעד" און האָט זיי געהאָלפען אין קאמף, וועלכען די „אַמעריקען פעדע־ריישאָן אָוו לייבאָר" האָט אָנגעפיהרט געגען זיי. און טאַקע דערפאַר האָט דיזע קערפערשאַפט דעמאָלט געזוכט צוריקצוציהען אַלע פעדעריי־שאָן־יוניאנס פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, כדי צו צווינגען די אידישע געווערקשאַפטען צו האַלטען ביי זיך די „יונייטעד גאַר־מענט וואָירקערס", וועלכע האָבען געהאַט אַ לאָקאַל פון די „לייבעל־ארביי־טער" אין ניו יאָרק.

צו יענער צייט, ווען דער קאמף צווישען דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר מיט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען איז אָנגעגאַנגען, איז דער סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען געווען אברהם שיפּליאַ־קאָף, וועלכער איז ספּעציעל געפאָהרען צו דער קאָנווענשאָן פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר אין יאָהר 1915 אין סאַן־פראנציסקא, קאַליפאָרניא, אום צו פארטיידיגען די האַנדלונג פון די ניט־צוגעלאָזענע שניידער־יוניאנס צו דער קאָנווענשאָן פון די „יונייטעד גארמענט וואיר־קערס".

די פעדעריישאָן האָט אָבער ניט געוואָלט ענדערען איהר באשלוס. זי האָט געהאַלטען מיט די יונייטעד גארמענט וואָירקערס. סעמיועל גאָמפּערס איז דעמאָלט געקומען צו אַ ספּעשעל מיטינג פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יארק און האָט געהאַלטען אַ רעדע פאר די פאָר־שטעהער פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג, אַז מען טאָר ניט האַלטען

מיט „סיסידערס“, אז מען מוז האלטען מיט די „יונייטעד גארמענט וואיר־קערס“.

סעקרעטאר שיפליאקאף האט איהם געענטפערט און ערקלערט דעם שטאנדפונקט פון דער „אמאלגאמייטעד“.

שיפליאקאף, זייענדיג דער סעקרעטאר פון די געווערקשאפטען אין יאהר 1915, האט זעהר פיל געטאן צו העלפען די שניידער־ארבייטער און זייער קאמפסלוסטיגער יוניאן, די „אמאלגאמייטעד“.

שיפליאקאף איז פריהער געווען איינער פון די ענערגישסטע טוערס אין דער אידישער סאציאליסטישער באוועגונג, צו וועלכער ער איז צוגעשטאנען נאך אלס א יונגער ארבייטער אין בראנזוויל. ער איז געקומען אהער פון רוס־לאנד פון דער שטאדט טשערניגאוו, צוזאמען מיט זיינע עלטערען. אלס א יונגער בחור, מיט עטליכע און דרייסיג יאהר צוריק, איז ער געווארען א שניידער אין א שאפ אין בראנזוויל. אין דערזעלבער צייט האט ער גאנצע נעכט געלערענט און שטודירט, ביז ער איז געווארען א לעהרער און איינער פון די פעהיגסטע סאציאליסטישע אגיטאטארס אין דער ענגלישער און אידישער שפראך.

אין יאהר 1915 איז ער ערוועהלט געווארען אלס סעקרעטער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען. אין זעלבען יאהר איז ער אויך ערוועהלט געווארען אלס מיטגליד אין דער ניו יארקער סטייט אסעמבלי פון בראנזווילער דיסטריקט, זייענדיג דער קאנדידאט פון דער סאציאליס־טישער פארטיי.

א. י. שיפליאקאף איז פאר א לאנגער צייט געווען דער ארגאנייזער פון די אמאלגאמייטעד קלאדהינג וואירקערס. היינט־צו־טאג איז ער דער מע־נעדזשער פון דער אינערנעשאנאל פאקעט בוק וואירקערס יוניאן.

אין יאהר 1916, ווען מאקס פיין איז שוין ווידער געווארען דער סעק־רעטער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, איז דער סכסוך צווי־שען די געווערקשאפטען מיט דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר צוליב דער אמאלגאמייטעד געענדיגט געווארען דורך דעם פאלגענדען קאמ־פראמיס: די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען זאלען ניט האבען ביי זיך קיין פארטרעטער ניט פון די „יונייטעד גארמענט וואירקערס“ און אויך ניט פון דער „אמאלגאמייטעד קלאדהינג וואירקערס“.

פאר די געווערקשאפטען איז דאן דער אפמאך אונטערגעשריבען גע־ווארען פון מאקס פיין, סעקרעטער; מארים פיינסטאון, געהילפס־סעקרע־טער, און רובין גוסקין, פארזיצענדער.

מארים פיינסטאון, א שניצער ביים פאך, איז א געבוירענער פון ווארי־

שע. אין דער היים איז ער געווען א מיטגליד פון דער פוילישער סאציא־ליסטישער פארטיי (פ. פ. ס.). אין יאהר 1898, האָט ער עמיגרירט קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט געארבייט ביי זיין פאך און האָט אויך דאָרט געגרינ־דעט א אידישע שניצער יוניאָן. ער איז אויך געווען טעטיג צווישען די אידישע אנארכיסטען און האָט געהאָלפען גרינדען אנדערע אידישע יוניאָנס. שפעטער איז ער אריבערגעפאָהרען קיין בוירמינגהעם, וואו ער האָט צוזא־מען מיט אַלעקס קאָהען געגרינדעט א יוניאָן פון אידישע שניידער. אין יאָהר 1906 איז ער געקומען אין אמעריקע און איז גלייך געווארען א מיט־גליד פון דער זילבערשמידס יוניאָן פון אַמברעלא הענטעלס. אין יאָהר 1912 האָט ער צוזאמען מיט מייקעל אייבראמסאָנ׳ען, דעם אָרגאַניזער פון דער אַמבערעלאַ הענדעל מאַכער יוניאָן, אָנגעפיהרט א גרויסען סטרייק פון אַמבערעלאַ הענדעל מאַכער.

אין יאָהר 1915 איז פיינסטאָון ערוועהלט געווארען אלס געהילף־סעק־רעטער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און מיט 10 יאָהר שפעטער, אין יאָהר 1925, אלס סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען. פאר די פילע יאהרען וואָס מ. פיינסטאָון איז דער בעאמטער פון די פאראיי־ניגטע אידישע געווערקשאַפטען, האָט ער אָרגאַניזירט א רייהע נייע יוניאָנס און געהאָלפען די עקזיסטירענדע יוניאָנס אין אלע זייערע קעמפע. דעם דאָזיגען אָרט פארנעמט ער עד היום.

ווען די פיהרער פון דער אמאלגאמייטעד האָבען אָנגעפאַנגען זייער ארבייט אין שיקאגאָ, האָבען זיי באַגעגענט פילע שטיי־נער אין וועג. זיי האָבען געפונען, אַז אין שיקאַגאָ זיי־נען בלויז געווען אָרגאַניזירט די שניידער וועלכע האָבען געארבייט ביי דער פירמע „הארט, שאפנער און מארקס”, און די אָרגאַניזאציע איז געווען בלויז אַן אָנפאַנג פון האָבען אַן ארבייטער יוניאָן.

א ריזיגער אָרגאַניזאציאָנס־קאמפיין איז אָנגעפאנגען געווארען אין 1915, וועלכער איז באקעמפט געוואָרען פון די קליידער־מאנופעקטשורערס אויף דעם ביטערסטען אופן, דורך „בלעק־ליסטען” די יעניגע, וואָס האָבען געהערט צו דער יוניאָן. מען האָט אנטזאגט פון דער ארבייט יעדען איינעם, וועלכער איז אריין אין דער יוניאָן.

דאָס האָט אָבער ניט אָפגעשטעלט די ארבייט פון דער אמאלגאמייטעד אין שיקאגאָ צו אָרגאַניזירען די אינדוסטריע, און דעם 16טען סעפּטעמבער, 1915, בלויז עלף מאָנאַטען נאָכדעם ווי די אמאלגאמייטעד איז אָרגאַניזירט געוואָרען, האָט די אמאלגאמייטעד ארויסגעשטעלט פאָדערונגען צו די שיקאַ־גאָ׳ר קליידער־מאנופעקטשורערס פאר 48 שטונדען א וואָך ארבייט, ניט

צו ארבייטען אין די לענגלע ימים־טובים, פאר אָווערטאַים זאָל געצאָהלט יוערען אנדערהאלבען מאָל אזויפיל, א העכערונג אין שכירות פון 25 פּראָצענט, אנערקענונג פון דער יוניאָן און דאָס רעכט פון קאָלעקטיווע בארגיינינג, ארביי־טער זאָלען ניט אנטזאגט ווערען אָהן א גענינענדער אורזאכע און אַן ארביט־ריישאָן־מאַשינערי זאָל איינגעפיהרט ווערען אויסצוגלייכען סכסוכים און א מינימום וויידזש פאר אלע ארבייטער פון דער אינדוסטריע; די וויידזשעס פון די קאטערס זאָל זיין 26 דאָלאר א וואָך, פון טרימערס 25 דאָלאר, פון עקזאַמינערס און בושעלמען 20 דאָלאר און פון לערנערס 8 דאָלאר א וואָך.

דיזע פאָדערונגען זיינען צוריקגעוויזען געוואָרען און דער פארטרעטער פון די האָלסייל קלאָדהיערס אסאָסיאיישאָן, מארטין אייזיקס, האָט מיט פאראכטונג געענטפערט אויף די פאָדערונגען, אַז די ארבייטער וועלען מוזען קומען צוריק צו דער ארבייט דערפאר וואָס די מאנופעקטשורערס וועלען ניט אנערקענען קיין יוניאָן. פּרעזידענט הילמאַן האָט דערויף געענטפערט די באָסעס מיט א רוף פאר א סטרייק און דעם 29טען סעפּטעמבער, 1915, האָבען זיך פינף און צוואַנציג טויזענד קליידער־ארבייטער געפונען אין א קאמף פאר בעסערע באדינגונגען און פאר דער אנערקענונג פון זייער יוניאָן.

יענער סטרייק איז געווען איינער פון די ביטערסטע וואָס די אמאל־גאמייטעד האָט געהאט אָנצופיהרען. די גאנצע מאכט פון דער שטאָדט־רעגירונג איז קאָנצענטרירט געוואָרען צו באשיצען די מאנופעקטשורערס און זייערע געדונגענע גענגסטערס און סטרייק־ברעכער.

עס האָט זיך ארויסגעוויזען אַז עס זיינען געווען אָנגעשטעלטע שפּיאָ־נען, וועלכע האָבען געארבייט צו העלפען די מאנופעקטשורערס און האָבען געגעבען דער פּאָליס אינפאָרמאציע וועלכע האָט זיך געפּאַסט פאר די אינ־טערעסען פון די בעלי־בתים. דיזער גרויסער קאמף האָט זיך געענדיגט דעם 12טען דעצעמבער, 1915, ניט מיט א זיג, אָבער אויך ניט אינגאנצען מיט א דורכפאל. די ארבייטער זיינען געגאנגען צוריק צו דער ארבייט זייענדיג מיטגלידער פון א יוניאָן, זיי האָבען אָבער ניט אויסגעפיהרט אַז די באַלעבאָטים זאָלען אנערקענען די יוניאָן. זיי זיינען געגאנגען אר־בייטען מיט דער האָפנונג דעם קאמף צו באנייען ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט.

נאָך דיזען ביטערען קאמף, וועלכער האָט געקאָסט אזוי פיל קרבנות, האָט די אמאלגאמייטעד ניט גערוהט און ניט אויפגעגעבען די האָפנונג צו זעהן די שיקאגאָ'ר קליידער־ארבייטער אָרגאניזירט. אין יאהר 1918 און אין 1919, האָט די אמאלגאמייטעד געהאט א גרויסען זיג אין דער קליידער פאבריק פון „הארט, שאפנער און

מאַרקס״. דאָס האָט נאָך מעהר ערמוטיגט די יוניאָן און די פיהרער אָנצוהאַלטען די אַגיטאַציע פאַר אָרגאַניזאַציאָן צווישען די ארבייטער אין די אַנדערע קליידער־פעקטאָרים און אין 1919 האָט זיך דער קאַמף צופלאַ־קערט נאָך מעהר, דערפאַר וואָס אין האַרט, שאַפנער און מאַרקס׳ שעפּער איז איינגעפיהרט געוואָרען די 44 שטונדיגע ארבייטס־וואָך — מיט צעהן שטונדען א וואָך ווייניגער ווי אין 1911, נאָכ׳ן גרויסען היסטאָרישען סטרייק. דאָס האָט זעהר שטאַרק געווירקט אויף די ארבייטער פון די אַנדערע פעק־טאָרים און, טראָץ דעם וואָס די קליידער־ארבייטער האָבען שוין דורכגע־מאַכט פילע גרויסע ביטערע און קאָסטבאַרע סטרייקס, זיינען זיי געווען גרייט ווידער צו קעמפען, ווידער צו ליידען און ווידער צו אָפּפערען זיך פאַר דאָס רעכט צו זיין אָרגאַניזירט און דעם 29טען יאַנואַר, 1919, זיינען די ארביי־טער פון אַנדערע גרויסע שעפּער ארונטער אין קאַמף פאַר דיזעלבע יוניאָן באַדינגונגען.

מיט דעם האָבען זיי געמאַכט אַן אָנפאַנג איינצופיהרען די 44־שטונדי־גע ארבייטס־וואָך, ערוואַרטענדיג און זייענדיג גרייט צו קעמפען פאַר דעם. סעם לעווין, פאָרשטעהער פון דער אַמאַלגאַמייטעד אין שיקאַגאָ, האָט אַדרעסירט די ארבייטער ביי א גרויסען מאַס־מיטינג און ערקלערט, אַז די „אַמאַלגאַמייטעד״ וועט פאַרטיידיגען יעדען מעמבער וואָס וועט אַנטזאַגט ווערען פאַר נעמען דיזען שריט צו סטאָפּען פון דער ארבייט. דאָס זעלבע איז געטאָן געוואָרען אין אַנדערע שעפּער און די בעלי־בתים האָבען געמיינט אַז א סטרייק איז ערקלערט געוואָרען. זיי האָבען באַלד ארויסגעלאָזען סירקולאַרס צו די ארבייטער אַז זיי וועלען זיי געבען די בעסטע באַדינגונגען, אַז זיי וועלען איינפיהרען 44 שטונדען ארבייט, אַבי זיי זאָלען ניט געהן אין דער יוניאָן. אָבער ווי א וואַלד־פייער האָט זיך פאַרשפּרייט דיזע באַוועגונג און דריי טעג נאָכדעם ווי די באָסעס האָבען געלאָזט וויסען אַז זיי וועלען ניט נאָכגעבען די פאָדערונגען פון די ארבייטער האָבען זיי איינגעפיהרט די 44 שטונדיגע ארבייטס־וואָך פאַר 32 טויזענד ארבייטער.

דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז די קליידער־ארבייטער פון שיקאַגאָ זיינען אריין אין דער אַמאַלגאַמייטעד אין די טויזענדער. ביי די מאַנופעקטשו־רערס וועלכע האָבען ניט געוואָלט אָנערקענען די יוניאָן, האָט מען ערקלערט סטרייקס און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דעם 1טען מאַי, 1919, האָבען די אַסאָסיאיישאָנס פון די באָסעס אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט די אַמאַל־גאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אָוו אַמעריקא און די קליידער־אינדוסטריע פון שיקאַגאָ האָט ערריייכט די העכסטע מדרגה פון אָרגאַניזאַציאָן און מאַכט פאַר די 32 טויזענד קליידער־ארבייטער. זיי האָבען באַקומען גרעסערע

וויידזשעס, קורצע שטונדען, קאָלעקטיווו באַרגייניגג, אַן ארביטריישאָן־מאַשי־נערי צו סעטלען סכסוכים און, וואָס איז וויכטיגער פון אַלעס, זיי האָבען זיך אָרגאַניזירט אין אַ מעכטיגער, גרויסער, קאַמפּס־לוסטיגער יוניאָן. פון יענער צייט פאַנגט זיך אָן די פעריאָדע פון קאָנסטרוקטיווער ארבייט פאַר די אמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס.

די שיקאַגאָ׳ר אמאַלגאַמייטעד איז געווען און איז היינט־צו־טאָג די טרייב־קראַפט פון דער אָרגאַניזאַציאָן איבער׳ן לאַנד. יעדע נייע איינריכ־טונג, יעדע נייע אינסטיטוציע וואָס די אמאַלגאַמייטעד האָט געבויט, איז געבאָרען געוואָרען אין שיקאַגאָ.

די ערשטע אמאַלגאַמייטעד באַנק איז עטאַבלירט געוואָרען אין שיקאַגאָ. דער ארבייטסלאָזען־פאַרזיכערונגס־פאָנד איז עטאַבלירט געוואָרען אין שיקאַ־גאָ, ; דער עמפּלאָימענט אָפיס צו קאָנטראָלירען די ארבייט איז איינגעפיהרט געוואָרען אין שיקאַגאָ פריהער ווי אַנדערשוואו. די אמאַלגאַמייטעד אַלס אַ גאַנצע איז געווען די פּיאָנערען אָרגאַניזאַציע איינצופיהרען די 44־שטונדיגע ארבייטס־וואָך. די אמאַלגאַמייטעד האָט ניט נאָר פאַרקירצט די ארבייטס־צייט, פאַרבעסערט די ארבייטער׳ס לאַגע, געשאַפען אַן אינדוסטריעלע קאָנ־סטיטוציע אין די פעקטאָרים און געמאַכט דעם קליידער־ארבייטער פאַר אַ בירגער אין שאַפּ, וואו ער האָט אַ דעה איבער די באַדינגונגען אונטער וועלכע ער זאָל ארבייטען, נאָר זי האָט געוואונען פאַר זיך די אנערקענונג פון געגנער און פריינד איבער׳ן גאַנצען לאַנד.

ביי דעם אינדוסטריעלען צענזוס פון 1923 זיינען איבער׳ן לאַנד פאַר־צייכענט געוואָרען ארום 195 טויזענט ארבייטער אין דעם טרייד פון מענער־קליידונג. פון זיי זיינען 121 טויזענט, אָדער 62 פּראָצענט, געווען באַשעפ־טיגט אין 10 פאַרשידענע שטעדט, ניט אריינרעכענענדיג די שטעדטלאַך ארום פילאַדעלפיא.

ווען די אמאַלגאַמייטעד האָט פאַנאַנדערגעוויקעלט איהר פאָהן, אין יאָהר 1914, האָבען די אָרגאַניזירטע שניידער־ארבייטער אין ניו יארק געארבייט פופציג שטונדען אַ וואָך. דער העכסטער ציל, אחוץ אָרגאַניזירען די ניט־אָרגאַניזירטע ארבייטער, איז דעמאָלט געווען די איינפיהרונג פון דער 48 שטונדיגער ארבייטס־וואָך. בשעת די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט יענעם ציל, האָט מען ניט געוואוסט באַשטימט, ווען און ווי אזוי מען וועט דאָס דערגרייכען. מען האָט געהאַט דעם באַשלוס, און ווי אזוי דאָס צו טאָן האָט מען איבערגעלאָזען ביז עס איז געקומען די צייט צו טאָן. מען האָט אויסגעקליבען די בעסטע צייט און די בעסטע מיטלען, און מען האָט זיך דערשלאָגען צו דער 48־שטונדיגער ארבייטס־וואָך.

די אמאלגאמייטעד קאָנוועגשאָן אין 1918 האָט באַאויפטראגט דעם גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד צו מאַכען אַלע מעגליכע אָנשטרענגונגען צו פארקירצען די ארבייטס־וואָך ביז 44 שטונדען. אויך דאָסמאָל האָט די קאָנ־ווענשאָן ניט באשלאָסען ווען און ווי אַזוי. קיינער האָט ניט געוואוסט, און ניט געקאָנט וויסען, ווען און ווי אַזוי מען וועט דעם באשלוס דורכפיהרען. נאָר די צייט אַליין האָט דאָס געקאָנט באווייזען. מען האָט פאָרגעלעגט די 44־שעה פאָדערונג פאר די פאבריקאנטען אין ניו יאָרק. אפילו בשעת די פאָדערונג איז פאָרגעלעגט געוואָרען האָט מען ניט געוואוסט באשטימט וואָס ווייטער וועט געשעהן. די הויפט־כונה איז געווען אריינצוברענגען דעם געדאנק פון דער 44 שטונדיגער אַרבייטס־וואָך צווישען די ארבייטער און די ארבייטס־געבער, און דאַן טאָן אַלץ וואָס די באַדינגונגען וועלען ער־לויבען צו מאַכען דעם געדאנק פאַר א ווירקליכקייט. די ניו יאָרקער פאַברי־קאנטען זיינען אָבער געקומען צו הילף דער יוניאָן דורך זייער קאָלאָסאַלער נארישקייט פון ארויסוואַרפען די שניידער־ארבייטער פון די פאבריקען. זיי האָבען געמאַכט דעם לאָקאַוט מיט דער כונה צו צוברעכען די יוניאָן. אָבער די אינדוסטריעלע באַדינגונגען אין יענער צייט זיינען געווען גינסטיג פאַר דער אַמאַלגאַמייטעד, וועלכע האָט געוואונען דעם לאָקאַוט־קאַמף און דער־מיט איינגעפיהרט די 44 שטונדיגע ארבייטס־וואָך פריהער ווי מען האָט אַליין ערוואַרטעט אין ניו יאָרק.

אין פאַרלויף פון די יאָהרען: פון 1926 ביז 1928, האָט די אמאלגאַמייטעד בייגעשטייערט $125,000 פאַר פאַרשידענע סטרייקס פון אַנדערע יוניאָנס און פאַר אַרבייטער־אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס.

די „אמאלגאַמייטעד" האָט יעצט צוויי אייגענע באַנקען: איינע אין שיקאגאָ, און א צווייטע אין ניו יאָרק.

איינע פון די וויכטיגסטע אויפטואונגען פון דער אמאלגאַמייטעד זיינען די קאָאָפּעראַטיווע הייזער אין ניו יאָרק. זיי זיינען אַ גלענצענדער ער־פאָלג און אַ שטאָלץ פאַר דער אמאלגאַמייטעד.

פאַר די לעצטע פאַר יאָהר איז אין דער מענער־שניידער אינדוסטריע פון ניו יאָרק פאַראַן ווייניג אַרבייט און, נאַטירליך, ליידען די שניידער־אַרביי־טער דערפון זעהר פיל. אלס מיטעל צוריקצוברייינגען נאָך ניו יאָרק די שניידעריי ביי מענער קליידער, וועלכע די פאַבריקאַנטען האָבען פאַרשלעפּט אין קלענערע ארומיגע שטעדטלאך. — האָבען די אמאַלגאַמייטעד שניידער לאָקאלס אין ניו יאָרק לעצטענס צוריק איינגעפיהרט שטיק־אַרבייט, אַנ־שטאָט וואָך־אַרבייט.

# די יוניאָנס פון די פרויען־קליידער אַרבייטער אין אַמעריקא.

די ערשטע קלאוקמאַכער יוניאָנס אין אמעריקא. — די ניו יארקער קלאוקמאַכער יוניאן פון די דייטשע „יאַהודים". — דער גענעראל־סטרייק אין יאָהר 1883. — דער קאַמף געגען דער סוועטינג־סיסטעם. — די באַראָנדעס־עפּאָכע. — די „דזשאַמייקע־געשיכטע" און די שפּאַלטונג אין דער קלאוקמאַכער יוניאן. — די געשיכטע פון די קלאוקמאכער יוניאנס אין די אַנדערע שטעדט. — די ערשטע אידישע יוניאנס פון די וועסט מאַכער און פון די ארבייטער פון אַנדערע פרויען־קליידער. — דער געבורט פון דער אינטערנעשאָנאל לוידיס־גאַרמענט וואירקערס יוניאן. — דער באָנוויט סטרייק אין יאָהר 1905 און דער גענעראַל סטרייק פון די ריפער מאַכער פון יאָהר 1907. — דער קאַמף מיט די „אונדאָסטריאַלניקעס". — דער היסטאָרישער סטרייק פון די וועיסט מאכער אין יאָהר 1909. — די קלאוקמאַכער רעוואָלוציע אין יאָהר 1910. — די ערשטע יאהרען אונטער'ן „פּראָטאָקאָל". — דער גענעראל סטרייק אין קליוולאנד אין יאהר 1911. — די „הורוויטש־אפער" און דער ערשטער ברודער־קריג אין דער אינטערנעשאָנאל. — די אָרגאַניזציע פון די וועיסט־גודס און ראַפּער און קימאָנא־אַרבייטער. — אין די מלחמה־יאהרען. — די גענעראל סטרייקס אין די יאהרען 1916, 1919 און 1921. — די לוידיס טוילאָרס יוניאן. — די יוניאן פון די רעגען־מאַנטעל־ארבייטער. — דער קאמף מיט די קאָמוניסטען. — דער גענעראל־סטרייק פון די ניו יארקער קלאוקמאַכער אין יאָהר 1926 און דער סטרייק פון 1929.

די ערשטע יוניאָן פון קלאָוק־מאכער (פרויען־מאַנטעל נייהער) איז אין ניו יאָרק אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1880טען יאָהר אונטער דעם אַרבייטער־אָרדען „נייטס אָוו לייבאָר". יענע יוניאָן האָט אָבער געהאַט קורצע יאָהרען. אין יאָהר 1882 איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין ניו יאָרק צום צווייטען מאָל א קלאָוקמאַכער יוניאָן, אָבער אויך די יוניאָן האָט עקזיסטירט א גאַנץ קורצע צייט.

די ערשטע יוניאָנס פון קלאָוקמאַכער זיינען אין דער ווירקליכקייט גאָר ניט געווען קיין יוניאָנס, נאָר בלויז שאַפּ־אָרגאַניזאַציעס. יעדען זומער, איידער דער ביזי־סעזאָן ביי קלאָוקס פלעגט זיך אָנפאַנגען און די ארבייטער פלעגען ארויפקומען אין די שעפּער ארבייטען, פלעגען זיי טרעפען נייע

מאָדעס פאַר קלאָוקס און דרעסעס, און די פּרייזען, וואָס די פאַבריקאַנטען פלעגען די אַרבייטער וועלען געבען פאַר מאַכען זיי, פלעגען זיין זעהר קליינע. צוליב דעם פלעגען אין פילע קלאָוק־שעפּער אויסברעכען סטרייקס, וואָס פלעגען דויערען אַ פּאָר טעג און אמאָל זאָגאַר אַ פּאָר וואָכען, ביז דער פאַבּ־ריקאַנט פלעגט קומען און זיך אויסגלייכען מיט זיינע אַרבייטער, געבענדיג זיי אַ פּאָר סענט מעהר פאַר מאַכען אַ מאַנטעל אָדער אַ דרעס. געוועהנליך פלעגט דער פאַבריקאַנט נאָך דערביי אויך טראַקטירען די אַרבייטער מיט אַ פּאָר פעסלאַך ביר. עס פלעגט ווערען ששון ושמחה און — אויס סטרייק. יעדען מאָל, ווען עס פלעגט אויסברעכען אַזאַ מין סטרייק, וואָס פלעגט דויערען אַ פּאָר וואָכען צייט, פלעגען קומען פאָרשטעהער פון די אַרבייטער און זעהן צו אָרגאַניזירען אַ קלאָוק־מאַכער יוניאָן און די אַרבייטער פלעגען גערן צושטעהן צו דער יוניאָן. אָבער אַזוי שנעל ווי די סטרייקער פלעגען זיך אויסגלייכען מיט זייער באַלעבאָס און פלעגען צוריק ארויף אַרבייטען, פלעגען זיי גלייך פאַרגעסען אָן דער יוניאָן, פון וועלכער עס פלעגט שוין קיין זכר ניט בלייבען.

איך געדענק ווען איך בין אין זומער פון 1882 געקומען אין אַמעריקא, איז מיין ערשטע לאָזשי, — נאָכדעם ווי איך האָב זיך ארויסגעצויגען פון קעסעל־גאַרדען, געווען אין 55 אָרטשאַרד סטריט. אנטקעגען 56 אָרטשאַרד סטריט איז געווען אַ „באַריהמטער" האָל, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ ביר־סאַלון און פאַרזאַמלונגס־פּלעצער. לעבען יענעם מיטינג־לאָקאַל פלעג איך שטענדיג זעהן שטעהן אַ סך מענשען. ווען איך בין איין מאָל צו זיי צוגעגאַנגען, האָב איך געהערט ווי זיי ריידען צווישען זיך דייטש, און איך האָב זיך ערקונדיגט, אַז דאָס זיינען סטרייקערס ביי פּרויען־מאַנטלען (קלאָוקס). איך האָב אויך אויסגעפונען, אַז די מעהרסטע פון זיי זיינען „מאחינו בני ישראל", אָבער ניט קיין רוסישע אידען נאָר דייטשע, עסטרייכי־שע און אונגארישע „יאהודים". איך בין איין טאָג אריין אין אַ פאַרזאַמ־לונגס־פּלאַץ, וועלכער איז געווען אין אַ הינטערשטען צימער פון ביר־סאַלון. אַלע זיינען געווען אויסגעזעצט אויף די בענק און איין מאַן האָט געהאַלטען אַ רעדע. דער רעדנער האָט אַלץ גערעדט וועגען דער „יוניאָן". כאָטש איך בין נאָך געווען גאָר אַ גרינער, האָב איך פונדעסטוועגען געוואוסט, וואָס עס מיינט אַ „יוניאָן", ווייל איך האָב, באַלד ווי איך בין אָנגעקומען אין אַמעריקא, שוין געסטרייקט מיט די „לאָנגשאָרמען" ביים אָנלאָדען פראַכט־שיפען (איך האָב יענעם ערשטען סטרייק, אין וועלכען רוסיש־אידישע אימי־גראַנטען האָבען זיך באַטייליגט, אויספיהרליך באַשריבען אין מיין בוך „40 יאָהר אין דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג"). די גאַנצע רעדע האָב איך

ניט פארשטאנען, אָבער איך האָב ביי זיך געקלערט: הלואי קען איך ווערען א קלאָוקס־אָפּרייטאָר.

* * *

ביז׳ן יאָהר 1882 האָבען אין קלאָוק־טרייד געארביים מעהרסטענס פרויען. די צאָהל מענער־ארבייטער אין דער אינדוסטריע איז געווען זעהר קליין. אָפּילו די קאַטערס (צושניידערס) פלעגען אויך זיין פרויען. זיי פלעגען שניידען די וואארע מיט גרויסע שערען.

לויט דעם רעגירונגס־צענזוס פון יאָהר 1860 זיינען יענעם יאָהר אין דער פרויען קליידער־אינדוסטריע פון גאַנץ אמעריקא געווען באשעפטיגט בלויז 5,379 ארבייטער. פון זיי זיינען 4,850 געווען פרויען. אין יאָהר 1880 זיינען אין דיזער אינדוסטריע שוין געווען באשעפטיגט 25,192 אר־בייטער און פון זיי זיינען 22,253 געווען פרויען.

אין יאָהר 1876 זיינען איינגעפיהרט געוואָרען די שנייד־מעסערס צו־צושניידען די טוך און אַנדערע וואארעס, פון וואָס מען פלעגט מאכען די מאַנטלען. דאַן האָבען די קלאָוק־פאבריקאנטען גענומען באשעפטיגען מע־נער אַלס קלאָוקס־קאַטערס און אַלע פרויען צושניידערינס זיינען ביסלאכוויז ארויסגעשטופּט געוואָרען פון דעם פאַך. מיט איינינע יאָהר שפּעטער איז שוין קיין איינציגע פרוי ניט פאַרבליבען אין צושניידער־פאַך.

אין דער זעלבער צייט איז אין קלאָוקס־טרייד פאָרגעקומען א צווייטע וויכטיגע ענדערונג. דאָס איז געווען ווען די פאבריקאנטען האָבען, אין די 70ער יאָהרען, גענומען באשעפטיגען מענער אַלס קלאָוקס־אָפּרייטאָרס, אַנ־שטאָט פרויען, וועלכע זיינען געווען די ערשטע צו שטעפּען אויף נייה־מאַשינען קלאָוקס. די נייע מענער־אָפּרייטאָרס זיינען רעקרוטירט געוואָרען פון די אידישע אימיגראַנטען, וואָס זיינען געקומען אהער פון דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגארן. צווישען יענע אימיגראַנטען זיינען געווען א סך שניידער פון דער היים.

די דריטע גרויסע ענדערונג אין דער קלאָוק־אינדוסטריע האָט זיך אָנ־געפאַנגען אין דער צייט פון דער גרויסער אידישער אימיגראציע אין די 80־ער יאָהרען. דעמאָלט זיינען אריינגעקומען אין קלאָוק־טרייד ווי אויך אין אַלע איבעריגע שניידער־טריידס די קאָנטראַקטאָרס, וועלכע האָבען אָנ־געפאַנגען ארויסנעמען באַנדלאַך געשניטענע קלאָוקס פון די גרויסע קלאָוקס־פאבריקאַנטען און עס אויפמאַכען אין זייערע וואוינונגען. דיזע קאָנטראַק־טאָרס האָבען ארויפגענומען צו דער ארבייט די גרינע אידישע אימיגראַנטען

פון רוסלאַנד, פוילען און ליטא און האָבען זיי אויסגעלערענט די ארבייט פון נייהען קלאָוקס.

אין די 80יגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט איז די גרעסטע צאָהל קלאָוקס־פאַבריקאַנטען פון ניו יאָרק באשטאנען פון דייטשע יאהודים. דער עלטסטער און גרעסטער קלאָוקס־פאבריקאנט אין דער צייט ווען איך בין געקומען אין אַמעריקא, איז געווען מאיר דזשאָנאַסאָן, אַ דייטשער איד, וועלכער איז געווען אין די קלאָוק־ביזנעס פון יאָהר 1859 אָן.

אַלע קלאָוק־פאבריקאנטען פלעגען אין זייערע אייגענע „אינסייד"־פאבריקען באשעפטיגען קאטערס, שניידערס, אָפּרייטאָרס און פינישערס, און אַ סך פון די געשניטענע קלאוקס פלעגען זיי, ווי שוין געזאָגט, ארויס־געבען צו די אידישע קאָנטראַקטאָרס.

איינער פון די ערשטע גרויסע קלאָוק־מאַכער סטרייקס אין ניו יאָרק איז געווען דער סטרייק פון 1883טען יאָהר, אין וועלכען עס האָבען זיך באטייליגט שניידער, אָפּערייטאָרס און פינישערינס, ווי אויך דרעסמאכער, וועלכע האָבען געארבייט אין „אינסייד" קלאָוק־פאבריקען. יענע סטרייקער זיינען נאָך כמעט אַלע געווען די דייטשע, עסטרייכישע און אונגארישע אידישע אימיגראנטען. אַ סך פון זיי זיינען געווען שניידער פון דער היים, וועלכע זיינען געקומען אין אמעריקא נאָך אין די 70ער יאָהרען. צווישען די פרויען סטרייקערינס זיינען געווען אַ סך אַמעריקאַנער פרויען, אויך דייטשישע און איירישע אימיגראנטקעס, גוטע דרעס־מאַכערינס. ארום און ארום האָבען זיך אין יענעם סטרייק באטייליגט ביי 750 ארבייטער, מענער און פרויען. דאָס האָט אין יענע יאָהרען געהייסען אַ גרויסער סטרייק.

די ניו יאָרקער ענגלישע צייטונגען האָבען דאַן אַ סך געשריבען וועגען דעם סטרייק. די פאָדערונגען פון די סטרייקער זיינען געווען, אז די מינימום־שכירות זאָל זיין 2 דאָלאַר מיט 50 סענט אַ טאָג, און אז די ארבייטס־שטונדען זאָלען זיין פון 8 אין דער פריה ביז 6 אזייגער אין אָווענט. דאָס איז דעמאָלט באטראכט געווארען פאר זעהר ראַדיקאַלע פאָדערונגען, איבערהויפט די פאָדערונג, אז דער ארבייטס־טאָג זאָל זיך אָנגעפאַנגען פון 8 אין דער פריה, ווייל אַלע ארבייטער אין אמעריקא פלע־גען אין יענע יאָהרען אָנפאנגען דעם טאָג ארבייט 7 אזייגער אין דער פריה.

די פיהרער פון דעם קלאָוק־מאַכער סטרייק אין יאָהר 1883 זיינען געווען דעלעגאַטען פון דער „נאַיטס אָוו לייבאָר", ווי אויך די אידישע סאָציאַליסטען פון אונגארן און גאַליציע, וועלכע האָבען געהערט צום „אידישען ארבייטער פאַראיין".

אין דער צײַט פֿון סטרײַק איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ יוניאָן מיט'ן נאָמען „די דרעס און קלאָוק מאַכער יוניאָן". דעמאָלט האָבען די רײַכע קלאָוק־פֿאַבריקאַנטען פֿון ניו יאָרק צום ערשטען מאָל זיך אָרגאַניזירט אין אַן אַסאָציאַציע פֿון באַלעבאַטים אום צו באַקעמפֿען די פֿאָדערונגען פֿון זײערע אַרבײטער.

אין יענער צײַט זײַנען שוין געווען קאָנטראַקטאָרס, וועלכע פֿלעגען אַרויסנעמען אַרבײט בײַ די רײַכע קלאָוק־פֿאַבריקאַנטען און עס אויפֿמאַכען אין זײערע וואוינונגען. געסטרײַקט האָבען אָבער דאַן בלויז די בעל־מלאכות פֿון די „אינסײַד" שעפּער, וועלכע האָבען געאַרבײט בײַ דעם גוטען סאָרט מאַנטלען און דרעסעס. בײַ די קאָנטראַקטאָרס פֿלעגען די אָפּערײטאָרס דאַן נײען בלויז די ביליגע מאַנטלען. דעם סטרײַק האָבען די קלאָוק־מאַכער דעמאָלט געוואונען, אָבער די יוניאָן האָבען די אַרבײטער גלײַך פֿאַרנאַכלעסיגט און צום נעקסטען סיזאָן איז שוין מעהר קײן סימן פֿון איהר ניט פֿאַרבליבען.

אין זעלבען יאָהר 1883 האָבען די „נאַיטס אָוו לײבאָר" אָרגאַניזירט די קאַטערס אין אַ יוניאָן אונטער דעם נאָמען „די גאַטאַם נאַיף קאַטערס אַסאָסיאײשאָן", לאָקאַל 3038. צו דער יוניאָן האָבען באַלאַנגט אַלערלײ קאַטערס. אין 1884טען יאָהר האָבען די קלאָוק־קאַטערס זיך אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערען לאָקאַל, אַלץ אונטער די „נאַיטס אָוו לײבאָר".

אין יאָהר 1883 האָט די נאַיטס אָוו לײבאָר אויך אָרגאַניזירט אַ לאָקאַל פֿון קלאָוק און דרעס מאַכערס אין טאָלידאָ, אָהײאָ. אין יאָהר 1884 האָבען קלאָוק־מאַכער געסטרײַקט אין באַלטימאָר געגען דער פֿירמע אולמאַן און קאָמפּאַני. דער דעזײנער פֿון יענער פֿירמע איז געפֿאָהרען נאָך ניו יאָרק און האָט פֿון דאָרט געבראַכט סטרײַק־ברעכערס. אָבער די באַלטימאָרער סטרײַקערס האָבען זיך צוזאַמענגערעדט מיט די געבראַכטע ניו יאָרקער קלאָוק־מאַכער, מען האָט זײ געגעבען אויף הוצאות און זײ זײַנען צוריק אַהײם געפֿאָהרען, אָבער דערווײַל האָבען די ניו יאָרקער „סקעבס" געלערענט די באַלטימאָרער סטרײַקערס ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען אַ יוניאָן.

אין ניו יאָרק האָט זיך די סוועטינג־סיסטעם אין קלאָוק־טרײד זעהר שנעל ענטוויקעלט. אין יאָהר 1884 איז די צאָהל קלאָוק־קאָנטראַקטאָרס געוואָרען אַזוי גרויס, אַז כמעט די גאַנצע אַרבײט פֿון קלאָוקס איז שוין געאַרבײט געוואָרען אין די סוועט־שעפּער בײַ קאָנטראַקטאָרס. דאַן זײַנען עס די גרויסע מאַסען אידישע אימיגראַנטען פֿון רוסלאַנד געוואָרען קלאָוק־

אַפּערייטאָרס. די ארבייטס־באַדינגונגען אין יענע סוועטינג־שעפּער זיינען געווען מיזעראַבעלע. ווען דער ביזי־סעזאָן ביי קלאָוקס פלעגט אָנקומען, פלעגט א קלאָוקס־אָפּערייטאָר ארבייטען 18—20 שעה אין מעת־לעת. מען פלעגט נייהען די קלאָוקס פון שטיק. ארבייטענדיג אזוינע לאַנגע שטונדען פלעגט, נאַטירליך, א קלאָוקס־אָפּערייטאָר פארדינען אין סעזאָן מעהר ווי די אידישע ארבייטער פון אירגענד וועלכען אַנדערען פאַך. נאָכ'ן ביזי־סיזאָן פלעגען קומען מאָנאַטען פון ארבייטסלאָזיגקייט.

דאָך האָט א קלאָוקס־אָפּערייטאָר אין יענע יאָהרען געגאָלטען פאַר אַ גוטען פארדינער. מען פלעגט מקנא זיין דעם אידישען אימיגראַנט, וועלכער האָט פאַר זיין טאָכטער געקראָגען א חתן א קלאָוקס־אָפּערייטאָר.

די ארבייט ביי קלאָוקס איז געווען זעהר א שווערע, א פיל שווערערע, ווי ביי ני־פּענטס אָדער העמדלאָך. מען האָט געדאַרפט האָבען אייגענע נייה־מאַשינען און אַלע אַנדערע זיבען זאכען. די סוועט־שעפּער ביי קלאָוקס זיינען געווען פּונקט אזוי ענג און שמוציג, אָהן ליכט און אָהן לופט, ווי די סוועט־שעפּער ביי מענער רעק, ביי הויזען, ני־פּענטס און אַנדערע אידישע טריידס. דער איינציגער אונטערשייד איז געווען, וואָס אין ברען־סיזאָן ביי קלאָוקס פלעגט דער קלאָוקס־אָפּערייטאָר אָפּארבייטען 102 שטונדען א וואָך, און עס פלעגט פּאַסירען, אז ער פלעגט פארדינען 30 דאָלאַר א וואָך, וואָס דאָס האָט אין יענע יאָהרען געמיינט זעהר א סך.

איך געדענק, אז זומער צייט פון דעם יאָהר 1885 האָט דער „אידישער ארבייטער פאַראיין" פון ניו יאָרק גערופען מאסען־פארזאמלונגען פון קלאָוק־מאַכער, מייסטענס פון די אָפּערייטאָרס, וועלכע האָבען דאַן געאַר־בייט אין די איסט־סאַיד סוועט־שעפּער. עס פלעגען אויך קומען צו יענע מיטינגען די קלאָוק שניידער פון די גרויסע „אינסייד" קלאָוקס־פאבריקען. די רעדנער ביי יענע פארזאמלונגען זיינען געווען: י ע ק ב ש ע ה ן, ל ו א י ס ס מ י ט, א. ק אַ נ ע ר, ס. ג ל אָ ס, ס. מ אַ־י אָ ו ו ע ר (א קלאָוק־מאַכער). עס פלעגען אויך ריידען אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר י אָ נ אַ ס, דער רעדאַקטאָר פון דער דייטשער „פאָלקסצייטונג", אַ ב. ק אַ ה אַ ן, ד ר. א. ב ר אַ ס ל אַ ו ו ס ק י און אַנדערע, וועלכע איך געדענק שוין ניט. די מאַסענפארזאַמלונגען פון די קלאָוק־מאַכער פלעגען פאָרקומען אין 125 ריווינגטאָן סטריט („גאָלדען רול האָל" האָט מען דעם פּלאַץ גערופען). מען פלעגט זיך אויך צוזאמענקומען אין 165 איסט בראָדוויי, אין 177 איסט בראָדוויי און אין אַנדערע מיטינג־פּלעצער, וועל־כע זיינען שפּעטער ארונטערגעוואָרפען געוואָרען.

דעם 15טען אויגוסט, 1885, האָט אויסגעבראָכען א גרויסער גענעראַל־סטרייק פון 2,000 קלאָוקס ארבייטער, מייסטענס סוועט־שאפּ ארבייטער.

די ניו יאָרק „וואָירלד" האָט דאן געשריבען, אז דאָס איז ניט קיין סטרייק, נאָר א רעוואָלט, פאר „ברויט מיט פּוטער". און אז די קלאָוק־אָפּערייטאָרס פאָדערען, אז זייערע פארדינסטען זאָלען באטרעפען פון 12 ביז 15 דאָלאר א וואָך.

אויסער די מיטגלידער פון דעם „אידישען ארבייטער פאראיין" האָבען אין סטרייק געהאָלפען דעלעגאטען פון דער „סענטראַל לייבאָר יוניאָן", די צענטראַלע קערפּערשאפט פון אַלע ניו יאָרקער יוניאָנס, צווישען וועלכע עס זיינען געווען א סך סאָציאַליסטען פון די דאמאָלסטיגע דייטשע יוניאָנס. די פארטרעטער פון דער „נאַיטס אָוו לייבאָר" האָבען דאן דערוויילּ רעאָר־גאניזירט זייער לאָקאַל די „דרעס און קלאָוק מאכער יוניאָן".

א ב ר ה ם ר אָ ז ע נ ב ע ר ג, איינער פון די עלטסטע קלאָוק־מאכער, האָט אין זיין בוך „עראינערונגען פון די קלאָוק־מאכער יוניאָנס" באַשריבען די טשיקאַווע פּאסירונג, וואָס איז פארגעקומען ביי דער גרינדונג פון דער קלאָוק־מאכער יוניאָן אין יאָהר 1885, ווי אזוי די באַאמטע פון די „נאַיטס אָוו לייבאָר" האָבען דאן אינסטאַלירט יענע קלאָוק־מאכער יוניאָן.

„מיר, די קלאָוקמאכער, שרייבט ראָזענבערג, זייענדיג אַלע „גרינע" האָבען ניט פארשטאַנען קיין וואָרט וואָס דער מאסטער־וואָירקמען, אן איירישמאן, מיט זיינע העלפערס (טשערמאן און אנדערע באאמטע פון די „נאַיטס") האָבען גערעדט צו אונז, קלאָוק־מאכער. מיר האָבען בלויז געזעהן, שרייבט ראָזענבערג, ווי איינער פון יענע באַאמטע פון געהיימען אָרדען „נאַיטס אָוו לייבאָר" האָט גענומען א שטיק קרייד, האָט געמאכט אין זאַל אויף דער פּאָדלאָגע א גרויסען צירקעל און האָט געהייסען אַלע מיטגלידער זיך ארומשטעלען ארום דעם צירקעל. דערנאָך האָט אן איירישער באַאמטער פון די „נאַיטס" אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש א קליין שווערדעל און אויפ'ן טיר צום אריינגאנג האָט ער אויפגעהאנגען א גלאָוב. א סך קלאָוק־מאכער האָבען זיך דערשראָקען, מיינענדיג אז מיט'ן שווערדעל וועט מען זיי אויסקוילענען. צום סוף אָבער, האָט אונז איינער פון זיי ערקלעהרט אויף דייטש, אז די באדייטונג פון דיזער צערעמאָניע איז: ווען איינער פון אונז וועט ברעכען זיין שבועה, צו בלייבען טריי די אינטערעסען פון די ארבייטער, וועט דיזער שווערד איהם פארפאָלגען, ווייל די „נאַיטס

אָוו לייבאָר" זיינען מעכטיג איבער דער גאַנצער וועלט. „און אַזוי זיינען מיר, — פאַרענדיגט ראָזענבערג, — דאַן געוואָרען צום ערשטען מאָל יוניאָן לייט".

יענער קלאָוק־מאַכער סטרייק אין 1885 האָט געדויערט 2 וואָכען צייט און די קלאָוק־פאַבריקאַנטען האָבען אונטערגעשריבען די נייע פּרייז־ליסטען פון ארבייט, פאַר מעהר שכירות, וועלכע זיי, ווי אויך די קלאָוקס קאָנ־טראַקטאָרס האָבען זיך פאַרפליכטעט צו צאָהלען יענעם סיזאָן.

דאָס איז געווען דער ערשטער יוניאָן קאָנטראַקט, וואָס א אידישע יוניאָן פון די אימיגראַנטען פון די 80ער יאָהרען האָט שריפטליך געשלאָסען מיט באַלעבאַטים קלאָוקס־פאַבריקאַנטען. אבער באַלד ווי דער סטרייק האָט זיך געענדיגט האָבען די קלאָוק מאַכער ווידער פאַרנאַכלעסיגט זייער יוניאָן.

אין יאָהר 1886 זיינען אין ניו יאָרק פאָרגעקומען א סך שאָפּ־סטרייקס פון קלאָוק־מאַכער. די „ביורא פון ארבייטער סטאַטיסטיק פון ניו יאָרק סטייט לייבאָר דעפּאַרטמענט" פון יאָהר 1886 גיט אָן, אז אין יענעם יאָהר האָבען אין סטייט ניו יאָרק געסטרייקט 9,166 ארבייטער פון קלאָוקס און אַנדערע פרויען־קליידער.

אין זעלבען יאָהר 1886 האָט אין ניו יאָרק אויסגעבראָכען ווידער א גענעראַל־סטרייק פון די סוועט־שאָפּ ארבייטער ביי קלאָוקס. צו יענער צייט איז אָרגאַניזירט געוואָרען א נייע קלאָוק־מאַכער יוניאַן. גערופען האָט זי זיך „אינדעפּענדענט מאַנטעל מאַכער יוניאָן", מיט ברענטשעס פון אָפּערייטאָרס, פּרעסערס און פינישערס. די קלאָוק מאַכער האָבען ניט גע־וואָלט באַלאַנגען צו די „נאַיטס אָוו לייבאָר", דערפאַר וואָס די אידישע פלעגען זיי באַלעסטיגען מיט פוסטע צערעמאָניעס. די יונגע קלאָוקס־אָפּערייטאָרס, די „ספּאָרטס", האָבען געוואָלט זיין „אינדעפּענדענט". אין דעם סטרייק פון יאָהר 1886 האָט די „אינדעפּענדענט" קלאָוק־מאַכער יוניאָן געפאָדערט: די אפּשאַפונג פון די קלאָוק קאָנטראַקטאָרס, און מען זאָל אַלע קלאָוק ארבייטער אריינגעהמען צו דער ארבייט אין די גרויסע אינסייד קלאָוקס פאַבריקען, וועלכע האָבען זיך צו יענער צייט געפונען אויף בראָדוויי, פון קאַנעל ביז 11טער סטריט. די קלאָוק־שניידערס פון די „אינסייד" פאַבריקען זיינען דאַן ארונטער אין א סימפּאַטיע־סטרייק פאַר די סוועט־שאָפּ ארבייטער, אָבער די קלאָוק־קאַטערס יוניאָן, וועלכע האָט עקזיסטירט זייט איהר גרינדונג פון יאָהר 1883 אונטער די „נאַיטס אָוו

לייבאָר״, האָט זיך ענטזאגט צו סטרייקען פאַר די סוועט־שאָפּ ארבייטער און דער סטרייק איז פארלוירען געגאנגען. אלץ איז געבליבען ביים אלטען, און די „אינדעפּענדענט״ קלאָוק מאכער יוניאָן איז אונטערגעגאנגען.

די סאָציאליסטישע דייטשע ניו יאָרקער „פאָלקסצייטונג״ האָט נאָך יענעם פארלוירענעם קלאָוק־מאכער סטרייק געשריבען א לייט־ארטיקעל וועגען די סיזאָן־יוניאָנס פון די קלאָוק־אפּערייטאָרס, ראטענדיג די ארביי־טער צו גרינדען א שטענדיגע יוניאָן פון קלאָוק־מאכער.

אין יאָהר 1887, אין אָנפאנג סיזאָן, האָט זיך ווידער אָרגאניזירט א נייע קלאָוק מאכער יוניאָן, אָבער זי האָט אויך געהאט א קורצען לעבען.

אין יאָהר 1889, ווען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האָט אָנגעפיהרט איהר ערשטען גרויסען ארגאניזאציאָנס קאמפּיין צו גרינדען אידישע יוניאָנס, האָט זי דאן אויך אָרגאניזירט א קלאָוקמאכער יוניאָן, וועלכע האָט אָבער קיין ערפאָלג ניט געהאט.

אין מאָנאט פעברואר, 1890, ווען אין ניו יאָרק זיינען כמעט אלע אידישע יוניאָנס, וואס האָבען צו יענער צייט עקזיסטירט, ארויס אין א גענעראל־סטרייק, האָט זיך אויך אָנגעפאנגען א גרויסע באוועגונג צווישען די קלאָוק־מאכער פון פילע גרויסע שעפּער און ספּעציעל פון די סוועט־שאָפּ ארבייטער, צו קעמפען פאר בעסערע ארבייטס־באדינגונגען.

ווי שוין פריהער געזאגט, פלעגען יעדען אָנפאנג פון סיזאָן פילע ארבייטער פון קלאוק שעפּער אָרגאניזירען — ניט קיין יוניאָן, נאָר א סטרייק פאר פּרייזען. לויט די דאמאָלסטיגע אָפיציעלע באריכטען, האָבען די קלאָוק־ארבייטער אין אָנפאנג פון יאָהר 1890 געקראָגען ערגער באַ־צאָהלט פאר זייער ארבייט, ווי עס פלעגען קריגען די מענער שניידער אר־בייטער. די פארדינסטען פון א קלאָוק־אפּערייטאָר, ווען ער האָט געאר־בייט, האָבען דאן באטראָפען 9 דאָלאר א וואָך פאר 14—16 שעה אין מעת־לעת. אין פילע אינסייד־שעפּער זיינען דאן איינגעפיהרט געוואָרען נייע פאראָנדקעס געגען די ארבייטער. אום צו קריגען א ספּול סילק פאָדים, האָט דער אפּערייטאָר געדארפט צוריקגעבען דעם ליידיגען ספּול. דער וואס האָט דעם ליידיגען ספּול פארלאָרען, האָט געדארפט צאָהלען 50 סענט שטראף. ווען אַן אָפּערייטאָר פלעגט פארלירען דעם צעטעלע אויפ׳ן באנדעל ארבייט, האָט ער געדארפט צאָהלען 25 סענט שטראף. פאר פארלירען דאס צעטעלע פון די טרימינגס, האָט ער ניט געקענט באקו־מען קיין טרימינגס צו נייהען די קלאָוקס, ביז ער פלעגט באצאָהלען שטראף פון 1 דאָלאר ביז 10 דאָלאר. אין איניגע שעפּער האָט מען מיטאָנ־שטונדע ניט געלאָזט אָנוואַרימען די עסענס, וואס די ארבייטער פלעגען

ברענגען פון דער היים. אין אנדערע שעפּער האָט מען די ארבייטער ניט ערלויבט אריינצונעמען א פּיינטעל ביער, מיט וועלכע די ארבייטער פלעגען זיך קוויקען, אום צו האָבען כחות צו דרייען די „קאַטערינקע”, ד. ה. די נייה־מאשין. פאר קומען שפּעט צו דער ארבייט פלעגט מען אַן ארבייטער אינגאַנצען אוועקשיקען פון שאָפּ, נאָכדעם ווי ער איז שוין א פּאָר מאָל דערפאר פריהער שטראַפירט געוואָרען.

אין מאָנאט פעברואר, 1890, איז אין ניו יאָרק מיט א מאָל אויסגע־וואקסען א שטארקע באוועגונג פון קלאָוק מאכער, וועלכע האָט, ווי געוועהנ־ליך, אויסגעדריקט זיך אין שאָפּ סטרייקס פאר פּרייזען.

מיט יענער קלאָוק־מאכער יוניאָן האָט זיך אָנגעפאנגען די קאריערע פון יאָזעף בּאַראָנדעס, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט א באַ־דייטענדע ראָלע אין דער אידישער ארבייטער־באוועגונג. יוסף באראָנדעס איז געקומען אין אמעריקא אין יאָהר 1888, פון דער שטאָדט מעזשביזש, פּאָדאָליער גובערניע, רוסלאנד. ער האָט געשטאַמט פון א פאמיליע פון רבנים און האָט געקראָגען א גוטע אידישע ערציהונג. ער האָט אויך גע־רעדט פליסיג רוסיש. ער איז געווען א משכיל. אין אמעריקא איז ער געוואָרען א ני־פּענטס אפּערייטאָר. ער איז געווען א געבארענער רעדנער. געגרעדט האָט ער שטענדיג מיט תורה, אָבער ווי א פריידענקער. ביז וואנען ער איז געוואָרען טעטיג צווישען די קלאָוק־מאכער האָבען איהם געקענט בלויז די מיטגלידער פון דער ני־פּענטס מאכער יוניאן און די דעלעגאטען פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, ווי אויך די מיטגלידער פון ברענטש 8 ס. ל. פּ. ער איז געווען א מיטגליד פון די אַלע אָרגאניזאציעס און ער פלעגט אויך אָפט ריידען ביי די מאסענפארזאמלונגען פון די קלענערע יוניאנס.

* * *

עס איז געווען אין א מאָנטאָג אָוונט, ביי א פארזאמלונג פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען ווען עס איז געקומען א קאָמיטע פון קלאָוק־מאכער און האָט געבעטען מען זאָל זיי העלפען גרינדען א יוניאָן און אויך העלפען זיי פיהרען א גרויסע צאָהל שאָפּ־סטרייקס.

ווי געוועהנליך, האָט די געווערקשאפטען געוועהלט א קאָמיטע זיי צו העלפען. אין דער קאָמיטע זיינען ערוועהלט געוואָרען יאָזעף בּאַראָנ־דעס, מ. שאַך, וועלכער איז געווען דעמאָלט דער פיהרער פון די ני־פּענטס מאכער, און דער שרייבער פון דיזע צייל‍ען, וועלכער איז דאָן געווען דער סעקרעטאר פון די געווערקשאפטען.

אונזער קאָמיטעט איז דעם זעלבען אָוועגט אוועק צו די קלאָוק־מאכער. קומענדיג אהין, האָבען מיר געפונען מיטינגס פון קלאָוק־מאכער אויף אלע פינף פלאָרס. עס איז שוין געווען 11 אזייגער ביינאכט. עס האָט דאָרטען געקאָכט ווי אין א קעסעל.

ווען אונזער קאָמיטע האָט ערקלעהרט אין אלע צעהן האָלס באזונדער, אז דער צוועק פון אונזער קומען איז זיי צו העלפען גרינדען א שטארקע יוניאָן, ווי אויך מיטצואַרבייטען אין זייערע סטרייקס, איז די קאָמיטע אויפגענומען געווארען פון די מאסען מיט גרויס יובעל. די ערשטע זאך וואָס די קאָמיטע האָט זיי געראטען, איז אַז זיי זאָלען פאַרבינדען אלע שאפּ ארגאניזאציעס אין איין יוניאָן.

די ערשטע ארבייט פון דער קאָמיטע איז געווען צו קריגען איינינע ערפאהרענע מענשען וואָס זאָלען ארבייטען ביי זיי שטענדיג. אלס אַן אָנפאנג האָבען מיר די קלאָוק־מאכער איבערגעלאָזען באַראָנדעס'ען, ווייל די אנדערע צוויי קאָמיטע־לייט זיינען געווען פארנומען מיט פיהרען די סטרייקס אין אנדערע טריידס.

יענעם סיזאָן איז געווען, ווי מען רופט עס, א גרויסע „ביזי" ביי קלאָוקס. די דאמאלסדיגע רייכע פאבריקאנטען האָבען געהאט גרויסע אָרדערס צוזושטעלען, און דאָ פלוצלונג האָבען אלע ארבייטער פון טרייד, פון די „אינסייד" שעפּער און ביי די קאָנטראקטאָרס זיך אויף אמאָל, ווי איין מאן אויפגעהויבען און גענומען סטרייקען אויף אַן אמת, און האָבען געשריען: „מיר ווילען א יוניאָן, א שטארקע יוניאָן! מיר ווילען גוטע פרייזען, גוטע באהאנדלונג!" א מאסע פון זיבען טויזענט מאן זיינען ארויס אין א גענעראל־סטרייק. גאַנץ דאון־טאון האָט געקאָכט, געררושט מיט יענעם סטרייק, און דערצו האָבען דאן נאָך געסטרייקט כמעט אלע אנדערע אידישע טריידס. גראדע איז צו יענער צייט ערשינען די „ארבייטער־צייטונג", די ערשטע וועכענטליכע סאָציאליסטישע צייטונג, וועלכע האָט ענערגיש אגיטירט פאר יוניאָנס און פאר סאָציאליזם.

אלע ענגלישע צייטונגען האָבען גענומען פיל שרייבען וועגען דעם קלאָוק־מאכער סטרייק. יעדער וואָס האָט געקאָנט ריידען, איז געווען „ביזי" און הייזעריג...

דיזע שטארקע סטרייק־באוועגונג פון די קלאָוק־מאכער האָט געדויערט זעקס־זיבען וואָכען. שוין אויף דער דריטער וואָך האָבען די קלאָוק־באָסעס גענומען קומען אין 92 העסטער סטריט סעטלען מיט דער סטרייק־קאָמיטע, אונטערשרייבען יוניאָן־אגרימענטס, אז זיי אנערקענען א קלאָוק־מאכער יוניאָן און זיי האָבען אויך נאָכגעגעבען די פרייז־ליסטען אויף דער ארבייט.

דער אינטערעסאַנטסטער מאָמענט איז געווען, ווען אין אַ געוויסען פרייטאָג איז ארונטערגעקומען אין 92 העסטער סטריט דער שוין פריהער דערמאָנטער גרעסטער און רייכסטער קלאוק־פאַבריקאַנט, מאיר דזשאָנאַסאָן, וועלכער האָט באַשעפטיגט „אינסייד" און „אויטסייד", איבער 2,000 קלאוק־מאַכער. מאיר דזשאָנאַסאָן, דער רייכער פאַבריקאַנט, האָט זיך פריהער קיינמאָל גאָר ניט געקאָנט פארשטעלען, אז ער וועט דארפען קומען אין העסטער סטריט צו זיינע ארבייטער, זיי נאָכגעבען זייערע פאָדערונגען.

אין יענעם גרויסען קלאָוק־מאכער סטרייק האָב איך זיך אויך באַקענט מיט אַ קלאָוק־אָפּערייטאָר מיט'ן נאָמען יוסף שמולעוויץ, אַ רומענישער לאַנדסמאַן. ער איז געווען אין יענעם סטרייק דער אָנפיהרער פון די פּיקעטס. אַ בלאָסער, אַ דארער איז ער שוין דאַן געווען ניט זעהר קיין יונגער. באַראָנדעס האָט דאַן מיר אויפמערקזאַם געמאכט אויף שמולעוויץ'ן, דעם אָנפיהרער פון דער פּיקעט־לאַין:

— דו זעהסט, — האָט באַראָנדעס געזאָגט צו מיר, — אָט דער אַרבייטער האָט זיך אליין געמאכט פאַר אַן אָנפיהרער פון די פּיקעטס. ער איז אומערשראָקען. וואו ער געהט מיט די פּיקעטס זיינען קיין סקעבס ניטאָ.

און ווירקליך, אין דער צייט פון יענעם קלאָוק־מאכער סטרייק האָבען טאַקע אַלע סטרייקער באַוואונדערט דעם מוט און געוואַגטקייט פון שמולעוויץ'ן.

יוסף שמולעוויץ איז אין יענער קלאָוק־מאכער יוניאָן געווען טעטיג ניט אַלס אַ באַאַמטער. ער איז געווען אַן איינפאכער שאַפּ־אַרבייטער. ער פלעגט טאָן די שווערסטע ארבייט אין דער יוניאָן אָהן וועלכען עס איז לוין פאַר זיך. און אזוי איז ער אויך געווען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד.

אין יאָהר 1892 — אין דער צייט פון צווייטען קלאָוק־מאכער סטרייק — האָט ער זיך ווידער שטאַרק אויסגעצייכענט אויף דער פּיקעט לאַין. פאַר אָנפיהרען אַ גרופּע סטרייקער אויף דער פּיקעט לאַין איז ער דאַן ארעסטירט געוואָרען און ארייגעזעצט געוואָרען אין די „טומס".

אַ גרויסע צאָהל קאָנטראַקטאָרס האָבען דאַן געקענט שמולעוויץ'ען און ער האָט דערפאַר מעהר ניט געקאָנט קריגען קיין ארבייט. איז ער געווען געצוואונגען צו ווערען אַן אָפּערייטאָר ביי „סוספּענדערס" (שלייקעס). דאָס איז שוין געווען אַ קלענערער טרייד, ווי קלאָוקס. אבער שמולעוויץ איז באַלד געוואָרען זעהר טעטיג אין דער סוספּענדערס מאכער יוניאָן.

ביי דעם פאך האָט ער געארבייט פילע יאָהרען, ביז ער איז קראנק און אלט געווארען.

אין יאָהר 1910 איז שמולעוויץ ערוועהלט געווארען אלס אסיסטענט סעקרעטאר פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, צוזאמען מיט מאיר וואָלפאָרט, וועלכער איז דאן געוועזען אויך א געהילפס־סעקרעטאר פון די געווערקשאפטען.

שמולעוויץ איז שוין דאן געוועזען זעהר קראנק, אָבער ער איז נאָך אלץ געוועזען טעטיג. ער האָט אין יענער צייט זעהר פיל נחת געהאט פון דער ארביטער־באוועגונג, פאר וועלכער ער האָט זיינע קרעפטען אוועקגעגעבען. דאָס איז געוועזען זיין טרייסט.

דעם 20־טען יאנואר, פון יאָהר 1926, איז יוסף שמולעוויץ געשטאָרבען אין עלטער פון 75 יאָהר.

עס זיינען געוועזען אין דער קלאָוק־מאכער יוניאָן און אין אלע אידישע יוניאָנס מאסען טעטיגע און איבערגעגעבענע מיטגלידער, סיי מענער, סיי פרויען, יונגע און אלטע ארבייטער; ארבייטער וואָס פלעגען ארויסצייגען פיל געטריישאפט צו דער ארגאניזאציע. עס איז אבער אן אוממעגליכע זאך צו דערמאָנען אזא מאסע נעמען. איך מוז אָבער דאָ דערמאָנען איין פרוי, א מיטגליד פון דער קלאוקמאכער יוניאן נומ. 1, וועלכע איך האָב גע־טראָפען אין יאָהר 1890, אלס איינע פון די טעטיגסטע און איבערגעגעבענ־סטע מיטגלידער פון דער יוניאָן, און דאָס איז מ ר ס. פ י נ ק ע ל־ ש ט י י ן, א קלאוקס פינישערין. זי איז דאן געוועזען א יונגע מיידעל, אן אימיגראנטין, וועלכע איז אהער געקומען פון ווילנע. מיס פינקעלשטיין איז געוועזען די קאסירערין פון דער קלאָוק־מאכער יוניאָן. אלע מיטגלידער האָבען איהר געטרויט דעם פארמעגען פון דער יוניאָן, און ווען די קאסע פון דער יוניאָן איז געוועזען פוסט, וואָס דאָס פלעגט טרעפען זעהר אָפט, בשעת א סטרייק, פלעגט די קאסירערין אויסבאָרגען דער יוניאָן איהרע אייגענע אָפגעשפאָרטע פון דער ארבייט געלט. איהר אמט איז ניט געוועזען קיין באצאָהלטער. זי איז געוועזען א טעטיגע און טרייע יוניאָן שוועסטער פאר פילע יאָהרען ביז זי ארויס פון טרייד.

אין יענעם סטרייק פון יאָהר 1890, איז אָרגאניזירט געווארען די „אָפערייטאָרס און קלאָוק מאכערס יוניאָן נומער 1“, וועלכע איז באשטאנען פון 11 ברענטשעס, מיט א מעמבערשיפ פון א 7,000 קלאוקס אר־בייטער. דעם 1טען מאי, 1890, האָט די פאראייניגטע אידישע געווערק־שאפטען ארגאניזירט א גרויסע 1טען מאי דעמאנסטראציע געמיינשאפט־ליך מיט אלע פארטגעשריטענע יוניאָנס פון ניו יאָרק און מיט דער ס. ל. פ.

די זיגרייכע קלאָוק־מאַכער זיינען געווען די ערשטע דיוויזיע פון יענעם 1טען מאי פאַראַד אין ניו יאָרק.

אויך אין אַנדערע שטעדט האָבען זיך צו יענער צייט אָרגאַניזירט קלאָוק־מאַכער יוניאַנס. אין שיקאַגאָ איז אין מאָנאַט מערץ, 1890, אָרגאַניזירט געוואָרען אַ קלאָוק־מאַכער יוניאָן אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַבְרַהָם בִּיזְנָא, אייזיק לעווין און אַ. ראָזענפעלד. אין מאָנאַט אַפּריל פון זעלבען יאָהר האָבען אין שיקאַגאָ געסטרייקט אַרום 1,500 קלאָוק־אַרבייטער פאָדערענדיג גרעסערע שכירות. יענער סטרייק האָט געדויערט ביז יוני מאָנאַט און ער איז פאַרלוירען געגאַנגען.

אין פילאַדעלפיא האָבען די אידישע אַנאַרכיסטען, אין פריהלינג פון יאָהר 1890, אָרגאַניזירט אַ קלאָוק־מאַכער יוניאָן, וועלכע האָט אַרויסגערופען, דעם 16־טען מאַי, 1890, אַ גענעראַל־סטרייק, אין 35 קלאָוק שעפּער פון אַ 800 אַרבייטער. אַרום און אַרום זיינען דאַן געווען אין פילאַדעלפיא ביי אַ 1,500 קלאָוק־מאַכער. פון די 800 סטרייקערס זיינען געווען 700 פרויען. דער סטרייק האָט אָנגעהאַלטען ביז דעם 15טען אויגוסט, 1890, און די אַרבייטער האָבען דעם קאַמף פאַרלאָרען, ווייל זיי האָבען ניט געקענט קריגען געגוג שטיצע. די פיהרער פון יענעם סטרייק זיינען געווען: אייזידאָר פּרענער, וועלכען איך האָב שוין דערמאָנט אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל, און אַ צווייטער פיהרער פון יענעם סטרייק אין פילאַדעלפיא איז געווען מאַקס שטאַלער, דער דאַמאָלסטיגער הויפּט־פיהרער פון די אידישע אַנאַרכיסטען אין פילאַדעלפיא. פּרענער און שטאַלער זיינען געווען סיגאַר־מאַכערס. שפּעטער איז פּרענער געוואָרען אַ לאָיער און שטאַלער — אַ דאָקטאָר.

אין באָסטאָן האָט דעם 21טען יולי, 1890, אויסגעבראָכען אַ סטרייק פון קלאָוק־מאַכער געגען דער פירמע „דעי, קאַלאַהען און קאָמפּאַניע". צו יענער צייט האָט שוין אין באָסטאָן עקזיסטירט די „באָסטאָן קלאָוק־מאַכער פּראָטעקטיוו יוניאָן". די פירער פון יענעם סטרייק זיינען געווען: ב. ספּאַניער און מ. ציפּקין,ביידע קלאָוק־מאַכער. אויך דער באָסטאָנער סטרייק איז פאַרלוירען געגאַנגען.

אין ניו יאָרק איז באַראַנדעס איינגיכען געוואָרען דער הויפּט־פיהרער פון דער „אָפּערייטאָרס און קלאָוק מאַכער יוניאָן נומער 1", און אונטער זיין פיהרערשאַפט איז די יוניאָן געוואַקסען ביז זי האָט שוין געהאַט ביי 7,000 מיטגלידער. די לייבאָר ביוראָ פון דער יוניאָן, אין 170 לודלאָוו

סטריט, האָט אויסגעקוקט ווי א באנק. די קלאָוק מאַנופעקטשורערס אָבער האָבען שטאַרק ניט געגליכען די יוניאָן און נאָך פילע מאַנעוורעס פון די באַלעבאַטים האָט אויסגעבראָכען א גענעראַל סטרייק פון אַלע קלאָוק מאַכער פון ניו יאָרק, אָן וועלכען די קלאָוק־קאַטערס האָבען זיך דעם מאָל אָנגעשלאָסען. אין יענעם סטרייק זיינען אין אָנפאַנג צו די קלאָוק־מאַכער צוגעשטאַנען אויך די קלאָוק־קאָנטראַקטאָרס.

באַראָנדעס האָט גערעדט ביי די סטרייקערס טאָג און נאַכט. ער איז דאָרטען געשלאָפען אין האָל, געטרונקען טיי און מען פלעגט איהם אין האָל אריינברענגען עפּעס צו צובייסען. ער איז געווארען דער „גאָט" פון די קלאָוק־מאַכער. און די קלאָוק־מאַכער האָבען איהם ערוועהלט אַלס „גרעגד מענעדזשער" פון זייער יוניאָן.

ווען באַראָנדעס איז אָנגעקומען צו די קלאָוקמאַכער איז ער געווען א סאָציאַל־דעמאָקראַט, א מיטגליד פון 8טען ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פאַרטיי. צו יענער צייט אבער האָבען די אידישע אנאַרכיסטען געהאַט א סך אָנהענגער אין אַלע אידישע יוניאָנס, און אויך ביי די קלאָוק־מאַכער. גראַדע זיינען א היבשע צאָהל פון די פיהרער פון יענעם סטרייק אויך געווען אנאַרכיסטען. זייער הויפּט־פיהרער איז דאַן געווען מ אָ ר י ס ל י ד ע ר. (מיט 20 יאָהר שפּעטער איז דערזעלבער לידער, פון יאָהר 1910 ביז 1916 געווען דער פיהרער פון דער „ריפער מאַכער יוניאָן לאָקאַל 17", א ברענטש פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, אבער דאַן איז ער שוין געווען א סאָציאַל־דעמאָקראַט).

באַראָנדעס איז ארונטערגעפאַלען אונטער דעם איינפלוס פון די אנאַרכיסטישע פיהרער פון די קלאָוקמאַכער און אין א פּאָר מאָנאַטען ארום האָט ער זיך ערקלעהרט פאַר אַן אנאַרכיסט. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א קאַמף צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען מיט באַראָנדעס'ען, וועלכער איז געווען שטאַרק אין כעס אויף זיי, ווארום זיי האָבען איהם אזוי שטאַרק קריטיקירט פאַר זיינע אומפּראַקטישע האַנדלונגען אין יענעם קלאָוק־מאַכער סטרייק.

באַראנדעס פלעגט איינלאַדען צו די מאַסענפאַרזאַמלונגען פון די קלאָוק־מאַכער בלויז די אנאַרכיסטישע רעדנער. ר. לואיס, מ. קאַטץ, דר. ה. זאָלאָטאַראָף, ה. וויינבערג, דר. מייקעל קאָהען, פון באַלטימאָר, ש. יאַנאָווסקי און אַנדערע אנאַרכיסטישע רעדנער.

פילע קלאָוקמאַכער אָבער האָבען געפאָדערט נאָך די סאָציאַליסטישע רעדנער, אב. קאַהאַן, מ. זאַמעטקין, אַלעקסאַנדער יאָנאַס א. א. באַראָנדעס האָט אויך איינגעלאַדען אַלס זיין מיטאַרבייטער אין סטרייק א געוויסען

פּראָפעסאָר טאָמאס ה. גארסייד, אַן אַנארכיסט, אַ געוועזענעם מעמבער פון דער ס. ל. פּ., וועמען די סאָציאַליסטען האָבען באשולדיגט, אַז ער איז ניט עהרליך געגוג צו זיין אַן ארבייטער־פיהרער.

אין יענעם צווייטען סטרייק־לאָקאוט פון אַלע קלאָוק־ און דרעס־מאַכער אין מאָנאַט מאי 1890 האָבען די קלאָוקמאַכער וואונדערבאר בראוו גע־סטרייקט. די טויזענדער ארבייטער־פאַמיליען פון די סטרייקערס האָבען דאַן געהונגערט, ווייל איידער די קלאָוק־פאַבריקאַנטען האָבען אויסגעשלאָסען די ארבייטער, זיינען זיי שוין פון פריהער ארומגעגאַנגען אַ צייט אָהן ארבייט.

פּראָפעסאָר גארסייד פלעגט ארומגעהן אין אַלע קירכען און אַגיטירען פאַר די קלאָוק־מאַכער סטרייקערס און אויך זאמלען געלט פאַר זיי. די געלדער, אָבער, וואָס מען האָט געזאמעלט האָבען ניט געקלעקט אפילו אויף טרוקען ברויט פאַר די סטרייקערס. דערפאַר אָבער זיינען די קלאָוק־פאַב־ריקאַנטען אויך געווען אויף גרויסע צרות, ווייל די קלאָוקס־קאָנטראַקטאָרס האָבען אויך מיטגעסטרייקט און די קלאוק־קאַטערס זיינען אויך געווען אָנ־געשלאָסען אָן סטרייק.

פּראָפעסאָר גארסייד איז מיט יעדען טאָג געוואָרען אַלץ מעכטיגער אין דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן, און ווען דעם 12טען יולי, 1890, איז פאָר־געקומען די ערשטע קאָנפערענץ מיט די קלאָוקס־פאַבריקאַנטען וועגען אַ סעטעלמענט פון סטרייק, איז דער הויפּט־פאָרשטעהער און „סעטלער" פאַר דער קלאָוקמאכער יוניאן געווען פּראָפ. גארסייד, וועלכער האָט זיך פאַר־אייניגט מיט די פארטרעטער פון דער קלאָוק־קאַטערס יוניאָן און זיי האָבען עס געשלאָסען אַ פרידענס־קאָנטראַקט מיט די קלאוקס־באַלעבאַטים, וועלכע האָבען אנערקענט די יוניאן און ווייטער האָבען זיך די באַלעבאַטים פאַר־פליכטעט אַלע איבעריגע שטרייטיגקייטען צו אַרביטרירען. אָבער וועגען הע־כערען די פרייזען פאַר דער ארבייט און וועגען דעם, אַז די באַלעבאַטים זאָלען אוועקשיקען די סטרייק־ברעכער, איז קיין וואָרט ניט געווען אין דעם קאָנטראַקט. דעם 16טען יולי, 1890, האָבען אַלע ענגלישע צייטונגען גע־מעלדעט, אַז דער קלאָוקמאַכער סטרייק האָט זיך געענדיגט.

ווען מען האָט געדאַרפט פאָרלעזען דעם אַגרימענט ביי דער סטרייק־קאָמיטע פון דער יוניאָן, האָט מען געבעטען אב. קאַהאַנ'ען, וועלכער איז דאָרטען אַנוועזענד געווען, אַז אַזוי ווי דער קאָנטראַקט איז אין ענגליש, זאָל ער עס איבערלעזען און נאכהער איבערזעצען אין אידיש. ערשט דאַן האָט מען אויסגעפונען, אַז די פאָדערונגען, פאַר וועלכע די אַרבייטער האָבען אַזוי ביטער געקעמפט, זיינען ניטאָ אין קאָנטראַקט. אין אַ טאָג שפּעטער האָט מען גערופען אַ מאַס־מיטינג אין ניו וועררעט האָל, 31 איסט 4טע סטריט

(צו יענער צייט דער גרעסטער האָל אויף דער איסט סייד). נאָכדעם ווי יאָזעף באַראָנדעס און אב. קאַהאַן האָבען ערקלערט דער מאַסע פון איבער דריי טויזענד סטרייקענדע קלאָוק־מאכער, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דעם סעטעלמענט, וועלכען פּראָפעסאָר גארסייד צוזאַמען מיט די פּאַרטרעטער פון די קלאָוק־קאַטערס האָבען געשלאָסען מיט די קלאָוק־פאַבריקאַנטען, האָבען אַלע קלאָוקמאַכער פאַרשטאַנען, אַז דער פּראָפעסאָר גארסייד האָט זיי פאַר־ראַטען. כמעט איינשטימיג האָבען די סטרייקער באַשלאָסען פאָרטצוזעצען דעם סטרייק אַזוי לאַנג, ביז די באַלעבאַטים וועלען נאָכגעבען אַלע גערעכטע פאָדערונגען פון די קלאָוקמאַכער. די דראַמאַטישע סצענעס, וואָס זיינען ביי יענער ריזיגער ארבייטער־פאַרזאַמלונג פאָרגעקומען, וועל איך דאַכט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעסען. דער ענטוזיאַזם און די באַגייסטערונג פון די גרויסע מאַסען קלאָוקמאַכער פאַר זייערע גערעכטע פאָדערונגען און זייער גרויסער צאָרן געגען די יעניגע וואָס האָבען זיי פאַרראַטען, איז געווען אונ־געהויער גרויס. ווען מען האָט שוין אָפּגעשטימט, אַז מען זאָל ווייטער סטרייקען האָט דער טשערמאַן פון דער פאַרזאַמלונג געפרעגט: „נו, שוועס־טער און ברידער, מיר האָבען דאָך קיין געלד ניט מיט וואָס ווייטער צו פיהרען דעם סטרייק". עס איז ווידער געוואָרען א גרויסער קאָך און פילע סטרייקערס האָבען גענומען טראָגען צו דער פּלאַטפאָרמע זייער צירונג — רינגען, בראַסלעטען און אוירינגלאַך. „פאַרקויפט עס און פיהרט ווייטער דעם סטרייק!" — האָט די מאַסע געשריען.

עס איז געווען א וואונדערבאַרע סצענע, אַן אונפאַרגעסליכע. ביי יענער פאַרזאַמלונג איז אויך אַנוועזענד געווען ס ע מ ו ע ל ג אָ מ פּ ע ר ס, דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וועלכער האָט גע־האַלטען א רעדע פאַר די קלאָוק מאכער, וואָס האָט געמאַכט אויף אַלעמען א וואונדערבאַרען איינדרוק.

ביי יענעם מיטינג האָב איך זיך ווידער באַפריינדעט מיט גאָמפּערס'ן. די אידישע יוניאָנס האָבען גענומען נעהנטער צוקומען צו דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

דער באַנייטער סטרייק האָט אָנגעהאַלטען נאָך א וואָך צייט, און עס איז געמאַכט געוואָרען א באַזונדערער סעטעלמענט פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן מיט יעדען קלאָוקס־פאַבריקאַנט, ביי וועמען מען האָט געסטרייקט. די ארבייטער האָבען געוואונען די פּרייזען אויף ארבייט, די אַנערקענונג פון דער יוניאָן, די אָפּשאַפונג פון אינסייד־קאָנטראַקטאָרס. (די אינסייד־קאָנ־טראַקטאָרס זיינען געווען נאָך א גרויסע צרה אין אַלע שניידער־טריידס. אין יעדען גרויסען „אינסייד"־שאַפּ פלעגען זיך געפינען אַזעלכע „ארבייטער",

וואָס האָבען געהאַלטען פון זייער האנט ארויסהעלפערס און זיי פלעגען זיי עקספּלואַטירען אויפ'ן שענדליכסטען אופן). ווייטער האָט יענער סעטעל־מענט געלויטעט, אַז די וועכענטליכע שכירות פון אַ שניידער אין די „אינ־סייד"־שעפּער זיינען 15 דאָלאַר אַ וואָך און פון אַ פּרעסער 14 דאָלאַר אַ וואָך. די שטונדען ביי וואָך־ארבייט זיינען געבליבען די זעלבע: פון 8 אין דער פריה ביז 6 פאַרנאַכט.

דער סעטעלמענט איז געמאַכט געוואָרען פון אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן מיט יוסף בּאַראָנדעס אלס פיהרער.

דיזען סעטעלמענט האָבען די קלאָוקמאַכער אָנגענומען מיט פרייד.

פּראָפעסאָר גאַרסייד איז גלייך נאָכ'ן ערשטען סעטעלמענט פארשוואונ־דען פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און מעהר האָט מען איהם ניט געזעהן.

די סענטראַל לייבאָר פעדערייישאָן פון די ניו יאָרקער פּאָרטנעשריטענע יוניאָנס ווי אויך די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען דאַן מיט אַלע קרעפטען זיך באַמיהט די קלאָוקמאַכער יוניאָן פעסט צו אָרגאַניזירען און זי שטעלען אויף אַ זיכערען באָדען. נאָך דיזען לאָקאַוט האָט די אַפּריי־טאָרס יוניאָן נומער 1 געהאַט אַ מיטגלידערשאַפט פון זיבען טויזענד.

---

## די דזשאַמייקא פּאַסירונג און אַנדערע פּראָצעסען.

אין יאָהר 1891 האָט די קלאוק מאַכער יוניאָן נומער 1, אונטער באַ־ראָנדעס'עס פיהרערשאַפט געפיהרט אַ רייהע שאָפּ־סטרייקס, צווישען זיי סטרייקס געגען די גרויסע קלאָוקס־פאַבריקאַנטען בענדזשאַמין ענד קאָפּ־פּאַרי, בלומענטהאַל בראָס., פּאַפּקין און מארקס און פילע אַנדערע. די אור־זאַכען פון דיזע סטרייקס זיינען געוועזען פארשיידענע: אייניגע פאַר בעסערע ארבייטס־פּרייזען, אַנדערע צוליב אַוועקשיקען יוניאָן־מיטגלידער פון דער ארבייט. די קלאָוק־פאַבריקאַנטען זיינען דאַן פּשוט ניט געווען צוגעוואוינט צו דער יוניאָן, ווייל אין די פריהערדיגע יאָהרען, ווען די קלאָוק־באַלעבאַטים האָבען געהאַט ביי זיך אַ סטרייק פלעגען זיי איהם סעטלען נאָכגעבענדיג אַ ביסעל בעסערע פּרייזען די ארבייטער און צום ענדע פון סעזאָן גלייך עס צוריקנעמען ווידער. דעם מאָל אָבער, ווען די קלאָוקמאַכער האָבען שוין געהאַט אַ שטאַרקע יוניאָן, האָבען זיי אָנגעהאַלטען דעם אַלטען געווינס און יעדען מאָל געפאָדערט אַלץ מעהר. צוליב דעם האָבען אויסגעבראָכען סטרייקס אין אַלע גרויסע וואַר־הייזער פון קלאָוקס, וועלכע פלעגען דאַן אָפּ־געבען מאַכען זייער ארבייט צו קלאָוק־קאָנטראַקטאָרס.

ווען די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט געשיקט פּיקעטס צו די שעפּער, וואו מען האָט געסטרייקט, האָבען די קלאָוק־קאָנטראַקטאָרס גענומען טאָן דאָס, וואָס די בעלי־בתּים טוען אויך איצט: זיי פלעגען אַנטלויפען אין די אַרו־מיגע שטעדטלאַך, אָבער נישט ווייט פון ניו יאָרק.

דאָס איז געווען אין יאָהר 1891, ווען די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז גע־ווען פאַרוויקעלט אין פילע סטרייקס. די פּיקעט־קאָמיטע פון דער יוניאָן האָט אַוועקגעשיקט עטליכע מענשען נאָך דזשאַמייקא, לאָנג איילאַנד, צו אַ קלאָוק־קאָנטראַקטאָר, וועלכער האָט געמאַכט „סקעב"־אַרבייט, איהם אויפ־צופאָדערען ער זאָל אויפגעבען די סקעבעריי. עס איז געקומען צו אַ גע־שלעג צווישען די סקעבס און די מיטגלידער פון דער פּיקעט־קאָמיטע. אַקוראַט וואָס דאָרט האָט פּאַסירט ווייסט מען עד היום נישט, אָבער די באַ־שולדיגונגען זיינען געווען, אַז די פּיקעטס האָבען שטאַרק צושלאָגען דעם קאָנטראַקטאָר, באַגאָסען די וואָרע מיט וויטריאָל און דערביי אומגעוואָרפען אַן אויוועז מיט'ן פייער און אַז דעם קאָנטראַקטאָר'ס אַ קינד איז צוברענט געוואָרען.

די פּיקעטס פון די קלאָוקמאַכער האָבען זיך גלייך אָפּגעטראָגען און זיינען אַוועק צוריק אין ניו יאָרק. נאָך איין קלאָוק מאַכער, אַ געוויסען ל. ר ײ נ ג אָ ל ד, האָט מען געכאַפּט אין דזשאַמייקא, ווען ער האָט געוואָלט אַרויף אויף אַ טראַמוויי צוריקצופאָהרען אין ניו יאָרק.

אַלע ענגלישע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, וועלכע האָבען ביי דער גרינדונג פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן געשריבען סימפּאַטישע אַרטיקלען פאַר די קלאָוקמאַכער, זיינען גלייך נאָך דעם פאַל אַרויס מיט שאַרפע אַר־טיקלען געגען די „פרעמדע", די אימיגראַנטען פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און פון אַלע אידישע טרייד־יוניאָנס, וועלכע באַנוצען זיך מיט גוואַלד־מיט־לען. עס איז געוואָרען אַ טומעל. די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו באָארד, יאָזעף באַראָנדעס און אַלע אַנדערע טוער פון דער יוניאָן האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען.

אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך דער פּאַסירונג אין דזשאַמייקא, איז יאָזעף באַראָנדעס, וועלכער איז אַ צייט געשטאַנען ווייט פון די געווערקשאַפטען און פון דער ס. ל. פּ., זייענדיג אַ סימפּאַטייזער פון די אַנאַרכיסטען, גע־קומען צו לויפען אין דעם בילדינג פון דער „אַרבייטער־צייטונג", וואו אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס און דער אָפיס פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען זיך דאַן געפונען, און האָט געפאָדערט הילף.

נאָך דעמזעלבען אָווענד איז ביי אַ מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, וואָס איז פאַרגעקומען אין 385 באַוערי, געקומען

אַ גרויסע קאָמאַנדע דעטעקטיווס צוזאַמען מיט יענעם דזשאַמייקער קלאָוק־קאָנטראַקטאָר, און יעדען איינעם, אויף וועמען דער קאָנטראַקטאָר האָט אָנגעצייגט, האָט מען אַרעסטירט. דעם לעצטען האָבען זיי גענומען באַראָנדעס׳ען אַליין, צוזאַמען מיט 12 אָדער 15 קלאָוקמאַכער, באַאַמטע פון דער יוניאָן. מען האָט זיי אַלעמען אַוועקגעפיהרט אין דזשאַמייקער געפענגניס. דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ גוואַלדיגען רושם ניט נאָר אין אידישען קוואַרטאַל אַליין. אַלע ענגלישע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען זיינען באַלד ארויס מיט „גרויסע קעפּ״: „באַראָנדעס ענד קריו אַרעסטעד״.

דריי טעג זיינען די אַרעסטירטע געזעסען אין דזשאַמייקער תפיסה. אַזוי ווי מיר האָבען געהאַט בלויז אַ וועכענטליכע צייטונג, האָט מען די דריי טעג געדרוקט יעדען טאָג אַ בלעטעל און דערצעהלט אַלעס וואָס עס האָט דאָרט אין דער אמת׳ן פּאַסירט. אויפ׳ן פערטען טאָג איז פּאָרגעקומען דער פאַרהער אין דזשאַמייקער פּאָליציי־געריכט און דער ריכטער האָט אַלעמען באַפרייט, ווייל עס זיינען קיינע באַווייזע ניט געווען געגען זיי. דער איינציגער, וועמען מען האָט פאַרהאַלטען, איז געווען ריינגאָלד, וועלכען מען האָט געהאַט אַרעסטירט אין דזשאַמייקע אויף אַ קאַר.

און דאָ האָט פּאַסירט אַ נייע סענסאַציע. ווי נאָר דער דער פּאָליס־ריכטער פון דזשאַמייקא האָט באַפרייט אַלע אַרעסטירטע קלאָוקמאַכער און זיי האָבען גענומען ארויסגעהן פון הינטער די גראַטעס פון געריכט, זיינען צוגעקומען צוויי דעטעקטיווס פון ניו יאָרק און צייגענדיג באַראָנדעס׳ען אַ פּאַפּיר, האָבען זיי אויסגערופען: „יו אר אור פּריזאָנער!״ (איהר זיינט אונזער אַרעסטאַנט).

די דעטעקטיווס האָבען איהם אַוועקגעפיהרט אין די „טומבס״ (ניו יאָרקער טורמע).

די געשיכטע איז געווען אַזאַ: באַראָנדעס האָט געסעטעלט אַ סטרייק ביי דער פירמע „פּאַפּקין און מאַרקס״ פון קאַנעל סטריט, און ער האָט ביי די באָסעס גענומען אַ טשעק אויף הונדערט דאָלאַר פּאַר בעק־פּעי, אָדער פּאַר דער צייט וואָס די קלאָוקמאַכער האָבען געסטרייקט. זיינען געקומען די באַלעבאַטים און האָבען פאַרפיהרט אַ קרימינעלען פּראָצעס געגען באַראָנדעס׳ען אין מאַכען אַ פּאַרשווערונג אויסצופּרעסען ביי קלאָוק־פאַבריקאַנטען געלד. פון אַ טעות אין דעם נאָמען אויפ׳ן טשעק איז געוואָרען אַ „פּראָצעס״.

אין אונזער אַרבייטער־וועלטעל איז נאָך דער לעצטער פּאַסירונג געוואָרען נאָך אַ גרעסערער קאָך. עס האָט גענומען אַ וואָך צייט ביז מען

האָט באַראָנדעס'ען געבעילט, ווייל די בעיל איז געווען אַ צוואַנציג טויזענד דאָלאַר, וואָס איז געווען זעהר אַ גרויסע סומע פאַר די פּראָלעטאַריער פון יענער צייט.

אין דער צייט איז פאָרגעקומען רייננאָלד'ס פּראָצעס פאַר דער דזשאַ־מייקער געשיכטע און אַ דזשורי האָט איהם פאַראורטיילט צו 5 יאָהר סינג־סינג (טורמע). מען האָט איהם פאַרשיקט. די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט די גאַנצע צייט געשטיצט זיין פאַמיליע און האָט שטאַרק געאַרבייט דערפאַר אויסצואווירקען ביים גאָווערנאָר, אַז מען זאָל רייננאָלד'ן באַגנאַדיגען. ענד־ליך האָט גאָווערנאָר דייוויד ב. היל איהם באַגנאַדיגט, נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעזעסען אַ 7—6 מאָנאַטען אין טורמע.

באַראָנדעס'עס קייס האָט זיך געצויגען לענגער, איבער אַ יאָהר צייט. די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז דאַן אָפּגעשוואַכט געוואָרען צוליב די שווערע סטרייקס. באַראָנדעס האָט דערווייל גאָר ניט געטאָן, ער האָט געוואַרט אויף זיין משפּט. ענדליך איז איהם מיאוס געוואָרען דער ארומגעהן ליידיג און איהם איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק צו פאַרלאָזען אַמעריקאַ און פאָהרען נאָך ענגלאַנד. געטראַכט און געטאָן — באַראָנדעס איז פּלוצלונג אַוועק קיין מאָנטרעאָל, קענעדע.

אין אַ געוויסען פאַרנאַכט איז געקומען אין אָפּיס פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, אין 81½ לודלאָו סטריט, דער אייגענטימער פון „גאָלדען רול" האָל, פון 125 ריווינגטאָן סטריט, אַ געוויסער מר. פרידמאַן, וועלכער האָט פאַרזיכערט באַראָנדעס'עס בעיל, און האָט אונז דערצעהלט, אַז ער האָט געהערט, דאָס באַראָנדעס איז איצט אין מאָנטרעאָל, אויפ'ן וועג נאָך ענגלאַנד. מיר זיינען אריין צו פיליפּ קראַנץ'ן, דעם רעדאַקטאָר פון דער „ארבייטער צייטונג", אין צימער. קראַנץ איז רויט געוואָרען, דערהערענדיג די געשיכטע. געווען איז עס דערפאַר, וואָס קראַנץ האָט יענעם טאָג דער־האַלטען אַ בריף פון מאָנטרעאָל, אין וועלכען מען האָט איהם דערצעהלט וועגען באַראָנדעס'ען, אַז ער איז דאָרטען און ער פאָהרט אָפּ נאָך אייראָפּאַ.

עס איז גלייך באַשלאָסען געוואָרען, אַז קראַנץ זאָל צוזאַמען מיט מר. פרידמאַן'ען פאָהרען מיט'ן ערשטען צוג נאָך מאָנטרעאָל.

ווען קראַנץ און פרידמאַן זיינען געקומען אין מאָנטרעאָל איז שוין באַראָנדעס דאָרט ניט געווען. זיי האָבען ערפאַהרען, אַז ער איז אָפּגע־פאָהרען מיט אַ נאַכט פריהער מיט אַ קליינער שיפעל, — וואו ער איז גע־וואָרען אַ מאַטראָז, — נאָך קוויבעק, קענעדע, און אַז מאָרגען לאָזט זיך דיזע פראַכט־שיף נאָך ענגלאַנד.

די צוויי שלוחים זיינען גלייך אַוועק נאָך קוויבעק. אָנקומענדיג אהין

אין דער פריה האָבען זיי געטראָפּען די פּראכט־שיף, מיט באראַנדעס׳ען, פּארטיג אָפּצופאָהרען איבער׳ן אָקעאַן. ע׳ס האָט גענומען קראַנץ׳ן א פּאָר מינוט צייט איבערצורעדען באראַנדעס׳ען, אז ער זאָל זיך גלייך צוריקקערען קיין ניו יאָרק.

אזוי שנעל אָבער ווי באראַנדעס האָט זיך צוריקגעקערט קיין ניו יאָרק האָבען די בעילערס צוריקגעצויגען די בעיל, און באראַנדעס איז ווידער איינגעשפּאַרט געוואָרען אין די „טומבס"־טורמע ביז זיין פּראצעס.

די קלאָוקמאכער יוניאָן האָט איינבארופען א פּאָרזאַמלונג אין 125 ריווינגטאָן סטריט, אויסדריקענדיג די סימפּאַטיע צו זייער ארעסטירטען פיהרער. אין גיכען איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס און באראַנדעס איז פאַר־אורטיילט געוואָרען צו 21 מאָנאַטען טורמע.

די דאמאָלסדיגע „סענטראל לייבאָר יוניאָן" האָט דורך איהר פיהרער, דזשימי אַרטשיבאלד, וועלכער איז געווען א טעמעני־מאַן, שוין אויסגעווירקט ביי ריטשארד קראָקער, דעם דעמאָלסדיגען טאַמאַני־באָס, אז מען זאָל באַ־ראַנדעס׳ען באגנאַדיגען.

מען האָט אונטערגעשריבען מאַסען פּעטיציעס צום דאמאָלסדיגען גאָ־ווערנאָר פלאָוער, ביז ער האָט באראַנדעס׳ען באגנאַדיגט. דאָס איז געווען אין יאָהר 1892.

די סאָציאַליסטען האָבען שטארק פּראָטעסטירט געגען דעם, וואָס באַ־ראַנדעס האָט אָנגענומען די באגנאַדיגונג. **ל. מילער איז אין דער „ארבייי־טער־צייטונג"** פון 10־טען יוני, 1892, ארויסגעטראָטען מיט א שאַרפען אַרטיקעל געגען באראַנדעס׳ען.

די קלאָוקמאכער יוניאָן איז דורך די 18 מאָנאַטען וואָס זי האָט געהאַט צו טאָן מיט די אַלע פּארשיידענע ארעסטען און פּראָצעסען, ניט געווען בכח צו פּארטיידיגען די אינטערעסען פון די אַרבייטער אין די שעפּער. די פּרייזען אויף ארבייט האָבען גענומען זינקען און צוליב דעם האָבען זיך טויזענטער קלאָוקמאכער צוריקגעצויגען פון דער יוניאָן.

ווען אַלע דיזע צרות פון די ארעסטען און פּראָצעסען זיינען שוין געווען אריבער, האָט מען אָנגעפאַנגען טראכטען וועגען פארשטארקען די יוניאָן, אָבער מען האָט ניט געקענט באוועגען די גרויסע מאַסען קלאָוקמאכער, זיי זאָלען צוריק אריינקומען אין דער יוניאָן. אַלע זיינען געווען מיד פון די פילע קאמפּפען, וואָס זיי האָבען דורכגעמאכט. די מחלוקות צווישען די געגנער פון באראַנדעס׳ען און זיינע פריינד האָבען זיך אויף ס׳ניי צופלאַ־קערט. באראַנדעס׳עס געגנער האָבען איהם געוואָלט ארויסשטופּען פון דער יוניאָן. און אזוי האָט מען זיך ארומגעקריגט ביז אין פריהלינג פון יאָהר

1893. עס איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אַז דיביידע שטרייטענדע צדדים פלעגען זיך איינפאַך שלאָגען אין די שעפּער און אין די פלעצער, וואו די קלאָוקמאכער פלעגען זיך פארזאמלען.

דער קריזיס פון 1893 האָט אויך אין דעם קלאָוקס-טרייד געשאַפען אַ גרויסע ארבייטסלאָזיגקייט גראַדע ווי אין אַלע אַנדערע פאַכען און די יוניאָן איז נאָך שוואַכער געוואָרען.

די רייסערייען ביי די קלאָוקמאכער זיינען געוואָרען נאָך שטאַרקער. די יוניאָן איז געזונקען פון טאָג צו טאָג. די געגנער פון באַראָנדעס'ען האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירען. די קלאָוקמאכער יוניאָן האָט געשטעלט 18 מיטגלידער אונטער אַ קלאָגע פאַר העצען געגען באַראָנדעס'ען. אָנשטאָט צו ענטפערען אויף דער קלאָגע, האָבען די 18 מיטגלידער איינבארופען אַ פארזאמלונג אין 91 דעלענסי סטריט, אין סאָציאַליסטישען „לייבאָר ליי־סעאום", און זיי האָבען געגרינדעט אַן אָפּאָזיציאָנס יוניאָן אונטער דעם נאָמען „די אינטערנעשאָנאַל קלאָוקמאכער יוניאָן".

דער קאַמף צווישען דער אַלטער קלאָוקמאכער יוניאָן און דער אָפּאָזי־ציאָנס-יוניאָן האָט זיך דאַן שטאַרק צופלאַקערט.

איינער פון די אָנפיהרער פון דער „אינטערנעשאָנאַל קלאָוקמאכער יוניאָן" איז געוועזען אַ סאָציאַליסט, נ י ט ע ן ז ו ו י ר י ן, וועלכער איז געוועזען אַליין אַ קלאָוקס אפּערייטאָר. שפּעטער האָט זווירין אויסשטודירט אַלס אַ לאָיער. נ. זווירין איז איצט אַ טעטיגער ציוניסט. דער צווייטער וויכטיגער פיהרער פון יענער „אינטערנעשאָנאַל קלאָוקמאכער יוניאָן" איז געוועזען י ו ס ף ש ל אָ ס ב ע ר ג, דער איצטיגער סעקרעטער-טרעזשורער פון דער אמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס יוניאָן.

ווען די אָפּאָזיציאָנס-יוניאָן געגען דער אַלטער קלאָוקמאכער יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען, איז אב. ראָזענבערג, אַ באַראָנדעסיסט, געוואָרען דער סעקרעטאַר פון דער אַלטער קלאָוקמאכער יוניאן צוזאמען מיט מ. קונץ, אויך אַ קלאָוקמאכער, אַלס דער צווייטער סעקרעטער פון דער אַלטער קלאָוקמאכער יוניאָן. דיזע יוניאָן האָט זיך דעמאָלט פאַראייניגט מיט דער „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס" פון די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס". זיי מיט נאָך אַ פּאָר אידישע יוניאָנס האָבען צוזאַמען דאַן געקעמפט געגען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. די אַלטע קלאָוקמאכער יוניאָן איז דאַן געוואָרען דער לאָקאַל 64 פון דער „יונייטעד גארמענט וואָירקערס".

דיזע אַלטע קלאָוק מאכער יוניאן האָט גענומען ארויסגעבען אַ ווע־כענטליכען טרייד-יוניאָן בלאַט „די יוניאָן-צייטונג".

דער קאַמף צווישען די צוויי יוניאנס איז אָנגעגאַנגען ביז יוני, 1894,

וועןביידע קלאָוקמאכער יוניאָנס, די אַלטע און די „אינטערנעשאָנאל״, האָבען זיך ווידער פאַראייניגט אין איין יוניאָן. די אַלטע קלאָוקמאכער יוניאָן האָט דאַן איינגעוויליגט דערצו, אַז באַראָנדעס זאָל מעהר ניט זיין קיין בעאמטער און אפילו קיין „עהרען״-מיטגליד פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן. אָבער אַזוי שנעל ווי די ניו יאָרקער קלאָוקמאכער יוניאָן האָט אויס־געשלאָסען באַראָנדעס'ען אַלס מיטגליד, האָבען איהם די בראָנזווילער קלאָוק־מאכער ערוועהלט פאַר איהר עהרען־מיטגליד.

אין יאָהר 1894, ווען דער קריזיס אין לאַנד איז שוין געווען פאַריבער, איז גראָד געוואָרען אַ סך אַרבייט ביי קלאָוקס. די ביידע קלאָוקמאכער יוניאָנס זיינען שוין געווען פאַראייניגט. די אַרבייטער־באַדינגונגען אין די שעפּער זיינען אָבער געווען שרעקליך שלעכטע. האָבען די קלאָוקמאכער גענומען לויפען אין דער יוניאָן און זיינען צוריק געוואָרען מיטגלידער. שאַפּ־סטרייקס האָבען אויסגעבראָכען. אין דער צייט פון דיזע קלאָוקמאכער סטרייקס איז פּלוצלונג באשאפען געוואָרען אַ באוועגונג צווישען די קלאָוק־מאכער פאַר דעם, אַז מען זאָל באַראָנדעס'ען ווידער ברענגען אַלס מענע־דזשער פון דער יוניאָן. איינינע קאָמיטעס זיינען גלייך געשיקט געוואָרען נאָך באַלטימאָר, וואו באַראָנדעס האָט צוזאַמען מיט איינעם אַ קאַסאָווסקי ארויסגעגעבען אַ אידישע וועכענטליכע צייטונג, „די פריייע פּרעסע״. באַ־ראָנדעס האָט זיך אין אָנפאַנג געלאָזט שטאַרק בעטען. ענדליך אָבער האָט ער דאָרטען אויפגעגעבען זיין צייטונג און איז געקומען קיין ניו יאָרק.

צו יענער צייט, אין יאָהר 1894, האָט די קלאָוקמאכער יוניאָן געהאַט אַ שאַפּ־סטרייק פון 400 אַרבייטער ביי דער קלאָוק־פירמע דזשוליוס סטיין. דער סטרייק איז געקומען צוליב אַ סכסוך מיט 32 קאַטערס, וואָס האָבען ניט באַלאַנגט צו דער קאַטערס יוניאָן, מיט וועלכער באַראָנדעס האָט דע־מאָלט ווידער שלום געמאַכט אום צוריק שטאַרק צו מאַכען די קלאָוקמאכער יוניאָן.

און גראַדע אין דערזעלבער צייט האָבען די מענער־שניידער פון דער „בראָדערהוד אָוו טיילאָרס״ דורכגעפיהרט זייער גענעראַל־סטרייק, וואו זיי האָבען געוואונען, אַז די „צייל־סיסטעם״ זאָל אָפּגעשאַפט ווערען, און אָנשטאַט דעם זאָלען די מענער־שניידער אַרבייטען פון וואָך.

ביי די קלאָוקמאכער האָט מען זיך דעמאָלט שטאַרק געטומעלט, אַז מען דאַרף אויך סטרייקען. די קלאָוקמאכער יוניאָן האָט גערופען אַ מאַססמיטינג, וועלכער איז געווען גוט באזוכט. דאָס איז געווען אין ניו אוירווינג האָל,

אויף ברום סטריט. און דאָרטען האָט מען באשלאָסען, אז א נאכט פאר ערב יום־כפור זאָל מען ארויסרופען די טויזענדער קלאָוקמאכער אין גענעראל־סטרייק.

פאר 50 סענט איינטריטס־געלד האָט מען פארשריבען אלעמען, אלס נייע מיטגלידער אין דער יוניאָן. מען האָט אויסגעארבייט א סקייל פון שכירות און ארבייטס־פרייזען. דיזע פאָדערונגען האָט מען צוגעשיקט צו אלע פאבריקאנטען. עס האָט אָבער געדויערט א לאנגע צייט ביז דאָס איז געטאָן געוואָרען. די סטרייקערס האָבען דערווייל געפּיקעט די שעפּער. עס האָט אויסגעזעהן אין אָנפאנג אז דער סטרייק געהט גוט. אָבער די ריכטיגע פאבריקאנטען האָבען ניט געסעטעלט. דער סטרייק האָט זיך גע־צויגען און די סטרייקערס האָבען געהונגערט.

אין יענעם סטרייק האָבען אויך אָנטייל גענומען א 2,000 איטאליענישע קלאָוקמאכער, וועמעס פארזאמלונגס־פּלאץ איז געווען אין פּרינס סטריט. מען האָט אויף זיי דאָן וועניג אויפגעפּאסט. האָט זייער פּרעזידענט, אן איטאליענער, אויסגענוצט די געלעגענהייט און האָט זיי אלעמען פארקויפט צו די באלעבאטים צו 5 דאָלאר פּער קאָפּ.

די סימפּאטיע פון דעם גרויסען עולם צו די סטרייקערס איז אפילו דאן געווען זעהר גרויס, אָבער די סטרייקערס האָבען ניט געקראָגען גענוג שטיצע און דער סטרייק איז מיט יעדען טאָג אלץ מעהר אָפּגעשטאָרבען. יעדען טאָג האָבען זיך אלץ מעהר און מעהר ארבייטער צוריק אומגעקערט אין די שעפּער צו דער ארבייט, ביז דער סטרייק איז אינגאנצען פארלוירען געגאנגען.

אָפיציעל איז יענער סטרייק קיינמאָל ניט אויפגעגעבען געוואָרען. דער־מיט האָט זיך געענדיגט די טראגעדיע פון 1894. בארא‍נדעס איז אוועק פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן, און פון דאן אָן האָט ער מיט איהר מעהר קיין אָפיציעלע פארבינדונגען ניט געהאט.

די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס", פון וועלכע דיזע קלאָוקמאכער יוניאָן איז דאמאלט געווען א לאָקאל, האָט נאָכ'ן סטרייק פארלאנגט די ביכער פון דער יוניאָן אום זיי צו אונטערזוכען, נאָר אזוי ווי קיין ביכער האָט די יוניאָן ניט געהאט האָבען די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס" דער־פאר אויסגעשלאָסען די קלאָוקמאכער יוניאָן פון זייער פארבאנד, און די קלאָוקמאכער יוניאָן האָט זיך דאן אויפגעלייזט.

אין אָנפאנג אויגוסט פון יאָהר 1896 האָט זיך ווידער געגרינדעט א

נייע קלאָוקמאַכער יוניאָן אונטער'ן נאָמען די „יונייטעד בראָדערהוד אָוו קלאָוקמייקערס, נומער 1", און אין 1897, ווען די „פּאָרוועטסיסטען" האָבען פאַרלאָזען די ס. ל. פּ., האָט זיך יענע קלאָוקמאַכער יוניאָן געשטעלט אויף דעם צד פון „פאָרווערטס".

פון 1897 ביז 1899 איז די „בראָדערהוד אָוו קלאָוקמייקערס" געווען זעהר ערפאָלגרייך. זי האָט געצעהלט איינינע טויזענד מיטגלידער און האָט אָנגעפיהרט אַ רייהע ערפאָלגרייכע סטרייקס דורך וועלכע זי האָט געוואונען בעסערע פּרייזען פאַר די אַרבייטער. צו יענער צייט האָט די „בראָדערהוד אָוו קלאָוקמייקערס" געהאַט אָנגעשטעלט 7 וואָקינג־דעלעגאַטען. דער סעקרעטער פון דיזער קלאָוקמאַכער־יוניאָן איז דעמאָלט געווען א. ג י י ע ר, אַ מעמבער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (ער אַליין איז ניט געווען קיין קלאָוקמאַכער ביים פאַך). דיזע קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט עקזיסטירט ביז'ן יאָהר 1899, ווען עס האָט פּאַסירט די באַריהמטע געשיכטע מיט די „וועלוועט־דעלעגאַטען".

פיר וואָקינג־דעלעגאַטען פון דער יוניאָן פלעגען זיך צוזאַמענקלייבען יעדען טאָג אין אַ רעסטאָראַן אויף האוסטאָן סטריט, און דאָרטען פלעגען זיי פאַרהאַנדלען די יוניאָן־געשעפטען, אַנשטאָט עס צו טאָן אין דער ביוראָ פון דער יוניאָן. דערביי פלעגען זיי גאַנצענע טעג און נעכט שפּילען אין קאָרטען. זיי האָבען געהאַט צווישען זיך אַ פּאַסיר־וואָרט. ווען זיי פלעגען דאַרפען אָפּמאַכען צו טרעפען זיך אין דעם דאָזיגען רעסטאָראַן, פלעגען זיי נאָר אַ זאָג טאָן דאָס וואָרט „וועלוועט" (אַזוי האָט געהייסען דער אייגענטימער פון רעסטאָראַן). דערפאַר האָט מען יענע 4 דעלעגאַטען אַ נאָמען געגעבען די „וועלוועט־דעלעגאַטען". זיי פלעגען ניט פאָלגען די באַשליסע פון דער יוניאָן־עקזעקוטיווע, און די יוניאָן האָט זיי אָפּגעזאָגט פון זייערע עמטער, באַצאָהלענדיג זיי די שכירות ביז'ן ענדע פון זייער טערמין.

די דאָזיגע פּאַסירונג האָט שטאַרק אונטערגעגראָבען די עקזיסטענץ פון דער יוניאָן. די „בראָדערהוד אָוו קלאָוקמייקערס" האָט דאַן געשיקט נאָך א. ב י ז נ אָ, דעם פיהרער פון דער שיקאַגאָ'ר קלאָוקמאַכער יוניאָן, אַז ער זאָל קומען רעטען די יוניאָן אין ניו יאָרק.

ביזנאָ איז טאַקע באַלד געקומען אין ניו יאָרק. ער האָט ניט געקענט ראַטעווען די יוניאָן פון אונטערגאַנג. זי איז געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ביז זי איז כמעט אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען.

אברהם ביזנאָ איז איינער פון די אידישע אימיגראַנטען, וואָס איז גע־

קומען יונגערהייט קיין שיקאַגאָ נאָך אין די 80יגער יאָהרען און איז געוואָרען אַ קלאָוקס־אָפּרייטאָר.

ביזנאָ איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער קלאָוק־מאַכער יוניאָן אין שיקאַגאָ אין יאָהר 1886.

אין יאָהר 1891 איז ער צום ערשטען מאָל געקומען קיין ניו יאָרק. דאָס איז געווען נאָך אין באַראָנדעס'עס צייטען. מען האָט דאַן געוואָלט מאַכען ביזנאָ'ן פאַר דעם מענעדזשער פון דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן. ער איז אָבער ניט פאַרבליבען אין ניו יאָרק און איז באַלד צוריק אַוועקגע־פאָהרען קיין שיקאַגאָ און דאָרט האָט ער געשפּילט אַ זעהר אָנגעזעהענע ראָלע אין דער אַרבייטער־באַוועגונג.

אין יאָהר 1893 איז ביזנאָ פון פרוי פלאָרענס קעלי־ווישנעוועצקי, די דאַמאָלסדיגע הויפּט לייבאָר־אינספּעקטאָרין פון שיקאַגאָ, באַשטימט געוואָ־רען אַלס פאַבריק־אינספּעקטאָר. *) אַלס פאַבריק־אינספּעקטאָר האָט ביזנאָ זעהר פיל אויפגעטאָן צו פאַרניכטען די סוועטינג־סיסטעם אין שיקאַגאָ'ר שניידער־טרייד.

אין יאָהר 1913 איז ביזנאָ ווידער אַ קורצע צייט געווען דער הויפּט־באַאַמטער פון דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

---

## די קלאָוקמאַכער יוניאָנס אין אַנדערע שטעדט.

די שיקאַגאָ'ר קלאָוקמאַכער יוניאָן, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1890, איז צובראָכען געוואָרען אין יאָהר 1894. אין מאַי, 1895, איז אין שיקאַגאָ אָרגאַניזירט געוואָרען אַ נייע קלאָוקמאַכער יוניאָן מיט'ן זעלבען נאָמען. אין יאָהר 1897 האָט די יוניאָן אָנגעפיהרט ערפאָלגרייכע שאָפּ־סטרייקס. אין זומער פון יאָהר 1898 האָט דיזע יוניאָן געהאַט ביז אַ 300 מיטגלידער און אַ ביזנאָ איז געווען איהר וואָקינג־דעלעגאַט. די באַאַמטע פון דיזער יוניאָן זיינען דאַן געווען ש. האָפּמאַן, פינאַנציעלער סעקרעטער; י. סעגאַלאָוו, קאָרעספּאָנדינג־סעקרעטער, און ב. שלעזינגער, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאר און טשערמאַן פון עקזעקוטיוו באָארד (וועגען ב. שלעזינגער'ן אין אַ וויטערדיגען קאַפּיטעל). אין אָק־

---

*) פרוי פלאָרענס קעלי־ווישנעוועצקי איז די גרינדערין פון דער „פרויען אַרבייטער קאָנסיומערס ליג פון אַמעריקא", אַן אָרגאַניזאַציע וואָס ארבייט שוין איבער 40 יאָהר אונערמידליך פאַר דער פאַרבעסערונג פון די אַרבייטס־באַדינגונגען פון די פרויען־אַרבייטערינען אין אַמעריקא.

טאָבער פון יאהר 1897 איז דיזע שיקאַגאָ׳ר קלאָוקמאַכער יוניאן געוואָרען אַ לאָקאַל פון דעניעל דעליאָנ׳ס „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס”. אין סעפּטעמבער פון יאָהר 1898 האָט די שיקאַגאָ׳ר קלאָוקמאַכער יוניאָן ערקלערט אַ סטרייק געגען דער פירמע „בייפעלד און קאָמפּאַני”, וואו עס האָבען געסטרייקט 500 קלאָוקמאַכער פון דעם „אינסייד”־שאָפּ און אויך די אַרבייטער פון די קאָנטראַקטאָרס וואָס האָבען געאַרבייט פאַר דיזער פירמע. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַנערקענונג פון דער יוניאָן, אָבער די אַרבייטער האָבען דעם סטרייק פאַרלוירען און די יוניאָן האָט זיך אויפ־געלייזט.

די פילאַדעלפיער קלאָוקמאַכער יוניאָן, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָ־רען אין יאָהר 1890, האָט זיך אויפגעלייזט אין יאָהר 1894. אין זעלבען יאָהר, הערבסט־צייט, איז געגרינדעט געוואָרען אין פילאַדעלפיא אַ נייע יוניאָן, „די יונייטעד קלאָוקמאַכערס יוניאָן”, וועלכע האָט זיך אָנגע־שלאָסען אָן די „נייטס אָוו לייבאָר” אַלס לאָקאַל 1082. אין יאָהר 1895 האָט די יוניאָן פאַרלוירען אַ סטרייק געגען דער פירמע „גרינספּאַן און ווערטהיימ” און זי האָט זיך אויפגעלייזט. מיט אַ יאָהר שפּעטער אָבער האָט זי ווידער אויפגעלעבט. דורך דער צייט האָט די יוניאָן געפיהרט אַ רייהע שאָפּ־סטרייקס, צווישען וועלכע עס איז אויך געוועז דער סטרייק ביי דער פירמע „סטראָברידזש און קלאָדיער”. אין יאָהר 1898 האָט די יוניאָן גע־ביטען איהר נאָמען אויף „יונייטעד בראָדערהוד אָוו קלאָוקמייקערס נומער 2”. אין 1899 איז דיזע יוניאָן ווידער רעאָרגאַניזירט געוואָרען אונטער דעם נאָמען „קלאָוקמייקערס פּראָטעקטיוו יוניאָן”.

אין ענדע פון יאָהר 1899 איז דיזע יוניאָן געוואָרען אַ פעדעראַל לאָקאַל פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, אַלס לאָקאַל 8140. אין דער זעלבער צייט איז אין פילאַדעלפיא אָרגאַניזירט געוואָרען אַ קלאָוק־פּרעסערס יוניאָן.

אין באַלטימאָר איז אַ קלאָוקמאַכער יוניאָן אָרגאַניזירט געוואָרען אין יאָהר 1890, וועלכע האָט עקזיסטירט יאָהרען־לאַנג. זי האָט געהאַט גוטע צייטען און שלעכטע צייטען.

אין יענע יאָהרען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען קלאָוק מאַכער יוניאָנס אויך אין נוּאַרק, קליוולאַנד, סינסינעטי, טאָלידאָ און סאַן פראַנציסקאָ.*)

*) די אויסקינפטע וועגען די קלאָוקמאַכער און אַנדערע פּרויען קליידער יוניאָנס האָב איך גענומען פון דר. לואיס לעווין׳ס בוך, דער „לײדיס גאַרמענט וואָירקער”.

## די ערשטע אידישע יוניאָנס פון ווייסט־מאַכער, ראַפּער־מאַכער, באָטאָנהאָל־נייהער, עמבראָידערי־ארבייטער און אַרבייטער פון אַנדערע פרויען־קליידער.

די ערשטע יוניאָן פון דרעס־מאַכערינס אין ניו יאָרק איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון די „נאַיטס אָוו לייבאָר". דאָס איז געווען אין פעברואַר פון יאָהר 1885.

אין דעצעמבער פון יאָהר 1890 האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אָרגאַניזירט אַ ווייסט באָטאָן־האָל מאַכער יוניאָן.

מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט דיזעלבע פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען געגרינדעט אַ קאָסטאָם דרעס־מאַכער יוניאָן. יענע יוניאָן האָט שוין געצעהלט אַ 150 מיטגלידער.

אין די 80יגער און 90יגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט פלעגען די פרויען פון אַרבייטער־קלאַס טראָגען ביליגע לאַנגע קאַפּעטענס, געמאַכט פון „קאַליקאָ" (סיטעץ). צו יענער צייט פלעגט מען קענען קויפען אַ פרויען־ראַפּער פאַר 75 סענט. ביי דיזע פרויען־ראַפּערס האָבען דאַן געאַרבייט פילע אידישע אימיגראַנטען. די גרעסטע צאָהל ראַפּערס פלעגען געמאַכט ווערען ביי קאָנטראַקטאָרס אין די סוועט־שעפּער.

אין אַפּריל 1893 האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אָר־גאַניזירט אַ ווייסט־ און ראַפּער־מאַכער יוניאָן. די ערשטע מאַסען־פאַרזאַמ־לונג פון דיזער יוניאָן איז געהאַלטען געוואָרען אין 56 אָרטשאַרד סטריט. איינער פון די רעדנער ביי יענער פאַרזאַמלונג איז געווען אַ ב. קאַהאַן. צווישען די טעטיגע מיטגלידער פון יענער יוניאָן איז געווען אַ ב. עפּ־שטיין, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ ווייסטען־אָפּרייטאָר. שפּעטער איז דערזעלבער עפּשטיין געווען אַ געוויסע צייט פּרעזידענט פון אַרבייטער רינג. בעת דער לעצטער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז אַב. עפּשטיין אַריבער צו די קאָמוניסטען.

אין זעלבען יאָהר 1893 האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אָרגאַניזירט אַ יוניאָן פון ווייסטען־ און ראַפּער־מאַכערס אין ברוקלין און נאָך אַ יוניאָן פון זעלבען פאַך אין בראָנזוויל.

נאָך אין יאָהר 1891, אין מאָנאַט יאַנואַר, האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אָרגאַניזירט אַ יוניאָן פון באָנאַז עמבראָידערי אַרבייטער. דאָס זיינען אַרבייטער וואָס אַרבייטען אויף עמבראָידערים וואָס ווערען באַ־נוצט צו פאַרפּוצען ווייסטען און פרויען־קליידער. אָבער דיזע יוניאָן האָט

עקזיסטירט בלויז איינינע מאָנאטען און האָט זיך אויפגעלייזט, ווייל די ארבייטער האָבען גענומען וועניג אינטערעס אין דער יוניאָן.

די אויבען־דערמאָנטע ווייסט־ און ראפער־מאכער יוניאָן האָט עקזיסטירט 3 יאָהר צייט. דאָס האָט דעמאָלט געהייסען אַ לאַנגער לעבען פאַר א יוניאן. אין ענדע פון יאהר 1896 האָט זיך דיזע יוניאן אויך אויפגעלייזט.

אין יאָהר 1897 האָט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען אויף ס'ניי אָרגאַניזירט אין ניו יאָרק און אין בראָנזוויל יוניאָנס פון ווייסט־מאכער.

אם ענדע פון יאָהר 1893 האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פון פילאַדעלפיא געגרינדעט אַ ווייסט־ און ראַפער־מאַכער יוניאָן, וועלכע האָט עקזיסטירט בלויז אַ קורצע צייט. אין יאָהר 1896 איז אין פילאַדעלפיא צום צווייטען מאָל אָרגאַניזירט געוואָרען אַ ווייסט־ און ראפער־מאכער יוניאָן. דיזעלבע יוניאָן האָט זיך אין יאָהר 1898 אַנגעשלאָסען אָן דער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס".

אין יאָהר 1899 איז אריין אין דער מאָדע, אז פרויען זאָלען טראָגען באזונדערע זיידענע ווייסטען און באזונדערע סקוירטס, אַנשטאָט דער אַלטער מאָדע צו באַשטעלען א דרעס ביי אַ דרעס־מייקער, און צוליב דעם איז דער ליידיס־ווייסט טרייד געוואָרען גרויס, און פון דאַן אָן האָבען זיך די ארבייטער אָרגאַניזירט אין באזונדערע יוניאָנס פון ווייסטען־ און ראַפּער־מאַכערס.

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז אזוי שנעל ווי עס איז אין יאָהר 1899 געוואָרען אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף ארבייטער ביי זיידענע פרויען־ווייסטען, זיינען די מעהרסטע ארבייטער, וואָס האָבען פריהער געאַרבייט אַלס שוירט־מאַכער ביי מענערשע אויבער־העמדער, די גוטע בעלי־מלאָכות, אריבער אין ווייסט־טרייד, ביי וועלכען מען האָט בעסער פאַרדינט ווי ביי מענער־העמדער.

איך געדענק, דאָס אין מאָנאַט יולי 1900, ווען איך בין ווידער ערוועהלט געוואָרען אַלס סעקרעטער פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, האָבען מיר דעמאָלט אָרגאַניזירט די „ליידיס ווייסט מייקערס יוניאָן", וועלכע איז מיט 9 יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1909, באַריהמט געוואָרען איבער'ן גאַנצען לאַנד מיט איהר גרויסען סטרייק, אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט אַכצעהן טויזענד ארבייטערינען.

די ערשטע מאַסען־פאַרזאַמלונג פון דער סילק (זיידענס) ווייסט מייקערס יוניאָן אין אויגוסט 1900 איז געהאַלטען געוואָרען אין 77 און 79 עסעקס סטריט. ביי יענער פאַרזאַמלונג האָבען זיך אָן דער יוניאן אַנגע־

שלאָסען 400 מיטגלידער, מענער און פרויען, וועלכע זיינען גראָד געווען אין אַ סטרייק נאָך איידער די יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען. דער סטרייק איז געווען געגען דער גרויסער פירמע „פלאָשהיימער, ראָמאַן און האהן". די אַרבייטער האָבען געסטרייקט פאַר העכערע שכירות און זיי האָבען דעם קאמף געוואונען.

גלייך נאָך דעם האָט די יוניאָן אָרגאַניזירט נאָך אַ גרויסען סילק־ווייסט שאפּ פון דער פירמע מ. בלום (אַ געוועזענער אַנאַרכיסט), ווי אויך פילע אַרבייטער פון אַנדערע שעפּער. די יוניאָן האָט דאַן געצעהלט ביי אַ טויזענד מיטגלידער.

אַזוי ווי די גרעסטע צאָהל מיטגלידער פון דער יוניאָן איז באַשטאַנען פון פרויען, האָבען מיר זיך געווענדעט צו די „סאָשעל וואָירקערס", וועלכע האָבען געהאַט די שעהנסטע און באַקוועמסטע פאַרזאַמלונגס־לאָקאַלען אין זייער אייגענער היים, די „יוניווערסיטי סעטעלמענט סאָסייעטי" אויף ריווינגטאָן און עלדרידזש סטריטס, ניו יאָרק, אַז זיי זאָלען אונז געבען אַ לאָקאַל פאַר די פאַרזאַמלונגען פון דער ליידיס ווייסט מייקערס יוניאָן, אום די טויזענד אַרבייטער־פרויען און מיידלאַך זאָלען ניט דאַרפען געהן אין אַ ביר־סאַלון, וואו אַלע יוניאָנס פלעגען זיך דאַן פאַרזאַמלען.

די „סעטעלמענט סאָסייעטי", וועלכע האָט געהאַט צווישען איהרע מיטגלידער פילע באַריהמטע רעפאָרמערס און סעטעלמענט־וואָירקערס, האָט אָפּגעהאַלטען צוליב דעם אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג, און עס איז באַשלאָסען געוואָרען אונז צו געבען אַ פאַרזאַמלונגס־לאָקאַל פאַר דער ווייסט־מאַכער יוניאָן. זיי האָבען אויך איינגעלאַדען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען צו האַלטען איהרע מיטינגען אין זייער הויז. פאַרשטעהט זיך, אַז מיר האָבען די איינלאַדונג אָנגענומען און זיך גענומען דאָרט פאַרזאַמלען. מיר פלעגען, נאַטירליך, באַצאָהלען פאַר דעם פאַרזאַמלונגס־האָל, אָבער ווען מיר האָבען קיין געלד ניט געהאַט האָט מען אונז געלאָזט זיך פאַרזאַמלען אויף באָרג.

איינער פון די טעטיגסטע מיטגלידער פון דער ליידיס ווייסט מייקערס יוניאָן איז געווען בעני וויטאַשקין, וועמען איך האָב נאָך געקענט פון דער שוירט־מאַכער יוניאָן.

אין זעלבען מאָנאַט אויגוסט 1900 האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אָרגאַניזירט אַ ראַפּער־מייקערס יוניאָן אין ניו יאָרק און אַ צווייטע אין בראָנזוויל, וואו מען פלעגט דעמאָלט אַרבייטען אַ סך ראַפּערס ביי קאָנטראַקטאָרס אין סוועט־שעפּער. דיזע ביידע ראַפּער־מאַכער יוניאָנס האָבען אויך געהאַט ביי אַ טויזענד מיטגלידער. זייער וואָקינג־דעלעגאַט

איז געווען סעמועל שינדלער, אַן ארבייטער פון טרייד, וועלכער איז שפּעטער געווען איינער פון די פיהרער פון גרויסען ליידיס ווייסט־מאַכער סטרייק אין יאָהר 1909 (מעהר וועגען שינדלער׳ן שפּעטער).

דיזע ראַפּער־מאַכער יוניאָן האָט עקזיסטירט פאַר פילע יאָהרען און די ארבייטער פון פאַך האָבען געארבייט אונטער נישקשה׳דיגע ארבייטס־באַדינגונגען. די יוניאָן האָט זיך אויפגעלייזט אין יאָהר 1906 אָדער אין 1907, ווען די מאָדאַם מאָדע האָט באַפוילען, אַז פרויען זאָלען מעהר ניט טראָגען קיין ראַפּערס.

אין יאָהר 1894 האָבען אין ניו יאָרק און אויך אין עלזוואָירטה, מיזורי, עקזיסטירט יוניאָנס פון ליידיס טיילאָרס, וועמעס מיטגלידער האָבען גע־ארבייט ביי די פרויען־קליידער און סוטס פאַר מליאָנערסקע דאַמען.

אין יאָהר 1898 זיינען די מיטגלידער פון דער ניו יאָרקער ליידיס טיילאָרס יוניאָן אויסגעשלאָסען געוואָרען דורך זייערע באַלעבאַטים פון די שעפּער. די באַלעבאַטים האָבען געפאָדערט, אַז די ארבייטער זאָלען פאַר־לאָזען זייער יוניאָן. יענער סטרייק־לאָקאַוט האָט געדויערט 5 מאָנאַטען און די ארבייטער האָבען איהם דאַן פאַרלוירען. צוזאַמען מיט׳ן סטרייק האָבען די ארבייטער אויך פאַרלאָרען זייער יוניאָן.

אין אָקטאָבער פון יאָהר 1894 איז מיט דער הילף פון די געווערק־שאַפטען אָרגאַניזירט געוואָרען אַ יוניאָן פון די ריפער (קינדער קלאָוקס) מאַכער. זי האָט זיך גערופען „אינפענט קלאָוק מייקערס יוניאָן" און האָט עקזיסטירט 2 יאָהר צייט. צום צווייטען מאָל האָט זיך די ריפער מאַכער יוניאָן אָרגאַניזירט אין יאָהר 1897 אונטער דעם נאָמען „טשילדרען קלאָוקס און ריפער מאַכערס יוניאָן".

דעם 25־טען יוני, 1898, האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפ־טען אָרגאַניזירט אין ניו יאָרק די ערשטע סקוירט מאַכער יוניאָן.

אין יאָהר 1899 איז אין פילאַדעלפיא אויך אָרגאַניזירט געוואָרען אַ יוניאָן פון סקוירט־מאַכער.

---

## דער געבורט פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן.

אין יאָהר 1900 זיינען אין דער אינדוסטריע פון פרויען־קליידער אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אמעריקא, לויט די אָפיציעלע רעגי־רונגס־סטאַטיסטיקס, געווען באַשעפטיגט 83,739 ארבייטער און ארבייטע־רינען. אין ניו יאָרק אַליין זיינען דאַן געווען 44,450 ארבייטער, און אין אַ

רייהע שטעדט האָבען שוין עקזיסטירט באַזונדערע יוניאָנס פון ארבייטער, וואָס האָבען געארבייט ביי פארשיידענע פאַכען פון דער פרויען־קליידער אינדוסטריע. אין דעם זעלבען יאָהר איז געגרינדעט געוואָרען דער פאַרבאַנד פון אַלע יוניאָנס פון פרויען־קליידער ארבייטער אין אַמעריקא, וועלכער איז באַוואוסט אונטער דעם נאָמען „ד י א י נ ט ע ר נ ע ש אָ נ א ל ל י י ד י ס ג א ר מ ע נ ט וואָ י ר ק ע ר ס י ו נ י אָ ן אָ ו ו א מ ע ־ ר י ק א".

אין יאָהר 1900 זיינען שוין אין די פרויען־קליידער טריידס געווען באַשעפטיגט, אויסער אידען, ביי 15 פּראָצענט איטאַליענישע ארבייטער, מענער און פרויען. דאָס איז געווען אין דער שטאָדט ניו יאָרק. אין שיקאַגאָ זיינען דאַן אין די פרויען־קליידער טריידס געווען באשעפטיגט אויסער אידישע ארבייטער א סך בעהמישע, פּוילישע, רוסישע און סירישע אימי־גראַנטען. פאַר די אינטערעסען פון די ארבייטער האָט זיך געפאָדערט צו האָבען אַן אינטערנעשאָנאַל יוניאָן איבער'ן גאַנצען לאַנד, וועלכע זאָל אויפ־פּאַסען, אַז אין פאַל פון א סטרייק אין איין שטאָדט זאָלען די פאַבריקאַנטען ניט קענען אויפמאַכען זייער ארבייט אין א צווייטער שטאָדט, אָדער קריגען די ארבייט אויפגעמאַכט פאַר ביליגער. דיזע אינטערנעשאָנאַל יוניאָן האָט זיך געשטעלט אַלס איהר אויפגאַבע צו אָרגאַניזירען יוניאָנס אין אַלע שטעדט, וואו מען נייהט פרויען־קליידער.

שוין אין יאָהר 1892 האָט די קלאָוקמאַכער יוניאָן פון ניו יאָרק געהאַט אָרגאַניזירט אַן אינטערנעשאָנאַל פון אַלע פרויען־קליידער יוניאָנס, וועלכע האָבען זיך אָן איהר אָנגעשלאָסען. ליידער אָבער האָט יענער ערשטער פאַרבאַנד געלעבט בלויז א קורצע צייט. א צווייטען מאָל האָט די פילאַ־דעלפיער קלאָוקמאַכער יוניאָן געוואָלט גרינדען א פאַרבאַנד בלויז פון אַלע קלאָוקמאַכער יוניאָנס פון לאַנד. עס איז דאַן פון דעם גאָרניט געוואָרען, ווייל דעמאָלט איז גראָד אָנגעגאַנגען דער קאַמף געגען דער „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס" און די פילאַדעלפיער יוניאָן איז געווען אָנגע־שלאָסען אָן דער „אַלייענס".

ווי שוין פריהער געזאָגט, איז נאָך אין 1892טען יאָהר אין דער לע־דזשיסלייטשור פון ניו יאָרק סטייט אָנגענומען געוואָרען דער געזעץ, וואָס האָט געלויטעט, אַז די מיטגלידער פון א פאַמיליע האָבען א רעכט צו אַר־בייטען אין זייערע וואוינונגען, אָבער קיין פרעמדע ארבייטער, וואָס באַ־לאַנגען ניט צו דער פאַמיליע, טאָרען זיי ניט דינגען צו ארבייטען ביי זיך אין הויז. אַלס אַן אָנפאַנג איז דאָס שוין געווען א גוטער שוץ־געזעץ געגען דעם סוועטינג־סיסטעם. דער צווייטער געזעץ וועגען סוועט־שעפּער

וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין דער ניו יאָרקער לעדזשיסלייטשור אין יאָהר 1899, האָט געלויטעט, אַז קיינער טאָר ניט אויפמאַכען אַ שאַפּ, סיידען ער האָט אַן ערלויבניש אויף דעם פון דעם לייבאָר־דעפּאַרטמענט פון דער ניו יאָרקער סטייט־רעגירונג, און דער דעפּאַרטמענט האָט קיין רעכט ניט געהאַט צו געבען אַן ערלויבניש צו עפענען אַ שאַפּ דאָרט, וואו עס וואוינען און שלאָפען מענשען. דער שאַפּ האָט געמוזט זיין מעהר אָדער וועניגער אַ פּאַסיגער פּלאַץ צו דער ארבייט.

אַן אינטערנעשאָנאַל יוניאַן, אין אַ סוועט שאַפּ טרייד, ווי די פּרויען קליידער אינדוסטריע, האָט געקענט ווירקען, אַז אויך אין אַלע אַנדערע גרויסע שטעדט פון אַנדערע שטאַטען פון לאַנד זאָלען אַנגענומען ווערען געזעצען וועגען אָפּשאַפונג פון סוועטינג סיסטעם.

די ערשטע קאָנוועגשאָן צו אָרגאַניזירען די אינטערנעשאָנאַל פון אַלע יוניאַנס פון פּרויען קליידער ארבייטער איז ערעפענט געוואָרען דעם 3טען יוני, 1900, אין סאָציאַליסטישען לייבאָר לייסעאום, 64 איסט 4טע סטריט, ניו יאָרק. אויף דער קאָנוועגשאָן זיינען אנוועזענד געווען פאַר־טרעטער בלויז פון 7 לאָקאַל יוניאַנס: פון ניו יארק, פילאדעלפיא, באַלטי־מאָר, נוארק און בראָנזוויל. די אַלע 7 יוניאַנס צוזאַמען האָבען דאַן גע־ציילט ביי אַ 2,000 מיטגלידער.

יאָזעף באַראָנדעס איז געווען אַ געלאַדענער גאַסט צו דער קאָנוועגשאָן. ער, צוזאַמען מיט הערמאַן ראָבינזאָן, דער דאַ־מאַלסדיגער ניו יארקער אָרגאַנייזער פון דער אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, האָבען געעפענט די ערשטע זיצונג פון דער קאָנוועגשאָן.

אַלע דעלעגאַטען זיינען געווען איינשטימיג, אַז מען מוז גרינדען אַ נאַציאָנאַלע יוניאַן פון דער פּרויען־קליידער אינדוסטריע און כמעט אָהן דעבאַטען איז באַשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַזא פּאַרבאַנד אונטער דעם נאָמען „די אינטערנעשאָנאַל לײדיס גארמענט וואירקערס אוו אמע־ריקא".

אַלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל איז ערוועהלט געוואָרען הערמאַן גראָסמאַן, אַ דעלעגאַט פון דער ניו יארקער קלאוקס אפּערייטאָרס יוניאַן, אַ שאַפּ־אַרבייטער, וועלכער איז געווען אַ טעטיגער יוניאַן מאַן, אַ פאַרטרעטער ביי דער „סענטראַל פעדערייטעד יוניאַן" פון ניו יארק. גראַסמאַן איז דאַן געווען טעטיג, אויך צווישען די ענגלישע יוניאַנס. ער איז פריער פילע מאָל ערוועהלט געוואָרען אַלס דער ביזנעס־אַגענט פון דער ניו יארקער קלאוק מאַכער יוניאַן.

אַלס סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאָנאַל איז ערוועהלט

געווארען בערנארד בראון, א פרעסער, א שאפ־ארבייטער, און אמת־געטרייער יוניאן מאן. ער איז ניט געווען אזא גוטער שרייבער צו אטענדען די קארעספאנדענץ פון דער „אינטערנעשאנאל" אין דער ענגלי־שער שפראך, האט עס פאר איהם געטאן זיין זוהן.

די נייע אינטערנעשאנאל יוניאן האט זיך גלייך אנגעשלאסען אן דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר און האט אין גיכען געקראגען פון דער קערפערשאפט א טשארטער.

עס האט ניט גענומען לאנג נאך דיזער קאנווענשאן ווי די שיקאגא'ר קלאוק מאכער יוניאן האט זיך אויך אנגעשלאסען אן דער אינטערנעשא־נאל. אויך איז אין דעם פארבאנד אריינגעטראטען די פילאדעלפיער סקוירט מאכער יוניאן, ווי אויך די סאן פראנציסקא'ער קלאוק מאכער יוניאן.

אין יוני, 1901, ביי דער צווייטער קאנווענשאן פון דער אינטערנע־שאנאל, וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען אין פילאדעלפיע, האט די אינ־טערנעשאנאל שוין געצעהלט 18 לאקאלע יוניאנס.

די דריטע קאנווענשאן פון דער „אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן" איז פארגעקומען ווידער אין ניו יארק, אין דער „יוני־ווערסיטי סעטעלמענט סאסייעטי", אויף ריווינגטאן און עלדרידזש סטריט. ביי די זיצונגען פון דיזער קאנווענשאן בין איך אויך אנוועזענד געווען. עס איז געווען זעהר אן ארימער צוזאמענפאהר.

ביי יענער קאנווענשאן איז אריינגענומען געווארען די „ליידיס וויסט מאכער יוניאן" פון ניו יארק, אין דער אינטערנעשאנאל.

די אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן האט די ערשטע דריי יאהר וויינינג פראגרעסירט. איהר מיטגלידערשאפט איז געווען אן אומבאדייטענדע. די איינקונפטען פון דער אינטערנעשאנאל זיינען געווען גאנץ קליין. דער סעקרעטער־טרעזשורער האט געקראגען א געהאלט פון 15 דאלער א וואך. די איבעריגע בעאמטע האבען געקראגען בלויז פאר נויטיגע אויסגאבען. ביי דיזער דריטער יעהרליכער קאנווענ־שאן פון דער אינטערנעשאנאל האט מען דעבאטירט וועגען אנפיהרען א גרויסע אגיטאציע צווישען די פרויען פון לאנד, אז זיי זאלען קויפען קלאוקס מיט א „יוניאן לייבעל". מען האט געהאפט, אז דאס וועט ברענ־גען דערצו, אז מען זאל קענען לייכטער ארגאניזירען די ארבייטער פון גאנצען פאך.

די פערטע קאנווענשאן פון דער „אינטערנעשאנאל" איז אפגעהאל־טען געווארען אין קליוולאנד, אהייא, אין יוני, 1903. ביי יענער קאנ־

ווענשאַן האָבען די ניו יארקער קלאוקס אפערייטאָרס, וועלכע האָבען ביז דעמאלט באלאנגט מיט די קלאוק שניידערס, פינישערס און פרעססערס אין איין יוניאָן, געפאָדערט פון דער „אינטערנעשאָנאל", אז מען זאָל זיי געבען א טשארטער פאר א באזונדערען אפערייטאָר לאקאל. דאָס האָט מען זיי באוויליגט. די קאָנווענשאַן האָט אָבער באשלאָסען, אז סטרייקען זאָלען די ניו יארקער קלאוק אפערייטאָרס מעגען נאָר דאַן, ווען אַלע ארבייטער פון דעם ניו יארקער קלאוק טרייד וועלען איינוויליגען אויף דעם.

ביי דיזער קאָנווענשאַן איז הערמאַן גראָסמאַן דורכגעפאלען אלס פרעזידענט און אויף זיין פלאץ אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאל איז ערוועהלט געווארען ב. שלעזינגער.

ווי שוין פריהער דערמאָנט, איז שלעזינגער געווען א פיהרער און דער אָרגאַנייזער פון דער שיקאגאָ'ער קלאוק מאכער יוניאַן, ווי אויך א טעטיגער מיטגליד פריהער פון דער ס. ל. פּ. און דערנאָך פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי.

שלעזינגער איז א געבאָרענער פון קאָוונער גובערניע. אין אמעריקע איז ער געקומען נאָך אלס א אינגעל פון א יאָהר 15. ער איז פארפאָהרען אין שיקאגאָ, וואו ער איז געוואָרען גלייך א קלאוקס אפערייטאָר. דאָס איז געווען אין יאהר 1890.

קיין ניו יארק איז ב. שלעזינגער געקומען אויף א באזוך צום ערשטען מאָל אין יאָהר 1897. דעמאָלט איז ער געווען א מיטגליד פון דער אָפּאָזיציע אין דער „ס. ל. פּ.", וועלכע דעניעל דעליאָן האָט גערופען די „קענגערוס". די אידישע סאָציאַליסטען און טרייד יוניאניסטען, וועלכע האָבען זיך מיט שלעזינגער'ן נעהענטער באקאנט, האָבען געדענקט, אז ער איז דער איינציגער פאסיגער פיהרער פאר דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאַן. שלעזינגער איז אָבער דאַן ניט פארבליבען ביי דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאַן, ער איז צוריק אוועקגעפאָהרען אין שיקאגאָ, וואו ער איז ווידער אוועק אין שאפ ארבייטען אַלס אפערייטאָר ביי קלאוקס. ער איז אָבער געווען זעהר טעטיג אין דער שיקאגאָ'ער קלאוקמאכער יוניאָן. אין א פּאָר יאָהר שפּעטער איז ער געוואָרען דער מענעדזשער פון דער שיקאגאָ'ער קלאוק מאכער יוניאָן.

ערשט אין יאָהר 1903 האָבען מיר ווידער דערזעהן שלעזינגער'ן אין ניו יארק, ווען ער איז שוין אהער געקומען צו דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן אלס דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאל ליידיס גאר-

מענט וואָירקערס יוניאָן אויסצוגלייכען א סכסוך צווישען די קלאָוק שניידערס און אָפּערייטאָרס פון דער ניו יאָרקער קלאָוק מאַכער יוניאָן

ביי דער נעקסטער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאל, וועלכע איז פאָרגעקומען אין באָסטאָן, אין זומער פון יאָהר 1904, זיינען ב. שלעזינגער און ב. בראָוו, דער פּרעזידענט און דער סעקרעטער־טרעזשורער, ביידע דורכגעפאַלען און אויף זייערע פּלעצער זיינען ערוועהלט געוואָרען: אלס פּרעזידענט — דזשיימס מעקאָולי, אן אמעריקאנער, א מיטגליד פון דעם קלאָוק קאַטערס יוניאָן לאָקאַל 10, פון ניו יאָרק, און אלס סעקרעטער־טרעזשורער — דזשאָן א. דייטש, א סקוירט מאַכער, א מיטגליד פון דער ניו יאָרקער סקוירט מאכער יוניאָן לאָקאַל 23.

דזשאָן א. דייטש האָט נאָך אלס גאָר יונגער מאָן, אין די 90ער יאָהרען, עמיגרירט פון רוסלאנד קיין לאָנדאָן. דאָרטען האָט ער געארבייט ביי קלאָוקס און איז געוואָרען איינער פון די טעטיגסטע מיטגלידער פון דער לאָנדאָנער מאַנטעל־מאכער יוניאָן. ער איז א לענגערע צייט געווען דער סעקרעטער פון דער לאָנדאָנער קלאָוק־מאכער יוניאָן.

אין יאָהר 1901 איז דייטש געקומען נאָך ניו יאָרק. דאָ איז ער אָנגעקומען ארבייטען אלס אן אָפּערייטאָר אין א סקוירט־שאָפּ און איז גלייך געוואָרען א מיטגליד פון דער סקוירט־מאכער יוניאָן. ער איז געווען טעטיג אין זיין יוניאָן און אינגיכען איז ער געוואָרען א דעלעגאַט פון לאָקאַל 23 צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

דעם אמט פון סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גארמענט וואָירקערס יוניאָן האָט דייטש אָנגעהאַלטען פון יאָהר 1904 ביז׳ן יאָהר 1914, ווען אויף זיין פּלאַץ איז ביי דער קליוולאנדער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאל ערוועהלט געוואָרען מאָריס זיגמאַן. אין דער צייט פון דייטש׳עס אדמיניסטראציע איז די אינטערנעשאָנאַל פון א קליינע אומבאדייטענדע ארגאניזאציע פארוואנדעלט געוואָרען אין א ריזיגער אינטערנעשאָנאל יוניאָן. ווען שלעזינגער איז ביי דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן, אין יאָהר 1904, דורכגעפאַלען אלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאל, איז ער פון דער קאָנווענשאָן אויפגעפאָדערט געוואָרען אָנצונעמען דעם אמט אלס מענעדזשער פון דער ניו יאָרקער קלאָוק־מאכער יוניאָן.

אין יאַנואַר, 1905, איז שלעזינגער געוואָרען דער אָפיציעלער מענעדזשער פון דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן. קומענדיג קיין ניו יאָרק האָט ער געטראָפען א סטרייק פון קלאָוק ארבייטער געגען דער גרויסער

ניו יאָרקער קלאָוק פירמע דזש. און מ. ברעידי און קאָמפּאַני, אין וועלכען עס האָבען אַנטייל גענומען עטליכע הונדערט קלאָוקס אַרבייטער.

נאָך פילע אָנשטרענגונגען איז שלעזינגער'ן דאַן געלונגען צו באַוועגען די קאַטערס יוניאָן לאָקאַל 10 אַרויסצורופען ברעידי'ס קאַטערס אין סטרייק. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע, אַז די קאַטערס יוניאָן זאָל אַרויסרופען איהרע מיטגלידער אין אַ סימפּאַטיע־סטרייק צו העלפען די קלאָוק אָפּערייטאָרס און שניידער.

נאָכדעם ווי דער סטרייק האָט אָנגעהאַלטען 10 וואָכען, האָט איהם די יוניאָן ענדליך געמוזט אויפגעבען.

אין יענער צייט האָט די ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן דורכגעמאַכט נאָך איינינגע סטרייקס, וועלכע זיינען אויך פאַרלאָרען געגאַנגען.

פון דיזע פאַרלאָרענע סטרייקס האָט די יוניאָן געלערענט, אַז מען מוז אָנווענדען גאַנץ נייע מעטאָדען אום אַריינצוקריגען די קלאָוקמאַכער אין דער יוניאָן. די יוניאָן האָט אָנגעפאַנגען אַן אַגיטאַציע דורך פּראָקלאַמאַציעס און דורך די צייטונגען צו באַוועגען די קלאָוקמאַכער, אַז זיי זאָלען זיך אָרגאַניזירען. ב. שלעזינגער האָט דאַן זעהר פלייסיג געאַרבייט אויף דעם געביט. אין משך פון זעקס מאָנאַטען צייט זיינען פאַרטיילט געוואָרען כמעט אַ מיליאָן ליפלעטס צווישען די קלאָוק און סקוירט מאַכער. אויסער דעם האָט דער „פאָרווערטס", פון צייט צו צייט, געשריבען אַרטיקלען און אויפרופען צו די קלאָוקמאַכער, אָנווייזענדיג זיי ווי אַזוי אויפצובויען אַ דויערהאַפטע יוניאָן.

דער רעזולטאַט פון דיזער אַגיטאַציע איז געווען, אַז אויף דער 5טער עוועניו און אין די אַנדערע אַרומיגע גאַסען, צווישען דער 14טער און 34טער סטריט, וואו עס האָבען זיך דעמאָלט געפונען אַלע גרויסע „אינסייד" קלאָוק־שעפּער פון ניו יאָרק און וואו די קלאָוקמאַכער פלעגען זיך צוזאַמענ־טרעפען מיטאָג־צייט, האָט מען שטענדיג געקענט זעהן גרויסע רעדלעך אַר־בייטער, דעבאַטירענדיג יוניאָן־פראַגען. און דאָס אייגענטליך איז געווען וואָס די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט געזוכט. אַלס רעזולטאַט פון אָט דער אַגיטאַציע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען די ריפער־מאַכער.

אין יוני, 1905, זיינען צוויי הונדערט ריפער־מאַכער אַרונטערגעגאַנגען אין אַ סטרייק געגען דער פירמע „וויינשטיין בראָדערס", וועלכע האָט דאַן פאַבריצירט קינדער קלאָוקס און ריפערס.

דער צושטאַנד אין דעם טרייד איז געווען אַ שרעקליכער. די אַרבייטס־שטונדען פלעגען זיך דאַן אָנפאַנגען אַרום 5 אַזייגער פאַרטאָג און פלעגען זיך ענדיגען ניט פריהער ווי 9 אַזייגער אין אָוונט. יעדער אַרבייטער האָט

געמוזט האָבען אן אייגענע מאשין. טראָץ די לאנגע שטונדען זיינען די פארדינסטען געוועזן ניט מעהר ווי צוועלף דאָלאר א וואָך.

די פירמע „וויינשטיין בראָדערס" האָט איינגעשטימט נאָכצוגעבען די פאָדערונגען פון דער יוניאָן, נאָר מיט דער באדינגונג, אז אנדערע שעפּער פון דעמזעלבען סאָרט ארבייט זאָלען אויך ארונטערגענומען ווערען אין סטרייק.

די ריפּער־מאכער האָבען אליין ניט געקענט פיהרען די אלע סטרייקס, האָבען זיי זיך געווענדעט צו דער קלאָוק־מאכער יוניאָן, מען זאָל זיי ארייננעהמען אלס מיטגלידער און זיי העלפען פיהרען זייערע סטרייקס.

די אינטערנעשאָנאל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן האָט דאן געגרינדעט א באזונדער לאָקאל פון די ריפּער מאכער. דאָס איז געווען אין יוני, 1905. דער נומער פון דעם ריפּער־מאכער לאָקאל איז געווען נומער 17. די שאָפּ סטרייקס האָבען די ריפּער־מאכער דאן געוואונען.

דער ערפאָלג פון דער ריפּער־מאכער יוניאָן האָט אויך געהאט א ווירקונג אויף די קלאָוק און סקוירט מאכערס, ביי וועלכע עס האָט זיך דאן אויך גענומען רודערען. און אין אָנפאנג פון יענעם ווינטער סעזאָן פון יאָהר 1905 האָבען זיך די ארבייטער פון פילע שעפּער גענומען ארגאניזירען. דיזע טעטיגקייט האָט שפּעטער ארויסגערופען דעם סטרייק ביי דעם סקוירט פאבריקאנט דזשאן באָנוויט.

---

## דער סטרייק פון די 300 סקוירט מאכער ביי דער פירמע דזשאן באנוויט אין יאָהר 1905.

איינער פון די אינטערעסאנטסטע סטרייקס אין יענע יאָהרען איז געווען דער סטרייק פון 300 סקוירט מאכער ביי דעם פאבריקאנט דזשאן באָנוויט, א דייטשער יאָהודי, וועלכער האָט אפילו שטארק געהאסט פּוילישע און רוסישע אידען, דאָך האָט ער באשעפטיגט נאָר רוסישע און פּוילישע אידען דערפאָר, וואָס זיי האָבען געארבייט האלב אומזיסט.

צו יענער צייט האָט ביי די סקוירטס נאָך עקזיסטירט די פארפלוכטע סיסטעם, וואו יעדער סקוירט אָפּערייטאָר האָט געדארפט האָבען אן אייגענע נעה־מאשין צו דער ארבייט.

דער סטרייק אין דעם באָנוויט־שאָפּ האָט אויסגעבראכען אויף דעם פאָלגענדען אופן:

א קאָמיטע פון די ארבייטער פון שאָפּ איז געגאנגען צו מר. באָנוויט

בעטען ביי איהם א העכערונג אויף די פּרייזען. געארבייט האָבען זיי פון שטיק. צו דער יוניאָן האָבען די ארבייטער נאָך דאן ניט געהערט.

דער באָס האָט די קאָמיטע־לייט אויסגעהערט און האָט זיי צוגעזאָגט צו געבען אַן ענטפער.

אויפ'ן צווייטען טאָג אָבער האָט ער ארונטערגעשיקט איינעם פון די קאָמיטע־לייט, א סקוירטמאכער, וועמען מען פלעגט רופען מיט'ן צונאָמען „טשעפּטשיק".

דיזער „טשעפּטשיק" האָט שפּעטער אין סטרייק געשפּילט א שמו־ציגע ראָלע.

די ארבייטער פון שאַפּ, איינזעהענדיג, אז דער באָס, אַנשטאָט צו געבען זיי א העכערונג, האָט גאָר ענטזאָגט זייערען א „שליח", זיינען זיי שטארק אויפגערעגט געוואָרען און זיי האָבען אין מיטען טאָג געוואָרפען די ארבייט און זיינען אוועק האַלטען א שאַפּ־מיטינג.

קומענדיג אין האָל האָבען די ארבייטער גלייך ערוועהלט א קאָמיטע, וועלכע זאָל געהן אין אָפיס פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן בעטען, אז מען זאָל זיי אריינעהמען אין דער יוניאָן און העלפען זיי פיהרען דעם סטרייק.

די באאַמטע פון דער דאמאָלסטיגער קלאָוקמאכער יוניאָן, ב. שלע־זינגער, א. ראָזענבערג און סאָל. ריפקין, זיינען געקומען גלייך צום שאַפּ־מיטינג פון די סטרייקערס און זיי האָבען די ארבייטער ערקלערט, אז די יוניאָן קען ניט פיהרען א סטרייק, וועלכער איז ניט ארויסגערופען געוואָרען אָפיציעל פון דער יוניאָן. זיי האָבען געראַטען די סקוירטמאכער אז זיי זאָלען ווערען מיטגלידער פון דער יוניאָן און דערווייל געהן אין שאַפּ צו דער ארבייט.*)

די ארבייטער האָבען אָנגענומען דעם ראַט פון די יוניאָן־באאַמטע און האָבען זיך גלייך געלאָזט פארשלאָגען אלס יוניאָן מיטגלידער.

ווען זיי זיינען מיט 3-4 שטונדען שפּעטער צוריקגעקומען אין שאַפּ אריין, האָט דער באָס, מר. באָנוווט, זיי ערקלערט, אז אויב זיי ווילען בלייבען ארבייטען ביי איהם אין שאַפּ, זאָלען זיי איהם, דעם באָס, אוועק־געבען די יוניאָן־אפּליקיישאָנס.

---

*) סאול ריפקין איז געווען טעטיג אין דער קלאוק מאכער יוניאן אין יאָהר 1905. ער איז געווען אַ שאַפּ ארבייטער, און איז דאן ערוועהלט געווארען אלס ביזנעס־אגענט פון דער קלאוק מאכער יוניאן. זייענדיג אויך טעטיג אין די פאַר־אייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, האָט סאול ריפקין אנטייל גענומען אין דער אויפבויאונג פון אַנדערע יוניאָנס, אין אייניגע פון זיי איז ער שפּעטער געווען ביזנעס־אגענט.

די אַרבײַטער האָבן אויף דעם געענטפערט מיט דעם, וואָס זיי זײַנען אַלע ווי איין מאַן אַרונטער פון שאַפּ. אין דעם פאַל האָט עס שוין געהייסן אַ לאָקאַוט געגן דער יוניאָן. דערפאַר האָט די קלאָוקמאַכער יוניאָן אויפגענומען דעם סטרייק פון די 300 סקווירט מאַכער.

מען האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט פאָרקומען אַ שווערער קאַמף. די קלאָוק און סקווירט מאַכער יוניאָן האָט דאַן געהאַט בלויז דריי באַאַמטע, אַזוי אָבער ווי די יוניאָן האָט געהאַט אויף איהרע הענט אַ רייהע שאַפּסטרייקס ביי קלאָוקס און סקווירטס, האָט שלעזינגער איינגעלאַדען דעם שרייבער פון דיזע צייל ען, אַז איך זאָל זיך אויך באַטייליגען אין אָנפיהרען דעם סטרייק געגען דער פירמע באָנוויט.

מען האָט דעם שאַפּ געפּיקעט בייטאָג און ביינאַכט. ווי נאָר עס איז אַרויס פון שאַפּ אַן עקספּרעס מיט וואַארע, זײַנען די סטרייקערס נאָכגעלאָפען אויף וועליסאַפּעדען און מען האָט איהם אָפּגעסטאָפּט. אין בראָנזוויל האָט מען נאָכגעשפּירט אַלע קאָנטראַקטאָרס בייטאָג און ביינאַכט, אַז מען זאָל ביי זיי ניט מאַכען די סקעב־אַרבייט. דעם באָס אַליין מיט אַלע זײַנע אָנגעשטעלטע האָט מען אויך נאָכגעשפּירט, צי זיי געהען ניט וואו אוועקגעבען מאַכען סקעב־אַרבייט. אַלע פאַרדעכטיגע און שוואַכע סטרייקערס האָט מען געהיט טאָג און נאַכט, מען איז זיי איבעראַל נאָכגעגאַנגען.

קיינמאָל אין דער געשיכטע פון אידישע סטרייקס, האָט מען אַזוי גוט ניט אויפגעפּאַסט אויף אַ סטרייק, ווי אין יענעם קאַמף.

אויף דער דריטער וואָך פון סטרייק האָט די קלאָוקמאַכער יוניאָן באַשלאָסען, טראָץ דעם וואָס די סטרייקערס האָבען נאָך ניט פאַרלאַנגט קיין שטיצע, — צו צאָהלען אַלע סטרייקערס בענעפיט צו 8, 7, 6 און 5 דאָלאַר אַ וואָך. אין פאַרלויף פון 4 וואָכען צייט האָט די יוניאָן אויסגעצאָהלט סטרייק־בענעפיט ביז 5 טויזענט דאָלאַר, דאָס האָט צו יענער צייט געמיינט אַ ריזיגע סומע געלט.

אין פילע קלאָוק און סקווירט שעפּער האָט מען געזאַמעלט שטיצע. די געווערקשאַפטען האָט אַראַנזשירט אַ טעאַטער־בענעפיט פאַר דעם סטרייקפאָנד.

פאַר די סטרייקערס האָבען מיר בייטאָג אַראַנזשירט קאָנצערטען. אַקטיאָרען פון דער יוניאָן און יוניאָן־מוזיקער האָבען פרייוויליג געשפּילט אום צו אַמוזירען די סטרייקערס. דאָס איז דענסטמאָל געווען אַ נייעס.

אַזוי ווי יעדער אָפּערייטאָר האָט געהאַט זיין אייגענע מאַשין, האָט די יוניאָן געשיקט אַ קאָמיטע אין שאַפּ אָפּצונעמען די מאַשינען. איך בין געווען איינער פון דער קאָמיטע.

איך געדענק ווי היינט ווי אזוי מיר זיינען ארויף אין אָפיס פון שאַפּ, און ווען דער מר. באַנוויט האָט אונז דערזעהן, האָט ער אויפ'ן קול אויס־געשריען: „איהר פאַרפלוכטע פּאַלאקס, איך האָב דאָך שוין אייערען א וואָקינג דעלעגאַט, צוויי דעלעגאַטען ארויסגעשמיסען פון מיין שאַפּ, איצט קומט איהר א צווייטען מאָל? ארויס פון מיין שאַפּ, אז ניט וועל איך אייך אויך ארויסשמייסען!" ארונטערגעהענדיג פון שאַפּ אין סטריט האָבען מיר דערזעהן א כאַפּטע שטאַרקע שלעגערס. מיר האָבען זיך אויף גיך אָפּ־געטראָגען און זיינען אנטלאָפען.

אויף מאָרגען, האָט דער פאַרשטאָרבענער מאיר לאָנדאָן, וועלכער איז דאַן געווען דער לאָיער פון דער יוניאָן, געהייסען איינעם פון אונז אוועק־געהן צום מעדזשיסטרייט פון פּאָלים־קאָורט פאָדערען א באַפעהל צו מר. באַנוויט'ן, ער זאָל אָפּגעבען די ארבייטער די נעה־מאַשינען.

איך בין דאַן אוועק אין די „טומבס" פּאָלים־קאָורט, בין צוגעגאַנגען צום ריכטער, מר. פרעשי האָט ער געהייסען, אן איטאַליענער, א גוטמוטיגער מענש. איך בין צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט: „יור האָנאָר, איך פאַרטרעט די קלאָוקמאַכער יוניאָן. מיר סטרייקען ביי מר. באַנוויט פון דעם און דעם אדרעס. די ארבייטער האָבען אין שאַפּ זייערע נעה־מאַשינען און דער באָס אנטזאָגט זיך זיי ארויסצוגעבען. פּליעז, זאָג איך, גיט דער קלאָוקמאַכער יוניאָן א פּאַפּיר, אז יעדער ארבייטער זאָל קענען אָפּנעהמען זיין מאַשין, און מיר זאָלען זיי קענען אויך אוועקפיהרען פון יענעם שאַפּ."

— קיין פּאַפּיר דאַרפט איהר ניט, — זאָגט דער ריכטער צו מיר — דו געה און זאָג איהם, אז איך, דער דזשאָדזש, הייס איהם אָפּגעבען צו די ארבייטער אָדער צו דער יוניאָן די נעה־מאַשינען.

א קאָמיטע פון באַאמטע פון דער יוניאָן און פון די סטרייקערס איז ארויף אין שאַפּ און ערקלעהרט מר. באַנוויט'ן, אז דער דזשאָדזש האָט געהייסען, אז ער זאָל אָפּגעבען די מאַשינען.

מר. באַנוויט האָט זיך ווידער צעשריען

„דורך אייך, פאַרפלוכטע פּאָלאַקען, וועל איך אונטערגעהן!"

דאָך האָט ער זיך ענדליך בארוהיגט און אונז געזאָגט, אז מען זאָל מאָרגען קומען מיט עקספּרעסען, וועט ער אָפּגעבען די נעה־מאַשינען.

די סטרייקערס האָבען זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען ווי גוט און געטריי א יוניאָן קען זיין. עס האָט אויסגעזעהן, אז מען וועט דעם סטרייק געווינען, און עס וואָלט טאַקע געווען אזוי, ווען ניט איינינגע פאַררעטער.

אויף דער פערטער וואָך פון סטרייק האָט איינער פון די סטרייקערס צוזאַמענגענומען א פּאָר שמוציגע נפשות, און זיי האָבען זיך פאַרקויפט

צום באָס און זייַנען ארויף סקעבען. דאָך האָבען די סטרייקערס ניט פאַר־לאָרען זייער מוט און זיי האָבען ווייטער נאָכגעשפּירט טאָג און נאַכט דעם שאָפּ. די סטרייק־ברעכערס זייַנען געווען געצוואונגען צו שלאָפען און צו עסען אין שאָפּ די גאַנצע צייט.

נאָך אַ זאַך האָבען די סטרייקערס אויסגעפונען: איינער פון זייערע מיטאַרבייטער, וועלכער איז יאַקבי געווען דער טעטיגסטער סטרייקער, איז גאָר געווען אַ שפּיאָן פון באָס. ער האָט זיך פאַרקויפט פאַר עטליכע הונדערט דאָלאַר וואָס ער האָט געקראָגען. די ארבייט פון יענעם פאַר־רעטער איז געווען צו דערצעהלען דעם באָס אַלץ, וואָס עס פלעגט פאַר־קומען ביי די סטרייקערס.

דער סטרייק איז אייגענטליך ניט פאַרלאָרען געגאַנגען, נאָר אָפּסטריי־קענדיג 7 וואָכען צייט, זייַנען די ארבייטער אויסגעמאַטערט געוואָרען. דער ביזי סיזאָן איז שוין געווען קאַפּוט. די יוניאָן האָט שוין ניט געקענט אַזויפיל שטיצען די סטרייקערס, און עס איז געבליבען ביי די ארבייטער פון שאָפּ, אַז זיי זאָלען אַליין, אָהן דער יוניאָן, סעטלען, ווייל דער באָס האָט זיי שוין אַלעס געוואָלט נאָכגעבען, אויסער די אנערקענונג פון דער יוניאָן.

די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט די סטרייקערס ניט געשטערט, און זיי האָבען אַליין, דורך אַ שאָפּ־קאָמיטע, געסעטעלט מיט דעם באָס, וועלכער האָט זיי נאָכגעגעבען אַלע פאָדערונגען, אויסער דעם פונקט אונטערצו־שרייבען אַן אגרימענט מיט דער יוניאָן.

איידער די סטרייקערס זייַנען צוריקגעגאַנגען ארבייטען, האָבען זיי אָפּגעהאַלטען אַ פאַרזאַמלונג, וואו זיי האָבען פאַרזיכערט די יוניאָן־באַאַמטע אַז זיי וועלען בלייבען געטרייע יוניאָן לייט. זיי האָבען געלויבט און גע־דאַנקט דער יוניאָן פאַר דער איבערגעבענהייט צו זיי אין צייט פון דעם סטרייק.

אין דער אמת׳ן אָבער איז קיינער פון יענע 300 סקווירטמאַכער פון באָנוויט׳ס שאָפּ דאַן ניט פאַרבליבען אין דער יוניאָן.

---

## די אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו די וואָירלד גרינדען אויך קלאָוקמאַכער יוניאָנס.

אין יאָהר 1905, ווען די „אי דאָבליו דאָבליו" (א. וו. וו.) האָט זיך געגרינדעט, האָט זי אויך גענומען ארבייטען צווישען די קלאָוקמאַכער און אַנדערע פרויען־קליידער ארבייטער.

אַ רייהע לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גארמענט װאָירקערס יוניאָן האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די „א. װ. װ.״. אַזוי האָבען די קליװלאַנדער לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאָנאַל אָפּגעשיקט זײער טשאַרטער צו דער אינטערנעשאָנאַל און זײ האָבען געגרינדעט אין קליװלאַנד, אָ., אַ לאָקאַל פון די „א. װ. װ.״

דער פילאַדעלפיער סקוירט מאַכער לאָקאַל פון דער אינטערנעשאָנאַל איז געװאָרען אַ לאָקאַל פון דער א. װ. װ. דאָסזעלבע האָט פּאַסירט אױך אין באָסטאָן. אין שיקאַגא האָבען די „א. װ. װ.״ געגומען אָרגאַניזירען נייע לאָקאַלס פון פרויען־קלײדער אַרבײטער.

אין ניו יאָרק זײנען אָרגאַנזירט געװאָרען 4 לאָקאַלס פון דער א. װ. װ. אין די פרויען־קלײדער טרײדס. לאָקאַל 61 א. װ. װ. פון װעלכען ס. לעפּקאָוויץ איז געװען דער פּרעזידענט און אָרגאַנײזער, לאָקאַל 199 א. װ. װ. די לײדיס טײלאָרס לאָקאַל 229 א. װ. װ. און דער 4טער לאָקאַל פון די א. װ. װ. איז געװען די „אינדאָסטריעל קלאָוק פּרעסערס יוניאָן״, פון װעלכער מאָריס זיגמאַן איז געװען דער פירער.

אין יאָהר 1906 האָבען די 4 ניו יאָרקער אינדאָסטריעל לאָקאַלס זיך צוזאַמענגעשמאָלצען אין איין יוניאָן לאָקאַל נומער 59 א. װ װ. אין דעם לאָקאַל, װעלכער איז באַשטאַנען פון פאַרשײדענע ברענטשעס האָבען באַלאַנגט אױך די „װײט־גודס אַרבײטער״.

אין 1907 האָבען די „װײט גודס װאָירקערס״ פון די א. װ. װ. געפיהרט אַ סטרײק, װעלכער האָט געדױערט 12 װאָכען צײט. די קלאָוק פּרעסערס א. װ. װ. האָבען געסטרײקט געגען דער רײכער פירמע ר. סאַדאָװסקי און קאָמפּאַני, און די א. װ. װ. קלאָוקמאַכער האָבען געפיהרט אַ גרויסען סטרײק געגען דער פירמע „בעלער און קאָמפּאַני״, װעלכער האָט געדױערט אײניגע מאָנאַטען צײט. דער סטרײק איז פאַרלוירען געגאַנגען צוליב אַן אינדזשאָנקשאָן, װאָס די קאָורטס האָבען ארויסגעגעבען געגען די סטרײקער.

די א. װ. װ. יוניאָנס האָבען געפיהרט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע געגען די באַאַמטע פון דער אינטערנעשאָנאַל און ספּעציעל געגען ב. שלעזינגער׳ן, אָבער סוף כל סוף האָבען די אַלע פיהרער פון די פרויען קלײדער יוניאָנס פון דער א. װ. װ. מיט מאָריס זיגמאַן׳ען בראש פאַרלאָזען די „אי דאָבעליו דאָבעליו״ און האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאָנאַל.

## דער ריפער מאכער סטרייק פון יאהר 1907.

אין מאנאט מערץ, 1907, האט די ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17 פארגעלייגט די באלעבאטים א נייעם קאנטראקט, וועלכער האט, צווישען אנדערעס, אויך ענטהאלטען א פונקט, אז די פאבריקאנטען זאלען געבען די ארבייטער נעה־מאשינען.

די פאבריקאנטען האבען אויף דעם געענטפערט מיט דעם, וואס זיי האבען אין אלע זייערע שעפער אויפגעהאנגען שילדען, אנזאגענדיג, אז פון היינט אן און ווייטער, איז דער שאפ ניט מעהר קיין יוניאן שאפ. דעם 2טען מערץ, 1907, זיינען ארונטער אין סטרייק ריפער מאכער פון 11 שעפער און אין עטליכע טעג ארום זיינען ארונטער די ארבייטער פון אלע איבעריגע ריפער שעפער.

יענער ריפער מאכער סטרייק איז געווען איינער פון די וואונדערבארסטע סטרייקס. די גאנצע אידישע ארבייטער באוועגונג, ווי אויך די אמעריקאנער יוניאנס פון ניו יארק האבען געשטיצט דעם סטרייק.

די פיהרער פון יענעם סטרייק זיינען געווען: ב. שלעזינגער, א. ראזענבערג, ס. פאליאקאוו, ה. גראסמאן, מ. קירשענבוים און אנדערע.

דער סטרייק איז געווען א פארביטערטער פוןביידע זייטען. די פאליציי האט זעהר ברוטאל באהאנדעלט די סטרייקערס, וועלכע פלעגען פיקעטען אלע סטרייק־שעפער טאג און נאכט.

די סימפאטיע פון דעם עולם אין יענעם סטרייק איז געווען דורכאויס אויף דער זייט פון די ארבייטער. דער „פארווערטס" איז דאן יעדען טאג געווען פול מיט'ן וואונדערבארען ריפער מאכער סטרייק. אויך די ענגלישע צייטונגען האבען באריכטעט וועגען אלע וויכטיגע פאסירונגען פון סטרייק.

דער סטרייק האט זיך געצויגען וואכען לאנג, אבער די סטרייקערס זיינען געווען מוטיג און קיין שטיצע האט ניט געפעהלט. די יוניאן האט געצאהלט די סטרייקערס סטרייק־בענעפיט. דאך האט מען געוואלט זעהן, אז דער סטרייק זאל וואס שנעלער געוואונען ווערען.

הערמאן גראסמאן, וועלכער איז דעמאלט געווען אן ארגאנייזער פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר, האט געשריבען צו גאמפערס'ן דעם פרעזידענט פון דער א. פ. או ל. אז ער זאל איינלאדען די ריפער באלעבאטים צו א קאנפערענץ און גאמפערס האט עס גלייך געטאן. אין א וואך ארום איז פארגעקומען א קאנפערענץ צווישען ביידע צדדים און דער סטרייק איז געסעטעלט געווארען. די באלעבאטים האבען נאכגעגעבען די פאדערונג צו געבען די ארבייטער נעה־מאשינען צו דער ארבייט, ווי אויך

די אָפּשאפונג פון „אינסייד"־קאָנטראַקטאָרס. אויך איז אין דעם אָפּמאַך איינגעשריבען געווארען א פונקט, אז איידער די יוניאן רופט א סטרייק אָדער די באַלעבאַטים ערקלעהרען א לאָקאוט, מוז דער סכסוך איבערגעגעבען ווערען פריהער צו ארביטריישאָן. יעדער ריפער פאבריקאַנט האָט געגעבען 500 דאָלער סעקיוריטי אַלס פארזיכערונג, אז ער וועט אָנהאַלטען דעם קאָנטראַקט און אז ער וועט אין זיין שאָפּ באַשעפטיגען בלויז יוניאָן־מיטגלידער. דער זיג פון דער ריפער מאַכער יוניאָן האָט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף אַלע ארבייטער פון פרויען־קליידער טרייד.

באַלד נאָכ'ן סעטעלמענט פון סטרייק איז שלעזינגער ערוועהלט געוואָרען אַלס מענעדזשער פון „פאָרווערטס" און ער האָט רעזיגנירט אַלס מענעדזשער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

אין יאָהר 1907 האָט די אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן אָפּגעהאַלטען איהר יעהרליכע קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר. אַלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל איז דאַן ערוועהלט געווארען מ אָ ר ט י מ ע ר ד ז ש ו ל י ע ן, א קלאָוקס־קאַטער פון לאָקאַל 10, ניו יאָרק, און אַלס סעקרעטער איז ווידער ערוועהלט געווארען ד ז ש א ן א. ד י י ט ש.

אין אָקטאָבער, 1907, האָט דער ניו יאָרק דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן גוטגעהייסען צוויי שאַפּ־סטרייקס, און האָט אויפגעפאָדערט דעם קאַטערס לאָקאַל 10 פון ניו יאָרק, אז ער זאָל אַרונטערנעמען די קאַטערס פון די צוויי סטרייק־שעפּער, האָט לאָקאַל 10 ניט געפאָלגט דעם באַשלוס פון דזשאָינט באָארד און די קאַטערס זיינען פאַרבליבען סקעבען. אַלס ענטפער אויף דעם האָט די דזשענעראַל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאָנאַל צוריקגעצויגען דעם טשאַרטער פון קאַטערס לאָקאַל 10. דאָס איז געווען אן אָפּענער ברודער־קאַמף צווישען דעם לאָקאַל 10 ניו יאָרקער קאַטערס און דער אינטערנעשאָנאַל. דער סכסוך צוליב וועלכען דער ברודער־קאַמף איז אויסגעבראָכען איז געווען צוליב דעם, וואָס לאָקאַל 10 האָט געוואָלט, אז אַלע קאַטערס פון יעדען לאָקאַל פון פרויען־קליידער טרייד זאָלען באַלאַנגען צו לאָקאַל 10, און דאָ האָט זיך גאַר אונטערגעכאַפּט א לאָקאַל פון ריפער קאַטערס, איז צוליב דעם אַרויסגעקומען דער אָפּענער ברוך צווישען קאַטערס לאָקאַל 10 און דער אינטערנעשאָנאַל, וועלכע האָט, אויסשליסענדיג לאָקאַל 10, באַוויליגט א טשאַרטער צו די ריפער קאַטערס אַלס לאָקאַל 53.

די 9טע יעהרליכע קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן איז געהאַלטען געווארען אין פילאדעלפיא אין

יוני מאָנאט פון יאָהר 1908. די גאַנצע קאָנווענשאָן איז דאן פארנומען געוואָרען מיט דעם סכסוך פון לאָקאל 10.

יענע קאָנווענשאָן איז דאן ערעפענט געוואָרען פון וויס־פּרעזידענט טשאַרלס דזשייקאָבסאָן, א טעטיגער מעמבער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, פריהער פון באָסטאָן און שפּעטער אין ניו יאָרק, וואו ער איז א יוניאָן־באַאַמטער עד היום.

ביי יענער קאָנווענשאָן איז גוטגעהייסען געוואָרען די האנדלונג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע, און לאָקאל 10 האָט זיך צוריקגעצויגען פון דער קאָנווענשאָן, זייענדיג אויסגעשלאָסען פון דער אינטערנעשאָנאל.

אין אַלגעמיין האָט יענע קאָנווענשאָן פון יאָהר 1908 געהאַט א גאַנץ טרויעריגען אויסזעהן. די אָנוועזענדע 38 דעלעגאַטען וואָס זיינען געווען ביי דער קאָנווענשאָן האָבען רעפּרעזענטירט בלויז א קליינע צאָהל מיט־גלידער. פון שיקאַגאָ, באַלטימאָר און קליוולאַנד זיינען גאָר ניט געווען קיין פאַרטרעטער. אייניגע ניו יאָרקער דעלעגאַטען האָבען ניט געהאַט קיין הוצאות אויף אן אייזענבאַהן־טיקעט קיין פילאדעלפיא, זיינען זיי געפאָהרען מיט'ן טראַמוויי און א שטיק וועג זיינען זיי געגאַנגען צו־פוס. די באַריכטען פון אַלע דעלעגאַטען זיינען געווען זעהר טרויעריגע.

א פאָרשלאַג איז געמאַכט געוואָרען, אז די אינטערנעשאָנאל זאָל זיך פאַרשמעלצען מיט די „יונייטעד גארמענט וואָירקערס", די יוניאָן פון די מענער־קליידער אַרבייטער. דער פאָרשלאַג איז אָבער ניט דורכגעגאַנגען.

דער באַריכט פון די ניו יאָרקער לאָקאַלס פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט געלויטעט, אז די יוניאָן־פאַרזאַמלונגען ווערען כמעט גאָר ניט באַזוכט פון די מיטגלידער און אז עס קומען ניט אריין קיין בייטראַגען אויפצוהאַל־טען די יוניאָן.

אין זיין בוך „עראינערונגען פון א קלאָוקמאַכער", דערצעהלט א. ראָ־זענבערג, אז ביי א פאַרזאַמלונג אין ניו יאָרק, וועלכע איז גערופען געוואָ־רען צו באַראַטען זיך וואָס מען זאָל טאָן, האָט ער, ראָזענבערג, געזאָגט צו אַלע אָנוועזענדע: „דער וויינען און קלאָגען וועט גאָר ניט העלפען, מען דאַרף זיך איבערהויפּט ניט נעמען אזוי שטאַרק צום האַרצען. מיר דאַרפען טרייען ווייטער צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער".

און ביי אזא שלעכטער לאַגע פון דער אינטערנעשאָנאל ליידיס גאָר־מענט וואָירקערס יוניאָן האָט זיך ראָזענבערג אויף יענער פילאדעלפיער קאָנווענשאָן אונטערנומען צו ווערען דער פּרעזידענט פון דער שוואַכער אינטערנעשאָנאל.

גלייך ווי ראָזענבערג איז געוואָרען דער פּרעזידענט פון דער אינטער־

נעשאָנאַל האָט איהם די א. פ. אָוו ל. געגעבען א ביסעל געלט, מיט וועלכע ער איז ארויסגעפאָהרען אין פילע שטעדט צו זעהן אויפצובויען צוריק די יוניאָן.

ראָזענבערג איז איינער פון די עלטסטע קלאוק מאַכער. ער איז געווארען אַן אפעריימאָר נאָך אין 1883טען יאָהר. ער איז אימער געווען א טעטיגער יוניאָן מאַן און פילע יאָהרען א באַאמטער פון דער יוניאָן. ראָזענבערג איז א מענש פון פאָלק, וועלכער האָט 46 יאָהר לאַנג אונער־מידליך געארבייט צו אָרגאַניזירען די קלאָוקמאכער אין א שטאַרקער יוניאָן. זיין שיקזאַל איז געווען צו ווערען פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל אין איהרע ערגסטע צייטען, אָבער גלייך אין א יאָהר ארום ווי ער איז ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט, אין יאָהר 1909, האָט די אינטערנע־שאָנאַל פלוצלינג גענומען וואקסען זעהר גרויס.

דעם 22טען נאָוועמבער, 1909, האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען ארויסגערופען דעם גרויסען ליידיס ווייסט מאכער סטרייק אין ניו יאָרק אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט 18 טויזענט ארבייטער, מייסטענס פרויען. נאָכהער איז געקומען דער גרויסער קלאָוקמאכער סטרייק אין יאָהר 1910. ראָזענבערג האָט אוועקגעלייגט א סך כחות יענעם סטרייק הגדול צוצוגרייטען און נאָכהער איהם העלפען צו פיהרען צו אַן ערפאָלג. נאָר וועגען דעם — שפּעטער.

ראָזענבערג איז פארבליבען דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל ביז׳ן יאָהר 1914, ווען אויף זיין פּלאַץ איז ווידער ערוועהלט געווארען ב. שלעזינגער.

אב. ראָזענבערג איז נאָך ביי היינטיגען טאָג א טעטיגער מיטגליד און אויך אַן אנגעשטעלטער פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גארמענט וואיר־קערס יוניאָן אָוו אַמעריקא.

---

## דער היסטאָרישער גענעראל־סטרייק פון די 18,000 ווייסט מאַכערינס אין יאָהר 1909.

אין מאָנאַט יולי, 1909, ווען איך בין ערוועהלט געווארען אלס דער אָרגאַנייזער פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יאָרק, האָבען מיר, די טעטיגע דעלעגאַטען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען, איינבארופען א קאָנפערענץ צו באַשפּרעכען די פראַגע, וועגען אָנפאַנגען א גרויסען אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין אין ניו יאָרק. ביי

יענער באַראַטונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אָפיס פון די געווערקשאַפטען אין קליװלאַנד האַל, זײַנען געווען אַנוועזנד ד ז ש. גאָלדשטיין און מ. קאַזימירסקי, פון די בעקער; ס. שינדלער, פּראָטאָקאָל־סעקרעטער פון די געווערקשאַפטען און פון דער לײדיס װײסט מאַכער יוניאָן, מאַקס פײַן, דער עקס־סעקרעטאַר פון די געווערקשאַפטען, אַב. באַראָף און ב. וויטאַשקין, פון דער ווייסט־מאַכער יוניאָן, און אַנדערע. נאָך פילע באַטראַכטונגען זײַנען מיר געקומען צום שלוס, אַז מען דאַרף גלײַך אָנפאַנגען אַ גרויסען קאַמפּיין צו אָרגאַניזירען אַלע אידישע טריידס, און כדי דער קאַמפּיין זאָל זײַן אַן ערפאָלג, איז נויטיג אַרויסצורופען אין יעדער אינדוסטריע אַ גענעראַל־סטרייק, אויב עס וועט נאָר זײַן אַ מעגליכקייט דערצו, און דער אָנפאַנג זאָל געמאַכט ווערען מיט דער לײדיס ווייסט־אינדוסטריע.

די לײדיס ווייסט־מאַכערס יוניאָן איז צו יענער צייט געווען זעהר שוואַך. זי האָט געצעהלט ניט מעהר ווי אַ 200 מיטגלידער, בעת אין גאַנצען פאַך זײַנען דאַן געווען באַשעפטיגט ביז צוואַנציג טויזענט אַרבייטער.

אַלס סעקרעטער און אָרגאַנײַזער פון די פאַראייניגטע אידישע געװערקשאַפטען האָב איך באַלד נאָך מײַן ערוועהלונג אָפּגעשטאַטעט אַ וויזיט אין אָפיס פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן. אַרײַנקומענדיג אין דעם קלײניגען טונקעלען צימער, וואו דער אָפיס האָט זיך געפונען אין 25 דריטע עוועניו, האָב איך דאָרט געטראָפען דעם סעקרעטער פון דער אינטערנעשאָנאַל, דזשאהן דייטש. מיר האָבען זיך פרײַנדליך באַגריסט. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף אב. ראָזענבערג דעם פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל.

— אָ, ברודער ראָזענבערג, — זאָגט צו מיר דייטש, — ער איז אַוועקגעפאָהרען אין קליװלאַנד דאָרטען צו אָרגאַניזירען די קלאָוקמאַכער.

— נו, און וואָס הערט זיך עפּעס מיט די ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער?

— האָב איך געפרעגט בײַ דייטש'ן — ווען װעלען מיר זיי אָרגאַניזירען?

— אײן גאָט וויים! — האָט דייטש געענטפערט.

דערצעהלט איך ברודער דייטש'ען, אַז מיר, די „געווערקשאַפטען" פאַנגען אָן אַ קאַמפּיין, אַז מיר װעלען צוערשט פּרובירען אָרגאַניזירען די 18 טויזענט לײדיס ווייסט אַרבייטער, און דאַן וועלען די קלאָוקמאַכער נאָכקומען.

— פּאַוואָליע, — רופט זיך אָפּ ברודער דייטש. — אײַלט זיך ניט, עס געהט ניט אַזוי שנעל. מען דאַרף די אַרבייטער אַפּריהער לאַנגזאַם אָרגאַניזירען.

— מיר האָבען שוין א פּלאַן ווי אזוי דאָס צו מאכען, — זאָג איך.

— אויב אזוי, וועט אייך אונזער אינטערנעשאָנאל העלפען, — האָט דייטש באמערקט.

איך פרעג איהם

— וויפיל מיטגלידער האָט אייער אינטערנעשאָנאל יוניאָן איבער'ן גאנצען לאנד?

— אכטצעהן הונדערט! — ענטפערט דייטש.

איך דערצעהל איהם, אז איך בין שוין דריי וואָכען אין אמט אלס אָרגאַנייזער פון די געווערקשאַפטען, אז איך האָב געמאכט אן אונטערזוכונג און האָב אויסגעפונען, אז אלע 41 יוניאָנס, וואָס באלאנגען איצט צו די געווערקשאפטען צעהלען צוזאמען אונגעפעהר ביי 5,000 מיטגלידער.

מיר האָבען זיך פריינדליך צוזעגענט.

אינגיכען האָט די ליידיס ווייסט מאכער יוניאָן אפּגעהאלטען א פאַר־זאמלונג און האָט אָנגעשטעלט צוויי אָרגאַנייזערס: דער ערשטער איז געווען בעני וויטאשקין, און דער צווייטער — אב. בארא‏ָף.

וויטאשקין, כאָטש ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין פלאַטפאָרמע־מענטש, און זעלטען אז זיין נאָמען האָט זיך אפּגעדרוקט אין א צייטונג, איז ער דאָך געווען פון די אינטערעסאנטסטע טיפּען טוער וועלכע דאָס אידישע יוניאָן־לעבען אין אמעריקא האָט געשאפען.

ער איז געשטאָרבען מיט א קורצע צייט צוריק פון לונגען־ענטציגדונג.

מיט א פּאָר וואָכען שפּעטער, נאָכדעם ווי וויטאשקין איז אין יולי 1919 ערוועהלט געוואָרען אלס דער אָרגאַנייזער פון דער ליידיס ווייסט מייקערס יוניאָן, איז אב. בארא‏ָף, דער איצטיגער סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאָנאל אויך ערוועהלט געוואָרען אלס אן אָרגאַנייזער פון דער ליידיס ווייסט מאכערס יוניאָן. די נייע אָרגאַנייזערס האָבען גענומען רופען פאַרזאמלונגען. וואָס ווייטער פלעגען אלץ מעהר און מעהר ווייסט ארבייטער קומען צו דער יוניאָן. עס האָט גענומען ווערען לעבעדיגער.

אין גיכען האָט די יוניאָן אָנגעשטעלט א דריטען אָרגאַנייזער, ד ז ש. ג אָ ל ד ש ט י י נ 'ע ן, פון דער אידישער בעקער יוניאָן. אָבער אז מען האָט האָלץ, פליהען שפּענער, און אז מען אָרגאַניזירט ארבייטער, מוזען פאָרקומען סטרייקס.

אין די ליידיס גארמענט טריידס, ביי ווייסטען אזוי גוט ווי ביי קלאָוקס, זיינען דאן געווען צווייערליי קאָנטראַקטאָרס: איין סאָרט זיינען געווען די יעניגע, וועלכע פלעגען ארויסנעהמען געשניטענע ארבייט צו זיך אין די אויטסייד שעפער, און א צווייטער סאָרט זיינען געווען די „אינ־

סאיד״ קאָנטראַקטאָרס. דער אינסאַיד־קאָנטראַקטאָר, אַליין אַן אַרבייטער, פּלעגט נעהמען אַ סך באַנדעלס שטיק־אַרבייט, און דערביי פּלעגט ער אונטער זיין האַנט האַלטען פון 3 ביז 10 „אַרויסהעלפער״, וועלכע פלעגען אַרבייטען ביי איהם פון וואָך. די שכירות פון די אַרויסהעלפער ביי די ווייסטען זיינען נים מעהר ווי 3—4 דאָלאַר אַ וואָך. דאַרף דאַן, אין צייט פון אונזער דאמאָלסטדיגען אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין, טרעפען, אַז אַ געוויסע ווייסט־פירמע „ראָזען בראָדערס״, האָט אַרונטערגעריסען ביי איהרע „אינסייד״־קאָנטראַקטאָרס די פּרייזען, האָבען זיך דיזע „אינסייד״־קאָנטראַקטאָרס געווענדעט צו זייערע אַרויסהעלפער, אַז זיי זאָלען געהן מיט זיי סטרייקען.

זיינען אַלע אַרבייטער, סיי די קאָנטראַקטאָרס (אַרבייטער), סיי די אַרויסהעלפער (אַרבייטער) אַרונטער אין אַ סטרייק. עס האָט נים גענומען לאַנג און מיר האָבען זיך אַלע דערוואוסט פון דעם. מעהר האָבען מיר נים געדאַרפט. פילע פון אונז זיינען גלייך אַוועקגעלאָפען אין 96 קלינטאָן סטריט, וואו „ראָזען בראָדערס״ סטרייקערס האָבען זיך פאַרזאַמעלט. די „אינסייד״־קאָנטראַקטאָרס האָבען אונז נים געוואָלט אַריינלאָזען אין האָל. עס האָט אָבער נים גענומען לאַנג און מיר האָבען איבערגענומען די פיהרונג פון יענעם סטרייק. און אין אַ פּאָר וואָכען צייט האָבען מיר געוואונען דעם ערשטען סטרייק פון די ליידים ווייסט־מאַכער. דער הויפּט־פּונקט איז געווען די אָפּשאַפונג פון „אינעווייניגסטע״ קאָנטראַקטאָרס. איינער פון דער סעטעלמענט־קאָמיטע מיט דער פירמע „ראָזען בראָדערס״ איז געווען ב. שלעזינגער, וועלכער איז שוין דאַן געווען מענעדזשער פון „פאָרווערטס״.

דער זיג ביי „ראָזען בראָדערס״ האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די 800 אַרבייטער פון דער טרייענגעל ווייסט קאָמפּאַניע.

מיר האָבען דאַן געהאַט נאָך אַ וויכטיגען סטרייק פון איבער 100 ווייסט מאַכער ביי דער ווייסט־פירמע „לייזערסאָן און קאָמפּאַני״.

גלייך נאָכ'ן סעטעלמענט פון דעם סטרייק ביי „ראָזען־בראָדערס״ האָבען מיר גערופען אַ שאַפּ מיטינג פון די „טרייענגעל״ ווייסט־מאַכער. יענע פאַרזאַמלונג וועל איך, דאַכט זיך מיר, קיינמאָל נים פאַרגעסען. עס איז געווען אַ זונטאָג בייטאָג. ווען מיר זיינען אַריין אין גרויסען זאַל פון 96 קלינטאָן סטריט, האָבען מיר געטראָפען אַ מאַסע יונגע לייט און יונגע מיידלאַך. אָבער מיר, די אָרגאַנייזערס, האָבען געהאַט צרות.

די „אינסייד" קאָנטראַקטאָרס און די אַרויסהעלפּערס, זייערע שקלאַפּען, האָבען מורא געהאַט צו זיין ביי יענער פאַרזאַמלונג, טאָמער וועלען זיך די באַלעבאַטים פון דער „טרייענגעל ווייסט קאָמפּאני" דערפון דער־וויסען. האָבען מיר פאַרהאַנגען אַלע פענסטער, פאַרשפּאַרט די טירען און יעדען פאַרשוואָרען נית צו דערצעהלען קיינעם פון דער געהיימער פאַרזאַמלונג.

די רעדעס ,וואס זיינען געהאַלטען געוואָרען פאַר דער גרויסע מאסע „טרייענגעל" ווייסט מאַכער, האָבען געקענט רירען א שטיין. דער רע־זולטאַט איז געווען, אַז אַלע ווי איינער, יונג און אַלט, סיי די אינסייד קאָנטראַקטאָרס און סיי די „אַרויסהעלפּער" האָבען געגעבען א שבועה, אַז זיי וועלען געטריי זיין דער יוניאָן, וואָס עס זאָל נית פּאַסירען.

די פירמע אָבער האָט זיך דערוואוסט פון דער געהיימער פאַרזאַמ־לונג און אין אַ פּאָר וואָכען אַרום — עס איז געווען מוצאי יום־כפור, — האָט זי אויסגעשלאָסען אַלע 800 אַרבייטער פאַר זייער „חוצפה" צו אָרגאַניזירען זיך אין א יוניאָן.

דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ביטערער סטרייק געגען דער „טרייענגעל קאָמפּאני". דער סטרייק האָט געדויערט וואָכען־לאַנג, און אויף אַ קאָנ־פערענץ, וועלכע די געווערקשאַפטען האָט גערופען פון אַלע יוניאָן־פאָר־שטעהער, איז באַשלאָסען געוואָרען צו רופען אַ גענעראַל סטרייק אין דער גאַנצער לײדיס ווייסט־אינדוסטריע, וואו עס זיינען דאַן באַשעפטיגט גע־ווען איבער צוואַנציג טויזענד אַרבייטער, מעהרסטענס פרויען און יונגע מיידלאך.

די ערוועהלטע גענעראַל־סטרייק קאָמיטע האָט באַשטימט, אַז דעם 22טען נאָוועמבער, 1909, פּונקט 10 אַזייגער אין דער פריה, זאָל דער סטרייק זיך אָנפאַנגען אין אַלע 400 ווייסט־שעפּער פון ניו יאָרק. פאַר דער וועלט איז דער טאָג פון יענער גרויסער פאַסירונג, געווען אַ סוד.

מיט א נאַכט פריהער, דעם 21־טען נאָוועמבער, האָט די לײדיס ווייסט־מאַכער יוניאָן אָפּגעהאַלטען צעהן גרויסע מאַסען־פאַרזאַמלונגען אי־בער'ן שטאָדט. די הויפּט פאַרזאַמלונג איז געווען אין קופּער יוניאָן. דער פאָרזיצענדער פון יענער פאַרזאַמלונג איז געווען איינער פון די אָנגעזעהענסטע סאָציאַליסטישע שרייבער און לעקטאָרס, ב. פ י י ג ע נ־ב ו י ם, און דער הויפּט־רעדנער — ס א מ ו ע ל ג א מ פּ ע ר ס, דער פּרעזידענט פון דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. אין מיטען פון גאָמפּערס'עס רעדע איז אַ ווייסט מאַכערין פון דער סטרייק־קאָמיטע, ק ל א ר א ל ע מ ל י ך, א בלייכע יונגע אַרבייטער מיידעל, צוגעגאַנ־

גען צו דער רעדנער־טריבונע און האָט אויסגעשריען, מיט אַ קוויטשיקער שטימע „די ווייסט־מאַכערס יוניאָן ערקלעהרט איצט דעם גרויסען גענעראַל סטרייק!"

די פרייד, דער ענטוזיאַזם, די באַגייסטערונג, וואָס דיזער אויסגעשריי האָט אַרויסגערופען ביי די טויזענטער מיידלאַך און מענער, וואָס זיינען געווען אויף יענעם מיטינג, איז גאָר אוממעגליך צו באַשרייבען. אַזוינע סצענעס זיינען פאָרגעקומען אויף יעדער פאַרזאַמלונג פון די ווייסטמאַכער יענעם אַבענד, וואו די רעדנער זיינען געווען מאיר לאָנדאָן, דזשייקאָב פּענקין, דזשיי. גאָלדשטיין, מאַקס פּיין, ב. ווייַנשטיין, מיסס מערי דרייער, פּרעזידענטין פון דער פּרויען טרייד־יוניאָן ליג, ראָוז שניידערמאַן, פון דער זעלבער פּרויען ליג, און פילע אַנדערע. קאָמיטעס מיט רויטע פּראָקלאַמאַציעס מיט אַ רוף צום גענעראַל־סטרייק זיינען שוין אַלע געווען גרייט און גלייך פון די האָלס זיינען די קאָמיטעס אַוועק צו היטען אַלע ווייסט־שעפּער און וואַרטען ביז אין דער פריה, ווען די אַרבייטער וועלען קומען צו די שעפּער.

איך געדענק, אַז עס איז געווען אַ רעגענדיגער טאָג. אַלע פאַרזאַמלונגס־פּלעצער, וועלכע מען האָט באַשטעלט אַ פריהער, זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט סטרייקערס. די סטרייק־קאָמיטע האָט אָנגעגרייט אין יעדען פּלאַץ אַ סעקרעטער מיט ביכער, און מען האָט גענומען פאַרשרייבען מיטגלידער און סטרייקערס פון דער ווייסט מאַכערס יוניאָן לאָקאַל 25. דריי טעג האָט מען געשריבען און מען האָט געבראַכט אין הויפּט־קאַרטיר פון גענעראַל־סטרייק קאָמיטע, אין קלינטאָן האָל, די ציפערען פון די פאַרשריבענע מיטגלידער און סטרייקערס.

אכצעהן טויזענד סטרייקערס, די מעהרסטע פון וועלכע זיינען געווען יונגע מיידלאַך, האָבען זיך פאַרשריבען. און זיי האָבען געסטרייקט, — אַלץ הייסט געסטרייקט! אין אַלע ענגלישע צייטונגען פון גאַנצען לאַנד האָט מען געשריבען וועגען די „שווירט־ווייסט מיידלאַך". יענער סטרייק איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון דער ווייסט מאַכער יוניאָן, לאָקאַל 25.

אויסער דער ספּעציעלער סטרייק־קאָמיטע זיינען די פיהרער פון יענעם גרויסען סטרייק געווען די שאָפּ אַרבייטער: אַנאַ בערמאַן, ל. עפּשטיין, ב. פרישוואַסער, י. גרעיף, ס. גאָלוב, זיגמונד היימאַן, קלאַראַ לעמליך, סעם לערנער, מיס אַ. ליפּשיץ, מיס ר. רייזען מיס ב. ראָטשטיין, בעסי סוויטסקי, לואיס פישמאַן און לואיס ווייסגלאַס. סאַמועל שינדלער

איז געווען דער סעקרעטער־טרעזשורער פון דער ליידים ווייסט מאכער יוניאן לאָקאל 25. שינדלער איז אין 1909 אויך ערוועהלט געווארען אלס דער פּראָטאָקאָל סעקרעטער פון די פּאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

אין דער סטרייק קאָמיטע פון יענער ליידים ווייסט מאכער יוניאן זיינען אויך געווען די בעאמטע און פארטרעטער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, מיס מערי דרייער און העלען מאראָט, א קאָמיטע פון דער ווימענס טרייד יוניאן־ליג. א קאָמיטע פון דער אינטערנעשאָנאל ליידים גארמענט ווארקערס יוניאן, ווי אויך זייערע הויפּט־בעאמטע, פּרעזידענט ראָזענבערג און סעקרעטאר דייטש. די סאָציאליסטישע פּארטיי האָט ערוועהלט א קאָמיטע, וועלכע האָט זיך אָפּגעגעבען מיט זאמלען שטיצע פאר די סטרייקערס. די סאָפראדזשיסטקעס, די באריהמטע מיליאָנערקעס, מרס. הערימאַן און מרס. בעלמאָנט, פון דער „ליג פאר פרויען רעכטע", האָבען אדרעסירט די סטרייקערינס. דער אריסטאָקראטישער „פרויען קאָלאָניאל קלוב" האָט דאן געזאמעלט 1,700 דאָלער שטיצע פאר די סטרייקערס. אלע יוניאנס, סאָציאליסטישע ברענטשעס, דער ארבייטער רינג, אלע לאדזשעס און סאָסייעטיס, האָבען געשיקט שטיצע פאר'ן סטרייק.

די הויפּט־קווארטיר פון דער פיקעט קאָמיטע איז געווען אין גרויסען זאל פון קלינטאָן האָל. רייכע יונגע לייט און יונגע פרויען „סעטעלמענט ווארקערס" פון גאנץ ניו יארק זיינען געקומען העלפען פיקעטען די סטרייק שעפּער. דאָך האָט עס ניט געהאָלפען, ווייל די שטארקע גארדס, געדונגען פון באלעבאטים, האָבען געשלאָגען ניט נאָר סטרייקערינס, נאָר אויך די פארמעגליכע „סעטעלמענט ווארקערס". די פּאָליציי איז געווען געגען די סטרייקערס. די ערגסטע באהאנדלונג האָבען געקראָגען די פיקעטס פון דעם „טרייענגעל" שאפּ.

וועגען א סעטעלמענט פון סטרייק האָבען זיך די גרויסע פאבריקאנטען ניט געריהרט פון אָרט. אָבער די קליינע באלעבאטימלאך און די קאָנטראַקטאָרס זיינען געקומען סעטלען מיט דער יוניאן. מיר האָבען אָפּגעדונגען דעם אויבערשטען עטאזש פון קלינטאָן האָל, וואו עס איז אויסגעשטעלט געווארען א רייהע טישען און דעלעגאטען פון אלע יוניאנס צו די געווערקשאפטען האָבען געהאנדעלט מיט דיזע באלעבאטים וועגען א סעטעלמענט. ערשט דאָרט זיינען מיר געוואָר געווארען ווי שלעכט די ארבייטער מיידלאך זיינען באהאַנדעלט געווארען אין די ווייסט פאבריקען.

פון די רייד פון די באַלעבאַטים און פּאַרלייט ביי יענעם סעטעל־מענט האָט מען ערשט געזעהן ווי זיי באַהאַנדלען זייערע אַרבייטער מייד־לאַך ביי זיי אין די שעפּער.

אָט איז אַ סצענע, וואָס איך אַליין האָב בייגעוואוינט:

אַן עלטערער באָס, אַ דייטשער יאַהודי, קומט סעטלען און ברענגט מיט זיך זיין קאַטער, וועלכער איז אויך געווען דער פאָרמאַן פון שאָפּ. אַרום 50 מיידלאַך זיצען דערביי. איך, אַלס סעטלער פון סטרייק, לייג פאָר פאַר'ן באָס די פאָדערונגען: צען פּראָצענט מעהר פאַר אַ דאָזען באַדים פון וויסטען; „איינפאַרשטאַנדען!" — רופט זיך אָפּ דער באָס. דאָס זעלבע פאַר סליף סטערס — „איינפאַרשטאַנדען!" — זאָגט ווייטער דער מאַנופאַקטשורער. אַ דאָלער אַ רייז אַ וואָך פאַר די פינישערינס, פרעסערינס און קאַטאַן קלינערינס. „אָה, נאָ, דאָס געהט ניכט! איך געבע ניכט זאָ פיל. זיי פאַרדינען עס ניט, מען זאָל זיי העכערען די פרייזען!"

זעקס, זיבען קלייניקע מיידעלאַך, צווישען זיי אַ פּאָר איטאַליענער־קעס, שרייען אויס מיט דינע סאָפּראַנאָ שטימעלאַך: „ווי וואָנט עי רייז, איף נאָט, ווי סטרייק. הורעי פאָר די דזשענעראַל סטרייק!"

דער באָס נעמט זיך אַרומקוקען מיט פאַרוואונדערונג:

„ווהאַט אַ גאַאַל דהעי העוו! נעווער מיינד, איי עם איי דזשענ־טעלמען, איך גיבע אויך זיי נאָך".

„געסעטעלט!" — שרייט אויס דער פאָרמאַן.

„אָה, נאָ," — שרייען די מיידלאַך. — „מיר פאַרלאַנגען נאָך, אַז דער פאָרמאַן זאָל אונז אַנשטענדיג באַהאַנדלען! אַז ניט געהען מיר ניט צוריק אַרבייטען."

האָט דער פאָרמאַן גענומען שיטען פעך און שוועבעל אויף די מייד־לאַך און זידלען זיי מיט אַזוינע שמוציגע ווערטער, אַז איך האָב זיך פאַרשעמט.

— וואָס דענקען זי וועגען דיזען? — האָב איך אַ פרעג געטאָן ביים באָס, דעם דייטשען יאַהודי.

— ווארום האבען זיך מיינע אָפּערייטערינס קיין מאָל ניט גע־קלאָגט?

— וועל, — האָט זיך איין סטרייקערין אָפּגערופען, — עס וואָלט פאַר אונז נאָך פיל ערגער געווען, ווען מיר זאָלען זיך געווען קלאָגען.

מיין ענטפער איז געווען: — איהר, מיסטער באַלעבאָס, זייט פּי־לייכט אַ רזשענטעלמען, האָט איהר געדונגען דיזען מענשען צו טאָן פאַר אייך שמוציגע ארבייט. מיר סטעלען ניט דעם סטרייק, אזוי לאַנג ביז מיר וועלען ניט זיין זיכער, אז דיזע באַליידיגונגען און ערנידערונגען פאַר די אונשולדיגע יונגע ארבייטערינען וועלען ניט מעהר פאָרקומען.

דער באַלעבאָס האָט אונז געגעבען די פארזיכערונג, אז דער שקלאַפּען־טרייבער וועט זיך מעהר ניט מישען אין שאָפּ.

אָדער א צווייטע סצענע:

א מאַנופעקטשורער האָט זיך פארגליכען מיט די אפּערייטאָרינס אויף העכערע פּרייזען. די פינישערינס און די פּרעסערינס האָט דער באַלעבאָס ניט געוואָלט געבען קיין העכערונג. זיי זיינען אַלע געווען איטאַליענער־קעס, וואָס האָבען כמעט גאָרנישט פארשטאַנען קיין ענגליש. האָבען זיי אויף די פינגער אָנגעציינט, אז זיי ווילען אַ דאָלער, און אייניגע א דאָלער און אַ האַלב, א העכערונג. דער באַלעבאָס גיט ניט נאָך. די איטלאַיענערקעס שרייען: „מי סטרייק". איינע פון די סטרייקענדע איטאַליענישע מיידלאך גייט צו צו מיר און זאָגט מיר אויפ'ן אויער: „מיסטער יוניאן, פליז, סי מי איטאַליען גוירלס גיוו אַ רעיז. מי אָלל בי גודע יוניאָ גוירלס".

דער סוף איז געווען, דער באַלעבאָס האָט די אַלע איטאַליענישע פינישערינס און פּרעסערינס געהעכערט א דאָלער א וואָך, און עס האָט אויסגעבראָכען אַ גרויסער „הורא!"

אָדער אַזאַ סצענע: עס קומט פאַר א שאָפּ מיטינג פון אַ הונ־דערט מיידלאך, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אייניגע נעגערשע מיידלאַך און עלטערע שוואַרצע פרויען. די סטרייקערינס הערען זיך צו צו אַן ענגלישער רעדע פון אַ יונגען סאָציאַליסט פון די איסט סייד דיס־טריקטען פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי. דער באַלעבאָס, אַ רייכער מאַנופעקטשורער, שטעהט אין דער פאָדערשטער רום און וואַרט אויף אַ סעטעלמענט און איך רייד מיט איהם וועגען די פאָדערונגען. עס געהט צו צו מיר אַן עלטערע נעגערטע און זאָגט מיר, אַז זי האָט ביז יעצט געגלויבט, אַז אַ יוניאָן איז אַ שרעקליכע זאַך, וואו מען מאַכט די ארבייטער פאַר אַנאַרכיסטען. צום סוף זעהט זי, אז די יוניאן מאַכט אז זיי זאָלען קריגען גרעסערע שכירות. זי דערצעהלט מיר מיט פאַרוואונדערונג, אַז זי ארבייט שוין אייניגע יאָהר אין דיזען שאָפּ און דער באַלעבאָס האָט איהר נאָך קיין מאָל די „עהרע" ניט אָנגעטאָן אַ וואָרט צו איהר אויסצורייידען, און יעצט איז דער באָס צו איהר צוגע־

גאנגען און בעט זיך, מען זאָל סעטלען מיט איהם. יעצט זעהט זי, וואָס א יוניאַן איז! זי וועט שוין אימער באַלאַנגען צו דער יוניאַן!

* * *

דער סטרייק איז געווען זעהר א פאַרביטערטער. די סטרייקערס פלעגען זיך יעדען טאָג פאַרזאַמלען אין 25 האַלס. מיר האָבען געדאַרפט האָבען א סך רעדנער, און געגוג ערפאַרענע מענשען צו פירען יענעם שווערען סטרייק, וועלכער האָט געדויערט באַלד פיר מאָנאַטען, — פון דעם 22טען נאָוועמבער, 1909, ביז דעם 12טען מערץ, 1910, ווען עס איז ביי דער פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען באַריכטעט געוואָרען, אז 400 שעפּער האָבען שוין געסעטעלט מיט דער ווייסט מאכער יוניאַן, נאָכגעבענדיג 52 שטונדען א וואָך אַרבייט, אנער־קענונג פון דער יוניאַן און גרעסערע שכירות.

אין דער צייט פון יענעם ליידיס ווייסט מאכער סטרייק, ווען מיר האָבען זיך גענויטיגט אין א סך רעדנער, איז אָנגעקומען אהער פון רוס־לאַנד געגאָסע ב. וו ל אַ ד ע ק, וועלכען פילע פון די היגע יונגע סאָציאַ־ליסטען האָבען נאָך געקענט פון דער היים אלס אן אויסגעצייכנעטען רעדנער פון „בונד". וולאַדעק, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין רוסלאַנד אלס דער „יונגער לאַסאַל" האָט גלייך שטאַרק אויסגענוצט מיט די פילע רע־דעס, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר די סטרייקענדע ווייסט מאכערס און ער איז באַלד געוואָרען איינער פון די פּאָפּולערסטע פּערזענליכקייטען אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג פון אַמעריקאַ. ער איז איצט דער הויפּט־מענעדזשער פון ניו יאָרקער „פאָרווערטס".

די ליידיס ווייסט מייקערס יוניאַן, וועלכע האָט ביז יענעם גענעראַל סטרייק געהאַט א יוניאַן־ביוראָ אין שכנות מיט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, וואָס האָט פאַרנומען עטליכע שפּאַן, האָט גלייך נאָכ'ן זיג אָפּגעדונגען א גאַנצען עטאַזש פון קלינטאָן האָל, וועלכען מען האָט ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר דער באַקוועמליכקייט פון דיזער יוניאַן. די יוניאַן האָט גלייך אָנגעשטעלט געגוג בעאמטע, וועלכע זאָלען קאָנטראָ־לירען אַלע 400 פאַבריקען, און אָפּהיטען, אז מען זאָל אַרבייטען אונטער יוניאַן באַדינגונגען.

די אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאַן האָט זיך גלייך איבערגעצויגען אין א גרויסען אָפיס און ווען איך בין אין גיכען ווידער געקומען אהין מיט א באַזוך, האָט מיר סעקרעטער דזשאָן א.

דייטש געזאָגט, אז די אינטערנעשאָנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאַן פארמאָגט שוין צוויי און צוואנציג טויזענד מיטגלידער.

דעם מאָל האָב איך אין אָפיס פון דער אינטערנעשאָנאל יוניאַן גע־טראָפען אויך דעם פּרעזידענט, א. ראָזענבערג, מיט וועמען איך בין גע־ווען באקאנט אין דער יוניאן־באַוועגונג, זייט דעם יאָהר 1883. ער האָט מיר דערצעהלט, אז איצט פאנגען זיי אָן א גרויסען קאמפּיין צו אָרגאַ־ניזירען די פופציג טויזענט קלאוק מאכער פון ניו יארק.

„זאָל זיין מיט גליק!“ — האָב איך איהם צוגעוואונשען פאר'ן אוועק־געהן.

דער זיג פון די אכצען טויזענד ווייסט מאכערס אין יאָהר 1910, וועלכע האָבען דאן געוואונען פארבעסערונגען, קורצערע ארבייטס־שטונ־דען און אביסעל בעסערע שכירות, איז געווען בלויז אן אָנפאנג פאר ווײ־טערע קאמפען פון דיזע לײדיס ווייסט מאכערס.

אלס מענעדזשער פון דער ווייסט מאכער יוניאן איז דאן ערוועהלט געוואָרען א ב ר ה ם ב א ר א ף.

באראָף איז געקומען אין אמעריקא פון אוקראַינע אין יאָהר 1890. אין ניו יארק איז ער געוואָרען א שוירט מאכער. מיט אייניגע יאהר שפּעטער איז ער געווארען א ווייסט־מאכער ביי די זייַדענע פּרויען בלוזעס. ער האָט זיך שטענדיג אינטערעסירט מיט דער ארבייטער באַוועגונג און איז געווען טעטיג אין דער ווייסט מאכער יוניאן כמעט פון דעם ערשטען טאָג פון איהר גרינדונג. אין יאהר 1915 איז באראָף באשטימט געוואָ־רען אלס סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאָנאל לײדיס גאר־מענט וואירקערס אָוו אמעריקא, אויף דעם פּלאַץ פון מאָריס זיגמאַן, וועל־כער האָט רעזיגנירט פון דעם אמט. באראָף פארנעמט דיזען אַמט ביז היינט צו טאָג.

אלס ליגעל־אדווייזער (ראַטה־געבער) און אדוואָקאט פון דער זיג־רייכער לײדיס ווייסט מאכער יוניאן, איז באשטימט געווארען ד ז ש י י ־ ק אָ ב פ ע נ ק י ן, וועלכער איז פאר יאהרען לאנג געווען אן אומבא־צאָלטער אָרגאַנייזער פון דער לײדיס ווייסט מאכערס יוניאן, ווי אויך פון פילע אַנדערע אידישע יוניאָנס.

פענקין איז אריבערגעקומען אין אמעריקא מיט זיינע עלטערען פון בעלאַ־צערקאָוו, אוקראַינא, אין אָנפאנג פון די 90־ער יאהרען פון פאָ־ריגען יארהונדערט. ער איז געווען נאָך א יונגער אינגעל בעת ער איז געקומען אהער און ער איז גלייך געווארען אן ארבייטער ביי האנט־בייטעלאך (פּוירסעס און בעגס). ער האָט געארבייט פילע יאהרען ביי דיזען טרייד

און האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ שנעלען בעל־מלאכה. נאָך אַלס אינגעל איז ער געוואָרען אַ סאָציאַליסט און אויך אַ גוטער רעדנער. עס איז ניט געווען קיין אידישע יוניאָן אין אמעריקא, וואו דזשייקאָב פּענקין זאָל ניט האָבען גערעדט אויף איהרען אַ מיטינג. אַ חוץ דעם פלעגט פּענקין ריידען אין יעדען קאַמפּיין פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער איז פילע מאָל געווען דער קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַר פאַרשידענע עמטער.

אין יאָהר 1917 איז גענאָסע פּענקין ערוועהלט געוואָרען אויפ'ן סאָציאַליסטישען טיקעט אַלס מיוניסיפּאַל ריכטער. ער האָט דיזען ריכטער־אַמט פאַרנומען 10 יאָהר צייט.

---

## דער גרויסער סטרייק פון די קלאָוקמאַכער אין 1910 און די גרינדונג פון דער גרעסטער אידישער יוניאָן.

ווי שוין געזאָגט, האָט דער ערפאָלגרייכער סטרייק פון די ליידיס ווייסט מאַכער צוגעגעבען מוט דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואירקערס יוניאָן אָנצופאַנגען אַן ענערגישען קאַמפּיין צו אָרגאַניזירען די פופציג טויזענט קלאָוק מאַכער פון ניו יאָרק. די „אינטערנעשאָנאַל" (א. ל. ג. וו. י.) האָט שוין דאַן געהאַט 25 טויזענט מיטגלידער. די קלאָוק־מאַכער יוניאָן אָבער וואָס האָט דאַן עקזיסטירט, איז געווען זעהר שוואַך, און מיט דער הילף פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט זי זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט פון אָרגאַניזירען אַלע אַרבייטער פון טרייד. דאָס איז געווען ניט קיין גרינגע אויפגאַבע. מען האָט עס שוין פריהער פּראָבירט פילע מאָל, אָבער אָהן ערפאָלג.

דער אמת איז, אז זייט דעם יאָהר 1890, ווען די ערשטע גרויסע קלאָוקמאַכער יוניאָן, וואָס האָט געצעהלט זיבען טויזענד מיטגלידער, איז זיך צופאַלען, האָט מען אין אַ משך פון 18 יאָהר די יוניאָן ניט געקענט ווידער אויפבויען. עס פלעגט בלויז געלינגען פון צייט צו צייט צו אָר־גאַניזירען אַ פּאָר צעהנדליג שעפּער, וואו עס פלעגט אויסקומען צו סטריי־קען. באַלד אָבער האָט מען פאַרלאָרען אַ פּאָר סטרייקס און ווידער אָר־גאַניזירט אַ פּאָר נייע שעפּער, מיט דיזעלבע טרויעריגע רעזולטאַטען.

אין ענדע פון יאָהר 1909, איז דער צושטאַנד אין קלאָוקס טרייד אין ניו יאָרק געווען אַ שרעקליך שלעכטער פאַר די אַרבייטער. די איינציגע אָרגאַניזאַציעס פון קלאָוקס טרייד, וואָס האָבען גראד דאַן גענומען צייגען

עטוואס לעבען, דאָס הייסט אַ צייכען, אז זיי נעמען אויפבליהען אלס א יוניאָן, זיינען געוועזן די קלאוקס אפּערייטאָרס, און דאָס פלעגט מען באַמערקען ביי די מיטינגען פון לאָקאַל 1 קלאוק אפּערייטאָרס, וועלכע האָבען דעמאָלט זיך פאַרזאַמעלט אין 96 קלינטאָן סטריט.

אין ענדע פון יאָהר 1909 איז דער צושטאַנד אין קלאוקס טרייד אין ניו יארק געוועזן אַ שרעקליכער. יעדער אפּערייטאָר האָט געמוזט האָבען אָן אייגענע מאַשין. און אָפט מאָל האָט דער ארבייטער געדאַרפט מיטברענגען פון זיין היים אויך אַ בענקעל צו זיצען ביים מאַשין. פון קלאוקס אליין האָבען די מעהסטע ארבייטער דאַן ניט געקענט מאַכען קיין לעבען. פילע קלאוק מאַכערס זיינען אויך געוועזן דזשעניטאָרס אין די טענעמענט־הייזער, ווייל פון די קלאָגעדיגע פאַרדינסטען אין פאַבריק איז ניט געוועזן גענוג אויף צו צאָהלען רענט.

א טייל פינישערס און פּרעסערס ביי קלאוקס זיינען געוועזן געצוואונגען צו ווערען „אינסייד" קאָנטראַקטאָרס, איבערנעמענדיג די גאַנצע ארבייט פון שאַפּ און פון זייער האַנד באַשעפטיגען א גאַנצען טוץ אָדער מעהר „ארויסהעלפערס", וועלכע פלעגען באקומען זעהר קלעגליכע שכירות. ביי די סקוירט מאַכערס האָט גאָר געהערשט א „סעקשאָן"־סיסטעם. יעדע קלייד איז געוועזן פארטיילט אין צעהן טיילען, און איין קאָנטראַקטאָר פלעגט אוועקזעצען צעהן אונערפאַרענע ארבייטער צו שטעפּען אַ שטיקעל ארבייט. דיזע ארבייטער האָבען זיך קיינמאָל ניט געקענט אויסלערנען צו מאַכען אַ קליידעל. זייערע שכירות זיינען געוועזן נאָך קלעגליכערע.

אָט אונטער אַזעלכע אומשטענדען אין טרייד, האָבען די דאַמאלסדיגע טעטיגע מיטגלידער פון דער קלאוק מאַכער יוניאָן, ביי א פּאָר הונדערט אין צאָל, גענומען זיך אָרגאַניזירען אַלע פופציג טויזענד קלאוק מאַכער. די טוער פון דער יוניאָן האָבען צוערשט אויסגעארבייט א פּלאַן, צו שיקען פריייוויליגע קאָמיטעס צו אַלע שעפּער. דיזע פרייוויליגע קאָמיטעס פלעגען זיך צוזאַמענקומען יעדען פאַרנאַכט אין א פאַרזאַמלונגספּלאַץ אויף דער 4־טער סטריט און פון דאָרט פלעגט זיי ס. פּ אָ ל י אַ ק אָ ף, אַ טעטיגער יוניאָן מאַן, וועלכער איז אין באַריהמטען ריפּער סטרייק פון 1907, געוועזן איינער פון די סטרייק פיהרער, פאַנאַנדערשיקען צו די פּראַשידענע שעפּער. יעדע קאָמיטע איז באַשטאַנען פון צעהןפופצעהן קלאוק־ארבייטער, מענער און פרויען. דיזע קאָמיטעס פלעגען יעדען פאַרנאַכט געהן צו אַן אַנדער פעקטאָרי־בילדינג, וואו מען האָט געארבייט קלאוקס, און אַזוי שנעל ווי די קלאוק־מאַכער פלעגען ארונטער־

קומען פון שאפ פלעגען די קאָמיטעס זיי ארומרינגלען און מיט זיי אזוי לאַנג טענה׳ן, ביז זיי פלעגען איינוויליגען צו געהן מיט דער קאָמיטע צום מיטינג, וואו מען האָט זיי געמאכט פאַר יוניאָן־לייט. די דאָזיגע מעטאָדע האָט זעהר גוט געארבייט. די ערשטע פאַר טעג האָבען דיזע „קאָמיטעס" שווער געארבייט, ווייל די קלאוקמאכער האָבען ניט אזוי לייכט געוואָלט געהן אין דער 4־טער סטריט, צו דער פארזאמלונג. די ארבייטער פון אַלע קלאוק שעפער האָבען זיך אָבער שנעל דערוואוסט, אז די יוניאָן געהט ארייננעמען אַלע קלאוק־מאכער אָהן אויסנאהמע אין איהרע רייהען און דאָס האָט שטארק אפּעלירט צו די ארבייטער.

אביסעל שפּעטער האָט די יוניאָן שוין ניט געדאַרפט מעהר שיקען קיין קאָמיטעס צו די שעפּער. די קלאוק מאכער זיינען שוין אַליין געקומען יעדען טאָג מאסענווייז אין דער 4־טער סטריט צו ווערען יוניאָן־לייט און צוגרייטען זיך צום גענעראַל סטרייק. אַלעס וואָס די יוניאָן איז גע־ווען געצוואונגען צו טאָן איז, דינגען גענוג פארזאמלונגס־האַלס אום צו געבען א געלעגענהייט די ארבייטער זיך איינצושרייבען אין דער יוניאָן.

די 4־טע סטריט פלעגט דאַן זיין באַלאַגערט פון קלאוק מאכער, און עס האָט גענומען בלויז איינינע וואָכען און דער גרעסטער טייל קלאוק־מאכער זיינען שוין געווען מיטגלידער פון דער יוניאָן.

די יוניאָן האָט דאַן ארויסגעגעבען אַן אייגענע וועכענטליכע בלעטעל, די „נייע פּאָסט". שפּעטער, נאָכ׳ן סטרייק, איז די „נייע פּאָסט" פאר־וואַנדעלט געוואָרען אין א גרויסער וועכענטליכער צייטונג.

דורך דער „נייער פּאָסט" האָט דאַן די קלאוק מאכער יוניאָן אגי־טירט פאר׳ן קומענדען גענעראַל סטרייק. אין דער „נייער פּאָסט" איז באריכטעט געוואָרען וועלכע שעפּער זיינען שוין אין דער יוניאָן און פון וועלכע שעפּער די ארבייטער זיינען נאָך ניט געקומען אין דער יוניאָן. דאָס האָט געארבייט וואונדערבאר. ביז ענדע פון מאי מאָנאַט האָט שוין די קלאוק מאכער יוניאָן געהאַט די גרעסטע צאָל ארבייטער פון טרייד אין איהרע רייהען.

דעם 10־טען יוני, 1910, האָט די אינטערנעשאָנאַל אפּגעהאַלטען אין באָסטאָן א קאָנווענשאָן, וועלכע איז געווען די גרעסטע וואָס זי האָט ביז דאַן געהאַט. עס זיינען אנוועזענד געווען 120 דעלעגאַטען.

גרויס באַגייסטערונג און ענטוזיאזם האָט געהערשט צווישען די דע־לעגאַטען, ווען עס איז אינדאָסירט געוואָרען דער גענעראַל סטרייק פון דער ניו יאָרקער קלאוקמאכער יוניאָן. ביי דער קאָנווענשאָן איז ער־וועהלט געוואָרען א סטרייק־קאָמיטע פון 45 פּערזאָן, צו 5 פון יעדען פון

די לאָקאלס. דיזע קאָמיטע האָט אויסגעארבייט די פאָדערונגען. די וויכ־טיגסטע פונקטען זיינען געווען: 8 שטונדען א טאָג ארבייט, אנערקע־נונג פון דער יוניאָן, די אָפּשאַפונג פון אינסייד־קאָנטראַקטינג און פרייז־קאָמיטעס פאר שטיק־ארבייט א. אז. וו. אין דער קאָמיטע צו באַשטימען דעם טאָג פון סטרייק זיינען געווען: דזשאָהן א. דייטש, א. ראָזענ־בערג און ס. פּאָליאקאָף.

דעם 28־טען יוני איז פאָרגעקומען א ריזיגער מאַס־מיטינג פון קלאָוק־מאכער אין מעדיסאָן סקווער גארדען. דער ריזיגער האָל איז געווען גע־פּאַקט מיט קלאָוק־מאכער און נאָך מעהר מענשען זיינען אַוועק צוריק, ווייל זיי האָבען ניט געקענט אריינקומען. צווישען די רעדנער זיינען גע־ווען אב. קאהאָן, רעדאקטאָר פון „פאָרווערטס", און סעמועל גאָמפּערס, פּרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערייששאָן אָוו לייבאָר.

אין איינינע טעג שפּעטער איז פאָרגעקומען אין פילע האָלס אן אָפּ־שטימונג פון די קלאָוק־מאכער, צי מען זאָל ארויס אין סטרייק אָדער ניט. ניינצעהן טויזענד שטימען זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען פאר א סטרייק, און בלויז ארום זעקס הונדערט געגען א סטרייק.

דער גענעראל סטרייק איז ערקלעהרט געוואָרען דאָנערשטאג, דעם 7־טען יולי, 2 אזייגער נאָכמיטאג. עס האָט גענומען א וואָך צייט, און ארבייטער פון די ליידיס גארמענט שעפּער זיינען יעדען טאָג ארונטער אין סטרייק. אויסער די קלאָוק־און סקוירט־מאכער, וועלכע זיינען גלייך דעם ערשטען טאָג אלע ארונטער, האָבען אויך פארלאָזען די שעפּער אלע רייניקאוט־מאכער, איינינע טויזענד אָלטערייישאָן־שניידער, וועלכע ארביי־טען אין די גרעסטע דעפּארטמענט־סטאָרס. אין גאנצען זיינען דאן ארונ־טער אין סטרייק ביי א זיבעציג טויזענד פרויען־קליידער ארבייטער.

אזוי שנעל, ווי אלע זיינען ארונטער אין סטרייק, איז גלייך אויפגע־שוואומען א שווערע פּראָבלעמע וועגען די ארבייטסלאָזע קלאָוק־מאכער, וואָס האָבען ניט געהאט קיין שאָפּ, צו וועלכען זיי זאָלען האָבען בא־לאָנגט. מען האָט דיזע ארבייטער א נאָמען געגעבען „די יתומים" און די קלאָוק־מאכער יוניאָן האָט געטרייעט דאָס בעסטע פאר זיי עפּעס צו טאָן. זעהר א שווערע אויפגאבע האָט די יוניאָן געהאט מיט די טויזענדער אי־טאליענער, וועלכע האָבען געארבייט אין טרייד און וועלכע האָבען ווייניג געוואוסט וועגען א יוניאָן. ביי די איטאליענער זיינען אויך געווען „יתומים", וועלכע זיינען געווען „שווערע פּאסאזשירען" פאר דער קלאָוק־

מאכער יוניאן. עס איז געווען צו באוואונדערען די מערקווירדיגע דיס־ציפלין, וואס האט געהערשט צווישען די קלאוק־מאכער און אויך די סאָלידאריטעט צווישען די אידישע און איטאליענישע קלאוק־מאכער. איבערהויפט האט זיך ארויסגעצייגט דער ברידערליכער גייסט פון די ארבייטער ביים פיקעטען די סטרייקענדע שעפער.

אין צייט פון יענעם קלאוק־מאכער סטרייק זיינען מיר אמאָל געגאנגען אהיים פון א סטרייק־קאָמיטע־מיטינג, וואס פלעגט פארקומען יענע נאכט נאך 12 אזייגער אין וויקטאריא האָל, 27־טע סטריט און בראָדוויי. מיר זיינען ארויף אויף 5־טע עוועניו אין קלאוקס־דיסטריקט. דאָרט איז געווען שטיל און פינסטער, ווי אויף א בית־עולם. אלעס וואס מיר האבען געזעהן ארום זיך איז הויכע מויערען. אָבער אָט געהען מיר צו נעהענטער צו א בילדינג און מיר טרעפען דאָרט א פאָר קלאוק־מאכער, וועלכע האָבען דאָרט א גאנצע נאכט געפיקעט די בילדינג כדי עס זאָלען זיך אין מיטען נאכט ניט קענען ארייננכאפען אהין א פאָר סקעבס. מיר זיינען געגאנגען פון איין בילדינג צו דער צווייטער און איבעראל האבען מיר געטראָפען קלאוק־ארבייטער פיקעטען די בילדינגס. איינער פון דער סטרייק קאָמיטע האָט אונז ערקלעהרט, אז די פיקעטס בייטען זיך אלע דריי שטונדען סיי בייטאָג, סיי ביינאכט.

די פארשידענע רעפאָרמערס, די „סעטעלמענט ווארקערס“, האָבען אין צייט פון דעם קלאוק־מאכער סטרייק אויך ניט גערוהט. זיי האָבען גלייך געזוכט צוזאמענצוברענגען אויף א קאָנפערענץ די רייכע קלאוק פאבריקאנטען, וועלכע האָבען זיך אָרגאניזירט אין אן „אסאָסיאיישאָן“ פון באלעבאטים, צו פארהאנדלען מיט דער קלאוק־מאכער יוניאן וועגען א סעטעלמענט פון דעם סטרייק. אויף דער דריטער וואָך פון סטרייק האָט דר. הענרי מאָסקאָוויץ, א באקאנטער איסט־סייד רעפאָרמער, גענומען ארבייטען צוזאמענצוברענגען ביידע צדדים צו א קאָנפערענץ.

דר. מאָסקאָוויץ איז פאר פילע יאהרען באקאנט אויף דער איסט־סייד דערמיט, וואס ער איז אימער גרייט צו העלפען ארבייטער־אָרגאניזאציעס און ספעציעל ארבייטער יוניאנס, אין צייט פון א סטרייק. ער איז דאן אוועקגעפאָהרען קיין באָסטאָן, און האָט פאראינטערעסירט אין דעם קלאוק־מאכער סטרייק דעם יעצטיגען ריכטער פון יונייטעד סטייטס סופרים קאורט, לואיס ד. בראנדעיס, וועלכער איז נאָך דאן געווען א לאָיער, כדי מיט זיין הילף צוזאמענצוברענגען ביידע צדדים צו א סעטעלמענט.

גלייך אויף דער צווייטער וואָך פון סטרייק האָט די יוניאַן געעפענט אין וויקטאָריא האָטעל אַ ביוראָ פאַר „סעטעלמענטס” מיט קלאוק פאבריקאַנטען, געקומען זיינען אָבער נאָר די קלענערע, אָרימע פאבריקאַנטען. די רייכע, די גרויסע פאבריקאַנטען, האָבען זיך נאָך ניט געוואָלט אונטערגעבען, און זיי פלעגען יעדען טאָג פאַרעפענטליכען אין דער ענגלישער פרעסע סטייטמענטס, אַז דעם סטרייק האָבען כלומר׳שט ארויסגערופען די „וואָקינג דעלעגאַטען” פאַר זייער אייגענעם בענעפיט. די פאבריקאַנטען האָבען גענומען פאָדערען פון די קאורטס אינדזשאָנקשאָנס געגען דער יוניאַן, און זיי האָבען זיי אויך געקראָגען, אָבער קיין קליידער האָבען זיי מיט די אינדזשאָנקשאָנס ניט געקענט מאַכען.

איינער פון די הויפט־פיהרער פון יענעם סטרייק איז געווען מ א י ר ל אָ נ ד אָ ן, וועלכער איז פון אימער אָן געווען דער לאָיער פון דער קלאוק־מאַכער יוניאַן.

מאיר לאָנדאָן איז געקומען פון רוסלאַנד קיין אמעריקא, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָהר 18. זיין פאָטער, וועלכער איז שוין דאָ געווען פון פריהער, איז געווען פון די ערשטע אידישע סאָציאַליסטען.

קומענדיג קיין אמעריקא האָט מאיר לאָנדאָן גלייך פאַרבונדען זיין לעבען מיט דעם לעבען פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג און ער איז מיט דער אידישער ארבייטער באַוועגונג געשטאַנען ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען. אין פארלויף פון די לעצטע 30 יאהר זיינען פאָרגעקומען ריזיגע ענדערונגען אין אַלע צווייגען פון דער אַלגעמיינער ניו יאָרקער געזעלשאַפט און ספּעציעל פון דער אידישער ארבייטער באַפעלקערונג. די אידישע קוואַרטאַלען האָבען געהאַט דעם שווערסטען קאַמף זיך ארויסצוהייבען פון דעם גייסטיגען און מאַטעריעלען זומפּ, אין וועלכען זיי זיינען אַמאָל געלעגען. אין דעם קאַמף האָט לאָנדאָן געשפּילט אַ לייטענדע ראָלע. ער האָט באַקעמפט די פּאָליטישע צופוילטקייט און פאַרדאָרבענהייט וואָס האָט יאָהרען־לאַנג געהערשט אויף דער ניו יאָרקער איסט סייד. ער האָט באַקעמפט די שרעקליכע אָרימקייט, די ביטערע נויט.

מאיר לאָנדאָן האָט געהאַט אַ גרויסען חלק אין אַלץ וואָס די אידישע ארבייטער באַוועגונג אין אמעריקא האָט אויפגעבויט. ער האָט געהאָלפען בויען דעם „פאָרווערטס”, דעם ארבייטער רינג, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די קלאוק מאַכער יוניאַן, און אויך אַנדערע אידישע יוניאַנס.

פאַר דער וועלט האָט עס געהייסען אַז לאָנדאָן איז בלויז דער יורידישער ראַטגעבער פון דער קלאוקמאַכער יוניאַן, אין דער אמת׳ן איז ער געווען דער פיהרער פון דער יוניאַן. אין יענעם ביטערען סטרייק איז ער

געווען דער גייסטיגער און פראקטישער פיהרער פון די 60 טויזענד קלאוק־מאכער, וועלכע האבען זיך אין איהם באטייליגט.

יענער סטרייק, וועלכער ווערט באצייכענט אלס „די רעוואלוציע אין דעם קלאוק טרייד", האט געדויערט 10 וואכען, אבער מיט דעם סעטעל־מענט האט זיך מאיר לאנדאן'ס ארבייט פאר דער יוניאן ערשט אנגעפאנ־גען. עס איז געווען שווער אי פאר די באסעס אי פאר די ארבייטער זיך צוצוגעוואוינען צו די נייע ארבייטס באדינגונגען. אלע טאג איז געווען נייע טראבעל. דא זיינען די באסעס ניט נאכגעקומען די פונקטען פון אפמאך און דא זיינען די ארבייטער ניט נאכגעקומען, און עס איז ווידער געווען מאיר לאנדאן, וועלכער האט געמוזט פאר פילע, פילע מא־נאטען נאך דעם סטרייק, זיצען און קנעלען מיט ביידע צדדים, אום איינ־צוהאלטען דעם פרידען אין דער אינדוסטריע.

און דאס האט ער געטאן מיט אזוי פיל איבערגעבענהייט און מיט אזויפיל ליבשאפט, ווי נאר א מענש וואס האט קיין גאל ניט קען טאן.

מאיר לאנדאן איז געווען דריי טערמינען א מיטגליד פון אמעריקאנער קאנגרעס. פון אן ארבייטער פיהרער אויף דער איסט סייד איז ער אוים־געוואקסען צו א פארטיידיגער פון די אלגעמיינע ארבייטער־מאסען אין גאנץ אמעריקא, זייער פארטיידיגער און פארקעמפער אין קאנגרעס און אויף דער ברייטער פלאטפארמע פון גאנצען לאנד.

מאיר לאנדאן איז איבערגעפאהרען געווארען פון אן אויטאמאביל, און איז געשטארבען דעם 6־טען יוני, 1926.

* * *

די ערשטע קאנפערענץ פון פארטרעטער פון דער קלאוק־מאכער יו־ניאן און פון די רייכע קלאוקס פאבריקאנטען, האבען דאן איינגעארדענט די אדוואקאטען פון ביידע צדדים, — מאיר לאנדאן פון דער יוניאן און דזשוליוס הענרי קאהען פון די פאבריקאנטען.

צו יענער ערשטער קאנפערענץ זיינען געקומען אלע הויפט־פיהרער פון דער קלאוק מאכער יוניאן, צוזאמען מיט שלעזינגער'ן, וועלכער איז דאן געווען דער מענעדזשער פון „פארווערטס". פון די קלאוקס פאברי־קאנטען זיינען געקומען די גרעסטע באלעבאטים פון טרייד. אבער נאכ־געבען האבען די קלאוקס באלעבאטים געוואלט זעהר ווייניג. לואיס ד. בראנדעיס האט דאן צום ערשטען מאל פארגעלייגט זיין „פרעפערענשעל יוניאן שאפ", וואס דאס האט געזאלט באדייטען, אז ווען צו א באלע־באס קומען צוויי ארבייטער בעטען א דזשאב, א יוניאן מאן און א ניט־

יוניאָן מאַן, זאָל דער באַלעבאָס פריהער נעמען דעם יוניאָן מאַן צו דער ארבייט.

די פארטרעטער פון די קלאוק מאכער איז עס ניט געפעלען געווארען, און פון דער ערשטער קאָנפערענץ איז גאָר ניט ארויסגעקומען. די באַלעבאָטים האָבען ווידער ארויסגענומען אינדזשאָנקשאָנס און די פּאָליציי האָט געטריבען, געשלאָגען און אַרעסטירט די פּיקעטס.

אויף דער פערטער וואָך פון סטרייק האָבען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, די „פאָרווערטס" אסאָסיאיישאָן, צוזאמען מיט'ן ארבייטער רינג, איינבארופען א קאָנפערענץ צו שאפען שטיצע פאר'ן סטרייק. ב. שלעזינגער איז ערוועהלט געווארען אלס טרעזשורער; ש. בולגאַטש, פון ארבייטער רינג, אלס טשערמאַן, און ב. ווײַנשטיין (דער שרייבער פון דיזע צייל'ען), פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, אלס סעקרעטער. דיזע קאָמיטע האָט פארעפענטליכט אַן אויפרוף פאר געלד שטיצע און עס האָט גענומען אָנקומען געלד פון גאַנצען לאַנד.

אַלע יוניאָנס, סיי די אידישע, סיי די קריסטליכע, האָבען געגעבען מיט א ברייטער האַנד. דער „פאָרווערטס" אליין האָט געעפענט דעם פאָנד מיט א גרויסען בייטראג פון שעהנע עטליכע טויזענד דאָלער. מען האָט געזאמעלט געלד אין יעדען לאַדזש. פון די ארבייטער רינג בּרענטשעס איז שוין אָפּגערעדט. א האַלבער ארבייטער רינג איז דענסטמאָל באַשטאַנען פון קלאוק-מאכער. אויף יעדער שמחה אין די טענעמענט-הייזער האָט מען געזאמעלט פאר'ן קלאוק-מאכער סטרייק, און אַלעס איז געגאַנגען דורך דעם „פאָרווערטס", דורך די געווערקשאפטען און דורך דעם ארבייטער רינג.

די ליבעראַלע פּשרה-מאכערס האָבען אויך ניט גערוהט. זיי האָבען געזוכט שלום: סטייטש, אידישע ארבייטער, אידישע באַלעבאַטים, צוויי הונדערט טויזענד ארבייטער-נפשות סטרייקען געגען פופצעהן הונדערט באָסעס. מען האָט צו די סעטעלמענט-ביזנעס צוגעצויגען אויסער לאָיער בראַנדעיס'ן אויך דעם בוואָסטען אידישען כלל-טוער לואיס מאַרשאַל. ביים צווייטען קאָנפערענץ האָבען די קלאוק-באָסעס שוין נאָכגעגעבען 52 שטונדען א וואָך ארבייט. די יוניאָן האָט געפאָדערט 48 שעה. די כלל-טוער האָבען צוגעגעבען, אַז די קלאוק-פאבריקאנטען וועלען שוין אַנערקענען פּרייז-קאָמיטעס אין די שעפּער און אויב מען וועט זיך ניט קענען אייניגען זאָל עס ארביטרירט ווערען. די פארטרעטער פון די סטרייקערס האָבען איינגעוויליגט עס פאַרצולייגען פאַר אַלע סטרייקענדע קלאוק-מאכער צו אַן אָפּשטימונג, אויב די ארבייטער זיינען צו-

פרידען אָנצונעמען די אַלע פּונקטען. און אויך דעם נייעם פּונקט פון א „פּרעפערענשעל" שאַפּ, וועלכען לאַיער בראַנדעים האַט אריינגעבראַכט.

די פיהרער פון סטרייק האָבען גערופען אַלע סטרייקער צו די פאַר־זאמלונגען אום פאַר זיי פאַרצולייגען דעם באריכט וועגען סעטעלמענט.

דאָס איז פאַרגעקומען דעם 27־טען אויגוסט. אין אַלע האָלס, וואו די סטרייקענדע קלאָוק־מאכער האָבען זיך פאַרזאַמעלט, האַט אויסגעזעהן ווי צו כל־נדרי, און מיט שטורם איז דער סעטעלמענט פון דער מאיאָרי־טעט קלאָוק־מאכער צוריקגעוויזען געוואָרען. גלייך ווי דיזע פאַרזאַמלונגען האָבען זיך געשלאָסען, האָבען אַלע קלאָוק־סטרייקערס אוועקגעמאַרשירט צום „פאָרווערטס" צו צייגען, אַז זיי זיינען ענטשלאָסען צו קעמפען, ביז זיי וועלען קריגען בעסערע ארבייטס־באַדינגונגען.

די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס האָבען דאַן אויפ'ן צווייטען טאָג ארויס־געקראָגען פון קאורט אַן אינדזשאַנקשאָן, וואָס האַט פאַרבאָטען דער קלאָוק־מאכער יוניאָן צו צאָהלען שטיצע די גויט־ליידענדע סטרייקערס. דאָס איז געטאָן געוואָרען אום די סטרייקערס איינצושרעקען. דער „פאָר־ווערטס" האַט גלייך ארויסגעלאָזט אַן „עקסטרא", אַז פון יעצט אָן וועט דער „פאָרווערטס" אויסצאָהלען דעם סטרייק־בענעפיט צו די סטרייקערס.

דאָס האַט געבראַכט אַ דריטע קאָנפערענץ מיט די קלאָוק־באָסעס און ביי יענער דריטער קאָנפערענץ איז מיט דער הילף פון די צוויי כלל־טוער בראַנדעים און מארשאַל דער סטרייק געסעטעלט געוואָרען. די באָסעס האָבען נאָכגעגעבען 50 שעה א וואָך ארבייט, פּרייז־קאָמיטעס, גריוועגס־קאָמיטעס צו שליכטען אַלע סכסוכים, 10 געזעצליכע יום־טובים א יאָהר, א. אז. וו.

דאַן איז געשלאָסען געוואָרען דער באריהמטער „פּראָטאָקאָל" — אַזא מין קאָנטראַקט צווישען ביידע צדדים, וואס האַט אויך ענטהאַלטען בראַנדעים'עס פּונקט וועגען דעם „פּרעפערענשעל" שאַפּ מיט א טשיף־קלוירק פון דער יוניאָן און א טשיף קלוירק פון דער קלאָוק־מאַנופעקטשור־ערס אַסאָסיאיישאָן, וועלכע זאָלען אויסגלייכען אַלע סכסוכים צווישען דעם פאַבריקאַנט און דער יוניאָן, און אויב זיי וועלען זיך ניט קענען אייניגען, זאָל דער ענין פאַרגעבראַכט ווערען פאַר א שידעס־געריכט. לאַיער בראַנדעים האַט דאַן אָנגענומען צו זיין דער פאָרזיצענדער פון דעם שידעס־געריכט.

אזוי איז דאַן געסעטעלט געוואָרען דער גרויסער קלאָוק־מאכער סטרייק פון די 60 טויזענד ארבייטער אין ניו יאָרק. עס איז געווען פרייטאָג, דעם 2־טען סעפּטעמבער, 1910.

די שמחה, וואָס עס האָט געהערשט יענעם אָוועגד אין יעדער אידי־שער ארבייטער־הויז איז געווען גאָר אָהן א גרענעץ.

דאָס איז אייגענטליך געווען דער אמת'ער געבורטס־טאָג פון דער קלאוק־מאכער־ יוניאן מיט א מיטגלידערשאפט פון 50 טויזענד ארבייטער. דער געווינס איז געווען ניט בלויז א געווינס פאר קלאוק־מאכער, נאָר פאר די איבעריגע אידישע ארבייטער פון אלע פאכען ארבייט. גלייך נאָך דעם זיג פון די קלאוק מאכער האָבען אין אלע אידישע טריידס גענומען אויס־וואקסען יוניאָנס ווי שוועמלאך נאָך א רעגען. און פון דאן אָן איז די אידישע טרייד יוניאן באוועגונג אין אמעריקא געווארען שטארק און מעכ־טיג.

אין יענעם סטרייק האָבען זיך אויסער די שוין דערמאָנטע טוער פון דער יוניאן באזונדערס אויסגעצייכענט מ אָ ר י ס ז י ג מ א ן, וועלכער איז געווען דער טשערמאן פון דער פיקעט־קאָמיטע, ווי אויך דזשוליוס וואולף, אב. מיטשעל, סאָל מעטץ, מ. גאָלדאָווסקי א. אַ.

---

## די ערשטע יאָהרען נאָכ'ן סטרייק.

נאָכ'ן סעטעלמענט פון גרויסען קלאוק מאכער סטרייק אין יאהר 1910 האָט אין אלע לאָקאלע יוניאָנס פון דער „אינטערנעשאָנאל", וועלכע איז שוין דאן געווארען א רייכע „מאמע" מיט א טרעזשורי (קאסע), געהערשט גרויס אייניגקייט.

נאָך איידער דער סטרייק פון די קלאוק מאכער האָט זיך אנגעפאנגען, אין יולי, 1910, האָט לאָקאל 10, ניו יארקער קאטערס יוניאן, וועלכע איז געווען אויסגעשלאָסען פון דער אינטערנעשאָנאל, — שלום געמאכט מיט דער אינטערנעשאָנאל און האָט צוריק באקומען איהר טשארטער. אין צייט פון דעם גענעראל סטרייק פון 1910 האָבען די קאטערס זיך געהאל־טען בראוו, און א היבשע צאָל מעמבערס פון קאטערס לאָקאל 10 האָבען אין צייט פון סטרייק געהאלטען פאראנטוואָרטליכע עמטער, העלפענדיג דערמיט פיל דעם ערפאָלג פון סטרייק.

די קלאוקס קאטערס לאָקאל 10 איז געווען איינע פון די ערשטע יוניאָנס פון פרויען קליידער אין ניו יארק. דערצו האָבען זיי נאָך געהאַט א גרויסען יחוס, וואס דער גרינדער פון דעם ארבייטער ארדען „נייטס אָוו לייבאָר" אין די 60 יאָהרען איז געווען א קליידער־קאטער מיט'ן נאָמען יוריא סטעפענס.

ווען די אינטערנעשאָנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן האָט זיך

געגרינדעט אין 1900, האָבען זיך אָן איהר אנגעשלאָסען צוויי קאָטער לאָקאַלס: די „גאָטהאָם" און די „מאַנהעטען". איין לאָקאַל פון זיי איז געוועזן נומער 6. מיט עטליכע יאהר שפּעטער האָבען זיך די ביידע לאָקאַלס פאראייניגט אין איין לאָקאַל, וועלכער האָט באַקומען דעם נומער 10.

די ערשטע פיהרער פון דער קאָטערס יוניאָן לאָקאַל 10 זיינען אַלע געוועזן אַמעריקאַנער, קריסטען. איינינע פון זיי האָבען פאַרנומען דעם אַמט פון פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, אַנדערע זיינען געוועזן וויס־פּרעזידענטען פון דער אינטערנעשאָנאַל. קאָנסערוואַטיוו זיינען זיי אַלע געוועזן.

נאָכ'ן גרויסען קלאָוק מאַכער סטרייק פון 1910, ווען עס האָבען שוין אין לאָקאַל 10 באַלאַנגט אַ גרויסע צאָל אידישע ארבייטער און גראַד סאָציאַליסטען, האָבען זיך אין דער אַמעריקאַנער קאָטערס יוניאָן באַוויזען פיהרער אידישע אימיגראַנטען, וועלכע זיינען אויך געוועזן טעטיגע סאָציאַליסטען.

איינער פון זיי איז געוועזן ע ל מ ע ר ר אָ ז ע נ ב ע ר ג, אַ אידישער אימיגראַנט פון אונגאַרן, וועלכער איז געוועזן אייניגע יאהר דער פיהרער פון לאָקאַל 10, דער רעדאַקטאָר פון די „קאָטערס צייטונג" און וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן און אויך פּרעזידענט פון דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן.

עלמער ראָזענבערג איז אין יאהר 1917 אויך געוועזן אַ מיטגליד פון דער ניו יאָרקער אַסעמבלי, ערוועהלט אויפ'ן סאָציאַליסטישען טיקעט.

צווישען די יונגע אַקטיווע טוער פון דער קאָטערס יוניאָן לאָקאַל 10 איז אויך דער יעצטיגער מענעדזשער פון לאָקאַל 10, ד י י וו י ד ד ו ב י נ ס ק י.

דובינסקי איז געקומען אין אַמעריקא אין יאהר 1911, פון לאָדז, וואו ער האָט באַלאַנגט צום „בונד" און איז פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט געוועזן פאַרשיקט אין סיביר, פון וואַנען ער איז אַנטלאָפען. דאָ אין ניו יאָרק איז ער געוואָרען אַ קלאָוקס־קאָטער. ער איז גלייך געוואָרען טעטיג אין זיין יוניאָן, לאָקאַל 10, און מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער איז ער געוואָרען דער פיהרער פון לאָקאַל און וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל.

גלייך נאָכ'ן אָפּשליסען פון פרידען מיט די קלאָוקס פאַבריקאַנטען האָט די קלאָוק מאַכער יוניאָן, לויט דעם „פּראָטאָקאָל", ערוועהלט אַ טשיף קלוירק, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרהאַנדלען אַלע „קאָמפּלעינטס"

(קלאָגעס) פון די ארבייטער געגען זייערע באַלעבאַטים מיט אַ טשיף קלוירק פון דער קלאָוקס פאַבריקאַנטען אַסאָסיאיישאָן.

די יוניאָן האָט אַלס איהר ערשטען טשיף קלוירק באַשטימט ס. פּאָליאַקאָף'ען וועלכער איז געווען זעהר טעטיג אין גענעראל סטרייק און נאָך פריהער, אין ריפער מאַכער סטרייק פון 1907.

פּאָליאַקאָף איז געווען אַ קלאָוקס שניידער, אַ מעמבער פון לאָקאל 9, פון דער אינטערנעשאָנאל.

דער „פּראָטאָקאָל" האָט אָנגעפאַנגען ארבייטען נאָכדעם ווי ביידע צדדים האָבען באַשטימט 3 ארביטרייטאָרס: די דזשוינט באָארד פון דער קלאָוק מאַכער יוניאָן האָט באַשטימט אַלס איהר פּארטרעטער מ אָ ר י ס ה י ל ק װ י ט'ן. די קלאָוק מאַנופעקטשורערס האָבען ערוועהלט אַלס זייער פּארטרעטער ה ע מ י ל ט אָ ן ה אָ ל ט'ן, און דער אומפּאַרטייאישער מיטגליד, אויף וועלכע ביידע צדדים האָבען זיך געאייניגט, איז געווען ל ו א י ס ד. ב ר אַ נ ד ע י ס.

די ערשטע פּאָר יאָהר האָט דער „פּראָטאָקאָל" געהאַט אַ פּיל גרעסערען ערפאָלג ווי מען האָט זיך פון אָנפאַנג פאָרגעשטעלט. ווען דער סעטעלמענט איז געמאַכט געוואָרען, האָבען אי די יוניאָן פיהרער, אי די מאַנופעקטשורערס, אין הארצען זעהר ווייניג פון דעם „פּראָטאָקאָל" געהאַלטען. ביידע צדדים האָבען דאָן זעהר געוואָלט, אז דער סטרייק זאָל געענדיגט ווערען, און זיי זיינען אויף דעם „נייעם סאָרט אָפּמאַך" איינגעגאַנגען. אין הארצען אָבער האָבען די יוניאָן-פיהרער געטראַכט: זאָלען נאָר די ארבייטער בלייבען אָרגאַניזירט, און מיר וועלען שוין אַלע אונזערע פאָדערונגען אויספיהרען. די באַלעבאַטים ווידער, האָבען גערעכענט: זאָלען נאָר די ארבייטער צוריק געהן אין די שעפּער און מיר וועלען שוין מיט זיי טאָן, וואָס מיר ווילען. אז דער „פּראָטאָקאָל" וועט ווערען אַ מאַכט, אַז ער וועט ווירקליך באַשטימען די באַציהונגען צווישען די ביידע צדדים און וועט דינען אַלס דאָס העכסטע געזעץ פאַר זיי, — דאָס האָט קיינער ניט געדענקט.

דאָס אונערוואַרטעטע איז אָבער געשעהן. אונטער דעם „פּראָטאָקאָל" האָבען די ביידע צדדים געלעבט בשלום פאַר די ערשטע עטליכע יאָהר. אונטער דעם „פּראָטאָקאָל" זיינען טויזענדע צווייסטיגקייטען, טויזענדע סכסוכים צווישען מאַנופעקטשורערס און ארבייטער געסעטעלט געוואָרען אויף אַ מעהר אָדער ווייניגער צופרידענשטעלענדען אופן. אונטער דעם „פּראָטאָקאָל" האָט זיך ענטוויקעלט דער נייער, בעסערער מענשליכער

גייסט ביי די ארבייטער און די נייע, שעהנערע אנשטענדיגע און מענש־ליכערע באַציהונגען צווישען די באַלעבאַטים און די אַרבייטער.

גלייך ווי דער סטרייק האָט זיך געענדיגט איז די „נייע פּאָסט", די צייטונג פון דער יוניאָן, פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גרויסער וואָכענ־בלאַט, וועלכע איז ארויסגעגאַנגען איבער אכט יאָהר צייט, ביז אַלע באַ־זונדערע צייטונגען פון די פאַרשידענע לאָקאַלס זיינען פאַראייניגט גע־וואָרען אין איין צייטונג, „די געווערקשאַפטלעכקייט". די ערשטע דריי יאָהר זיינען די רעדאַקטאָרען פון דער „נייער פּאָסט" געוועזען, פריהער ה. קרעטשמאַר (ליליפּוט), און דערנאָך דר. ב. האָפמאַן (צביון) און פון 1914 ביז 1919 איז דער רעדאַקטאָר פון דער „נייער פּאָסט" געווען ד. שוב.

* * *

אונטער דעם „פּראָטאָקאָל" האָט די יוניאָן באַקומען אַ מעגליכקייט בעסער צו אָרגאַניזירען און באַפעסטיגען איהרע קרעפטען. דורכ'ן „פּראָ־טאָקאָל" האָט די יוניאָן באַקומען אַ קאָנטראָל איבער דער גרעסטער צאָל שעפּער פון טרייד און האָט אַזוי אַרום געקאָנט אויפבויען אַ שטאַרקע, מעכטיגע אָרגאַניזאַציע. אָבער באַלד ווי דער סטרייק איז געסעטעלט געוואָרען האָט זיך גענומען מערקען אַ גרויסע אונצופרידענהייט אין דער יוניאָן. אַ גרויסער טייל אַרבייטער האָבען ערוואַרטעט, אַז די יוניאָן זאָל זיי באַפרייען פון אַלע צרות, און ווען עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז די יוניאָן איז עס ניט אימשטאַנד צו טאָן, זיינען זיי ענטוישט גע־וואָרען אין דער יוניאָן. אנדערע זיינען גלייך פון אָנפאַנג אָן געוואָרען ביטערע שונאים דער יוניאָן דערפאַר, וואָס זיי זיינען צוליב דער יוניאָן „פאַראַרימט" געוואָרען.

פאַר'ן סטרייק זיינען אין קלאָוקס טרייד געווען אַ סך אינסייד „סאָב־קאָנטראַקטאָרס", ד. ה. אַזוינע אַרבייטער, וואָס פלעגען אַרבייטען מיט אַ גאַנצען סעט ארויסהעלפּערס. די אַרויסהעלפּערס פלעגען אַרבייטען ניט דירעקט פאַר'ן באַלעבאָס, נאָר פאַר'ן „סאָב־קאָנטראַקטאָר", פאַר'ן „העד"־פּרעסער, „העד"־שניידער א. אַז. וו. און פלעגען שרעקליך עקספּלואַטירט ווערען פון די „העדס". אַ העד־פּרעסער פלעגט אין די דאַמאַלסדיגע „גוטע צייטען" פאַרדינען 60־70 דאָלער אַ וואָך. די יוניאָן האָט אָט די סיסטעם אָפּגעשאַפט. די „העדס" זיינען געוואָרען אויס מיוחסים און האָבען געמוזט אַרבייטען פאַר דעם זעלבען סקייל ווי די איבעריגע אַר־בייטער, זיינען זיי נאַטירליך געוואָרען דם שונאים דער יוניאָן און האָ־

בען כסדר געשאָלטען די יוניאָן־פיהרער, „וואס האָבען זיי געמאכט פאַר אַרימעלייט". עס זיינען אויך געווען פילע ארבייטער, וואס האָבען זיך סתם ניט געקענט צוגעוואוינען צו די יוניאָן־רולס. יאָהרען לאַנג האָבען זיי געארבייט צו 15-16 שטונדען אַ טאָג און פּלוצלונג צווינגט מען זיי גאָר צו ארבייטען ניט מעהר ווי 9 שטונדען. פריהער, האָבען זיי גע־חשבונ'ט, האָבען זיי געקענט ארבייטער לענגערע שטונדען און מאַכען אַ סך געלד, און איצטער האָט ביי זיי די יוניאָן דיזע געלעגענהייט צוגע־נומען.

אַ דריטע גרופּע איז געווען, וואס האָט סתם ניט ליב געהאַט קיין יוניאָן. זיי האָבען געקוקט אויף דער יוניאַן ווי אויף אַ דעספּאָטישער מאַכט, וואס צווינגט זיי צו צאָהלען דיוס, צו סטאָפּען געוויסע טעג, צו ארבייטען געוויסע שטונדען, א. אַז. וו.

ארום און ארום האָבען די אַלע עלעמענטען צוזאמענגעשטעלט אַ שעהנע פּאָר טויזענט מענשען, וועלכע זיינען פון אָנפאַנג אָן געווען געגנעריש געשטימט צו דער יוניאָן און האָבען כסדר געזוכט צו פארשפּרייטען אונצופרידענהייט מיט דער יוניאָן צווישען די איבעריגע ארבייטער.

נאָכ'ן סטרייק האָבען זיך ענטוויקעלט פילע נייע פּראָבלעמען אין קלאוקס־טרייד. דער „פּראָטאָקאָל" אָבער האָט די אַלע פּראָבלעמען ניט געקענט פאַרענטפערען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען רייבונגען און רייסע־רייען צווישען דער יוניאָן און דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, און שפּעטער האָט צוליב דעם „פּראָטאָקאָל" אויסגעבראָכען אַ קאַמף אין דער יוניאָן גופא, וואס האָט געפיהרט צו אַ גאַנצער איבערקעהרעניש אין דער אינטערנעשאָנאַל און אין דער ניו יארקער קלאוק־מאַכער יוניאָן, נאָך וועגען דעם שפּעטער.

---

## דער גענעראַל־סטרייק פון די קלאוק־מאַכער אין קליוולאַנד, אין יאָהר 1911.*)

די גינסטיגע ארבייטס־באַדינגונגען אין קלאוקס־טרייד און אין אַלע אַנדערע פאַכען פון פרויען־קליידער, וועלכע האָבען אין די יאהרען 1910־

*) די פאַקטען וועגען קליוולאַנדער קלאוק־מאַכער סטרייק פון 1911 האָב איך גענומען פון דר. לואיס לעווין'ס „געשיכטע פון דער פרויען קליידער ארבייטער יוניאָן", וועלכע איז ערשינען אין יאָהר 1924.

1911 עקזיסטירט אין ניו יארק, האָבען געשאַפען א מעגליכקייט צו קע־נען אָרגאַניזירען דעם טרייד אויך אין א סך אַנדערע שטעדט פון לאַנד.

אין אַפּריל, 1911, האָט אב. ראָזענבערג, דער פּרעזידענט פון דער „אינטערנעשאָנאל", באריכטעט, אז פון יולי, 1910 אָן, האָט די אינטער־נעשאָנאל געגרינדעט 40 נייע לאָקאלס פון פרויען־קליידער ארבייטער און אז אלע לאָקאלס פון דער אינטערנעשאָנאל געפינען זיך אין א גלענצענ־דען צושטאנד. די פיהרער פון דער אינטערנעשאָנאל האָבען דאן באַ־קומען די אַמביציע צו אָרגאַניזירען אין אלע גרויסע צענטערס פון קלאוקס פאַך אזעלכע יוניאָנס, ווי די, וואס איז געשאַפען געווארען אין ניו יארק. נאָך מעהר, אין דעם אָפּמאַך, וואס די אינטערנעשאָנאל האָט אין יאָהר 1910 געשלאָסען מיט די קלאוקס פאַבריקאַנטען ביים סעטעלמענט פון גרויסען סטרייק, האָט זיך די יוניאָן מאָראַליש פאַרפּליכטעט צו טרייען איינפיהרען אין אַנדערע קלאוקס און וויסטס צענטערס די זעלבע אר־בייטס־באַדינגונגען, וואס וועלען עקזיסטירען אין ניו יארק

די אינטערנעשאָנאל האָט דעריבער באַשטימט, אז אין זומער פון יאָהר 1911 זאָל גערופען ווערען א גענעראל סטרייק פון אלע קלאוקמאַ־כער אין קליוולאַנד. קליוולאַנד איז דאן געווען דער פערטער גרויסער צענטער פון דער פרויען קליידער־אינדוסטריע. אָבער וואס אַנבאַלאַנגט דער פּראָדוקציע פון קלאוקס איז קליוולאַנד געווען דער נעקסטער גרויסער צענ־טער נאָך ניו יארק. קליוולאַנד איז געווען א נאַציאָנאַלער מאַרקעט פון קלאוקס, פילע „בייערס" פון דער סאוט און פון דער וועסט פלעגען קומען אהין קויפען קלאוקס.

אין קליוולאַנד זיינען דאן געווען ביי א פינף־זעקס טויזענד קלאוקס ארבייטער, וועלכע האָבען געארבייט פאַר 33 קלאוקס פירמעס. דערפאַר זיינען צווישען דער קליינער צאָל קלאוק פאַבריקאַנטען אין קליוולאַנד געווען אזעלכע שעפער, וועלכע האָבען באַשעפטיגט צו 500 ביז א טויזענד ארבייטער אין איין שאָפּ. אין קליוולאַנד זיינען אויך געווען אידישע און באָהעמישע קלאוקס קאָנטראַקטאָרס. אָבער די גרעסטע צאָל ארבייטער האָבען דאן געארבייט אין די „אינסייד" קלאוקס־שעפּער.

די ארבייטס־באַדינגונגען פון די קלאוקס ארבייטער אין קליוולאַנד אין יאהר 1911 זיינען געווען ניט קיין גוטע. מען האָט געארבייט לאַנגע שטונדען און פאַרדינט ווייניג.

די קאַטערס, פּרעסערס און פינישערס האָבען פאַרדינט פון 10 ביז 18 דאָלער א וואָך העכסטענס. די קלאוקס־שניידערס, וועלכע האָבען גע־ארבייט פון שטיק, פלעגען אין ביזי־סיזאָן פאַרדינען פון 22 ביז 28 דאָלער

א וואָך, אָבער די דורכשניטליכע שכירות פון א קלאוק שניידער דורכ'ן יאָהר זיינען געווען ניט מעהר ווי פון 8 ביז 15 דאָלאר א וואָך. די פרויען־ארבייטערינען, וועלכע האָבען אויסגעמאכט א דריטעל פון טרייד, פלעגען פארדינען פון 3 ביז 15 דאָלער א וואָך.

די אויסזיכטען פאר אן ערפאלג פון א גענעראל סטרייק אין קליוור־לאנד זיינען געווען גוטע. ווען די קליוולענדער קלאוק־פאבריקאנטען, דער האלבער טוצען מיליאָנערען צווישען זיי, האָבען דערהערט א גענעראל סטרייק, האָבען זיי זיך אָרגאניזירט אין א שטארקער „אסאָסיאיישאָן פון די קליוולאנדער קלאוקס פאבריקאנטען".

אין אפריל, 1911, האָט די גענעראל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אינטערנעשאָנאל אָפּגעהאלטען איהרע זיצונגען אין קליוולאנד, וואו די פאָ־דערונגען צו די קלאוקס־פאבריקאנטען זיינען צוזאמען מיט די בעאמטע פון די קליוולאנדער קלאוק־מאכער לאָקאלס אויסגעארבייט געווארען: 50 שטונדען א וואָך ארבייט, די אָפּשאפונג פון דער מאָדע, אז די אר־בייטער זאָלען צאָלען די באלעבאטים פאר די ניי־מאשינען, פאר אויל און אנדערע סופּלייס, די אָפּשאפונג פון די „אינסייד" קאָנטראקטאָרס אין די גרויסע קלאוק פאבריקען; א העכערונג פון שכירות, שבת זאָל געארבייט ווערען בלויז א האלבען טאָג, די ארבייטער זאָלען האָבען פריי געזעצליכע יום טובים און די ערוועהלונג פון געמיינשאפטליכע פרייז־קאָמיטעס אויף צו באשטימען די פרייזען פאר שטיק־ארבייט.

דעם 3טען יוני, 1911, האָט די אינטערנעשאָנאל צושיקט די דאָזיגע פאָדערונגען צו אלע פאבריקאנטען פון קליוולאנד. אויפ'ן צווייטען טאָג איז אין קליוולאנדער גרעי'ס ארמאָרי פאָרגעקומען א מאסענפארזאמלונג פון פינף טויזענד קלאוק מאכער, און מיטוואָך, דעם 6־טען יוני, 1911, זיינען אלע קלאוק־און ווייסטען מאכער ארונטער אין א גענעראל סטרייק פאר דיזע פאָדערונגען.

די ערשטע צעהן טעג פון סטרייק זיינען אלע קלאוק שעפּער געווען געשלאָסען און דער גרויסער קליוולאנדער עולם האָט סימפּאטיזירט מיט די סטרייקערס. די מערהייט פון די סטרייקערס זיינען געווען אידישע ארבייטער.

די ניו יארקער יוניאָנס פון דער אינטערנעשאָנאל האָבען גלייך גע־שיקט גרויסע סומען געלד־שטיצע קיין קליוולאנד און שוין אויף דער צווייטער וואָך פון סטרייק האָט מען געצאָלט סטרייק־בענעפיט פון 6 ביז 7 דאָלער א וואָך צו פארהייראטע מענער און פון 3 ביז 4 דאָלער א וואָך צו אונפארהייראטע מענער און פרויען

די אָהייאָ סטייט באָארד אָוו ארביטריישאָן האָט געזוכט צו באַוועגען די קלאָוק־פאַבריקאַנטען צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט דער יוניאָן, אָבער די רייכע באַלעבאַטים האָבען זיך ניט געריהרט פון אָרט. זיי האָבען געשריען, אַז דעם סטרייק האָבען אויף זיי ארויפגעוואָרפען די אינטערנע־שאָנאַל צוזאַמען מיט די ניו יאָרקער קלאָוק־פאַבריקאַנטען.

די קלאָוק־קאָנטראַקטאָרס, ביי אַ זעכציג אין צאָל, האָבען אין אָנפאַנג געסטרייקט מיט די ארבייטער, אָבער מיט 2 וואָכען שפּעטער האָבען זיי אָפּגעהאַלטען אַ פאַרזאַמלונג און באַשלאָסען, אַז יעדער קלאָוק־קאָנטראַק־טאָר קען טאָן וואָס ער וויל. אַלס רעזולטאַט פון דעם האָבען די קאָנ־טראַקטאָרס אויפגעעפענט זייערע שעפּער. פון ניו יאָרק האָט מען גע־בראַכט אַ היבשע צאָל סטרייק־ברעכערס, קלאָוק־מאַכער, וועלכע האָבען שוין יאָהרען לאַנג ניט געאַרבייט ביים טרייד, נאָר מען האָט זיי גע־צאָלט אַזעלכע שכירות, אַז זיי זיינען געקומען אין קליוולאַנד רייך ווערען אויפ'ן רעכענונג פון די 5,000 סטרייקענדע קלאָוקס־ארבייטער פון קליוו־לאַנד.

די גרעסטע סענסאַציע איז געקומען ווען מען האָט אין דער פּיקעט קאָמיטע פון דער יוניאָן ענדעקט אַ שפּיאָן, וועלכער האָט געהעצט די סטרייקערס צו באַגעהן געוואַלדטאַטען. די אַלע זאַכען האָבען דעם סטרייק פון די קליוולאַנדער קלאָוק־מאַכער אָפּגעשוואַכט.

דער סטרייק האָט געדויערט 20 וואָכען. ער האָט אָפּגעקאָסט דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן אַ דריי הונדערט טוי־זענד דאָלער. די קליוולענדער קלאָוקס פאַבריקאַנטען האָבען אויסגעגעבען איבער אַ מיליאָן דאָלער אום צו ברעכען דעם סטרייק.

דעם 14־טען און 15־טען אָקטאָבער, 1911, האָט די אינטערנעשאָ־נאַל אָפּגעהאַלטען אין ניו יאָרק אַ ספּעשעל קאָנווענשאָן, וואו עס איז באַשלאָסען געוואָרען אויפצוגעבען דעם סטרייק אין קליוולאַנד. די קליוולענדער באַלעבאַטים האָבען געוואונען געגען די ארבייטער. זיבען יאָהר לאַנג האָט פון דאַן אָן געדויערט ביז די אינטערנעשאָנאַל האָט געקענט נאָך אַ מאָל אָרגאַניזירען די קליוולענדער קלאָוק מאַכער.

אין שיקאַגאָ האָט אין 1911 עקזיסטירט אַ שוואַכע קלאָוק מאַכער יוניאָן. דערצו נאָך האָבען די דאָרטיגע קלאָוק ארבייטער יענעם יאָהר פאַרלוירען אַ סטרייק געגען דער גרעסטער שיקאַגאָ'ער קלאָוק־פירמע, „פאַלמער און קאָמפּאַני", וועלכע האָט געדויערט 6 מאָנאַטען און פון וועלכען 600 קלאָוק־מאַכער האָבען זעהר פיל געליטען.

## דער „טרייענגעל"־פייער.

דעם 25־טען מערץ, 1911, האָט געטראָפען דער גרויסער אומגליק אין דער טרייענגעל שוירט־וויסט פאַבריק אין ניו יאָרק.

אין א שבת פאַרנאַכט, ווען אַלע ארבייטער פון דער „טרייענגעל" האָבען שוין באַלד געדאַרפט אהיים געהן פון דער אַרבייט, האָט פּלוצ־לונג דאָרטען אויסגעבראָכען אַ פייער און 147 יונגע ארבייטער קינדער, מייסטענס מיידלאַך, זיינען פאַרברענט געוואָרען אויף טויט.

זיי זיינען אומגעקומען ווי אין אַ פייער פּאַסטקע. זיי האָבען גע־זוכט צו ראַטעווען זייערע לעבענס, זיי האָבען אָבער ניט געקענט אַרויס־ראַטעווען זיך פון פייער, ווייל אַלע טירען און טויערען זיינען דאָרטען געווען פאַר זיי פאַרשפּאַרט.

פילע פון די קרבנות זיינען פון די פענסטער פון׳ם 9־טען פלאָר געשפרונגען צום טוידט, פילע פון זיי זיינען אינעווייניג פון רויך דער־שטיקט געוואָרען און אויף קויל פאַרברענט געוואָרען.

אויסער די 147 קרבנות, זיינען צעהנדליגער ארבייטער מיידלאַך און יונגע לייט צוברענט און פאַרוואונדעט געוואָרען אין יענעם אומגליק. פון די לעבען־פאַרבליבענע קרבנות זיינען אַ גרויסע צאָהל פאַרבליבען קאַ־ליקעס און קראַנקע אויף זייער גאַנצען לעבען.

נאָך דעם גרויסען „טרייענגעל" אומגליק, איז געוואָרען א געשריי, אז מען מוז זעהן, אז אַזעלכע אומגליקען זאָלען זיך ניט ווידערהאָלען. די לעדזשיסלייטשור פון ניו יארק סטייט האָט דאַן ערוועהלט א ספּע־ציעלע קאָמיסיע צו אונטערזוכען די סאַניטארע באַדינגונגען ווי אויך די זיכערהייט פון די ארבייטער־לעבענס אין די שעפּער, אין צייט פון א פייער.

דיזע קאָמיסיע האָט אַלעס גרינדליך אויסגעפאָרשט, זי האָט גערופען פילע עדות, צווישען וועלכע עס איז געווען דער דאַמאָלדיגער הויפּט פון די פייערלייט. ער האָט אויפ׳ן עדות־שטול ערקלעהרט, אז אַזעלכע אומגליקען ווי דער „טרייענגעל" חורבן קענען טרעפען כמעט אין יעדער פאַבריק, וואו עס זאָל נאָר אויסברעכען אַ פייער.

אין די מערסטע פאַבריקען זיינען ניט געווען קיין פייער־רעטונגס־טרעפּ, און וואו זיי זיינען יאָ פאַראַן טויגען זיי אויף כפרות. עס זיינען ניטאָ געהעריגע ארויסגאַנגען פון די שעפּער, — האָט דער עדות ערקלעהרט. פילע ארויסגאַנגען זיינען פאַרשפּאַרט און פאַרשטעלט. די טרעפּ אין פילע פעקטאָרים זיינען הילצערנע, געדרעהטע און שמאָלע. די שעפּער

זײנען אָנגעפּאַקט מיט אַרטיקלען, וואָס כאַפּען זיך שנעל אָן פון אַ פײער, ווי אויל, הילצערנע קאַסטענס, קײשלאַך און בערג מיט שמאַטעס פון די געשניטענע וואַרעס. די אַרבײטער אַלײן וואָס געפינען זיך אין די שעפּער, הױבען ניט אָן צו װיסען וואו עס געפינען זיך די אַרויסגאַנגען און צוליב דעם מוז בײ אַ פײער ווערען אַ פּאַניקע, וועלכע קען ברענגען נאָך אַזעלכע אומגליקען.

דער עדות האָט ווײטער ערקלעהרט, אַז אין ניו יאָרק סטײט זײנען גאָר ניטאָ אַזעלכע געזעצען, וואָס זאָלען צווינגען די פאַבריקאַנטען און אויך די אײגענטימער פון די פאַבריק־געבײדעס אַז זײ זאָלען באַזאָרגען די פאַבריקען מיט אַזעלכע מיטלען וואָס זאָלען פאַרהיטען אַזעלכע שוידערליכע אומגליקען.

נאָך צװײ יאָהר אונטערזוכונגען איז אויף דער רעקאָמענדאַציע פון יענער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע אָנגענומען געוואָרען אַ געזעץ, וואָס פאַרהיט אין אַ געװיסער מאָס, אַז אַזוינע אומגליקען זאָלען זיך ניט קאָנען ווידערהאָלען. דיזער געזעץ באַפעהלט אונטער אַנדערעס: „אַז אין יעדער פאַבריק־געבײדע, וועלכע פאַרנעמט העכער ווי צוױי שטאָק, און וואו עס ווערען באַשעפטיגט מעהר ווי 25 אַרבײטער, זאָל אײנגעפיהרט ווערען אַ פײער־דריל (מושטיראָװקע) אַם ווײניגסטענס אײן מאָל אַ מאָנאַט, וואו די אַרבײטער פון יעדען שאַפּ זאָלען אויסגעלערענט ווערען ווי אַזױ זיך אויפצופיהרען אין פאַל פון אַ פײער און ווי אַזױ צו פאַרלאָזען זײער שאַפּ אָהן אײלעניש און אין פאָלקאָמענער זיכערהײט".

דיזער אַרבײטער געזעץ איז אַרײנגעטראַטען אין קראַפט דעם 1־טען אָקטאָבער, 1913.

דער געזעץ האָט אויך עטאַבלירט אַן עקסטראַ ביוראָ פון פײער דעפּאַרטמענט, וועלכע רופט זיך „די פײער פּרעווענשאָן ביוראָ". דיזע אינסטיטוציע איז באַשאַפען געוואָרען אום אויפצופּאַסען אַז דער נײער געזעץ צו פאַרהיטען די לעבענס פון שאַפּ אַרבײטער אין פאַל פון אַ פײער, זאָל פּינקטליך אָפּגעהיט ווערען; אַז אין אַלע פאַבריק־געבײדעס זאָלען זײן געװנוג אָפענע טירען, טרעפּ און ריכטיגע פײער־עסקײפּס, דורך וועלכע די אַרבײטער זאָלען קענען שנעל אַרויס אין צײט פון אַ פײער.

אַלע ניו יאָרקער יוניאָנס האָבען דאַן אויפגענומען דעם קאַמף פאַר נײע אַרבײטער־געזעצען אין סטײט.

אין יאָהר 1913 זײנען אָנגענומען געוואָרען נײע וויכטיגע אַרבײטער־געזעצען. צווישען זײ אַ געזעץ, וואָס גיט אַ שווערע שטראָף יעדען אײנעם, וואָס וועט ניט אויספאָלגען די אַרבײטער־געזעצען. אויך אַ געזעץ

ווענען אַן אויספאָרשונג פון די לעבענס־באַדינגונגען פון די ארבייטער, און וואס פאר אַ געהאַלט די אַרבייטער זאָלען קריגען, כדי זיי זאָלען קע־נען פיהרען אַ געזונטערען, בעסערען לעבען. אַ וויכטיגער געזעץ איז אויך אָנגענומען געוואָרען, אז די ארבייטער זאלען ניט דאַרפען קויפען אָדער אָפּצאָהלען פאַר די מאַשינען, וועלכע זיי באַנוצען אין שאפּ. ביז דאַן פלעגט מען אַלץ קענען זעהן אידישע ארבייטער געבויגען אין דרייען טראָגען אויף זייערע אקסלען אַ ניי־מאַשין אדער אן אנדער מאַשין, וואס איז נויטיג געווען פאר זייער ארבייט. עס זיינען אָנגענומען געוואָרען גע־זעצען, וואס צווינגען די פאַבריקאַנטען צו האָבען גרויסע, ליכטיגע פאַב־ריקען און ארבייטס־צימערען, ווי אויך, אז די ווענט, דער פּלאָר און די טואַלעט צימערען זאָלען יעדען טאָג געוואַשען און גערייניגט ווערען; אַ געזעץ, וואס איז געווען געצילט צו מאַכען אַ סוף איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו די קליינטשיקע שאַפּקעס אין די טענעמענט הייזער.

עס איז אויך אָנגענומען געוואָרען אַ געזעץ אז צוויי מאָל אַ טאָג זאָלען צוגענומען ווערען די סחורה־אָפּפאַל פון פּלאָר, כדי עס זאָל ניט מעגליך זיין קיין פייערען און קיין שטויב; אויך אַ געזעץ, אז איידער אַ יונגער ארבייטער ווערט צוגעלאָזען צו דער ארבייט, מוז ער פריהער פאַר־זיכטיג אונטערזוכט ווערען פון אַ דאָקטאָר. אויך אַ געזעץ, אז עס זאָלען זיין באַזונדערע עס־צימערען פאר ארבייטער, וואו זיי זאלען קענען עסען און עס זאָל זיך געפינען הייסע און קאַלטע וואַסער אין די שעפּער.

דער דזשוינט באָארד פון סאַניטאַרי קאָנטראָל אין דער קלאוק, סקוירט און אין דער דרעס און וויסט אינדוסטריע, וועלכער איז אָרגאַניזירט גע־וואָרען פון דער יוניאָן און פון די קלאוק־פאַבריקאַנטען, לויט די באַשטי־מונגען פון „פּראָטאָקאָל״, האָט אויפגעפּאַסט, אז אַלע שעפּער זאָלען גע־האַלטען ווערען סאַניטאַריש און זיכער געגען אַ פייער.

די גרעסטע צאָל פון די 147 קרבנות פון דעם „טרייענגעל״ פייער זיינען באַערדיגט געוואָרען אויפ׳ן פעלד פון ארבייטער רינג, אויף דער „מאַונט־זייאָן״ סעמעטערי. איין גרויסע מצבה, וואס פאַרנעמט אַ 40 פוס, איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אויפ׳ן קבר פון יענע ארבייטער־קרבנות. אויפ׳ן ווייסען שטיין זיינען אויסגעקריצט די נעמען פון די אַלע נשרפים.

אין אַ מאָנאַט ארום נאָך דעם „טרייענגעל״ פייער האָבען אַ רייהע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס געזאַמעלט אַ פאָנד צו שטיצען די פאַרבלי־

בענע קראנקע און פארקריפעלטע פון יענעם אומגליק, ווי אויך די פאר־בליבענע נאָהענטסטע קרובים פון די אומגעקומענע, וועלכע האָבען זיך גע־נויטיגט אין פינאנציעלער שטיצע.

---

## דער „פּראָטאָקאָל“ אין דער ניו יאָרקער ליידיס וויסט און דרעס מאַכער יוניאָן פון יאָהר 1913.

ענדע פון יאהר 1912 האָט די ליידיס וויסט און דרעס מאכער יוניאן פון ניו יארק, לאָקאל 25, זיך געגרייט צו א נייעם גענעראל־סטרייק, אום צו קריגען בעסערע ארבייטס־באדינגונגען. צו יענער צייט איז שוין אין טרייד געווען א גרויסע צאָל דרעס־מאכערס, ווייל די מאָדע האָט מיטגע־בראכט, אז פרויען זאלען טראָגען גאנצע דרעסעס, אנשטאָט א וויסט מיט א סקוירט באזונדער.

די גרעסטע 50 דרעס און וויסט פאבריקאנטען פון ניו יארק האָבען זיך דעמאָלט אָרגאניזירט אין אן „אסאָסיאיישאָן“. זיי האָבען באשעפ־טיגט ביי א צעהן טויזענד דרעס און וויסט ארבייטער און ארבייטערינען. אין גאנצען דרעס און וויסט טרייד זיינען דאן געווען באשעפטיגט ביי א 40,000 ארבייטער. די יוניאן האָט אויך קאָנטראָלירט א סך שעפער פון די אינדעפענדענט באלעבאטים.

דעם 11טען יאנואר, 1913, האָבען די פאָרשטעהער פון דער דרעס און וויסט מאכערס יוניאן, לאָקאל 25, געהאט א קאָנפערענץ מיט דער אסאָסיאיישאָן פון די דרעס און וויסט פאבריקאנטען, וואו ביידע צדדים האָבען זיך געאייניגט אויף א סעטעלמענט. די ארבייטער האָבען בא־קומען בעסערע פרייזען און אנדערע פארבעסערונגען אין די שעפער און עס איז געשלאָסען געווארען אזא מין „פּראָטאָקאָל“, עהנליך צו דעם קלאוק־מאכער „פּראָטאָקאָל“. אָבער א סטרייק איז גערופען געווארען פון אלע דרעס און וויסט מאכער אין גאנצען פאך, כדי מען זאָל קענען ארונטערנעמען אלע ארבייטער אויך פון די „אינדעפענדענט“ שעפער. דעם 15־טען יאנואר, 1913, האָט די יוניאן ארויסגעשיקט צו אלע דרעס און וויסט ארבייטער א רויטען צירקולאר, אונטערגעשריבען פון ב. ווי־טאשקין, א. באראָף און ע. ראָזענבערג, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען די הויפט־בעאמטע פון דער יוניאן, מיט א רוף פאר א גענעראל סטרייק. די ריזיגע מאיאריטעט ארבייטער פון טרייד האָט געפאָלגט דעם רוף פון דער יוניאן און איז ארונטער אין סטרייק.

מיט דריי טעג שפּעטער האָבען זיך די סטרייקערס פון די „אַסאָ־סיאיישאָן" שעפּער, לויט אַ פריהערדיגען אָפּמאַך, זיגרייך אומגעקעהרט צו דער ארבייט. עס האָט גענומען צוויי וואכען צייט ביז די דרעס מאכער יוניאָן האָט אָפּגעסעטעלט מיט אַלע אינדעפּענדענט דרעס און וויימסט־פּאַבריקאַנטען און די יוניאָן האָט געהאַט דאַן אַ פולען זיג.

---

## די גענעראַל סטרייקס פון די ראַפּערס, קימאָנאָ און הויז־דרעס אַרבייטער און די ווהייט גודס אַרבייטער אין יאָהר 1913.

דעם 8טען יאַנואר, 1913, האָט די אינטערנעשאָנאַל ערקלערט אַ סטרייק פון ראַפּערס, קימאָנא און הויז דרעס ארבייטער, וועלכע זיינען באַשטאַנען מערסטענס פון יונגע מיידלאַך.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט אויסגעבראָכען אַ סטרייק פון עטליכע טויזענד „ווהייט גודס" ארבייטער, כמעט אַלע פרויען, וואס האָבען גע־ארבייט אין די שעפּער ביי די וויסע פרויען אונטערוועש.

אַלס ווייט־גודס אַרבייטער ווערען פאררעכענט די אַלע, וועלכע זיי־נען באַשעפטיגט ביים מאַכען פרויען־אונטערוועש, אונטערקליידער און קאָרסעט־קאָווערס. ווייט־גודס האָט מען עס גערופען דערפאַר, וואס די סאָרטען קליידער פלעגען געמאַכט ווערען מערסטענס פון ווייסע קאַטענע סחורה.

אין יאָהר 1912 איז די צאָל אַרבייטער אין די פאַבריקען פון דעם פאַך געווען ביי אַ פערצען טויזענד. אַ חוץ דעם האָבען פילע ארבייטער נאָך געארבייט אין קאָנטראַקטינג שעפּער.

די ארבייטער פון די אינסייד־פּאַבריקען זיינען באַשטאַנען מערס־טענס פון אמעריקאנער אדער אַמעריקאַניזירטע פרויען. זייערע ארבייטס־באַדינגונגען און פאַרדינסטען זיינען געווען פאַרהעלטניסמעסיג בעסערע ווי אין די קאָנטראַקטינג שעפּער, וואו עס האָבען געארבייט מערסטנעס ניט־לאַנג־אריבערגעקומענע איטאַליענישע, אידישע, סירישע און סלאַווישע פרויען און יונגע קינדער צווישען 14 און 16 יאָהר אַלט.

די ארבייטס־באַדינגונגען אין די קליינע קאָנטראַקטינג־שעפּער זיי־נען געווען אמת שוידערליכע. די שעפּער האָבען זיך געפונען אין אַלטע, אָפּגעלאָזענע, שמוציגע געביידעס. קיין פעסט־באַשטימטע ארבייטס־שטונ־דען זיינען ניט געווען. די שכירות זיינען געווען קלעגליכע. אָן אָנפאַנגער פלעגט ארבייטען פאַר צוויי־דריי דאָלער אַ וואָך. און אַזוי ווי קיין גרוי־

סע ערפאַהרונג אָדער קענטנים האָט זיך צו דעם סאָרט ארבייט ניט געפאָ־דערט, האָבען די באַלעבאַטים געקענט גאַנץ גוט אויסקומען מיט לערנערס. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די שכירות פון די ערפאַהרענע אַרבייטער אין טרייד זאָלען אויך זיין זעהר נידעריגע.

קיין גרויסע גליקען האָבען די וויט־גודס אַרבייטער פון די אינסייד־שעפּער אויך ניט געהאַט. אמת, אין פאַרגלייך מיט די קלעגליכע אַר־בייטס־באַדינגונגען, וואָס האָבען געהערשט אין די קאָנטראַקטינג שעפּער, איז זייער לאַגע געווען פיל בעסער. קיין יוניאָן איז אין טרייד ניט גע־ווען. די באַלעבאַטים האָבען געטאָן וואָס זיי האָבען געוואָלט. די אַר־בייטס־וואָך איז געווען פון 58 ביז 60 שטונדען, און די שכירות זיינען געווען קליין.

אין 1909 איז אָרגאַניזירט געוואָרען די וויט־גודס וואַירקערס יוניאָן לאָקאַל 62 פון דער „אינטערנעשאָנאַל״.

אַרום דריי און אַ האַלב יאָהר האָט זיך די יוניאָן אָפּגעגעבען מיט׳ן אָרגאַניזירען די אַרבייטער פון טרייד, מיט באַפעסטיגען זיך און צוגריי־טען זיך צו אַ קאַמף מיט די באַלעבאַטים. אין אָנפאַנג פון יאָהר 1913 איז אַרויסגערופען געוואָרען דער ערשטער אַלגעמיינער סטרייק אין טרייד.

דער קאַמף פון די ווהייט־גודס אַרבייטער איז געווען איינער פון די וואונדערבאַרסטע סטרייקס, וואָס אַרבייטער האָבען ווען־עס־איז דורכגע־מאַכט. די אונערפאַהרענע, אויסגעמאַטערטע פרויען און יונגע קינדער פון די ווהייט־גודס שעפּער האָבען אַרויסגעוויזען אַזאַ מוט, אַזאַ וואונדער־באַרע אויסגעהאַלטענקייט און באַוואוסטזיין, אַז זיי האָבען צו זיך אַרויס־גערופען דעם גרעסטען רעספּעקט און סימפּאַטיע, ניט נאָר אין די אַרביי־טער־קרייזען, נאָר אויך ביים אַלגעמיינעם פּובליקום. די באַלעבאַטים זיי־נען געווען שרעקליך איינגעשפּאַרט. זיי האָבען בשום אופן ניט געוואָלט אנערקענען די יוניאָן.

דער ווהייט־גודס אַרבייטער סטרייק איז אָנגעגאַנגען אין דערזעלבער צייט, ווען עס האָבען געסטרייקט די הונדערט טויזענד שניידער־אַרבייטער פון מענער קליידער און די פילע טויזענדער דרעסמאַכער. דאָך האָבען די אידישע טרייד־יוניאָנס פיל געשטיצט די סטרייקענדע פרויען פון דעם ווהייט־גודס פאַך.

עס האָבען זיך געפאָדערט אַ סך טוער צו העלפען דיזע סטרייקערס

אָנפאַנגען דעם קאמף און אַ סך מעמבערס פון אַלע אינטערנעשאָנאַל לאָ־קאַלס, מייסטענס פרויען, זיינען טאקע געוואָרען זייער טעטיג אין דיזע סטרייקס, צווישען זיי זיינען געווען: פּאַניאַ מ. קאָהן (שפּעטער אַ וויים־פּרעזידענטין און אויך עדיוקיישאָנאַל דירעקטאָר פון דער אינ־טערנעשאָנאַל); גאָסי פּאָזנער, ב. ספּאַניער, פּאולין גילמאַן, פּאולין ניו־מאַן, פּאולין בערמאַן פון לאָקאַל 41, לינא גאַסאוו, פלאָרענס צוקערמאַן, מאָלי ליפשיץ, מערי גאָף, פון לאָקאַל 62, שרה שאַפּירא, פון לאָקאַל 25, און אַנדערע.

די פיהרער פון דעם ווהייט־גודס אַרבייטער סטרייק זיינען געווען דער מענעדזשער פון לאָקאַל 62, ס. שאָר, וועלכער האָט אַ היבשע צייט אַנטייל גענומען אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג, ראָוז שניי־דערמאַן, אַ קאַפּען־פינישערין ביים טרייד, די איצטיגע פּרעזידענטין פון דער „וואומענס טרייד יוניאַן ליג" (אַן אָרגאַניזאַציע צו העלפען אָר־גאַניזירען פרויען־אַרבייטערינען, וועלכע האָט אין יאָהר 1909 געטאָן זעהר פיל צו העלפען געווינען דעם ערשטען גרויסען ליידיס ווייסט מאַ־כער סטרייק), און די דריי אָרגאַנייזערס פון דער אינטערנעשאָנאַל — שאול עלשטיין, אַ טעטיגער טרייד־יוניאָניסט און סאָציאַליסט נאָך פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג אין ענגלאַנד; אַב. מי־טשעל, וועלכער איז דאַן געווען אַ וויים־פּרעזידענט פון דער אינטער־נעשאָנאַל, און גוירטרוד בארנום, אַ סעטעלמענט אַרבייטער.

מיט דיזע סטרייקס פון פרויען־אַרבייטערינען האָבען זיך אינטערע־סירט פילע פּראָמינענטע מענשען פון דער העכערער געזעלשאַפט. אַזוי איז דעם 22טען יאַנואַר, 1913, געקומען באַזוכען אַ פּאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פון די סטרייקענדע קימאָנא און ראַפּער מאַכער עקס־פּרעזידענט טעאָ־דאָר רוזוועלט. ער האָט געהאַלטען אַ רעדע פאַר די אידישע מיידלאַך, די אימיגראַנטקעס פון רוסלאַנד, און פאַר די אידיש־ספרדישע מיידלאַך פון סאַלאָניקע און פּאַלעסטינאַ, וועלכע האָבען שוין דאַן געאַר־בייט ביי דיזען פאַך.

וויקטאָר בערגער, דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן, האָט דאַן פאַר־געלייגט אַ ביל אין קאָנגרעס, אַז אַן אונטערזוכונג זאָל געמאַכט ווערען אין דער גאַנצער קליידער אינדוסטריע פון לאַנד, און דער פאַרשטאָרבע־נער סענאַטאָר לאַפאָלעט האָט פאַרשפּראָכען אַזאַ ביל אריינצוברענגען אין סענאַט.

דער דאַמאָלסדיגער ניו יאָרקער סיטי־מעיאָר גיינאָר איז אויך געקומען אויף אַ באַזוך צו די סטרייקענדע מיידלאַך פון די ראַפּער און

קימאָנאָ שעפּער. ער האָט דאַן פאַרבאָטען די באַלעבאַטים צו באַשעפ־טיגען פּריוואַטע „שטאַרקע", „גאַרדס", וועלכע פּלעגען שלאָגען די סטריי־קענדע מיידלאַך אויף דער פּיקעט־ליין.

די סאָציאַליסטישע פרויען פון ניו יאָרק, ספּעציעל פון דער איסט־סייד, האָבן געעפנט פּרייז קיכען און געגעבן פרייע מאָלצייטען צו אַלע סטרייקענדע אַרבייטער פרויען און מיידלאַך. קאַלעדזש מיידלאַך האָ־בען געהאָלפן פּיקעטען די סטרייק שעפּער.

די ביידע סטרייקס, פון די ווהייט־גודס וואַירקערס" און „ראַפּער און קימאָנאָ מאַכער", זיינען דאַן געסעטעלט געוואָרען מיט אַ געווינס פאַר די אַרבייטער מיידלאַך. דער קאָנטראַקט איז אויך געווען אַ מין „פּראָטאָקאָל". ביז דעם סטרייק פון די „ווהייט־גודס וואַירקערס" און פון די „קימאָנאַ מאַכערס" פלעגען די מיידלאַך אָנפאַנגען מיט שכירות פון דריי דאָלער אַ וואָך. לויט דעם „פּראָטאָקאָל" זיינען די קלענסטע שכירות פון אַ מיידעל, וואָס פּלעגט צום ערשטען מאָל אַריינקומען אין שאָפּ צו דער אַרבייט באַשטימט געוואָרען אַלס זעקס דאָלער אַ וואָך, אַנשטאָט דריי דאָלער. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די 50־שטונדיגע אַרבייטס־וואָך. עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ פּונקט, אַז קינדער פאַר 16 יאָר טאָרען ניט אַריינגענומען ווערען אין שאָפּ צו דער אַרבייט. לעגאַלע יום־טובים פּריי פון דער אַרבייט מיט באַצאָלט און שבת אַ האַלבען טאָג פּריי.

אין זעלבען יאָהר האָט די אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואַיר־קערס יוניאָן געשלאָסען אין ניו יאָרק אַזאַ „פּראָטאָקאָל" אויך מיט די פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען באַשעפטיגט 3,500 טשילדרענס דרעס מאַ־כערס און אויך מיט די באָסטאָנער דרעס און ווייסט פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען באַשעפטיגט דריי טויזענד דרעס און ווייסט אַרבייטער און אַרבייטערינען.

אין די ווייטערדיגע פינף־זעקס יאָהר, ביז אַרום 1919, האָט זיך דער ווייט־גודס טרייד און אויך די יוניאָן נאָרמאַל ענטוויקעלט. די אַרביי־טער האָבען דורך דער צייט לאַנגזאַם פאַרבעסערט זייער לאַגע, און אין 1919 האָבען זיי דורך אַ סטרייק געוואונען די 44 שטונדיגע אַרבייטס־וואָך און האָבען געהעכערט זייערע ווייזשעס. עס זיינען געווען אַלע אורזאַכען צו ערוואַרטען, אַז די ווייט־גודס מאַכער, וועלכע זיינען גע־ווען דער דריטער גרעסטער טרייד אין דער פרויען־קליידער אינדוסטריע, זאָ־לען ביסלעכווייז אַרויפשטייגען צו דער זעלבער שטופע פון מאַכט און דעה

אין טרייד, דורך זייער יוניאָן. לײדער, האָט זיך אַריינגעמישט די ענ־דערונג אין דער מאָדע פון פרויען־קליידונג, וועלכע האָט געמאכט אַן אי־בערקערעניש אין דער גאַנצער אינדוסטריע. די ענדערונג האָט אַם שווערסטען געטראָפען דעם ווייט־גודס טרייד און במילא אויך די אר־בייטער פון דעם טרייד און זייער יוניאָן.

די ענדערונג אין דער מאָדע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די פרויען האָבען אָנגעהויבען צו טראָגען וויינינגער אונטערוועש.

מיט דעם אָנקומען פון דער נייער מאָדע האָט זיך אַלעס געענדערט. עס זיינען ניטאָ מעהר קיין בעלנים אויף ווייט־גודס און דער טרייד איז אין די לעצטע עטליכע יאהר כמעט אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען.

א טייל פון די שעפּער זיינען געווען געצוואונגען זיך צו פאַר־מאַכען. די, וואָס האָבען זיך ניט געקענט צופּאַסען צו די געענדערטע אומשטענדען, זיינען ארויס פון ביזנעס. א גרויסע צאָל שעפּער האָבען זיך אָבער יע צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדען און האָבען אָנגעהוי־בען פּראָדוצירען די נייע ארטיקלען, וועלכע האָבען איצט אַן אָפּגאַנג אין מארקעט. די אומשטענדען אָבער אין דעם נייעם טרייד זיינען גאַנץ אַנדערע, ווי די, וועלכע האָבען געהערשט אינ׳ם ווהייט־גודס טרייד. און אין דעם פּראָצעס פון צופּאַסען זיך, האָט די אינדוסטריע, און צוזאַמען מיט איהר די ארבייטער, שטארק געליטען. מאַסען ארבייטער פרויען זיי־נען געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזען דעם טרייד.

די לאַגע אין ווייט־גודס טרייד היינט־צו־טאָג איז אַזאַ:

ארום 50 פּראָצענט פון די פרויען־אונטערוועש, וואָס ווערט פאַבריציִרט אין אַמעריקא, ווערט געמאכט אין ניו יארק. דאָ אין שטאָדט ווע־רען באַשעפטיגט ארום 7־8 טויזענד ארבייטער, כמעט אויסשליסליך פרויען, מיט דער אויסנאַמע פון די צושניידער, וועלכע זיינען מענער. די יוניאָן קאָנטראָלירט בלויז א קליינעם טייל פון די ארבייטער. דער גרעסטער טייל פון די שעפּער איז, לײדער, ניט אָרגאַניזירט. דער אונטערשיד אין די ארבייטס־באַדינגונגען צווישען די יוניאָן שעפּער און די אָפּען־שעפּער איז זעהר גרויס. אין די יוניאָן־שעפּער ווערט געארבייט בלויז 42 שטונ־דען א וואָך, און די מיידלאַך פאַרדינען ארום 25־30 דאָלאַר א וואָך. אין די אָפּען־שעפּער זיינען די ארבייטס־שטונדען פיל לענגער און די פאַרדינס־טען — קלענער. אין דעם טרייד האָט זיך לעצטענס אריינגעכאַפּט א סירישער און שפּאַנישער עלעמענט, וועלכען עס איז זעהר שווער צו דער־גרייכען און אָרגאַניזירען. דער דאָזיגער עלעמענט גראָבט אין גאַנצען אונטער די יוניאָן־קאָנדיציאָנען אין טרייד.

## די „הורוויטש-אפער" און דער ערשטער ברודער-קריג אין דער קלאוקמאכער יוניאן.

דרייסיג יאהר האט גענומען די קלאוקמאכער, ביז זיי האבען אויפ־געבויט א שטארקע, ממשות'דיגע יוניאן, די יוניאן פון יאהר 1910.

ביז 1910 האט אין דער קלאוק אינדוסטריע געהערשט א הפקר צו־שטאנד וואס אנבאלאנגט די ארבייטס באדינגונגען. די באלעבאטים זיי־נען געווען די איינציגע, וועלכע האבען געהאט א דעה צו באשטימען די ארבייטס־באדינגונגען. צוליב דעם סיזאן כאראקטער פון טרייד און דעם אפטען בייטען זיך פון סטיילס, זיינען די באלעבאטים געווען אימשטאנד ארונטערצודריקען די שכירות פון די ארבייטער צו דער נידעריגסטער שטופע. אונטער דעם דאמאלסדיגען שטיק־ארבייט־סיסטעם האט דער אר־בייטער ניט געהאט קיין באשטימטען איינקונפט אדער רעגולערע אר־בייטס־שטונדען. אין סיזאן האט מען געארבייט אזוי פיל שטונדען ווי עס האט זיך געלאזען. און די שכירות האבען זיך געענדערט לויט דעם קאפריז פון דעם באלעבאס און מיט יעדער נייער מאדע וואס איז גע־מאכט געווארען אין שאפ. די בעלאבאטים האבען צווישען זיך קאנקור־רירט אויפ'ן חשבון פון דעם ארבייטער'ס פארדינסטען.

ווען עס איז אין 1910 אויסגעוואקסען א שטארקע יוניאן פון קלאוק־מאכער, וועלכע האט אפגעשאפט דעם כאאס און הפקר צושטאנד אין טרייד; ווען די יוניאן האט אנגעהויבען קאנטראלירען די שטונדען און פרייזען, וועלכע מען האט געצאהלט די ארבייטער פאר זייער ארבייט און די ארבייטס־געבער זיינען געצוואונגען געווארען דורכ'ן סטרייק און דורך דער עפענטליכער מיינונג צו שליסען אן אפמאך מיט דער יוניאן און זיך אונטערווארפען דעם יוניאן קאנטראל, האבען די באלעבאטים גלייך אנ־געהויבען זוכען „קונצען" ווי אזוי זיך ארויסצודרעהען פון דעם יוניאן קאנטראל און פטור ווערען פון די יוניאן־באדינגונגען. פאר דעם צוועק האבען זיי גענומען ערמוטיגען און ענטוויקלען דעם „באנדעל קאנטראקטינג שאפ", און האבען אנגעהויבען ארויסשיקען די ארבייט פון זייערע גרויסע „אינסייד"־פאבריקען צוריק אין די קליינע סוועט־שעפער.

זייער רעכענונג איז געווען א פראסטער. דעם קליינעם קאנטראק־טאר וועט די יוניאן ניט זיין אימשטאנד אזוי שטרענג צו קאנטראלירען ווי דעם אינסייד שאפ. די ארבייטער פון א קאנטראקטינג־שאפ, וועלכע וועלען זיין אפהענגיג מיט זייערע פארדינסטען אן די מאס ארבייט וואס דער קאנטראקטאר וועט ארויסקריגען פון דעם אינסייד שאפ, וועלען

כסדר קאָנקורירען מיט די ארבייטער פון די אינסייד שעפּער און כדי צו האָבען ארבייט און מאכען א לעבען, וועלען זיי זיין געצוואונגען צו סעטלען אויף פיל נידעריגערע פּרייזען.

דער „קונץ" האָט פאר די פאבריקאַנטען געארבייט ניט שלעכט. די קלאוק מאכער יוניאן האָט אָבער גלייך דערזעהן די געפאהר און האָט געפאָדערט, אז געמיינשאפטליכע פּרייז־קאָמיטעס זאָלען אָרגאַניזירט ווערען, וועלכע זאָלען צונויפגעשטעלט ווערען פון ארבייטער פון דעם אינסייד שאפ און פון די ארבייטער פון אַלע אויטסייד שעפּער, וואס ארבייטען פאר'ן זעלבען פאבריקאַנט. די געמיינשאפטליכע קאָמיטעס זאָלען סעטלען פּרייזען פאר אַלע שעפּער וואו דער בגד ווערט געמאכט. די באַלעבאַטים האָבען גלייך איינגעזעהן, אז זייער „קונץ" וועט ניט ארבייטען, ווייל די יוניאן וועט געווינען די פאָדערונגען פאר געמיינשאפטליכע פּרייז־קאָמיטעס און איינהייטליכע פּרייזען אפילו דורך ארביטריישאָן, און זיי האָבען גענומען ענדערען זייער פּלאַן.

אנשטאָט ארויסצוגעבען ארבייט צו באַנדעל־קאָנטראַקטאָרס, וואו די יוניאן קען גאַנץ לייכט אַנווייזען, אז דער מאנופעקטשורער איז דער אמת'ער אייגענטימער און דאַרף דעריבער זיין פאראַנטוואָרטליך פאר די ארבייטס באדינגונגען אין דעם קאָנטראַקטינג שאפּ, האָבען זיי אָנגעהויבען ארויסגעבען ניט געשניטענע וואַרע אין סאָב־מאַנופעקטשורינג שעפּער. פאקטיש האָט זיך דערמיט קיין זאך ניט געענדערט. דער סאָב־מאַנופעקטשורער איז געווען פּונקט אַזוי אָפּהענגיג פון דעם מאנופעקטשורער, ווי עס איז געווען דער פריערדיגער באַנדעל קאָנטראַקטאָר. דער מאַנופעקטשורער האָט איהם געגעבען די וואַרע און די סטיילס. דער סאָב־מאַנופעקטשורער האָט געארבייט אויף זיינע באשטעלונגען. די קאָנקורענץ צווישען די ארבייטער פון די אויטסייד און אינסייד שעפּער איז אַלזאָ געבליבען די זעלבע. ניט מעהר, וואס איצט איז געווען שווערער פאר דער יוניאָן צו מאכען דעם דזשאבער־מאַנופעקטשורער פאראַנטוואָרטליך פאר די ארבייטס באדינגונגען אין די סאָב־מאַנופעקטשורינג שעפּער. דער דזשאבער־מאַנופעקטשורער האָט גע'טענה'ט, אז ער האָט גאָר ניט צו טאָן מיט'ן אויטסייד שאפּ, אָדער מיט די דאָרטיגע ארבייטס־באדינגונגען. ער איז בלויז א סוחר וואס קויפט פאַרטיגע קליידער. אַזוי איז ענטשטאַנען דער סאָב־מאַנופעקטשורער אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע. עס האָט זיך ענטוויקעלט די אַזוי־גערופענע דזשאבינג־סאָב־מאַנופעקטשורינג סיסטעם, וועלכע איז די הויפּט אורזאַכע פון פילע פון די איבלען פון וועלכע די קלאוק אינדוסטריע ליידעט.

אַ דזשאָבער איז איינער וואָס האָט ניט קיין פּעקטאָרי, נאָר ער לאָזט מאַכען זיינע גארמענטס ביי אַ קאָנטראַקטאָר. ער קויפט שניט־וואַרע און ער גיט עס אַרויס צו אויפנייהען צו אַזעלכע קאָנטראַקטאָרס, וואָס נעמען ביי איהם דעם ביליגסטען פּרייז. די קאָנטראַקטאָרס האָבען ניט קיין קאַפּיטאַל. דאָס איינציגע וואָס זיי פאַרמאָגען איז דאָס ביסעל געלט, וואָס ס'קאָסט איינצואָרדנען אַ שאָפּ, צאָהלען רענט און נעמען מאַשינען אויף אויסצאָהלען. ווען עס קומט צו דינגען זיך מיט אַ דזשאָבער און קריגען ביי איהם אַן אָרדער, זיינען פאַראַן צעהן קאָנטראַקטאָרס פאַר איינעם. די קאָנקורענץ צווישען די קאָנטראַקטאָרס איז אַזאַ ביטערע, אַז זיי נעמען זיך אונטער צו מאַכען קליידער פאַר לעבערליך קליינע פּרייזען. די דזשאָבערס דרעהען זיך אויס פון פאַראַנטוואָרטליכקייט, ווייל זיי האַנדלען ניט דירעקט מיט די אַרבייטער, נאָר דורך אַ צווייטער האַנט, די קאָנטראַקטאָרס.

די ענטוויקלונג פון די סאָב־מאַנופעקטשורינג אין דער קלאָוק־אינדוסטריע האָט געבראַכט צו אַ שרעקליכער קאָנקורענץ צווישען די אַרבייטער. די אַרבייטער פון די אינסייד שעפּער זיינען געווען געצוואונגען אַרונטערצולאָזען פון די פּרייזען, אַבי דער באַלעבאָס זאָל ניט אַרויסשיקען די אַרבייט צו די סאָב־מאַנופעקטשורערס. די יוניאָן האָט כסדר געדאַרפט פיהרען אַ קאַמף מיט די מאַנופעקטשורערס און ניט אַלע מאָל האָט זי דעם קאַמף געקענט געווינען. די אַרבייטער האָבען אָנגעפאַנגען באַשולדיגען די פיהרער פון דער יוניאָן אַז זיי זיינען צופיל נאָכגעביג און לאָזען זיך בינדען הענד און פיס, דורך דעם „פּראָטאָקאָל", וועלכער האָט פאַרבאָטען סטרייקס אין איינצעלנע שעפּער.

* * *

דער „פּראָטאָקאָל" איז געווען אין קראַפט גאַנצע זעקס יאָהר צייט, אָבער די „טשיף קלוירקס", וועלכע האָבען געזאָלט דורכפיהרען די באַדינגונגען פון „פּראָטאָקאָל" אין לעבען, האָט די יוניאָן אַלע מאָל געדאַרפט בייטען.

אין יאָהר 1913 איז ד ר. י צ ח ק ־ א י י ז י ק ה ו ר ו ו י ט ש געוואָר־ען דער טשיף־קלוירק פון דער יוניאָן. ער האָט געדאַרפט האַנדלען מיט די קלאָוק־פאַבריקאַנטען לויט'ן „פּראָטאָקאָל". אין אַ האַלב יאָהר אַרום, ווי דר. הורוויטש איז אַריין אין אַמט האָבען זיך אָנגעפאַנגען רייבונגען אין דער יוניאָן בנוגע זיין טאַקטיק אַלס טשיף־קלוירק. די בעאַמטע פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, ווי

אויך מאיר לאָנדאָן, דער אַדוואָקאַט פון דער יוניאָן, און די פיהרער פון דזשאָינט באָארד, האָבען געַטענה'ט, אז דר. הורוויטש'עס פּלענער און פּאָליסים זיינען פון אַ טרייד־יוניאָניסטישען שטאַנדפּונקט ניט פּראַקטיש. מיט דר. הורוויטש'עס טאַקטיק זיינען מייסטענס געוועזען איינשטימיג די מיטגלידער פון לאָקאַל 1, אָפּערייטאָרס יוניאָן. דאָס האָט פאַראורזאַכט אַ גרויסען טומעל צווישען דער מאַסע מיטגלידער פון דער יוניאָן. די פיהרער פון דער פאַבריקאַנטען אַסאָסיאיישאָן האָבען פּראָטעסטירט געגען איינינע האַנדלונגען פון דר. הורוויטש'ען, וועלכע זיי האָבען באַטראַכט אַלס אַ פאַרלעצונג פון „פּראָטאָקאָל". עס איז געווען אַ געפאַהר, אַז אויב דר. הורוויטש זאָל ווייטער פאַרבלייבען אין דער יוניאָן, וועט קומען צו אַ נייעם גענעראַל־סטרייק, וואָס וואָלט זיך געקענט ענדיגען זעהר טרויעריג פאַר דער יוניאָן. די באָארד אָוו ארביטריישאָן, פון וועלכער לואיס ד. בראַנדייס איז געווען פּאָרזיצענדער, האָט דאַרום געַפּסקנ'ט, אַז אין די אינטערעסען פון פרידען אין דער אינדוסטריע און אין דער יוניאָן זאָל דר. הורוויטש רעזיגנירען פון זיין אַמט.

דר. יצחק אייזיק הורוויטש איז געבוירען געוואָרען אין ווילנע, אין יאָהר 1860. זיין פאָטער איז געווען איינער פון די ערשטע משכילים. ער האָט פאַרמאָגט אַ הויכע בילדונג.

דער יונגער יצחק אייזיק האָט געַירש'נט די גלענצענדע פעהיגקייטען פון זיין פאַמיליע. ער האָט געענדיגט גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל און איז אריינגעטראָטען אין אוניווערזיטעט.

נאָך אַלס יונגער אינגעל איז ער שוין פאַרכאַפּט געוואָרען פון דער פרייהייטס־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבען פאַנאַנדערוואַקסען אין רוסלאַנד. שפּעטער איז ער געוואָרען אַ פיהרער אין דער פרייהייטס־באַוועגונג צווישען די סטודענטען.

אין גיכען איז ער אַרעסטירט געוואָרען און מען האָט איהם פאַרשיקט אין סיביר אויף פיר יאָהר צייט. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 19 יאָהר.

קומענדיג פון סיביר האָט זיך יצחק אייזיק באַזעצט אין מינסק, וואו ער האָט פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט און אין דערזעלבער צייט אָנגעפיהרט זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט צווישען אַרבייטער, אינטעליגענטען און סטודענטען פון מינסק. שפּיאָנען האָבען גענומען נאָכפאָרשען און האָבען זיך פון אַלעם דערוואוסט. אַ באַפעל איז ארויסגעגעבען געוואָרען איהם צו אַרעסטירען. גליקליכער ווייזע אָבער האָט ער זיך וועגען דעם דערוואוסט אין פאָראויס און ער איז אַנטלאָפען קיין שוועדען, פון וואַנען ער איז אַוועק קיין אַמעריקא.

באלד נאך זיין אנקומען אין אמעריקא האט יצחק אייזיק אנגעהויבען ארויסגעבען אין ניו יארק א רוסישע צייטונג מיט'ן נאמען „פראגרעס", פון וועלכער ער איז געווען רעדאקטאר. דאס איז געווען די ערשטע רוסישע צייטונג אין אמעריקא.

אין יאהר 1893 איז ער איינגעלאדען געווארען אין דעם שיקאגא'ער אוניווערזיטעט צו לעקטשורען איבער עקאנאמישע פראגען און וויסענשאפט פון סטאטיסטיק. א יאהר צייט איז יצחק אייזיק אפגעווען אין דעם אוניווערזיטעט אלס לעקטשורער, אבער ער האט זיך דארט ניט געקענט איינלעבען. ער האט אנטייל גענומען אין דער פראגרעסיווער באוועגונג, וואס איז דעמאלט אנגעגאנגען צווישען די אמעריקאנישע פארמערס און א געוויסען טייל פון דער אמעריקאנער אינטעליגענץ. ער האט זיך אויך באטייליגט אין דער סאציאליסטישער באוועגונג אלס שרייבער און לעקטשורער. ער איז א לאנגע צייט געווען א מיטארבייטער פון „פארווערטס", פון דער „צוקונפט", פון דער „פרייע ארבייטער שטימע" און פון אנדערע ראדיקאלע צייטשריפטען — אידישע, רוסישע און ענגלישע.

ווי פריהער שוין געזאגט, האט יצחק אייזיק הורוויטש זיך ניט געקענט צופאסען צו די דאמאלסדיגע אומשטענדען אין דער קלאוק מאכער יוניאן און ער האט געגען זיין ווילען אריינגעגעבען זיין רעזיגנאציע אלס טשיף קלוירק פון דער יוניאן.

דעם 22־טען יאנואר, 1914, האט דער דזשאינט באארד פון דער ניו־יארקער קלאוק מאכער יוניאן אנגענומען די רעזיגנאציע פון דר. יצחק אייזיק הורוויטש און דעם 2־טען פעברואר פון זעלבען יאהר, איז ס י ד נ י ה י ל מ א ן, פון שיקאגא, דער יעצטיגער פרעזידענט פון דער „אמאלגאמייטעד קלאדינג ארבייטער יוניאן" געווארען דער טשיף קלוירק פון דער קלאוק מאכער יוניאן און ב. שלעזינגער איז געווארען דער צייטווייליגער מענעדזשער פון דזשאינט באארד פון דערזעלבער יוניאן. שלעזינגער איז אריין אין דער יוניאן דערפאר, וואס די יוניאן איז דעמאלט שרעקליך צוטרייסעלט געווארען פון דער „הורוויטש־אפער". א גרויסער טייל פון די מיטגלידער, פיליכט א מאיאריטעט, האט געהאלטען מיט הורוויטש'ען און איז געווען שרעקליך אויפגעבראכט אויף די בעאמטע פון דער יוניאן, איבערהויפט אויף די פיהרער פון דער אינטערנעשאנאל, וואָרום זיי האבען הורוויטש'ען געצוואונגען אוועקצוגעהן.

גלייכצייטיג מיט הורוויטש'ען האבען אויך רעזיגנירט די צוויי הויפטבעאמטע פון דזשאינט באארד, דער פרעזידענט און סעקרעטאר — ד ז ש. ה א ל פ ע ר י ן און מ א י ר פ ע ר ל ש ט י י ן, וועלכע האבען

אמשטאַרקסטען באַקעמפט הורוויטש'עס פּאָליסים. פּערלשטיין, אַ סקווירט מאַכער ביים פאַך, איז שפּעטער פאַר פילע יאָהרען געווען אַ וויס־פּרעזי־דענט פון דער אינטערנעשאָנאַל.

דער טומעל איבער דער „הורוויטש אפּער" איז ענדגילטיג געסעטעלט געווארען ביי דער קאָנוועגשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל, וועלכע איז פאָר־געקומען אין זומער פון יאהר 1914, אין קליוולאַנד.

ביי דיזער קאָנווענשאָן האָט זיך געפיהלט אַ שטאַרקע געגנערשאַפט צו די הויפּט־בעאַמטע פון דער אינטערנעשאָנאַל, אַלץ צוליב דער „הורוויטש־אפּער". כדי צו שאַפען פרידען אין דער יוניאָן, האָבען אַב. ראָזענבערג און דזשאָן אַ. דייטש, דער פּרעזידענט און דער סעקרעטער פון דער אינטער־נעשאָנאַל, זיך ענטזאַגט אָנצונעמען די נאָמינאַציעס פאַר דעם קומענדען טערמין, און אויף זייער פּלאַץ זיינען ערוועהלט געווארען ב. שלעזינגער אַלס פּרעזידענט און מאָריס זיגמאַן, אַלס סעקרעטער־טרעזשורער.

מאָריס זיגמאַן איז געבוירען געווארען אין בעסאַראַביע, רוסלאַנד. אין דער היים איז ער געווען אַ סוחר. אין אמעריקאַ איז ער געקומען אין יאהר 1903, נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעווען אַ יאהר אין לאָנדאָן. ער איז דאָ געווארען אַ קלאוק־פּרעסער. די ערשטע צייט איז ער געווען טעטיג אין דער קלאוקמאַכער יוניאָן, וואס די „אינדוסטריעל וואירקערס אָוו די וואירלד האָט געגרינדעט. אָפּזייענדיג אָבער עטליכע יאָהר אין יענער יוניאָן, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די טאַקטיק פון די „אַ. וו. וו." איז אַ פאַלשע און ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אין דער קלאוק מאַכער יוניאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל. אין גרויסען קלאוק מאַכער סטרייק פון יאהר 1910, איז ער, ווי שוין געזאָגט, געווען דער פיהרער פון דער פּיקעט־קאָמי־טע. שפּעטער איז זיגמאַן געוואָרען דער מענעדזשער פון דזשאָינט באָארד. די שונאים פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן האָבען איהם דורך אַ בלבול פון געוויסע סטרייק־ברעכער אריינגעשלעפּט אין אַ מאָרד־פּראָצעס. און אין איין שעהנעם פריהמאָרגען איז ער צוזאַמען מיט איינינע אַנדערע טעטיגע טוער פון דער יוניאַן, סאָול מעטץ, דזשוליוס וואולף, מאָריס סטופּניקער, לואיס האָלצער, אַ. וועדינגער, מאַקס זינגער און ר. אשפּיז אַרעסטירט געווארען און אָנגעקלאָגט געווארען אין ערמאָרדען אַ סטרייקער אין סטרייק פון יאָהר 1910. אויפ'ן געריכט איז אָבער פעסטגעשטעלט געווארען זייער אונשולד און אַ דזשורי האָט זיי אַלעמען פריינעשפּראָכען.

אין יאָהר 1923 איז מאָריס זיגמאַן ערוועהלט געווארען אַלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, אויפ'ן פּלאַץ

פון ב. שלעזינגער, וועלכער האָט רעזיגנירט. זיגמאן איז געווען פּרעזידענט ביז ענדע פון יאָהר 1928, ווען ער האָט רעזיגנירט.

אין מאַי, 1915, האָט דער ניו יאָרקער דיסטריקט אַטוירני פּערקינס „אינדייטעד“ (קרימינעל אָנגעקלאָגט) עטליכע און דרייסיג אידישע יוניאָן־פיהרער צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען די פאָלגענדע פינף מיט־גלידער פון דער אינטערנעשאָנאל לײדיס גארמענט וואָירקערס יוניאָן: דזש. האלפּערין*), א. באראָף, ה. קלײנמאַן, ס. לעפּקאָוויץ, און א. סילווער. די קלאָגע געגען זיי האָט געלויטעט, אז זיי האָבען געדונגען א „שטארקען“ מיט'ן נאָמען „דאָופּי־בעני“, אז ער זאָל זיי העלפען ארונטערנעמען סקעבס אין צייט פון א סטרייק.

פון דער קלאָגע געגען די עטליכע און דרייסיג יוניאָן־פיהרער איז אָבער גאָר ניט געוואָרען, אלע זיינען ארויס ריין.

אין יאָהר 1915, דאָס הייסט, אויפ'ן זעקסטען יאָהר ווי די קלאָוק־מאַכער יוניאָן האָט געארבייט, אָדער ווי מען רופט עס, „געהאַנדעלט“, מיט די קלאָוק־פאבריקאנטען דורכ'ן באריהמטען „פּראָטאָקאָל“, האָט אויסגע־בראָכען א קריג צווישען ביידע צדדים. דער „פּראָטאָקאָל“ איז אָפּגע־בראָכען געוואָרען און עס האָט געהאַלטען ביי א גרויסען סטרייק פון קלאָוק־מאַכער.

האָט דער דאַמאָלסדיגער ניו יאָרקער שטאָדט־מעיאָר, מיטשעל, באַשטימט א „קאונסיל פון פרידען“, און איהם באַאויפטראַגט צו שליכטען דעם סכסוך צווישען די קלאָוק־פאבריקאנטען און דער יוניאָן. אַלס מיטגלידער פון דעם „שלום“־קאונסיל האָט ער באַשטימט דר. פעליקס אדלער, לואיס ד. בראַנדעיס, הענרי ברוער, פּראָפעסאָר קוירטשוועי, טשארלס בערנהיימער, און ריכטער וו. ס. נאָיז. דער קאונסיל האָט אָפּגעהאַלטען זיינע זיצונגען צעהן טעג. די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט שוין מעהר ניט געוואלט דעם „פּראָטאָקאָל“. דער „קאונסיל אָוו ארביטריישאָן“ אָבער האָט ארויסגעגעבען זיין ענטשיידונג, אז דער

---

*) דזש. האלפּערין, א וויצע־פּרעזידענט פון דער „אינטערנע־שאָנאַל“ פאַר פילע טערמינען, איז א היימישער בונדיסט, וועלכער איז געקומען צו דער קלאָוקמאַכער יוניאָן פון די „א. וו. וו.“ האלפּערין איז אין צייט פון דער הורוויטש־אפּער געווען פּרעזידענט פון דזשאָינט באָארד. שפּעטער איז ער געווען דער מענעדזשער פון לאָקאל 9, און פאַר די לעצטע יאָהרען איז ער אַן אָרגאַנייזער פון דער „אינטערנעשאָנאַל“.

„פּראָטאָקאָל" זאָל אַמענדירט ווערען. אויך האָט ער רעקאָמענדירט צו געבען אַ קליינע העכערונג פון 1 דאָלאַר ביז 2 דאָלאַר מיט 50 סענט אַ וואָך פאַר יעדען ארבייטער פון טרייד. די דאָזיגע ענטשיידונג פון דעם „קאונסיל" איז ניט געווען זעהר גינסטיג פאַר די ארבייטער, דאָך האָט די קלאָוק מאַכער יוניאָן זי אָנגענומען. די קלאָוק פאַבריקאַנטען אָבער האָבען זיך אין אָנפאַנג געקווינקעלט און ווען זיי האָבען דערזעהן, אַז די יוניאָן גרייט זיך צו אַ סטרייק, האָבען זיי אויך דיי ענטשיידונג פון „קאונסיל" אָנגענומען און אַ סטרייק איז אין 1915 אויסגעמידען געווארען.

## די אָרגאַניזאַציאָנס-ארבייט פון דער אינטערנעשאָנאַל אין אַנדערע שטעדט אין די יאָהרען 1915-1919.

אין הערבסט, פון יאָהר 1915, האָבען פילע לאָקאַל יוניאָנס פון דער „אינטערנעשאָנאַל" זיך ווידער גענומען באַוועגען. אין אויגוסט, 1915, זיינען אין ברידזשפּאָרט, קאָנעקטיקוט ארויס אין סטרייק עטליכע הונדערט קאָרסעט-ארבייטערינס, וועלכע האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן לאָקאַל 33, קאָר-סעט קאַטערס, און אָן לאָקאַל 34, קאָרסעט אפּערייטאָרס און אַנדערע ארבייטער, אַלע פרויען. זיי האָבען דאַן געוואונען 48 שעה אַ וואָך ארבייט, אָנשטאָט 55, וועלכע זיי האָבען ביז'ן סטרייק געארבייט.

דעם 16טען אויגוסט, 1915, זיינען אין שיקאַגאָ ארונטער 700 פרויען אין אַ סטרייק געגען דער גרויסער פירמע „הערצאָג גאַרמענט קאָמפּאַניע". דאָס איז געווען אַ סטרייק פון אידישע, באָהעמישע, פּוילישע, איטאַליענישע און סירישע ארבייטער פרויען, געגען לאַנגע ארבייטס שטונדען און קליינע שכירות. די פירערין פון יענעם סטרייק איז געווען פּ א נ י א מ. ק אָ ה ן, אַ וויצע-פּרעזידענטין פון דער אינטערנעשאָנעל. מ י ס ע ס ר י י מ אָ נ ד ר אָ ב י נ ס, די נאַציאָנאַלע פּרעזידענטין פון דער „ווימענס טרייד-יוניאָן ליג" האָט געהאָלפען אין דעם סטרייק און די ארבייטער פרויען האָבען געוואונען דעם סטרייק פאַר 50 שטונדען אַ וואָך ארבייט. צו יענער צייט האָט די אינטערנעשאָנאַל געגרינדעט איין גרויסען לאָקאַל פון וועיסט און וואַיט גודס וואָרקערס לאָקאַל 100.

אין אויגוסט, 1915, האָט די באָנאַז עמברוידערערס יוניאָן, לאָקאַל 66, גערופען אין ניו יאָרק אַ גענעראַל סטרייק און אין פאַרלויף פון צוויי וואָכען צייט האָבען די ארבייטער געוואונען דעם קאַמף פאַר אַ מינימום פון 20 און 25 דאָלאַר אַ וואָך שכירות.

אין סעפּטעמבער פון יאָהר 1915 איז פּרעזידענט שלעזינגער'ן געלונגען

אין שיקאַגאָ צו יוניאָניזירען אַלע דאָרטיגע קלאָוקמאַכער און דורך דער אריינמישונג פון אַ באָארד אָוו אַרביטרייטאָרס, וועלכע איז באַשטאַנען פון ריכטער דזשוליאַן וו. מאַק אַלס פאַרטרעטער פון „פובליקום” (דאַס הייסט פון דער געזעלשאַפט), וו. אַ. טאָמפּסאָן, לאָיער און סעטעלמענט וואָרקער, אַלס פאַרטרעטער פון די אַרבייטער, און ס. דזש. קליין, פאַרטרעטער פון די קלאָוקס פאַבריקאַנטען, איז געלונגען צו שליסען אַ קאָנטראַקט צווישען דער יוניאָן און די פאַבריקאַנטען אויך אויף'ן גרונד פון „קאָלעקטיווו באַרגייניננ”. יענער קאָנטראַקט האָט געגעבען די מינימום שכירות פון 70 סענט אַ שעה פאַר קלאָוקס אָפּערייטאָרס, 60 סענט פאַר פרעסערס און 50 סענט פאַר פינישערס. די אַרבייטס שטונדען — 50 אַ וואָך, און אַ צוויי יאָהר קאָנטראַקט, וועלכער איז באַטראַכט געוואָרען דאַן פאַר אַ גרויסען זיג פון דער יוניאָן. דורך דיזען קאָנטראַקט איז געלונגען צום ערשטען מאָל צו אָרגאַניזירען דעם גאַנצען קלאָוקס טרייד אין שיקאַגאָ, מיט דער אויסנאַמע נאָר פון עטליכע שעפּער, וועלכע זיינען פאַרבליבען ניט קיין יוניאָן פּלעצער. אַלס טשיף קלוירק פון דער יוניאָן אין שיקאַגאָ איז ער־וועהלט געוואָרען אַ. ביזנאָ.

אין יאָהר 1916 איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרען אַ יוניאָן פון ווייסט מאַכערס אין פילאַדעלפיא, לאָקאַל 15, און גלייך איז דאָרטען אַרויסגערופען געוואָרען אַ גענעראַל סטרייק, וועלכען די יוניאָן האָט אין איינינע טעג אַרום געוואונען. אַ קאָנטראַקט איז געשלאָסען געוואָרען מיט די ווייסט מאַנופעקטשורערס פון פילאַדעלפיא אויך אויף'ן באַזיס פון „קאָלעקטיוו באַרגייניננ”. 50 שטונדען אַ וואָך אַרבייט, 5 פרייע יום־טובים פאַר די אַרבייטער מיט באַצאָהלט, אַ העכערונג פון די שכירות און אנערקענונג פון דער יוניאָן. אין עטליכע מאָנאַטען אַרום האָט לאָקאַל 15 פון פילאַ־דעלפיא געהאַט אַ מיטגלידערשאַפט פון איינינע טויזענט אַרבייטער.

די קלאָוק מאַכער פון פילאַדעלפיא זיינען נאָך פריהער אָרגאַניזירט געוואָרען. דער פיהרער פון די פילאַדעלפיער קלאָוק מאַכער איז פאַר פילע יאָהרען געווען מאַקס אַמדור.

אַמדור קומט פון דווינסק. אין דער היים איז ער געווען אַ ישיבה בחור. אין פילאַדעלפיא איז ער געוואָרען אַ סקוירט מאַכער און איז באַלד געוואָרען אַ טעטיגער יוניאָן מאַן. אַמדור איז שוין פאַר פילע טערמינען אַ וויים־פרעזידענט פון דער אינטערנעשנאַל.

אין יאָהר 1916 איז די שיפליי עמברוידערערס יוניאָן, וועלכע איז פריהער איינינע יאָהר געווען פאַרבונדען מיט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, אויף דעם ראַט פון די פאַראייניגטע אידישע געווערק־

שאַפטען געוואָרען אַ לאָקאַל פון דער אינטערנעשאָנאַל. די ארבייטער פון דעם טרייד האָבען אויך דורכגעפירט אונטער דער אינטערנעשאָנאַל אַ גענעראַל סטרייק, וואו זיי האָבען געוואונען 52 שעה אַ וואָך ארבייט אַנשאַט 59 און אַ העכערונג פון 10 ביז 20 פּראָצענט אויף די שכירות. דער קאָנטראַקט פון דער יוניאָן מיט זייערע באַלעבאַטים איז אויך געווען אַ קאָלעקטיווער.

---

## די אָפּבּרעכונג פון „פּראָטאָקאָל" אין קלאָוקס טרייד און די גענעראַל סטרייקס אין די יאָהרען 1916, 1919 און 1921.

אין פעברואר, 1916, האָט דער „קאונסיל פון פרידען" אין דער קלאָוק אינדוסטריע געהאַט צו ענטשיידען די פראגע, צי די מאנופעקטשורערס האָבען אַ רעכט אָוועקצושיקען ארבייטער פון שאָפּ אָהן אַ גענוגענדער אורזאַכע. די אַנטשיידונג פון „פרידענס קאונסיל" איז געווען דאַן גינסטיג פאַר דער יוניאָן. האָט די קלאָוק מאַנופעקטשורערס פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן דאַן אויסגעשלאָסען 25 טויזענט קלאָוקמאַכער, וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט אין זייערע 409 שעפּער. דעם 3טען מאַי 1916 האָט די קלאָוקמאַכער יוניאָן ארויסגערופען די איבעריגע קלאָוקמאַכער אין סטרייק, און דער סטרייק איז געוואָרען אַ גענעראַל סטרייק. 14 וואָכען האָט געדויערט יענער ביטערער קאַמף. דער „פּראָטאָקאָל" איז געוואָרען טויט און פון דעמאָלט אָן עקזיסטירט ער ניט מעהר אין קיינע יוניאָנס פון דער אינטערנעשאָנאַל. דער סעטעלמענט אין 1916 איז געווען פאַר 49 שעה אַנשטאָט 50 אַ וואָך ארבייט און אַ העכערונג פון שכירות.

די אויטסייד שעפּער, אָדער די סאָב-מאַנופעקטשורערס האָבען זיך גענומען פארשפּרייטען אין די יאָהרען 1912—1913. אין 1913 האָט שוין די יוניאָן אָנגעפיהרט אַ סטרייק געגען סאָב-מאַנופעקטשורערס, וועלכע האָבען באַטריבען קליינע שעפּער אין דער אינדוסטריע. קיין ערנסטע געפאַהר האָבען זיי נאָך אָבער דאַן מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט, וויי"ל אַזוי לאַנג ווי די פאַסאָנען זיינען געווען קאָמפּליצירטע און עס האָט זיך געפאָדערט גוטע און פאַרזיכטיגע ארבייט, האָט מען בלויז די ביליגסטע סאָרטען קליידער געקענט אויפמאַכען אין אויטסייד שעפּער. די בעסערע, טייערערע סאָרטען קליידער האָט מען געמוזט פּראָדוצירען אין אינסייד שעפּער, וואו דער מאַנופעקטשורער האָט געהאַט אַ קאָנטראָל איבער דער ארבייט.

אַזוי ווי אין גאַנצען אַרויסגעבען די ארבייט צו סאָב-מאַנופעקטשורערס האָבען די פאַבריקאַנטען ניט געקענט און זיי האָבען דעריבער

נאָך געמוזט אויפהאַלטען אינסייד שעפּער, איז עס געווען לאָ־גיש צו דענקען, אז אויב די יוניאָן זאָל לייזען די פּראַגע פון סעטלען פּרייזען פאַר די ביליגע סאָרטען ארבייט, וועט זיך פאַר די מאַנופעקטשורערס ניט לוינען ארויסצוגעבען ארבייט אויטסייד, און די סאָב־מאַנופעקטשורינג שעפּער וועלען פאַרשווינדען. דער איינציגער וועג צו לייזען די פּראַגע איז געווען דורך איינפיהרען וואָך־ארבייט אין דער אינ־דוסטריע, וועלכע וועט מאַכען א סוף צו דעם דינגען זיך איבער פּרייזען. די יוניאָן האָט דעריבער אָנגעהויבען א באַוועגונג פאַר דער איינפיהרונג פון וואָך־ארבייט.

די קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל אין יאָהר 1918 אין באָסטאָן האָט אינדאָרסירט די פאָדערונג פון די ניו יארקער קלאוק מאכער פאר וואָך־ארבייט. די ציימונגען פון די אינטערנעשאָנאַל לאָקאַלס, ווי די „נייע פּאָסט“, פון די ניו יארקער קלאוק מאכער, די „גלייכהייט“, פון די ליידיס ווייסט און דרעס מאכער לאָקאַל 25, און דער „ליידיס גארמענט וואָירקער“, פון דער אינטערנעשאָנאַל, האָבען אגיטירט פאר וואָך־ארבייט.

דעם 14טען מאי 1919 זיינען אַלע קלאָוקמאַכער פון ניו יאָרק ארויס אין א גענעראַל סטרייק פאר וואָך־ארבייט און פאַר א 44 שטונדיגער אר־בייטס־וואָך. פון מאי ביז יולי מאָנאַט 1919 זיינען פאָרגעקומען גענעראַל סטרייקס פון אינטערנעשאָנאַל לאָקאַלס אין שיקאַגאָ, באָסטאָן, באַלטימאָר, לאָס־אַנדזשעלעס, מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ, קענעדע, וואוסטער, מאס. און סאַן פראַנציסקאָ.

אין שיקאַגאָ און באָסטאָן האָבען די קלאָוקמאַכער געוואונען וואָך־ארבייט נאָך עטליכע טעג סטרייקען, אין ניו יאָרק האָט גענומען א מאָנאַט צייט צו געווינען וואָך־ארבייט. די ארבייטער האָבען אויך געוואונען דאָן וואָך־ארבייט אין באַלטימאָר, סאַן פראַנציסקאָ און מאָנטרעאָל.

אין קליוולאַנד, אָהייאָ, וואו די קלאוק מאכער יוניאָן האָט אין 1911 געפיהרט פיר מאָנאַט א סטרייק, וועלכען זי האָט פארלאָרען, איז געלונ־גען דער אינטערנעשאָנאַל אין דער מלחמה־צייט צו סעטלען מיט די קלאוק־פאַבריקאַנטען און שליסען מיט זיי א קאָלעקטיווען אגרימענט.

פון יולי ביז ענדע נאָוועמבער 1919 האָבען כמעט אַלע לאָקאַל יוניאָנס פון דער אינטערנעשאָנאַל, וועלכע האָט געהאַט א מיטגלידערשאַפט פון נייינציג טויזענט, געסטרייקט. איינינע פאר וואָך־ארבייט און אַנדערע פאַר בעסערע ארבייטס באַדינגונגען. די מעהרסטע לאָקאַלס האָבען אין 1919 געוואונען זייערע פאָדערונגען.

דורך די זיבען יאָהר, פון 1912 ביז 1919, דאָס הייסט פון דער צייט

וואָס עס האָט זיך באַוויזען דער סאָב־מאַנופעקטשורער אין מאַרקעט ביז
עס איז איינגעפיהרט געוואָרען וואָך אַרבייט אין דער אינדוסטריע, איז
אָבער פאָרגעקומען אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין קלאָוקס טרייד. די פּאָסאָנען
האָבען זיך ראַדיקאַל געביטען. דער סוט, וועלכער איז ביז דאַן געוועזען דער
הויפּט אַרטיקעל, אויף וועלכען די מעהרסטע קלאָוקמאַכער האָבען געאַרבייט,
איז אינגאַנצען פאַרשוואונדען. די טייט־פיטינג און סעמי־פיטינג קאָוטס,
וואָס האָט געפאָדערט געניטקייט פון דעם בעל־מלאכה און האָט גענומען פיל
צייט אויפצומאַכען, איז אַרויס פון דער מאָדע. אַנשטאָט דעם איז אַריין
אין דער מאָדע דער איינפאַכער לויזער מאַנטעל. ביי דעם סאָרט אַרבייט
קען אַן אַרבייטער מאַכען פיר־פינף מאָל אַזוי פיל אַרבייט אין אַ טאָג ווי
ער האָט געקענט מאַכען אויף די פריהעריגע קאָמפּליצירטע סטיילס. דאָס
מיינט, אַז פיל וועניגער אַרבייטער זיינען נויטיג אויפצומאַכען די נויטיגע
צאָהל גאַרמענטס, און די קאָנקורענץ צווישען די אַרבייטער פאַר'ן דזשאַב
איז אויף אַזוי פיל פאַרשטאַרקט געוואָרען. חוץ דעם פאָדערט זיך ביי די
פאַראייינפאַכטע מאָדעס וועניגער געניטקייט און פינקטליכקייט, אַזוי אַז
די מאַנופעקטשורערס האָבען זיך שוין געקענט ערלויבען אַרויסצוגעבען די
גאַנצע ביליגע און מיטעלע סאָרטען אַרבייט אין סאָב־מאַנופעקטשורינג
שעפּער און אַליין ווערען דזשאַבערס, אַרונטערוואַרפענדיג פון זיך די גאַנצע
פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די אַרבייטס באַדינגונגען אין טרייד. דאָס
האָבען זיי אויך טאַקע געטאָן, אַזוי אַז אין 1919 איז שוין די סאָב־מאַנו־
פעקטשורינג סיסטעם געוועזען גאַנץ שטאַרק אַנטוויקעלט.

דאָס איינפיהרען פון וואָך־אַרבייט איז, אַלזאָ, געקומען צו שפּעט צו
ברענגען די נוצען וואָס די יוניאָן האָט דערפון ערוואַרטעט. עס האָט דעם
סאָב־מאַנופעקטשורער ניט אַרויסגעשטויסען פון מאַרקעט. פאַרקערט, עס
האָט נאָך אין אַ געוויסען זין פאַרשנעלערט די אַנטוויקלונג פון דעם דזשאַ־
בינג־קאָנטראַקטינג סיסטעם. די וואָך־אַרבייט, וועלכע האָט אין אַ געוויסער
מאָס פאַרגרעסערט די פּראָדוקציאָנס קאָסטען, האָט געטריבען דעם מאַנו־
פעקטשורער צו פּרובירען פאַרקלענערן עם דורך אַרויסגעבען די אַרבייט אין
אויטסייד שעפּער. צו דער שנעלער פאַרשפּרייטונג פון די אויטסייד שעפּער
האָבען אויך געהאָלפען די שלעכטע סעזאָנען ביי קלאָוקס אין די יאָהרען
1920־1921. אַ סך אַרבייטער זיינען אַרומגעגאַנגען ליידיג און זיינען
געוועזען גרייט צו אַרבייטען אונטער אַבי וועלכע קאָנדישאָנס. די מאַנו־
פעקטשורערס האָבען געזוכט צו קריגען זייער אַרבייט געמאַכט אַזוי ביליג
ווי מעגליך. אין זייערע אייגענע שעפּער האָט די יוניאָן זיי ניט געלאָזען
פאַרערגערען די אַרבייטס קאָנדיציאָנען, האָבען זיי אָנגעהויבען אַרויסגעבען

מעהר ארבייט אין די אויטסייד שעפער. אזוי זיינען די גרעסערע אינסייד שעפער פון די ביליגע און מיטעלע ליינס ארבייט אלץ מעהר אויפגעגעבען געוואָרען, און די סאָב־מאַנופעקטשורינג שעפער זיינען געוואקסען ווי שוואָמען נאָך א רעגען.

אין יאָהר 1921 האָבען די קלאָוק מאַנופעקטשורערס געבראָכען זייער אגרימענט מיט דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן, גלויבענדיג, אז דאָס מאָל וועט זיי זיכער געלינגען צו ברעכען די יוניאָן. די יוניאָן האָט דאַן ווידער ערקלערט א גענעראַל סטרייק, און פון דיזען קאַמף, וועלכער האָט געדויערט איינינע וואָכען, איז די קלאָוקמאַכער יוניאָן ארויסגעקומען פיל שטאַרקער ווי זי איז געוועז פאַר׳ן סטרייק.

אין יענעם סטרייק זיינען אויסער שלעזינגער׳ן און בעראָף׳ן, די צוויי הויפּט באַאמטע פון דער אינטערנעשאָנאַל, אויך געוועז טעטיג: איזראַעל פיינבערג, דער שפּעטערדיגער מענעדזשער פון דזשאָינט באָארד פון דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן, און אויך איינער פון די וויים־פּרעזידענטען פון דער אינטערנעשאָנעל, ה. וואַנדער, און אנדערע.

פיינבערג, א קלאָוק־אפּערייטאָר ביים טרייד, איז געקומען קיין אמעריקא פון לאָנדאָן, איז יאָהר 1912, וואו ער איז געוועז טעטיג אין דער דאָרטיגער מאַנטעל־מאַכער יוניאָן.

ה. וואַנדער, א סקווירטמאַכער ביים טרייד, איז געוועז טעטיג אין דער יוניאָן פון דעם ערשטען טאָג אָן, וואָס די איצטיגע יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען. ער איז אויך איינינע מאָל געוועז א וויים־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל.

נאָך איינער פון די פירער פון יענעם סטרייק איז געוועז סאָול מעטץ, וועלכער איז אויך געוועז א טעטיגער טוער פון דעם גרויסען קלאָוקמאַכער סטרייק אין 1910.

א טעטיגען אַנטייל אין יענעם סטרייק האָט אויך גענומען לואיס היימאַן, דער דאַמאָלסטדיגער מענעדזשער פון קלאָוק פינישערס לאָקאַל 9, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען איינער פון די אָנפיהרער פון דער קאָמוניסטישער אָפּאָזיציאָנס „יוניאָן” געגען דער אינטערנעשאָנאַל.

דער אָנפיהרער פון דער פּיקעט־קאָמיטע אין יענעם סטרייק איז געוועז דזש. ברעסלאָו, דער מענעדזשער פון דעם קלאָוק פּרעסערס לאָקאַל 35, וועלכער איז שפּעטער אויך געוועז א וויים־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

## דער גענעראַל סטרייק פון די דרעסמאַכער אין יאָהר 1923.

דער דרעס טרייד איז דער אינגסטער ברענטש אין דער פרויען־קליידער אינדוסטריע. ביז דעם יאָהר 1913 זיינען קלאָוקס און סוטס געווען דער וויכטיגסטער טייל פון דער אינדוסטריע. די דרעסעס האָבען זיך ערשט ריכטיג גענומען פארשפרייטען אין די יאהרען 1912־1913, און אין צעהן יאָהר צייט האָט דער דרעס טרייד ווייט אריבערגעיאָגט דעם קלאָוק טרייד, סאַי אין דער צאָהל ארבייטער, וואָס ווערען אין איהם באַשעפטיגט און סאַי אין דעם ווערט פון די געשאַפענע פּראָדוקטען.

אזוי האָט, לויט דעם באַריכט פון דער רעגירונגס־ביוראָ פון ארבייט, אין יאָהר 1923, דער ווערט פון די אויסגעאַרבייטע דרעסעס שוין אָנגעטראָפען פערציג פּראָצענט פון דער גאַנצער סומע, וואָס די אויסגעאַרבייטע פרויען־קליידער פון לאַנד האָבען אָנגעטראָפען אין דעם יאָהר, אין דער צייט וואָס דער ווערט פון די אויפגעמאַכטע קלאָוקס און סוטס האָט אָנגעטראָפען בלויז 35 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער סומע.

ווען אַ טרייד פארשפרייט זיך אַזוי שנעל, ווי דער דרעס טרייד האָט זיך פאַרשפּרייט, ווען טויזענטער נייע אַרבייטער קומען אַריין אין די שעפּער אין אַ קורצער צייט, איז עס זעהר שווער פאַר אַ יוניאָן נאָכצוהאַלטען און אָרגאַניזירען די נייע ארבייטער אזוי שנעל, ווי זיי קומען אַריין. עס איז דעריבער נאַטירליך, אַז עס זאָל זיך כסדר אָנזאַמלען אַ צאָהל ניט אָרגאַניזירטע אַרבייטער, וועלכע אַרבייטען אונטער ערגערע באַדינגונגען און קאָנקורירען מיט די יוניאָן לייט.

אין אַ טרייד וואו עס הערשט אַ נאָרמאַלע סיסטעם פון פּראָדוקציע, וואו יעדער פאַבריקאַנט פּראָדוצירט זיין סחורה אין אייגענע גרויסע שעפּער, וואָלט נאָך די אונגעהויער שנעלע אויסשפּרייטונג פון טרייד געווען בלויז אַ האַלבע צרה. ווען נייע אַרבייטער קומען אַריין ביסלאַכוויז אין אַן אָרגאַניזירטען שאַפּ, ווערען זיי שנעל אַריינגענומען אין דער יוניאָן און געפינען זיך גלייך אונטער'ן יוניאָן קאָנטראָל. זיי קענען דאַן ניט פיל שעדיגען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער. ביי דרעסעס אָבער איז די לאַגע געווען אַנדערש. צו דעם שנעלען אַריינקומען פון נייע אַרבייטער אין טרייד איז נאָך צוגעקומען די צווייטע צרה — די דזשאָבינג־קאָנטראַקטינג סיסטעם.

אונטער דער סיסטעם, וואו דער דזשאָבער, וועלכער איז דער אמת'ער באָס אין דער אינדוסטריע, האַלט ניט אויף מעהר קיין אייגענעם שאַפּ, נאָר ער גיט אַרויס זיין אַרבייט אויפצומאַכען אין אַזוי פיל קליינע קאָנטראַקטינג שעפּער, ווי ער קען קריגען, קומען אַריין אין מאַרקעט אַלץ נייע און נייע

שעפּער. ניט נאָר עפענען זיך נייע שעפּער פון דער אינדוסטריע, נאָר אפילו די שוין עקזיסטירענדע שעפּער האַלטען זיך אין איין צוברעקלען אויף קלענערע און קלענערע יוניטס. די ניי אַריינגעקומענע אַרבייטער אין טרייד קומען, אַלזאָ, ניט אַריין אין די אָרגאַניזירטע יוניאָן שעפּער אונטער'ן קאָנ־טראָל פון דער יוניאָן, נאָר אין די אויפגעעפענטע ניט אָרגאַניזירטע שעפּער. דאָס האָט געמאַכט פאַר דער יוניאָן פיל שווערער נאָכצוהאַלטען די אַנט־וויקלונג פון דער אינדוסטריע. און טראָץ די שטענדיגע סטרייקס און אָר־גאַניזאַציאָנס טעטיגקייט פון דער יוניאָן איז דער פּראָצענט פון ניט אָרגאַ־ניזירטע שעפּער כסדר געבליבען דער זעלבער, אָדער האָט זיך נאָך אפשר פאַרגרעסערט.

דאָס איז די צווייטע אורזאַכע.

די דריטע אורזאַכע וואָס האָט געשטערט דער יוניאָן צו קריגען פולען קאָנטראָל אין דרעס טרייד, איז וואָס דער אַרבייטער־עלעמענט אין דער אינדוסטריע האַלט זיך כסדר אין איין בייטען.

אין די ערשטע יאָהרען זיינען ביים דרעס טרייד געווען באַשעפטיגט כמעט אויסשליסליך פרויען, אידישע און איטאַליענישע. די פרויען זיינען אָבער ניט געווען קיין באַשטענדיגע אַרבייטער, ווי עס זיינען די מעהרסטע מענער, וועלכע קומען אַריין אין אַ טרייד. דורכשניטליך פלעגט אַ פרוי אַרבייטען אין טרייד אַרום פיר־פינף יאָהר, ביזוואַנען זי האָט זיך איינגעאָרדענט אַ היים. אויף דעם פּלאַץ פון די פרויען וואָס פלעגען פאַר־לאָזען דעם שאַפּ, פלעגען אָנקומען נייע. עס איז אויסגערעכענט געוואָרען, אַז אומגעפער יעדע פינף יאָהר בייט זיך דער פרויען־אַרבייטער עלעמענט אין טרייד אינגאַנצען איבער. דאָס האָט געמיינט פאַר דער יוניאָן אַ באַ־שטענדיגע אָרגאַניזאַציאָנס טעטיגקייט בלויז אויף אָנצוהאַלטען די זעלבע צאָהל מיטגלידער אין דער יוניאָן. דערצו האָבען נאָך אין אַ פרויען־טרייד ניט געקענט אָנגעווענדעט ווערען די אָרגאַניזאַציאָנס מעטאָדען, וועלכע עס פלעגען געוויינליך אָנגעווענדעט ווערען אין מענער טריידס. און די אַרבייט איז דעריבער אָנגעגאַנגען פיל לאַנגזאַמער און שווערער.

אין יאָהר 1923 אין מאַנאַט מערץ האָט די דרעסמאַכער יוניאָן לאָקאַל 22 (ווייסטען זיינען שוין דעמאָלט ניט געווען מעהר אין דער מאָדע) גע־פיהרט אַ גענעראַל סטרייק פאַר וואָך־אַרבייט און 40 שטונדען אַ וואָך אַרבייט, פינף טעג אַ וואָך און שבת פריי. אין צייט פון סטרייק האָט די יוניאָן אויפגעגעבען די פאָדערונג פאַר וואָך־אַרבייט, אָבער זי האָט גע־

וואונען די 40 שטונדיגע ארבייטס־וואָך און אַז שבת זאָלען אַלע דרעסמאַכער זיין פריי פון דער ארבייט. איינער פון די הויפּט פיהרער פון יענעם סטרייק איז געווען ד ז ש ו ל י ו ס ה אָ כ מ אַ ן, אַ דרעסמאַכער ביים פאַך, וועלכער האָט שפּעטער גראַדואירט פון אַ לייבאָר קאָלעדזש און איז געוואָרען איינער פון די אנגעזעהענסטע טוער פון דער אינטערנעשאָנאַל. דער טשערמאַן פון לאָקאַל 22 איז געווען ס י י מ אַ ן פ אַ ר ב ע ר, אַ טעטיגער מעמבער פון דער דרעס מאַכער יוניאָן.

אין די לעצטע יאָהרען איז דער פּראָצענט פון מענער ארבייטער אין דרעס טרייד פיל געשטיגען. און וויינינגסטענס אין דעם פּרט וואָלט די אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט פון דער יוניאָן טיילווייז פאַרלייכטערט געוואָרען. דערפאַר האָט זיך אָבער דער פרויען־עלעמענט אין טרייד אויך געביטען, און פון אַ טרייד יוניאָן שטאַנדפּונקט, ניט צום בעסערען, נאָר צום ערגערען.

מיט דעם צושליסען די טויערען פון אמעריקא פאַר אייראָפּעאישע אימיגראַנטען איז פאַרשטאָפּט געוואָרען דער קוואַל, פון וועלכען די דרעס אינדוסטריע האָט געצויגען נייע רעקרוטען פאַר איהרע שעפּער. דער רעזול־טאַט איז, אַז אָנשטאָט די אידישע און איטאַליענישע פרויען, וועלכע האָבען פריהער צוזאַמענגעשטעלט די גרעסטע מאַיאָריטעט פון דרעס טרייד, נעמען דיזע פּלעצער איבער בּיסלאַכווייז שוואַרצע פרויען, וועלכע קומען אַריבער פון דער סאַוט, און די ווייסע אַמעריקאַנער פרויען פון די דערפער און קליינע שטעדטלאַך. די יונגע פרויען, וועלכע זיינען אויפ־געוואַקסען אין די לעצטע אַכט־צעהן יאָהר אין ניו יאָרק, כאָטש זיי קומען פון איינגעוואַנדערטע עלטערען, זיינען אויך אַמעריקאַנער אין זייער פּסי־כאָלאָגיע און אין זייער באַציהונג צו דער ארבייטער באַוועגונג. דעם דאָ־זיגען נייעם עלעמענט איז פיל שווערער צו אָרגאַניזירען.

---

## די לײדיס טײלאָרס יוניאָן פון ניו יאָרק.

די ליידיס טיילאָרס יוניאַן איז די יוניאַן פון די שניידער, וואס נייען די קליידער פאַר די רייכע פרויען. די ארבייטער פון דיזען פאַך האָבען נאָך אין די ניינציגער יאָהרען פון לעצטען יאָהרהונדערט געהאַט יוניאָנס. אין ניו יאָרק זיינען די ערשטע ליידיס טיילאָרס געווען דייטשע און איי־רישע אימיגראַנטען, שפּעטער אונגאַרישע און נאָכהער שניידער־אימיגראַנ־טען פון רוסלאַנד, פּוילען און ליטע.

אין יאָהר 1908 זיינען די ליידיס טיילאָרס געווען אָרגאַניזירט אונטער

די „אינדאַסטריעל וואָרקערס אָוו די וואָירלד“, וועלכע האָט געצעהלט ביי 800 אַרבייטער. זיי האָבען געהאַט פאַרשידענע שאָפּ סטרייקס, וועלכע זיי האָבען געוואונען. זייער יוניאָן דעלעגאַט איז אַ לענגערע צייט געווען אַ. סאָלאָווייאָוו, אַן אַרבייטער פון טרייד.

אין יאָהר 1909 איז דיזע לײדיס טײלאָרס יוניאָן אַרײנגעטראָטען אין דער אינטערנעשאָנאַל אַלס לאָקאַל 38. די יוניאָן האָט דאַן ווידער געפיהרט גרויסע שאָפּ סטרייקס און האָט זיי געוואונען.

אין יאָהר 1911 האָט די יוניאָן ערקלערט אַ גענעראַל סטרייק, אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט אַ פּאָר טויזענט אַרבייטער. די באַלע־באַטים האָבען דאַן געגרינדעט די „מוירטשענט טײלאָרס סאָסייטי“, מיט וועלכער לאָקאַל 38 האָט געסעטעלט דעם גענעראַל סטרייק דורך אַ „פּראָ־טאָקאָל“, לויט דעם פּלאַן פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. די שכירות פון אַ שניידער זיינען דאַן באַשטימט געוואָרען אַלס 26 דאָלאַר אַ וואָך, פון אַ העלפּער 18 דאָלאַר און פון די פרויען־העלפּערינס 16 דאָלאַר. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די 48 שטונדיגע אַרבייטס וואָך און עס איז אויך אָפּגעמאַכט געוואָרען, אַז יעדער סכסוך צווישען די אַרבייטער און באַלע־באָס זאָל געסעטעלט ווערען דורך אַרביטריישאַן.

אין יאָהר 1913 האָט לאָקאַל 38 ווידער געהאַט אַ גענעראַל סטרייק. דאַן איז דער „פּראָטאָקאָל“ אָפּגעבראָכען געוואָרען און דער סטרייק איז געסעטעלט געוואָרען דורך אַ קאָמפּראָמיס מיט אַ יוניאָן קאָנטראַקט אָהן אַ „פּראָטאָקאָל“. לויט'ן נייעם קאָנטראַקט האָבען די אַרבייטער צוריק באַ־קומען דאָס רעכט צו סטרייקען, ווען זיי וועלען עס געפינען פאַר נויטיג.

מיט איינינע יאָהר שפּעטער האָט די לײדיס טײלאָרס יוניאָן געוואונען די 44 שטונדיגע אַרבייטס וואָך. דאָס זיינען די יעצטיגע אַרבייטס שטונ־דען פון דיזע שניידער־אַרבייטער. זייערע שכירות זיינען איצט פון 75 ביז 90 דאָלאַר אַ וואָך. זיי האָבען אָבער אַרבייט ניט מעהר ווי זעקס מאָנאַטען אין יאָהר.

איינגאַנצען זיינען דאָ אַרום צוויי טויזענט אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין דעם טרייד. די איבעריגע זיינען ניט אָרגאַניזירט. דאָס זיינען די גרעסטע צאָהל פרויען, וואָס אַרבייטען ביי די טייערע פרויען קליידער צו אָרדער. עס זיינען אויך דאָ אַ סך קליינע שעפּער פון דעם פאַך, וועלכע זיינען ניט אָרגאַניזירט. אין די ניט אָרגאַניזירטע שעפּער אַרבייט מען לענגערע שטונדען. אין דעם טרייד איז פאַראַן אַ היבשע צאָהל איטאַליענער.

## די יוניאָן פון די רעגען־מאַנטעל אַרבייטער.

אין יאָהר 1910, ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער גענעראַל סטרייק פון די קלאָוקמאַכער, זיינען די ריינקאָוט מייקערס מיט ריינקאָוט סעמענ־טערס מיטגעשלעפּט געוואָרען אין סטרייק, ווייל די גרעסטע צאָהל פון זיי האָבען געאַרבייט אין קלאָוקס שעפּער. די צאָהל ריינקאָוט סטרייקערס איז געווען ביי אַכטצעהן הונדערט, צווישען זיי זיינען שוין געווען אַ זעקס הונדערט סעמענטערס.*)

ווען די קלאָוקמאַכערס האָבען געסעטעלט זייער גרויסען סטרייק מיט דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, האָבען אַלע ריינקאָוט מייקערס, וועלכע האָבען געאַרבייט אין די געסעטעלטע שעפּער, זיך גענומען אָרגאַ־ניזירען. עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ לאָקאַל יוניאָן נומער 20, אונטער דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

גלייך נאָך דעם סעטעלמענט פון קלאָוקמאַכער סטרייק איז אין ריינ־קאָוט טרייד, מען קען זאָגען איבער נאַכט, פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש. עס האָבען גענומען וואַקסען שעפּער, און אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען אויסגעוואַקסען אַ פיר־פינף הונדערט נייע שעפּער, די מייסטע פון זיי קליינע שעפּער. מען האָט גענומען אַרבייטען ריינקאָוטס אין סוועט־שעפּער, אין סעלערס, אויף די בוידימער. געאַרבייט דאָרט האָט מען הויפּטזעכליך די גאַנץ ביליגע סאָרטען ריינקאָוטס, וועלכע מען האָט פאַרקויפט צו צוויי דאָלאַר אַ שטיק.

אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז אויף דעם אָרט פון צוויי טויזענד, געוואָרען אַכט טויזענט ריינקאָוט מייקערס.

די ריינקאָוט מייקערס יוניאָן האָט אַבסאָלוט קיין מעגליכקייט ניט געהאַט צו נעמען אונטער איהר קאָנטראָל די מאַסען נייע שעפּער, וועלכע זיינען געוואַקסען ווי שוועמלאָך נאָך אַ רעגען.

דער ריינקאָוט טרייד האָט גענומען וואַנדערען פון ניו יאָרק אין אַלע גרויסע און קליינע שטעדט פון אונזער מדינה. מאַסען אַרבייטער פון ניו יאָרק האָבען גענומען פאָהרען זוכען אַרבייט אין אַנדערע שטעדט. דאָך איז דער צענטער פון ריינקאָוט טרייד פאַרבליבען אין ניו יאָרק.

---

*) אַ סעמענטער ווערט אָנגערופען דער בעל־מלאכה, וועלכער פערטיגט צו מיט אַזאַ בעמישען שטאָף דעם מאַנטעל, אַז דורך איהם זאָל ניט קענען דורכגעהן קיין נאַסקייט.

די גרעסטע ראָלע האָבען די רעגען־מאַנטעלמאַכער געשפּילט אין דער צייט פון דעם וועלט־קריג. אָט דאַן האָבען זיי פאַרנומען דעם אויבען־אָן. די ארמיי האָט געמוזט האָבען רעגענמאַנטלען, און צו יענער צייט זיינען צום ערשטען מאָל אויסגעטראַכט געוואָרען די „סליקערס", וועלכע זיינען איצט אויך פּאָפּולער אומעטום און הויפּטזעכליך ביי קאָלעדזש סטודענטען. אין מלחמה־צייט האָבען די דאָזיגע ארבייטער געמאַכט ניט נאָר רעגענ־מאַנטלען, נאָר אויך גאַז־מאַסקעס. דאָס איז אויך געווען די ארבייט פון די ריינקאוט מאַכער. א געניטער רעגענמאַנטעל־מאַכער האָט געקענט מאַכען ווער ווייסט וואָסערע פּרייזען, און זיי האָבען טאַקע געקראָ־גען אויך. און אָט אין יענער צייט טאַקע איז די יוניאָן זייערע אויפגעבויט געוואָרען ווי עס באַדאַרף צו זיין, און דער גאַנצער טרייד האָט זיך צובליהט אויף א וואונדערבאַרען אופן.

נאָך דער מלחמה איז די לאַגע געוואָרען ניט אזא פרעהליכע. די יוניאָן האָט אָנגעהויבען א ביסעל שוואַך ווערען, דער סעזאָן אין טרייד איז געוואָ־רען זעהר א קורצער און א היבשע צאָהל פון די רעגענמאַנטעל מאַכער האָ־בען זיך א נעם געטאָן צו אַנדערע, בעסערע מלאכות. א סך פון זיי זיינען אריין אין דעם קלאוק טרייד.

כמעט אַלע ארבייטער אין דעם טרייד זיינען אידען. און די מעהרסטע פאַבריקאַנטען זיינען אויך אידען. אין די קליינע שטעדטלאך זיינען דאָ אויך איטאַליענער אין דעם טרייד. פרויען־מיטגלידער אין דעם טרייד זיינען דאָ זעהר ווייניג.

אין די לעצטע פינף יאָהר איז דעם ריינקאָוט מאַכער לאָקאַל 20 גע־לונגען אויסצוקעמפען פאַר זיך בעסערע שטונדען און א גוטען געהאַלט. ארבייט מען טאַקע אין זייער טרייד שוין א לאַנגע צייט נאָר 40 שטונדען א וואָך. דער מינימום געהאַלט איז 45 דאָלאַר א וואָך, אָבער עס איז ניטאָ קיין איין ארבייטער, וואָס זאָל קריגען אזא געהאַלט. מען מאַכט פון 70 ביז 90 דאָלאַר א וואָך. אזא איינער וואָס מאַכט 60 דאָלאַר א וואָך, ווערט באַטראַכט פאַר א „קאַליקע". די סעמענטערס פון די רעגענמאַנטלען מאַכען איבער 100 דאָלאַר א וואָך, אָבער זייער סעזאָן איז א קלענערער, ווייל זיי זיינען דאָ נאָר ביי די סאַמע גוטע ארבייט. די אפּערייטאָרס דאַר־פען זיין גוטע בעלי־מלאכות, מען דאַרף צו דער ארבייט האָבען גוטע פינגער און מען דאַרף טאַקע האָבען קרעפטען אויך. אין די בעסערע שע־פּער זיינען אויך דאָ פינישערס, וואָס נייהען צו דעם אונטערשלאַק.

## דער קאַמף מיט די קאָמוניסטען און די „דזשאָינט עקשאָן קאָמיטע“.

אין די יאָהרען 1924־1925 איז דער איינפלוס פון די קאָמוניסטען צווישען די קלאוק און דרעס מאכער שטארק געשטיגען. אורזאכען זיי־נען פאר דעם געווען פילע. אין די לאָקאלס 2, 9 און 22, פון ניו יארקער דזשאָינט באארד, האָט געהערשט אַ שטאַרקע אומצופרידענהייט צווישען די מיטגלידער איבער פילע קריוודעס געגען די פיהרונגען פון דער דאמאלס־דיגער יוניאָן־אַדמיניסטראציע. די קאָמוניסטען, וועלכע זיינען געווען גוט אָרגאַניזירט אין די „טרייד־יוניאָן עדיוקיישאָנאל ליג“־גרופען, האָבען די דאָזיגע אומצופרידענהייט אויסגענוצט. זיי האָבען אויפגעכאפּט די קריוודעס פון די מיטגלידער און אויפגעהויבען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע גע־גען די אַלטע פיהרער פון דער יוניאָן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז עס איז זיי געלונגען צו פאַרכאַפּען די מאַכט אין די דריי דערמאָנטע לאָקאלס, און צו באַנוצען זי אויפצוהעצען די מיטגלידער און אויסצושפּרייטען זייער מאַכט אויך אין דזשאָינט באַארד.

פיל האָט געהאָלפען די קאָמוניסטען אין זייער העצעריי די שלעכטע אינדוסטריעלע לאַגע אין קלאוק טרייד און די אָנגעשטרענגטע באַציהונגען צווישען דער יוניאָן און די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָנס.

דער אַגרימענט צווישען דער יוניאָן און די מאַנופעקטשורערס איז אויסגעגאַנגען אין יאָהר 1924. די יוניאָן איז דאַן ניט געווען אין אַ לאַגע צו רופען אַ סטרייק און עס איז די פיהרער פון דער אינטערנעשאָנאל געלונגען צו פאַראינטערעסירען דעם דאַמאלסדיגען גאָווערנאָר פון ניו יארק, אַז ער זאָל באַשטימען אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל אונטערזוכען די לאַגע אין דער אינדוסטריע און די פאָדערונגען פוןביידע צדדים. די קאָמוניסטען האָבען אויפגעהויבען אַן אַגיטאַציע געגען דעם, אַז די יוניאָן זאָל זיך פאַר־לאָזען אויפ׳ן גאָווערנאָר׳ס קאָמישאָן, און זיי האָבען אויף אַ דעמאַגאָגישען אופן געהעצט די אַרבייטער אַרויסצושטעלען פאָדערונגען, וועלכע זיי האָבען געוואוסט, אַז מען האָט ביי די דאַמאלסדיגע באַדינגונגען ניט געקענט דערגרייכען.

דאָס האָט געהאַט אַ דעמאָראַליזירענדע ווירקונג אויף די מיטגלידער און דער קאָנטראָל פון דער יוניאָן אין די שעפער איז דורכדעם זעהר אָפּ־געשוואַכט געוואָרען.

פאַר די פיהרער און אַקטיווע מיטגלידער פון דער יוניאָן איז דאַן קלאָר געוואָרען, אַז כדי צו פאַרהיטען די יוניאָן פון אַ פאָלשטענדיגען צו־זאַמענברוך, און באַשיצען די אַרבייטס־באַדינגונגען אין די שעפער, מוז

מען אויסשנײַדען די קאָמוניסטישע געשוויר פון דעם יוניאָן קערפּער. אָבער אַנשטאָט ארויסצוקומען אָפען צו די מיטגלידער און אָנווײַזען זיי אויף די דעמאַגאָגישע טעטיגקייט פון די קאָמוניסטען און דעם שאָדען וואָס דאָס ברענגט דער יוניאָן און די ארבייטער; אַנשטאָט באַגעגענען זיי אויף אַ קלאָרע אישיו — אויב די יוניאָן זאָל פּאַרוואַלטעט ווערען פון די מעמ־בערס און זייערע ערוועהלטע בעאַמטע אדער זי זאָל זיך אונטערוואַרפען די הערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איהרע פּאָליטישענס — האָט די אַדמיניסטראַציע אויסגעזוכט אַ טעכנישע קלאַגע, פאַר אײַנלאָדען קאָמוניסטישע רעדנער צו אַן ערשטען־מאַי פייערונג, אַן אישיו וואָס איז בכלל ניט געווען פּאָפּולער צווישען די מעמבערס און האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז די יוניאָן פיהרער ווילען צענזורירען די פּאָליטישע מיינונגען און איבערצייגונגען פון די מיטגלידער.

די קאָמוניסטען האָבען זיך גאַנץ געשיקט באַנוצט מיט אָט דעם באַגאַנגענעם פעהלער פון דער אַדמיניסטראַציע. ווען די עקזעקוטיוועס פון די דריי לאָקאַלס זײַנען אויסגעשלאָסען געוואָרען, האָבען זיי זיך פאַר־אייניגט אין אַ „דזשאָינט עקשאָן קאָמיטע", וועלכע האָט אָנגעהויבען אַ ביטערען קאַמף מיט דער יוניאָן. די קאָמוניסטען האָבען צווישען די מעמ־בערס פאַרשפּרייט דעם געדאַנק, אַז די יוניאָן האָט זיי אויסגעשלאָסען כלומר׳שט דערפאַר, וואָס זיי האָבען פאַרטיידיגט די אינטערעסען פון די ארבייטער, דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט דערלאָזען, אַז מען זאָל העכערען די דיוס אָהן אַ רעפערענדום, און האָבען געפאָדערט בעסערע קאָנדיציאָ־נען אין די שעפּער. די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדע האָט פאַר׳סמ׳ט די מוחות פון פילע מיטגלידער, און ווען די קאָמוניסטען זײַנען נאָך דערצו ארויסגע־קומען מיט׳ן געשריי — „צאָהלט ניט קיין דיוס!" האָט עס זעהר שטאַרק אויסגענומען ביי אַ גרויסער צאָהל מיטגלידער.

די קאָמוניסטען האָבען דורך דער צייט געסטיידזשט ריזיגע דע־מאָנסטראַציעס אין די גרעסטע האָלס פון ניו יאָרק. די אינטערנעשאָנאַל אַדמיניסטראַציע איז געוואָרען שוואַכער אין איהר שטעלונג און האָט אָנגע־הויבען מאַכען קאָמפּראָמיסען. איזראַעל פיינבערג, דער דזשענעראַל מע־נעדזשער פון דער יוניאָן, וועלכער האָט אָפיציעל אריינגעבראַכט די קלאַגע געגען די דריי עקזעקוטיוועס, איז געצוואונגען געוואָרען צו רעזיגנירען פון זיין אַמט. אזוי האָט אויך געמוזט רעזיגנירען מאיר פּערלשטיין, דער פּאַרוואַלטער פון לאָקאַל 2. וואָס מעהר די אַדמיניסטראַציע פון דער יוניאָן האָט נאָכגעגעבען, אַלץ שטאַרקער האָבען זיך די קאָמוניסטען דערפיהלט, ביז נאָך אַ צעהן־וואָכיגען קאַמף האָט די אינטערנעשאָנאַל נאָכגעגעבען

אַלע פאָדערונגען פון דער דזשאָינט עקשאָן קאָמיטע. אַלע פּראָוויזאָרישע עקזעקוטיוועס און בעאַמטע האָבען רעזיגנירט און איבערגעגעבען די פיהרערשאַפט פון די ניו יאָרקער קלאוק און דרעס מאַכער יוניאָנס אין די הענט פון די קאָמוניסטען.

---

## דער גענעראַל סטרייק פון די קלאוקמאַכער אין יאָהר 1926 און די אויסשליסונג פון די קאָמוניסטען.

אום אויסצוראָטען די הפקרות פון דער דזשאָבינג־קאָנטראַקטינג סיסטעם אין ניו יאָרקער קלאָוקס טרייד, האָט די יוניאָן אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון „לימיטיישאָן אָוו קאָנטראַקטאָרס“. דאָס הייסט, אַז אַ דזשאָבער זאָל האָבען אַ באַשרענקטע צאָהל קאָנטראַקטאָרס — נאָר אַזוי פיל וויפיל ער קען באַשעפטיגען. דער געדאַנק פון דער יוניאָן איז געווען, אַז דער דזשאָבער זאָל זיך ניט קענען וואַרפען מיט זיין וואַרע וואו ער וויל, נאָר ער זאָל מוזען געבען אַרבייט צו זיינע שטענדיגע קאָנטראַקטאָרס.

אַזאַ איינאָרדנונג וואָלט ביז אַ גרויסען טייל אָפּגעשאַפט די ביטערע, בלינדע יאָגעניש נאָך אָרדערס, וואָס עס געהט איצט אָן צווישען די קאָנטראַקטאָרס. עס וואָלט אַרויפגעלייגט אַ פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף דעם דזשאָבער פאַר זיינע קאָנטראַקטאָרס, און דאָס מיינט אַ פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די שכירות אין די שעפער פון די קאָנטראַקטאָרס. די יוניאָן איז דאַן אַרויסגעקומען מיט איהר אינדוסטריעלען פּראָגראַם. עס האָט ווידער געהאַלטען ביי אַ גענעראַל־סטרייק. האָט דער דאַמאָלסטדיגער גאָווערנאָר פון ניו יאָרק סטייט, אַלפרעד סמיט, זיך אַריינגעמישט און האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל מאַכען אַ גרינדליכע אונטערזוכונג פון דער לאַגע אין קלאוק־טרייד און זאָל אויף דעם גרונד פון דער אונטערזוכונג רעקאָמענדירען וואָס פאַר אַ מיטלען עס זאָלען אָנגענומען ווערען צו שאַפען פרידען אין דער אינדוסטריע. די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון ערנסטע, אויפריכטיגע כלל־טוער. זיי האָבען געבראַכט צו אַ ציטווייליגער פאַרשטענדיגונג צווישען דער יוניאָן און אַלע אונטערנעהמער אין דער אינדוסטריע. זיי האָבען אויך אָנגעשטעלט עקספּערטען, וועלכע זאָלען אין דער זעלבער צייט שטודירען אַלע אומשטענדען פון דער קלאָוק אינדוסטריע, אַלע איהרע פּראָבלעמען, הויפּטזעכליך די לאַגע פון די אַרבייטער. נאָך אַ גענויער אויספאָרשונג האָבען די עקספּערטען אין אַ באַריכט באַשטעטיגט אַלץ וואָס די יוניאַן האָט באַהויפּטעט סיי וועגען דער דעמאָראַליזירענדער ווירקונג פון דער דזשאָבינג־סאָב־מאַנופעקטשורינג סיסטעם אויף דער אינ־

דוסטריע בכלל, סיי איהר אונטערגראָבונג פון די לעבענס־באַדינגונגען פון די ארבייטער. די עקספּערטען פון דער קאָמיסיע האָבען באַוויזען מיט ציפערען און פאַקטען דעם גוואַלדיגען פאַרלוסט פון צעהנדליגער מיליאָנען דאָלארס וואָס די אינדוסטריע האָט יעהרליך דורך דער אומנאַטירליכער צו־שפּליטערונג פון די שעפּער. זיי האָבען צו דעם באַוויזען, אַז די ארבייטער ליידען פון אַ כראָנישער ארבייטסלאָזיגקייט; די נויט פון די ארבייטער איז אַ שרעקליכע. שטיצענדיג זיך אויף דעם באַריכט פון די עקספּערטען האָט די קאָמיסיע רעקאָמענדירט, אַז די ארבייטס־געבער זאָלען נאָכגעבען די וויכטיגסטע פאָדערונגען פון דער יוניאָן און צווישען די רעקאָמענדאַ־ציעס זיינען געווען: די באַגרענצונג פון די צאָהל סאָב־מאַנופעקטשורערס; אויף ווי ווייט מעגליך אַ גלייכע צוטיילונג פון ארבייט צווישען אַלע סאָב־מאַנופעקטשורינג שעפּער לויט דער צאָהל ארבייטער, וואָס אַ שאָפּ באַשעפ־טיגט; ארבייט זאָל ארויסגעגעבען ווערען בלויז אין פעסט־איינגע־שטעלטע שעפּער, וועלכע זיינען רעדזשיסטרירט אין דער אינדוסטריע; ניט ארויסצוגעבען קיין שום ארבייט צו אנדערע פּלעצער, סיידען די באַשטענ־דיגע שעפּער וואָס ארבייטען פאַר אַ באַשטימטען דזשאָבער זיינען ביזי; אויך אַ העכערונג אויף די סקיילס פון די ווידזשעס.

צום אומגליק אָבער, זיינען אין יאָהר 1926, ווען דעם גאָווערנאָר'ס קאָמיסיע האָט ארייגעבראַכט איהרע לעצטע רעקאָמענדאַציעס, געשטאַנען ביים רו־דער פון דער יוניאָן אַזעלכע מענשען, וועלכע זיינען געווען שפּילצייג אין די הענט פון קאָמוניסטישע פּאָליטישענס. די לאַגע פון די קלאָוקמאַכער און דער אינדוסטריע, פון וועלכער זיי האָבען געדאַרפט מאַכען אַ לע־בען, איז די פּאָליטישענס ווייניג וואָס אָנגעגאַנגען. דער עיקר וואָס עס האָט זיי געקימערט איז געווען — אויף וויפיל די אָדער יענע האַנדלונג זייערע וועט פאַרגרעסערען דעם פּרעסטיזש פון זייער פּאַרטיי, אויף וויפיל דאָס וועט זיי אַליין, אלס פּאָליטישענס, ברענגען די מעהרסטע נוצען. עס האָט זיי ניט געאַרט, וואָס מיט זייער שפּילען פּאָליטיק שטעלען זיי אין קאָן דאָס ברויט און די לעבענס פון צענדליגער טויזענטער ארבייטער.

פאַר דער קאָמוניסטישער פּאָליטיק האָט זיך געפּאָדערט ארויסצו־פיהרען די קלאָוקמאַכער אין אַ גענעראַל־סטרייק אונטער אַלע אומשטענ־דען. אין אַ נאָרמאַלען צושטאַנד, אויף ארבייטער, וועלכע זיינען באַ־שעפטיגט און מאַכען אַ לעבען, קענען קאָמוניסטישע פּאָליטישענס ניט האָבען קיין איינפלוס. די קאָמוניסטישע פּראַזע אַפּעלירט בלויז צו אַזעל־כע, וועלכע זיינען פאַרצווייפעלט און צוטומעלט פון זייער פאַרצווייפלונג, צו אַזעלכע, וואָס ווערגען זיך מיט ליידען און דענקען ווייניג וואָס מען

דאַרף באמת טאָן, כדי פון די ליידען פטור צו ווערען. די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען זיך אָנגעזעצט אויף דער קלאוקמאכער יוניאָן, האָבען גע־אָרדערט זייערע אגענטען צווישען די קלאוקמאכער צו פּראָוואָצירען א סטרייק. זיי האָבען דאָס געטאָן און דער סטרייק איז ארויסגערופען גע־ווארען.

איבער דיזעלבע קאָמוניסטישע פּאָליטיק האָט מען יענעם סטרייק הויפּטזעכליך געריכטעט געגען די אינסייד מאנופעקטשורערס, אנשטאָט צו ריכטען איהם געגען די דזשאבערס. ניט זייענדיג פעהיג אָנצופיהרען א ווירקזאמען קאַמף, זיינען די קאָמוניסטען געגאנגען אויף דער ליניע פון קלענסטען ווידערשטאַנד, דאָרטען, וואו ס'איז לייכטער, כדי צו קענען נאָכ־דעם כאפּען א געבלאָפטען זיג. דער רעזולטאט איז געווען, אז די סאָב־מאנופעקטשורינג שעפּער, געסעטעלטע און ניט געסעטעלטע, האָבען גע־מאכט די ארבייט פון די דזשאבערס, און די דזשאבערס האָבען זעהר וויי־ניג געפּיהלט דעם סטרייק. פאר די דזשאבערס איז דאָס גאָר געווען א טובה. איבער דעם וואס די אינסייד־שעפּער זיינען געווען דורכ'ן סטרייק פּאראליזירט, האָבען די דזשאבערס געקראָגען מעהר אָרדערס און גע־מאכט גאָר גרויסע פּראָפיטען.

נאָך 19 וואָכען סטרייקען, האָבען די קאָמוניסטען געסעטעלט דעם סטרייק מיט די גרויסע מאנופעקטשורערס פון דער אסאָסיאיישאָן. זיי האָבען אָבער נאָכגעגעבען די באלעבאטים די וויכטיגסטע פאדערונגען, צוליב וועלכע דער סטרייק איז אייגענטליך גערופען געווארען.

מ'האָט פארלוירען די וויכטיגסטע פונקטען פון די רעקאָמענדאציעס פון גאָווערנאָר'ס קאָמיסיע, פונקטען, וועלכע מען האָט געקענט געווינען, און געווינען אָהן א סטרייק.

די באגרענצונג פון קאָנטראקטאָרס, אזוי ווי דער פּלאַן אָפּצושטעלען די פארמעהרונג פון קליינע שעפּער, איז אינגאנצען דער'הרג'עט געווא־רען. די דזשאבערס, וועלכע קאָנטראָלירען ארום 75 פּראָצענט פון דער פּראָדוקציע פון גארמענטס, האָבען אפילו ניט געוואָלט הערען פון א סע־טעלמענט. די גאנצע יוניאָן, צוזאמען מיט אַלע קאָנדיציאָנען, וואָס זיי־נען דורך אזוי פיל ביטערע אָנשטרענגונגען ערקעמפט געוואָרען, זיינען געשטאנען אין געפאר.

די אינטערנעשאָנעל האָט דעריבער איבערגענומען די גאנצע סיטו־אציע אין איהרע הענט, האָט באזייטיגט די קאָמוניסטען פון דער יוניאָן־פיהרערשאפט, און האָט אויך אָפּגעסעטעלט מיט די דזשאבערס און מיט די מאנופעקטשורערס. דערמיט איז געלונגען צו ראַ־

טעווען די יוניאָן, און וואָס עס איז נאָך געזיִען מעגליך צו ראַטעווען, וואָס איז שייך צו אַרבייטס־באַדינגונגען. דער הויפּט־ציל אָבער, דער ציל, צו וועלכען די יוניאָן האָט געשטרעבט — די באַגרעניצונג פון קאָנ־טראַקטאָרס — איז שוין געווען פאַרלוירען. דיזער ציל האָט זיך נאָך מעהר דערווייטערט. ניט נאָר איז די צאָל סאַב־מאַנופעקטשורינג שעפּער ניט פאַרקלענערט געוואָרען, נאָר דורך דער פאַרברעכערישער סטרייק־טאַקטיק פון די קאָמוניסטען איז די צאָהל פון אַזעלכע שעפּער פיל פאַרגרעסערט געוואָרען. דער סטרייק האָט געשאַפען אַ געלעגענהייט אַריינצוקומען אין ניו יאָרקער קלאָוק־מאַרקעט פאַר הונדערטע נייע סאַב־מאַנופעקטשורערס. און, נאַטירליך, וואָס מעהר עס ווערט זייער צאָהל, אַלץ קלענער ווערען בכלל די שעפּער, און וואָס קלענער די שעפּער, אַלץ גרעסער די דעמאָ־ראַליזאַציע, אַלץ שווערער איז די אינדוסטריע צו קאָנטראָלירען און אַלץ ערגער ווערט די לאַגע פון די אַרבייטער.

דריי און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר האָבען די קאָמוניסטען אויסגעגעבען אין דעם קלאָוק מאַכער סטרייק פון יאָהר 1926 און זיי האָבען קיין מאָל ניט אָפּגעגעבען קיין שום חשבון פון דיזער ריזיגער סומע געלט. מען ווייס נאָר, אַז געלט איז געפּלאָסען ווי וואַסער: וויפיל עס איז אַריינגעקומען איז אַלץ געווען ווייניג. מ'ווייס, אַז אַנדערע יוניאָנס האָ־בען בייגעשטייערט איבער 120 טויזענט דאָלאַר פאַר דעם סטרייק אויף דעם אַפּיל פון דער אינטערנעשאָנעל; אַז דער „פאָרווערטס", דער אַרב. רינג, די מיינערס יוניאָן, די אַמאַלגאַמייטעד, די פּאָריערס, די קעפּ און מילינערי אַרבייטער, די פּאַקעט־בוך אַרבייטער, די נעקווער־מאַכער — אַלע האָבען געגעבען געלט פאַר דעם סטרייק מיט אַ פולער האַנט, כאָטש די קאָמוניסטען האָבען געהאַלטען אין איין זידלען די אַלע אָרגאַניזאַציעס און געזאָגט אַז מ'גיט ניט גענוג.

דריי און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר! — קיין מאָל האָט אַ אידישער סטרייק ניט אָפּגעקאָסט אַזוי פיל געלט. קיין מאָל האָבען די סטרייקערס ניט געקראָגען אַזאַ קליינעם טייל שטיצע פון די סטרייק־געלד. קיין מאָל איז אַזוי ווייניג אויפגעטאָן געוואָרען צו העלפען דעם סטרייק, און אַזוי פיל צו שעדיגען איהם.

זינט די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט זיך געגריינדעט, האָבען די באַלע־באַטים אימער געזוכט אַ פרייע האַנט צו ענטזאָגען אַרבייטער פון זייערע שעפּער. אַלע גרויסע סטרייקס און לאָק־אויטס אין דעם קלאָוק טרייד האָ־בען זיך געדרעהט נאָר אַרום דעם איין פונקט פון „הייער ענד פייער".

„גיט אונז אָט די איינע פּריווילעגיע", האָבען די באַלעבאַטים גע'טענה'ט, „און מיר וועלען זיין גרייט נאָכצוגעבען אַלע פאָדערונגען פון דער יוניאָן!"

די יוניאָן האָט שטענדיג באַקעמפט דיזע פאָדערונג, און האָט שטענדיג געוואונען, — ביז עס איז געקומען דער סטרייק פון 1926. אין דעם אַגרימענט וואס די קאָמוניסטען האָבען נאָכ'ן סטרייק געשלאָסען מיט די אינסייד מאַנופעקטשורערס, איז איינגעשריבען געווארען דער פונקט פון „ריאָרגאַניזיישאָן", וואס גיט די מאַנופעקטשורערס אַ רעכט צו „רעאָרגאַניזירען" זייערע שעפּער און אַרויסוואַרפען 10 פּראָצענט פון זייערע אַרבייטער צוויי מאָל אַ יאָהר.

ווער עס איז באַקאַנט מיט דער פּראַקטישער ארבייט פון אַ יוניאָן, קען פאַרשטעהן וואס פאַר אַ שרעקליכע רעזולטאַטען דאָס האָט געבראַכט. די שאַפּ-טשערלייט און די אַנדערע גוטע יוניאָן-לייט זיינען געווען די ערשטע מאַרטירער. זיי האָט מען די ערשטע ארויסגעוואָרפען פון די שעפּער אין די ריאָרגאַניזיישאָנס. און די יוניאָן האָט זיך ניט געקענט אָננעמען פאַר זיי. איינער וואס האָט אָפּגעהיט די יוניאָן קאָנדישאָנס און האָט ניט געלאָזט דעם באַלעבאָס באַגעהן קיין פאַרברעכענס, האָט געוואוסט אַז ער מעג זיך געזעגענען מיט זיין דזשאָב, ווייל דער באָס וועט זיך מיט איהם זיכער אָפּרעכענען, ווען דער מאָנאַט פון ריאָרגאַניזיישאָנס וועט אָנקומען. פילע, פילע גוטע יוניאָן-לייט זיינען געווען געצוואונגען צוצוזעהן אַלערליי געמיינהייטען, פאַרשטיקען זייער וועהטאָג און שווייגען. זיי האָבען געמוזט אויפגעבען זייער טעטיגקייט אין דער יוניאָן אויס מורא פאַר די ריאָרגאַניזיישאָנס.

עס האָט גענומען פיר-און-צוואַנציג יאָהר (פון 1886 ביז 1910) אויפצובויען אַ קלאָוקמאַכער יוניאָן, צו וועלכער עס זאָלען געהערען אַלע אַרבייטער פון טרייד, אָהן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע, און וועלכע זאָל קאָנטראָלירען די ארבייטס-באַדינגונגען ניט בלויז אין גרייטער ניו יאָרק, נאָר אין אַלע קלאָוק-צענטערס פון גאַנצען לאַנד.

ביז 1910 האָבען די אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטע ארבייטער געקוקט אויף די אידישע אימיגראַנטען ווי אויף מענשען, וואס טויגען זיך אויס בלויז צו זיין פּעדלערס אָדער קליינע ביזנעסלייט. זיי האָבען ניט געגלויבט אַז זיי זיינען אָרגאַניזאַציאָנס-פעהיג. זיי האָבען זיי געהאַלטען פאַר מענשען, וועלכע מען קען ניט אָרגאַניזירען אין יוניאָנס, און וועלכע קענען קיין יוניאָנס ניט אויפהאַלטען, אפילו ווען מען אָרגאַניזירט זיי שוין

יא. דורך די פיר־און־צוואנציג יאָהר, פון 1886 ביז 1910, האָט מען די קלאָוקמאַכער עטליכע מאָל אָרגאַניזירט, נאָר זייערע יוניאָנס האָבען קיין קיום ניט געהאַט. זיי פלעגען עקזיסטירען א פּאָר סיזאָנס און נאָכהער פלעגען זיי זיך צופאַלען.

* * *

די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז זעכצעהן יאָהר לאַנג (פון 1910 ביז 1926) געוועזען איינע פון די גרעסטע יוניאָנס אין אמעריקא. זי האָט געהאַט דעם רעספּעקט פון די ארבייטער, פון די באָסעס, און פון דעם אַל־געמיינעם פּובליקום. די וויכטיגסטע מענשען אין לאַנד זיינען געווען סימ־פּאַטיש צו איהר און די גרעסטע צייטונגען פריינדליך צו איהר. אזעלכע מענער ווי ריכטער בראַנדייס, ריכטער מעק, לואיס מארשאַל, סע־מועל אונטערמייער, פּראָפעסאָר פעליקס אדלער, האָבען אָפּגעגעבען זייער צייט און זייערע פעהיגקייטען פאר איהר. אזעלכע צייטונגען ווי די ניו יאָרקער „טיימס", „וואָירלד", „טריביון". האָבען זייערע נייעס און עדי־טאָריעל פּיידזשעס געהאַט אָפען פאר איהר.

פּראָפעסאָרען, גאָווערנאָרס, סיטי מעיאָרס, קאָנגרעסלייט, סענאַטאָ־רען און זאָגאר פּרעזידענטען פון די פאראייניגטע שטאַאַטען האָבען איהר באוואונדערט און האָבען ארויסגעצייגט פריינדליכקייט צו איהר.

די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז געווען אויף אַלעמענס ליפּען. יעדער וואָס האָט געוואָלט צייגען דעם פּראָגרעס פון די אידישע אימיגראַנטען, האָט גענומען אלס ביישפּיל די קלאָוקמאַכער יוניאָן.

די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז אויך געווען איינע פון די שטאַרקסטע יוניאָנס אין אמעריקא. זי האָט ארויפגעהויבען די שכירות פון די ארבייטער אויף מעהר ווי 200 פּראָצענט. זי האָט רעדוצירט די ארבייטס־צייט פון 70 אויף 44 שטונדען א וואָך. זי האָט באַשיצט די ארבייטער געגען אונגע־רעכטע דיסטשאַרדזשעס. זי האָט דורכגעפיהרט דעם פּרינציפּ, אז ארבייט זאָל ווערען צוטיילט צווישען אַלע ארבייטער אין שאָפּ גלייך. זי האָט געגרינדעט א באָארד און סאַניטאַרי קאָנטראָל, אכטונג צו געבען אויף די ריינליכקייט אין די שעפּער און א העלטה סענטער, וואו ארבייטער זאָ־לען פאר א קלייניגקייט קריגען ריכטיגע מעדיצינישע באהאנדלונג. זי האָט איינגעפיהרט אן ארבייטסלאָזען פאַרזיכערונג־פאָנד, זי האָט געגרינדעט אן אייגענעם עדיוקיישאָנעל דעפּאַרטמענט. זי האָט עטאַבלירט איהר איי־גענע באַנק, זי האָט געקויפט א פּראַכטפולען פּלאַץ אין די בערג, וואו די ארבייטער זאָלען קענען פאַרברענגען זייער וואַקיישאָן. און נאָך און נאָך.

די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז אויך געווען די ליבעראַלסטע יוניאָן אין

אמעריקא. עס איז נישט געווען א סטרייק וואס זי האָט נישט געשטיצט, א „דרייוו" צו וועלכען זי האָט נישט ביינעשטייערט, און אַ ליבעראלע באווע־גונג, וועלכע זי זאָל נישט האָבען מיטגעהאָלפען. דורך די 16 יאהר, פון 1910 ביז 1926, האָט זי געהאָלפען אנדערע אָרגאַניזאציעס מיט א סומע פון איבער אנדערטהאַלבען מיליאָן דאָלאר. זי האָט ביינעשטייערט מעהר ווי אַ פערטעל מיליאָן דאָלער צו די דרייווס פון דער דזשאינט דיסטרי־ביושאָן קאָמיטע. זי האָט געשטיצט די מענער שניידער מיט איבער 150 טויזענד דאָלאר, די מיינערס מיט 100 טויזענד דאָלאר, די שטאָל אַרבייטער מיט 60 טויזענד דאָלאר, און הונדערטע אַנדערע יוניאָנס און אינסטיטוציעס מיט סומען וועלכע האָבען באַטראָפען אין די צעהנדליגער טויזענדער דאָלארס.

אין אונזערע יוניאנס האָט זיך אימער געפונען אן עלעמענט וואס איז געווען געשטימט געגען געוויסע פיהרער און פיהרונגען. ביי די מיטינגען פון די אידישע יוניאנס האָט מען אימער געקענט הערען היציגע דעבאטען און דיסקוסיעס איבער טרייד און יוניאָן פראגען און זאָגאר איבער פּאָ־ליטישע פראגען.

ווען עס איז אָבער געקומען צו פּראַקטישע יוניאָן ארבייט — האָט מען געזעהן איין מיינונג, איין גייסט און איין נשמה. קיין איינ־ציגער וואָלט נישט געוואגט אפילו צו זאגען, אז דערפאר, וואס ער איז נישט איינפארשטאנען מיט אַ פיהרער אדער מיט אַ געוויסע פיהרונג, אז דערפאר וועט ער נישט אַרונטערגעהן אין סטרייק ווען די יוניאָן וועט איהם רופען, אדער סטראשען מיט גרינדען אַ נייע יוניאָן. אזא איינער וואָלט זיך דאן פשוט געשעמט דאָס גאָר ארויסברענגען אויף זיינע ליפּען.

אמת, פון צייט צו צייט פלעגען זיך יאווען „משיחים", וועלכע פלע־גען זוכען צו גרינדען נייע אָפּאָזיציאָנס יוניאנס, מיט דעם אויסרייד, אַז אונזערע יוניאנס זיינען נישט פּראָגרעסיוו גענוג, נישט רעוואָלוציאָנער גענוג.

אָבער יענע זיינען קיינמאָל נישט געגאנגען אזוי ווייט אין זייערע אַטאַ־קעס אויף די יוניאנס, ווי די קאָמוניסטען געהען.

כדי צו גרינדען אָפּאָזיציאָנס יוניאנס און כשר'ן סקעבעריי, האָבען די קאָמוניסטען אָנגעפיהרט אַ סיסטעמאטישען קאמפּיין געגען די פיה־רער פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן און אַנדערע אידישע יוניאנס, צו פּאר־מיאוס'ען זיי אין די אויגען פון די ארבייטער. מען האָט אָנגעהויבען דערצעהלען די ארבייטער, אז זייערע פיהרער זיינען פאררעטער, אז זיי פארקויפען די יוניאָן אינטערעסען צו די באָלעבאָטים. מען האָט פּאר־

שפּרייט דעם ליגען, אז ווען ניט אַט די „רעאקציאָנערע פיהרער" וואָל־
טען די ארבייטער געלעבט ווי אין גן־עדן.

ווי געזאָגט, זיינען די קאָמוניסטען באזייטיגט געוואָרען פון דער
קלאָוקמאַכער יוניאָן און פון די אנדערע יוניאָנס פון דער אינטערנעשאָ־
נאַל ליידיס גארמענט וואָירקערס יוניאָן, אָבער די אַלע יוניאָנס זיינען
זעהר אָפּגעשוואַכט געוואָרען פון דעם ברודער־קאַמף.

אין אָנפאַנג פון יאָהר 1929, האָבען קאָמוניסטען אויפ'ן באַפעהל פון
קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאַל, געגרינדעט א נייע נאציאָנאַלע אָפּאָזי־
ציאָנס יוניאָן מיט דעם קלינגענדיגען נאָמען די „נידעל טריידס אינדאָס־
טריעל יוניאָן", געריכטעט געגען דער קלאָוק און דרעס ווי אויך געגען
דער פאַריערס יוניאָן.

## די ווידער־געבורט פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

דעם 2טען יולי, 1929, האָט די ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן פון
דער אינטערנעשאָנעל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס, ערקלערט א גענעראַל
סטרייק אין טרייד. די ארבייטער, זייענדיג מיד פון זייערע ליידען אין
די שעפּער פאַר די קאָרגע פיר יאָהר פון דער קאָמוניסטישער הערשאַפט און
דעם קאַמף געגען זיי, האָבען אַלע געוואָרפען די ארבייט אויפ'ן רוף פון דער
יוניאָן. איבער 25 טויזענד קלאָוקמאַכער זיינען ארונטער אין סטרייק. די
פאַרזוכען פון די קאָמוניסטען צו שעדיגען דעם סטרייק זיינען ניט גע־
לונגען. אין צוויי וואָכען צייט איז דער יוניאָן געלונגען צו סעטלען מיט
די אַסאָסיאַשאָנס פון די באַלעבאַטים, דורך דער הילף פון גאָווערנאָר
רוזוועלט און ליוטענאַנט־גאָווערנאָר לעהמאַן. פאַרבעסערונגען אין אגרי־
מענט זיינען ניט פיל געמאַכט געוואָרען. דער עיקר געווינס איז אָבער
געווען דאָס, וואָס די יוניאָן האָט צוריקגעוואונען דעם קאָנטראָל איבער'ן
טרייד. די אומפּארטייאישע קאָנטראָל קאָמיסיע, וואָס איז געשאַפען גע־
וואָרען האָט געגעבען דער יוניאָן א מעגליכקייט פּטור צו ווערען פון די
סקעב־און סוועט־שעפּער, וועלכע זיינען ענטשטאַנען דורך דער צייט, ווען די
יוניאָן איז שוואַך געווען.

דער סטרייק און סעטלמענט פון יאָהר 1929 האָט אָנגעהויבען א
נייע עפּאָכע פון אויפלעבונג אין דער אינטערנעשאָנעל ליידיס גארמענט
וואָירקערס יוניאָן און קען לויט זיין וויכטיגקייט פארגליכען ווערען מיט'ן
היסטאָרישען סטרייק פון יאָהר 1910.

אין דעם ליידיס גארמענט טרייד (פרויען קליידער) ווערען דאָ אין
לאַנד און אין קענעדע באשעפטיגט אויך די זעלבע צאָהל ארבייטער, ווי

אין'ם מענער קליידער פאך, אונגעפער אריבער 200,000 ארבייטער מענער און פרויען. לויט אָפיציעלע ציפערען זיינען אין 1926 געווען אין לאנד 466,000 שניידער ארבייטער ביי ביידע פאכען פון מענער און פרויען קליידונג. אָרגאניזירטע ארבייטער פון דיזער צאָהל זיינען אין 1926 געווען 362,400.

זעכציג פראצענט פון די פרויען קליידער ארבייטער אין לאנד זיינען נאָך איצט אידען. איטאליענער זיינען אין דעם פאך פאראנען ביי א צוואנציג פראצענט און די איבעריגע זיינען פון פארשידענע אנדערע נאַציאָנאליטעטען. א באדייטענדער פראצענט פון זיי זיינען אמעריקאניזירטע פרויען.

אין גרייטער ניו יארק, וואו עס געפינט זיך דער גרעסטער צענטער (מארקעט) פון פרויען קליידער ווערען באשעפטיגט א פינף און זעכציג טויזענד ארבייטער. לעצטענס זיינען אין די שעפער פון דרעסעס, ווהייט גודס און אנדערע פרויען קליידער אריינגעקומען א היבשע צאָהל נעגערשע פרויען, וועלכע קלייבען זיך אריין אין ניו יאָרק פאמיליענוויז, אנקומענדיג אהער פון דער סאוט.

נאָך היינט צו טאָג איז אין די צוויי גרעסטע צענטערס פון די נאָדעל־אינדוסטריען די מערהייט פון די ארבייטער אידען. פריהער אָבער זיינען דיזע אינדוסטריען געווען אויסשליסליך ריין־אידישע טריידס, און איצט ווערען זיי פון יאהר צו יאהר אלץ וויינינגער אידישע, דאָס הייסט, דיזע ארבייט גליטשט זיך אוועק פון די אידען.

# די אידישע בעקער־יוניאָנס.

די ערשטע אידישע בעקער יוניאן אין אמעריקא. — די שרעקליכע באדינגונגען אונטער וועלכע די אידישע בעקער־ארבייטער האָבען געארבייט אין די 80-יגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. — די אמאָליגע אידישע בעקער־יוניאנס אין ניו יארק. — די אידישע בעקער יוניאן פון די „אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד.” — דער היסטאָרישער סטרייק פון יאָהר 1909. — די געשיכטע פון דער יעצטיגער בעקער יוניאן לאָקאל 500. — די אידישע בעקער יוניאנס אין די אַנדערע שטעדט.

שוין אין יאָהר 1887 האָבען די אידישע בעקער געהאַט אָרגאַניזירט די ערשטע בעקערס יוניאן אין ניו יארק. זיי פלעגען זיך אלע דאן פאַרזאַמלען אין א ביער־סאַלון אויף לודלאָוו, קאָרנער העסטער סטריט. דאָרטען אין סאַלון האָט מען שטענדיג געקענט טרעפען פילע בעקערס. דאָרט פלעגען זיי זייערע צרות פארטרינקען מיט ביער.

יענע בעקער ארבייטער זיינען באַשטאַנען פון א גאַנץ אנדערען עלעמענט ווי די היינטיגע בעקערס. די גרעסטע צאָהל פון די אַמאָליגע אידישע בעקערס זיינען געווען פון דייטש־פוילען, פון גאַליציע און פון אונגאַרן. ווייניגע זיינען געווען פון רוסיש־פוילען. אין אלגעמיין איז אין ניו יאָרק נאָך דאַן געווען זעהר א קליינע צאָהל אידישע בעקער־אַרבייטער, ווייל די אידישע באַפעלקערונג אין ניו יארק איז נאָך דאַן געווען פארהעלטניסמעסיג זעהר קליין.

ווען איך בין געקומען אין אמעריקע, זיינען אויף דער ניו יארקער איסט סייד געוועזען בלויז עטליכע אידישע בעקערייען. אין 99 העסטער סטריט איז דאן געווען א אידישע בעקעריי, צוזאמען מיט א שפייז־קעלייטעל. געבאַקען האָט מען די ברויט אין א טיפען קעלער, וואו עס האָבען געארבייט א 3-4 אידישע בעקער־ארבייטער. דער באַלעבאָס פון יענער בעקעריי איז געווען אַ געוויסער בלאָך, אַ אידישער אימיגראַנט פון רוסיש־פוילען, וועלכער איז שוין דאן, מיט 47 יאהר צוריק, ניט געווען קיין גרינער אין אמעריקע. א צווייטע אידישע בעקעריי, געדענק איך, איז געווען אויף העסטער, לעבען עלדרידזש סטריט. דאָרטען פלעגען די גרינע געהן

קויפען ביליג גוטע שווארצע ברויט, צוויי פונט פאר 3 סענט. א דריטע אידישע בעקעריי איז געווען אויף העסטער, קאָרנער לודלאָוו סטריט. איהר אייגענטימער איז געווען א רויטער. האָט מען איהם גערופען דער „רויטער בעקער". ביי איהם פלעגט מען באקען אויף שבת זיסע קוילישעס און די גרינע אידישע אימיגראנטען פלעגען זיך אָפט קוויקען מיט די „זיסע חלה". עס זיינען אויך געווען נאָך א פּאָר אידישע בעקערייען אין דער ערשטער אידישער געטאָ אויף באיארד סטריט, צווישען קריסטי און די־וויזשאָן סטריט, וואו די בעקער באלעבאָטים זיינען געווען דייטשע און בעהמישע יאהודים.

די אידישע בעקער־ארבייטער האָבען אין יענע יאהרען געארבייט 17־18 שעה אין מעת־לעת אין די פינסטערע טיפע קעלערס. ווען דער בעקער פלעגט מאכען די טייג, פלעגט ער דארפען ווארטען 10 שעה ביז די טייג פלעגט אויפגעהן אום צו קענען פון איהר מאכען ברויט. פלעגט ער דער־ווייל אוועקגעהן אין א רעסטאָראַן אָדער אין א ביער־סאַלון.

דעמאָלט איז נאָך ניט געווען אין מארקעט די היינטיגע הייוועז, וועלכע טרייבט אויף די טייג אין צוויי־דריי שעה צייט. די דאמאלס־דיגע בעקער פלעגען מאכען אייגענע הייווען פון האָפּס און צוקוועטשטע קארטאָפלעס אויסגעמישט מיט מאַלץ. די אייגענע געמאכטע הייווען פלעגט זעהר לאנגזאם אויפבורענען די טייג.

ערשט אין יאהר 1886 האָט די „פליישמאַן איסט קאָמפּאַני" אריינגע־בראכט אין אמעריקא די נייע הייוועז, וואס מען רופט „קאָמפּרעסד איסט". די אמאָליגע בעקער־באלעבאָטים פלעגען ניט וועלען קויפען די נייע פליישמאַן הייווען, ווייל זיי האָבען עס באטראכט פאר אן איבע־ריגער הוצאה. דער ארבייטער פלעגט דאָך מאכען אייגענע הייווען, און גלאַט, וואס האָט עס א בעקער־באלעבאָס געארט, אז זיינע בעקער־שקלאָ־פען האָבען זיך ארומגעוואלגערט 18־20 שעה אין מעת־לעת אין דער קע־לער־בעקעריי ביז די ברויט איז פארטיג געווארען פון אויווען.

עס פלעגט דאן אויך נעמען מעהר צייט צוצופערטיגען און אויסצובאַ־קען דאָס ברויט, ווייל עס זיינען דאן נאָך קיינע מאשינען ניט געווען, און די געבעקס האָט געדארפט געמאכט ווערען אויסשליסליך מיט די הענט.

הויפּטזעכליך פלעגט ביי א בעקער נעמען פיל צייט דער וועגען פון די טייג פאר די ראָלס (זעמעל) און פאר די ברויטען. (היינט צו טאָג זיי־נען פאראַן מאשינען, וואס קלאַפּען אוים די שטיקלאך טייג פאר זעמעל אַלע פון איין מאָס און איין וואָג.) אמאָל אָבער פלעגט עס נעמען 6 שעה ביז מען האָט די טייג צוגעפערטיגט צום זעצען אין אויווען.

די אמאליגע בעקער פלעגען אויך האבען צרות מיט די אלט־מאדישע אויוועגס. זיי פלעגען ניט קענען קאנטראלירען די געבאקטע ברויט. עס פלעגט נעמען שטונדען לאנג ביז זיי פלעגען איינהייצען דעם אויווען, אזוי אז ער זאל גוט באקען. אמאל פלעגען די לעבלעך ברויט ארויסקומען רויהע פון אויווען, און אנדערש מאל פארברענט, אבער ווען עס איז ערפונ־דען געווארען דער „פעטענט" אויווען, וועלכער ווערט געהייצט מיט קוי־לען און אין די גרויסע בעקערייען מיט סטים (פארע) אדער מיט עלעק־טריק, און די היץ ווערט רעגולירט מיט א גראדוסניק, זיינען די איבלען אפגעשאפט געווארען. ביי די נייע אויוועגס געהט אלץ גרינג, שנעל און גוט, און מען גיט ארויס פון די אויוועגס יוניפארם־ברויט.

דערפאר אבער מוז דער היינטיגער בעקער־ארבייטער אין 8 שטונ־דען ארויסגעבען דריי, פיר מאל אזוי פיל געבעקס, ווי דער אמאליגער בע־קער פלעגט ארויסגעבען אין 18 שעה.

פילע פון די אמאליגע אידישע ארבייטער פלעגען ארבייטען ביים בא־לעבאס מיט עסען און קווארטיר און פלעגען נאך פונאנדערטראגען די גע־בעקס אין די גראסערי סטארס. די רעגולע ארבייטעס־שטונדען, פון די בעקער זיינען, ווי שוין געזאגט, געווען 18 שעה אין א מעת־לעת, דאס איז געווען אין די נעכט פון אנפאנג וואך, ווען עס איז אבער געקומען בעהענטער צו ערב־שבת, אזוי פלעגט זיך אנפאנגען דאנערשטאג אין דער פריה, וואס מען פלעגט רופען „א טאג ארבייט", און ענדיגען זיך פלעגט ער פרייטאג, 12 אזייגער בייטאג. די פארדינסטען פון א בעקער זיינען דאן געווען 6־7 דאלאר א וואך.

די ערשטע אידישע בעקער יוניאן אויף דער איסט סייד איז געגרינ־דעט געווארען פון א געוויסען מיסטער בלאק, דער ערשטער אינטער־נאציאנאלער סעקרעטאר פון דעם בעקער־פארבאנד,*) וועמעס אפיס האט זיך געפונען אין ניו יארק. דאס איז געווען ווינטער צייט, אין יאהר 1887. דעם סעקרעטער פון בעקער־פארבאנד איז אבער דאן ניט געפעלען געווארען דער סאלון, וואו די בעקער ארבייטער פלעגען זיך אויפהאלטען, האט ער פאר דער אידישער בעקער יוניאן גענומען א האל און א לייבאר ביורא אין אן אנדער סאלון, אין 68½ ארטשארד סטריט. יענע ערשטע אידישע בעקער יוניאן איז טאקע דאן צופאלען געווארען צוליב די צוויי

---

*) דער אינטערנאציאנאלער בעקער־פארבאנד איז געגרינדעט געווארען אין ניו יארק, אין מאי, 1886. די גרינדער זיינען געווען דייטשע (קריסטען) אימי־גראנטען.

ביער־סאַלונס, ווייל דער אַלטער סאַלון־קיפּער האָט צוריק אריינגעקראָגען די בעקער־ארבייטער צו זיך אין שענק אריין, און אין יאָהר 1888 האָט זיך די יוניאָן אויפגעלייזט, ווייל די יוניאָן־לייט האָבען ניט געוואָלט געהן צו די פאַרזאַמלונגען אין 68½ אָרטשאַרד סטריט. עס זיינען געווען צוויי פּאַרטייען. איינע האָט געוואָלט דעם אַלטען סאַלון און די צווייטע — דעם נייעם סאַלון, און אַזוי ווי די פּאַרטיי פון דעם אַלטען ביער־סאַלון איז געווען אַ גרעסערע, האָט די בעקער יוניאָן ניט געהאַט גענוג מיטגלידער, און זי האָט זיך סוף כל סוף אויפגעלייזט.

שפּעטער, ווען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט שוין עקזיסטירט אַ יאָהר צייט, האָט די געווערקשאַפטען אָרגאַניזירט אַ נייע אידישע בעקער יוניאָן. דאָס איז געווען לאָקאַל 31 פון בעקער פאַר־באַנד. די דאָזיגע יוניאָן האָט אין יאָהר 1890 געציילט איבער 400 מיט־גלידער.

לאָקאַל 31 פון דעם בעקער פאַרבאַנד האָט דאַן באַוויזען אויסצוקעמ־פען אַז די 7־טעג־אַ־וואָך ארבייט זאָל אָפּגעשאַפט ווערען און שבת איז געוואָרען ביי די אידישע בעקער אַ טאָג פון רוה. אין יענע צייטען איז עס געווען אַ באַדייטענדער אויפטו. לאָקאַל 31 האָט אויך דאַן איינגע־פיהרט דעם יוניאָן לייבעל אויף ברויט און די ארבייטער פון די אַנדערע טריידס האָבען זיי אין דעם פיל געהאָלפען.

די ארבייטס־באַדינגונגען אין יענע קעלער־בעקערייען זיינען געווען שרעקליכע. פון די ווענט פלעגט כסדר גיסען, און איבערן׳ קעלער פלע־גען כסדר ארומלויפען ראַצען. די ארבייטער פלעגען דאַרפען אויסאַר־בייטען צופיל דייזעם מיט טייג יעדע נאַכט. די שרעקליכע ארבייטס־באַדינגונגען פלעגען די אָרימע בעקער ארבייטער שנעל טרייבען אין קבר אריין.

לאָקאַל 31 פון בעקער פאַרבאַנד האָט געהאַט צוויי פיהרער: מ. יא־קובאָוויטץ און ז. דאַנילעוויטש. יאַקובאָוויטץ איז געווען אַ רייטשער יאַהודי. ער איז געווען דער סעקרעטער און ביורא־פאַרוואַלטער פון דער יוניאָן (ער איז שוין איצט טויט). דאַנילעוויטש („זלמן דייטש" האָט מען איהם גערופען), וועלכער איז געווען אַ געבוירענער פון דייטש־לאַנד, איז געווען דער וואָקינג־דעלעגאַט פון דער יוניאָן. (דאַנילעוויטש איז יעצט 85 יאָהר אַלט. ער געפינט זיך אין אַ ניו יארקער מושב זקנים.)

איך געדענק אַ פאַל, ווי דער סעקרעטאַר יאַקובאָוויטץ איז געקומען צולויפען אין אָפיס פון די געווערקשאַפטען דערצעהלען, אַז אַ בעקער

אַרבײַטער איז אין מיטען נאַכט געפאַלען בײַ דער אַרבײַט, און זײַ װײַסען ניט װאָס צו טאָן. ער איז געפערליך קראַנק. דער שרײַבער פון דיזע צײַלען איז דאַן געװען דער סעקרעטאַר פון די גװערקשאַפטען, בין איך אװעקגעלאָפען מיט'ן סעקרעטאַר פון דער יוניאַן צום קראַנקען, און מיט גרױס אָנשטרענגונג איז געלונגען דעם געפעהרליכען חולה אַרײַנצוגעבען אין מאַונט־סיני האָספּיטאַל. דאַן זײַנען מיר אַװעק אין דער בעקערײַ, װאו דער אַרבײַטער האָט געשקלאַפּט. דאָס איז געװען אין אַ טיפען קעלער אױף אָרטשאַרד לעבען העסטער סטריט. קױם מיט צרות האָב איך זיך מיט'ן סעקרעטאַר פון לאָקאַל 31 אַרונטערגעלאָזען אין דער מינע אַרײַן, װאס מען האָט גערופען בעקערײַ. איך האָב דערזעהן פאַר זיך אַזאַ בילד: אַ 2־3 קלײנע מענשען, האַלב נאַקעטע, האָבען געקנאָטען דעם טײג און אײנער האָט געפּאָכעט מיט זײַן נשמה בײַם באַק־אױװען. די שמוץ אַרום איז געװען שרעקליך!

— בײַ די דײַטשען אין די בעקערײַען, — רופט זיך אָפּ אַ בעקער־שקלאַף אױף האַלב־דײַטש, — איז אױך ניט פיל בעסער.

קומענדיג צוריק אין אָפיס פון די גװערקשאַפטען, האָבען מיר אָפּ־געהאַלטען װעגען דעם אַ באַראַטונג, און דער רעזולטאַט איז געװען, אַז דעם צװײַטען טאָג בין איך אַװעק צו די פאַבריק־אינספּעקטאָרס, און האָב זײ דערצעהלט װאס איך האָב געזעהן אין דער בעקערײַ. זײ האָבען פאַראַנשטאַלטעט אַן אונטערזוכונג פון אַלע בעקערײַען אױף דער איסט סײַד, אידישע און ניט־אידישע. דער רעזולטאַט פון יענער אונטערזוכונג איז געװען, אַז די ניו יאָרקער לעגיסלאַטור האָט אָנגענומען דעם געזעץ װעגען אַ 10־שטונדיגען אַרבײַטס־טאָג אין אַלע בעקערײַען פון ניו יאָרק סטײט.

דער אומגליק פון די ביער־סאַלונען פאַר די בעקער־אַרבײַטער האָט אױך דאַן געטריבען די בעקער יוניאַן לאָקאַל 31 צום אונטערגאַנג. נאָכדעם װי לאָקאַל 31 האָט זיך אױפגעלײזט, האָבען די אידישע בעקער אַרבײַטער אין אַ צײַט אַרום זיך װידער אָרגאַניזירט אין אַנדערע לאָקאַלע יוניאָנס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען בעקער פאַרבאַנד.

די ברוקלינער אידישע בעקער אַרבײַטער האָבען זיך מיט אײניגע יאָהרען שפּעטער אָרגאַניזירט אין לאָקאַל 163. נאָכדעם זײַנען געקומען די האַרלעמער אידישע בעקער אַרבײַטער, װעלכע האָבען זיך אָרגאַניזירט מיט יאָהרען צוריק אין לאָקאַל 305, און די בראָנקסער בעקער אַרבײַטער אין לאָקאַל 169.

לאָקאַל 31 האָט מיט דער הילף פון די געווערקשאַפטען געהאָט גע־גרינדעט קאָאָפּעראַטיווע בעקערייען.

אַן אינטערעסאַנטע קאַריערע האָט דורכגעמאַכט די בעקער־יוניאָן לאָ־קאַל 36 אויף דער איסט סייד פון ניו יארק. דיזע יוניאָן איז געקומען אלס די נאָכפאָלגערין פון לאָקאַל 31 און איז געבליבען „באריהמט" מיט איהר קאַמף געגען דעם „אידישען טאַגעבלאַט". דאָס איז געווען אין יאָהר 1900. אין איין שעהנעם פריהמאָרגען האָט זיך דעם „אידישע טאַגע־בלאַט" פארגלוסט צו שרייבען אַן ארטיקעל געגען דער בעקער־יוניאָן לאָקאַל 36 און פאַר די אידישע בעקער באַלעבאַטים. מעהר האָט ניט געפעהלט. די גאַנצע איסט סיידער ארבייטערשאַפט איז אויפגעבראכט געוואָרען געגען „טאַגעבלאַט". דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז די דער־מאָנטע בעקער יוניאָן איז געוואָרען זעהר א שטאַרקע יוניאָן, וועלכע האָט דערנאָך אויסגעקעמפט פון די בעקער באַלעבאַטים בעסערע ארבייטס־באַדינגונגען און די „כל־ישראל" צייטונג האָט זיך ענטשולדיגט פאַר די ארבייטער. מיט א פאָר יאהר שפּעטער אָבער איז צוליב אינערע צוויס־טיגקייטען אויך לאָקאַל 36 פון דער בעקער יוניאָן אונטערגעגאַנגען.

נאָך דעם יאָהר 1900 איז געקומען דערצו, אז אויף דער איסט סייד האָט קיין אידישע בעקער יוניאָן מעהר ניט עקזיסטירט. אזוי איז אוועק עטליכע יאהר. יעדען פּסח, ווען די אידישע בעקער זיינען פריי פון זייער ארבייט, פלעגען זיי זיך דערמאָנען אַן יציאת מצרים און אויך אָן זייער אייגענער שקלאַפעריי, וועלכע איז פאַר זיי געווען אונערטרעגליך. פלעגען זיי יעדען חול־המועד פּסח מאַכען א בעקער סטרייק מיט עפּעס א יוניאָן, פון וועלכער עס פלעגט באלד נאָך פּסח גאָר ניט בלייבען און זיי פלעגען ווייטער שקלאַפען.

אין משך פון די יאהרען 1900-1903, ווען די אידישע בעקער ארביי־טער פון ניו יארק האָבען ניט געהאַט קיין יוניאָן, זיינען די באַדינגונגען אין די בעקערייען און די פאַרדינסטען פון די בעקער־ארבייטער געווען ניט פיל בעסער ווי אין יאהר 1882.

אין יאָהר 1905 האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען ווי־דער אָרגאַניזירט א אידישע בעקער יוניאָן אויף דער איסט סייד פון ניו יארק, לאָקאַל 23. אָבער די יוניאָן האָט עקזיסטירט ניט מעהר ווי א פאָר מאָנאַטען און איז אונטערגעגאַנגען. אין הארלעם און אין ברוקלין זיינען דאָן יא געווען בעקער יוניאַנס.

אין יאָהר 1906 האָבען די אידישע בעקער־ארבייטער פון די ברוק־לינער און הארלעמער לאָקאַלס אראָפּגעבראַכט קיין ניו יארק ד ז ש.

גאָלדשטײַנ'ען, דעם אָרגאַניזער פֿון דער באָסטאָנער אידישער בעקער יוניאָן, וועלכער האָט באַוויזן אין באָסטאָן אויסצוקעמפֿן פֿאַר די דאָרטיגע אידישע בעקער ארבייטער בעסערע ארבייטס־באַדינגונגען. גאָלדשטײן איז פֿאַרבליבען אין ניו יאָרק אַ לענגערע צײט, וואו ער האָט זיך באַמיהט צו אָרגאַניזירען די אידישע בעקער ארבייטער אויף דער איסט סייד, אָבער דאָס איז איהם ניט געלונגען און ער איז צוריק אַוועקגעפֿאָהרען קײן באָסטאָן.

אין יענער צײט איז די איסט סייד פֿון ניו יאָרק געווען דער מיטעלפּונקט, וואו די גרינע בעקערס פֿלעגען זיך צוזאַמענקומען. ווען אַ בעקער ארבייטער פֿלעגט זיך אויסגרינען, פֿלעגט ער זיך גלייך באַזעצען אין האַרלעם, בראָנקס אָדער אין ברוקלין. די איסט סייד איז געווען דער מאַרק, וואו מען האָט דאָן געקענט באַקומען ביליגע הענט פֿאַר בעקערייען. אין די אַנדערע טיילען פֿון שטאָדט, ווי האַרלעם און ברוקלין, האָבען דאָן, ווי שוין געזאָגט, עקזיסטירט אידישע בעקער יוניאַנס, אָבער יענע יוניאַנס האָבען שטענדיג מורא געהאַט צו אונטערנעמען אַ קאַמף געגען זייערע באַלעבאַטים פֿון דער איסט סייד, טאָמער וועלען די ניט־יוניאָן לייט פֿאַרנעמען די פּלעצער פֿון די סטרייקערס.

אין די יאָהרען 1905 און 1906 האָבען אָהער אין אַמעריקע גענומען קומען אידישע אימיגראַנטען פֿון אַ גאַנץ נייעם טיפּ. דאָס זיינען געווען ניט נאָר בעקערס, וואָס האָבען געקענט זייער טרייד, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס האָבען זיך אין רוסלאַנד אַקטיוו באַטייליגט אין דער סאָציאַליסטישער און פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

קומענדיג אַהער, האָבען דיזע יונגע אידעאַליסטישע בעקערס דאָ אויף דער איסט סייד קיין בעקער יוניאָן ניט געפֿונען. פֿילע פֿון זיי זיינען אַוועק צו די אידישע בעקער יוניאַנס פֿון ברוקלין און פֿון האַרלעם. דאָרטען האָט מען געפֿאָדערט ביי זיי צו 75 און צו 100 דאָלאַר איינטריטס־געלד צו ווערען אַ יוניאָן־מאַן. האָבען זיך צוזאַמענגענומען אַ 15־20 בעקערס און זיי האָבען געגרינדעט אַ בעקער יוניאָן אויף דער איסט סייד מיט 50 סענט איינטריטס געלד. די גרינדערס פֿון יענער יוניאָן זיינען עס געווען די אַריבערגעקומענע אידעאַליסטען פֿון רוסלאַנד.

גראָד האָט זיך אין ניו יאָרק דאָן שטאַרק געקאָכט מיט די „אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו די וואָירלד“. זיינען די גרינע בעקערס אַוועק און האָבען ארויסגענומען אַ טשאַרטער פֿון דער „אי דאָבעליו דאָבעליו“.

דער לאָקאל נומער זייערע איז געווען 46, און די „א. וו. וו.“ יוניאן האָט גענומען אָרגאניזירען די אידישע בעקער ארבייטער פון דער איסט סייד. עס האָט זיך דאן אונטערגערוקט דער קריזיס פון יאָהר 1907, ווען פילע אידישע יוניאנס זיינען אָפּגעשוואכט געווארען. דאָך האָבען יענע גרינע בעקערס מוטיג געארבייט פאר זייער יוניאן.

אין יענעם קריזיס יאָהר פון 1907 איז דער „א. וו. וו.“ בעקער יוניאן געלונגען בלויז צו אָרגאניזירען א 20 קליינע אידישע בעקעריייען. דער אָרגאנייזער פון דעם לאָקאל 46 איז געווען מ א ק ס ק א ז י מ י ר ס ק י. ער איז געווען ביים פאך א מוזיקער, א יונגערמאנטשיק, וועלכער איז געווען אין דער היים, אין נעסוויזש, רוסלאנד, א מיטגליד פון „בונד“.

קאזימירסקי האָט שפּעטער געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין ניו יארק אין צייט פון די גרויסע סטרייקס פון וויימסטען מאכער, פאָריער, שניידער און פון אנדערע טריידס, אין די יאָהרען 1909-1913. ער איז איינינע יאהר צייט געווען דער אָרגאנייזער פון דער אידישער בעקער יוניאן, לאָקאל 100.

קאזימירסקי האָט געהאַט פיל אָנהענגער אין דער יוניאן, אָבער אויך א סך געגנער. פון 1914 ביז 1915 איז ער געווען דער ארגאנייזער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען. אין 1915 האָט ער פארלאָזען די ארבייטער באוועגונג און איז געווארען א ביזנעסמאן. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1918, אין דער צייט פון דער גרויסער עפּידעמיע פון אינפלוענציע.

* * *

אין יאָהר 1908 האָט די אינטערנעשאָנאל בעקער יוניאן, צוזאמען מיט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, ווידער געמאכט א פארזוך צו אָרגאניזירען די איסט סייד בעקערס, אָבער דער פארזוך האָט זיך אויך דעם מאָל ניט איינגעגעבען. דער לאָקאל 46 פון דער „אי דאָבעליו דאָבעליו“ איז פארבליבען עקזיסטירען, און אין פארלויף פון א יאָהר צייט האָט דער לאָקאל אָרגאניזירט א 300 אידישע בעקער. דערוויייל האָט זיך אונטערגערוקט דער יאָהר 1908. אין יענעם יאָהר זיינען פאָרגעקומען צוויי קאָנווענשאָנס: איינע אין וואשינגטאָן פון דער אינטערנעשאָנאל בעקער יוניאן, און א צווייטע אין שיקאגאָ, פון דער „איי־דאָבעליו דאָבעליו“.

ביי די א. וו. וו. איז פאָרגעקומען א שפּאלטונג. עס זיינען געווארען

צוויי פראַקציעס: איינע פון דעניעל דעליאָן, און די צווייטע פון טראוט־מאַנ׳ען. די איסט סייד בעקער יוניאָן, זייענדיג א לאָקאַל פון די „אי דאַבעליו דאַבעליו״, האָט ניט געוואָלט וויסען פון דער פּאָליטיק פון יענער שפּאַלטונג. די בעקערס האָבען געוואָלט האָבען א שטאַרקע יוניאָן, כדי די ארבייטער זאָלען קענען מאכען א לעבען פאר זייערע פאַמיליעס. האָבען זיי באַשלאָסען זיך אָפּצורייסען פון דער „אי דאַבעליו דאַבעליו״.

גראַד האָט דאַן די אינטערנעשאָנאַל בעקער יוניאָן באַשלאָסען ביי איהר קאָנווענשאָן, אז קיין לאָקאַל פון זייער פארבאַנד זאָל ניט האָבען קיין רעכט צו באַשטימען הויכע איינטריטס־געלד, און אז א נייער מיט־גליד דאַרף איינצאָהלען פאר אריינקומען אין דער בעקער יוניאָן פון 5 דאָלאַר מיט 80 סענט ביז 25 דאָלאַר, און ניט מעהר.

דער לאָקאַל 46 א. וו. וו., דערוויסענדיג זיך דערפון, האָט גלייך אָנגעפאנגען צו פּאַרהאַנדלען מיט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפ־טען וועגען ווערען א לאָקאַל פון דער אינטערנעשאָנאַל בעקער יוניאָן. עס האָט ניט גענומען לאַנג און לאָקאַל 46 א. וו. וו. איז געוואָרען לאָ־קאַל 100 פון דעם אינטערנעשאָנאַל בעקער פאַרבאַנד. דאָס איז געווען אין אָנפאַנג פון יאָהר 1909. עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען די פאַרבע־רייטונגען פאר דעם היסטאָרישען גענעראַל סטרייק פון 1909, וועלכער האָט דאַן פאַרזיגעלט די עקזיסטענץ פון דער אידישער בעקער יוניאָן אויף דער איסט סייד פון ניו יאָרק.

אין מאַי פון יאָהר 1909 זיינען טויזענד אידישער בעקער ארביי־טער ארוים אין א גענעראַל סטרייק. די פאָדערונגען, וואָס לאָקאַל 100 בעקער יוניאָן האָט געשטעלט, זיינען געווען: א 10 שעה׳דיגער ארבייטס־טאָג, די אנערקענונג פון דער יוניאָן, א יוניאָן־לייבעל אויף יעדען ברויט און שכירות פון 12 ביז 16 דאָלאַר א וואָך. אויך האָבען די סטרייקער געפאָדערט, אז די באַלעבאַטים זאָלען ערלויבען זייערע ארבייטער אוועק־צוגעבען א נאכט ארבייט צו די ארבייטסלאָזע בעקער. די 150 אידישע בעקער־באַלעבאַטים פון דער איסט סייד האָבען געקעהרט וועלטען, זו־כענדיג צוצוברעכען דעם סטרייק פון זייערע ארבייטער. אָבער דאָס איז זיי ניט געלונגען.

דעם בעקער־סטרייק פון לאָקאַל 100 אינטערנעשאָנאַל בעקער פאַר־באַנד אין 1909 האָבען געפיהרט מאַקס קאַזימירסקי, ווי אויך דזש. גאָלד־שטיין, וועלכער איז ווידער געקומען פון באָסטאָן און האָט זיך באַזעצט אין ניו יאָרק, כדי צו העלפען די ניו יאָרקער אידישע בעקער ארבייטער אין זייער קאַמף.

ד ז ש. ג אָ ל ד ש ט י י ן איז געבוירען געווארען אין ריגע. אַלס אַ יונגערמאַנטשיק האָט ער אין 1887־טען יאהר אימיגרירט נאָך סקאָטלאַנד, וואו ער האָט געאַרבייט ביי ריינקאָוטס. אין יאָהר 1895 איז ער געקומען אין אַמעריקא, וואו ער האָט זיך באַזעצט אין באָסטאָן. אויך דאָרט האָט ער געאַרבייט ביי ריינקאָוטס. אין באָסטאָן האָט ער אַנטיילגענומען אין דער ארבייטער באַוועגונג און איז געווען טעטיג כמעט אין אַלע דאָרטיגע אידישע יוניאָנס: ביי די קלאָוק מאַכער, וויסט און דרעס ארבייטער, צווישען די אידישע בעקער א. א. נאָכהער איז ער געווארען דער אָרגאַניזער פון דער באָסטאָנער אידישער בעקער יוניאָן, לאָקאַל 45, פון דער אינטערנעשאָנאַל.

אין יאָהר 1906 איז גאָלדשטיין געווארען דער אָרגאַנייזער פון דער ניו יארקער אידישער בעקער־יוניאָן. גאָלדשטיין האָט אויך פיל געהאָלפען אין דעם גרויסען סטרייק פון די ניו יארקער ליידיס וויסט מייקערס אין יאָהר 1909. זינט 1913 איז גאָלדשטיין דער דזשענעראַל אָרגאַנייזער פון דער אינטערנעשאָנאַל בעקער יוניאָן פון אמעריקא.

* * *

אין בעקער־סטרייק פון יאהר 1909 זיינען געווען טעטיג א רייהע בעקער־ארבייטער, געוועהנליכע שאַפּ־ארבייטער. איינער פון זיי איז געווען י אָ ס ע ל ר אָ ז ע נ ב א ך, פון לאָקאַל 104, ניו יארקער אידישע בעקער יוניאָן, וועמעס מעמבערס באַקען גאַליציאַנער ברויט, וואָס מען רופט „ציצעל־ברויט“.

ראָזענבאַך׳ען האָב איך נאָך געקענט פון יאהר 1897 אָן, ווען ער איז געקומען אין אמעריקא פון פּשעמישעל, גאַליציע. ער איז געווען א בעקער־ארבייטער פון דער היים. אין גאַליציע איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער עסטרייכער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּארטיי.

ראזענבאַך איז געווען א גוטער פּאָלקס־רעדנער. אויך אין אמעריקא איז ער געווארען א מיטגליד פון דער פּארטיי. ער איז געשטאָרבען אין אַפּריל, 1929, אין עלטער פון 61 יאהר.

די איבעריגע טעטיגע יוניאן מיטגלידער פון די 5 אידישע בעקער־לאָקאַלען פון גרייטער ניו יארק, וועלכע איך געדענק און וועלכע זיינען נאָך ביז היינט צו טאָג טעטיג אין דער פאראייניגטער בעקער יוניאָן, לאָקאַל 500, פון גרייטער ניו יארק, זיינען: אב. באראָן, ראַכמיעל גאָל־

פער, עלי וועבמאַן, איצי שאַרף, דזש. עטינגער, דזש. פרידמאַן, וועלוועל בעקער, שלמה קופערשמיט, ס. ראָזנער ס. יאַנאָווסקי, מאיר נאַבאָרסקי, וואולף בעקער, מאקס דאָבראנאָווסקי, יאסעל פישער, אב. שמיט, א. פאלענבוים און לואיס ריימים, דער יעצטיגער פינאַנץ סעקרעטאר פון לאָקאל 500.

יענער בעקער סטרייק האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן אידישן קווארטאל. ענדע מאי פון יאָהר 1909, איז אין טהאליא טעאטער אָפּגעהאלטען געוואָרען א קאָנפערענץ פון אלע יוניאַנס, איינבארופען פון „פאָרווערטס", וועלכע האָט באוויזען די בעקער באלעבאַטים ווי די אידישע ארבייטער זיינען צווישען זיך סאָלידאַריש. פון אלע זייטען איז געקומען שטיצע פאר די סטרייקערס און דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז דעם 19טען יוני, 1909, איז דער סטרייק געסעטעלט געוואָרען. די באלעבאַטים האָבען נאָכגעגעבען כמעט אלע פאָדערונגען פון די ארבייטער און האָבען אונטערגעשריבען יוניאָן־קאָנטראַקטען. דעם 2־טען יולי, 1909, פרייטאָג בייטאָג, האָט די גאַנצע אידישע ארבייטער באַוועגונג געפייערט דעם זיג פון די אידישע בעקער ארבייטער מיט א גרויסער דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס האָבען זיך באטייליגט, אויסער די צוויי טויזענד בעקער ארבייטער פון גרייטער ניו יארק, אויך א גרויסע צאָל אידישע ארבייטער פון אַנדערע פאכען.

די אידישע בעקער־יוניאַנס האָבען געצייגט אלע ארבייטער א גוטען ביישפּיל פון אייניגקייט און אמת'ע ברידערליכקייט צווישען ארבייטער.

ווען די ארבייטער פון אַנדערע פאכען האָבען געסטרייקט, האָבען די אָרגאַניזירטע בעקער־ארבייטער געשטיצט די סטרייקער מיט געלט און מיט גאַנצע וועגענער ברויט, וועלכע זיינען געבאַקען געוואָרען פון מעהל וואס זיי האָבען אליין געקויפט.

לאָקאל 100 האָט אין יאָהר 1913 געהאַט אַן אייגענע וועכענטליכע צייטונג, „דער אידישער בעקער".

אין יאהר 1927 האָבען זיך די פינף אידישע בעקער־יוניאַנס פון דעם אינטערנאציאנאלען בעקער־פארבאנד פון גרייטער ניו יארק, פאראייניגט אין איין לאָקאל יוניאָן, לאָקאל 500, מיט דריי באזונדערע סעקציעס אין די פארשידענע טיילען פון שטאָדט.

לאָקאל 500 בעקער יוניאָן פון ניו יארק האָט אָרגאַניזירט א ברענטש פון פיר הונדערט אידישע קעיק־בעקער ארבייטער. די בייגעל בעקער, די ברויט־בעקער און ארויסהעלפערס באלאַנגען אויך צו באזונדערע ברענטשעס פון לאָקאל 500.

כדי אָפּצושאַפען די קאָנקורענץ צווישען די ארבייטער האָט די אידי־שע בעקער־ארבייטער יוניאן איינגעפיהרט, אז אן ארבייטער, וועלכער ארבייט אויף אַ שטענדיגען פּלאַץ, זאָל אָפּגעבען אַ טאָג ארבייט יעדע וואָך פאר אן ארבייטסלאָזען מיטגליד פון דער יוניאָן.

די יוניאָן קאָנפיסקירט, זי נעמט צו אויף אזא ארט טויזענטער נעכט ארבייט און טיילט עס איין צו די ארבייטסלאָזע. און דערמיט איז ביי די בעקער־ארבייטער געלייזט געווארען די פראגע פון ארבייטסלאָזע ביז א געוויסען גראַד.

ביי די אידישע בעקער־ארבייטער האָט זיך געפיהרט, אז ווען א בעקער פלעגט ערגעץ קומען צווישען בעקערס, פלעגט מען איהם געבען א נאכט־ארבייט. דער בעקער ארבייטער, וואָס פלעגט ארומרייזען פון איין שטאָדט אין א צווייטער, פלעגט פון אזעלכע נעכט ארבייט, וואס ער פלעגט באקומען אונטערוועגס, דורכמאכען זיין רייזע. די בעקער־ארביי־טער זיינען אלע מאָל געווען אזוי ווי ארומרייזענדע טרופּעס אקטיארען.

צווישען די אַלטע בעקער־ארבייטער געהען ארום אזעלכע ווערטלעך, אז מאַנכע בעקערס פלעגען אין ניו יארק מאכען די ראָשטשינע און אין באָסטאָן פלעגען זיי מאכען דעם טייג.

אין דעם גענעראל סטרייק פון יאָהר 1909 האָט די יוניאָן געפאָ־דערט, אז א בעקער זאָל מעגען אָפּגעבען א טאָג ארבייט צו די אר־בייטסלאָזע. האָבען די באַלעבאַטים געמאכט א געוואלד, אז זיי ווע־לען דאָס ניט נאָכגעבען. און זיי האָבען געקעמפט פארצווייפעלט ניט נאָכצוגעבען דיזען פונקט. זיי האָבען געשריען, אז די בעקער ארבייטער ווילען זיי רואינירען, און דורך שווערער מיה און בלוטיגע קעמפע איז יענער היסטאָרישער בעקער־סטרייק געוואונען געווארען. דער טאָג אר־בייט איז די נשמה פון די אידישע בעקער יוניאנס.

אין אַלע אידישע יוניאן בעקערייען ארבייט מען, אין די גרויסע שע־פער, ניט מעהר ווי זיבען און א האלבע שעה א נאכט, און אין די קליי־נע בעקערייען — 8 שעה א נאכט. אָבער דער בעקער ארבייטער דארף שנעל ארבייטען מיט די מאשינען, וועלכע ער מוז שטענדיג נאָכלויפען. זיי טרייבען איהם ווי א טייוועל. דאָס איז אָבער היינט צו טאָג דער פאַל ניט בלויז אין דעם בעקער־פאַך, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע אינ־דוסטריען, וואו דער ארבייטער דארף ארויסגעבען אין 8 שטונדען מעהר ארבייט, ווי ער פלעגט פריהער ארויסגעבען אין פופצעהן.

## דער סטרייק געגען די צוויי גרויסע פירמעס — פעכטער און מעסינג אין יאָהר 1927.

פון אַלע סטרייקס, וואָס אידישע בעקער ארבייטער האָבען ביז דעם יאָהר 1927 געפיהרט אין ניו יארק, איז נאָך קיין סטרייק — זאָגאר גענע־ראַל סטרייקס — ניט געווען אַזוי וויכטיג, ווי עס איז געווען דער דאָזיגער בעקער סטרייק. עס האָט זיך געדאכט, אז דער סטרייק געהט אָן בלויז ביי צוויי אידישע בעקער באָסעס, אָבער די צוויי פירמעס, ביי וועמען די ארבייטער האָבען געסטרייקט, האָבען פארמאָגט א גרויסע צאָל פון מאָדערנע בעקערייען, וועלכע זיינען געווען צוזאוואַרפען אין אַלע טיילען פון ניו יארק, וואו עס איז געמאכט און געבאקען געוואָרען אידישע ברויט און חלות מיט דער הילף פון די נייסטע מאַשינען, וואָס זיינען דאַן געווען אין דער בעקער אינדוסטריע.

אין גרייטער ניו יארק זיינען פאראַן 3,000 אידישע בעקער אר־בייטער, וועלכע זיינען מיטגלידער פון לאָקאַל 500, אינטערנעשאָנאַל בע־קער יוניאָן. פון זיי זיינען ביז'ן סטרייק געווען אביסעל מעהר ווי 800 באַשעפטיגט אין אַלע בעקערייען, וואָס באַלאַנגען צו די צוויי פירמעס: פעכטער און מעסינג. דיזע 800 אידישער בעקער ארבייטער פלעגען ביז'ן סטרייק טעגליך אויסבאַקען מיט דער הילף פון די מאַשינען און מיט זייער שווערער און שנעלער פראצע, כמעט א העלפט פון די אידישע ברויט און חלות וואָס ווערט טעגליך געבאַקען אין גרויס ניו יארק. די אנדערע העלפט פון אידישע ברויט און חלות, וואָס עס ווערט געבאַקען טעגליך אין גרייטער ניו יארק, ווערט פראָדוצירט אין אַלע איבעריגע אידישע בעקערייען, וועלכע געפינען זיך אין אַלע טיילען פון גרייטער ניו יארק. די 400 קליינע אידישע בעקערייען פון ניו יארק פארמאָגען ווייניג מאַשינען אין זייערע שעפער. דערפאַר ווערען אָבער אין זיי באַשעפ־טיגט 2,200 אידישע בעקער.

די געשיכטע, ווי אַזוי דיזע צוויי בעקער פירמעס זיינען רייך און גרויס געוואָרען איז זעהר א אינטערעסאנטע.

מיט א יאָהר 20 צוריק האָט מר. מעסינג געעפענט אין א טיפען קעלער אויף עלען סטריט א קליינע בעקעריי, וואו ער האָט מיט א פּאָר בעקער ארבייטער געבאַקען ברויט און שבת'דיגע חלות. עס איז אין יענער געגענד דאַן ארוים א קלאַנג צווישען די קאָסטאָמערקעס, אז יענע חלה איז גוט, ווייל דער פרומער בעקער באָס פלעגט מאכען אַזאַ שפּרוך איבער דער ראָסטשינע פון די חלות און קוילישעס, און צוליב דעם

פלעגען די חלות שטענדיג זיין גערּאָטענע. די ווייבער האָבען גע־קויפט יענע חלות. די בעקעריי איז געוואקסען און דער באָס האָט יע־דעם מאָל געעפענט א גרעסערע בעקעריי אויף דער איסט סייד. דער באָס האָט אויך געהאט א טבע צו באַקעמפען די בעקער יוניאָן. יאהרען לאנג האָט געגומען דער יוניאָן צו אָרגאניזירען די מעסינג בעקעריי, ביז נאָך שווערע קעמפע און יאָהרען פון סטרייקען איז די מעסינג בעקע־ריי אויך געוואָרען א יוניאָן שאָפּ. אזוי לאנג ווי מר. מעסינג׳ס בעקע־ריי איז געוועזען אַן אָפען שאָפּ, פלעגען די ניט־יוניאָן ארבייטער נאָך א 12־14 שעה שווערע נאַכט אַרבייט, דאַרפען געהן צוזאמען מיט׳ן באַלע־באָס אין שוהל אריין דאַווענען און זאָגען תהילים, מסתמא אלס א סגולה, אז די בולקעס זאָלען אַרויס גערּאָטענע פון אויווען, און דער עולם זאָל זיי אַלע אויסקויפען.

אזוי שנעל אָבער ווי מר. מעסינג׳ס בעקעריי איז געוואָרען א יוניאָן שאָפּ, האָבען שוין די בעקער ארבייטער פארשפּאָרט צו געהן אין שוהל אריין יעדען טאָג. געגאנגען זיינען נאָר יענע בעקער ארבייטער, וואס זיינען אליין געווען פרום.

די פּעכטער בייקינג קאָמפּאַניע, די צווייטע פירמע ביי וועמען דער סטרייק איז פּאָרגעקומען, איז איצט די גרעסטע אידישע בעקער פירמע, וועלכע פאַרקויפט ברויט אין אַלע טיילען פון גרייטער ניו יארק און מייַלען אַרום ניו יארק. עס איז אינטערעסאנט, ווי שנעל דיזע בעקער פירמע איז געוואקסען. מיט א יאהר 15 צוריק האָט דער אלטער בעקער באָס, מר. פּעכטער, געהאט א קליינע בעקעריי אין 68 פּיט סטריט, וואו ער פלעגט אַליין, צוזאמען מיט א פּאָר ארבייטער, באַקען אידישע ראַי־ברויט און חלות און פלעגט עס צופיהרען אויף א פּוש־קאַרט צו גראָסערים פון גאַליציאַנער קוואַרטעל פון דער איסט סייד. גראָד האָט דער אלטער פּעכטער געהאט גוטע ארבייטער, קינסטלער, וועלכע פלעגען באַקען די געשמאַקסטע אידישע ראַי ברויט, וואס דער אידישער עולם האָט ליב, און אזוי איז די קליינטשינקע פּעכטער בעקעריי פון פּיט סטריט געוואקסען, טאַקע ווי אויף הייוועז, און אין עטליכע יאָהר אַרום האָט די פּעכטער פירמע אויפגעבויט א ריזיגע געביידע פון 5 פלאָרס אויף טשערי סטריט, וואו מען האָט געבאַקען ברויט שוין ניט בלויז אין א קעלער, נאָר אויף יעדען פלאָר פון דער גרויסער ביל־דינג. דערנאָך האָט די פירמע גענומען אויפעפענען אַלע מאָל נייע בעקערייען און ברויט סטאָרס אין די בראָנקס, יאָרקוויל, ברוקלין און איבעראל. פון די אויוועגס פון יענע בעקערייען האָבען גענומען

פליהען מאסען ברויטען און חלות. אנשטאָט דריי אדער פיר בעקער ארבייטער, האָט דיזע פירמע שוין באַשעפטיגט ארום 600 בעקער אר־בייטער און אַ 200 בעקער דרייווערס, וועלכע צופיהרען טעגליך די ברויט אין אלע טיילען פון גרייטער ניו יארק.

נאָך זעקס וואָכען קאמף איז דער בעקער סטרייק פון יאָהר 1927 געגען די צוויי בעקער פירמעס פעכטער און מעסינג, פון ניו יארק, גע־שליכטעט געווארען דורך אַ קאָמפּראָמיס.

די אידישע בעקער יוניאָן, לאָקאל 500, פון ניו יארק, געפינט זיך היינט צו טאָג אין אַ גוטען צושטאַנד, כאָטש עס איז פאַראַן אין ניו יארק אַן אָפּאָזיציאָנס־יוניאַן פון בעקער, וועלכע רופט זיך „אמאלגאמיי־טעד פוד וואָירקערס". די דאָזיגע יוניאַן באַשטעהט פון דייטשען, פּאָליאַ־קען און איבער צוויי הונדערט אידען, וועלכע האָבען זיך אָפּגעריסען פון דער אינטערנעשאָנאל בעקער יוניאַן פון דער אמעריקאַן פעדריישאָן אוו לייבאָר נאָך אין יאהר 1913.

דיזע אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן קאָנקורירט שטארק מיט דער אָנ־ערקענטער אידישער בעקער יוניאַן לאָקאל 500. די שכירות פון די מיט־גלידער פון דער אָפּאָזיציאָנס יוניאַן זיינען פיל קלענער ווי די שכירות וואס די מיטגלידער פון לאָקאל 500 באקומען.

---

## די אידישע בעקער־יוניאָנס און די אַנדערע שטעדט.

די קעמפע פון די אָרגאַניזירטע אידישע בעקער ארבייטער אין ניו יארק האָבען געפיהרט דערצו, אז אין עטליכע־און־צוואַנציג שטעדט פון אמעריקא האָבען זיך געגרינדעט אידישע בעקער יוניאָנס, אָפּטיילונגען פון דעם אינטערנאציאָנאלען בעקער־פאַרבאַנד, וועלכער איז געגרינדעט געוואָ־רען אין יאהר 1886.

די גרינדער פון דער אינטערנעשאָנאל בעקערס יוניאַן זיינען געוועזן אימיגראַנטען (קריסטען) פון דייטשלאַנד. און נאָך ביז היינטיגען טאָג זיי־נען די פיהרער פון דיזער אינטערנעשאָנאל בעקער יוניאַן דייטשען, אָדער אַמעריקאַנער קינדער פון דייטשען. זיי האָבען געזוכט צו אָרגאַניזירען דאָ אין לאַנד די בעקער ארבייטער פון אלע נאַציאָנאַליטעטען. (יעדע נאַציאָ־נאַליטעט אין אמעריקע האָט זיך איהר אייגענע געבאַקענע ברויט מיט איי־גענע בעקער.)

אַם לייכטסטען איז אָנגעקומען דער אינטערנעשאָנעל בעקער יוניאַן

צו אָרגאַניזירען די אידישע בעקער ארבייטער, ווייל די יוניאַנס פון די אי־דישע בעקערם אין ניו יאָרק האָבען מיט זייער טעטיגקייט געשאַפען א שטי־מונג, אז אַלע אידישע בעקער ארבייטער איבער'ן לאַנד זאָלען אויך ווערען יוניאַן מיטגלידער.

די אינטערנעשאָנאַל בעקער־יוניאַן האָט א ספּעציעלען אָרגאַנייזער פאַר אַלע אידישע בעקער יוניאַנס איבער'ן לאַנד.

דער לאָקאַל 500 אידישע בעקער יוניאַן פון גרייטער ניו יאָרק ציילט דריי טויזענד מיטגלידער.

דער לאָקאַל 237 אידישע בעקער יוניאַן, שיקאַגאָ, ציילט 300 מיטגלי־דער.

די פילאַדעלפיער אידישע בעקער יוניאָן, לאָקאַל 201, צעהלט איבער 300 מיטגלידער, די יוניאַן האָט געפירט פילע שווערע קעמפע, ביז די ארביי־טער האָבען אויסגעקעמפט דעם 8־שטונדיגען ארבייטס־טאָג און אויך אנ־שטענדיגע שכירות. פיל האָט די פילאַדעלפיער אידישע בעקער יוניאַן צו פאַרדאַנקען דער קאָאָפּעראַטיווער „קאָנסיומערס בעקעריי", וואס זי האָט געגרינדעט מיט איינינע יאהר צוריק. דער קאָאָפּעראַטיוו איז דאָס אייגענ־טום פון דער יוניאַן און עס ווערען דארטען באַשעפטיגט ביי א 25 ארביי־טער. די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי איז א דאָרן אין די אויגען פון די פי־לאַדעלפיער אידישע בעקער־באַלעבאַטים, און זיי האָבען שוין ניט איינמאָל געזוכט איהר צו פאַרניכטען, אָבער אָהן ערפאָלג.

די אָרגאַניזירטע אידישע בעקער ארבייטער פון אַלע שטעדט ארבייטען 8 שעה א טאָג און באַקומען מעהר אדער וויינינער אנשטענדיגע שכירות.

די באָסטאָנער אידישע בעקער יוניאַן, לאָקאַל 45, איז באַרימט געווא־רען מיט דעם בראַוּוען קאַמף, וואס זי האָט געפיהרט געגען די באָסטאָנער באַלעבאַטים, וועלכע האָבען אימער געזוכט דיזע יוניאַן צוצוברעכען.

אין די יאהרען 1915־1916 האָבען די 250 מיטגלידער פון דער יוניאַן געפיהרט א סטרייק, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען גאַנצע 16 וואָכען און האָט זיך געענדיגט מיט א זיג פאַר די ארבייטער. לאָקאַל 45 געפינט זיך זייט דאַן אין א גוטען צושטאַנד.

דער אידישער בעקער לאָקאַל 167 פון נוארק, ניו דזשוירזי, ציילט 200 מיטגלידער. דיזע יוניאַן האָט דורכגעמאַכט א סך סטרייקס און זי איז יעצט שטאַרקער, ווי זי איז ווען עס איז געווען.

דער אידישער בעקער לאָקאַל 86, פון דזשוירזי סיטי, ציילט א 150 מיטגלידער.

דער יאָנקערס אידישער ברענטש פון דער אינטערנעשאָנאַל בעקער יוניאָן ציילט א 100 מיטגלידער.

די אידישע בעקער יוניאָן פון פיטסבורג ציילט 75 מיטגלידער.

דער אידישער ברענטש פון דער אינטערנעשאָנאַל בעקער יוניאָן פון עליזאבעטה, ניו דזשוירזי, ציילט 75 מיטגלידער.

די קליוולענדער אידישע בעקער יוניאָן ציילט 80 מיטגלידער.

דער אידישער ברענטש פון דער ראָטשעסטער אינטערנעשאָנאַל בעקער יוניאָן ציילט 70 מיטגלידער.

די אידישע בעקער יוניאָן, לאָקאַל 454, לאָס אנדזשעלעס, ציילט 90 מיטגלידער.

די אידישע בעקער יוניאָן, לאָקאַל 209, פון באַלטימאָר, ציילט 125 מיטגלידער.

דער פעטערסאָנער ברענטש פון דער אינטערנעשאָנאַל בעקער יוניאָן ציילט 80 מיטגלידער.

דער ניו־הייווענער לאָקאַל אינטערנעשאָנאַל בעקער יוניאָן, ציילט 60 מיטגלידער.

די אידישע בעקער יוניאָן, לאָקאַל 183, פון לין, מאַסס., ציילט 90 מיטגלידער.

די פראָווידענסער אידישע בעקער יוניאָן ציילט 50 מיטגלידער.

די האַרטפאָרדער אידישע בעקער יוניאָן ציילט 30 מיטגלידער.

דער סיראַקיוזער ברענטש פון דער אינטערנעשאָנאַל בעקער יוניאָן ציילט 40 מיטגלידער.

דער באַפאַלאָ׳ער אידישער ברענטש פון דער בעקער יוניאָן צעהלט 30 מיטגלידער.

דער סינסינעטער ברענטש פון דער אינטערנעשאָנאַל בעקער יוניאָן צעהלט 40 מיטגלידער.

די טאָראָנטאָ׳ער (קענעדע) אידישע בעקער יוניאָן, לאָקאַל 175, ציילט 90 מיטגלידער.

די מאָנטרעאַלער (קענעדע) אינטערנעשאָנאַל בעקער יוניאָן, ציילט 70 מיטגלידער.

אין די אַלע אויסגערעכענטע שטעדט, אויסער ניו יארק, זיינען פאראן ביי א 2,400 אָרגאַניזירטע אידישע בעקער ארבייטער. צוזאמען מיט די 3,000 מיטגלידער פון גרייטער ניו יארק, באַלאַנגען צו דער אינטערנעשאָנאַל בעקער יוניאָן אוו אמעריקא איבער 5,400 אידישע בעקער־אר־בייטער.

# די יוניאָן פון די פּאָריער־אַרבייטער.

די ערשטע פּאַריער־ארבייטער אין ניו יארק און דער ערשטער פּאַריער־סטרייק אין יאָהר 1892. — די פארשידענע יוניאָנס פון אידישע פּאַריער־ארבייטער, וואס האַבען עקזיסטירט ביז'ן יאָהר 1912. — דער גענעראל סטרייק פון 1912. — די איבערקעהרעניש אין דער פּאַר־אינדוסטריע. — די גרינדונג פון דער „אינטערנעשאָנעל פּאַר־וואירקערס יונאן". — דער פארלאָרענער גענעראל סטרייק פון יאהר 1920. — די ערשטע קאָמוניסטישע הערשאפט אין דער יוניאן אין די יאהרען 1921־1923. — דער נידערגאנג פון דער יוניאן און דער דור:פאל פון די קאָמוניסטען. — די יוניאָן אין די יאָהרען 1924־1925. — די קאָמוניסטען ווידער אין מאַכט. — דער קאָמוניסטישער סטרייק און די רעאָרגאַניזאַציע פון דער יוניאָן.

די ערשטע פּאָר־ (פּוטער)־אַרבייטער יוניאָן פון דייטשע ארבייטער איז אין ניו יארק געגרינדעט געווארען נאָך אין יאָהר 1884. די אינדוסטריע איז אָבער דאַן נאָך געווען אזוי קליין, אז אין איהר זיינען געווען באַשעפטיגט בלויז עטליכע הונדערט ארבייטער. דער אַמעריקאַנער מיטעל־קלאַס האָט ניט געטראָגען קיין פּוטער־וואַרג. פון ארבייטער איז שוין אָפּגערעדט. וואָס אנבאַלאַנגט די גאָר רייכע, פלעגט מען פאַר זיי מאַכען פוטערנע מאַנטלען ביי די רייכע קאָסטאָמער־שניידער, אָדער מען פלעגט פאַר זיי גאָר ברענגען פון אייראָפּע פארטיגע פוטער־וואַרג.

אין יאָהר 1886 זיינען אין ניו יארק ביים פּאָר־טרייד שוין געווען באַשעפטיגט ביי א צוועלף הונדערט ארבייטער, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען א דריי־פיר הונדערט קאַטערס, כמעט אַלע דייטשען. אין פּאָר־טרייד זיינען די קאַטערס די הויפּט בעלי־מלאכות און זיי פלעגען נאָך מיט איבער 40 יאָהר צוריק פארדינען פון 25 ביז 30 דאָלאר א וואָך. דאָס האָט געהייסען מעהר ווי צוויי מאָל אזוי פיל, ווי עס פלעגט אין יענער צייט פאַרדינען א דורכשניטליכער ארבייטער אין וועלכען עס איז טרייד.

דער שרייבער פון דיזע שורות האָט אין יענע יאָהרען איינינע מאָל באזוכט די פארזאמלונג פון די פּאָר־ארבייטער. איך געדענק ווי דעם

1טען מאי, 1886, ווען אין ניו יארק האט געדארפט פארקומען די ערש־טע־מאי דעמאנסטראציע פאר דעם 8־שטונדיגען ארבייטס־טאג, איז מיר אויסגעקומען פארבייצוגעהן דעם האל, וואו די דעמאלס־דיגע פאריער ארבייטער פלעגען זיך פארזאמלען, אין 389 בויערי. האב איך דארטען געזעהן, לעבען אריינגאנג פון האל, שטעהן אויפגעשטעלט א בער, אזא מין פוטערנע פיגור מיט אן אויפשריפט: „מיר, פאר אר־בייטער, ווילען ארבייטען בלויז 8 שעה א טאג, 8 שעה פארברענגען און 8 שעה רוהען".

בעת עס איז אנגעגאנגען די באוועגונג פאר'ן אכט־שטונדיגען אר־בייטס טאג, האט די דייטשע פאריער יוניאן געוואונען א ניין־שטונדיגען ארבייטס־טאג.

מיט א פאר יאהר שפעטער האט דער פאר טרייד פלוצלונג גענומען וואקסען. טאקע ווי מען זאגט, ווי אויף הייוועז. עס האבען גענומען אריינקומען אין טרייד קליינע באלעבאטים, וועלכע פלעגען ארויפנעמען גרינע צום לערנען דעם פאר טרייד. דעמאלט זיינען שוין אריינגעקומען אין טרייד א סך אידישע ארבייטער. זיי פלעגען דאן ארבייטען לאנגע שטונדען און פאר גאנץ קליינע שכירות. קיין יוניאן פון אידישע פאר ארבייטער איז נאך דעמאלט ניט געווען.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האט ארגאניזירט די ערש־טע אידישע פאריער יוניאן אין יאהר 1892.

די ערשטע פארזאמלונג פון יענער יוניאן איז פארגעקומען אין לי־בערטי האל, „ליטל הונגארי", אויף איסט הויסטאן סטריט. צו יענער צייט זיינען שוין געווען אידישע פאר קאטערס און אפערייטארס. די נאג־לערס זיינען נאך אלץ געווען מעהרסטענס דייטשען, און די פאר פיני־שערס זיינען אלע געווען דייטשע מיידלעך. דעמאלט זיינען שוין גע־ווען א טויזענד אידישע ארבייטער אין פאך. די אלע ארבייטער פון טרייד זיינען ארויס אין א גענעראל סטרייק פאר אן 8־שטונדיגען אר־בייטס טאג, און אזוי ווי עס איז געווען א סך ארבייט, האט מען יענעם סטרייק אויך געוואונען. אבער צום נעקסטען סיזאן, אין יאהר 1893, ווען עס איז אנגעקומען א קריזיס אין לאנד, איז די פאריערס יוניאן אונ־טערגעגאנגען.

מיט 11 יאהר שפעטער האבען די אידישע פאריער ארבייטער אין ניו יארק זיך א צווייטען מאל פאראייניגט און האבען זייער ארגאניזא־ציע א נאמען געגעבען „די אינטערנעשאנאל פאר ווארקערס יוניאן אוו ניו יארק". דאס איז געווען אין יאהר 1904.

יענע יוניאן פלעגט האלטען במעט יעדע וואָך אגיטאציאָנס און מאַסען פארזאמלונגען אין דעם אמאָליגען גרויסען ניו־אוירווינג האָל, 214 ברום סטריט.

די פיהרער פון יענער פאָריער יוניאן פון 1904 און 1905 זיינען געווען א. קישינעווסקי, אן עלטערער פאָר־ארבייטער, און נאָך איין ארבייטער, וואולף ווייגער. איך געדענק די גוטבאזוכטע מאסען־פארזאמלונגען אין ניו־אוירווינג האָל, וואו איך פלעג אָפט האלטען רעדעס פאר די פאָר־ארבייטער.

אין יאָהר 1906 האָט די פאָר־ארבייטער יוניאן פון סעינט פּאָאול, מינעסאָטא, א קליינע אָרגאניזאציע פון קריסטליכע ארבייטער, צוזאמען מיט דער דייטשער פאָריערס יוניאן פון ניו יארק, איינבארופען אין דעם האָל פון דער דייטשער פאָר־יוניאן פון ניו יארק, אויף דער 4טער סטריט, א קאָנוועגשאָן, אויף וועלכער עס איז געגרינדעט געווארען אן „אינטערנעשאָנאל פאָר־ארבייטער יוניאן פון די פאראייניגטע שטאטען און קענעדע". אינגאנצען זיינען געווען אנוועזענד ביי יענער קאָנוועגשאָן פארטרעטער פון 7 לאָקאלס, נעמליך: פון סעינט פאול, טאָראָנטאָ, מאָנטרעאל און צוויי לאָקאל יוניאנס פון ניו יארק, פון דער דייטשער און אידישער פאָר־ארבייטער יוניאן. די דעלעגאטען פון דער ניו יארקער אידישער פאָר ארבייטער יוניאן זיינען געווען א. קישינעווסקי (ער איז שוין יעצט טויט), וואולף ווייגער און דער שרייבער פון דיזע צייל'ן (כאָטש ער איז גאָר געווען צו יענער צייט א ביל־פּאָוסטער ביים פאָך). די הויפּטקווארטיר פון דער נייער אינטערנעשאָנאל איז געווען אין סעינט־פּאָול און שפּעטער, אין טאָראָנטאָ, קענעדע. דיזע ערשטע אינטערנעשאָנאל פאָר־ארבייטער יוניאן האָט עקזיסטירט ביז'ן יאָהר 1908, ווען זי האָט זיך אויפגעלייזט.

אין יאָהר 1907 האָט די ניו יארקער אינטערנעשאָנאל פאָר ארבייטער יוניאן שוין געצעהלט א גרויסע צאָל מיטגלידער און האָט אָנגעפיהרט א רייהע שאפּ סטרייקס, איינינע געוואונען, איינינע פארלוירען. די פאָר מאנופעקטשורערס פון ניו יארק האָבען זיך דעמאָלט צום ערשטען מאָל אָרגאניזירט אין אן אסאָסיאיישאָן.

אין אָנפאנג פון אויגוסט, 1907, האָט אין ניו יארק אויסגעבראכען א גענעראל סטרייק פון א היבשע צאָל פאָר ארבייטער. יענער סטרייק האָט געדויערט בלויז א דריי וואכען צייט און די ארבייטער זיינען ארויף צוריק אין די שעפּער ניט געסעטעלטערהייט. דער פיהרער פון יענעם סטרייק איז געווען מאָריס קאופמאן.

נאָך דעם פאַרלאָרענעם סטרייק פון 1907 איז די לאַגע פון די פּאַר אַרבייטער געוואָרען ערגער פון טאָג צו טאָג. די מאַנופעקטשורערס האָבען געוואוסט, אז זייערע אַרבייטער האָבען ניט ווער עס זאָל זיך פאר זיי אָננעמען, ווייל מיט דער ענדע פון יענעם סטרייק איז אויך די דאָמאָלסדיגע צווייטע יוניאָן אונטערגעגאַנגען.

די שכירות פון די פּאַר אַרבייטער זיינען שטאַרק געזונקען. עס איז געוואָרען אונמעגליך פאר די אַרבייטער צו קענען א לעבען מאַכען ביי דער אַרבייט. אזאַ לאַגע האָט אָנגעהאַלטען יאָהרען לאַנג.

וויסענדיג אז די אַרבייטער זיינען ניט אָרגאַניזירט, פלעגען די פּאַר־מאַנופעקטשורערס גלייך נאָך „קריסטמעס" אָנפילען זייערע שעפּער מיט אַרבייטער, צאָהלענדיג א הונגער־לוין און לאָזען זיי אויסאַרבייטען א גרויסען סטאָק פּאָר אַרטיקלען. ווען דער „ביזי סיזאָן" פלעגט קומען, און די אַרבייטער האָבען שוין געדאַרפט, ווי עס האָט דאַן געהייסען, קריגען דעם גוטען לוין, גרויסע ווייזשעס, פלעגט גראָד דעמאָלט ווערען סלעק אין טרייד.

אין פּאָר־טרייד איז שוין פון לאַנג אָן געוועזען א מנהג, אז אויף מאָרגען נאָך „קריסטמעס" האָבען די באַלעבאַטים גענקענט צאָהלען א העלפט פון די שכירות, וואס דער אַרבייטער פלעגט באַקומען אין צייט פון „ביזי סיזאָן".

דער ביזי סיזאָן האָט זיך געוועהנליך גערעכענט אין די מאָנאַטען סעפּטעמבער, אָקטאָבער, נאָוועמבער און דעצעמבער, ביז „קריסטמעס".

די באַלעבאַטים זיינען דערפון רייך געוואָרען, זיי האָבען זיך אין א קורצער צייט שעהן ארויפגעאַרבייט און פילע פון זיי האָבען פון זייערע קליינע שאַפּקעס אריינגעמופט אין גרויסע לאָפטס (פאַבריקען). דער פּאָר טרייד איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א ריזיגער אינדוסטריע, אָבער די אַרבייטער האָבען געליטען נויט. די צוקריפּעלטע סיסטעם פון עטליכע פּרייזען א יאָהר פון די אַרבייטער'ס שכירות, מיט וועלכער די באַלעבאַטים פלעגען זיך באַנוצען, האָט באַשאַפען פון יאָהר צו יאָהר אַלץ א גרעסערע רעזערוו־אַרמיי פון אַרבייטסלאָזע פּאָריער.

די אַלע צרות און אומגליקען האָבען געשטויסען די פּאָר אַרבייטער צו פאַרטראַכטען זיך איבער דער לאַגע און פילע פון זיי האָבען גענומען איינזעהן, אז אויב מען זאָל עס לאָזען אזוי ווייטער געהן, וועט ווערען אונמעגליך פאר א פּאָר אַרבייטער צו מאַכען אפילו דעם אָרימסטען לעבען. און אזוי ווי אין די יאָהרען 1909־1910 זיינען געוואונען געוואָרען דער באַריהמטער וייסטמאַכער סטרייק און דער סטרייק פון די דרייסיג טויי־

זענט קלאָוק מאַכער, האָבען די פאָר ארבייטער גענומען איינזעהן די וויכ־טיגקייט פון אָרגאַניזירען זיך אין א שטאַרקער יוניאַן.

אין יאָהר 1911 האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען איינ־בארופען א מאַס־מיטינג אין „יוניווערסיטי סעטעלמענט", ריווינגטאָן קאָרנער עלדרידזש סטריט, מיט'ן צוועק צו אָרגאַניזירען א יוניאַן פון פאָר ארבייטער.

יענער מיטינג איז געווען גוט באַזוכט. אַלס סעקרעטאַר פון די גע־ווערקשאַפטען בין איך געווען טשערמאַן פון יענעם ערשטען מאַס־מיטינג. אויסער מיר האָבען גערעדט איזידאָר קאָהן און וואולף ווינער. נאָך אונ־זערע רעדעס האָבען א היבשע צאָל פּאָריערס פארשריבען זיך אַלס מיט־גלידער אין דער יוניאַן. דאָס איז געווען דער ערשטער אַוואַנגאַרד פון א גרויסער פּאָריער יוניאַן.

די נייע יוניאַן האָט קנאַפּע צוויי יאָהר געפיהרט א סיסטעמאַטישע אַגיטאַציע צווישען די פּאָריער־ארבייטער. א י ז י ד אָ ר ק אָ ה ן , א טעטיגער בונדיסט פון ווילנא, וועלכער איז געווען טעטיג נאָך אין דער אַלטער פּאָריער יוניאַן, איז ערוועהלט געוואָרען אַלס ארגאַניזער פון דער נייער פאָר־ארבייטער יוניאַן. עס איז אָנגעקומען ניט אַזוי לייכט צו אָרגאַניזירען די גרויסע צאָל ארבייטער פון טרייד, ווייל זיי האָבען נאָך ניט געהאַט פארגעסען די ענטוישונג פון דעם פארלוירענעם סטרייק פון 1907. אָבער דער ביישפּיל פון די אנדערע יוניאַנס, וואָס האָבען גע־קעמפט און געזיגט, האָט זיי א נייעם מוט און גלויבען אריינגעגעבען.

זייענדיג פארנומען מיט דער אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט צו שאַפען א שטאַרקע יוניאַן אין פאָר טרייד, און מיט צוגרייטען א גענעראַל סטרייק אין דער פאָר אינדוסטריע אויף דעם זעלבען שטייגער ווי עס האָבען גע־טאָן די קלאָוק־מאַכער, האָבען מיר זיך אויך באַמיהט אויסצופארשען אַלע פאַקטען בנוגע דעם פאָר טרייד פון יענער צייט. און אָט וואָס מיר האָבען אויסגעפונען:

אין ניו יאָרק זיינען דאַן געווען 500 שעפּער, פון זיי זיינען געווען בלויז א קנאַפּער הונדערט גרויסע שעפּער, אין וועלכע עס פלעגען אביסעל אָפּגעהיט ווערען די סאַניטאַרע צושטענדע. די איבעריגע 400 פאָר שע־פּער האָבען זיך געפונען אין אַלטע, הילצערנע, געוועזענע טענעמענט הייז־זער, דאַון טאַון אויף דער וועסט סייד. יענע אַלטע שעפּער פלעגען זיין אין איינעם אָדער צוויי פארשטיקטע צימערלעך, וואו עס פלעגען ארביי־טען פופצעהן, צוואַנציג ארבייטער. די טרעפּ, די האָלס, און די צימערען פלעגען זיין פארוואָרפען מיט שטיקלאַך, פּיצלאַך פאָר, וועלכע האָבען זיך

דאָרטען געוואַלגערט. בלויז איין מאָל אין וואָך פלעגט מען אין יענע צייטען אויסקערען די שמוץ. דער שטויב פלעגט אָבער פאַרבלייבען. די האָר פון פוטער פלעגט דערווייל איינגעאָטעמט ווערען פון די ארבייטער אין שאַפּ. די שמוץ און די האָר האָבען גענעסען דעם פאַר־ארבייטער'ס לונגען, אויגען, נאָז, האַלדז און אַז. וו.

אין יאָהר 1911 האָט די לעגיסלאַטור פון ניו יארק סטייט באַשטימט אַ קאָמיסיע, מיט'ן צוועק צו אונטערזוכען דעם צושטאַנד פון אַלע שעפּער אין סטייט. סעמועל גאָמפּערס איז געווען אַ מיטגליד פון אָט דער קאָמיסיע. דיזע קאָמיסיע האָט אויך געשיקט דאָקטוירים צו אונטער־זוכען דעם געזונדהייטס־צושטאַנד פון די פאַריער ארבייטער, און די דאָק־טוירים וואָס האָבען אונטערזוכט די פאַריער האָבען געפונען, אַז פון יעדע צעהן פאַר ארבייטער זיינען דאָ צוויי שווינדזיכטיגע און צוויי וואָס ליי־דען אויף אסטמאַ. די איבעריגע ליידען פון קאַטאַר, בראָנכיט, שלעכטע אויגען און הויט־קראַנקהייטען, וועלכע קומען פון די שעדליכע פאַר. די דאָקטוירים האָבען אויסגעפונען, אַז ביי פילע פאַריערס זיינען די פינגער צופוילט, זייערע הענט זיינען שטענדיג אַזוי שוואַרץ, ווי ביי נעגערס.

אין יאָהר 1912, ווען די ניי־אָרגאַניזירטע פאַר ארבייטער יוניאָן האָט זיך געגרייט צו אַ גענעראַל סטרייק, זיינען אין ניו יארק געווען באַ־שעפטיגט אין פאַר טרייד (ניט אריינרעכענענדיג די פאַר דרעסערס, וואָס גרייטען צו די פאַר) אַ צען טויזענד ארבייטער — זיבען טוי־זענד אידען, די איבעריגע דייטשען, גריכען, פראַנצויזען, איטאַליענער, ענגלענדער, בעהמער, סלאַוואַקען און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען. ביי אַ דריי טויזענד פון די אַלע ארבייטער זיינען געווען פרויען.

ענדע יוני פון יאהר 1912 האָבען ניין טויזענט פאַר ארבייטער מע־נער און פרויען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען, אין מיטען העלען טאָג גע־ווארפען די ארבייט און זיינען ארויס אין אַ גענעראַל סטרייק.

דער מארש פון די פאַר שעפּער דאָנערשטאג פריה, דעם 20טען יוני, 1912, האָט איבערראַשט ניט נאָר אַלע פאַר־פאַבריקאַנטען, נאָר אויך די באַלעבאָטים פון אַלע אַנדערע פאַכען ארבייט. אַלע האָבען באַוואונ־דערט די שטילע, וואונדערבארע דעמאָנסטראַציע פון די פאַריער־אר־בייטער.

אַלע טוער פון די גרעסטע אידישע יוניאָנס האָבען זיך אויפ'ן ערש־טען רוף פון די געווערקשאַפטען גלייך אריינגעווארפען מיט זייער גאַנצער ענערגיע אום צו העלפען אָנצופיהרען דעם וויכטיגען קאַמף. די פארשי־דענע פארטרעטער פון די אידישע יוניאַנס, וועלכע זיינען אריין אין דער

סטרייק קאָמיטע פון די פּאָריערס, זיינען געווען דיזעלבע ארבייטער פיהרער, וועלכע האָבען אָנגעפיהרט דעם גרויסען בעקער סטרייק, דעם ערשטען גרויסען באריהמטען לייידיס ווייסט מייקערס סטרייק און דעם אונפארגעסליכען ריזיגען קלואק מאכער סטרייק פון 1910.

* * *

אום צו באקענען זיך גרינדליך מיט'ן צושטאנד פון סטרייק, האָב איך דאן געמאכט א שפּאציר אין די פארשידענע האָלס, וואו די סטרייקערס זיינען געווען פארזאמעלט. אָט איז א סצענע אין איינעם פון די האָלס, וועלכע איך האָב בייגעוואוינט: דער מיטינג האָט זיך נאָך ניט געעפענט, אָבער דער האָל איז געפּאקט. עס רוישט ווי אין א ביהן־שטאָק. אלע אויגען שטראהלען מיט מוט און זיגעס־זיכערקייט. אלע ריידען צווישען זיך. וואס ריידען זיי? איך שפּאר זיך דורך, איך שטעל זיך אָפּ האָרכען פון צייט צו צייט. קיין וואָרט פון אונצופרידענהייט מיט'ן סטרייק הערט זיך פון קיינעם ניט!

— מיר וועלען דעם מאָל שנעל געווינען, — שרייט אוים א בלאָסער יונגערמאנטשיק מיט א זיכערער שטים, און אלע ארומיגע שטימען איין מיט איהם.

איך קום אין דעם גרויסען ארלינגטאָן האָל, וועלכער איז געפּאקט מיט סטרייקענדע מענער און פרויען; אויך די גאלערייען זיינען אָנגעפילט מיט מענשען. איך זיץ אויף דער פּלאטפאָרמע און זעה ווי די שכינה פון אחדות שיינט אויף אלע פארזאמעלטע סטרייקער, אויף די מענער, אזוי גוט ווי אויף די פרויען.

און — מערקווירדיג — אלץ יונג־וואַרג, גאנץ יונגע מענשען. און איך טראכט ביי זיך: איך קען דאָך שוין די פּאָריערס איבער צוואנציג יאָהר צייט, און יעדעס מאָל ווען איך קום צו זיי טרעף איך בלויז יונגע מענשען; אזוי איז עס געווען מיט צוואנציג יאָהר צוריק, מיט פופצעהן יאָהר צוריק, מיט פינף יאָהר צוריק — בלויז יונגע מענשען טרעף איך אימער. און אנדערס מאָל זעה איך בלויז א טייל פון די פּאָריערס, דעם מאָל איז דאָך א דזשענעראַל סטרייק, אלע זיינען דאָך ארונטער. איך בין עקסטרא געגאנגען אין אלע האָלס און איבעראל טרעף איך בלויז יונגע מענער און יונגע מיידלעך. בלויז איינעם פון פופציג אדער פון הונדערט זעה איך אן עלטערען מענשען. ווערען די פּאָריער גאָר ניט עלטער? — טראכט איך ביי זיך. און איך דערמאָן זיך, אז מיט א פּאָר טעג פריהער, האָב איך, געהענדיג פון א מיטינג שפּעט ביינאכט, זיך

אָפּגעשטעלט אויף הויסטאָן סטריט לעבן א פּושקארט צו קויפען פאר א פּאָר סענט פּרוכט. רופט זיך אָפּ דער פּושקארט פּעדלער צו מיר:

— מיסטער, „אַלבעטש יו" איהר קענט מיך שוין ניט. געדענקט איהר אפשר ווען איהר פלעגט קומען אין אונזער פּאָריערם יוניאן? עס איז שוין א שעהנע פּאָר יאָהר. דעמאָלט בין איך נאָך געווען פון די אריסטאָקראטישע פּאָר־קאטערס. זונטאָג און יום טוב פלעג איך טראגען א „סטאָוו־פּייפּ" (א צילינדער הוט). דעמאָלט פלעג איך פּארדינען אין שאפּ שעהנע געלד, איך האָב אָבער פּלוצלונג גענומען הוסטען און די דאָקטוירים האָבען מיר פּארבאָטען צו ארבייטען ביי פּאָר, האָב איך פאר דעם ביסעל אָפּגעשפּאָרטען געלד געקויפט א ביזנעס, און עס האָט ניט גענומען לאנג, האָב איך אָנגעוואוירען די געלד, ווייל די ביזנעס איז גע־גאנגען שלעכט און געהוסט האָב איך אלץ, געלד האָב איך שוין ניט גע־האט, האָבען מיר פריינד אַן עצה געגעבען ארויסצוגעהן אין גאס מיט א פּושקארט. — סטייטש! איך, דער אריסטאָקראטישער קינסטלער, דער פּאָר־קאטער, מיט א פּושקארט? איך שעהם זיך. האָט מיין אידענע מיך געטרייסט, אז מען דערקענט מיך שוין סיי ווי סיי ניט... איך בין שוין גענוג פארשווארצט... נו, טאָ ווי זאָלט איהר מיך נאָך היינט דער־קענען, נאָך אזוי פיל יאהרען ווי איך שטעה שוין דאָ?...

אזוינע „געוועזענע" פּאָריער האָט מען געקענט טרעפען א סך.

יעצט איז עס אָבער אנדערש. די טויזענדער יונגע מענער און פרויען, וואס זיינען ארויס אין קאמף, זיינען געקומען צום שכל. זיי האָ־בען באגריפען אז די איינציגע רעטונג פאר זיי ליגט אין א שטארקער יוניאן.

ווען איך בין ארויס פון סטרייק האָל און בין צוגעקומען צו דער פערטער סטריט, וואו עס זיינען געווען פארזאמעלט אנדערע סטרייקענדע פּאָריער, איז צו מיר צוגעלאָפען א יונגער ארבייטער און געזאָגט:

— ווייסט איהר, אז דער פּאָריער־סטרייק וועט זיכער געוואונען ווערען?

— ווי אזוי ווייסט איהר דאָס? — פרעג איך ביי איהם.

— סטייטש, — זאָגט ער צו מיר, — ווייסט איהר דען ניט, אז דער בלאָק איז זעהר א מזל'דיגער? די קלאוק מאכער האָבען דאָך פאר צוויי יאהרען פון דעם בלאָק געוואונען זייער גרויסען סטרייק, און היינט געפי־נען זיך אויף דעם זעלבען בלאָק די סטרייקענדע פּאָריער.

— זייט איהר זיכער, אז עס איז אזוי? — האָב איך לאכענדיג איהם געפרעגט.

— שור! — האָט ער געענטפערט.

אָפּגעהענדיג א פּאָר טריט ווייטער, האָב איך געטראָפען א גאַנץ היבשע רעדעל סטרייקערס, וועלכע האָבען ניט געקענט אריין אין האָל צום מאַס־מיטינג און זיינען געשטאַנען ארום אן אָפּען־עיר מיטינג. א יונגער מאַן, אן אינטעליגענטער פּאָר־ארבייטער, וועלכער האָט אויסגע־קוקט פול מיט האָפענונג און באגייסטערונג, האָט געהאלטען א פלאַמענדע רעדע. מיט א מאָל האָבען די סטרייקער גענומען זינגען די ליד, וואס איז ספּעציעל פאַרפאַסט געווארען פאר די סטרייקער, פון דעם באריהמטען ארבייטער־פּאָעט מ אָ ר י ס ר אָ ז ע נ פ ע ל ד:

עס מעג די בעסטע פוטער
אויך כאַפּען דער „ניט־גוטער".
דאָס „ווארעמט" אונז ניט, ניין.
מיר שניידען און מיר נעהען
און האָבען צער און וועהען
און הונגער און געוויין.

עס מעג די בעסטע פוטער
אויך כאַפּען דער „ניט גוטער",
אויך כאַפּען דער שווארץ יאָהר.
מיר ווילען מעהר ניט שקלאַפען,
די קרעפטען ניט פאַרשלאַפען
ביי די פאַרדאַמטע „פאָר"!...

א. אַז. וו., א. אַז וו.

דעם 8טען סעפּטעמבער, 1912, איז דער סטרייק פון די ניין טויזענד פּאָר ארבייטער געגען זייערע זעקס הונדערט באַלעבאַטים, נאָך א 13־וואָכיגען קאמף געסעטעלט געווארען. די ארבייטער האָבען באקומען א העכערונג אויף זייערע שכירות פון 30 פּראָצענט. אנשטאָט 54 און 56 שטונדען, וואס מען האָט פריהער געארבייט, איז איינגעפיהרט גע־ווארען די 49־שטונדיגע ארבייטס־וואָך. פאר אָווערטיים איז באַשטימט געווארען, אז די ארבייטער זאָלען באקומען אנדערהאַלבען מאָל אַזוי־פיל. עס איז איינגעפיהרט געווארען, אז די ארבייטער זאָלען קריגען באצאָהלט פאר צעהן געזעצליכע יום־טובים, וואס מען ארבייט ניט אין די שעפּער. אויך איז איינגעפיהרט געווארען, אז עס זאָלען זיין בלויז צוויי פּרייזען פון ווײדזשעס אין א יאָהר, אנשטאָט דריי און פיר־ערליי ווײ־

דזשעס, וואָס פלעגט ביז דאַן זיין. די אַרבייטס־פּרייזען זאָלען באַשטימט ווערען אין יאַנואַר און אין דזשולייַ פון יעדען יאָהר.

די פאַבריקאַנטען האָבען זיך פאַרפליכטעט, אַז זייערע קאָנטראַקטאָרס, צו וועלכע זיי גיבען ארויס ארבייט, זאָלען ערפילען די זעלבע באַדינגונגען.

עס איז ערוועהלט געוואָרען אַ דזשוינט באָארד פון ביידע צדדים אום אכטונג צו געבען, אַז די שעפּער זאָלען זיין אין אַ ריינעם, געזונטען צושטאַנד.

דאָס זיינען אַ טייל פון די פּונקטען פון אַגרימענט, וועלכען די פּאָריער יוניאַן האָט נאָכ׳ן סטרייק געשלאָסען מיט דער אַסאָסיאַיישאָן פון די באַלעבאַטים אויף צוויי יאָהר צייט.

אין דעם אַגרימענט איז ניט געוועזן קיין פּונקט וועגען אַ דירעקטען יוניאַן שאַפּ. אָבער אַזוי שנעל ווי די סטרייקערס האָבען זיך אויסגעגליכען מיט די באַלעבאַטים וועגען די ווידזשעס און האָבען זיך אומגעקעהרט צו דער ארבייט, זיינען כמעט אין אַלע שעפּער ערוועהלט געוואָרען שאָפּ־טשערלייט, מיט וועלכע די באַלעבאַטים האָבען געהאַנדעלט זעהר גערן וועגען אַלע סכסוכים צווישען באָס און אַרבייטער.

אין קיין שאָפּ זיינען ניט ארויסגעלאָזען געוואָרען פּאָריער צו דער ארבייט, סיידען זיי האָבען געהאַט אַ יוניאַן בוך און אַ וואָירקינג קארד.

די דייטשע פּאָר־ארבייטער, וועלכע זיינען ארויס אין אַ סימפּאַטיסטרייק, האָבען געסעטעלט פאַר אַן אַכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג.

די פּאָר ארבייטער זיינען געוועזן שטאָלץ אויף זייער יוניאַן, און גלייך די ערשטע וואָך ווי זיי האָבען זיך נאָר אומגעקערט צו דער ארבייט, האָבען זיי באַשלאָסען צו שאַפען אַ סטרייק־פאָנד פון פופציג טויזענד דאָלאַר.

אויף צו פיהרען דיזען מערקווירדיגען 13־וואָכיגען סטרייק פון די 9 טויזענד פּאָר־ארבייטער, האָט די יוניאַן געספּענדעט זעכציג טויזענד דאָלאַר. דאָס איז דאַן געוועזן אַ גרויסע סומע געלד. די גרעסטע צאָהל סטרייקערס האָבען די גאַנצע צייט פון די דרייצעהן וואָכען ניט גענומען קיין סענט שטיצע. פאַרקעהרט: די וואָס האָבען געהאַט אייגען געלד, האָבען עס נאָך אויסגעבאָרגט דער יוניאַן. די יוניאַן האָט פון דעם פאָנד געגעבען געלד צו די דייטשע פּאָריערס, אום צו קענען אָנפיהרען זייער סימפּאַטי סטרייק. די בעאַמטע פון דער יוניאַן האָבען זיך ענטזאָגט אין צייט פון סטרייק צו נעמען באַצאָהלט. די זעכציג

טויזענד דאָלאר איז אויסגעגעבען געווארען אויף די מיטינג־האָלס, וואו די סטרייקערס האָבען אָפּגעהאַלטען זייערע פארזאמלונגען. די געלד־שטראָפען, וואס די ריכטער האָבען ארויפגעלייגט אויף די פּיקעטס, האָט אויך באַטראָפען א שעהנע סומע. א חוץ דעם זיינען געווען אַנדערע אויסגאבען, — אַלעס צוזאמען ארום זעכציג טויזענד דאָלאר.

פון די זעכציג טויזענד דאָלאר איז זעקס און דרייסיג טויזענד דאָלאר געזאמעלט געווארען דורכ'ן „פאָרווערטס“.

אויף דער פינפטער וואָך פון סטרייק, האָט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען איינגעלאַדען צו א קאָנפערענץ פארטרעטער פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי, — לאָקאַל ניו יארק, די עקזעקוטיווע פון „ארבייטער רינג“, און די אַלע אָרגאַניזאציעס צוזאמען האָבען ארויסגע־לאָזען אן אויפרוף נאָך שטיצע פאר דעם סטרייק.

די אידישע יוניאָנס זיינען געווען די ערשטע, וועלכע האָבען באַ־וויליגט געלד פאר'ן סטרייק און האָבען אויך בייגעשטייערט די גרעסטע סומע צו דעם פאָנד. פון די קלענסטע ביז די גרעסטע פון אַלע אונזערע אידישע יוניאָנס, האָבען אַלע געשטיצט דעם סטרייק מיט געלד, יעדע נאָך איהרע קרעפטען נאָך און לויט דער צאָהל מיטגלידער איהרע. די לאָקאַלס פון דער קלאוק מאכער יוניאָן אליין האָבען געגעבען פון זייער קאסע איבער צעהן טויזענד דאָלאר ($10,875) קעש, אויסער די עטליכע טויזענד דאָ־לאר, וואָס די אַרבייטער האָבען געזאַמעלט צווישען זיך אין די קלאוק, סקוירטס און ריפער שעפּער. די קאפּען־מאַכערס לאָקאַל יוניאָנס האָבען געשטיצט דעם סטרייק מיט פופצעהן הונדערט דאָלאר.

די ספּעשעל קאָמיטע, וועלכע די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפ־טען האָט ערוועהלט צו זאמלען שטיצע, האָט געזאמעלט דורך די „טעג־דעים“, דורכ'ן ספּעשעל נומער „פאָרווערטס“, „ספּעשעל קאָלל“, דורך סטעמפּס און דורך הויז צו הויז קאָלעקשאָנס די סומע פון צעהן טויזענד דאָלאר. די געווערקשאַפטען פון דייטשלאַנד האָבען צו דעם סטרייק־פאָנד געשיקט צוויי טויזענד מארק (פינף הונדערט דאָלאר). פון די ענג־לישע און דייטשע יוניאָנס, וועלכע זיינען געווען פארבונדען מיט דער אמעריקען פעדריישאָן אָוו לייבאָר, איז אויך אריינגעקומען א טויזענד דאָלאר. איינגיגע טויזענד דאָלאר זיינען געזאמעלט געווארען פון ארביי־טער רינג ברענטשעס, פון לאָדזשען, סאָסייעטיס, און דורך טעאַטער בע־נעפיטס. אַלע האָבען געהאָלפען די קעמפּענדע פּאָריערס. אָבער די גרעסטע סומע פון דעם פאָנד איז געקומען פון די אידישע ארבייטער און ספּעציעל פון די אידישע יוניאָנס.

פון די פילע איינצעלנע פערזאָנען, וועלכע האָבען א טעטיגען אנ־טייל גענומען אין סטרייק דארפען דערמאָנט ווערען די פאלגענדע: א. קאָהן, ה. שליסעל, מ. קארמאן, שאמראט, א. צאלקין, י. צאלקין, קאזאנאָוו, מארגוליס, דזשייקאָבסאָן, לינעצקי, מייזעלמאן, בערמאן, ברוקנער, גערבער, דזש. קאָהען, קאטצמאן, דעסלער, מיס בלאנק, מיס פאלאנסקי, מיסעס מילער, מיסעס פאסטאר, — און די טוער פון די אנדערע יוניאנס, הויפט־זעכליך דעלעגאטען צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

---

## די גרינדונג פון דער אינטערנעשאָנאל פאָריער אַרבייטער יוניאָן.

דעם 13־טען יוני, 1913, מיט 8 מאָנאטען נאָך דעם, ווי די ניו יארקער פאָריער יוניאָן האָט געוואונען דעם גענעראל סטרייק, איז אין וואשינגטאָן פאָרגעקומען א קאָנוועגשאָן, ביי וועלכער עס זיינען געווען פארטראָטען דעלעגאטען פון די פאָריער יוניאנס פון באָסטאָן, ניו יארק, שיקאגאָ, סעינט־פאול, וואשינגטאָן, באלטימאָר, פילאדעלפיא און טאָראָנ־טאָ, קענעדע. ביי יענער קאָנוועגשאָן איז געגרינדעט געווארען די „אינ־טערנעשאָנאל פאָר ווארקערס יוניאָן“. אלס סעקרעטאר־טרעזשורער איז ערוועהלט געווארען מ. קארמאן, דער פינאנץ־סעקרעטאר פון דער ניו יארקער פאָריערס יוניאָן, און אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָ־נאל — א. מילער, א מיטגליד פון דער דייטשער פאָריער יוניאן פון ניו יארק.

די אינטערנעשאָנאל האָט זיך גלייך אָנגעשלאָסען אָן דער אמעריקאן פעדערייש אָן אָוו לייבאָר. עס איז באשטימט געווארען, אז די הויפט־קווארטיר פון דער אינטערנעשאָנאל זאָל זיין אין ניו יארק.

אין אויגוסט, 1914, האָט די ניו יארקער פאָר־ארבייטער יוניאן אויף א קאָנפערענץ באנייט נאָך אויף צוויי יאהר דעם קאָנטראקט, וואָס זי האָט אין 1912 געשלאָסען מיט דער אסאָסיאיישאָן פון די פאָר־באלע־באטים. די באלעבאטים האָבען זיך פארפליכטעט, ערשטענס, אז זיי וועלען באשעפטיגען אין זייערע שעפער בלויז גוט־שטעהענדע מיטגלידער פון דער יוניאן; צווייטענס, אז אלע אינסייד קאָנטראקטאָרס אין די שעפער זאָלען אָפּגעשאפט ווערען; דריטענס, צו באשרענקען די צאָל לערנערס; פערטענס, אז זיי זאָלען ניט ארויסגעבען קיין ארבייט צו די ארביי־טער אהיים; פינפטענס, אז די אינסייד פאבריקאנטען זאָלען זיין פאר־אנטוואָרטליך פאר די יוניאן־באדינגונגען אין די אויטסייד־קאָנטראקטינג־שעפער; זעקסטענס, צו גרינדען א שידעס־געריכט־קאָמיטע צו שליכטען

אלע מעגליכע סכסוכים צווישען די ארבייטער און די באַלעבאַטים, און זיבעטענס, אז עס זאָל איינגעפיהרט ווערען פון ביידע צדדים אַ באָארד, צו קאָנטראָלירען אז די פּאָר שעפּער זאָלען געהאַלטען ווערען אין אַ סאַניטארען צושטאַנד. אויך זאָל אָרגאַניזירט ווערען אַ שטענדיגע קאָנפערענץ־קאָמיטע פון פּאָרשטעהער פון דער יוניאַן און פון דער אסאָסיאיישאָן, און די קאָנפערענץ קאָמיטע זאָל האָבען אַן אונפּאַרטייאישען פּאָרזיצענדען.

ביי דער אסאָסיאיישאָן פון די קלענערע פּאָר פאבריקאַנטען האָט דאַן, אין יאָהר 1914, די יוניאַן גערופען אַ סטרייק. און אויך יענע באַלעבאַטים האָבען נאָכגעגעבען די זעלבע פּאָדערונגען. יעדער פאבריקאַנט פון דער אסאָסיאיישאָן פון די קלענערע באַלעבאַטים האָט אונטערגעשריבען אַ באַזונדערען קאָנטראַקט.

אלס אונפּאַרטייאישער טשערמאַן פון דעם פּאָר טרייד איז באַשטימט געווארען ד ר. י. ל. מ אַ ג נ ע ס, און אלס זיין ארויסהעלפער, ד ר. פ א ו ל א י י ב ע ל ס אָ ן.

די פּאָר־ארבייטער, וועלכע האָבען כמעט אלע געארבייט פון וואָך, האָבען ביים אָפּשליסען פון דעם יוניאַן־קאָנטראַקט, געקראָגען אַ העכערונג אויף זייערע שכירות.

אין אָנפאנג פון יאָהר 1917 איז אויפ'ן פּלאַץ פון איזידאָר קאָהן, דעם מענעדזשער פון דער ניו יארקער פּאָריערס יוניאַן, ערוועהלט געווארען מ אָ ר י ס ק א ו פ מ א ן, אַ פּאָר־ארבייטער, אַ מיטגליד פון אפּערייטאָרס לאָקאל 5, וועלכער האָט געפיהרט דעם דערמאָנטען סטרייק אין יאָהר 1907.

אין יאָהר 1918, ווען עס זיינען אָנגעקומען די גוטע צייטען אין לאַנד, און מאַסען פרויען פון מיטעל קלאַס און אפילו ארבייטער־פרויען האָבען גענומען קויפען פוטערנע מאַנטלען, איז אין פּאָר־טרייד געווארען שטארק ביזי און די פּאָר־ארבייטער האָבען יעדען סיזאָן געקראָגען אַ העכערונג אויף זייערע שכירות. עס זיינען געווען פּאָר־ארבייטער, וועלכע האָבען דאַן געקראָגען אנשטאָט 35 אדער 40 דאָלאר אַ וואָך, — 75 דאָלאר און מעהר, נאָך גרעסערע שכירות האָבען דאַן גענומען פארדינען די צושניידער (קאַטערס) פון פּאָר. צו יענער צייט האָט די פּאָר־וואירקערס יוניאַן דורכגעפיהרט 44 שטונדען אַ וואָך ארבייט, אנשטאָט 49. אזוי איז עס געגאַנגען גוט ביי די פּאָריער, ביז ענדע פון יאָהר 1919, ווען עס איז פּלוצלונג געווארען סלעק אין טרייד און די פּאָר באַלעבאַטים האָבען גענומען אָפּלייגען מאַסען ארבייטער פון די שעפּער. כמעט אַ העלפט

מיטגלידער פון דער יוניאן זײַנען געוואָרען ארבײטסלאָז. די יוניאן האָט דעריבער באַשלאָסן ארויסצושטעלן נײַע פאָדערונגען צו די באַלעבאַטים, דאָס איז געווען אין אָנפאַנג פון יאָהר 1920. די פאָדערונגען זײַנען געווען: 40 שעה א וואָך ארבײט, גלײַכע פארטײלונג פון ארבײט, און אז א באַלעבאָס זאָל ניט קאָנען אװעקשיקען אן ארבײטער אָהן א גענוגענדער אורזאַכע.

דער פיהרער פון יענעם סטרײַק איז געווען מ אָ ר י ס ק א ו פ מ א ן, דער מענעדזשער פון דער יוניאן און אויך דער עהרען־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל פאָר־ארבײטער יוניאָן.

מ אָ ר י ס ק א ו פ מ אַ ן איז געבוירען געוואָרען אין דער שטעדטעל האָראָדאָק, מינסקער גובערניע. אַלס א יונגער בחור איז ער אוועקגעפאָהרען אין מינסק, וואו ער איז געוואָרען א מיטגליד פון „בונד". אין אמעריקא איז ער געקומען אין יאָהר 1903. ער איז געוואָרען אן אָפּערײטאָר בײַ פאָר און איז געוואָרען טעטיג אין דער יוניאָן. ער איז אין פארלויף פון א רײַהע יאָהרען געווען פריהער דער מענעדזשער פון דער ניו יארקער יוניאָן און שפּעטער דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל פאָר־ארבײטער יוניאָן.

* * *

דער פאָריגער סטרײַק אין יאָהר 1920 איז געווען אײנער פון די ביטערסטע קאַמפען, וואָס אידישע ארבײטער האָבען אמאָל דורכגעמאַכט. ער האָט זיך געצויגען 32 וואָכען. די סטרײַקענדע פאָריערס האָבען בראַוו געקעמפט פאַר זײערע פאָדערונגען, אָבער נאָך 8 מאָנאַטען סטרײַקען, זײַנען זײ געצוואונגען געווען צו סעטלען מיט די באַלעבאַטים אויף די אַלטע באַדינגונגען, וועלכע זײ האָבען געהאַט פאַר'ן סטרײַק.

אין יאַנואַר, 1921־טען יאָהר, ווען עס זײַנען פאָרגעקומען וואַהלען פאַר בעאַמטע אין דער יוניאָן, האָט מאָריס קאופמאַן ניט אָנגענומען מעהר דעם אמט אַלס מענעדזשער. אויף זײַן פּלאַץ איז דאַן ערוועהלט געוואָרען א. ב ר אָ נ ש ט ײ ן, אן אמאָליגער פאָר־ארבײטער.

צווישען די מיטגלידער פון דער יוניאָן האָט דאַן געהערשט א גרויסע אונצופרידענהײט מיט די פריהערדיגע בעאַמטע, צום ערשטען מאָל איז דאַן אין די וואַהלען צום דזשוינט באָארד פון דער יוניאָן ערוועהלט געוואָרען א מערהײט „לינקע", קאָמוניסטען און אָנהענגער פון די קאָמוניסטען. צווישען זײ, ב ע ן ג אָ ל ד, א קאַטער בײם פאָך; א ה ר ן ג ר אָ ס, אן אָפּערײטאָר, פ ע נ י וואַרשאַווסקי, א פינישערין, א ס ת ר

פּאָלאַנסקי, אויך אַ פינישערין. די לעצטע זיינען אַליין געווען אין דער אָנפיהרונג פון דעם פּאַרלוירענעם סטרייק פון יאהר 1920, און דאָך האָבען זיי, אַלס „לינקע", די גאַנצע צייט געהעצט געגען די „רעכטע", ביז זיי איז ענדליך געלונגען אריינצוקריגען די מאכט אין זייערע הענד. דער ניי־ערוועהלטער מענעדזשער, א. בראונשטיין, איז דאן אויך געווארען א סימפּאַטייזער פון די קאָמוניסטען. די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען דאן געגרינדעט זייער „טרייד יוניאן עדיוקיישאָנאַל ליג", זיינען געווארען די פאקטישע פיהרער פון דער פּאָריערס יוניאן.

צוויי יאהר האָבען די קאָמוניסטען געהאַלטען די יוניאן אונטער זייער קאָנטראָל, פון יאהר 1921 ביז יאהר 1923. פאר די צוויי יאהר צייט איז די יוניאן שטארק געפאלען. די קאָמוניסטישע פיהרער האָבען אָנ־געמאכט אַ סך חובות און די צאָהל מיטגלידער פון דער יוניאן איז געפאַ־לען פון ניין טויזענד אויף קאַרגע דריי טויזענד. די קאַסע פון דער יוניאן איז געווען פוסט און די חובות, וואס די קאָמוניסטען האָבען אָנגעמאכט, האָבען באטראָפען נאָהענט פון הונדערט טויזענד דאָלאַר. דאָס האָט גע־בראַכט צו דעם, אַז ביי די נייע וואהלען פאר דזשוינט באָארד דעלעגאטען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין יאנואר פון יאהר 1923, זאָלען די קאָמו־ניסטען דורכפאַלען מיט אַ קראַך. קיין איינציגער פון די קאָמוניסטישע קאַנדידאטען איז ניט ערוועהלט געווארען צום נייעם דזשאינט באָארד און דער מענעדזשער פון דער יוניאן, א. בראונשטיין, וועלכער איז פריהער געווען אַ האַלבער „לינקער", האָט פּלוצלונג זיך איבערקוליעט און ערקלערט זיך פאר אַ „רעכטען".

די ניי־ערוועהלטע „רעכטע" דזשוינט באָארד דעלעגאטען האָבען זיך דערמאַכט ענערגיש אַ נעם געטאָן צו דער ארבייט צוריק אויפצובויען די יוניאָן. מיט גרויס מיה איז זיי געלונגען ביסלעכווייז צוריקצוברענגען די אַלע טויזענדער מיטגלידער, וואס האָבען דורך די יאהרען פון דער קאָמוניסטישער דיקטאטור פאַרלאָזען איהרע רייהען. די דזשאינט באָארד האָט אויך אָפּגעצאָהלט ביסלעכווייז די חובות, וואס די קאָמוניסטען האָ־בען איבערגעלאָזען, און נאָך אָנגעזאַמעלט נאָהענט פון אַ פערטעל מי־ליאָן דאָלאר קעש־געלד אין דער יוניאן־קאַסע.

אין יאָהר 1923 איז אויך פאָרגעקומען אַ קאָנווענשאָן פון דער אינ־טערנעשאָנאַל פאר וואירקערס יוניאן, און דאָרטען איז ערוועהלט געוואָ־רען אַלס פּרעזידענט מאָריס קאופמאַן, און אַלס סעקרעטאר־טרעזשורער איז ווידער ערוועהלט געווארען אַנדריו וועינים, אַ מיטגליד פון דער ברוקלינער פאָר־דרעסערס יוניאָן.

אין די יאָהרען 1924 און 1925, ווען די „רעכטע" האָבען געהאַט דעם קאָנטראָל איבער דער יוניאָן, זיינען געווען סעזאָנען, ווען עס איז פּשוט קיין ארבייט ניט געווען ביי פאַר און, נאַטירליך, זיינען אויך געווען פילע ארבייטסלאָזע. די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען ביז דאַן קיין איינפלוס ניט געהאַט אין דער יוניאָן, האָבען אין דער צייט פון דער גרויסער ארבייטסלאָזיגקייט אָנגעפיהרט אַ שמוציגע אַגיטאַציע פון פארלוימדונגען געגען די „רעכטע" דזשוינט באָארד מיטגלידער, ווי אויך געגען די באַצאָהלטע בעאַמטע פון דער ניו יארקער יוניאָן און פון דער אינטערנעשאָנאָל. די קאָמוניסטען האָבען באַשולדיגט די בעאַמטע און אקטיווע מיטגלידער פון דער יוניאָן, אַז צוליב זיי איז אין טרייד קיין ארבייט ניטאָ.

צום סוף פון יאהר 1924 און אין אָנפאַנג פון יאָהר 1925, איז אין דזשאינט באָארד געווען אַ געוויסע גרופּע דעלעגאַטען, וואָס אָבוואָהל זיי זיינען ניט געווען קיין „לינקע", זיינען זיי אָבער אויך געווען געגען די „רעכטע" פיהרער, מעהרסטענס צוליב פּערזענליכע מאָטיוען. זיי האָבען זיך אָרגאַניזירט אין א באַזונדערער גרופּע, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געגעבען דער „פּראָגרעסיווער בלאָק".

אין מאַי פון יאָהר 1925, ווען דער דאַמאָלסדיגער יוניאָן מענעדזשער א. בראונשטיין, האָט געדארפט פארלאָזען זיין אמט, האָט זיך אָט דער אזוי־גערופענער „פּראָגרעסיווער בלאָק" פלוצלונג פאראייניגט מיט די קאָמוניסטען. זיי האָבען דורכגעפיהרט נייע וואהלען פאר אלע בעאמטע, כאָטש לויט דער יוניאָן קאָנסטיטוציע האָבען די וואהלען ערשט געדארפט פאָרקומען אין אויגוסט. די „רעכטע" מיטגלידער האָבען זיך ניט באַטייליגט אין די וואהלען און אויף אזא אופן איז די קאָמוניסטען צוזאמען מיט'ן „פּראָגרעסיווען בלאָק" געלונגען צו ערוועהלען אלע זייערע קאַנדידאַטען צום דזשוינט באָארד. ב. גאָלד איז דאַן ערוועהלט געווארען אלס מענעדזשער און עוזר שאַכטמאַן, אלס סעקרעטאר־טרעזשורער (שאכטמאַן איז געווען פון דעם „בלאָק").

אין מאָנאַט מאַי, פון יאהר 1925, ווען די קאָמוניסטען מיט'ן „בלאָק" האָבען איבערגענומען די יוניאָן, האָט געדארפט אריין אין קראַפט אַן אָפּמאַך, וואָס די יוניאָן האָט געסעטעלט מיט די פאַר־פאבריקאַנטען נאָך פון פריהער, וועגען עטאַבלירען אין דער פאַר־אינדוסטריע אַן ארבייטסלאָזען־פאָנד, צו וועלכען די ארבייטער און די באַלעבאַטים האָבען געדארפט איינצאָהלען צו 1½ פּראָצענט פון די שכירות, וואָס די ארבייטער פאַרדינען, און דערפון זאָל מען געבען בענעפּט צו די ארבייטסלאָזע פאַריער. אָבער די נייע יוניאָן־אַדמיניסטראַציע פון די קאָמוניסטען און

פון די „בלאָק"־מענשען, האָט געלאָזען פאלען דעם ארבייטסלאָזען־פאָנד, און אנשטאָט דעם האָט די קאָמוניסטישע פארטיי גענומען ארבייטען אום ארויסצושטופען פון דער מאכט דעם „פּראָגרעסיווען בלאָק", וועלכער האָט לויט דעם אָפּמאך מיט די קאָמוניסטען געדארפט זיין שותפים צו פיהרען די יוניאָן.

די קאָמוניסטען האָט זיך זעהר שטארק געוואָלט פארכאַפּען די מאכט אויך אין דער „אינטערנעשאָנאל", האָבען זיי גענומען שטארק אגיטירען פאר א ספּעשעל־קאָנווענשאָן.

דעם 9טען נאָוועמבער, 1925, איז אין באָסטאָן אָפּגעהאלטען געוואָרען א ספּעציעלע קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאל פאָר־ארבייטער יוניאָן. ביי דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן זיינען געווען פארטראָטען 30 דעלעגאטען פון דעם ניו יארקער דזשוינט באָארד. פון זיי זיינען 20 געווען קאָמוניסטען און 10 פון דעם „פּראָגרעסיווען בלאָק", מיט וועמעס הילף די קאָמוניסטען האָבען אין יאהר 1925 פארכאַפּט די ניו יארקער פאָריער יוניאָן. ביי דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן זיינען די צוויי שותפים — די קאָמוניסטען און די „בלאָק"־מענשען, שוין געווען צוריסען צווישען זיך, ווייל דער „בלאָק" האָט אויסגעפונען, אז די קאָמוניסטען ווילען זייערע מענשען פארטרייבען און בלייבען די איינציגע דיקטאטאָרס סיי אין דער ניו יארקער יוניאָן, סיי אין דער „אינטערנעשאָנאל".

די „רעכטע" האָבען ביי יענער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאל געהאט 25 דעלעגאטען פון די שטעדט, אויסער ניו יארק. די 10 דעלעגאטען פון דעם „פּראָגרעסיווען בלאָק" פון ניו יארק האָבען זיך פאראייניגט מיט די „רעכטע" און ביידע צוזאמען האָבען שוין געהאט א מערהייט פון דעלעגאטען געגען די קאָמוניסטען ביי דער קאָנווענשאָן.

ביי יענער קאָנווענשאָן האָט פּאסירט די פאָלגענדע געשיכטע: ט.ש. רוטענבערג, דער דאמאלסדיגער סעקרעטאר פון דער אמעריקאנער קאָמוניסטישער פּארטיי, האָט פון שיקאגאָ ארויסגעשיקט א טעלעגראמע צום קאָמוניסטישען אַגענט וויינסטאָון, וועלכער איז געקומען ספּעציעל נאָך באָסטאָן צו דיריגירען די קאָמוניסטישע פּאָריער דעלעגאטען, ווי אזוי צו פארכאַפּען די אינטערנעשאָנאל פּאָר ארבייטער יוניאָן. דארף טרעפען א נס, און רוטענבערג'ס טעלעגראמע איז דורך א טעות אריינגעפאלען אין די הענד פון א „רעכטען" דעלעגאט. ווען די „בלאָק"־מענשען האָבען איבערגעלייענט רוטענבערג'ס טעלעגראמע צו וויינסטאָון'ען, האָבען

זיי פאַרשטאַנען צו וואָס די קאָמוניסטען צילען, און ווען עס איז געקומען צו די וואַהלען פאַר וויים־פּרעזידענטען האָבען זיי צוזאַמען מיט די רעכטע דורכגעוואָרפען דעם קאָמוניסטישען קאַנדידאַט בען גאָלד. קאַופמאַן, דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, האָט זיך ענטזאַגט אויף ווייטער צו לויפען. אויף זיין פּלאַץ איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט **עוזר שאַכטמאַן** און אַלס סעקרעטאַר־טרעזשורער, **י. וואַהל**. אַלע וויים־פּרעזידענטען, אויסער צוויי, זיינען אויך געווען מיטגלידער פון „פּראָגרעסיווען בלאָק". די קאָמוניסטען האָבען, אַלזאָ, געליטען אַן ענטשידענע נידערלאַגע ביי דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן.

קומענדיג קיין ניו יאָרק, האָבען די קאָמוניסטען גלייך גערופען די יוניאָן מיטגלידער צו אַ מיטינג אין קופּער יוניאָן, וואו זיי האָבען געבראַנדמאַרקט די מיטגלידער פון „פּראָגרעסיווען בלאָק" אַלס פאַררעטער.

כדי צו באַפעסטיגען זייער מאַכט אין דער יוניאָן האָבען די קאָמוניסטען גענומען אריינגעמען נייע מיטגלידער, דאָס הייסט, זיי האָבען אריינגענומען לערנערס אין טרייד און זיי גלייך געמאַכט פאַר יוניאָן לייט, אין דער צייט ווען דער יוניאָן אַגרימענט מיט די באַלעבאַטים האָט געלויטעט, אַז קיינע לערנערס זאָלען ניט אריינגענומען ווערען, ווייל אין טרייד זיינען אַזוי אויך געווען צופיל ארבייטער, פאַר וועלכע עס איז קיינמאָל ניט געווען גענוג ארבייט אויף אַ לעבען צו מאַכען. די קאָמוניסטען האָבען זיך אָבער געוואָלט דורך אַזאַ מיטעל באַוואָרענען מיט אַ מאַיאָריטעט אין דער יוניאָן. די לערנערס האָבען, פאַרשטעהט זיך, געארבייט פאַר אַ קלענערען פּרייז און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז פילע עלטערע ארבייטער האָבען צוליב דעם פאַרלוירען זייערע פּלעצער אין זייערע געבליבען ארבייטסלאָז.

ענדע פון יאָהר 1925 האָבען די קאָמוניסטישע פיהרער פון דער ניו יאָרקער פאַריער יוניאָן גענומען קאָנפערירען מיט דער אַסאָסיאיישאָן פון די פאַר־פאַבריקאַנטען וועגען אַ נייעם אַגרימענט. פון די קאָנפערענצען איז אָבער גאָרנישט ארויסגעקומען, ווייל די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט נאָך איידער מען איז געגאַנגען צו דער קאָנפערענץ, באַשלאָסען, אַז מען מוז אונטער אַלע באַדינגונגען רופען אַ גענעראַל סטרייק פון אַלע פאַר־ארבייטער. פאַר דעם צוועק האָבען די קאָמוניסטישע פיהרער מיט אַ כיון ארויסגעשטעלט אַזעלכע פאָדערונגען, אַז די באַלעבאַטים זאָלען זיי בשום אופן ניט נאָכגעבען.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אָנפאַנג פעברואַר, פון יאָהר 1926,

האָבען די קאָמוניסטען ערקלעהרט דעם גענעראַל סטרייק און אַלע פּאָ־ריער ארבייטער האָבען פּארלאָזען די שעפּער.

נאָך איידער דער סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען האָבען די קאָ־מוניסטען באַזייטיגט פון אַלע עמטער סיי די „רעכטע", סיי די מיטגלי־דער פון „פּראָגרעסיוועו בלאָק". אין קיינער פון די סטרייק־קאָמיטעס האָבען זיי ניט צוגעלאָזען קיין איין ניט־קאָמוניסט. אַלעס איז געפיהרט געוואָרען פון די קאָמוניסטען, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרען פון צענ־טראַל קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי.

נאָך 8 וואָכען סטרייקען האָט די אינטערנעשאָנאַל פּאָר וואָירקערס יוניאָן מיט א גרויסער גרופּע פון די סטרייקענדע ארבייטער זיך גע־ווענדעט צו דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, אַז זי זאָל זעהן ברענגען דעם סטרייק צו א סעטעלמענט.

פּרעזידענט גרין, פון דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, האָט דאַן קאָנפערירט מיט'ן פּרעזידענט און די איבעריגע פאָרשטעהער פון דער פאַבריקאַנטען־אַסאָסיאיישאָן, און עס זיינען אויסגעארבייט געוואָרען 8 פּונקטען פאר א סעטעלמענט. די באַלעבאַטים האָבען נאָכגעגעבען 42 שטונדען א וואָך ארבייט און כמעט אַלע אַנדערע וויכטיגע פאָדערונגען, וואָס די יוניאָן האָט פּאַרלאַנגט. די בעאַמטע פון דער אינטערנעשאָנאַל האָבען געוואָלט פאָרלייגען צו די סטרייקענדע פּאָר־ארבייטער דעם סע־טעלמענט פאר אַן אפּשטימונג, אבער די קאָמוניסטישע פּיהרער פון סטרייק האָבען אויף קיין פּאַל ניט דערלאָזען, אַז די סטרייקערס זאָלען דיסקוטירען און שטימען וועגען דעם פאָרשלאַג, וואָס די באַלעבאַטים האָבען געוואָלט נאָכגעבען נאָך 8 וואָכען סטרייקען.

די קאָמוניסטישע פּיהרער האָבען אַליין אויך קאָנפערירט מיט פּרע־זידענט גרין פון דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר און געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי ניט שטערען ווייטער פּיהרען דעם סטרייק. פּרעזידענט גרין האָט זייער פּארלאַנג באַוויליגט און די קאָמוניסטען האָבען דעם סטרייק ווייטער געפיהרט.

ווי שוין פריהער געזאָגט, האָבען די קאָמוניסטען, ווען זיי האָבען אי־בערגענומען די יוניאָן, געטראָפען אין דער קאַסע פון דער יוניאָן א פערטעל מיליאָן דאָלאַר בארעס געלד. א חוץ דיזען פערטעל מיליאָן דאָלאַר האָבען זיי נאָך אריינגענומען א גרויסע סומע געלד פון די 3,000 נייע מעמבערס, וועלכע זיי האָבען אויפגענומען אין דער יוניאָן. דערצו האָ־בען זיי נאָך ארויפגעלייגט א ספּעציעלען גרויסען טעקס אויף אַלע מיט־גלידער. אין צייט פון סטרייק האָבען זיי אויך געקראַגען גרויסע סומען

געלט פון פאַרשידענע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס אַלס שטיצע פאַר די סטרייַ־קערס. אַרום און אַרום האָבען די קאָמוניסטען געהאַט איבער אַ מיליאָן דאָלאַר. די אַרבייטער, וואָס זיינען ניט געווען קיין קאָמוניסטען אָדער סימפּאַטייזער פון די קאָמוניסטען, האָבען געקראָגען גאַנץ ווייניג סטרייק־בענעפיט און טאָמער פלעגט אַזאַ אַרבייטער קומען אין אָפיס און מאָהנען מעהר, פלעגט ער קריגען צושפּאָלטען דעם קאָפּ פון די אַזוי־גערופענע „שוואַרצע גלאָווס", די ספּעציעלע אַרמיי פון „שטאַרקע" שלעגער, וואָס די קאָמוניסטען האָבען געדונגען.

אויף דער 17טער וואָך פון סטרייק, נעמליך, דעם 10טען מאַי, 1926, האָבען די קאָמוניסטישע פיהרער ענדליך, מיט דער הילף פון אַ רייכען פּאַר־הענדלער, וועלכער טוט ביזנעס מיט סאָוועט־רוסלאַנד, געסעטעלט דעם סטרייק.

די באַלעבאַטים האָבען נאָכגעגעבען 40 שטונדען אַ וואָך אַרבייט, אָבער בלויז פאַר 8 מאָנאַט אין יאָהר און די איבעריגע 4 מאָנאַטען — 44 שטונדען. דערפאַר האָבען די קאָמוניסטישע פיהרער געלאָזט פאַלען דעם אַרבייטסלאָזען־פאָנד און האָבען אויך אוועקגעשענקט די באַלעבאַ־טים 3 געזעצליכע יום טובים מיט באַצאָהלט, און אַזוי איז דאַן ענד־ליך געסעטעלט געוואָרען דער סטרייק מיט 9 וואָכען שפּעטער, ווי די באַלעבאַטים האָבען געהאַט נאָכגעגעבען דיזעלביגע באַדינגונגען, מיט דער אויסנאַהמע פון 42 שטונדען, אָנשטאָט 40 שעה פאַר 8 מאָנאַטען.

נאָכ'ן סטרייק האָט דער עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, אויפ'ן פאַרלאַנג פון דער „אינטערנעשאָנאַל", געוועהלט אַ קאָמיטע, וואָס איז באַשטאַנען פון וויס־פּרעזידענט מעטיו וואָל, ע. מאַקגריידי, און יו. פריי, צו אונטערזוכען ווי אַזוי דער פּאַריער־סטרייק איז געפיהרט געוואָרען.

עס האָט גענומען 6 חדשים ביז דיזע אונטערזוכונגס־קאָמיטע פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָט געקענט פאַרטיג ווערען מיט איהר אַרבייט, ווייל די קאָמיטע האָט געהאַט גרויסע שוועריגקייטען צו באַקו־מען פון די קאָמוניסטישע פיהרער די ביכער. די קאָמיטע האָט אויסגעפו־נען, אַז די קאָמוניסטען האָבען פאַרטאַכלעוועט הונדערטער טויזענטער דאָלאַר פון דער יוניאָן קאַסע, פאַר וועלכע זיי האָבען ניט געקענט אָפּ־געבען קיין רעכענונג.

די קאָמוניסטישע פיהרער האָבען געקליימט, אַז זיי האָבען אויסגעגע־בען איבער 800,000 דאָלאַר אויף צו פיהרען דעם סטרייק. אין דער ווירקליכקייט אָבער איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז אַ טייל פון דעם געלט

וויינינגסטענס, איז אוועקגעגעבען געווארען פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדא, פאַר קאָמוניסטישע צייטונגען און צו פאַרשידענע אנדערע קאָמוניסטישע אינסטיטוציעס.

די אינטערנעשאָנאַל פאָר וואירקערס יוניאָן האָט זיך מיט 6 מאָנאַטען שפּעטער געווענדעט צום עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקאַן פעדערישאָן אָוו לייבאָר מיט אַ פאַרלאַנג, אז מען זאָל זיי העלפען צו רעאָרגאַניזירען די ניו יאָרקער פּאָריער יוניאָן, ווייל די קאָמוניסטישע פיהרער האָבען טעראָריזירט די מיטגלידער און האָבען אויך ניט געצאָהלט די געזעצליכע אָפּצאָהלונגען צו דער „אינטערנעשאָנאַל".

דער עקז. קאונסיל פון דער אַ. פ. אָוו ל. האָט באַאויפטראַגט די אונטערזוכונגס־קאָמיטע צו רעאָרגאַניזירען די ניו יאָרקער פּאָריער יוניאָן. ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען די איבעררעגיסטראַציע פון מיטגלידער. די קאָמיטע האָט פאַרהאַנדעלט מיט דער אַסאָסיאיישאָן פון די פּאָר־פאַבריקאַנטען, וועלכע האָט זיך ערקלעהרט גרייט צו פאַרהאַנדלען מיט דער יוניאָן פון דער אמעריקאַן פעדערישאָן אָוו לייבאָר. די גרעסטע צאָל מיטגלידער פון דער פּאָריערס יוניאָן האָבען זיך רעגיסטרירט אין דער פּאָריער יוניאָן פון דער אמעריקאַן פעדערישאָן אָוו לייבאָר.

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט זעהר פיל געהאָלפען די פּאָריערס, ווי אויך די קלאָוקמאַכער און די אידישע ארבייטער פון אַנדערע טריידס צו פאַרטרייבען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון די יוניאָנס. דער „וועקער", דער אָפיציעלער אָרגאַן פון פאַרבאַנד, און די פיהרער און אַקטיווע טוער פון פאַרבאַנד — נ. כאַנין, ד. שוב, י. וויינבערג, סאַול ריפּקין, פּ. דעמביצער, ש. לעוויטאַס, ח. קאַטאַראָוויטש און אַ. ליטוואַק, האָבען געהאָלפען אויפדעקען די אַלע אינטריגעס און פינסטערע מעכינאַציעס פון די קאָמוניסטען אין די אידישע יוניאַנס און האָבען ערמוטיגט די אידישע ארבייטער צו באַפרייען זיך פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור און צוריק אויפבויען זייערע יוניאַנס.

די קאָמוניסטישע פיהרער פון דער פּאָריער יוניאָן האָבען פאַר אַ יאהר צייט געהאַט אַן אַגרימענט מיט די קלענערע פּאָר־באַלעבאַטים פון דער אַסאָסיאיישאָן פון די טרימינג פאַבריקאַנטען, אָבער אין אָנפאַנג פון יאהר 1929 האָט דיזע אַסאָסיאיישאָן זיך פאַראייניגט מיט דער אַסאָסיאיישאָן פון די גרויסע פאַבריקאַנטען און צוזאַמען האָבען זיי אונטערגעשריבען אַ נייעם קאָנטראַקט מיט דער פּאָריער־יוניאָן פון דער אַמעריקאַן פעדערישאָן אָוו לייבאָר. די קאָמוניסטישע פיהרער פון דער פּאָריערס יוניאָן זיינען געבליבען אָהן מיטגלידער און זיי האָבען זיך פאַראייניגט

מיט דער קאָמוניסטישער אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן פון די קלאוק און דרעס מאכער, וועלכע רופט זיך „די נידעל טריידס אינדוסטריעל יוניאָן״.

אין פאַרלויף פון מאַנאַטען און מאָנאַטען האָבען די קאָמוניסטישע פיהרער פון דער אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן געסטראַשעט, אַז זיי וועלען רופען אַ גענעראַל סטרייק פון אַלע פאַר־אַרבייטער פון ניו יאָרק, אום אַרונטערצו־נעהמען אַלע אַרבייטער פון פאַר־טרייד אונטער די דיקטאַטור פון די קאָמוניסטען.

דעם 19טען יוני 1929 האָבען די קאָמוניסטישע קאָמיסאַרען ענדליך ערקלעהרט זייער גענעראַל סטרייק. אָבער דער „גענעראַל סטרייק״ איז גע־ווען אַ שרעקליכער דורכפאַל. בלויז איינצעלנע קאָמוניסטען און זייערע סימ־פאַטייזערס האָבען זיך אָפּגערופען. די צאָהל פון די אַרונטערגעגאַנגענע איז געווען אומבאַדייטענד.

די קאָמוניסטען האָבען אַ וואָך צייט געשריבען אין זייערע צייטונגען וועגען „פאַר־סטרייק״ ביז זיי זיינען אַנטשוויגען געוואָרען.

די אינטערנעשאָנאַל פאַר־אַרבייטער יוניאָן פון אַמעריקא האָט לאָ־קאַלס אין ניו יאָרק, באָסטאָן, שיקאַגאָ, צוויי אין טאָראָנטאָ, צוויי אין מאָנטרעאַל, וואַשינגטאָן, צוויי אין סענט פאָול, מינעאַפּאָליס און אין נוארק.

די פאַר דרעסערס לאָקאַל יוניאָנס פון דער אינטערנעשאָנאַל צעהלען ארום 2,000 מיטגלידער און געפינען זיך: אין ברוקלין 6 לאָקאַלס, 1 לאָקאַל אין נוארק און 1 לאָקאַל אין וועסט האָבאָקען.

דער איצטיגער סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דער פאַר וואירקערס אינ־טערנעשאָנאַל יוניאָן איז הערי בעגון, אַ מיטגליד פון דער ניו יאָרקער קאַטערס יוניאָן. ער איז אויך אַ טעטיגער מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל איז פיליפּ זילבערשטיין, אַ מיטגליד פון לאָקאַל 3 פאַר דרעסערס יוניאָן פון ברוקלין.

די אינטערנעשאָנאַל פאַר וואירקערס יוניאָן גיט שוין פאַר פילע יאָהרען ארויס אַן אייגענעם זשורנאַל אין אידיש און אין ענגליש, „דער פאַר ארבייטער״. דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל איז א. ראָזבורי.

די טעטיגע מיטגלידער פון דער פאַריערס יוניאָן אין ניו יאָרק, וואָס האָבען געהאָלפען דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר צוריק רע־אָרגאַניזירען די יוניאָן זיינען: ה. בעגון, טשאַרלז סטעצקי, די צוויי ברידער מאַקס און דייוו סאַרדזשען, ה. גאָלדשטיין, ה. שליסעל, ב. מערקין און אַנד.

# די יוניאָנס פון די אידישע פיינטער־אַרבייטער.

די אַמאָליגע יוניאָנס פון די דייטשע און אירישע פיינטערס אין ניו יארק. — די ערשטע אידישע פיינטערס. — די „בראָדערהוד אוו פיינטערס”. — די גרינדונג פון דער „אָלטערישאָן פיינטערס יוניאן” אין יאָהר 1910. — די „אינטערנעשאָנאַל פיינטערס און פייפער הענגערס יוניאָן”. — די פאַראייניגונג פון דער „אינטערנעשאָנאל” מיט דער „בראָדערהוד אוו פיינטערס”.

די אַלגעמיינע פיינטערס יוניאן איז איינע פון די עלטסטע אין אמעריקא. דער „אינדעפענדענט דייטשער פיינטער־פאראיין” פון ניו יארק האָט מיט 5 יאהר צוריק געפייערט זיין 50־יעהריגען געבורטסטאָג. אויסער דער אַלטער דייטשער יוניאן האָט אין ניו יארק אין די 80־ער יאהרען עקזיסטירט נאָך אַ פיינטער־יוניאן, וועלכע איז באשטאנען פון אמעריקאנער און איירישע ארבייטער. יענע יוניאָן האָט באלאנגט צו די „נייטס אוו לייבאָר” און האָט זיך גערופען „די אמאלגאמייטעד”.

צו דער אמעריקאן פעדערישאָן אָוו לייבאָר האָט באלאנגט אן אינטערנעשאָנאל פיינטערס יוניאָן, וועלכע האָט זיך גערופען „בראָדערהוד אָוו פיינטערס און פייפער־הענגערס”. די ניו יארקער צוויי פיינטערס יוניאנס האָבען אָבער דאן נאָך ניט באלאנגט צו דיזער „בראָדערהוד”.

מיט עטליכע און צוואנציג יאהר צוריק האָבען די ניו יארקער פיינטער יוניאנס, די דייטשע און די ענגלישע, זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם פארבאנד, „די בראָדערהוד אָוו פיינטערס”.

די ערשטע אידישע פיינטערס יוניאן האָט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען געגרינדעט אין 1890טען יאהר. יענע יוניאָן האָט אָבער עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט. אין יאהר 1893 איז נאָך אמאָל אָרגאַניזירט געווארען אַ אידישע פיינטערס יוניאן. די יוניאן האָט שוין עקזיסטירט עטליכע יאָהר צייט.

אין די ערשטע אידישע פיינטער־יוניאנס זיינען געווען טעטיג אנארכיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע פלעגען פארנעמען פיל צייט ביי די יוניאָן מיטינגען אויף דעבאטען וועגען אנארכיזם און סאָציאַליזם. די אידישע פיינטער־יוניאָן האָט אין 1896 געגרינדעט אַ פּאָליטישען

„קאמפיין־קלאב” צו ארבייטען פאר די סאציאליסטישע קאנדידאטען. שפע־טער זיינען יענע אידישע פיינטער־ארבייטער ארייגעטראטען אין די היגע לאקאלס פון דער „בראדערהוד”, וועלכע האט די אידישע פיינ־טערס געגעבען א בזונדערען לאקאל, לאקאל 1011, וואס איז אר־גאניזירט געווארען אין יאהר 1904.

פון די ערשטע מיטגלידער פון יענעם לאקאל געדענק איך בלויז מ. סאלאמאן, מיט וועלכען איך האב אמאל צוזאמען באלאנגט אין דער ס. ל. פ. דער סאלאמאן ארבייט נאך עד היום, אויב איך מאך קיין טעות ניט, אין פיינטינג טרייד.

די מיטגלידער פון אידישען פיינטער לאקאל 1011 ארבייטען אויף די נייע געביידעס, וועלכע מען בויט אויף. אזוי ווי די בוי־ארבייטער האבען שטארקע יוניאנס, האבען זיי אויסגעפיהרט, אז ביי די נייע הייזער זאלען ארבייטען נאר אזוינע פיינטערס, וועלכע האבען א יוניאן־קארד פון אן אנערקענטער אינטערנעשאנאל יוניאן.

פאר דער וועלט־מלחמה פלעגען די שכירות פון א יוניאן־פיינטער זיין 5 דאלאר א טאג פאר 8 שעה ארבייט. די ניט ארגאניזירטע פיינ־טער ארבייטער פלעגען ארבייטען פאר 2½ דאלאר א טאג און לענגערע שטונדען.

אין גרייטער ניו יארק זיינען שוין אין יאהר 1910 געווען א פינף־זעקס טויזענד אידישע פיינטער־ארבייטער, וועלכע האבען ניט באלאנגט צו דער „בראדערהוד”. זיי האבען דעריבער ניט געקענט ארבייטען ביי די נייע הייזער, פלעגען זיי ארבייטען נאר אין די וואוינונגען און געשעפ־טען, וועלכע האבען זיך געפונען אין אלטע הייזער. די „בראדערהוד און פיינטערס” לאקאלס האבען זיך ווייניג אינטערעסירט מיט די פיינטערס ביי דער „אלטעריישאן” ארבייט.

די אלטערייטאן פיינטער ארבייטער האבען דעריבער אין יאהר 1910 געגרינדעט אין הארלעם (ניו יארק) אן אונאפהענגיגע אלטערייטאן פיינ־טערס יוניאן.

די דאזיגע נייע „אלטערייטאן” יוניאן האט גלייך גענומען גרינדען ברענטשעס אדער לאקאלס פון „אלטערייטאן” פיינטערס אויף דער איסט־סייד פון ניו יארק, אין ברוקלין און בראנזוויל און זאגאר אין אנדערע שטעדט.

שפעטער האבען די אלטע אלטערייטאן פיינטערס יוניאנס זיך גע־ווענדעט צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען מען זאל זיי אריינ־נעמען אלס מיטגלידער.

אזוי אָבער ווי אין יאָהר 1910 זיינען די מעהרסטע אידישע יוניאָנס שוין געווען פאַרבונדען מיט די „אינטערנעשאָנאַלס" פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אוו לייבאָר, פלעגען ביי די מיטינגען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פאָרקומען שטענדיגע דעבאַטען, צי מען זאָל די יוניאָן פון „אָלטערײשאָן" פיינטערס און די אינדעפּענדענט יוניאָן ארײנ־נעמען. ווי געזאָגט, האָט די אנערקענטע פיינטערס יוניאָן זיך ניט אינ־טערעסירט מיט די פיינטערס, וועלכע האָבען געאַרבייט אין די אַלטע הייזער. איז די געווערקשאַפטען דעריבער געקומען צום שלוס, אז מען זאָל זיי העלפען זיך אָרגאַניזירען און דאַן וועט די „בראָדערהוד אָוו פיינ־טערס" זיי זיכער ארײננעמען אין זייער פאַרבאַנד און וועט אויך נעמען אונטער איהר קאָנטראָל די פיינטינג ארבייט אין די אַלטע הייזער. די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט ארײנגענומען פינף פיינטער לאָקאַלס פון דעם אָלטערײשאָן טרייד פון גרייטער ניו יארק און אויך איין פייפּער הענגער לאָקאַל.

איך געדענק, דאָס איז געווען אין 1911, ווען די אָלטערײשאָן פיינ־טערס יוניאָן זיינען ארײנגענומען געוואָרען אין די געווערקשאַפטען, האָב איך אַלס סעקרעטאַר, געגומען גלייך פאַרהאַנדלען מיט י. פריײני, דעם ניו יארקער אָרגאַנײזער פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אוו לייבאָר, ווי אויך מיט'ן סעקרעטאַר־טרעזשורער, י. סקענק, פון דער בראָדערהוד אוו פיינטערס וועגען דעם, אז די אינטערנעשאָנאַל זאָל זיי גלייך ארײנ־נעמען אין זייער פאַרבאַנד און אויך ניט שטערען צו אָרגאַניזירען אַלע ניט ארגאַניזירטע פיינטער ארבייטער. די דאָזיגע צוויי אַמעריקאַנער יוניאָן בעאַמטע האָבען זיך באַצויגען גאַנץ קאַלט צום ענין, אָבער זיי האָבען אונז ניט געשטערט אָנצוגעהן מיט דער אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט צווישען די מאַסען אידישע פיינטער ארבייטער.

די 5 אָלטערײשאָן פיינטער לאָקאַלס פון ניו יארק און ברוקלין האָ־בען זיך דאַן אָרגאַניזירט אַלס אַ פאַרבאַנד און האָבען ערוועהלט אַלס זייער סעקרעטאַר־טרעזשורער ה ע ר י ל אַ נ ג, אַ פייפּער הענגער ביים טרייד, אַ מיטגליד פון לאָקאַל 10 אָלטערײשאָן פיינטערס.

ה ע ר י ל אַ נ ג איז געקומען אין אַמעריקא אין יאהר 1905, נאָך אַלס יונגער בחור פון ליטע. דאָ האָט ער זיך אויסגעלערענט די מלאכה פון אַ פייפּער הענגער און איז געוואָרען טעטיג אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין ניו יארק. אין יאהר 1911, ווען ער איז געווען דער גע־נעראַל־סעקרעטאַר פון דער „אָלטערײשאָן פיינטערס יוניאָן", איז ער גע־וואָרען אויך שטאַרק טעטיג אין די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

ער פֿלעגט רײדען בײ מאַס־מיטינגען פֿון פֿילע יוניאָנס. אין יאָהר 1913 האָט ער געהאָלפֿען אָרגאַניזירען די װײַט־גודס װאָירקערס יוניאָן, און װען די יוניאָן האָט געװאונען דעמאָלט אַ גענעראַל סטרײק איז ער פֿון דיזער אַרבײטער אָרגאַניזאַציע אײנגעלאַדען געװאָרען צו זײן אײנער פֿון איהרע פֿיהרער.

לאַנג איז דאַן געװען אַ פּאָר יאָהר מיט די „װײַט גודס װאָירקער יוניאָן", װען אב. קאהאַן האָט איהם אײנגעלאַדען צו װערען דער רעדאַק־טאָר פֿון דער טרײד־יוניאָן אָפּטײלונג פֿון „פֿאָרװערטס".

אַ צװײטער פֿון די ערשטע פֿיהרער פֿון יענער אַלטערײשאָן פּײנ־טערס יוניאָנס איז געװען מ. גאַפּט, אַ פּײנטער אַרבײטער.

גאַפּט איז געװען אַ פּאָר מאָל דער בעאַמטער פֿון דער אַלטערײ־שאָן פּײנטערס יוניאָן. ער איז נאָך עד היום אין דער פּײנטערס יוניאָן און איז אויך אַ טעטיגער מיטגליד פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ

אײנער פֿון די פֿיהרער פֿון יענער יוניאָן איז געװען א. דרױאַנאָף, װעלכער האָט פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון סעקרעטאַר־טרעזשורער, נאָך דעם װי הערי לאַנג איז אַװעק. די אַנדערע אַקטיװע מיטגלידער פֿון יענער יוניאָן זײנען געװען פּ. צאַוזנער, מ. גינזבורג, א. אײװינס און מ. סיל־װערמאַן, דער יעצטיגער סעקרעטאַר פֿון פּײנטערס לאָקאַל 261 פֿון די בראָדערהוד.

אין יאָהר 1912 האָבען די אַלטערײשאָן פּײנטערס יוניאָנס אײנבאַ־רופֿען אין ניו יאָרק אַ קאָנװענשאָן, בײ װעלכער עס זײנען געװען פֿאָר־טרעטען דעלעגאַטען פֿון ניו יאָרק, פֿילאַדעלפֿיאַ, דזשוירזי סיטי, האָבאָ־קען און זאָגאַר פֿון טאָראָנטאָ, קענעדע. בײ יענער קאָנװענשאָן איז אויפֿ'ן פֿאָרשלאַג פֿון הערי לאַנג און מ. גאַפּט געענדערט געװאָרען דער נאָמען פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון „אַלטערײשאָן" אויף „אינטערנעשאָנעל פּײנטערס און פּײפּער הענגערס יוניאָן".

אין אויגוסט פֿון יאָהר 1913 האָט דיזע אינטערנעשאָנאַל פּײנטערס יוניאָן דורכגעפֿיהרט אין ניו יאָרק אַ גענעראַל סטרײק, אין װעלכען עס האָבען זיך באַטײליגט בײ אַ 5,000 פּײנטערס. נאָך עטליכע װאָכען סטרײקען, האָבען די אַרבײטער געװאונען זײערע הויפּט־פֿאָדערונגען און די יוניאָן האָט געשלאָסען אַ קאָלעקטיװען אַגרימענט מיט דער אַסאָסיאײ־שאָן פֿון די פּײנטער־באָלעבאַטים.

אַ צװײטען ערפֿאָלגרײכען סטרײק האָבען די „אינטערנעשאָנאַל פּײנ־טערס" דורכגעמאַכט אין סעפּטעמבער פֿון יאָהר 1914.

אין דעצעמבער, פֿון יאָהר 1914, האָט די אינטערנעשאָנאַל פּײנ־

טערס יוניאָן פאַראייניגט זיך מיט דער „בראָדערהוד״. די „אינטערנעשאָ־נאל״ האָט איינגעצאָהלט פאר איהרע מיטגלידער ביים אריינקומען אין דער „בראָדערהוד״ די סומע פון א פופצעהן טויזענד דאָלאר איינטריטס געלד. אינגיכען זיינען די טעטיגע מיטגלידער פון דער אמאָליגער „אינ־טערנעשאָנאל״ געווארען די פיהרער פון די ניו יארקער פיינטער לאָקאלס פון דער בראָדערהוד און אויך פון דעם ניו יארק דזשוינט קאונסיל אוו פיינטערס.

די פיינטערס יוניאָן איז געווען איינע פון די ערשטע, וואס האָט אויסגעקעמפט די 44־שטונדיגע ארבייטס וואך. שפּעטער האָט די פיינ־טערס יוניאָן אויסגעקעמפט די פינף־טאָגיגע ארבייטס־וואָך פון 40 שטונדען.

אין ניו יארק זיינען איצט פאַראנען זעקס לאָקאל יוניאָנס, די לאָ־קאלס 261, 442, 528, 697, 1011 און 1087, פון דער בראָדערהוד אָוו פיינטערס. במעט אין יעדען פון זיי זיינען פאַראַן א היבשע צאָהל אידי־שע מיטגלידער.

די געהאַלט פון א פיינטער־ארבייטער, וואס ארבייט ביי נייע געביי־דעס, איז יעצט 12 דאָלאר א טאָג פאר 8 שטונדען ארבייט. עס איז אָבער ניטאָ מעהר ווי 6 אדער 7 מאָנאטען א יאָהר ארבייט פאר א פיינ־טער ארבייטער. אין ניו יארק אליין זיינען פאראן צעהן טויזענד פיינ־טערס, פון זיי זיינען פינף טויזענד אידישע ארבייטער.

## די פּאַקעט־בוק מאַכערס יוניאָן.

די ערשטע יוניאָן פון בייטעל־מאכער מיט 40 יאָהר צוריק. — די יוניאָן פון סקול־קינדער. — כמעט אַלע גענעראַל־סטרייקס, וואָס די אַרבייטער האָבען אַמאָל געפיהרט אין לויף פון 30 יאָהר, האָבען זיי פאַרלוירען. — די נייע יוניאָן.

די אינטערנעשאָנאַל פּאַקעט־בוק ארבייטער יוניאָן האָט אין יאָהר 1927 געפייערט דעם צעהן־יעהריגען געבורטסטאָג פון איהר עקזיסטענץ. די יוניאָן איז איצט איינע פון די שעהנסטע און שטאַרקסטע צווישען די אידישע יוניאָנס אין אמעריקא. פערציג יאהר צייט האָבען די ארבייטער פון דעם פאַך געפּרובירט אויפבויען א קאַמפּס־אָרגאַניזאציע, ביז דאָס איז זיי ענדליך געלונגען.

איך געדענק, ווי איך האָב צום ערשטען מאָל (דאָס איז געווען אין יאָהר 1886) באַזוכט א פאַרזאַמלונג פון די פּוירס־מייקערס יוניאָן. דער פּוירס טרייד אין אמעריקא איז דאַן געווען קליין. קיין ליידיס־בעגס, וואָס יעדע פרוי טראָגט היינטיגע צייטען, זיינען דעמאָלט נִיט געווען אין דער מאָדע. צו יענער צייט פלעגט מען פאַבריצירען לעדערנע געלט־בייטעלעך און גרויסע בייטלען מיט שלעסער. גרינע אידען פלעגען דע־מאָלט קויפען יענע טייסטערס, נִיט ווייסענדיג, וואַרשיינליך, אז אין אמעריקא האַלט מען געלט אין קעשענע, גאָר אָהן א טייסטער.

ביי יענער ערשטער פאַרזאַמלונג פון דער פּוירס־מאכער יוניאָן, וואָס דער שרייבער פון דיזע צייל׳ען האָט באַזוכט, זיינען געווען אנוועזענד א 50־60 אידישע יונגעלייט וועלכע זיינען געקומען פון אונגאַרן, פּוילען און גאַליציען. די פאַרזאַמלונג איז געפיהרט געוואָרען אין דער ענג־לישער שפּראַך, ווייל די אָרגאַנייזערס פון יענער יוניאָן זיינען געווען ענגליש־שפּרעכענדע. אין דעם פאַך זיינען געווען בלויז א 12־10 גרויסע פאַבריקען, וועלכע האָבען באַשעפטיגט עטליכע הונדערט ארבייטער. א גרויסע צאָהל ארבייטער פלעגען ארבייטען ביי קאָנטראַקטאָרס, וועלכע פלעגען אַרויסנעמען די ארבייט פון דיזע גרויסע שעפּער. איינער פון די גרעסטע שעפּער אין דעם פאַך איז געווען די פירמע שייער בראָדערס, וועל־כע האָט געצאָהלט די קלענסטע שכירות. אנדערע בייטעל־ארבייטער

פלעגען דאן ארויסנעמען אהיים די ארבייט און ארבייטען דאָרט טאָג און נאַכט. די פארדינסטען זיינען געווען אזעלכע נישטיגע, אז מ'האָט געדארפט ארבייטען 20 שעה אין מעת-לעת, אום צו קאָנען מאַכען אן אָרימען לעבען. געארבייט האָט מען פון שטיק, ביים גראָס (144 שטיק). צו דער פוירס מאכער יוניאן האָט דאן באלאנגט דער דאמאלסדיגער אָרגאנייזער פון דער סאָשעליסט לייבאָר פארטי (ס. ל. פּ.), ל. א י י ב ע ל ס אָ ן און זיין ברודער, ד ז ש י י א י י ב ע ל ס אָ ן, און אויך י אָ ז ע ף ל ע ד י ע ר ע ר, א טעטיגער מיטגליד פון דעם אידישען ברענטש פון דער ס. ל. פּ.

וואָס גרעסער די אידישע אימיגראציע איז אין יענע יאָהרען געוואָרען, אלץ גרעסער איז געוואקסען דער טרייד פון די פוירסעס. די פּאָקעט-בוקס, געפּייסטע, געמאכט פון לעדער, פלעגען פאבריצירט ווערען אין באזונדערע שעפּער, וועלכע מען האָט ניט געקענט אָרגאניזירען, ווייל מען האָט ניט געהאט קיין מעגליכקייט צוצוקומען צו זיי.

די ענגליש-שפּרעכענדע פוירס-מאכער יוניאן איז דעמאָלט געווען פארבונדען מיט דער סענטראל לייבאָר יוניאָן. אין א פּאָר יאָהר שפּעטער, ווען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען איז געגרינדעט געוואָרען, האָט יענע יוניאן, וועמעס פיהרער זיינען געווען סאציאליסטען, זיך אָנגעשלאָסען אָן די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

אין יאָהר 1890 פלעג איך אלס דער סעקרעטאר פון די געווערקשאפטען באזוכען כמעט אלע זייערע פארזאמלונגען. צו יענער צייט זיינען א העלפט פון די מיטגלידער פון דער יוניאן געווען סקול-קינדער, אין עלטער פון 12-14 יאָהר. אייניגע פון יענע קינדער האָבען שוין געהאט פארלאָזען די סקול, אום צו העלפען מאכען א לעבען אין הויז. די קלענערע ווידער פלעגען קומען צו דער ארבייט נאָך סקול און ארבייטען פלעגען זיי ביז 10 ביינאכט און זונטאָג א גאנצען טאָג. דעמאָלט איז נאָך אין ניו יארק סטייט ניט געווען קיין געזעץ, אז קינדער אונטער 16 יאָהר אלט טאָרען ניט ארבייטען אין פאבריקען.

אין פוירס-טרייד זיינען געווען, ווי שוין געזאָגט, א סך קאָנטראַקטאָרס, וועלכע האָבען געהאט זייערע שאפּקעס אין הענרי סטריט, אָרטשארד סטריט, ברום סטריט און אין אלע יארד-הייזער פון דער איסט סייד. דאָרטען פלעגען עס ארבייטען די קינדער. די עלטערע ארבייטער זיינען געווען באשעפטיגט אין די גרויסע אינסייד-שעפּער. אלע האָבען זיי באלאנגט צו איין יוניאן. ביי די מיטינגען פלעגט מען ריידען ענגליש און אידיש. פון די יונגע ווייסע-חברה'ניקעס פלעגען מיר האָבען א

סך טראָבעל. זיי פלעגן קאָמאַנדעווען ביי די פאַרזאַמלונגען, זיי האָבען ניט געוואָלט אַזוי פיל זאָרגען, וואָס מען עקספּלואַטירט זיי אַזוי שטאַרק. עס איז אָבער געווען זעהר וויכטיג, אַז זיי זאָלען באַלאַנגען צו דער יוניאָן, ווייל ווען עס פלעגט טרעפען אַ סטרייק ביי אַ פוירס־מאַנופעקטשורער, האָט מען געדאַרפט האָבען אָרגאַניזירט די אַרבייטער פון די קאָנטראַקטינג־שעפּער.

ביי יעדען מיטינג פון דיזער פוירס־מאַכערס יוניאָן פלעגען מיר האַלטען סאָציאַליסטישע רעדעס צו אַלע אַרבייטער, אַ סך פון זיי זיינען נאָך געווען אין ני־פּענטס. אונטער דער ווירקונג פון יענע סאָציאַליסטישע רעדעס זיינען די יונגע חברה געוואָרען אמת „רעוואָלוציאָנער" און זיינען געווען באַרייט פאַר דער יוניאָן צו געהן אין פייער און אין וואַסער.

איך געדענק אַ פאַל, ווען די יוניאָן האָט ערקלעהרט אַ סטרייק ביי אַ קאָנטראַקטאָר, וועמעס שאַפּ איז געווען אין אַ יאַרד־הויז אויף הענרי סטריט. די יונגע חברה האָט טאָג און נאַכט געפּיקעט דעם דאָזיגען שאַפּ.

איין אָוועגד, ווען מיר זיינען געזעסען ביי אַ מיטינג פון דיזער יוניאָן, איז מיט אַ מאָל געוואָרען אַ גרויסער טומעל אין יאַרד. אין אַ ווייל ארום הערען מיר ווי עם פאָהרט אריין אַ פּושקאַרט און מען נעמט אַרויפלויפען אויפ'ן טאָפּ פלאָר אין אונזער פאַרזאַמלונגס־לאָקאַל. אַ יונגער „רעוואָלוציאָנער", אַ סטרייקער אָהן אַ היטעל, אַ באָרוועסער (עס איז געווען זומער צייט) לויפט צו צום טשערמאַן און דערצעהלט, אַז ער און נאָך עטליכע האָבען געפּיקעט דעם שאַפּ אין העגרי סטריט, און דער באָס אליין מיט זיינע צוויי זיהן האָבען „געריוועט" די בייטעלעך. דאָס הייסט, געסקעבט. האָבען זיי אויסגעוואַרט ביז דער באָס איז אַרוים פון שאַפּ, דאַן זיינען זיי אַלע אריין און האָבען צוזאַמענגענומען אַלע שטיקלעך לעדער מיט די שלעסער, מיט האַק און פּאַק, האָבען עס אַרויפגעלייגט אויף דער פּושקאַרט, מיט וועלכער דער באַלעבאָס ברענגט די אַרבייט פון ווערהויז, און וויסענדיג אַז היינט איז דער מיטינג פון דער יוניאָן, האָבען זיי געבראַכט דעם פּושקאַרט מיט אַלץ אין דער יוניאָן אַריין.

— אָט האָט איהר אַלעס! — האָבען די סטרייקערס פאַרענדיגט — מען דאַרף שוין ניט פּיקעטען מעהר!

מיר האָבען געהאַט אַ שווערען דזשאָב צו איבערצייגען די יונגע „רעוואָלוציאָנערע" סטרייקערס, אַז מען דאַרף צוריק אוועקפיהרען אין שאַפּ אַריין די קאָנטראַבאַנדע און אַלץ איז אָפּגעגאַנגען בשלום. דער באַלעבאָס פון יענעם שאַפּ האָט אין אַ פּאָר טעג אַרום געסעטעלט מיט דער

יוניאָן, ווייל ער האָט מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען פון די יונגע „רע־וואָלוציאָנערע" קעמפּער.

יענע פּוירס־מאַכער יוניאָן האָט עקזיסטירט ביז דעם יאָהר 1894. דאָס יונגוואַרג איז אונטערגעוואַקסען, אוועק פון טרייד, נייע יונגע אַר־בייטער און אויך גרינע אידישע אימיגראַנטען זיינען אריין אין די ניו יארקער שעפּער. די יוניאָן האָט צוליב מאַנגעל פון מיטגלידער זיך אויפ־געלייזט.

איך געדענק, ווי איך האָב אמאָל גערעדט ביי א מאַס־מיטינג פון דער פּוירס מאַכערס יוניאָן, וואָס די געווערקשאַפטען האָט גערופען אין יאָהר 1894. ביי יענער פאַרזאַמלונג האָט מען מיר פאָרגעשטעלט א שוואַרצען יונגענמאַנטשיק, מיט ברענענדע אויגען, ער האָט מיר געזאָגט אז מען רופט איהם דזשעק פענקין. דאָס איז געוועזען דער שפּעטערדיגער באַוואוסטער סאציאַליסטישער טוער ד ז ש י י ק אָ ב פ ע נ ק י ן.

דער יונגער דזשעק פענקין האָט דאַן געהאַלטען א ברענענדיגע רעדע אין דער ענגלישער שפּראַך. די יונגע באָיס האָבען דעמאָלט ווידער אָר־גאַניזירט א פּוירס מאַכער יוניאָן. די באַלעבאַטים פון טרייד האָבען געשטערט די ארבייטער צו באַלאַנגען צו דער יוניאָן. קיין שום טעטיגער ארבייטער אין דער יוניאָן האָט ניט געקענט קריגען קיין דזשאָב, ווייל ער איז געוועזען אויף דער „שוואַרצער ליסט".

דער צושטאַנד אין די שעפּער איז געוועזען א שוידערליכער. אָט וואָס פענקין האָט שפּעטער דערצעהלט וועגען די צושטענדע אין די פּוירס־שעפּער: „איך האָב דאַן געאַרבייט אין א שאָפּ אויף קאַנעל סטריט. זומער איז דאָרט געוועזען הייס ווי אין א גיהנום און ווינטער האָט מען דאָרט געבאַפט א גאַנץ גוטען ציטער. אַלע ארבייטער אין שאָפּ פלעגען זיך זומער אויסטאָן האַלב־נאַקעט אום צו קענען ארבייטען. און — אוי האָבען מיר געאַרבייט! מיר האָבען געאַרבייט פון שטיק, פון גראָס. מיר פלעגען האָבען „רעיסעס" ביי דער ארבייט. מיר פלעגען זוכען איי־נער דעם צווייטען אריבערצוזאָגען און מען האָט זיך געבאָדען אין שוויים. איך פלעג „ריוועטען" 10 טוצען פּוירסעס אין א שטונדע, אריינקלאַפּען צו 4 טשוועקלעך אין א בייטעלע. אום דאָס צו מאַכען, האָט מען זיך גע־דאַרפט יאָגען מיט דעם טייוועל אליין. אָבער יאָגען זיך אזוי פעסט א גאַנצען טאָג האָט מען דאָך ניט געקענט, האָט מען געמאַכט אזוי פיל ווי 5 גראָס (60 טוץ) בייטעלאַך א טאָג. געצאָהלט האָט מען 25 סענט א

גראָס, און מעהר ווי א דאָלאר א טאָג האָט מען ניט געקענט אויסאר־בייטען. דער שנעלסטער ארבייטער פלעגט מאכען 10 דאָלער א וואך״

ווען די נייע פוירס מאכערס יוניאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרען, האָט מען די באָלעבאָטים געשטעלט נייע פאָדערונגען, אָבער זעהר באשיידענע: מען האָט געבעטען א העכערונג פון 5 ביז 10 סענט אויפ'ן גראָס, ווייניגער ווי א סענט מעהר אויף א דאָזען בייטעלעך. די באָלעבאָטים האָבען ניט געקענט פארליידען אזא „חוצפה" פון די ארבייטער און האָבען די פאָדע־רונגען צוריקגעוויזען.

עס איז ארויסגעקומען א סטרייק, אָבער, ליידער ניט ביי אלע באָ־לעבאָטים, ווייל דער יוניאן איז ניט געלונגען צו אָרגאַניזירען אלע שעפּער. צו יענער צייט איז געווען בלויז א קליינע צאָהל גרויסע שעפּער. די גרעסטע צאָהל ארבייטער זיינען געווען באשעפטיגט ביי קאָנטראַקטאָרס. עפּעס האָט מען דעמאָלט יא געוואונען ביי די באָלעבאָטים אָבער צו ענדע פון סיזאן איז ווידער קיין יוניאן ניט געווארען. די מיטגלידער זיינען ניט געקומען צו די מיטינגען, האָבען ניט געצאָהלט קיין דיוס און — ווידער איז געווארען אויס יוניאָן.

א צווייטע יוניאָן אין דעם פאך האָט עקזיסטירט אין יאהר 1897. עס איז דאן פאָרגעקומען א סטרייק, וועלכער איז געסעטעלט געווארען צו גונסטען פון די ארבייטער. אָבער יענע יוניאן האָט אויך ניט לאַנג עקזיסטירט.

אין יאָהר 1899 איז ווידער אָרגאַניזירט געווארען א יוניאָן אין דיזען פאך. עס האָט ווידער אויסגעבראָכען א סטרייק און די ארבייטער האָבען געוואונען א סך פון זייערע פאָדערונגען, אָבער אויך דיזע יוניאן האָט גע־האָט קורצע יאָהרען.

אין אָנפאַנג פון יאָהר 1900 האָט זיך ווידער געגרינדעט א יוניאָן, וועלכע האָט שוין געלעבט א סך לענגער ווי די פריהערדיגע, און זי האָט דורכגעפיהרט א זיגרייכען סטרייק. אין דיזער יוניאן איז פענקין גע־ווען דער אָרגאַנייזער. ער האָט דאַן שטודירט לאָא, זייענדיג געצוואונ־גען דערצו, ווייל קיין מאַנופעקטשורער האָט איהם ניט געוואָלט נעמען צו דער ארבייט, און ער האָט געמוזט אויפגעבען דעם טרייד, כאָטש ער איז אין יענער צייט געווען דער שנעלסטער „ריוועטער" („פריימער") פון בעגס און פוירסעס.

גראָד איז צו יענער צייט אריין אין דער מאָדע, אז ליידיס זאָלען טראָגען פענסי לעדערנע בעגס. דער טרייד איז דעמאָלט צוליב די ליידיס בעגס פיל פארגרעסערט געווארען.

אין יאָהר 1904 האָבען די פּרעימערס, דאָס הייסט די „ריוועטערס", ווידער ארויסגערופען א סטרייק, וועלכען זיי האָבען פארלוירען און האָבען זיך מיט געבויגענע קעפּ צוריקגעקעהרט אין די שעפּער.

פון יענעם לעצטען סטרייק האָבען אַלע בייטעל־ארבייטער געלערענט א לעסאָן, אז מען מוז זיין אָרגאַניזירט אין אַלע אָפּטיילונגען פון פאַך, און דערפאר האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אָרגאַניזירט דעם 15טען יולי, 1910, א יוניאָן פון אלע פּאָקעט־בוק־ארבייטער, געריווטע, געפּייסטע און וואָס נאָר א ליין עס האָט עקזיסטירט אין דער אינדוסטריע. יענע יוניאָן האָט זיך גערופען „פּענסי לעדער וואָירקערס יוניאָן". די אויסזיכטען פון יענער פּענסי לעדער גודס ארבייטער יוניאן זיינען געוועזען גוטע. די באַלעבאַטים האָבען אויך אפילו דאָ געמאכט מאַנעווערעס, געמאַכט לאָקאוטס, אָבער די יוניאָן איז געוואַקסען. אין יאָהר 1911, אין מאָנאַט יולי, האָט מען ערקלערט א גענעראַל סטרייק. מען האָט ערוואַרטעט, אז פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע אידישע טריידס וועלען זיך אויך אַלע ארבייטער פון פּאָקעט־בוק־טרייד אָנשליסען זיך אָן דעם גענעראַל סטרייק. ליידער אָבער זיינען פילע פּאָקעט־בוק־אַרבייטער פאַרבליבען אין די שעפּער ארבייטען און דער סטרייק איז געווען א דורכפאַל.

דער פיהרער פון יענעם סטרייק אין 1910 איז געווען ל ע אָ ן ב ל א נ ק. נאָך א פּאָר טעטיגע מיטגלידער פון יענער יוניאן וואָס איך געדענק, זיינען געווען: פּ. סטיינבערג, דזש. סענדיץ און טש. י. גאָלדמאן, דער איצטיגער סעקרעטאר פון דער פּאָקעטבוק וואירקערס יוניאָן.

עס זיינען ווידער פאַרלאָפען אייניגע יאהר און קיין יוניאן פון פּאָקעטבוק מייקערס, וואָס זאָל עפּעס אויפטאָן פאר די ארבייטער, איז ניט געווען.

ערשט אין יאהר 1916 האָט זיך ווידער אָרגאַניזירט א יוניאָן פון פּאָקעטבוק ארבייטער, וועלכע האָט באשלאָסען צו רופען א גענעראַל סטרייק מיט'ן צוועק בעסער צו אָרגאַניזירען דעם טרייד און צו פארבעסערען די לאַגע פון די ארבייטער. יענער סטרייק האָט זיך אויך געענדיגט מיט א דורכפאַל. אָבער גראָד איז יענער סטרייק געווען ערב דער מלחמה, און ער האָט די פּאָקעטבוק־מאַנופעקטשורערס געקאָסט אזוי טייער, אז פון דעמאָלט אָן האָבען זיי שוין מעהר ניט געוואָלט האָבען קיין סטרייקס ביי זיך אין די שעפּער.

פון דאַן אָן זיינען ביי די פּאָקעטבוק־ארבייטער מעהר קיין גענעראַל סטרייקס ניט פאָרגעקומען. די יוניאָן איז כסדר געוואַקסען. אין ניו יארק

איז זי 100־פּראָצענט אָרגאַניזירט. אויך אין ניו דזשוירזי, באָסטאָן און פילאַדעלפיא זיינען דאָ פּאַקעטבוק ארבייטער יוניאַנס.

פון יאָהר 1919 ביז 1922 איז דער מענעדזשער פון דיזער יוניאַן געווען י. לעדערמאַן, אַן ארבייטער פון טרייד.

פון 1922 ביז 1926 איז דער מענעדזשער פון דער פּאַקעטבוק־אר־בייטער יוניאַן געווען אָסיפּ וואָלינסקי, וועלכער איז גע־צוואונגען געווען צו רעזיגנירען פון זיין אמט דערפאַר, וואס ער האָט זיי־ענדיג דער הויפּט־בעאמטער פון דער יוניאַן געהאַט פינאַנציעלע פאַר־בינדונגען מיט אַ געוויסער פּאַקעט־בוק פירמע.

זייט דעם יאָהר 1926, איז דער מענעדזשער פון דער פּאַקעטבוק־ארבייטער יוניאַן אַברהם שיפּליאַקאָף.

די פּאַקעטבוק ארבייטער יוניאַן קאָנטראָלירט פּאַקטיש די אינדוס־טריע און האָט אויסגעקעמפט גאַנץ גוטע ארבייטס־באַדינגונגען. די קאָ־מוניסטישע דעמאָראַליזאַציע האָט איהר ווייניג אָנגעריהרט און טאַקע דערפאַר איז זי אין אַזאַ גלענצענדען צושטאַנד.

ביז ניט לאַנג איז די פּאַקעטבוק ארבייטער יוניאַן געווען אָנגע־שלאָסען דירעקט אלס אַ פעדעראַלער לאָקאַל פון דער א. פּ. אָוו ל. און איז געווען באַגרעניצט אין איהר יורידיקציע אויף די שטאַטען ניו יארק, ניו דזשוירזי און פּענסילווייניא. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט זי זיך פאַראייניגט מיט דער „יונייטעד לעדער ווארקערס אינטערנעשאָ־נאל״. דורך דער פאַראייניגונג מיט דער „יונייטעד״ אלס אַן אויטאָנאָ־מער טייל פון איהר, מיט פולען רעכט איבער איהר טרייד, האָט זי גע־קראָגען די מעגליכקייט צו אָרגאַניזירען די פּאַקעטבוק ארבייט פון גאַנ־צען לאַנד. זי האָט זיך טאַקע גלייך נאָך דער פאַראייניגונג גענומען דורכ־פיהרען איהר מיסיע.

אַ חוץ דעם איז דער אָנשלוס פון דער אינטערנעשאָנאַל פּאַקעט־בוק וואָרקערס יוניאָן אָן דער „יונייטעד״ פון דער גרעסטער וויכטיגקייט טאַ־קע פאַר דער „יונייטעד״. די „יונייטעד״ באַשטעהט פון טענערי ארבייטער, ד. ה. פון גאַרבער, כאַמוט און זאַטעל מאַכער און סוטקיים, בעג און טראָנק מאַכער. דאָס הייסט, זי איז פּאַקטיש אַן אינדוסטריעלע יוניאָן פון אלע לעדער ארבייטער אַ חוץ די שיך און הענטשקע מאַכער. דאָך איז די „יונייטעד״ ביז דער פאַראייניגונג געווען זעהר אַ קליינע און שוואַכע יוניאַן. ארום און ארום האָט זי געהאַט אַ טויזענט מיטגלידער. נאַטירליך האָט זי וויי־ניג וואס געקאָנט אויפטאָן. מיט דעם אָנשלוס פון דער פּאַקעטבוק יוניאַן

האָט די „יונייטעד" געקראָגען א נייעם לעבען. איהר פּאָזיציע איז אומ־געהייער פאַרשטאַרקט געוואָרען סיי פינאַנציעל, סיי מאָראַליש.

די ניו יאָרקער פּאַקעטבוק ארבייטער יוניאָן צעהלט ביי היינטיגען טאָג פון 5 ביז 6 טויזענד מיטגלידער און די פּאַקעטבוק מאַכער יוניאָנס פון אַנדערע שטעדט צעהלען ארום און ארום אויך ביי א טויזענד מיט־גלידער.

# די יוניאָן פון די סוט־קיים אַרבייטער.

די ערשטע יוניאָן מיט 25 יאָהר צוריק. — די אַמאָליגע סטרייקס. — דער גענעראַל סטרייק פון 1920. — דער איצטיגער צושטאַנד פון דער יוניאָן.

די ערשטע יוניאַן פון סוט קיים (סעטשעל'ן) מאַכער איז אין ניו יארק געגרינדעט געווארען פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען אין יאָהר 1904. אין יענעם יאָהר האָט די יוניאָן אָנגעפיהרט שאַפּ סטרייקס אין א רייהע שעפּער. אין איינינגע שעפּער האָבען די ארבייטער געוואר־נען, אין אַנדערע האָבען זיי פארלוירען. די ארבייטס־באַדינגונגען פון דיזע בעל־מלאכות זיינען דאַן געווען מיזעראַבעלע. די שכירות — נישטיגע. יעדער בעל מלאכה פלעגט האַלטען אונטער זיך צוויי־דריי העלפּערס, לערנערס, וועלכע פלעגען ארבייטען פריהער א צייט אומזיסט און נאָכ־הער פאר 3־4 דאָלאר א וואָך. די מעכאַניקער, אליין בעל מלאכות פון דער היים, „טשעמאָדאַנשטשיקעס" האָט מען זיי גערופען אין רוסלאַנד, פלע־גען פאַרדינען 6־7 דאָלאר א וואָך. מיט שטונדען האָט מען זיך ביי דעם פאַך ניט גערעכענט. מען האָט געארבייט 12, 13, 14 שעה און מעהר. א סך אַרבייטער פון דעם פאַך פלעגען פארלאָזען די ארבייט, נייע פלעגען אריינקומען און די לאַגע זייערע ביי דער אַרבייט איז געווען שטענדיג א שלעכטע. די יוניאן האָט זיך געהאַלטען, ווייל עס זיינען געווען א פּאָר טעטיגע מיטגלידער, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט פארלוירען די גע־דולד אָנצוהאַלטען די יוניאָן. ווען עס זיינען געווען בלויז זיבען מיטגלי־דער, פלעגט די יוניאָן האַלטען פאַרזאַמלונגען. איינער פון איבערגע־בענסטע טוערס פון דיזער יוניאן איז געווען י. אַבראַמאָוויטש, אַ געטרייער יונגער קעמפּער פאַר דעם אַרבייטער'ס רעכט, וועלכער האָט געארבייט פאַר דער יוניאן אָהן באַצאָהלט פאַר יאָהרען לאַנג. ער איז געווען אַ גוטער בעל מלאכה. דאָך האָט איהם קיינער פון די סוט־קיים באַלעבאַטים ניט גענומען צו דער ארבייט, איז ער דעריבער געווארען אַן אינשורענס־אגענט. ער איז געשטאָרבען נאָך גאָר א יונגער מאַן, פון שווינדזוכט.

א צווייטער טעטיגער און געטרייער טוער פון דער יוניאן איז גע־וועזן מ. וויינער, נאָך וועגען איהם שפּעטער.

אין יאָהר 1910, ווען די אידישע ארבייטער פון ליידיס ווייסט און קלאוק טרייד האָבען געוואונען זייערע גרויסע סטרייקס און האָבען אויך אויפגעבויט שטארקע יוניאנס, האָבען די סוט־קיים מאכער אויך צוגעגרייט זיך צו א גענעראל סטרייק. א פינף־זעקס הונדערט ארבייטער זיינען דאן ארויסגעגאנגען פון אלע סוט־קיים שעפּער אין אַן אלגעמיינעם סטרייק. י. אבראמאָוויטש און מ. וויינער זיינען געווען די פיהרער פון סטרייק. א שווערען און לאנגען קאמף האָבען די סוט־קיים מאכער דאן געהאט דורכ־צומאכען, ווייל די באלעבאטים זיינען געווען זעהר איינגע׳עקשנ׳ט. די איבעריגע אידישע יוניאנס האָבען פיל געשטיצט די קעמפּענדע סוט קיים מאכער. מער ווי אלע האָבען געטאָן פאר זיי די אידישע בעקער יוניאנס, וועלכע האָבען יעדען טאָג געבראכט א פּאָר וועגענער מיט פרישע געבאַ־קענע ברויטען פאר די סטרייקער. ליידער אָבער האָבען די ארבייטער יענעם סטרייק פארלוירען. די סוט־קיים מאכער יוניאן איז נאָך יענעם סטרייק אָפּגעשוואכט געווארען, אָבער זי האָט אלץ עקזיסטירט. אין די מלחמה־יאהרען איז די סוט קיים מאכער יוניאן ווידער שטארק געווא־רען. די ארבייטער האָבען גענומען פארדינען בעסערע שכירות און אָנ־געהויבען ארבייטען קירצערע ארבייטס־שטונדען.

אין יאהר 1920, שוין נאָך דער מלחמה, האָט די סוט קיים מאכער יוניאן געפיהרט א גענעראל סטרייק פאר וואך־ארבייט. יענער קאמף האָט אָנגעהאלטען גאנצע זעקס מאָנאטען, און כאָטש עס איז דער יוניאן ניט געלונגען צו געווינען איהר הויפּט־פּונקט, די אפּשאפונג פון שטיק־ארבייט, איז עס אָבער אויך די באלעבאטים ניט געלונגען צו פארניכ־טען די יוניאן און זיי האָבען געמוזט פארהאנדלען מיט פאָרשטעהער פון דער יוניאן און קומען צו אן אויסגלייך. דאָס איז געווען איינער פון די ביטערסטע סטרייקס, און דורך א „פריים־אַפּ" זיינען די הויפּט־פיהרער פונ׳ם סטרייק פארשיקט געווארען אין פריזאָן אויף דריי יאָהר צייט. א דאנק דער מיה פונ׳ם פארשטאָרבענעם מאקס פיין, דעם דאַ־מאלסדיגען סעקרעטאר פון די געווערקשאפטען, זיינען זיי נאָך עטליכע מאָנאטען באפרייט געווארען. דער סטרייק האָט געבראכען עטליכע פון די וויכטיגסטע פאבריקאנטען און זיי האָבען נאָך א קורצע צייט גע־מוזט ארויס פון די ביזנעס. די יוניאן איז אָבער ניט געבראכען גע־ווארען. זי איז אמת, געווען אָפּגעשוואכט, אָבער זי האָט ווייטער גע־

לעבט און אפגעהיט די וויכטיגסטע ארבייטס־באדינגונגען, איבערהויפט די 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך.

מ. ו ו י י נ ע ר איז געווען דער פיהרער אויך פון יענעם סטרייק אין 1920. ער איז אויך געווען איינער פון די יוניאן לייט, וועלכער איז געווען איינגעשפארט אין וואירק־הויז (אין טורמע).

אין צייט פון יענעם סטרייק האט די פאקעטבוק יוניאן געשטיצט די סוט־קייס מאכער יוניאן מיט צוואנציג טויזענד דאלאר. אויך האבען אלע איבעריגע אידישע יוניאנס געשטיצט די סטרייקענדע סוט־קייס מאכער.

דער סוט־קייס און בעג טרייד האט זיך אין די לעצטע פאר יאהר זעהר שטארק אנטוויקעלט. עס זיינען היינט דא פירמעס, וועלכע באשעפטיגען הונדערטער ארבייטער, און זייערע געשעפטען געהען אין מי־ליאנען.

די אפטע אויטאמאביל־רייזעס האבען געמאכט נויטיג סוט־קייסעס אויף מיטצונעמען די נויטיגע זאכען אין די אויטאמאבילען, און דאס האט נויטיג געמאכט א ספעציעלען סארט סוט־קייס, וואס זאל זיין צוגע־פאסט צו אן אויטאמאביל.

אויך די ענדערונגען אין די פרויען־קליידונג האבען שטארק געהאלפען דער ענטוויקלונג פון דעם סוט־קייס טרייד. אמאל פלעגט א פרוי זעלטען זיך באנוצען מיט א סעטשעל אדער מיט א וועלים. איז זי געפאהרען אויף וואקיישאן אדער אויף א „האני־מון”, האט זי געמוזט האבען א טראנק, און אמאל עטליכע טראנקס. מען האט טאקע דעם טראנק גע־מוזט שיקען פריהער מיט א פאר טעג אין א פראכט קאר, כדי ער זאל אנקומען אין צייט. מיט דער ענדערונג אין דער פרוי'ס קליידונג איז געקומען כמעט א סוף צו די טראנקס, און זייער פלאץ פארנעמט איצט דער סוט־קייס.

דער הויפט צענטער פון סוט־קייסעס און בעגס איז אין ניו יארק, אבער עס זיינען אויך דא וויכטיגע צענטערס מיט גרויסע פאבריקען און אנדערע שטעדט, ווי פילאדעלפיא, נוארק, שיקאגא, וואוסטער, א. ז. וו. ארום און ארום, רעכענט מען, זיינען אין דעם טרייד באשעפטיגט 5־6 טויזענט ארבייטער, פון זיי אין ניו יארק ארום 15 הונדערט.

די ארבייטער אין דעם פאך זיינען כמעט אלע ערפאהרענע בעל־מלאכות, וועלכע עס האט גענומען יאהרען זיך אויסצולערנען זייער פאך. די גרעסטע צאהל ארבייטער אין דעם טרייד זיינען אידען. עס זיינען אויך דא א קליינע צאהל דייטשען און ענגלענדער.

די באַדינגונגען פון די ארבייטער זיינען: אין אָרגאַניזירטע שעפּער — 44 שעה און אין די ניט־יוניאַן שעפּער — 48 שטונדען א וואָך. די גוטע בעל־מלאכות פאַרדינען אין דורכשניט פון 45 ביז 50 דאָלאַר א וואָך. די העלפּערס קריגען קלענערע שכירות. דיזע ארבייטער זיינען אויך באַשעפּ־טיגט ביי די בריף־קייסעס און אַלערליי לעדערנע בעגס.

דער סוט־קייס, בעג־פּאַך און דער בריף־קייס טרייד איז ניט פאָל־שטענדיג אָרגאַניזירט אין ניו יארק. אין פילאַדעלפיא, נואַרק און שי־קאַגאָ זיינען אויך א קליינער טייל פון די דאָרטיגע סוט קייס מאַכער אָר־גאַניזירט.

די ניו יארקער סוט קייס מאַכער יוניאַן איז יעצט אויך אָנגעשלאָסען אָן זייער „אינטערנעשאָנאַל", די „יונייטעד לעדער וואירקערס יוניאַן אָוו אמעריקא", וועלכע איז פארבונדען מיט דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

## די יוניאן פון די טראָנק מאַכער.

די לאַגע פון די ארבייטער פאר'ן יאהר 1909. — דער גענעראל־סטרייק פון 1910. — די ווירקונג פון דער מאָדע אויף דער לאַגע פון די טראָנק־מאַכער.

די יוניאן פון טראָנק (קאסטען) ארבייטער איז א קליינע אָרגאַניזאציע. עס איז אַ קליינער פאך, אין וועלכען עס זיינען אין ניו יארק באַשעפטיגט בלויז א פּאָר הונדערט ארבייטער. די לאַגע פון די טראָנק־מאכער אין יאהר 1909, ווען די יוניאן איז אָרגאַניזירט געווארען, איז געווען א טרויעריגע. זיי פלעגען דארפען אויפקלאפּען יעדען טאָג א בארג מיט קאסטענס. שטונדען פלעגען זיי ארבייטען זעהר לאַנגע. זיי פלעגען ארבייטען פון טוּג און דאָס אליין איז שוין א שלעכטער סימן. די פּראַצע איז געווען א שווערע. ביי די ארבייטער פלעגען שטענדיג זיין די הענט געשוואָלען. די טראָנק־ארבייטער זיינען שוין געווען צוגעוואוינט דערצו, זיי פלעגען דערפון קיין ווענען ניט מאכען, אָבער ווען ניט קיין טראָנק־מאַכער פלעגט דערזעהן אזעלכע גרויסע אָנגעשוואָלענע הענט, פלעגט ער גאפען, קוקענדיג אויף די הענט פון די ארבייטער.

די פאַרדינסטען פון די טראָנק־מאַכער זיינען געווען זעהר קליינע.

נאָכדעם ווי דיזע יוניאן האָט געוואונען איינינע שאפּ־סטרייקס האָט זי אין זומער פון 1910 געשטעלט די באַלעבאַטים נייע פאָדערונגען פאר קירצערע שטונדען און בעסערע פּרייזען פון שטיק־ארבייטער. די באַלעבאַטים האָבען אנטזאגט די ארבייטער, און עס איז ארויסגעקומען א גענעראל־סטרייק ביי די טראָנק־ארבייטער.

דער גענעראל סטרייק האָט זיך געצויגען א 10־12 וואָכען. די באַלעבאַטים זיינען געווען הארטע מענשען, איינגע'עקשנ'ט'ע. זיי האָבען זיך אָנגעגרייט א גרויסען סטאַק מיט טראָנקס, און די אָרימע סטרייקערס האָבען געליטען גרויס נויט. אָבער דאָך האָבען זיי געקעמפט בראַוו. מיר, אין אָפיס פון די געווערקשאַפטען, פלעגען זיי זען אַ גאַנצען טאָג, ווייל זייער פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ איז געווען אין קלינטאָן האָל, די צווייטע טיר פון אונזער אָפיס. ווען די סטרייקערס האָבען געדארפט האָבען געלט־

שטיצע, פלעגען די געווערקשאַפטען זיי געבען א „צעטעלע”, — א קרע־דענשעל, האָט מען עס גערופען, — צו די יוניאָנס, וועלכע האָבען זיי פריינדליך אויפגענומען און זיי אויסגעהאָלפען.

אין ענדע יולי, 1910, איז דער סטרייק געסעטעלט געווארען דורך א קאָמפּראָמיס. די ארבייטער האָבען געקראָגען א העכערונג אויף די שכירות, קירצערע ארבייטס־שטונדען און די אנערקענונג פון דער יוניאָן.

דער סעטעלמענט איז געמאכט געווארען מיט אלע טראָנק־באַלעבאַטים דורך א קאָמיטע פון דער טראָנק מאכער יוניאָן און א קאָמיטע פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, וועלכע איז באשטאנען פון דזש. גאָלדשטיין, פון דער בעקערס יוניאָן, און דעם שרייבער פון דיזע צייל̇ען.

די טראָנק מאכער האָבען זייט יענעם געוואונענעם סטרייק אנגעהאַלטען זייער יוניאָן פאר די אלע יאהרען. עס האָט אָבער פאסירט, אז מיט דער ענדערונג אין דער פרוי׳ס קליידער, זיינען די טראָנקס ארויס פון דער מאָדע. א סעטשעל איז איצט געווארען פאר א פרוי איינצופאקען איהרע קליידער. צוליב דעם ווערט לעצטענס געמאכט א סך ווייניגער טראָנקס. עס זיינען אין ניו יארק פארבליבען בלויז די קלענערע טראָנק שעפער, אָבער די פארבליבענע טראָנק־מאכער אין ניו יארק האַלטען אָן זייער יוניאָן און ערשט לעצטען מאי האָבען די טראָנק ארבייטער געפאָדערט פון די ניו יארקער באַלעבאַטים די באנייאונג פון יוניאָן־קאָנטראקט מיט א העכערונג אויף זייערע שכירות.

# די יוניאן פון די נעקווער מאַכער.

א יוניאן פון דרייסיג אמעריקאנער מיידלאך מיט 40 יאהר צוריק. — ווי אזוי עס האָט זיך געגרינדעט די ערשטע אידישע יוניאן פון נעקווער־מאכער אין יאָהר 1900. — דער היסטאָרישער סטרייק פון די 900 יונגע אינגלאך און מיידלאך, וואס האָבען געארבייט ביי נעקטייס, אין יאָהר 1906. — די גענעראל־סטרייקס אין 1909 און אין 1911. — די אָפּשאפונג פון דער קאָנטראקטינג־סיסטעם אין יאהר 1913. — פון 1913 ביז 1929. — דער צושטאַנד פון דער נעקווער מאַכער יוניאן אין ניו יארק און אין אַנדערע שטעדט.

נאָך אין יאָהר 1890 האָט אין ניו יארק עקזיסטירט א יוניאן פון נעקטיי (קראוואטען) מאכער. דאָס איז געווען אן אָרגאניזאציע פון א 30 אמעריקאנישע מיידלאך, וועלכע האָבען געארבייט אין א פּאָר נעקווער שעפּער אויף בראָדוויי. יענע ערשטע נעקטיי־מאכער יוניאן האָט באַ־לאנגט צו דער אמעריקאן פעדערייישאָן אוו לייבאָר. זי האָט אָבער קיין איינפלוס ניט געהאַט אויף די ארבייטער פון פאַך.

זומער צייט פון יאהר 1900, איז געקומען אין אָפיס פון די ניו יארקער פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען א קאָמיטע פון נעקווער־מאכער, וועלכע איז באשטאנען פון עלטערע אידען און יונגע מיידלאך, און געבעטען, אז מען זאָל זיי אָרגאניזירען אין א יוניאן.

מיר האָבען זיך גענומען אויספאָרשען דעם נעקטיי־טרייד און מיר האָבען אויסגעפונען, אז די רייכע נעקטיי־פאבריקאנטען, וועלכע האָבען זייערע וועהרהייזער און שאו־רומס אויף בראָדוויי, באשעפטיגען דאָרט בלויז צושניידערס פון נעקטייס, אָבער אויפנייהען זיי גיבען זיי ארויס צו פרויען, וועלכע ארבייטען ביי זיך אין הויז, אין די טענעמענט הייזער. די פרייזען, וואס מען האָט דאן געצאָהלט פאר נייהען די נעקטייס, זיינען געווען קלעגליכע. מען פלעגט נייהען די שניפּסען אויף א ניי־מאשין און מיט'ן האנט, גאנצענע טעג און ביז שפּעט אין דער נאַכט אום צו קענען פאַרדינען אויף אן אָרימען לעבען.

מייסטענס האָבען געארבייט ביי דעם פאַך די פרויען און קליינע קינדער. די מענער פלעגען בלויז פרעסען די נעקטייס. געארבייט האָט מען

פון טוץ. די פאַרדינסטען פון אפּערייטאָרס און פינישערס האָבען אויסגע־מאַכט פון 3 ביז 4 דאָלאַר די וואָך. די פּרעסערס פלעגען פאַרדינען פון 6 ביז 7 דאָלאַר די וואָך. פון א געוויסען ביליגען סאָרט נעקטיים האָט מען געמוזט מאַכען הונדערט טוץ א טאָג אום צו קענען אויסאַרבייטען אַ דאָלאַר מיט אַ האַלב אַ טאָג. אַ פּרעסער פלעגט מוזען אויספּרעסען 125 טוץ נעקטיים אַ טאָג אום צו פאַרדינען זיינע שכירות.

די ניי־מאַשינען פלעגען די אָפּערייטאָרס טרייבען מיט זייערע אייגענע פיס. פון עלעקטרישע קראַפט האָט מען ביי דער ארבייט נאָך דער־מאָלט ניט געוואוסט. דאָס רוב שעפּער פלעגען זיין אין ריער־הייזער און אין קעלערס, און ווען עס פלעגט זיין ווייניג ארבייט אין שאַפּ, פלעגען די בעל־מלאכות, וועלכע האָבען שוין געארבייט ביי קאָנטראַקטאָרס דאר־פען זיצען אַ גאַנצען טאָג אין שאַפּ, טאָמער וועט מען פון ווער־הויז ברענ־גען אַ פּאָר באַנדעלס נעקטיים און מען וועט עס מוזען אויפנייהען.

ווען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט זיך באַקענט מיט דער לאַגע אין דעם פאַך, האָבען מיר איינבארופען אַ מאַסען־פאַרזאַמ־לונג אין 8 און 10 עוועניו „די", אין דעם אונגאַריש־אידישען קוואר־טאַל, וואו עס האָבען זיך דאַן געפונען אַ סך, נעקטיי־קאָנטראַקטאָרס. צו יענעם מיטינג זיינען געקומען ביי אַ 300 ארבייטער, אַלטע אידען מיט בערד, פרויען פון פאַרשידענעם עלטער און יונגע קינדער, אינגלעך און מיידלעך, מעהר מיידלעך.

די פאַרזאַמלונג איז געווען אַן ערפאָלג. צווישען די רעדנער איז אויך געווען אַן אָפּערייטאָרין פון נעקטיים, ס ע ר ע ב ו ד י א נ אָ ף. די אַנוועזענדע האָבען זיך דאַן אָנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן. עס איז ערוועהלט געווארען אַ קאָמיטע צו די נעקווער צושניידער יוניאָן, וועלכע האָט שוין דאַן עקזיסטירט פּאָר יאָהרען לאַנג, אַז זיי זאָלען העלפען די נעקטיי מאַכערס צו גרינדען אַ שטאַרקע יוניאָן.

עס זיינען אָפּגעהאַלטען געווארען נאָך אַ פּאָר פאַרזאַמלונגען, אָבער מיר האָבען ניט געקענט אויסגעפינען, וואו די נעקטיי־מאַכער יוניאָן פאַר־זאַמעלט זיך. אין אַ צייט אַרום האָבען מיר ערפאַהרען, אַז די נעקווער־צושניידער יוניאָן האָט צוגענומען די יוניאָן אונטער איהר שוץ, מיט אַ באַדינגונג, אַז זי זאָל ניט האָבען צו טאָן מיט די „סאָציאַליסטישע" פאַר־איינינגטע אידישע געווערקשאַפטען.

ערשט אין יאָהר 1905, מיט 4 יאָהר שפּעטער איז צום צווייטען מאָל אָרגאַניזירט געווארען אַ נעקווער מאַכער יוניאָן. דיזע יוניאָן האָט

זיך אָנגעשלאָסען אָן די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, ווי אויך אָן דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אויף לייבאָר.

דעם 4טען יולי, 1906, האָט אויסגעבראָכען דער ערשטער גענעראַל סטרייק פון יענער צווייטער נעקטייער מאַכער יוניאָן.

יענער סטרייק פון די 900 יונגע נעקטיי ארבייטער, מיידלאך און אינגלאך, האָט דעמאָלט אויף דער איסט סייד פון ניו יארק געמאכט א רושם הויפט־זעכליך צוליב דעם, וואס די סטרייקערס זיינען געווען יונגע קינדער פון 13 ביז 15 יאהר אַלט. און די גרעסטע צאָהל פון זיי זיינען געווען יונגע מיידלאך. צו יענער צייט איז שוין אפילו געווען אין קראפט אין ניו יארק סטייט א געזעץ, אז באַלעבאַטים פון פאַבריקען און שעפער זאָלען ניט טאָרען באשעפטיגען קיין קינדער אונטער 15 יאהר אלט. די אלע שוץ־געזעצען פאר קינדער פלעגען אָבער אין יענע יאהרען נאָך ניט אזוי שטרענג אפגעהיט ווערען. איבערהויפט פלעגט עס זיין זעהר שווער צו קאָנטראָלירען אין די סוועט שעפער ביי קאָנטראקטאָרס.

דער גאנצער נעקטייער־טרייד איז צו יענער צייט, ווי שוין געזאָגט, באשטאַנען בלויז פון סוועט־שעפער, אדער בעסער געזאָגט, עס איז געווען הויז־ארבייט.

אָנגעפאַנגען האָט זיך דער סטרייק פון דעם, וואָס א געוויסער קאָנטראקטאָר האָט געשלאָגען אין זיין שאפ אן ארבייטער־מיידעל, ווייל זי האָט געבעטען א האַנט־טוך אפצואווישען איהרע הענט, כדי זי זאָל ניט פארשמירען די ווייסע שניפסען, וואָס זי האָט פאר איהם געמאכט. פאר די האַנטיכער האָט יעדע מיידעל דאַן געצאָהלט דעם באַלעבאָס צו 5 סענט א וואָך. די אנדערע ארבייטער־מיידלאך פון יענעם שאפ האָבען ניט געקענט צוקוקען די ברוטאַלע האַנדלונג פון קאָנטראקטאָר, וועלכער האָט באַליידיגט זייער יוניאַן־שוועסטער און זיי האָבען אלע ווי איינע אין מיטען העלען טאָג אוועקגעוואָרפען די ארבייט און זיינען ארונטער אין סטרייק. אפילו די פאָר עלטערע אידען, די פרעסערס פון שאפ, זיינען אויך צוזאמען מיט זיי אוועק אין דער יוניאַן.

קאָנטראקטאָרס האָבען דעמאָלט אויך געהאט א „באָסעס אסאָסיאיישאָן", צו וועלכער יענער באַלעבאָס וואס האט געשלאָגען דאָס ארבייטער־מיידעל, האָט אויך באַלאַנגט. אזוי שנעל ווי די ארבייטער זיינען ארונטער, איז דער באַלעבאָס אוועקגעלאָפען צו דער „אסאָסיאיישאָן". די מיטגלידער פון דער אסאָסיאיישאָן האָבען אפגעהאַלטען א מיטינג און

האָבען אויף שנעל באַשלאָסען צו מאַכען אַ לאָק־אוט אויף אַלע 900 נעקטיי־אַרבייטער, כדי צו צווינגען זיי צו ווערען אויס יוניאָן־מיטגלידער.

ווען די אַרבייטערינען פון אַלע נעקטיי־שעפּער פון דער איסט־סייד האָבען אויסגעהערט דעם „אוקאַז" פון די קאָנטראַקטאָרס, אַז זיי מוזען פאַרלאָזען די יוניאָן, האָבען זיי גלייך פאַרלאָזען די שעפּער און זיינען אַלע אַרונטער אין אַ סימפּאַטי־סטרייק.

די סטרייקענדע קינדער האָבען זיך דאַן פאַרזאַמעלט אין דזשעפּערסאָן האָל, אויף קאָלומביאַ סטריט, לעבען וויליאַמסבורג בריק.

איך געדענק, ווי איך, צוזאַמען מיט נאָך איינינע דעלעגאַטען פון די געווערקשאַפטען, האָבען באַזוכט זייערע אַ פאַרזאַמלונג. נאָך דעם ווי אונזערע רעדנער האָבען אָפּגערעדט, איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט, אין וועלכען ס'האָבען זיך באַטייליגט פאַרשידענע קרעפטען פון דער „וואַרייעטי" אַקטיאָרען יוניאָן און פון מוזיקעל קלוב.

נאָכ'ן קאָנצערט איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ יונגע מיידעל, אַ סטרייקערין, מ י נ י ט י ד א נ י (שפּעטער איז זי איין צייט געווען אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרין) און זי האָט אָנגעפאַנגען איהר רעדע מיט אַ קלינגענדער דראַמאַטישער שטימע, בזה הלשון:

„שוועסטער און ברידער! ניט קיין העכערע ווידזשעס פאָדערען מיר; ניט קיין קירצערע אַרבייטס־שטונדען פאַרלאַנגען מיר; ניט פאַר זיך אַליין קעמפען מיר.

„פאַר אַ חבר'טע, אַ מיטאַרבייטערין נעמען מיר זיך אָן. דער באָס האָט זי געשלאָגען, און אונזער בלוט איז אַזוי אויפגעקאָכט געוואָרען, אַז מיר האָבען גלייך דעם שאָפּ פאַרלאָזען מיט אַ פּראָטעסט־געשריי, און איצט איז די שטאָדט אויפגערודערט פון אונזער סטרייק.

„וויבאַלד אַז מיר, אַזעלכע יונגע קינדער, קענען אין זיך האָבען אַזאַ געפיהל פון אחדות, פון אַרבייטער איינינקייט, וויבאַלד אַז מיר, קינדער, קענען אַלע פיהלען דעם פּאַטש, וואָס מען גיט איינע פון אונז, פּונקט ווי מען וואָלט דאָס אונז אַלעמען געגעבען, איז דאָך אַ באַוויז, אַז דער וואָרט „אַרבייטער איינינקייט" איז ניט קיין פּוסטער קלאַנג". — און זי האָט געשלאָסען איהר רעדע מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„מוטיג, שוועסטער! מוטיג, ברידער! לאָמיר קעמפען געגען אונזערע טיראַנישע באָסעס! מיר האָבען גאָרניט צו פאַרלירען. אַ סטריקט יוניאָן שאָפּ מוזען מיר האָבען! די יוניאָן וועט אונז פּראָטעקטען."

אַ גוואַלדיגער אַפּלאָז מיט אַ הוראַ האָט אויסגעבראָכען פון די קליינע מיידלאַך, פון די עלטערע און פון די אידען מיט די בערד. אַלע

שטעהען אויף פון די בענק. אלע מיידלאך, אנגעטאן אין די ווייסע ווייסטלאך. דער טומעל דויערט א פאר מינוטען. דער טשערמאן קלאפט מיט׳ן האמער. אלע זעצען זיך ווידער אוים אויף זייערע פלעצער.

צום שלוס פון מאס־מיטינג האט מען אנגעפאנגען צו פארהאנדלען ביזנעס. מען האט אפגעגעבען באריכטען פון סטרייק.

לעבען טשערמאן האט זיך אויסגעזעצט דער ראטה פון די דעלעגא־טען פון די געווערקשאפטען, וועלכע האבען געפיהרט יענעם סטרייק. אוי־סער מיר און גענאסע גאלדשטיין זיינען דארט אויך געזעסען דער דאמאלסדיגער סעקרעטאר פון די געווערקשאפטען, א. ליפמאן, אויך מאקס פיין, סאול ריפקין, ב. פרישוואסער און נאך אייניגע דעלעגאטען, וועמענס נעמען איך געדענק שוין נים.

דאס זיינען געווען די מיניסטארען פון יענעם נעקווער־מאכער סטרייק. מען שיקט ארוים פיקעט קאמיטעס. דער טשערמאן פון מיטינג קלאפט ווי־דער מיט׳ן האמער און רופט צו ארדנונג. עס שטעהט אויף די סעקרעטארין, אן אינטעליגענטע, שעהנע מיידעל, מיט׳ן נאמען ס א ר א ב ר א ו נ ־ ש ט י י ן. (איצט איז יענע סארא א ראמאנען־שרייבערין אין א אידי־שער צייטונג אין ניו יארק).

די סעקרעטארין האט פארגעלעזען די פאדערונגען, וואס די שעפער האבען אויסגעארבייט. זי רופט אוים א שאפ. א קליין מיידעל מיט א בלאסינקער געזיכט, אנגעטאן אין א קורצינקער קליידעלע, כאפט זיך פלוצ־לונג אויף און אויף איהר דינינקען קול׳כעל שרייט זי אוים:

„מיר, דאס הייסט, אונזער שאפ, פארלאנגען פון אונזער באס א סטריקט יוניאן שאפ, פארלויפיג קיין רייז“.

אזוי זיינען דאן פארגערופען געווארען די שאפ טשערליידים פון אלע קאנטראקטארס און זיי האבען געגעבען באריכטען, וואס יעדער שאפ פאדערט פון זיין באס.

די קאנטראקטארס זיינען דאן מיט זייער לאקאוט מיאוס דורכגע־פאלען. אין צוויי טעג ארום האבען זיי געמוזט אונטערשרייבען א נייעם אגרימענט מיט דער נעקווער מאכער יוניאן, און די מייסטע באלעבאטים האבען נאך געדארפט געבען א העכערונג אויף די שכירות צו אלע קינדער. די געשלאגענע סטרייקערין האט דער באס געמוזט צוריקנעמען צו דער ארבייט, און אלס שטראף האט ער געגעבען, איך געדענק נים — צי 50 צי 100 דאלאר. די שטראף־געלט האט מען אוועקגעגעבען צו דעם סאניטאריום פאר שווינדזיכטיגע אין דענווער.

אין יאהר 1906 האט די יוניאן ערוועהלט אלס איהר מענעדזשער

ס אַ ו ל ר י פּ ק י ן, אַ פּאַרטרעטער ביי די געווערקשאַפטען פון דער קלאוק מאכער יוניאָן. אין אַ צייט ארום האָט די יוניאָן ערוועהלט אלס איהר מענעדזשער ל ו א י ס ג ע ו ו י ר ץ, אַ מיטגליד פון דער יוניאָן, אַ שאַפּ ארבייטער.

אין אָנפאַנג פון יאהר 1909 האָט די נעקווער מאַכער יוניאן ערוועהלט אלס איהר מענעדזשער אַ. מ י ל ע ד, אַ שניידער ביים טרייד, וועל־כער איז שוין פריהער געווען און אָנגעשטעלטער אין איינגע אידישע יוניאָנס. צו יענער צייט האָט דיזע יוניאָן ארויסגערופען אַ שאַפּ סטרייק ביי דער נעקווער פירמע מ. קאָווען און קאָמפּאַני, וועלכע האָט באַשעפ־טיגט עטליכע הונדערט ארבייטער אינסייד אין איהר ווערהויז, אויף יוניאָן סקווער, ווי אויך ביי איהרע אויטסייד קאָנטראַקטאָרס. יענער סטרייק האָט זיך געצויגען ביז אָקטאָבער, 1909 און דעמאָלט, אין מיטען פון יענעם סטרייק, האָט די נעקווער מאַכער יוניאן ערקלעהרט אַ גענעראַל סטרייק געגען אלע קאָנטראַקטאָרס' שעפּער און אויך געגען אַ געוויסע צאָל פון נעקווער פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען באַשעפטיגט ארבייטער אין זייערע אייגענע פאַבריקען. דאָס איז געווען צום ערשטען מאָל, וואָס דיזע יוניאָן האָט ערקלעהרט אַ סטרייק געגען נעקווער פאַבריקאַנטען די־רעקט. אין יענעם גענעראַל סטרייק האָבען זיך באַטייליגט איבער 1,200 ארבייטער. אין פאַרלויף פון צוויי וואָכען צייט איז דער סטרייק גע־וואונען געווארען. די ארבייטער האָבען דאן געוואונען אויך אַ שטאַרקע יוניאָן פון אַ 1,200 מיטגלידער.

אין אָקטאָבער, 1911, האָט די נעקווער מאַכער יוניאָן ווידער ארויס־גערופען אַ גענעראַל סטרייק מיט די פאָדערונגען: 1) אז די נעקווער פאַברי־קאַנטען זאָלען גאַראַנטירען דעם אָפּמאַך, וואס זייערע אויטסייד קאָנ־טראַקטאָרס שליסען מיט דער יוניאָן; 2) אז אין אלע שעפּער זאָל איינ־געפיהרט ווערען עלעקטרישע קראַפט צו טרייבען די ניי־מאַשינען. יענעם סטרייק האָט די יוניאָן אויך געוואונען.

גלייך נאָך יענעם סטרייק האָט די נעקווער מאַכער יוניאָן געהאַט טראַ־בעל מיט איהר מענעדזשער, אַ. מילער. ער איז באַשולדיגט געווארען אין פאַרנאַכלעסיגען די יוניאָן און אין טעראָריזירען טעטיגע יוניאָן מיטגלי־דער, וועלכע האָבען פּראָטעסטירט געגען איהם. דער ניו יארקער אָרגאַ־נייזער פון דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אוו לייבאָר האָט דאן באַזייטיגט מילער'ן פון דער נעקווער יוניאָן. אלס מענעדזשער פון דער יוניאָן איז דאן ערוועהלט געווארען ט ש א ר ל ז פ ר אָ מ ע ר, אַ מיטגליד פון דער פאָריערס יוניאָן. ער איז פאַרבליבען אין אמט בלויז אַ קורצע צייט

און זײַן פּלאַץ האָט דערנאָך פאַרנומען מאַקס קאַזימירסקי, דער פריהערדיגער מענעדזשער פון די בעקערס יוניאָן לאָקאַל 100. א געװיסע צײַט איז אויך ב. װעקשטײן, פון דער נוארקער בעקערס יוניאָן, געװען דער מענעדזשער פון דער נעקװער־מאַכערס יוניאָן.

די בײַטעניש פון מענעדזשערס האָט אָפּגעשװאַכט די יוניאָן. זי איז אָבער װידער געקומען צו זיך און האָט זיך גענומען ענערגיש צו קאָנטראָלירען די קאָנטראַקטינג שעפּער און אויפּפּאַסען אַז די יוניאָן־באַדינגונגען זאָלען דאָרטען פּינקטליך אָפּגעהיט װערען. צו יענער צײַט איז דער מענעדזשער געװען סאַול מעטץ, פון דער קלאָוק מאַכער יוניאָן. ענדליך איז ערװעהלט געװאָרען אַלס מענעדזשער פון דער יוניאָן לואיס ד. בערגער, אַן אַרבײַטער פון פאַך, װעלכער האָט געהאַלטען דעם אַמט אין דער יוניאָן פאַר צװעלף יאָהר צײַט. דעם אַמט פון סעקרעטאַר־טרעזשורער אין דער יוניאָן פאַרטרעט די גאַנצע צײַט עדמונד גאָטעסמאַן, אַן אַרבײַטער פון זעלבען פאַך.

דורך די פילע יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ האָט די יוניאָן געהאַט צו פיהרען מאַסען שאַפּ־סטרײַקס און עטליכע גענעראַל סטרײַקס. 65 פּראָצענט פון די אַרבײַטער פון טרײד זײַנען געװען פרויען און יונגע קינדער. די פרויען אַרבײַטער האָבען זיך אַלע מאָל געביטען, װײַל אַ סך פון זײ האָבען געהײַראַט און נײַע, יונגע אַרבײַטער מײדלאַך האָבען פאַרנומען זײערע פּלעצער.

פון די אַרבײַטער מײדלאַך, װאָס זײַנען געװען טעטיג אין דער יוניאָן, געדענק איך די דרײַ שװעסטער: עלסי, סיליע און העלען סמוק; אויך מיני פרידמאַן, לילי פּלעשער. פון די מענער טעטיגע יוניאָן מיטגלידער געדענק איך דען סמוק, הערי פוקס, מאָרים בלעטערפײַן, בעני פעריז, און ר. רובינשטײן.

אין יאָהר 1913 האָט די נעקװער מאַכער יוניאָן באַשלאָסען פּטור צו װערען אײן מאָל פאַר אַלע מאָל פון דער קאָנטראַקטינג־סיסטעם אין נעקװער טרײד און זי האָט געלאָזט װיסען אַלע נעקװער־פאַבריקאַנטען פון ניו יאָרק, אַז זײ װעלען דאַרפען אײַנפיהרען אינסײד־שעפּער און מעהר ניט אַרויסגעבען קײן אַרבײַט צו קאָנטראַקטאָרס.

אין אָקטאָבער, פון יאָהר 1913, האָט די יוניאָן צוליב דעם ערקלעהרט אַ גענעראַל סטרײַק, װעלכער איז געװען דער עפּאָלגרײַכסטער און װירקזאַמסטער אַרבײַטער קאַמף אין דער געשיכטע פון נעקװער־פאַך. אַלע נעקװער פאַבריקאַנטען פון ניו יאָרק, מיט דער אויסנאַהמע בלויז פון 2־3,

האָבען דאן אויפגעבויט אינוויינינגע נעקווער שעפּער אין זייערע ווער־הייזער. א פּרייז קאָמיטע פון דער יוניאן האָט אויסגעגליכען, אזוי ווייט ווי דאָס געווען מעגליך, די פּרייזען אויף ארבייט. די שכירות זיינען דאן געהעכערט געווארען אויף 25-30 פּראָצענט און די יוניאן איז פון דאן אָן פּאָלקאָם אנערקענט געווארען.

פון דעם יאהר 1915 ביז דעם יאהר 1927, האָט די נעקווער מאכער יוניאן יעדע צוויי יאהר אָפּגעשלאָסען מיט די נעקווער פאבריקאנטען נייע קאָנטראַקטען, גאָר אָהן סטרייקס. ביי יעדען נייעם קאָנ־טראַקט האָבען די ארבייטער באקומען געוויסע נייע פאַרבעסערונגען. די ארבייטס־שטונדען זיינען פאַרקירצט געווארען ביז 44 שעה א וואָך, אויך האָבען די נעקווער מאַכער נעקראָגען פאַרהעלטניסמעסיג גוטע שכירות.

אין יאהר 1927 איז אין נעקווער פאך פּאָרגעקומען א גרויסע ענ־דערונג.

אין יולי, פון יאהר 1927, איז אויסגעגאנגען דער אגרימענט צווישען דער נעקווער מאכער יוניאן און די באַלעבאַטים. די יוניאן האָט צום נייעם אגרימענט ארויסגעשטעלט נייע פאָדערונגען. די וויכטיגסטע פאָדערונג איז געווען אָפּצושאפען הויז־אַרבייט, וואס האָט זיך אָנגעפּלאָדיעט אין דער אינדוסטריע, און אז האַנד־געמאכטע קראַוואַטען זאָלען געמאכט ווע־רען אין די שעפּער מיט יוניאָן־ארבייטער.

נאָך קאָנפערענצען און קאָנפערענצען, האָבען כמעט אַלע פאבריקאנ־טען, סיי די אינדיווידועלע און סיי די אַסאָסיאיישאָן, נאָכגעגעבען דיזע פּאָדערונג פון דער יוניאן מיט א געוויסע מאָדיפיצירונג, און זיי האָבען אונטערגעשריבען דעם נייעם אגרימענט. בלויז פינף פאַבריקאנטען, וועלכע האָבען דעם פּונקט ניט געוואָלט נאָכגעבען, האָבען ניט אונטערגעשריבען דעם אגרימענט און זיינען אוועק מיט זייערע שעפּער פון ניו יארק, האָבען געעפענט ניט יוניאָן־שעפּער אויסער ניו יארק: צוויי אין ניו הייווען, צוויי אין פּאָקיפּסי און איינער אין גלענס פּאָלס. מיט דיזע פינף פירמעס האָט די נעקווער מאכער יוניאן געפיהרט א קאַמף, וואס האָט געדויערט א יאָהר און א האַלב.

יענער קאמף איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע און העל־דישסטע, וואס א יוניאן האָט ווען עס איז אָנגעפיהרט. דער יוניאן איז אויסגעקומען צו פיהרען דעם קאמף ניט געגען די נעקווער פאבריקאנטען אַליין, נאָר געגען א פאַראייניגונג פון די באַלעבאַטים מיט די טשיימבערס אוו קאָמערס, דער פּאָליציי און די קאורטס, און די פארקויפטע צייטונגען פון יענע שטעדט. פון דער אַנדערער זייט האָט די נעקווער מאכערס יוניאן

אויפגערודערט אַלע יוניאָנס און די גאַנצע ארבייטער באַוועגונג אין יענע שטעדט, וואָס האָבען איהר דערנאָך געהאָלפען אין איהר קאַמף.

די נעקווער מאַכער יוניאָן האָט זיך געווענדעט צו געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס אין שטאָדט, און עס איז געקומען אַ שעהנער, אַ פּרעכ־טיגער אָפּרוף פון די סטודענטען פון יעיל אוניווערזיטעט, פון ניו הייווען.

סטודענטען זיינען ארויס „פּיקעטען" די פּאָר אָנגעפּאָהרענע סקעב־נעס־טען אויף זייער טעריטאָריע. זיי האָבען זיך געלאָזט ארעסטירען אויפ'ן „פּיקעט־ליין", האָבען געשריבען וועגען דעם קאַמף אין זייער סטודענטישער צייטונג, האָבען געהאַלטען רעדעס אין פארשידענע קלובס. דער קאַמף איז געוואָרען אַן אָפענע אישו אין שטאָדט.

אין אָנפאַנג פון יאָהר 1929, האָט די נעקווער־מאַכער יוניאָן אָפיציעל דעם סטרייק אויפגעגעבען.

די נעקווער מאַכער יוניאָן צעהלט ביי היינטיגען טאָג 2,000 מיטגלידער. הונדערט פון זיי זיינען קריסטען (אַמעריקאַנער מיידלאך). אַלע איבעריגע 1900 מיטגלידער זיינען אידען, און פון זיי זיינען 700 מענער און 1200 פרויען און יונגע מיידלאך. די נעקווער־מאַכער יוניאָן האָט אין לעצטען יאָהר אָרגאַניזירט 30 נייע שעפּער. די שכירות וואָס די נעקטיי־אָפּעריי־טאָרס פאַרדינען זיינען פון 60 ביז 65 דאָלאַר אַ וואָך. די ארבייטער פון די אַנדערע אָפּטיילונגען פאַרדינען אין דורכשניט פון $45 ביז $50 אַ וואָך.

דער מענעדזשער פון דיזער יוניאָן איז איצט אַן ארבייטער פון פאַך, ל ו א י ס  פ ו ק ס, וועלכער איז אַ מיטגליד פון דער יוניאָן זייט דעם יאָהר 1908.

די נעקווער קאַטערס (צושניידערס) יוניאָן עקזיסטירט שוין עטליכע און דרייסיג יאָהר. זי צעהלט ביי אַ 250 מיטגלידער. די שכירות פון די צושניידער זיינען פון $65 אַ וואָך און העכער. זיי ארבייטען פון וואָך. די גרעסטע צאָהל קאַטערס זיינען אידען. די נעקווער ארבייטער יוניאָן און די נעקווער קאַטערס יוניאָן, דאָס הייסט זייערע מיטגלידער, ארבייטען 44 שטונדען אַ וואָך. דיביידע יוניאָנס זיינען פאַרבונדען מיט דער אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר. די נעקווער מאַכער יוניאָן באַלאַנגט אויך צו די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

אין באָסטאָן, מאַס., איז דאָ אַ נעקווער מאַכער יוניאָן, וועלכע צעהלט 100 מיטגלידער, און אין פילאַדעלפיא איז אויך פאַראַן אַ נעקווער מאַכער יוניאָן פון אַ 40 מיטגלידער. אין די איבעריגע שטעדט, ווי שיקאַגאָ, באַל־טימאָר און סעינט לואיס, וואו מען ארבייט נעקווער, זיינען די ארבייטער ניט אָרגאַניזירט.

# די יוניאָן פון די קלינערס און פאַרבערס.

די ערשטע אידישע קלינערס און דייערס. — די אַמאָליגע „שמחת־תורה" יוניאָן. — די געשיכטע פון דער איצטיגער יוניאָן.

צווישען די אַמאָליגע אידישע יוניאַנס, וועלכע מיר האָבען מיט 35-40 יאָהר צוריק דאָ אין ניו יאָרק אָרגאַניזירט, האָבען מיר אויך געהאַט אַ געוויסע צאָהל אַזוינע, וואָס זייערע מיטגלידער זיינען כמעט אַלע געווען עלטערע אידען. דאָס זיינען געווען: די פּרעסער לאָקאַלס פון די מענער־שניידער און קלאָוק מאַכער יוניאַנס, די בוטשערס, די שמאַטע־קלייבערס, די לאַטוטניקעס פון אַלטע קליידער, א. א. איינע אַזאַ יוניאָן, פון קלינערס, וועלכע פלעגען אין יענע יאָהרען ארבייטען אין קעלער־סטאָרקעס אויף דער איסט סייד, האָבען מיר אָרגאַניזירט אין יאהר 1894. אין יענע קלינינג קעלערס פלעגען עלטערע אידען, שניידער פון דער היים, וואשען, רייניגען, פאַרבען און פרעסען אַלטע, שמוציגע קליידער. קיין מאַשינערי איז דערצו נאָך ניט געווען, פלעגט דער ארבייטער קלינען דעם בגד פון אן עמער מיט בענזין. פאַרבען פלעגט מען דאן אַ ראָק אדער אַ פּאָר הויזען מיט אַ בארשט, ווי אַ פיינטער פאַרבט אַ טיר, אדער אַ פענסטער. דער בענזין פלעגט אָפט פאַראורזאכען פייערס אין די טענעמענט־הייזער, וואו אַזעל־כע קלינינג־קעלערס האָבען זיך געפונען.

צווישען יענע קלינערס זיינען געווען אויך אַ פּאָר אינגערע מענשען. איינער פון זיי איז געווען מ. ס י ג ע ל, וועלכער האָט באַלאַנגט צו דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי. אָט דער סיגעל האָט געגרינדעט די ערשטע קלינערס יוניאָן.

איך ווייס ניט פאַרוואס דאָס איז געווען אַזוי, אָבער עס איז אַ פאַקט, אז ביי די מיטינגען פון דער קלינערס יוניאָן איז שטענדיג געווען פרעה־ליך און לעבעדיג. יענע אַלטע אידען, די קלינערס, פלעגען ליב האָבען, אז ביי זייערע פאַרזאַמלונגען זאָלען זיין דעלעגאַטען פון די געווערק־שאַפטען, ווייל פון גרויס פרייד פלעגען אָפטמאָל ביי זייערע פאַרזאַמ־לונגען פאָרקומען געשלעגען, און מיר, די געסט פון די פאַראייניגטע אידי־שע געווערקשאַפטען, פלעגען צווישען זיי דארפען מאַכען שלום. מען

האָט אויף יענע אידען ניט געקענט שטאַרק פּאַראַיבעל האָבען, ווייל זייער ארבייט איז געווען א שווערע, א שמוציגע און א שעדליכע פאַר זייער געזונד. זיי פלעגען שטעהן אין די קעלערס, וועלכע האָבען זיך געפונען האַלב אין דרויסען, ווי אויף אַן אויסשטעלונג. דאָרטען פלעגט שטעהן א גרויסער טיש און ארום איהם פלעגען שטעהן די אַלטע לייט, פילע פון זיי אין יאַרמולקעס, און פלעגען וואַשען און פרעסען די שמוציגע בגדים, אַפּריי־הער באַגיסנדיג זיי מיט בענזין. די ארבייטס־שטונדען ביי זיי פלעגען זיין 12-15 שעה אין מעת־לעת.

איך געדענק, ווי איינמאָל בין איך, אלס סעקרעטאר פון די געווערק־שאַפטען, צוזאמען מיט נאָך דריי דעלעגאַטען אוועק צו א מיטינג פון דער קלינערס יוניאָן, וועלכע האָט זיך פאַרזאַמעלט אין 49 הענרי סטריט, אויפ'ן טאָפּ פלאָר.

אריינקומענדיג צום מיטינג, זיינען מיר איבערראַשט געוואָרען, ווען מיר האָבען דערזעהן, אז אַנשטאָט אלע מיטגלידער זאָלען זיצען אויף בענק־לאַך און בענק מיט'ן פּנים צום טשערמאַן, זיינען אלע אידען געזעסען אויף בענק ארום לאַנגע טישען. יעדער איד האָט געהאַלטען א גלאָז ביר אין האַנט. אויף טעלער זיינען געלעגען געשניטענע שטיקלאַך הערינג און אויפ'ן טיש — שטיקער שוואַרצע ברויט.

די אַלטע אידען, די יוניאָן־לייט, זיינען געזעסען אַלע אין יאַרמולקעס. בלויז א פּאָר פון די אינגערע מענשען האָבען געטראָגען היטלען. די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין אַזעלכע לאַנגע רעק, וועלכע האָבען אויסגעקוקט ווי היימישע קאַפּאָטעס. פון די ליולקעס מיט די סי־גאַרעטלעך, וואס זיי האָבען גערויכערט, איז אין האָל געווען האַלב פינסטער. היינט דער ליאַרם, דאָס בראַזגענען פון די ביר־גלעזער — פון דעם אַלעם האָט מען געקענט פאַרטויבט ווערען.

א פּאָר עלטערע אידען זיינען געווען די וועיטערס, זיי האָבען אַלע מאָל דערלאַנגט פולע גלעזער מיט ביר און דער עולם האָט געמאַכט „לחיים".

דער טשערמאַן פון מיטינג איז געשטאַנען אויף א פּלאַטפאָרמע אין מיטען האָל און האָט געפיהרט דעם מיטינג.

מיר, די געסט פון די געווערקשאַפטען, האָבען ניט געוואוסט וואוהין צוצוגעהן. ביי דער פרעהליכער „וועטשערינקע" זיינען געווען מעהר ווי א הונדערט אידען.

ווען דער טשערמאַן פון דעם מיטינג האָט באַמערקט אונזער קאָמיטע, האָט ער געגעבען דריי שטאַרקע קלעפּ מיט'ן האַמער אין שטיין אריין. אַלע אידען מיט די גלעזער ביר אין האַנט האָבען זיך אויפגעשטעלט.

דער טשערמאן רופט אוים אונזער יחוס. די אידען קלינגען צו מיט די ביר־גלעזער.

גלייך לאַדעט מען אונז אלע דריי איין צו זעצען זיך ביי א טיש. מען איז אונז מכבד מיט ביר און מען בעט אונז צו פארזוכען די הערינג. „עס וועט חלילה ניט זיין בחינם”, זאָגט צו מיר א איד מיט א לאַנגער באָרד און מיט שפּאַקולען אויף די אויגען. „איהר וועט דאָ דארפען ספּיטשען גלייך”.

דער טומעל איז געווארען אלץ גרעסער. אלע אידען, די יוניאן לייט, זיינען שוין געווען פרעהליך און האָבען צוגעזונגען מיט א שמחת־תורה׳־דיגען ניגון. א איד ברענגט אלע מאָל צו פרישע גלעזער ביר צו די טישען. די ביר צאַפּט ער פון א פולער פּעסעל, וואס איז געשטאַנען אויף א באַזונדערען טיש, און דערביי זיינען געשטאַנען א פּאָר עמערס מיט אייז, וואו די גלעזער זיינען געלעגען, כדי די ביר זאָל זיין קאַלט. איך גיב א פרעג ביי דעם טשיקאווען אידען, וואָס האָט געטראָגען אויגען־גלעזער:

— וואָס איז די שמחה היינט?

— ווייסיך וואָס, — ענטפערט ער מיר, — בלויז היינט? ביי אונזערע מיטינגען קומט יעדעס מאָל פּאָר אזא שמחה. יעדער מעמבער גיט א פּאָר „דיימס” ווען ער קומט אריין, און מען מאַכט „שמחת־תורה”; אז ניט, ווילען די אידען ניט קומען צו די מיטינגען. און אזוי געהט עס צו ביי אונזער יוניאָן, — דערצעהלט ווייטער דער אַלטער איד. — פון גרוים פרייד צוקושען זיי זיך אַמאָל, און אמאָל ווערט צווישען זיי א געשלעג. עס געדויערט לאַנג, ביז דער האָל־קיפּער שטילט זיי איין.

דער טומעל אין האָל איז גרוים, די גלעזער קלינגען, און דער טשערמאן רופט אוים איינעם נאָך דעם אנדערען אונזערע דעלעגאַטען. מיר האַלטען אלע רעדעס און פאַרענדיגען מיט די ווערטער: „עס זאָל לעבען די יוניאן!” די אידען קלינגען צו מיט די גלעזער און קלאַפּען בראוואָ.

א פּאָר אידען האָבען זיך דערוויל אַרויסגערוקט פון די טישען און האָבען גענומען געהן א טענצעל, אונטער׳ן טאַקט פון די אידישע און חסידישע נגונים, וואס איינינע אידען האָבען צוגעזונגען.

קיין געשלעג איז דעם מאָל ניט פאָרגעקומען. ווארשיינליך האָבען זיך די אידען דעם מאָל געשעמט פאר אונז.

ביים מיטינג פון די גענוערקשאַפטען האָט אונזער קאָמיטע אָפּגעגעבען א באַריכט פון דעם באַזוך ביי די קלינערס יוניאָן און מיר האָבען דיזער יוניאן א נאָמען געגעבען די „שמחת־תורה יוניאן”.

די קלינערס יוניאָן האָט אין יענע יאָהרען שוין פיל פארבעסערט

די לאגע פון איהרע מיטגלידער. די ארבייטער האבען געקראגען עטוואס קירצערע ארבייטס־שטונדען. און יעדען יאהר, ווען די יוניאן פלעגט באנייען דעם אגרימענט מיט די באלעבאטים, פלעגען די ארבייטער אויך קריגען א העכערונג אויף זייערע שכירות.

אין יאהר 1900 זיינען אהער געבראכט געווארען פון דייטשלאנד די ערשטע בענזין וואש־מאשינען און דאן האט זיך עס צואוואקסען דער קלינינג און דייאינג טרייד אויף א גרויסען שטייגער. עס זיינען דאן ערעפענט געווארען א מאסע פעקטארים און די נייע פעקטארים האבען איינגעפיהרט נייע בענזין וואש־מאשינען.

אין גרייטער ניו יארק זיינען פאראן א פופציג האלסייל קלינינג און דייאינג פעקטארים, וועלכע פארבען און קלינען אלטע קליידער. די האל־סייל פאבריקאנטען שיקען ארום דרייווערס מיט וועגען און אויטאמאבילס צו די צוואנציג טויזענד שניידער סטארס פון ניו יארק צו נעמען ביי זיי די אלטע קליידער צום קלינען און פארבען. פון די 50 קלינינג און דייאינג פעקטארים זיינען פאראן א פינף־זעקס גאר גרויסע, וועלכע באשעפ־טיגען צו איינציגע הונדערט ארבייטער יעדערע. די איבעריגע פעקטא־רים באשעפטיגען צו דרייסיג, פערציג און פופציג ארבייטער. די גאר גרויסע פאבריקען האבען איבעראל אייגענע ברענטש־סטארס, וואו זיי נע־מען אן ארבייט פון איינצעלנע קאסטאמערס.

די האלסייל באלעבאטים זיינען כמעט אלע אידען, מייסטענס גע־וועזענע דרייווערס, וואס פלעגען נעמען ארבייט אין קלינינג און שניידער סטארקעס.

מיט יאהרען צוריק האבען דיזע קלינערס און דייערס געארבייט פון 6 אין דער פריה ביז 9 א זייגער ביינאכט. דאס זיינען געווען די געוויינליכע שטונדען. פאר אווערטיים האט דער באס באצאהלט מיט א פיינט ביר. די דורכשניטליכע פארדינסטען פון א פארבער און א ספאטער זיינען גע־ווען 20 דאלאר א וואך, ווען ער האט געהאט ארבייט. עס איז אבער פאראן א 4־5 מאנאטען אין יאהר סלעק.

דעם בענזין־קלינער'ס שכירות זיינען געווען 10 ביז 12 דאלאר א וואך. די פרעסערס — פון 12 ביז 18 דאלאר א וואך און די וואשערס האבען געקראגען פון 12 ביז 14 דאלאר א וואך.

די קלינערס און דייערס יוניאן האט אין די מלחמה יאהרען אויסגע־

קעמפט פאַר די אַרבייטער גוטע אַרבייטס־קאָנדיציאָנען: 44 שטונדען א וואָך אַרבייט, העכערע שכירות, בעסערע אַרבייטס־באַדינגונגען. די שכירות פון די קלינערס און דייערס, ווי אויך די דרייווערס פון די וועגענער זיינען פון 60 ביז 80 דאָלאַר א וואָך.

איינער פון די ערשטע גרינדער פון דיזער קלינערס און פאַרבערס ווי אויך פון די דרייווערס יוניאַן, וועלכע ברענגען די אַרבייט פון די שניי־דער סטאָרקעס, איז געוועזן י ע ק ב ע פ ר א ט, א געוועזענער וואַ־שער פון א קלינינג־שאַפּ. עפּראַט איז שוין 15 יאָהר דער מענעדזשער פון דיזער יוניאַן.

# די יוניאַן פון מאַטראַצען און פון בעד ספרינג מאַכער.

די ערשטע מאַטראַצען מאַכער יוניאַן האָט זיך געגרינדעט מיט 30 יאָהר צוריק. ווי אַלע אידישע יוניאָנס אָבער אין יענער צייט, האָט יענע יוניאָן געהאַט קורצע יאָהרען. די איצטיגע יוניאַן האָט זיך געגרינדעט אין יאָהר 1913 און זינט דאַן עקזיסטירט זי אונאונטערבראָכען.

דער טרייד איז זעהר אַ קליינער און אַן אָרימער. אין גאַנצען געפינען זיך אין ניו יארק אַרום 500 אידישע מאַטראַצען מאַכער, — די גוי'שע מאַטראַצען מאַכער האָבען אַ יוניאַן פאַר זיך. עס זיינען שוין געווען צייטען, ווען די יוניאַן האָט געהאַט כמעט אַלע ארבייטער פון טרייד אָרגאַניזירט. אַן אַלגעמיינער קריזיס, נייע מאַשינערי, וואָס איז אריינגעבראַכט געוואָרען אין טרייד, און שלעכטע צייטען האָבען די צאָהל מיטגלידער פאַרקלענערט.

אין יאָהר 1913 האָט אַ מאַטראַצען מאַכער געארבייט צוועלף שעה אַ טאָג און זיינע שכירות זיינען געווען 12 דאָלאַר אַ וואָך. די יוניאָן האָט דעם טרייד ארויפגעארבייט. דער אַכט-שטונדיגער ארבייטס-טאָג עקזיסטירט שוין זינט 1920 און די שכירות זיינען אין יאָהר 1920 געווען גאָר הויך. אַ מאַטראַצען מאַכער האָט דאַן פאַרדינט ביז 100 דאָלאַר אַ וואָך. איצט זיינען די שכירות אביסעל נידעריגער, ווי זיי זיינען געווען אין 1920.

דערהויפּט האָט די יוניאַן אַ סך אויפגעטאָן צו פאַרבעסערען דעם סאַניטאַרישען צושטאַנד אין מאַטראַצען-טרייד, וועלכער איז כמעט דער ערגסטער אין דיזען הינזיכט. די מאַטראַצען שעפּער האָבען זיך אַלע געפונען אין פינסטערע, שמוציגע קעלערס, אָהן לופט און אָהן ליכט. די מאַטראַצען ארבייט גיט ארויס אַ סך שטויב. היינט, אַז די שעפּער האָבען זיך געפונען אין די קעלערס, קען מען זיך שוין פאָרשטעלען, ווי אומגעזונט, ממש לעבענס-געפעהרליך עס איז געווען די ארבייט. די יוניאַן האָט פילע באַלעבאַטים געצוואונגען אריבערצוקלייבען זיך אין סאַניטאַרע, ליכטיגע און לופטיגע שעפּער.

חוץ דעם האָט די יוניאַן, דורך אַ קאַמף, אויסגעפיהרט אַז די מאַנו-

פעקטשורערס זאָלען ניט טאָרען באַנוצען פאַר די מאַטראַצען ביליגע, ניט ריינע און אומגעזונטע מאַטעריאַלען. מיט דעם האָט זי דורכגעפיהרט א דאָפּעלטע מיסיע. זי האָט פאַרהיט דעם געזונד פון די ארבייטער און אויך דעם געזונד פון דעם קאָנסומער.

די אַלע פאַרבעסערונגען אין טרייד האָט די יוניאָן איינגעפיהרט דורך צעהן גענעראַל סטרייקס, וואס זי האָט גערופען אין טרייד, פון דעם יאָהר 1913 ביז איצט. ניין פון די צעהן סטרייקס זיינען געוואונען געוואָרען. איין סטרייק, אין יאהר 1921, איז פאַרלוירען געגאַנגען.

אין יאָהר 1925 האָט זיך די מאַטראַצען מאַכער יוניאָן פאַראייניגט מיט דער בעד־ספּרינג מאַכער יוניאָן און פון דאַן עקזיסטירט זי אַלס א פאַראייניגטע יוניאָן. דער מענעדזשער פון דיזער פאַראייניגטער יוניאָן איז א ב. ס אַ ל אָ ו י אָ ף.

אין יאָהר 1914 האָבען די בעד ספּרינג מאַכער אָרגאַניזירט א יוניאָן פון די ארבייטער פון די אידישע שעפּער, גרויסע און קליינע. די יוניאָן האָט אין אויגוסט, 1915, דורכגעפיהרט אַן ערפאָלגרייכען סטרייק, וועל־כער האָט געדויערט בלויז צוויי טעג. די ארבייטער האָבען געוואונען א העכערונג אויף די שכירות. די יוניאָן האָט אָפּגעשאפט די פאַרשידענ־ערליי פּרייזען, וועלכע די בעל־הבתים פלעגען צאָהלען פאַר וועבען. דיזע ארבייטער האָבען דאַן אויך אויסגעקעמפט 52 שטונדען א וואָך ארבייט, אנשטאָט זעכציג, און שבת זאָל געארבייט ווערען בלויז ביז 12 אזייגער.

אין יאָהר 1918 האָבען די ארבייטער אויסגעקעמפט 44 שטונדען אַ וואָך ארבייט און א העכערען ארבייטס־לוין. זיינען געקומען די באַלעבאַ־טים און האָבען זיך פאַרבונדען אין אַן אסאָסיאיישאָן און האָבען אויסגע־שלאָסען אלע זייערע ארבייטער דעם 9טען אויגוסט, 1921, פאַרלאַנגענ־דיג אז די ארבייטער זאָלען פאַרלאָזען די יוניאָן.

אַלע 200 ארבייטער פון בעד ספּרינג פאַך זיינען דאַן אַרונטער אין א גענעראַל סטרייק און האָבען 32 וואָכען געקעמפט פאַר דאָס רעכט צו זיין אָרגאַניזירט אין א יוניאָן.

יענער סטרייק איז נאָך 32 וואָכען קאַמף אויפגעגעבען געוואָרען און נאָכהער האָבען די בעד־ספּרינג מאכער זיך פאַראייניגט אין איין יוניאָן מיט די מאַטראַצען מאַכער, וועלכע ארבייטען מיט זיי צוזאַמען אין פילע שעפּער.

# די יוניאָן פון די סעלצער־אַרבייטער אין ניו יאָרק.

די ערשטע יוניאָן פון סעלצער און סאָדאַ־וואַסער ארבייטער אין ניו־יאָרק איז געגרינדעט געוואָרען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען נאָך אין יאָהר 1889. זי איז אָבער אינגיכען אונטערגעגאנגען.

אין יולי 1906 איז די סעלצער ארבייטער יוניאָן צום צווייטען מאָל אָרגאַניזירט געוואָרען צוליב דעם פאָלגענדען צופאַל, וואָס האָט פּאַסירט אויף איסט בראָדוויי:

ווען מאקס פיין איז אין יאהר 1906 ערוועהלט געוואָרען סעקרעטאר פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, האָט ער זיך גענומען שטארק צו דער ארבייט צו גרינדען יוניאָנס פון די אידישע ארבייטער. איין אווענט האָט ער אויף ראַטגערס סטריט דערזעהן אַ רעדעל מענשען, און אויפ׳ן טראָטואר איז געלעגען אַ פארוואונדעטער ארבייטער, דאָס איז געווען אַ סעלצער־ארבייטער, וועלכער איז אין דעם דערבייאיגען קעלער־שאַפּ זעהר צוקאַליעטשעט געוואָרען פון אַן עקספּלאָדירטער סעלצער־באָטעל.

פיין, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר מענשען, האָבען אויפגעהויבען דעם פארוואונדעטען ארבייטער, האָבען איהם אריינגעטראָגען אין דראָג סטאָר, און האָבען איהם אַרומגעוואַשען פון די בלוט. באַלד איז אָנגעקומען אַן אמבולאַנס מיט אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט דעם אומגליקליכען סעלצער־ארבייטער פארנייט די וואונדען און איהם אוועקגענומען אין האָספּיטאָל.

אויפ׳ן צווייטען טאָג נאָך דער פּאַסירונג האָט פיין זיך גענומען צו דער ארבייט צו אָרגאַניזירען אַ יוניאָן פון סעלצער־ארבייטער. ער איז אוועקגעלאָפען אין איינינע סעלצער־שעפּער אויף דער איסט סייד און האָט דאָרטען אויסגעפונען, אַז אַלע סעלצער שעפּער געפינען זיך אין פינסטערע קעלערס, וואו די ארבייטער שקלאָפען פון 70 ביז 80 שטונדען אַ וואָך. דריי אזייגער פארטאָג קומען שוין די ארבייטער צו דער ארבייט. אנדערע שלאָפען אין די סעלצער־קעלערס, און זיי נעמען זיך פארטאָג אָנפילען די באָטעלס מיט די סעלצער, וויל זיבען אַ זייגער אין דער פריה קומען שוין די דרייווערס פאַנאנדערצופיהרען די סעלצער צו זייערע קאָסטאָמער. די שכירות, וואָס אַ סעלצער־ארבייטער האָט פארדינט,

זיינען געווען פון 4 ביז 5 דאָלאַר א וואָך. א חוץ דעם, איז געווען דער אייביגער שרעק פאַר עקספּלאָזשאָנס, וואָס פּלעגען פּאַסירען אין די סעלצער־שעפּער. די באַטעלס פּלעגען פּלאַצען און צוקאַליעטשען די ארבייטער. אַנדערע פּלעגען שטאַרבען פון זייערע וואונדען.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און פּיין האָט צוזאַמענגענומען אַלע סעלצער־ארבייטער פון די איסט סייד שעפּער און האָט זיי אָרגאַניזירט אין א יוניאָן. אזוי שנעל, אָבער, ווי די באַלעבאַטים האָבען ערפאַהרען, אז א יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען, האָבען זיי גלייך געמאַכט א לאָקאַוט און די יוניאָן האָט געענטפערט מיט א סטרייק, וועלכער האָט געדויערט 24 וואָכען. דער סטרייק איז געווען א ביטערער. די סעלצער־ארבייטער מיט זייערע פאַמיליען האָבען שרעקליך געהונגערט.

אין צייט פון יענעם ערשטען סטרייק האָט די סעלצער ארבייטער יוניאָן, מיט דער הילף פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, געגרינדעט א קאָאָפּעראַטיווען סעלצער שאַפּ, און דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז די סעלצער ארבייטער האָבען ענדליך געוואונען דעם סטרייק.

די סעלצער ארבייטער האָבען פון דאַן אָן שטופּענווייז, מיט יעדען יאָהר, געקראָגען אַלץ בעסערע ארבייטס־באַדינגונגען.

אין די לעצטע פּאָר יאָהר זיינען אריינגעקומען אין טרייד נייע פּילינגמאַשינען, וועלכע גיסען אָן מיט איינמאָל 9 באַטעלס סעלצער, אנשטאָט וואָס אַמאָל פּלעגט עס אָנגיסען איין באַטעל.

די נייע מאַשינען וואָלטען געדאַרפט זיין א ברכה פאַר די ארבייטער. דערווייל אָבער זיינען זיי א גרויסער אומגליק. דורך די נייע מאַשינען זיינען פילע ארבייטער ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון די שעפּער. אנשטאָט די פריהערדיגע 4 אדער 5 ארבייטער, וואָס יעדער באַלעבאָס האָט באַשעפטיגט, באַשעפטיגען איצט עטליכע באַלעבאַטים צוזאַמען איינעם אדער צוויי ארבייטער.

דאָך האָבען די סעלצער־ארבייטער, מיט דער הילף פון זייער יוניאָן, אויסגעקעמפט 45 און אַמאָל 46 שעה א וואָך ארבייט. זייערע שכירות זיינען פון 45 ביז 50 דאָלאַר א וואָך. די יוניאָן זעהט אויך, אז די ארבייטער אין די שעפּער זאָלען זיך טיילען מיט דער ארבייט מיט זייערע ארבייטסלאָזע ברידער.

דער ערשטער מענעדזשער פון דער סעלצער־ארבייטער יוניאָן איז געווען ס ע ם  ל י ב אָ ו י ט ש; נאָך איהם איז געווען  מ אָ ר י ס  ג אָ ל ד אָ ו ס ק י; שפּעטער איז דער מענעדזשער פון דער יוניאָן געווען מ. ג. ו ו אָ ל פ ע ר ט. דער יעצטיגער מענעדזשער איז ר. ב ל אַ ק.

# די יוניאן פון די קלוירקס פון ריטייל דרעס גודס געשעפטען.

די איסט סייד ריטייל דרעס־גודס קלוירקס יוניאן פון ניו יארק איז געגרינדעט געווארען אין יולי, פון יאהר 1903. די מיטגלידער פון יענער אידישער יוניאן, וואס די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האט דאן געהאלפען ארגאניזירען, האבען צו יענער צייט געארבייט אלס „פריקאזטשיקעס" אין 40 אידישע געשעפטען, וואס מען רופט אין דער היים שניט־קראמען, וואו מען האט פארקויפט זיידענס און אנדערע שטאפען, פון וועלכע פרויען מאכען פאר זיך דרעסעס. די 40 סטארס זיינען דעמאלט געווען אויף העסטער, רידזש, ריווינגטאן און סטענטאן סטריטס פון דער אידישער איסט סייד פון ניו יארק.

צו יענער צייט זיינען שוין אין דעם פאך געווען ארום 150 אידישע קלוירקס, כמעט אלע היימישע „פריקאזטשיקעס". פון זיי זיינען בלויז געווען ארום 50, וואס האבען געהייסען „גאנצע קלוירקס"; צווישען די איבעריגע 100 זיינען געווען האלבע, דריטעל און פערטעל קלוירקס, דאס מיינט נאך ניט קיין ערפאהרענע „קאמים" און זייערע שכירות זיינען געווען 3 אדער 4 דאלאר א וואך.

ניט קיין שבת, ניט קיין זונטאג האבען די סיילסלייט דאמאלסט געהאט. זיי פלעגען ארבייטען 7 טעג א וואך. עס האט גענומען יאהרען לאנג ביז זיי האבען מיט דער הילף פון זייער יוניאן אויסגעקעמפט יעדע וואך א פרייען האלבען טאג און זיי האבען באקומען א מעגליכקייט בעסער זיך צו באקענען מיט זייערע קינדערלאך, ווען זיי פלעגען שטענדיג טרעפען שלאפענדיג, ווייל זיי פלעגען קומען אהיים 12 אזייגער ביינאכט פון דער ארבייט.

אזוי גיך ווי די יוניאן איז נאר אביסעל שטארקער געווארען, האבען זיך גלייך אנגעפאנגען קעמפע, סטרייקס און לאקאוטס.

איך געדענק דעם גרעסטען און שווערסטען גענעראל סטרייק וואס די דרעס גודס סיילסמען יוניאן האט אנגעפיהרט אין יאהר 1909. יענער סטרייק האט געדויערט 26 וואכען צייט. די סיילסלייט פלעגען טאג

און נאכט ארומפאַהרען אויף וועגענער, פון וואנען זיי פלעגען אויף די גאַסען אגיטירען, אז פרויען זאָלען ניט קויפען קיין שניט־וואַרע אין די סטאָרס וואו מען סטרייקט. 26 וואָכען פאַר ארבייטער צו סטרייקען איז ניט קיין קליינינקייט, איבערהויפט ווען א גרויסע צאָהל פון יענע 250 קלוירקס האָבען געהאַט צו ערנעהרען פאמיליעס.

די איבעריגע אידישע יוניאַנס מיט די געווערקשאַפטען האָבען די סטרייקערס געשטיצט מיט אלע מעגליכקייטען, אָבער צו יענער צייט זיי־נען אלע אידישע יוניאַנס אליין געווען ארים. דאָס איז נאָך געווען ערב דעם גענעראל סטרייק פון די אַכצעהן טויזענד ליידיס ווייסט מייקערס אין יאָהר 1909.

מיט דעם קאַמף פון די דרעס־גודס קלוירקס האָט דאן געקלונגען ניו־יארק.

נאָך 26 וואָכען פון א ביטערען סטרייק, וואו די קלוירקס האָבען געפאָדערט אביסעל מעהר מענשליכערע ארבייטס־באַדינגונגען, זיינען ביי־דע צדדים זיך צוזאַמענגעקומען צו א קאָנפערענץ, וועלכע האָט געדויערט עטליכע נעכט, ווייל די באַלעבאַטים האָבען קיין צייט ניט געהאַט ביי־טאָג צו קאָנפערירען.

די סטרייקער האָבען דאן ניט געוואונען אלע פאָדערונגען, זיי האָבען אָבער געקראָגען קירצערע ארבייטס־שטונדען און גרעסערע שכירות.

היינט זיינען פאַראַן איבער 200 ריזיגע ריטייל דרעס־גודס סטאָרס פון אידישע באַלעבאַטים, וועלכע געפינען זיך: אויף דער 5טער עוועניו, 4טער עוועניו, וועסט 34־טע סטריט, 59־טע סטריט און אויך אין די בראָנקס, אָבער אין העסטער סטריט זיינען נאָך היינטיגען טאָג אויך פאַראַן ריטייל דרעס גודס סטאָרס, וועלכע פיהרען געשעפטען אויף פילע מיליאָ־נען דאָלאַר א יאָהר.

די גרעסטע צאָהל פון דיזע סטאָר־קיפּערס זיינען אלע געוועזענע סיילסלייטע.

אַן ערשט־קלאַסיגער קלוירק באַקומט היינט צו טאָג 75 דאָלאַר א וואָך און העכער. צווייטער קלאַס קריגט פון 40 ביז 60 דאָלאַר די וואָך. די ארבייטס שטונדען זיינען 9 שעה א טאָג, 6 טעג א וואָך אר־בייט. די גרעסטע צאָהל סטאָרס זיינען זונטאָג געשלאָסען.

די ארבייט פון א קלוירק פאַנגט זיך אָן פון 10 אין דער פריה ביז 10 אין אָוועגד, מיט דריי שטונדען אין טאָג פאַר אָפּרוה און מאָלצייטען. דריי אָוועגדען זיינען די קלוירקס אין אָוועגד פריי. אלע ימים טובים,

קריסטליכע און אידישע, ארבייטען זיי ביז 6 אין אווענד. יעדען זומער קריגען זיי א וואָך וואקיישאָן מיט געצאָהלט.

דיזע יוניאָן איז א לאָקאל פון דער אינטערנעשאָנאל קלוירקס יוניאָן פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר און זי איז אויך פארבונדען מיט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

דער ביזנעס־אגענט פון דער יוניאָן איז ס. עפשטיין, אליין א געוועזענער קלוירק. ער ארבייט אין דער יוניאָן פון דעם ערשטען טאָג אָן, וואס זי האָט זיך געגרינדעט.

# די יוניאָן פון גראָסערי קלוירקס.

די געשיכטע פון דער אידישער גראָסערי קלוירקס יוניאָן, די יוניאָן פון די אָנגעשטעלטע אין די שפּייז־קראָמען, לעזט זיך ווי א טראגעדיע. עס איז אָבער א באשרייבונג פון אמת'ע פּאסירונגען אין דעם לעבען פון הונדערטע אימיגראנטישע יונגע־לייט, וועמעס שיקזאל עס איז געווען אריינצופאלען אין דיזער פּראָפעסיע.

ביז דעם יאָהר 1914 פלעגען אידישע גראָסערי־קלוירקס אין ניו יאָרק ארבייטען פאר'ן עסען און נאכטלעגער מיט א געהאלט פון 8 ביז 10 דאָלאר א מאָנאט. זייערע ארבייטס־שטונדען פלעגען זיך אָנפאנגען 5 אזייגער פארטאָג און ענדיגען זיך שפּעט ביינאכט, ווען מען פלעגט שליסען די סטאָר.

א פארשלאָפענער פלעגט אזא „משרת" דארפען צופערטיגען אלע פריה־שטיק־אָרדערס פאר די קאָסטאָמער, עס אריינפּאקען אין צוויי גרויסע בעסקעטס און נעמען מיט זיי לויפען איבער אלע פלאָרס פון די טענעמענט הייזער, כדי אין צייט צוצושטעלען די אָרדערס צו די קאָסטאָמערס. צו־ריקקומענדיג, פלעגט דער קלוירק דארפען העלפען אטענדען אין סטאָר. דיזע שווערע פּראצע פון אזא משרת פלעגט אָנגעהן אלע זיבען טעג אין וואָך. אויסער דער ארבייט אין גראָסערי, פלעגט א קלוירק נאָך דארפען העלפען דער באלעבאָסטע צו טאָן די הויז־ארבייט: אכטונג געבען אויף די קינדער, וואשען די געשיר און אָפּטמאָל אויך די פּאָדלאָגעס. די שפּייז, וואָס אזא משרת פלעגט קריגען צום עסען, איז באשטאנען פון אלטע ראָלס און פארשיידענע אלטע קעז און לאָקס, וועלכע מען האָט שוין ניט געקענט מעהר פארקויפען צו די קאָסטאָמער. שלאָפען פלעגט אזא קלוירק אָפט אין דער פינסטערער „בעק" פון דער סטאָר אויף זעק פון מעהל און זאלץ. ווי טויט־מיד ער איז ניט געווען פון אזא שווערען טאָג ארבייט, דאָך פלעגט ער פיהלען ווי די מייז און ראטען פלעגען גאנצענע נעכט אויף איהם ארומטאנצען.

דאָס זיינען די באדינגונגען, אונטער וועלכע א גראָסערי־קלוירק פלעגט שקלאָפען אין יענע צייטען, איידער עס האָט עקזיסטירט א יוניאָן.

נאָך פילע פאַרזוכען איז אין יאָהר 1914 געלונגען צו אָרגאַניזירען די גראָסערי קלוירקס יוניאָן. פולע צעהן יאָהר צייט האָט גענומען ביז די יוניאָן האָט, מיט דער הילף פון די פאַראייניגטע אדיישע געווערקשאַפטען, באַוויזען אויסצוקעמפען אַ 57-שטונדיגע ארבייטס-וואָך און אַ מינימום-וויידזש פון 38 דאָלאַר אַ וואָך, שוין אָהן לאָזשי און באָארד.

העלדיש און בראַוו האָבען יענע גראָסערי קלוירקס געסטרייקט, געקעמפט, געהונגערט, געוועזען פאַרפאָלגט, געגאַנגען אין די פּריזאָנס, ביז זיי האָבען אויסגעקעמפט פאַר זיך מענשליכע ארבייטס-באַדינגונגען. צווישען די גרינדערס פון דיזער ערשטער גראָסערי קלוירקס יוניאָן זיינען געוועזען סעמיועל העלער, לואיס יודקין און ט ש. אַ בראַמאָף. דער לעצטער איז געפאַלען אויפ'ן שלאַכטפעלד אין דער וועלט-מלחמה.

פונקט ווי אַלע אידישע יוניאָנס האָבען די לעצטע צייט אָנגעהויבען ליידען פון קאָמוניסטישע אָפּאָזיציעס, אזוי איז אויך די גראָסערי קלוירקס יוניאָן געבענשט געוואָרען מיט אזא אָפּאָזיציע.

דער קאָמוניסטישער טומעל אין דיזער יוניאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען אין יאָהר 1927, ווען פון איין גראָסערי קלוירקס-יוניאָן איז געוואָרען צוויי. די רעכטע מיטגלידער פון דער יוניאָן האָבען געקראָגען אַ נייעם טשאַרטער פון די געווערקשאַפטען און פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, און די ניי-געגרינדעטע קלוירקס יוניאָן האָט גענומען אָרגאַניזירען די קלוירקס פון פילע גראָסערי און מילך-סטאָרס פון גרייטער ניו יאָרק.

אין יאָהר 1928 האָט די יוניאָן געפיהרט ארום 140 סטרייקס, פילע זעהר פאַרביטערטע. צו יענער צייט האָבען גראָסערי-באַלעבאַטים ארויסגענומען 14 אינדזשאָנקשאָנס געגען דעם לאָקאַל 338. דאָך האָט די יוניאָן געוואונען די פאָדערונגען פאַר זייערע מעמבערס. אין דער צייט האָבען פילע קלוירקס פון אָפּען סטאָרס זיך אָנגעשלאָסען אַלס מעמבערס אין דער יוניאָן פון די געווערקשאַפטען.

די וויליאמסבורגער און בראָנזווילער גראָסערי און דעירי באָסעס-אַסאָסיײשאָן האָט איצט אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן און לאָקאַל 338 געפינט זיך טאַקע אין אַ גוטען צושטאַנד.

# די יוניאָן פון די אידישע וועיטערס.

איך געדענק די עלטסטע וועיטערס (קעלנערס) יוניאָן אין ניו יאָרק פון 1886טען יאָהר, וועמעס מיטגלידער זיינען דאָס רוב געווען דייטשע אימיגראַנטען, קריסטען. בלויז אַ קליינע צאָהל פון זיי זיינען געווען דייטשע, עסטרייכישע און פוילישע אידען. פילע פון די דאַמאָלסדיגע דייטשע יוניאָן־וועיטערס זיינען געווען סאָציאַליסטען. זומער־צייט פלע־גען דיזע וויטערס ארבייטען אין די פריוואַטע פאַרקס, וואו די גרויסע ארבייטער־אָרגאַניזאַציעס פלעגען אראנזשירען פיקניקס, וועלכע זיינען דע־מאָלט געווען שטארק אין דער מאָדע.

דער פיהרער פון דער דייטשער קעלנערס יוניאָן, איהר סעקרעטער איז געווען איינער ד ז ש א ה ן ה ע ר צ ב ע ר ג, אַ דייטשער איד, אַ סאָציאַליסט. ער איז געווען דער פינאַנץ־סעקרעטער. האָט מיט איהם געטראָפען, אז אין אַ שעהנעם טאָג איז ער פארשוואונדען מיט דעם פאַר־מעגען פון דער יוניאָן, וואס ער האָט געהאַט ביי זיך, און וואָס האָט באַ־טראָפען די סומע פון איבער טויזענד דאָלאַר. אין יענע יאָהרען האָט עס געהייסען אַ גרויסער פארמעגען. יענע פאַסירונג האָט אָנגעמאַכט אַ רושם אין אַלע ניו יאָרקער יוניאָנס. פון הערצבערג'ן האָט מען קיינמאָל מעהר ניט געהערט; ער איז ווי אין וואַסער אריין.

אַ צווייטע וועיטערס יוניאָן איז געווען אין ניו יאָרק, וואָס איהרע מיטגלידער זיינען געווען מייסטענס ארמענער. דיזע יוניאָן האָט זיך אין יאָהר 1891 אָנגעשלאָסען אָן דער אינטערנעשאָנאל וועיטערס, קוכערס און בארטענדערס יוניאָן פון אַמעריקא.

אין אָנפאנג פון די 90גער יאָהרען, ווען די אידישע אימיגראַציע פון רוסלאַנד, גאַליציע, אונגארן, רומעניען און פוילען איז געוואָרען אַ סך גרעסער, האָבען זיך אויף דער איסט־סייד פון ניו יארק אויפגעמאַכט א סך אידישע רעסטאָראַנען און ביר־סאַלונען. צווישען די גרויסע צאָהל אידישע אימיגראַנטען, וואָס זיינען דעמאָלט געקומען אין ניו יאָרק, זיינען אויך געווען אידישע קעלנער פון די גרויסע שטעדט פון רוסלאַנד, עסטרייך־אונגארן און פוילען. אַנדערע גרינע יונגע־לייט האָבען זיך דאַ אין ניו יאָרק

געלערענט צו ווערען וועיטערס. די אַלע אידישע וועיטערס האָבען זעהר געוואָלט ווערען יוניאָן־לייט, האָט אָבער די יוניאָן פון די דייטשע וועיטערס זיי ניט געוואָלט אריינגעמען. בלויז א קליינע צאָהל אידישע וועיטערס, וואָס האָבען געקענט ריידען דייטש, זיינען דאַן געוואָרען מיטגלידער אין דער דייטשער וועיטערס יוניאָן.

אין יאָהר 1903 האָט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אָר־גאַניזירט אין ניו יאָרק א אידישע וועיטערס יוניאָן אויף דער איסט־סאַיד. יענע יוניאָן האָט שוין געצעהלט א פאָר הונדערט מיטגלידער, און די גע־ווערקשאַפטען האָט אין א יאָהר שפּעטער באוואויגען די דייטשע וועיטערס יוניאָן, אַז זי זאָל אריינגעמען די מיטגלידער פון דער אידישער יוניאָן צו זיך פאר מיטגלידער. צו יענער צייט האָט די דייטשע וועיטערס יוניאָן, וועלכע איז שוין דאַן געווען לאָקאַל 5 פון דער אינטערנעשאָנאַל וועיטערס און קוכערס יוניאָן, ערוועהלט אלס איהר סעקרעטער הערי קליי־מאַנ׳ען, וועלכער איז פריהער געווען דער סעקרעטער פון דער ער־שטער אידישער וועיטערס יוניאָן. קליימאַן איז געווען דער סעקרעטער פון לאָקאַל 5 וועיטערס יוניאָן 14 יאָהר צייט, ווען ער איז פּלוצלונג גע־שטאָרבען אין יאָהר 1918.

אין יאָהר 1905 האָבען ווידער גענומען שטראָמען אהער מאַסען אי־דישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד, גאַליציען, אונגאַרן און פּוילען. אלס רעזולטאַט פון דעם האָבען זיך גענומען עפענען מאַסען נייע אידישע רעסטאָ־ראַנען אין ניו יאָרק. צו יענער צייט פלעגט מען אין אַלע אידישע רעס־טאָראַנען קריגען א פליישיגען מאָלצייט פאר 15 סענט. בלויז אין גע־צעהלטע אידישע רעסטאָראַנען, וואו עס האָבען געגעסען די מעהר פאר־מעגליכע אידען, האָט געקאָסט 30 סענט א מאָלצייט.

אין 5 עלדרידזש אין א קעלער איז געווען איינער פון די 15 סענ־טיגע רעסטאָראַנען. דאָרטען האָבען געאַרבייט 6 אידישע וועיטערס, צווי־שען וועלכע עס איז אויך געווען מאַקס פּיטקאָווסקי. זיי האָבען געגרינדעט נאָך אמאָל א אידישע וועיטערס יוניאָן אויף דער איסט־סאַיד. די באַדינגונגען אונטער וועלכע די וועיטערס פלעגען דאַמאָלט אַרבייטען זיינען געווען שרעקליכע. יעדער וועיטער פלעגט אַרבייטען 16 שטונדען אין מעת־לעת אלע 7 טעג פון וואָך. פריי האָט ער געהאַט בלויז איין טאָג אין מאָנאַט. די שכירות זיינען געווען א דאָלאַר א האַלב א וואָך מיט עסען.

דער גאַנצער פאַרדינסט פון וועיטער איז געווען דער „טיפּ״ וואָס ער פלעגט באַקומען פון קאָסטימער. די וועיטערס פלעגען ארומגעהן מיט

געשוואָלענע הענט און פיס פון שווערע פּראַצע, פון שלעפּען גאַנצע טעג בערג מיט שווערע געשירען פון הייסע געקעכצען.

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט דיזע אידישע וועי־טערס יוניאָן אויך אריינגענומען אין איהרע רייהען, וויל די וועיטערס יוניאָן לאָקאַל 5 האָט זיי ניט געוואָלט אריינגעהמען אַלס מעמבערס. יענע אידישע יוניאָן האָט געפיהרט סטרייקס אין רעסטאָראַנען אויף דער איסט־סאַיד מיט די פאָדערונגען פאר 12 שטונדען אַ טאָג ארבייט און פאר גרע־סערע שכירות.

אין יאָהר 1908 האָט די אינטערנעשאָנאַל וועיטערס יוניאָן אויפ'ן פאַרלאַנג פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען יענע אידישע וועי־טערס יוניאָן פון דער איסט־סייד געמאַכט פאר אַ ברענטש פון לאָקאַל 5, וועיטערס יוניאָן.

דיזע 2 ברענטשעס פון דער וועיטערס יוניאָן לאָקאַל 5 פון ניו יאָרק זיינען געווען באַזונדער. ערשט אין יאָהר 1914 האָט די אינטערנעשאָנאַל וועיטערס יוניאָן אָרגאַניזירט די דייטשע און אידישע צוויי ברענטשעס אין איין יוניאָן, דעם איצטיגען לאָקאַל 1 וועיטערס יוניאָן, ניו יאָרק.

נאָך דער פאַראייניגונג איז געמאַכט געוואָרען אַן אָנגעשטרענגטער פאַרזוך צו פאַרבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די וועיטערס. מען האָט געמוזט קעמפּפען געגען צוויי שונאים: די רעסטאָראַן אייגענטימער און ספּעציעל געגען די עמפּלאָימענט איידזשענסיס אָדער צושיקער. דער וועי־טער האָט געהאַט אויסצושטעהן פון די דאָזיגע צושיקערס געברענטע צרות. ווער עס האָט באַצאָהלט מעהר געלט, דער האָט געהאַט די שטעלע — און אויב ער האָט ניט געצאָהלט, איז ער געבליבען אָהן ברויט.

אין דעצעמבער 1915 האָט די פאַראייניגטע יוניאָן ערקלערט אַ גע־נעראַל סטרייק אויף דער איסט־סאַיד. אַלע רעסטאָראַנען זיינען אָפּגע־שטעלט געוואָרען. די פאָדערונגען זיינען געווען: אַנערקענונג פון דער יוניאָן, 6 טעג אַ וואָך ארבייט, אַ 12־שטונדיגען ארבייטס־טאָג און אַ מינימום געהאַלט פון 7 דאָלאַר אַ וואָך. דער סטרייק האָט אָנגעהאַלטען 3 וואכען און די באַלעבאַטים האָבען נאָכגעגעבען אַלע פאָדערונגען. די יוניאָן האָט זיך אָבער ניט באַנוגענט מיט איהר זיג אויף דער איסט־סאַיד און איז גלייך געגאַנגען ווייטער. סטרייקס זיינען גערופען געוואָרען אין אַנדערע טיילען פון שטאָדט. נאָך לאַנגע קאַמפּפען איז דער יוניאָן געלונגען צו געווינען איהרע פאָדערונגען.

אין דער פריהערשאַפט פונ'ם סטרייק פון 1915 האָבען זיך הויפּט־זעכליך באַטייליגט דער פאַרשטאָרבענער סעקרעטאַר פון לאָקאַל 1, הערי

קליימאַן, וויליאַם לעהמאַן, סעם טוירקעל, מאַקס פּיטקאָווסקי, מאָטעל טוירקעל, דזשאָהן פינקעלשטיין און סעם שפּיגעל.

די יוניאָן האָט זיך ניט באַנוגענט מיט דעם קאַמף און זיג פון׳ם יאָהר 1915. זי האָט אויסגעשפּרייט איהר אַקטיוויטעט אין האַרלעם און די בראָנקס. אויך דאָרט האָט זי געהאַט גרויסען ערפאָלג אין פאַרבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די וועיטערס.

דער איצטיגער צושטאַנד פון די וועיטערס איז ווי פאָלגט: זיי אַר־בייטען 9 שטונדען אַ טאָג, 6 טעג אַ וואָך, מיט אַ מינימום געהאַלט פון 20 דאָלאַר אַ וואָך. צוזאַמען מיט „טיפּס" קען אַ וועיטער איצט מאַכען אַן אַנשטענדיגען לעבען.

די יוניאָן צעהלט איצט ניינצעהן הונדערט מיטגלידער, פון וועלכע די גרעסטע צאָהל זיינען אידען. אַרום 250 פון זיי זיינען פרויען. די פרויען קריגען 15 דאָלאַר אַ וואָך און, לויט די געזעצען פון ניו יאָרק סטייט, טאָרען זיי ניט אַרבייטען ביינאַכט.

די יוניאָן קאָנטראָלירט אַרום 800 רעסטאָראַנען: 300 פון דער ניו יאָרק רעסטאָראַן קיפּערס אַסאָסיאיישאָן, און אַרום 500 אינדעפּענדענט פּלעצער.

אחוץ לאָקאַל 1 געפינט זיך אין ניו יארק נאָך אַ לאָקאַל 219 און אַ לאָקאַל 11, וואָס באַשטעהט הויפּטזעכליך פון נעגער־וועיטערס. אַלע לאָ־קאַלס זיינען אָנגעשלאָסען אָן דער וועיטערס אינטערנעשאָנאַל און אָן דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר.

# די יוניאן פון די פייפּער־באָקס מאכער.

איך געדענק ווי אין יאהר 1892 האָט די פאראייניגטע אידישע גע־ווערקשאפטען אָרגאַניזירט אַ יוניאן פון פייפער באקס מאכער.

אן אינטערעסאַנטער, כאראקטעריסטישער סטרייק פון יענער צייט איז פאָרגעקומען אין א פייפער־באקס שאפּ אויף עליזאבעטה, קאָרנער קאנעל סטריט. דאָס האָט פּאסירט טאקע אין יענעם יאָהר. זומער צייט איז עס געווען.

דער אָנפיהרער פון יענעם סטרייק איז געווען א יונגער מאן פון א יאהר 19. ער איז געווען אן אנאַרכיסט. מען האָט איהם גערופען „דזשייק דער רעוואָלוציאָנערער פייפער־באקס קאטער“. ער איז געווען א מוטיגער בחור.

דער אידישער פייפער־באקס טרייד איז געווען דער אָרימסטער פון אַלע אנדערע אידישע טריידס. די באַסעלאך פון יענעם פאך האָבען נאָך דאן ניט פארמאָגט געגוג געלט צו קויפען א פערד און וואָגען אויף פאַ־נאנדערצופיהרען די פארטיגע באקסעס, פלעגט דער באָס אליין זיין דער דעליווערער. עס איז דאן געווען אזא סאָרט ספּעציעלע „פושקארט“ פאר פייפער באקסעס, אויף וועלכער מען פלעגט אָנלייגען באקסעס אזוי הויך ווי א דריי־גאָרענדיגע הויז, און דער באַלעבאָס אליין פלעגט זיך איינשפּאנען אין פושקארט און אוועקפיהרען, אדער בעסער געזאָגט, אוועק־שלעפען, די אָרדערס צו זיינע קאָסטאָמערס.

ביי אָט אזא באַלעבאָס, וואס פלעגט אליין שלעפען זיין דריי־גאָרענ־דיגע פושקארט, איז געווען באַשעפטיגט אונזער „דזשייק דער רעוואָלו־ציאָנערער פייפער־באקס קאָטער“. און עס פארשטעהט זיך, אז דזשייק האָט געזוכט צו אָרגאַניזירען די ארבייטער פון זיין שאפּ. די צרה אָבער איז געווען, וואס דער באַלעבאָס האָט זיך דערפון דערוואוסט און ער האָט איהם „געסעקט“.

דזשייק האָט גערופען א מיטינג פון דער יוניאן און אַ סטרייק איז ערקלערט געווארען.

אין סטרייק זיינען אָבער ארונטער בלויז א טייל פון די פייפער באקס־

מייקערינס פון יענעם שאַפּ. דזשייק האָט ניט געקענט רוהען. ער האָט געוואָלט אַרונטערנעמען די סקעבס. דער באַלעבאָס האָט זיי אָבער גע־היט, געזעסען מיט זיי די גאַנצע צייט אין שאַפּ און איז ניט אָפּגעטראָ־טען פון זיי. קענטיג, אַז די סקעבס האָבען ניט געמאַכט געגוג באָקס־לאַך, אַז ער זאָל זיי קענען אַוועקפיהרען אויף זיין פושקאַרט.

דזשייק מיט די איבעריגע סטרייקערס האָבען געפּיקעט דעם שאַפּ. שבת האָט מען דאָרט ניט געאַרבייט, אָבער זונטאָג יאָ.

שטעהענדיג אַזוי זונטאָג אין דער פריה ניט ווייט פון שאַפּ, האָט דזשייק דערזעהן ווי זיין באַלעבאָס פּאַקט אָן דעם פושקאַרט מיט אַ ביסעל פאַרטיגע באָקסעס, וועלכע די סקעבס האָבען געמאַכט. אָנגעלאָדען דעם פושקאַרט, האָט זיך דער באָס איינגעשפּאַנט און איז אַוועק מיט די באָקסעס צו די קאַסטאָמערס. דזשייק איז גלייך אַרויפגעלאָפען אויפ׳ן טאָפּ פלאָר, וואו דער שאַפּ איז געווען. ער זעהט אָבער, אַז עס הענגט אַ שלאָס אויפ׳ן טיר; דאָס האָט דער באַלעבאָס פאַרשלאָסען די סקעבס פון דרויסען, זיי זאָלען ניט קענען אַוועקגעהן. דזשייק נעמט קלאַפּען אין טיר, און די מיידלאַך, די סקעבס, רופען זיך אָפּ. דזשייק רופט זיי אין סטרייק, אָבער זיי קענען ניט אַרויסקומען, ווייל די טיר איז פאַרשלאָ־סען. גיט זיך דזשייק אַן עצה: ער דרעהט אָפּ דעם שלאָס, מאַכט אויף די טיר און נעמט פיהרען די מיידלאַך פון שאַפּ אַרוים. דערווייל איז שוין דער באַלעבאָס אָנגעקומען און דערזעהענדיג זיין אומגליק נעמט ער שרייען: „פּאָליס!“ עס ווערט אַ טומעל. אימיצער האָט גע־בראַכט אַ פּאָליסמאַן. מען אַרעסטירט דזשייק׳ן און מען פיהרט איהם אָפּ אין עסעקס מאַרקעט קאָורט.

דער דזשאָדזש נעמט אויספרעגען די עדות. ער הערט אַלעס אויס, באַטראַכט דזשייק׳ען און גיט אַרויס אַן אורטייל, אַז ער מוז זיך האַל־טען פרידליך פאַר זעקס מאָנאַטען („טו קיפּ די פּיס“), און אַז אימיצער דאַרף פאַר איהם לייגען 500 דאָלאַר בייל, אַלס גאַראַנטיע, הייסט עס, אַז ער וועט זיך אויפפיהרען ווי ס׳געהער צו זיין אין די קומענדיגע זעקס חדשים. אַזוי ווי עס איז ניט געווען ווער ס׳זאָל לייגען די 500 בייל, האָט מען איהם גלייך אַראָפּגעפיהרט אין קעלער אַריין.

ביינאַכט איז דזשייק׳ס מאַמע, — פאַרשטעהט זיך, ניט אַזאַ רעוואָלוציאָנערקע, ווי איהר זוהן, — געוואָר געוואָרען, אַז מען האָט איהר זוהן פאַרשיקט איבער׳ן וואַסער. די מיידלאַך, די סטרייקערינס פון שאַפּ, וועלכע זיינען איהר געקומען אָנזאָגען די טרויעריגע בשורה, האָבען איהר געראַטען צו געהן צו די געווערקשאַפטען, אין 81 לודלאָו סטריט. דאָרט

זיינען זיי געקומען און געזוכט מיך, דעם דאַמאָלסדיגען סעקרעטאר פון די געווערקשאַפטען.

איך בין אָבער יענעם טאָג אין אָפּים ניט געווען. ערשט שפּעט ביינאַכט, ווען איך בין געקומען אהיים פון אלע מיטינגען, האָט מיר מיין מוטער דערצעהלט, אז מען האָט מיך געזוכט, אז איך דאַרף באפרייען עפּעם אן ארעסטירטען פּייפּער־באקס־מאכער.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָב איך גלייך אויסגעפונען, אז דער ארעסטירטער איז מיין פריינד דזשייק, וועמען איך האָב גוט געקענט. קוים מיט צרות איז מיר געלונגען צו קריגען א סטאָר־קיפּער, וואס האָט איינגעוויליגט אונטערצושרייבען א באָנד פאַר 500 דאָלאר, אום מען זאָל דזשייק׳ען באפרייען.

עס האָט גענומען צוויי טעג ביז מיר האָבען ארויסגעביילט דזשייק׳ן. דזשייק׳ס מאמע׳ן האָב איך אָנגעזאָגט, אז ער זאָל זיך ניט דערוועגען געהן מעהר צום שאַפּ, און אליין בין איך אוועק מיין וועג — „צו מאכען טראָ־בעל״ ביי אנדערע באָסעס.

ווען מען האָט דזשייק׳ן באפרייט, האָט ער זיך ניט געאיילט צו געהן פריהער אהיים, נאָר איז גלייך אוועק צו זיין געוועזענעם באלעבאָס זיך „אָפּרעכענען״ מיט איהם, פאר פארשיקען איהם איבער׳ן וואסער. דער גליק איז געווען, וואס ער האָט דעם באלעבאָס גראד אין שאַפּ ניט גע־טראָפען.

ווען דזשייק איז געקומען אהיים, האָט איהם זיין מוטער דערצעהלט, אז דאָס האָב איך איהם באפרייט. ער איז גלייך געקומען מיר באדאנ־קען און האָט מיר דערצעהלט זיין אומגליק, אז ער וועט זיך ניט פריהער קענען אָפּרעכענען מיט זיין באלעבאָס ווי מאָרגען. איך האָב געהאַט זעהר א שווערען דזשאב צו פועל׳ן ביי איהם, אז ער זאָל אָפּלייגען דאָס „אָפּרעכענען״ זיך מיט׳ן באלעבאָס לכל הפּחות אויף זעקס מאָנאטען צייט.

דער פּייפּער־באקס טרייד איז עד־היום פארבליבען א צרה׳דיגער פאר די ארבייטער. די מעהרסטע שעפּער פון טרייד געפינען זיך אין שטאַלען, וואו מען פלעגט האלטען פערד, איידער די אויטאָמאָבילס זיינען אָנגע־קומען. די פאַרדינסטען פון די פּייפּער־באקס מאכער זיינען איצט אביסעל העכער ווי אמאָל, דאָך זיינען זיי נאָך אלץ קלעגליכע.

עס איז פאר מיר זעהר שווער אויסצורעכענען וויפיל סטרייקס עס זיי־נען דאן פארגעקומען ביי די פּייפּער־באקס מאכער. אָרגאניזירט יוניאָנס אין יענעם טרייד האָבען מיר אָבער ניט וויניגער ווי א מאָל צעהן.

צו אָרגאַניזירען די פּייפּער באָקס מאַכער אין א יוניאָן איז געווען איינע פון די שווערסטע זאַכען, ווייל די גרעסטע צאָהל ארבייטער זיינען פרויען פון פארשידענע נאַציאָנאַליטעטען, און זיי זיינען ניט קיין באַ־שטענדיגער עלעמענט אין דער אינדוסטריע. עס ווערט געשאַצט דאָס יעדע פיר־פינף יאהר קומען אריין נייע מיידלאך אין פּייפּער באָקס פאך, און די פריהעריגע ארבייטערינען פארלאָזען דעם טרייד, ווייל זיי הייראַטען, אדער געהען אריין אין בעסער־באַצאָהלטע פאַכען ארבייט.

אין יאָהר 1916 האָט די פּייפּער־באָקס מאַכער יוניאָן ערקלערט א גענעראַל סטרייק, וועלכער האָט געדויערט א לאַנגע צייט, און כאָטש יענער סטרייק איז ניט אינגאַנצען געוואונען געוואָרען, דאָך האָבען די אר־בייטער געקראַגען א גרויסע העכערונג אויף זייערע שכירות.

א שטאַרקע יוניאָן איז געלונגען צו אָרגאַניזירען אין דעם פּייפּער באָקס טרייד אין יאהר 1919, ווען זייער אָרגאַנייזער איז געווען ה ע נ ר י י ע ג ע ר, א גלענצענדער אַגיטאַטאָר, אַן אלטער טוער פריהער אין דער ס. ל. פּ. און דערנאָך אין דער ס. פּ. די ארבייטער האָבען דאַן גע־וואונען די 44 שטונדען א וואָך ארבייט און אַלע אנדערע יוניאָן־פאָדע־רונגען. ליידער אָבער האָט עס אנגעהאַלטען בלויז איין יאהר צייט, ווייל אַזוי שנעל ווי עס איז אָנגעקומען די „רעאקציע“ מיט דער מגפה פון „אָפּען שאַפּ“, האָבען די פאַבריקאַנטען פון די פּייפּער באָקסעס, וועל־כע זיינען פאַרבונדען אין צוויי מאַנופעקטשורערס אסאָסיאיישאָנס, ווידער צובראָכען די פּייפּער באָקס מייקערס יוניאָן. זיי האָבען געשניטען דעם ארבייטער'ס שכירות און פארלענגערט די ארבייטס־שטונדען. אנשטאָט 44, ארבייטען די פּייפּער באָקס מאַכער יעצט 52 שטונדען א וואָך און פאַרדינען אויך קלענערע שכירות.

ביי היינטיגען טאָג עקזיסטירט נאָך אַ פּייפּער באָקס מאַכערס יוניאָן. זי איז אָבער שוואַך צוליעב די נייע מאַשינען וועלכע פארנעמען יעצט די פּלעצער פון מענשליכע הענט, און ווייל ס'איז שווער צו אָרגאַניזירען דעם עלעמענט וואָס ארבייט איצט אין טרייד. די גרעסטע צאָהל ארבייטער זיינען פרויען און יונגע מיידלאך. בלויז א קליינע צאָל פון זיי, די וואָס מאַ־כען די רונדע באָקסעס, ארבייטען 45 שטונדען א וואָך און פאַרדינען עט־וואָס בעסערע שכירות.

# די יוניאָן פון די אידישע באַרבערס.

די ערשטע אידישע באַרבערס (פאַריקמאַכער) יוניאָן האָט די פאַר־אייניגטע אידישע געווערקשאַפטען געגרינדעט אויף דער איסט־סייד פון ניו יאָרק, אין יאָהר 1894. אַן אינטערנעשאָנאַל באַרבערס יוניאָן האָט עקזיסטירט אין לאַנד זייט דעם יאָהר 1887. די אידישע יוניאָן האָט עקזיסטירט אַ קורצע צייט און איז אונטערגעגאַנגען.

צום צווייטען מאָל האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען געגריינדעט אַ באַרבערס יוניאָן אין יאָהר 1906. אין יענער צייט פלעגען די אַלע באַרבער־ארבייטער נאָך ארבייטען אונטער פרימיטיווע באַדינגונגען. יעדער ארבייטער פלעגט ארבייטען ביים באַלעבאָס פון מאָנאַט פאַר 5-6 דאָלאַר אַ מאָנאַט מיט קעסט, עס האָט זיך גערופען „מיט באָארד און לאָזשי״.

עסען קעסט ביי אַ באַלעבאָס, וועלכער האָט אַליין ניט געהאַט קיין אנשטענדיגע וואוינונג, איז ניט געווען קיין גרויסער פאַרגעניגען.

די ארבייטס־שטונדען פון אַ באַרבער, סיי פון דעם באַלעבאָס, סיי פון דעם ארבייטער, פלעגען זיך אָנפאַנגען פון 6 אין דער פריה און ענדיגען זיך 10 אָדער 12 אזייגער ביינאַכט, 7 טעג אַ וואָך. ווען אַ באַרבער באַלעבאָס האָט אין יענע יאָהרען געדאַרפט האָבען אַן ארבייטער, פלעגט ער דאַרפען געהן צו אַן אַגענט, וואו עס פלעגען זיצען אויסגעזעצט אין אַ גרויסען צימער אַלע אונבאַשעפטיגטע ארבייטער און דער באַלעבאָס פלעגט זיך אויסקלייבען אַן ארבייטער. קיין פאַרהייראַטע באַרבער־ארבייטער איז צו יענער צייט ניט געווען, ווען אַ באַרבער ארבייטער פלעגט הייראַטען, פלעגט ער אַליין דינגען אַ קעלער־סטאָר און ווערען אַ באַלעבאָס פאַר זיך.

די גרינדער פון דער אידישער באַרבער ארבייטער יוניאָן פון יאָהר 1906 זיינען געווען פאַרטגעשריטענע יונגע אימיגראַנטען, וואָס זיינען נאָר וואָס געהאַט אָנגעקומען פון רוסלאַנד, אייניגע פון זיי זיינען געווען טעטיג אין „בונד״ און אין די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען.

די ערשטע פאָדערונגען, וואָס דיזע באַרבער יוניאָן האָט געשטעלט

צו זייערע באַלעבאַטים אין יאהר 1906, זיינען געווען: 8 דאָלאר א וואָך שכירות אָהן קעסט. ארבייטס־שטונדען פון 7 אין דער פריה ביז 9 אזייגער אין אווענד. און איין טאָג רוה דורך דער וואך.

אין יענע יאהרען איז געווען שווער צו געווינען א שאפ־סטרייק געגען די באַרבער־באַלעבאַטים, וועמעס פרויען פלעגען זעהר אָפט די פּיקעטס באַגיסען מיט קאָכיגע וואסער. ניט איין סטרייקער פלעגט מען דאן אוועקנעמען א צושניטענעם מיט מעסערס פון דער פּיקעט ליין. דער קאמף איז געווען א שווערער, אָבער די ארבייטער האָבען מוטיג געסטרייקט און געוואונען. די מענעדזשערס אין דער באַרבערס יוניאן האָבען זיך אַלע מאָל געביטען. אין יאָהר 1911 איז ר. גוסקין, וועלכער איז ביז דעמאָלט געווען אַן ארבייטער אין א באַרבער שאפּ, געווארען דער מענעדזשער פון דער יוניאַן און ער האָט אונערמידליך געארבייט צו אָרגאַניזירען די באַרבער ארבייטער ניט נאָר אויף דער איסט סייד, נאָר אויך אין הארלעם און אין בראָנזוויל.

אין יאָהר 1912 האָבען די באַרבער ארבייטער אויף דער איסט סייד פון ניו יארק אויסגעקעמפט דורך א סטרייק, אז די ארבייטס־שטונדען זאָלען זיך אָנפאנגען פון 8 אין דער פריה אנשטאָט 7 אזייגער און די שכירות זיינען געהעכערט געווארען אויף 11 דאָלאר א וואָך.

עס האָט זיך אין יענער צייט אויך אָרגאַניזירט א לאָקאַל פון דער באַרבערס יוניאן אין בראָנזוויל. זייער מענעדזשער איז געווען ב. דזשיקאָבס, א באַרבער־ארבייטער. אויך דאָרטען האָבען די ארבייטער אויסגעקעמפט בעסערע ארבייטס־באַדינגונגען.

אין זומער פון יאָהר 1913, זיינען די „אינדאָסטריעל וואירקערס אָוו די וואירלד" (א. וו. וו.") אראָפּגעקומען פון דער וועסט נאָך ניו יארק, מיט זייער פיהרער א. עטאָר, און זיי האָבען אַלע באַרבער־ארבייטער פון די יוניאַן און ניט־יוניאַן שעפּער פון ניו יארק און בראָנזוויל ארונטערגענומען אין א סטרייק. זיי האָבען אויך מיטגעשלעפּט באַרבער ארבייטער, מעמבערס פון דער אינטערנעשאָנאַל יוניאַן, וועלכע האָבען זיך ניט געוואָלט אָנשליסען אָן דער „א. וו. וו."

עס איז געווען א מאָדנע לאַנגע. עס האָט אָבער גענומען בלויז א פּאָר וואָכען און פון יענעם סטרייק און פון דעם לאָקאַל „א. וו. וו." איז גאָר ניט געבליבען.

די אינטערנעשאָנאַל באַרבערס יוניאן לאָקאַל 752, אויף דער איסט סייד פון ניו יארק, און לאָקאַל 657, בראָנזוויל, האָבען מיט דער הילף

פון די בעאַמטע פון זייער אינטערנעשאָנאַל זיך גענומען צו אָרגאַניזירען אַלע באַרבער ארבייטער פון גרייטער ניו יארק אין 5 לאָקאַלס.

אין יאָהר 1919 האָט די באַרבערס יוניאַן געהעכערט די שכירות פון איהרע מיטגלידער ביז 25 דאָלאַר א וואָך. צו יענער צייט האָט דער יוניאַן מענעדזשער, ר. גוסקין, רעזיגנירט, און א. גרינוואלד איז ער־וועהלט געווארען אלס מענעדזשער פון דער באַרבערס יוניאַן פון דער איסט סייד, ניו יארק.

ביי היינטיגען טאָג זיינען אין גרייטער ניו יארק פאַראַן 5 לאָקאַל יוניאַנס פון דער אינטערנעשאָנאַל באַרבערס יוניאַן אוו אַמעריקא, וועלכע צעהלען צוזאמען ארום 6,000 מיטגלידער. פון זיי זיינען ביי א 1,400 אידען. די איבעריגע זיינען מייסטענס איטאַליענער. די באַרבער אר־בייטער האָבען ניט קיין באַזונדערע אידישע לאָקאַלס.

די אידישע און קריסטליכע באַרבער ארבייטער, וועלכע האָבען אמאָל — ווען זיי האָבען ניט געהאַט קיין יוניאַן — געארבייט פאַר „באָארד און לאָזשי" און 6־5 דאָלאַר שכירות א מאָנאַט, באקומען איצט 37 דאָ־לאַר א וואָך. צוזאמען מיט די פּראָצענטען פון די איינגאמען, וואס זיי באַ־קומען, באַטרעפען זייערע שכירות ארום 52 דאָלאַר א וואָך, א חוץ די „טיפּס" וואס זיי קריגען פון די קאָסטאָמער. אין דורכשניט האָבען די באַרבער־ארבייטער וויינינגער ארבייטסלאָזיגקייט דורכ'ן יאהר ווי די אר־בייטער פון אַנדערע טריידס. צו דעם איז נאָך צוגעקומען אין ניו יארק א געזעץ, אז זונטאָג מוזען אלע באַרבער שעפּער זיין געשלאָסען, האָט דער באַרבער א פרייעם טאָג אין וואָך, וועלכען ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט. די באַרבער ארבייטער האָבען אויך אויסגעקעמפט איינינגע גע־זעצליכע יום טובים צו זיין פריי און קריגען באצאָהלט פאַר זיי.

אויסער די שוין דערמאָנטע פּערזאָנען, האָבען זעהר פיל בייגעטראַ־גען צו דעם ערפאָלג פון דער באַרבערס יוניאַן, א. קעסטענבלאַט און ס. לעווענבערג, פון לאָקאַל 752 אויף דער איסט סייד; ד. מענקין, פון לאָ־קאַל 657, בראָנזוויל; דזש. טאַסטאַמעלא, פון ברוקלינער לאָקאַל 913, ה. קווינטא, פון בראָנקסער לאָקאַל 560, און דזש. עפּשטיין, פון לאָקאַל 900, הארלעם.

## די יוניאָנס פון די אידישע שוסטער־אַרבייטער.

די שיך־ארבייטער זיינען געווען צווישען די ערשטע יוניאָן־לייטע אין אַמעריקע, אָבער דאָס זיינען געווען נים קיין אידישע אַרבייטער. ערשט אין די 80ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט זיינען אהער געקומען פון רוסלאַנד און פוילען אידישע קאַמאַשען־שטעפער, וועלכע זיינען דאָ אויך געוואָרען שוה־פיטערס און שפעטער אויך יוניאָן־לייט.

פונקט ווי אין דער אַלטער היים אַזוי זיינען אויך אין אַמעריקע אַמאָל שיך געמאַכט געוואָרען פון האַנט־ארבייטער. שוסטעריי איז געווען אַ קונסט, וואָס האָט געפאָדערט יאָהרען און יאָהרען פון לערנען זיך. מ'האָט געדאַרפט ארבייטען זיבען יאָהר, כדי זיך אויסצולערנען ווי אַזוי צוצוגרייטען דעם אינזויל און אויסערליכען זויל, ווי אזוי אריינצושלאָגען שטיפטלאַך און די פארשיידענע אַנדערע האנד־פּראָצעסען, וואָס האָבען געפאָדערט אוי־סערגעוועהנליכע געניטקייט און געשיקטקייט.

אַזוי גיך ווי עס איז אין דער שוך־אינדוסטריע איינגעפיהרט געוואָרען מאַשינעריע, האָבען גענומען פארשווינדען, ווענינגסטענס אין אַמעריקא, דער אַלטער שוסטערשער וואַרשטאַט, דער האַמער, מעסער און לייסט.

די מאַשינעריע האָט די שוך־פּראָדוקציע אינגאַנצען רעוואָלוציאָניזירט.

דער גרעסטער צענטער, וואו עס ווערען פאבריצירט די אַלע נייעסטע מאָדעס פון נאַוועלטי לײדיס שיך, איז ברוקלין, ניו יאָרק. דאָ געפינען זיך איבער צוויי הונדערט גרויסע און קלענערע שיך־פאבריקען.

דער הויפּט־צענטער פון דער שוך־אינדוסטריע געפינט זיך אין מאַסאַ־טשוזעטס סטייט. אין יענעם סטייט זיינען פאַראַן שטעדט וועלכע באַ־שטעהען בלויז פון שוך־פאַבריקען און וואו אַ גרויסער טייל פון דער באַפעל־קערונג זיינען שוסטערס און שוסטערקעס, ווי, צום ביישפּיל, די באַפעלקע־רונג פון בראָקטאָן, לין, הייווערהיל, סיילעם, מאַלבאָראָ נאָרטה־העמפּטאָן אַ. אַ. אויך אין שיקאַגאָ און סט. לואיס זיינען פאַראַן אַ סך שוך־פאַבריקען.

אין מאַסאַטשוזעטס סטייט ווערען געמאַכט אַלע סאָרטען שיך פאַר מענער, פרויען און קינדער. אין שיקאַגאָ און סט. לואיס ווערען געאַרבייט בלויז די ביליגערע סאָרטען פרויען־שיך און סליפּערס.

אין גרייטער ניו יארק זיינען אויך פאראן, אויסער די גרויסע צאָהל פאבריקען פאר פרויען־שיך, א פּאָר גרויסע פאבריקען, וואו מען מאכט סענ־דעלס (אַזעלכע זומער־שיך), ארמיי־שיך און „לעגינגס".

אין דער שוך־אינדוסטריע איז די מאַשינעריע אם שטארקסטען אנט־וויקעלט. פאר יעדען טייל ארבייט איז פאראן א באזונדער מאשין. אַלע שוך־מאשינען ווערען קאָנטראָלירט פון א טראָסט, וועלכער פאַרדינגט בלויז די מאַשינען.

די אינטערנעשאָנאַל „בוט און שוה וואירקערס יוניאָן", וועלכע איז פאַרבונדען מיט דער אמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, האָט אונטער זיך אָרגאַניזירט אין 500 לאָקאַל יוניאָנס 40 פּראָצענט ארבייטער פון טרייד. די מייסטע יוניאָנס פון דיזען פאַרבאַנד געפינען זיך אין מאַסאַטשוזעטס סטייט, וואו עס זיינען פאראן מאַסען יוניאָן־שעפּער, וועלכע סטעמפּען די שיך מיט א יוניאָן לייבעל סטעמפּ. אין גרייטער ניו יארק האָט דיזער פאַר־באַנד איינינע לאָקאַל יוניאָנס און בלויז איין יוניאָן שאַפּ אין ברוקלין, וואו עס זיינען באשעפטיגט 800 ארבייטער, מענער און פרויען, אונטער יוניאָן־באַדינגונגען.

אין יאָהר 1910 האָט די „בוט און שוה וואירקערס" יוניאן אָרגאַניזירט אין ניו יאָרק א שוה־פיטערס לאָקאַל 465 פון אידישע ארבייטער. אָבער דיזע יוניאָן האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט. די אידישע ארבייטער האָבען ניט געוואָלט באַלאַנגען צו דעם פאַרבאַנד, ווייל זיי האָבען איהם באטראכט פאר צו קאָנסערוואַטיוו.

אין יאָהר 1913 האָבען איינינע טויזענד אידישע שיך־ארבייטער גע־סטרייקס איבער דריי מאָנאַטען אין ברוקלין. דעמאָלט זיינען די סטריי־קערס געווען אָרגאַניזירט אין א יוניאָן, וואָס האָט זיך גערופען „די יונייטעד שוה־וואירקערס". זיי האָבען דעם סטרייק פאַרלאָרען, ווייל די „גוד־יעהר" אָפּרייטאָרס האָבען געהאַט אַן אייגענע יוניאָן אין ברוקלין, און אַלע „גוד־יעהר" אָפּרייטאָרס זיינען אַוועק צוריק אין די שעפּער צו דער ארבייט.

אין יאָהר 1919 האָבען אין ברוקלינער שוך־פאַבריקען ווידער געסטרייקט איינינע טויזענד ארבייטער. זיי האָבען דאַן געפאָדערט בעסערע ארבייטס־קאָנדיציאָנען און אַנערקענונג פון זייער „אינדעפּענדענט" יוניאָן.

אויך יענער סטרייק איז פאַרלאָרען געגאַנגען צוליב דעם, וואָס בעת די פאבריקאנטען זיינען צווישען זיך געווען פאַראייניגט אין א שטאַרקער אַסאָסיאיישאָן, זיינען די ארבייטער געווען צווישען זיך צוריסען און צו־טיילט.

כדי צו באוואָרענען זיך פון ווייטערע סטרייקס אין דער צוקונפט, האָ־

בען די שיף־פּאַבריקאַנטען אָרגאַניזירט אַ „קאָמפּאַני־יוניאָן" און די פּאַב־ריקאַנטען־אַסאָסיאיישאָן האָט טאַקע גלייך געשלאָסען אַן אַגרימענט מיט דער „קאָמפּאַני־יוניאָן".

אין ענדע פון יאָהר 1923 האָבען פילע שיף־ארבייטער פון יענעם פאַר־לאָרענעם סטרייק שוין צוריק געאַרבייט אין די ברוקלינער שיף־שעפּער. אַלע האָבען, נאַטירליך, באַלאַנגט צו דער „קאָמפּאַני־יוניאָן", ווייל אַנדערש האָט מען דאָרט ניט געקענט אַרבייטען. אָבער צווישען די אַרבייטער האָבען זיך געפונען אַזוינע, וואָס האָבען אָנגעפאַנגען אין דער שטיל ענערגיש צו אַרבייטען פאַר דעם, אַז די „קאָמפּאַני־יוניאָן" זאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַן אמת'ער טרייד־יוניאָן. דער פּלאַן זייערער איז געווען: ביי די וואַהלען פאַר די בעאַמטע פון דער יוניאַן אַרויסצושטעלען אַ טיקעט פון אמת'ע אַרבייטער־קאַנדידאַטען.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. די פּרינציפּיעלע יוניאָן־אַרבייטער האָבען אַרויסגעשטעלט אַ טיקעט מיט זייערע קאַנדידאַטען פאַר אַלע יוניאָן־עמטער. די מערהייט פון די אַרבייטער האָבען געשטימט פאַר די אמת'ע יוניאָן־לייט, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער אַרבייטער־טיקעט האָט דאָן געזיגט. אַלס פּרעזידענט איז ערוועהלט געוואָרען אַ שוה־קאַטער, וועל־כען מען האָט געקענט אַלס אַ גוטען יוניאָן מאַן, און אַזוי זיינען דאָן ער־וועהלט געוואָרען אַלע אמת'ע יוניאַן לייט אַלס די בעאַמטע פון דער יוניאַן, וועלכע איז נאָכדעם באַקאַנט געוואָרען אַלס „די אמעריקען שוה וואָרקערס יוניאַן אָוו ברוקלין" מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער 10 טוי־זענד אַרבייטער.

גראַדע דאַן האָט זיך געענדיגט דער אַגרימענט מיט דער שוה מאַנופעק־טשורערס אַסאָסיאיישאָן. אַזוי ווי עס איז דאַן געווען אַ ביזי סיזאָן ביי די באָסעס, האָבען זיי געשלאָסען מיט דער שוה וואָירקערס יוניאָן אַן אַגרי־מענט, וועלכער האָט שוין געהאַט באַדינגונגען פון אַן אמת'ער טרייד־יוניאָן. אין אַגרימענט איז געווען אַ פּונקט וועגען אַרביטריישאָן, אָבער סטרייקען איז שוין מעהר ניט געווען פאַרבאָטען, ווי אונטער דער „קאָמפּאַני יוניאָן".

מיט אַ יאָהר שפּעטער האָבען די מיטגלידער פון דער „אמעריקען שוה וואָירקערס יוניאָן" פון ברוקלין דורכגעפיהרט אַ פּונקט אין דעם אַגרימענט מיט די באַלעבאַטים, אַז די אַרבייט אין די שיף־פאַבריקען מוז פאַרטיילט ווערען גלייך אין צייט פון סלעק צווישען אַלע אַרבייטער. דער פּונקט האָט אויך געלויטעט, אַז דער באַלעבאָס קען נאָר דאַן אָוועקשיקען אַן אַרבייטער, ווען ער האָט אַ גרינדליכע אורזאַכע דערפאַר.

מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט דיזע „אמעריקען שוה וואָירקערס יוניאָן"

ווידער געסעטעלט פרידליך מיט דער אסאָסיאיישאַן און די ארבייטער האָבען דאמאָלס געקראָגען נאָך בעסערע קאָנדיציאָנען ווי מיט א יאָהר פריהער. בלויז איין זאך האָט נאָר געפעהלט דיזער יוניאָן, דאָס איז געווען אַ שטאַר־קער סטרייק־פאָנד.

אָט די ברוקלינער „אמעריקען שוה וואָירקערס יוניאָן", וועלכע האָט אין ענדע פון יאָהר 1926 געהאט אַ מיטגלידערשאפט פון צעהן טויזענד, — אַ יוניאָן, וועלכע האָט קאָנטראָלירט די גרעסטע שוה־פאבריקען פון ברוקלין און ניו יאָרק, — איז אין אַ קורצער צייט ארום צובראָכען געוואָרען פון די קאָמוניסטען.

אין אויגוסט, 1926, ווען עס האָט זיך געדאַרפט ענדיגען דער אַג־רימענט פון דער יוניאן מיט דער אסאָסיאיישאָן, זיינען פאָרגעקומען קאָנ־פערענצען צווישען ביידע צדדים פאר א נייעם אגרימענט פאר 1927־1928. די באַלעבאַטים פון די ברוקלינער גרויסע פאבריקען האָבען שוין געוואוסט וועגען די מאנעוורעס, וואָס די קאָמוניסטען פיהרען אָן אין דיזער יוניאָן, האָבען זיי זיך איינגעשפּאַרט, אַז זיי ווילען אין סלעק־צייט מעהר ניט טיילען גלייך די אַרבייט, נאָר זיי ווילען אין צייט פון סלעק האָבען אַ רעכט אָפּצו־לעגען אייניגע פון די לעצטע ארויפגעקומענע אַרבייטער. די קאָנפערענץ צווישען דער יוניאָן און דער אַסאָסיאיישאָן איז אָנגעגאנגען אַ לענגערע צייט; און אַזוי ווי די פיהרער פון דער יוניאָן האָבען געוואוסט, אַז קיין קאַסע האָבען זיי ניט, און די יוניאָן איז אָפּגעשוואַכט פון די קאָמוניסטישע אַטאַקעס, האָבען זיי די פראגע צי מען זאָל נאָכגעבען די באָסעס פאָרגע־לעגט פאר אַ רעפערענדום. דער רעפערענדום האָט באַשטימט, אַז מען זאָל דעם פונקט נאָכגעבען, ווייל דאמאָלס האָבען אויך די קאָמוניסטישע דיק־טאַטאָרס פון דער פאַריערס יוניאָן נאָכגעגעבען די פאָריער־פאבריקאנטען דעם פונקט, אַז זיי מעגען אָוועקשיקען אַרבייטער.

דער אַגרימענט צווישען דער „אַמעריקען שוה וואָירקערס יוניאָן" און דער פאַבריקאַנטען־אַסאָסיאיישאָן פון ברוקלין איז אונטערגעשריבען גע־וואָרען, און די אַרבייטער האָבען זיך ווידער געזעצט צו דער אַרבייט.

מיט צוויי מאָנאַטען נאָכדעם ווי דער אגרימענט איז אונטערגעשריבען געוואָרען, מיט דער צושטימונג פון אַלע יוניאָן־מיטגלידער, האָט איין שוה־פירמע, י. מילער און קאָמפּאני, פון לאָנג איילאַנד, וואו טויזענד פיר הונ־דערט אַרבייטער זיינען געווען באשעפטיגט, אָפּגעלעגט 14 אַרבייטער, די מערסטע פון זיי קאָמוניסטען, וועלכע זיינען געקומען אין יענעם שאָפּ אַר־בייטען גאָר די לעצטע. גראָד איז דער שאָפּ־טשערמאַן פון דער פאבריק אויך געווען אַ קאָמוניסט און ער צוזאַמען מיט נאָך אייניגע קאָמוניסטען,

וואָס האָבן געאַרבייט אין זעלבן שאַפּ, האָט גענומען אַגיטירן פאַר דעם, אַז די אַרבייטער זאָלן אַרויס אין סטרייק, פאָדערנדיג, אַז די פירמע זאָל ניט אַנדערש צוריק אַרויפנעמען די אַרונטערגעשיקטע 14 אַרבייטער.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט דער קאָמוניסטישער שאַפּ־טשערמאַן געגעבען אַ באַפעהל אַלע אַרבייטער אַוועקצואוואַרפען אין מיטען טאָג די אַרבייט און געהן צו אַ שאַפּ־מיטינג. די אַרבייטער האָבן געפאָלגט דעם אָרדער, אָבער די יוניאָן האָט דערפון גאָרניט געוואוסט.

ביי יענעם שאַפּ־מיטינג האָבן די קאָמוניסטען שטאַרק טעראָריזירט די אַרבייטער פון שאַפּ, ביז ס'איז דורכגעפיהרט געוואָרען אַ באַשלוס צו פאָדערען פון באָס צוריק אַרויפצונעמען די 14 אַרבייטער, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס די יוניאָן האָט אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט, וועלכער האָט אויסדריקליך געלויטעט, אַז אין סלעק־צייט האָט אַ פאַבריקאַנט אַ רעכט אַוועקצושיקען אַ טייל פון די אַרבייטער, וואָס זיינען די לעצטע אָנגעקומען אַרבייטען אויפ'ן פאַבריק.

גלייך נאָכ'ן באַשלוס פון שאַפּ־מיטינג האָט דער שאַפּ־טשערמאַן אָפּגערופען דורכ'ן טעלעפאָן דעם באַלעבאָס און האָט איהם ערקלערט, אַז די אַרבייטער פאָדערען ער זאָל צוריק אַרויפנעמען די 14 אָפּגעלעגטע אַר־בייטער. דער באַלעבאָס האָט געענטפערט דעם שאַפּ־טשערמאַן אויפ'ן טע־לעפאָן: זאָלען אַלע אַרבייטער צוריקקומען צו דער אַרבייט, און ער וועט וועגען דער פאָדערונג אַרויפצונעמען די 14 אַרונטערגעשיקטע אַרבייטער פאַרהאַנדלען מיט די יוניאָן־באַאַמטע.

די קאָמוניסטען אָבער האָבען דורכגעפיהרט אַ באַשלוס, אַז מען זאָל ניט געהן צו דער אַרבייט אָהן די 14 אַרונטערגעשיקטע אַרבייטער.

ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג, ווען די יוניאָן האָט זיך דערוואוסט פון דעם סטרייק, האָט זי געאָרדערט די אַרבייטער צוריקצוגעהן צו דער אַרבייט.

די יוניאָן באַאַמטע האָבען אָנגעהויבען קאָנפערירען מיט דער אַסאָסי־איישאַן וועגען אַ סעטעלמענט פון דיזען סכסוך. אין מיטען פון דער קאָנ־פערענץ האָט זיך אויפגעהויבען דער באַלעבאָס, ביי וועמען מען האָט גע־סטרייקט, און ווענדענדיג זיך צו די יוניאָן־פאַרטרעטער, האָט ער געזאָגט: „איך האָב געלעזען אינ'ם שיקאַגאָ'ר אָרגאַן פון די קאָמוניסטען, ווי אַזוי די סטרייקער באַריהמען זיך, אַז קאָמוניזם וועט פון איצט אָן רעגירען מיין שאַפּ און ס'וועט דאָרט זיין אַ קאָמוניסטישע פעסטונג. וויל איך טאַקע זעהן ווי אַזוי די קאָמוניסטען וועלען אין מיין שאַפּ איינפיהרען די קאָמו־ניסטישע דיקטאַטור!"

„געהט סטרייקען;" — האָבען די אַנדערע באַלעבאַטים זיך געווענדעט

צו די יוניאָן־פּאַרטרעטער; און די יוניאָן האָט אָהן אַ סטרייק־פאָנד, אין גרעסטען סלעק געמוזט ארויסרופען אַ גענעראַל סטרייק.

ס'איז געווען זעהר אַ שווערער סטרייק. די טויזענדער אָרימע אַרבייטער האָבען וואָכען־לאַנג ניט געאַרבייט, געקעמפּט, געהונגערט. פילע סטרייקערס, וויסענדיג די אורזאַך פון סטרייק וואָס די קאָמוניסטען האָבען אויף זיי ארויפגעצוואונגען, זיינען צוריק אַוועק אין די שעפּער אַרבייטען. די מערסטע אַרבייטער אָבער זיינען דאָך געבליבען אין סטרייק און געקעמפט, אָבער דער סטרייק איז פאַרלאָרען געגאַנגען אין אַלע שעפּער.

די „אַמעריקען שוה וואָירקערס יוניאָן" פון ברוקלין איז אינגאַנצען פאַרניכטעט געוואָרען.

אין יאָהר 1928 האָבען די קאָמוניסטען געגרינדעט אין ניו יאָרק, וואָס זיי רופען אָן „אינדעפּענדענט שיך־אַרבייטער יוניאָן", וועלכע עקזיסטירט ביז היינטיגען טאָג.

# די יוניאָנס פון די אידישע בלעכער־אַרבייטער.

א אידישע בלעכער יוניאן איז געווען פון די ערשטע יוניאנס, וועל־כע די אידישע אימיגראַנטען פון יאָהר 1882 האָבען דאָ אָרגאַניזירט. איך געדענק, אז נאָך אין יאָהר 1883 האָבען גרינע אידישע בלעכער ארביי־טער געסטרייקט ביי דעם דעמאָלט באוואוסטען אידישען פאַבריקאַנט מיסטער דייוויד בלאָך, וועמעס גרויסע פאַבריק איז געווען אויף העסטער קאָרנער עליזאבעטה סטריט. אין יענער בלעך פאַבריק זיינען שוין דאַן געווען פרעס מאַשינען און שוין דאַן האָבען בלעכערס געסטרייקט און גע־האַט א יוניאָן. אָבער יענע יוניאַן, פונקט ווי די מייסטע אידישע יוניאָנס פון יענע יאָהרען, האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטען.

אין יאהר 1892 האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען גע־גרינדעט נאָך אמאָל א בלעכער יוניאַן, וועלכע האָט עקזיסטירט איינינע יאָהר. אלס סעקרעטאַר פון די געווערקשאַפטען, האָב איך דאַן באזוכט פילע בלעך־פאַבריקען. צו יענער צייט פלעגט מען אין די בלעך־פאַברי־קען ארבייטען 10־12 שטונדען א טאָג און די ארבייטס־באַדינגונגען זיי־נען געווען זעהר שלעכטע.

ביי דעם געווערקשאַפטען מיטינג, וואו מען האָט דיסקוטירט די פראַ־גע וועגען בויען א פאָלקס־טעאַטער, האָט זיך אויפגעשטעלט א דעלעגאַט פון דער בלעכערס יוניאַן און האָט געזאָגט בזה הלשון: „ווי אזוי קען מען פאַרנעמען די צייט מיט ריידען וועגען בויען א פאָלקס־טעאַטער, ווען דאָ זיצען פאַר אייך דריי דעלעגאַטען פון דער בלעכער יוניאַן, אלע פאַמי־ליען פאָטערס, מיט קליינע קינדער, און די פאַרדינסטען פון אלע דריי צוזאַמען באַטרעפען בלויז 21 דאָלאַר א וואָך, דאָס הייסט צו זיבען דאָ־לאַר א וואָך פאַר א גאַנצע פאַמיליע צום לעבען.״

אין יאָהר 1909, האָבען זיך די ניו יאָרקער אידישע בלעך־ארביי־טער ווידער אָרגאַניזירט אין א יוניאָן, וועלכע האָט געצעהלט ארום 300 מיטגלידער. דיזע יוניאַן איז געווען א לאָקאַל פון דער אינטערנעשאָנאַל שיט מעטאַל וואָירקערס יוניאַן אוו אַמעריקא. אויך איז דיזע יוניאַן גע־ווען אונטער׳ן שוץ פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

מיט יאהרען שפּעטער איז ענטוויקעלט געוואָרען א נייע ליין אר־בייט אין בלעכער־טרייד, ביי וועלכער מען ארבייט ניט אלעס מיט מאַשי־נערי און עס פאָדערט זיך שוין צו דער ארבייט גוטע בעלי מלאכות, „מעכאַניקער,” וואס קענען מאכען אמת־קונציגע און וואונדערבאר שעהנע ארטיקלען. זיי מאכען די גרויסע עלעקטרישע סיינס (שילדען) וואס פארוואנדלען נאכט אין טאָג. אָט דיזע שילדען, וואס גיסען מיט ליכ־טיגקייט ווערען געמאכט פון היימישע בלעכער־ארבייטער.

די גרעסטע צאָהל פון די עלעקטרישע סיין־פאבריקען געפינען זיך אין ניו יארק און אין שיקאַגאָ.

דיזע פאבריקען האָבען זייערע קונדען אין יעדער שטאָדט פון לאנד. לעצטענס פאַבריצירען זיי אויך עלעקטרישע סיינס פאר קאָסטימערס פון פארשידענע גרויסע שטעדט אין יוראָפּ און אויך פאר אלע לענדער פון סאוט אמעריקא. עס זיינען דאָ סיינס, וואס קאָסטען פון פינף הונדערט ביז צעהן טויזענד דאָלאר און נאָך מעהר.

די דאָזיגע אינדוסטריע וואקסט מיט יעדען טאָג. עס זיינען ביי דער ארבייט פון די עלעקטרישע סיינס באשעפטיגט ניט בלויז בלעכער. עס איז דאָ פיל צו טאָן פאר סיין פּיינטערס און מעכאַניקער, אָבער די הויפּט ארבייט ווערט געמאכט פון בלעכערס.

נאָך א קינסטליכע שטיקעל ארבייט פון וועלכע בלעכער זיינען די הויפּט בעלי מלאכות זיינען די שעהנע, קונציגע סאָדא פאונטענס. די טייערע פאונטענס ווערען געמאכט פון דייטשע זילבער און פון קופּער. דאן קומט נאָך א ליין פון בלעכער, דאָס איז ביי די „טינסמיט סופּ־לאַיס”, וועלכע מאכען בלעכענע געז־אויוועגס, בלעכענע פּייפּס און נאָך אַנ־דערע אַרטיקלען.

די גרעסטע צאָהל בלעכער ארבייטער ווערען באשעפטיגט ביי די בוי־אינדוסטריען. זיי ארבייטען אין די נייע געביידעס.

בלעכערס האָבען אויך פיל ארבייט ביי דער שיף־בוי אינדוסטריע. נאָר אנשטאָט מיט בלעך, ארבייט מען ביי די שיפען מיט מעש, קופּער און צין. פון דיזע מאַטעריאַלען ווערט געמאכט דאָס אינווייניגסטע פון די שיפען. דערביי ארבייטען אויך בלעך ארבייטער.

אין די מלחמה־יאָהרען איז געווען א גרויסע נאָכפראגע אויף בלע־כער ארבייטער, וועלכע מען האָט געדארפט האָבען אויף די אמוניציע־פאבריקען.

און עס איז מערקווירדיג, וואס ביי בלעכעריי, אזא ניצליכע און גע־לערענטע מלאכה — האָבען די ארבייטער געארבייט אונטער די ערגסטע

באַדינגונגען, ביז עס איז געשאַפען געוואָרען אַ שטאַרקע יוניאָן פון די פאַרשידענערליי בלעכער אַרבייטער.

די בלעכער אַרבייטער ביי די בילדינג טריידס, וועלכע זיינען מיט יאָהרען צוריק געווען קריסטליכע אַרבייטער, האָבען שוין פון לאַנג אַ שטאַרקע יוניאָן. דיזע יוניאָן איז באַקאַנט אַלס לאָקאַל 28, אינטערנעשאָנאַל שיט מעטאַל וואָירקערס, פון ניו יאָרק.

די בלעכער אַרבייטער באַשלאָגען עס מיט בלעך די טירען פון פילע פאַבריקען. ביי דיזע טירען אַרבייטען אידישע בלעכער. די יוניאָן־שכירות פון אַ בלעכער־אַרבייטער ביי די בילדינג טריידס איז איצט פון 12 ביז 15 דאָלאַר אַ טאָג און 44 שטונדען אַ וואָך־אַרבייט. פון דעם 24טען אויגוסט, 1929, וועלען די אַרבייטער בלויז אַרבייטען 5 טעג אַ וואָך, 40 שעה אין וואָך, און וועלען באַקומען דיזעלבע שכירות.

דיזע בלעכער יוניאָן (שיט מעטאַל וואָירקערס), לאָקאַל 28, צעהלט אַריבער 4,000 מיטגלידער. מעהר ווי אַ העלפט פון זיי זיינען אידישע אַרבייטער.

דער פיהרער פון לאָקאַל 28 איז פאַר פילע יאָהרען געווען ד ז ש ו ־ ל י ו ס ג ע ר ב ע ר, וועלכער איז אויך אַן אָנגעזעהענער טוער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די בלעכער יוניאָן לאָקאַל 137, פון דער אינטערנעשאָנאַל שיט מע־טאַל וואָירקערס, צעהלט איבער אַ טויזענד מיטגלידער, די מייסטע פון זיי זיינען אידישע אַרבייטער. עס זיינען אויך דאָ אַ צאָהל אַמערי־קאַנער און איטאַליענישע אַרבייטער. זיי אַרבייטען ביי די ביליגסטע ליינס בלעכעריי. דיזע בלעכער אַרבייטען 44 שטונדען אַ וואָך. זייער מינימום שכירות איז צעהן דאָלאַר אַ טאָג. אויסער אין דער טין־וועהר ליין, וואו עס פאָדערט זיך ניט קיין גרויסע קענטניס פון פאַך, פאַרדינען די אַרבייטער אין דורכשניט 35 דאָלאַר אַ וואָך.

איינער פון די עלטסטע מיטגלידער פון דער אידישער בלעכער יוניאָן, לאָקאַל 137, איז ס. ז י ס ק י ן, דער איצטיגער אָרגאַנייזער פון דיזער יוניאָן.

## די יוניאָן פון די דזשולערי־אַרבייטער.

די ערשטע יוניאָן פון דזשולערי (יוּאוועליר) ארבייטער האָט די פאַר־אייניגטע אידישע געווערקשאַפטען געגרינדעט אין יאהר 1892. **יענע יוניאָן** האָט געהאַט עטליכע הונדערט מיטגלידער און זי האָט דאן אויסגעקעמפט פאַר איהרע מיטגלידער בעסערע ארבייטס־באַדינגונגען.

די יוניאָן האָט עקזיסטירט אייניגע יאָהר און האָט זיך אויפגעלייזט.

די מלאכה פון אַ דזשולערי ארבייטער פלעגט מען דאַרפען לאַנג לער־נען. די מייסטע ארבייטער קומען פון אייראָפּאַ, וואו עס האָט זיי גענומען יאהרען לאַנג אויסצולערנען די אַרבייט, און זיי זיינען טאַקע די מעכאַני־קער פון טרייד. עס זיינען אויך דאָ אַ געוויסע צאָהל ארבייטער וואָס לערנען זיך דאָ אין לאַנד אויס די ארבייט, אָבער די היגע מעכאַניקער קע־נען אַרבייטען בלויז ביי איין ליין צירונג און דאָס נעמט זיי אויך צוויי און דריי יאהר אויסצולערנען.

די צירונג וואָס ווערט געמאַכט פון גאָלד, ווי רינגען, קייטלעך, בראָש־לעטען און אַנדערע ארטיקלען, וואָס ווערען פאַבריצירט אַ סך פון איין דעזיין, ווערט געאַרבייט מיט מאַשינען. מיט דיזער ליין באַדערט מען זיך נים אַזוי לאַנג ווי ביי די קאָסטבאַרע צירונג. בלויז דעם סעמפּעל פון אַ געוויסען סטייל מאַכט אַ בעל מלאכה מיט'ן האַנד. און דאַן ווערען מאַסען רינגען אויסגעגאָסען אין אַ פורעם. מען גיסט פון איין פורעם אויס פיר אָדער פינף רינגען און דאַן סאָדערט (לעיט) מען זיי צוזאַמען, לויט די פאַרשידענע סייזעס. מען פיילט זיי צו, און דאַן ווערען זיי געפּאָ־לישט אויף אַ באָף און אַלעס איז פאַרטיג.

עס געפינען זיך אין ניו יאָרק ביי אַ פינף טויזענד יוּאוועליר־ארביי־טער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטען. אידען זיינען באַשעפטיגט ביי דעם טרייד ביי אַ צוויי טויזענד, און אַ פינף הונדערט פרויען ארבייטען ביים פּאָלישען די צירונג.

אין יאָהר 1913 האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען ווי־דער אַמאָל אָרגאַניזירט אַ דזשולערי ארבייטער יוניאָן, וועלכער האָט זיך אָנגעשלאָסען אין דער אינטערנעשאָנאַל דזשולערי וואָירקערס יוניאָן.

דער מענעדזשער פון דער ניו יאָרקער דזשולערי יוניאָן לאָקאַל 1, איז ס. ב י ר ד ס ל י, אַ סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר, אַן אַרבײַטער פון טרייד.

אין די מלחמה יאָהרען, ווען עס איז געווען פּראָספּעריטי, האָבען די דזשולערי אַרבייטער פאַרדינט ניש־קשה׳דיגע שכירות. די נאָכפראַגע אויף דזשולערי־אַרבייטער איז געווען דאַן גרויס.

די אַרבייט ביי דזשולערי איז זעהר אַ שעדליכע, צוליב די פילע כעמישע שטאָפען, וועלכע ווערען געברויכט ביי דיזער אַרבייט: ווי ניטריק עסיד, סאַפּיורין, מיוריאַטיק און סיגעיט עסידס.

דאָס זיינען אַלע אַזעלכע געפעהרליכע גיפטען, וועלכע אַ דזשולערי אַרבייטער אָטעמט אין זיך אָפּט אַריין, זיצענדיג אַ גאַנצען טאָג ביים פייער. צוליב דעם ליידען די אַרבייטער פון שווינדזוכט, האַרץ־פעהלער, און די מייסטע פון זיי האָבען שלעכטע אויגען פון דעם פייער ביי וועלכער זיי אַרבייטען. דערפאַר האָט די דזשולערי אַרבייטער יוניאָן, וועלכע האָט קאָנטראָלירט דעם טרייד אין ניו יאָרק, געפאָדערט ביי די דזשולערי מאַנופעקטשורערס 39 שטונדען אַ וואָך אַרבייט, קליימענדיג אַז זיי ווילען פאַרהיטען זייערע לעבענס און זייער געזונד

אין יאָהר 1920 איז פאָרגעקומען אַ גענעראַל סטרייק פון אַלע דזשולערס פון ניו יאָרק, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען 28 וואָכען צייט.

די גאַנצע אַרבייטער באַוועגונג און דער עולם אין אַלגעמיין האָט באַוואונדערט דעם בראַווען קאַמף וואָס די דזשולערי אַרבייטער האָבען דאַן אָנגעפיהרט. ליידער אָבער איז יענער סטרייק פאַרלוירען געגאַנגען.

די דזשולערי אַרבייטער יוניאָן, לאָקאַל 1, צעהלט ביי היינטיגען טאָג אַ היבשע צאָהל מיטגלידער און אין די מייסטע שעפּער ווערט געאַרבייט 44 שטונדען אַ וואָך.

# די יוניאָן פון די בוטשער־ארבייטער.

די ערשטע אידישע בוטשער (קצבים) ארבייטער יוניאָן האָט די פאַר־איינינגטע אידישע געווערקשאַפטען געגרינדעט אין ניו יאָרק אין יאָהר 1892. יענע יוניאָן האָט שוין געהאַט איבער 200 מיטגלידער און האָט עקזיסטירט אַ יאָהר אַכט. אין יענער צייט האָבען אידישע בוטשער־ארבייטער אַ ביסעל פאַרבעסערט זייערע ארבייטס־באַדינגונגען. די יוניאָן איז אָבער שפּעטער אונטערגעגאַנגען.

צום צווייטען מאָל האָט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אָר־גאַניזירט אַ אידישע בוטשער ארבייטער יוניאָן אין יאָהר 1909.

די גרעסטע צאָהל פון די בוטשער־ארבייטער זיינען געווען היימישע קצבים, וועלכע זיינען געקומען אין אמעריקע צו שעפּען גאָלד מיט לאָפּעטעס.

עס איז כמעט אונגלויבליך און דאָך איז עס אַ פאַקט, דאָס די אידישע בוטשער ארבייטער האָבען אין יאָהר 1909 געקראָגען זייער געהאַלט מאָ־נאַטליך. די שכירות פון אַ בוטשער־ארבייטער זיינען דאַן געווען פון 6 ביז 16 דאָלאַר אַ מאָנאַט מיט עסען; פאַרהייראַטע בוטשער־ארבייטער, שוין פון די געניטסטע, פלעגען באַקומען פון 25 ביז 30 דאָלאַר אַ מאָנאַט, מיט פרייע פלייש יעדען טאָג פאַר איין מאָלצייט.

די אַרבייט אין די בוטשער־שעפּער פלעגט זיך אָנפאַנגען ניט אומעטום אין איין און דער זעלבער צייט. געוועהנליך פלעגט מען עפענען דעם שאַפּ 5 אזייגער פאַרטאָג, און אייניגע שעפּער, וועלכע האָבען געהאַט פילע רעס־טאָראַנטס צו טענדען, פלעגט מען אויפמאַכען 3 אזייגער פאַרטאָג. אָפען בלייבען די בוטשער־סטאָרס יעדען טאָג ביז 9 אזייגער ביינאַכט. דאָנער־שטאָג איז דער בוטשער־שאַפּ געווען אָפען פון 3 פאַרטאָג ביז 12 ביינאַכט; שבת צו נאַכטס — ביז האַלבע נאַכט. דער בוטשער ארבייטער האָט גע־מוזט אַלע דיזע לאַנגע שטונדען ארבייטען: האַקען פלייש, טראָגען אָר־דערס, געהן מיט'ן באַלעבאָס אין שלאַכטהויז, אויפראַמען דעם שאַפּ, לויפען ביינאַכט אין די הייזער נעמען אָרדערס א. ז. וו., א. ז. וו.

די ערשטע פראַגע, וואָס אַ בוטשער־באָס פלעגט געבען אַ נייער „האַנד", איז אַראָפּטראָגען פון דעם וואַגען אַ צוויי־דריי טשאַק פלייש, וועלכע וועגען

פון 160 ביז 180 פונט יעדער. און נאָר דער, וואָס פלעגט אויסהאַלטען דעם עקזאַמען, האָט געקענט קריגען די גליקליכע שטעלע. דער ארבייטער פלעגט ארבייטען פון 5 פאַרטאָג און ברעקפעסט פלעגט איהם די באַלע־באָסטע געבען ערשט 11 אזייגער. ווען דער בוטשער־באַי פלעגט האָבען אַ פאָר איינענע פענים, פלעגט ער אליין קויפען עפּעס אין מויל צו נעמען.

די מייסטע בוטשער־ארבייטער פלעגען שלאָפען אין די שעפּער אָדער אין קיך ביים באַלעבאָס, אום מען זאָל זיי קענען גלייך אויפוועקען, ווען עס מאַכט זיך ארבייט.

אָט דיזע ארבייטער פון די בוטשער־סטאָרס, ווי אויך פון די אייז־באקסעס און די דרייווערס האָט די פאראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען אָרגאַניזירט אין א יוניאָן.

דער ערשטער גענעראַל סטרייק פון די אידישע בוטשער־ארבייטער איז ערקלערט געוואָרען אין אויגוסט 1909. ווען די 600 בוטשער ארבייטער האָבען פאַרלאָזען די שעפּער, האָבען זיי ניט געהאַט וואו צו שלאָפען, ווייל געוועהנליך פלעגען זיי שלאָפען אין בוטשער־שאַפּ און עסען ביים באַלעבאָס. די בוטשער יוניאָן האָט באַשטעלט פאַר די סטרייקערס נאַכטלעגער אין די 15 סענטינע האָטעלס אויף דער באָוערי, אָבער די יוניאָן איז געווען צו אָרים צו באַצאָהלען אַזוי פיל געלד אין יענע האָטעלען, האָט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען געבעטען די אידישע בעקער יוניאָן צו ערלויבען די סטרייקערס צו שלאָפען אין זייער „לייבאָר ליסעום”, וועלכע איז דאַמאָלט געווען אויף גרענד סטריט. עס איז דאָרטען געווען אַ גרויסער „לאָפט”, וואו עס איז פריהער געווען אַ שניידער־שאַפּ. דאָרטען פלעגען זיך די סטרייקענדע בוטשער־ארבייטער יעדע נאַכט אויסלעגען אויף דער פּאָדלאָגע, אונטערשפּרייטענדיג זייערע וועש און קליידער, וועלכע זיי האָבען מיטגע־טראָגען מיט זיך, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט וואו זיי צו האַלטען. די יוניאָן האָט אויך באַזאָרגט די סטרייקערס מיט קוויטלאַך, וועלכע זי האָט געקויפט אין רעסטאָראַנען, וואו מען פלעגט די סטרייקערס געבען אָפּצועסען אַ מאָלצייט. נאָך צוויי וואָכען סטרייקען האָבען די בוטשער־ארבייטער געוואונען: 1) אַז זיי זאָלען ארבייטען אָהן קעסט; 2) די ארבייטס־שטונ־דען זאָלען זיין פון 5 פאַרטאָג ביז 7 אזייגער אין אָווענט און דאָנערשטאָג אָווענד ביז 11 אזייגער ביינאַכט.

די טעטיגסטע שאַפּ־ארבייטער אין בוטשער־סטרייק פון 1909 זיינען געווען פּ א ו ל  וו א ר ע ן, מ. ט א ק ס ל ע ר, א. ט ו ר ק ע וו י ץ, ס ע ם  ז ו ס מ אַ ן און א י י ב  ג י נ ז ב ו ר ג. דיזע ארבייטער באַ־לאַנגען נאָך היינט צו דער בוטשער־יוניאָן.

צו יענער צייט האָט די בוטשער יוניאָן אָרגאַניזירט 700 אַרבייטער, וועלכע זיינען געווען גוטע סטרייקערס אָבער שלעכטע יוניאָן־מיטגלידער, ווייל נאָך יענעם סטרייק האָבען זיי גלייך פאַרנאַכלעסיגט זייער יוניאָן.

יעדען יאָהר האָט די בוטשער־אַרבייטער יוניאָן געדאַרפט פון דאָס ניי אָרגאַניזירען די יוניאָן.

אין זומער פון 1914 האָט די אידישע בוטשער אַרבייטער יוניאָן ווידער אַרויסגערופען אַ גענעראַל סטרייק, וועלכער איז פאַרלאָרען געגאַנגען און די יוניאָן האָט אָנגעוואוירען אַלע מיטגלידער.

עס האָבען זיך דאַן צוזאַמענגענומען 25 טעטיגע בוטשער־אַרבייטער, צווישען וועלכע עס זיינען געווען ס. ז ו ס מ א ן, מ. ש ט ע ר ן, ט ש. ו ו י נ ע ר, מ אָ ר י ס ק ר אָ ו ט און ה. ל ע ו ו י ן, וועלכע האָבען בייגעשטייערט יעדערער צו 25 דאָלאַר און זיי האָבען זיך גענומען ווידער אויפבויען די יוניאָן. זיי האָבען דאַן איינגעלאַדען א י ז י ד אָ ר ק אָ ר ן, אַז ער זאָל ווערען דער אָרגאַנייזער פון דער יוניאָן.

אין יאָהר 1915 האָט שוין דיזע בוטשער־יוניאָן ווידער געפיהרט אַ גענעראַל־סטרייק, וואו זי האָט אויסגעקעמפט אַ העכערונג אויף די שכירות פון 10 ביז 25 פּראָצענט, און די אַרבייטס־שטונדען זיינען באַשטימט געוועוען פון 5 אַזייגער אין דער פריה ביז 5 אַזייגער פאַרנאַכט יעדען טאָג און דאָנערשטאָג פון 5 אין דער פריה ביז 10 אַזייגער ביינאַכט.

עס זיינען אונטערגעקומען די מלחמה־יאָהרען, ווען עס איז געווען אַ מאַנגעל אין אַרבייטער, האָט די בוטשער יוניאָן גענומען בליהען און די לאַגע פון די בוטשער־אַרבייטער איז דאַן באַדייטענד פאַרבעסערט געוואָרען.

אין יאָהר 1918 האָט די בוטשער יוניאָן אויסגעקעמפט קירצערע אַר־בייטס־שטונדען: פון 6 אין דער פריה ביז 5 פאַרנאַכט און דאָנערשטאָג ביז 8 אַזייגער אין אָוועגד.

אין יאָהר 1920 זיינען די אַרבייטס־שטונדען פון די בוטשער־אַרבייטער פאַרקירצט געוואָרען פון 6:30 אין דער פריה ביז 5 פאַרנאַכט און דאָנער־שטאָג פון 6.30 אין דער פריה ביז האַלב נאָך 7 אין אָוועגד.

אין יאָהר 1926 האָט די יוניאָן אויסגעקעמפט די אַרבייטס־שטונדען פון 7 אין דער פריה ביז 5 אָוועגד, אַ האַלבע שעה פאַר ברעקפעסט און אַ שעה פאַר מיטאָג, דאָנערשטאָג פון 6:30 אין דער פריה ביז 7 אוהר אָוועגד. די קלענסטע שכירות פון אַ בוטשער־אַרבייטער איז 40 דאָלאַר אַ וואָך. איינינע אַרבייטער באַקומען אָבער ביז 65 דאָלאַר אַ וואָך.

די אידישע בוטשער יוניאָן האָט אין פאַרלויף פון דער צייט געעפענט איינינע קאָאָפּעראַטיווע בוטשער־שעפּער, כדי מיט מעהר ערפאָלג צו קענען

באַקעמפֿען די באַלעבאַטים אין צײַט פֿון סטרײַקס. און דאָס האָט פֿיל געהאָלפֿען דער יוניאָן צו געווינען די אַרבעטער־פֿאָדערונגען. אויך האָבן אַרבעטסלאָזע בוטשערס געהאַט אַ פּאָר טעג אַרבעט אין דיזע קאָאָפּעראַטיווע שעפּער. לעצטענס האָט די אידישע בוטשער יוניאָן אויסגעקעמפֿט, אַז די באַלעבאַטים זאָלען ערלויבען זייערע יוניאָן־אַרבעטער אָפּצוטרעטען אַ טאָג־צוויי צו גונסטען אַלטע אַרבעטסלאָזע בוטשער־אַרבעטער.

די אידישע בוטשער אַרבעטער יוניאָן איז לאָקאַל 234 פֿון דער אינטערנעשאָנאַל בוטשער אַרבעטער יוניאָן פֿון אַמעריקאַ.

אין די לעצטע פּאָר יאָהר האָט די קאָמוניסטישע מגפֿה באַפֿאַלען אויך די אידישע בוטשער יוניאָן, און דורך זייערע העצעס און מאַנעווערס האָט פּאַסירט אַז אַ געטרײַער יוניאָן־מאַן, ס ע ם ס י ל וו ע ר, אַ יונגער אונשולדיגער קעמפֿער, איז דערשטאָכען געוואָרען אויף טויט פֿון אַ קאָמוניסט.

די יעצטיגע באַאַמטע פֿון דער אידישער בוטשער יוניאָן זײַנען: ס ע ם זוסמאַן און אײַזידאָר לעף, יוניאַן מענעדזשערס, י. בעלסקי, פֿינאַנץ סעקרעטער, א. באָיאַרסקי, פּראָטאָקאָל סעקרעטער, נ. טײַטעלבוים, יוניאָן פּרעזידענט, און ב. לעווין, וויס־פּרעזידענט פֿון דער יוניאָן.

# די יוניאָן פון די אידישע צייטונגס־שרייבער אין ניו יאָרק.

די ערשטע יוניאָן פון אידישע צייטונגס־שרייבער האָט זיך געגרינ־דעט אין ניו יאָרק אין יאָהר 1902. דער פּרעזידענט פון יענער יוניאָן איז געווען אלעקסאנדער הארקאווי. דער סעקרעטער, מאקס פיין, און דער טרעזשורער — מ. קאטץ. די טשארטער־מיטגלידער זיינען געווען יעקב גאָרדין, נ. מ. שייקעוויטש (שמ״ר) און ד. הערמאַלין. א חוץ זיי האָבען צו יענער ערשטער שרייבער יוניאָן גע־הערט: פיליפּ קראַנץ, געצעל זעליקאָוויץ, י. זעווין (תשר״ק), מ. זייפערט, ב. גאָרין, א. פרומקין, ל. גאָטליב, י. א. גאָניקמאַן, און אנדערע.

יענע שרייבער יוניאַן האָט זיך באַלד נאָך איהר גרינדונג אַנגעשלאָ־סען אָן די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

אין יענע יאָהרען האָט זיך די פּראָפעסיע פון א אידישען שרייבער זעהר שלעכט באַצאָהלט. די מעהרסטע שרייבער האָבען פון צייטונגס־שרייבעריי אַליין ניט געקענט מאַכען קיין לעבען. פילע שרייבער האָ־בען געמוזט פאַרנעמען זיך מיט אַנדערע באַשעפטיגונגען אום א לעבען צו מאַכען.

איך ווייס פון א פּאָר פאַלען, וואו רעדאַקטאָרען פון טעגליכע אידישע צייטונגען האָבען באַקומען ניט מעהר ווי 7 דאָלאַר א וואָך. איינער פון די פּאָפּולערסטע אידישע שרייבער אין יענע יאָהרען, וועלכער פלעגט שריי־בען אין די אידישע באַלעבאַטישע צייטונגען, א. טאַנענבוים, פלעגט באַקומען 5 דאָלאַר פאַר צוויי אַרטיקלען. און דאָס האָט דאַן גע־הייסען א גרויסער פּרייז.

איך געדענק ווי צו א פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניגטע אידישע גע־ווערקשאַפטען איז א געוויסען מאָנטאָג אווענד געקומען נ. מ. שייקעוויטש (שמ״ר), דער אַמאָליגער פּאָפּולערער ראָמאַנען שרייבער, און ער האָט גע־בעטען ביי די פאַרטרעטער פון די אידישע אַרבייטער, אַז זיי זאָלען זיך אָננעמען זיין קריוודע: די פּאַבלישערס פון דעם „אידישען העראַלד״, וואו ער שרייבט זיינע ראָמאַנען, צאָהלען איהם זעהר קליינע שכירות, וועלכע ער קאָן קיינמאָל ניט באַקומען אין צייט. גלייך האָט זיך אויפ־

געשטעלט א דעלעגאט פון דער שניידער יוניאן און האט דערצעהלט פאר די פארזאמעלטע, אז ער האט געלעזען כמעט אלע ראמאנען שמר'ס, און ער געדענקט, ווי אזוי דער פארפאסער האט געראטעוועט אלע אונשולדיג־פארפאלגטע פארליבטע יונגע לייט און שעהנע מיידלאך פון די שלעכטע מענשען, און דערפאר דארפען איהם די ארבייטער העלפען, אז ער, אלס שרייבער זאל האבען זיין רעכט.

א צווייטער דעלעגאט צו די געווערקשאפטען האט געמאכט א פאר־שלאג, אז מען זאל גרינדען א יוניאן פון אידישע שרייבער און ווען די אידישער שרייבער האבען זיך אין יאהר 1902 ארגאניזירט, איז שמ"ר גע־ווארען א בעאמטער פון דיזער יוניאן.

אין יאהר 1903 האט די אידישע שרייבער יוניאן ערקלעהרט א סטרייק געגען דער דאמאלסדיגער טעגליכע צייטונג „אידישע וועלט". די שרייבער האבען געפאדערט גרעסערע שכירות און אז די פאבלישערס זא־לען באשעפטיגען יוניאן־שרייבער. דער סטרייק האט געדויערט צוויי וואכען צייט און ער איז פארלוירען געווארען, ווייל צווישען די שריי־בער גופא פון יענער צייטונג האט ניט געהערשט קיין אייניגקייט. עס האט ניט גענומען לאנג און יענע יוניאן האט זיך אויפגעלייזט.

פון דאן אן האבען די שרייבער פון די ניו יארקער אידישע צייטונגען געסטרייקט אייניגע מאל אהן א יוניאן, אן אנדער מאל מיט א יוניאן, אבער כמעט אלע מאל אהן ערפאלג.

ערשט אין יוני, 1915, האבען די שרייבער פון די פינף אידישע טעגלי־כע צייטונגען: „פארווערטס", „טאג", „ווארהייט", „מארגען זשורנאל" און „טאגעבלאט", נאך אמאל ארגאניזירט א שרייבער יוניאן, וועלכע זיי הא־בען א נאמען געגעבען „י. ל. פרץ שרייבער פאראיין". דיזע יוניאן עק־זיסטירט עד היום און זי האט אין פארלויף פון איהר 14־יעהריגער עק־זיסטענץ זעהר פיל אויפגעטאן צו פארבעסערען די לאגע פון די אידישע צייטונגס־שרייבער.

דער ערשטער פרעזידענט פון דער נייער יוניאן איז געווען הלל ראגאף, און דער ערשטער סעקרעטער, יוסף מארגאשעס.

דער י. ל. פרץ שרייבער פאראיין האט זיך אויך אנגעשלאסען אן די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

דעם ערשטען וויכטיגע זיג, וואס דיזע שרייבער יוניאן האט געהאט, איז געווען, ווען די צוויי אידישע צייטונגען, די „ווארהייט" און דער „טאג" האבען זיך פארשמאלצען אין איין צייטונג. דאן האט די שרייבער יוניאן אויסגעפיהרט, אז די געוועזענע מיטגלידער פון „ווארהייט"־סטעף, וועלכע

זיינען געבליבען ארבייטסלאָז, זאָלען קריגען באַצאָהלט פון זייערע באַלעבאַטים פאר דריי מאָנאַטען שכירות יעדערער.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט אַ יאהר צוריק, ווען דאָס „אידישע טאָגעבלאַט” האָט אויפגעהערט צו ערשיינען און דער „מאָרגען־זשורנאַל” האָט דיזע צייטונג אָפּגעקויפט. די ארויסגעבער האָבען איינגעצאָהלט דעם פּרץ־שרייבער פאראיין די סומע פון צוועלף טויזענד דאָלאר, וועלכע די יוניאָן האָט צוטיילט צו אַלע „אינסייד” שרייבער פון „טאָגעבלאַט”, וועלכע זיינען געבליבען אָהן אַ באַשעפטיגונג.

די שרייבער יוניאָן האָט אויסגעקעמפט דעם וויכטיגען פּונקט, אַז ווען אַ שרייבער איז באַשעפטיגט איבער דריי מאָנאַטען אין אַ רעדאַקציע, קען איהם דער ארויסגעבער ניט אַוועקשיקען פון פּלאַץ, סיידען ער האָט אַ גענוגענדען גרונד דערפאַר. און ווען אַ שרייבער קען שוין יע ענטזאָגט ווערען פון אַ רעדאַקציע, דאַרף ער באַקומען פון באַלעבאָס פאר דריי מאָנאַטען שכירות.

דער י. ל. פּרץ שרייבער פאראיין האָט אָהן סטרייקס דורכגעפיהרט, אַז די מינימום שכירות פון אַ צייטונגס־שרייבער זאָל זיין 70 דאָלאר אַ וואָך. די מעהרסטע שרייבער אָבער וועלכע ארבייטען אינעווייניג אין דער רעדאַקציע, באַקומען פיל מעהר.

דער י. ל. פּרץ שרייבער פאראיין צעהלט איצט איבער 200 מיטגלידער. ער האָט דורך אונטערנעמונגען געשאַפען אַ פאָנד פון צוואַנציג טויזענד דאָלאר, מיט וועלכע עס זיינען געשטיצט געווארען אידישע שרייבער און קינסטלער אין אויסלאַנד.

דער י. ל. פּרץ שרייבער פאראיין האָט אויך געהאָלפען זיינע אייגענע מיטגלידער פינאַנציעל.

איינער פון די טעטיגסטע מיטגלידער פון אידישען שרייבער פאראיין איז חנן י. מיניקעס, דער ארויסגעבער פון די „מיניקעס יום־טוב בלעטער”.

דעם אמט פון פּרעזידענט פון י. ל. פּרץ שרייבער פאראיין האָבען אין פארשידענע צייטען פארנומען הלל ראָגאָף, א. זעלדין, א. ש. זאַקס און ב. צביון.

מאָריס ווינטשעווסקי איז איינציגע יאָהר געווען דער טרעזשורער פון פאראיין.

די איצטיגע בעאמטע פון פאראיין זיינען: א. זעלדין, פּרעזידענט; ל. פאַגעלמאַן, וויס־פּרעזידענט; ד. ל. מעקלער, טרעזשורער און תלוש, סעקרעטער.

# די יוניאָן פון די אידישע בוכבינדער.

אין דעם בוכבינדער טרייד ווערען אריינגערעכענט די אלע, וואס זיי־נען באשעפטיגט ביים צוגרייטען שרייב־פּאפּיר און געדרוקטע מאטעריא־לען פאר'ן געברויך, ביים ליניִרען, צוזאמענלייגען, נעהען און בינדען אלע סאָרטען ביכער און צייטשריפטען, מאכען די טאָוולען פאר לוז־ליף און נאָטיץ ביכער און ענליכע ארבייטען. ביי דעם טרייד זיינען באשעפטיגט אין די פאראייניגטע שטאַטען און קענעדע איבער 50 טויזענד ארבייטער, פון וועלכע בלויז איין פערטעל איז אָרגאניזירט.

נאָך אין יאהר 1888 האָט שוין עקזיסטירט אין ניו יארק א אידישע בוכבינדער יוניאן, וועלכע האָט דעמאָלט באלאנגט צום ארבייטער אר־דען „נייטס אוו לייבאָר". דיזע ערשטע בוכבינדער יוניאן האָט דעמאָלט אויך באלאנגט צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען. דער פיהרער פון יענער אידישער בוכבינדער יוניאן איז געווען ס. ליפּמאַן, א מיטגליד פון דעם אידישען ברענטש ס. ל. פּ. די אידישע בוכבינדער יוניאן איז אין 1893־טען יאהר אונטערגעגאנגען.

אין יאהר 1911 האָט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען אָר־גאניזירט צום צווייטען מאָל א אידישע בוכבינדער יוניאן.

צו יענער צייט האָט די אינטערנעשאָנאל בוכבינדער יוניאן פון אמע־ריקא זיך שוין געהאַט צוריקגעצויגען פון די נייטס אוו לייבאָר, און האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

די אינטערנעשאָנאל יוניאן אין דעם טרייד עקזיסטירט שוין א יאהר 35. עס זיינען געווען צייטען, ווען די אינטערנעשאָנאל בוך־בינדערס יוניאן האָט אויסגעאיבט א פיל שטארקערען קאָנטראָל איבער'ן טרייד ווי זי האָט איצט. אין די יאָהרען פון 1916־1917 האָט די יוניאן געהאַט איבער זיבען און צוואנציג טויזענד מיטגלידער. אין די לעצטע 10 יאהר, אָבער, האָט זי פארלוירען ארום 60 פּראצענט פון איהר מיטגלידערשאפט און כמעט די גאנצע דעה און קאָנטראָל אין טרייד.

אין קיין אנדער אינדוסטריע איז, דוכט זיך, ניט פאָרגעקומען אזא

שנעלע אַנטוויקלונג פון מאַשינען, אַזאַ איבערקערעניש אין מעטאָדען פון פּראָדוקציע, ווי עס איז פאָרגעקומען אין דעם בוכבינדער טרייד אין די לעצטע פופצעהן יאָהר. פון אַ קליינער, אומאַנטוויקעלטער אינדוסטריע, וועלכע איז מעהרסטענס געלעגען אין די הענט פון קליינע אונטערנעמער, וועלכע האָבען געאַרבייט מיט פאַרעלטערטע מעטאָדען, מעהרסטענס האַנט־אַרבייט, איז זי פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גרויס־קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע, מיט קאָסטבאַרע קאָמפּליצירטע מאַשינען און גרויסע שעפּער. די מאַשינען זיינען אַנטוויקעלט געוואָרען כמעט אין יעדער ברענטש.

די צווייטע אידישע בוכבינדער יוניאָן האָט אין די פילע יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ פיל מיטגעמאַכט ביז זי האָט זיך דערשלאָגען, אַז די אינ־טערנעשאָנאַל בוכבינדער יוניאָן זאָל זי ארייננעמען אין איהר פאַרבאַנד. פאַר דער גאַנצער צייט פון איהר עקזיסטענץ האָט די אידישע בוכבינדער יוניאָן געקעמפט און געסטרייקט, אום צו קריגען פאַר איהרע מיטגלידער בעסערע אַרבייטס באַדינגונגען.

לאָקאַל 24, דער אידישער לאָקאַל פון דער בוכבינדער יוניאָן, האָט אויסגענוצט די צייט פון דער מלחמה פּראָספּעריטי צו דערשלאָגען זיך צו בעסערע באַדינגונגען אין זייערע שעפּער. כאָטש ער איז געווען דער־איינגסטער לאָקאַל אין דער אינטערנעשאָנאַל (ער האָט ערשט געקראָגען דעם טשאַרטער אין 1916), איז דאָך דעם לאָקאַל געלונגען דורכצופיהרען אַ סטרייק אין די שעפּער פון דעם פאַך, וועלכען ער האָט קאָנטראָלירט און געווינען אַ מינימום סקייל פון 18 דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַלע בעלי־מלאכות און 14 דאָלאַר אַ וואָך פאַר די אַרויסהעלפער. דאָס האָט דעם לאָקאַל געגעבען פּרעסטיזש צווישען די אַרבייטער און אין יאָהר 1917 האָט ער שוין געהאַט אַרום זיבען הונדערט מעמבערס.

אין 1919 האָט דער לאָקאַל ווידער אַרויסגערופען אַ סטרייק אין די שעפּער וואָס ער האָט קאָנטראָלירט. נאָך אַ קורצען קאַמף האָבען די אַר־בייטער געוואונען די 44 שטונדיגע אַרבייטס־וואָך און אַ העכערונג פון 6$ אויף די שכירות. אימיצער האָט אָבער „אַפּגעטיפּט" די באָסעס און זיי האָבען אַריינגעשיקט אַ קלאַגע צום פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, אַז דער סטרייק איז געגען דעם אַרביטריישאָן אַגרימענט, וועלכער איז גע־שלאָסען געוואָרען מיט דער פּרינטינג אינדוסטריע, ווייל די יוניאָן האָט זיי ניט געגעבען קיין ניינציג טעג נאָטיס, ווי דער אַגרימענט שרייבט פאָר. דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט דאַן געאָרדערט די אידישע אַרבייטער פון לאָקאַל 24 צו געהן צוריק אַרבייטען 48 שטונדען און צוריק־צאָהלען די באָסעס די זעקס דאָלאַרדיגע, וואָס זיי האָבען געקראָגען דורך

די פאָר וואָכען נאָכ'ן סטרייק. דער דאָזיגער אָרדער האָט פיל געשעדיגט דער יוניאָן. א סך מיטגלידער האָבען אוים כעם פארלאָזען די יוניאָן. דער לאָקאל האָט דורך דעם פארלאָרען א היבש ביסעל מיטגלידער.

די אידישע בוכבינדער זיינען מעהרסטענס געווען באשעפטיגט אין די קליינע שעפער. זייער פעלד איז דערפאר געווען א באגרענעצטער. מיט דער קאָנקורענץ, וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט אין טרייד דורך דער איינפיהרונג פון מאשינען זיינען זייערע ארבייטס מעגליכקייטען נאָך מעהר פארקלענערט געוואָרען. ווען זיי האָבען זיך נאָך פאראייניגט מיט לאָקאל איינס פון דער אינטערנעשאָנאל און די וואָס האָבען פארלאָרען די דזשאבס ביי די עדישאָן ארבייט דורכ'ן סטרייק, האָבען אָנגעהויבען אריינדרינגען אין די קליינע שעפער, האָט עס זעהר שטארק פארגרעסערט די ארבייטסלאָזיגקייט.

לעצטענס האָט דער אידישער ברענטש באקומען א סאָב טשארטער אלס זעלבסטשטענדיגער ברענטש פון לאָקאל 25, מיט אַן אייגענער פארוואלטונג און אויטאָנאָמיע איבער די שעפער, וועלכע זיי האָבען פריער אויפגעהאלטען. דער ברענטש איז אָבער דורך דער צייט שטארק אָפּגעשוואכט געוואָרען.

# די יוניאנס פון די אידישע לאונדרי ארבייטער.

## די סטים לאונדרי אַרבייטער יוניאָן.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט נאָך אין יאהר 1910 געזוכט צו אָרגאַניזירען די ארבייטער פון סטים־לאָנדרים (וועשערייען), עס איז אָבער דעמאָלט געלונגען צו אָרגאַניזירען בלויז עטליכע הונ־דערט ארבייטער פון די דרייסיג טויזענד, וואָס זיינען באַשעפטיגט אין דעם טרייד. יענע ערשטע יוניאָן האָט עקזיסטירט א האלב יאָהר און איז אונטערגעגאַנגען.

אין יאָהר 1926 האָט זיך אין ניו יארק אָרגאַניזירט די סטים לאָנדרי וואָירקערס יוניאָן, לאָקאַל 209 פון דער לאָנדרי וואָירקערס אינטערנעשאָ־נאַל. די יוניאָן האָט געמאַכט איינינע פארזוכען צו אָרגאַניזירען דעם טרייד. דאָס איז איהר אָבער פאָרלויפיג נאָך ניט געלונגען. דעם עלע־מענט, וואָס ארבייט אין די סטים לאָנדרים, איז שווער צו אָרגאַניזירען.

אין ניו יארק זיינען פאראַן 400 סטים־לאָנדרים. ביי אַ פופציג פון זיי וואַשען די וועש פאר די 3,000 הענד־לאָנדרים, וואָס האָבען סטאָרס אין די פארשידענע געגענדען פון ניו יארק. דיזע סטים לאָנדרים שיקען אויך ארויס דרייווערס מיט וועגענער אָנצונעמען וועש פון פאַמיליעס. די וועש ווערט געוואַשען, געפרעסט און נאָכהער צוריקגעבראַכט פון דיזע דריי־ווערס צו די קאָסטאָמערס. איינינע פון דיזע סטים לאָנדרים ספּעציאַ־ליזירען זיך אין וואָס מען רופט „לינען סופּליי". זיי וואַשען און פּרע־סען פאר האָטעלס, רעסטאָראַנען, באַרבערס, בוטשערס און אָפיסעס.

אין די לעצטע 5 יאָהר צייט איז די צאָהל ארבייטער אין די סטים לאָנדרים פיל פאַרקלענערט געוואָרען, ווייל די נייע־ערפונדענע מאַשינען צו וואַשען, און הויפּטזעכליך צו פרעסען וועש, האָבען ארויסגעוואָרפען א סך ארבייטער פון זייער באַשעפטיגונג. מען ארבייט יעצט אין דיזע סטים וועשערייען מעהר מיט מאַשינען איידער מיט מענשליכע הענט.

די ארבייטער, וואָס זיינען ניט אָרגאַניזירט, פאַרדינען קלעגליכע שכירות און אַרבייטען אונטער שלעכטע באַדינגונגען.

פילע פון די וועשערייען געפינען זיך אין שמוציגע, נאַסע קעלערס. די אַרבייטער טראָגען דאָרטען ראָבערנע שטיוועל, ווייל זיי שטעהען כסדר אין וואַסער. פילע פון די, וואָס אַרבייטען לאַנג אין אַ לאָנדרי ליידען פון רומאַטיזם.

אין אַ סטים־לאָנדרי ליגען שטענדיג אָנגעוואָרפען בערג מיט שמוציגע וועש, וואָס מען ברענגט פון איבעראַל, אָפט מאָל פון שפּיטאָלען, און עס טרעפט, אז מען ברענגט וועש פון חולאים, וואָס האָבען אָנשטעקענדיגע קראַנקהייטען, מען ברענגט פאַרבלוטיגטע וועש פון הרוגים און נאָך שמוציגע זאַכען. אַלץ דאַרף געוואַשען ווערען.

דער ערגסטער גיהנום אין די לאָנדרים איז אין „סטאַרטש־רום", וואו די היץ איז אונערטרעגליך, און דער גערוך פון די כעמישע שטאָפען, וועלכע ווערען באַנוצט ביים וואַשען די וועש, איז אַזוי שטאַרק, אז די אַרבייטער קריגען פון דעם אָפט שרעקליכע קאָפּ־וועהטאָגען.

די אינטערנעשאָנעל לאָנדרי וואָירקערס יוניאָן, וועלכע איז פאַרבונדען מיט דער אמעריקאַן פעדעריישאָן אוו לייבאָר, האָט פאַרגעבראַכט ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן פון דער אמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר אַ ביטע, אז די גאַנצע אַרבייטער באַוועגונג זאָל זיך אונטערנעמען צו אָרגאַניזירען די 30 טויזענד סטים לאָנדרי אַרבייטער פון גרייטער ניו יאָרק און פאַרבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער.

---

## די יוניאָן פון די דרייווערס פון די וועט־וואָש לאָנדרים.

די ערשטע וועט־וואָש לאָנדרי אין ניו יאָרק איז געעפענט געוואָרען אין בראָנזוויל, אין יאָהר 1912. די באַלעבאַטים פון יענער לאָנדרי האָבען גענומען אַרויסשיקען דרייווערס מיט פערד און וועגעלאַך צו נעמען זעקלאַך מיט קויטיגע וועש. מען האָט געקענט אָנשטאָפּען דעם גרעסטען זאַק מיט שמוציגע וועש, און די לאָנדרי האָט עס אויסגעוואַשען פאַר 50 סענט. ווען די פרוי האָט ניט געהאַט גענוג קויטיגע וועש, אום דעם זאַק אָנצושטאָפּען פול, פלעגט זי באָרגען ביי די שכנים זייערע שמוציגע וועש, אום פאַר דעם זעלבען האַלבען דאָלאַר צו געבען דעם דרייווער אַ פולען אָנגעפּאַקטען זאַק מיט וועש.

ביי היינטיגען טאָג איז אין גרייטער ניו יאָרק פאַראַן ביז 300 וועט סטים־וואָש לאָנדרים, וועלכע מאַכען די גרעסטע געשעפטען. יעצט וואַשט מען יעדען באַנדעל שמוציגע וועש וואָס קומט אָן אין דער לאָנדרי און עס קאָסט שוין פיל טייערער ווי אין די ערשטע צייטען, אָבער די אינסייד

ארבייטער פון די וועסט־וואש לאָנדרים זיינען דיזעלבע שקלאַפען ווי די אר־בייטער פון די אַנדערע סטים לאָנדרים. דיזע אינסייד ארבייטער זיינען אויך ניט אָרגאַניזירט, און זיי האָבען ניט קיין יוניאַן.

אין די וועסט־וואַש לאָנדרים זיינען בלויז אָרגאַניזירט די דרייווערס, וועלכע נעמען ביי די באַלעבאַסטעס דעם זעקעל קויטיגע וועש און ברענ־גען איהם נאָכערהייט צוריק. איידער זיי האָבען געהאַט א יוניאַן, פלעגען זיי ארבייטען פון פיר אָדער פינף א זייגער פארטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, כמעט יעדען טאָג. פון די קליינע פארדינסטען זייערע פלעגען זיי נאָך מוזען באַצאָהלען די קאַסטאָמער פאר פארלוירענע וועש. דאָס איי־גענטליך האָט געטריבען די דרייווערס צו אָרגאַניזירען א יוניאַן.

אין א קאַלטען אווענד אין ווינטער פון יאהר 1922, האָבען זיך אין בראָנזווילער לייבאָר לייסעאום פארזאמעלט איבער א הונדערט לאָנדרי־דרייווערס. ווען איינער פון זיי האָט געעפענט די פארזאמלונג, זיינען פּלוצלונג אריינגעלאָפען אכט באוואָפענטע גענגסטערס און דער פיהרער זייערער האָט א געשריי געטאָן: „ארויס פון דאַנען!” און זיי האָבען טאקע אַלעמען ארויסגעטריבען פון האָל.

ווען די ארבייטער זיינען ארונטער אין גאַס, האָבען זיי דאָרטען גע־טראָפען א גרויסע צאָהל שלעגער מיט רעוואָלווערען און מיט „בלעק־דזשעקס” אין די הענט, וועלכע האָבען זיי מערדערליך אטאַ־קירט. דער איבערפאַל האָט געדויערט א 15 אָדער 20 מינוט און א פּאָ־ליסמאַן האָט מען ניט געקענט געפונען פאר א רענדעל. די גוואַלדען זיינען געווען אזוי גרויס, אז דער גאַנצער געגענד ארום דעם בראָנזווילער לייבאָר לייסעאום איז אויפגערודערט געוואָרען פון די קרעכצען און וועה־געשרייען פון די צוקאַליעטשעטע ארבייטער, וועלכע זיינען געלעגען אין גאַס, ווער מיט א צושפּאָלטענעם קאָפּ, ווער מיט אַן אויסגעשלאָגענע אויג, און ווער מיט אויסגעהאקטע ציינער.

א. י. שיפּליאַקאָף איז דאַן געווען דער מענעדזשער פון בראָנזווילער לייבאָר לייסעאום און ער האָט זיך איינער אליין געשטעלט געגען די שטארקע שלעגער און האָט געטרייעט צו רופען די ארבייטער צוריק צו דער פארזאמלונג. די צושלאָגענע, צוקאַליעטשעטע און צושראָקענע ארבייטער זיינען שוין אָבער יענעם אווענד צוריק צו דער פארזאמלונג ניט געגאַנגען. שיפּליאַקאָף אָבער האָט ניט גערוהט. ער האָט אויפ'ן צווייטען טאָג גערופען א קאָנפערענץ פון אַלע בעאַמטע פון די שניידער, קלאָוקמאַכער, בעקערס, קארפּענטערס און פון אַלע אנדערע יוניאַנס. די

קאָנפערענץ איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין בראָנזוויללער לייבאָר לייסעאום און האָט געגומען אַ שטעלונג.

די לאָנדרי באַלעבאַטים האָבען אין איינינע טעג ארום זיך געזעהן מיט שיפּליאַקאָף׳ן און די פּאַרוואונדעטע לאָנדרי דרייווערס, וועלכע האָבען ניט געקענט ארבייטען, זיינען פאַרגיטיגט געוואָרען פאר זייערע ליידען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די לאָנדרי דרייווערס האָבען געקראָגען מוט זיך צו אָרגאַניזירען און אַ לאָנדרי דרייווערס יוניאָן איז דאַן אין בראָנזוויל געגרינדעט געוואָרען. אויף דער רעקאָמענדאַציע פון א. י. שיפּ־ליאַקאָף האָט די יוניאָן דאַן אָנגעשטעלט אלס איהר אָרגאַנייזער מ. שעכטער׳ן, וועלכער האָט די ערשטע צייט געאַרבייט פאר די לאָנ־דרי דרייווערס אָהן שכירות.

צווישען די לאָנדרי־ארבייטער, וועלכע האָבען געהאָלפען גרינדען די יוניאָן זיינען געווען: מ. פרידמאַן, ה. גאַנשער און דוד גינסבערג.

דעם 14־טען יוני, 1923, איז דיזע דרייווערס יוניאָן, וועלכע איז די גאַנצע צייט געווען פאַרבונדען מיט די פאַראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען געוואָרען אַ לאָקאַל פון דער אינטערנעשאָנאַל טימסטערס און שאופערס יוניאָן לאָקאַל 810.

אין יאַנואַר, 1924, האָבען די בראָנזווילער וועט וואש באַלעבאַטים אויסגעשלאָסען 150 לאָנדרי דרייווערס, די מיטגלידער פון דער יוניאָן לאָקאַל 810, ענטזאָגענדיג זיך צו באַשעפטיגען יוניאָן דרייווערס. יענער סטרייק־לאָק־אויט האָט געדויערט 8 וואָכען. ענדליך האָבען די באַלעבאַ־טים נאָכגעגעבען די פאָדערונגען פון די ארבייטער. זייט דאַן ארבייט דער לאָקאַל 810 צו אָרגאַניזירען די לאָנדרי דרייווערס פון אַלע געגענדען פון גרייטער ניו יאָרק, און דיזע יוניאָן איז יעצט אַן עטאַבלירטע שטאַרקע ארבייטער אָרגאַניזאַציע. דער מענעדזשער פון דיזער יוניאָן איז דערזעל־בער מ. שעכטער.

---

## די פרעסערס פון אַלטע העמדער אין האַנד־לאָנדרים.

די דריטע אידישע יוניאָן אין דעם לאָנדרי טרייד איז די אינטערנע־שאָנאַל לאָנדרי וואַירקערס יוניאָן, וועלכע איז פאַרבונדען מיט דער אמע־ריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, צו וועלכער עס געהערען מייסטענס אַזעל־כע לאָנדרי ארבייטער, וועלכע ארבייטען אלס פרעסערס אין הענד־לאָנ־דרים. אין ניו יאָרק האָט דיזע יוניאָן אַ לאָקאַל פון שוירט אייראָנערס, לאָקאַל 280. די גרעסטע צאָל פון זיי זיינען אידישע ארבייטער, וועל־

כע פרעסען די מענער־העמדער. אַט די ליין ארבייט פון לאָנדרי פאך איז שוין זייט יאָהרען אָרגאַניזירט. די פאראייניגטע אידישע געווערק־שאפטען האָט דיזע ארבייטער נאָך מיט דרייסיג יאהר צוריק געהאָט אָר־גאַניזירט אין א יוניאָן. פילע פון די איצטיגע ניו יאָרקער אידישע דאָק־טוירים, דענטיסטען, לאָיערס און אינזשינירען, ארכיטעקטען און ריעל עס־טייט הענדלער האָבען זייער קאַריערע אָנגעפאַנגען ערגעץ אויף עסעקס סטריט אין אַ הענד־לאָנדרי, וואו זיי האָבען געפרעסט אַלטע העמדער, אין דער איצטיגער שוירט אייראָנערס יוניאָן זיינען נאָך הייגט אויך פּאַ־ראַן אַ היבשע צאָל אינטעליגענטען. די צרה מיט דער ליין ארבייט איז, וואָס אַ שוירט אייראָנער דאַרף אָנהאַלטען דריי־פיר דזשאָבס אין פארשי־דענע הענד לאָנדרים, וואו ער לויפט אויספרעסען א פּאָר טוץ העמדער, אום צו קענען מאַכען א וואָך שכירות.

אין די הענד־לאָנדרים פרעסען די יונגע לייט בלויז מיט'ן האַנט. די סטים לאָנדרים האָבען לעצטענס אריינגעשטעלט אין זייערע וועשע־רייען מאַשינען צום פרעסען אַלטע העמדער. עס איז א שווערע פּראַצע. דער ארבייטער דאַרף אַפּשטעהן אין די בעק פון דער קליינער הענד־לאָנדרי 10, 12 און אַמאָל 15 שטונדען, ביז ער ווערט פארטיג. פון דער שרעק־ליכער היץ פון פרעס אייזען גיסט זיך פון איהם שוויים שטראָמען־ווייז, און ער האַלט אין איין פרעסען. דערפאר איז ער פריי זונטאָג און מאָנ־טאָג, ווייל דעמאָלט איז קיין ארבייט ניטאָ.

די שוירט אייראָנערס ארבייטען פון שטיק, דער שנעלסטער בעל־מלאכה קען אויסארבייטען ביז 40 דאָלאר א וואָך, ווען ער האָט נאָר גע־נוג העמדער צו פרעסען.

# די יוניאָן פון די אידישע אינסייד־אייזען אַרבייטער.

דער ערשטער אידישער ברענטש פון דער אינסייד אייזען ארבייטער יוניאן איז געגרינדעט געווארען פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען נאָך אין יאָהר 1892. די יוניאן פון דעם פאַך איז צו יענער צייט באשטאַנען פון דייטשע ארבייטער. די צאָל אידישע אייזען־ארבייטער איז דאן געווען זעהר קליין, אָבער פון דעם יאָהר 1906 אָן זיינען פון רוסלאַנד אהער געקומען מאַסען יונגע לייט, וועלכע זיינען אין דער היים געווען שלאָסערס. ווען עס האָבען זיך גענומען אויפבויען די אידישע קווארטאַלען אין בראַנזוויל, אין די בראָנקס און אין בארא פארק, זיינען אָט די היימישע שלאָסערס אריין אין די פאבריקען, וואו מען האָט געארבייט די אייזען פאַר די געביידעס. עס זיינען אויך אונטער דער צייט אריינגעקומען פילע אמעריקאנער אידישע געבוירענע יונגעלייט אין דעם טרייד, אזוי דאָס יעצט געפינען זיך אין דעם אינסייד אייזען טרייד אין ניו יארק אונגעפעהר אכציג פראָצענט אידישע ארבייטער.

די אינסייד אייזען ארבייטער זיינען די וועלכע ארבייטען אין די פאבריקען און מאכען די באַלקענס, די פריים ארבייט פון די בילדינגס, די טרעפ, די טירען פון די האָלס, די טויערען און שטאַכעטען פון די יארדס, די פייער־עסקייפס, די טירען און גראַטעס פון די קעלערס, א. ז. וו. די אויטסייד ארבייטער זיינען עס די, וועלכע נעמען די פארטיגע פראָדוקטען און שטעלען זיי צוזאמען אין די בילדינגס. אויך אין דיזער אָפטיילונג געפינט זיך שוין אין ניו יארק אונגעפער פופציג פראָצענט אידישע ארבייטער.

די ארבייטער אין די אייזען פאבריקען זיינען צוטיילט אויף פארשידענע גראַדען פאַך־לייט. עס זיינען דאָ די פינישערס, די וואָס קענען גרינדליך די ארבייט, און דאַן קומען די העלפערס. די ארבייט איז זעהר א שווערע און איז פול מיט געפאַר.

אין יאָהר 1906 האָבען דיזע ארבייטער געקראָגען קליינע שכירות. די גוטע מעכאניקער, די פינישערס, פלעגען דאַן קריגען 16 דאָלאר א וואָך.

די העלפּערס פּלעגען נאָך טאָן שווערערע ארבייטען ווי די פּינישערס און די מערסטע פון זיי פּלעגען ארבייטען פון עטליכע און פופציג ביז זעכציג שטונדען א וואָך.

דער אייזען ארבייטער איז שטענדיג פארשוויצט ביי דער ארבייט. עס גיסט זיך פון איהם נאָכאַנאַנד דער שוויים. דער זשאַווער פון די אייזען מישט זיך אוים מיט זיין שוויים, און דאָס געהט אריין אין זיין הויט. אָפט ווערט זיין געזיכט דערפון געשוואָלען, און ער מוז לויפען אין האָספּיטאָל זיך קורירען.

אין די מלחמה יאהרען, ווען די ארבייטער פון אלע פאכען האָבען געקראָגען גוטע שכירות און האָבען אויסגעקעמפט 44 שעה א וואָך ארבייט, זיינען אין יענער צייט די אינסייד־אייזען ארבייטער געשטאַנען אָפּגעריסען פון זייער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן, און דערפאַר האָבען זיי אין די גרויסע 60 אינסייד אייזען שעפּער געארבייט 48 שעה א וואָך. די „הויז־סמיטס", די וואס שטעלען צוזאמען די אייזערנע פריימס פון די „הימעל־קראַצערס", האָבען זיי ניט געשטיצט און דערפאַר זיינען די 1500 אינסייד אייזען־ארבייטער ניט געווען בכח צו געווינען פאַר זיך די 44־שטונדיגע ארבייטס־וואָך.

אין ניו יארק זיינען אָבער פאַראַן קנאַפּע 300 קליינע אייזען־שעפּער, וועלכע געפינען זיך אין קעלערס, אין אַלטע בילדינגס, אין יארדס, אין „שענטיס". דיזע 1500 אייזען ארבייטער פון דיזע קליינע שעפּער, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אויך איינינע גרויסע „אינדעפּענדענט" שעפּער, זיינען גוט אָרגאַניזירט און זיי ארבייטען שוין 44 שטונדען א וואָך. אין דיזע יוניאָן שעפּער איז אויך פאַראַן א סקייל און ווייזשעס. די מייסטע אייזען ארבייטער באַקומען באַצאָהלט פון שטונדע.

אין יאָהר 1926 האָט דיזע „אינדעפּענדענט אינסייד אייזען ארבייטער יוניאָן" אָנגעפיהרט אין ניו יארק א גענעראל סטרייק און דער רעזולטאַט איז געווען, אז אין די קליינע שעפּער האָט די יוניאָן געוואונען דעם מינימום פון 1 דאָלאַר מיט 10 סענט פאַר א פינישער און 85 סענט א שטונדע פאַר א העלפּער. אין די גרויסע שעפּער האָט די „אינדעפּענדענט יוניאָן" גאָר ניט אויסגעפיהרט. אין גאַנצען זיינען אין דעם פאַך באַשעפטיגט אין ניו יארק ביי א פיר טויזענד ארבייטער, 50 פּראָצענט פון זיי זיינען אידען.

די יוניאָן איז פילע יאָהרען געפיהרט געוואָרען פון קאָמוניסטען. אָבער אין אויגוסט, 1929, האָבען די ארבייטער ערוועהלט אלע „רעכטע" בעאמטע און די קאָמוניסטען זיינען דורכגעפאַלען.

## די יוניאָן פון די אידישע דרייווערס.

די אידישע באַלעגאַלעס, אָדער דרייווערס, וועלכע צופיהרען אויף וועגענער די פארשידענע פאַבריצירטע ארטיקלען אָדער שפייז, זיינען פאר יאָהרען לאַנג געווען די ערגסטע שקלאַפען, ניט אזוי צוליב די קלענליכע שכירות, וואס זיי האָבען באַקומען, ווי צוליב די לאַנגע שטונדען, וואס זיי האָבען געארבייט. א דרייווער, וועלכער פלעגט פיהרען מעבעל פון די סטאָרס צו קאַסטאָמער פלעגט אָפט ארבייטען שווערער ווי די פערד, וועל־כע ער האָט געטריבען, ווייל ווען דער דרייווער פלעגט פארטיג ווערען מיט צופיהרען די מעבעל, פלעגט ער ערשט דארפען באדינען די פערד אין שטאַל.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט צום ערשטען מאָל אָרגאַניזירט די מעבעל־דרייווערס יוניאָן אין יאָהר 1904. דער ערשטער דעלעגאַט פון דיזער באַלעגאַלעס יוניאָן אין ניו יארק איז געווען א. ב ע ר ק מ א ן, א כאָריסט, וועלכער פלעגט אין די יום־טובים זינגען ביי א חזן און א גאַנץ יאָהר אין אידישען טעאַטער. דער צווייטער דע־לעגאַט פון דיזער יוניאָן איז געווען א. ב ר א ו נ ש ט י י ן, אליין א באַלעגאָלע.

צו יענער ערשטער יוניאָן האָבען דאַן באַלאַנגט ארום א הונדערט מיטגלידער, א סך פון זיי זיינען געווען באַלעגאַלעס פון דער היים, אנדערע זיינען געוואָרען באַלעגאַלעס אין אמעריקא. די שכירות פון א באַלעגאָלע זיינען דאַן געווען פון 6 ביז 7 דאָלאַר א וואָך און די ארבייטס־שטונדען אונבאשטימט. געארבייט האָט מען דאַן זיבען טעג אין וואָך. איינינע דרייווערס פלעגען שלאָפען אין מעבעל־געשעפט אדער אין שטאַל לעבען די פערד.

אזוי שנעל ווי די יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען, האָט זיך אָנגע־פאנגען א סדרה פון סטרייקס. איינינע סטרייקס האָט די יוניאָן געוואָר־נען, אנדערע פארלוירען. יוניאָן־שטונדען האָט דאַן געהייסען פון פארטאָג ביז 10 א זייגער אין אווענד.

די באַלעגאַלעס האָבען מוטיג געקעמפט פאר זייער רעכט צו האָבען

א יוניאָן, טראַצדעם, וואס די יוניאָן האָט אין יענע ערשטע צייטען זיי געגעבען ווייניג פארבעסערונגען. די נוצען אָבער פון יענע קאמפען גע־ניסען היינטיגען טאָג די יונגע נייע פאָרניטשור־דרייווערס, וועלכע זיינען געקומען שפּעטער.

אין די מלחמה יאָהרען, ווען עס האָבען אויסגעפעהלט ארבייטער אין לאנד, האָבען די אידישע באַלעגאָלעס אויך אויסגעקעמפט פאַר זיך גרע־סערע שכירות און בעסערע באהאנדלונג. אָבער אין יאָהר 1919, ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָבען די פאָרניטשור סטאָר־קיפּערס פון ניו יארק אויסגעשלאָסען פון דער ארבייט אלע זייערע יוניאן דרייווערס פון לאָקאל 285, אינטערנעשאָנאל טימסטער פארבאנד פון אמעריקא (אזוי האָט זיך גערופען דאן זייער יוניאן). די באַלעבאַטים האָבען געוואָלט האָבען „אָפּען־שאָפּ“.

זעקס־און־צוואנציג וואָכען האָט געדויערט יענער קאמף פון די באַלע־גאָלעס. די באַלעבאַטים האָבען דאן דורך פארשידענע בלבולים אלע יוניאן בעאמטע, צוזאמען מיט פילע טעטיגע מיטגלידער, ארייננעוואָרפען אין טור־מע, וואו זיי האָבען א צייט געשמאַכטעט און נאָכהער געהאַט שווערע פּראָצעסען. איינער פון די סטרייקערס איז געווען פארשיקט אין סינג־סינג.

יענעם סטרייק האָט די יוניאן דאן גענצליך פארלוירען און די באַלע־גאָלעס זיינען פון די באַלעבאַטים ווידער פארטריבען געוואָרען אין א שקלאַפעריי. דאָס האָט געדויערט ביז דעם יאָהר 1924.

אין יענעם יאהר האָט מ. בראון, אליין א דרייווער, און יעצט דער מענעדזשער פון דער יוניאן (וועלכע איז איצט לאָקאל 138), צוריק אָרגאַניזירט די פאָרניטשור־דרייווערס פון אלע מעבעל סטאָרס און פאָרני־טשור פאבריקען. נאָך איינינע ערפאָלגרייכע סטרייקס האָבען די באַלע־באַטים געמוזט ווידער אנערקענען די יוניאן און געבען זייערע ארבייטער העכערע שכירות און גוטע באהאנדלונג.

היינט צו טאָג באשטעהט די גרעסטע צאָל מיטגלידער פון דער דריי־ווערס יוניאן פון אמעריקאניזירטע יונגעלייט.

צו לאָקאל 138 דרייווערס־יוניאן באלאנגען אויך די באַלעגאָלעס, וואס פיהרען פונאנדער די זעק און פעסער מעהל צו די בעקערייען. דיזע אר־בייטער האָט אָרגאניזירט סעמועל שאָר, (אליין א באַלעגאָלע) אין יאָהר 1909. די ארבייט פון דיזע מעהל־דרייווערס איז זעהר א שווע־רע. זיי פלעגען אויך שקלאַפען אלע 7 טעג אין וואָך פאַר א הונגער לוין. היינט באקומען זיי 60 דאָלאר א וואָך און איינינע זאגאר מעהר. ווען

דיזע ארבייטער האָבען זיך אָרגאַניזירט זיינען אַלע מעהל־דרייווערס גע־וועזן אידען. אצינד זיינען 90 פּראָצענט פון זיי קריסטען, אָבער די פיהרער פון דער יוניאָן זיינען עד היום אַלע אידען.

צו לאָקאַל 138 באַלאַנגען אויך די דרייווערס פון די גורטאָוועס (האָל־סייל) גראָסערי געשעפטען. דיזע באַלעבאָלעס האָבען נאָך אין יאָהר 1901 זיך אָרגאַניזירט אין אַן אינדעפּענדענט דרייווערס יוניאָן. זיי זיינען אַלע אידען.

אין יאָהר 1914 האָט זיך דיזע גראָסערי דרייווערס יוניאָן אָנגע־שלאָסען אָן לאָקאַל 138 פון אינטערנעשאָנאַל פאַרבאַנד. זייערע שכירות זיינען אין דורכשניט 45 דאָלאַר אַ וואָך. היינט צו טאָג זיינען צווישען דיזע גראָסערי באַלעבאָלעס פאַראַן ארבייטער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלי־טעטען. די יוניאָן פיהרט יעצט אָן אַ גרויסען קאמפּיין צו אָר־גאַניזירען די דרייווערס, וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין די טשעין־גראָ־סערי סטאָרס.

צו לאָקאַל 138 באַלאַנגען אויך די בעקער דרייווערס, וועלכע זיינען פון לאָקאַל 138 אָרגאַניזירט געוואָרען אין יאהר 1927, אין צייט פון דעם בעקער סטרייק ביי די צוויי גרויסע אידישע בעקער פיר־מען, מעסינג און פעכטער. דאַן זיינען דיזע ניי־אָרגאַניזירטע בעקער דריי־ווערס גלייך אַרויס אין אַ סימפּאַטיע סטרייק פאַר די סטרייקענדע בעקער ארבייטער געגען מעסינג און פעכטער.

# די יוניאָן פון די אַרבייטער ביי לעבעדיגע און כשר־געקוילעטע עופות.

אין יאָהר 1913 האָט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען גע־האָלפען גרינדען אין ניו יארק א יוניאן פון אידישע ארבייטער, וועלכע האָבען געארבייט אין טשיקען־מארקעטס ביי לעבעדיגע און כשר־געקוילעטע עופות, ווי אויך די אידישע שוחטים.

די לאַגע פון ארום 500 טשיקען־מארקעט־ארבייטער איז געווען א שרעקליכע. זיי פלעגען ארבייטען 100 שעה א וואָך. די העכסטע שכירות זיינען געווען 12 דאָלאר א וואָך. אין א טשיקען מארקעט, וואו מען פלעגט שעכטען פינף טויזענד טשיקענס א וואָך, פלעגען זיין באַשעפ־טיגט בלויז איין שוחט און צוויי ארבייטער.

דער אָרגאַנייזער פון דיזער יוניאן איז געווען מ א ק ס ש וו א ר ץ, א יונגערמאַן, אן אינשורענס אגענט, צו וועלכען עטליכע ארבייטער פון דער פּראָפעסיע האָבען זיך געווענדעט, אז ער זאָל זיי אָרגאַניזירען.

ווען די יוניאן האָט עקזיסטירט א פּאָר מאָנאַטען, האָט זי ארויס־געשיקט פאָדערונגען צו די באַלעבאַטים פאַר א העכערונג פון שכירות, 65 שטונדען א וואָך ארבייט, אנערקענונג פון דער יוניאן און מעהר געצאָהלט פאַר אָווערטיים. עס איז דאן פאָרגעקומען א גענעראל סטרייק פון דיזע ארבייטער. די יוניאן האָט אָבער יענעם סטרייק ניט געוואונען.

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט דיזע ארבייטער גע־האָלפען א צווייטען מאָל זיך אָרגאַניזירען און אויסקעמפען פאַר זיך עט־וואָס בעסערע ארבייטס־באַדינגונגען. אין א צייט ארום האָט זיך דיזע יוניאן פאראייניגט מיט די דרייווערס יוניאן פון דעם אינטערנעשאָנאַל טימסטערס פאַרבאַנד, וועלכע פיהרען די עופות פון די טריינס צו די טשיקען מארקעטס. דיזע יוניאן איז איינע פון די שטאַרקסטע יוניאָנס פון ניו יארק. די יוניאן־פיהרער פון די אידישע טשיקען־מארקעט אר־בייטער זיינען יעצט איירישע פורמאַנעס.

# קליינע יוניאָנס.

איך וויל דאָ נאָטירען די נעמען פון אַלע עקזיסטירענדע אידישע יוניאָנס, וועלכע זיינען אין די לעצטע יאָהרען אָרגאַניזירט געוואָרען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, אויך די נעמען פון יוניאָנס, וועלכע האָבען א סך אידישע מעמבערס אין זייערע אָרגאַניזאַציעס. א גרויסע צאָהל פון דיזע יוניאָנס זיינען נאָך היינט פאַרבונדען מיט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יארק. דאָס זיינען די יוניאָנס פון דער אידישער טעאַטער פראָפעסיע: די אידישע כאָריסטען יוניאָן, אידישער טעאַטער מוזיקעל קלוב, טעאַטער אָשערס און ביל־פּאָס־טערס יוניאָן, טעאַטער שניידערס און דרעסערס יוניאָן, טעאַטער טיר־שטייערס יוניאָן, סטיידזש קאַרפּענטערס יוניאָן, די מואווינג־פּיקטשור אפּערייטאָרס יוניאָן, „שיפליי" עמבראָידערערס יוניאָן, סוויס עמבראָידער־ערס יוניאָן, טוך־עקזאַמינערס יוניאָן, שוה־ריפּיירערס יוניאָן, דעליקאַטעסען און קאונטער ווארקערס יוניאָן, אייז־קרים מייקערס און דרייווערס יוניאָן, סליידער סיילסמענס יוניאָן, וואורשט־מאַכער יוניאָן, אייער קענדלערס יוניאָן, מילך דרייווערס יוניאָן, פאָרניטשור סיילסמענס יוניאָן, ריטייל שוה־סיילסמענס יוניאָן און בעדער ארבייטער יוניאָן.

# אונטערגעגאַנגענע יוניאנס.

פאַר די נאָהענט פון פופציג יאהר, וואס די אידישע ארבייטער באַוועגונג אין אמעריקא עקזיסטירט זיינען פאַרגעקומען ריזיגע ענדערונגען אין עקאָנאָמישען לעבען פון אמעריקא. פילע טריידס, וואס זיינען אמאָל געוועזען גרוים און שטארק, זיינען שפּעטער צוליב די ענדערונגען פון דער מאָדע, צוליב דער איינפיהרונג פון נייע מאַשינען אדער צוליב אנדערע אורזאכען אינגאנצען אונטערגעגאנגען און צוזאמען מיט די טריידס זיינען אויך אונטערגעגאנגען די יוניאנס פון די ארבייטער, וואס זיינען געוועזען באשעפטיגט אין די דאָזיגע טריידס און אינדוסטריען.

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האט אין פאַרלויף פון די לעצטע עטליכע און פערציג יאָהר צייט אָרגאַניזירט יוניאנס כמעט אין אלע אינדוסטריען און טריידס, ביי וועלכע אידישע ארבייטער זיינען נאָר געוועזען באשעפטיגט. יעדען פאַך איז אויסגעקומען עטליכע מאָל צו אָרגאַניזירען. דאָ איז א צעטעל פון די אונטערגעגאנגענע יוניאנס, וואס איך געדענק:

די יוניאנס פון אידישע זייגער מאכערס, סוספּענדערס (שלייקע) מאַכערס, סליפּער־מאַכערס, טאבאק ראָלד סיגארעט מאכערס, אָמברעלאַ מאַכערס, ברעס און אייזען־בעט ארבייטער, אָלטערריישאָן קארפּענטערס, שענדעליער און ברעס ארבייטער, אינדעפּענדענט מייסאָנס און פּלאַסטערערס, גלעזערנע לאָמפּען־שעידס ארבייטער, באַנק־קלוירקס, זיידען־וועבער, קענדיארבייטער, ניפּענטס־בענטס מייקערס, קינסטליכע בלומען און פעדערען ארבייטער,מצבה שלעגערס, נעה־מאַשינען מעכאניקער, זינגער נעה־מאַשינען אגענטען און פילע אַנדערע, וואס איך געדענק שוין ניט.

אייניגע פון דיזע יוניאנס, ווי די יוניאן פון די פּייפּער־סיגארעטען מאכער, די יוניאן פון די יומען־האָר ארבייטער, די יוניאן פון ליולקע מאכער, די יוניאן פון די אידישע שטריקער ארבייטער, די יוניאן פון אָמברעלאַ־הענטעל מאכער, וועמעס אָרגאַנייזער עס איז געוועזען מייקעל אייבראמסאָן, דער טשערמאן פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פאַר

פילע יאהרען. דיזע אַלע יוניאנס זיינען געווען פארהעלטניסמעסיג גאנץ שטאַרק אין די יאהרען פאַר דער מלחמה.

די פייפער־סיגארעטען מאכער יוניאן, צום ביישפיל, האָט דורכגע־מאכט זעהר אן אינטערעסאנטע געשיכטע. זי איז א געוויסע צייט, אין מיטען פון די 90־יגער יאהרען פון פאָריגען יאהר־הונדערט, געווען פאר־רעכענט פאר איינע פון די מוסטערהאפטסטע אידישע יוניאנס אין ניו יאָרק. די פיהרער פון יענער יוניאן זיינען געווען מ אָ ר י ס ט י ג ע ל, דער איצטיגער טשערמאן פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, אַ ב. ב אַ ק, ל. מ א ט ל י ן און אנדערע.

# דער נייער דור אידישע ארבייטער אין אמעריקא.

די מערקווירדיגע ענדערונגען, וואס זיינען זינט דער מלחמה פארגעקומען אין דעם אמעריקאנער אידישען לעבען. — אידישע ארבייטער האבען פארלאזען זייערע אלטע טריידס און זיינען אריינגעקומען אין נייע. — אידישע ארבייטער אין ניט־אידישע טריידס.

ביז דער מלחמה איז דער גרעסטער טייל פון די אידישע אימיגראנטען, וואס זיינען געקומען אהער פריהער, אין די 70־ער יאהרען, פון דייטשלאנד און אונגארן, און שפעטער, אין די 80־ער און 90־ער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט פון רוסלאנד, ליטע, פוילען, גאליציען און רומעניען, — געווען באשעפטיגט אין די אזוי־גערופענע נאדעל־אינדוסטריען. די גאנצע קליידער אינדוסטריע האט זיך געפונען אין אידישע הענט. אידען זיינען געווען די באלעבאטים, און ניינציג פראצענט פון די ארבייטער ביי פרויען, מענער און קינדער־קליידער זיינען געווען אידען.

בלויז א קליינער טייל פון די אידישע ארבייטער פון אמעריקע האט געארבייט אין אנדערע אינדוסטריען, ביי אנדערע טריידס. אזוי איז עס געווען ביז מיט א יאהר פופצעהן צוריק.

היינט צו טאג אבער זיינען די אידישע ארבייטער אין אמעריקא ניט מעהר אין די נאדעל טריידס אליין. זיי בילדען מיט זיך א גאנץ וויכטיגען טייל פון פילע טריידס, וואו זיי זיינען ביז מיט א פופצעהן יאהר צוריק געווען זעהר ווייניג פארטראטען.

די צאהל אידישע ארבייטער אין די פרויען־קליידער טריידס, צום ביישפיל, איז שטארק געפאלען. בלויז אין דער שטאדט ניו יארק זיינען נאך די אידישע ארבייטער א מאיאריטעט אין דער פרויען־קליידער אינדוסטריע, און נאר אין די ארגאניזירטע טריידס ווי קלאוקס און דרעסעס. אין די אנדערע אפטיילונגען פון דער פרויען־קליידער אינדוסטריע, וועלכע זיינען שוואך ארגאניזירט, איז שוין אפילו אין ניו יארק די מעהרהייט ארבייטער אמעריקאנער אדער איטאליענישע, דייטשע, פוילישע און אונגארישע פרויען. אין די שטעדט אויסער ניו יארק, וואו די פרויען קליידער אינדוסטריע האט זיך שטארק פאר־

שפּרייט אין די לעצטע צעהן יאהר, זיינען די אידישע ארבייטער בלויז א מינאָריטעט אפילו ביי קלאוקס און דרעסעס, שווין ניט ריידענדיג פון אנדערע אָפּטיילונגען פון טרייד.

אין אַן עהנליכער לאַגע געפינען זיך די אַנדערע נאָדעל־טריידס, ביי פּאָר, ביי אַנדערע פּאַכען שניידעריי. מיט דער פארשפּרייטונג פון די פּעקטאָרים אין נייע שטעדט און געגענדען ווערען אריינגעצויגען נייע סאָרטען ארבייטער אין די שעפּער, און די נאָדעל טריידס הערען אויף צו זיין אידישע.

דאַגעגען אָבער ווערען אַלץ מעהר אידישע ארבייטער אריינגעצויגען אין טריידס, וואו זיי זיינען אמאָל אין גאַנצען ניט געווען פארטראָטען אָדער וואו זיי האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט בלויז א גאַנץ קליינעם פּראָצענט. אין דער בוי־אינדוסטריע, צום ביישפּיל, איז די צאָהל אידישע ארבייטער שטארק געוואקסען פאר די לעצטע צעהן יאהר.

אזוי באַלאַנגען ביי היינטיגען טאָג צו אַלע ניו יארקער יוניאָנס פון „בילדינגס טריידס קאונסיל”, פּ י נ ף ־ א ו ן ־ ד ר י י ס י ג  ט ו י ־ ז ע נ ד  א י ד י ש ע  א ר ב י י ט ע ר. (צום „בילדינג־טרייד קאונ־סיל” פון ניו יארק געהערען ארום און ארום א הונדערט און פופציג טויזענד ארבייטער פון פארשידענע נאַציאָנאַליטעטען.)

אין מאַנכע טריידס, ווי אין קארפּענטער און פּיינטער טריידס זיינען איינינע יוניאָן־לאָקאַלס אויסשליסליך אידישע און אין די אַנדערע, ניט־אידישע לאָקאלס זיינען אויך דאָ אידען אין א גאַנץ באַדייטענדער צאָל.

---

## די אידישע קאַרפּענטערס און האָלץ־אַרבייטער.

ביי קארפּענטעריי אָדער סטאָלעריי זיינען באַשעפטיגט מעהר אידישע ארבייטער, ווי אין וועלכען עס איז אנדער פאַך פון די בילדינג־טריידס. עס ווערט געשאַצט, אז צו דער „בראָדערהוד אָוו קארפּענטערס ענד דזשאָינערס”, די יוניאַן פון די סטאָליארעס, באַלאַנגען ארום 50 טויזענד אידישע ארבייטער. כמעט אין אַלע גרעסערע שטעדט פון לאַנד זיינען פאַראַן קארפּענטער לאָקאַלס, וועלכע האָבען א מאַיאָריטעט אידישע אר־בייטער. אין ניו יארק זיינען פאראן צוויי לאָקאַלס, וואו די אידישע ארבייטער שטעלען צוזאמען ארום 75 פּראָצענט פון דער מיטגלידער־שאַפט און זיי רעכענען זיך אָפיציעל פאר אידישע.

די מעבעל־ארבייטער יוניאַן פון ניו יארק, וועלכע איז א טייל פון

די „בראָדערהוד אָוו קאַרפּענטערס", האָט געהאַט אמאָל אין ניו יארק א גרויסע צאָל מיטגלידער. אָבער מיט איבער 20 יאהר צוריק האָבען זיך די האָלץ-פאַבריקאַנטען פון ניו יארק ארומגעזעהן אז עס קאָסט זיי צו טייער צו ברענגען אהער די האָלץ פון מישיגען, אילינאָי, אינדיאַנאַ און אַנדערע וויטע סטייטס, האָבען זיי אַלע גרעסטע מעבעל-פאַבריקען פון ניו יארק גענומען אריבערפיהרען נאָך גרענד-רעפּידס, מישיגען, וואו עס געפינען זיך די גרויסע, וואונדערבארע וועלדער, פון וועלכער מ'האָט אוים די בעסטע בוימער. דאָרטען, און אין די אַנדערע דערמאָנטע סטייטס, האָט מען אויפגעבויט גרויסע האָלץ-און מעבעל-פאַבריקען.

אין ניו יארק איז אָבער נאָך פאַרבליבען איין סאָרט ארבייט פון האָלץ: די הילצערנע ראַהמען פאַר די בעסערע מעבעל. דאָס איז די געבעטע מעבעל, מיט וועלכער רייכע און אָרימע מענשען באַפּוצען זייערע היימען.

קעבינעט מייקערס, וועלכע ארבייטען ביי די ראַהמען פון דיזע פאַרלאָר-סעטס, זיינען ביי היינטיגען טאָג פאַראַן אין ניו יאָרק א צוויי טויזענד, ניט אריינרעכענדיג די אָפּהאָלסטערערס (טאַפּעצירער).

די ערשטע יוניאָן פון אידישע קעבינעט מייקערס און פון סטאָר-און אָפּיס-פיקסטשור ארבייטער אין ניו יארק האָט די פאַראייניגטע אי-דישע געווערקשאַפטען אָרגאַניזירט אין יאָהר 1913. די געווערקשאַפטען האָט געזעהן, אז דיזע נייע יוניאָן זאָל קריגען א טשאַרטער פון דער „בראָ-דערהוד אָוו קאַרפּענטערס", וועלכע האָט די יורידיקציע פון דער אַמע-ריקאַן פעדערייש‏אָן אָוו לייבאָר איבער אַלע האָלץ און מעבעל ארבייטער. ניט אַזוי גרינג איז עס אָנגעקומען די געווערקשאַפטען ביז דער ניו יאָר-קער טרייד קאָונסיל פון דער „בראָדערהוד" האָט איינגעזעהן אז די מע-בעל-ארבייטער דארפען באַלאַנגען אין זייער אינטערנעשאָנאַל. ערשט אין אָנהויב פון יאהר 1916 האָט די „בראָדערהוד אָוו קאַרפּענטערס" באַוויליגט א טשאַרטער צו יענער אינדעפּענדענט אידישע קעבינעט מייקערס יוניאָן פון ניו יארק. און אַלס דאַנק צו די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פאַר אָרגאַניזירען זיי און די יוניאָן פאַרבינדען מיט דער אינטערנעשאָנאַל, האָט דער אידישער קעבינעט-לאָקאַל געדאַרפט גלייך פאַרלאָזען די געווערקשאַפטען, ווייל די „בראָדערהוד אָוו קאַרפּענטערס" האָט א געזעץ אז זייערע לאָקאַלס טאָרען ניט באַלאַנגען צו אַזא ארביי-טער קערפּערשאַפט ווי די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

די גרעסטע צאָל מעבעל-ארבייטער זיינען אידען. די שניצערס, וואס ארבייטען אין דיזעלבע שעפּער, אויך אידען, באַלאַנגען צו א באַ-

זונדערער יוניאָן, פון אַ באַזונדערע אינטערנעשאָנאַל, וועלכע איז אויך פאַרבונדען מיט דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

די שכירות פון אַ יוניאָן קעבינעט מייקער און מאַשין־האַנד איז 46 דאָלאַר מיט 50 סענט אַ וואָך. דאָס איז דער מינימום געהאַלט. די שני־צערס קריגען צו $10.50, $11.50 און $12 אַ טאָג. די טאַקערס קריגען 50 דאָלאַר אַ וואָך. די אַרבייטס־שטונדען זיינען אין אַלע יוניאָן־שעפּער 44 אַ וואָך.

די אָפּהאָלסטערערס (טאַפּעצירער), וואָס בעטען אויס דיזע מעבעל, זיינען אויך אַ טייל פון בילדינג־טרייד, און זיי צעהלען אַ פּאָר טויזענד אַרבייטער, פון וועלכע אַ העלפט זיינען אידען. זיי באַלאַנגען צו אַ באַזונדער אינטערנעשאָנאַל פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. די שכירות פון דיזע אַרבייטער זיינען פון 70 ביז 90 דאָלאַר אַ וואָך. אויך זיי אַרבייטען 44 שעה אַ וואָך. דער אידישער לאָקאַל 76 פון דיזע אָפּהאָלסטערערס איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען צוזאַמען מיט אַ לאָקאַל פון פּאָלישערס און וואַרנישערס פון דיזע געבעטע מעבעל.

אויך אין קליוולאַנד, דעטראָיט און שיקאַגאָ זיינען פאַראַן גרויסע אידישע לאָקאַלס פון קאַרפּענטערס, דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די אידישע קאַרפּענטערס זיינען דורכאויס אָפּגעזונדערט אין באַזונדערע לאָקאַלס. דער גרעסטער טייל פון די אידישע קאַרפּענטערס זיינען אָנגעשלאָסען אָן די לאָקאַלס פון זייער געגענט, און כאָטש זיי האָבען אין די דאָזיגע לאָקאַלס ניט קיין מאַיאָריטעט, שטעלען זיי מיט זיך אָבער פאָר אַ גאַנץ שטאַרקע און באַדייטענדע מינאָריטעט און זיינען אימשטאַנד אויסצואיבען אַן איינפלוס אויף זייער יוניאָן.

די אידישע קאַרפּענטערס זיינען אַלט־געזעסענע בירגער אין זייער פאַך. צווישען אכציג און ניינציג פּראָצענט פון זיי זיינען בעל מלאכות פון דער היים. אין דער הינזיכט זיינען די קאַרפּענטערס אַנדערש ווי די אידישע אַרבייטער פון די אַנדערע טריידס. אין דער צייט וואָס דער גרעסטער טייל פון די אידישע שניידער, קלאָוקמאַכער, פאָריער און ענהנליכע, האָבען זיך אויסגעלערענט זייער טרייד דאָ אין אַמעריקאַ, און זיינען דעריבער פּסיכאָלאָגיש בלויז האַלבע פּראָלעטאַריער, זיינען די סטאָליאַרעס מעהרסטענס „אַרבייטער בני אַרבייטער", מענשען, וועלכע האָבען זיך געלערענט דעם פאַך אין דער יוגענט און זיי טראַכטען גאָרנישט וועגען אַנדערע קוואַלען פון חיונה. דאָס קען מען דערקענען אויף די קאַרפּענטערס פון דעם ערשטען בליק. זייער אויסזעהן,

זייער האַלטונג, זייער קליידונג, זייער באַנעמען זיך, — אַלץ אַטעמט מיט דער איינפאַכקייט און אָפענהאַרציגקייט פון דעם פשוט׳ן בעל־מלאכה.

די אורזאַכען פון דעם, וואס די אידישע קאַרפּענטערס פון דער היים, וועלכע זיינען אריבערגעקומען נאָך אמעריקא, זיינען פארבליבען ביי זייער פאַך, און וואָס ווייניג אידישע אימיגראַנטען וועלכע זיינען ניט געווען קיין סטאָליארעס האָבען זיך גענומען לערנען דעם טרייד, זיינען פארשידענע. ערשטענס, איז די ארבייט אַ פיזיש שווערע און ביז אַ געוויסען גראַד אַ ריזיקאַלישע. דעריבער האָט אַזא ארבייט ניט צוגעצויגען צו זיך די „זיידענע יונגע לייט", וועלכע האָבען געזוכט גרינגערע ארבייט. צווייטענס, איז דער קאַרפּענטער טרייד שוין דאַן, אין די יאָהרען פון דער מאסען־איינוואַנדערונג געווען צימליך גוט אָרגאַניזירט און עס איז געווען גענוג ארבייט אַזוי, אַז די קאַרפּענטערס האָבען געמאַכט אַ פארהעלטניס־מעסיג אַנשטענדיגען לעבען ביים טרייד. די היימישע סטאָליארעס האָבען דעריבער ניט געהאַט קיין אורזאַך צו בייטען זייער באַשעפטיגונג.

די אידישע קאַרפּענטערס זיינען, אַלזאָ, געבליבען ביים טרייד, און דורך די יאהרען פון דער שטאַרקער איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּאַ האָט זיך זייער צאָהל כסדר פארגרעסערט, ביז זיי האָבען גענומען שפּילען א גרויסע ראָלע סיי אין טרייד, סיי אין דער יוניאָן.

גאַנץ לייכט איז עס די אידישע קאַרפּענטערס ניט אָנגעקומען אריינ־צודרינגען אין דער יוניאַן און אַנערקענט ווערען אַלס פולבארעכטיגטע ארבייטער פון טרייד. זיי האָבען געמוזט לאַנג און ביטער קעמפען ביז זיי האָבען זיך דערשלאָגען די דאָזיגע פּריווילעגיע צו ווערען מיטגלידער פון דער קאַרפּענטערס יוניאָן. די אַזוי גע־רופענע „בראָדערהוד", איז א טיפּישע אמעריקאנער יוניאָן מיט אַלע איה־רע מעלות און חסרונות. אַזוי ווי זי איז איינע פון די גרעסטע יוניאָנס אין לאַנד (זי צעהלט ארום פיר הונדערט טויזענד מיטגלידער), זיינען נאַ־טירליך סיי איהרע מעלות און סיי איהרע חסרונות גרעסער און בולטער ווי אין די קלענערע יוניאָנס.

דער סקעיל אָוו שכירות פון א קאַרפּענטער אין די נייע בילדינגס פון ניו יאָרק איז פון 12 ביז 15 דאָלאַר א טאָג פאַר 8 שעה ארבייט.

---

## אידישע פלאָמבער־ארבייטער.

פון די ניין טויזענד פלאָמבערס וואָס באַלאַנגען צו דער יוניאָן אין ניו יאָרק זיינען ארום 2,000 אידישע ארבייטער. זייער צאָהל איז נאָך

גרעסער צווישען די ניט־אָרגאַניזירטע. צווישען די קליינע קאָנטראַקטאָרס, וועלכע ארבייטען מעהרסטענס אליין אָדער מיט אַ ארויסהעלפער, זיינען די אידען אין אַ מאַיאָריטעט.

עס ווערט גערעכענט, אַז אין פּלאָמבינג טרייד זיינען באשעפטיגט פּונקט אזוי פיל ארויסהעלפער ווי קוואליפיצירטע ארבייטער. צווישען די ארויסהעלפער זיינען אידישע יונגעליי־ט אין דער מעהרהייט.

די פּלאָמבערס יוניאָן נעמט די ארויסהעלפערס ניט אריין. אין דעם הינזיכט איז די באציהונג פון דער פּלאָמבערס יוניאן צו די ארויסהעלפערס א סך ערגער ווי די באציהונג פון די אנדערע יוניאנס אין די בילדינג טריידס צו זייערע ארויסהעלפערס.

פינף־און־צוואַנציג פּראָצענט פון די גאַנצע פּלאָמבינג ארבייט אין לאַנד ווערט געמאַכט פון אָט די קליינע קאָנטראַקטאָרס. דאָס מיינט, אַז איבער אַ פערטל־חלק פון די גאַנצע פּלאָמבינג ארבייט, וואס ווערט געמאַכט אין לאַנד, האָט ניט קיין יוניאן קאָנטראָל.

די אידישע יונגעלייט, וואס ארבייטען אלס ארויסהעלפערס, זיינען מעהרסטענס קינדער פון אימיגראַנטען.

---

## אידישע אַרבייטער צווישען די מואווינג פּיקטשור אפּערייטאָרס.

צווישען די פּאָר טויזענד מואווינג־פּיקטשור אפּערייטאָרס, וועלכע האָבען דורך זייער יוניאן אויסגעקעמפט גוטע ארבייטס־באדינגונגען, זיינען די גרעסטע צאָל אידישע ארבייטער.

---

## אידישע בריקלעיערס, מייסאָנס און פּלאַסטערערס.

אין דער יוניאן פון די בריקלייערס און מייסאָנס (מוליארעס), וועלכע איז איינע פון די שטאַרקסטע יוניאַנס אין אמעריקא, איז פאַראַן בלויז אַ קליינע צאָל אידישע מיטגלידער. זיי ארבייטען 8 שעה אַ טאָג, פינף טעג אין וואָך, און זייערע שכירות זיינען פון 15 ביז 20 דאָלאַר אַ טאָג.

אויך אין דער פּלאַסטערערס יוניאן איז פאַראַן אַ היבשע צאָל אידישע ארבייטער. זיי ארבייטען אויך 8 שעה און באקומען פון 18 ביז 20 דאָלאַר אַ טאָג.

צווישען די עלעקטריקער און די הויז סמיטס, וואס שטעלען צוזאַמען די אייזערנע פריימס פון די „הימעל־קראַצערס", און אלע אנדערע פאַכען

פון דער בוי־אינדוסטריע, וועלכע זיינען גוט אָרגאַניזירט, זיינען פאַראַן א סך אידישע ארבייטער.

לויט דעם אָפּמאַך, וואָס די בילדינג־טרייד באַלעבאָטים פון ניו יארק האָבען אין יאָהר 1929 געשלאָסען מיט אַלע „בילדינג טריידס יוניאָנס" פון ניו יארק, וועלען אַלע ארבייטער פון דיזע טריידס פון דעם 24טען אויגוסט, 1929, ארבייטען בלויז 5 טעג א וואָך צו 8 שעה אַ טאָג.

---

## אידישע מעטאַל־אַרבייטער און מאַשיניסטען.

די צאָל אידען איז אויך שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרען צווישען די מעטאַל־אַרבייטער. מיט אַ צוואַנציג יאָהר צוריק איז אַ אידישער מאַשיניסט געווען א זעלטענהייט. די אידישע סליאָסאַרעס, וועלכע פלעגען אריבערקומען פון אייראָפּא, פלעגען מעהרסטענס ארבייטען אין די קליינע שאַפּקעס, אויף דער איסט סייד. אין די גרויסע מאַשין־פאַבריקען האָט מען קיין אידישע מאַשיניסטען ניט געטראָפען. היינט־צו־טאָג זיינען טויזענדער אידען באַשעפטיגט אלס מאַשיניסטען און העלפערס אין די פאַרשידענע פאַבריקען. איבערהויפּט געפינט מען אַ סך אידען צווישען די אָטאָמאָביל מעכאַניקער, די וועלכע פאַרריכטען קאַרס אין די גאַראַדזשעס.

די אַלע אידישע ארבייטער באַלאַנגען צו דער אינטערנעשאָנאַל אַסאָסיאיישאָן אָוו מאַשיניסטס יוניאָן אָוו אַמעריקא.

---

## אידישע אַרבייטער ביי ריידיאָס און עראָפּלאַנען.

אין די צוויי נייעסטע אינדוסטריען פון ריידיאָס און עראָפּלאַנען, וואו עס ווערען באַשעפטיגט ארום 350 טויזענד ארבייטער פון פארשידענע נאַציאָנאַליטעטען, ווי קאַרפּענטערס, שניצערס, מאַשיניסטען, עלעקטרישענס, בלעכערס און אַנדערע מעכאַניקער, זיינען פאַראַן א סך אידישע ארבייטער פון דעם יונגען דור. דיזע ארבייטער זיינען, לײדער, נאָך ניט אָרגאַניזירט אין קיין יוניאָן. דאָך האָבען זומערצייט פון יאהר 1929, אין דער שטאָדט שיקאַגאָ געסטרייקט אָהן א יוניאָן 3,000 ראַדיאָ־אַרבייטער.

---

## די אידישע שאָפערס ביי אָטאָמאָבילען און טעקסים.

לויט דעם אָפיציעלען באַריכט פון דער לייסענס ביוראָ, זיינען אין גרייטער ניו יארק פאַראַן 59,960 שאָפערס מיט לייסענס, וואָס ארביי־

טען אלס טעקסי־טרייבערס. מען רעכענט אז א העלפט פון זיי זיינען אי־דען, וועלכע ארבייטען פאר פארשידענע טעקסי־קאמפאניס. פילע פון זיי זיינען אזעלכע, וואס האבען פריהער געארבייט אין די נאדעל־טריידס. דיזע טעקסי־דרייווערס האבען ניט קיין יוניאן. זייערע שכירות זיינען ביז 30 דאלאר א וואך העכסטענס. זיי מאכען אבער אויס מער פון „טיפס".

די דאזיגע איבערוואנדערונג פון אידישע ארבייטער אין נייע טריידס געהט אן פאר די לעצטע יאהרען מיט אזא אימפעט, אז מען קען מיט זיכערהייט זאגען, אז עס זיינען שוין איצט באשעפטיגט פיל מעהר אי־דישע ארבייטער אין די אנדערע טריידס, ווי אין די אזוי־גערופענע נאדעל טריידס.

איינע פון די אורזאכען, וואס האבען געצוואונגען די אידישע אר־בייטער צו זוכען באשעפטיגונג אין נייע טריידס, איז געווען די ענדע־רונגען, וואס זיינען פארגעקומען אין דער אינדוסטריע אין אמעריקא פאר די לעצטע יאהרען. מיר געפינען צום ביישפיל, אז ניט נאר די אידישע ארבייטער, נאר א גאנץ באדייטענדע צאל אמעריקאנער ארבייטער האבען געביטען זייער באשעפטיגונג דורך דער צייט. קלערער גערעדט, ניט די ארבייטער האבען געווארפען זייער אלטע באשעפטיגונג, נאר די אינדוס־טריען, אין וועלכע זיי האבען געארבייט האבען זיי ארויסגעווארפען פון דער ארבייט. און דורכ'ן איינפיהרען ארבייטס־שפארענדע מאשינען ביי מענער ארבייט, דורך עפענען שעפער אין אנדערע שטעדט און עהנליכע אורזאכען, איז געווארען אלץ שווערער צו קריגען ארבייט און צו מאכען א לעבען אין די נאדעל טריידס. דער רעזולטאט איז געווען, אז קיין נייע אידישע ארבייטער זיינען אין טרייד ניט אריינגעקומען און א היבשע צאל פון די, וואס האבען אין טרייד פריהער געארבייט, האבען אוועקגע־ווארפען די שניידעריי.

א צווייטע אורזאכע איז דער אפשטעל פון אימיגראציע. די מעהר־סטע אידישע ארבייטער אין די נאדעל טריידס פלעגען אריינקומען פון די נייע איינגעוואנדערטע אידען פון אייראפא. ווען אן אימיגראנט פלעגט אנקומען אין אמעריקא, אין א פרעמדע לאנד, ניט פארשטעהענדיג די שפראך, פלעגט עס זיין פאר איהם כמעט אונמעגליך צו לערנען זיך א טרייד אדער געפינען באשעפטיגונג אין א ניט־אידישען פלאץ. עס פלעגען אימער זיין די פריינד אדער לאנדסלייט וואס פלעגען דעם „גרינעם" אריינ־נעמען אין שאפ, וואו זיי האבען געארבייט. אזוי פלעגט איינער דעם צווייטען אריינציהען אין איינעם פון די נאדעל טריידס, איהם אויסלער־

נען די מלאכה און ביי דעם פלעגט ער פארבלייבען. איצט זיינען קיין נייע „גרינע” אימיגראנטען כמעט ניטאָ. די היגע געבוירענע אידישע יונגעליים זוכען באשעפטיגונג אין טריידס, וואו זיי קענען בעסער פאר־דינען, צווישען מענשען, מיט וועלכע זיי קענען זיך בעסער פארשטעהן און צו וועלכע זיי קענען זיך בעסער צופאסען. די דאָזיגע יונגעלייט ווע־רען שנעלער אריינגעצויגען אין די מעהר אמעריקאנישע טריידס ווי אין שניידעריי.

די וואנדערונגען פון די אידישע ארבייטער פון איין טרייד אין צוויי־טען האָבען געהאָלפען פארגרעסערען די צאָל אידישע ארבייטער אין אנ־דערע טריידס און פארקלענערען זייער צאָל אין די נאָדעל טריידס.

דער זעלבער כלל האלט אויך אָן ביי די, וואס האָבען געארבייט אין די נאָדעל טריידס און האָבען עס אוועקגעוואָרפען און זיך גענומען צו אַנדערע באשעפטיגונגען. עס איז אימער דער מעהר־לעבעדיגער אַמערי־קאניזירטער ארבייטער, וואס האָט דעם מוט זיך ארויסצורייסען פון זיין אומגעבונג און געהן בויען פאר זיך א קאַריערע אין א גאנץ נייער באשעפ־טיגונג. דער עלטערער מענש, דער וועלכער האָט שוין זיין וועלט באַלד אָפגעלעבט, האָט ניט דעם מוט און ניט די געדולד זיך צו לערנען א נייע טרייד. אזא איד, אויב ער קען זיך ניט דערשלאָגען צו א קענדי סטאָרקע, א גראָסערי אדער אן אנדערע עכט אידישע ביזנעס, פארבלייבט ער ביי זיין נאָדעל, שער אדער פרעס־אייזען. די מעהרסטע אידישע ארבייטער, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין די אַנדערע טריידס, זיינען דריבער פון א גאנץ אַנדער סאָרט, ווי די וועלכע זיינען באשעפטיגט אין די נאָדעל־טריידס. זייער בליק אויפ'ן לעבען איז א גאנץ אנדערער. זיי זיינען מעהר אמעריקאנער. זייער באציהונג צו דער יוניאן און צו דער אַמעריקאַ־נער באוועגונג איז א מעהר פראַקטישע. זיי האָבען די מעלות און חסרונות פון דעם דורכשניטליכען אמעריקאנער ארבייטער, פון וועלכען זיי שיידען זיך זעהר ווייניג אונטער.

אפילו דער היינטיגער אידישער ארבייטער פון די נאָדעל־טריידס שטעהט גייסטיג אויף א פיל העכערער שטופע, ווי ער אַליין אָדער זיין ברו־דער איז געשטאַנען מיט פילע יאָהר צוריק. ער איז מעהר אויפגעקלערט, מעהר ציוויליזירט. ער פארשטעהט א סך בעסער, וואס עס טוט זיך ארום איהם, ער באגרייפט די פראָבלעמען פון דער אינדוסטריע, ביי וועלכער ער ארבייט. ער פארשטעהט אויך בעסער דאָס לאנד, וואו ער וואוינט, און האָט א באגריף פון דער לאגע פון זיינע ברידער אין אנדערע פאכען. ער איז א ברייטערער מענש גייסטיג.

אמאָל האָט דער אידישער ארבייטער געקעמפט „געגען דער שקלאַ־פישער פארגאנגענהייט“, היינט קעמפט ער „פאַר א בעסערער צוקונפט“. אמאָל האָט דער אידישער ארבייטער געקעמפט צו באפרייען זיך פון א יאָך, וואס האָט איהם ניט געלאָזען לעבען, היינט קעמפט ער צו קריגען די מיטלען, די מעגליכקייט בעסער און שעהנער צו לעבען.

די אלע, וואס האָבען אין פארלויף כמעט פון א האלבען יאָהר־הונ־דערט געהאָלפען גרינדען און בויען די אידישע יוניאנס מעגען זיין שטאָלץ מיט זייער אויפטו.

# שליסעל

פון די נעמען וואָס ווערען דערמאָהנט אין דעם בוך.

# שליסעל פון נעמען וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם בוך.

## א.


איובעלסאָן, דזש. — 180, 469.
אַדלער, יעקב — 132.
איובעלסאָן, י. — 216.
אַליוניקאָוו, ניקאָלאַי — 99.
אַדלער, סערע — 126.
אַראָנסאָן, י. — 216.
אָבער, וו. — 205.
אַלעקסאַנדראָוו. חיים — 188.
אַלטגעלד, גאָווערנאָר — 76, 187.
איובעלסאָן. ל. — 469.
אַדלער, פעליקס, פּראָפ. — 400, 420.
איוווינס, א. — 466.
אַבראַמאָוויטש, י. — 476, 477.
אַפּראָמאָף, טש. — 504.
איובעלסאָן, פּאול, דר. — 452.
אונטערמייער, סעמועל — 420.
אַשפּיז, ר. — 399.
אַמדור, מאַקס — 402.
אַרטשיבאלד, דזש. — 331.
איובראַמסאָן, מייקעל — 305, 549.
אימעט, ב. — 288.


## ב.


בורגין, ה. — 15.
באַראָן, אב. — 433.
בעקער, וועלוועל — 434.
ברעסלאו, דזש. — 406.
בלענק, מים — 452.
בראַסלאַווסקי, אַבעל, דר. — 108, 109, 110, 157, 315.
ברוקס, דזשאַן — 108.
באַרסקי, נ. — 148.
באַראַנאָוו, מ. — 164.
בראָוער, מ. — 170.
בודין, ל. — 184.
בעער, מ. — 186.
ביכאָווסקי, ב. — 199.
בייניגסאָן, מ. — 260, 261, 266.
באַנדעס, ל. — 100, 146, 242.
באַראָנדעס, יאָזעף — 116, 148, 151, 167, 209, 211, 310, 319, 320, 323, 324, 326, 327, 328, 329, 330, 331, 332, 333, 334, 336, 343.
בראַוו, בערנאַרד — 344, 346.
באַרסקי, ישראל („בן עולם") — 125, 144, 147, 241, 242, 243, 244.
בירענבוים, ל. — 134.
באַראָף, אב. — 358, 359, 367, 388, 400, 406.
בראַנדעיס, לואיס ד. — 372, 374, 375, 376, 379, 397, 400, 420.
בולגאַטש, ש. — 375.
בלומענטאַל, מ. — 276.
בערקמאַן, אַלעקסאַנדער — 61.
ברוער, הענרי — 400.
ביזנאָ, א.— 200, 201, 335, 336, 402.
בלאַק, ה. — 426.

בערגער, לואיס ד. — 488.
בראָונשטיין סאַראַ — 486.
בודיאַנאָוו, סערע — 483.
בערגער, וויקטאָר, קאָנגרעסמאַן— 391.
בעלמאַנט, מיסעס — 363.
בלאַנק, לעאָן — 129.
ברוקנער — 452.
בראָונשטיין, א. — 454, 455, 456.
בעגון, ה. — 462.
באַיאַרסקי, א. — 530.
בלאַנק, ל. — 473.
בירדסלי, ס. — 526.
בלעטערפיין, מ. — 488.
בערקמאַן, אב. — 544.
בראָונשטיין, אל. — 544.
בראַון, מ. — 545.
באַק, אב. — 550.
באַס, א. — 301.
בערנהיימער, טש. — 400.
באַראָן, ל. — 295.
בערמאַן, האַנאַ — 362.
באַיאַרסקי, אַל. — 133.
בערמאַן, פּאולין — 391.
באַרנום, גוירטרוד — 391.
בעקער, וואולף — 434.
בערמאַן, ר. — 452.
בלאַק, ר — 499.
בעלסקי, י. — 530.

## ג.

גאָרדאָן, י. — 217.
גאָלדריך, ה. — 209, 213, 215.
גרינבערג, י. — 196.
געריקע, מ. — 146.
גאָטעסמאַן, א. — 142.
געביל, מאַקס — 133, 134.
גאָלדשטיין, סאָפיע (קאַרפּ) — 130.
גורזשדאַנסקי, מ., דר. — 112, 114.
גאָפּט, מ. — 30, 31, 466.
גאָלובאַק — 125.
גאָלדפאָדען, אַברהם — 125, 130.
גרעטש, מיטיאַ — 103, 125, 127.
גאָלדבערג, הערים — 243.
גרעטש, ניומאַ — 102, 103.
גליק, י. — 266.
גודמאַן, דזש. — 295.
גילים, מאיר — 181, 193, 197, 199.
גרינבערג, באַרנעט — 137, 138, 139.
גאָלדשטיין, דזשעני — 134.
גאָלוב, ס. — 362.
גייער, א. — 335.
גראָסמאַן, הערמאַן — 343, 345.
גאַרסייד, טאָמאַס — 325, 326, 327.
גאָמפּערס, סאַמועל — 26, 30, 32, 73, 80, 81, 82, 218, 234, 303, 326, 354, 361, 371, 446.
גוסקין רובין — 32, 136, 304, 514, 515.
גילמאַן, ה. — 281, 282.
גאָלדשטיין, דזש. — 32, 358, 359, 362, 430, 432, 433, 481, 486.
גלאַס, ס. — 105, 315.
גאָלדשטיין, אייק — 289.
גאָף, מערי — 391.
גרעיף, י. — 362.
גאָלדאָווסקי, מ. — 377, 499.
גאָטעסמאַן, עדמונד — 488.
גערבער, דזשוליוס — 524.
גינסבערג, ד. — 540.
גאַסאָוו, לינאַ — 391.
גילמאַן, פּאָולין — 391.
געווירץ, לואיס — 487.
גאָלדמאַן, טש. י. — 473.
גרינוואַלד, א. — 515.
גינזבורג, אַ. — 528.
גאָרדין, יעקב — 531.
גאָרין, ב. — 531.
גאָטליב, ל. — 531.
גאָלדשטיין, העראָלד — 462.
גרין, וויליאַם — 459.
גאָלד, בען — 454, 456, 459.

גאַלפּער, ר. — 433.
גראָס, אהרן — 454.
גערבער, א. — 452.
גינזבורג, מ. — 466.
גאנשער, ה. — 540.
גאַניקמאַן, י. — 531.

## ד.

דוביצקי, מ. — 140.
דראַשער, נ. — 142.
דייוויס, ס. — 173.
דזשאַזעפסאַן, א. וו. — 142.
דזשאָונס, מאַטהער — 221.
דעליאַן, דעניעל — 72, 162, 165, 169, 170, 171, 172, 174, 175, 177, 180, 184, 185, 186, 221, 223, 224, 225, 263, 277, 296, 337, 345, 432.
דזשאַרדזש, העגרי — 76, 105, 241.
דזשיאָוואַניטי, א. — 224.
דאַרענבלום, מ. — 225.
דייוויס, סאָול — 243.
דעבס, יודזשין וו. — 72, 175, 176, 187, 188, 221.
דרויאַנאָוו, א. — 466.
דזשוליען, מאַרטימער — 355.
דרייער, מערי — 362, 363.
דייטש, דזשאן א. — 346, 355, 358, 363, 367, 371, 399.
דזשייקאָבסאָן, טש. — 356.
דאַבראַנאָווסקי, מ. — 434.
דעסלער — 452.
דזשייקאָבסאָן — 452.
דאַנילאָוויטש, ז. — 427.
דובינסקי, דייוויד — 378.
דעמביצער, פּ. — 461.
דזשייקאָבס, ב. — 514.

## ה.

האַרקאַווי, אַלעקסאַנדער — 109, 531.
האַננאַ, א. — 32.
האָלאַנד, דזש. — 32.
הורוויטש. יצחק אייזיק — 187, 302, 396, 397, 398, 399, 400.
האַמער, דזשוליוס, דר. — 296.
היל, ב., גאָווערנאָר — 330.
הוירש, נ. — 90, 104.
היימאַן, לואיס — 406.
הילמאַן, סידני— 301, 302, 306, 398.
הילקוויט, מאָריס — 115, 116, 144, 146, 147, 151, 160, 161, 162, 184, 196, 211, 242, 280, 379.
האָכמאַן, דזשוליוס — 409.
העריסאָן, א. — 243.
הייוואוד, וויליאַם ד.— 221, 224, 228.
הינדער, ה. — 215, 220, 221.
הענאַק, ל. — 201.
האַלפּערין, י., דר. — 184.
הובער, א. — 131, 146, 211.
האַרקאַוו, מ. — 170, 180.
האַרוויץ, משה, פּראָפעסאָר — 130
העריסאַן, מיסעס — 363.
היימאַן, זיגמונד — 362.
העלד, אַדאָלף — 295.
הערשקאָוויטש, אייב — 295.
העלער, סאַמועל — 504.
האָפמאַן ב., דר. (צביון) — 380, 533.
האַלפּערין, דזש. — 398, 400.
האָפמאַן, ש. — 336.
האַלצער, ל. — 399.
האַלט, העמילטאָן — 379.
הערמאַלין, ד. — 531.

## וו.

ווײַמאַן, ל. — 184.
וועקשטיין, ב. — 175, 487.
ווינער, מ. — 205.

ווישניאַק, ג. — 225, 287.
וואַגמאַן, ב. — 272.
וואַלפּערט, א. — 142.
וויינטרויב, מ. — 134.
ווייזענפרייינד, מוני — 134.
וועקסלער, מ. — 139.
ווערבער, י. — 139, 146.
וו‏הייט, הערי — 287.
וואולף (לאַמעד וואָוניק)— 117, 118, 119, 120.
ווינטשעווסקי, מאָריס — 140, 178, 179, 180, 182, 533.
וויינבלאַט, מ. — 128.
וויטאַשקין, ב. — 32, 340, 358, 359, 388.
ווייסגלאַס, לואיס — 362 .
וואולף, דוד — 295.
וויינבערג, ה. — 114, 324.
וויזענפעלד, ד. — 261, 262.
וויינשטיין, גריגאָרי — 99.
וולאַדעק, ב. — 366.
וואַנדער, ה. — 406.
וויינער, וואולף — 443, 445.
וואולף, דזשוליוס — 377, 399.
וועדינגער, א. — 399.
וועבמאַן, ע. — 434.
וואַרשאַווסקי, פּעני — 454.
וואַלפּערט, מאיר — 322, 499.
וועינגס, אַנדריו — 456.
וויינבערג, י. — 461.
וויינסטאַן, וו. — 457.
וויינער, מ. — 476, 478.
וואַלינסקי, אָסיפּ — 474.
וואָהל, מעטיו — 460.
ווינער, טש. — 529.
וואָהל, י. — 458.
וואָרען, פּ. — 528.

ז.

זאַלאַטאַראָוו, ה., דר.— 112, 114, 325.
זוסמאַן, פּיטער — 200.
זוסקינד, מ. — 201.
זאַריצקי ,מאַקס — 217.
זאַלצמאַן, א. — 273.
זאַקס, פּ. — 118.
זילבערמאַן, משה — 125, 126, 128, 130.
זונדעלעוויטש, אהרן — 100.
זאַמעטקין, מיכאַאיל— 110, 111, 114, 147, 151, 180, 182, 193, 194, 196, 211, 280, 324.
זווירין, נייטהען — 332.
זינגער, מאַקס — 399.
זיגמאַן, מאָריס — 225, 347, 353, 367, 377, 399, 400.
זילבערשטיין, פּ. — 462.
זעלדין, א. — 533.
זייפערט, מ. — 531.
זאַקס, א. ש. — 533.
זעווין, י. (תשר"ק) — 531.
זעליקאָוויץ, געציל — 531.
זוסמאַן, ס. — 528, 529, 530.
זיסקין, ס. — 524.

ח.

חיימאָוויץ, מ. (הייגע) — 126 .

ט.

טיפּאָגראַף, ס. — 213, 214, 215.
טהאַמפּסאַן, וו. א. — 402.
טאָמאַשעווסקי, ב. — 125, 132.
טרעסקאַ, א. — 224.
טראָוטמאַן — 224, 432.
טוירקעל, ס. — 508.
טאַסטאַמעלאַ, דזש. — 515.
טיגעל, מאָריס — 550.
טאַקסלער, מ. — 528.
טידאַני, מוני — 485.
טורקעוויץ, א. — 528.
טייטעלבוים, נ. — 530.

טאַנענבוים, א. — 531.
טווירקעל, מ. — 508.

## י.

יאַנאָווסקי, ש. — 113, 188, 324.
יאַפּפּאַ, י. — 114.
יאַבלאָנאָווסקי, ל. — 82.
יאַראָס, וויקטאָר — 99.
יאַנאַס, אַלעקסאַנדער — 96, 101, 162, 180, 315, 324.
יאַפּע, מאַרקוס — 295.
יאַלומשטיין, מ. — 138.
יאַרכאָווסקי — 216.
יאַקובאָוויטש, מ. — 427.
יאַנאָווסקי, ס. — 434.
יעגער, העגרי — 512.
יודקין, לואיס — 504.

## כ.

כאַנין, נ. — 461.

## ל.

ליבערמאַן, אהרן — 117, 119.
לאַנדאַן, אפרים — 117, 158.
ליווי, סעם — 243.
ליפּמאַן, נ. — 262, 534.
ליטש — 236.
ליפּצין, קעני — 127, 132.
לאַנדאו, י. — 199.
ליליען, א. — 134.
לאַנדאַן, מאיר — 117, 157, 187, 297, 351, 362, 373, 374, 397.
לינט, ה. (לינטוואָריאָף) — 280.
לוריע, מ. — 189.
לעוויצקי, ל. — 184.
ליעסין, א. — 183, 184.
ליליענבלום, א. — 181.
ליוביטש — 147.
ליפּשיץ, ה. — 167.
לענצער, ל. — 146.
לאַטיינער, יאָזעף — 129, 130.
ליווי, מ. — 142.
לאַ־גאַרדיאַ, פ. — 295.
לאַוונער, ה. — 291.
לעווין, סעם — 307.
לייבאָוויץ, ס. — 135, 499.
לינעצקי — 452.
לעדערמאַן, י. — 474.
לעדערער, יאָזעף — 469.
ליפּמאַן, אב. — 189, 262, 486.
לאַנג, הערי — 34, 465, 466.
לעגיען, קאַרל — 32, 33.
לינטש, דזש. — 32.
לואיס, ר. — 111, 112, 114, 147, 280, 324.
לאַרדזשער, ב. — 289, 291.
לעפקאָוויץ, ס. — 353, 400.
ליטוואַק, א. — 461.
לעוויטאַס, ש. — 461.
לעווין, אייזיק — 323.
לעמליך, קלאַראַ — 361, 362.
לידער, מאַרים — 324.
לעווין, ל., דר. — 337, 381.
לאַפּאַלעט, ראָבערט (סענאַטאָר) — 391.
ליפשיץ, מאַלי — 391.
לערנער, סעם — 362.
ליפשיץ, א. — 362.
לעהמאַן, וו. — 508.
לעווענבערג, ס. — 515.
לעווין, ה. — 529.
לעף, א. — 530.
לעווין, ב. — 530.

## מ.

מאַלקיעל, לעאָן — 99, 184.
מעריסאָן, א. דר. (פ. א. פראַנק) — 114.
מילכיגער, ז. — 140.
מאַגולעסקאַ, זיגמונד — 128, 129, 130, 132.

מינטץ, מייקעל — 103, 127.
מערקין, דאָקטאָר — 101, 102.
מענאַקער, ס. — 99.
מאַגידאָוו, י. — 143, 146, 147, 184, 280.
מינטץ, מאָזעס דר. — 108.
מילער, לואיס ע. — 100, 101, 110, 115, 147, 148, 151, 160, 177, 179, 181, 182, 196, 280, 331.
מאָשקאָוויץ, מ. — 132.
מילך, יעקב — 168, 184.
מוירפי, פּעטריק — 169, 170.
מייקעלסאָן, ס. — 189.
מענקע, א. — 210, 212.
מייקאַל, מ. — 217, 220.
מוני, טהאָמאַס — 230.
מייבוים, י. — 239.
מילער, אַברהם — 275.
מאַנאַט, ס. — 278.
מאַרשאַל, לואיס — 375, 376, 420.
מיטשעל ,אב. — 377, 391.
מעטץ, סאול — 377, 399, 406, 488.
מאָסקאָוויץ, הענרי, דר. — 372.
מעקאָולי, דזש. — 346.
מאַראַט, העלען — 363.
מאַיאָווער, מ. — 105, 315.
מיראָוויץ, א. — 96, 97.
מעק, דזשוליען (ריכטער) — 402, 420.
מיטשעל (סיטי מעיאָר) — 400.
מילער, א. — 452.
מאַגנעס, י. ל., דר. — 453.
מילער, מ. — 452.
מייזעלמאַן, א. — 452.
מערקין, ב. — 462.
מאַרגאָליס, י. — 452.
מעקגרעידי, עד. — 460.
מילער, א. — 487.
מענקין, ד. — 515.
מיניקעס, חנן י. — 533.
מאַרגאָשעס, יוסף — 532.
מעקלער, ד. ל. — 533.
מאַטלין, ל. — 550.

## נ.

נעטער, י. — 116, 117, 119.
נעלקע — 96.
נאַגינסקי — 200.
ניומאַן, פּאָולין — 391.
נויז, וו. ס. (ריכטער) — 400.
נאַבאָרסקי, מ. — 434.

## ס.

ספּיוואַק, חיים, דר. — 104.
סטיווענס, יוראַיאַ — 70, 377.
ספּעקטאָר, ה. און מ. — 125.
סמיטה, אַלפרעד — 26, 415.
סטייוועסענט, פּיטער — 38.
סמיט, לואיס — 90, 105, 239, 315.
סעניעל, לוסיען — 72, 180, 184.
סמיליאַנסקי, מ. — 184, 195.
סטאָון, נ. י. — 186.
סימפּסאָן, ה. — 186.
סלאָבאָדין, ה. — 184.
סאָווערן, דזשיימס — 171.
סימאָנאָף, משה — 128, 146.
סיינט־דזשאָן, ווינסעט — 224.
סעגאַלאָף, י. — 336.
ספּעקטאָר, נ. — 233.
סיגעל, מ. — 272.
ספּאַניער, ב. — 323, 391.
סטופּניקער, מ. — 399.
סוויטסקי, בעסי — 362.
סילווער, א. — 400.
סטעטסקי, טש. — 462.
סאַרדזשען, ד. — 462.
סילווערמאַן, מ. — 466.
סאָלאָמאָן, מ. — 464.
סאַרדזשען, מאַקס — 462.
סקענק, י. — 465.

סטיינבערג, פּ. — 473.
סעדניק, דזש. — 473.
סמוק, עלסי — 488.
סמוק, סיליא — 488.
סאָלאָוויאָף, אב. — 409, 496.
סמוק, העלען — 488.
סיגעל, מ. — 491.
סמוק, דען — 488.

## ע.

עפּשטיין, ס. — 32, 502.
עדלין, וו. — 225, 226.
עדעלשטיין, פּ. — 128.
עפּשטיין, אב. — 338.
עטמאָר, דזש. — 224, 514.
עפּשטיין, ל. — 362.
עלשטיין, שאול — 391.
עפראַט, יעקב — 494.
עטינגער, דזש. — 434.
עפּשטיין, דזש. — 515.

## פּ.

פּאָודערלי, טערענס — 71, 72, 171.
פּארקהורסט, דר. — 62.
פּאָמעראַנץ, ס. — 175.
פּרענער, איזידאָר — 114, 323.
פּעסקין, איזראַעל — 180.
פּאָלאַק, ס. — 184.
פּעסקין, ש. — 180.
פּינסקי, דוד — 186, 188.
פּענקין, דזשייקאָב — 295, 362, 367, 368, 471, 472.
פּערעלמאַן, מ. — 243.
פּיין, מאַקס — 182, 189, 255, 262, 263, 264, 289, 291, 304, 358, 362, 477, 486, 498, 531.
פּאָוזנער, גאָסי — 391.
פּערעלשטיין, מ. — 398, 399, 414.
פּאָליאַקאָף, ס. — 354, 369, 371, 379.
פּאָלאָנסקי, אסתר — 452, 455.
פּעריז, ב. — 488.
פּאַסטאָר, מ. — 452.
פּאַלענבוים, א. — 434.
פּיטקאָווסקי, מאַקס — 506, 508.

## פ.

פרויני, י. — 30, 32, 33, 460, 465.
פייגענבוים, ב.— 162, 163, 164, 180, 184, 186, 196, 197, 361.
פינקעלשטיין, סערע — 322.
פרידמאַן, נ. — 330.
פינקעל, מ. — 128.
פינקעלשטיין, מ. — 129.
פינקעל, מ. (מ. שוואַרץ) — 128, 129.
פיינמאַן, ז. — 128.
פישמאַן, ל. — 362.
פיינסטאַן, מאַריס — 304, 305.
פרישוואַסער, ב. — 362, 486.
פאַן־ראַקאָוויץ, העלענאַ — 95.
פלין, עליזאַבעטה — 224.
פאַגט, יוגאָ — 169, 180, 184.
פין, מ. — 175, 184.
פרידלענדער, מאַקס — 175, 189.
פרידמאַן, דזש. — 434.
פאַרבער, סיימאָן — 409.
פיינבערג, איזראַעל — 406, 414.
פישער, יאָסעל — 434.
פראָמער, טש. — 487.
פרידמאַן, מיני — 488.
פלעשער, לילי — 488.
פוקס, הערי — 488.
פוקס, לואיס — 490.
פינקעלשטיין, דזש. — 508.
פאָגעלמאַן, ל. — 533.
פרומקין, א. — 531.
פרידמאַן, מ. — 540.

## צ.


צוקערבערג, ה. — 135, 262.
צימערמאַן, מ. — 213, 214.
צוקערמאַן, מאַקס — 217.
ציפּקין, מ. — 323.
צוקערמאַן, ל. — 278.
צוקערמאַן, פלאָרענס — 391.
צאַלקין, א. — 452.
צאַלקין, י. — 452.
צאוזנער, פּ. — 466.


## ק.


קאַהאַן, אב. — 21, 93, 94, 95, 97, 98, 99, 100, 103, 109, 110, 139, 149, 151, 159, 161, 162, 179, 180, 182, 183, 193, 196, 197, 201, 211, 239, 240, 315, 325, 326, 338, 371, 466.
קעסטין, סעם — 133, 134.
קרינסקי, י. — 146.
קראַנץ, פיליפּ — 107, 108, 160, 161, 162, 163, 179, 180, 181, 184, 185, 186, 330, 331, 531.
קאַנטאָר, ד. — 108.
קוהן, הענרי — 180.
קרעטשמאַר, ה. (ליליפוט) — 380.
קאָהן, טשאַרלי — 134.
קאָהען, דזשוליוס הענרי — 374.
קרעמער, ל. — 134.
קייזער — 96.
קופּערמאַן, א. — 284.
קירשענבוים, מ. — 354.
קאַנער, א. — 90, 104, 239, 315.
קאָהען, אַלעקס — 295, 305.
קאַמינס, פּראָפעסאָר — 68.
קאַספּע, אב., דר. — 99.
קאַפּלאַן, פּאָול, דר. — 102.
קאַרפּ, מ. — 126.
קאַליש, בערטאַ — 132.
קעסלער, דוד — 128, 129.
קריסטאַל, י. — 116.
קאַטץ, רודאָלף — 224.
קירזשנער, א. — 213.
קופער, ס. ד. — 170, 180, 184, 185, 209.
קאַטץ, מ. — 114, 324, 531.
קונץ, מ. — 332.
קעלי, פלאָרענס — 336.
קאַסאָוסקי, א. — 333.
קארלין, וויליאַם — 295.
קאָהען, מיכאַל, דר. — 117, 324.
קאַזימירסקי, מאַקס — 225, 358, 431, 432, 487.
קאָהן, ז. — 286.
קאַרמאַן, מ. — 452.
קאָהן, איזידאָר — 445, 452, 453.
קאָהן, פאַניאַ — 391, 401.
קאָופמאַן, מאָריס — 443, 453, 454, 455, 458.
קאָהן, דזש. — 452.
קאַצמאַן — 452.
קישינעווסקי, א. — 443.
קאַזאַנאָוו — 452.
קופּערשמיט, ש. — 434.
קאַנטאָראָוויטש, ח. — 461.
קליימאַן, ה. — 400.
קווירטשוועי, פּראָפעסאָר — 400.
קליין, ס. דזש. — 402.
קראָוט, מ. — 529.
קווינטאַ, ה. — 515.
קעסטענבלאַט, א. — 515.
קליימאַן, הערי — 506, 508.
קאָרן, איזידאָר — 529.


## ר.


ראָזענבערג, וו. — 146.
ראָזענטאַל, א. — 62, 261.
ראָזענאָוער, נ. — 142, 175.

ראַיעווסקי, טש., דר. — 103, 109.
ראָזענפעלד, מאָריס — 246, 449.
ריקערט, ט. — 291, 297, 301, 302.
ראָזענסאָן, ה. — 140.
ראָזענבלום, מ. — 140.
ראָזענבערג, אב. — 316, 317, 332, 349, 354, 356, 357, 358, 363, 367, 371, 382, 399.
רייכגאָלד, ל. — 328, 329, 330.
ריפקין, סאול — 349, 461, 486, 487.
ראָטשטיין, ב. — 362.
רייזען, ר. — 362.
ראָבינזאָן, הערמאַן — 343.
ריכטער, ה. — 224.
ריינשטיין, באָריס, 224, 296.
רוזוועלט, טעאָדאָר (פּרעזידענט) — 251, 391.
ראָזענבלום, פּ. — 301.
ראָזענפעלד, א. — 323.
ראָזענבערג, עלמער — 378, 388.
רייקערס, ה. — 244.
ריסמאַן, סידני — 301.
ראָבינס, ריימאָנד, מרס. — 401.
ראָזנער, ס. — 434.
ריימיס, לואיס — 432.
ראָזענבאַך, יאָסעל — 433.
רובינשטיין, ר. — 488.
ראָגאָף, הלל — 532, 533.
ראָוזבערי, א. — 462.
רוטנעבערג, טש. — 457.

## ש.

שטראַסער, אַדאָלף — 79, 82.
**שעוויטש, סערגעי — 95, 96.**
שמ"ר (שייקעוויטש, נ. מ.) — 126, 531, 532.
**שעתן, יעקב — 90, 104, 239, 315.**
שאַכאַט, ה. — 167.
שפּיעז, ס. — 184.
שעמבעליאַן, ב. — 199.
שאַך, מ. — 209, 319.
שוואַרץ י. — 213.
שלעזינגער, ב. — 201, 219, 336, 345, 346, 347, 349, 353, 354, 355, 357, 360, 374, 375, 398, 399, 400, 401, 406.
שוואַרץ — 216.
שאַפּיראָ, אב. — 239.
שלאָסבערג, יוסף — 170, 184, 185, 186, 188, 224, 225, 296, 302, 303, 332.
שטיינברוך, טש. — 280.
שאַפּיראָ, א. — 168, 170, 175.
שווינגאָלד, א. — 130.
שווייצער, ב. — 243, 246, 289.
שנייער, ל. — 134.
שוב, ד. — 16, 18, 379, 461.
שמולעוויץ, יוסף — 321, 322.
שייפער, ל. — 294.
**שינדלער, סעמועל — 341, 358, 362.**
שניידערמאַן, ראָוז — 362, 391.
שיינפעלד, מאיר — 246.
שטאָלער, מאַקס, דר. — 323.
שיפּליאַקאָף, אברהם — 303, 304, 474, 539, 540.
שאַמראָט — 452.
שליסעל, ה. — 452, 462.
שאָר, ס. — 391.
**שאַפּיראָ, שרה — 391.**
שיינפעלד, ש. — 142.
שעפּטעל, נ. — 225, 226.
**שאַרף, איצי — 434.**
שמיט, אב. — 434.
שאַכטמאַן, עוזר — 456, 458.
שפּיגעל, ס. — 508.
שטערן, מ. — 529.
**שאָר, סעמועל — 545.**
שעכטער, מ. — 540.
שוואַרץ, מאַקס — 547.